STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06479

VILDGROZ

Noah Goldberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נח גאָלדבערג

ווילדגראָז

בוך

54

נח גאָלדבערג

ווילדגראָז

(עקזאָטישע נאָוועלע)

פאַרלאַג "יידבוך"

ביי דער

"געזעלשאַפט פאַר יידיש-וועלטלעכע שולן אין אַרגענטינע"

בוענאָס-איירעס

1964

געווידמעט
דעם ליכטיקן אָנדענק פון ליזאַ שאָר ע״ה, וואָס איז געווען אַ אינטעליגענטע און צאַרטע פרוי, מיט אַ טיף־פּאָעטישער נשמה. זאָל אָט די דעדיקאַציע זיין אַ טרייסט פאַר איר מאַן און מיין פריינד — ווילי שאָר.

אַ ד אַ נ ק

די פירער פון דעם יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע: נ. כאַנין, לויִס סיגל, ש. יעפּרויקין, די דיכטער, דערציילער, קריטיקער, עסעיִסטן און רעדאַקטאָרן: איציק מאַנגער, יעקב גלאַטשטיין, א. לעיעלעס-גלאַנץ, יעקב פּאַט, לוי גאָלדבערג, משה וויטיעס, משה צוקער, אהרי פּאַזי, י. מעצקער, ל. ראָזאָף, ש. אפּטער, יאָסל קאָהן, אהרן קאַרלין, מאַטעס דייטש, י. פרידלאַנד, פינטשע בערמאַן, א. באַביטץ, יעקב פרידמאַן און די פריינד: ווילי שאָר, משה קאַפּלאַן, י. סאַפּיאַן, גאָסיע סארטא און גאָר אַ באַזונדערן דאַנק מיין חבר, דעם דיכטער און סעקרעטאַר פונעם בוך־קאָמיטעט, ז. בונין, וואָס האָט מיט זיין מי דערמעגלעכט, אַז דאָס בוך זאָל דערזען די ליכטיקע וועלט.



נח גאָלדבערג

אינהאַלט:

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער — 7
כוליטאַ — 9
נייע מענטשן אין סטעפּ — 24
גאַסן־פּרויען — 35
אַ טיגער — 43
מען שינדט אָפּ אַ בהמה — 49
דריי טעג — 63
כוליטאַ פּאָרט נעמען נקמה — 70
באַהיאַ־בלאַנקאַ — 83
ווילדגראַז — 108
ראַפאַעל קומט אין די בערג — 116
דער בונט — 122
אַ שערער ביי דער אַרבעט — 126
אַ קו „גייט צו קינד" — 128
דער טויט פון דעם אַלטן גאַוטש — 132
די לוויה — 143
עמאַליטאַס שטיק — 148
די חתונה — 153
עמאַליטאַ גייט אויס — 162
עין תחת עין — 193
ליכט און שאָטן — 204
דער בייטש־דועל — 208
פּעאָנען קומען — 216
דער אָנפאַל אויף באַהיאַ־בלאַנקאַ — 228

די צאַרטע ליבע אין אַ שטאַל — — — — — — — — — 243
עס ברענען האַסיענדאַס — — — — — — — — — — — 265
כוליטאַס צווייטע חתונה — — — — — — — — — — — 271
איך טאַל פון טויט — — — — — — — — — — — — — 280
דער אַרויספאַר — — — — — — — — — — — — — 296
דאַס נייע לאַנד — — — — — — — — — — — — — 306
דער כוח פון וואַסער — — — — — — — — — — — — 317
אויפבוי — — — — — — — — — — — — — — — 323
זעלבסטמאָרד — — — — — — — — — — — — — — 338
אַקער־אייזנס אַנשטאַט ביקסן — — — — — — — — — 348
דער ברונעם — — — — — — — — — — — — — — — 357
דער אויפשטאַנד פון די זכרים — — — — — — — — 359
מען קויפט ווייבער — — — — — — — — — — — — 368
קאַרמעליטאַס שטראָף — — — — — — — — — — — 383
די פרייד פון אייגענער פראַצע — — — — — — — — 392
אַ הוראַקאַן — — — — — — — — — — — — — — — 398
די לעגענדע און דיווירקלעכקייט — — — — — — — 407
ווערטער־פאַרטייטשונגען — — — — — — — — — — 415
יעפים ישורין, נח גאָלדבערג ביבליאָגראַפיע — — — — — 417

אַ פּאָר ווערטער צו די לייענער

די נאָוועלע „ווילדגראָז" פון נח גאָלדבערג, איז אַ נאָוועלע, וואָס דערציילט וועגן דעם אַרגענטינער לעבן און פון די קאַמפּן, וואָס זע־נען פאָרגעקומען אויף די אַרגענטינער פעלדער און נעמט אַרום אַ צייט אין דער אַרגענטינער געשיכטע, וואָס איז, צום גליק, שוין אַ זאַך פון דער פאַרגאַנגענהייט; נעמט אַרום אַן עפּאָכע אין דעם אַר־גענטינער לעבן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט, ווען די אַרבעט אויף דעם גרויסן, ברייטן אַרגענטינער פעלד האָט זיך געגרענעצט מיט אַמתער שקלאַפעריי און די אַרויסטריטן פון די פויערים אָדער „פּע־אָנעס" זענען געווען אימפּולסיווע און שטורמישע.

אין דער אַרגענטינער געשיכטע איז פאַראַן אַן עפּאָכע, אין וועל־כער עס זענען באַקאַנט די א"ג „מאַלאָנעס", איבערפאַלן פון אָרעמע און צעבונטעוועטע „גאַוטשאָס" און אינדיער, וועלכע האָבן פאַר זיך געפאָדערט נישט מער ווי ברויט און אַ ביסעלע גערעכטיקייט און אויפמערקזאַמקייט.

דער טאַלאַנטפולער שרייבער, נח גאָלדבערג, וואָס לעבט היינט אין לאַס אַנדזשעלעס, האָט אַ געוויסע צייט געלעבט אין אַרגענטינע, האָט אויפגענומען אַ טייל פון די אַמאָליקע געשעענישן און אויף אַ קינסטלערישן אופן איבערגעגעבן אין דעם בוך „ווילדגראָז", וואָס אונדזער פאַרלאַג טראָגט צו פאַר דעם יידישן לייענער, מיט דער זי־כערקייט, אַז דערמיט וועט ער זיך באַקענען מיט אַ וויכטיקן צייט־אָפּשניט אין דער אַרגענטינער געשיכטע און אין אַרגענטינער לעבן. דער הויפּטהעלד כוליטאָ, איז אַ קרבן פון דער דעמאָלסטיקער אָר־דענונג און באַציִונג צום „גאַוטש" און צום אָרעמען ערדלאָזן פּויער אָדער „פּעאָן"; כוליטאָ הייבט אויף די פאָן פון רעוואָלט און בונט קעגן די רייכע און געוויסנלאָזע גוטבאַזיצער, צינדט אונטער און פאַר־ברענט „האַסיענדאַס" און זוכט אויף זיין שטייגער דאָס, וואָס עס איז שפּעטער אָנגערופן געוואָרן מיט דעם נאָמען סאָציאַלע גערעכטיקייט.

די שפּראַך פון דעם ראָמאַן בכלל איז אַ קלאָרע און אַ רייכע, ווי אין אַלע ווערק פונעם שרייבער נח גאָלדבערג. די נאָוועלע איז אַן אינטערעסאַנטע און עס ווערט אין איר אַרויסגעבראַכט אַ וויכטיקער צייטאָפּשניט אין אַרגענטינער לעבן, וואָס האָט געדאַרפט באַקענט ווערן.

פאַרלאַג „יִידבוך".

כוליטאַ

כוליטאַ איז געלעגן אויפן שעניק אַן איבערגעדעקטער מיט אַן אָפּגעקראַ־כענער, גרויער קאָלדרע און איינגעהערט זיך צום נאַסן דרויסן. אויפן פּאַר־זשאַווערטן, בלעכערנעם דאַך האָט דער רעגן געגאָסן ווי פון צאַפּנס און דעם ייִנגל האָט זיך אויסגעדוכט, אַז באַלד וועט דאָס שטיבל, אין וועלכן ער האָט געוווינט מיט טאַטע־מאַמע, פֿאַרשווענקט און פֿאַרטראָגן ווערן צום ברויזנ־דיקן לאַ־פּלאַטאַ־טייך.

כוליטאַ איז אומרויִק געוואָרן, געשראָקן זיך, געוואָרפן הילפלאָזע בליקן צום טאַטן, וואָס איז אַ פֿאַרדאגהטער אַרומגעגאַנגען איבער דעם ערדענעם דיל און עפּעס געמורמלט צו זיך אַליין. כוליטאַ האָט געוואָלט איינהערן זיך, געוואָלט אויפכאַפּן כאָטש אַ זילב, אַ קלאַנג, טרעפן: אויף וועמען איז דאָס דער פאָטער זיינער געווען אין כעס און נישט געקאָנט. דער רעגן האָט, ווי מיט שטאָלענע האַמערלעך געקלאַפּט אויפן דאַך מיט אַזאַ געטויש, וואָס האָט פֿאַרטויבט דעם טאַטנס ווערטער.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט כוליטאַ געזען ווי זיין טאַטע, וואָס האָט די גאַנ־צע צייט אַרומגעשפּאַנט אויף און אָפּ. איז מיט אַ מאָל שטיין געבליבן אין מיטן גאַנג. ער האָט אַ פינצטערן בליק געטאָן אויף דער מאַמען, וועלכע איז שוין חדשים נאָכאַנאַנד געלעגן אין בעט און איז פון טאָג צו טאָג אויסגעג־גאַנגען ווי אַ צאַנקענדיק ליכט. אפֿנים, אַז דער טאַטע האָט געוואָלט צוגיין צו איר און טרייסטן זי כאָטש מיט אַ גוט וואָרט. אָבער דערנאָך האָט ער אַ מאַך געגעבן מיט דער האַנט אין דער לופטן און ווידער אָנגעהויבן שפּאַנען איבערן שטיבל אַ רעזיגנירטער.

מיט אַ מאָל האָט כוליטאַ דערפילט אַ שטאַרקע ציִעניש און נאָגעניש אונטערן האַרצן. ער האָט פון נעכטן אין דער פרי אָן נישט געגעסן און נישט געבעטן קיין עסן. בלויז אָנגעשטעלט זיינע בעטנדיקע בליקן אויפן פאָטער און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זיי וואָלטן גערעדט נאָך שטאַרקער פון ווער־טער: „זיי אַ גוטער טאַטע און גיב עפּעס צום עסן"!

, דער טאַטע זיינער, האָט גראָד יאָ אויפגעכאַפּט דעם ייִנגלס בליק. אָבער איצט האָט ער אויף אים שוין נישט געשריִען ווי נעכטן: „נישטאָ קיין עסן,

דו הערסט?!״... ניין, איצט האָט ער אויף אים נישט געשריִען און נישט געבייזערט זיך. אַ שטילער, מיט אַ דערשלאָגענעם געמיט, איז ער צוגעגאַנגען צום שפּייז־קעסטל, פון דאָרטן אַרויסגענומען דאָס מעל־זעקל, עס איבער־געקערט אויף דער לינקער זייט, גוט אויסגעטרייסלט אויפן טיש; מיט ציטערנדיקע פינגער צוזאַמענגעגעשאַרט דאָס ביסעלע קוקורוזע, וואָס האָט זיך אַרויסגעפּולעט פונעם זעקל און געזאָגט מער צו זיך אַליין:

— עס וועט אפשר זיין צו צוויי לעפל...

אויף אַ ווײַלע האָט זיך די זון אַרויסגעגנבעט פון צווישן די וואָלקנס, געדיכטע וואָלקנס און אַרייגעלאַכט אין די קליינע פענצטערלעך פון שטיבל, אַ קוש געגעבן דעם ערדענעם דיל און איז צוריק פאַרשוווּנדן געוואָרן, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געשעמט צו פאַרבלייבן דאָ אַ ביסעלע לענגער.

ווען כוליטאַ האָט אַראָפּגעשלונגען דעם צווייטן לעפל „געקעכץ״, איז פרעטא צוגעגאַנגען צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט צו דעם פריצס, דאָן כאָסע אַלוואַרעזעס „האַסיענדאַ״, וואָס האָט זיך געפונען ניט ווייט פון דאַנען און ער האָט געטראַכט: „זאָל ער צוגיין אַהין, אָדער נישט?״... פרעטא האָט זיך דערמאָנט, אַז מיט זעקס יאָר צוריק, ווען דער זעלבער פריץ האָט אָפּגע־קויפט די „האַסיענדאַ״ איז דאָן כאָסע אַלוואַרעז געקומען צו אים, אויף דער צווייטער וואָך, און מיט חוצפה אין קול געפרעגט:

— איך וויל ביי דיר אָפּקויפן דיין שטיקל ערד, איז וויפל ווילסטו דערפאַר?

פרעטא איז דעמאָלט שטיין געבליבן אַנטקעגן דעם פריץ מיט אַ צעעפנט מויל, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נישט פאַרשטאַנען, וואָס יענער וויל פון אים. ער האָט קיין מאָל אַפילו נישט געחלומט פון אַזאַ זאַך. אמת, זיין „פעלד״ איז געווען אָרעם, טרוקן און פול מיט שטיינער און שטיינדלעך. אָבער, פאָרט אַן אייגן שטיקל באָדן. און, אגב, האָט ער געהאָפט: „ווען כוליטאַ וועט אונטערוואַקסן אַ ביסל, וועט ער אים נעמען אין פעלד צו דער אַרבעט. דעריבער האָט ער מיט אַ באַהאַלטענעם כעס געענטפערט:

— ניין, גנעדיקער דאָן כאָסע אַלוואַרעז. איך וועל נישט פאַרקויפן... וואָס וועל איך טאָן מיטן ווייב און קינד, אַז איך וועל פאַרקויפן?... וווּ וועלן מיר זיך אַהינטאָן?...איר ווייסט דאָך, אַז אַ פּויער אָן אַ ברעקל ערד איז פּונקט ווי אַ פאַסטוך אָן אַ דודע...

דער פריץ האָט זיך נישט געריכט, אַז אַזאַ קבצן וועט אים נישט וועלן פאַרקויפן דאָס שטיקל ערד און ביים אַרויסגיין פון שטיבל, האָט ער זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט אויפן גאַניק, אויפגעהויבן זיין דאַר הענטל און אַ דראָע געטאָן:

— וועסט נישט פאַרקויפן, וועסטו מוזן אַנטלויפן פון דאַנען, דו שנאָרער!

פון דעמאָלט אָן זענען אַריבערגעלאָפן זעקס יאָר. דעם לעצטן פרילינג

האָט פּרעטאַ פאַרזייט דעם גאַנצן „פּעלד“ מיט קוקורוזע. ער האָט געהאָפּט צו האָבן אַ גוטע גערעטעניש, אַ גאַנצן ווינטער וועט זיין וואָס צו עסן, אַפילו אָפּלייגן אַ שפּאָר ביסל תבואה אויף זריעה פאַר דעם קומענדיקן יאָר און נישט דאַרפן גיין אַרבעטן צו דעם זעלביקן פּריץ פאַר פּופּציק „סענטאַוואָס“ אַ וואָך. אָבער דער זומער האָט זיך געשטעלט גיך. די זון איז אַלע פּאַרטאָג אַרויסגעגאַנגען אַ רויטע, ווי אַן אָנגעגליטער, ריזיקער טשוהון, און געבראָטן מיט פייערדיקע צונגען. קיין רעגן איז נישט געקומען. דער הימל איז אַלע טאָג געשטאַנען אַ ווייטער, אַ קלאָרער און אַ בלויער, ווי אַן אויסגעקערטער מיט אַ נייעם בעזעם און קיין וואָלקנדל איז אויף אים נישט געווען צו באַמערקן. איז פּרעטאַ אַרומגעגאַנגען איבער זיין „שטיקל פּעלד“ און מיט האַרצווייטיק געזען, ווי די שיטער אויפגייענדיקע זאַנגען זיינען אָפּריִער געוואָרן געל, מיט אַזאַ מאָדנער געלקייט, וואָס האָט דערמאָנט אינעם טויט. דערנאָך איז די געלקייט אַריינגעפאַלן אין אַן אַשיק־גרויען קאָליר, וואָס איז אין אַ קורצער צייט אַרום פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שוואַרצקייט...

און איצט? אין מיטן פון דעם אַרגענטינער ווינטער, דאָס ביסל קוקורוזע פון פאַראַיאָרן איז אויסגעגאַנגען. מאַרטאַ, אַ קראַנקע, אַ הונגעריקע, האָט געצאַנקט פון טאָג צו טאָג. אמת, כוליטאָ אַליין איז אויך שטענדיק געווען הונגעריק. אָבער ער האָט דאָס פאַרשטיקט ביי זיך אין האַרצן און פון מויל קיין פּיפּס נישט אַרויסגעלאָזט. בלויז זיינע קינדערשע אויגן, גרויסע און צייטיקע ווי שוואַרצע קאַרשן, האָבן אויף שטום־לשון געזאָגט: „זיי אַ גוטער טאַטע און גיב מיר עפּעס עסן“!...

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס פּרעטאַ האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז דער סעניאָר וועט אים נישט וועלן לייען קיין ביסעלע מאַיִס, אַז ס'וועט זיין אומזיסט די מי, מחמת יענער האָט נאָך קיינעם פון זיינע אָרעמע שכנים, צי „פּעאָנען“ גאָרנישט געליִען. פונדעסטוועגן איז פּרעטאַ צוגעקומען צו כוליטאָן און מיט אַנטשלאָסנקייט אין קול געזאָגט:

— קום, מיין זון, מיר וועלן גיין צום סעניאָר אין דער „האַסיענדאַ“, אפשר וועט זיך אין אים פאַרט דערוועקן אַ מענטשלעך געפיל און ער וועט אונדז אויסבאָרגן אַ זעקל מאַיִס.

אַ ביסל שפּעטער זענען פּרעטאַ מיט כוליטאָן אַריין צום פּריץ אינעם גרויסן הויף. דאָן כאָסע אַלוואַרעז איז געשטאַנען נעבן טויער און עפּעס איינגעטענהט מיטן קאַפּאַטאַז. ווען ער האָט דערזען פּרעטאַן מיט כוליטאָן, האָבן זיך זיינע געדיכטע ברעמען צוזאַמענגעצויגן:

— וואָס ווילסטו?

— גנעדיקער סעניאָר, דאָן כאָסע אַלוואַרעז — האָט פּרעטאַ אָנגעהויבן רעדן — שוין אַרום זעקס יאָר, אַז איר גיט מיר, פון צייט צו צייט, עפּעס צום פאַרדינען, דאַנק איך אייך דערפאַר... אָבער איצט בין איך מיטן וויב און

קינד אין אַ נויט. איר ווייסט דאָך, אַז דעם לעצטן זומער האָב איך גאָרנישט אַראָפּגענומען פון מיין פעלד און עסן דאַרף מען. אין שטוב איז נישטאָ קיין לויט מעל. איז ראַטעוועט, ליבער דאָן כאַסע אַלוואַרעז און לייט מיר אויס כאָטש אַ זעקל מאַיס אויף דורכצוקומען דעם ווינטער...

כוליטאָ איז געשטאַנען אין פאַרטקע און נישט געקאָנט צוזען ווי דער פאָטער זיינער שטייט אַנטקעגן דעם פּריץ מיט דעם „סאָמבררעראָ" אין האַנט און בעט זיך, טענהט איין, זשעסטיקולירט מיט די הענט, פינטלט אונטערטעניק מיט די אויגן און אַ מאָדנער געפיל האָט זיך אַריינגעגנבעט צום יינגל אין האַרצן. ער האָט מיט אַ מאָל פיינט געקריגן דעם דאָזיקן סעניאָר. נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן יענעמס פייגן־פּנימל, מיט די שטעכיקע, שפּיציקע אויגן איבער וועלכע עס זענען אַראָפּגעהאַנגען גערדיכטע ברעמען:

— איז ווער וועט דאָס אָפּאַרבעטן פאַר דעם מאַיס, וואָס דו ווילסט ביי מיר לייען — האָט זיך איבערן הויף צעקלונגען דעם סעניאָרס דינער, אָפּ־לאַכנדיקער קול — אפשר דיין קראַנקע צרה, וואָס ליגט ביי דיר אין בעט און קרעכצט?...

— דאָן כאַסע אַלוואַרעז! — האָט פּרעטאַ אַ פאַרדראָסיקער געענטפערט און דאָך נישט געוואַגט אויפצוהייבן זיין שטים כאָטש מיט איין אָקטאַווע הע־כער — מיין זון איז שוין צוועלף יאָר אַלט, ער איז אַ גרויסער „מוטשאַטשאָ"!.. איך וועל אים נעמען אין פעלד צו דער אַרבעט...

כוליטאָ האָט באַמערקט ווי דער טאַטע האָט אויף אים אַנגעוויזן מיט אַ פינגער און ווי דער סעניאָר האָט דערויף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן און אַ געשריי געגעבן: „עדו!" פון וואָס כוליטאָ האָט זיך באַליי־דיקט, האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און סיי אויס מורא און סיי אויס שאַנדע, נישט געקאָנט אויפהייבן די בליקן פון דער ערד.

אַהיים זענען זיי געגאַנגען שווייגנדיקע, פאַרצאַרנטע. טאַטע און זון זענען געווען פאַרטאָן אין גערדאַנקען. פּרעטאַן האָט זיך געבאַמבלט אין קאָפּ: „ווו וועט ער נעמען אַ ביסל מעל אייף דורכצוקומען דעם ווינטער?"... און כוליטאָ האָט געטראַכט: „וואָס אַזוינס איז דער סעניאָר אויסן געווען מיט זיין זאָגן אויף אים „עדו!" און כאָטש ער האָט אויף קלאָר נישט פאַרשטאַנען דעם באַדייט דערפון, דאָך האָט ער געהאַט אַ שטיקל אַנונג, אַז דאָס וואָרט „עדו" האָט גע־האַט אַ גרויסע שייכות מיט אים. דאָס האָט כוליטאָן זייער געקרענקט און ער האָט נאָך שטאַרקער פיינט באַקומען דעם רייכן סעניאָר.

אויף כוליטאָן האָט מען דערפאַר קיין פאַריבל נישט געקאָנט האָבן. מחמת ער, כוליטאָ, איז שוין צענדליקער מאָל געווען אין דער „האַסיענדאָ" און געזען ווי די שפּייכלערס זענען דאָרטן געווען אָנגעפּולטע פון אַל דאָס גוטס. האָט ער איצט נישט געקאָנט פאַרשטיין, הלמאי איז דער סעניאָר אַזאַ שלעכ־טער מענטש און וויל דעם טאַטן נישט באָרגן אַ ביסל מעל?... און פאַר וואָס

זענען בײם פּריץ פֿאַראַן אַזױ פיל גוטע זאַכן און בײ זײ אין שטיבל איז נישטאָ װאָס צו עסן?... און אַ געדאַנק איז אים אַנגעלאָפן, אַז מען האָט געדאַרפט אונטערצינדן די אָנגעפּראָפּטע שײערן, װאָלט שױן דער בײזער סעניאָר געװוסט װי צו זאָגן אױף אים „עדן!“...

בײ פּרעטאַן איז קאָפּ זענען געדאַנקען אַרומגעפלױגן װי טעלעפאָן־סלופּעס אַנטקעגן אַ לױפנדיקן באַן. אָט האָט ער געזען פאַר זיך די טיפע קעלערס מיט „פּאַפּאַס“, די אָנגעשאָטענע און פאַרבײטע זעקלעך מיט װײץ, װאָס ער, מיט נאָך אַ „פּעאָן“, האָט אין אײנעם אַ שײער אױסגעלײגט אין גרױסע קעסטלדיקע יאַרעסן, װעלכע האָבן זיך געריסן צום הױכן סופיט און געװאָרט ביז דער רעגן־סעזאָן זאָל פאַריבער און דערנאָך װעט מען דאָס אַװעקפירן צום באַן און פון דאָרטן, מיט שיפן, צו פאַרשידענע לענדער.

עס איז צוגעפאַלן דער פאַרנאַכט. פּרעטאַ האָט אָנגעצונדן דאָס קעראָסין־לעמפּל, װאָס האָט זיך צעקאָפּטשעט און געטוקט, װי דאָס קנײטל װאָלט מורא געהאַט צו צעברענען זיך אַ ביסעלע העכער, כדי דערמיט נישט צעשטערן דאָס שװערע געמיט, װאָס איז געהאַנגען אין דעם קלײנעם שטיבל.

אין דרױסן איז געװען שטאָק־פינצטער, איז פּרעטאַ צוגעגאַנגען צו כּוליטאַן און מיט ציטער אין קול אַרײנגעשושקעט דעם יינגל אין אַן אויער:

— קום, מײן זון, מיר װעלן צוגײן צו דעם סעניאָרס שײער... אפשר װעט גאָט העלפן און מיר װעלן דאָרטן געפינען אַן עפּענונג... אָבער דערצײל דאָס נישט דער מאַמען...

בגנבה האָבן זיך בײדע אַנגעטאָן אין זײערע צעפליקטע אױבער־רעקלעך און אַרױס פון שטיבל. אין דרױסן איז געװען נאַס און די פינצטערניש אַזױ געדיכט, אַז די גרױכע פענצטער פון דאָן כאָסע אַלװאַרעז׳ס פּאַלאַץ, װאָס האָבן אַלע נאַכט אַזױ העל געלױכטן, האָבן זיך איצט קוים אַרױסגעזען. די ערד איז געלעגן אַ קלעפּיקע, װי נאָך נישט קײן פאַרטריקנטע סטאַליאַרסקע קלײ, װאָס האָט זיך געקליאַטשקעט אונטער די צעלעכערטע זױלן פון זײערע שיך. און נישט געקוקט אויף דעם, װאָס דער טאַטע מיטן זון זענען געגאַנגען מיט קוים געשטעלטע טריט, מיט אײנגעהאַלטענע אָטעמס, האָבן זײ דאָך מורא געהאַט, אַז דער אָפּצאַס פון זײערן אַ שוך זאָל נישט מאַכן קײן צו גרױסן טומל און דערמיט — נישט צעשטערן זײער אײנציקע האָפענונג...

װען זײ האָבן דערגרײכט דעם פּריצס ערשטן שײער, האָט פּרעטאַ אין גרױס געאײל אױסגעפּרוּבירט די ברעטער פון די װענט, װאָס זענען געװען צוגעשלאָגן מיט טשװעקעס צו די גראָבע בערװענעס און געטראַכט, אַז ס׳איז געװען אומזיסט די מי. ער האָט שױן געװאָלט אומקערן זיך צוריק אַהײם. נאָר כּוליטאַ איז אין דער לעצטער רגע צוגעלאָפן און אַ פאַרסאָפּעטער געזאָגט:

— פּאַפּיטאָ! דאָרטן, אין דער אַנדערער זײט װאַנט איז פאַראַן אַ גרױסער לאָך!...

מיט שרעק אין די הערצער זענען זיי אַריין אינעווייניק. דאָ אין שייער איז געהאָנגען אַ בלינדע פינצטערניש. פון די פאַרשידענע תבואות איז די לופט געשטאַנען אַ שווערע, אַ רירלאָזע, אַ שאַרפער און אַ שאַרסטקער שטויב איז געקראָכן אין די נאָזלעכערס און עס האָט זיך געוואָלט ניסן. פון גרויס איילעניש האָט פרעטא פאַרגעסן מיטצונעמען אַ זעקל פון דער היים. איז ער אַ ווײַלע געבליבן שטיין אַ פאַרלוירענער. צום גליק האָט ער אָבער ביי זיך אין קעשענע געפונען אַ שטריקל, האָט ער דאָס מיט אַ מעסערל צעשניטן אויף פיר חלקים. דערמיט אָפּריער פאַרבונדן כוליטאָס, דערנאָך די אייגענע ברייטע קאָלאָשעס פון די „פּאַנטאַלאָנעס“ און אָנגעהויבן אַהין אַריינשיטן ווייץ.

אַז ביידנס הויזן זענען שוין געווען אָנגעפּולט מיט ווייץ, ווי לופּטבאַלאָנען מיט גאַז, האָט פרעטא שטילערהייט געזאָגט צו כוליטאָן:

— קום! לאָמיר אַרויסגיין פון דאַנען. אָבער זיי פאַרזיכטיק ווו דו שטעלסט דיינע טריט!...

כוליטאָ האָט זיך געלאָזט שפּאַנען נאָכן טאַטן. נאָר מיט אַ מאָל האָט ער זיך פאַרטשעפּעט אין אַ לייטער אויף וועלכן עס זענען געזעסן הינער און גע־שלאָפן. צעשראָקענע האָבן זיך די הינער אויפגעכאַפּט און גענומען קוואָקען, רייסן זיך אויף די העלדזער: קראַ־קאַ־קאַ! קראַ־קראַ־קאַ!

— וואָס טוסטו?! — האָט זיך פרעטא צעבייזערט און געמיינט, אַז זיין זון האָט געוואָלט אָוועקלאַטכענען אַ הון, — הלמאי זעסטו נישט ווו דו גייסט?!

נאָר דער טויער האָט זיך ראַפּטום צעפּראַלט. אַ וועכטער מיט אַ גרויסער לאַמטערנע אין די הענט, איז אַריינגעלאָפן און אָנגעהויבן שרייען: גנבים! גנבים!

ס'האָט נישט גענומען לאַנג און דער שייער איז אָנגעפּאַקט געוואָרן מיט פּעאָנען. אויך דער סעניאָר, דאָן כאָסע אַלוואַרעז איז אויסגעוואָקסן, ווי פון אונטער דער ערד. אַז ער האָט דערזען פרעטאָן מיט כוליטאָן, וואָס זענען גע־שטאַנען צעשראָקענע און מיט פולע „פּאַנטאַלאָנעס“ ווייץ, האָט זיך אין אים צעשפּילט די יוכע:

— אַזוי, ליבינקער?! ביסט געקומען גנבענען פרעמדע האָב־און־גוטס?! איך וועל דיר די הויט אָפּשינדן, וועסטו וויסן ווי צו קריכן אין פרעמדע שייערן!...

— גנעדיקער סעניאָר, דאָן כאָסע אַלוואַרעז! — האָט זיך פרעטא איבער־געצלמט און פאַמעלעך גענומען נידערן פאַר אים אויף די קני, ווי פאַר אַ געטשקע — כאָטש דאָס איז אים אָנגעקומען זייער שווער, ווייל דער ווייץ, וואָס האָט זיך געפונען ביי אים אין די ברייטע „פּאַנטאַלאָנעס“, האָט אים נישט געלאָזט בייגן זיך — גנעדיקער סעניאָר! איר האָט דאָך אַ גוט האַרץ, איז האָט אויף אונדז רחמנות! לאָזט אונדז אַוועקגיין. פאַרן ווייץ וועלן מיר אָפּאַרבעטן

אַפילו אַ גאַנצן חודש. ביז אַ קערנדל ווען מיר אייך אָפּגעבן. איר וועט גאָר נישט דערלייגן צו אונדז... האָט איינזעעניש ליבער דאָן כאָסע אַלוואַרעז!

דער סעניאָר האָט אַפילו נישט געוואָלט הערן דאָס, וואָס פּרעטאַ האָט נאָך געוואָלט זאָגן. אַ קליינינקער און אַ דאַרינקער, מיט אַ ריינעם, דריי־קאַנטיקן פּנימל, מיט אַ גלאַטער מאָרדע און אָפּגעגאָלטע וואָנצעס, איז ער ווי אַ הונגעריקער וואָלף אין אַ וואַלד, אַרומגעלאָפן אין שייער און מיט אַ קוויטשיק קולכל געשריען צום אויפזעער:

— קאַפּאַטאַז! זאָלסט אָפּוועגן! וויפל פונט דער גנב האָט ביי מיר געגנבעט, אַזוי פיל שמיץ זאָל ער קריגן מאָרגן אין דער פרי!

אַז אַ פּאָר פּעאָנען האָבן אָפּגעבונדן פּרעטאַס מיט כוליטאָס קאַלאָשעס פון די הויזן, פון דאָרטן אַרויסגעטרייסלט דעם ווייץ, וואָס זיי האָבן אַריינגעטאָן אין אַ זעקל און אָפּגעוויגן, האָט דערנאָך דער קאַפּאַטאַס, אַ מענטש מיט אַ פאַרווינטיקטן פּנים געמאָלדן זיין באַלעבאָס:

— צוויי און פופציק פונט!

פּרעטאַן האָט מען פאַרבונדן די הענט און אַוועקגעפירט און כוליטאָן האָבן זיי געלאָזט פריי. איז ער געקומען צו לויפן אַהיים, און מיט קינדערשער שרעק אין האַרצן דערציילט דער מאַמען פון דעם וואָס ס'איז געשען. מאַרטאַ, די מוטער זיינע, האָט דוכט זיך, אויסגעהערט איר קינדס רייד אַזוי קאַלטבלוטיק, ווי זי וואָלט דאָס שוין פון לאַנג דערוואַרט, אַז אַזוי וועט דאָס זיין און איז איצט געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך, מיט אַן אויג נישט אַ פּינטל געטאָן און כוליטאָן איז שווער געווען צו וויסן, צי זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער האָט איר דערציילט, אָדער ווי די גאַנצע מעשה וואָלט איר שוין גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

אַ גאַנצע נאַכט איז כוליטאָ נישט געשלאָפן. ער איז אָפּט געשטאַנען ביים פענצטערל און מיט האַס אין די אויגן געקוקט אַהין צום פּריצס גרויסן הויז און געוווּסט, אַז דער סעניאָר האָט מסתמא ווי אַלע מאָל, געלאָזט ווייקן די לאַנגע, רימענע בייטש אין צעלאָזענעם חזיר־פעטס, כדי זי זאָל זיין בייגעוודיקער, אַז מיט דער זעלביקער בייטש וועט מען דאָס מאָרגן אין דער פרי שמייסן זיין טאַטן. האָט אים דאָס האַרץ געקלעמט, ווי געטאָן מיט אַזאַ מין ווייטן און פרעמדן ווייטיק, וואָס איז אים ביז איצט געווען פרעמד און אומבאַגרייפלעך...

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט מען פּרעטאַן אַרויסגעפירט פון קעלער. די הענט זענען ביי אים געווען פאַרבונדן אויף הינטן. דורך דער נאַכט, וואָס ער איז געווען פאַרשפּאַרט, איז ער אין גאַנצן גרוי געוואָרן. אַרום די אויגןלעכער זענען געשטאַנען גרויסע, שוואַרצע רעדער און דערמאָנט אין טיפע אָפּגרונטן. נאָר איצט האָט ער זיך שוין מער נישט געבעטן ביי קיינעם, אַז מען זאָל אויף אים רחמנות האָבן. אדרבא, צום בוים, וווּ מען האָט אים גע־

זאָלט שמייסן, איז ער געגאַנגען אַ גלייכער און אַ שטאָלצער ווי אַן אָדלער און בלויז מיט אַ דינעם, סאַרקאַסטישן שמייכל אויף די אויסגעטריקנטע ליפּן געקוקט די פּעאָנען אין די פּנימער אַריין. פּונקט ווי דער שמייכל זיינער וואָלט „געוואָרנט", אַז מיט זיי וועט זיין די זעלבע זאַך.

אָבער ווען מען האָט אים צוגעבונדן צום בוים, אַראָפּגעריסן דאָס לייוונטענע העמד פון זיין אויסגעדאַרטן קערפּער און די לאַנגע און פּייכטע בייטש האָט אַ פּייף געטאָן מיט אַ הילכיקן כוואַשטש, דורכגעשניטן די אין דער פּרעדיקע לופט און איינגעגעסן זיך אין „פלייש", האָט ער פון צווישן די פאַרשטשעמטע ציין אַלע ווילע אַרויסגעלאָזט אַ שטילן קרעכץ: אה, דיאָס מיאָ!

דער נאָך האָט ער אויפגעהערט צו פילן די וויטיקן פון די שמיץ. בלויז אויפגעכאַפּט פון וויטן כוליטאָס פאַרשטיקטן קוויטש: „פּאַפּיטאָ!"... דער הויף און די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אַרום אים און מיט מורא אין די אויגן צוגעקוקט זיך, די ביימער, די שייערן, די גרויסע הייזער — אַלץ האָט זיך גענומען דרייען פאַר זיינע אויגן ווי אין אַ קאַראַהאָד. די כוחות האָבן אָנגעהויבן אויסרינען פון די הענט און פיס. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז דער גוף האָט אין גאַנצן נאָכגעלאָזט און געצויגן זיך אַלץ נידעריקער און נידעריקער צו דער ערד.

ווען מען האָט אים סוף־כל־סוף אָפּגעבונדן פונעם בוים, איז ער געפאַלן מיט אַזאַ קנאַק, ווי עמעצער וואָלט אויף אַ פוסטן הילצערנעם דיל אויסגעשאָטן אַ זאַק מיט אויסגעטריקנטע ביינער. אַ פּעאָן האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַן עמער קאַלטן וואַסער. געזען אַז דער געפאַלענער איז נאָך אַלץ נישט אויפגעשטאַנען האָט ער זיך איבערגעבויגן איבער אים, אָפּריער צוגעלייגט זיין אויער צו פּרעטאָס מויל, צו דער נאָז, דער נאָך גענומען אַ ווייס געגנדזענעם פּעדערל, דאָס צוגעטראָגן צום מתס נאָזלעכער און אַז די דינינקע פּופּעלעך האָבן זיך נישט באַוועגט, איז דער פּעאָן אַ צעשראָקענער אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און מיט טרערן אין די אויגן אַ געשריי געטאָן צו זיין באַלעבאָס:

— דאָן כאַסע אַלוואַרעז! דער „האָמברע" איז טויט!

דער דאָן אַלוואַרעז, וואָס איז איצט געשטאַנען אין מיטן הויף אַ באַרויִקטער און אַ צופרידענער, ווי ער וואָלט פון דער שווידערלעכער סצענע גאָר געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן אין זיין לעבן, האָט אַ געלאַסענער פאַררויכערט אַ לאַנגן גראָבן ציגאַר פון „האַוואַנאַ־האַוואַנאַ" טאַבאַק און מיט קאַלטער געמיטלעכקייט אין זיין דינעם קולכל געענטפערט:

— „מוערטאָ"? נו? וועט זיין ווינציקער מיט אַ גנב אויף דער וועלט!...

דורכן הויף איז דורכגעלאָפן אַ קאַלטער ציטער. די פּעאָנען האָבן זיך איינגעקאָרטשעט אין דרייען און נישט געוואָגט צו קוקן איינער אויפן אַנדערן. זייערע אָפּגעברענטע פּנימער פון זון און ווינט זענען איצט געוואָרן נאָך טונקעלער און יעדער האָט דוכט זיך געטראַכט פון איין זאַך בלויז, אַז ווען ער

וואָלט ביי זיך געהאַט אַ מעסער, וואָלט ער אַן קיינע שום וואַקלענישן מיט דעם אַ „קיצל״ געטאָן דעם „איידעלן״ פּריץ אונטערן האַרץ...

די גאַנצע צייט איז כוליטאַ געשטאַנען אין אַ ווינקל נעבן טויער און עס האָט אים געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן און מורא געהאַט צו רירן זיך פון אָרט. ער האָט געוואָלט וויינען, זענען קיין טרערן נישט געווען אין די אויגן. ער האָט געוואָלט שרייען און בעטן זיך, אַז מען זאָל זיין טאַטן נישט שמייסן, איז דאָס קולכל זיינס פאַרשטיקט געוואָרן אין האַלדז און קיין קלאָרער קלאַנג איז פון דאָרט נישט אַרויסגעקומען, ווי אַלץ אין אים וואָלט פּלוצעם פאַרגליווערט געוואָרן. בלויז איצט, אַז דער טאַטע איז שוין געלעגן אַ צוזאַמענגעדרייטער, אַן איבערגעדעקטער מיט אַ שטיקל ראָגזשע, איז כוליטאַ צוגעלאָפן, אַרויפגעפאַלן אים אויף דער ברוסט און אָנגעהויבן יאָמערן און בעטן זיך:

— פּאַפּיטאָ מיאָ! שטיי אויף און לאָמיר אַנטלויפן פון דאַנען, שטיי אויף, פּאַפּיטאָ! איך האָב מורא צו בלייבן דאָ אַליין!...

צוויי בלאַס־געוואָרענע פּעאָנען האָבן דעם יינגל געוואָלט אָפּרייסן פון פּרעטאָס קערפּער. אָבער כוליטאָ האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט זיך איינגעקלאַמערט מיט ביידע הענט אינעם טאַטנס גוף, געדריגעט מיט די פיס, ווי אַ הענדל און אַלץ נישט געוואָלט אַוועקגיין, נישט צו שיידן זיך מיט דעם ליבסטן און נאָענטסטן מענטשן, וואָס איז אים געווען אַזוי געטריי און איבערגעגעבן דאָס גאַנצע לעבן.

מיט פאַרוויינטע אויגן איז כוליטאַ שפּעטער געקומען צו שלעפּן זיך אַהיים. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני נעבן דער מאַמעס בעט, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן ראַנד פון איר געלעגער און ווידער געוויינט. מאַרטאַ איז נאָך אַלץ געלעגן אַזוי אומבאַוועגלעך ווי פריִער. מיט די שטאַרע אויגן האָט זי געקוקט אויף דער נידעריקער סטעליע און דורך דאָרטן אין אַן אומבאַקאַנטער ווייטקייט אַריין און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט וויסן צי זי לעבט נאָך אָדער נישט.

נאָך דעם ווי כוליטאַ איז אַ ווילע געשטאַנען אויף די קני, האָט ער זיך אויפגעשטעלט און אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דעם ערדענעם דיל אויף און אָפּ, ווי זיין טאַטע פלעגט טאָן. מיט אַמאָל האָט כוליטאַ דערפילט ווי זיין יונג לעבן וואָלט זיך פּלוצעם אָפּגעטאָן פון אים און אים פאַרשטויסן אין אַ קאַלטער, גרויזאַמער וועלט, וואָס איז פול מיט אַזעלכע שלעכטע מענטשן ווי דער דאָן כאָסע אַלוואַרעז.

דער שוידערלעכער טאָג האָט זיך געצויגן און געשלעפּט, ווי אַן אָנגעלאָדענער וואָגן באַרג־אַרויף. אָבער סוף־כל־סוף איז דער אָוונט פאָרט צוגעפאַלן. אין שטיבל איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. פון יעדן ווינקל האָט אַ פּחד געשלאָגן. פונעם ערדענעם דיל איז די אָוונטיקע טונקלקייט אַכזריותדיק געקראָכן צום נידעריקן סופיט און איינגעהילט די ברעטלדיקע ווענטלעך אין אַ

שוואַרצער פאַרב. די קליינע שייבלעך האָבן געבליאַסקעט מיט שוואַרצער גלאַזיקייט און אויסגעזען ווי די אויגן ביי סאָוועס ביי נאַכט אין אַ וואַלד. פון דעם נאָענטן באַהיזאַ בלאַנקאַ סטעפּ איז אָנגעלאָפן אַ וואַיענדיקער ווינט, וואָס האָט געקלאַפּט און געפייפט און ווי מיט שאַרפע נעגל געריסן די פאַר־טריקנטע שטיקעלעך קיט פון די פענצטער.

כוליטאַ האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. דאָס פלעמל, אַ קליינס און אַ זשי־פּעדיקס, האָט זיך ווי אַ גסיסהדיקער געטוקט אין קאַלפּאַק. ער האָט אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו דער מאַמען. אונטער דעם טונקעלן שיין פונעם לעמפּל האָט זי אויסגעזען שרעקלעך. אירע אויגן זענען געזעסן טיף אין קאָפּ. אין זיי האָט קוים געגליט אַ שוואַכער, אומהיימלעכער פונק. אויפן נידעריקן שטערן זענען געשטאַנען גרויסע טראָפּנס שוויס. די נאָז — לאַנג און שפּיציק, ווי דער שנאָבל ביי אַ וואָראָנע; די פינגער פון אירע הענט זענען געווען אויס־געשטרעקטע, פונקט ווי זי וואָלט מיט זיי אין ערגעץ געטייטלט.

דאָס יינגל האָט אַ ווײַלע געקוקט אויף דער מאַמען און מער נישט גע־ווײַנט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטערל און אַ האַסטיקן בליק געגעבן אויף דעם סעניאָר, דאָן כאָסע אַלווערעז׳ס הויף, וואָס איז געווען אַזוי העל באַ־לויכטן, אַז די דאָרטיקע ליכטיקייט האָט אויפגעריסן די נאַכטיקע חשכות און ביי כוליטאָן האָבן זיך צום ערשטן מאָל אין לעבן זיינע הענטלעך פאַרביילט אין פויסטן:

— „אָה, דיאָס מיאָ״! ווען איך וואָלט נאָר געווען אַ גרויסער...

פּאַרטאַג. כוליטאַ האָט געעפנט דאָס פענצטערל. אין דרויסן האָט ווידער אָנגעהויבן רעגענען. פון דאַך האָט גערונען. די טראָפּנס גרויסע, קיילעכדיקע און פולע, ווי די טרערן פון מענטשלעכע אויגן — זענען ריטמיש געפאַלן אין דער בלעכענער כלי, וואָס כוליטאַ האָט אונטערגעשטעלט און אין דער גע־דיכטער, פאַרטאָגיקער שטילקייט האָט דאָס פאַלן פון די טראָפּנס אָפּגעקלונ־גען אין שייבל מיט אַ נאָגנדיקער אומעטיקייט: פּיק־פּאַק! פּיק־פּאַק! — — —

כוליטאַ האָט געוואָלט דער מאַמען מיט עפּעס מחיה זיין. איז ער צוגע־גאַנגען צום שפּייז־קעסטל. אויפן דעק האָט ער מיט די פינגער צוזאַמענגע־שאַרט אַ ביסעלע קוקורוזע. דאָס אַריינגעשאָטן אין אַ טעפּעלע, אַהין אָנגע־גאָסן אַ ביסל וואַסער. אָפּגעקאָכט אַ שיטערע „לאַקריצע״ און נאָך דעם דאָס „געקעכץ״ צוגעטראָגן צו דער מוטער:

— מאַמיטאַ, זעץ זיך אויף, איך האָב אָפּגעקאָכט עסן. דו הערסט וואָס איך זאָג? שטיי אויף, זעץ זיך אַוועק וועלן מירביידע עסן.

מאַרטאַ האָט אים נישט געענטפערט. אירע שטאַרע, נאָך אָפענע אויגן האָבן „געקוקט״ אין אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. אויף אירע קאַלירלאָזע ליפּן איז געווען אַ גרין ריטשקעלע שוים. דאָס יינגל האָט אַוועקגעשטעלט דעם

בלעכענעם טעלער אויפֿן טישל און מיט קינדערשער איבערגעגעבנקייט ווידער געבעטן זיך ביי איר:

— מאַמיטאַ מיאַ! זיי אַ גוטע און זעץ זיך אויף, וועלן מיר עפּעס עסן. איך האָב אָפּגעקאָכט מאַיס, זעץ זיך אויף!...

ווי אַ געהיימער כּוח וואָלט אים אַ שטויס געטאָן האָט זיך כּוליטאָ אָנגעגן־בויגן איבערן בעט. אָנגערירט מאַרטאַס פאַרשטייפטע האַנט און אַן אימה איז אים באַפֿאַלן. ער האָט אויף גיך באַגריפֿן וואָס מיט איר איז געשען און עס האָט אים אָנגענומען אַ שרעק צו בלייבן דאָ מיט דער אומבאַוועגלעכער מוטער. איך ער צוגעשפּרונגען צו דעם רעכטן ווענטל פֿון שטיבל, פֿון אַ טשוואָק אַראָפּגעכאַפּט זיין „רעקל“ וואָס איז דאָרטן געהאָנגען און אַנטלאָפֿן געוואָרן אין סטעפּ.

דער רעגן האָט זיך צו ביסלעכווייז איינגעשטילט. פֿון צווישן די אָפּ־געריסענע שטיקער וואָלקנס האָט זיך באַוויזן די אַרגענטינישע זון און כּו־ליטאָ, וואָס איז די גאַנצע צייט געלאָפֿן, ווי אַ יונגער הירש, האָט זיך דער־פֿרייט מיט איר און געקלערט, אַז איצט וועט אים זיין אַ סך גרינגער צו אַנטלויפֿן פֿון דעם גרויזאַמען אָרט, ווו טאַטע־מאַמע זענען אומגעקומען און איבערגעלאָזט אים איינעם אַליין.

ווען ער איז אָנגעקומען טיף אין סטעפּ, איז דאָרטן דאָס ווילדע גראָז געשטאַנען אין אַן עפּל־גרינעם קאָליר. אַ מידער איז כּוליטאָ צוגעגאַנגען צו אַ באַגראָזטן בערגל, אויף אים אויסגעצויגן זיך מיטן פּנים אַרויף, פֿאַרמאַכט די אויגן אַנטקעגן דער זון און איז אַנטשלאָפֿן געוואָרן. פֿאַרנאַכט, אַז כּוליטאָ האָט זיך ענדלעך אויפֿגעכאַפּט און געעפֿנט די אויגן, האָט ער באַמערקט, אַז פֿון וויטן ערגעץ אויפֿן האָריזאָנט, האָט זיך געצויגן אַ גרויער, געדיכ־טער רויך צום הימל. דערפֿון איז אים געוואָרן פֿריילעכער אַ ביסל אויפֿן האַרצן. לויט זיין באַגריף האָט ער געוווּסט, אַז דאָרטן ביים פֿייער זיצט עמע־צער. און כאָטש ער האָט זיך אַ ביסל געשראָקן פֿאַר דעם נישט געזעענעם מענטשן, פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך ווי אַן אָטעם געלאָזט לויפֿן אַהין.

ווען ער האָט דערגרייכט דאָס אָרט פֿון וואַנען דער רויך איז געגאַנגען, האָט כּוליטאָ אַ פֿאַרוווּנדערטער געזען: אַן אַלטער גאַוטשאָ מיט אַ פֿאַרוואַקסן פּנים, לאַנגע, גרויע וואָנצעס און מיט אַ ברייטן, שטרויענעם סאָמברעראָ אויפֿן קאָפּ, איז געזעסן ביים פֿייער. די פֿיס אונטערגעשאַרט אונטער זיך. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע צווייג, אויף וועלכער ס׳איז גע־האָנגען אַ שטיק פֿלייש, וואָס ער האָט אַזוי אַרום געבראָטן איבערן פֿייער. נישט ווייט פֿון דאַנען איז געשטאַנען אַ קאַשטאַנעוואַטער פֿערד און געצופּט דאָס גראָז. דער גערוך פֿון געבראָטענעם פֿלייש האָט אויפֿגערייצט כּוליטאָס גומען און אים דערמאָנט, אַז ער איז שטאַרק הונגעריק.

אָפּריִער האָט אים דער אַלטער גאַוטשאָ נישט באַמערקט. אָבער ווען ער

האָט אויפגעהויבן די וואַסערדיקע אויגן און דערזען, אַז אַ קינד איז געשטאַנען אין סטעפּ, איז דער גאָוטשאַ אַ ווײַלע געבליבן זיצן מיט אַ צעעפֿנט מויל און מיט מורא אין האַרצן. דאָס צווייגל מיטן פֿלייש איז אים אַרויסגעפֿאַלן פֿון די הענט און מיט שרעק אין קול האָט ער אָנגעהויבן שרייען אויפֿן ייִנגל:

— אָה, דיאָס! וואָס זע איך דאָ פֿאַר מײַנע אַלטע אויגן?! אויב דו ביסט אַ נישט-גוטער, טאָ גיי פֿון וואַנען דו ביסט געקומען!... נאָר אויב דו ביסט אַ מענטש פֿון בלוט און פֿלייש, טאָ קום צו נענטער. זײַ מײַן גאַסט. עס מײַן עסן און טרינק מײַן מאַטע!...

אין אָנהויב האָט זיך כוליטאָ געשראָקן פֿאַר דעם ווילד-פֿרעמדן מענטשן. איז ער אַ ווײַלע געשטאַנען פֿון דער ווײַטן און מיט אומצוטרוי געקוקט דעם אַלטן אין דעם צערונצלטן פּנים. ער האָט געוואָלט טרעפֿן צי דער אַלטער וועט אים קיין שלעכטס נישט טאָן. נאָר דערנאָך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט, איז צוגעגאַנגען צום פֿײַער, אַוועקגעזעצט זיך און אָנגעהויבן וויינען.

דער אַלטער גאָוטש האָט אים אין דעם נישט געשטערט. ער האָט בלויז מיט רחמנות אין די אויגן געקוקט אויפֿן ייִנגל און אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויען קאָפּ:

— וויין, וויין, מוטשאַטשאָ!... אַז איינער וויינט זיך גוט אויס ווערט אים גרינגער אויפֿן האַרצן... דאָס איז קיין וווּנדער נישט. ביים פּעאָן איז שטענדיק דאָס האַרץ אָנגעפּילט מיט לײַדן...

פֿון דעם אַלטנס פֿאָטערלעכע רייד האָט זיך כוליטאָ נאָך שטאַרקער צעוויינט. נאָר נאָך דעם האָט ער אַ טשמאַרע געטאָן מיטן נעזל, דאָס אָפּגעווישט מיטן אַרבל פֿון זײַן „רעקל" און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געפֿרעגט:

— דו וועסט מיך נישט אַוועקטרײַבן?... וועסט מיך לאָזן איבערנעכטיקן די נאַכט נעבן דיר?...

דער אַלטע גאָוטש האָט אַראָפּגענומען דאָס פֿלייש פֿון צווייגל און צעשניטן אויף צוויי גלײַכע חלקים:

— דו ביסט דאָך אַוודאי הונגעריק? נאַ, עס! דער סטעפּ איז ווילד און רײַך. ער פֿאַרלאָזט נישט קיינעם. עסן איז דאָ פֿאַראַן אַ סך און מאַטע צום טרינקען פֿעלט אויך נישט, אַז מען ווייסט נאָר ווו צו קריגן דאָס...

כוליטאָ האָט זיך צוגעכאַפּט צום עסן מיט אַזאַ גיריקייט, אַז ער האָט געביסן גרויסע שטיקער פֿלייש און כמעט נישט צעקייטערהייט אַראָפּגעשלונגען. דער אַלטער גאָוטש האָט מיט אַ ווינקל-אויג געזען, ווי דאָס ייִנגל האָט מיט ציטער אין די פֿינגער אַרײַנגעטאָן די שפּייז אין מויל און דאָס האַרץ האָט אים פֿאַרקלעמט. ער האָט אים אָבער גאָר נישט געזאָגט. נאָכן עסן האָבן זיך ביידע מענער אַוועקגעלייגט אויף די פּלייצעס און זענען אַנטדרימלט געוואָרן.

העט שפּעט, אַז זיי האָבן זיך אויפֿגעכאַפּט, האָט דער גאָוטש אויפֿגעלעבט

דעם כמעט אויסגעגאַנגענעם פּייער. אויף די טעלעכע האָלאָװעשקעס אַרױפגע־װאָרפן נאָך אַ פּאָר שטיקלעך האָלץ. אונטערן זודיקן אַש אונטערגעלייגט טעלעכע קאַרטאָפל צום באַקן און אָנגעהויבן רעדן צו כוליטאַן:

— הערסט, מוטשאַטשאָ? אייגנטלעך איז נישט מיין עסק, וואָס מענטשן וואַנדערן אַרום אין סטעפּ. יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענע אורזאַך. אַפילו איך אַליין בין דאָ דערפאַר, וואָס איך האָב מיט יאָרן צוריק געגעבן אַ קאַפּאַ־טאַז, דאָס וואָס אים האָט געקומט... און כ׳האָב געמוזט אַנטלויפן פון דער „האַסיענדאַ"... איז ווען דו וואָלסט געווען אַ גרויסער „האָמברע", וואָלט איך דיר אַפילו אַ וואָרט נישט געפרעגט הלמאי דו ביסט דאָ. אָבער דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ „כאַוועז", איז, זאָג אַן אַלטן גאַוטשאָ, פאַר וואָס דו ביסט אַנטלאָפן געוואָרן פון דיין היים?

כוליטאָ איז געזעסן ביים צעפלאַקערטן פייער, וואָס האָט מיט לאַנגע, ברענענדיקע צונגען געלעקט די נאַכטיקע לופט. יונגע ווינטעלעך זענען געקו־מען איינס נאָכן אַנדערן און צעקושט זיך מיטן שוואַרצן רויך, וועלכער האָט אין זיינע פאַלעס געטראָגן מיליאַנען גליאיקע פונקען צום הימל און זענען דאָרטן פאַרשוווּנדן געוואָרן. דער אַרום איז געווען אַזוי שטיל, אַז מען האָט דייטלעך געקאָנט הערן דאָס קוואַקען פון זשאַבעס ערגעץ אין אַ וויטן זומפּ און צוויסן געגעבן אַז די נאַכטיקע שעה איז שוין אַ שפּעטע.

כוליטאָ האָט פונקט ווי דער גאַוטשאָ אונטערגעבויגן די פיסלעך אונ־טער זיך און דערציילט פון אַלץ וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. בעתן רעדן האָט ער שוין מער נישט געוויינט און דערציילט אַקוראַט ווי אַ גרויסער מענטש. נאָר ווען מען וואָלט זיך גוט איינגעקוקט אין זיין פּנים, וואָלט מען זייער גרינג געקאָנט אַרויסלייענען פון זיינע אויגן, אַז קיין זאַך וועט נישט פאַר־שוויגן ווערן. אַז ער האָט פאַרענדיקט רעדן איז שוין געווען אַ שטיק נאָך האַלבער נאַכט. דער אויסגעוואַשענער הימל האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ טונקל בלויען מאַנטל. און די זיד־אַמעריקאַנישע לבנה אַ בלאַסע, מיט אַ פאַרכמורעט פּנים איז אַוועק אויף איר אומענדלעכן וועג אַ פאַרזאָרגטע און אַן אומעטיקע.

— יאָ! — האָט דער אַלטער גאַוטשאָ געזאָגט און אַ זיפץ געגעבן, — איבער אַן אונדזעריקן האָט מען דאָס געהיי... מען טוט מיט אונדז וואָס מען וויל... מען זויגט אויס דעם קליאַק פון די ביינער און טאָמער עפּעס וואָס, פאַרשמייסט מען אונדז צום טויט!... איז הער זיך איין, מיין זון. דער סטעפּ איז וויט און ברייט. מיט אַן אויג קען מען נישט כאַפּן זיינע ברעגן. אים האָט נאָך קיינער נישט איבערגעשפּאַנט צו־פוס. אַפילו אויף אויסצובאַהאַלטן זיך פון דער פּאָליציי איז פאַראַן ווו. נישט זייער וויט פון דאַנען געפינען זיך די הויכע און לאַנגע פּאַטאַגאָניער בערג, וווּ עס וואַנדערן אַרום נאָך אַ סך אַזעל־כע ווי דו ביסט. איז בלייבט דאָ איבער מיט מיר. וועסט זיין באַשיצט פון

בייז און הונגער. מיר וועלן אַרומוואַנדערן צוזאַמען און איך וועל דיך אויס־לערנען ווי צו זיין אַ גוטער סטעפּ־יונג.

אויף מאָרגן. דער באַהיזאַ בלאַנקער סטעפּ האָט זיך געצויגן אומענדלעך ווי אַ ים. אין מזרח־זייט איז שוין די זון אויפגעגאַנגען און אָפּגעפאַרבט די גאַנצע „פּאַמפּאַ" אויף גאָלד. און אויף די ווילדע גראָז־צינגעלעך זענען געזעסן זילבערנע טוי־טראָפּנדלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי די קעפּעלעך פון „בור־לאַווקעס" ביי אַ שיין מיידל אין אַ גרינער לענטע.

כוליטאַ האָט געעפנט די אויגן און דערזען, אַז נישט ווייט פון אים איז געשטאַנען אַ יונגער אָגער מיט ריינע, מוסקולירטע פיס, קליינע אָנגעשפּיצטע אויערן און קיילעכדיקע, קלוגע שוואַרצע אויגן. זיין אויסגעגאָסענע פעל איז געווען אַ שוואַרצע, אַ גלאַטע און אַ גלאַנצנדיקע ווי אַ סאַמעט, וואָס האָט זיך אַלע ווײַלע אַ רונצל געטאָן און געבליאַסקעט אונטער דער זון, ווי אַ ליכ־טיקער שפּיגל.

ווען דער אַלטער גאַוטשאָ, וואָס האָט זיך געפּאַרעט אַרום זיין אייגענעם פערד, אַ רויטער מיט ווייסע פליאַמעס אויף ביידע זייטן בויך, האָט באַמערקט, אַז כוליטאָ איז שוין אויפגעשטאַנען, האָט ער אים אַ רוף געגעבן צו זיך:

— העי, מוטשאַטשאָ, קום נאָר אַהער!

כוליטאָ איז אויפגעשפּרונגען פון דער ערד און איז אַ געהאָרכזאַמער צוגעקומען און געפרעגט:

— וואָס פּאַרלאַנגסטו, פּאַפּיטאָ?

דער אַלטער האָט אַפּריער אַ קוק געגעבן אויף דעם יונגן, שיינעם אָגער און דערנאָך מיט אַ געניט אויג אָפּגעמאָסטן כוליטאָן פון אונטן אַרויף און אַ שמייכל האָט זיך צעוויגט אין זיינע לאַנגע און גרויסע וואָנצעס:

— אָט האָב איך דיר געבראַכט אַ יונגן בחורעץ!... איז גיב אויף אים אַכטונג. אָבער זע, אַז דו זאָלסט אויסוואַקסן אַזוי שטאַרק און פלינק ווי ער איז... נעם אויך אָט דאָס מעסער, האַלט אים שטענדיק ביי זיך אין גאַרטל און דו זאָלסט געדענקען, אַז אינעם סטעפּ איז דאָס פערד און דאָס מעסער דיינע בעסטע פריינד...

פאַר דער מתנה האָט ער דעם אַלטן גאַוטשאָ אַ קוש געטאָן אין האַנט. דערנאָך האָט כוליטאָ דאָס קלינגל פון קינזשאַל צוגעדריקט צום האַרצן און אין דער רגע איז אים אין מוח געבוירן געוואָרן אַ געדאַנק, אַז מיט דעם זעל־ביקן מעסער וועט ער ווען עס איז דורכשטעכן דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז'ס פאַרשטיינערט האַרץ.

געוויס האָט כוליטאָ אַלע מאָל געחלומט פון אַרומפּאָרן רייטנדיק אויף אַן אייגענעם פערד. האָט ער איצט דעם אָגער אַ צאַרטן גלעט געגעבן איבער דעם פערדס לאַנגן, סאַמעטענעם האַלדז און ביי זיך אונטער זיינע קליינע פינגער דערפילט דעם פערדס צאַפּלדיקע וואַרעמקייט. דערנאָך האָט ער זיך

אויף אים אַרויפגעכאַפּט רייטנדיק. דער אָגער האָט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט און אַ טראָג געגעבן זיך איבערן סטעפּ, ווי אַ שטורעם־פויגל. ער איז געלאָפן מיט אַן אויפגעהויבענעם עק, מיט א צעפלאָשעטער גריווע און מיט אַ שטאָלצן, פאַררייסענעם קאָפּ אין דער הויך. און דער אַלטער גאַוטשאָ, אַ פריי־דיקער, וואָס כוליטאָ איז געזעסן אויפן סוס, ווי אַן אַריינגעוואַקסענער אין דעם אָגערס רוקן, האָט פון ווייטן אַ צעשטראַלטער געשריִען:

— העי, מוטשאַטשאָ! האָב נישט קיין מורא! האַלט די גריווע מיט דער לינקער האַנט! דער בחורעץ איז אַ קלוגער און וועט דיך נישט אַראָפּוואַרפן!...

אין מיטן טאָג האָט זיך כוליטאָן מיטן אַלטן פאַרוואָלט עסן. האָט דער גאַוטשאָ אַריינגעשטעקט זיינע גראָבע פינגער פון די הענט אינעם ברייטן, שוואַרצן רימענעם פּאַס, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט ווייסע, בלעכענע צאַצ־קעס. ער האָט פאַרזשמורעט דאָס רעכט אויג און כיטרע אַ קוק געטאָן אויפן יִינגל:

— זאָג מיר נאָר, מוטשאַטשאָ, וואָס פאַר אַ פלייש ווילסטו היינט עסן? רינדערנע, שעפּסענע צי קעלבערנע?... נישקשה, קאָנסט דאָ אויסקלייבן וואָס פאַר אַ פלייש דו ווילסט...

— רינדערנע! — האָט כוליטאָ אַ פריילעכער געענטפערט.

תיכף האָבן זיי זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע ריסאָווע פערד און אַוועק־געריטן טיף אין דער פּאַמפּאַ, ווו צענדליקער טויזנטער בהמות האָבן זיך געפּיטערט. נישט ווייט פון דער ריזיקער טשערעדע האָבן זיי זיך אויף אַ ווילע אָפּגעשטעלט און דער גאַוטשאָ האָט כוליטאָן געגעבן די ערשטע איג־סטרוקציע:

— איצט וועל איך דיך אויסלערנען ווי מען דאַרף אַרבעטן מיט אַ מע־סער. הער זיך איין מיט קאָפּ!... קודם דאַרפסטו שטענדיק געדענקען, אַז מיט אַ מעסער אין דער האַנט מוז מען זיין זייער געשיקט. איז ווען דו שפּרינגסט צו האָרט צו אַ בהמה, האַק פון איר אָפּ אַ שטיק הינטן־פלייש און טראָג זיך גלייך אָפּ פון איר. טאָמער נישט, וועט די ווילד־געוואָרענע בהמה מיט אירע שאַרפע הערנער דורכלעכערן דייַן פערדס בויך...

נאָך דער „לעקציע" האָבן זיי אַ זעץ געגעבן די פערד אונטער די בייכער. די סוסים האָבן זיך ראַפּטום אַ צי געגעבן פון די ערטער. פאַרסאָפּעטע אַריינ־געלאָפן אין דער געדיכטער טשערעדע און אַנטקעגן דער צעגליטער זון האָבן צוויי קינזשאַלן אַ בליאַסק געטאָן און צוויי בהמות האָבן זיך שרעקלעך צומוהוקעט. פונעם פּלוצעמדיקן ווייטיק זענען זיי ווילד געוואָרן און מיט פאַר־ריסענע עקן געלאָזט זיך לויפן איבערן סטעפּ. מיט די הערנער האָבן זיי אויפ־געריסן שטיקער ערד און דאָס געוואָרפן אין דער לופטן. איינע איז אַנטלאָפן געוואָרן אַזוי ווייט, אַז מען האָט שוין נישט געקאָנט זען, וואָס פון איר איז

געוואָרן און די אַנדערע האָט זיך מיט די הערנער איינגעראָיעט טיף אין דער ערד און געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך.

שפּעטער אַ ווײַלע, אַז כוליטאַ מיטן אַלטן גאַוטשאַ זענען שוין געזעסן אַרום דעם פּײַער און אויף צווייגעלעך געבראָטן דאָס פלייש, וואָס זיי האָבן אָקאָרשט אָפּגעהאַקט פון די לעבעדיקע בהמות, האָט דער אַלטער אָנגעקוואָלן פון כוליטאָן:

— דו הערסט, מוטשאַטשאָ? איך רעכן, אַז דו וועסט זיין אַ ווילער טשי-קיטאָ!... ווערליק ווי איך האָב געזען, אַרבעטסטו מיטן מעסער נאָך בעסער פון מיר, כאָטש איך בין שוין געניט אויף דעם...

כוליטאָ האָט געבראָטן דאָס פלייש, געדרייט דאָס צווייגל איבערן פּײַער אַהין און אַהער און דערביי געטראַכט: ווען ער וועט ווערן אַ גרויסער, אַ גע-זונטער, מיט אָנגעגאָסענע מוסקולן, ערשט דעמאָלט וועט ער ווײַזן דעם דאָן כאָסע אַלווארעז וואָס ער קאָן טאָן מיט אַ מעסער... דאָס איז געווען דער ערש-טער, באמתדיקער קערנדל, וואָס האָט אויפגעבליט אין דעם יינגלס מוח. דער ערשטער אמתדיקער אָנזאָג אויף נקמה, וואָס אָנגעהויבן אויפּטויכן ביי אים אין האַרצן און אויפגעוועקט אַ שטאַרקן באַגער, וואָס גיכער צו ווערן אַ גרוי-סער און אָפּרעכענען זיך פאַר טאַטע-מאַמע.

נייע מענטשן אין סטעפּ

אַז מען וויל איז אַכט יאָר אַ לאַנגע צייט און אַ סך מאָל איז דאָס נישט מער ווי אַ קורצע ווײַלע. דורך די אַכט יאָר, וואָס זענען פאַרלאָפן זינט כוליטאָ האָט פאַרלאָזט זיין אַמאָליקע „היים״, איז ער אויסגעוואַקסן אַ הויכער, אַ פעסט-געבויטער סטעפּ-יונג, מיט ברייטע פּלייצעס און לענגלעכן פּנים פון אַליוו-קאָליר. ער איז געוואָרן געזונט ווי אַ דעמב און פלינק ווי אַן אַרגענטי-נישע ווילדע פּאַנטערע.

די גאַנצע אַכט יאָר האָט דער סטעפּ-יונג כמעט נישט אויפגעהערט צו טראַכטן פון זיין פאַרשמיסענעם טאַטן און פון זיין מאַמען, וואָס איז אויסגע-גאַנגען פון הונגער. און מיט יעדן ניי-אָנגעקומענעם טאָג האָט זיך אין אים אַלץ מער און מער צעשפּילט דער באַגער צו נעמען נקמה פאַר זיי. און כאָטש ער האָט די ברויזנדיקע געפילן נישט איין מאָל פּרובירט צו צאַמען, האָט דאָס אים אָבער ווינציק וואָס געהאָלפן, ווייל ביי אים איז גאָר אויסגעוואַקסן אַ מין הייליקע פליכט, וואָס ער האָט געשטרעבט דורכצופירן.

פון די ווייטע אַרגענטינער מדבריות, וואָס זענען אין דער מיטן געווען איבערגעהאַקט מיט דער לאַנגער קייט פּאַטאַגאָניער בערג, האָבן זיך פּלוצעם

באַוויזן אַ כאַפּטע אינדיאַנער יונגען. געקומען זענען זיי צו רייטן אויף נידעריקע פּערדלעך, וואָס האָבן געהאַט לאַנגע עקן און טיף אַראָפּהענגענדיקע גריווע. די יאַטן האָבן געטראָגן אויף זיך געבלימלטע „פּאָנטשאָס“ מיט פרענדזן ביי די ברעגן און צעפּאָרענע ברייטע, שטרויענע סאָמברעראָס אויף די צעפּאַטלטע קעפּ. זייער פירער, וואָס האָט געהייסן פּעליפּע, אַ יונג פון אַרום צוויי און צוואַנציק יאָר, מיט אַ צעפלאַמטער טשופּרינע, וואָס איז אים אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם שטרויענעם הוט און אַריינגעפאַלן אין די שוואַרצע אויגן, איז געריטן אַ ביסעלע פאָרויס.

מיט פאַרווינטיקטע פּנימער האָבן זיך די חברה אָפּגעשטעלט נעבן כוליטאָן און דעם אַלטן גאַוטשאָס ביידלעך, און ביי כוליטאָן האָבן זיך צעפינקלט די ברענענדיקע, שוואַרצע אויגן:

— „קאָמאָ עסטאַן אַמיגאָס“? — וואָס טוט איר דאָ ביידע אין דער פּאַמפּאַ?

כוליטאָ האָט אַ ווײַלע באַטראַכט די פּלוצעמדיקע געסט און איבערהויפּט זייער וואָרטזאָגער, וועלכער איז נאַכלעסיק געזעסן אויף זיין פערדל און מען האָט געקענט זען, אַז פּעליפּעס אויגן האָבן אָנגעקוואָלן פון כוליטאָס הויכן און געזונטן אויסזען:

— אָט! מיר זענען שוין דאָ יאָרן און יאָרן. אָבער פון וואַנען קומט איר דאָס אַהער און ווער זענט איר?...

פּעליפּע איז אַ פלינקער אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין פערדל, אַראָפּגענומען די ביקס פון פּלייצע, אַרויסגעצויגן דעם לאַנגן קינזשאַל פון ברייטן, רימענעם פּאַס אַרום די לענדן און אַריינגעהאַקט דעם שפּיץ קינזשאַל אין דער ערד, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ צייכן פון פרידן און נאָך אַלץ אַ פריילעכער געענטפערט:

— מיר וואַנדערן אַזש פון טיערראַ דעל פּועגאָ. דאַרפסט וויסן זיין, אַז דאָס איז דער פאַרוואָרפנסטער געגנט פון דער וועלט!... דאָרטן הייבט זיך אָן דער „פּאָלאָ סוד“. אין יענעם געגנט איז פאַראַן אַזאַ טורמע, וואָס איז נאָך שרעקלעכער, ווי מען זאָגט, פון דעם „אַלקאַטראַז“... מיט אַ צייט צוריק זענען מיר אַנטלאָפן געוואָרן פון דאָרטן. אויפן וועג האָבן מיר פאַרכאַפּט עטלעכע ביקסן מיט פערד און — אָט זענען מיר!... אָבער ווער איז דאָס דער וויעכאָ דאָרטן? — האָט ער אָנגעוויזן מיט אַ פינגער אויפן אַלטן גאַוטשאָ, וואָס איז געלעגן אויפן ווילדן גראָז, געראויכערט אַ „סיגאַריזשאָ“ און מיט פאַרדאַכט געקוקט אויף דער כאַפּטע רייטער.

— אָה! — האָט זיך כוליטאָ אָנגערופן אַ שמייכלענדיקער און געוויזן, אַז ער איז גראָד געווען צופרידן מיט די נישט־געבעטע געסט — דאָס איז מיין אַלטער אַמיגאָ. ער איז כמעט ווי מיין אייגענער טאַטע. אַוודאי קאָנט איר בלייבן דאָ מיט אונדז צוזאַמען, אָבער מיט איין תּנאַי, אַז וואָס איך צי דער

אַלטער גאַוטשאָ וועלן איך הייסן טאָן — זאָלט איר נישט פרעגן קיין פראַגן און פּאָלגן.

אויך די אַנדערע אינדיאַנער־יונגען האָבן אַוועקגעלייגט די ביקסן נעבן כוליטאָס פיס און אַריינגעשטאָכן די קינזשאַלן אין דער ערד, וואָס האָט געמיינט, אַז זיי זענען מסכּים מיט זייער פירער. און פעליפּע האָט אַ צופרי־דענער געענטפערט בלויז מיט צוויי געציילטע ווערטער:

— בוענאָ, האָמברעז!...

נאָך דעם ווי די אינדיאַנער זענען געקומען, האָבן אַהער פאַרבלאָנדזשעט זיבן אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע מענער, וועלכע זענען געווען אין די צוואַנציקער יאָרן. זיי זענען געווען פּעאָנען מיט הונגער אין די אויגן און פאַר־טריקנטע ליפּן פון דורשט. די פּאַנטאַלאָנעס — צעריסן און עס האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע פאַרברוינטע לייבער, די ביינערדיקע קני, און כוליטאָ האָט זייער גרינג געקאָנט דערקענען, אַז די מענטשן זענען נישט לאַנג צוריק דורכ־געגאַנגען אַ העפטיקן קאַמף מיט דער פּאָליציי אָדער מיט אַ פריצס געדונגענע „הענט", וואָס האָבן מסתמא נאָכגעיאָגט די פּעאָנען און פאַרפירט מיט זיי אַ געשלעג.

ווי בעטלער, מיט צעפליקטע שטרויענע היט אין די הענט זענען זיי אַראָפּ פון די פערד און מיט געבעט אין די צעווילדעוועטע אויגן געבליבן שטיין נעבן דעם גרויסן פייער אַרום וועלכן כוליטאָ מיט די איבעריקע יאַטן זענען געזעסן, געגעסן היפּשע פּאַרציעס פלייש און פאַרטרונקען מיט מאַטע:

— „בוענאָס טאַרדעס, סעניאָרעס" — האָט דער עלטערער פון זיי געזאָגט מיט הכנעה אין קול — מיר זענען הונגעריק און דורשטיק, אפשר קענט איר אונדז געבן עפּעס צו עסן און טרינקען?

די לעצטע ווערטער האָבן כוליטאָן אַ שניט געטאָן אין האַרצן. אין דער רגע האָט ער זיך דערמאָנט, ווי דער טאַטע זיינער איז מיט יאָרן צוריק גע־שטאַנען ביים דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין דער האַסיענדא און פונקט ווי דער איצטיקער עלטסטער פון די יונגען, וועמען מען האָט גערופן אַנטאָניאָ, אויך געבעטן אַ ביסעלע מעל אויף דורכצוקומען דעם ווינטער, איז כוליטאָ אויפגע־שטאַנען פון דער ערד, צוגעקומען צו אַנטאָניאָן און אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף יענעמס אַקסל:

— ווי רופט מען דיך?

— אַנטאָניאָ דער „פערד".

— הער זיך איין, אַנטאָניאָ. מיר זענען נישט קיין סעניאָרעס, מיר זענען אַזעלכע אומגליקלעכע און באַליידיקטע פּעאָנען ווי דו ביסט. איר קאָנט אַלע בלייבן מיט אונדז ווי איין משפחה. זעצט זיך אַוועק ביים פייער, עסט און טרינקט וואָס עס איז פאַראַן און אַז מען וועט דאַרפן, וועלן מיר קריגן נאָך שפּייז, זאָרגט זיך נישט...

— גראַסיאַס! גראַסיאַס! — האָבן די ניי צוגעקומענע געענטפערט און צוגעכאַפּט זיך צו דער אַכילה.

שפּעטער האָט זיך די גאָלדענע זון אָנגעהויבן קייקלען באַרג־אַראָפּ. אירע הייסע שטראַלן זענען געוואָרן מילדערע און דער סטעפּ האָט אָנגענומען אַ שטילן און סומנעם אויסזען. די גרינע ווילדע גראָזן זענען איצט נאָך גרינער געוואָרן ווי ביי טאָג. די לופט — שיטערער און עס האָט אויסגעזען, ווי די גאַנצע פּאַמפּאַ וואָלט געהאַלטן אין אַנטשלאָפן ווערן מיט אַ טיפן און ווייטן שלאָף. און דער העל־גרויער רויך, וואָס האָט צום הימל געטראָגן מיליאָנען פונקען, האָבן אין דער פאַרנאַכטיקער טונקלקייט אַ לעצטן צאַפּל זיך געטאָן, אויף אַ רגע אַ צונד געגעבן זיך מיט פּיצינקע אויפגליונגען און זענען גלייך אויסגעלאָשן געוואָרן, און אויף זייער שטייגער געלאָזט וויסן די פּעאָנען, אַז דער טאָג איז שוין פאַרביי און די נאַכט האַלט אין אָנקומען.

כוליטאָ האָט מיט זיין שפּיץ מעסער אַרויסגעקאַלופּעט די שטיקער בלאַטע ביי זיך פון אונטער די נעפּל פון זיין לינקער האַנט און אַ פאַרשנדיקן קוק געגעבן אויף אַנטאָניאָן דעם „פערד“:

— אַנטאָניאָ — האָט ער אים געפרעגט, מחמת יענער האָט זיך גלייך נאָכן עסן אויסגעצויגן אויפן גראָז און געהאַלטן אין איינדרעמלען — פון וואַנען קומט איר דאָס איצט און ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר זאָלט זיך פאַרנעמען אויף דעם באַהיאַ בלאַנקאַ־סטעפּ?...

פון כוליטאָס פראַגע איז אַנטאָניאָ נישט אויפגעשטאַנען, נאָר געבליבן ליגן אין דער זעלביקער פּאָזע וואָס פריער. ער האָט בלויז געעפנט די אויגן, אַ ווײַלע געקוקט ערגעץ אויפן הימל און דערנאָך פון צווישן די געזונטע ציין אַרויסגעשפּריצט אַ שיטערן שטראָם שפּייעכץ:

— „קאַראַכאָ“! ס׳איז אַן אַלטע מעשה. מיר אַלע האָבן געדינט ביים סענאָר, דאָן לויס דעל אַלוואַראַדאָ סורדענאַס, וועלכער האָט זיינע גיטער און פּאַלאַץ אַרום צען קילאָמעטער הינטער באַהיאַ בלאַנקאַ. דער סעניאָר איז געווען אַ בייזער, ווי אַ ווילדע חיה, און דערצו נאָך אַ קאַרגער ווי אַ הונט!... אַרום זעכציק פּעאָנען זענען מיר דאָרטן געווען, געאַרבעט פון זון־אויפגאַנג ביז זון־אונטערגאַנג. ער האָט אונדז צוגעזאָגט צאָלן צו פופציק סענטאַוואָס אַ וואָך, פאַרשטייט זיך, אַז מיט עסן און טרינקען, מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַנדערע גליקן. זענען אָבער דורכגעגאַנגען אַ יאָר נאָך אַ יאָר. מיר אַלע האָבן געלעבט צוזאַמען אין אַ גרויסן שטאַל ווי די חזרים. קיין געלט האָט ער נישט געגעבן און דאָס עסן איז געווען אויפן שפּיץ מעסער. די מאַטע וואָס מיר האָבן געטרונקען האָט כסדר געשמעקט מיט טוכלע און מען האָט דאָס נישט געקענט נעמען אין מויל. דער וויין איז געווען געמישט מיט וואַסער, און קיין פערד אויף צו פאָרן אין שטאָט, כדי כאָטש פון ווייטן אָנצוקוקן אַ סעניאָריטאַ, האָבן מיר נישט געהאַט. געזען אַז ס׳איז שלעכט, אַז מיר וועלן פון

אים קיין מאָל קיין געצאָלט נישט קריגן, האָבן מיר זיך אָפּגעטיילט פון די אַנדערע פּעאָנען און אין אַ פינצטערער נאַכט אַרויסגעפירט פון קאָראַל זיבן פערד. ביים סעניאָר אין פּאַדערשטוב „צוגעצויגן" זיבן ביקסן, עטלעכע קעסט־לעך מיט קוילן, קינזשאַלן מיט פּאַנטשאָס און דוכט זיך אין דער שטיל אַרויס־געפאָרן פון דער האַסיענדאַ...

אָבער ווי נאָר מיר זענען אָפּגעריטן וואָסערע פינף, צי זעקס קילאָמע־טער פון דאָרטן, האָבן מיר דערהערט דאָס מאָנאָטאָנע קלאַפּן פון פערדישע קלאָען הינטער אונדז. האָבן מיר אָנגעהויבן צו יאָגן אונדזערע פערד, אַז זיי זאָלן לויפן וואָס גיכער. נאָר עס האָט אָפּנים נישט געהאָלפן. ווייל אין אַ שעה אַרום האָבן אונדז אָנגעיאָגט אַ כאָפּטע פון דעם פריצס מענטשן מיט דעם קאַפּאַטאַז אין דער שפּיץ און געגומען שיסן. האָבן מיר באַלד אַראָפּגעכאַפּט די ביקסן פון די פּלייצעס, זיי אויף גיך אָנגעלאָדן און צוריקגעענטפערט מיט פייער אויף פייער. אָפּנים אַז זיי זענען קיין גרויסע שיסער נישט געווען, ווייל אין מיטן דער שלאַכט האָבן די מערסטע פון זיי אַוועקגעוואָרפן די ביקסן און אַנטלאָפן געוואָרן.

פון די ווייטע בערג האָט זיך אָהער דערקייקלט דאָס טרויעריקע און פאַר־גייענדיקע וואָיען פון אַ קאַיאָטע, וואָס האָט זיך געצויגן לאַנג און אימהדיק איבערן סטעפּ, און אָנגעפילט די הערצער פון כוליטאָס חברה מיט אַ נאָגנדיקן אומעט און בענקעניש נאָך אַ היים, אַ שטוב, נאָך אַ וואַרעם און גלאַט לייב פון אַ פרוי, וואָס האָט שטענדיק געררייצט די פּאַנטאַזיעס פון יעדן יונג אין דער ווילדער, טראָפּישער פּאַמפּאַ און נישט געלאָזט די מענער טראַכטן פון עפּעס אַנדערש.

— אַהאַ! האָט דער אַלטער גאַוטשאָ אַ דראָבנעם לאָך געטאָן, ווי אים וואָלטן די סאָרטן געשיכטעס פון שלעכטע פריצים אין די האַסיענדאָס געווען זייער גוט באַקאַנט — הייסט דאָס, אַז איר האָט שוין געהאַט גענוג צרות. זאָלט איר וויסן זיין קינדערלעך, אַז פון צרות קאָן מען נישט נאָר געלייטערט ווערן, נאָר מען קאָן פון זיי אַ סך לערנען. איך וואָלט אייך געעצהט, אַז איר זאָלט בלייבן דאָ אין סטעפּ. די פּאַמפּאַ איז זייער רייך, קיין עסן און טרינקען פעלט נישט. און זיין צוזאַמען איז פיל בעסער און געזיכערטער איידער צו זיין אַליין, אַ קליין הייפל...

כוליטאָ האָט דעם אַלטן גאַוטשאָ ווייטער נישט געלאָזט רעדן:

— וויעכאָ, שיט נישט קיין זאַלץ אויף די וואונדן! דו האָסט דאָך אַליין גע־זאָגט, אַז מענטשן וואַנדערן אַרום אין סטעפּ, ווייל יעדער איינער האָט זיך זיין אייגענעם „פאַר וואָס". דאַרף מען ביי קיינעם נישט פרעגן קיין אורזאַך. הלוואי זאָלן צוקומען נאָך הונדערטער און הונדערטער אַזעלכע אומגליקלע־כע, פאַריאָגטע און אַנטלאָפענע פּעאָנען. אָבער איין זאַך, דו ביסט גערעכט.

צו זיין אַליין איז אַזוי ביטער ווי צו זיין איין גרעזעלע אין אַ זאַמדיקן מדבר, ווו די שאַרפע ווינטן ווילן דאָס נאָר אַרויסרייסן פון איר באָדן...

מיט אַ מאָל האָט זיך דערטראָגן דאָס קלינגען פון גלעקלעך. סיי כוליטאָ מיטן אַלטן גאַוטשאָ און סיי פעליפע מיט אַנטאָניאָן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס גייט ערגעץ אַ קאַראַוואַן צו, אָדער פון דער פּאַטאַגאָניער פּאַמפּאַ. האָבן זיי זיך אויף אַ ווײַלע איבערגעקוקט איינער מיטן אַנדערן און אויף גיך באַגריפן, אַז כדי אויפצוהאַלטן זעכצן מענטשן דאַרף מען האָבן מיטלען און קיין געלט דערצו האָבן זיי נישט. האָבן זיך אַלע יונגען אַ חוץ דעם אַלטן אויפגעריסן פון דער ערד. מיט די פיס פאַרטאָפּטשעט דאָס פייער, דערשטיקט דאָס לעצטע ביסל רויך, געכאַפּט די ביקסן אויף די פּלייצעס, פאַררוקט די קינזשאַלן אין די ברייטע גאַרטלען, אַרויפגעשפּרונגען אויף זייערע פלינקע פערד און רייטנ־דיק אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ האַסטיקן גאַלאָפּ צום אָרט פון וואַנען די גלעק־לעך־קלאַנגען האָבן זיך געטראָגן.

ווען זיי האָבן דערגרייכט די זאַמדיקע קאַלייע, וואָס האָט זיך געדרייט און געשלענגלט פון די פּאַטאַגאָניער בערג אָן און פאַרפאַלן געוואָרן ערגעץ אין דער היגער פּאַמפּאַ, האָט זיך פון דער אַנטקעגנדיקער ווייטקייט אַרויסגעַ־שיילט אַפּריַער אַ צוגעמאַכטע קאַרעטע, וואָס איז געווען צוגעשפּאַנט צו זעקס פּאָר פערד נאָשפּיץ. אויף איר קאָזלע זענען געזעסן דער אַנטרייבער, וואָס האָט אין ביידע הענט געהאַלטן די לאַנגע זעקס פּאָר לייצעס און ביי זיינע ביידע זייטן עפּעס אַ קאַפּאַטאַז און אַ פּאָליציסט, מיט אויסגעשפּרייטע ביקסן אויף די קניען. הינטער דער קאַרעטע האָבן זיך נאָכגעצויגן פינף אָנגעלאָדענע וועַ־געַנער מיט „ווערכן". די שמייסער האָבן אויסגעזען צו זיין פּשוטע פּעאָנען, אָן ביקסן. זיי זענען געזעסן אויף די וועגענער פּאַסיווע און אומעטיקע, מיט אַרונטערגעלאָזטע סאָמבעראָס ביז איבער די אויגן כמעט און מידע, פון דער בייטאָגיקער היץ נאָך מסתמא, האָבן זיי קוים געצויגן מיט די לייצעס און פויל אונטערגעטריבן די פערד.

כוליטאָ, וואָס איז געריטן פאָרויס פון זיין מחנה, האָט זיך ראַפּטום אָפּ־געשטעלט און מיט שטרענגקייט אין קול באַפוילן זיינע יאַטן:

— מוטשאַטשאָס! איר זאָלט קיינעם נישט אָנרירן. מען דאַרף בלויז צו־נעמען אַ פּאָר וועגענער מיט סחורה און אָפּטראָגן זיך אויף צוריק. סיידן, סיידן עמעצער פון זיי וועט אָנהויבן שיסן אַפּריַער, דעמאָלט מעגט איר זיך פאַרטיידיקן. און איצט — וואַמאָס!

ער מיט די אַנדערע יונגען האָבן אַ יאָג געטאָן די פערד. די סוסים האָבן זיך צעיאָגט מיט אויסגעצויגענע העלדזער ווי סטרונעס. אין געלויף האָבן זיך די לאַנגע עקן מיט די גריוועס צעפלאָשעט אין דעם אַנטקעגנדיקן ווינטל. ווי פון אונטער דער ערד, האָבן די רייטער באַלד אַרומגערינגלט די קאַרעטע פון

אַלע זייטן. אויף אַ ווײַלע איז פֿונעם זאַמדיקן וועג אויפֿגעגאַנגען אַ געדיבטער שטויב, וואָס האָט זיך אַרײַנגעריסן אין די נאָזלעכער.

— אַלטאָ! — האָט כּוליטאָ אַ געשריי געגעבן אַזוי אומדערוואַרט, אַז סיי דער פּאָליציימאַן און סיי דער קאַפּאַטאַז מיטן אַנטרייבער זענען צעטומלט געוואָרן. אויף גיך אָפּגעשטעלט די פֿערד און אויפֿגעהויבן די הענט אין דער הויך.

כּוליטאָ האָט בײַ זיי צוגענומען די צוויי ביקסן, דערנאָך אַן עפּן געטאָן דאָס טירל פֿון דער קאַרעטע. אינעווייניק זענען געזעסן צוויי רייכע גוטבאַזיצער. אַנטקעגן זיי — אַ מענטש פֿון מיטעלן וווקס, מיט דיקע און לאַנגע וואָנצעס, אַפּנים אַז דאָס איז געווען דער סוחר פֿון די פֿינף וועגענער מיט סחורה. מיט צעשראָקענע בליקן האָבן אַלע דריי „פּאַסאַזשירן" געקוקט אויף די באַנדיטן און עס האָט זיך אויסגעדוכט ווי די רײַזענדע וואָלטן זיך געבעטן, אַז מען זאָל זיי כאָטש לאָזן לעבן. נאָר מיט אַ מאָל האָט איינער פֿון כּוליטאָס חבֿרה אַ רעווע געטאָן:

— אַפֿוּעראַ!

די דריי „פּאַסאַזשירן" זענען אַרויס פֿון קאַרעטע. ערשט איצט זענען צוויי אינדיאַנער אַרײַן אינעווייניק און פֿון דאָרטן אַרויסגעטראָגן צוויי טשעמאָדאַנעס. נאָך דעם האָבן זיי בײַ די סעניאָרעס אויסגעליידיקט די קעשענעס, אַרויסגענומען אָנגעפּראָפּטע טייסטערס געלט, פֿון זייערע זשילעטקעס אַרויסגעצויגן גאָלדענע זייגערס מיט לאַנגע און גראָבע גאָלדענע קייטן, דערמיט אַ ווײַלע געשפּילט זיך און אָפּגעגעבן כּוליטאָן, וואָס האָט די זייגערס אַ וואָג געגעבן בײַ זיך אויף דער האַנט און אַ צופֿרידענער אַרײַנגעלייגט זיי צו זיך אין דער רימענער טאָרבע פֿון זאָטל.

אויך אַנטאָניאָ, דער „פֿערד", איז נישט געשטאַנען ליידיק. ער האָט געוואָלט ווײַזן כּוליטאָן, אַז ער איז נישט אַבי ווער און קאָן עפּעס אויך אויפֿטאָן. ער מיט זײַנע יאַטן האָבן אַראָפּגעטריבן די פֿינף שמייסער פֿון זייערע זיץפּלעצער. אַ פּאָר יונגע זענען דערוויל אַרויפֿגעקראָכן אויף די וועגענער, אָפּגעדעקט די ברעזענטן און געזען, אַז דרײַ פֿון די פֿורן זענען געווען פֿול מיט טייערע ווײַנען, מיט מעל, פֿאַרטיקע קליידער, שניטוואַרג און אַפֿילו גאַנצע זעק מיט זשערבאַ־מאַטע, האָבן זיי לאַנג נישט געטראַכט, גענומען די לייצעס אין די הענט און די דרײַ וועגענער אַראָפּגעקערעוועט פֿונעם וועג און פֿאַרבומען זיך צו כּוליטאָס „לאַגער".

פֿון דעם איבערפֿאַל אויף דעם „איינזאַמען קאַראַוואַן" איז בײַ כּוליטאָן אין „לאַגער" געוואָרן פֿריילעך און לעבעדיק. די חבֿרה האָט שוין געהאַט וואָס צו עסן און טרינקען און יעדער פֿון זיי האָט זיך דערפֿילט, ווי אַ באַרעכטיקטער מיטגליד פֿון דער באַנדע. צו זיי זענען כּמעט אַלע וואָך צוגעשטאַנען נאָך בייע פֿאַרשוינען, וואָס זענען געקומען נישט נאָר פֿון אַרום באַהיאַ בלאַנקאַ און

פון דער פּאַטאַגאָניער פּראָווינץ, נאָר אַפילו פון דער ווייטער לאַ־פּלאַטאַ, פון טשאַרקאַס און אַ פּאָר זענען געקומען אַפילו פון בוענאָס איירעסער געגנט גופא און איינגעגלידערט געוואָרן מיט אַלעמען צוזאַמען אין „לאַגער“, וואָס איז מיט זייער אָנקומען היפּש פאַרגרעסערט געוואָרן.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די מחנה איז אַזוי אויסגעוואַקסן, אַז ס'איז שוין געוואָרן אַ געפאַר צו בלייבן לענגער אין אָפענעם סטעפּ, ווו דער שונא וואָלט זיי געקאָנט גרינג באַמערקן. האָט זיך כוליטאָ, אין אַ פּאַרטאַג, געווענדט צו דער גאַנצער חברה:

— אַמיגאָס! מיר זענען שוין אַ גאַנץ גרויסע גרופּע. איז נישט גוט צו זיין מער אין דער אָפענער פּאַמפּאַ, ווייל עס קאָן קומען אַ טאָג, ווען די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמען, צי דאָס מיליטער גופא וועט דאָ אונדז כאַפּן און אויסשיסן ווי די הינט! איך דענק, אַז די בעסטע זאַך וואָלט געווען, ווען מיר פאַרקלייבן זיך אין די בערג, ערגעץ אין אַ טאָל, ווו מיר וועלן זיך אַ סך געזיכערטער איידער דאָ...

אין לאַגער איז געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט דייטלעך געקענט הערן ווי דער קעסל, וואָס איז געהאַנגען איבערן פייערן אויף צוויי אייזערנע אויערן, האָט זיך צעזאָדן און אַלע ווילדע אַרויסגעשאָסן פון זיך אַ ביסל וואַסער און אָפּגעשפּריצט די גליענדיקע האָלאָוועשקעס, וואָס האָבן זיך בעת־מעשה צע־זשיפּעט ווי גיפטיקע שלאַנגען און דער אַלטער גאַוטשאָ איז מיט אַ מאָל גע־וואָרן באַרעדעוודיק:

— דו, — האָט ער גערעדט צו כוליטאָן, — האָסט גערעדט קלוגע רייד, מיין זון. איך האָב שוין פון לאַנג געוואָלט זאָגן, אַז דאָ וועט מען אונדז מיט דער צייט אויסשעכטן ווי די בהמות. דאָס בעסטע אָרט איז טאַקע אין די פּאַטאַגאָניער בערג. איך בין דאָרט אַמאָל געווען. פאַראַן אין די בערג אַזאַ באַהאַלטענער טאָל, וואָס אַפילו די בעסטע שפּיר־הינט וועלן אַהין נישט קאָנען צוקומען.

דערויף האָבן אַלע צוגעשאָקלט מיט די קעפּ, אַז זיי זענען איינשטימיק צו פאָרן אַהין און פעליפּע, וואָס איז דאָ פאַררעכנט געוואָרן פאַר כוליטאָס „רעכטע האַנט“, האָט קורץ און שאַרף געענטפערט:

— „אי ענטאָנסעס, בוענאָ“! לאָמיר פאָרן אַהין וואָס גיכער!...

— „פּאָר עסטע“, — האָט אים כוליטאָ איבערגעשלאָגן די רייד, — עסט אָפּ, פאַרטרינקט מיט מאַטע און נישט מיט קיין ווייַן, כדי די קעפּ אייערע זאָלן זיין קלאָרע און איר זאָלט וויסן וואָס איר טוט... דערנאָך דאַרף מען פאַרנעמען אַלץ אויף די וועגענער. איר זאָלט אָבער נישט פאַרגעסן מיט צווייגן צו פאַרשאַרן און פאַרקערן אַלע שפּורן פונעם „לאַגער“...

אויפן וועג צו די בערג האָבן זיי, פון אַ גרויסער סטאַדע, פאַרנומען אַ היפּש ביסל בהמות. אָבער אויף אַ לאַנגער צייט האָבן זיי פאָרט נישט גע־

קאָנט קלעקן. האָט כוליטאָ נישט געלאָזט אויסשעכטן מער ווי אַ העלפט פון די בהמות. דעריבער, אַז זיי זענען שוין אָפּגעווען אַרום זיבן חדשים אין טאָל, האָבן זיך פון צייט צו צייט פון די בערג אַרויסגעלאָזט מחנות רייטער. מיט ווילדקייט אַריינגעריסן זיך אין די גרויסע טשערעדעס און אויף זייער פרימיטיוון אופן אָפּגעהאַקט שטיקער פלייש פון די לעבעדיקע בעלי־חי און דער אַרומיקער סטעפּ איז פאַרזייט געוואָרן מיט ווייסעביינער פון בהמשע סקעלעטן, וואָס האָבן אויסגעזען קיילעכדיק ווי רייפן, מיט פאַרוואָרפענע קעפּ אין דער זייט, און פוסטע אויגן־לעכער. בלויז אַרום די קלאַיען און אויף די עקן זענען נאָך דאָ און דאָרט פאַרבליבן צו עטלעכע האָר, וואָס האָבן זיך קוים, קוים באַוועגט אין ווינטל. און די איינזאַמע אָדלערס, צוזאַמען מיט די כל־המינים רויב־פייגל, וואָס זענען פריִער געווען מאָגערע, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קלובעס, זענען איצט פון דעם כסדרדיקן רויב געוואָרן פעטע, דיקע, שווערגופיקע און מער שוין נישט געהויבן זיך אַזוי פלינק אין דער לופטן צום פליִען, ווי אַמאָל.

אָבער כוליטאָ מיט זיינע יונגען האָבן זיך שוין מער נישט צופרידנגעשטעלט בלויז מיט פלייש און זענען נישט זעלטן באַפאַלן אַנדערע קאַראַוואַנען און צוגענומען פון זיי טייערע געוואַנטן, פוטערוואַרג, צירונג, געלט, וויינען, קעזן און גאַנצע קאַסטנס מיט ציגאַרעטן. אמת, מען מוז גלייך צוגעבן, אַז קיין פּשוטע גנבים זענען זיי נישט געווען. צו אַזאַ זאַך וואָלט זיי כוליטאָ נישט דערלאָזט. זיי האָבן דאָס אָנגערויבטע האָב און גוטס מערסטנטייל אָוועקגעפירט אין די וויטע דערפער, אין די שטעטלעך און אַ סך זאַכן צעטיילט צווישן די „פּעאָנען" און פּשוטע אַרבעטער מיט זייערע ווייבער און קינדער און כוליטאָס שם האָט זיך אַזוי צעקלונגען איבער די אַרומיקע קאַנטן, אַז אַלע מאָל, ווען ער מיט זיין מחנה האָט זיך באַוויזן אין אַ דאָרף צי אין אַ שטעטל, איז דאָרט געוואָרן יום־טובדיק. יונג און אַלט, מענער און פרויען און אַפילו קינדער האָבן מקבל־פּנים געווען די ליבע געסט און יעדער איינער האָט געשריגן:

— „וויוואַ כוליטאָ!" — — —

די פריידיקע סצענעס פון די איינוווינער פלעגן געוויינטלעך אָנהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז פון אַ זייטיקער גאַס, צי פון אַ דערבייִיק געסל האָבן זיך באַוויזן די רייטנדיקע זשאַנדאַרמען מיט די צופוס גייענדיקע פּאָליציאַנטן און אָנגעהויבן שיסן אויף די „באַנדיטן". ערשט דעמאָלט פלעגט כוליטאָ מיט זיינע פּעאָנען אָפּציִען אַפריִער אין די אַרומיקע פעלדער און פון דאָרטן ערשט פאַרנעמען זיך אין דער פּאַמפּאַ אויפן וועג צו די פּאַטאַגאָניער בערג, וווּ זיי האָבן זיך אויפגעהאַלטן אין אַן אויסגעבויגענעם טאָל, וואָס איז געלעגן הינטער די אויסגעקרימטע זייטן פון דריי פאַרשידענע בערג.

בלויז איין מאָל האָט געטראָפן אַן אומגליק. געווען איז דאָס ביים אַנ־

טלויפן פון אַ סקוואַדראָן זשאַנדאַרמען, וואָס זענען באַשטאַנען פון אַרום פערציק נפשות, מיט בליאַסקנדיקע קאַסקעס און גוטע ביקסן. דעמאָלט האָט זיך כוליטאַ מיט זיין גאַנצן „חייל" האַסטיק געטראָגן איבערן סטעפּ, געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די בערג. אָבער די זשאַנדאַרמען האָבן שטאַרק נאָכ־געיאָגט, געשאָסן אויף לינקס און אויף רעכטס. ערשט פּעליפּע איז געטראָפן געוואָרן פון אַ קויל און אַראָפּגעפאַלן פון זיין פערד אַ צעבלוטיקטער, מיט נאָך צוויי אינדיאַנער און איין פּעאָן, וואָס זענען אויך אַרונטערגעשאָסן גע־וואָרן פון זייערע זאַטלען.

דער זשאַנדאַרמסקער סקוואַדראָן האָט זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און דוכט זיך, באַראַטן זיך וואָס צו טאָן מיט די פאַרוווּנדעטע „באַנדיטן". אָבער באַלד האָט זיך דער סקוואַדראָן צעשטעלט אין צוויי גלייכע רייען, איינער היגטער דעם אַנדערן, אַ יאָג געטאָן זייערע הויכע, געזונטע סוסים, וואָס זענען מיט זייערע אייזערנע פּאַדקאָוועס אַרויפגעלאָפן אויף די געפאַ־לענע מענטשן און אין איין אויגנבליק צעטרעמפּלט זיי מיט די פיס. דערביי זענען די זשאַנדאַרמען געווען אַזוי אַכזריותדיק, אַז זיי האָבן זיך נישט באַ־גנוגנט בלויז מיט איין מאָל צו צעטרעמפּלען די קרבנות זייערע, נאָר זיי האָבן פאַרקערעוועט די פערד אויף צוריק און ווידער גענומען צו צעטאָפּ־טשען די מתים, כאָטש קיין סימן פון לעבן איז שוין ביי קיינעם פון זיי נישט געווען. דאָך זענען די זשאַנדאַרמען אַרומגעפלויגן הין און צוריק ביז פון די גופים זענען געבליבן נישט מער ווי צוואָרפענע שטיקלעך פלייש און, ווען אויף די שוואַרצע קלאָען פון די זשאַנדאַרמסקע פערד האָבן זיך געקלעפּט צו ברעקלעך מאַרך פון די הרוגימס קעפּ, ערשט דעמאָלט האָט זייער עלטסטער אַ זאָג געטאָן:

— „באַסטאַ"! זאָלן די רויב־פייגל האָבן אַ גוטע סעודה!...

כוליטאַ מיט די לעבן געבליבענע פּעאָנען האָבן זיך געוואָלט אומקערן צו־ריק און פּרובירן אָפּראַטעווען פּעליפּען מיט די דריי חברים, אָבער ווען די זשאַנדאַרמסקע פערד האָבן שוין צעטראָטן זיינע אַמיגאָס, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז ס'איז שוין געווען צו שפּעט פאַר דעם און געריטן אַלץ נענטער צו די פּאַטאַגאָניער בערג. זייערע קעפּ האָבן זיך געבאָמבלט ביי זיי אויף די ברוסט־קאַסטנס פון געפאַלנקייט, פאַרדרוס און פאַרלאָרנקייט.

פון די פּאַטאַגאָניער בערג האָט זיך מיט אַ מאָל באַוויזן אַ גרויסע און געדיכטע סטייען רויב־פייגל, מיט אַ פּאָר אָדלערס, וואָס זענען געפלויגן אַזוי גלאַט און גראַציעז, ווי זיי וואָלטן גאַרנישט באַוועגט זייערע מעכטיקע, צעשפּרייטע פליגל און עס האָט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ געהיימער כוח וואָלט זיי געטראָגן אין דער לופטן. כוליטאַ האָט פאַרריסן דעם קאָפּ צום בלויען הימל, מיט זיינע שאַרפע בליקן באַמערקט, ווי דער אָנפירער, אַן אָדלער, וואָס איז געשוועמען אין רוים אַ ביסל פאָרויס פאַר דער שייקע, האָט גע־

האַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד און זיינע שפּילדיקע קוקערס האָבן מסתמא געזוכט דאָס אָרט, ווו די הרוגים זענען געלעגן, און כוליטאָ האָט געוווּסט, אַז דאָס האָבן די רויב־פייגל דערשמעקט דעם טויט און שוועבן איצט נאָכן רויב, האָט ער אַראָפּגענומען פון קאָפּ דעם „סאָמברעראָ", אַ פּאָר מאָל איבערגעצלמט זיך און געפאָרן ווייטער.

ווייט אין די בערג זענען זיי נישט צורייגעריטן. נאָך אינעם ערשטן טאָג זענען די פערד שטיין געבליבן. אויך פון דאַנען האָט די חברה געוואָלט אומקערן זיך און כאָטש מקבר צו זיין די געפאַלענע און צעטרעמפּלטע. אָבער כוליטאָ האָט אויף גיך באַנומען, אַז דער זשאַנדאַרמסקער סקוואַדראָן האָט מיט אַ כיוון צעטרעמפּלט זיינע פיר חברים אין מיטן סטעפּ, ווייל זיי האָבן אויסגערעכנט, אַז דער „באַנדיט" כוליטאָ מיט זיין גאַנצער כאָפּטע רויבער וועט וועלן צוריקקומען כדי צו באַערדיקן די געפאַלענע, און אַז דערווייל וועלן זיך די כיטרע זשאַנדאַרמען מסתמא פאַרבאַהאַלטן ערגעץ הינ־טער אַ בערגל און טשאַטעווען, אַז די „באַנדיטן" זאָלן זיך נאָר באַווייזן אין אָפענעם סטעפּ...

דעריבער האָט זיך כוליטאָ מיט זיין חברה אויסבאַהאַלטן אינעם ערשטן טאָל צוויי טעג מיט צוויי נעכט און ערשט אויפן דריטן טאָג האָבן זיי זיך אַרויסגעלאָזט פון דאָרטן רייטנדיק. ווען די פעאָנען האָבן דערגרייכט דאָס אָרט, ווו זיי האָבן ערשט מיט דריי טעג צוריק איבערגעלאָזט די הרוגים, האָט כוליטאָ צו זיין שטוינונג דערזען, ווי שטיקלעך סקעלעטן האָבן זיך גע־בלייכט און געוואַלגערט אין גראָז נישט ווייט איינע פון די אַנדערע. איינצלנע איבערגעבראָכענע ריפּן, ווייסע, אויסגעטריקנטע פון דער זון, זענען געווען צעוואָרפן דאָ און דאָרט. פיר שאַרבנס מיט פוסטע אויגן־לעכער און צעעפנ־טע מיילער זענען געלעגן מיט די „אויגן" אויף אַרויף.

נישט געקוקט אויף דעם ווי שוידערלעך דאָס גאַנצע בילד האָט אויס־געזען, פונדעסטוועגן זענען די פעאָנען אַראָפּ פון די פערד און שטומערהייט, מיט די קינזשאַלן און מיט די הוילע הענט אַפילו אויסגעגראָבן אַ גרוב. דערנאָך, מיט ציטער אין די פינגער צונויפגעקליבן יעדעס ברעקל ביין, יע־דעס פיצל שאַרבן און דאָס פאַמעלעך אַריינגעלייגט אין דער ערד, נאָך דעם דעם גרוב פאַרשאָטן און שפּעטער אַ ביסל, ווען צוויי פון די יונגען האָבן פון צווייגן צונויפגעבונדן אַ צלם און אים אַריינגעזעצט אינעם פרישן קבר, האָבן זיך אַלע פעאָנען אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט געבויגענע עקפּ אָנגעג־הויבן צלמענען זיך און מורמלען:

— „אָ, דיאָס"! ווי האָסטו דאָס געקאָנט דערלאָזן אַזאַ זאַך? — — — —

גאַסן־פּרויען

דאָס לעבן אין „לאַגער" איז געפלאָסן אַזוי רויק ווי אַלע מאָל. ס'זענען נישט נאָר צוגעקומען נאָך נייע מענטשן, נאָר אַפילו עטלעכע גאַסן־פרויען, פון דער אונטערוועלט, וואָס האָט געהייסן „לאַ־באָקאַ", האָבן זיך דאָ באַוויזן און מיט ווילדן, אַרגענטינישן ברען אין די בלוטן זיך גערן איבערגעגעבן צו די „הונגעריקע" יונגע מענער און מען האָט אָפט געקאָנט אָנטרעפן אַזעלכע „לי־בעס" אין ווילדן גראָז, וואָס האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ און דאָרטן האָבן זיך ערשט געוואָלגערט צוויי גופים...

די ייִנגסטע און די שענסטע פון זיי האָט געהייסן, עמאַליטאַ. דאָס איז געווען אַן איין און צוואַנציק יעריקע מיידל, אַ מיטל־וווקסיקע, אַ שלאַנקע, מיט אַן אַליוו־קאָלירטן חנעוודיקן פּנים, מיט גאַנץ ברייטלעכע היפטן און אַרויס־שטאַרצנדיקע בריסט פון אונטער איר ציצענער קאָפטקע. אירע שוואַרצע, גלאַנציקע האָר זענען געווען פאַרפלאָכטן אין צוויי לאַנגע צעפּ, וואָס זי האָט אַרומגעוויקלט אַרום איר שמאָלן קאָפּ, ווי מיט צוויי שלאַנגען. מיט אירע שוואַר־צע און גלאַנציקע אויגן האָט זי גלייך דערשנאַפּט דעם הויכן, געזונטן און שוואַרץ־חנעוודיקן כוליטאָן, וואָס איז נאָך קיין מאָל נישט געווען נאָענט מיט קיין פרוי.

מיט אַ ברויזנדיקן געזאַנג אין אַלע אירע אברים איז זי אַ וויגנדיקע אויף די היפטן צוגעגאַנגען צו כוליטאָן. אַ ווילע געבליבן שטיין און אַפּנים געטראַכט, וואָס פאַר אַ מעטאָדע אָנווענדן... דערנאָך האָט זי אים שעלמיש אַריינגעקוקט אין די אויגן און אָן שום חרפּה, און אָן שום בושה צוגעטוליעט זיך צו אים מיט אַ זייט און פּשוט געזאָגט:

— קערידאָ, מע גוסטאַס מוטשאָ!...

אין דעם דריי און צוואַנציק יעריקן יונג האָבן זיך די ווילדע בלוטן צע־ברויזט. עס האָט אים אַ מאָדנעם צי געטאָן צו דער דאָזיקער מויד. האָט ער זי אַ הייב געגעבן אויף די הענט, צוגעטוליעט צו זיין שטאַרק קלאַפּנדיק ברוסט און איז מיט איר אַוועק אינעם צווייטן טאָל. דאָרטן האָט ער זי אַוועקגעלייגט אויף דער ערד. אַליין אויך אַראָפּגעלאָזט זיך און דערנאָך געזען ווי אויף אַ צווייגל פון אַ דערבייאיקערביימעלע איז איין פייגעלע צוגעשפּרונגען צו דער אַנדערער, לאַנג געקושט זיך אין די פּיסקעס און פאַרגאַנגען זיך אין אַ זיסן טרילן און דער אָנפירער פון דער גאַנצער חברה פּערזאָנען האָט אָנגעווירן דעם באַגריף וווּ עס האָט זיך אָנגעהויבן די ווירקלעכקייט און וווּ עס האָט זיך אויסגעלאָזט דער חלום. דער סטעפּ, די בערג מיט די טאָלן און אַפילו די פערד

מיט די בהמות, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט דערנעבן, אַלץ האָט זיך ביי אים מיט אַ מאָל צונויפגעמישט און צונויפגעפּלאָכטן אין איין געזאַנג — „לעבן"...

ער איז נאָך אַלץ געלעגן נעבן איר. אָפּגעריסן אַ גרעזל, דאָס גענומען אין מויל און דאָס געקייט. אַז ער האָט ביי זיך אויפן גומען דערפילט דעם טרעפּקן זאַפט, האָט ער דאָס גרעזל האַסטיק אַרויסגעשפּיגן, פאַררויכערט אַ ציגאַרל, געלאַסנערהייט אַרויפגעבלאָזן „חתונה־רינגלעך" אין דער לופטן און דערפילט, ווי דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט מיט מוראדיקע קלעפּ און געהערט ווי עמאַ־ליטאַ האָט אַ זאָטע און אַ צופרידענע געזאָגט:

— גראַסיאַס, קערידאַ...

פון דעם טאָג אָן האָט עמאַליטאַ מיט קיין אַנדער מאַן שוין מער נישט „פאַרבראַכט". זי איז געוואָרן כוליטאַס געליבטע. אָן קיינע שום צערעמאָניעס און אָן קיינע אָפּמאַכן האָט ער זי אַריינגענומען צו זיך אין ביידל. אָנגעשניטן נאָך אַ ביסל גראָז, דאָס אויסגעטריקנט און דערפון געמאַכט אַ ברייטן, ווייכן געלעגער פאַר ביידן. און ביי די היגע פּעאָנען אין אויפגעגאַנגען אַ נייער, צע־לאָזענער לעבן, אַ נייער יום־טוב אין זייערע וואָכנדיקע טעג. צוליב דער גע־לעגנהייט האָט די גאַנצע חברה געטרונקען אַ סך ווייַן און אַלע האָבן געווונטשן דאָס נייע פּאָרל אַ גליקלעכן צוזאַמענלעבן...

בכלל אָבער איז עמאַליטאַ נישט געווען פון די שטילע נאַטורן. אמת, אַ ביסל מער צוריקגעהאַלטן ווי די אַנדערע פרויען אין „לאַגער" און ביז איר צוזאַמענקומען זיך מיט כוליטאָן, ווינציק וואָס אָפּגעגעבן זיך צו דער תאווה אַליין, כאָטש צו צוועלף יאָר, ווען זי איז געוואָרן „רייף", האָט איר שוין דעמאָלט אָנגעהויבן שטאַרק צו ציִען צו אַ מאַן, וואָס זאָל זי אַריינמעמען אין זיינע גע־זונטע הענט. פונדעסטוועגן האָט זי נאָך דעמאָלט פאַרשטאַנען, אַז אַ מיידל דאַרף די דאָזיקע באַגערן דערשטיקן ביי זיך אין האַרצן און נישט אַרויסווייזן פאַר קיינעם אירע פאַרלאַנגען אין דער עפנטלעכקייט.

עס איז טאַקע מעגלעך, אַז זי וואָלט כאָטש ביז די שפּעטערע יאָרן געבליבן אַ בתולה, נאָר גראָד האָט זיך געמאַכט, אַז דער טאַטע אירער איז אָנגעקומען אַלס פּעאָן צום נייעם גוטבאַזיצער, סעניאָר כאָסע סאַנטיאַגאָ אין דער האַסיענ־דאַ, וועלכע האָט זיך געפונען אַרום זעכצן קילאָמעטער פון דער שטאָט ענטרע־ריאָס. אויך איר מוטער האָט זיך פאַרדונגען צום זעלביקן פּריץ אינאיינעם מיט איר מאַן און קינדער צו אַרבעטן אויף די טיפע און ברייטע פעלדער מיט תבואות, אין די שייערן און אין די שפּייכלערס.

ביים אַריבערקלייבן זיך אין יענעם ווייטן געגנט איז עמאַליטאַ פאַרשטייט זיך מיטגעפאָרן מיט אירע עלטערן און מיט די אַנדערע שוועסטער און ברידער. זי האָט געהאָפט, אַז אויף דער פעטער ערד פון ענטרע ריאָס וועלן זיי כאָטש האָבן וואָס צו עסן צו דער זעט און אפשר וועט דער טאַטע דאָרטן פאַרדינען

אַזוי פיל געלט, אַז ער וועט זיין בכוח צו קויפן איר אַ קלײדל אויפן לייב און אַ פּאָר שיך אויף די פיס און זי וועט מער נישט דאַרפן אַרומגיין קיין באָרוועסע.

אָבער, ווען זי איז אָנגעקומען אַהין און מען האָט דאָס גאַנצע הויז־געזינד אַרייַנגעקוועטשט אין אַ קליינעם, בלעכענעם און נידעריקן געצעלט, וואָס האָט בלויז געהאַט איין פענצטערל און קיין סימן פון אַ שטיקל מעבל איז דאָרט נישט געווען, האָט דאָס מיידל גלייך איינגעזען, אַז איר שטענדיקער חלום פון צו האָבן אַ ניי קלײדל מיט אַ פּאָר שיך אויף די פיס וועט קיין מאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן, אַז זי איז נישט מער, ווי די טאָכטער פון אַן אָרעמען פּעאָן, אַז זי איז סוף־כל־סוף אַזוי ווי טויזנטער און טויזנטער אַנדערע פּעאָנישע קינדער, וואָס זענען געווען איר גלייכן.

עמאַליטאַ איז אָבער פאָרט געווען אַ ביסל אַנדערש פון אַנדערע מיידלעך. זי איז געווען פיל שענער און קליגער. געוואָקסן ווי אַ ווילדע בלום אין סטעפּ. אירע היפטן האָבן זיך גיך אויסגעפילט און דאָס האָט געמאַכט, אַז ביים גיין האָבן זיי זיך באַוועגט, געוויגט זיך אַרויף און אַראָפּ, ווי אירע פיס וואָלטן נישט געטראָטן אויף דער האַרטער ערד, נאָר אויף גומענע רעסאָרטן. אירע קליינע בריסטלעך האָבן חוצפּהדיק געשטאָכן די מענער אין די אויגן. אירע שוואַרץ־פלאַמיקע קוקערס האָבן שטענדיק געשמייכלט. די האָר אויפן קאָפּ זענען כסדר געווען פאַרפלאָכטן אין צעפּ ביז צו דער זינגעוודיקער טאַליע.

סיי ביים גיין אין פעלד צו דער אַרבעט גלייך מיט די אַנדערע פּעאָנען מיט זייערע ווייבער און קינדער, און סיי ביים גיין אין אָוונט צוריק „אַהיים“, האָט זיך איר גאַנצער קערפּער געוויגט און צוגעצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון מענערישע בליקן. גראָד דאָס האָט זי געוואָלט. עפּעס איז טיף אין איר געלעגן אַ פאַרבאַהאַלטענער באַגער: „אָפּצורעכענען זיך מיט דער אַכזריותדיקער וועלט“... צוליב דעם צוועק האָט זי נאָר געוואָלט רייצן און אויפרייצן יעדן יונגנמאַן, וואָס איז איר אַנטקעגן געקומען. אָט די שפּיל האָט זי געוואָלט דערשפּילן צו אַזאַ מדרגה, אַז ביי די מענער זאָלן די יוכעס אַרויפגעשרויפט ווערן ביז צו די העכסטע ווילדקייטן. דער פאַרטראַכטער פּלאַן איז געווען איר איינציק געצייג, איר איינציקע כלי־זין וואָס זי האָט פאַרמאָגט אין קאַמף פאַר איר אייגענעם לעבן...

אויפן צווייטן טאָג, ווען זי איז אַליין געגאַנגען פון פעלד אַ ביסל פריִער פאַר אַלע אַנדערע „הענט“ און אַריין אין דער האַסיענדאַ, איז איר אַנטקעגן געקומען דעם פּריצס איין און צוואַנציק יעריקער זון, מאַריאָ כאָסע דע סאַנטיאַגאָ און אָן שום פאָרמאַליטעטן באַפוילן, אַז זי זאָל אַריינגיין מיט אים אין זיין טאַטנס פּאַלאַץ צו פאַרבעטן זיין בעט, ווייל „די שטענדיקע דינסט איז היינט אַוועקגעפאָרן אין שטאָט“...

עמאַליטאַ האָט גראָד יאָ פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז געווען נישט מער ווי אַ תירוץ, אַז אין דער אמתן איז גאָר דער יונגער סעניאָר אויסן געווען עפּעס

אַנדערש. אָבער אין איר מוח האָט זיך אַ באַמבל געטאָן: „פּאָרט אַ סעניאָר! ער וועט זי גוט באַלוינען, וועט איר געבן אַ סך געלט, זי וועט מער נישט דאַרפן גיין אין פעלד צו דער אַרבעט און וועט האָבן פאַר וואָס צו קויפן זיך אַ „קליידל מיט אַ פּאָר שיך"... פון דעם געדאַנק האָט זי זיך געלאָזט נאָרן און איז אַ געהאָרכזאַמע נאָכגעגאַנגען זיינע טריט.

ביי אים אין דעם האַלב־טונקעלן און רייך־אויסגעמעבלירטן שלאָפצימער איז גראָד די ברייטע בעט געווען פאַרבעט מיט אַ וואָלענער, ראָזעווער קאָלדרע און מיט פוכענע, אויפגעשטעלטע קישנס. אויף די ווענט זענען געהאָנגען צוויי גרויסע פּאָרטרעטן פון יונגע, פּריצישע סעניאָריטאַס, מיט שוואַרצע, געשטריקטע שאַלן אויף די אַנטבלויזטע אַקסלען און הויכע קוקסעס אויף די קעפּ. דער הילצערנער דיל איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייך־קאָלירטן טעפּיך, וואָס עמאַליטאַ האָט אַזוינס פריִער קיין מאָל נישט געזען און נישט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון אַלץ, וואָס דאָ האָט זיך געפונען.

צו לאַנג אַרומקוקן זיך האָט זי נישט געקאָנט, מחמת דער יונגער מאַריאָ כאָסע דע סאַנטיאַגאָ האָט זי ווי אַ ווילדער פלוצעם אַ הייב געטאָן, אַרויפגעוואָרפן אויפן בעט און זיך אַרויפגעוואָרפן אויף איר, אַז זי האָט אַפילו נישט געוואָגט צו ווערן זיך אַנטקעגן אים. פון שאַנדע און ווייטיק האָט זי מורא געהאַט צו שרייען „מאַמע"... נאָך דעם האָט דער איידעלער יונגערמאַן, אַריינגעשטופּט צו איר אין בוזים נישט מער ווי איין פּעזע און דערביי שטרענג אָנגעזאָגט, אַז זי זאָל זיך נישט דערוועגן צו דערציילן עמעצן וועגן דעם, וואָס עס איז געשען. און צום סוף — איר אַרויסגעטריבן פון שטוב.

אירע אויגן זענען פאַרלאָפן געוואָרן מיט טרערן. אין האַלדז האָט איר געוואָרגן. מיט אַ מאָל האָט זי זיך דערפילט שולדיק, זינדיק און שמוציק. די בלוטן אין איר קערפּער האָבן זיך צעזאָטן און גייענדיק דורך דעם גרויסן הויף האָט זי פון בוזעם אַרויסגעשלעפּט די פּעזע און פון גרויס כעס — צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך, אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און צעטראָטן מיט די פיס. דערביי האָט זי געטראַכט: „ווען זי קאָן מיט אירע שאַרפע נעגל אַריינפאָרן דעם יונגן סעניאָר אין פּנים און אַרויסרייסן פון דאָרטן די קאַלטע, גזלנישע אויגן, וואָלט זיך איר צערודערטער און דערשלאָגענער געמיט אַ ביסל איינגעשטילט און געהאַט פון אים אַ שטיקל נקמה"...

ווען עמאַליטאַ וואָלט געהאַט ווהין און צו וועמען, וואָלט זי שוין פון לאַנג אַנטלאָפן פון דאַנען. אָבער זי איז נאָך פּאָרט געווען נישט מער ווי אַ קינד. האָט זי פשוט מורא געהאַט פאַר עמעצן צו דערציילן פון איר אומגליק און שטילערהייט אַרונטערגעשלונגען די שאַנדע. די באַליידיקונג האָט זי באַהאַלטן טיף אין האַרצן, ווו עס האָט אויפגעבליט אַ שטאַרקער באַגער — אָפּצורעכענען זיך פאַר איר צעטראָטענער מיידלשאַפט.

ווען זי איז שוין אַלט געוואָרן ניינצן יאָר, האָט זי איין מאָל דערזען ווי

דער יונגער סעניאָר מאַריאָ כאָסע דע סאַנטיאַגאָ איז געגאַנגען אַ ביסל פֿאָרויס פֿון איר. אין דער רגע איז זי פֿון זיין געשטאַלט אַזוי ווילד געוואָרן, אַז זי האָט געכאַפּט אַ היפּשן שטיין און אַזאַ האַסטיקן וואָרף געטאָן אים אין קאָפּ, אַז ער איז פֿון דעם זעץ געפֿאַלן אויף דער ערד און אין גאַנצן אַ צעבלוטיקטער אָנגעהויבן שרייען און רעווען:

— גוואַלד! ראַטעוועט!...

דעמאָלט איז עמאַליטאַ אַהיים שוין מער נישט געגאַנגען. אָנשטאָט דעם, האָט זי זיך גאָר געלאָזט לויפֿן אַלץ נעענטער און נעענטער צו דער גרויסער שטאָט. דאָרט האָט זי זיך אַ פּאָר טעג אַרומגעבלאָנקעט איבער די געפּלאָס־טערטע ברייטע גאַסן, אַ הונגעריקע. זי וואָלט דאָרטן אפשר אויסגעגאַנגען פֿון הונגער. נאָר צום „גליק" האָט זי זיך אין איינעם אַ בולוואַר באַקאַנט מיט נאָך עטלעכע מיידלעך און ווייבלעך, וועלכע האָבן אַ פּנים צוליב נויט, פֿאַר־קויפֿט זייערע קערפּערס פֿאַר אַ פּעזאָ, פֿאַר פֿופֿציק סענטאַוואָס, צי גאָר פֿאַר אַ פּערטעלע. טאָקע פֿון די גאַסן־פֿרויען האָט זי זיך דערוווּסט, אַז ערגעץ אין דעם באַהיאַ־בלאַנקאַ סטעפּ געפֿינען זיך אַ יונגע חברה פּעאָנען, וואָס באַפֿאַלן רייכע קאַראַוואַנען און צעטיילן דאָס צווישן די אָרעמע און הונגעריקע. דאָס האָט דעם מיידל אַזוי אימפּאָנירט, אַז זי האָט צוגערעדט נאָך עטלעכע גאַסן־פֿרויען און צוזאַמען האָבן זיי אַוועקגעוואַנדערט אין סטעפּ און קוים געפֿונען כוליטאָס „לאַגער".

כוליטאָס „לאַגער" האָט געהאַט זיין אייגענעם רייץ און חן. דער שטענדיקער הייסער קלימאַט אין די פּאַטאַגאָניער בערג און טאָלן האָט זיך זייער שטאַרק אָנגעזען אויף אַלע לעבעדיקע באַשעפֿענישן, וועלכע האָבן פֿון זיך אַליין, ווי עפּעס דורך אַ כּישוף אויסגעפּאַלגט אַלע געהיימע באַפֿעלן און געזעצן פֿון דער טראָפּישער נאַטור, וואָס האָט מיט אַ גוואַלדיקער קראַפֿט געטריבן צו באַהעפֿטן און פֿרוכפּערן זיך...

אויף די הויכע סקאַלעס פֿון די בערג האָבן געניסטלט בלוי־ און שוואַרץ־באַפֿעדערטע אָדלערס מיט דאַרע, אַרויסשטאַרצנדיקע קלובעס און נאַקעטע, רויטלעכע העלדזער און מיט אַ ביסל פֿאַרקרומטע, אָבער שאַרף־ציינענדיקע שנאָבלען. אמת, זיי זענען טאַקע געווען רוצחים און געלעבט איינזאַמע לעבנס, דאָך האָבן זיי גרופּירט און צוגעצויגן צו די אַרומיקע סקאַלעס פֿאַרשיידענע מינים רויב־פֿייגל, וואָס פֿלעגן מיט זייערע ביסטרע אויגן טשאַטעווען אויף אַ שעפּס, אַ קאַלב און איבערהויפּט אויף גיפֿטיקע שלאַנגען, וועלכע פֿלעגן אָפּט אַרויספּויזען פֿון צווישן די שטיינער, אַז אַן אָדלער האָט באַמערקט אַ שלאַנג אַרויסגיין פֿון זיין נאַרע, האָט ער זיך ראַפּטעם אַראָפּגעלאָזט פֿון דער הויך. מיטן שאַרפֿן שנאָבל אַ כאַפּ געגעבן אים אין מויל, מיט זיינע מעכטיקע נעגל איינגעקלאַמערט זיין צאַפּלדיקן קערפּער און גלייך געלאָזט זיך שוועבן צוריק צו זיין היים אויף דער סקאַלע. דער לאַנגער שלאַנג האָט זיך אַ ווילע געוואָרט

אַנטקעגן זיין שונא, געדרייט זיך, געוואָרפן דעם אונטערשטן טייל גוף אין אַלע זייטן. אָבער, באַלד איז ער געבליבן הענגען ביים אָדלער פונעם מויל אַ באַוועג־לאָזער, אַן אויסגעצויגענער און אַ גלייכער ווי אַ גראָבער, אַנגעצויגענער קאַנאַט.

אין די טיפע היילן פון די בערג האָבן זיך אויפגעהאַלטן גרויע, ברוינע און געל־געפלעקטע קאַיאטעס, מיט ווייסע, ברודיקע פליאַמעס אויף די זייטן. געלעבט האָבן זיי איינזאַמע, ווי די אָדלערס אויף די סקאַלעס און בלויז צוזאַ־מענגעקומען זיך (אַן „ער" מיט אַ „זי") ווען ס'איז געקומען זייער פאָרונגס־צייט. דעמאָלט האָט די לאַשטשענדיקע „זי" מיט אויסגעצויגענע געוואָיען גערופן צו זיך דעם „זכר", וואָס האָט זיך פוילערהייט אַרויסגערוקט פון זיין נאָרע, ווו ער איז אַ גאַנצן טאָג געשלאָפן און מיט געשפּאַנטקייט אין זיינע הינטישע פּיס געלאָזט זיך לויפן צום אָרט ווו זיין „כלה" האָט זיך געפונען און געוואַרט אויף אים.

אָבער דורך די אַנדערע חדשים פון יאָר זענען כמעט אַלע נאַכט די קאַיאַ־טעס אויפגעשטאַנען פון בייטאָגיקן שלאָפן, אין דער זעלביקער צייט אַרויפ־געדראַפּעט זיך אויף די שפּיצן בערג, פאַרריסן די מאָרדעס, געבילט לאַנג און אויסגעצויגן. אַפּריער האָט געוואָיעט איינער, אַ צווייטער, גאָר פון אַן אַנדער באַרג, דאָס בילן האָט זיך איבערגעחזרט לענגויס דער גאַנצער פּאַמפּאַ און עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי די וועלט גופא וואָלט געוויינט אויף איר ביטערן מזל.

די ברוינע בערג־טיגערס מיט די קליינע, קיילעכדיקע ווייסע פלעקן זענען אָפט געשטאַנען אויף די הויכע שפּיציקע שטיינער, אָדער אויף אַ באַרג־פּלאַסט און מיט די גרין־פלאַמיקע אויגן, מיט וואַכע אויערן און אָנגעשטאַלטע מוסקו־לירטע אברים געהיט יעדע באַוועגונג אינעם ווילדן גראָז. און קוים איז פונעם דזשונגל פאַרבלאָנדזשעט געוואָרן אַ זעברע צי אַ פערד, אָדער אַ בהמה וואָס האָט זיך אָפּגעטיילט פון דער סטאַדע איז ער, מיט דער פלינקייט פון אַ בליץ — אַראָפּגעשפּרונגען פון שטיין, אַרויפגעשפּרונגען צום קרבן אויף דער שפּינע און מיט זיינע שאַרפע, גרויסע און מעכטיקע ציין איינס און צוויי איבערגע־ביסן דעם נאַקן.

***

קיין בוהיי אויף צו באַפרוכפּערן כוליטאָס עטלעכע צענדליק בהמות איז נאָך נישט געווען. איז, ווען זייער פּאָרונגס־צייט איז געקומען, זענען די בהמות אַזוי צערייצט געוואָרן, אַז איין בהמה איז געקראָכן אויף דער אַנדערער און אַראָפּ פון דאָרטן אַנטוישטע. דערפאַר אָבער זענען די קליאַטשעס געווען מער מזלדיקע שוין דערמיט אַליין, וואָס כוליטאָס שוואַרצער אָגער איז נישט געווען קיין גרויסער איבערקלייבער. אמת, דערנאָך האָט ער אָפט פאַרריסן דעם קאָפּ, צעעפנט דאָס מויל, אַרויסגעשטעלט די צוויי שורות ווייסלעכע ציין און גע־לופּטערט די מאָרדע אין דער לופט.

דערפאַר אָבער האָט זיך זיין „זיין" מיט זיי אַנגענומען און עטלעכע קליאַ־טשעס האָבן צום קומענדיקן האַרבסט אַרויסגעגעבן אַ גוטע שפע און אין דער פּאַמפּאַ האָבן זיך באַוויזן שוואַרצע לאַשיקלעך, מיט גלאַטע, סאַמעטענע פעלן, וואָס זענען אַרומגעלאָפן מיט פאַרהויבענע, איידעלע געשניצטע קעפּ און קורצע עקעלעך פראַנק און פריי. זיי זענען אָפט צוגעלאָפן צו זייערע מאַמעס, אונטער־געטוקט די שיינע מאָרדעס אונטער זייערע אייטערס און פון דאָרט געזויגן די בלוילעכע מילך, וואָס האָט די יונגע צוציקעס אָנגעפּילט מיט פרייד, מיט פרישן כוח און מיט נייעם לעבן.

**
*

ביז די עטלעכע גאַסן־פּרויען זענען געקומען האָבן די מענער אין כוליטאָס „לאַגער" געלעבט צווישן זיך בשלום. אַלע זענען זיי געזעסן אַרום דעם גרויסן פייער, געבראָטן פליש, מיט די קינזשאַלן געשניטן און שטיק נאָך שטיק גע־לייגט אין די מיילער. דערנאָך פאַרטרונקען מיט הייסער מאַטע און דערביי דערציילט זיך מעשיות פון העלדישע פעאָנען, וועלכע האָבן זיך אַנטקעגן גע־שטעלט שלעכטע פּריצים, אָדער, ווי אַ שיינע און רייכע סעניאָריטאַ „האָט זיך שטערבלעך פאַרליבט" אין אַ פּראָסטן פויער און מיט אים חתונה געהאַט.

דערנאָך האָט איינער דערציילט שטוינענדיקע געשיכטעס וועגן שלעכטע גייסטערס, און אַן אַנדערער אַזאַ מעשה וועגן דער אַרגענטינישער גאַסט־פריינטלעכקייט:

„הינטער דער שטאָט לאַ־פּלאַטאַ האָט געוווינט אַ מיטל־יעריקער מאַן מיט זיין ווייב און פינף דערוואַקסענע זין. איין מאָל האָט זיין ווייב אין הויף, אויפן קאַסטיאַר אָפּגעקאָכט מיטאָג, אויפגעזאָדן וואַסער און פאַרפּאַרעט מאַטע און די גאַנצע משפחה האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן. ערשט אין פּאַרטקע פון טויער האָט עמעצער אָנגעקלאַפּט. האָט דער באַלעבאָס אַ געשריי געטאָן — ענטראַ! די פּאַרטקע האָט זיך געעפנט און אַ קוועטעניק מיט אַ גרויסן פּאַק אויף די פּלייצעס און קאָשיק אויף דער האַנט איז אַריינגעקומען און גלייך פאַרגעלייגט זיין סחורה צום פאַרקויפן.

אָבער אַנשטאָט צו קויפן עפּעס, איז דער באַלעבאָס מיט כבוד צוגעגאַנגען צום קוועטעניק און געבעטן זיך ביי אים: „ביטע סעניאָר! זעץ זיך אַוועק עסן מיט אונדז!" קאַנטיק, אַז דאָס איז געווען אַ פרומער כודיאָ, ווייל ער האָט זיך דערפון אָפּגעזאָגט. מילאַ, דאָס האָט אים דער באַלעבאָס פאַרשוויגן. אָבער שפּעטער, אַז יעדער איינער פון דער משפחה האָט פונעם בלעכערנעם רעדל אַ זופּ געגעבן אַ ביסל מאַטע און מען האָט אַ טעפּעלע מיט דעם געטראַנק צו־געטראָגן צו דעם ייִדן און געבעטן, אַז אויך ער זאָל אַ זופּ געבן פון דער זעל־ביקער רעדל אַ ביסל מאַטע, פון וועלכן דער אורח האָט זיך אָפּגעזאָגט, האָט דאָס דעם באַלעבאָס אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער האָט אַרויסגעכאַפּט זיין קינזשאַל,

דערמיט דערשטאָכן דעם פרומען ייִדן און דערביי געשריגן: „מיט דיין נישט וועלן עסן מיין עסן און טרינקען די מאַטע האָסטו באַליידיקט און פאַרשוועכט די ערע און די גאַסטפריינטלעכקייט פון מיין שטאַם! דו הונט איינער!"...

אַזוי האָבן דעמאָלט די פּעאָנען געוועבט זייערע מעשיות נאַכט־איין נאַכט־אויס. נאָר זינט די גאַסן־פּרויען האָבן זיך באַוויזן איז דער גאַנצער לעבן אין „לאַגער" געוואָרן אַן איבערגעדרייטער מיטן קאָפּ אַראָפּ. ס'איז געווען זייער פּריקרע צו זען, ווי די זעלביקע פּרויען, וואָס האָבן אין שטאָט פאַרקויפט זייערע קערפּערס פאַר פּופציק סענט, צי גאָר פאַר אַ פּערטעלע, זענען דאָ געוואָרן גאַנצע איבערקלייבערינס און האָבן נאָר געזוכט די שענערע, די ייִנגערע און ציכטיקערע מענער, וואָס האָט זיי „אימפּאָנירט" מיט זייער מענלעכקייט און אויף די אַנדערע זכרים אַפילו נישט געוואָלט קוקן...

דערפאַר איז צווישן איין גרופּע מענער מיט דער אַנדערער אויסגעבראָכן אַ שנאה, אַ נישט פאַרגינערייַ און ס'וואָלט זיכער געקומען צו מעסער־שטעכעריי, ווען נישט דער אַלטער גאַוטשאָ, וואָס האָט זיך גראָד צעשריגן אויף די באַליידיקטע און געקריוודעט:

— וואָס, צו אַלדי שוואַרצע יאָר זענט איר אויפגעבראַכט אויף יענע מור־טשאַטשאָס, הלמאי עפּעס אַ הור וויל דווקא שלאָפן מיט זיי און נישט מיט אייך?!... צי אַזוי דאַרפן דאָס האַנדלען פאַראייניקטע פּעאָנען, וואָס קעמפן פאַר גערעכטיקייט?... שעמען מעגט איר זיך!...

די נישט־„באַפּרידיקטע" יונגען האָבן זיך טאַקע אויף אַ ווײַלע פאַרשעמט פאַר דעם אַלטן גאַוטשאָ. נאָר קיין איינדרוק האָבן זיינע רייד אויף לאַנג נישט געהאַט. איינציקווייז האָבן זיך די חברה פאַרגנבעט הינטער די גרויסע שטיינער און פון וויטן געזען ווי די „גליקלעכע" האָבן זיך געוואָלגערט מיט די פּרויען אינעם ווילדן גראָז. פון די סצענעס זענען די באַליידיקטע ווילד געוואָרן. זייער ווילדקייט און צערייצטקייט איז דערגאַנגען צו דעם, אַז איינער, אַ באַבערדלטער פּעאָן האָט דאָס שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן, איז ער אַרויף אויף די האַליאַבליעס פון אַ וואָגן צו וועלכן עס איז געווען צוגעטשעפּעט אַ גרויע קליאַטשע און איר משכב בהמה געווען...

עס קאָן זיין, אַז דער דאָזיקער, עקלהאַפטער, „באַהעפטן זיך" מיט בהמות וואָלט זיך צווישן די פאַרוואָרלאָזטע פּעאָנען פאַרשפּרייט, ווי אַ מיאוסע קרענק. נאָר צום גליק האָט דאָס כוליטאָ באַמערקט אין צייט און זיי דערפאַר גוט אויסגעזידלט. ער האָט אָבער נישט מינימיזירט די גרויסע קנאה. דעריבער האָט ער צונויפגערופן די עטלעכע גאַסן־פּרויען און זיי באַפוילן:

— פון היינט אָן וועט זיין אַזוי: איר וועט „אויפנעמען" יעדן זכר, וואָס געפינט זיך אין לאַגער און וויל אייך האָבן, אָדער איר וועט מוזן פאַרלאָזן דעם טאָל... קלייבט זיך אויס וואָס איר ווילט בעסער... איך גיב אייך בלויז פינף מינוט צייט צו טראַכטן וועגן דעם!...

צווישן די גאַסן־פּרויען איז אויסגעבראָכן אַ קריגעריי. זיי האָבן זיך גע־קאָכט, געהיצט זיך, געפּאַטשט מיט די פויסטן אין דער לופטן. איינע האָט גע־שריגן, אַז די אַנדערע זאָל דאָס טאָן אַפּריער. צו לעצט זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. דעמאָלט האָט זיך פון צווישן זיי אַרויסגערוקט אַ שוואַרץ־אויגיקע פּרוי פון אַ יאָר דרייַ און דרייסיק און מיט חוצפּה אין קול געזאָגט כוליטאַן:

— בוענאָ! פּונעם לאַגער וועלן מיר נישט אַוועקגיין!...

ביי די מערסטע מענער האָבן זיך מיט דער צייט די געמיטער איינגע־שטילט. איינער מיטן אַנדערן איז צוריק פריינטלעכער געוואָרן און אין די אָוונטן זענען זיי ווידער געזעסן זאַלבענאַנט אַרום פייער, געריכערט ציגאַ־רעטלעך, געטרונקען מאַטע און דערציילט און צען מאָל איבערדערציילט די זעלביקע מעשיות און דאָס לעבן אין כוליטאָס „לאַגער" האָט צוריק אָנגענומען די אַמאָליקע פרידלעכע פאָרמע...

אַ טיגער

אַז אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט פאַרנומען פּעליפּעס אָרט נאָך כוליטאָן מיטן אַלטן גאַוטשאָ, האָט ער אויף די שפּיצן פון די פּאַטאַגאָניער בערג אַוועק־געשטעלט וועכטער צו אַכטונג געבן, אַז די פּאָליציי אָדער דער זשאַנדאַרמסקער סקאַדראָן — זאָל זיך אַהער נישט אַריינרייסן.

איז יעדער פון די וועכטער געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן אַ רויקער, אָבער, אַ וואַכזאַמער ווי אַן אמתער סאָלדאַט. נאָר צו לאַנג איינשטיין אויף די בערג האָבן זיי נישט געקאָנט. מחמת די לופט איז דאָ געווען אַ דינע און אַ הייסע, וואָס האָט זיך דורכגעריסן דורך די שטרויענע סאָמברעראָס, דורך די לייוונ־טענע פּאַנטאַלאָנעס, דורך די גראָבע העמדער און איינגעגעסן זיך אינעם לייב, געטריקנט די פאַרברוינטע הויטן און געקלעפּט די אויגן־לעפּלעך. דאָך האָבן זיך די היטערס געוועלט מיטן שלאָף אַזוי לאַנג, ביז זייערע קעפּ זענען ביי זיי געבליבן אַראָפּגעלאָזט אויף די ברוסט־קאַסטנס און מידע אַנטדרימלט געוואָרן.

גראָד האָט אַנטאָניאָ דער „פערד" גוט געקאָנט די טראָפּישע נאַטור, וועלכע מאַכט דעם מענטשן און אַפילו די חיות מיד און שלעפעריק. איז ער אָפט ווי אויסגעוואַקסן דאָ ביי איין וועכטער און דאָ ביי אַן אַנדערן און מיט דער לאַנגער בייטש אַזאַ כוואַשטשע געטאָן איבער די פּלייצעס, אַז דער שלאָפנדיקער האָט זיך אויפגעכאַפּט נישט טויט און נישט לעבעדיק, מיט די פינגער געריבן די פאַרבלענדטע אויגן פון דער הויכער זון און איז שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון באַרג:

— האָ? וואָס?

— אַך, דו פוילע פּאַדלע! — האָט אַנטאָניאָ געשריען און אין דער זעל־ביקער צייט האָבן, דוכט זיך, זיינע שוואַרצע אויגן געלאַכט. פּונקט ווי אים וואָלט הנאה געטאָן, וואָס דער געשמיסענער האָט מורא פאַר אים — אַזוי שטייט מען דאָס אויף דער וואַך?!... ווען די מערדערלעכע זשאַנדאַרמען וואָלטן זיך אַהער איצט דורכגעריסן, וואָלסטו שוין געווען מיט אַ קאָפּ קירצער!...

— דיסקולפּע, קאַבאַזשעראָ! — האָט זיך דער וועכטער פאַרענטפערט — איך האָב גראָד יאָ געוווּסט, אַז מען טאָר נישט. אָבער, דער שלאָף איז מיך באַפאַלן, ווי הײשעריקן אַ פעלד מיט קאָרן... ווען מען שטייט כאָטש אין צווייען וואָלט געווען מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט און דער שלאָף וואָלט צו מיר קיין צוטריט נישט געהאַט. נאָר אַזוי וואָס?... דו שטייסט אין דער לופטן. אַרום דיר זעסטו נישט קיין אַנדער זאַך אויסער בערג מיט טאָלן אונטער דיר און דעם בלויען הימל מיט דער ברענענדיקער זון איבער דיין קאָפּ! — — —

— באַסטאַ, באַסטאַ! — האָט אים אַנטאָניאָ דער „פערד" געגעבן אַ דינעם, שוואַרצן ציגאַרל און אַפילו אָנגעצונדן אַ שוועבעלע פון זיינעטוועגן צום פאַר־רויכערן. דערנאָך איז דער „נאַטשאַלניק" אַוועק צו די אַנדערע וועכטערס, וועלכע זענען געשטאַנען אויף זייערע ערטער און געשלאָפן מיט אַזאַ וואַכן שלאָף, אַז כאָטש אַנטאָניאָ האָט געשפּאַנט מיט שטילע, געמאָסטענע טריט, ווי ער וואָלט מורא געהאַט אַרויפצוטרעטן אויף אַ צונויפגעבייגעלטן שלאַנג, האָבן אָבער זיינע טריט אָפּגעהילכט און געמאַכט אַזאַ טומל, ווי דאָס וואָלט גאַרנישט געגאַנגען קיין מענטש, נאָר ווי אַ בער וואָלט דאָס געטראָטן אויף טרוקענע צווייגן. פון דעם טומל, וואָס זיינע טריט האָבן פאַראורזאַכט, האָבן זיך אויפגע־כאַפּט נישט נאָר די שומרים, נאָר אַפילו די אָדלערס האָבן זיך אַ הייב געגעבן פון זייערע נאַקעטע סקאַלעס און אַוועקגעלאָזט זיך פליען צו אַ געזיכער־טערן אָרט.

און פאַרנאַכט, אַז די זון האָט זיך שוין פון לאַנג באַהאַלטן הינטער דער לאַנגער קייט מיט בערג, דער הימל איז מיט אַ מאָל פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ בלויען און דערנאָך — מיט אַ שוואַרצן ליילעך און איינגעהילט דעם גאַנצן אַרום אין אַ דיקער חשכות, האָבן אַ פּאָר ווייבער, וואָס זענען דאָ אין „לאַגער" געוואָרן די קעכנס און בעקערקעס, אונטערן קאָסטיאָר צעלייגט אַ גרויסן פייער און צוגעשטעלט קאָכן וועטשערע. די שאַרפע פלאַמען האָבן זיך צע־קושט מיט גרויסן טשוהון, אַ שפּרונג געגעבן אין דער זייט און פון דאָרטן געריסן זיך אַלץ העכער צום הימל. פון דעם פייער איז די פינצטערניש אָפּגע־טראָטן אויף צוריק. אין „לאַגער" איז ליכטיק געוואָרן און די פּנימער פון אַלע אַרומיקע מענטשן זענען געווען ווי אויסגעשמידטע פון גליַיקן קופער.

ביז דאָס געקעכץ איז פאַרטיק געוואָרן האָבן די פּעאָנען דערווייל אַריינ־געטריבן די פערד מיט די בהמות אין קאָראַל, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט

מיט לאַנגע פלעקענער, דערנאָך אַוועקגעזעצט זיך אַרום דעם קאַסטיאָר און אָנגעהויבן אַכלען אויף אַלע ציין, דעמאָלט האָט כוליטאָ אַוועקגעלייגט זיין בלעכערנע לעפל, אַ ווײַלע באַטראַכט די היינטיקע היטער און נאָך דעם אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— הייסט דאָס, אַז ווען מען שטעלט אַוועק מענטשן אויף דער וואַך ווערן זיי גאָר אַנטשלאָפן. האַ? ווייסט איר כאָטש, אַז דערמיט שטעלט איר אײַן קאָן דאָס לעבן פונעם גאַנצן לאַגער?... מיר דוכט, אַז שוין צייט צו וויסן, אַז מיר זענען מער נישט קיין פּראָסטע פּעאָנען, נאָר באַנדיטן אַזעלכע, וואָס קעמפן פאַר אַ בעסערן לעבן. דערפאַר האָבן מיר אַ סך שונאים, וועלכע האָבן אַרויפגעלייגט אַ שרעקלעכע שטראָף אויף אונדזערע קעפּ און צוליב אייער שלאָפן אויף די פּאָסטנס, קאָנען מיר ווערן צעהאַקט און צעטרעמפּלט אונטער די אײַזערנע פּאַדקאָוועס פון די זשאַנדאַרמסקע פערד, ווי זיי האָבן דאָס געטאָן צו פּעליפּען מיט זײַנע דריי אַמיגאָס!... ווילט איר, אַז מיט אונדז זאָל געשען דאָס זעלביקע?... פון היינט אָן, אויב עמעצער וועט אַנטשלאָפן ווערן אויף די בערג, וועט ער בלײַבן צוויי טעג אָן עסן און אָן וואַסער!...

— דאָס איז נישט גענוג! — האָט אַנטאָניאָ דער „פערד“ אויסגעשריִען — צוויי טעג איז גאָרנישט מיט נישט! כוליטאָ, מאַך דאָס פינף טעג! וועלן זיי וויסן און פאַרזאָגן אַ צענטן ווי נישט אַנטשלאָפן צו ווערן און נישט אָפּהיטן, דאָס וואָס מען האָט זיי אָנגעזאָגט!

— קאַזשאַטע! — האָט כוליטאָ אָנגעשריִען אויף אים — מיר זענען אַלע אַמיגאָס און געפינען זיך דאָ צוליב דעם, וואָס אין אונדזערע פריִערדיקע היימען, מישטיינס געזאָגט, איז מען אונדז מיט שטרענגע געזעצן דערגאַנגען די יאָרן. דערצו האָבן מיר דאָרטן נישט געהאַט וואָס צו עסן און פאַר אַ ליאַדע וואָס, האָבן זיי אונדזערע עלטערן פאַרשמיסן צום טויט און עס איז נישט געווען קיינער, וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר אונדזער קריוודע. דעריבער מיין איך, אַז צו זיין אין די בערג צוויי טעג אָן עסן און אָן וואַסער איז פּונקט ווי צו זיין צוויי טעג אין דזשונגל גופא, ווו די שטיקעניש און די היץ איז נישט צום אַריבערטראָגן. נאָר לאָמיר בעסער פרעגן דעם אַלטן גאַוטש. ער האָט דאָך מער שכל פאַר אונדז אַלעמען. איז ווי ער וועט פּסקענען אַזוי וועט דאָס זיין...

דער אַלטער גאַוטש, וועמעס פּנים ס׳האָבן דורכגעאַקערט הונדערטער קאַרבן און קנייטשעלעך, האָט אַ נישקשהדיקן הוסט געטאָן און מיטן האַנטפלאַך אָפּגעווישט זיך די דיקע און גרויע וואָנצעס:

— מוטשאַטשאָס! ווען כוליטאָ איז צום ערשטן מאָל געקומען צו מיר אין סטעפּ, איז ער נאָך געווען אַ קליינער יִנגל. דעמאָלט האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים פייער און געוויינט און איך האָב אים דאָס נישט געשטערט. אָבער, פון יענעם אָוונט אָן ביז היינט, איז ער אויסגעוואַקסן אַ בראַווער סטעפּ־יונג! ער איז דורך דער צייט געוואָרן הויך, שיין, געזונט און קלוג, ווי אַ פוקס. ער האָט

אַרויסגעגעבן אַ ריכטיקן אורטייל. אָבער, איך וויל בלויז צוגעבן, אַז איך גלייב אויך נישט אין דעם, אַז מען דאַרף אַן אונדזעריקן שווער באַטראָפן. ווייל אויב איינער איז געבוירן געוואָרן צו זיין אַ גאַוטש, צי אַ פּעאָן, איז ער דערמיט אַליין שוין גענוג געשטראָפט געוואָרן פון גאָט. איך זענט מיר אַלע איינגעבאַקן געוואָרן אין האַרצן, ווי מיינע אייגענע קינדער, וועלכע איך האָב נאָך מיט יאָרן און יאָרן צוריק געמוזט פאַרלאָזן. דעריבער בין איך פולקאָם איינשטימיק מיט כוליטאָס דערקלערונג, אַז צוויי טעג און צוויי נעכט אָן ברויט און אָן וואַסער פאַר אַנטשלאָפן ווערן אויף דער וואַך, איז אַ גאַנץ האַרבע שטראָף!...

דאָס פּייער האָט זיך דערווייל געגומען טוקן. עטלעכע מענטשן האָבן זיך אויפגעשטעלט און זייערע שוואַרצע שאָטנס האָבן זיך אומגעלומפּערטערהייט געגעבן אַ ציִ אויס אויפן גראַזיקן טעפּיך. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ווייל עמעצער האָט אויף די צאַנקענדיקע האַלאָוועשקעס אַרויפגעוואָרפן טרוקענע צווייגן, שטיקלעך האָלץ און דאָס פּייער האָט צוריק אויפגעלעבט. די פלאַמיקע צינגער האָבן אַרומגעלעקט יעדעס פּיצל געהילץ און די פריערדיקע לאַנגע שאָטנס פון די מענטשן זענען געוואָרן דינערע און קורצערע.

עס איז געוואָרן שטיל. דאָך איז די שטילקייט פון צייט צו צייט איבערגעריסן געוואָרן פון דעם ווייטן וואָיען פון אַ קאַיאָט. אַ היפּשע ווײַלע איז דער עולם געווען פאַרזונקען אין אייגענע טראַכטענישן. איניקע האָבן געקלערט: וואָס וועט זיין אויב מען וועט זיי אויף מאָרגן שטעלן אויף דער וואַך און מען וועט דאָרטן איינדרימלען? ווי וועט מען דאָס קענען אויסהאַלטן צוויי טעג מיט צוויי נעכט אָן וואַסער און אָן עסן?... אָבער די מערסטע פּעאָנען האָבן געוווסט, אַז אויב מען וועט זיין נאַכלעסיק איז דאָך מעגלעך, אַז זייער אייגן לעבן וועט זיין אין געפאַר. דערפאַר האָט זיך די מערהייט פון זיי אויפגעשטעלט און געענטפערט:

— בוענאָ, האָמברעס! זאָל זיין צוויי טעג מיט צוויי נעכט אָן ברויט און אָן וואַסער!...

איינציקווייז און אין גרופּן זענען דערנאָך אַ סך פּעאָנען אַוועקגעגאַנגען מיט געבויגענע קעפּ צו זיך אין די ביידלעך און אַרויפגעוואָרפן זיך אויף די הייענע בעטן. אַנדערע ווידער האָבן זיך אויסגעצויגן נעבן דעם פּייער, מיט זייערע פּאָנטשאָס צוגעדעקט זיך ביז צו די שפּיצן פון די מאָרדעס, פאַרמאַכט די אויגן און געוואָלט וואָס גיכער איינשלאָפן, כדי אויף מאָרגן צו זיין וואַך און אויסגערוט און נישט אַנדרעמלט ווערן אויף די פּאָסטנס אין די בערג.

די גאַנצע צרה איז געווען, וואָס גראָד אין די בערג האָבן זיך ווידער צעקלאָגט די קאַיאָטעס, געריסן זיך אויף די העלדזער, גערופן איינער דעם אַנדערן מיט אַזאַ פאַרגייענדיקן געוויין, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אַפילו

אויפן אַלטן גאַוטש. איז ער אויפגעשטאַנען אין מיטן נאַכט, אַרויס אין דרויסן, אַ קוק געטאָן אויפן הימל און געזען: ווי גרויסע, העל בלאַנקנדיקע שטערן האָבן ממזריש געפינטלט און געוווּנקען איינער צו דעם אַנדערן מיט זייערע בלויע, פינקלענדיקע „אויגן" און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז פּונקט אַזוי רעדן זיך דורך שיינע סעניאָריטאַס, וואָס פּלאַנעווען צו פאַרפירן אַ געזונטן און יונגן מאַנספּערשוין...

האָט דער אַלטער גאַוטש פאַררויכערט אַ ציגאַר און יעדעס מאָל, ווען ער האָט אַ צי געגעבן דעם רויך, האָט דער זשאַר אויפן שפּיץ ציגאַר אַ גלי געגעבן. אויף אַ רגע באַלויכטן דעם גאַוטשס שפּיץ נאָז, וואָס האָט בעת מעשה אויסגעזען ווי אַן אַנגעצונדענע לולקע. אַ ווײַלע איז דער אַלטער נאָך געשטאַנען אין דרויסן. מיט אַלע חושים איינגעהערט זיך צום שטילן רוישן פון דער נאַכט, נאָך דעם איז ער צ ריין צוריק צו זיך איןביידל, אַוועקגע־זעצט זיך אויפן געלעגער און גערעכנט צו זיצן אַזוי ביז די ערשטע שפּראָצן אויף טאָג וועלן אויפגיין.

נאָר מיט אַ מאָל איז די שטילקייט איבערגעריסן געוואָרן. אין קאָראַל האָט זיך עפּעס אַ בהמה שוידערלעך צו מוהוקעט, ווי זי וואָלט זיך געבעטן, אַז עמעצער זאָל איר קומען צו הילף אין איר גוראַנגל פאַרן לעבן. דאָס שרעקלעכע מוהוקען האָט זיך אַ טראָג געגעבן איבערן „לאַגער" און אויפגע־וועקט אייניקע מענער, וועלכע האָבן גלייך געכאַפּט די ביקסן אין די הענט, אַרויסגעלאָפן פון זייערע ביידלעך און געלאָזט זיך אין דער ריכטונג ווו די בהמות זענען געשטאַנען.

אויך קוליטאַ מיטן אַלטן גאַוטש זענען אַהין געלאָפן מיט אַנגעצונדענע פאַקלען. ווען זיי האָבן דערגרייכט דאָס אָרט, איז אַ בהמה, און גראָד אַ גרוי־סע מילך־געבערקע, געלעגן אויף דער ערד. איר נאַקן איז געווען איבערגע־ביסן מסתמא פון אַ לייב, צי פון אַ טיגער, וואָס האָט זיך אַפּנים דערשראָקן פאַר די פלאַמיקע פאַקלען און איז פאַרשוווּנדן צווישן די הויכע גראָזן אין דער פינצטערניש.

קוליטאַ האָט זיין פאַקל צוגעטראָגן נאָענט צו דער געפאַלענער בהמה און געזען: איר קאָפּ איז געווען אָנגעבויגן אַ ביסל אין אַ זייט; פון האַלדז און נאַקן איז געפלאָסן אַ געדיכטער שטראָם בלוט. איין אויג איז געווען האַרט צוגעפּרעסט צו דער ערד און דאָס אַנדערע — אַ שטאַרס, אַ גלאָזיקס און אַ שוואַרצס, האָט אויסגעזען ווי אַ קראַטער אין אַ ווולקאַן. איר רויטע פעל האָט מאָמענטאַל פאַרלוירן דעם גלאַנץ פון לעבן, כאָטש די בהמה האָט נאָך עטלעכע מינוט געדעכעט, שווער געהויבן מיט די דעכוועניעס אַרויף און אַראָפּ, ביז זי האָט אַ לעצטן אָטעם געטאָן און געבליבן ליגן אַ באַוועגלאָזע, אַ שטילע מיט דער געהיימער שטילקייט פון טויט.

די מענטשן, וואָס זענען זיך אַהער צונויפגעלאָפן, זענען געוואָרן אויפגע־שוידערט פון דער טויטער שטילקייט. זיי זענען געווען באַקאַנט מיט דער נאַטור פון לייבן און טיגערן און געוווּסט, אַז ווען אַזאַ חיה צערייסט אַ שאָף אָדער אַ רינד און באַוויזט דאָס נישט צו פאַרצוקן, וועט זי ווייט נישט אַנט־לויפן און אין אַשטיקל צייט אַרום צוריקקומען צו איר קרבן און אויפעסן דעם רויב.

דעריבער האָט כוליטאַ אויסגעלאָשן די פאַקלען, געהייסן דעם אַלטן צו־ריקגיין אין זיין בידל און ער, מיט אַנטאָניאָן דעם „פערד" און נאָך פיר יונגען, האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, נישט ווייט פון דער נבלה און מיט זייערע אָנגעצילעוועטע ביקסן געטשאַטעוועט אויף דער בייזער חיה. דערצו האָבן זיי געהאַט נאָך אַ רעכענונג: היות ווי די בהמה איז נישט פאַרצוקט געוואָרן, בלויז ביי איר איבערגעביסן דעם נאַקן, וועלן איר די פעאָנען היטן אַפילו אַ גאַנצע נאַכט. אויף מאָרגן אָפּשינדן זי און דער גאַנצער לאַגער וועט האָבן גענוג פלייש אויף אַ פּאָר טעג צו עסן.

די מינוטן זענען דערווייל געקראָכן ווי שעהן, ווי מעת־לעתן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז די נאַכט וועט קיין מאָל זיך נישט ענדיקן און דער טאָג וועט קיין מאָל נישט קומען. איז יעדער איינער געלעגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן, מיט וואַכע, פאַרשאַרפטע חושים. די יונגען האָבן געוווּסט, אַז דער גאַנג פון אַ לייב צי פון אַ טיגער איז שווער צו דערהערן. דעריבער האָט עמעצער פון זיי כסדר געהאַלטן איין אויער צוגעקאָוועט צו דער ערד, גע־וואָלט אַזוי אַרום אויפכאַפּן דעם ריר פון אַ גראָז, יעדן שאָרך פונעם ווינטל, דעם געזשום פון אַ ביינאַכטיקער פליג. אָבער — ס'איז געווען אומזיסט. הפנים אַז די חיה איז געווען אַ „קלוגע" און זי האָט געוווּסט, אַז מען דאַרף זיך נישט באַווייזן אויפן זעלביקן אָרט אַזוי גיך...

זענען די יונגען געלעגן מיט פאַרטייעטע אָטעמס אַזוי לאַנג, ביזן אויף דער מזרח־זייט האָט זיך באַוויזן דער מאָרגן־שטערן. דעמאָלט האָט דער גאַנ־צער אַרום, די בערג מיט די טיפע טאָלן, אַלץ האָט אויף גיך זיך געביטן די קליידער. פון טונקל־בלוי איז דאָס איבערגעגאַנגען אויף שוואַרץ און דער־נאָך — אויף גרוי. די פאַרבן האָבן זיך געהאַלטן אין איין מיניען און בייטן. נאָר באַלד האָט זיך הינטער די פּאָטאַגאָניער בערג באַוויזן די זון, אַ געלע ווי אַ גרויסער ברענענדיקער קירבעס, האָט זי אַ ביס געטאָן אַ ברעקל הימל און אויף דער וועלט איז טאָג געוואָרן. ערשט איצט זענען אָנגעקומען אַנדערע פעאָנען און די פריערדיקע זענען אַוועק אין די ביידלעך שלאָפן.

נאָר אַלץ איינס איז זיי נישט אויסגעקומען צו שלאָפן. ווייל ווי נאָר איניקע האָבן פאַרמאַכט די אויגן, האָט זיך פּלוצלינג דערהערט איין שאָס, אַ צווייטער און אַ דריטער. אין אָנהויב האָט מען געדענקט, אַז דאָס האָט זיך אַהער אַדורכגעריסן דער זשאַנדאַרמסקער סקוואַדראָן און אין לאַגער איז

אויסגעבראָכן אַ שלאַכט. האָט יעדער וואָס האָט נאָר געהאַט ביי זיך אַ ביקס זי אויף גיך אָנגעלאָדן, אין די קעשענעס און אין די פּאַזוכעס אַריינגעוואָרפן אַ סך קוילן און מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס אַרויסגעלאָפן אין דרויסן גרייטע צום שיסן.

ערשט דאָ האָבן זיי זיך גאָר דערוווּסט, אַז די פריִערדיקע פּעאָנען, וועלכע האָבן אומגעבּיטן כוליטאָן מיט זיינע מענטשן און געבליבן היטן די געפאַ־לענע בהמה, האָבן דערשאָסן אַ גרויסן, ברוינעם טיגער מיט שוואַרצע שטרייפן און ווייסע האָר אונטערן בויך, וואָס האָט אַפּנים צו לאַנג נישט גע־קאָנט איינהאַלטן זיך אין זיין ביז איצטיקער באַהעלטעניש און געקומען אויפ־מאָנען זיין רויב.

ווען כוליטאָ האָט דערזען ליגן דעם טיגער, האָט ער געמיינט, אַז די חיה מאַכט זיך דאָס אַזוי געפּגרט. האָט ער אים אַ טאָרקע געטאָן מיטן רער פון זיין ביקס. די ווילדע חיה האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. די פיס זענען ביי איר געווען אויסגעצויגענע. דער בויך אַ ווייסער און אַ לאַנגהאָריקער, האָט נישט געאָטעמט. דאָס אויג, וואָס האָט „געקוקט" צום הימל, איז געווען אַ קיילעכדיקס און אַ גרינס מיט אַ ווייס פּאַסיקל אין דער מיטן פון „שוואַרצ־אַפּל". פון זיין מוח איז געגאַנגען אַ ריטשקעלע בלוט. און כאָטש זיין מויל איז געווען צעעפנט און זיינע בייזע ליפן האָבן אַנטבלויזט צוויי רייען שאַרפע און בלאַנקענדיקע גרויסע ציין, האָט אָבער דער טויטער טיגער קיין מורא אויף קיינעם נישט אַרויפגעוואָרפן. אַדרבא, איצט איז ער גאָר געלעגן אַזוי שטיל און נעבעכדיק ווי אַ קאָטיקל, און קיינעם וואָלט גאָר נישט איינגעפאַלן קיין געדאַנק, אַז די זעלביקע חיה האָט ערשט מיט אַ ווײַלע צוריק געהאַט אין זיך דעם ווילדן כוח און די מוראדיקע קראַפט צו צערייסן אויף פיצ־לעך אַ פערד, אַ בהמה, און וועגן אַ מענטשן אָדער קלענער באַשעפעניש איז דאָך שוין געווען אָפּגערעדט.

מען שינדט אָפּ אַ בהמה

עמאַליטאָ האָט צעלייגט אַ גרויסן פייער און אויפן קאָסטיאָר אַרויפגע־האָנגען אַ קליינעם טשוהון צום פאַרקאָכן מאַטע. אַ פּאָר אַנדערע פּרויען, וועלכע האָבן איבערגעלאָזט זייערע מענער שלאָפן אויף די הייענע געלעגערס, האָבן אין צוויי מולטערס פאַרקנאָטן טייג. זיי האָבן פאַרשאַרט די לאַנגע אַרבל פון די בלוזקעס און מיט די נאַקעטע הענט אַריינגעפּאָרן אין די מול־טערס. דאָרטן אויסגעמישט דעם מעל מיטן וואַסער, דאָס געגוואַדזשעט צווישן די פינגער אַזוי לאַנג, ביז ס'איז דערפון געוואָרן אַ געדיכטער טייג, וואָס זיי

האָבן דערנאָך אויף פּלאַכע, באַמעליקטע ברעטלעך ווידער געקנאָטן, אַז דאָס טייג זאָל נישט זיין קלעפּעדיק און ווען מען האָט דאָס גוט דורכגעאַרבעט, האָבן די פרויען דאָס צעשניטן אויף קליינע שטיקלעך. יעדן חלק באַזונדער געוועל־געוועלגערט און אויסגעוועלגערט רונדע פּלעצלעך, אַוועקגעלייגט אויף גרויסע, פּיר־קאַנטיקע בלעכן און אַרויפגעזעצט אויף אַרויסגעשאַרטן זשאַר צום באַקן.

נאָכן עסן האָט דער אַלטער גאַוטש, וואָס קיינער האָט נישט געוווּסט זיין אמתן נאָמען, זיך אויפגעשטעלט פון דער ערד אַ צופרידענער און צוזאַמען מיט כוליטאַן אָנגעהויבן אָנשאַרפן זייערע קינזשאַלן אויף די צוויי שאַרפשטיינער. געטאָן האָבן זיי דאָס שווייגנדיקע, נאָר מיט געניטקייט אין די הענט און פון די ברוינע שאַרפשטיינער זענען בעתן שלייפן — אַלע ווילע אַרויסגעשפּרונגען איינצלנע פונקען, וואָס האָבן אַ שוואַכן גלי געטאָן אין דער אינדערפרי:ענדיקער לופט. גלייך אויסגעגאַנגען און דערמיט הפנים צו וויסן געגעבן, אַז אַפילו שטיינער האָבן געהאַט אין זיך לעבן און אויף זייער שטיינערישן שטייגער פּראָטעסטירט הלמאי שטאָלענע מעסערס האָבן זיך געריבן ביי זיי אויף די שמאָלע פּלייצקעס...

נאָכן שאַרפן זענען ביידע מענער, מיט דער זעלביקער פּויערישער שוויי־געניש אַוועק אין קאַראַל, ווו די בהמה מיט דעם איבערגעביסענעם האַלדז און נאַקן איז נאָך געלעגן און אַ שוואַרצע כמאַרע פליגן האָבן זיך אויף איר אַרויפגעזעצט און נישט געוואָלט אַוועקגיין. אַז די צוויי פּאָענען זענען צוגע־קומען נאָענט האָט זיך די שוואַרצע כמאַרע אַ הייב געגעבן מיט אַ רציחהדיקן זשומען. עס האָט אָבער לאַנג נישט גענומען און די פליגן האָבן זיך נאָך אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף דער פּגירה. אין זייער איצטיקער, בעסטיאַלישער אַטאַקע האָבן זיי אַפילו נישט דורכגעלאָזט די צוויי מענטשן און געביסן די הענט, געשטעלט זיך אויף די נעז, אַ שטאָך געטאָן אין אַ שטערן, אַ ביס געגעבן אַן אויער. געקערט וועלטן און נאָר געוואָלט, אַז די צוויי־פּיסיקע זאָלן זיך אָפּטראָגן פון דאַנען און לאָזן זיי הנאה האָבן פון דער פעטער סעודה.

דערזען, אַז מיט גוטן וועט מען זיך קיין עצה נישט קענען געבן מיט דער צעווילדעוועטער כמאַרע פליגן, איז כוליטאַ אַוועקגעלאָפן אין דעם הויפּט שאַלאַש און פון דאָרטן געבראַכט צוויי אָנגעצונדענע שטורקאַצן. דערמיט אַ פּאָר מינוט אַרומגעדרייט זיך אַרום דער נבלה, ערשט דעמאָלט האָבן זיך די פליגן דערשראָקן אויף אַן אמתן און אַנטלאָפן אין די דערבייִקע בערג.

דער אַלטער גאַוטש האָט אַ ווײַלע נאָכגעקוקט די אָפּצי:ענדיקע שוואַרצע כמאַרע, וואָס האָט פאַרלוירן די מלחמה, אַנטלאָפן פון „שלאַכטפעלד" און אויף זיין צערונצלטן פּנים האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פרישע קאַרבן און מיט דער חכמה פון אַן אַלטן פּויער האָט ער אָנגעהויבן ריידן צו כוליטאַן, וואָס האָט שוין באַוויזן אויסצולעשן די שטורקאַצן, גענומען זיין שאַרפן קינדזשאַל אין דער רעכטער האַנט און אָנגעהויבן שינדן די בהמה:

— דו הערסט, מיין זון? איך בין שוין אַן אַלטער מאַן. דעם גאַנצן לעבן בין איך געווען נאָענט צו דער נאַטור. כ'האָב זיך צוגעקוקט צו אַלע פירפיסיקע חיות, צו פאַרשיידענע מינים פליגן, צו עקדישן, צו פייגל און איך קאָן זיך אַלץ נישט אָפּוווּנדערן פון דעם גרויסן וווּנדער, וואָס יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש, און אַפילו די גראָזן פון דער ערד, די בלומען, די צוויטן און בלעטלעך אויף די ביימער, אַלץ קעמפט פאַרן שטיקל לעבן. די ברואים האָבן אַן אייגענעם באַגריף ווי צו גיין אויף יאַגד, ווי צו כאַפּן אַ רויב און ווי צו קעמפן מיט אַ שונא. אַלע לעבעדיקע זאַכן אויף דער וועלט זענען קלוג. זיי ווייסן אַקוראַט וואָס צו עסן און וועלכע וואַסערן צום טרינקען. יאָ, זיי ווייסן גענוי ווען עס קומט אָן זייער פאַרוגגס־צייט און ווי צו פאַרהיטן זיך פון אַ שטורעם. איך זאָג דיר, מוטשאַטשאָ, אַז דאָס איז זייער אַ קלוגע וועלט און עס ווילט זיך מיר נישט אַוועקגיין פון איר...

זיי האָבן דער בהמה איבערגעקערט אויפן רוקן. מיט זייערע שאַרפע קינזשאַלן — אַ גלייכן שניט געגעבן איבער די אַרויסגעשטאַרצטע פיס און די רויטע פעל האָט זיך תיכּף צעשפּאָלטן אויף צוויי. די מענער האָבן פלינק געאַרבעט מיט די „חלפים". באַלד איז אַנטבלויזט געוואָרן די רויע פליש פון די פיר בהמהשע פיס, וואָס זענען געווען דורכגעוועבט מיט בלויע און ראָזעווע געדרייטע אָדערן.

ווען די מעסערס האָבן שוין אַראָפּגענומען די פעל פון די ליטקעס און די שפּיצן פון די חלפים האָבן דורכגעווירעט דעם גאַנצן לענג פונעם בויך און די אַרבעט פון אָפּשינדן די בהמה איז איצט צוגעגאַנגען אַ ביסל גרינגער ווי פריִער, האָט דער אַלטער גאַוטש, מיטן ברייטן אַרבל פון זיין גראָבער, לייוונטענער העמד אָפּגעווישט זיך דעם שווייס פון שטערן און ווידער אָנגעהויבן צו „פילאָסאָפירן":

— אָט נעם אַ שטייגער די פריִערדיקע פליגן. פון וואַנען האָבן זיי דאָס געוווּסט, אַז דאָ ליגט אַ געהרגעטע בהמה? ווער האָט זיי געזאָגט און דערצו נאָך, אויסגעלערנט די חכמה, אַז צו פליִען אויף אַ רויב אין געדיכטע מאַסן און דאָס האַלטן זיך כסדר צוזאַמען ווי אַ גרויסע אַרמיי, איז בעסער און געזינטער ווי צו לעבן אַליין אַן איינזאַם לעבן. איך זאָג דאָס דיר, מוטשאַטשאָ, צוליב דעם, אַז דאָס לעבן גופא איז עפּעס אַ פאַרכישופטער קרייז אַזאַ, וואָס איך קאָן אים מיט מיין פּראָסטן שכל נישט באַנעמען...

אין מיטן דרינען איז עמאַליטאַ געקומען צו גיין אויף אירע האַצקענדיקע היפטן. זי האָט אַהער געבראַכט אַ קריגעלע מיט קאַלטן וואַסער. אַפריִער געגעבן צו טרינקען דעם אַלטן און דערנאָך כּוליטאָן. אַז דער סטעפּ־יונג האָט זיך אָפּגעווישט די פאַרנעצטע ליפּן מיט די קליינינקע, שוואַרצע וואַנצעלעך, האָט ער איר אַ פּאַטש געטאָן אויפן ווייכן פליש. די מויד האָט פאַרשטאַנען די אָנצוהערעניש און אַריינגעלאַכט אים אין חנעוודיקן פּנים:

— אַ נאָטשע... — און אַוועקגעוויגט איר זינגעוודיקן קערפּער צוריק אין „לאַגער".

ערשט איצט האָט זיך כוליטא מיט פרישן אימפּעט צוריקגענומען צום שינדן און געענטפערט אויף דעם אַלטנס פריִערדיקע רייד:

— הערסט, אַלטער? ווען איך בין געווען אַ קליין יינגל, האָב איך געהערט מיין טאַטן זאָגן, אַז אויף דער וועלט זענען פאַראַן עפּעס אַזעלכע מינים מענטשן, געלערנטע, וואָס רופן זיך, דוכט מיר, „פילאָזאָפן"... דורך די עלף יאָר, וואָס איך בין אין דער ווילדעניש, האָב איך געלערנט פון דיר אַ סך זאַכן און ביי מיר קומט אויס, אַז אויך דו ביסט עפּעס אַזאַ מין „פילאָזאָף", אַ קלוגער מענטש. פונדעסטוועגן פאַרשטיי איך, אַז קיין צו געלערנטער ביסטו פאָרט נישט. אַ פּשוטע זאַך: דו ווייסט נישט, למשל, אַז פייגל, זשוקעס, פליגן, בינען, שלאַנגען און בערן, טיגערס און פּאַנטעראַס, לעמפּערטן, קאַיאָטעס און אַפילו די פּשוטע וועלף, צי די קלוגע פוקס, לעבן נישט פון וויסן, נאָר מיט אינסטינקט...

איך בין נישט קיין גרויסער רעדנער און קאָן פאַר דיר גאָרנישט אויסמאָלן אין בילדער, אַז דו זאָלסט דאָס דערזען אַזוי קלאָר ווי ביי דיר אויף דער האַנטפלאַך. נאָר אין מיין יונגן לעבן האָב איך אויפגעכאַפּט אייניקע זאַכן, וואָס זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון. צי ווייסטו אַ שטייגער, אַלטער פריינט מיינער, אַז ווען ביי הינט קומט די פאָרונגס־צייט, לאָזט די צויג אַרויס פון זיך אַזאַ גערוך, וואָס דער הונט דערשמעקט דאָס אויף קילאָמעטערס ווייט און קומט צו איר צו לויפן. די בהמה לאָזט אַרויס אַזאַ שליים, וואָס ציט צו דעם ביק, און אַן אָגער ווייסט פאַרויס ווו עס געפינט זיך אַ צייטיקע קליאַטשע און לויפט צו איר מיט אַזאַ ווילדקייט, אַז אויפן וועג קאָן ער דערהרגענען די שטאַרקסטע חיה, וואָס וועט זיך אים שטעלן אין וועג. דאָס זעלביקע קומט אויך פאָר ביי אַלע ברואים. בלויז דער מענטש האָט פאַר דעם נישט קיין סעזאָנען.

דאָס זעלבע איז אויך ווען עס קומט צו עסן און טרינקען. סיי דער העלפאַנט און סיי דאָס פערד מיט דער בהמה ווייסן גענוי, ווו צו געפינען ריין וואַסער. צו קיין פאַרעיפּושטן וועלן זיי זיך נישט צורירן אַפילו ווען זיי זאָלן אויסצייִען די קאַפּיטעס. האָסט געזען די פייגל אין דער פּאַמפּאַ, אָדער אין די בערג? זיי פּאַסן זיך צו צו יעדער אומגעבונג אין וועלכער זיי לעבן. זייערע פעדערן ווערן באַפאַרבט מיט די זעלביקע קאָלירן וואָס ס'האָט דער באַרג, דער טאָל און דער דזשונגל. דאָס אַלץ איז געטאָן געוואָרן מיט זייער אַ גענִיטער האַנט... הפּנים מיטן אָפּזיכט צו פאַרזיכערן, אַז דער שונא זאָל אַזוי גיך נישט קאָנען באַמערקן די פייגל און זיי פאַרצוקן אָן אַ קאַמף.

— עט! — האָט דער אַלטער גאַוטש שוין מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם יונגנס רייד — האָסט קיין נייע זאַכן פאַר מיר נישט אַנטדעקט. איך

זוייס שוין פון לאַנג, דעם געזעץ אין דער נאַטור, אַז דער שוואַכער און אַלטער טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר דעם יונגן און געזונטן. אָט באַלד וועל איך שטאַרבן. פון מיר וועט גאָרנישט ווערן און דו וועסט פאַרנעמען מיין אָרט, וועסט לעבן מיין לעבן... און כאָטש דער געדאַנק, אַז דו וועסט בלייבן נאָך מיר, האָט מיר אַ סך מאָל פאַרשאַפט פרייד, ווייל דו ווייסט דאָך, אַז קיין אייגענע קינדער האָב איך נישט, איז דאָס אַלע מאָל שווער געווען צו זאָגן דיר. אָבער דאָס איז פאָרט דער ריינער אמת און אָט פאַר דעם שוואַרצן אמת שרעקט מיך דאָס האַרץ. ס'איז זייער שווער צו שיידן זיך מיט דער שפּרודלדיקער וועלט... באָר צוריק גערעדט: וואָס האָט אַ פּעאָן צי אַן אָרעמער גאַוטש אָנצוווערן?... מיין לעבן איז געווען אַ שווערער וועג, פול מיט שטיינער און דערנער. פון די רייכע סעניאָרעס מיט זייער פּאָליציי בין איך פאַרטריבן געוואָרן אין דער פּאַמפּאַ. דאָך ווילט זיך נאָך נישט שטאַרבן. איך וויל לעבן כאָטש נאָך אַ טאָג און מיט מיינע קאַליע געוואָרענע אויגן איינקוקן זיך אין די ברייטע אַרגענ־טינער סטעפּעס און הערן ווי עס וואַקסן בייטנאַכט די קאָרן־פּאַנגען, ווי אַרויס־געוואַקסענע פון דער ערד, טרעשטשען זיי אונטער און קרעכצן. מיט מיינע פינגער האָב איך נאָך געוואָלט גלעטן און צערטלען די ווילדע בלומען אין פּאַמפּאַ, וואָס מינען כסדר זייערע פאַרבן. יאָ, איך וויל נאָך אַ ביסל זען ווי אַלץ אַרום מיר לעבט און פאַרמערט זיך און ס'איז מיר אַזאַ שאָד אַוועקצו־גיין פון דעם אַלעמען, אַזאַ שאָד!...

כוליטאָס שאַרף מעסער האָט פלינק געשניטן און אָפּגעשיילט די פעל פון דער בהמה, מיט אַזאַ זיכערער האַנט, ווי אַן אמתער שינדער. נאָר ווען ס'איז געקומען צו די אָפּטיילונגען, דאָרט ווו די שטאַרקע מוסקולן ביי דער בהמה זענען געווען צוזאַמענגעבונדן צווישן דעם זאָדעק מיט דעם ערשטן האַלבן טייל פון די דעכוועגעס, איז דער חלף געוואָרן אַ סך איינגעהאַלטע־נער. אָבער שפּעטער, אַז דער „שינדער" איז שוין דערגאַנצען צום בויך, האָט דער יונג מיט די געזונטע הענט אָנגענומען די לויז געוואָרענע ברעגעס פון דער פעל און זיי אַזאַ צי געגעבן צו זיך, אַז די פּגירה איז מיט אַ מאָל געבליבן ליגן אַ נאַקעטע פאַר דער גאַנצער וועלט צום זען און שטוינען. איר בויך, דער זאָדעק, מיט די פיר פיס, וואָס זענען געווען אויסגעשטרעקט צום הימל, זענען ערטערווייז געווען בלאַס־ראָזעווע און אויסגעזען האָט דאָס איצט, ווי צו מוראדיק גרויסע בעמבעקעס, וועלכע מען האָט ערשט אַרויסגענומען ביי אַ געשאָכטענער בהמה פון בויך, נאָר אָן אַ הייטל אויף זיך... אַ ווייַלע האָט די פייכטע פרישקייט פונעם פלייש אַ בליאַסק געטאָן אין דער זון. נאָר דער־נאָך האָט עס פאַרלוירן דעם פריִערדיקן קאָליר און ס'איז געווען אַן עקל און אַ שרעק צו קוקן אויף דעם.

אַז כוליטאָ האָט די בהמה איבערגעקערט אויף אַ זייט און אַראָפּגעצויגן

די פעל פון דער שפינע, האָט ער אַ ביסל גרינגער אָפּגעאָטעמט און מיט אַ געמאַכטן כעס איבערגעריסן דאָס לאַנגע שווייגן:

— „קאַראַמבאַ"! איך האָב געמיינט, אַז דו ביסט, ווי מען רופט דאָס, אַ „פילאָזאָף", אַ קלוגער מענטש און צום סוף הער איך גאָר, אַז דו רעדטסט אַזעלכע נאַרישקייטן... וואָס הייסט דו „גייסט באַלד שטאַרבן?" אַזוי רעדט אַן אַלטע באַבע! און נישט אַזאַ מאַן ווי דו ביסט. האָסט דאָך ערשט גערעדט וועגן „קאָרן־זאַנגען" און „ווילדע בלומען"! איך ווייס, אַז דיין נשמה איז אַ בענקענ־דיקע, וואָס פּאַסט גאַרנישט פאַר קיין גאַוטש מיט אַזעלכע דערפאַרונגען אין לעבן, ווי דו האָסט געהאַט... ביי מיר קומט גראָד אויס: ווען אַ גאַוטש ווערט אָפּגעריסן פון זיין שטאַם, און אַ פעאָן וועלכער לעבט איבער אַ סך ליידן, דאַרף גאָר ווערן פאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיין. ער דאַרף גאָר קאָנען לערנען אַנדערע ווי אַראָפּצונעמען זיך פון אים אַ מוסר־השכל, אַז דאָס אָרעמע פאָלק פון אַרגענטינע זאָל נישט דורכגיין דאָס, וואָס מיר ביידע זענען דורכגע־גאַנגען...

דער אַלטער גאַוטש איז אין כעס געוואָרן און געוואָלט געבן כוליטאָן אַ גאָב און ענטפערן, אַז דער יונג טראָגט זיך אַרום מיט געפערלעכע און שרעק־לעכע געדאַנקען, אַז לויט ווי ער פאַרשטייט דאָס, איז כוליטאָ עפּעס אַ מין „רעוואָלוסיאָנאַריאָ", אַ בונטאָווטשיק. נאָר אין קאָראַל זענען אַריינגעקומען עטלעכע יונגען און איבערגעשלאָגן די געדאַנקען. געקומען זענען די פעאָנען מיט קינזשאַלן אין די ברייטע, רימענע פּאַסן און מיט גרויס אינטערעס באַ־טראַכט די אויף גלאָט אָפּגעשונדענע בהמה, איר פעט פלייש. און איינער פון זיי, אַ מאָגערער און אַ זשוואַווער, מיט אַ שוואַרצער פּאַטליע, וואָס איז אים אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם שטרויענעם סאָמברעראָ, האָט הכנעהדיק געפינטלט מיט די שוואַרצע, גרויסע אויגן און געפרעגט כוליטאָן:

—כוליטאָ, דו ביסט דאָך אַ מאַדים אויף צו שינדן בהמות! איז אפשר ווילסטו, וועלן מיר דיר העלפן צו צעשניידן אויף שטיקער?...

— כואַן! — האָט אים דער סטעפּ־יונג געענטפערט, — דו ביסט געקומען אין דער ריכטיקער צייט. איך בין שוין טאַקע אַ ביסל מיד. אויך דער אַלטער דאַרף זיך אָפּרוען. נעם דיינע מוטשאַטשאָס און צעפערטלט די בהמה אויף קליינע חלקים. אָבער וואָס וועלן מיר טאָן מיט אַזוי פיל פלייש? דאָס ווער דאָך פאַרשטונקען ווערן. ווערעם וועלן זיך אין דעם אַריינכאַפּן און פאַר איין מאָל קאָן מען דאָך דאָס נישט אויפעסן?...

כואַן, וואָס איז אַנטלאָפן געוואָרן פון אַ טורמע פון „טיערראַ דעל פועגאָ", ווו ער איז געזעסן דערפאַר, וואָס ער האָט ביי זיין פריץ געגנבעט אַ הון און נאָכן אַנטלויפן פון תפיסה אַ לאַנגע צייט אַרומגעוואַנדערט אין דזשונגל, האָט אַ לאַך געטאָן :

— נעם דעם אַלטן און גייט ביידע אין די ביידלעך שלאָפן. מיר וועלן

שוין מאַכן אַ טאָלק. נאָר שיק אַהער צו אַ פּאָר ווייבער. זאָלן זיי ברענגען די מולטערס, ווייל אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין דער בהמה, דער מילץ, די לונגען מיט דער לעבער, די מאָגנס, די פליאַקעס — דאָס זעסטו קאָן מען טאָקע נישט פרעזערווירן. איז זאָלן זיי דאָס נאָך היינט אָפּקאָכן...

כוליטאָ מיטן אַלטן זענען אַוועק און די זעקס יונגען האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף דער בהמות קערפּער. איינער האָט זיך פאַרנומען מיטן אַראָפּנעמען פון איר די פּיס; אַ צווייטער און אַ דריטער —ביידע זייטן זאַדעק; אַ פערטער — די פאָדערשטע ליטקעס. כואַן האָט מיטן קינזשאַל געעפנט דעם בויך, פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט די לעבער, די לונגען, דעם מילץ, די קישקעס, די מעגענער און דאָס אַלץ אַריינגעלייגט אין די מולטערס, וואָס די ווייבער האָבן דערנאָך אַוועקגעטראָגן צום קאַסציאר אַפּרייניקן, וואַשן און קאָכן.

אין מיטן צעפערטלען יעדן טייל באַזונדער האָט זיך כואַן געכאַפּט, אַז מען דאַרף האָבן לאַנגע סלופּעס און אַ געשריי געטאָן צו אַנטאָניאָן דעם „פערד", וואָס איז איצט גראָד פאַרביי געגאַנגען דעם קאָראַל:

— העי, קאָניא! שיק גלייך אַ וועק אַ פּאָר מענטשן אין פאָדערשטן טייל פון דעם ערשטן טאָל, זאָלן זיי דאָרט אויפזוכן דינע אָבער הויכעביימער, אַרומנעמען אַלע צווייגן און אָפּטעשען אויף גלאַט; בלויז אויף די סאַמע שפּיצן זאָלן זיי איבערלאָזן צו עטלעכע האַלב אָפּגעהאַקטע צווייגעלעך און ברענגען דאָס אַהער אין לאַגער, ווייל מען דאַרף די סלופּעס אַריינזעצן אין דער ערד, כדי אויף זיי דערנאָך קאָנען אַרויפהענגען דאָס פלייש. אָבער טו דאָס באַלד!

אין עטלעכע מינוט אַרום האָבן שוין פיר יונגע פעאָנען איינגעשפּאַנט צוויי פערד אין אַ לאַנגן וואָגן. אויף דער פור האָבן זיי אַרויפגעוואָרפן העק, אַליין אויך אַוועקגעזעצט זיך און אַוועקגעפאָרן צום ערשטן טאָל, אין די פּאַטאַגאָניער בערג, וווּ עס זענען געוואַקסן אַ סך הויכע און דינע סאָסנעס. דער וועג אַהין איז געווען אַ געדרייטער און אַ ווייטער, וואָסערע פיר קילאָמעטער פונעם „לאַגער". קיין אויסגעפּאָרענע קאָלייקע איז אַהין נישט געלאָפן. זענען די פערד געגאַנגען פוסטריט און דער וואָגן אויף די הויכע רעדער האָט זיך געהאָצקעט איבער שטיינער און שטיינדלעך. די יונגען זענען געפאָרן פריילעכע, זאָרגלאָזע און דער הויכער גאַבריעל לאַרגאָ האָט פּלוצים געזאָגט צו זיין פריינט נאַטאַליאָ, וואָס איז געזעסן אויפן דעק פון דער פור:

— אויב דער וואָגן וועט זיך אַזוי טרייסלען דעם גאַנצן וועג וועסטו קריגן מאַזאָליעס אויפן הינטן און דיינע מיידן אין לאַגער וועלן האָבן אַ שווער שטיקל אַרבעט אויסצוהיילן זיי...

נאַטאַליאָ, וואָס האָט מיט זיין הויכן און ברייטפּלייציקן געשטעל איצט אויסגעזען קליין, נעכעבדיק און אומשולדיק, ווי אַ קינד, האָט זיך האַרציק

צעלאָכט. ער האָט צעעפנט דאָס מויל און ס׳האָבן זיך באַוויזן צוויי שורות געזונטע אָבער פאַרגעלטע ציין:

— אָבער דו האָסט דאָך אַפילו קיין הינטן אויך נישט! און מיט דיר וועט זיך קיין פרוי נישט פאַרנעמען; זיי זאָגן אַפילו אַז דו ביסט גאָר קיין מאַן נישט! — — —

פון דער לעצטער באַמערקונג איז גאַבריעל לאַרגאָ ברוגז געוואָרן. אים האָט פאַרדראָסן נישט אַזוי אויף נאַטאַליאַן, ווי אויף איינער פון די פרויען אין „לאַגער", וואָס האָט אים מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק איינגעלאַדן צו זיך אין ביידל און דערנאָך דערציילט פאַר אַלעמען, אַז ער קאָן גאָרנישט — — — דעם פאַרדרוס און ברוגז האָט איצט גאַבריעל לאַרגאָ אַרויסגעשאָסן אין אַ ביטערער קללה:

— עס זאָל ביי דיר אויסוואַקסן אַזאַ פרישטש אויפן סאַמע שפּיץ נאָז!... אָבער איך בין נישט אַזוי ווי דו!... איך היט זיך פון די פראַנצעוואַטע הורן!...

דער וואָגן האָט נאָך אַלץ געטראַסקעט, געשאָקלט זיך, געטרייסלט די ביי־נער און די יונגען האָבן די גאַנצע צייט געלאַכט פון גאַבריעל לאַרגאָס קללה. נאָר באַלד איז די פור אַריינגעפאָרן אין דעם ערשטן טאָל. נישט ווייט פון די געדיכטע ביימער זענען די פערד שטיין געבליבן. דאָ איז די חברה אַראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן און מיט די שאַרפע העק אין די הענט געגאַנגען זוכן דינע און הויכע סאָסנעס.

לאַנג זוכן האָבן זיי נישט געדאַרפט. גלייך צו דער רעכטער זייט זענען געוואַקסן גאַנצע משפחות פון הויכע און שלאַנקע סאָסנעס מיט גרינע קרוי־נען פון שאַרפע נאָדלען אויף די קעפּ. אַז די העק האָבן זיך איינגעביסן אין די לייבער פון די סאָסנע־שטאַמען, האָבן זיך די קלעפּ צעטראָגן איבער די בערג און פון אומעטום זענען צוריקגעקומען הילכיקע עכאָס, וואָס האָבן אָפּגעקלונגען ווי טויזנטער מעכטיקע שאָסן. די פייגל אויף די אַרומיקע ביי־מער האָבן זיך דערשראָקן און סטייעסווייז אַ הייב געגעבן זיך אין דער לופטן מיט געפּילדער און איבערגעלאָזט זייערע וויכע נעסטן אויף הפקר. בלויז אייניקע „מאַמעס", וועלכע זענען געזעסן אויף אייערלעך, האָבן בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן זייערע נאָך נישט אויסגעפּיקטע קינדערלעך.

אָבער ווען די אומגליקלעכע סאָסנעס האָבן מער נישט געקאָנט אויס־האַלטן די זעצן פון די העק און אומגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַזעלכע קראַכן, אַז דער גאַנצער טאָל האָט אויפגעציטערט, ערשט דעמאָלט זענען שוין אַפילו די איבערגעשראָקענע „מאַמעס" אַראָפּגעשפּרונגען פון די אייער־לעך און מיט האַרצרייסנדיקע געשרייען נאָכגעפלויגן די פריערדיקע, אָפּ־ציִענדיקע עדה פייגל און ס׳איז שווער געווען צו וויסן צי די לעצטע האָבן אָנגעיאָגט די ערשטע אָדער נישט...

נאָך האַלבן טאָג, ווען דער וואָגן מיט די אַרומגעטשעשעטע סלופּעס איז אָנגעקומען אין „לאַגער“, האָט גאַבריעל לאַרגאָ מיט נאַטאַליאַן און די אַנדערע פּאָר פּעאָנען שוין דאָ געטראָפן גרייט דריי טיפע אויסגעראָבענע גריבער וווהין מען האָט דערנאָך אַריינגעזעצט די סלופּעס און פאַרשאָטן די גריבער, אַרומגעטאָפּטשעט מיט די פיס און געמאַכט זיכער, אַז זיי זאָלן נישט אומפאַלן אַפילו אינעם שטאַרקסטן ווינט.

דער גאַנצער לאַגער מיט מענטשן האָט זיך איצט אַהער פאַרקליבן. יעדערער איז געווען נייגעריק צו זען ווי אַזוי מען וועט אַרויפטראָגן די גרויסע שטיקער פלייש אויף די שפּיצן פון די סלופּעס און דאָס דאָרטן איבערלאָזן. אָבער כואַן, וואָס האָט איבערגענומען די „קאָמאַנדע“, האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום עולם און געפרעגט:

— מוטשאַטשאָס! ווער פון אייך קאָן קלעטערן?

— איך!

— איך!

— און איך אויך! — האָבן זיך פון צווישן די פאַרזאַמלטע, דריי נאָך גאָר יונגע בחורימלעך, הפּנים נישט מער ווי אין די אַכצענער אָדער נײַנצענער יאָרן. דאָס זענען געווען דאַרע, נאָר מוסקולירטע יאַטן מיט לענגלעכע און אָפּגעברענטע פּנימער פון דער זון.

— בוענאָ! — האָט זיך כואַן דערפרייט מיט זיי — גייט אין דעם גרויסן שאַלאַש און ברענגט פון דאָרטן דריי לאַנגע שטריק און קליינע שטריקלעך אויף צובינדן דאָס פלייש צו די צווייגן.

די דריי יאַטן זענען באַלד אַוועקגעלאָפן אין דעם גרויסן שאַלאַש, וואָס איז געווען דער שפּייכלער און דער אָרט, וווּ מען האָט געהאַלטן אַלע זאַכן וואָס דער לאַגער האָט פאַרמאָגט: שפּייז, זשערבאַ־מאַטע, געצייג, געווער, קליידער און שניטוואַרג. דאָ זענען די בחורימלעך אַרומגעגאַנגען צווישן די פאַרשידענע געפעקן און אַזוי לאַנג געזוכט ביז זיי האָבן געפונען די באַלן שטריק און דערמיט צוגעקומען צו כואַנען.

— און איצט, קריכט! — האָט זיי כואַן באַפוילן.

יעדערער פון די דריי יאַטן האָט גענומען אַן עק שטריק און דאָס צוגעבונדן צו זיין גאַרטל, אַראָפּגעוואָרפן די שיך פון די פיס און באָרוועסערהייט אָנגעהויבן דראַפּען זיך אויף די סלופּעס. ביים קריכן האָבן זיי אויסגעהאָרבעט די פלייצעס, אויסגעצויגן די מוסקולירטע פיס, וואָס האָבן אָנגענומען די פאָרמען פון קלעשטשעס. די קלעטערער האָבן דערביי געמאַכט אַזעלכע פלינקע באַוועגונגען מיט די הענט, מיט די פיס און מיט די קערפּערס, און די צוקוקערס האָבן פון דער ווייטן געמיינט, אַז דאָס דראַפּען זיך נישט קיין מענטשן, נאָר מאַלפּעס.

דורך דער צייט, ביז וואַנען די בחורימלעך האָבן דערגרייכט די שפּיצן

סלופּעס, ווו ס'האָבן זיך געפונען ארויסגעשטאַרצטע שטיקלעך צווייגן, האָט מען דערווייל אַהער געבראַכט די גרויסע שטיקער פלייש פון דער צעשני־טענער בהמה. כואַן מיט נאָך אַ פּאָר פעאָנען האָבן דעם בשר אַרומגעבונדן מיט די אַנדערע עקן שטריק און אַ געשריי געטאָן צו די יאַטן אויף די סלופּעס:

— ציט!

די יונגען האָבן איינגעקרעמפּעוועט זייערע פיס אין די ווייסע און גלאַטע לייבער פון די סלופּעס און מיט די געזונטע הענט אַרויפגעצויגן יעדן שטיק פלייש באַזונדער. דאָס צוגעבונדן צו די צווייגן מיט קורצע, אָבער שטאַרקע שטריקלעך. די לויז־געוואָרענע עקן פון די לאַנגע שטריק האָבן זיי צוריק־געוואָרפן צו דער ערד. דערנאָך ווידער אַרויפגעשלעפּט שטיקער פלייש. די אַרבעט האָט טאַקע לאַנג נישט געדויערט, אָבער דערפאַר איז גלייך אַרויפ־געשווומען אַ נייע צרה, אויף וועלכער מען האָט זיך פריִער גאָר נישט גערעכנט.

דעם גערוך פון פרישן בלוט און פלייש האָט דער ווינט אַריינגעכאַפּט צו זיך אין די פאַלעס און אַוועקגעטראָגן איבער די הויכע בערג און טיפע טאָלן און די בינטלעך פלייש, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען אויף שטריקלעך פון די דריי סלופּעס, זענען פריִער באַפאַלן געוואָרן פון גרויסע כמאַרעס זלידנע פליגן; דערנאָך זענען אַהער אָנגעפלויגן טשאַטעס רויב־פייגל מיט איינזאַ־מע אָדלערס און גענומען רייסן שטיקער פלייש. ס'איז נאָך געווען אַ נס, וואָס כוליטאָ האָט דאָס באַצייטנס באַמערקט און באַפוילן, אַז מען זאָל נעמען די ביקסן אין די הענט און שיסן אויף די פייגל.

אַזוי אַרום האָט ער דערווייל צעטריבן די צעררייצטע אָנפאַלער. כוליטאָ האָט אָבער געוווסט, אַז אָדלערס זענען גרויסע עקשנים און וועלן אַוודאי צוריקקומען. האָט ער באַפוילן אַנטאָניאָ דעם „פערד", אַז יענער זאָל ביי די סלופּעס אַוועקשטעלן אַ פּאָר מענטשן מיט געווער אין די הענט און אָפּשלאָגן די אַטאַקעס פון די הונגעריקע אָדלערס, וואָס לאָזן זיך אַרויס אויף יאַגד בלויז בייטאָג. ווייל דורך די נעכט זיצן זיי ביי זיך אויף די הויכע, נאַקעטע סקאַלעס און שלאָפן.

דעריבער האָט ער די פּאָר וועכטער פאַרנאַכט צוגענומען פון די פּאָסטנס און גערעכנט, אַז ערשט מאָרגן אין דער פרי וועט ער ביי די סלופּעס ווידער אַוועקשטעלן שומרים און אַזוי אַרום אָפּראַטעווען דאָס פלייש, וואָס האָט גע־זאָלט סטייען פאַר אַלע מענטשן אין „לאַגער" אויף אַ פּאָר וואָכן צו עסן. דעריבער איז ער אַ באַרוִקטער אַוועק צו זיך אין ביידל און אַפילו מער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן אַנדערע געפאַרן, וואָס האָבן איצט געלויערט אויפן פלייש.

אַ פּאָר ווייבער האָבן זיך געפּאָרעט אַרום דעם קאַסציאַר. מיט אַ שטעקן האָבן זיי אַ פּאָר מאָל אַ מיש געטאָן אין קעסל, נאָכדעם פון דאָרט אַרויסגע־נומען דעם אָפּגעקאָכטן מילץ, די פליאַקעס, די לונגען מיט די אַנדערע שטיקער

פלייש און דאָס געטיילט יעדערן אַ פּאָרציע. אין בלעכענע שיסלעך אַריינגע־גאָסן זופּ ביז צו די ברעגן. די מענער האָבן דאָס געשלונגען מיט גרויס אַפּע־טיט, הנאה געהאַט פון גאָטס וועלט און יעדער איינער, אויסער כוליטאַן, האָבן געטראַכט אַז מען האָט געדאַרפט דאַנקען גאָט, וואָס דער טיגער האָט נעכטן ביינאַכט איבערגעביסן דעם האַלדז און נאַקן ביי דער בהמה...

נאָכן עסן וועטשערע איז מען נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן אויף די פרי־ערדיקע ערטער, געדרויכערט ציגאַרעטלעך און ביי יעדן צי האָבן די שפּיצן־ציגאַרעטלעך אויפגעלויכטן, אויף אַ רגע אָפּגעפאַרבט די פּנימער פון די רוי־כערערס אויף קופּערנעם קאָליר און באַלד אויסגעלאָשן זיך. מיט פאַרבענקטע אויגן האָבן די פּעאָנען געקוקט אויפן פייער און געזען, אַז וואָס אַ מינוט איז ער געוואָרן קלענער און שוואַכער. איינצלנע קוילן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט פון די רויט געוואָרענע האָלצוועשקעס און דערמאָנט, אַז קיין זאַך אויף דער וועלט לעבט נישט אייביק...

אין מיטן דערינען האָט זיך דערהערט אַן אומעטיקער געזאַנג. אַז מען האָט זיך גוט איינגעקוקט האָט מען געזען, ווי דער שטענדיק פריילעכער נאַ־טאַליאָ איז געזעסן נעבן אַ מויד, וואָס האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אויף זיין אַקסל און ער האָט צוליב איר געזונגען אַ ליד וועגן אָרעמע פּעאָנען, וועלכע שמאַכטן ביי די רייכע פּריצים אין די גרויסע האַסיענדאַס. נאָך דעם ליד האָט דער יונג פאַרזונגען אַ ניגון וועגן אַ ליבע צווישן אַ בחור מיט אַ מיידל. דאָס איז הפּנים געווען אַ באַקאַנט פאָלקס־ליד. ווייל סיי די אַנדערע מענער פון „לאַגער" און סיי די עטלעכע גאַסן־פרויען האָבן דאָס אונטערגעכאַפּט און יעדערער אויף זיין שטייגער האָט מיטגעזונגען, מיטגעוויינט און מיט־געליטן מיט די „אָרעמע פאַרליבטע", וואָס איז יעדן פּעאָן געווען איינגע־באַקן אין האַרצן. נאָר עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט, האָבן זיך אַלע אויפגעהויבן פון די ערטער, געווונטשן איינער דעם צווייטן: „בוענאַס נאָטשעס" און אַוועק צו זיך אין די ביידלעך.

אויך כוליטאָ האָט געטאָן דאָס זעלבע. ביי אים אין ביידל האָט אויף אים געוואַרט די שיינע עמאַליטאַ. זי איז געלעגן כמעט אַ נאַקעטע. אונטערן מאַ־טאַוון שיין פון לעמפּל, וואָס האָט דאָ געברענט, האָט איר ווייסער קערפּער אויסגעזען גלאַנציק, פונקט ווי זי וואָלט אים אויסגעשמירט מיט אַ פעטן זאַלב. פון דעם בילד איז כוליטאָ געוואָרן אַזוי צערייצט, אַז ער האָט זיך איינגעבויגן און געקושט איר יעדן אבר. פון גרויס תענוג האָט זי פאַרמאַכט די אויגן און געבליבן ליגן אַ באַוועגלאָזע. אָבער דערנאָך האָט זי אים צוגע־דריקט צו זיך, אַריינגענומען זיין קאָפּ אין אירע הענט און מיט זודיקייט אין אָטעם געשעפּטשעט:

— „אַ, קערידאָ מיאָ!"...

**
*

אין מיטן דער נאַכט איז אַנטאָניאָ דער „פערד“, צוליב מענטשלעכע באַדערפענישן מסתמא, אַרויסגעגאַנגען פון זיין ביידל, וואָס האָט זיך געפונען פונקט אַנטקעגן די דריי סלופּעס פון פליש און צו זיין גרויסער איבערראַשונג דערזען ווי אַ באַרג-לייב האָט זיך געדראַפּעט אויף איינעם פון די סלופּעס און געוואָלט דערגרייכן דאָס פלייש, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון זיין שפּיץ. נאָר דער סלופּ איז געווען צו גלאַטיק אָפּגעטשעשעט פאַר זיינע לאַפּעס, האָט די חיה מער ווי אַ פּאָר אַרשין נישט געקאָנט אויפהייבן זיך פון דער ערד, ער האָט זיך צוריקגעגליטשט און דערנאָך ווידער אָנגעהויבן דראַפּען זיך אויף אים.

איז אַנטאָניאָ, אומבאַמערקערהייט אַריין צוריק צו זיך אין ביידל, געכאַפּט די אָנגעלאָדענע ביקס און שטילערהייט, ווי ער וואָלט קיינעם נישט געוואָלט אויפוועקן און דערשרעקן, איז ער אויף די שפּיץ-פינגער פון די פיס ווידער אַרויס אין דרויסן. דאָרטן האָט ער זיך געשטעלט אין אַן אָנגרייפנדיקער פּאָזע, גוט אָנגעצילעוועט די רער פון דער ביקס, מיטן מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט אַ דריק געטאָן דאָס צינגל פון „שלאָס“ און אויסגעשאָסן און גאָר פאַרגעסן זיך צוליב וואָס ער איז לכתחילה אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן פון אָנהויב אָן...

דער פּלוצימדיקער שאָס האָט אויפגעטרייסלט דעם גאַנצן אַרום, אויפגעוועקט אַלע מענטשן אין „לאַגער“, וואָס זענען אין הויזן און אַפילו אייניקע אָן הויזן אויף זיך, אַרויסגעלאָפן צעשראָקענע פון די ביידלעך און מיט אָנגעשטעלטע ביקסן, גרייט צום שיסן, האָט איינער געפרעגט דעם אַנדערן:

— „קע פּאַסאָ“?

מיט אָנגעצונדענע שטורקאַצן אין די הענט זענען פּאַרסאָפּעטע געקומען צו לויפן כוליטאָ, גאַבריעל לאַרגאָ און נאַטאַליאָ. פון ווייטן נאָך האָבן זיי באַמערקט אַנטאָניאָ דעם „פערד“ מיט אַן אָנגעצילעוועטער ביקס גרייט אויסצושיסן נאָכאַמאָל. זענען זיי צוגעלאָפן צו אים און ער האָט מיט אַ שאָקל פון דער ביקס אָנגעוויזן, אַז נישט ווייט פונעם צווייטן סלופּ איז געלעגן אַ לייב מיט אַ מעכטיקן קאָפּ, נאָר אָן אַ גריווע אויפן קאַרק ווי ביי די פעלד- און דזשונגל-לייבן. די מאָרדע איז ביי אים געווען פאַרשטעקט צווישן די פאָדערשטע לאַפּעס. די הינטערשטע האָט ער געהאַלטן גלייכע און אויסגעצויגענע. כוליטאָ האָט זיין שטורקאַץ איבערגעגעבן צו אַ צווייטן יונגנמאַן. ער האָט צוגענומען די ביקס פון אַנטאָניאָס הענט, צוגעשטעלט דעם פּריקלאַד צום רעכטן אַקסל און אַריינגעשאָסן אַ קויל אין דער חיה. ז פריער הפנים האָט זיך דער לייב געמאַכט, ווי אַ געהרגעטער, נאָר איצט, אַז ער האָט אַריינגעכאַפּט נאָך אַ „פּוליע“, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ שטעל אויף, צעעפנט דעם ריזיקן פּיסק, אַ שרעקלעכן ברום געטאָן און אויפגעהויבן די רעכטע פאָדערשטע לאַפּע, ווי ער וואָלט עמעצן געוואָלט געבן אַ זעץ איבערן קאָפּ. נאָר אין

דער רגע האָט הינטער כוליטאַן אָפּגעהילכט פון צוויי אַנדערע ביקסן מיט אַמאָל, וואָס האָבן דער חיה הפנים געטראָפן אין קאָפּ, ווייל דער לייב האָט זיך פּלוצים אַ דריי געטאָן אַרום זיך אַליין, ווי אַ ווירבער, אַ וואַקל געגעבן זיך אַהין און אַהער און איז סוף־כל־סוף געבליבן ליגן אויף דער ערד און מער שוין נישט אויפגעשטאַנען.

פונדעסטוועגן האָט מען נאָך אַלץ נישט געגלויבט, אַז ער איז טויט אויף אַן אמת. זענען די פּריערדיקע צוויי שיסערס צוגעגאַנגען נאָענט צום גע־פאַלענעם לייב און אים אין אויער אַריינגעיאָגט נאָך צו צוויי קוילן. ערשט דערנאָך האָבן זיי אים אַ קאַטשע געטאָן פון איין זייט אויף דער אַנדערער און איבערצייגט זיך, אַז ס׳איז שוין געווען נאָך אַלעמען. באַרוזיקטע, וואָס דאָס איז געווען בלויז אַ לייב און נישט קיין אַנגעלויף פון אַ סקוואַדראָן זשאַנדאַר־מעריע, זענען די מענטשן אַוועק צוריק צו זיך אין די בײַדלעך צו דערכאַפּן דעם שלאָף וואָס איז מיט אַ מאָל איבערגעריסן געוואָרן.

נאָר דאָס אָפּהיטן דאָס פליייש איז געוואָרן אַזאַ פּראָבלעם, וואָס מיטן דערשיסן איין לייב האָט זיך דאָס נישט געקאָנט ענדיקן, מחמת יעדער פּעאָן האָט געוווסט, אַז סיי אין דזשונגל און סיי אין דער לאַגער קייט פון די פּאַטאַגאָניער בערג, וואָס ציִען זיך אַזש ביז צו די באַרימטע „לאָס אַנדעס“, און אַפילו אין די געהיימע טאָלן, ווו דער ווינט האָט אַוועקגעטראָגן דעם גע־רוך פון פרישן פליייש און בלוט, זענען פאַראַן אָן אַ צאָל פאַרשידענע חיות, וועלכע וועלן לויטן שפּור פונעם ווינט קומען אַהער און פאַרמעסטן זיך אויף די דריי סלופּעס מיטן פליייש.

דעריבער האָט כוליטאָ צוגערופן אַנטאָניאָ דעם „פערד“ און ביי אים געפרעגט:

— מיר זענען נאָך נישט פאַרטיק. עס וועלן קומען אַנדערע לייבן, טיי־גערס, לעמפּערטן צי שוואַרצע פּאַנטעראַס און אָדלערס. איז מילא, מיט די רויב־פייגל קאָן מען זיך ווי עס איז ספּראַווען, ווייל זיי פליִען דאָך בלויז ביי־טאָג, אָבער וואָס וועט זיין דורך די נעכט ווען די חיות וועלן אַטאַקירן דעם לאַגער?...

אַנטאָניאָ האָט אַ ווײַלע אַרומגעשפּאַנט הין און צוריק און דערנאָך גע־ענטפערט:

— דו ווייסט דאָך, אַז די ווילדע חיות האָבן מורא פאַר פייער, איז זאָל מען דורך די נעכט צעלייגן גרויסע שייטערן, וועלן זיי נישט וואַגן צו קו־מען אין לאַגער...

— „באָראַטשאָ“! — האָט זיך כוליטאָ צעשריען אויף אַנטאָניאָן — די חכמה ווייס איך אָן דיר אויך!... וואָס ווילסטו צעלייגן גרויסע פייערן ביינאַכט, כדי די פּאָליציי, צי די זשאַנדאַרמען זאָלן דאָס דערזען פון וויטן און אַטאַ־קירן דעם לאַגער?!... דו ווייסט גאָרנישט, אַז אונדזער איינציקער אויסוועג

ווי צו ראַטעווען זיך פון זייערע הענט איז צו זיין אין דער פינצטער?... איך וואָלט דיר געראָטן, אַז דו זאָלסט אָוועקשטעלן פיר חברה מיט אָנגעלאָדענע ביקסן, זאָלן זיי וואַכן לעבן די סלופּעס אַ דריי שעה און דערנאָך זאָלסטו זיי איבערבייטן אויף אַנדערע מוטשאַטשאָס.

— פאַר וואָס עפּעס אַזוי פיל מענטשן פאַראַמאָל? — האָט אַנטאָניאָ געפרעגט און נישט געקאָנט פאַרשטיין כוליטאָס מאָדנעם איינפאַל.

— „קאָניא, לאַ גראַן סיעטע!“ — איז כוליטאָ בלויז באַשטאַנען אויף דאָס זייניקע — דו ווייסט גאָרנישט, אַז אַ לייב, אַ פּאַנטעראַ, אַ לעמפּערט, צי אַ טיגער גייען אַזוי שטיל ווי קעץ?... איין מענטש וואָלט זיי קיין מאָל נישט גע־קאָנט דערהערן צי באַמערקן אָנקומען. אגב, קאָן אַזאַ חיה איינעם צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך און מיר וועלן אַפילו נישט וויסן דערפון. אָבער ווען פיר יאָטן וועלן שטיין צוזאַמען, וועט שוין איינער פון זיי יאָ דערהערן און אַפילו באַמערקן דעם סילועט פון אַ חיה, וואָס גנבעט זיך אין דער פינצטער צו אַ סלופּ און אָנזאָגן די אַנדערע, דו פאַרשטייסט?...

— „סי סעניאָר!“ — האָט אַנטאָניאָ ערשט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די לאָגיק פון כוליטאָס רייד — דו ביסט דאָך טאַקע גערעכט!... גוט, איך וועל אַוועקשטעלן פיר מענטשן.

נאָך דעם געשפּרעך איז כוליטאָ אַוועק צו זיך אין ביידל, ווו עמאַליטאַ איז שוין געשלאָפן אויפן הייענעם געלעגער. אַנטאָניאָ האָט זיך דערווייל אַריינגעריסן אין אַ ביידל, ווו עס זענען געלעגן און געכראָפּעט צען יונגען. ער האָט דאָ אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אויפגעזוכט דאָס שטיקל ליכט, וואָס איז גע־ווען צוגעטריפט צו דעם אויבערשטן דעקל פון אַ הילצערנעם קעסטל און אָנגעצונדן.

ביי דריי זייטן פון דער פּאַלאַטקע, אויף אויסגעטריקנטן גראָז, זענען געלעגן צען גופים מיט צעשפּרייטע הענט און פאַרניוועטע פיס. ביי איינעם איז דאָס כראָפּען געווען דין, ווי דאָס וואָלט גאָר אַרויסגעקומען פון עפּעס אַ פלייט און נישט פון קיין מענטשלעכן האַלדז און נאָז; ביי אַן אַנדערן איז דער כראָפּען געווען אַ ברוסטיקער, אַ באַסאָווער און אַלעמענס כראָפּענישן צו־זאַמען האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין „סימפאָנישן אָרקעסטער“... פון דעם האָט אַנטאָניאָ אַפריער געשמייכלט. אָבער דאָ אין „לאַגער“ האָט ער זיך געפירט ווי אַ „פעלדפעבל“ אין אַ רוסישער ראָטע מיט סאָלדאַטן. האָט ער איצט גיך פאַרהאַלטן דאָס שמייכלען און אים פאַרביטן מיט אַ פּלוצימדיקער שטרענגקייט:

— אויפשטיין!

אַלע האָבן זיך אויפגעריסן פון די געלעגערס און אויפגעשפּרונגען אויף די פיס. מיט די ברודיקע פינגער האָבן זיי געריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס פיצל ליכט, וואָס האָט זיי געשטאָכן אין

די קוקערס ווי שפּיזלען. דערנאָך האָבן די יונגען דערשראָקענע געקוקט איינער אויפן אַנדערן, און ווען זיי האָבן באַמערקט אַנטאָניאָס געשטאַלט אין מיטן בײדל, האָבן זיי אים געפרעגט:

— וואָס איז איצט געשען?

— איך דאַרף האָבן פיר מענטשן מיט אָנגעלאָדענע ביקסן.

— צוליב וואָס?

— שוואַרצע הינטנס, אין אייער מאַמען אַריין! — האָט שוין אַנטאָניאָ פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך — מען דאַרף אַוועקשטעלן פיר מענטשן ביי די סלופּעס, ווייל עס קאָן זיין, אַז עס וועט זיך באַווייזן נאָך אַ לייב, אַ טיגער, צי אַ פּאַנטערא. בלויז דריי שעה דאַרף מען שטיין, דערנאָך זאָל זיך די שמירה בייטן. אַזוי וועט זיין אַלע דריי שעה. אָבער זעט, אַז איר זאָלט זיין פאַרזיכטיק. די חיות קריכן אַזוי שטיל ווי קעץ און זיי קאָנען נאָך אייך אָפּרייסן די הינטנס!...

גלייך האָבן פיר יונגען אָנגעלאָדן די ביקסן, זיי פאַרלייגט אויף די פּלייצעס, אויף די אָקסלען אַרויפגעוואָרפן זייערע קאָלדרעס מיט די פראַנדזן ביי די ברעגן און זענען אַוועק צו היטן די סלופּעס.

היטן איז זיי אויסגעקומען בלויז עטלעכע נעכט, מחמת מיט יעדן טאָג וואָס איז פאַריבער, האָט די אַרגענטינער זודיקע זון אַזוי דורכגעבראָטן דעם בשר, אַז ס'איז גיך פאַרצויגן געוואָרן מיט אַ טיפן, ברוינעם קאָליר און אויסגעזען, ווי אמתע, געדרויכערט פליש. און די היגע ווינטן און ווינטלעך האָבן שוין מער נישט אויפגעכאַפּט קיין גערוך דערפון און דאָס אַוועקגעטראָגן צו די נאָזלעכער פון די ווילדע חיות. אַפילו די פרי־ערדיקע אָפטע אָנפאַלן פון די אָדלערס האָבן אויפגעהערט. האָט אַנטאָניאָ פון דעם געדרונגען, אַז עס איז שוין מער נישט נייטיק געווען צו שטעלן וועכטער דורך די נעכט און האָט באַפרייט די יונגען פון דינסט.

דריי טעג

אין אַ מאָנטיק ביי טאָג האָט כוליטאָ אָפּגעקליבן צוואַנציק פון די בראַווסטע יונגען. דאָס זענען געווען האַלב־אינדיאַנישע פּעאָנען, וואָס האָבן ביי זיך אין די היימען איבערגעלאָזט טאַטע־מאַמע, ברידער, שוועסטער מיט כלות און געליבטע און האָבן ביי זייערע רייכע פריצים צוגעגנבעט די בעסטע פערד אין די האַסיענדאַס און אָפּגעצויגן אין די פּאַטאַגאָניער בערג, ווו זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן מיט כוליטאָס „לאַגער“.

אַלע מיט לאַנגע, גלאַטע און שוואַרצע האָר אויף די קעפּ, מיט אַליוו

קאָלירטע לענגלעכע פּנימער און מיט פּייער אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן, האָבן מיט פרייד אָנגעזאָטלט זייערע סוסים, פאַרוואָרפן די ביקסן צו זיך אויף די פּלייצעס, אָנגעטאָן די ברייטע שטרויענע סאָמברעראָס און אומגע־דולדיקע געוואַרט אויף כוליטאַס באַפעל צו לאָזן זיך אין וועג אַריין. זייערע פערד, פון פאַרשידענעם קאָליר און אויסזען: סיווע, ראַבע און שוואַרצע, מיט גלאַטע, סאַמעטענע פעלן און קליינע אויערן מיט לאַנגע עקן — האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין ריי. נאָר איינשטיין רויק האָט זיי די אָנגעזאַפּטע יונגע ענערגיע נישט געלאָזט. האָבן זיי מיט די שלאַנקע פיס געקאָפּעט אין דער ערד, געדרייט די קעפּ, געהירזשעט און געריסן זיך וואָס גיכער צו לאָזן זיך לויפן אין גאַלאָפּ.

דער אַלטער גאַוטש מיט נאָך אַ פּאָר פּעאָנען האָבן פון גרויסן שאַלאַש אַרויסגעטראָגן אַ ביסל פון די זאַכן, וואָס כוליטאַ מיט זיין מחנה האָט מיט אַ צייט צוריק געהאַט צוועקגערויבט פון דעם עלנטן „קאַראַוואַן” אין מיטן דער פּאַמפּאַ. דאָס זענען געווען גרויסע שטיקער שניט־סחורה, זיידנס, גע־וואַנטן, פּרויען שאַלן און פּאַטשיילעס. די רייטער האָבן דאָס אַלץ אַרויפגע־נומען צו זיך אויף די פערד און צוגעבונדן צו זייערע זאָטלען.

כוליטאַ האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעזעצט אויף זיין שוואַרצן אַגער, גענומען די לייצעס אין די הענט און געוואָלט געבן אַ צייכן, אַז זיינע מיט־רייטער זאָלן זיך לאָזן אין וועג אַריין. ערשט עמאַליטאַ איז מיט אַ פאַרפלאָמט פּנים פון דער זון צוגעלאָפן צו אים און אָנגעהויבן בעטן זיך:

— קערידאַ, לאָז מיך מיטפאָרן מיט אייך. איך וויל זען אַ פריש פּנים. איך ווער דאָך דאָ אין די בערג פאַרשוואַרצט. האָב רחמנות,קערידאַ, און לאָז מיך מיטפאָרן.

— זיי נישט קיין קינד — האָט זיך כוליטאַ ענערגיש געוועדט קעגן איר

— וואָס הייסט דו ווילסט „מיטפאָרן”?... מיר פאָרן דאָך קיין מענדעראָס. דאָס איז ווייט פון דאַנען. ס'וועט זיכער נעמען אַ האַלבן טאָג אין וועג. מיר דאַרפן דאָרטן פאַרקויפן און אַ ביסל צעטיילן די זאַכן און ברענגען פון שטעטל פּראָ־וויאַנט פאַרן לאַגער. עס קאָן דאָך טרעפן, אַז אין אַ דאָרף, צי אין שטעטל גופא זאָלן מיר באַגעגענען די זשאַנדאַרמען, צי אַן אָפּטיילונג פון דעם מיליי־טער און דאַרפן קעמפן; צי אין בעסטן פאַל אַנטלויפן און דו ווילסט אונדז זיין אין וועג. דו זעסט דאָך, אַז צוליב דעם טאַקע נעמען מיר נישט מיט זיך קיין וואָגן. איז בלייב דאָ מיט די אַנדערע פרויען.

— קערידיטאַ! — האָט זי זיך צעוויינט און איינגעקלאַמערט זיך מיט די הענט אין זיין רעכטן פוס, וואָס איז פעסט געזעסן אין דער סטרעמעניע פונעם זאָטל — אָן דיר קאָן איך דאָ נישט זיין. אָן דיר איז מיין לעבן קיין לעבן נישט... איך וועל אַרויפגיין אויפן העכסטן באַרג און אַרונטערשפּרינגען... בע־טער לאָז מיך מיטפאָרן! איך וויל כאָטש אויף אַ ווײַלע זיין צווישן ביײַע מענטשן,

זעען זייערע פּנימער; דאָס וועט מיר צוגעבן נייע כוחות און מוט צו זיין ווײַ־טער אין לאַגער...

ווען כוליטאַ האָט געזען, אַז ער וועט זיך פון איר נישט קאָנען אָפּטשעפּען און קרענקען אַן אייגענעם מענטשן און איבערהויפּט נאָך אַזאַ, וואָס איז פאַר־רעכנט פאַר זיינע אַ „געזעצלעכע" ווייב האָט ער נישט געוואָלט, האָט דער סטעפּ־יונג אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו אַנטאָניאָ דעם „פערד", וועלכער איז גע־שטאַנען נעבן דעם אַלטן גאַוטש און געכיכיקעט פון דער סצענע, וואָס אַ נקבה האָט זיך דאָס אַזוי צוגעקלעפּט צו דעם פירער פון „לאַגער".

— אַנטאָניאָ, גיב איר אַ פערד!

באַלד איז עמאַליטאַ שוין געזעסן אויף אַ ראַבן, ברענענדיקן סוס, וואָס האָט אונטערגעטאַנצט אונטער איר געוויכט. זי האָט אויפן קאָפּ אָנגעטאָן אַ ברייטן סאָמברעראָ און אַזוי פאַררוקט די לאַנגע האָר אונטער דעם הוט, אַז זי האָט פון ווייטן אויסגעזען ווי אַ מאַן, און אַ גליקלעכע, מיט צעשטראַלטע אויגן ווי ביי אַ קינד, וואָס באַקומט פון דעם טאַטן אַ צוקערל, האָט זי גענו־מען די לייצעס אין די הענט און אַוועקגעשטעלט זיך אין איין ריי מיט די אַלע אַנדערע פעאָנען.

— „וואַמאָס!" — האָט זיך ווי אַ דונער געטראָגן כוליטאָס ברוסטיקער קול און די פערד האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון די ערטער. אויפן זאַמדיקן וועג, וואָס האָט געפירט פון „לאַגער", האָבן די פערדישע קלאָען אויפגעהויבן אַ געדיכטן גאָלדענעם שטויב. און די עטלעכע פרויען מיט די פאָר טוצן מענער, וועלכע זענען פאַרבליבן אין טאָל, האָבן געפאָכעט מיט די הענט, מיט די סאָמברעראָס און געשריען צו די אַוועקפאָרנדיקע רייטער:

— „האַסטאַ לועגאָ!"

די מענטשן אין „לאַגער" זענען אַזוי געשטאַנען און געפאָכעט מיט די הענט, ביז די אַוועקגעריטענע פעאָנען זענען אין גאַנצן אַרויס פון דעם באַ־האַלטענעם טאָל, און ווען זייערע פערד האָבן דערגרייכט דעם סטעפּ, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט ווייט און ברייט, אַז מען האָט מיט די נאַקעטע אויגן נישט געקאָנט כאַפּן זיינע ברעגן און זענען פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ קלענערע און קלענערע, ביז זיי זענען פאַרשוווּנדן פון די בליקן, ערשט דע־מאָלט האָבן די פרויען מיט די מענער אַראָפּגעלאָזט זייערע הענט, אָנגעטאָן די היט אויף די קעפּ און אומעטיקע אַוועק יעדער צוריק אויף זיין אָרט.

כאָטש אין לאַגער האָבן זיך נאָך אַלץ געפונען אַרום דריי טוצן מענטשן מיט בהמות און פערד, איז אָבער מיט די אַוועקגעפאָרענע רייטער דאָ גע־וואָרן זייער אומעטיק. איבערהויפּט האָט זיך דאָס שטאַרק געפילט אין דער אָפּוועזנהייט פון כוליטאָס שטעל און ווענד. ערשט איצט האָט יעדערער דער־פילט, אַז אָן אים איז דער גאַנצער „לאַגער" געבליבן ווי אויף הפקר. אַפילו

עמאַליטאָס קאַפּריזן, איר אָפּטער, הילכיקער געלעכטער און דער וויגנדיקער גאַנג פון איר רייצנדיקן קערפּער, האָט דאָ אויסגעפעלט.

די מענטשן האָבן דערשטיקט אין זיך די בענקעניש, וואָס האָט זיי מיט אַ מאָל אַרומגענומען. אמת, קיינער האָט דאָס אָפן נישט אַרויסגעוויזן און ס׳איז אויסגעקומען פונקט ווי זיי וואָלטן זיך גאָר געשעמט דערמיט. אָבער ס׳איז פאָרט געווען גרינג צו דערקענען, אַז כוליטאָס אַוועקרייטן האָט זייער שטאַרק געווירקט אויף די געמיטער. מחמת אין דער טיף האָט זיך ביי יעדן יונג און ביי יעדער ווייבל פאַרגנבעט אַ געפיל פון מורא, אַז אויב עס זאָל זיך חלילה אַהער דורכרייסן דער זשאַנדאַרמסקער סקוואַדראָן, וועלן זיי אָן כו־ליטאָן נישט קאָנען אויסהאַלטן קיין שלאַכט אַפילו פינף מינוט און וועלן אַריינפאַלן צו די שונאים אין די הענט, וואָס דאָס אַליין האָט געמיינט אַ זיכע־רער טויט.

געוויס איז אויף כוליטאָס אָרט איבערגעבליבן אַנטאָניאָ „דער פערד״. נאָר ווי כיטרע דער דאָזיקער פאַרשוין איז נישט געווען און געקאָנט די מלאכה פון שיסן און אַפילו פון לערנען אַנדערע ווי צו שיסן און אָנפירן אַ שלאַכט, איז ער פאָרט פאַררעכנט געווען נישט מער ווי פאַר אַ פערדישן קאָפּ, וואָס האָט קיין מאָל קיין אייגנאַרטיקן ברעקל געדאַנק נישט אַרויסגעוויזן און בלויז געקאָנט דורכפירן פּאַרטיקע פּלענער, אָנווייזונגען און באַפעלן. און דאָס פאַר־לאָזן זיך אויף זיינעם אַ „געניאַלן״ איינפאַל, וואָלט געווען דאָס זעלבע ווי צו פאַרלאָזן זיך אויף דער אויפפירונג פון אַ קינד...

אויך דער אַלטער גאַוטש האָט דערפילט דעם זעלביקן און אפשר נאָך אַ שטאַרקערן אומעט ווי אַלע אַנדערע פּעאָנען. ער האָט געוווּסט, אַז אַראָפּ־ריידן זיך פונעם האַרצן איז איצט נישט געווען פאַר וועמען. אַפילו גלאַט אַזוי שמועסן, אָדער זיצן און שוויגן, ווי ער פלעגט דאָס אָפט מאָל טאָן אין כוליטאָס קעגנוואַרט און דאָך ווערן פון אים פאַרשטאַנען אָן ווערטער, וואָס דאָס אַליין האָט געמיינט — נאָך מער פאַרשטאַנען ווערן איידער מיט רייד גופא, איז איצט אין „לאַגער״ נישט געווען נאָך אַזאַ נאָענטער און קלוגער מענטש ווי דער סטעפּ־יונג. אַנטאָניאָ דער „פערד״ איז אים קיין מאָל נישט געווען צום האַרצן, און צו זוכן צווישן די אַנדערע פּעאָנען אַזאַ מענטש, וואָלט געווען אַן אַרויסגעוואָרפענע מי. האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אַלטן קאָפּ, אַ פאַרצווייפלטער אַ קוק געטאָן אין דער ריכטונג וווהין כוליטאָ איז אַוועק־געריטן און איז מיט נאַכלעסיקע שפּאַנען אַוועק צו זיך איןביידל.

אַ מידער און אַ פאַרלוירענער, האָט ער אויסגעטאָן די שיך און דער־פילט זיך אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה. ער האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן הייזנעם געלעגער מיטן פנים אויף אַרויף און געטראַכט פון דעם, צי ער וועט נאָך דערלעבן צו קאָנען זען, ווי דער סטעפּ־יונג וועט קומען צוריק און געזע־געגען זיך מיט אים. כאָטש כוליטאָ איז אַוועקגעריטן אויף אַ רייזע, וואָס

האָט געדאַרפט דויערן נישט מער ווי עטלעכע שעה איין וועג. אָבער דער אַלטער האָט געוווּסט, אַז ביז דער סטעפּ־יונג וועט אינעם שטעטל קאָנען אָנ־קניפּן פאַרבינדונגען, וועמען צו פאַרקויפן די סחורה אין דער שטיל, וועט אפשר נעמען אַ פּאָר טעג צי מער.

אַ מאָדנער וויטיק האָט אָנגעפילט זיינע גלידער. ער האָט געוואָלט איינ־דרעמלען, איז דער שלאָף נישט געקומען. אַנשטאָט דעם, זענען געדאַנקען אָנגעלאָפן איינער נאָך דעם אַנדערן. מיט אַ מאָל האָט דער גאָוטש דערזען זיין גאַנץ לעבן ווי אויף אַן עקראַן: אָט איז ער נאָך גאָר אַ יונגערמאַן, אין די פריִע דרייסיקער יאָרן. זיין ווייבל מאַריאַ, אַ שלאַנקע און אַ שוואַרץ־אויגיקע, האָט געאַרבעט פון אין דער פרי ביז שפּעט אין די אָוונטן ביים סעניאָר לע־וואַנטעז אויף די פעלדער. ער גופא האָט ביים זעלביקן פריץ געפּאַשעט די גרויסע טאַבונעס פערד און ביי אים אין שטיבל זענען די צוויי קליינע קינדער געבליבן אַליין. זיי האָבן זיך כמעט געהאָדעוועט אָן טאַטע־מאַמע. בלויז אין די אָוונטן פלעגט מאַריאַ אָפּקאָכן אַ ביסעלע מאַיס און דערמיט ווי עס איז אָנ־געקאָרמעט דעם יינגל מיט דעם מיידל. נאָכדעם געלייגט זיי שלאָפן אויפן שטרויענעם שעניק. דערנאָך ערשט האָט זי דעם גאָוטש געגעבן אַ ביסל קאַשע. אויך זי אַליין האָט געכאַפּט אַ פּאָר ביסנס. נאָר פון גרויס מידקייט איז איר דער לעפל אַרויסגעפאַלן פון האַנט. דערפון האָט זי זיך ביטער צעוויינט און אַוועק אויף איר געלעגער אַ האַלב־הונגעריקע.

ס'איז דורכגעלאָפן נאָך אַ יאָר. דורך דער צייט זענען די קינדער כמעט נישט געוואַקסן. פּונקט ווי מיט אַ יאָר צוריק זענען זיי געווען אַזוי די גרויס, איצט ווי דעמאָלט קליינגעוויקסיקע, מיט אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, מיט דאַרע, אַ ביסל אויסגעבויגענע פיסלעך און מאָגערע, לאַנגע הענטלעך. בלויז זייערע אייגעלעך זענען כסדר, דוכט זיך, געוואָרן אַלץ גרעסערע, ווי זיי וואָלטן אַרויסגעשפּאַרט פון די אויגן־לעכער. דערפאַר אָבער זענען די קינדערלעך געווען שטילע און גוטע. האָבן קיין מאָל נישט געוויינט, קיין מאָל נישט גע־בעטן קיין עסן. זיי האָבן אָבער אויך קיין מאָל נישט געשפּילט זיך, אָדער געשטיפט, ווי דאָס טוען געוויינטלעך נאָרמאַלע קינדער פון זייער עלטער. און ס'איז געווען קאָנטיק, אַז אפילו די אומגליקלעכע קינדערלעך האָבן שוין פון דער פריסטער יוגנט אָן געטראָגן אין זיך דעם ביטערן גורל פון זייערע טאַטע־מאַמע...

דאָס האָט געטראָפן אין אַן אין דער פרי. דאָס מיידעלע איז פּלוצים קראַנק געוואָרן. איר בייכל האָט זיך אויפגעבלאָזן. די כוחות זענען איר אויס־גערונען פון אַלע אברימלעך. דאָס קעפל, דאָס גאַנצע קערפּערל האָט גע־ברענט ווי אַ העליש פייער. יענעם אין דער פרי איז מאַריאַ נישט געגאַנגען אין פעלד צו דער אַרבעט. די מאַמע האָט מיט אַלע כוחות געוואָלט אָפּראַטע־ווען איר קינד, צי כאָטש זיין דערביי ווען די לעצטע מינוטן וועלן שלאָגן.

ערשט מיט אַ מאָל האָט זיך די טיר פון שטיבל צעפּראַלט און מיט רציחה האָט זיך אַריינגעריסן דער מערדערלעכער קאַפּאַטאַז און אָן קיין שום פּראַגן מאַריזאַן אַזוי גענומען שלאָגן מיטן הענטל פון זיין גרויסער, רימענער בייטש, אַז די אָרעמע פרוי איז געבליבן ליגן לעבן דעם קינדס שעניק אין אַ טייך בלוט.

און פאַרנאַכט, אַז דער יונגער און געזונטער גאַוטש איז אַריינגעקומען צו זיך אין שטיבל און געטראָפן דאָס ווייבל, וואָס איז נאָך געלעגן אויף דער ערד, אַ צעבלוטיקטע מיט אַ צעריסן קלייד, קאָפּטל, מיט אַ פאַרשוואָלן פּנים, און דאָס קינד דערביי האָט מיט פאַרגלאָצטע אויגעלעך „געקוקט" אין דער לופטן און מער זיך נישט באַוועגט, האָט ער געכאַפּט זיין קינזשאַל, איז אַריינגעלאָפן צום קאַפּאַטאַז אין דער העל־באַלויכטעטענער שטוב און פלינק, ווי אַ ווילדע, שוואַרצע פּאַנטערע — אַריינגעזעצט דעם קינזשאַל צו יענעם אין האַרצן.

מיטן פאַרבלוטיקטן קינזשאַל אין האַנט איז ער דערנאָך אַרויסגעלאָפן אין הויף. אין דרויסן איז שוין געווען פינצטער. צום גליק איז אין דער האַסיענדא געשטאַנען עמעצנס אַן אָנגעזאָטלט פערד, האָט ער זיך נישט אָפּגעגעבן קיין רעכענונג וואָס ער טוט, איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן זאָטל, געכאַפּט די לייצעס אין די הענט, מיט די פיס אַ זעץ געגעבן דעם סוס אין די דעכוועגעס און אַנטלאָפן געוואָרן אין די לאַ־פּלאַטאַ וויסטעונישן און פון דאָרט געבראָדיעט אַזוי לאַנג, ביז ער האָט דערגרייכט דעם באַהיאַ־בלאַנקאַ סטעפּ.

אַ סך יאָרן האָבן זיך געצויגן אומעטיקע, געשלעפּט זיך נודנע און שווערע ווי פון פעך. אַנדערע יאָרן ווידער זענען געלאָפן אין אַ גיכן גאַלאָפּ ווי צעפּודעטע פערד. דורך דער צייט האָט זיך דער גאַוטש שוין פון לאַנג אויסגעלערנט ווי צום דערנערן זיך פון פלייש, וואָס ער פלעגט אָפּהאַקן פון לעבעדיקע בהמות און איז פון יאָר צו יאָר געוואָרן עלטער, אָפּגעלאָזענער. דאָס האָט אָנגעהאַלטן ביז כוליטאַ איז געקומען צו אים אין סטעפּ. ערשט דעמאָלט האָט זיין לעבן צוריק באַקומען אַ שטיקל זין. און דער אַלטער גאַוטש האָט גערעכנט, אַז ער וועט זיך נאָך ווען עס איז אומקערן צוריק צו זיין אַמאָליקער „היים" און דאָרט פּרובירן אויפזוכן זיין ווייב מיטן יינגל.

אָבער דאָס אָפּטע אַנטלויפן פון דער פּאָליציי און טאַקע אויך אַ מאָל פון דער זשאַנדאַרמעריע גופא, וואָס זענען אינעם גאַנצן לאַנד געווען באַקאַנט פאַר די שווידערלעכסטע אינקוויזיטאָרן און העסלעכע מערדער, האָבן אים כסדר געטריבן אַלץ טיפער און ווייטער אין דער ווילדעניש פון די אַרגענטינער אומענדלעכע סטעפּעס.

יאָ, דער אַלטער גאַוטש איז איצט געלעגן ביי זיך אין ביידל אויפן הייעם געלעגער און דאָס אַלץ געזען אַזוי קלאָר ווי ביי זיך אויף דער דלאָניע. פונקט ווי דאָס וואָלט נישט פאַרגעקומען מיט יאָרן צוריק, נאָר ערשט נעכטן. יעדעס בילד האָט אים דערמאָנט אין אַן אַנדער קאַפּיטל פון זיין לעבן, וואָס

איז געווען דורכגעווייקט מיט בלוט און טרערן. עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט נאָך אַלץ געלעגן און געחלומט פון דעם אַמאָל. נאָר פלוצים איז צו אים איןביידל אַריינגעקומען איינע פון די פרויען אין „לאַגער" און אים אויפגעוועקט פון זיינע טראַכטענישן.

— וויעכאָ! קום עסן מיטאָג. אַלע וואַרטן דאָך אויף דיר.

דער אַלטער גאַוטש האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ שווערן און לאַנגן שלאָף. אין אָנהויב נישט פאַרשטאַנען, וואָס די פרוי האָט געוואָלט פון אים. נאָר דערנאָך האָט ער צוריק אָנגעטאָן די שיך אויף די פיס, אַרויפגעזעצט דעם ברייטן שטרויענעם סאָמברעראָ אויפן קאָפּ און איז ווי אַ געהאָרכזאַם קינד נאָכגעגאַנגען דער פרוי, וועלכע האָט מיט ראַשיקע שפּאַנען געצויגן צום עולם, וואָס איז געזעסן אַרום דעם קאַסציאָר און מיט די לעפל אין די הענט געוואַרט ביז דער אַלטער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן זיי און אָנגעהויבן עסן.

נאָכן עסן האָט כמעט יעדערער פאַררויכערט, געבלאָזן דעם בלויען רויך אין דער הויך און דערמיט געוואָלט אַוועקבלאָזן און פאַרטרייבן די ווילדע פליגן, וואָס האָבן אַרומגעזשומעט איבער די קעפּ. נאָר געהאָלפן האָט דאָס נישט. און נאַטאַליאַ האָט זיך, ווי אַלע מאָל, פאַרקליבן אין אַ ווינקל, צוגעצויגן צו זיך די ברייט־היפּטיקע און גרויס־ברוסטיקע קאַרמעליטאַן. אַ ווײַלע האָבן זיי עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל, אָבער דערנאָך האָט דער יונג, אויף זיין שטייגער ווידער פאַרצויגן אַ ניגון. דאָס מאָל גראָד אַ פריילעכס. נאָר איצט האָט זיך קיינער צו דעם נישט צוגעהערט. מידע, זאַטע און צעפּאַרעטע פון דער שטיקנדיקער היץ זענען די בערסטע מענער אַנטדעמלט געוואָרן זיצנדיק.

אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט אַלעמען געוואָלט באַווייזן, אַז איצט איז ער דער באַלעבאָס איבערן „לאַגער", איז ער צוגעגאַנגען צו איינעם, צו אַ צווייטן און געשריען:

— איר זענט טאָקע די אמתע באַנדיטן!... דער שונא האָט איצט גע־דאַרפט באַפאַלן דעם לאַגער!... וואָלט איר געשפּרונגען אונטער זייערע שווערדן ווי די מייז!... שטייט אויף, אַ בראָך אייך אין די דעכוועגעס! העלדישע קעמ־פער זענט איר!... קום איז כוליטאַ אַוועקגעפאָרן אויף אַ קורצער צייט איז דער גאַנצער לאַגער צעקראָכן געוואָרן! שטייט אויף און בייט איבער די וועכ־טער אויף די בערג! יענע מוטשאַטשאָס זענען דאָך אויך הונגעריקע און דורש־טיקע! גייט פאַרנעמען זייערע פלעצער!...

כוליטאַ פּאַרט נעמען נקמה

זינט כוליטאַ מיט די צוואַנציק פּעאָנען און עמאַליטאַ זענען אַוועקגעפּאָרן אינעם שטעטל מאַדעראָס, איז איבערן „לאַגער" אויפגעגאַנגען אַן אַפּאַטיע מיט אַ כאַאָס. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס כאַאָטישע און אַפּאַטישע לעבן וואָלט זיך דאָ געצויגן חדשים און אפשר יאָרן. נאָר גראָד האָט זיך אויפן דריטן טאָג, אויפן זאַמדיקן וועג, אויפגעהויבן אַזאַ הויכער און געדיכטער שטויב, אַז איינער פון די שומרים אויף די בערג האָט דאָס באַמערקט און אויסגעשאָסן אין דער לופטן אַלס סיגנאַל, אַז עמעצער פאָרט אַהער.

דער קנאַל פון דער ביקס האָט צעטרייסלט די פאַרגליווערטע לופט. די אַפּאַטישע מענטשן אין „לאַגער" זענען געוואָרן וואַך און אויפגעשפּרונגען פון די ערטער. זיי האָבן באַלד געכאַפּט די ביקסן אין די הענט, אַנגעלאָדן, פאַר־באַהאַלטן זיך צווישן די גרויסע שטיינער, אין די ברייטע שפּאַלטן, אין די טיפע לעכער און זענען פון דאָרטן גרייט געווען צו פאַרפירן אַ שלאַכט מיט די אַנקומענדיקע זשאַנדאַרמען, צי מיטן מיליטער.

אָבער די פערד אין קאַראַל האָבן זיך פריילעכע צעהירזשעט און אויף זייער פערדישן לשון צו וויסן געגעבן, אַז דאָס קומען נישט אַן קיין פרעמדע, נאָר אייגענע מענטשן. און באַלד טאַקע האָבן זיך פונעם געדיכטן שטויב אַרויסגעשיילט אַ פּאָר צענדליק בהמות. נאָך זיי האָט זיך פּאַמעלעך נאָכגע־שלעפּט אַן אָנגעלאָדענער וואָגן און הינטער אים — כוליטאַ מיט עמאַליטאַן און די צוואַנציק יונגען.

אין לאַגער איז אויסגעבראָכן אַ געשריי, אַ טומל, פריילעכע האָבן זיך אַלע אַרויסגעשאַרט פון די באַהעלטענישן. מיט צעשטראַלטע פּנימער האָבן זיי זיך געלאָזט לויפן מקבל־פּנים זיין די טייערע געסט. פון גרויס שמחה האָבן די מענער אַראָפּגעכאַפּט די סאָמבעראָס פון די קעפּ און זיי געוואָרפן אין דער הויך. די עטלעכע גאַסן־פרויען האָבן אַרומגענומען די זכרים, אַוועק מיט זיי אין אַ טענצל און אַלע האָבן געשריען:

— וויוואַ כוליטאַ!

פון גרויס פרייד האָט זיך ביי דעם אַלטן גאַוטש אין די אויגן טרערן געשטעלט. האָט ער אַרויסגענומען פון קעשענע אַזאַ טיכל, וואָס איז אַפּנים אַמאָל געווען רויט, נאָר איצטער האָט עס אָנגעווירן דעם קאָליר, דערמיט אויסגעווישט די טרערן, אַרויסגערוקט זיך אין פאָדערגרונט פון אַלעמען. און ווען כוליטאָס אָגער איז שטיין געבליבן לעבן אים און דער סטעפּ־יונג איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם זאָטל אַ לוסטיקער, האָט אים דער גאַוטש אַרומ־

גענומען און געקושט. אויך עמאַליאַן אַ קוש געגעבן אין שטערן מעשה פאַטער און ביידע געפרעגט:

— גוט, קינדערלעך וואָס איר זענט געקומען. דאַנקען גאָט! אָבער וואָס מאַכט איר? ווי פילט איר זיך אין געזונט?...

אַז מען האָט אָפּגעזאָטלט די זאָטלען און די פערד אָװעקגעפירט אַנטרינ־קען אין קוואַל, וואָס אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט געפונען צווישן די בערג און דערנאָך אַריינגעטריבן אין קאַראַל אַריין, זיי געגעבן היי צום פרעסן, און קוליטאָ מיט עמאַליטאַן און די איבעריקע צוואַנציק רייטער האָבן אויפגע־געסן דאָס, וואָס די ווייבער האָבן זיי דערלאַנגט און פאַרטרונקען מיט רויטן ווייַן, איז דער סטעפּ־יונג צוגעגאַנגען צום אַלטן גאַוטש:

— איז וואָס זשע מאַכסטו, מיין אַלטער צמיגאָ? איך זע, אַז דורך די פּאָר טעג וואָס איך בין דאָ נישט געווען, ביסטו אין גאַנצן גרוי געוואָרן. ביסט שוין אַ פּנים אַלט. אָבער איך בין נאָך יונג און געזונט. אַלע יאָרן האָסטו אַכ־טונג געגעבן אויף מיר, געפירט מיך ביי דער האַנט, געהיט, געלערנט און גע־קאָרמעט ווי אַן אייגן קינד און אויסגעלערנט מיך ווי צו זיין אַ גוטער סטעפּ־יונג, וויל איך פון איצט אָן אַכטונג געבן אויף דיר, ווייל ביי מיר ביסטו ווי מיין אייגענער טאַטע.

אַ געדיכטער ביז טרערן האָט זיך דער אַלטער אַ ווײַלע איינגעהערט אין קוליטאָס רייד און דערנאָך במעט ווי אַרויסגעוויינט:

— איך האָב אַמאָל געהאַט אַ קינד, אַ יינגל פון פינף יאָר און איך ווייס נישט ווו ער געפינט זיך איצט. כ'ווייס אַפילו נישט צי ער לעבט נאָך. פאַר־נעמסטו ביי מיר אין האַרצן זיין אָרט. — — —

— הער אויף מיין אַלטער פריינט צו טראַכטן פון דעם וואָס ס'איז געווען. איך וויל אָבער דו זאָלסט ווייסן, אַז אין מיר ברויזט מיין סטעפּ־יונגיש האַרץ. דאָס בלוט פון מיין פאַרשמיסענעם טאַטן און פון מיין מאַמען, וואָס איז אויס־געגאַנגען פון הונגער, רופט און מאָנט פון מיר אַ חוב. איז הער ווייטער: אויפן וועג אַהער האָבן מיר פון אַ גרויסער טשערעדע פאַרנומען אַ ביסל בהמות מיט אַ ביק, אַז ער זאָל זיי באַפרוכפּערן. אינעם וואָגן, וואָס איך האָב געקויפט אין מאַדעראָס, האָב איך געבראַכט אַ סך מאַיִס, מעל, פּאַפּאָס, ווייַן, מאַטע און אַנדערע זאַכן. דאָס וועט זיין גענוג ביז איך וועל צוריקקומען... און טאָמער וועל איך אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, צי פון די זשאַנדאַרמען, זאָלסטו זיך דאָס נישט נעמען שטאַרק צום האַרצן...

דער אַלטער האָט זיך מיט דער רעכטער האַנט אַ פיר געטאָן אויפן קאַרק און פאַרטריבן אַ פליג, וואָס האָט זיך דאָרטן אַװעקגעשטעלט אויף זיינע הויכ־כע, קרומע פיסלעך און מיטן שוואַרצן, שטעכיקן מיילעכל געזויגן פון אים דאָס בלוט:

— דאָס מיינט, אַז דו געזעגנסט זיך שוין ווידער? וווּהין פאָרסטו איצט? דו ביסט דאָך ערשט געקומען?!...

אין די רייד איז צוגעקומען עמאַליטאַ, וואָס האָט זיך דערוויל איבערגעטאָן אין אַ ריין קליידל מיט אַ ווייסער בלוזקע און אָפּגעפרישט זיך דאָס פּנים מיט קאַלטן וואַסער. דערהערט, אַז כוליטאַ קלייבט זיך צו פאָרן אין ערגעץ, זענען איר די בלוטן אַנטלאָפן געוואָרן פון איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים:

— וואָס, דו פאָרסט שוין ווידער? און מיך לאָזטו דאָ איבער? ווי קאָנסטו דאָס טאָן אַזאַ נידעריקע זאַך?!...

כוליטאַ האָט איר אַ מילדן פּאַטש געטאָן איבער דעם הינטער־חלק:

— גיי אַוועק, ס'איז נישט דיין עסק!... ווען איך זאָל דאָס דיר אַפילו יאָ דערקלערן, וועסטו דאָס נישט פאַרשטיין. און אַנשטאָט ער זאָל ווייטער רעדן צו איר, האָט ער זיך געווענדט צום גאַוטש — ניין, מיין אַמיגאָ, נישט היינט. איך וויל זיך אַ ביסל אויסרוען. אויך מיין אָגער דאַרף האָבן רו. אָבער מאָרגן אין דער פרי וועל איך פאָרן צו מיין אַמאָליקער „היים" און אָפּצאָלן דעם חוב, וואָס איך קום מיין טאַטע־מאַמע.. .

דעם גאַוטש האָט פאַרדראָסן, וואָס די מויד האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד. עפּעס האָט ער זי איצט מיט אַ מאָל פיינט באַקומען מיט אַזאַ פאַר־באַהאַלטענער פיינטשאַפט, וואָס מען קאָן בלויז זען ביי דערוואַקסענע, גע־צוימטע קינדער און ביי עלטערע מענטשן. מעגלעך, אַז דאָס האָט זיך נאָך גענומען דערפון, וואָס מיט איר אָנקומען צום ערשטן מאָל אין „לאַגער", האָט זי זיך ווי אַריינגעריסן אין כוליטאָס לעבן און דערמיט צעשטערט די נאָענטע פריינטשאַפט וועלכע האָט אַלע מאָל געהערשט צווישן אים מיט דעם סטעפּ־יונג. ווייל זינט זי איז דאָ און אַריינגעקליבן זיך צו כוליטאָן אין ביידל, האָט דער גאַוטש שוין מער נישט געהאַט די אמתע געלעגנהייט צו רעדן מיט אים אַזוי פריי און אָפנהאַרציק ווי פריִער.

אָבער דער אַלטער איז געווען אַ קלוגער, אַן אויסגערעכנטער און פאַר־שטאַנען, אַז צווישן יונגע געליבטע טאָר מען זיך נישט מישן. דעריבער האָט ער אַפילו איצט פאַרבאַהאַלטן זיין כעס אויף איר און גאָרנישט געזאָגט. בלויז ווי אַ רעזיגנירטער, אַראָפּגעלאָזט דעם גרויען קאָפּ און אַוועק צו זיך אין ביידל אויסצובאַהאַלטן זיך פון דער גליִענדיקער זון און פון דער פּיפּיקער מויד, וועלכע האָט די גאַנצע צייט געקוקט אויף דעם אַלטן ווי אויף אַן איבע־ריקן און זי האָט אַפילו נישט זעלטן געטראַכט, אַז דער גאַוטש פאַרנעמט דאָ אין „לאַגער" אַן אומזיסטיק ביידל און עסט, נישט קיין פאַרדינט ברויט...

די נאַכט האָט איר ווייכער און וואַרעמער קערפּער, מיט די פאַרשפּיצטע בריסטלעך אויף כוליטאָן קיין השפּעה נישט געהאַט. ווייל באַלד נאָך וועטשערע, ווי נאָר ער האָט זיך אויסגעטאָן און אַוועקגעלייגט דעם שוואַרץ־האָריקן קאָפּ אויפן הייענעם געלעגער, איז ער אַזוי שטאַרק אַנטשלאָפן גע־

וואָרן, אַז ער האָט זיך אויפגעכאַפּט ערשט אויף מאָרגן, ווען די זון איז שוין געשטאַנען הויך אין הימל און פון קאַסציאַר האָט זיך דערטראָגן דער שאַר־פער אַראָמאַט פון פאַרפּאַרעטער מאַטע, וואָס האָט אים געקיצלט אין די אַ ביסל צעשפּרייטע נאָזלעכער.

צי צוליב דעם, אַז מען זאָל אים נישט דערקענען און אפשר צוליב דעם, וואָס ער האָט געוואָלט אַראָפּקומען אין דעם געגנט פון זיין אַמאָליקער „היים“ נישט סתם ווי אַ פּעאָן, אַ האַלאַדראַניעץ, האָט ער איצט אָנגעטאָן די גרינע, פּליושענע פּאַנטאַלאָנעס, מיט אַ געל סאַטינענעם איבער־העמד, וואָס האָט געהאַט ברייטע אַרבל און פּערלמוטערנע ווייסע קנעפּלעך. די לענדן אַרומגעכאַפּט מיט אַ גלאַנציקן, שוואַרץ רימענעם פּאַס, וועלכער איז געווען באַשלאָגן מיט זילבערנע אָרנאַמענטן. די שמאָלע קאַלאָשעס פון די הויזן זענען אים אַריינ־געפאַלן אין די נייע, קורצע כאָלעווקעס, אויסגענייטע מיט רויטע און געלע פעדעם אין זיגזאַגישע אוזאָרן. אינעם רימענעם שיידל האָט ער אַריינגעזעצט זיין קינזשאַל. ערשט דערנאָך אָפּגעראַזירט די מאָרדע, אָפּגעוואַשן זיך דאָס לענגלעך, אָבער סימעטריש פּנים מיט קאַלט וואַסער. מיט עמאַליטאַס אַ קע־מעלע פאַרקאַמט די שוואַרצע פּאַטליע. אויפן קאָפּ אַרויפגעזעצט דעם געוואַנ־טענעם, שוואַרצן סאָמברעראָ מיטן ווייסן קוטאַסל, וואָס האָט זיך ביי אים גע־באַמבלט פון אונטער דער גאָמבע און איז נאָך דעם צוזאַמען מיט דער מויד אַרויס אין הויף.

הפּנים, אַז וועגן זיין היינטיקן אויעקפאָרן האָבן שוין אַלע געוווּסט, ווייל ביים עסן האָבן די פּעאָנען שוויגעוודיקע געקוקט אויף אים מיט אָנגעשטרענג־טע בליקן און געוואָלט הערן אַ דערקלערונג פון כוליטאָן גופא, וואָס זיין איצטיקער פאָרן האָט געמיינט אין דער אמתן און פאַר וואָס ער וויל ווידער איבערלאָזן דעם „לאַגער“ אויף הפקר.

כוליטאָ האָט אויף זיך דערפילט אַלעמענס בליקן און פאַרשטאַנען זייערע שטומע פראַגעס. האָט ער, נאָכן טרינקען די מאַטע, אָפּגעווישט זיך די ליפּן מיט די קליינע, שוואַרצע וואָנצעלעך און מיט רויקייט אין קול געזאָגט:

— „אַמיגאָס, קאַבאַזשעראָס אי סעניאָריטאָס“! איך קאָן אייך איצט נישט דערציילן וואָס עס צווינגט מיך ווידער צו פאַרלאָזן אייך אַלעמען אויף אַ קור־צער צייט. איין זאַך אָבער קאָן איך אייך יאָ זאָגן, אַז איך פאָר אָפּצאָלן זייער אַן אַלטן חוב. נאָר וואָס דאָס איז פאַר אַ חוב און וועמען איך קום אים, דאָס וועט אייך מיין אַלטער אַמיגאָ, וועלכער האָט מיך אויפגעבראַכט אין סטעפּ, דערציילן. ער איז דאָ איצט אויף מיין אָרט. ווייל איך, אַז איר זאָלט אים, מיט אַנטאָניאָן פאָלגן. וואָס זיי וועלן אייך הייסן, דאָס זאָלט איר טאָן.

פון אַלע זייטן האָבן זיך אָבער די פּעאָנען ביי אים געבעטן, ווי קינדער ביי אַ טאַטן:

— כוליטאָ, בלייב דאָ איבער, אָדער נעם אונדז מיט זיך!...

— יאָ! האָט דער אַלטער גאַוטש אונטערגעהאַלטן זייער טאָן און מיט אַ מאָל אָנגעהויבן רעדן שטאַרקער און העכער ווי שטענדיק און דערמיט פאַרטויבט די שטימען פון די פּעאָנען — די חברה איז גערעכט. נעם זיי מיט. עס איז דאָך אַ גרויסע געפאַר צו פאָרן אַהין איינער אַליין. נעם כאָטש עטלע־כע מענטשן.

— ניין! איז כּוליטאָ געווען איינגעשפּאַרט, און נישט געוואָלט איינהערן זיך צום אַלטנס רייד — דאָס איז אַ פּערזענלעכער חוב. וואָס נאָר איך אַליין דאַרף דאָס באַצאָלן און איך וויל נישט, אַז עמעצער זאָל ריזיקירן מיט זיין לעבן. נישקשה, זאָרגט זיך נישט פון מיינעטוועגן. איך קען מיין שטעטל באַשטיין...

געזען, אַז מיט דעם איינגעשפּאַרטן סטעפּ־יונג וועט ער גאָרנישט קענען אויפטאָן, איז דער אַלטער גאַוטש צוגעגאַנגען נאָענט צו כּוליטאָן און אַריינ־געקוקט אין יענעמס טיפע און קאַרע אויגן:

— דו ביסט אויסגעוואַקסן אַן ערלעכער „באַנדידאָ“. דו געדענקסט נאָך זייער גוט דיין טאַטן מיט דער מאַמען. דערפאַר האָב איך דיך ליב. איז גיי, מיין זון, וווּהין דו דאַרפסט און נעם זיך טאַקע אָן פאַר דעם כּבֿוד פון דיין שטאַם, וואָס איז דאָס הייליקסטע ביי אַלע מענטשן, איבערהויפּט ביי אַר־גענטינער פּעאָנען. און גאָט וועט דיר העלפן און באַשיצן אויף דיין געפער־לעכן וועג...

ביי די ווערטער האָט ער אַראָפּגענומען דעם שטרויענעם סאָמבּרעראָ פון קאָפּ. אויך די איבעריקע פּעאָנען האָבן דאָס זעלביקע געטאָן. דער אַלטער האָט כּוליטאָן איבערגעצלמט און דער עולם האָט דערביי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, עפּעס געפּערעפּלט און מיט קאָטוילישער פרומקייט אין די באַוועגונגען פון די הענט נאָכגעטאָן דעם אַלטן גאַוטש. אָבער זיי האָבן כּוליטאָן נישט געצלמט ווי ער, בלויז זיך אַליין, פּונקט ווי זיי וואָלטן אין פאָרויס דערפילט ביי זיך אויף די לייבער די גרויסע געפאַר, וואָס עס איז פאַרגעשטאַנען זייער באַליבטן פירער. די איינציקע וואָס איז געשטאַנען ווי אַ פאַרגליווערטע און נישט „געמאַליעט“ זיך איז געווען עמאַליטאַ. אנשטאָט דעם, האָט זי זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, מיט די הענט אַרומגעכאַפּט כּוליטאָס פיס און פון אירע אויגן האָבן אַ פליין געטאָן שטראָמעלעך טרערן.

כּוליטאָ האָט איר אַ גלעט געטאָן איבער אירע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן זי פון דער ערד, צוגעדריקט צו זיין מעכטיקער ברוסט און אַ קוש געטאָן אויף איר שטערן.

— ווייַן נישט, מיין „טשיקיטאַ“! דו וועסט נאָך קריגן אַזאַ צעקרומט פּנים, ווי ביי אַ זויערע אוגערקע. זיי בראַוו און מונטער. איך וועל אַפילו אַ טויטער צוריקקומען צו דיר! גיי צוריק אין ביידל. איך וויל נישט, אַז דו

זאָלסט זען ווי איך פאָר אַוועק און האָבן האַרצווייטיק. גיב מיר אַ לעצטן קוש, אָט אַזוי אָ! און איצט גיי געזונט, מיין ליבסטע!

עמאַליטא איז דוכט זיך נישט געווען קיין צו גרויסע חכמה. זי האָט אַלץ אויפגענומען מער מיט איר ווייבערישן חוש איידער מיטן קאָפּ. פונדעסט־וועגן האָט זי איצט פאַרשטאַנען, אַז דערמיט איז כוליטאָ אויסן געווען איר אייגענע טובה. און גראָד די צאַרטע געפילן, וואָס ער האָט איר אַרויסגעוויזן אין דער לעצטער רגע פאַר זיין אַוועקפאָרן, האָט איר אַזוי צענומען, אַז זי האָט מיט די לאַנגע פינגער פון די הענט פאַרשטעלט זיך די אויגן, נאָך שטאַרקער אָנגעהויבן צו וויינען און איז אַנטלאָפן צו זיך אין ביידל. דאָרט אָנגעשפּאַרט דאָס פּנים צו דער וואַנט און פאַרגאַנגען זיך אין אַ יאָמער.

דער אַרומיקער עולם איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט אַנטבלויזטע קעפּ אונטער דער שאַרפער זון און הילפלאָזע געקוקט אויף כוליטאָן, וואָס איז איצט מיטן קאָפּ צוגעפאַלן צו דעם אַלטן גאַוטש אויפן אַקסל.ביידע מענער האָבן צווישן זיך מער נישט גערעדט. מיט דער צייט זענען ביי זיי רייד גע־וואָרן גאָר איבעריקע זאַך. און ווען דער סטעפּ־יונג האָט זיך צוריק אויסגע־גלייכט, האָבן זיי בלויז אַריינגעקוקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן און דורך דאָרטן — אין די צעווייטיקטע נשמות. צום סוף האָבן זיך ביידע פריינט צעקושט. כוליטאָ האָט אַ צאַרטן פּאַטש געטאָן דעם אַלטן איבער דער ביי־נערדיקער פּלייצע, איז אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין אָגער, וואָס עמעצער פון די פּעאָנען האָט דערווייל אָנגעזאָטלט און צוגעפירט. ער האָט גענומען די לייצעס אין דער לינקער האַנט און די רעכטע אויפגעהויבן אין דער לופטן:

— אַדיאָס, מוטשאַטשאָס! — און דער שוואַרצער ריסאָווער אָגער האָט זיך מיט אַ מאָל געגעבן אַ שטעל אויף דיבאָם אויף די הינטערשטע פיס און צוזאַמען מיט אים האָט זיך כוליטאָ אַ טראָג געטאָן אין דער הויך און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי דאָס פערד וואָלט זיך מיט זיין ספּאַנטאַנעם שטעל געזעגנט מיטן „לאַגער". אָבער דערנאָך האָט ער זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף אַלע פיר פיס און מיט געמאָסטענע, טאַנצנדיקע טריט אַוועק צום אַרויס־גאַנג פון דעם פאַרבאַרגענעם טאָל.

אַפריער האָט דער זאַמדיקער וועג אויפגעהויבן אַ קורצן און ריינעם שטויב. אָבער ווען דער וועג האָט זיך אומבאַמערקטערהייט אַוועקגעגנבעט פון אונטער די פערדישע טריט, איז כוליטאָ איינגעשלונגען געוואָרן פון דער גרין־גראָזיקער ווילדקייט, וואָס האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר די אויגן אַזוי טיף און ברייט, ווי דער אייביקער דזשאַנגל גופא. דער סטעפּ־יונג איז גע־ריטן גיך. אמת, נישט צו האַסטיק, מחמת די צוויי טאָרבעס מיטן פּראָוויאַנט, וואָס איינער פון זיינע מענטשן, מסתמא, האָט אַרויפגעהאָנגען אויף ביידע זייטן זאָטל, האָט דעם אָגער נישט געלאָזט אַוועק אין פולן גאַלאָפּ. זיי האָבן אים געקלאַפּט אין בויך פון ביידע זייטן און געשטערט דעם געלויף.

כאָטש דער אָגער איז געווען איינער פון די בעסטע „צ׳ער״ אין קאַראַל, דאָך קאָן מען נישט זאָגן, אַז כוליטאָ איז „געריטן״. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס קיין אויסגעטראָטענער, צי אויסגעפּאַרענער וועג, אָדער סטעזש־קע צו זיין אַמאָליקער „היים״ איז דאָ נישט געווען. דער גאַנצער אַרום, ווו נאָר דאָס אויג איז געפאַלן, האָט זיך בלויז געזען דער ווילד־גראָז. זעלטן ווו ס׳זענען געשטאַנען איינזאַמע, נידעריקע און דאַרעביימעלעך, מיט אויס־געקרומטע צווייגן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי אויסגעטריקנטע פינגער פון הענט, וועלכע זענען נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק אויסגעדרייט געוואָרן פון רעוו־מאַטישן פיבער. דערפאַר אָבער האָבן זיך דאָ געוואַלגערט אַן אַ צאָל באַוואַק־סענע, קליינע בערגלעך און געמאַכט דעם איינדרוק פון סטעפּישע קישנס, אַז אַ מידער, וואַנדערנדיקער פּעאָן זאָל אויף דעם קאָנען אַוועקלייגן דעם צע־שויבערטן, שוואַרצן קאָפּ און אָפּרוען זיך פונעם לאַנגן, וואָגל־וועג...

פונקט ווי נעכטן, אַזוי האָט כוליטאָ אויך היינטיקע נאַכט אויפגעזוכט אַזאַ אָרט, ווו ס׳זענען געוואַקסן אַ גרופּע ביימעלעך. דאָ האָט ער אָפּגעשטעלט דאָס פערד, אים אָפּגעזאָטלט, מיט אַ לאַנגן שטריק צוגעבונדן צו אַ בוימל־שטאַם און געלאָזט אויף פּאַשע. דערנאָך האָט ער מיטן קינזשאַל אָנגעהאַקט אַ סך צווייגן, צעלייגט אַ קליין פייער, פון אַ טאַרבע אַרויסגענומען אַ שטיק רוי פלייש און דאָס אָפּגעבראָטן. אַ הונגעריקער האָט ער געביסן גרויסע ביסנס, זיי קוים צעקייטערהייט אַראָפּגעשלונגען און פאַרטרונקען מיט וויין.

שפּעטער, אַז די בלייכע לבנה, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ ריזיקער, האַלענדישער שטיק קעז, מיט לעכער אין דער מיט, איז אַרויס פון הינטער די בערג, אָנגעהויבן אַרומוואַנדערן איבער דעם סטעפּישן הימל און איז פון אַלע זייטן באַפאַלן געוואָרן פון וואָיענדיקע קאָיאָטעס, האָט כוליטאָ אַרויפגעוואָרפן נאָך צווייגן אויפן פייער, זיך אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, אויסגעצויגן די לאַנגע פיס, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפן זאָטל, ביזן האַלדז איינגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע און דערפילט, אַז די קעלט וואָס כאַפּט געווינטלעך אַרום ביי נאַכט יעדן מענטשן אין סטעפּ, איז איצט אָפּגעטראָטן פון אים. אַ וואָ־רעמקייט האָט זיך צעגאָסן אין אַלע אברים, און דעם סטעפּ־יונג האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער ליגט גאַרנישט אין סטעפּ אויף דער נאַקעטער ערד, נאָר ביי זיך אין ביידל מיט עמאַליטאַן אויפן הייענעם געלעגער.

די ביינאַכטיקע פייכטקייט פון דעם ווילד־גראָז האָט אים אָבער פאָרט דורכגענומען ביזן ביין. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט אַ שפּראָץ אויף טאָג, אויפ־געלעבט דאָס אויסגעלאָשענע פייער, וואָס האָט זיך גראָד נישט געוואָלט צע־ברענען אַזוי גיך צוליב דעם, וואָס אויך די צווייגן זענען געווען נאַס און גערויכערט אַ לאַנגע צייט. נאָר סוף־כל־סוף האָבן זיי זיך אונטערגעגעבן און אויפגעפלאַקערט. דעמאָלט האָט זיך כוליטאָ אַוועקגעשטעלט טריקענען די דורכגעווייקטע קליידער מיט דער קאָלדרע. ווידער אָפּגעבראָטן אַ שטיקל

פּלייש, אָפּגעקאָכט און פֿאַרטרונקען מיט אַ ביסל מאַטע, וואָס ער האָט געפֿונען אין דער צווייטער טאָרבע.

דער סטעפּ איז דערווייל אַלץ ליכטיקער געוואָרן. אין דער לופֿט האָבן דורכגעשוועבט אַ פּאָר נע־ונדנע פֿייגעלעך אַזוי גיך, ווי זיי וואָלטן אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון דער קאַלטער נאַכט און געוואָלט וואָס גיכער אַריינפֿליען אין דעם וואַרעמען טאָג אַריין. אַ ווײַלע האָט זיי כוליטאָ נאָכגעקוקט אַ פֿאַרגאַפֿטער, דערנאָך האָט ער צוריק אָנגעזאָטלט דעם אָגער, אויפֿגעהאָנגען די טאָרבעס, מיט די פֿיס צעטאָפּטשעט דאָס פֿייער, אַרויפֿגעכאַפּט זיך רייטנדיק אויפֿן פֿערד און איז געבליבן זיצן אויפֿן זאָטל ווי אַ פֿאַרלוירענער. ווײַל איצט האָט ער אויך אַ ווײַלע גאָר פֿאַרגעסן פֿון וועלכער זײַט ער איז נעכטן אָנגעקומען און אין וועלכער ריכטונג ער האָט איצט געדאַרפֿט גיין.

נאָר די פֿאַרלעגנהייט האָט בײַ אים בלויז געדויערט אַ פּאָר רגעס. באַלד האָט ער אינסטינקטיוו אַ קערעווע געטאָן דעם אָגער אויף לינקס און געלאָזט זיך רייטן צ[illegible]לץ נענטער צו דעם באַהיאַ־בלאַנקאַ־סטעפּ. אָבער וואָס ווייטער דער סוס האָט געצויגן, אַלץ דײַטלעכער האָט כוליטאָ דערהערט די באַקאַנטע קולות פֿון קוואָקענדיקע זשאַבעס, וואָס האָבן אים געגעבן צו וויסן, אַז ערגעץ נישט ווײַט פֿון דאַנען, מסתמא צווישן דעם הויכן ווילדן גראָז, געפֿינען זיך פֿאַרוואַקסענע טיפֿע זומפּן, וווהין מען האָט זייער גרינג געקאָנט פֿאַרקריכן און קיין מאָל נישט אַרויס פֿון דאָרטן.

כוליטאָס פּרימיטיווער חוש האָט אים נישט אָפּגענאַרט און אויף מאָרגן בײַטאָג האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אין אַ שמאָלער, כמעט פֿאַרוואַקסענער סטעזשקע, וואָס האָט געפֿירט צו זײַן אַמאָליקער „היים“. דאָ איז דער אָגער אַ שטיק וועגס געגאַנגען פּוס־טריט, ווי ער וואָלט אַפּריער אויסגערעכנט יעדן שפּאַן. און כוליטאָ האָט געמיינט, אַז וואָס ווייטער ער וועט רייטן, אויף איר, אַלץ ברייטער וועט די סטעזשקע ווערן. נאָר ס׳האָט זיך באַלד [illegible]רויסגעוויזן, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרויסן טעות. מחמת ער האָט נישט באַמערקט, ווי זי איז שוין פֿון לאַנג געווען אַרומגעכאַפּט פֿון ביידע זײַטן מיט הויכע ווילדע גראָזן און פֿאַרבאַהאַלטן איר געל פּנים פֿון אַ מענטשלעך אויג. נאָר מיט אַ מאָל האָט דער סטעפּ־יונג דערזען אַ פּאָר איינגעפֿאַלענע, האַלב־שוואַרצלעכע און צעפּוילטע דרענגלעך, מיט אַראָפּהענגענדיקע פֿאַרזשאַווערטע דראָטן אויף זיך, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אין גראָז און כוליטאָ האָט דערקאָנט, אַז דער צאַם האָט אַמאָל אַרומגערינגלט זײַן טאַטנס שטיקל פֿעלד. האָט ער איצט פֿאַרריסן דעם קאָפּ, פֿון ווײַטן געזוכט דאָס קליינע שטיבל, אין וועלכן זײַן מאַמע איז אויסגעגאַנגען פֿון הונגער און אין ערגעץ נישט געפֿונען. אויף דעם אָרט זענען גראָד געוואַקסן הויכע קוקורוזע־שטאַנגען.

כוליטאָ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט געוויס דער סעניאָר דאָן כאָסע אַלוואַרעז איינגעוואָרפֿן דאָס שטיבל און אפֿשר עס גאָר פֿאַרברענט צוזאַמען

מיט דער מאַמעס טויטן גוף, פאַרכאַפּט דאָס מאָגער שטיקל פעלד און אויף דעם גאַנצן שטח פאַרזייט מאַיס, וואָס איז גראָד אויפן גבירס מזל, איצט גע־וואַקסן הויך און געדיכט, מיט פולע גילדענע קערנער און פון גרויס זעטי־קייט קוים געבויגן זייערע באַבערדלטע קעפּלעך צו דער ערד. אַזאַ רייכע שפע האָט כוליטאָ ביי זיין טאַטן קיין מאָל נישט געזען.

דער האָס קעגן דעם פּריץ, וואָס דער סטעפּ־יונג האָט אַזוי פיל יאָרן גע־טראָגן אין האַרצן און אים געכאַוועט ווי אַ ווילדער אינדיאַנער אַ גיפטיקן שלאַנג, האָט איצט ביי אים אַרויסגעשאָסן פון יעדן אבר. די בלוטן זענען געלאָפן האַסטיק, פון די שליפן ביז צו די שפּיץ נעגל פון די פיס. האָט כו־ליטאָ מיט רציחה אַ ציי־געטאָן די לייצעס, אַ זעץ געגעבן מיט די קאַבלוקעס פון די שטיוול, דעם אָגער איןביידע זייטן בויך. פונעם פּלוצימדיקן וויטיק האָט זיך דאָס פערד אויף אַ רגע געשטעלט דיבאָם. דערנאָך אַוועקגעלאָזט זיך אין אַ וויכערדיקן גאַלאָפּ און איז אין אַ ווײַלע אַרום אַריינגעלאָפן צו דעם פּריץ דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין דער גרויסער האַסיענדאַ.

הפנים, אַז דאָ, אין דער רייכער האַסיענדאַ, איז איצט געווען עפּעס אַ גרויסע שמחה. מחמת פון די אָפענע פענצטער, אין פּאַלאַץ, האָבן זיך געטראָגן מוזיק־קלאַנגען. קאָנטיק, אַז עמעצער האָט דאָרט געשפּילט פּיאַנאָ און אַן אַנדערער אויף אַ פידל. דער גרויסער הויף איז געווען פול מיט יונגע און רייכע מענטשן, וועלכע האָבן געהאַט אַזעלכע פרעמדע פּנימער, וואָס כוליטאָ האָט אַלס יינגל דאָ פריער נישט געזען. זיי זענען פאַר אים געווען אַזוי אויס־טערליש, פּונקט ווי די רייכע יונגעלייט וואָלטן גאָר אַראָפּגעקומען פון עפּעס אַ ווייטער, פרעמדער וועלט צו לעבן אַ גוטן טאָג.

אייניקע פון די נייע מענטשן האָבן פאַרחידושטע געקוקט אויף דעם אַריינפליענדיקן סטעפּ־יונג. באַלד האָבן זיי אַרומגערינגלט דעם שוואַרצן, פאַר־שוויצטן אָגער און כיטרע איבערגעווונקען זיך מיט די בליקן. די שיין אָנ־געטוענע הערן האָבן אַ ווײַלע באַטראַכט דעם יונגן רייטער מיט זיין פערד, וואָס האָט שטייענדיק געוואָרפן מיט די דעכווענעס, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט אַ ווייסע פּיאַנע און איינער פון די יונגע לייט האָט אַ נייגעריקער גע־פרעגט כוליטאָן:

— בוענאָס טאַרדעס, סעניאָר! וואָס פאַרלאַנגסטו?

כוליטאָ, נאָך אַלץ אַ צעקאָכטער פון דעם, וואָס דער פּריץ דאָן כאָסע אַלוואַרעז האָט פאַרכאַפּט זיין טאַטנס שטיקל פעלד און צעוואָרפן דאָס שטיבל, האָט רוגזהדיק געענטפערט מיט אַזאַ קול, וואָס איז נאָך געווען האַרטער פון אָפּגעקילטן שטאָל:

— איך וויל זען דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז!

— דאָן כאָסע אַלוואַרעז? — האָבן שוין איצט אַלע אַרומיקע הערן גע־הויבן מיט די נאַקסלען, ווי זיי וואָלטן פון אַזאַ מין נאָמען גאָר קיין מאָל נישט

געהערט. און דער פּרי־ערדיקער יונגערמאַן, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין העלע, זומערדיקע הויזן, מיט אַ ווייס זיידן איבערהעמד און צעשפּילעטן קאָלנער, איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צו כּוליטאָן און נאָך אַ מאָל איבערגע־פרעגט די פריערדיקע פראַגע — ווּעמען ווילסטו זען?

— דאָן כאָסע אַלוואַרעז! — האָט שוין איצט כּוליטאָ אַזאַ ברוסטיקן גע־שריי געטאָן, אַז אין זיין קול האָט זיך דערהערט דער מעטאַלענער קלאַנג, ווי פון אַ גרויסן גלאָק, וואָס האָט זיך פּלוצים צעקלונגען מיט איין מעכטיקן קלאַנג, וואָס האָט זיך פאַרקייקלט אין אַלע ווינקעלעך פון דער גרויסער האַ־סיענדאַ און איבער אַלעמענס לייבער איז אַ קאַלטע קעלט דורכגעלאָפן.

נאָר דער רייכער פּרי־ערדיקער יונגערמאַן איז מסתמא געווען אַ ביסל שיכורלעך, ווייל טראָץ דעם, וואָס ער האָט אויסגעזען צו זיין זייער עלעגאַנט געקליידט, זענען אָבער ביי אים די אויגן געווען פאַרלאָפן מיט אַ דינעם נעפּל און פון זיין האַלטונג איז קאָנטיק געווען, אַז כּוליטאָס ברומיקער ענטפער האָט אים שטאַרק אַמוזירט. ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צעלאַכט, אַז אויף אים קוקנ־דיק האָבן די אַנדערע יונגעלייט אויך געלאַכט פון דעם נאַרישן יונגן רייטער. און ווען דער ערשטער האָט אין אַ שטיקל צייט אַרום באַוויזן צו דערשטיקן אין זיך דעם געלעכטער, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן ווייסהויטיקן פּנים צו כּוליטאָן און געענטפערט:

— דו שפּאַסט צי נישט? דו ווייסט גאָר נישט, אַז דאָן כאָסע אַלוואַרעז איז טויט און די האַסיענדאַ באַלאַנגט צו מיין פאָטער. איז אפשר ווילסטו זען אים אַנשטאָט דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז?

מער האָט שוין כּוליטאָ נישט געקאָנט צוימען אין זיך דעם לאַנגיעריקן האַס. נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אומזיניקן שפּיל, וואָס דער הולטייסקער יונגערמאַן האָט מיט אים געשפּילט ביז איצט. איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון זאָטל, אַרויסגעצויגן דעם קינזשאַל פון שיידל און פלינק, ווי אַ שוואַרצע, ווילדע פּאַנטערא אָנגעכאַפּט דעם יונגנמאַן ביי זיין צעכראַסטעטן קאָלנער און מיט גבורה אים אַ טרייסל געטאָן:

— דו לייגסט, דו „פּוטאַ מאַדרע״! מיט אַרום דרייצן יאָר צוריק בין איך דאָ געווען און נישט איין מאָל געזען דאָס דאָזיקע הינטישע פּנים!

נישט געקוקט אויף דעם ווי שכּור דער יונגערמאַן איז נישט געווען, האָט ער פאָרט באַוויזן אַרויסצודרייען זיך פון כּוליטאָס קלעשטשעדיקע הענט און איז ראַפּטום אָוועקגעלאָפן צו זיך אין פּאַלאַץ צו כאַפּן דאָרטן אַ ביקס, צי אַ רעוואָלווער און דערמיט דערשיסן דעם צעווילדעוועטן פרעמדן רייטער, וואָס האָט זיך מיט חוצפּה פּלוצים אַריינגעריסן צו אים אין דער האַסיענדאַ.

כּוליטאָ האָט זייער גוט פאַרשטאַנען צוליב וואָס דעם נייעם פּריצס זונדל איז געלאָפן אין פּאַלאַץ און נישט דערשראָקן זיך. אַדרבא, ער איז געשטאַנען אַ באַרויִקטער, אַ גרייטער אויפצונעמען דעם קומענדיקן קאַמף, געוואָלט זען,

וואָס דאָ וועט זיין און פון אַנטרונען ווערן פונעם הויף אַפילו נישט געטראַכט. און ער האָט גאָרנישט באַמערקט ווי אַ שיינע, בלאָנדע סעניאָריטאַ , איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי אַ צעעפנט פענצטער ווי אַ צוגעשמידטע און האָט נישט געקאָנט אַראָפּנעמען פון אים אירע ליכטיקע, בלויע אויגן.

אין זיין וואַכזאַמער אָבער רויִקער האַלטונג, האָבן די אַנדערע יונגעלייט אין הויף דערקענט, אַז דער סטעפּ־יונג איז עפּעס נישט גלאַט אַבי־ווער, נאָר אַ דורכגעטריבענער חברה־מאַן, אַזאַ פון וועמען מען דאַרף זיך האַלטן פון ווייטן און נישט שטיין נאָענט צו אים. האָבן זיי אינסטינקטיוו אָפּגעטראָטן מיט אַ פּאָר שפּאַן אויף צוריק און אַפילו נישט געוואַגט צו מאַכן אויף אים אַן איבערפאַל און אַנטוואָפענען דעם ווילדן, נאָר שטאָלצן אַריינדרינגער ביי זייער גאַסט־געבער אין דער אימעניע.

אַנשטאָט דעם, אַז דעם רייכן פּריצס זונדל זאָל טאַקע אַרויסקומען מיט אַ געווער אין די הענט און פון גרויס צערייצטקייט, הלמאי דער סטעפּ־יונג האָט אים פריִער אַנגעכאַפּט ביים האַלדז און אָנהייבן שיסן, איז גאָר פון פּאַלאַץ צו כוליטאָן צוגעקומען אַן אַלטער פּעאָן מיט אַ צעלעכערטן שטרויענעם הוט אין האַנט, וואָס ער האָט אויס דרך־ארץ אַראָפּגענומען פון זיין גרויען קאָפּ, און קנעכטיש פאַרנויגט זיך פאַרן יונגן רייטער און געזאָגט :

— „דיסקולפּעמע סעניאָר", בייזער זיך נישט אויף קיינעם און רוק צו־ריק אַריין דיין קינזשאַל אין שיידל. מיין סעניאָרס זון האָט דיר געזאָגט דעם אמת. דער דאָן כאָסע אַלוואַרעז איז שוין פון לאַנג אַ הייליקער. שוין פיר יאָר ווי ער איז געשטאָרבן און ליגט באַערדיקט אין באַהיִאַ־בלאַנקאַ אויפן צווינ־טער, גלייך ביים אַריינגאַנג צום קלויסטער.

די גאַנצע צייט וואָס דער אַלטער פּעאָן האָט גערעדט, האָט אים כוליטאָ גוט באַטראַכט. עפּעס איז אים דעם פּעאָנס פּנים געווען באַקאַנט. אַפילו די זשעסטיקולאַציעס, וואָס ער האָט געמאַכט מיט די הענט ביים רעדן איז אים פאַרגעקומען זייער קענטלעך. האָט זיך דער סטעפּ־יונג געכאַפּט, אַז דאָס איז דאָך דער זעלביקער ראָבערטאָ, וועלכער האָט מיט יאָרן און יאָרן צוריק גע־אַרבעט צוזאַמען מיט כוליטאָס טאַטן ביי דעם סעניאָר דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין די אָנגעפּולטע שפּייכלערס מיט ווייץ, אין די טיפע קעלערס מיט קאַרטאָפל און אין די פרילינגס געהאָלפן אַנדערע פּעאָנען פון דער האַסיענדאַ צו אַקערן און זייען די ריזיקע שטחים פעלדער. האָט איצט כוליטאָ אַרויפגעלייגט זיין שווערע האַנט אויף דעם אַלטנס אַקסל:

— דו ביסט דאָך ראָבערטאָ?! איז ווייסטו כאָטש ווער איך בין? ניין? וועל איך דיר זאָגן. איך בין כוליטאָ, פּרעטאָס זון. דו געדענקסט דאָך מסתמא, אַל־טער פריינט, ווי דער הונט האָט פאַרשמיסן מיין טאַטן צום טויט און די מאַ־מע איז אין כאַטע אויסגעגאַנגען פון הונגער?... נו, בין איך איצט געקומען אָפּצאָלן מיין חוב! דו פאַרשטייסט, ראָבערטאָ? דרייצן יאָר האָב איך געלעבט

מיט דער איינציקער האָפֿענונג, אַז איך וועל „אָפּגעבן“ דעם סעניאָר פֿאַר דעם וואָס ער האָט געטאָן צו מיינע עלטערן און איצט? צו וואָס טויג מיר דאָס גאַנ־צע ווייטערדיקע לעבן?...

אַז ראָבערטאָ האָט דערהערט דעם נאָמען „כוליטאָ“, וואָס האָט זיך שוין פֿון לאַנג דערטראָגן אַהער אין האַסיענדאַ, אַזש פֿון דעם שטעטל מאַדעראָס און [ז]פּילו אָפּגעקלונגען אין דער שטאָט קאָרדאָבאַ, וואָס איז געלעגן צוויי טעג פֿאָרן פֿון באַהיאַ־בלאַנקאַ סטעפּ, דערגאַנגען אַזוי ווייט, ווי ביז ענטרע ריאָס, ראָזאַריאָ און אַריינגעדרונגען צו יעדן פּאַרמוטשעטן פּעאָן אין האַרצן, וויל זיי האָבן דעם דאָזיקן, צוליבערלעכן נאָמען געטראָגן, ווי אַ גליאיקן פּונק, וואָס דאַרף זיך ערשט צעגלי[ע]ן אויף דעם אַרגענטינישן הימל, האָבן זיך די טיפֿע קנייטשן ביי ראָבערטאָן אויפֿן צערונצלטן פּנים ווי אויסגעגלייכט. צוויי פֿלעמלעך האָבן זיך אויפֿגעפֿלעמלט אין זיינע וואַסערדיקע אויגן און ער האָט שטילערהייט אַ שעפּטשע געטאָן:

— כוליטאָ, קום אַרויס פֿון דאַנען. דאָ קאָן איך מיט דיר נישט רעדן. דו זעסט דאָך, אַז די האַסיענדאַ איז פֿול מיט — — — —

כוליטאָ האָט אַרויסגעפֿירט דעם אָגער פֿון דער האַסיענדאַ און ראָבערטאָ איז אים נאָכגעגאַנגען מיט פֿאָרזיכטיקע טריט. ווען זיי זענען שוין געווען ווייט, אויף דער אַנדערער זייט, ווו קיינער אויסער זיי ביידע מיטן פֿערד איז דאָ נישט געווען, האָט דער אַלטער פּעאָן אויסגעשטרעקט זיין דאַרע, אויסגע־האָרעוועטע האַנט און מיט אינעווייניקסטער פֿרייד און ליבע אָנגענומען כולי־טאָס קרעפֿטיקע יד:

— דיאָס מיאָ! דאָס ביסטו טאַקע דער אמתער כוליטאָ?! דאַנקען גאָט! דו ביסט דאָך אויסגעוואַקסן אַ העלדישער סטעפּ־יונג!... איך וויל דיר דערציילן וואָס איך האָב געהערט וועגן דיר רעדן. אַז צוליב דעם וואָס דו נעמסט נישט צו די זאַכן, וואָס דו רויבסט אַוועק ביי די רייכע פֿאַר זיך אַליין, נאָר דו צע־טיילסט דאָס צו די אָרעמע אַרבעטער אין די שטעטלעך און צווישן די פֿאַר־פּייניקטע פּעאָנען אין די דערפֿער, איז דיין נאָמען אומעטום באַקאַנט. יע־דערער האָט דיך ליב. ביי אַלע פּעאָנען איז דאָס וואָרט „כוליטאָ“ איינגע־באַקן אין די הערצער און יעדע האַסיענדאַ וואַרט מיט אומגעדולד אויף דיין קומען...

אויף אַ ווײַלע איז ראָבערטאָ אַנטשוויגן געוואָרן. ער האָט זיך גוט אַרומ־געקוקט אין אַלע זייטן, זען צי עמעצער אַנדערש האָט נישט געהערט זיינע פֿריערדיקע רייד און דערנאָך אָנגענומען זיך מיט פֿרישן כוח, אַ קנייטש גע־טאָן דעם צעקאָרבטן שטערן און אַזאַ גוואַלדיקן שפּיי געגעבן אויף דער ערד, ווי ער וואָלט איצט געשפּיגן אויף אַ צעפֿוילטן פּגר:

— ס׳איז טאַקע אמת, מיין זון, אַז דו ביסט געקומען צו שפּעט אָפּצורע־כענען זיך פֿאַר דיין טאַטע־מאַמע. אָבער דיין לעבן האָט גראָד יאָ אַ זין און

אַפּילו אַ גרויסן ציל... דו ביסט דאָך אַן אמתער אַרגענטינער! אין דיינע אָדערן פליסן די בלוטן פון דורות פּעאָנען, וואָס האָבן פּונקט ווי דיין טאַטע, גע־שקלאָפט ביי די רייכע פּריצים אין די האַסיענדאַס און אַליין אויסגעגאַנגען פון הונגער און קלעפּ. איך רעד שוין נישט פון די אַלע באַליידיקונגען און שאַנדעס, וואָס אונדזערע מענטשן האָבן די אַלע יאָרן דורכגעווייטיקט אויף די אייגענע פּלייצעס און קיינער האָט זיך פאַר זיי נישט אָנגענומען — — —

— איז וואָס ווילסטו אַז איך זאָל טאָן? — האָט אים כוליטאָ איבערגע־שלאָגן דעם שטראָם מיט רייד און אַריינגעקוקט אים אין די אויגן, ווי אַ תלמיד אַ רבין — וואָס קאָן איך העלפן? דו ווייסט דאָך, אַז די רייכע האָבן אויף זייער זייט די פּאָליציי, די פּאַרפלוכטע זשאַנדאַרמען מיט דעם מיליטער און איך האָב נאָך דערוויַיל בלויז אַ קליין הייפעלע מיט אַזעלכע אומבאַהאָלפענע פּע־אָנען ווי איך בין...

— אַך דו נאַריש קינד! — האָט אים ראָבערטאָ ווייטער נישט געלאָזט רעדן און געוואָלט אַריינכאַפּן וואָס מער רייד און פון דעם האָבן זיך אויף זיינע שפּיצן קינבאַקן באַוויזן צוויי רויטע פלעקן — ס'איז טאַקע ריכטיק וואָס דו זאָגסט, אַז מיט די רייכע האַלט די פּאָליציי; אָבער זיי זענען דאָך נישט מער ווי אַ קליינע צאָל און פּעאָנען, מיט אָרעמע אַרבעטער אין די שטעט און שטעט־לעך, וואָס שמאַכטן פון הונגער און פון נויט, פּונקט ווי מיר אין די האַסיענ־דאַס, זענען פאַראַן אין די מיליאָנען!... אדרבא, אַנשטאָט דו זאָלסט איצט פאָרן צוריק און גיין פון וואַנען דו ביסט געקומען, איז נעם דיין אָגער און פאָר בע־סער אין די אַרומיקע שטעטלעך און אַפּילו אין די גרויסע שטעט. כאַפּ זיך נאָר אַריין אין טשובוט, אין סאַנטאַ קרוז, פּאָרמאָסאַ, קאָרדאָבאַ, סאַנטאַ פּע, צי אין באַהיאַ־בלאַנקאַ, וואָס איז נישט ווייט פון דאַנען. הער זיך דאָרטן איין צו די ליידן פון אונדזער אָרעם פאָלק. גיי זיך דאָרטן דורך אין די אָרעמע גאַסן, אין די פאַרקן און פאַרנעם די רייד פון דעם הונגעריקן און היימלאָזן און דו וועסט דערפילן, אַז דיין האַרץ וועט צעריסן ווערן פון ווייטיק און צאָרן. ערשט דעמאָלט וועסטו איינזען, אַז פּערזענלעכע נקמה איז גאָרנישט ווערט. הלוואַי וואָלט איך איצט געווען אַזוי יונג און געזונט ווי דו ביסט, וואָלט איך שוין געוווּסט וואָס צו טאָן...

פון דער האַסיענדאַ האָבן זיך באַוויזן עטלעכע אָנגעזאָטלטע פערד. אויף זיי זענען רייטנדיק געזעסן יונגע, רייכע מענער און צווישן זיי די פריִערדיקע בלאָנדע, שיינע מיידל, וואָס האָט ביים אַרויספאָרן פון טויער געלאַכט אויף אַ קול, מיט אַ סאַמעטענעם געלעכטער, וואָס איז אַריינגעדרונגען צו יעדן אין האַרצן און כוליטאָן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איר לאַכנדיק קול איז אים עפּעס זייער באַקאַנט און נאָענט. נאָר ראָבערטאָ האָט זיך גלייך דערשראָקן און כדי צו מאַכן אַ גוטן איינדרוק אויף די רייטנדיקע פּריצים, האָט ער זיך

פלוצים טיף פֿאַרנויגט פֿאַר כוליטאָ און מיט איילנדיקע טריט אַוועק צוריק אין דער האַסיענדאַ און איבערגעלאָזט דעם סטעפּ־יונג אַליין.

באַהיאַ בלאַנקאַ

כוליטאָ האָט זיך אַרויפגעכאַפּט אויפן זאָטל, פֿאַרקערעוועט דעם אַגער צו די אַרומיקע פעלדער, דאָרטן אָפּגעלאָזט די לייצעס, אַז דאָס פערד זאָל גיין וווהין עס האָט געוואָלט, ווי פֿאַר דעם יונגן רייטער וואָלט דאָס שוין געווען אַלץ איינס. ווייל צוליב דעם, וואָס דאָן כאָסע אַלוואַרעז איז שוין געווען טויט און דער סטעפּ־יונג האָט נישט געהאַט פֿון וועמען צו נעמען נקמה — איז אים באַפאַלן אַזאַ אַפּאַטיע, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַ לאַנגע צייט. דערצו האָט זיך אים געמישט אין קאָפּ די לעצטע רייד פון דעם אַלטן ראָבערטאָ, וועלכע האָבן אים איבערגעלאָזט טיפע שפּורן. פון דעם אַלעם האָט דער יונג נישט געוווסט וואָס צו טאָן מיט זיך און בלויז געפילט, אַז דאָס ביז איצטיקע לעבן זיינס האָט זיך מיט אַ מאָל איבערגעריסן און איז געוואָרן אָן אַ זין, אָן אַ ציל און דער סטעפּ־יונג האָט זיך פּשוט געשעמט צו פֿאָרן צוריק אין די בערג מיט „לײדיקע הענט״...

די אַפּאַטיע האָט אים אַזוי לאַנג געדריקט דאָס געמיט, ביז אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ טיף אין סטעפּ און דערהערט, אַז אַ קאַיאָטע האָט זיך ערגעץ צעקלאָגט, ווי אַ פּעאָן אויף זיין פינצטערן מזל, האָט כוליטאָ אויפגעהויבן דעם קאָפּ און מיט אַ מאָל דערזען, אַז ווייט אויפן האָריזאָנט האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער, שוואַרצער רויך צום הימל און צעקושט זיך מיט דער בלויער, פֿאַרנאַכטיקער לופט — האָט דער עלנטער רייטער באַגריפן, אַז דאָס האָט געוויס דער אַלטער גאַוטש, מיט נאָך חברה פון „לאַגער״ צעלייגט אַ ריזיק פייער, כדי ער, כוליטאָ, זאָל טרעפן דעם וועג אויף צוריק.

די שוואַרץ־רויכיקע דערשיינונג אויפן ברעג הימל האָט אויף אים אַזוי געווירקט, אַז די גאַנצע דערשלאָגנקייט איז אויסגערונען געוואָרן פון זיין געדעכעניש, ווי מיט אַ כשוף פֿאַרטריבן פון דאָרטן די אַפּאַטיע מיטן באַנגדיקן אומעט און ער האָט צוריק באַקומען די אַמאָליקע ענערגיע. מיט פרישן מוט האָט ער איצט געוואָלט אַ טרייב טאָן זיין אַגער, אַז דאָס פערד זאָל וואָס גיכער דורכשניידן דעם אַנדערן ברעג סטעפּ און פון דאָרטן אַריינרייטן אין „לאַגער״. נאָר אין דער רגע האָבן אים אין די אויערן אָנגעהויבן קלינגען דעם אַלטן ראָבערטאָס רייד: „דו ביסט אָן אמתער אַרגענטינער! איז פֿאָר נישט צוריק! גיי בעסער אין די שטעט און שטעטלעך און נישט פֿאַרגעס דאָרט צו זען דיליידן פון די פּעאָנען און אַרבעטער״...

די אָפּקלאַנגען פון ראָבערטאָס רייד האָבן געהאַמעוועט כּוליטאָס געדאַנקען וועגן צוריקקערן זיך אין „לאַגער". האָט ער זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה וואָס צו טאָן. אָבער אַן אינערלעכער כּוח, אַ כּוח אַזאַ, וואָס איז געווען שטאַרקער פון דעם סטעפּ־יונג גופא, איז גיך גובר געווען אַלע זײַנע ספקות, האָט ער מיט אַ פעסטן באַשלוס פאַרקערעוועט דאָס פערד און אַוועקגעריטן צו דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז ער אַרײַנגעריטן אין שטאָט און איז צעטומלט געוואָרן פון דער הויפּט־גאַס, וואָס האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע און אַ ברייטע, מיט צוויי און דריי שטאָקיקע מויערן און גרויסע שוי־פענצטער פון די רײַכע געשעפטן, וווּ עס זענען געווען פאַרטיקע מענער־מלבושים, ספּאָרט־קליידער, זײַדענע אויבער־העמדער; טײַערע רימענע זאָטלען, באַשלאָגענע מיט זילבער ביי די ברעגן. אַנדערע געשעפטן האָבן געהאַט אויסגעשטעלט וועליסאָפּעדן מיט ניקלנע הענטלעך, גראַמאָפאָנען, פּלאַסטינקעס, פאַרשידענע שטיקער מעבל. איבער איינער אַ קראָם האָט געהאַנגען אַ ריזיקער זייגער מיט „גילדערנע" ווייזערס אויפן שוואַרצן ציפערבלאַט. דאָ אין די בליאַסקנדיקע וויטרינעס זענען געהאַנגען און געלעגן גאָלדענע טאַשן־זייגערס פאַר מענער און פרויען. פון צענדליקער רויטע פּליושענע קעסטלעך האָבן אַרויסגעשמייכלט גאָלדענע רינגען מיט בורשטינענע אײַדל־שטיינער פאַר פּריצים און חתונה־רינגלעך פאַר סעניאָריטאָס. אַ ביסל ווײַטער, אָפּגערוקט פון די אַנדערע געשעפטן, זענען אויפן טראָטואַר געשטאַנען פּירקאַנטיקע טישלעך, וואָס זענען געווען באַשירעמט מיט „קאַנאַפּעס" איבער די קעפּ פון די פּילע זיצנדיקע עסערס און טרינקערס און צו וויסן געגעבן, אַז דאָס זענען רעסטאָראַנען און קאַפע־הײַזער.

די ברייטע גאַס האָט געשוויבלט מיט מענטשן, מיט קאַרעטן, מיט לאַסט־וועגענער, וואָס האָבן זיך געצויגן און געטראָגן אַהין און אַהער, ווי אַ טײַך. אַלע שילדן פון בײַדע זײַטן גאַס און אַפילו די גרויסע שילד מיט די באַגילדעטע אותיות „באַנקאָ נאַסיאָנאַל", האָבן חוצפּהדיק אַראָפּגעשריען פון די ווענט און גערופן צו זיך קונים און כּוליטאָ האָט נישט געוווּסט אויף וואָס פריִער צו קוקן. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז דאָס איז עפּעס אַ פאַרכישופטע וועלט, וואָס פינקלט מיט רײַכקייט און פּראַכט. אַ שטאָט וואָס דרייט זיך אַרום זיך אַליין, און דער האַלב „ווילדער רײַטער" האָט נישט פאַרשטאַנען פון וואַנען האָט דאָס באַהיאַ בלאַנקאַ גענומען אַזוי פיל מענטשן, מיט דער זשומעריי, פון וועלכער מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן?...

כּוליטאָ האָט געוואָלט זען ווי אַ גרויסע שטאָט זעט אויס. איז ער געריטן אַלץ ווײַטער. דאָס לויפעניש און יאָגעניש האָט אַהער נישט דערגרייכט. דער טומל איז אָפּגעשטאָרבן. די זעלביקע, פריערדיקע ברייטע גאַס איז דאָ געוואָרן שמאָל. די קראָמען מיט די גרויסע מאַגאַזינען האָבן זיך אין ערגעץ אַוועקגע־

רוקט. מיט אַ מאָל האָט אַ שמאָלער, אָבער ברויזיקער טייך צעשניטן די שטאָט אויף צוויי האַלבע טיילן. אמת, צוזאַמענגעבונדן מיט אַ ברייטע, הילצערנע בריק, וואָס איז געווען געפאַרבט אויף אַ גרינעם קאָליר. אויף יענער זייט טייך האָבן זיך אַרויסגעשיילט צענדליקער ענגע, נישט קיין ברוקירטע געס־לעך, מיט קליינע, ליימענע שטיבלעך, צוגערוקט האַרט איינס צו דאָס אַנ־דערע. אַ סך אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע קינדערלעך זענען דאָ אַרומגע־לאָפן. אינעם זאַמד האָבן מיידעלעך אויסגעווירעט פּירקאַנטיקע קעסטעלעך, אין וועלכע זיי זענען געשפּרונגען אויף איינצלנע פיסלעך. שוואַרצהאָריקע יינגלעך האָבן זיך געשפּילט אין „פּערדלעך“, אין פּילקעס. אַ פּאָר פריילעכע הינטלעך זענען זיי נאָכגעלאָפן און פריידיק געהאַווקעט און געשמיסן מיט די וויידלען אין אַלע זייטן. פון די פאַרמאַכטע און אַפילו פון די אָפענע הייף האָט זיך צעטראָגן דאָס וויינען פון עופהלעך, און כוליטאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ האָבן געוווינט די אָרעמע אַרבעטער פון שטאָט.

אויף איינעם פון די אַנדערזייטיקע גאַסן, האָט אים אַ פאַרבייגייער אָנגע־וויזן אויף אַ פאַרדינג־שטאַל. צוזאַמען האָט כוליטאָ אַריינגעפירט זיין אָגער און באַצאָלט פאַר אַ גאַנצע וואָך קאָרמען און „קוואַרטיר“. דערנאָך געלאָזט זיך צופוס צוריק אין דער הויפּט־גאַס, ווו ער האָט איינגעהאַנדלט אַ פּעאָנישן אָנצוג. דערמיט אונטערן האַנט, אַריין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן. טאַקע דאָ באַכגעפרעגט זיך ווו ער קאָן איבערשלאָפן. האָט מען אים צוגעפירט צו אַ ביליקן האָטעלעכל, ווו ער האָט געדונגען אַ צימערל און מיט די קליידער אויף זיך אַריינגעפאַלן אין דעם אייזערנעם בעט, וואָס איז געשטאַנען אין מיטן און דער ווייכער מאַטראַץ, וואָס האָט געהאַט אין זיך אַריינגענייטע ספּרונזשינעס האָט אים אַזאַ הייב געטאָן אין דער לופטן, אַז כוליטאָ איז צו־ריק אַראָפּגעשפּרונגען, איינגעבויגן זיך, לאַנג געקוקט אונטערן בעט און אַלץ געוואָלט דערקונדיקן זיך צי דאָרטן איז פאַראַן עפּעס אַזאַ מאַשין, וואָס האָט געהויבן דעם מאַטראַץ מיטן מענטשן צוזאַמען אַרויף און אַראָפּ...

אַ היפּשע ווײלע האָט ער געקוקט אויף דער טשיקאַווער בעט און מורא געהאַט ווידער אַריינצולייגן זיך אין איר. אָבער דער סטעפּ־יונג איז געווען זייער מיד פון דעם לאַנגן וועג. און כאָטש אין דרויסן איז ערשט צוגעפאַלן דער פאַר נאַכט, האָבן זי זיינע אויגן־לעפּלעך אָנגעהויבן קלעפּן איינס צום אַנדערן — האָט זיך כוליטאָ אָנגענומען מיט מוט, געטראַכט, זאָל זיין וואָס עס איז, ער וועט אויספּרובירן זיין מזל. מיט דעם באַשלוס איז ער נאָך אַ מאָל אַריין אין בעט. דאָס מאָל דערפילט, ווי דער ווייכער מאַטראַץ מיט דעם אויפגעקלאַפּטן קישן — האָבן אים אַרומגענומען ווי מיט לאַשטשענדיקע פינ־גער און פאַרוויגט אין אַ טיפן שלאָף.

ער האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אין דער פרי און אַרומגע־קוקט זיך. אויפן קאָמאָדל איז געשטאַנען אַ קליינער קעראָסין־לעמפל, אַ קרוג

מיט קאַלט וואַסער, אַ שיסל מיט אַ שטיקל זייף. אויפן וואַנט, אויף אַ פאַרזשאַ־ווערטן טשוואָק איז געהאַנגען אַ ווייסער האַנטעך. האָט ער אָפּגעווישט זיך דעם פּנים, פאַרשטייט זיך, אַז אָן זייף, ווייל דערמיט האָט ער נאָך נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, אָפּגעווישט זיך דעם געזיכט מיט די הענט און דער ווייסער האַנטעך איז אין איין רגע געוואָרן אַזוי ברודיק, ווי עמעצער וואָלט אים ערשט אַרויסגעצויגן פון דער בלאָטע.

נאָך דעם האָט זיך דער יונג איבערגעטאָן אין די געקויפטע פּאַנישע קליידער און אָן אָפּגעפרישטער אַרויס אין דרויסן. די פרימאָרגנדיקע קילקייט האָט געקושט זיינע שוואַרץ חנעוודיקע באַקן און דורכגענומען אים ביזן ביין. איז ער אויף גיך אַוועק אין אַן אַנדער גאַס, דאָרט אויפגעזוכט דעם נעכטיקן רעסטאָראַן און געבעטן, אַז מען זאָל אים דערלאַנגען עפּעס צום עסן און טרינקען.

אַ מיטליעריקע פרוי, מיט מענערישע, ברייטע פּלייצעס, העלן, ברייטן פּנים און געפּאַלדעוועטער קלייד אויף איר צעפּאָרענער טאַליע — האָט אים דערנאָך צוגעטראָגן בלינצעס מיט קליינע, פאַרברוינטע און הייסע, חזירשע, אָנגעפּילטע קישקעלעך און אַ פאַרצעלייענעם קוביקל מיט זודיקער קאַווע, פון וועלכער עס האָט געזעצט אַ גרויע, דורכזעעוודיקע פּאַרע.

כוליטאַ האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ עסן נישט געגעסן און אַזאַ געטראַנק נישט געטרונקען. האָט ער זיך אַ היפּשע צייט געראַנגלט מיט די שטייפע און פעטע קישקעלעך, וואָס האָבן זיך נישט געלאָזט אָננעמען מיטן גאָפּל אויף צום „קוילענען" און כסדר אַוועקגעקייקלט זיך צום אַנדערן ברעג פון טעלער. דערזען, אַז ס'איז שלעכט, אַז מיטן גאָפּל וועט ער זיי נישט בייקומען — האָט ער מיט איין האַנט גענומען אַ קישקעלע, מיט דער אַנדערער — אַ בלינצע און אָנגעהויבן קייען אויףביידע באַקן. דאָס עסן האָט אים געשמעקט, שטאַרק הנאה געהאַט דערפון. נאָר ווען ס'איז געקומען צום טרינקען די קאַווע, האָט ער אַ כליאָפּטשע געטאָן אַ פולן מויל און דערפילט אַזאַ הייסע און פריקרע ביטערקייט, אַז ער האָט דאָס ראַפּטום אויסגעשפּיגן אויפן דיל, און דער גאַנצער עולם עסערס, וואָס זענען געזעסן אַרום די אַנדערע טישלעך און פון וויטן צוגעזען, ווי דער פּעאָן האָט געגעסן מיט די נאַקעטע פינגער און דערנאָך אַרויסגעשפּיגן די קאַווע פון מויל מיט אַזאַ קראַפט, ווי דאָס וואָלט אַ פאַר־שלאָפענער פאַנטאַן פּלוצעם אויסגעשאָסן פון זיך אַ האַסטיקן שטראָם מיט וואַ־סער, האָט זיך אַזוי צעלאַכט, אַז דער גאַנצער רעסטאָראַן איז אַוועק „כאַ־דאָראָם"...

און כאָטש כוליטאַ האָט נישט געוווּסט געגוי פאַר וואָס מען האָט פון אים אָפּגעלאַכט, דאָך איז ער אַ פאַרשעמטער אויפגעשטאַנען פון זיין שטול, באַצאָלט וואָס ער איז געקומען פאַר דעם עסן, מיט איילִיקע טריט אַרויס פון דאַנען און אָנגעהויבן וואַנדערן איבער די אינדערפרי־ענדיקע, שטילע גאַסן, וואָס

האָבן ווי טערקישע גנבים אַוועקגעגנבעט זײַנע נישט געזיכערטע, פּרעמדע שפּאַנען. דערנאָך איז ער אַרײַן אין דער ברייטער און רײַכער געשעפט־גאַס, ווו די קראָמען האָבן זיך שוין פון לאַנג געעפנט און אויף בײַדע טראָטואַרן זענען מענטשן אַרומגעגאַנגען און באַטראַכט די סחורות אין די וויטרינעס פון די גרויסע מאַגאַזינען.

אויף דער סטעפּ־יונג איז אָפּט געבליבן שטיין לעבן אַ גלאַנציקער שויפּענצטער און אַ פאַרגאַפטער לאַנג באַטראַכט יעדע קלייניקייט וואָס דאָרטן איז געווען. נאָר ער איז גיך מיד געוואָרן פון די אַלע זאַכן און געגאַנגען ווייטער. ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פּאַרק. אויף הילצערנע, גרין געפאַרבטע בענק, וועלכע זענען געשטאַנען אין שאָטנס פון צעצווייגטע און געדיכט באַקרוינטעביימער, זענען געזעסן עלטערע, מיטליעריקע און נאָך גאָר יונגע מענער, מיט אָפּגעצערטע, נישט קיין געגאָלטע פּנימער. פון זייערע אָפּגעבליאַקעוועטע מלבושים און צעריסענע שיך איז געווען קאָנטיק, אַז דאָס זענען געווען אַרבעטסלאָזע, וועלכע האָבן נישט געהאַט צו עסן און ווו אַהינצוטאָן זיך.

דורך די שמאָלע אַלייען איז כוליטאָ געגאַנגען מיט אײַנגעהאַלטענע טריט, מיט דורכדרינגענדיקע בליקן געקוקט אויף די פאַראומערטע פּנימער פון די זיצערס, געוואָלט כאָטש ביי איינעם פון זיי באַמערקן אַ פריילעכן שמייכל — און נישט געקאָנט. עפּעס איז דאָ יעדער איינער געווען אַרײַנגעטאָן אין זיך אַליין, אין זײַן אייגן וועלטל, אין אייגענע געדאַנקען און אויף קיין פאַרבייגייער נישט אומגעקוקט זיך, ווי קיין זאַך אויף דער האַרטער וועלט וואָלט זיי נישט אָנגעגאַנגען, אויסער דער אייגענער הונגער, נויט און עלנט.

אין דער מיט פּאַרק, אויף אַ גאַנץ היפּשער גרינער לאָנקע זענען געשטאַנען אַ גרויסע גרופּע נײַגעריקע מענטשן און צוגעהערט זיך צו עפּעס אַ קליינגעוויקסיקן יונגן מאַן מיט אַ קורצער צעשפּרייטער נאָז אויפן האַלב קײַלעכדיקן פּנים און קאָסאָקע אויגן, פון וועלכע ס׳זענען געפלויגן „פונקען״. נאָר צוליב זײַן קרום־אויגיקייט האָט מען בשום אופן נישט געקאָנט טרעפן אין וועלכער זייט די „פונקען״ זענען געפלויגן. דער דאָזיקער פאַרשוין איז הפּנים געשטאַנען אויף אַ קעסטל, געשאָסן מיט „פלאַמיקע״ רייד און דערבײַ געמאַכט פאַרשידענע גרימאַסן מיט די דינע און בלוילעכע ליפּן:

„איר זאָגט, אַז ס׳איז נישטאָ קיין אַרבעט? ווי אַזוי זאָל יאָ זײַן, אַז די גרינגאָס האָבן פאַרכאַפּט די אַרבעט־פּלעצער?... מיט אַ חודש צוריק בין איך געווען אין לאַ־פּלאַטאַ, ווו מען האָט אויפגעשטעלט אַ ריזיקע שלאַכט־הויז, וואָס באַשעפטיקט אַרום זעקס הונדערט אַרבעטער. אָבער ווער זענען זיי? פּאָליאַקאָס (פּאָליאַקן), רוסאָס (רוסן), אַלעמאַנעס (דײַטשן) און כודיאָס (ייִדן), נאָר קיין אַרגענטינער נעמט מען אַהין נישט אַרײַן!... און די שלאַכט־הויז גופא געהערט גאָר צו נאָרד־אַמעריקע. אונדזערע בענק מיט די אײַזנבאַנען און

אַלע אונדזערע נאַטור־רייכטימער געהערן צו ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און מיר האָבן אַפילו נישט ווו צו קריגן אַ טאָג אַרבעט!...

כוליטאָ איז געשטאַנען אין פאָדערגרונט פון עולם, איינגעהערט זיך צו דעם קאָסאָקנס ווערטער און נישט געוווסט די אויסדרוקן: „באַנקאָ" און „עקס־פלואַטאַסיאָן". האָט ער זיך פאַר קיינעם נישט געשעמט, נישט גערעכנט זיך מיט דער עטיק, וואָס דער רעדנער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן דרשענען, און מיט דער פרימיטיוויקייט פון אַ סטעפּ־יונג, גלייך אויפן אָרט איבערגעשלאָגן יענעמס רייד און געפרעגט:

— קע עס באַנקאָ אי עקספּלואַטאַסיאָן?

פון דער נאַרישער פראַגע האָבן די צוהערער אויסגעדרייט די קעפּ צום מאָדנעם פרעגער און אויסגעשאָסן אין אַזאַ געלעכטער, וואָס האָט דעם „אָראַ־טאָר" אַראָפּגעפירט פון די קאָלייעס און שוין נעבעך מער נישט געקאָנט כאַפּן צוריק די לייצעס פון זיין רעדע. האָט ער אויף אַ ווײַלע באַטראַכט כו־ליטאָן, וועלכער איז געשטאַנען אַן אָנגעטאָנענער אין פּעאָנישע נייע הויזן, אין אַ נייעם העמד, מיט אַ שטרויענעם הוט, מיט אַ געבלימלטער פאַנטשאָ אויפן לינקן אַקסל און אים געענטפערט :

— קאַראַמבאַ, האָמברע! אַ באַנק איז אַזאַ גרויסע אָפיצינע, מיט אייזערנע קראַטעס אַרום די פענצטער און מיט אַן אייזערנער קאַסע, ווו די רייכע פאַבריקאַנטן, קרעמער און פריצים האַלטן דאָרט זייער געלט, וואָס זיי האָבן אָנגעראַבעוועט פון דער שווערער פּראַצע, פון זייערע אַרבעטער און פּעאָנען. איצט פאַרשטייסטו שוין?...

— ניין! — האָט כוליטאָ ערלעך געענטפערט. נאָר דאָס וואָרט „באַנקאָ", וואָס דער רעדנער האָט דאָס פשוט און קלאָר געמאָלן, האָט אים אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז ער האָט געוואָלט וויסן עפּעס מער וועגן דעם ענין. נאָר דער רעדנער האָט זיך שוין אויף אים מער נישט אומגעקוקט און גע־רעכנט, אַז דאָס איז עפּעס סתם אַ נודניק און געפּרובירט ווייטער ציִען דעם פרי׳ערדיקן פאָדעם:

„אין די האַסיענדאַס האַלטן די פּעאָנען פאַרשקלאַפט הונדערטער טויזנ־טער פּעאָנען און אונדזער פּרעזידענט, וואָס איז אַליין אַ גרויסער מיליאָנער, האָט געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט קאַפּיטאַליסטן פון אַנדערע מלוכות, פאַרקויפט זיי דאָס לאַנד. און כדי צו האַלטן דעם אָרעמאַן אין שטענדיקער מורא, אַז זיי זאָלן נישט רעוואָלטירן, האָט ער געשאַפן אַ גרויסע אַרמיי פון סאָלדאַטן, פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, אויפגעבויט די שוידערלעכסטע טורמעס אין דער וועלט, ווו עס שמאַכטן די וועלכע וואַגן צו זאָגן אַ קרומען וואָרט אַנטקעגן דער צעפוילטער רעגירונג...

דאָס מענטשל איז כוליטאָן געפעלן געוואָרן, און דערפילט, אַז די ווערטער, וואָס דער נידעריק־געוואַקסענער און קאַסאָקער פאַרשוין האָט גערעדט, האָבן

אַ גרויסע שייכות מיט אים און מיט די מענטשן, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט ביי זיך אין „לאַגער". עפּעס זענען די רייד געווען כמעט די זעלביקע, וואָס ער האָט געהערט פון דעם אַלטן פּעאָן, ראָבערטאָן, ביי דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין דער האַסיענדאַ. האָט דער סטעפּ־יונג אָפּגעוואַרט ביז די צוהערער זענען אַוועק. דעמאָלט איז ער צוגעגאַנגען צום רעדנער און פּשוט געפרעגט:

— אפשר וואָלסטו געווען אַ בעלן אַריינצוגיין מיט מיר אין אַ קאַפע עפּעס עסן, צי טרינקען?

פון דער איצטיקער פראַגע האָט דער רעדנער אויף אים אָנגעשטעלט זיינע קאַסאָקע אויגן. דורכגענומען פון אַלע זייטן און געזען פאַר זיך אַן אמתן פּעאָן, מיט מאָדנע, ווילדע מאַנירן, וואָס זענען אים גראָד געווען צום האַרצן. אָבער די נייע קליידער האָבן געוואָרפן אַ חשד. האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט: ווי קומט צו אַ פּעאָן נייע קליידער?... און אַנשטאָט צו ענטפערן, האָט ער גאָר כוליטאָן געענטפערט מיט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע

— ווער ביסטו און וואָס ווילסטו האָבן פון מיר?

כוליטאָ האָט גראָד פאַרשטאַנען יענעמס פאַרדאַכט. האָט ער אַ רו־קער אַראָפּגענומען דעם סאָמבערעראָ פון קאָפּ און ווי אַן אמתער פויער — אַ קראַץ געגעבן זיך אין דער פּאַטיליצע:

— מיין נאָמען איז איצט נישט וויכטיק. איך בין טאַקע נישט מער ווי אַ פּראָסטער פּעאָן, וואָס קומט פון דער ווייטער פּאַמפּאַ. אָבער איך האָב ביי זיך געלט צו באַצאָלן פאַר אַ גוטן מאָלצייט. איך רוף דיך, ווייל דו ביסט מיר געפעלן. אַגב, וויל איך מיט דיר עפּעס רעדן. איז אויב דו ווילסט און גלייבסט מיך, טאָ קום!...

דער אופן ווי אַזוי כוליטאָ האָט זיך געקראַצט אין דער פּאַטיליצע און די לעצטע ווערטער, האָט דעם רעדנער איבערגעצייגט, אַז דער מענטש איז נישט קיין איבערגעטאָענער פּאָליציי־אַגענט. איז ער אַ באַרו־קטער אַוועק מיט אים אין אַ קאַפע. דאָרטן האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן און באַשטעלט צו פּאַרציע פלייש, ווײַן און געגעסן שווייגנדיקע. נאָך דעם האָט דער סטעפּ־יונג פון בוזעם־קעשענע אַרויסגעצויגן אַ פּאָר ציגאַרעטלעך. איינעם פאַר זיך און דעם אַנדערן געגעבן דעם גאַסט:

— ווי הייסטו?

— וואָס איז דיין דאגה? — האָט דער רעדנער אויפגעשפּרונגען פון בענקל, ווי אַ שלאַנג וואָלט אים פּלוצעם אַ ביס געטאָן אין אַ פוס — צי דערפאַר וואָס דו האָסט מיר געגעבן אָפּצועסן דאַרף איך דיר אַלץ דערציילן? !...

— באַרו־ק זיך, אַמיגאָ! — האָט אים כוליטאָ איינגענומען מיט זיין מילדן שמייכל — דו דאַרפסט נישט זאָגן, אויב דו ווילסט נישט. איך האָב קיין שלעכטס דאָך נישט געמיינט. אָט האָסטו פרי־ער געפרעגט ווער איך בין. וועל איך דאָס

דיר איצט אויסזאָגן אָן קיין שום מורא. מיין נאָמען איז, כוליטאָ. איך קום פון די פּאַטאַגאָניער בערג, וואָס שניידן זיך דאָרט ערגעץ אַריין אין די אַנדעס.

— פון יענע בערג?

— יאָ, פון יענע בערג!

— ביסט טאַקע אַן אמתער פּעאָן?

— אַן אמתער פּעאָן.

— איז ווי קומט דאָס, וואָס דו טראָגסט נייע קליידער? ווו האָסטו זיי גענומען?...

פון דעם האָט זיך כוליטאָ שטאַרק צעלאַכט:

— הפנים, אַז די גרויסשטאָטישע מענטשן זענען פול מיט פאַרדאַכטן אויף יעדן איינעם? אָבער? ס׳מאַכט נישט אויס. אדרבא! מיר גופא איז דאָס גאַר געפעלן. נאָר דערווײַלע קאָן איך דיר בלויז זאָגן, אַז די נייע קליידער האָב איך געקויפט דאָ אין שטאָט. כ׳האָב זיך געמוזט איבערטאָן, כדי די פּאָלי־ציי, צי די זשאַנדאַרמען זאָל מיך נישט דערקענען...

דער רעדנער האָט זיך צוריקגעזעצט אויף זיין פרי־ערדיקן אָרט און ווידער אָנגעהויבן ריידן צו כוליטאָן:

— דאָס איז זייער טשעקאַווע. נו? וועל איך דיר דערציילן, אַז מען רופט מיך ראַפאַעל. איך בין געבוירן געוואָרן אין באַהיאַ־בלאַנקאַ. פון פאַך — אַ פּעליוקערא. אַ פּאָר יאָר געאַרבעט אין בוענאָס איירעס, אין לאַ פּלאַטאַ, אין ענטרע־ריאָס. אָבער שוין באַלד עלף חדשים, אַז כ׳בין צוריקגעקומען און קאָן קיין שטעלע נישט געפינען.

— ביסט אַ פּעליוקעראָ? דו שערסט טאַקע און גאָלסט מענטשן?

— סי סעניאָר!

— און אַ היגער?

— סי.

— באַלד אַזוי — האָט כוליטאָ גלייך באַשלאָסן ביי זיך — דאַרף איך דיך האָבן... איך וועל דאָ אין שטאָט לאַנג נישט זיין. כ׳דאַרף צוריקפאָרן. נאָר דער־ווײַלע שטיי איך איין אין האָטעל „סאַן מאַרטין״. קום אַרויף צו מיר אין צימער. דאָרטן וועלן מיר קאָנען ריידן פרייער איידער דאָ.

— בוענאָ! — איז ראַפאַעל מסכים געווען — איך האָב אַלץ איינס נישט וואָס צו טאָן...

צוליב די אַרפּגעלאָזטע שטאָרן איז ביי כוליטאָן אין צימערל געווען האַלב־טונקל. דער סטעפּ־יונג האָט זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און נאָך אַ לענגערן שווייגן — אַראָפּגעשפּרונגען פון דאָרט און מיט אומרו אין די טרו־קענע טריט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען אויף און אָפּ און בעת־מעשה דערציילט זיין גאַנצע לעבנס־געשיכטע און אַפילו פון דעם אַלטן גאַוטשאָ מיט עמאַליטאַן און וועגן די אַנדערע חברה אין די בערג. אויך ווי ער איז געקומען צום דאָן

כּאַסע אַלוואַרעס אין דער האַסיענדאַ צו נעמען נקמה און נישט געהאַט פון וועמען.

ביים ריידן האָבן זיינע קאַרע אויגן געוואָרפן מיט פונקען פייער. ער האָט גערעדט מיט אימפּעט, מיט אָנגעלאָדענע רציחה. און ראַפּאַעל האָט אים אויסגעהערט מיט דער גרעסטער געשפּאַנטקייט. און כאָטש דעם רעדנער זענען די סאָרטן געשיכטעס פון פּעאָנען שוין געווען באַקאַנט פון לאַנג, האָט ער, אָבער, דאָס פון דער „ערשטער האַנט" נאָך קיין מאָל נישט געהערט. דעריבער, אַז כּוליטאָ האָט אויפגעהערט אַרומצושפּאַנען ווי אַ געפאַנגענער לייב אין אַ שטייג און די ווערטער האָבן זיך ביי אים אויסגעלאָזט, דער אָוונט איז דורך דער צייט צוגעפאַלן און אין צימערל איז געוואָרן פינצטער, איז ראַפּאַעל אויפגעשטאַנען פונעם בענקל, ווי ער איז די גאַנצע צייט געזעסן ווי אַן אַריינגעזונקענער און שטיל אַ זאָג געטאָן:

— דאָס אַלץ וואָס דו האָסט דערציילט איז נישט ניי. אָבער נעמען פּערזענלעכע נקמה איז קיין קונץ נישט. וואָס וואָלסטו דערמיט דערגרייכט? וואָס וואָלסטו אויפגעטאָן? בלויז אויף אַ ווײַלע וואָלסטו געשטילט דיינע ווילדע בלוטן און ווייטער גאַרנישט!...

כּוליטאָ האָט פאַררויכערט נאָך אַ ציגאַרל. די אָנגעצונדענע שוועבעלע האָט אויף אַ ווײַלע אויסגעצויגן אַזאַ דינעם און הויכן שאָטן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנטל, וואָס האָט מיט זיין קאָפּ אונטערגעשפּאַרט דעם ווייס-געפאַרבטן סופיט:

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן. איך קאָן דאָך נישט אָפּלעבן אַ לעבן בלויז פון עסן און טרינקען. און צי דען וואָלט אַזאַ סאָרט לעבן געשטילט דאָס, וואָס עס ברויזט די גאַנצע צייט ביי מיר אין האַרצן? ניין, אַמיגאָ! איך קאָן דאָס נישט טאָן! פון אַזאַ מין עקסיסטענץ וועל איך צעריסן ווערן אויף שטיקער... איך דאַרף זוכן אַן אויסוועג...

— קאָניאָ! — איז ראַפּאַעל געבליבן שטיין אַנטקעגן כּוליטאָן און מיט דער רעכטער האַנט אַ פּאַטש געגעבן זיך אין זיין שמאָלן שטערן — געוויס דאַרף מען זוכן אַן אויסוועג. דו זאָגסט דאָך, אַז ביי דיר אין לאַגער זענען פאַראַן אַ ביסל פּעאָנען מיט פערד און ביקסן, אַז איר באַפאַלט רייכע קאַראַוואַנען און צעטיילט דעם רויב צווישן דער אָרעמשאַפט. דאָס איז נאָבל און שיין... נאָר... נאָר נישט גענוג!...

— וואָס מיינסט מיט דעם „נישט גענוג"? — האָט כּוליטאָ אָנגעצונדן דאָס לעמפּל. אין צימערל איז ליכטיק געוואָרן און די פּלוצעמדיקע שטראַליקייט האָט אים אַ שניט געטאָן אין די אויגן — וואָס נאָך קאָנען פּעאָנען אויפטאָן?

— האָמברע! — האָט אים ראַפּאַעל נישט געלאָזט פאַרענדיקן דאָס, וואָס דער סטעפּ-יונג האָט נאָך געוואָלט זאָגן — מען דאַרף גוט טראַכטן וועגן דעם. אָבער דערווייל קאָן איך דיר זאָגן, אַז דו האָסט געדאַרפט צוציִען צו זיך נאָך אַ ביסל

פעאָנען מיט אָרעמע אַרבעטער און באַפאַלן נישט נאָר קאַראַוואַנען, נאָר האַסיענ־דאָס, שטעטלעך און אַפילו גאַנצע שטעט! און העלפן באַפרייען דעם אַרגענ־טינישן פאָלק פון פעאָדאַליזם. דאָס מיינט פון פּריצישער הערשאַפט.

— דו ביסט אַ גאַנצער חכם! — האָט זיך אין כוליטאָס קול דערהערט אַזאַ גאַליקייט, וואָס איז ביז איצט ביי אים געווען פרעמד — אויף צוצוציען באַך מענטשן דאַרף מען דאָך האָבן נאָך פערד, עסן, קליידונג און איבערהויפּט, באַך געווער. איז ווי אַזוי קאָן איך דאָס אַלץ קריגן, האַ? דיר איז גרינג צו ריידן...

— נאַרישקייטן! — האָט אים ראַפאַעל באַרויקט און אין זיינע קאַסאָקע אויגן האָבן זיך די שוואַרצאַפּלען אַזוי מאָדנע צוזאַמענגעטראָפן איינע מיט דער אַנדערער, אַז פון דעם האָט זיך דער פּנים זיינער פאַרקרימט און כוליטאָ האָט נישט געוווּסט, צי זיין נייער פריינט האָט איצט געוואָלט וויינען אָדער לאַכן — עסן און קליידונג וועט זיין גענוג. די האַסיענדאָס זענען אָנגעפּולט מיט אַלע סאָרטן תבואות. אין די שטעט און שטעטלעך זענען פאַראַן גרויסע מאַגאַזינען מיט קליידער. און וועגן געווער? מילא, וועגן דעם קאָן מען זיך אויך געבן אַן עצה... דאָ אין שטאָט איז פאַראַן אַ געשעפטסמאַן, וואָס האַנדלט מיט ביקסן. גראַד קאָן איך אים. ביי די פאַרשוינען מאַכט נישט אויס וועמען זיי פאַרקויפן געווער, אַבי — געלט!...

— דאָס איז פאַר מיר אַ נייעס — איז כוליטאָ נתפּעל געוואָרן פון ראַפאַ־עלס געניאַלן איינפאַל — איך האָב קיין מאָל אַזעלכענע נפשות נישט באַגעגנט. פון וואַנען קאָנסטו דאָס אים? אגב האָב איך דיר טאַקע געוואָלט פרעגן: אפשר ווילסטו זיין מיין „רעכטע האַנט?״ דו וואָלסט מיר געקאָנט לערנען אַ סך זאַכן... און דער „לאַגער״ דאַרף דאָך אַלץ איינס האָבן אַ פּעליוקערא. אָבער איידער איך וועל אַוועקפאָרן פון דאַנען, וואָלט איך וועלן, אַז דו זאָלסט מיר גוט באַקאָנען מיט דער שטאָט. איך וויל וויסן וויפל פאָליציי, זשאַנדאַרמען און מיליטער ס׳זענען דאָ פאַראַן. און איבערהויפּט אינטערעסירט מיך די באַנק, וואָס דו האָסט דערמאָנט...

שפּעטער האָט זיי ביידן אָנגעהויבן ציִען אונטער די „לעפעלעך״. און ראַפאַעל איז דערוויִיל געוואָרן אַזוי היימיש מיט כוליטאָן, אַז ער האָט אים פּשוט און פּראָסט געפרעגט, ווי אַן אַלטן, גוטן פריינט:

— דו האָסט נאָך געלט ביי זיך? יאָ? אויב אַזוי, איז קום אין קאַפע עסן. אויפן ליידיקן מאָגן קאָן מען גאָרנישט אויפטאָן... כאָטש איך האָב געהערט זאָגן, אַז „אַלע רעוואָלוציעס זענען גראַד געמאַכט געוואָרן צווישן די הונגעריקע פעלקער״...

אויפן וועג צו דער קאַפע, וואָס איז אין דער זעלביקער צייט אויך געווען אַ רעסטאָראַן, האָט ראַפאַעל געפרעגט זיין מיטגייער:

— אפשר וועל איך ביי דיר קאָנען איבערנעכטיקן די נאַכט? איך האָב

נישט קיין סענטאַוואָ ביי דער נשמה און ביי מיינע עלטערן איז נישטאָ ווו דעם קאָפּ אַוועקצולייגן...

— קאַמאַ נאָ? די בעט איז אַ ברייטע און מיר קאָנען שלאָפן צוזאַמען. אָבער, וועסט מיט מיר מיטפאָרן אין לאַגער?...

— סי, קאַן מוטשאָ גוסטאָ! איך האָב נישט וואָס אָנצווערן — האָט ראַ־פאַעל לאַנג נישט געטראַכט און גיך געענטפערט — ביי דיר וועל איך כאָטש האָבן וואָס צו עסן און טרינקען אַלע טאָג. נאָר ווי אַזוי קאָן איך פאָרן ווי איך גיי און שטיי? מען דאַרף דאָך האָבן אַ פערד. גראָד קאָן איך אַ ביסל רייטן. יאָ, און פּעאָנישע קליידער דאַרף מען דאָך אויך. איך קאָן דאָך נישט קומען צו דיינע מענטשן אין מיינע בגדים? זיי וועלן דאָך קוקן אויף מיר ווי אויף אַ ווילדן און אָפּלאַכן?...

כוליטאָ האָט אים אַזאַ פּאַטש געטאָן איבער דער ביינערדיקער פּלייצע, אַז ראַפאַעל האָט זיך פון וויטיק איינגעדרייט אין דרייען:

— אַ פערד מיט אַ זאָטל וועל איך דיר קויפן און די פּעאָנישע קליידער, וואָס איך טראָג איצט, וועסטו אָנטאָן. דאַרפסט בלויז אונטערשניידן די קאַלאַ־שעס פון די פּאַנטאַלאָנעס עס זאָל אויף דיר פּאַסן. ווייל אָנטקעגן מיר, קוקסטו דאָך אויס ווי אַ פּעטיסאָ!... נאָר אָן אַ שפּאַס, פאַרגעס נישט מיטצונעמען אַ פּאָר שערלעך מיט גאַלמעסערס. איך וועל דיר געבן געלט, אַז דו זאָלסט איינ־קויפן זייף אויף אָנצוזייפן די מאָרדעס ביי די מוטשאַטשאָס כדי דו זאָלסט זיי קאָנען גאָלן.

דאָס עסן האָט לאַנג נישט געדויערט. נאָך דעם זענען זיי אַריין אין פּאַרק און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק. אַ ווײַלע איז דאָ געהאַנגען אַזאַ סאַמעטענע שוואַרצקייט ווי אין דער פּאַמפּאַ. נאָר באַלד איז אָנגעקומען עפּעס אַ מענטש מיט אַ לאַנגן שטעקן אין די הענט. ער איז געגאַנגען פון פּאַנאַר צו פּאַנאַר און זיי אָנגעצונדן. די באַבלימטע אַלייען זענען פאַרגאָסן געוואָרן מיט העלע, שאַרפע ליכט־פּאַסן. אין פּאַרק איז געוואָרן אַזוי ליכטיק ווי אין דער ברייטער געשעפט־גאַס, כאָטש די קראָמען זענען דאָרטן שוין פון לאַנג געווען פאַרמאַכט.

די אילומינאַציע אין פּאַרק איז פאַר כוליטאָן געווען אַ גרויסע, וווּנדער־לעכע דערשיינונג. האָט ער אַ ווײַלע געקוקט אויף די פּאַנאַרן אַ פאַרגאַפטער און געפרעגט ראַפאַעלן:

— זאָג מיר, ווי אַזוי צינדט מען דאָס אָן די לאָמפּן, וואָס הענגען אויף די סלופּעס, אַז דער מענטש האָט צו די סלופּעס קיין לייטער נישט צוגע־שטעלט כדי צו דערלאַנגען זיי. ווי אַזוי טוט מען דאָס?...

ראַפאַעל האָט זיך פוילערהייט אויסגעצויגן אויפן באַנק און אַ לאַך געגעבן:

— ביסט דאָך טאַקע דער אמתער בוראַטשאָ. דו ווייסט גאָרנישט, אַז די לאָמפּן גיסט מען אָפּריער אָן מיט גאַזע. און פאַרנאַכט גייען אַרום עטלעכע

מענטשן איבערן שטאָט, מיט לאַנגע שטעקנס, אויף וועלכע ס׳ברענען קליי־ נינקע פייערלעך. די שפּיץ־שטעקנס מיט די פייערלעך רוקן זיי צו האַרט צו די קאָלפאַקעס, די קנייטלעך דאָרטן כאַפּן זיך אָן און לויכטן אויף. דאָס איז דער גאַנצער וואונדער!... ביסט טאַקע קיין מאָל נישט געווען ביי נאַכט אין אַ שטאָט?

— ניין. — האָט כוליטאַ געזאָגט דעם אמת. — דאָס איז דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן. דורך די עטלעכע טעג וואָס איך בין דאָ, האָב איך געזען אַזוי פיל וואונדערלעכע זאַכן, אַז איך וועל די מוטשאַטשאָס אין לאַגער האָבן וואָס צו דערציילן. נאָר איך ווייס אַפריער, אַז די ממזרים דאָרטן וועלן מיר, טאַקע פון העפלעכקייט וועגן, אויסהערן כלומרשט מיט אינטערעס, אָבער דערביי וועלן זייערע אויגן כיטרע שמייכלען, קוקן אויף מיר מיט אַ באַהאַלטענעם חוזק און אַפילו קיין איינציקן וואָרט נישט גלייבן.

ליגנדיק האָט ראַפאַעל פאַררויכערט, אַ צו שטאַרקן צי געגעבן און דער רויך איז אים אַריין אין האַלדז, אין די אויגן. האָט ער זיך אויף אַ ווײַלע צעהוסט און דערנאָך אין עפּעס אַ טאַשן־טיכל אויסגעשנייצט די נאָז:

— וואָס אַ שטייגער קאָנסטו זיי דאָרטן דערציילן, אַז דו אַליין האָסט נאָך גאָרנישט געזען?

— קאַראַכאָ! — האָט כוליטאַ אַ פריילעכער אויסגעשריען — וואָס הייסט? אין די עטלעכע טעג האָב איך נישט איין מאָל דורכגעשפּאַצירט די הויפּטגאַס, צענדליקער מאָל אַריינגעקוקט אין די גרויסע פענצטער פון די קראָמען און געזען אַזעלכע שיינע זאַכן, וואָס לאָזן זיך גאָרנישט אויסמאָלן מיט ווערטער. כ׳בין אַפילו געווען הינטערן בריק און דאָרטן באַטראַכט ווי עס לעבן די אָרעמע אַרבעטער אין קליינינקע, פאַרמאַכטע הייפלעך, אין אַזעלכענע צימער־ לעך, וואָס האָבן נישט קיין פענצטער. קיין שום ליכט דרינגט אַהין נישט אַריין. קיין מעבל איז ביי זיי נישטאָ. גאַנצע משפחות שלאָפן צוזאַמען אויף דער האַרטער ערד און עסן קאָכן זיי אין די הייפלעך, פונקט ווי די פעאָנען ביי די פּריצים אין די האַסיענדאַס...

אין מיטן דרינען האָט זיך פון אַ פינצטערן ווינקל אַרויסגעשלייכט דער סילועט פון אַ פרוי, וואָס איז אַלץ צוגעקומען נענטער און לעבן כוליטאָן מיט ראַפאַעלן איז שטיין געבליבן אַ מיידל פון אַרום זיבעצן, צי אַכצן יאָר אַלט און מיט מורא אין די גרויסע אויגן געפרעגט ביי די צוויי מענער:

— אפשר ווילט איר פאַרברענגען מיט מיר אַ פּאָר שעה?...

כוליטאָן האָט די פראַגע אַ שניט געטאָן אין האַרצן. האָט ער אַ ווײַלע באַטראַכט דאָס מיידל און איר צוגערופן צו זיך:

— צוליב וואָס טוסטו דאָס? דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ קינד? פון וואַנען ווייסטו שוין וועגן אַזעלכע זאַכן?...

פון זיינע האַרציקע רייד האָט ביי דעם מיידל די אונטערשטע ליפּ אַ ציטער געטאָן. אירע גרויסע אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן:

— דער טאַטע איז שוין איבער אַ יאָר פאַרשוווּנדן. די מאַמע איז מיט אַ חודש צוריק געשטאָרבן. איך האָב נאָך צוויי קליינע שוועסטערלעך מיט אַ ברודערל. זיי ליגן אויפן דיל צוגעדעקטע מיט שמאַטעס. און האָבן שוין אַ פּאָר טעג נישט געגעסן. פון פאַרצווייפלונג האָב איך באַשלאָסן אַרויסצוגיין אין די גאַסן. אפשר וועל איך פאַרדינען אַ פּאָר סענטאַוואָס אויף ברויט פאַר די קינדער כאָטש...

דעם מיידלס רייד האָט דעם סטעפּ־יונג אַזוי פאַרדריקט ביים האַרצן, אַז ער האָט זיך שיעור נישט צעוויינט. האָט ער פון אַ גרויסן פּאַקעט מיט געלט אַרויסגענומען דריי פּאַפּירענע אַסיגנאַציעס און דאָס אַריינגעשטעקט דעם „קינד“ אין האַנט אַריין:

— נאַ, גיין אַהיים און קויף איין וואָס דו דאַרפסט האָבן פאַר דיינע שוועס־טערלעך מיט דיין ברודערל און דריי זיך מער נישט אַרום אין פּאַרק אַליין...

אַז דאָס מיידל איז פאַרשוווּנדן פון די אויגן, האָט זיך ראַפאַעל פּלוצעם צעלאַכט אַזוי הויך, אַז דער געלעכטער איז איבערגעגאַנגען אין אַ הוסטן. אַ לאַנגע צייט האָט דער קאַסאָקער פּריזירער און „רעדנער“ נישט געקאָנט קומען צו זיך פון דער סצענע, וואָס דאָס מיידל האָט דאָ ערשט אָפּגעשפּילט. נאָר דערנאָך האָט ער מיט זיין דאַרן, נאָר שטאַרקן פויסט אַ זעץ געטאָן כוליטאָן אויף דער פּלייצע:

— סאַנסאָ! די מעשה, וואָס זי האָט דיר פאַרקויפט האָט שוין אַ גרויסע באָרד! דאָס „אומשולדיק“ קינד, איז דאָך פון דער נאַטור אַ פּוטאַ!... ווען זי כאַפּט נאָר אַזאַ העכט ווי דו ביסט דערציילט זי די זעלבע מעשה. אויף דעם איז זי אַ מייסטערין!... זי דערציילט דאָס אַלע מאָל אַזוי גלאַט, אַז פיל יאָלדן, וואָס קאָנען איר נישט, האָבן אויף איר פשוט רחמנות און גיבן געלט אומזיסט און אומנישט!...

פון דעם האָט זיך איצט כוליטאָ דערפילט ווי אַן אָפּגעשמיסענער יינגל. ער איז ביי זיך אַליין אין די אויגן געוואָרן אַזוי קליין ווי אַ קינד. אָבער, פאַר ראַפאַעלן האָט אים נישט געפּאַסט אַרויסצווייזן זיין אומבאַהאָלפנקייט, האָט ער אַ זאָג געטאָן גלאַט אַזוי זיך, ס׳הייסט אין דער וועלט אַריין:

— ראַפאַעל, קום! לאָמיר אַריינגיין ערגעץ און טרינקען אַ ביסל וויין. עס טריקנט אין האַלדז פונעם עסן...

ווען זיי זענען אַרויס פון טראַקטיר איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די הויפּטגאַס איז געלעגן אַ פּוסטע, אַ פאַרוואָרלאָזטע. די שויפענצטער פון ביידע זייטן וועגן האָבן מיט גלאַזיקער חשכות געקוקט איינע אויף די אַנדערע מיט ביינאַכטיקן אומעט. כוליטאָ מיט ראַפאַעלן זענען געגאַנגען האַלב בגלופּנ־דיקע און געוואַקלט זיך אין טראָט. זיי האָבן קוים דערצויגן צום געסל ווו ס׳איז געשטאַנען דער האָטעלעכל. דער בראָנפן, וואָס ראַפאַעל האָט איינגערעדט כוליטאָן צו טרינקען, האָט אויף אים געהאַט אַזאַ באַרוישנדיקעווירקונג, אַז

ביים אַרויפגיין דעם איין שטאָק, ביז צו זיין צימערל, האָבן זיך אים געבראָכן די קני. נאָך אַ נס, וואָס גראָד דער קאַסאָקער, קליינער און דאַרער ראַפאַעל איז נישט געווען אַזוי באַטרונקען. האָט ער דעם הויכן און געזונטן סטעפּ־יונג אונטערגעהאַלטן, אַריינגעטראַסקעט אין בעט, ווו ביידע זענען מאָמענטאַל אַנט־שלאָפן געוואָרן.

אויף מאָרגן זענען זיי אויפגעשטאַנען שפּעט. דער טאָג האָט שוין פון לאַנג אַריינגעקוקט אינעם צעעפנטן פענצטער און אָפּגעפאַרבט די געלע ווענטלעך מיט דער פּאָדלאָגע פון צימערל אויף גאָלד. כוליטאָ האָט אָנגעגאָסן אַ פולע שיסל מיט קאַלטן וואַסער און אַריינגעבויגן אַהין זיין שוואַרצע פּאַטלע. אין דער רגע האָט דאָס וואַסער אַ פלייץ געגעבן איבער די ברעגן, איבערן קאָ־מאָדל. פון דאָרט איז די פליסיקייט אַראָפּ אויפן דיל און דער סטעפּ־יונג האָט דערפילט, ווי די קילקייט פונעם וואַסער האָט דורכגענומען זיין גאַנצן קערפּער. פונדעסטוועגן איז ער געווען אומצופרידן מיט זיך אַליין הלמאי ער האָט נעכטן ביי נאַכט געטרונקען בראָנפן אָנשטאָט וויין. מיטן האַנטעך האָט ער אָפּגעווישט זיך ס׳פּנים, אויסגעריבן די שוואַרצע קודלע און מיט שטרענג־קייט אין קול באַפוילן דעם נאָך שלאָפנדיקן ראַפאַעלן:

— וואַמאָס, האָמברע! שטיי אויף! וואַש זיך אַרום און קום עסן!... מיר האָבן היינט אַ סך זאַכן צו דערליידיקן...

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ראַפאַעל האָט נאָך געהאַט דעם ביינאַכטיקן שלאָף אין די קאַסאָקע אויגן, פונדעסטוועגן האָט ער אַ געהאָרכזאַמער געפּאָלגט. ער איז אַראָפּ פון בעט. מיט אַ קעמעלע פאַרקעמט די שיטערע האָר, אַ קוק געגעבן אין אַ שפּיגעלע אויף דער וואַנט און דערזען: ביי זיך אויף דער לינקער באַק האָט זיך אָפּגעשטעמפּלט דער קרומער נאָט פונעם ציכל אויף דעם קי־שעלע, אויף וועלכן ער איז געשלאָפן, און זיין גאַנצע פיזיאָנאָמיע האָט אָנגע־נומען אַן אומצופרידענעם און קרענקלעכן אויסזען:

— אַזאַ פאַרדריפּעטער האָטעל! אַפילו קיין לייטישע קישן גיט מען דאָ נישט!...

נאָכן עסן פרישטיק האָט ראַפאַעל אַוועקגעפירט כוליטאָן אין מאַרק, וואָס האָט זיך געפונען הינטערן שטאָט כמעט. דאָ זענען געשטאַנען אַ סך קליינע טישלעך מיט געבעקס, מילך, קעזן, פרוכטן. מיט ברעזענטן איבער זיך, זענען אויף עטלעכע טישלעך געלעגן שטיקער שניט־סחורות. אויף אַנדערע — פאַר־טיקע פּאַנטאַלאָנעס. די פאַרקויפעריגס, אָממיינסטן פרויען, האָבן געשריען, גערופן קונים צו זייערע געשעפטלעך. טונקל־הויטיקע אינדיאַנער האָבן אַרומגע־טראָגן געבלימטע קאָלדרעס און פּאָנטשאָס, רימענע פּאַסן באַשלאָגענע מיט פאַרשידענע צאַצקעס. זיי האָבן נישט געשריען. שווייגעוודיקע האָבן זיי בלויז אַריינגעקוקט יעדן פאַרבייגייענדיקן מענטשן אין פּנים. עטלעכע פון זיי האָבן

ביי זיך אויף די קעפּ אַרויפגעזעצט צו פּערציק אָדער פופציק סאָמבּרעראָס און שטילערהייט געבעטן זיך ביים מאַרקישן עולם:

— סאָמבּרעראָס! באַראַטאָ!

אין דער זייט, צוגעבונדענע צו אַ לאַנגן שטאַנג, וואָס האָט פאַרנומען כמעט אַ האַלבן מאַרק, זענען געשטאַנען פאַרשידענע מינים פערד און פון פוילקייט וועגן קוים געשמיסן מיט די עקן אַזוי פאַמעלעך, אַז זיי האָבן זיך אַפילו געפוילט אָוועקצוטרייבן די בייזע פליגן ביי זיך פון די ביינערדיקע שפּינעס. דאָס זענען געווען סוסים פון אַלערלייענדיקן קאָליר און אויסזען: קאַשטאַנאַוואַטע, ראָבע, סיווע, שוואַרצע, ברוינע, רויטע, ווייסע און געפּלעקטע. צום מערסטן טייל זענען זייערע פעלן שוין געווען — מאַטאָווע. אָן קיין שום גלאַנץ אויף זיך און עדות געזאָגט, אַז קיין מענטשלעכע האַנט האָט זיי קיין מאָל נישט געבאַרשט און נישט געבאָדן. אייניקע פון זיי האָבן פון אַלטקייט און שלאַבערדיקייט — אַרונטערגעלאָזט די אונטערשטע יוכטאָווע ליפּן. אויף זייערע פליישיקע יאַסלעס זענען פליגן אַרומגעגאַנגען פראַנק און פריי, געזויגן פון דאָרטן די בלוט און די פערדישע גראָבע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי שוואַרצע שטיקער רימען, האָבן אַפילו נישט אַ צוק געגעבן.

אַהער זענען ביידע מענער צוגעקומען און אָנגעהויבן באַטראַכטן וועלכער פון די פערד וועט זיין בעסער צום רייטן אויף אים לאַנגע שטרעקעס. ראַפאַעל איז געווען אַ קנאַפּער מבין. האָט ער אויסגעקליבן אַ הויכן סוס, מיט גראָבע, געזונטע פיס, וועלכער איז געווען מער צוגעפּאַסט צו אַרבעטן אין פעלד, שלעפּן אַ שווערן וואָגן, אָבער נישט צו לויפן אין גאַלאָפּ:

— כוליטאָ — האָט ער זיך געווענדט צום סטעפּ־יונג און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויפן געזונטן פערד — דער קאַבאַזשאָ איז מיר געפעלן. ער קוקט אויס צו זיין זייער אַ יונגער און אַ שטאַרקער לויפער!

כוליטאָ האָט בלויז איין בליק געגעבן אויף דעם פערדס געשטעל און אַ לאַך געטאָן:

— בורראָ! מיט דיינע קורצע פיסלעך וועסטו דאָך קיין מאָל נישט קאָנען אַרויפגיין אויף אים און מיט דיין דאַרן הינטן וועסטו אויף זיין שאַרפער שפּינע נישט קאָנען איינזיצן און לויפן וועט ער מיט דיר אַזוי גיך, אַז אַפילו אַ פאַר־שלאָפענע הון וועט דיר אָניאָגן. דאָס איז דאָך גאָר אַן אַרבעטס־פערד! קום ווייטער!...

זיי זענען דורכגעגאַנגען די גאַנצע ריי סוסים און קיין לייטישן פערד פאַר די אויגן נישט געזען. מיט אַ מאָל האָט כוליטאָ באַמערקט, אַ ביסל אָפּגערוקט אָן אַ זייט, איז געשטאַנען אַ קורצער, ראָבער פערדל מיט דינע, קנאָכיקע פיס, שמאָלע קלאָען, קליינע, וואַכע אויערן און אַ גלאַטער, גלאַנציקער פעל, וואָס האָט דערציילט, אַז דער סוס איז אַ גוטער לויפער. דער סטעפּ־יונג איז צוגע־קומען נאָענט, אים אַ דריק געגעבן אַ ריפּ, אויפגעהויבן איין פוס, די צווייטע,

געעפּנט דעם מויל, באַטראַכט דאָרטן די ציינער און דערנאָך אויפגעהויבן דעם עק. דערווייל איז אָנגעקומען דער פערד־הענדלער, אַ מענטש מיט אַן אָנגע־כמורעט פּנים און בולאַוון נאָז. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ געפלאָכטענע, רימענע בייטש. אַ ווײַלע האָט ער דאָס קורצע הענטל פון דעם בייטש אַרומגעקלעמט מיט זיינע פליישיקע פינגער און נאָך דעם געפרעגט די צוויי קונים:

— נו, וואָס? איר ווילט אַ קאַבאַזשיטאַ? דאָס איז דער בעסטער פערד אין גאַנץ אַרגענטינע! ער איז שוין איין מאָל אַ גייער! איר וועט נאָך אַזאַ איינעם קיין מאָל נישט קריגן און וואָס איז דער וווּנדער? אַז ערשטנס איז ער אין גאַנצן דריי יאָר אַלט און צווייטנס: ער איז געהאָדעוועט געוואָרן צו זיין אַזאַ רייס־פערד, וואָס קאָן לויפן אַ קילאָמעטער אַ מינוט! הלוואי וואָלט איך כאָטש געהאַט נאָך איינעם אַזאַ!...

ווי אַ גענייטער פערד־קויפער האָט כוליטאַ אַ געלאַסענער אויסגעהערט די אַלע לויב־רייד פונעם פערד־הענדלער און צום סוף מיט אָפּלאַכערײַ אין קול געענטפערט:

— דו זאָגסט, אַז ער איז אַלט נישט מער ווי דריי יאָר? וואָס מיינסטו, אַז איך בין דיר עפּעס אַ גרינגאָ? קום נאָר אַהער! — האָט ער יענעם צוגערופן צום פערדס הינטן און פאַרהויבן דעם לאַנגן און געדיכטן עק אין דער הויך — אָט דאָס איז ביי דיר אַ פערד? דאָס איז דאָך גאָר אַ שקאַפּע!

דערנאָך האָט ער דעם הענדלער אָנגענומען ביים אַרבל פון דער גראָבער, לייוונטענער העמד, אים צוגעשלעפּט כמעט צום פערדס פּנים, געעפּנט דעם סוס מויל און כלומרשט אַ צעקאָכטער אַ געשריי געגעבן: —

— די שקאַפּע דיינע איז נישט קיין דריי, נאָר אַכט יאָר אַלט! דו ביסט אַ גאַנצער חכם! דו האָסט ביי איר אַרומגעפיילט די ציינער, אַז אַ יאָלד זאָל נישט דערקענען אירע אמתע יאָרן!.

דער אמתער אמת איז געווען, אַז קיין צו גרויסער חכם האָט דער פערד־הענדלער נישט אויסגעקוקט צו זיין, כאָטש ער האָט פּרוּ׳ער מיט אַ מינוט געהאַט אַרויסגעשאָסן אַ גאַנצן שפּול מיט לויב־געזאַנגען. ווייל די גאַנצע צייט, וואָס כוליטאַ האָט זיך געקאָכט, האָט ער געשוויגן מיט אַ נאַרישן שווייגן און ווען ער האָט באַמערקט, אַז די צוויי יונגע קויפערס טרעטן נישט אָפּ און באַטראַכטן נאָך אַלץ דאָס פערדל פון אַלע זייטן אַ ביסל צו לאַנג, האָט ער זיך מיט האַרץ־קלאַפּעניש געווענדט צו כוליטאָן אַליין:

— דו ווילסט אים טאַקע קויפן? — איז ביי אים די קליאַטשע נאָך אַלץ געווען צן „ער״ און נישט קיין „זי״.

— אַז דו וועסט זי אַוועקגעבן ביליק וועל איך זען — האָט כוליטאַ גע־ענטפערט אַ געלאַסענער.

— וויפל געלט האָסטו?

פון דער אידיאַטישער פראַגע איז דער סטעפּ־יונג געוואָרן אַן אַנגעצונ־דענער:

— וואָס איז דאָס דיין הינטישע דאגה? איך פרעג דיר עפּעס אַ סך וויפל געלט דו האָסט?

— וואָס בייזערסטו זיך? — האָט דער פערד־הענדלער איצט אַ קנאַק געטאָן מיט דער בייטש דער קליאַטשע איבער די דעכוועגעס, אַז זי זאָל נישט איינשטיין אויף אַן אָרט ווי אַ ליימענער גולם, נישט אַרונטערלאָזן די אונטער־שטע ליפּ און ווייזן דעם קונה, אַז זי קען הייבן די פיס — אַט, איך זע דאָך, אַז דו ביסט אַ פּעאָן. איז פון וואַנען זאָל אַ פּעאָן גאָר האָבן געלט?...

— נישט דיין טאַטנס עסק! — האָט אים כוליטאַ שאַרף געענטפערט, און ראַפאַעל האָט זיך געוואונדערט, וואָס זיין נייער פריינט טויג זיך אַזוי גוט אויס אויפן מאַרק צו דינגען זיך מיט אַ פערד־הענדלער — דו זאָג מיר בלויז: וויפל דו ווילסט פאַר איר און דאָס איבעריקע איז מיין זאַך...

— פערציק פּעזעס...

— וואָס?! — האָט כוליטאַ אַזאַ געשריי געטאָן, אַז אַלע אין מאַרק האָבן אויסגעדרייט די קעפּ צו דער שקאַפּע און געוואָלט זען וואָס מען שרייט דאָס דאָרטן — פערציק פּעזעס? דו ביסט אַ לאָקאָ, צי וואָס?... פאַר דער דאָזיקער פּאַדלע וועל איך דיר געבן פערציק פּעזעס?!... אויב דו ווילסט רעדן ווי אַ מענטש און זאָגן אַן אמתע פּרייז איז גוט און אויב נישט, וועלן מיר גיין און געפינען אַ בעסערן פערד און פאַר נאָך ווינציקער ווי האַלב פון דעם געלט, וואָס דו פאַרלאַנגסט...

דער פערד־הענדלער האָט אַ פּנים כוליטאַס „סטראַשונאַק" אָנגענומען פאַר גוט־געלט און אַזוי ווי ער האָט נאָך היינט מסתמא קיין „פּאַטשאַטעק" נישט געהאַט, האָט ער פּשוט מורא געהאַט אַוועקצולאָזן די יונגע קונים. דע־ריבער האָט ער גלייך אַראָפּגעלאָזט אַ גאַנצן פינפערל:

— מילא, זאָל זיין פינף און דרייסיק. ער קאָסט מיך אַליין טייערער...

כוליטאַ איז נאָך אַ מאָל צוגעגאַנגען צו דער ראַבער קליאַטשע, איר אַ ווילע באַטראַכט פון אַלע זייטן און געענטפערט:

— איך וועל דיר געבן צוואַנציק פּעזאָס און מער קיין סענטאַוואָ נישט!

קוים דערהערט אַ מקח, איז דער פערד־הענדלער געוואָרן ביי זיך אַ ביסעלע האָפּערדיקער. אָבער דאָס האַרץ האָט אים נאָך פאַרט געציטערט:

— זאָל זיין דרייסיק!

— מער גיב איך נישט ווי צוואַנציק! — איז כוליטאַ געוועזן איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל.

דאָס דינגען זיך וואָלט אפשר אָנגעהאַלטן אַ גאַנצן טאָג, ווייל כוליטאָן איז דאָס נישט אַזוי געגאַנגען אינעם געלט גופא, ווי אין דעם פּרימיטיוון שפּיל פון דינגען זיך. נאָר מיט אַ מאָל האָבן זיך אויפן מאַרק באַוויזן עטלעכע פאַר־

ביירייטנדיקע קאַוואַלעריסטן, מיט פּאַרוואָרפענע קורצע ביקסן אויף די פּליי־צעס און שווערדן ביי די זייטן, האָט דער סטעפּ־יונג אויף גיך אַראָפּגע־רוקט דעם סאָמבררעראָ איבער די אויגן, אַ צי געגעבן ראַפּאַעלן ביים אַרבל און אין גאַנצן געוואָלט אַנטרונען ווערן פון מאַרק. ערשט דער פערד־הענדלער איז צוגעלאָפן און מיט אַ פאַרהאַקטן אָטעם קוים אַרויסגערעדט:

— בוענאָ! זאָל מיינס איבערגיין. גיב אַהער דאָס געלט.

כוליטאָ האָט אים אָפּגעציילט פיר פינפערלעך און געפרעגט:

— אפשר ווייסטו ווו איך קאָן איינהאַנדלען אַ זאָטל, וואָס זאָל זיין נישט טייער. ער מעג אַפילו זיין אַ געניצטער. ס׳מאַכט נישט אויס.

דער פערד־הענדלער האָט נאָך אַ מאָל איבערגעציילט דאָס געלט און אַריינגעלייגט אין דער טיפער קעשענע פון די ברייטע פּאַנטאַלאָנעס:

— איך האָב גראָד אַ גוטן זאָטל צום פאַרקויפן. וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע וועל איך אים גלייך ברענגען.

פון אַ נידעריקן, אינדערזייטיקן געוועלבל האָט ער אַרויסגעבראַכט אַ ברוי־נעם, רימענעם זאָטל מיט צוויי פאַרבויגענע „בעזער״ פון פאָרנט און פון הינטן און דערצו נאָך — מיט שטאַרקע סטרעמעניעס. ער האָט דעם זאָטל גלייך אַרויפ־געזעצט אויף דער קליאַטשע, אַרומגעכאַפּט די פּאַסן פון אונטערן בויך, זיי פאַרשטשעמעוועט אין די ציינער פון די ספּראָנדזשקעס און דערנאָך אויסגע־שטרעקט זיין אָפענע האַנט צו כוליטאָן:

— גיב אַהער נאָך פינף פּעזאָס!...

דער סטעפּ־יונג האָט דאָס אים געגעבן מיט פאַרגעניגן. אָנגענומען די לייצעס פון ציימל און צוזאַמען מיט ראַפּאַעלן — אוועקגעפירט די קליאַטשע אינעם פאַרדינג־שטאַל, דאָרט, ווו זיין אָגער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען. ווען דער אָגער האָט דערזען דעם סטעפּ־יונג און דערצו נאָך מיט אַ קליאַטשע, האָט זיך דער זשערעבעץ צעהירזשעט מעשה אמתער „קאַוואַליער״ און מיט אַלע כוחות געריסן זיך צו איר. כוליטאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז דער אָגער האָט זיך איצט נישט אַזוי געפרייט מיט אים, ווי מיט דער שקאַפע, האָט ער זי צוגעבונדן אַ ביסל ווייטער פון דעם אָגערס אָפּצאַם. דערנאָך צוגעגאַנגען און געגלעט אים איבער דעם לאַנגן אויסגעצויגענעם האַלדז:

— נו, באַרויִק זיך, מוטשאַטשאָ! וועסט דיינס נישט אָנווערן!...

ס׳איז שוין געווען נאָך האַלבן טאָג, ווען ראַפּאַעל האָט כוליטאָן צוגעפירט צו אַן עטאַזשנעם מויער אין מיטן דער געשעפט־גאַס. אין דער הויך, אויפן פאָרנט פונעם מויער איז געהאַנגען אַ גרויסע, שוואַרצע שילד, מיט באַגיל־דעטע אותיות, וואָס האָבן זיך געלייענט:

„באַנקאָ נאַסיאָנאַל״ און דער קאַסאָקער האָט דעם סטעפּ־יונג אַריינגע־רוימט אין אַן אויער:

— דאָס איז אַ באַנק. דאָ האַלטן דאָס די רייכע באַהאַלטן זייער געלט...

דורך אַ פענצטער האָט זיך כוליטאַ איינגעקוקט אינעווייניק. דאָרטן זענען געווען אַ סך שיין־אָנגעטאָנענע הערן, וועלכע זענען געשטאַנען אין דריי לאַנגע רייען און דורך דריי קליינע פענצטערלעך, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם פּאָליטורטן אָפּצאָם, האָט עמעצער פון הינטערן אָפּצאָם — דערלאַנגט הויפנס און אַפילו גאַנצע פּעקלעך מיט געלט, וואָס די הערן האָבן אַריינגערוקט צו זיך אין די בוזעם־קעשענעס פון זייערע שיין אויפגעניטע אויבער־רעקלעך.

אַז כוליטאַן איז דערעסן געוואָרן דאָס אַריינקוקן, האָט ער זיך אָפּגערוקט פון פענצטער און געלאָזט זיך גיין מיט פּאַמעלעכע טריט, און ס'איז דערפון געווען צו מערקן, אַז איצט האָט ער פון עפּעס געטראַכט:

— הער זיך איין, ראַפאַעל! וויז מיר אַלע גאַסן און הינטערגעסלעך אַרום דער באַנק. איך וויל וויסן וווהין זיי פירן און די געניוע צאָל סאָלדאַטן, צי פּאָליציי, וואָס געפינען זיך דאָ אין באַהיאַ־בלאַנקאַ. זאָלסט דאָס מיר היינט אויסגעפינען...

— צוליב וואָס דאַרפסטו דאָס אַזוי בויטיק וויסן? — האָט זיך ראַפאַעל געמאַכט געפגרט — אָבער דאָס איז אייגנטלעך נישט מיין דאגה... און וועגן אויסגעפינען איז נישטאָ וואָס. איך האָב דאָך דיר שוין געזאָגט, אַז כ'בין געבוירן געוואָרן דאָ אין שטאָט. ווייס איך אַקוראַט, אַז עס זענען פאַראַן אַרום זעכציק פּאָליציסטן און צען־צוועלף זשאַנדאַרמען. זייער קוואַרטיר געפינט זיך אויף דער קאַזשע לאַס־פּאַלמאַס, זעקס קוואַרטאַלן פון דאַנען. אָבער דערפאַר האַלטן זיך דאָ אויף אַ פּאָר הונדערט סאָלדאַטן מיט אָפיצירן. געווייינטלעך ווינען זיי אין די גרויסע קאַזאַרמעס הינטער דער שטאָט צו־זאַמען מיט אַ הייפעלע קאַוואַלעריסטן, וואָס קומען זעלטן אין שטאָט.

אַ לאַנגע צייט האָבן נאָך ביידע פריינט אַרומגעוואַנדערט פון איין גאַס אין דער אַנדערער, פון איין געסל אינעם צווייטן. ביז זיי האָבן זיך דערשלאָגן צום ברייטן בולוואַר, וואָס האָט אַרויסגעפירט פון באַהיאַ־בלאַנקאַ אין די דערבייאיקע פעלדער און פון דאָרטן אין די ברייטע און ווייטע סטעפּעס.

דעם דאָזיקן בולוואַר האָט דער סטעפּ־יונג אַריינגענומען אין קאָפּ און אַפילו איבערגעציילט וויפל גאַסן און געסלעך ער האָט איבערגעשניטן.

— דאָס איז הפנים די איינציקע גאַס וואָס פירט אַרויס פון שטאָט?

— ניין, אַמיגאָ! — האָט ראַפאַעל כיטרע געענטפערט — אויף דער אַנ־דערער זייט בריק פירן אַלע געסלעך אַרויס צו די פעלדער... אָבער איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט זיך אַפריער גוט באַקענען מיט דעם בולוואַר... ס'וועט דיר צונוץ קומען...

אַז זיי האָבן זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אויסקוקן די שטאָט און די פּיס האָבן זיי אָנגעהויבן ברעכן פון מידקייט, איז שוין דער אָוונט צוגעפאַלן. אין די געסלעך הינטער דער בריק, זענען קיינע פאַנאַרן נישט געווען. אָבער ווען ביידע פריינט האָבן דערגרייכט די רייכערע קוואַרטאַלן, ווו די אָנגעשטעלטע

אייגנטימער און די באַאַמטע פון די פאַרשידענע אינסטיטוציעס אין שטאָט האָבן געוווינט, זענען די פּאַנאַרן אויף די הויכע סלופּעס געווען אָנגעצונדענע.

הונגעריקע און דערשעפּטע זענען כוליטאַ מיט ראַפאַעלן אַריין אין דעם זעלביקן רעסטאָראַן וואָס נעכטן און באַשטעלט וועטשערע. שפּעטער, אַז זיי זענען זאַט געוואָרן, זענען זיי נאָך אַ לאַנגע צייט געזעסן ביים טישל, געררוי־כערט, געשוויגן און כאָטש איינער האָט געוווסט וואָס ביים אַנדערן טוט זיך אין די געדאַנקען, דאָך האָבן זיי גאָרנישט דערמאָנט וועגן דעם און פּונקט אַזעלכע שווייגנדיקע דערנאָך אַוועק אין האָטעלעכל. דאָרט האָבן זיי צום ערשטן מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די מלבושים, אַריינגעקראָכן אין דעם ברייטן אייזערנעם בעט און געוואָלט וואָס גיכער אַנטשלאָפן ווערן. נאָר דער שלאָף האָט זיך צו די אויגן נישט געקלעפּט. זענען זיי געלעגן מיט די פּנימער אויף אַרויף און מיט די אויסגעוואַשענע קוקערס אַזוי לאַנג געגלאָצט אין דער פינצטער, ביז די מידקייט פון אַ גאַנצן טאָג אַרומוואַנדערן האָט זיי פאַרט פאַרוויגט.

אויף מאָרגן האָט ראַפאַעל אָפּגעגאָלט כוליטאָס מאָרדע. דער סטעפּ־יונג האָט זיך אָנגעטאָן אין זיינע שיינע בגדים, אין וועלכע ער איז לכתחילה גע־קומען אַהער פון די בערג, און דער קאָסאַקער פּריזירער האָט זיך נישט גע־קאָנט אָפּוווּנדערן, ווי דער זעלבער פּעאָן האָט גאָר איצט אויסגעזען ווי אַן אמתער סעניאָר.

— וואָס האָסטו זיך עפּעס היינט אַזוי אויסגעפּוצט? האָסט אַ באַשטעלונג מיט אַ שיינער סעניאָריטאַ אַוודאי!...

צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן האָט איצט כוליטאַ אַריינגעקוקט אין אַ שפּיגעלע. מיט וואָסער באַנעצט זיך די שוואַרצע קוטשמע האָר, מיט ראַפאַ־עלס אַ קעמעלע זיי פאַרקעמט מיט אַ גלייכן שרונט אויף דער לינקער זייט קאָפּ און געענטפערט:

— ערשטנס וויל איך, אַז דו זאָלסט מיך היינט באַקענען מיט דעם גע־וועהר־הענדלער. איך דאַרף מיט אים עפּעס רעדן... און צווייטנס מוז מען היינט אַרויספאָרן אין סטעפּ. פאַר דעם צוועק דאַרף מען איינקויפן פּראָוויאַנט, אַז ס'זאָל זיין גענוג פאַר אונדז ביידע אויף פיר טעג. מען דאַרף איינהאַנדלען אין ערגעץ גרויסע, הילצערנע פליאַשקעס צו האַלטן אין זיי קאַלט וואַסער. די אַלע זאַכן פאַרלאָז איך זיך אין גאַנצן אויף דיר. אַזוי ווי דו ביסט דאָך אַ היגער, זאָלסטו דאָס אַלץ צושטעלן.

— הייסט עס, אַז מיר פאָרן טאַקע? — האָט ראַפאַעל געפרעגט און אים איז באַפאַלן אַ מאָדנער נאָגנדיקער געפיל, אַז אפשר מאַכט ער אין גאַנצן אַ טעות און אנשטאָט צו פאַרגרינגערן זיך אַ ביסל דאָס לעבן, פאַרט ער גאָר אויף אַ זיכערן טויט?...

— וואָס איז, ראַפּאַעל? האָסט חרטה, צי דו האָסט מורא צו פאָרן? זאָג! שעם זיך נישט פאַר מיר. גלויב מיר, אַז איך וועל אויף דיר נישט זיין אין כעס און וועל דיך נישט צווינגען. ווייל דו דאַרפסט וויסן זיין, אַז דאָרטן, וווהין מיר פאָרן, קאָן מען זיך נישט קווענקלען. ס'איז דאָרט נישטאָ קיין אָרט פאַר צווייפלער און פּחדנים...

ראַפּאַעל האָט זיך געכאַפּט, אַז אָט דער פּרימיטיווער פּעאָן, וואָס האָט אַפילו נישט געקאָנט לייענען און שרייבן, נישט געוווּסט ווי צו באַנעמען זיך אין אַ רעסטאָראַן ווי אַ ציוויליזירטער מענטש, האָט איצט פּשוט ווי אַרויסגעלייענט זיינע געדאַנקען פון קאָפּ. דערפון האָט זיך דער קאַסאָקער אי פאַרשעמט, אי דערשראָקן.

— ווער האָט חרטה?... ווער האָט דאָס מורא צו פאָרן אַהין?... איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז ביי דיר וועל איך כאָטש האָבן אַלע טאָג וואָס צו עסן און טרינקען...

כוליטאָ האָט געהאַט אַ שאַרפן געהער, האָט ער אין ראַפּאַעלס רייד זייער גרינג אויפגעכאַפּט די אָפּגעהאַקטקייט צווישן יענעמס רייד און זיי גוט פאַרשטאַנען דאָך האָט ער זיך נישט געמאַכט וויסנדיק. פון אַ גרויסן פּאַק מיט אַסיגנאַציעס אַרויסגענומען דרייסיק פּעזעס און דאָס דערלאַנגט דעם פּריזירער אין האַנט:

— דענקסט, אַז דאָס וועט זיין גענוג אויף איינקויפן די אַלע זאַכן צו דער רייזע?

ראַפּאַעל האָט ביי זיך צווישן די ראָזעווע פינגער פון דער העלער האַנט געדרייט די דריי צענערלעך אין אַלע זייטן. מיט די קאַסאָקע אויגן גוט איינגעקוקט אין די פּאַפּירלעך און הפּנים געוואָלט דערקונדיקן זיך, צי דאָס געלט איז טאַקע נישט קיין פאַלשס:

— כ'ווייס נישט... אפשר וועט זיין גענוג... אָבער איך האָב געוואָלט קויפן פאַר זיך אַ פּאָר סאַפּאַטאָס מיט אַ קינזשאַל און אַ פּאָנטשאָ. ווייל וואָס פאַר אַ פּנים וועל איך האָבן אין לאַגער אָן דעם?... די חברה וועט דאָך אָפּלאַכן פון מיר. און מיינע שיך זענען אַזעלכע צעריסענע, אַז מען דאַרף זיי אַרויסוואַרפן פאַר די הינט...

דער סטעפּ־יונג האָט פאַרשטאַנען ראַפּאַעלס אָנווונק און אים געגעבן נאָך צען פּעזעס:

— נאַ דיר נאָך אַ צענערל. גיי אַליין און קויף איין אַלץ, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט. ברענג דאָס אַהער און טאָמער וועט דאָס דיר זיין שווער, זאָלסטו עמעצן נעמען צו העלפן טראָגן. זאָלסט דערווייל אַריינגיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס עסן. איך וועל דאָ וואַרטן אויף דיר און דערנאָך וועלן מיר צוזאַמען גיין צום געווער־הענדלער.

מיטן געלט ביי זיך אין קעשענע איז ראַפּאַעל הענדום־פּענדום אַראָפּ־

געלאָפֿן די שטיגן און איז איינגעשלונגען געוואָרן פֿונעם זוניקן דרויסן. אַ היפּשע ווײַלע האָט זיך נאָך כוליטאַ אַרומגעדרייט אין צימערל, צען מאָל איי־בערגעטראַכט צי אַלץ וואָס ער האָט געטאָן און וויל נאָך טאָן, איז גוט. נאָך דעם איז ער צוועק אין קאַפֿע, פֿאַרנומען דאָס זעלביקע טישל, וואָס אין די לעצטע עטלעכע טעג, באַשטעלט פֿרישטיק און אַ געדולדיקער געוואַרט ביז מען האָט אים צוגעטראָגן.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט אין האָטעלעכל. אויס־געצויגן זיך אויפֿן בעט, געדרויכערט איין ציגאַרעטל נאָכן אַנדערן, געבלאָזן די קנוילן רויך צום נידעריקן סופֿיט און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן איינגעהערט זיך צו יעדן שאָרך און קרעכץ פֿון די הילצערנע שטיגן אין קאָרידאָר. כו־ליטאָ האָט געוואָלט וואָס גיכער אויפֿכאַפּן דאָרטן ראַפֿאַעלס פֿוסטריט און נישט געקאָנט. די מינוטן האָבן זיך געצויגן ווי פֿון סמאָלע. שעהן האָבן זיך געשלעפּט, ווי אויסגעדאַרטע פֿאַדלעס אין אַן איינגעדאַרטן שווערן וואָגן און פֿון דעם קאָסאָקן פֿריזירער איז נאָך אַלץ קיין זכר נישט געווען. אמת, דער סטעפּ־יונג האָט געוווסט, אַז דאָס איינקויפֿן אַזוי פֿיל זאַכן און דערנאָך פֿאַר־שלעפּן דאָס אַהער, נעמט צייט. אָבער, אַז ס'זאָל נעמען אַזוי לאַנג? אויף דעם האָט ער זיך נישט געריכט און דערצו נאָך האָט אים דאָס האַרץ אָנגעהויבן צו שרעקן, אַז ראַפֿאַעל האָט צוגענומען די פֿערציק פּעזעס און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן, און ער וועט אים שוין קיין מאָל מער נישט זען... דאָס מערקוויר־דיקסטע דערביי איז געווען דאָס, וואָס אים האָט אַזוי נישט געאַרט דאָס געלט, ווי ס'האָט אים פֿאַרדראָסן אויף זיך אַליין, וואָס ער, דער פּירער פֿון אַ גאַנצן „לאַגער" מיט מענטשן, איז אין גרונט אַזאַ יאָלד, וואָס האָט אַפּרי'ער געטרויט דאָס גאַסן־מיידל אין פּאַרק און איצט דעם קאָסאָקן ראַפֿאַעלן, וועלכער האָט אים אַזוי מיאוס אָפּגענאַרט...

ער איז אַזוי אין כעס געוואָרן אויף זיך אַליין, אַז ער איז אַראָפּגעשפּרונ־גען פֿון בעט, מיט באַטויבטע שפּאַנען אָנגעהויבן אַרומגיין הין און צוריק. נאָך דעם איז ער צוגעקומען צו דער וואַנט, וווּ דאָס שפּיגעלע איז געהאָנגען. ער האָט אַהין אַריינגעקוקט, און דערזעענדיק דאָרט זיין אייגן פּנים, האָט ער אויף אים אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן און שוין געוואָלט נעמען זיינע זאַכן און אַנט־לויפֿן פֿון דאַנען. ערשט די טיר האָט זיך ראַפּטעם ברייט צעפּראַלט מיט אַ הילצערנעם בראַזג און ראַפֿאַעל, אַן אָנגעטוענער אין קורצע, כאַלעוודיקע שטיוול אויף די פֿיס, מיט קעסטלעך, פּעקלעך און מיט פֿיר אָנגעפּילטע טאָר־בעס, וואָס זענען ביי אים אַראָפּגעהאָנגען פֿון ביידע אַקסלען — איז אַ פֿאַר־סאָפּעטער אַריינגעפֿאַלן אין צימערל. דאָס אַלץ אַראָפּגעוואָרפֿן אויפֿן בעט און קוים אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם.

— דיסקולפּע, אַמיגאָ, וואָס איך האָב זיך אַזוי לאַנג געזאַמט. פֿון דעם אַלעם וואָס איך האָב איינגעקויפֿט, איז מיר נאָך פֿאַרבליבן אַכט פּעזעס. האָב

איך דאָס אָוועקגעטראָגן צו מיין אַלטן טאַטן מיט דער מאַמען, וועלכער ווי־נען הינטער דער שטאָט און געזעגנט זיך מיט זיי. וויל ווער ווייסט ווען איך וועל זיי שוין ווידער זען...

כוליטאַ האָט זיך פאַרשעמט פאַר זיינע פריערדיקע פאַרדאַכטן, פאַר דאָס אומזיסטיקע ערגערניש און ביי אים אין האַרצן איז ראַפאַעל מיט אַ מאָל גע־וואָרן אַזוי ליב און טייער, אַז ווען ער וואָלט זיך נישט געשעמט און געוווסט, אַז דערמיט וועט ער זיך אַליין נישט אַרויסגעבן, וואָלט ער זיכער אַרומגעכאַפּט דעם קאַסאַקן און אַ קוש געגעבן, האָט ער זיך דערפון צוריקגעהאַלטן און אַ פריילעכער געענטפערט:

— בוענאַ, האָמברע, בוענאַ! האָסט זייער גוט געטאָן. ס׳איז זייער שיין פון דיין זייט, וואָס דו האָסט אין זינען דיינע עלטערן. דאָס איז מיר שטאַרק גע־פעלן. אָבער ווען דו וואָלסט מיר פריער געזאָגט, אַז דו ווילסט אַרויסהעלפן דיין טאַטע־מאַמע, וואָלט איך דאָך דיר געגעבן מער געלט פאַר זייערטוועגן. נאָר מילא, איך וועל דאָס טאָן אַ צווייט מאָל. האָסט אַלץ איינגעקויפט? ביסט פאַרטיק?

— אַלץ איינגעקויפט — האָט ראַפאַעל נאָך אַלץ נישט געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם — אָבער דו ביסט נישט אין כעס אויף מיר?...

— אין כעס? — איז כוליטאַ צוגעגאַנגען נאָענט צו זיין פריינט — פאַר וואָס זאָל איך זיין אין כעס? אַפילו אַ פרעמדן מענטשן דאַרף מען העלפן און בפרט נאָך אייגענע עלטערן! אַדרבא! דאָס פרייט מיך גאָר און באַווייזט, אַז דו ביסט אַן ערלעכער מוטשאַטשאָ! אָבער גענוג צו רעדן נאַרישקייטן. איצט קום צום געוועער־הענדלער, עס ווערט שוין שפּעט און מען טאָר קיין איבע־ריקע צייט נישט פאַרלירן.

מיט אויפגעהויבטע געמיטער זענען זיי אַוועק אין דער הויפּט־גאַס און אַריין אין אַ גרויסן געוועלב, וואָס האָט אין וויטרינע, געהאַט אויסגעשטעלט פאַרשידענע כאַמוטן מיט אַלערליי זאָטלען און איבערהויפּט — ביקסן מיט רע־וואָלווערן, שווערדן, קינזשאַלן, מעסערס און קליינע מעסערלעך, מיט געלע, ברוינע, שוואַרצע און פּערלמוטערנע הענטלעך. אויפן דעק פון דער וויטרינע זענען געלעגן אָנגעוואָרפן קוילן פון פאַרשידענעם קאַליבער.

דאָ אין געשעפט איז עפּעס געהאַנגען אַזאַ געהיימע שטילקייט, אַז ס׳האָט זיך געפילט, ווי דער געהיימער טויט אַליין וואָלט מיט אומזעבאַרע הענט אַרומגענומען יעדן אַריינגעקומענעם קונד. וויל די פּאָר מענטשן, וואָס זענען דאָ געווען, האָבן אין דער פאַרגליווערטער לופט אויסגעזען גיכער ווי שאָטנס איידער ווי מענטשן און גערעדט צום באַלעבאָס שטיל, שעפּטשענדיק כמעט אויפן אויער. און דער געוועער־הענדלער, אַ מענטש פון מיטעלן וווקס, מיט אַ גלייכן שרונט אויפן מיטן קאָפּ, האָט זיי געענטפערט אויף זייערע פראַגעס פּונקט מיט אַזאַ שטילן שעפּטשען. ווען ער האָט פון ווייטן באַמערקט ראַפאַעלן

מיט כוליטאָן אַריינקומען, האָט ער זיך נישט געאײַלט אַרויסצוגיין צו זיי פון הינטער דער סטאָיקע און גערעכנט, אַז מסתמא דאַרפן די צוויי יונגע מענטשן קויפן נישט מער ווי עפּעס אַ מעסערל. אָבער אַז די פּריערדיקע קונדן זענען אַוועק, האָט ער זיך קאַלט און שטיל געווענדט צו ראַפאַעלן, וועמען ער האָט הפּנים געקענט פון פריער:

— קע קערעס, ראַפאַעל?...

ראַפאַעל האָט גלייך צוגערופן כוליטאָן און אים פאַרגעשטעלט פאַר דעם סוחר, פאַרשטייט זיך מיט אַן אויסגעטראַכטן נאָמען אין פאַרויס, וואָס זיי האָבן אָפּגערעדט אויפן וועג אַהער:

— דאָס איז דאָן פעדראָ דע סאַנטיאַגאָ. ער איז אַ רייכער מענטש און וויל מיט דיר רעדן וועגן געשעפט...

— קאָמאָ נאָ? — האָט דער געווער־הענדלער געענטפערט העפלעך, אָבער מיט שטילער קאַלטקייט אין קול — מיין נאָמען איז לאָפּעז דע באַהיאַ־בלאַנקאַ. וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך, סעניאָר דאָן פעדראָ דע סאַנטיאַגאָ?...

כוליטאָ האָט זיך אַרומגעקוקט צי קיינער הערט אים נישט און אויף די פולע ליפן אַ שמייכל צעוויגט:

— איך וויל מיט דיר רעדן, אָבער נישט דאָ... ס'איז אַ וויכטיק געשעפט און קיינער טאָר דערפון נישט וויסן, פאַרשטייסט?...

אַ ווײַלע האָט דאָן לאָפּעז דע באַהיאַ־בלאַנקאַ באַטראַכט כוליטאָן, געזען פאַר זיך אַ יונגן, הויך־געוויקסיקן מענטשן, וואָס איז געווען עלעגאַנט אָנגעטאָן און געטראַכט: וואָס האָט ער דאָ וואָס אָנצוווערן?

— און מאָמענטאָ, — האָט ער באַרויקט כוליטאָן, איז אַרויס פון הינטער דער סטאָיקע, פאַרשלאָסן די פאָדערשטע טיר, אַראָפּגעצויגן דעם גרינעם ראָלעט ביז צום ברעג שויב און דערנאָך די צוויי קונים אַריינגעפירט אין אַ זייטיקן געהיימען צימער, וווּ קיין פענצטער איז נישט געווען און בלויז אַ גרויסער בליך־לאָמפּ איז אַראָפּגעהאָנגען פון דער מיט סטעליע און פאַרפלייצט דאָס צימער מיט אַ שניידיקן ליכט. אַרום אַ קיילעכדיקן טיש זענען געשטאַנען אַכט ווייך אויסגעבעטע מאַהאגענע שטולן. דער אייגנטימער האָט אָנגעוויזן אויף זיי און מיט העפלעכקייט געבעטן די געסט אַוועקצוזעצן זיך.

כוליטאָ מיט ראַפאַעלן האָבן זיך גערן איינגעקוואַרטירט אין די ווייכע שטולן. דער סוחר האָט דערווייל פון אַ שופלאָד אַרויסגענומען אַ פּירקאַנטיק קעסטעלע מיט גראָבע ציגאַרן און אַוועקגעשטעלט דאָס אויפן טיש:

— ביטע, רויכערט. דאָס זענען „האַוואַנאַ־האַוואַנאַ", די בעסטע ציגאַרן אין דער וועלט. קיין אַנדערע קאָן איך נישט פאַרטראָגן.

— ניין, גראַסיאַס! — האָט אים כוליטאָ באַדאַנקט — לאָמיר בעסער רעדן וועגן געשעפט. אָבער דאָס מוז בלייבן אַן אייביקער סוד צווישן אונדז

אַליין. אויב נישט, וועט דיין לעבן אַפילו נישט ווערט זיין קיין פּראָסטן ציגאַר!.. ביסטו מסכים אויף דעם?...

דאָן לאָפּעז דע באַהיאַ בלאַנקאַן איז נישט איין מאָל אויסגעקומען צו הערן אַזעלכע דראָונגען און ער האָט שוין פון לאַנג געוווסט, אַז די דאָזיקע סטראַשונקעס זענען טאַקע געמיינט אויף אַן אמתן און זיי קומען נאָר פון אַזוינע קונים, וואָס גיבן גרויסע באַשטעלונגען און מען קאָן דערביי מאַכן אַ „פּעטע פּעזע”. דער מסחר האָט דעם סוחר איצט אַ קיצל געטאָן אין האַרצן און ער האָט גערן צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ:

— סעגוראָ! וואָס פאַר אַ פראַגע... דאָס וועט בלייבן אַ סוד. איך פיר דאָ אין שטאָט אַ גרויסן מסחר. מיין געשעפט איז דאָך כסדר פאַרבונדן מיט גע־היימענישן, וואָס קיינער אויסער איך מיטן קויפער, האָט נאָך קיין מאָל נישט געוווסט דערפון. דו מעגסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן... ביי מיר איז אַ וואָרט — אַ וואָרט און געשעפט — איז געשעפט! ס׳קאָן זיין בלויז אויף איין פּעזע, צי אויף מיליאָנען, ביי מיר איז דאָס אַלץ איינס!...

— דאָס האָב איך ליב — האָט כוליטאָ איצט אָפּגעאָטעמט אַ ביסל פרייער אידער פריער — איז הער זיך איין מיט קאָפּ!... אמת, דערווייל דאַרף איך בלויז האָבן הונדערט פון דיינע בעסטע ביקסן, מיט דריי גרויסע קאַסטנס קוילן. אָבער... עס קאָן זיין, אַז אין אַ פּאָר חדשים אַרום וועל איך קויפן נאָך עטלעכע הונדערט און דערנאָך אפשר — אַ טויזנט פאַר אַ מאָל. איז רעכן געניי אויס פאַר ווי ביליק דו קאָנסט דאָס מיר פאַרקויפן. נאָר דו זאָלסט דער־ביי נישט פאַרגעסן, אַז אַלץ וואָס איך קויף ביי דיר איצט, און אַלץ וואָס איך וועל קויפן אין דער נאָענטער צוקונפט, וועסטו מוזן צושטעלן וווהין איך וועל דיר זאָגן. נאָך אַ זאַך: האַלב פון דעם געלט וועל איך דיר געבן איצט און די אַנדערע העלפט — ווען איך וועל דאָרטן דערהאַלטן דאָס געווער...

פון כוליטאָס נישט דערפאַרענע רייד וועגן אַזעלכע מיני געשעפטן, האָט דער געווער־הענדלער באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָ האַנדלט זיך עפּעס וועגן אַ נייער רעוואָלוציע, וואָס דאַרף זיך ערשט אויספּיקן פון איי, צי וועגן אַ גרויסן אויפשטאַנד פון אַרבעטער, אָדער פּעאָנען און ער האָט געוווסט, אַז גראָד ביי דער חברה קאָן מען אָפּלעקן אַביינדל. האָט ער אַ ווײַלע געטראַכט וואָס צו טאָן, דערנאָך אויפן טיש אַרויפגעשטעלט אַ פלעשל מיט העל־ברוינעם קאָ־ניאַק און אַ צווייטע פלאַש שאַמפּאַן, וואָס איז ווי אַ פּריצטע געזעסן אין אַ חנעוודיקן עמערל ליאַד. פון אַ פאַרמאַכטן, אייזערנעם אַלמער האָט ער אַרויס־גענומען אַ פינף־קוילנדיקע ביקס, מיט אַ שוואַרצער ,שטאַלענער רער און געזאָגט צו די קויפער:

— די ביקס איז כמעט ווי אַן אויטאָמאַטישע! געמאַכט געוואָרן אין דייטש־לאַנד אין דער קרופּ־פאַבריק! זי קאָן אַרויסשיסן פינף קוילן אין איין רגע און ווערן צוריק אָנגעלאָדן אין אַ האַלבער מינוט! דאָס איז דאָס בעסטע גע־

ווער דאָ אין לאַנד!... און איצט זאָגט מיר: וואָס ווילט איר טרינקען, קאָניאַק אָדער שאַמפּאַניער?...

כּוליטאָן איז עפּעס מער געפעלן געוואָרן דער ערשטער נאָמען איידער דער צווייטער און אַזוי ווי ער האָט זיך דאָ אין דער ווייכער, באַקוועמער שטול דערפילט מעשה גרויסער סוחר און ווירדיקע פּערזאָן, האָט ער מיט ברייטקייט אין קול געענטפערט בלשון־רבים:

— מיר וועלן בעסער טרינקען קאָניאַק דאָס מאָל...

נאָכן אויסטרינקען דאָס צווייטע גלעזל קאָניאַק, האָט כּוליטאָ דערלאַנגט האַלב פונעם געלט דעם געווער־הענדלער און אים נאָך אַ מאָל אָנגעזאָגט:

— ווען איך וועל דאַרפן האָבן נאָך געווער, וועל איך אַהער שיקן ראַ־פאַעלן, צי עמעצן אַנדערש. אָבער דו זאָלסט ביי קיינעם פון מיינע מוטשאַ־טשאָס נישט פרעגן צוליב וואָס איך דאַרף האָבן אַזוי פיל ביקסן, נישט פרעגן פון וואַנען זיי קומען און וווהין זיי פאָרן... און דיין מענטש, וואָס וועט צו־שטעלן דאָס געווער, דאַרף דאָס בלויז צופירן צום פונקט אין סטעפּ, לעבן די פּאַטאַגאָניער בערג, ווי איך האָב דיר פריִער געזאָגט. דאָרטן וועלן אים מיינע מענטשן באַצאָלן די רעשט פונעם געלט און אויסלאָדן דעם וואָגן. נאָר טאָמער וועט דיין פור אַריינפאַלן צו דער פּאָליציי אין די הענט, צי צו די זשאַנדאַרמען, וועט דאָס זיין דיין ריזיקע, דיין פאַרלוסט און נישט מיינער...

אַזוי איז געשלאָסן געוואָרן דער שידוך צווישן כּוליטאָס „לאַגער" מיטן געווער־הענדלער אין באַהיאַ־בלאַנקאַ. נאָך דעם מסחר זענען ביידע פריינט צוריק אַוועק אין האָטעל־עכל. דאָרטן האָט ראַפאַעל מיט אַ שערל אָפּגעשניטן די לאַנגע קלאַשעס פון כּוליטאָס פּעאָנישע הויזן און זיי אָנגעטאָן. אין די פיר טאָרבעס האָבן זיי נאָך באַוויזן אַריינצוקוועטשן אַלץ וואָס זיי האָבן גע־האָט. נאָך דעם, צום לעצטן מאָל, אַריין אין רעסטאָראַן, אָפּגעגעסן צו דער זעט. שפּעטער זענען די יונגען אַריינגעקומען אין דער פאַרדינג־שטאַל אָנגע־זאָטלט ביידע פערד, אויף די זאָטלען אָנגעבונדן די טאָרבעס מיט די היל־צערנע פלאַטשיקע פליאַשקעס וואַסער, אַרויפגעכאַפּט זיך רייטנדיק אויף די סוסים און אַרויסגעפאָרן פון שטאָט.

ווילדגראָז

די אַרומיקע פעלדער זענען שוין געלעגן אין חשכות. נאָר די רייטער האָבן געריטן אַלץ ווייטער און ווייטער פון שטאָט. אַז זיי זענען אָפּגעפאָרן וואַסערע צוואַנציק קילאָמעטער, האָט זיך ראַפאַעל אָנגעהויבן באַקלאָגן פאַר כּוליטאָן, אַז דער האַרטער זאָטל האָט אים אָנגעריבן דעם הינטער־חלק און

עד קאָן שוין מער נישט איינזיצן אויף אים. האָט דער סטעפּ־יונג אויפגעזוכט אַ וועלדל, דאָרט אָפּגעשטעלט די סוסים, זיי געלאָזט אויף פּאַשע. ביידע מע־נער האָבן דערנאָך אָנגעבראָכן צווייגן, געמאַכט אַ פייער און צוגעשטעלט קאָכן קאַווע, וואָס די האָבן געקויפט אין באַהיאַ בלאַנקאַ.

אַ שפּראָץ אויף טאָג האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט פון די פייכטע געלע־גערס, וואָס זענען געווען נאַס פונעם טוי. ראַפאַעל האָט זיך געטרייסלט פון קעלט. האָט ער צוריק אויפגעלעבט דעם נעכטיקן פייער און כוליטאַ האָט אין אַ בלעכערנעם פענדל אָנגעגאָסן וואַסער, ווידער צוגעשטעלט קאָכן קאַ־ווע, וואָס האָט געקיצלט אין די נעז און געדייצט די אַפּעטיטן ביי ביידע יונגען.

דער וועג דורך די פעלדער איז געווען אַן אויסגעפּאַרענער מיט אַ ברייטער קאַלייע אין דער מיטן. פון ביידע זייטן, סיי אויף רעכטס און סיי אויף לינקס — האָבן זיך שטיל און פרום געוויגט די הויכע קאָרן־זאַנגען, וואָס האָבן פון ווייטן אויסגעזען, ווי קליינע וועלן אין אַ שטילן ים. די קערנער אין די זאַנגען זענען געווען פולאַטע, מיט צעכראַסטעטע געלע מענטעלעך אויף זיך, פון וועלכע ס׳האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע קאָרענע, בלייכע לייבער און אָנגעזאָגט דער וועלט, אַז עס איז שוין געקומען די צייט אַראָפּצונעמען די תבואה פון די פעלדער, אַריינפירן אין די שייערן, דרעשן און צעמאָלן דאָס אויף מעל.

נאָר ווען כוליטאַ מיט ראַפאַעלן זענען אַרויסגעריטן פון דעם פעלדיקן שטח און די פּריערדיקע קאַלייע האָט זיך שוין פון לאַנג אַרויסגעגנבעט פון אונטער די פערדישע קלאָען, האָט זיך באַוויזן דאָס ווילדגראַז פון די ווייטע, באַהיאַ בלאַנקער סטעפּעס. אַפריער איז דאָס גראָז געוואַקסן שיטער, מאָגער און קוסטעווייז: דאָ אַ ביסל און דאָרט אַ ביסל. דערצו נאָך זענען זיי געווען קורץ־קעפּיקע, מיט דינע, פאַרשאַרפטע צינגעלעך. צווישן זיי האָבן זיך אָפּט געגעסטלט גרופּקעלעך געלע בלימעלעך, מיט איידעלע און צענומענע פליי־טערלעך. די דאָזיקע בלימעלעך זענען געשטאַנען אויף גראָבע, קורצע פיס־לעך און געדולדיקע געוואַרט, אַז אַ הונגעריקע, אַרבעטזאַמע בין זאָל זיך אַוועקזעצן אויף זייערע געלע קרוינדעלעך און מיט זיינע קרומע לאַפּקעלעך און נאָדלדיקן צינגל — זויגן דעם זיסן זאַפט פון זייערע אָפּגעדעקטע ווייסע בריסטעלעך.

אָבער וואָס ווייטער די יונגען זענען אַריין אין סטעפּ, איז דאָס ווילדגראַז געוואָרן אַלץ גרינער, געדיכטער און הויך ביז צו די פערדישע קני׳ען. גע־וואַקסן זענען זיי געדרייטע, ווי דינע פויערישע גאָרטעלעך און צום סאַמע סוף פאַרענדיקט זיך מיט אַ בלייך קעפּל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ קינדישע פייג. זייערע שטאַמען זענען געווען האַרטע, שטייפע און נישט געבויגן זיך אפילו אינעם שטאַרקסטן ווינט. פונדעסטוועגן האָבן צווישן זיי אָפט אַרויס־געשפּראָצט דינע, איידעלע, גרינע גראָזן, וואָס האָבן אָנגעפירט אַ שטענדיקע

מלחמה מיטן ווילדן אַרום. און ווען דאָס שטילסטע ווינטל האָט אַ לאַשטשע געטאָן דעם סטעפּ און אים כלומרשט בלויז געוואָלט אַ גלעט געבן, האָבן זיך די דעליקאַטע גראָז־שפּראָצונגען אונטערטעניק אונטערגעגעבן. הכנעהדיק גע־בויגן זיך צו דער ערד, געוואָרפן זיך, געשאָקלט זיך אין אַלע זייטן און קוים איז דאָס ווינטל אַוועק ערגעץ ווייטער און די אַרגענטינישע זון האָט זיך פלאַמענדיק צעשמייכלט, האָבן די גראָז צוריק אויפגעהויבן זייערע צאַרטע קעפּלעך צום הימל, שטיין געבליבן פריילעכע, צופרידענע און דוכט זיך, אויף זייער גראָזיקן לשון געדאַנקט דעם בורא־עולם פאַר דעם גרויסן חסד...

אין צוויי טעג אַרום זענען אין דעם ווילדן סטעפּ אויפגעשטאַנען נידע־ריקע בערגעלעך. די מערסטע פון זיי באַוואַקסענע מיט געדיכטן גראָז און אויסגעזען, ווי האַרבאַטע בעטלער, מיט טאַרבעס אויף די פּלייצעס, וואָס זענען מיד געוואָרן פונעם לאַנגן וועג און, דוכט זיך, בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע אַוועקגעלייגט זיך אָפּרוען אין דער פּאַמפּאַ און זענען מיט די טאַרבעס אויף זיך — אַנטלאָפן געוואָרן אויף טויזנטער דורות. אַנדערע בערגלעך ווי־דער זענען געלעגן נאַקעטע, אָפּגעדעקטע פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר גאָט, און זייערע טונקל־הויטיקע לייבער האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון רי־זיקע טשערעפּאַכעס, וואָס האָבן אין ערגעץ געוואָלט גיין און נישט דערגאַנגען און אַפילו געפוילט זיך צו מאַכן איין שפּאַן פאָרויס.

פאַמעלעך זענען ביידע מענער געריטן פאַזע די דאָזיקע טשערעפּאַכעדיקע בערגלעך. לעבן איינעם אַזאַ בערגל האָבן זיי אָפּגעשטעלט די פערד, אַראָפּ פון די זאָטלען, איינגעקוקט זיך אין דער ברוינער ערד און כוליטאָ האָט גע־זען: אינעם ברעג־בערגל זענען געווען צענדליקער ברייטע און טיפע שוואַרצע לעכער. פון דאָרט זענען צרויסגעקומען אין אַ געדראַנג מיליאָסן ברוינע מור־ראַשקעס און צעלאָזט זיך אין איינצלנע, גלייכע קאַלאָנען. פאַרשמייעטע זע־נען זיי געלאָפן ווי אויף אַ יאַריד. געהאַוועט, געגישטערט, געזוכט און געפּו־נען פּיצינקע שטרויעלעך, ברעקעלעך ליים, אָפּגעשטאַרבענע פליגעלעך. די לאַנגע רייען מוראַשקעס האָבן אויף זייערע וועגן קיין זאַך נישט דורכגעלאָזט. אַלץ געכאַפּט צו זיך אויף די פאַרהאָרעוועטע פּלייצקעס, אין די קיילעכדיקע מײַלעכלעך און מיט אימפּעט און קוראַזש, טאַקע ווי אמתע לאַסט־טרעגער, דאָס אַריינגעטאַסקעט אין די שוואַרצע „היילן". דאָרטן האָבן זיי איטלעכע זאַך צעסאָרטעוועט, יעדעס מאַטעריאַל אַוועקגעלייגט באַזונדער, אַז די אַנדערע „אַרבעטער"־מוראַשקעס אינעם „פּאַלאַץ" זאָלן וויסן ווו און וואָס צו נעמען: שפּייז — באַזונדער, בוי־מאַטעריאַלן — ווידער באַזונדער.

אין מיטן זייער האַווען און יאָגן זיך, איז פון אַ דערבייאיקער עפענונג אַרויסגעקראָכן אַ שוואַרצער זשוק מיט אַ גרויסן, דיקן קערפּער און אַ בערישן קאָפּ. אויף זיינע קורצע פיסלעך האָט ער אַ פויזע געגעבן. דערנאָך אויף אַ ווײַלע שטיין געבליבן, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום הימל און געכאַפּט אַ בליק

אויף דער גאָלדענער זון, און אין דער רגע איז זיין שוואַרצקייט תיכף פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ טונקעלער בלויקייט. אפנים, אַז ער האָט בלויז געוואָלט אַ שמעק געבן די פרישע לופט, אַ ראַיע טאָן מיטן שנוק אין דער ערד, טאָמער וועט ער דאָרטן געפינען עפּעס צו עסן. אָבער די מחנות העלדישע און קריגע־רישע מוראַשקעס האָבן אים גיך דערשנאַפּט, אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן און יעדער איינער האָט אים אַ שטאָך געטאָן אין בויך. די ווייטיקן, וואָס זייערע שפּיזלדיקע שאַרפע ציין האָבן אים מסתמא פאַרשאַפט, זענען געווען אַזעלכע גרויסע, אַז דער אָרעמער זשוק האָט נעבעך געכאַפּט די הענט מיט די פיס און צוריק אַנטלאָפן געוואָרן אין זיין אונטערערדישער נאָרע, אַבי נישט צו האָבן צו טאָן מיט דער קריגערישער אַרמיי.

מיט יעדער שעה, וואָס די רייטער זענען געריטן, אַלץ נענטער צו די פּאַ־טאַגאָניער בערג, וואָס האָבן געהויבן אַ פּלייצע איבער אַ פּלייצע העכער און העכער צום הימל און דערנאָך אַריינגעפאַלן ערגעץ העט ווייט אינעם שויס פון די באַרימטע אַנדן־בערג, איז דאָס גראָז געוואָרן העכער, שטייפער און גע־פלאָכטענער. נאָר דאָ האָבן זיך שוין מער קיין געלע בלימעלעך נישט געזען. אַנשטאָט זיי — האָט צווישן דעם ווילדגראָז ערטערווייז אויפגעטויכט אַ הויך, דיק און רויט ריטל, מיט אַ גרויסער בלוי־וויאָלעטער בלום אויפן סאַמע שפּיץ. אירע אויסגערונדיקטע און זאַפטיקע בליטן, וואָס זענען אַראָפּגעהאָנגען אויף אַראָפּ, האָבן אויסגעזען ווי מיידלשע תאווהדיקע פולע ליפּן. מיט איר ווילדן צויבער האָט די פּרעכטיקע בלום געהייצט די פאַנטאַזיעס פון די רייטער, וועלכע האָבן זי באַמערקט פון ווייטן נאָך און נישט געקאָנט אָפּרייסן די בליקן פון איר.

ראַפאַעל האָט זיך ביסלעכווייז איינגעוווינט צום האַרטן זאָטל און עס האָט אים שוין נישט ווי געטאָן. איז ער געזעסן אויפן פערד אַזוי גלייך ווי כוליטאָ. נאָר בעת דער סטעפּ־יונג האָט זיך אויף קיין זאַך מער נישט אומגעקוקט, ווי פאַר אים וואָלט די ווילדע פּאַמפּאַ געווען אַ נאַטירלעכע זאַך, האָט ראַפאַעל נישט געקאָנט אָפּרייסן די קאַסאָקע אויגן פון יעדער היגער דערשיינונג. און אים איז אויסגעקומען זייער טשיקאַווע, וואָס כאָטש ער איז דאָך אויך גע־ווען אַן אַרגענטינער געבוירענער, איז אָבער אים דער סטעפּ, דאָס ווילדגראָז, מיט די גרויסע, בלוי־וויאָלעטע בלומען און די פאַרשידענע מינים פייגל, וואָס זענען דאָ געפלויגן נידעריק איבערן קאָפּ, אָדער די באַשעפעניש, וואָס זענען געקראָכן און געפויזעט אויף דער ערד — זענען פאַר אים געווען גרוילנ־דיק און פרעמד. און ראַפאַעלן האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער רייט און רייט איבער עפּעס אַ פאַרכישופטער, ווילדער וועלט, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און האָט נישט קיין סוף און ער וועט שוין קיין מאָל קיין לעבעדיקער נישט אַרויס פון איר...

נאָך האַלבן טאָג האָט ראַפאַעלן אָנגעהויבן חלשן דאָס האַרץ. אונטערן

„לעפעלע" האָט אים געצויגן און גענאָגט אַזוי לאַנג, ביז ס'איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקער דורשט, וואָס האָט געטריקנט אין האַלדז, דעם גומען, די יאַס־לעס. די ליפּן זענען אים געוואָרן פאַרשמאַכט און אויפגעבלאָזן. אַ לאַנגע צייט איז נאָך דער יונג געריטן און געשוויגן אין אַגאַנישער פּיין. נאָך סוף־כל־סוף האָט ער זיך אָנגעהויבן בעטן ביים סטעפּ־יונג:

— אַמיגאָ! לאָמיר אָפּשטעלן די פערד אויף אַ ווײַלע. דאָס האַרץ פאַלט מיר אַרויס. די ליפּן ברענען און שפּאַלטן זיך פון דורשט!...

פון דערפאַרונג האָט כוליטאָ געוווּסט, אַז אָפּצושטעלן זיך ביי טאָג אין דער פּאַמפּאַ איז אַ גרויסע סכנה. די לופט איז דאָ הייס. און קוים וועלן די סוסים בלייבן שטיין און אָנהייבן שטשופּען דאָס גראָז, וועלן זיי כאַפּן אַזאַ מין באַק איבער די קעפּ פון דער צעגליטער זון, אַז זיי וועלן צוועקפאַלן און אויסציִען די פיס. דעריבער האָט ער שטרענג געענטפערט:

— מיר וועלן פאָרן נאָך אַ פּאָר שעה. ווען די זון וועט אַראָפּ, וועלן מיר זיך דעמאָלט אָפּשטעלן, עסן וועטשערע און טרינקען מאַטע אָדער קאַווע, וואָס דו וועסט וועלן. אין סטעפּ איז בעסער מאַטע. דאָס האַלט לענגער אָן די פייכטקייט אין מויל און אין די געדערים. מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט די פערד. קיין וואַסער פאַר זיי צום טרינקען — איז נישטאָ. אָבער פאַר־נאַכט ווערן די גראָזן געווייִנטלעך באַדעקט מיט אַ דיקן טוי. איז ווען די סוסים וועלן אָנהייבן דעמאָלט צופּן דאָס נאַסע גראָז, וועלן זיי זיך אַזוי אַרום שוין אויך אָנטרינקען מיט וואַסער און אויף מאָרגן קאָנען רייטן ווייטער.

— נאָך צוויי שעה?! — האָט ראַפּ‌על אויסגעשריגן אַ פאַרצווייפלטער — דו ביסט אַ גזלן! ווי אַזוי וועל איך קענען אויסהאַלטן נאָך צוויי שעה? איך בין דאָך נישט דו!... איך פאָר דאָך אין סטעפּ צום ערשטן מאָל. כ'בין נישט געוווינט צו דורשט. האָב רחמנות, כוליטאָ און גיב מיר כאָטש אַ ביסעלע וואַסער!...

זיי זענען דערווײַלע געריטן ווייטער און כוליטאָ האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיין פאַרברוינטן פּנים צו ראַפאַעלן:

— וועדליק ווי דו טראָגסט דעם סאָמברעראָ אויפן קאָפּ, וואָס פאַלט דיר אַראָפּ ביז צו די אויערן, און דערצו נאָך מיט אַזעלכע פּאַנטאַלאָנעס, מיט דעם לייוונטענעם העמד און מיט דער פּאָנטשאָ אויפן אַקסל און דער אופן ווי דו זיצסט אויף דער קליאַטשע, קוקסטו טאַקע אויס ווי אַן אמתער פּעאָן... און אַ פּעאָן דאַרף קאָנען אויסהאַלטן נאָך עפּעס ערגערס איידער דאָס. צום הונ־גער און צום דורשט וועסטו זיך צוגעוווינען... דערפאַר וועלן מיר ביי נאַכט עסן און טרינקען...

געזען, אַז מיט דעם איינגעשפּאַרטן סטעפּ־יונג וועט ער גאָרנישט קענען אויפטאָן, אַז ביי אים וועט ער קיין רחמנות נישט אַרויסרופן, האָט ראַפאַעל נאָך טיפער אַראָפּגעצויגן דעם סאָמברעראָ איבער די אויגן און מער נישט

געוואָלט באַטראַכטן די ווילדע גראָזן, ווייל אַלץ איינס האָבן זיי שוין ביי אים אין די קאַסאָקע אויגן אָנגענומען די זעלביקע פאָרמען: איין גראָז איז געווען געראָטן אין דער אַנדערער, איין בלום אין דער צווייטער, און דער רייטער האָט ביי זיך אין האַרצן גאָר איצט געציילט די טריט פון זיין קליאַטשע און געוואָלט, אַז זי זאָל גיין אַ ביסל גיכער, כדי דערמיט צו דעריאָגן דעם צוגעזאָגטן אָוונט, וואָס איז נאָך ערגעץ ווייט, זייער ווייט געלעגן, ווי אַ זאַטער הונט מיט אויסגעצויגענע פאָדערשטע לאַפּעס און אַ רויקער געוואָרט אויף די צוויי מידע, הונגעריקע און דורשטיקע רייטער.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן זיך אין דער מיטן פּאַמפּאַ באַוויזן אַפּריער קליינע, דאַרעביימלעך, מיט אויסגעדרייטע שטאַמען און אַזעלכע צעקרומטע צווייגן ווי פינגער, וואָס האָבן געטייטלט אין אַלע עקן וועלט. דערנאָך זענען אויסגעוואַקסן הויכע ביימער, נאָר אויך אַזעלכע משונהדיקע ווי די ערשטע. זיי זענען געשטאַנען אָפּגערוקטע איינע פון די אַנדערע. בלעטערלאָזע האָבן זיי זיך נאַקעטע געסמאַליעט אין דער ברענענדיקער זון און, דוכט זיך, קיין סימן פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן. פונדעסטוועגן איז אויף איינעם אַזאַ בוים געשטאַנען אַ מאָגערער, שוואַרצער קארשון אויף איין לאַנגן, געלן פוס. דעם אַנדערן האָט ער געהאַלטן פאַרשטעקט ביי זיך אונטער די פליגל. זיינע ביינערדיקע קלובעס האָבן אַרויסגעשטאַרצט פון אונטער די לאַנגע, עקלדיקע פעדערן. געשטאַנען איז ער אַן איינזאַמער, אַ באַוועגלאָזער און אַן אַפּאַטישער. נאָר פון צייט צו צייט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אויסגעפליקטן דאַרן און לאַנגן האַלדז און אויף דער צווייג געשאַרפט זיין גרויסן, געלן שנאָבל, ווי דער פויגל וואָלט זיך געריכט אויף אַ זאַטן מאָלצייט און דערנאָך — ווידער געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע פּאָזע האָט ער אָנגעהאַלטן ביז די זון האָט זיך גענומען קייקלען אויף אַראָפּ. דעמאָלט האָט ער אַראָפּגעלאָזט דעם אַנדערן פוס אויף דער צווייג, איז געוואָרן באַוועגלעכער, צום לעצטן מאָל אַ גיכן שאַרף געגעבן דעם גרויסן שנאָבל און אַ הייב געגעבן זיך אין דער לופטן און אַוועקגעפליגן צו אַ ווייטן זומפּ צו געפינען דאָרטן פעטע זשאַבעס אויף וועטשערע...

שפּעטער, אַז די זון איז פאַרגאַנגען אויפן האָריזאָנט, האָט כוליטאָ צוגעקערעוועט זיין אָגער צו אַ פּאָר נידעריקע ביימער, אָפּגעשטעלט זיך. און ראַפּאַעל האָט געטאָן דאָס זעלבע. די פערד הונגעריקע, האָבן זיך מיט פערדישע אַפּעטיטן צוגעכאַפּט צום צופּן דאָס גראָז און מיט יעדן ביסן — אַראָפּגעשלונגען די טראָפּנס טוי, וואָס האָבן זיך ערשט אַוועקגעזעצט אויף די גראָזיקע גרינע ציגגעלעך.

ביי נאַכט, ווען בײדע יונגעז זענען שוין געלעגן אויף דער ערד נעבן פייער, וואָס האָט זיך איצט געטוקט אַלץ טונקעלער און שוואַכער, ווי ער וואָלט מער קיין כוח נישט געהאַט צו ברענען און די מידע רייטער האָבן

זיך איינגעהערט צום ווייטן קוואַקען פון אַ פּאָר זשאַבעס און דערמיט ווי גע־וואָרנט יעדער חיה אין דער פּאַמפּאַ, אַז זי זאָל זיך היטן פאַר אַ שונא. האָט כוליטאָ אַ פרעג געטאָן ראַפאַעלן:

— וואָס הערט זיך עפּעס מיט דיין הינטן? עס טוט נאָך אַלץ אַזוי ווי־ווי ביי טאָג?...

ראַפאַעל, וואָס האָט שוין געהאַט איינגעדרעמלט, נאָר כוליטאָס אָפּלאַכן האָט אים אויפגעריסן פון שלאָף, האָט זיך אַ ביסל אונטערגעהויבן אויפן רעכטן עלנבויגן און מיט כעס אַ פינצטערן קוק געגעבן אין דער ריכטונג, ווו דער סטעפּ־יונג איז געלעגן און געקייכט פון געלעכטער:

— דו ווייסט? צו פאָרן מיט דיר אויף אַ ווייטן וועג איז אַ גרויס געפאַר!... אַ מענטש קאָן אויסגיין פון דורשט פאַר דיינע אויגן און דו וועסט אים אפילו נישט געבן קיין טרונק וואַסער און אַ גלייכגילטיקער ווי אַ גזלן פאָרן ווייטער. דו האָסט גאָר נישט קיין מענטשלעך האַרץ...

— ביסט דאָך טאַקע אַ אידיאָט! — האָט אים כוליטאָ גיך געענטפערט מיט אַ בייסיקער שאַרפקייט און דאָס געלעכטער איז ביי אים אָפּגעשטאָרבן — איצט ביסטו נישט מער ווי אַ פּעאָן, און אַ פּעאָן דאַרף וויסן, אַז מיר האָבן נישט מער ווי אַ פּאָר פליאַשקעס מיט וואַסער און אַ פּאָר לעבלעך ברויט, איין קילאָ צוקער, מיט אַ ביסל קאַווע און מאַטע. דאַרף מען דאָס אויסניצן אויף דריי מעת־לעת און אויב מיר וועלן נאָך אויפן וועג אָנטרעפן די זשאַנדאַרמען, וועלכע טשאַטעווען אויף אונדז אין סטעפּ, אָדער ערגעץ אַרום די בערג, וועלן מיר דאַרפן אָנלייגן אַ סך וועג און אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער ריכטונג, כדי אָפּ־צוווענדן זייער אויפמערקזאַמקייט פונעם אָרט, ווו דער לאַגער געפינט זיך. פאַרשטייסט דאָך, אַז מיר וועלן דעמאָלט אַזוי מוזן אויסמאַרקירן דאָס עסן מיטן ביסל וואַסער, אַז ס׳זאָל זיין גענוג, אָדער כאָטש קלעקן אויף אַ גאַנצער וואָך, צי אויף מער נאָך. איצט באַגרייפסטו שוין, דו גראָבער קאָפּ הלמאי מען מוז אין דער פּאַמפּאַ אויסרעכענען אויף יעדער נישט פאַרויסגעזעענער געפאַר?...

— אויב דו האָסט דאָס אַלץ געוווּסט אַפרי׳ער, איז פאַר וואָס האָסטו נישט געזען, אַז איך זאָל אין באַהי׳אַ בלאַנקאַ קויפן אַכט, צי צען אַזעלכע פליאַשקעס מיט וואַסער און נאָך אַ מאָל אַזוי פיל שפּייז ווי מיר האָבן? — האָט ראַפאַעל אויסגערעכנט אַקוראַט דער פּראָוויאַנט — וואָס איז דער שכל צו זיין אַזוי קאַרג? אַז ס׳איז פאַראַן געלט, קאָן מען זיך געבן אַן עצה. מען טאָר זיך נישט לאָזן אויף אַזאַ ווייטן וועג און ציטערן איבער אַ ביסל וואַסער צי איבער אַ שטיקל ברויט!...

— הפנים, אַז דיר איז שווער צו פאַרשטיין די קלענסטע פּרטים, וואָס אַ וואַנדערער דאַרף אויסרעכענען איידער ער לאָזט זיך אַרויס אין וועג?... אָט, למשל, ווייסטו נישט, אַז פערד זענען נישט קיין בורראָס און מען טאָר

אויף זיי קיין צופיל משא נישט אָנלאָדן. דאַרפסט דאָך וויסן, אַז זיי טראָגן אויף זיך — מיך און דיך, צוויי ביקסן מיט קוילן, מיט פולע שווערע טאָרבעס מיט ברויט און די אַנדערע זאַכן, פליאַשקעס מיט וואַסער, קאָלדרעס, צוויי קעסטלעך זייף און די אַלע קלייניקייטן, וואָס איך האָב נאָך נישט אויסגע־רעכנט — וועגן דאָך אויך עפּעס צי נישט?... איז ווען מ׳זאָל אויף די קאַבאַ־זשאָס אַרויפלייגן נאָך אַ מאָל אַזוי פיל געוויכט, וואָלטן זיי דאָך אַפילו קיין האַלבן וועג נישט געקאָנט אויסהאַלטן!...

ראַפאַעל האָט איינגעזען, אַז דער סטעפּ־יונג איז געווען גערעכט. האָט ער זיך אויסגעצויגן, איינגעדעקט זיך מיט דער קאָלדרע ביזן האַלדז, זיך גוט איינגעמאָשטשעט אינעם גראָז און חרטה געהאַט אויף זיינע פריערדיקע פאַר־דאַכטן און באַשולדיקונגען:

— איצט זע איך איין, אַז דו פאַרשטייסט די זאַכן בעסער פון מיר... איך וויל דיר זאָגן דעם אמת, אַז כ׳האָב וועגן דעם קיין אָנונג נישט געהאַט. איצט פאַרשטיי איך שוין פאַר וואָס די חברה ביי דיר אין לאַגער האָבן דיך אויס־געקליבן פאַר זייער פירער... מען קאָן זיך אויף דיר פאַרלאָזן. אָבער אַלץ איינס, ביי טאָג האָב איך געמיינט, אַז איך וועל נישט דערציִען ביז דער נאַכט...

— „קאַראַכאָ"! — האָט זיך כוליטאָ ווידער צעלאַכט און אינעם פייכטן גראָז אויסגעלאָשן זיין ברענענדיקן ציגאַרל — מיך האָט קיינער נישט אויס־געקליבן. דו ווייסט דאָך שוין, אַז איך בין כמעט ווי געבוירן געוואָרן אין סטעפּ. די אַלע פּעאָנען זענען דאָך געקומען צו מיר אין דער פּאַמפּאַ און דערנאָך זענען מיר צוזאַמען אַוועקגעפאָרן אין די פּאַטאַגאָניער בערג. איז נאַטירלעך, אַז איך זאָל זיין זייער וועגווייזער, כאָטש איך בין ייִנגער פון אַ סך פון די מוטשאַטשאָס אין לאַגער.

די לעצטע ווערטער האָט שוין ראַפאַעל נישט דערהערט. ער איז אַנט־שלאָפן געוואָרן און גלייך אָנגעהויבן כראָפּען. דערווייל האָט זיך צווישן די אָפּגעריסענע שטיקלעך וואָלקנס באַוויזן די בלייכע לבנה, וואָס האָט מיט איר קיילעכדיק פּנים, אין וועלכן ס׳זענען געזעסן צוויי טיפע אויגנלעכער פון ביי־דע זייטן גראָבער „נאָז", וועלכע האָט געקיניגט איבער איר שמאָלן מויל — זיך ברייט צעשמייכלט. אין דער רגע האָט זיך אַהער פון ערגעץ דערטראָגן דאָס פאַרבייגייענדיקע וואָיען פון אַ קלאָגעדיקער קאָיאָטע. פון דעם פּלוצימ־דיקן געוואָי האָט זיך ראַפאַעל אויפגעכאַפּט נישט טויט און נישט לעבעדיק, אַ צעשראָקענער איינגעקלאַמערט די הענט אין דער ביקס, צוגעלאָפן צום רויִק ליגנדיקן סטעפּ־יונג און געשטעלט זיך אין אַן אָנגרייפנדיקער פּאָזע:

— כוליטאָ, כוליטאָ, שטיי אויף! נעם די ביקס אין די הענט! וועלף קומען!...

אין דער שיין פון דער אַרויסשווימענדיקער לבנה, האָט כוליטאָ דערזען ראַפאַעלס בלאַס געוואָרן פּנים, די צעשראָקענע, קאָסאָקע אויגן און דער זייער קאָמישער פּאָזע, אין וועלכער דער גרויסשטאָטישער מענטש איז איצט

געשטאַנען אַ גרייטער צום שיסן און אין דער זעלביקער צייט געציטערט ווי אַ בלאַט אין ווינט. דער סטעפּ־יונג האָט נאָך קיין מאָל אַזאַ קאַריקאַטורישע סצענע נישט געזען. דאָס איז אים אויסגעקומען אַזוי ווילד און קאָמיש, אַז ער האָט אַ לאַנגע צייט געקייכט פון געלעכטער און דערנאָך אַ קוים באַרויִק־טער געזאָגט צו זיין „העלדישן" מיטרייטער:

— גראָבער קאָפּ! דאָס רופט דאָך אַ „זי" קאיאָטע דעם „ער" צו זיך אויפן שפּיץ באַרג. דערנאָך זאָל ער גיין מיט איר צו זיך אין איר נאָרע צו האָבן אַ פאַרקער. איצט איז דאָך זייער פּאָרונג־צייט. גיי שלאָפן. האָב נישט קיין מורא. ווען קאיאָטעס זענען נישט גוט אויסגעהונגערט, וועלן זיי קיין מענטשן נישט טשעפּען. אגב געפינען זיי זיך זייער ווייט פון דאַנען. אין לאַגער וועסטו זיך צוגעוווינען צו זיי. גיי שלאָפן!...

ראַפאַעל קומט אין די בערג

אין סטעפּ איז גראָד געווען שטיל. נישט קיין מיליטער־אָפּטיילונג און נישט די זשאַנדאַרמען האָבן דאָס מאָל געטשאַטעוועט אויף די אַנטלאָפענע פּעאָנען און עס האָט זיך אויסגעדוכט ווי זיי וואָלטן גאָר אויף דער וועלט נישט געווען. איז כוליטאָ מיט ראַפאַעלן אויפן פערטן טאָג אַרויף אויפן זאַמ־דיקן וועג, וואָס האָט געפירט גלייך צו די פּאַטאַגאָניער בערג, וועלכע האָבן פון ווייטן אויסגעזען, ווי ריזיקע ברוינע און הויכע קאָפּעלושן, וואָס זענען סימעטריש געווען אָנגעלייגט אויף דער ערד האַרט איינע אויף די אַנדערע און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די דאָזיקע „קאָפּעלושן" וואָלטן גאָר געקראָכן איינע אויף דעם צווייטנס רוקן און די, וואָס האָבן זיך געפונען פון סאַמע אונטן, זענען „געלאָפן" אַלץ ווייטער און ווייטער אין סטעפּ, אין דזשונגל און פון דאָרטן פאַרשוווּנדן געוואָרן ערגעץ אין כף הקלע.

איצט האָבן די רייטער געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן דעם געהיימען אַריינגאַנג צום אָרט ווו דער „לאַגער" האָט זיך געפונען און געצוווּנגען די פערד צו שטעלן פיס. די פלינקע טריט פון די סוסים האָבן אויפגעהויבן אַזעל־כע זיילן שטויב, ווי גילדענע וואָלן, וואָס האָבן מיט זייער ריינעם געוועב אַרומגעכאַפּט און צוגעדעקט ביידע רייטער, וועלכע זענען געזעסן אין די צע־פּאַרעטע זאָטלען און אונטערגעהאַצקעט זיך צום טאַקט פון די ספּריטנע פערד.

כוליטאָס שומרים אויף די בערג האָבן פון ווייטן דערזען דעם ברייטן און הויכן שטויב אויפן זאַמדיקן וועג, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז דאָס פאָרט מער ווי איין רייטער און מעגלעך, אַז הינטער אים האָט זיך אפשר בגנבה באַוועגט אַ גאַנצער סקוואַדראָן מיט זשאַנדאַרמען, צי אַן אַריינדרינגענדיקע

אָפּטיילונג פון דעם מיליטער. האָט איינער פון די וועכטער קיין סך נישט געקלערט, אויסגעשאָסן אין דער לופטן און דערמיט געגעבן אַ סיגנאַל, אַז דער גאַנצער „לאַגער״ זאָל זיין גרייט צום קאַמף מיטן שונא; אַז ווער עס האָט אַ ביקס, זאָל זי אָנלאָדן און אַוועקשטעלן זיך צי אַוועקלייגן זיך אין אַ באַקוועמער פּאָזיציע און דאָרט אָפּוואַרטן ביז די ערשטע רייען פונעם מיליטער, צי פון דער זשאַנדאַרמעריע וועט זיך באַווייזן פאַר די אויגן און ערשט דעמאָלט עפּענען אַ פייער.

די געשפּאַנטקייט אין „לאַגער״ איז געוואַקסן מיט יעדער רגע, מיט איטלעכער מינוט. עמאַליטאַ מיט די אַנדערע פּאָר פרויען זענען אַנטלאָפן באַהאַלטן זיך אין די בערג, פאַרשטעקט זיך אין אַ הייל און מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס דאָרט געוואַרט אויף די ערשטע שאָסן פון די קעמפנדיקע מחנות. און כאָטש די מענער אין „לאַגער״ זענען דורך דער צייט, וואָס זיי האָבן זיך געפונען אין בערג, געווען וואַך צו יעדער געפאַר, ווי אמתע יאַגד־הינט, וואָס זענען גרייט פאַר איטלעכער, פּלוציםדיקער אַטאַקע, איז אָבער די איצטיקע שרעק געלעגן ביי איטלעכן אין די אויגן. מיט קלאַפּנדיקע הערצער און מיט דער גרעסטער שפּאַנונג האָבן זיי געוואַרט אַ מינוט, פינף, צען, אַ גאַנצע אייביקייט און ס'האָט זיך אַלעמען אויסגעוויזן, אַז די צייט איז מיט אַ מאָל געבליבן שטיין אַ פאַרגליווערטע און עס וועט קיין מאָל נישט נעמען קיין סוף צו דער שוידערלעכער וואַרטעניש אויף דעם, וואָס עס האָט געזאָלט געשען...

די שומרים אויף די בערג האָבן דערווייל די גאַנצע צייט אָפּ־ער געמאַכט „דעכעלעך״ מיט די האַנט־פלאַכן פון זייערע הענט, דאָס צוגעטראָגן צו די אויגן, שאַרף איינגעקוקט זיך אין יענער ריכטונג און געוואָלט דערבליקן, וואָס דער שטויב וועט פון זיך אַרויסוואַרפן. נאָר די „דעכעלעך״ האָבן נישט געהאָלפן. האָבן די היטער דערנאָך אויף גיך אַראָפּגעכאַפּט די ברייטע סאָמבעראָס פון די קעפּ, דערמיט אַ ביסל פאַרשטעלט די שטראַלן פון דער ברענענדיקער זון און דערפרייטע דערזען, ווי פונעם שטויב האָבן זיך אַרויסגעשיילט צוויי פערד, וואָס זענען געלאָפן אין פולן גאַלאָפּ. זייערע קעפּ זענען געווען אויפגעהויבענע און שטאָלצע, פּונקט ווי די סוסים וואָלטן זיין צופרידן, וואָס זיי האָבן שוין באַלד דערגרייכט דעם סוף פון דעם לאַנגן וועג און געבראַכט די רייטער בשלום אַהיים...

אין אַ שטיקל צייט אַרום, ווען דער שטויב האָט זיך אַראָפּגעזעצט, און די זון איז אַרויס, האָבן די שומרים געוווּסט אויף זיכער, אַז אויף דעם פערד מיט דער שוואַרצער און גלאַנציקער פעל, איז געזעסן כוליטאָ און געפאָכעט מיט דער רעכטער האַנט צו די וועכטער אויף די בערג, אַז זיי זאָלן אויף אים נישט שיסן. און אַז אויף דעם קלענערן פערד איז עפּעס געריטן אַ נידעריק געוויקסיק מענטשל, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין פּעאָנישע קליידער. און פון די שפּיצן בערג האָט זיך פּלוצים דערטראָגן דער פריידיקער אויסגעשריי פון

די היטער, אַ געשריי, וואָס האָט זיך אַוועקגעקייקלט איבער אַלע אַרומיקע טאָלן און פון אומעטום האָבן הילכיקע עכאָס אָפּגעענטפערט אויף צוריק מיט אַן איין און איינציק וואָרט:

— כוליטאַ!

פון אַלע נאָרעס, פון אַלע ברייטע שפּאַלטן אין די ריזיקע שטיינער און פון יעדן פאַרבאָרגענעם ווינקל האָבן זיך אַרויסגערוקט געשטאַלטן פון יונגע, מיטליעריקע און עלטערע פּעאָנען. מיט גרינג געוואָרענע געמיטער און מיט אויסערגעוויינלעכער פרייד אין די גרויסע, שוואַרצע אויגן, זענען זיי געלאָפן צום אַרויסגאַנג פון „לאַגער". פון גרויס שמחה אין מיטן לויפן געוואָרפן די סאָמברעראָס אין דער לופטן, צוריקגעכאַפּט די היט און ווידער געשליי־דערט זיי אין דער הויך. אַפילו דער אַלטער גאַוטש, וואָס פלעגט געוויינטלעך קיין מאָל נישט מיטגעריסן ווערן מיט די „ווילדע" אויסבראָכן פון דעם פּעאָ־נישן עולם, האָט זיך איצט ניט געקאָנט באַהערשן, געטאָן דאָס זעלבע וואָס אַלע און געשריגן:

— כוליטאַ!

די עטלעכע פרויען זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון די צעשטראַלטע און יובלדיקע פּעאָנען. זיי האָבן פאַרריסן די לאַנגע ספּאָדניצעס ביז איבער די קני, אַראָפּגעכאַפּט די טיכלעך פון די קעפּ און דערמיט געפּאָכעט אין דער לופטן. נאָר עמאַליטאַ איז זיי פאַרלאָפן דעם וועג. מיט אָפענע און צעשפּרייטע אָרעמס האָט זי זיך געלאָזט לויפן אַנטקעגן איר געליבטן, און ווען זי האָט דערגרייכט כוליטאָס פערד, האָט זי אַנגעכאַפּט דאָס ציימל פונעם אָגער און מיט אַ צעהעלט פּנים פון גליק, געפירט דעם סוס אַזאַ זעלבסטזיכערע און שטאָלצע, ווי זי וואָלט איצט ביי זיך אין האַנט געהאַלטן דאָס גרעסטע גליק אין איר לעבן...

אין אַ ווײַלע אַרום, ווען די צוויי פערד זענען מיט שטילע טריט אַריין אין „לאַגער" און דער גאַנצער עולם פּעאָנען האָט אַרומגערינגלט די רייטער און אָנגעקוואָלן, וואָס זייער פירער איז צוריקגעקומען אַ לעבעדיקער, אַ פריי־שער און אַ מונטערער. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיי אַ ביסל מיט פאַר־דאַכט געקוקט אויף דעם נייעם פּאַרשוין, וועלכער האָט אין זייערע אויגן אויס־געזען עפּעס ווי יאַ אַ פּעאָן און נישט קיין פּעאָן, האָט כוליטאָ אויפגעהויבן די רעכטע האַנט און געבעטן דעם עולם, אַז ס'זאָל זיין שטיל, ווייל ער האָט זיי עפּעס צו זאָגן.

ווי מיט אַ כישוף איז דאָס געשריי „כוליטאָ" אויסגעגאַנגען און דער פאַר־זאַמלטער עולם איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט געקענט הערן, ווי דער שטאַרקער ווינט האָט זיך צעקושט מיט די ווילדע גראָזן אין טאָל. דעמאָלט האָט כוליטאָ אָנגעהויבן רעדן:

— אַמיגאָס! ס׳איז זייער גוט צו זען אייך אַלעמען נאָך אַ מאָל. פון איצט אָן און ווייטער וועל איך שוין אָן אייך אין ערגעץ נישט פאָרן. אָבער איך זע, אַז איר קוקט קרום אויף דעם האַמברע, וואָס איך האָב געבראַכט אַהער. ווייל איך איר זאָלט וויסן זיין, אַז דער מענטש — האָט ער איצט מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף ראַפאַעלן — איז אַ גרויסשטאָטישער. ער איז געווען אין ענטרע ריאָס און אַפילו אין בוענאָס איירעס גופא!... ווי איר קוקט אים אָן, איז ער אַ קלוגער קערל און וועט אונדז אַ סך אַרויסהעלפן. און אייך מוטשאַטשאָס וויל איך איצט אַנטדעקן אַ סוד, אַז דער האַמברע איז פון פאַך אַ פּעלוקערא, ער וועט אייך אָפּשערן די האָר און אָפּגאָלן די מאָרדעס!... צוליב דעם טאָקע האָט ער געבראַכט צוויי קעסטלעך מיט זייף. אַפילו די סעניאָריטאָס וועלן דאָס קענען נוצן... זיין נאָמען איז ראַפאַעל. זייט גוט צו אים, וועט ער אייך דערפאַר נאָך שטעלן באַנקעס אויך, אַז איר וועט דאַרפן...

נאָך דער דאָזיקער „רעדע״ איז ראַפאַעל, שוין ווי אַ שטיקל מחותן, אַראָפּ פון דער קליאַטשע. כוליטאָ האָט פאַרוואָרפן דעם רעכטן פוס איבערן זאָטל, אַראָפּגעשפּרונגען פון זיין אָגער און גלייך אַרומגענומען זיין עמאַליטאַן אַרום דער שלאַנקער טאַליע און איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. נאָך דעם האָט ער אַ רוף געטאָן ראַפאַעלן און זאַלבע דריט זענען זיי אַוועק צום קאָסציאַר. אויף אַ קעסטל האָבן אַ פּאָר פרויען אַרויפגעשטעלט צוויי פלעשער רויטן, קאַלטן וויין; אויף צוויי בלעכערנע טעלער אָנגעשניטן קאַלט געבראָטן פלייש, אָוועקגעלייגט פרישע פּלעצלעך און געזאָגט צו די געסט:

— עסט און טרינקט! איר זענט דאָך אַוודאי הונגעריק און דורשטיק?

כוליטאָ האָט אָבער באַמערקט, אַז דער אַלטער גאַוטש איז געשטאַנען אַ ביסל אָן אַ זייט אַן אומעטיקער, האָט ער עמאַליטאַן אַראָפּגעוואָרפן פונעם שויס. זי איז אַ ווײַלע געבליבן זיצן אויף דער ערד אַ ביסל אַ פאַרשעמטע, נאָר דערנאָך האָט זי זיך אויפגעשטעלט, מיט די הענט אָפּגעשאָקלט דעם שטויב, אויסגעגלייכט אויף זיך דאָס קליידל. כוליטאָ איז דערוויייל צוגעלאָפן צו דעם אַלטן מאַן, אים אַרומגענומען, צוגעדריקט צום האַרצן און פאַרענטפערט זיך פאַר אים:

— אַה, פּאַדרע מיאָ! וואָס מאַכסטו? איך האָב זיך געזאָמט צו לאַנג אין באַהיאַ בלאַנקאַ, ווייל איך האָב זיך געשעמט פאַר דיר... נישט געוואָלט קומען צוריק מיט ליידיקע הענט... און דערצו נאָך קוקן דיר גלייך אין די אויגן. מחמת דו וואָלסט דאָך געקאָנט מיינען, אַז ווען עס איז געקומען אָפּצורעכענען זיך פאַר מיין טאָטן מיט דער מאַמען, בין איך דאָרט געוואָרן אַ פּחדן. אָבער דעם אמת געזאָגט, פּאַדרע, אַז איך בין פאַרט געקומען מיט גאָרנישט...

דער אַלטער גאַוטש, וואָס איז פון דעם סטעפּ־יונגס אמתע רייד געוואָרן אַ ביסל מונטערער, האָט אַ פאַרחידושטער אָנגעשטעלט אויף כוליטאָן זיינע וואַסערדיקע, פרעגנדיקע אויגן:

— וואָס מיינסטו דערמיט, מיין זון? דו רעדסט איצט עפּעס אַזעלכע פאַרשטעלטע רייד, אַז איך קאָן זיי נישט פאַרשטיין. רעד קלאָרער, וואָס ווילסטו מיר זאָגן?...

אַ ווײַלע האָט זיך כוליטאָ געקווענקלט און נישט געוווּסט ווי אַזוי אָנצוהייבן רעדן. ער האָט אים אַפּריער געוואָלט דערציילן פון דער גאַנצער סצענע, וואָס איז פאָרגעקומען ביי דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין דער גרויסער האַסיענדאַ. אָבער ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט אויף קלאָר נישט קענען אויסמאָלן די בילדער פון די פאַרלאָפענע געשעענישן אין זייער פולן ליכט. דעריבער האָט ער באַשלאָסן צו זיין וואָס קירצער און דייטלעכער — וואָס איז דאָ נישט צו פאַרשטיין? ווען איך בין געקומען אין דער הַסיענדאַ אָפּצוצאָלן דעם חוב, איז שוין דער סעניאָר געווען טויט גאַנצע פיר יאָר...

דערהערט דאָס וואָרט „טויט", האָט דער אַלטער גאָוטש אַראָפּגענומען דעם סאָמבהעראָ פון קאָפּ און אויף גיך איבערגעצליימט זיך:

— אַזוי, אַזוי? פאַרפאַלן. וואָס קען מען טאָן? גאָט גיט און גאָט נעמט צו... אָבער פאַר מיר האָסטו זיך נישט געדאַרפט שעמען, ווייל איך בין צו דיר ווי אַן אייגענער טאַטע. איך פאַרשטיי זייער גוט דיין אַנטוישונג. נאָר דו הערסט, מיין זון: איך בין דאָ דורך די טעג און נעכט געלעגן אויפן געלעגער און געטראַכט וועגן דיר און מיר, דוכט זיך, אַז אַפילו ווען דער סעניאָר וואָלט נאָך געלעבט — וואָלסטו אים נישט געקענט דערשטעכן אַזוי ווי אַ חזיר, מחמת דו האָסט אַן אידעלע נשמה און דו קאָנסט קיינעם נישט הרגענען, סיידן אין אַ פאַרטיידיקונג צי אין אַ שלאַכט. דעמאָלט וואָלסטו זיך דאָך נישט געקאָנט העלפן...

— באַסטאַ, פּאַדרעסיטאָ! — האָט זיך כוליטאָ געבעטן ביי אים — איך בין איצט זייער מיד פון וועג און דערצו הונגעריק און דורשטיק. איז קום מיט מיר צום טיש צוזאַמען טרינקען אַ ביסל וויין. אָן דיר איז מיין יום־טוב קיין יום־טוב נישט!

אַז זיי זענען צוגעקומען צום קעסטל מיט וויין און שפּייז, ווו ראַפּאַעל איז דערווייל געזעסן אויף דער ערד און געריבן די סעודה אויף אַלע ציינער, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט. כוליטאָ האָט דעם אַלטן פאַרגעשטעלט פאַר דעם קאַסאַקן גאַסט וועלכער האָט אויף דעם גאָוטשס באַגריסונג בלויז אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. האָט דער סטעפּ־יונג אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו איינער פון די צוויי קעכנס:

— ברענגט נאָך אַ קווערטעלע פאַר דעם וויעכאָ!

בעת כוליטאָ האָט געטרונקען דעם וויין און פאַרביסן מיט גרויסע שטיקער פלייש, איז עמאַליטאַ ווידער אויסגעוואַקסן ביי אים אויפן שויס. מיט אירע לאַנגע פינגער פון דער רעכטער האַנט — אַריינגעפּאַרן צו אים אין דער שוואַרצער פאַטלע און אירע טיפע, ברענענדיקע שוואַרצע אויגן האָבן

זיך בעת מעשה אָנגעצונדן מיט צווי גליאיקע פייערלעך. אירע זאַפטיקע ליפּן האָבן זיך פונאַנדערגענומען און ס'האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָט־אָט וועט זי אים אַריינשלינגען אין זיך. אין דער רגע האָט זי אויסגעזען ווי אַ צערייצטע, הונגעריקע טיגערן, וועלכע האָט דערזען איר קרבן. פון דער נאָענט איז זי גרייט אַ שפּרונג טאָן און אים פאַרצוקן. פונדעסטוועגן איז זי פאַרט געזעסן אויף זיין שויס אַ סטאַטעטשנע און מיט ליבע אין איר קול, שטילער־הייט געזאָגט:

— עס און טרינק, מיין קערידיטאָ!...

עסן לאַנג, ווי די צ̈ערגענטינער זענען פון דורות לאַנג אָן געוווינט, האָט כוליטאָ נישט געקענט. און כאָטש עס איז ערשט געוווען נאָך האַלבן טאָג און די פלאַמיקע זון האָט געבאַקן אָן רחמנות, איז כוליטאָן פּלוצים באַפאַלן אַ שלאָף. די אויגן־דעקלעך האָבן זיך אים געקלעפּט איינס צום אַנדערן. איז ער אויפגעשטאַנען, געזאָגט צום אַלטן גאַוטש און צו ראַפאַעלן מיט די אַנדערע פּעאָנען: „האַסטאַ לאַ וויסטאַ" און מיט עמאַליטאַן אַוועק צו זיך אין ביידל.

דורך דער צייט האָבן אַ פּאָר פּעאָנען אַראָפּגענומען די טאָרבעס, די קעסטלעך מיטן זייף, אָפּגעשנאַלט די זאָטלען פון די ספּרונזשינעס, אַלץ אַריינגעטראָגן אין דעם גרויסן שאַלאַש און אַוועקגעפירט די פערד אַנצוטרינקען. דערנאָך אַריינגעטריבן זיי אין קאָראַל, אַראָפּגענומען די צוימלעך פון זייערע פּנימער, און די סוסים זענען אַליין אַוועק צום סטויג היי, וואָס די פּעאָנען האָבן דורך די עטלעכע וואָכן באַוויזן אָנצושניידן, אויסטריקענען און אויפגעשטעלט אין אַ גרויסן באַרג.

צו ראַפאַעלן איז צוגעקומען אַ פּעאָן מיט אַ טונקל־הויטיק פּנים, מיט ברייטע, אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, ווי ביי אַ קאַלמיק און מיט שמאָלע, אָבער לענגלעכע קאָרע אויגן אונטער דעם נידעריקן שטערן. באַמערקט ווי דער גאַסט האָט מיט דער האַנט זיך אָפּגעווישט די ליפּן נאָכן עסן און טרינקען, האָט ער צו אים געזאָגט ווי צו אַן אַלטן באַקאַנטן:

— ראַפאַעל, אויב דו ביסט מיד און שלעפעריק, קום מיט מיר, וועל איך דיר וויזן דיין נייעם געלעגער.

— צי איך בין מיד און שלעפעריק? — האָט ראַפאַעל איבערגעפרעגט דעם פּעאָנס פראַגע — איך קאָן אָפילו נישט איינזיצן אויף אַן אָרט. די אויגן פאַרמאַכן זיך מיר. איך וועל באַלד אַוועקפאַלן און ער פרעגט נאָך!...

— נו? טאָ קום מיט מיר!

דער פּעאָן האָט אים באַלד אַריינגעפירט אין אַ שפּאָגל־נייעם ביידל, וואָס עמעצער האָט ערשט אויפגעשטעלט. קיין לאָמפּ, קיין טישל און קיין בעטל איז דאָ נישט געוועזן. בלויז ביי דער רעכטער זייט פונעם אַריינגאַנג איז אויף דער ערד געלעגן אַ היפש ביסל היי:

— ביסט מזלדיק — האָט אים דער פּעאָן געזאָגט מיט אַ צוריקגעהאַל־טענער נישט־פאַרגינערײַ אין קול און געקליבן זיך אַרויסגיין פון דאַנען. דו האָסט אָן אייגן ביידל מיט היי פאַר זיך אַליין, ווייל אַלע אַנדערע מוטשאַ־טשאָס שלאָפן צו זאַלבע אַכט, אָדער צען אויף איין געלעגער. ראַפּאַעל, אפשר וועסטו מיר אָפּשערן די האָר און אָפּגאָלן די מאָרדע? איך מיין נישט היינט. איצט לייג זיך שלאָפן, נאָר מאָרגן. וועסט דאָס קענען טאָן?

ראַפּאַעל האָט אים אָבער שוין מער נישט געהערט. אַ מידער און טאַקע אַ ביסל אַ אַנגעשניאָשקעטער פונעם ווייַן, וואָס ער האָט ווינציקער געקאָנט פאַרנעמען איידער בראַנפן, האָט זיך אים געדרייט דער קאָפּ. איז ער אַרײַנ־געפאַלן אינעם היי, צעשפּרייט די הענט מיט די פיס און געוואָלט אַנטשלאָפן ווערן. ערשט אין ביידל איז אַרײַנגעקומען אַ דרייסיק, צי אַ פאַר און דרייסיק יעריקע פרוי מיט אַ פירקאַנטיקן פנים און מיט אַ פאַרשייטן שמייכל אין אירע חוצפּהדיקע אויגן געזאָגט:

— אויב דו וועסט מיר געבן אַ שטיקל זייף וועל — — — — —

ער האָט בלויז אויף אַ רגע אויפגעהויבן דעם מידן קאָפּ, קוים באַמערקט אירע גרויסע בריסט מיטן גראָבן בויך, וואָס האָט זיך פון פעטס אַוודאי גע־קנייטשט אין פאַלדן און ער האָט אויף איר אַ וואָרטשע געטאָן:

— גיי צו אַלדי שוואַרץ יאָר! און איז באַלד אַנטשלאָפן געוואָרן.

דער בונט

דאָס וואָס מען האָט צוליב ראַפּאַעלן אויפגעשטעלט אַ נייע פּאַלאַטקע איז נישט געווען אומזיסט. ווייל ווי נאָר כוליטאַ האָט צו וויסן געגעבן דעם עולם, אַז דער גאַסט איז אַ גרויסשטאָטישער פריזירער, וואָס קאָן אַפילו שטעלן באַנקעס, ווען מען וועט דאָס דאַרפן האָבן, זענען זיך באַלד צוזאַמענגעקומען אַנטאָניאָ דער „פערד" מיט נאַטאַליאַן און לאָפּעז מיט גאַבריעל לאַרגאָ אין אַ ווינקל־לאַגער און זיי האָבן אַנגעהויבן רעדן צווישן זיך:

— אַ פּעלוקעראָ איז דאָך נישט קיין געוויינטלעכער מענטש. ער דאַרף זיין פאַר זיך — האָט נאַטאַליאָ אַרויסגעוויזן קלוגשאַפט און גערעדט צו די אַנדערע דריי מיט היץ אין קול — ער וועט דאָך דאַרפן גאָלן און שערן אַלע מענער אין לאַגער. אַזאַ איינעם דאַרף מען אויפשטעלן אַן אייגן ביידל.

— יאָ! — איז אים גאַבריעל לאַרגאָ געקומען צו הילף אויסצופלאַנירן דעם עסק — אין אַ ביידל וועט ער גאָר נישט קענען טאָן. דאָרטן איז דאָך פינצטער. ער וועט מוזן גאָלן און שערן אין דרויסן און עס וועט זיין אַ פאַר־געניגן צו זען ווי ער וועט דאָס טאָן. מען זאָגט, אַז פּעלוקעראָס זענען אמתע

מחבלים. דאָס שערל לויפט ביי זיי אין די הענט ווי ביי אַ טייוול... איך האָב געהערט דערציילן וועגן זיי נאָך אַ זאַך, אַז ווען איינער פאַרקילט זיך און ווערט קראַנק, קומט אַ פּעלוקעראָ שטעלן באַנקעס. און אויב דאָס העלפט נישט, לייגט ער צו אַ זעלבע פּיאַוקעס צו די אויערן, וואָס זויגן אויס ביים חולה די פאַרגיפטעטע בלוטן און דער קראַנקער שטייט אויף פון בעט אַ פרישער און אַ געזונטער...

— הערט זיך איין, מוטשאַטשאָס, — האָט אַנטאָניאָ דער „פערד" באַווויזן, אַז ער ווייסט אויך אָפּצושאַצן אַזאַ מין „אויבערמענטש" ווי דאָס איז געווען דער פּריזירער — צוליב וואָס דאַרפן מיר דאָ אַ סך בראַיען און פטרן צייט אומזיסט? מיר האָבן דאָך אַ ביסל איבעריקע ברעזענטן, וועט מען אים אויפשטעלן אַ ביידל און פאַרטיק. עפּעס אַ גרויסע זאַך? איר פאַרשטייט דאָך, אַז מיט אַזאַ מענטשן דאַרף מען זיין גוט. אַ מאָל דאַרף מען צו אַזאַ איינעם אָנקומען... און שערן וועט ער טאַקע אין דרויסן.

פאַרנאַכט, צו וועטשערע, האָבן זיך נישט באַוויזן, נישט כוליטאָ מיט זייך עמאַליטאַן און נישט ראַפּאַעל. זיי זענען די גאַנצע צייט געשלאָפן ווי געהרגעטע און קיינער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ אויפצוּוועקן זיי.

אָבער אויף מאָרגן אין דער פרי זענען שוין אַלע, אויסער כוליטאַן מיט עמאַליטאַן און ראַפּאַעלן געווען אויף די פיס פון באַגינען אָן. דאָס פייער אונטערן קעסל מיט וואַסער האָט געפּלאַקערט. פון די האַלעוועשקעס האָבן זיך אָפּגעטרייסלט איינצלנע קוילן און אַריינגעפאַלן אינעם בערגל אַש, ווו זיי האָבן גלייך אָנגעווירן זייער פרי־ערדיקן קוראַזש. אַ פּאָר פרויען האָבן אויף גרויסע בלעכן געבאַקן גראָבע פּלעצלעך פון קוקורוזע־מעל און דערנאָך האָט איינע פון זיי, ווי געוויינטלעך, אַריינגעשאָטן אַ זעקעלע מיט מאַטע אין קעסל און פאַרפאַרעט דעם אַרגענטינער, נאַציאָנאַלן געטראַנק.

אַ היפּש רעדל מענער מיט עטלעכע פרויען האָבן זיך אַרומגעשטעלט אַרום דעם קאַסציאַר און הונגעריקע, מיט די אויגן „געשלונגען" די געשמאַקע אכילה. די קעכנס האָבן דאָס גראָד געזען. אָבער זיי האָבן זיך געמאַכט נישט וויסנדיק און געוואַרט אויף די פּעאָנען, וואָס האָבן נאָך מיט איבער אַ שעה צוריק אָוועקגעטריבן די פערד און בהמות צום קוואַל אָנצוטרינקען, זאָלן קומען צוריק. און אויך געוואָלט אַז כוליטאָ מיט עמאַליטאַן און ראַפּאַעל, זאָלן זיך באַווייזן, ערשט דעמאָלט וועלן זיי אַלעמען צו גלייך אויסטיילן דאָס עסן און נישט דאַרפן געבן איינצלנע פּאַרציעס יעדערן באַזונדער.

שפּעטער אַ ביסל האָט זיך אַפּריער באַוויזן כוליטאָ. אַן אויסגעשלאָפענער און אַ גרינגער אויפן טראָט האָט ער נאָך ליגנדיק אין „בעט" ביי זיך דערשמעקט דעם באַקאַנטן גערוך פון פאַרקאָכטע מאַטע, איז ער אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, אויף גיך אָנגעטאָן זיך און געקומען צו לויפן צום קאַסציאַר און אַ קאָמאַנדעווע געגעבן צו די קעכנס:

— גיסט אויס די מאַטע! שטעלט צו פריש וואַסער צום קאָכן! היינט וועט זיין אַ יום־טוב! איך האָב פון אייערטוועגן געבראַכט אַ סורפריז פון באַהיאַ בלאַנקאַ!...

צווײ געזונטע מענער האָבן גלייך אַ נעם געטאָן דעם לאַנגן אײזן, אויף וועלכן ס'איז געהאָנגען דער קעסל אויף בײדע אויערן איבערן פייער, אים אַוועקגעטראָגן אַ ביסל אין אַ זייט פונעם קאַסטיאַר, אויף גיך אויסגעגאָסן די פּעאָנען וואָס האָבן דאָס צוגעזען, האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ און געוואָר־טשעט: „אַ שאָד, אַזאַ געשמאַקע מאַטע!"... דערנאָך האָט מען דעם קעסל צו־ריק אַרויפגעהאָנגען אויף דעם פּרײַערדיקן אָרט און אים אָנגעגאָסן מיט פריש וואַסער. שפּעטער, אַז דאָס וואַסער האָט אָנגעהויבן זידן, האָט עמאַליטאַ פון איר בײדל אַרויסגעבראַכט אַ דרײַ־פונטיק זעקעלע מיט צעמאָלענעם קאַווע און אַרײַנגעשאָטן אין קעסל.

פון דעם איז דאָס רײנע וואַסער גלייך פאַרברוינט געוואָרן און איבערן „לאַגער" האָט זיך צעכוואַליעט אַזאַ שאַרפער, הונגעריקער גערוך, וואָס האָט געבײַצט און געקיצלט די נאָזלעכער. אַ סך פון די פּעאָנען איז דער קאַווע־אַראָמאַט גראָד יאָ געווען באַקאַנט. זיי האָבן אים נאָך געדענקט פון דער צייט אָן, ווען זיי האָבן געדינט בײַ זייערע געוועזענע סעניאָרעס, ווו צווײ אָדער דרײַ מאָל אַ טאָג פלעגט פון זייער פריצס ציגעלנעם קוימען זיך צעטראָגן איבער דער האַסיענדאַ דער זעלביקער ריח. אמת, די פּעאָנען האָבן די קאַווע קיין מאָל נישט פאַרזוכט. אויך די אַנדערע פּעאָנען דאָ אין „לאַגער" האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון דעם קאַווע־אַראָמאַט, כאָטש די לעצטע האָבן נישט געוווּסט אַקוראַט וואָס דאָס איז אַזוינס.

ווען די מענער, וואָס האָבן געהאַט אַוועקגעטריבן די פערד מיט די בהמות אַנטרינקען, זענען צוריקגעקומען פון קוואַל, זענען זיי צוגעקומען צום קאַסטיאַר און אויך אַרומגעשטעלט זיך אַרום דעם קעסל. דעמאָלט האָבן די פרויען געגעבן יעדערן צו אַ פּלעצל, אין די בלעכענע קוביקלעך אָנגעגאָסן קאַווע, אַהין אַרײַנגעשאָטן צו צווײ לעפעלעך מאַן־צוקער און דאָס אויסגעמישט. האָבן די הונגעריקע פּעאָנען אַ ביס געגעבן צו שטיקלעך פּלעצל, אַ שלונג געטאָן די קאַווע און אַ פּאָר צענדליק פון זיי האָבן דאָס גלייך אַרויסגעשפּיגן פון די מײַלער און די קוביקלעך מיטן שוואַרצן געטראַנק אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און אָנגעהויבן שרײַען:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פּאַסקודסטווע? ס'איז דאָך אַזוי ביטער ווי גאַל! גיט אונדז מאַטע! מיר ווילן די עקלדיקע זאַך נישט טרינקען!...

אין „לאַגער" איז געוואָרן אַ טומל, אַ ליאַרעם, אַ געשרײ. אָנגעפילטע קוביקלעך מיט קאַווע זענען ווי פייגל געפלויגן אין דער לופטן און כוליטאַ האָט פאַר זיך דערזען דעם ערשטן סימן פון אַ בונט, אַ בונט פון אייגענע מענטשן, וואָס האָט אַ יעדע רגע געקאָנט צעפלאַקערן זיך אין אַ פלאַם און

פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שחיטה מיט מעסערס, אָדער אין אַן אמתער שיסעריי פון ביקסן און דער גאַנצער „לאַגער" וואָלט אַוועק מיטן רויך. און דאָס טשע־קאַווסטע דערביי איז געווען, וואָס דער כעס און זייער רציחה איז איצט נישט געווען געווענדט אַנטקעגן פּריצים, צי אַנטקעגן די אַגענטן פון דער פעדעראַ־לער רעגירונג, נאָר אַנטקעגן זייערע אייגענעם פירער, וואָס האָט זיי פון דער ווייטער שטאָט געבראַכט אַ מתנה אַ ביסל קאַווע, וואָס די פּעאָנען האָבן דאָס צום ערשטן מאָל אין זייערע לעבנס פאַרזוכט און צוליב דעם אויסגעבראָכן אין אַ ווילדן צאָרן.

כוליטאָ האָט באַגריפן, אַז אויב ער וויל אָפּראַטעווען דעם „לאַגער", מוז ער די צעשרויפטע לאַגע נעמען גלייך אין די הענט. אויב נישט, וועלן די ווילד־געוואָרענע פּעאָנען מאַכן אַ שווידערלעך בלוט־באָד איינער אויפן אַנ־דערן. האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ הילצערן קעסטל, וואָס איז דערביי געשטאַנען און מיט זיין ברוסטיקן קול אָנגעהויבן מוסרן דעם צעווילדעוועטן עולם:

— קאַראַכאָ, לאַ גראַן סיעטע! — איך האָב פאַר דער קאַווע באַצאָלט אַ גאַנצע פּעזע און דאָס געפירט אַזש פון באַהיאַ בלאַנקאַ! געבראַכט איך אַ מתנה, אַז אויך איר זאָלט כאָטש איין מאָל פאַרזוכן דעם געטראַנק, וואָס עס טרינקען די רייכע לייט אין די שטעט און אין פּאַלאַצן און פּאַסמאַקעווען זיך דערמיט. איז דאָס אייער דאַנקבאַרקייט?... אַזוי פירן זיך דאָס אויף אייגענע מענטשן, אַרגענטינער פּעאָנען, ברידער וואָס זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון פּריי־צישע בייטשן? שעמען מעגט איר זיך!...

מיט אַריינגעפלאָכטענע הייעלעך אין זיינע שיטערע האָר, איז געשטאַנען ראַפּאַעל. אַ ווילע האָט ער באַטראַכט די צעווילדעוועטע פּעאָנען און מיט באַדויערונג געשאָקלט מיטן קאָפּ. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צום קעסטל, אַראָפּגעשטופּט פון דאָרטן כוליטאָן און אָנגעהויבן רעדן מיט אַזאַ הויכן און ברוסטיקן קול, וואָס האָט גאָר נישט געפּאַסט נישט צו זיין גאַנצן דאָרן און נידעריקן געשטעל און אַוודאי נישט צו זיינע קאַסאָקע אויגן. דאָס איז עפּעס געווען אַזאַ דורכדרינגענדיקע שטים, וואָס האָט ווי מיט אַ שאַרף מעסער דורכ־געשניטן די אין דער פּריִעריקע קילע לופט:

— ברידער, אַרגענטינער! ס'איז גראָד זייער גוט, וואָס איר פאַרמאָגט אין זיך מוט און קוראַזש צו קעמפן!... אָבער דער קאַמף אייערער דאַרף נישט זיין צוליב אַ טעפּעלע מיט קאַווע! און ער דאַרף אויך נישט זיין אַנטקעגן כוליטאָן, נאָר יעדער פּעאָן און אָרעמער אַרבעטער דאַרף נעמען אַ ביקס אין דער האַנט, צי אַ מעסער, אָדער אַ האַק און אויסראָטן די פּעאָדאַלע צעפוילטע רעגירונג אונטער וועלכער מיר אַכצן! דאָס מיינט: קעמפן אַקעגן די פּריצים, וואָס האָבן אייך הונדערטער יאָרן געהאַלטן אין קנעכטשאַפט!... אָבער דאָ אין לאַגער האָט איר נישט אַנטקעגן וועמען צו בונטעווען זיך. דאָ זענען מיר אַלע

גלייכע. מיר זענען געטריבן געוואָרן אַהער פון און דורך די זעלביקע צרות!... אויב אירווילט דווקא נישט טרינקען קיין קאַווע, וואָס דאָס איז דאָך פאַרשטענדלעך, ווייל איר האָט אַלע מאָל בלויז געטרונקען מאַטע, וועלן פאַר אייך די ווייבער אויפקאָכן נייע מאַטע, נאָר מאַכן וועגן דער קליניקייט אַן אויפשטאַנד אַנטקעגן אונדזער פירער, כוליטאַן — איז פשוט אַ סקאַנדאַל פון דעם נידעריקסטן סאָרט און אַזאַ זאַך טאָר נישט דערלאָזט ווערן. פירט זיך אויף ווי רעוואָלוסיאָנאַריאָס, ווי אַ פאַראייניקטער כוח און נישט ווי אַ באַנדע ווילדע! דאָס איז אַ שאַנדע פאַר דעם גאַנצן לאַגער!...

דער צעיושעטער עולם האָט זיך צו ביסלעך איינגעשטילט. אַ פאַרשעמטער איז דערנאָך יעדער איינער צוגעגאַנגען צו זיין אַוועקגעוואָרפענעם קוביקל, אים אויפגעהויבן פון דער ערד, אַרויסגעקלאַפּט דעם זאַמד פון דאָרט, מיט די ברודיקע פינגער אויסגעווישט דעם שטויב פון אינעווייניק, וואָס האָט זיך אַהין פאַרקליבן דורך דער צייט וואָס זיי זענען געלעגן אויף דער ערד. נאָר קיין קאַווע צי מאַטע האָבן שוין די „בונטאַרן" דעם פרימאָרגן נישט געטרונקען. פון חרפּה האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די קעפּ, מיט איילנדיקע טריט אַוועק פון קאַסציאַר און אין זייער גיכן אַוועקגיין איז געווען קאַנטיק, אַז זיי האָבן זיך איצט געשעמט צו קוקן אויף כוליטאַן און אויף ראַפאַעלן וועלכער האָט זיי אַריינגעזאָגט אַזעלכע רייד, וואָס איז זיי אַריין אין דער זיבעטער ריפּ.

אַ שערער אין דער וויסטעניש

כאָטש די מערסטע מענער אין „לאַגער" האָבן זיך געציילט אין די צוואַנציקער יאָרן, זענען אָבער אַלע אָן אויסנאַם געווען באַבערדלטע, מיט קורצע, לאַנגע, ברייטע, דינע, געדיכטע, שוואַרצע און ברוינע, גלייכע און קאָלטענעוואַטע בערד מיט פאַרדרייטע האָר אויף צוריק צו זיך אונטער די שפּיציקע און האַלב־קיילעכדיקע מאָרדעס. די איינציקע, וועלכע האָבן קיין סימנים פון בערד נישט געהאַט זיינען געווען די אינדיאַנער פון דער פּאַמפּאַ דע אַטשאַלאַ און פון לאָס אַלטאָס קומברעס. הויכע און שלאַנקע מיט שאַרפע געזיכט־שטריכן און שמאָלע, לענגלעכע קאַרע אויגן, זענען זייערע הויטן אויף די פּנימער געווען ווי פון העלן בראָנז. נאָר שיטערע און ווייכע, וואָס האָבן פון זיך קיינע האָר־שפּראָצונגען נישט אַרויסגעגעבן און זענען געווען גערעטן מער פּרוואישע איידער אין מענערשע הויטן.

די פעאָנען, וואָס זענען שוין דאָ געווען באַגלייך מיט כוליטאַן און דעם אַלטן גאַוטשאָ, האָבן נישט געקאָנט פאַרליידן דאָס בייסעניש פון די האָר ביי זיך אויף די מאָרדעס, נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם אומפליי וואָס האָט זיך

אַהין פאַרקליבן און דערגאַנגען די יאָרן. האָבן זיי אָפּט באַנעצט די בערד און דערנאָך מיט די אייגענע קינזשאַלן געסקראָבעט די אָנוווקסן. נאָר צוליב דעם וואָס זיי האָבן נישט געהאַט קיין שפּיגעלעך אויף אַריינצוקוקן, צו זען וואָס זיי טוען, זענען זייערע פּנימער נאָך דעם געוואָרן אַזעלכע צעדראַפּעטע און צעבלוטיקטע, ווי קעץ וואָלטן זיי געדראַפּעט מיט די שאַרפע נעגל און אי־בערגעלאָזט שאַרפע שטראַמען. אָבער דער סאָרט גאָלן זיך איז די פּעאָנען גיך דערעסן געוואָרן און זיי האָבן געלאָזט וואַקסן די בערד אין זייער גאַנ־צער ווילדקייט.

נאָר איצט, אַז דער גרויסשטאָטישער פריזירער, ראַפּאַעל איז אַהער גע־קומען און מיטגעבראַכט עטלעכע שערעלעך מיט דריי ברייטוועס און צוויי קעסטעלעך מיט זייף, האָבן זיך אַ כאָפּטע יונגען באַוויזן לעבן זיין נייעםביידל און געפאָדערט פון אים, אַז ער זאָל ביי זיי אַראָפּנעמען די בערד און אָפּשערן די לאַנגע האָר פון די קעפּ, וואָס זענען שוין אַראָפּגעפאַלן ביז אי־בער זייערע קאַרקן.

ראַפּאַעל האָט אַ קוק געטאָן אויף דער גרויסער צאָל מענער, האָט ער קיין צייט נישט געוואָלט פאַרלירן. ער האָט געוווּסט, אַז דאָ אין לאַגער וועט זיין אַ סך אַרבעט. דעריבער האָט ער געהייסן, אַז די „קליענטן" זאָלן זיך צע־שטעלן אין אַ לאַנגער רייע, כדי ער זאָל וויסן וועמען צו נעמען אַפריער און וועמען שפּעטער.

אַ פּאָר פּעאָנען האָבן דערוויל, אויף ראַפּאַעלס עצה צעלייגט אַ פייער. ביי די פרויען קעכנס אויסגעבאָרגט אַ קליינעם טשוהון, אים אָנגעגאָסן מיט וואַסער און אַרויפגעשטעלט אויף צוויי שטיינער צום קאָכן. ווען דאָס וואַסער איז הייס געוואָרן האָט ער אויף אַ קעסטל אָוועקגעזעצט דעם ערשטן מאַנס־פּערשוין, צעריסן אַ מעל־זעקל אויף צווייען, איינעם געמאַכט פּאַר אַ „ליילעך". דערמיט אַרומגעוויקלט דעם זיצנדיקן אַרום דעם האַלדז, דערנאָך גענומען אַ לאַנג און שפּיציק שערל מיט אַ פּאַרדרייט האַלב רינגעלע אויפן לינקן אויערל און אָנגעהויבן שערן די האַרטע, לאַנגע און גלייכע האָר פון דעם יונגנס קאָפּ.

ווי נאָר דאָס „הונגעריקע" שערל האָט זיך צוגעכאַפּט צום יונגס האָר, האָט זיך עס צעקוויטשעט און צעשריִען מיט שטאָלענע קולות, אַז די האָר ביים פּעאָן זענען פּאַר איר צו האַרט איינצובייסן. פונדעסטוועגן האָט עס זיך באַלד אונטערגעגעבן און געגריזשעט גאַנצע זשמעניעס. הפּנים, אַז ראַפּאַעל האָט זיך נישט צוגעהערט צו דעם שערלס פּריִערדיקע „פּראָטעסטן". ווי אַ פּילאָ־סאָף, מיט אַ הויכן אַרויסגעשטעלטן בייכל, איז דער שערער געשטאַנען אַ ביסעלע געבויגן מיט דער פּלייצע אויף צוריק און דאָס שערל אין זיין שטאַר־קער האַנט, מיט די פלינקע, בייגעוודיקע פינגער — האָט גיך געקאָסיעט די טשופרינע און דער פּאַטאַגאַנישער טיפער טאָל, וואָס איז געווען אַרומ־

געזוימט מיט הויך פליייציקע בערג כמעט פון אַלע זייטן, איז צום ערשטן מאָל באַפּאַרבט געוואָרן מיט שוואַרצע בערגלעך האָר פון מענטשן.

נאָכן אָפּשערן האָט ראַפּאַעל דאָס אַנדערע האַלבע זעקל אָפּגעטונקט אין קעסל, אויסגעדרייט דערפון דאָס הייסע וואַסער און די שמאַטע צוגעכמאַ־ליעט דעם זיצנדיקן פּעאָן צום פּנים. די קאַלטענעוואַטע געדיכטע באָרד איינ־געריבן מיט זייף, דערנאָך האָט ער באַשפּיגן דעם רימענעם שוואַרצן פּ־ס, אויף אים אָנגעשאַרפט דעם גלאַנציקן גאָלמעסער און מיט דער גיכקייט פון אַ טיקול אַ פּאָר מאָל אַ פיר געטאָן דעם חלף אויף איין באַק, אויף דער אַנ־דערער, אונטער דער מאָרדע און די באָרד איז תיכף פאַרשוווּנדן. און פון קעסטל האָט זיך אויפגעשטעלט אַן אָפּגעגאָלטער, אַן אַרומגעשוירענער פּעאָן, וואָס האָט איצט געהאַט אַזאַ ראָזעווען פּנים, ווי דאָס הינטער־חלק ביי אַן עופהלע, וואָס די מאַמע האָט ערשט אָפּגעבאָדן...

באַלד ווי דער שערער איז בייגעקומען דעם ערשטן „קונד" איז ביי ראַ־פּאַעלן די אַרבעט אָוועקגעגאַנגען אַ סך גיכער. פונדעסטוועגן איז אַלע טאָג פּאָר זיין בײדל געשטאַנען אַ היפּשע רייע פּעאָנען און געדולדיקע געוואַרט שעהן נאָכאַנאַנד ביז דער „פּעלוקעראָ" וועט זיי אַרומפוצן. די בערגלעך שוואַר־צע, ברוינע און קאַשטאַנענע אָפּגעשוירענע האָר אַרום קעסטל זענען כסדר געוואַקסן. אמת, פאַרקערן דאָס מיט אַ בעזעם האָט מען נישט געדאַרפט, ווייל אין עטלעכע טעג אַרום איז פון די וויסטע סטעפּעס אָנגעקומען אַ שטאַרקער ווינט, וואָס האָט די בערגלעך האָר אַ נעם געגעבן צו זיך אין די ווינטיקע פּאָלעס, אָוועקגעטראָגן איבער דעם גאַנצן אַרום און סיי די פּאַטאַגאָניער בערג און סיי די טיפע און געהיימע טאָלן זענען פאַרזייט געוואָרן מיט אַ נייער סאָרט זריעה...

אַ קו „גייט צו קינד"

דער אַרגענטינער זומער איז גיך אָוועק און עס האָבן זיך באַוויזן די ערשטע סמנים פון האַרבסט. קיין גרויסער אונטערשיד פון דער זומערדיקער פּאַנאָראַמע ביז צו דער האַרבסטיקער — איז נישט געווען. נישט מער ווי דאָס, וואָס די משופּעהדיקע שטיינערנע סקאַלעס מיט די נאַקעטע ברעגן זענען אַ ביסל כמור־נער געוואָרן. די ביימער האָבן אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די געל געוואָרענע בלע־טער און אין דער פּאַמפּאַ און אין דעם באַהיאַ בלאַנקאַ סטעפּ זענען די ווילדע גראָזן געוואָרן נאָך שטייפערע און זייער בלאַסער, גרינער קאָליר — אַ סך טונקעלער ווי פריער. די פיאָלעטע גרויסע בלומען אויף די הויכע, רויטע פיסלעך, וואָס האָבן אַ גאַנצן זומער מיט זייער אייגנאַרטיקן חן אַרויסגע־

לאַכט פון צווישן די ווילדע גראָזן און געהאַלטן אַראָפּגעלאָזט זייערע צאַרטע פליטערלעך אויף אַראָפּ און אַזוי אַרום אַריינגעגאַרט צו זיך פאַרשידענע מיני אינזעקטן, האָבן איצט פאַרמאַכט די ליפּן און די ווילדע בלומען זענען שטיין געבליבן פאַרקלעמט, אומעטיקע און געוואַרט אויף דעם ערשטן האַרבסטיקן רעגן.

גראַד איצט איז די רויטע בהמה מיטן ווייסן גרויסן בויך, מיט די ווייסע פליאַמעס אויף די דעכוועגעס און מיט דעם ווייסן „מעדאַליאָן" אויפן שטערן, אַט די זעלביקע בהמה, וואָס האָט נאָך אין אָנהייב פרילינג אַריינגעכאַפּט אין זיך דעם פאַרזיי פון דעם שוואַרצן, צעווילדעוועטן ביק, וועלכן כוליטאַ מיט זיינע יונגען האָבן פאַרנומען פון אַ גרויסער טשערעדע און געבראַכט אַהער אין די בערג, אַט די רויטע בהמה האָט זיך איצט אַוועקגעלייגט אין מיטן קאַראַל און פון גרויס ווייטיק, מסתמא, אָנגעהויבן אימהדיק צו מוהוקען.

אַ לאַנגע צייט איז די בהמה געלעגן אויף אַ זייט און מען האָט איר רעכט אויג נישט געקאָנט זען נאָר דאָס לינקע: אַ גרויס, אַ שוואַרצס כמעט און אַ קיילעכדיקס, מיט לאַנגע שוואַרצהאָריקע וויִעס, האָט געקוקט אויף די מענטשן, וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעקליבן, מיט אַזוי פיל צער, מיט אַזעלכע ליידן, אַז עס האָט אַלעמען אויסגעדוכט ווי די רויטע בהמה וואָלט זיך ממש געבעטן רחמים, אַז מען זאָל איר העלפן אַריבערטראָגן אירע שווידערלעכע געבורט־ווייען.

נאָך אַ לאַנגער צייט ליגן אויף אַ זייט און כסדרדיקן מוהוקען, איז די רויטע מיט אַ מאָל אַנטשוויגן געוואָרן און איר שווייגן האָט אָנגעוואָרפן נאָך אַ גרע־סערן פחד ווי איר פריִערדיק מוהוקען. דער עולם האָט צעעפנט די אויגן און געזען: די בהמה האָט ארונטערגעשאַרט די הינטערשטע פיס הינטער זיך; די פאָדערשטע איינגעגראָבן טיף אין דער ערד, מיט אַלע כוחות אָנגעהויבן קוועטשן זיך און בעת־מעשה האָבן שויןביידע אויגן אָנגעהויבן אַרויסשפּאַרן פון די אויגנלעכער. דער גרויסער בויך מיט די אָנגעפּוישטע דעכוועגעס האָט זיך, ווי אַ בלאָז־זאַק אין אַ קוזשניע, שווער געהויבן אַרויף און צוריקגעפאַלן. נאָר אָט האָט זי פּלוצים צוריק אַוועקגעלייגט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, אָנגע־שטאָלט דעם רעכטן פאָדערשטן פוס, אַזוי אַרום געקריגן אַן אָנשפּאַר, וואָס זאָל איר העלפן צו אָנטבונדן ווערן און אַרויסדריקן דאָס „קינד" פון זיך...

פון דער רגע אָן איז דער רויטערס מוהוקען געוואָרן אַלץ העכער און האַרצרייסנדיקער פון מינוט צו מינוט. אירע געשרייען האָבן אָנגעוואָרפן אַזאַ אימה, אַז אַפילו די אַנדערע בהמות אין קאַראַל, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פון דאַנען און מעלה־גרהט, האָבן אויף אַ ווײַלע אויפגעהערט צו שנאָלן מיט די אָנגעשפּיצטע אויערן און אויסגעדרייט די קעפּ צו דער „קימפּעטאָרן". נאָר דערנאָך האָבן זיי צוריק אָנגעהויבן מעלה־גרהן. אָבער איצט, גיכער איי־דער פריִער, שטאַרקער געשמיסן מיט די לאַנגע עקן. ביי זיך פון די פליי־

צעס און פון די שפּיגעס אַראָפּגעטריבן די בלויז־זלידנע פליגן און זענען געבליבן שטיין אַזעלכע גלייכגילטיקע, ווי דער רויטערס שרייען און איר בעטן זיך, אַז מען זאָל איר העלפן, וואָלט אויף זיי גאָר קיין ווירקונג נישט געהאַט. אַדרבא, פון דעם אופן ווי די בהמות האָבן דערויף געשאָקלט מיט זייערע חנוודיקע „ווייבערישע" קעפּ, זיי געדרייט צו דער ליגנדיקער קו און מיט די נישט־פאַרגינערישע בליקן אָפּט געכאַפּט אַ גנבישן קוק אויף דער רויטערס הויכן בויך, איז געווען צו זען, אַז זיי זענען איר גאָר מקנא געווען אירע גע־בורט־ווייען.

אָבער די רויטע קו האָט אויף די בהמות נישט געקוקט און פון זיי קיין הילף נישט דערוואַרט. מיט אַן אויסגעצויגענעם אָנגעשטרענגטן האַלדז איז זי נאָך אַלץ געלעגן אַ ביסל אויף איין זייט און געמוהוקעט לאַנג און אַזוי פּאַר־גייענדיק, אַז די גלאַנציקע פעלן ביי די פערד, וואָס זענען געשטאַנען אַרום דעם סטויג היי, האָט זיך אַ רונצל געטאָן. די סוסים האָבן אויפגעהערט צו קייען דאָס היי. זיי זענען אומרויק געוואָרן און מיט די פיס אָנגעהויבן קאָפּען אין דעם אָנגענעצטן גנאָי, איבערגעוואָרפן זיך מיט קורצע, צערייצטע היר־זשען, וואָס איז געווען אַ סימן, אַז די איידעלע באַשעפענישן האָבן נישט גע־קאָנט פאַרטראָגן דאָס שוידערלעכע מוהוקען פון דער ליגנדיקער בהמה.

די רויטע בהמה האָט זיך אַ פּנים ווינציק וואָס גערעכנט מיט די פערדי־שע געפילן און געטאָן אירס. אָבער מיט אַ מאָל האָט זי אַרויסגעלאָזט אַ פאַר־צווייפלטן מ־ו־ה־ו! זי האָט אָפּגעקערט דעם עק אין אַ זייט, פון איר טראַכט האָט אַ פלייץ געטאָן אַ טייך מיט וואַסער און פון דער צעשפּרייטער עפענונג, וואָס האָט זיך צענומען פון זיך אַליין, האָט זיך אַפּריער באַוויזן אַ שוואַרץ קעפּל מיט אַ ווייסער, קליינער פּליאָמע אויפן שטערן; דערנאָך האָבן זיך פון דאָרט אַרויסגערוקט אַ פּאָר קליינע, פּלאַטשיקע אויערן, אַ קורצער האַלדז און נאָך דעם האָט זיך נאָכגעשלעפּט אַ היפּש גופל מיט די פאָדערשטע פיס־לעך פאַרלייגט אונטערן זיך און די הינטערשטע — אויסגעצויגן, ווי צוויי שטעקעלעך אין דער לענג.

אַז דאָס נייע באַשעפעניש איז מיט מזל אַרויס אויף דער ליכטיקער וועלט, איז דאָס אַ לאַנגע צייט געבליבן ליגן לעבן דער מוטערס הינטער־חלק אין גאַנצן נאַס, מיט עפּעס אַזאַ מאָדנער קלעפּיקער נאַסקייט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שליים און געגלאַנצט אין דער האַרבסטיקער זון. דאָס ערשט געבוירן „קינד" האָט די גאַנצע צייט געציטערט פון דער „דרויסנדיקער" קעלט. זיין איידעלע פעל האָט געדראָזשעט, געצוגעלט זיך און דאָס נייע באַשעפעניש האָט נישט געקאָנט דערכאַפּן די פריערדיקע וואַרעמקייט. בלויז זיינע שוואַרצע פּיסלעך האָבן פון צייט צו צייט אַ דריגע געטאָן, ווי דאָס נייע לעבן וואָלט זיך וועלן אויפשטעלן און קיין כוח נישט געהאַט.

איצט איז די רויטע אַ שווייגנדיקע געבליבן ליגן ווי אַן אָפּגעחלשטע און

שווער געדעכעט. אָבער צו לאַנג איינליגן אויף דער ערד האָט זי שוין מער נישט געקאָנט. האָט זי זיך אין אַ ווײַלע אַרום אויפגעשטעלט, אַ שטיקל צייט געשטאַנען מיט צענומענע פיס, דערנאָך אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו איר „קינד“, דאָס באַטראַכט מיט אַ לאַנגן, פאַרשנדיקן בליק; אַ קורצן, צערטלעכן מוהוקע געטאָן, אים אַ רוף געגעבן צו זיך און מיט דער אומגעדולדיקייט פון אַן איבערגעגעבענער, גוטער מוטער געוואַרט ביז דאָס „קינד“ אירס וועט זיך אויפהייבן פון דער ערד און צוקומען.

הפנים, אַז דאָס ניי געבוירענע באַשעפעניש האָט פאַרשטאַנען זיין מוטערס לשון. מחמת ווי נאָר דאָס האָט דערהערט איר מוהוקען, האָט עס זיך פּאַמעלעך אויפגעשטעלט אויף זיינע ציטערדיקע פיסלעך, אַ ווײַלע אַרומגעקוקט זיך: ווו איז ער דאָס אין דער וועלט?... נאָך דעם איז דאָס מיט וואַקלענדיקע טריטלעך צוגעגאַנגען צו דער רויטערס פּנים. זי האָט אויף זיין צוגאַנג אַ שאָקל געטאָן מיטן גרויסן קאָפּ, ווי זי וואָלט עס באַגריסט. תיכף אַרויסגעשטעקט איר לאַנגע, ראָזעווע צונג און דערמיט באַלעקט און אָפּגעווישט די פּייכטקייט פון איר „קינדס“ נאַסן גופל, פּונקט ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז איר ערשטלינג זאָל זיך חלילה נישט צוקילן...

די אַנדערע בהמות אין קאָראַל האָבן איצט ווידער אויסגעדרייט אַהער זייערע קעפּ, לאַנג געקוקט אויף דער גליקלעכער, רויטער מאַמען מיט איר „קינד“ דערנעבן און אין זייערע בהמהשע אויגן איז געווען צו זען, אַז זיי האָבן פּשוט נישט פאַרגונען דער רויטער קו איר גליק. וויל זיי האָבן זיך באַלד אויסגעדרייט צו איר מיט די הינטנס און איר אויף להכעיס געבליבן שטיין אין אַזעלכע פּאָזעס, פּונקט ווי זיי וואָלטן גאָר נישט געווען בייגעריק צו קוקן אַהער און אָנגעהויבן מעלה־גרהנען אַזוי אַפּאַטיש ווי די רויטע מוטער מיטן קינד וואָלטן גאָר אויף דער וועלט נישט געווען!

אַז דאָס „קינד“ איז אַרומגעלעקט געוואָרן פון דער מאַמעס צונג, און דערנאָך אַ ביסל אַ טריקן געטאָן זיך אויף דער וואַרעמער זון, און דערפילט ווי דאָס הערצל האָט עס אַ צי געגעבן, איז עס מיט פּאַמעלעכע נאָר זיכערע טריטלעך אַוועק צו דער מוטערס אייטער מיט אַזאַ נאַטירלעכן גאַנג, ווי עס וואָלט דעם וועג אַהין געוווסט פון דורות אָן. דאָרטן האָט עס אונטערגעטוקט זיין שוואַרץ קודעראַווען קעפּל אונטער איר בויך. מיטן ראָזעווען צינגל דערטאַפּט די ערשטע ציצל, וואָס איז געווען אמנאָענטסטן צו זיין קליינעם מיילעכל און אָנגעהויבן זויגן די מילך מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי עס וואָלט שוין טעג נאָכאַנאַנד נישט געגעסן און דערביי געהאַלטן אין איין שטורכקען איר מיטן קעפּל אין דעם אייטער, אַז די מילך זאָל פון דאָרט אַרויסרינען וואָס גיכער.

אַנטאָניאָ דער „פערד“ איז דערווייל צוגעגאַנגען צו דעם זויגנדיקן באַשעפעניש, אויפגעהויבן דאָס קורצע שטייפע עקל, דערנאָך איינגעבויגן זיך, אַ קוק געטאָן ביי דעם „קינד“ אונטערן בייכל און מיט גרויס פרייד אין זיין

באַסאָוון קול אַ געשריי געגעבן צו די אַנדערע פּעאָנען, וואָס זענען נייגעריקע געשטאַנען אַרום דער רויטער בהמה:

— קאַראַכאַ! דאָס איז דאָך גאָר אַ ביקל!

—דו ביסט זיכער, אַז דאָס איז אַ ביקל? — האָט עמעצער פון די פאַר־זאַמלטע געפרעגט — אפשר ווייסטו גאָר נישט דעם אונטערשיד פון אַ זכר ביז אַ נקבה? — האָט שוין נאַטאַליאַ אָפּגעלאַכט פון אַנטאָניאָן. און ס'איז גע־ווען צו זען, אַז אַפילו ער, אָט דער נאַטאַליאַ, וואָס איז דאָ אין „לאַגער" געווען פאַררעכנט פאַר אַ „דאַמען־העלד", האָט זיך טיף אין האַרצן געפרייט, וואָס אַ ניי לעבן איז צוגעקומען אין טאָל און אין „לאַגער" איז אויפגעגאַנגען גאָטס ברכה, ווייל אַ ביקל איז נישט קיין קעלבל און עס וועט מיט דער צייט פאַר־גרעסערן די קליינע סטאַדע בהמות...

מערקווירדיק איז געווען, אַז אַפילו די גאַסן־פרויען, וואָס זענען ביז זייער אַנקומען אהער אין די בערג געווען פשוטע פּראָסטיטוטקעס, און האָבן איצט צוגעזען די אויסערגעוויינטלעכע סצענע, ווי די רויטע בהמה האָט געהאָט איר קינד, וואָס האָט איצט געטויקעט דאָס קעפּל אין אירע אייטערס און געצויגן די מילך, אַפילו זיי זענען שטאַרק מקנא געווען דער גליקלעכער קו און יע־דערע פון זיי האָט ביי זיך אין האַרצן געווונטשן זיך, אַז הלוואי וואָלט מיט איר גופא געשען דאָס זעלביקע וואָס מיט דער רויטער בהמה...

דער טויט פון דעם אַלטן גאַוטש

דער איינציקער מענטש, וואָס האָט נישט געזען דאָס בילד ווי אַזוי די רויטע בהמה איז מיט אַזוי פיל מאַטערנישן „געגאַנגען צו קינד" און אַפילו שפּעטער נישט געקומען אָנקוקן דאָס נייע, שוואַרצע ביקל, וואָס האָט גלייך ביים געבורט געהאַט אַזאַ שטייפן און קורצן קאַרק און מיט אַ חנעוודיק קודרעוואַט קעפּל, כמעט ווי ביי אַ דערוואַקסענעם ביק, און מיט זיין שיינעם אויסזען אויסגענומען ביי אַלע פּעאָנען — איז געווען דער אַלטער גאַוטש.

ער איז די גאַנצע צייט געלעגן ביי זיך אין ביידל אויף דעם אַלט־גע־וואָרענעם און צעריבענעם היי, ווייל צוליב עפּעס אַן אינערלעכער סיבה אין זיין בולאַווער נאַז, האָט ער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם זיסן אַראָמאַט פון פרישׁ געשניטענעם גראָז. און כאָטש כוליטאַ האָט דעם אַלטן אָנגעזאָגט די בשורה, אַז „אַ בהמה קעלבט זיך" ער זאָל אַרויסקומען אין קאָראַל צו זען דאָס מיט די „אייגענע אויגן" — האָט דער גאַוטש דערויף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אין דער לופטן, ווי פאַר אים וואָלטן אַזעלכע זאַכן קיין נאָווינע נישט געווען. אַז אין לויף פון די צענדליקער יאָרן, וואָס ער האָט געלעבט אין

סטעפּ און אַפילו נאָך פריער, ווען ער האָט געדינט ביי זיין פריץ און ביי אים געפיטערט טויזנטער בהמות, האָט ער אַלע סוף זומערס געזען ווי אַ בהמה פלעגט זיך פלוצים אַוועקלייגן אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו קוועטשן זיך אַזוי לאַנג ביז זי האָט פון זיך אַרויסגעגעבן גאָטס ברכה...

צוליב דעם וואָס דער אַלטער גאַוטש האָט די איצטיקע סצענע נישט געוואָלט גיין זען, האָט מען אויף אים קיין פאַריבל נישט געקענט האָבן. ווייל פון אייערנעכטן אָן האָבן אים געבראָכן די ביינער. די פלייצע האָט שטאַרק ווי געטאָן. די הענט מיט די פיס זענען געלעגן אויפן היי ווי איבעריקע אברים. דער גאַנצער גוף האָט געדראָזשעט פון קעלט און אַ קאַלטער שוויס האָט אַלע ווײַלע באַדעקט זיין נידעריקן שטערן מיט גרויסע, קיילעכדיקע טראָפּנס. דער חולה האָט אַפילו קיין כוח נישט געהאַט אויפצושטיין פון געלעגער און גיין צום קאַסציאַר עסן פרישטיק, מיטאָג אָדער וועטשערע.

די פאַרקילונג איז הפנים געווען אַ שטאַרקע און אַ שאַרפע. מחמת דער אַלטער גאַוטש איז געלעגן אַ וואָך נאָך אַ וואָך און געפילט ווי די כוחות זענען אים אויסגערונען פון אַלע אברים. אין לאַגער האָט זיין קראַנקייט ביי אַלעמען אַרויסגערופן אַ מורמלען, וואָס איז געגאַנגען פון מויל צו אויער, אַז „מיטן אַלטן האַלט שמאָל"... אמת, כוליטאַ האָט געטאָן אַלץ וואָס ער האָט נאָר געקענט, כדי אָפּצוראַטעווען דאָס לעבן פון זיין באַליבטן „פּאַפּיטאַ". ער האָט אַפילו באַפוילן איינעם פון זיינע אינדיאַנער, אַז יענער זאָל אַרויספאָרן אין דער פּאַמפּאַ, צי ערגעץ ווו אין די הויכע בערג און ברענגען פון דאָרטן אַזעלכע קרייטעכצער, וואָס זאָלן אַ ביסל לינדערן דעם אַלטנס שאַרפע שמערצן.

איין מאָל נאָך האַלבן טאָג איז דער אינדיאַנער צוריקגעקומען פון די בערג. ער איז געווען אַ הויכער און אַ דאַרער, מיט אַזאַ הויט אויפן פנים, וואָס האָט אויסגעזען ווי געמאַכט פון אמתן בראָנדז. ער האָט פון די בערג געבראַכט אַ היפּש ביסל קרייטעכצער, וואָס זענען באַשטאַנען פון קורצע, גראָבע ווילדגראָזיקע שטאַמען, מיט בלייכע וואָרצלען אויף וועלכע עס זענען געוואַקסן לאַנגע וואָנצעס פון צו לאַנג ליגן אין דער ערד. די ווילדע געוויקסן האָט דער אינדיאַנער אַריינגעטאָן אין אַ טעפּל מיט די וואָנצעס צוזאַמען, אַריינגעגאָסן וואַסער און צוגעשטעלט קאָכן. ווען דאָס וואַסער האָט זיך צעזאָטן און געקאָכט זיך אַ היפּשע ווײַלע, האָט דער אינדיאַנער אַראָפּגענומען דאָס טעפּל פון פייער, אָפּגעזייט די פליסיקייט אין אַ בלעכענעם קוביקל און דאָס צוגעטראָגן צום אַלטן גאַוטש:

— טרינק, וויעכאָ. דערפון וועסטו געזונט ווערן...

געזען, אַז דער גאַוטש האָט זיך אַ דריי געטאָן אַהין און אַהער, געפּרוּבירט אויפהייבן זיך מיט די עלנבויגנס און איז אויס שוואַכקייט צוריקגעפאַלן אויפן געלעגער, האָט אים כוליטאַ אַרומגענומען אַרום די פלייצעס און אויפגעזעצט ווי אַ הילפלאָז קינד. תיכף האָט דער זעלביקער אינדיאַנער ווידער

צוגעטראָגן דאָס קוביקל מיט דער מוטנער פּליסיקייט צום חולהס מויל און געזאָגט מיט אַזעלכע טויבע קלאַנגען אין זיין ווייט און פרעמד קול, ווי דאָס וואָלט נישט גערעדט קיין מענטש, נאָר עפּעס אַ נישט־גוטער:

— טרינק, וויעכאַ, אויב נישט וועסטו שטאַרבן...

אַן אַנדערס מאָל וואָלט אים דער סטעפּ־יונג פּאָר אַזעלכע ווערטער דער־לאַנגט אַ פּראַסק אין דער בראַנדזענער מאָרדע, נאָר איצט האָט ער גערדאָרפט אַנקומען צו אים און געמאַכט זיך נישט הערנדיק. מיט זיינע געזונטע הענט האָט ער צוגעהאַלטן דעם חולה און מיט פאַרגעניגן געזען, ווי דער אַלטער האָט אַריינגעזשליאָקעט אַ האַלב קוביקל מיט דער הייסער פּליסיקייט אין איין מאָל כמעט און פאַרכלינעט זיך. די דאַזיקע „רפואה" האָט אים אַ ריס געטאָן אין האַרצן, אַ ברען געגעבן אין די געדערים אַזוי שאַרף, אַז דער אָטעם האָט אים פאַרכאַפּט. די אויגן האָבן זיך פאַרצויגן מיט אַ נעפּל. זיי זענען געוואָרן גרויס און געריסן זיך פון די אויגנלעכער. עס האָט גענומען אַ פּאָר רגעס איי־דער דער קראַנקער האָט צוריק געקאָנט אָפּכאַפּן דעם אָטעם. אין גאַנצן אַ דערשעפּטער האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעגליטשט פון כוליטאָס שטאַרקע הענט און איז ווי אַ שטיין געפאַלן אויף דער פּלייצע:

— ראַטעווע מיך, מיין זון!...

כוליטאָ האָט זיך פאַרלוירן. ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו העלפן דעם מענטשן, וואָס האָט אים פון קינדוויז אָן דערצויגן אין סטעפּ און וועמען ער האָט ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם טאַטן. האָט ער זיך אַ הילפ־לאָזער ווידער געווענדט צום אינדיאַנער, וואָס איז געשטאַנען דערביי אַ גלייכ־גילטיקער און צוגעזען ווי אַ מענטש גייט אויס און אויף זיין בראַנדזענעם געזיכט איז נישט געווען צו באַמערקן אַפילו די מינדסטע מינע צי דאָס האָט אים געאַרט אָדער נישט:

— אַמיגאָ, אויב דו ווייסט עפּעס וואָס צו טאָן, אַז ער זאָל זיך פילן אַ ביסעלע בעסער, איז טו דאָס, ווייל דער וויעכאָ וועט דאָך אויסגיין פון שוואַכ־קייט. טו עפּעס, האָב רחמנות! איך וועל דיר דערפאַר באַצאָלן מיט וואָס דו ווילסט!...

זיין בעטן האָט אויף דעם אינדיאַנער קיין איינדרוק נישט געמאַכט און קיין מוסקול אויף זיין האַרצלאָזן פּנים האָט זיך נישט באַוועגט. בלויז די דינע קאָלירלאָזע ליפּן האָבן זיך עטוואָס צענומען. פון דאָרטן זענען אַרויסגעקומען עטלעכע געציילטע ווערטער און זיין מויל איז צוריק פאַרשנירלט געוואָרן:

— דעק אים צו מיט דער קאָלדרע. ער וועט זיך אויסשוויצן, איינשלאָפן און אויף מאָרגן אויפשטיין אַ געזונטער. לאָז אים רוען...

כוליטאָ איז נאָך אַליין אויך געווען כמעט אַ האַלב ווילדער. און פּונקט ווי זיין טאַטע־מאַמע און זיינע אורעלטערן, האָט ער אויך געגלייבט אין „מעדי־קאָס", אין מכשפים, אין זייער סאָרט היילן קראַנקע מענטשן, אין זייערע באַב־

סקע רפואות. האָט ער איצט מיט גרויס דרך־ארץ געפּאַלגט דעם „געלערנטן" אינדיאַנער. ער האָט צוגעדעקט דעם אַלטן גאַוטש מיט דער צו קורצער קאָל־דרע און איז אַ באַרויקטער אַרויס פון ביידל.

כאָטש דער חולה האָט אַ פּאָר וואָכן צייט אַלע טאָג געשלונגען צו ביסלעך פון דער דאָזיקער „מעדיצין", וואָס דער אינדיאַנער האָט געבראַכט פון די בערג, האָט אָבער די שטאַרקע און געדיכטע פליסיקייט, געווירקט צום ערגערן. מחמת איין מאָל אין אַ ביי נאַכט איז דער אַלטער באַגאָסן געוואָרן מיט אַ קאַלטן שווייס. זיין פּנים, דער שטערן און אַפילו זיינע לאַנגע, גרויע האָר אויפן קאָפּ — אַלץ איז דורכגעווייקט געוואָרן. די נאַסקייט איז דאָס מאָל נישט אַוועק פון אים, נאָר גאָר צוגעצויגן צו זיך דעם קאַלטן און שאַרפן ווינט, וואָס האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין ביידל דורך דער אָפענער, ברעזענטענער „טיר" און מיט זיינע דורשטיקע און אייז־קאַלטע ליפּן אויף גיך אָנגעהויבן קושן און אַרומלעקן דעם חולהס שווייס פון קערפּער.

דער האַרבסטיקער פייכטער און קאַלטער ווינט האָט, ווי מיט פינגער, אַ לאַנגע צייט געגלעט און אויסגעטאַפּט יעדן אבר פון דעם גאַוטשס שווייסיקן גוף און נישט געאיילט זיך אַוועקצוגיין. ווי אַ קאַלטער גזלן האָט ער זיך דאָ אַרומגעדרייט אין אַלע ווינקעלעך. אויפגעהויבן גאַנצע זשמעניעס מיט היי אין דער לופטן, דאָס אַריבערגעוואָרפן פון איין זייט און פון איין אָרט אויפן אַנ־דערן. צום סוף האָט ער אַראָפּגעשלעפּט די קאָלדרע פון דעם קראַנקן און דער־נאָך ערשט מיט אַ פייף אַרויסגעלאָפן פון ביידל און עס האָט זיך אויסגע־דוכט, ווי דעם ווינט וואָלט הנאה געטאָן דאָס, וואָס ער האָט דאָ ערשט אָפּגע־טאָן און איז אַנטלאָפן געוואָרן אַ לאַכנדיקער.

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן הוסטן. דער פּאַרקייכטער הוסט איז ביי אים אַרויסגעקומען מיט שטיקער רויטע לייכע פון דער טיפעניש אַרויס. אין דער רגע איז ביי אים דער קערפּער געוואָרן קאַלט. ס'האָט אים אַ דראָזשע געטאָן פון קעלט און דער פריִערדיקער שווייס איז גלייך פאַרשוווּנדן. נאָר ווען דער שווערער הוסט האָט אים אַ שטיק געטאָן אין האַלדז, איז דער גאַנצער גוף מיט אַ מאָל געוואָרן בלוי און ווידער באַפאַלן געוואָרן פון אַ געדיכטן שווייס. איצט האָט דער אַלטער גאַוטש געציטערט פון קעלט. האָט ער מיט דער רעכטער האַנט קוים דערטאַפּט אַ ברעג פון דער אַראָפּגעשאַרטער קאָלדרע. אָבער קיין כוח נישט געהאַט אַרויפצוציִען איר אין גאַנצן אויף זיך, בלויז באַוויזן צוצודעקן אַ שטיקל פון זיין בויך און דער גאַנצער קערפּער איז געבליבן אַזוי נאַקעט ווי פריִער. האָט ער מיט אַ שוואַכן קול אָנגעהויבן רופן און בעטן הילף:

— כוליטאַ־כוליט! — — — !

אָבער קיין ענטפער איז פון ערגעץ נישט געקומען. אין פינצטערן דרויסן האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו רעגענען, גיסן ווי פון צאַפּנס. די רעגן־טראָפּנס זענען נישט געפאַלן קיין גלייכע און קיילעכדיקע. דער האַרבסטיקער, שניי־

דנדיקער ווינט האָט זיי געיאָגט, געטריבן און געטראָגן אין אַלע זייטן, און פאַרוואַנדלט די רעגן־טראָפּנס אין קרומע, שאַרפע און בייסנדיקע בייטשן. עס האָט נישט גענומען לאַנג און דער גרויסער קעסל, וואָס איז מיט זיינע אויערן אַלע מאָל געהאָנגען אויף אַן אייזערנעם שטאַנג איבער דעם קאָסציאָר, איז אָנגעפילט געוואָרן מיט וואַסער ביז איבער די ברעגן און אָפּגעגאָסן די שוואַרצע, שוין פון לאַנג פאַרלאָשענע האָלאָוועשקעס.

כוליטאָ האָט נאָך אין שלאָף דערהערט דעם וואָיען פונעם ווינט און דעם ליאַפּען פון דעם רעגן אויפן ברעזענט פון זיין ביידל. האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אויף גיך אָנגעטאָן זיך, אין רעקל־קעשענע אַריינגעלייגט אַ קעסטעלע מיט שוועבעלעך, גענומען דאָס קעראָסין־לעמפּל, איבערגעדעקט דעם קאָפּ און דאָס לעמפּל מיט אַ שטיקל ברעזענט און אַ צעשראָקענער אַוועקגעלאָפן צום אַלטן גאָוטש, פונקט ווי ער וואָלט דערפילט, אַז יענער נייטיקט זיך איצט אין זיין הילף מער ווי אַלע מאָל.

אין „לאַגער" איז געווען שטאָק־פינצטער. די רעגן־בייטשן האָבן אים אַ שמיץ געטאָן אין פּנים און גלייך פאַרטריבן דעם שלאָף פון די אויגן. דער שניידיקער ווינט האָט אַראָפּגעריסן דעם שטיקל־ברעזענט פון כוליטאָס קאָפּ און דאָס ערגעץ אַוועקגעטראָגן. דער סטעפּ־יונג איז געגאַנגען אין רעגן אַן איינגעבויגענער און דורכגענעצט געוואָרן ביזן ביין. נאָר דערנאָך איז ער מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַריינגעלאָפן צום חולה אין ביידל. דאָ האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צום וואַנט, אָנגעריבן אַ שוועבעלע, אָנגעצונדן דאָס קנייטל אין לעמפּל און דאָס גלעזל צוריק אַרויפגעזעצט אויפן קאָלפּאַק.

אין ביידל האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ געלער, מאַטאָווער שיין פון וועלכן ס'האָט געשלאָגן אַ נאָגענדיקער אומעט. דאָ איז איצט אַרומגעגאַנגען אַ טויטע קעלט. דער ווינט האָט געפּאַטשט די ברעזענטענע, אָפּענע „טיר". ער האָט איר מיט אַלע כּוחות געריסן פון „וואַנט" און דערביי געוואָיעט ווי אַ הונגעריקער וואָלף. האָט כוליטאָ פאַרצויגן די עפענונג און דערנאָך צוגעגאַנגען צום קראַנקן, אונטער דעם שיין פון לעמפּל האָט ער געזען: ביים אַלטן אויפן שטערן איז איצט קיין טראָפּן שוויס נישט געווען. אין גאַנצן אַן אָפּגעדעקטער איז ער געלעגן מיטן פאַרשפּיצטן נאָז אויף אַרויף און, דוכט זיך, קיין סימן פון לעבן נישט אַרויסגעוויזן, כאָטש דער בויך זיינער האָט זיך פּאַמעלעכקע געהויבן און קוים באַמערקבאַר — צוריקגעפאַלן. מיט אויסגעלאָשענע אויגן האָט דער אַלטער גאָוטש געקוקט צום סאַמע שפּיץ פון ביידל און פון דאָרטן ערגעץ אין אַ געהיימער וויטקייט אַריין.

דער סטעפּ־יונג האָט זיך איינגעבויגן און געהערט: מיט יעדע מינוט איז דעם אַלטנס אָטעמען געוואָרן אַלץ שווערער און אין איטלעכן אָטעם־צוג, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון זיין פאַרשטיקטן האַלדז, האָט זיך ביים סוף פאַרענדיקט מיט אַן אומהיימלעכן פּייפן. פון צייט צו צייט האָט זיך זיין קערפּער

אַ טרייסל געטאָן און דאָס אָפּגעדעקטע לייב האָט אַ ציטער געגעבן, ווי אינע־ווייניק אין אים וואָלט איצט אָנגעגאַנגען אַ קאַמף פאַר דעם שטיקל לעבן, וואָס האָט זיך ווי עס איז געטליעט, ווי אַ צאַנקענדיק קנייטל אין אַ לעמפּל, וואָס האָט נאָך אַ טראָפּן גאַזע אויף צום ברענען.

דאָס בילד האָט כוליטאָן אַזוי גערירט, אַז זיין האַרץ האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט צערטלעכקייט אין דער רעכטער האַנט אָנגעהויבן גלעטן דעם חולהס שטערן און גערעדט צו אים מיט אַזוי פיל צער אין קול, ווי דאָס רעדט אַן אייגענער זון צו זיין טאַטן:

— פּאַפּיטאָ, פּאַפּיטאָ, דאָס בין איך! דו הערסט?...

דער חולה האָט אים נישט געענטפערט און איןביידל איז געוואָרן אַזוי שטיל, ווי דער טויט אַליין וואָלט דאָ איצט געווען און נישט דערלאָזט, אַז מען זאָל דערהערן זיינס אַ שאָרך. די ברעזענטענע ווענטלעך, וואָס זענען געווען אָנגעבלאָזענע פון ווינט, זענען קלענער, נידעריקער און טונקעלער געוואָרן. נאָר אָט האָט דער אַלטער גאַוטש צוזאַמענגעפּירט די אויגן־לעפּלעך, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס ביסל ליכט פונעם לעמפּל. דערנאָך האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און מיט די לעצטע כוחות אָנגעהויבן רעדן גלאַט אין דער וועלט אַריין עפּעס אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד:

— סטעפּאַ, סטעפּאַ, ווו ביסטו?...

מער ווי אויף די פיר ווערטער האָט אים אָפּנים קיין אָטעם נישט גע־סטייעט. מחמת ער האָט ווידער אָנגעהויבן שלינגען צו ביסלעך לופט, דאָס קוים אַריינגעצויגן אין זיך און אַרויסגעאָטעמט מיט מער שווערקייטן ווי פריער. אַלע ווײַלע האָט ער אַ ביסעלע אויפגעהויבן די מאָרדע און דערנאָך זי צוריק אַראָפּגעלאָזט צו זיך אויפן ברוסטקאַסטן. אָבער, אומגעריכט האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנט, אָנגעטאַפּט לעבן זיך כוליטאָס שוואַרצע קאָפּ האָר און אָנגעהויבן רעדן אַזוי קלאָר און זאַכלעך ווי אַלע מאָל:

— כוליטאָ, איך האָב שוין דיר דערציילט ביי ווען איך האָב אַמאָל געדינט. איך האָב דאָרטן איבערגעלאָזט מיין ווייב מיט מיין יינגל. מען רופט אים סטעפּאַ. איז זאָג מיר צו, אַז דו וועסט זיי ביידן אויפזוכן און אויב זיי לעבן נאָך — ברענג זיי אַהער אין לאַגער, גיב אַכטונג אויף מיין ווייב, ווי דו וואָלסט אָפּגעהיט דיין אייגענער מאַמען און זע, אַז דו זאָלסט זיין צו סטע־פּאַן אַזוי ווי צו דיין אייגענעם ברודער. זאָגסט דאָס מיר צו?...

— אַך, זאָרג זיך נישט, מיין פּאַפּיטאָ! — האָט דער סטעפּ־יונג אויסגע־ווישט אַ טרער פון אַן אויג און דאָס האַרץ האָט אים איצט אַזוי פאַרקלעמט, אַז ער האָט שוין מער נישט געקאָנט צאַמען אין זיך דעם קנויל טרערן, וואָס האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז. איז ער אַרויסגעלאָפן פון ביידל און אין

דרויסן צעווײנט זיך אויף אַ קול. דער רעגן מיטן ווינט האָבן אויפגעכאַפּט כוליטאָס געוויין און אויף זייער שטייגער געהאָלפן אים באַקלאָגן דעם סוף פון זיין בעסטן פריינט אין לעבן...

אַז כוליטאָ האָט זיך גוט אויסגעוויינט און עס איז אים געוואָרן אַ ביסל גרינגער אויפן האַרצן, האָט ער זיך אַליין, אַ דורכגעווייקטער פון רעגן און פון טרערן אויסגעמוסרט, וואָס ער, דער פירער פון אַ גאַנצן „לאַגער" מיט מענטשן, מיט פערד און בהמות, זאָל גאָר וויינען ווי אַן אַלטע פרוי. האָט ער צום סוף — אויסגעשנייצט די נאָז — אָפּגעווישט מיטן נאַסן אַרבל פון זיין רעקל, צוריק אַריין צום גאַוטש איןביידל און ווידער אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני לעבן יענעמס געלעגער:

— הער זיך גוט איין, מיין אַלטער אַמיגאָ! איך זאָג דיר צו, אַז איך וועל געפינען דיין ווייב מיט דיין זון. איך וועל זיי נעמען צו זיך און האַלטן אַזוי טייער ווי דיך גופא. נאָר דיין פריצס האַסיענדאַ וועל איך אונטערצינדן און אָפּרעכענען זיך פאַר אַלע צרות, וואָס איר זיינט דאָרט אויסגעשטאַנען...

דער אַלטער גאַוטש האָט שוין אים אָבער מער נישט געהערט און נישט געענטפערט. זיינע לאַנגע פינגער זענען געבליבן ליגן אויף דער קאָלדרע, ווי דינע שטעקעלעך. די פיס — אויסגעצויגן, בלויז די קאָלירלאָזע קאָלדרע האָט זיך נאָך קוים באַוועגט אַרויף און אַראָפּ. זיין פנים האָט אָנגענומען אַ נישט דאָיקע געלקייט. די נאָז האָט אויסגעזען ווי דער שאַרפער שנאָבל פון אַ וואָראָנע. די אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, מיט עפּעס אַ פאַרעקשנטער פאַר־מאַכטקייט און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עמעצער וואָלט די אויגן־דעקלעך צוזאַמענגעקלייעט מיט שטאַרקן, סטאָליאַרסקן קליי איינס צום אַנדערן.

זיין אָטעם איז געוואָרן שטילער און איינגעהאַלטענער. דער גוסס האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן דרייען און וואַרפן דעם קאָפּ פון איין זייט אויפן אַנדערן, געוואָרפן גיך אַהין און אַהער, ווי אַלץ אין אים וואָלט זיך געראַנגלט און גע־שריען: „ניין־ניין!"... און כוליטאָ האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אָט, אָט וועט דער קאָפּ אַראָפּשפּרינגען פון האַלדז און נאַקן, צי אפשר גאָר שטיין בלייבן אויף איין אָרט און מער שוין נישט באַוועגן זיך. איז דער סטעפּ־יונג ווידער אַרויס־געלאָפן פון ביידל. נאָר דאָס מאָל האָט ער אויפגעוועקט גאַבריעל לאַרגאָן, אַנטאָניאָ דעם „פערד", נאַטאַליאָן, ראַפאַעלן און זיי אַלעמען געבראַכט צום אַלטן אין ביידל.

פאַרסאָפּעטע און האַלב דערשראָקענע, וואָס כוליטאָ האָט זיי אויפגעוועקט אין מיטן שלאָף, זענען זיי אַריינגעלאָפן צום גוסס, וועלכער האָט נאָך אַלץ גע־דרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס. אָבער איצט, דוכט זיך, נאָך גיכער און האַסטיקער איידער פריער:

— מוטשאַטשאָס! — האָט זיך כוליטאָ געבעטן ביי די פיר יונגען — אויב

עמעצער פון אייך קאָן דעם אַלטן העלפן מיט עפּעס, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט דאָס טאָן איצט, גלייך!...

— מען וואָלט געדאַרפט צולייגן פּיאַווקעס צו זיינע אויערן, וואָלטן זיי פון אים אַרויסגעצויגן די שלעכטע בלוטן און ער וואָלט געזונט געוואָרן. אָבער אויף צו קריגן די פּיאַווקעס דאַרף מען דאָך פאָרן אַ פּאָר טעג ביז צו די באַהיאַ בלאַנקער זומפּן. אַזוי לאַנג וועט דער ווייכאַ נישט אויסהאַלטן. אָבער, מען קאָן אים אויסרייבן מיט ספּירט — האָט ראַפּאַעל דער גרויסשטאָטישער פּריי-זירער, „אָראַטאָר״ און „גרויסער ווייסער״ פון אַלץ אין דער וועלט פאַרענדיקט צו געבן זיינע עצות און דערווייל מיט די קאַסאַקע אויגן איינגעקוקט זיך ווי דער אַלטער גאַוטש האָט געוואָרפן מיטן קאָפּ אַזוי ריטמיש, ווי אַ וואַנטזייגער מיטן פּאַמפּעדיקל.

— ווו קאָן מען אין דעם עק נעמען ספּירט? — האָט נאַטאַליאַ געפרעגט

— פאָרן צוליב דעם אַפילו אין מאַדעראַס, וואָס איז דאָס נאָענטסטע שטעטל פון דאַנען, וועט דאָך אויך נעמען איבער אַ טאָג אַהין און צוריק...

— דאָס טויג נישט — האָט כוליטאָ אַ באַזאָרגטער איבערגעריסן נאַ-טאַליאַס רייד — דער אַלטער וועט דורך דער צייט אויסגיין...

— הערט זיך איין — האָט ראַפּאַעל פּלוצעם געזאָגט מיט שולדיקייט אין קול — איך האָב ביי זיך אין ביידל צוויי פלעשער מיט ניינציקער בראָנפן. ס'איז טאַקע שוואַכער פון ספּירט, אָבער שאַדן קאָן דאָס נישט. איך וועל דער-מיט אויסרייבן דעם אַלטן דעם קערפּער. אַ מאָל קאָן דאָס גראָדע העלפן און פאַרלירן איז דאָך שוין נישטאָ וואָס?...

ביי כוליטאָן אין די קאַרע אויגן האָבן צוויי פייערלעך אויפגעלויכטן:

— איז וואָס זשע טראַכסטו נאָך? לויף שוין צו זיך אין ביידל און ברענג פון דאָרטן דעם בראָנפן.

אין עטלעכע מינוט אַרום איז ראַפּאַעל צוריקגעקומען און אין ביידע הענט געהאַלטן צוויי קוואָרטענע פלעשער מיט משקה. איין פלאַש האָט ער געגעבן אַנטאָניאָן דעם „פערד״ אויף צוצוהאַלטן און די אַנדערע געעפנט. אַראָפּגע-בויגן זיך צום גוסס, אים פאַרהויבן די לאַנגע הענט, אָנגעהויבן מאַסאַזשירן יענעמס גוף און ביי זיך אונטער די קאַלטע און גליטשיקע פינגער האָט ער דערפילט, ווי דעם אַלטנס האַרץ האָט קוים געקלאַפּט, אַ צאַפּל געטאָן זיך, אויף אַ רגע שטיל געבליבן און, ווי אַן ערשט-געבוירן פייגעלע, ווידער אָנגע-הויבן שוואַך צו קלאַפּן. אַז פונעם כסדרדיקן מאַסאַזשירן און שטאַרק איינרייבן די משקה איזביים גוסס די הויט געוואָרן רויט און טרוקן, האָט אים ראַפּאַעל איבערגעקערט מיטן פנים אויף אַראָפּ. אויף דער ביינערדיקער פלייצע אַרויפ-געפּליאַכעט נאָך מער בראָנפן ווי פריער און געטאָן דאָס זעלביקע.

ווען דער געערוך פונעם בראָנפן האָט זיך צעטראָגן איבערן ביידל און אַ רייץ געטאָן אַנטאָניאָס צעשפּרייטע נאָזלעכער, האָט ער אויפגעקאָרקעוועט די

פלאַש, וואָס ער האָט געהאַלטן, מיט איין שאָס — אַראָפּגעגאָרגלט כמעט אַ האַלבע פלאַש משקה און אַ געשריי געגעבן אויף דעם פאַרהאַרעוועטן ראַפאַעלן:

— קאַניאַ! געגוג צו גיסן אויף אים דעם בראַנפן. אַ שאָד אַזאַ גוטן גע־טראַנק! ס'איז דאָך אַ מחיה צו טרינקען!... עס גיט אַ ברען אין האַרצן און צעגייט זיך אין אַלע אברים!... פאָלג מיך, הער אויף צו פּטרן אויף אים אַזאַ טייערן בראַנפן!... דער אַלטער וועט דאָך אַלץ איינס באַלד אויסציִען די פיס!...

פון גרויס אויפרעגונג, וואָס דער „פערד" האָט אויסגעזשליאָקעט אַזוי פיל משקה און איבערהויפּט דערפאַר, וואָס ער האָט גערעדט אַזוי מיאוס וועגן דעם אַלטן גאַוטש, איז כוליטאַ געוואָרן אַזוי אין כעס, אַז ער האָט אים אַראָפּ־געלאָזט אַ פּראַסק אין פּנים און אַרויסגעריסן די איבערגעבליבענע האַלבע פלאַש מיט בראַנפן פון יענעמס הענט.

דערווייל האָט ראַפאַעל צוריק איבערגעקערט דעם גוסס מיטן פּנים אויף אַרויף. דער חולה האָט נאָך אַלץ געוואָרפן מיטן קאָפּ און שוואַך געאָטעמט. נאָר פּלוצעם האָט ער געעפנט די אויגן, זיי ברייט צעגלאָצט. דער קאָפּ איז שטיין געבליבן אויף איין אָרט און פון זיין האַלדז האָט זיך דערהערט אַזאַ שווערער און האַרטער כאָרכלען, וואָס איז געווען ענלעך אויף דעם קלאַנג פון אַ טעמפּער זעג בעתן צעזעגן אַ שטיק דובאָווע האָלץ. דערנאָך איז דאָס כאָר־כלען איבערגעגאַנגען אין אַ קורץ־אָטעמדיקן פייפן, וואָס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז דער גוסס האָט ווידער, בלויז איין דריי געטאָן מיטן קאָפּ, אַ לעצטן פייף געגעבן און איז געבליבן ליגן — אַ פאַרשטייפטער און אַ שטילער, ווי אַ שלאָפנדיק קינד.

ווי אַ דאָקטער, האָט ראַפאַעל צוגעלייגט זיין אויער צום מתס האַרצן, צום מויל און אָן האָבן אַרויסגערעדט אַ וואָרט צו עמעצן, האָט ער מיט דער קאָלדרע צוגעדעקט דעם אַלטן גאַוטשס פאַרשטיינערט פּנים און דערביי באַ־מערקט, ווי די לאַנגע, נאַקעטע פיס און די פינגער האָבן ביי דעם טויטן אַרויסגעבלייכט אין דער האַלב־טונקלקייט, וואָס איז געהאַנגען דאָ אין ביידל און, ווי די איינצלנע הייעלעך פון אונטער דעם בר־מינן האָבן זיך שוין מער נישט באַוועגט אין ווינט, וואָס האָט זיך איצט ווידער אַריינגעכאַפּט פון דער אָפענער, ברעזענטענער טיר, אויף גיך צעקושט זיך מיט דעם ערשט פאַר־שטאָרבענעם. און ראַפאַעל האָט מיט אומעט אין קול געזאָגט צו די אַנדערע פּעאָנען:

— מוערטאָ... קומט אַרויס פון דאַנען. איצט איז שוין דאָ נישטאָ וואָס צו טאָן מער...

כוליטאָ איז בלאַס געוואָרן. ער איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען, געקוקט אויף דעם איבערגעדעקטן מת און עס האָט זיך אים אַלץ נישט געגלייבט, אַז זיין בעסטער פריינט איז אַוועק פון דער וועלט. דערנאָך האָט ער אויסגעלאָשן דאָס פייערל אינעם קאָפּטשענדיקן לעמפּל. אין דער פינצטער זענען די דריי

מענער אַרויס אין דרויסן, געלאָזט זיך צו זייערעביידלעך. דאָרטן האָט זיך יעדערער אַריינגעוואָרפן צו זיך אויפן געלעגער, געפּרווט איינשלאָפן און נישט געקענט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער פאַרטאָג. דער רעגן האָט אויפגעהערט צו כליאַפּען. דער ווינט איז אַוועק אַהין פון וואַנען ער איז געקומען. הינטער די פּאַטאַגאָניער בערג איז דער בערג הימל געוואָרן בלוי און דערנאָך — גרוי. אַ שפּראָץ אויף טאָג האָט זיך צום ערשטן מאָל אַ קאיאַטע צעקלאָגט, פאַרגאַנגען זיך אין אַ לאַנגן, אויסגעצויגענעם וואָיען, וואָס האָט זיך אַ היפּשע צייט געקייקלט איבער די בערג און טאָלן. דערנאָך איז דאָס וואָיען אָפּגעשטאָרבן. אויף אַ ווײַלע איז געוואָרן שטיל, מיט אַזאַ שטילקייט, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד נישט נאָר אויף די וואַכע מענטשן אין „לאַגער", נאָר אויך אויף די בהמות מיט די פערד אין גרויסן קאָראַל.

פון דער מוראדיקער שטילקייט זענען די סוסים אומרו?ק געוואָרן, געקאָפּעט מיט די קלאָען אין דער פייכטער ערד און „איבערגערעדט" זיך איינער מיטן אַנדערן מיט קורצע און אָפּגעהאַקטע הירזשען. נאָר באַלד האָט פון דער אַנדערער זייט בערג אַן אַנדער קאַיאַטע געענטפערט דער ערשטער מיטן זעלביקן סאָרט וואָיען און קיינער פון די היגע פּעאָנען האָבן נישט פאַרשטאַנען פאַר וואָס די דאָזיקע חיות האָבן זיך איצט גראָד צעקלאָגט פאַרטאָג, ווײַל געוויינטלעך טוען זיי דאָס בלויז פאַרנאַכט, אָדער אין מיטן נאַכט. דאָס איצטיקע האַווקען און וואָיען פון די קאַיאָטעס האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז אויפן מזרח־זייט פון ברעג הימל האָבן זיך די קרוזשעוועס פון די פאַרטאָגיקע וואָלקנס אָנגעצונדן פון דער אויפגייענדיקער זון און געמאַכט דעם פאַנטאַסטישן איינדרוק, ווי אויפן ברעג הימל וואָלטן די זוימען פון די וואָלקנס געברענט מיט אַזאַ העלישן פייער, וואָס קיין פייערלעשער וואָלט דאָס קיין מאָל נישט געקאָנט אויסלעשן...

פון דעם ווייבערישן ביידל זענען דערווייל אַרויסגעקומען פיר פרויען, מיט פאַרהויבענע ספּאָדניצעס ביז צו די קנעכלעך און מיט פּאַטשיילקעס אויף די קעפּ. דאָס זענען זיי ערשט איצט געגאַנגען צום קאָסציאָר, ווו צוויי פּעאָנען האָבן שוין פון זייערטוועגן אָנגעלייגט טרוקן האָלץ, דאָס אונטערגעצונדן און אין אַ קעסל אַריינגעגאָסן צוויי עמער מיט וואַסער אויף צו קאָכן מאַטע.

ווי שטענדיק, האָבן אַ צאָל פּעאָנען אַוועקגעטריבן די פערד מיט די בהמות צום קוואַל אָנטרינקען. אין „לאַגער" איז געוואָרן לעבעדיק און דער טאָגטעגלעכער טומל האָט זיך געשטעלט ווי אַלע מאָל. עס קאָן זיין, אַז דאָס האָט זיך איצט גענומען דערפון, וואָס קיינער פון די מענטשן האָבן נאָך נישט געוווסט, אַז דער זאַלטער גאַוטש איז דורך דער נאַכט אַוועק פון דער וועלט און געלעגן ביי זיך אין ביידל אַן איבערגעדעקטער, מחמת סיי כוליטאָ און סיי

נאַטאַליאַ מיט גאַבריעלן לארגאַן זענען ערשט אַנטשלאָפן געוואָרן מיטן טאָג צו גלייך און נאָך נישט באַוויזן עמעצן אָנצוזאָגן די טרויעריקע בשורה.

אַ ביסל שפּעטער, ווען די זון איז שוין געשטאַנען ווייט אויפן הימל און די פּעאָנען האָבן שוין צוריקגעבראַכט די פערד מיט די בהמות פונעם קוואַל, און דער ליאַרעם אין „לאַגער" איז געוואָרן גרויס, איז כוליטאַ, אַ בלאַסער, אַ נישט־דערשלאָפענער און מיט רויטע, פאַרוויינטע אויגן — אַרויס פון זייןביידל מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. ער איז פאַמעלעכערהייט צוגעגאַנגען צום קאַסציאַר און אויסגעשאָסן אין דער לופטן און דאָס האָט געמיינט, אַז ער האָט דערמיט גערופן די מענטשן צו זיך.

ווען די פּעאָנען פון טאָל האָבן דערהערט דעם שאָס, זענען אַלע געקומען צו לויפן צום אָרט, ווו כוליטאַ איז געשטאַנען אויף אַ קעסטל און געוואָרט אויף זיי. אָבער איינער, אַ נייגעריקער פּעאָן האָט זיך נישט געקאָנט דערוואָרטן אויף אַלעמען און געפרעגט:

— קע פּאַסאַ, כוליטאַ?

אַ ווײַלע האָט כוליטאַ מיט טרויער אין די אויגן באַטראַכט דעם צע־שטראָלטן עולם און בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין: ווי אַזוי קאָנען גאָר מענטשן זיין פריילעכע און לוסטיקע, אַז ס׳איז אין דער לעצטער נאַכט געשען אַזאַ גרויסער אומגליק?... אָבער דערנאָך האָט ער זיך אָנגענומען מיט מוט און מיט ציטערנדיקע ליפּן געזאָגט:

— אַמיגאָס! מיר האָבן געהאַט אַ גרויסן פאַרלוסט... לעצטע נאַכט איז געשטאָרבן דער אַלטער גאַוטש און שפּעטער אַ ווײַלע וועלן מיר אים באַ־ערדיקן...

דער אָנבייסן איז שוין געווען אַ פאַרשטערטער. די פרייִערדיקע פרייד ביי די פּעאָנען אויף די פּנימער — איז פאַרשוווּנדן און אַ טרויער האָט זיך אויסגעגאָסן אין אַלעמענס אויגן. לפנים ווען האָט יעדערער אָראָפּגעשלונגען צו פּאָר ביסן, פאַרטרונקען מיט אַ זופּ מאַטע, אויפגעשטאַנען פון די ערטער און מיט געבויגענע קעפּ — געלאָזט זיך גיין צום מת אין ביידל. אויך כוליטאַ איז אַהין אַריין און אָנגעטאַן אָנצוצינדן אַ ליכט. האָט ער גאָר אָנגעצונדן דאָס לעמפּל און איינער פון די עלטערע פּעאָנען האָט אים געזאָגט:

— כוליטאַ, איך מיין, אַז דו מאַכסט אַ טעות. ווייל מיר, דוכט זיך, אַז אַ געשטאָרבענעם דאַרף מען גאָר האַלטן דריי טעג איידער מען באַערדיקט אים...

— עס קאָן זיין, אַז אין די שטעט, צי אין די שטעטלעך, אָדער אַפילו אין די דערפער טוט מען טאַקע אַזוי ווי דו זאָגסט. — האָט כוליטאַ געענטפערט. — אָבער דאָ אין די בערג קאָן מען דאָס נישט באַוויזן. ווייל דער גערוך פונעם טויטן וועט צוציִען צו זיך אַ היענע, אַ שאַקאַל, צי אַ לעמפּערט, אָדער אַן אַנדער חיה און מיר וועלן אַפילו נישט באַמערקן, ווי זיי וועלן אים צערייסן אויף פיצלעך און פאַרצוקן. איר דאַרפט וויסן, אַז דער אַלטער איז געווען

אַזוי ווי אַ טאַטע צו מיר און איך בין אַזאַ קריסט פּונקט ווי איר אַלע. עס קאָן זײַן, אַז ס'איז טאַקע אַ גרויסע זינד אַזוי צו באַגיין זיך מיט אַ בר־מינן און איר זענט אפשר גערעכט, איך ווייס נישט צו פֿיל פֿון די זאַכן... נאָר דאָ אין דער ווילדעניש קאָן מען אין אַזאַ פֿאַל אַנדערש נישט האַנדלען. מיר זענען אַרומגערינגלט מיט פֿאַרשידענע חיות...

נאָך דער לאַנגער דערקלערונג איז כּוליטאָ אַרויס אין דרויסן. ער איז אַוועק אין מיטן טאָל, אויפֿגעהויבן די בליקן צום קלאָרן הימל און ווידער דערמאָנט זיך אין זײַן פֿאַרשמיסענעם טאַטן און אין דער מאַמען, וואָס איז אין שטיבל אויסגעגאַנגען פֿון הונגער, און דעם סטעפּ־יונג האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז די אַרומיקע בערג זענען מיט אַ מאָל געוואָרן איינגעשרומפּענער און קלענער, דער טאָל — טיפֿער און געהיימער און די משופּהדיקע סקאַלעס זענען, דוכט זיך, אויסגעוואַקסן נאָך משופּהדיקערע און העכערע ווי אין דער אמתן.

ד י   ל ו י ה

הפּנים, אַז דער שטענדיקער פֿריילעכער און היציקער נאַטאַליאָ, מיט די פֿאַרדרייטע קליינע און שוואַרצע וואָנצעלעך אויף אַרויף, איז געווען „פּרומער" פֿון די אַנדערע פּעאָנען, ווײַל גראָד ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרליידן וואָס דער מת איז בלויז באַלויכטן געווען פֿון אַ קליין קעראָסין־לעמפּל. איז ער אַוועק אין שאַלאַש, דאָרט געפֿונען אַ פּאָר ליכט, נאָך דעם פֿון אַ ווינקל־טאָל געבראַכט צוויי גרויסע הויפּנס מיט ליים, פֿון דעם אויסגעקנאָטן צוויי לייכ־טער — איינע אַוועקגעשטעלט ביים בר־מינן צופֿוסנס, די אַנדערע צוקאָפּנס אַהין אַרײַנגעזעצט די ליכט און אָנגעצונדן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען די קאַלדרע פֿונעם טויטנס פּנים און אין אַ יראת־הכּבֿודיקער שטיין געבליבן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און מיט צוזאַמענגעלייגטע און אויסגעשטרעקטע פֿינ־גער אין דער שטיל געמורמלט עפּעס אַ תּפֿילה, וואָס ער אַליין האָט אויף דער הייסער רגע אויסגעטראַכט. און כאָטש ער האָט נישט געוווּסט דעם באַדייט פֿון די ווערטער, דאָך האָט ער בײַ זיך אין האַרצן געגלויבט, אַז דאָס זענען „הייליקע" שורות, וואָס זענען צו אים געקומען פֿלוצים. דעריבער האָט ער זיך צום סוף אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, אין אָנבליק פֿונעם מת און פֿון די צוויי ברענענדיקע ליכט — לאַנג געצלמט זיך און מיט אַ גרינגערן גע־מיט אײדער פֿריער, אויפֿגעשטאַנען און פֿאַרלאָזט דאָס ביידל.

נאָך דעם זענען אַהער אַרײַנגעקומען נאָך אַנדערע פּעאָנען. אויך די עלט־לעכע גאַסן־פֿרויען זענען אַרײַנגעגאַנגען מיט אַראָפּגעלאָזטע ווײַעס און מיט

פרומקייט, וואָס איז ביי זיי מסתמא געווען פֿאַרבאַהאַלטן טיף אין די הערצער, איבערגעצלמט זיך און די וואָס האָבן ביי זיך אונטער די העמדער געטראָגן קליינע, בלעכערנע צלמימלעך אויף אַ שנירל, צי אויף אַ פֿאַרזשאַווערט קייטעלע, האָבן דאָס אַרויסגענומען פֿון די בוזימס. אַ פֿאָר מאָל אַ קוש געגעבן און אַרויסגעגאַנגען, כדי צו מאַכן אָרט פֿאַר די, וועלכע זענען נאָך געשטאַנען אין דרויסן און געוואַרט אויף זייער ריי אַריינצוקומען.

די לאַנגע שורה אבלים, וואָס איז געשטאַנען ביי דעםביידל מיט אַנטבלויזטע קעפּ, מיט די סאָמבראָס אין די הענט און געוואָלט וואָס גיכער אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד דעם אַלטן גאַוטש, איז אַלע ווײַלע געוואָרן קירצער. כאָטש אײלן זיך איז נישט געווען וואָס, ווייל ווען כוליטאָ האָט דערזען די צוויי לייכטער מיט די ברענענדיקע ליכט, האָט ער נאָך פֿריִער אַלעמען פֿאַראָרדנט, אַז כל־זמן די ליכט וועלן ברענען „טאָר מען דעם מת נישט רירן פֿון אָרט“, און דערביי צוגעגעבן:

— ווייל אויב נישט, וועלן קומען בייזע רוחות, וואָס וועלן צונעמען דעם אַלטנס נשמה און דערמיט אַנטלויפֿן אַזש ביז איבער די ריזיקע אַנדן־בערג...

די האַלב־ווילדע פּעאָנען האָבן אין דעם שטאַרק געגלויבט און געציטערט פֿאַר די צוויי ווערטער: „בייזע רוחות“ ווי פֿאַר פֿייער. דערצו נאָך האָבן זיי געהאַט אַ באַגריף, אַז זייער פֿירער ווייסט בעסער פֿון זיי די „חכמות פֿון דער וועלט“ און אַפֿילו די „סודות פֿון לעבן און טויט“. דעריבער האָבן זיי מיטן גאַנצן האַרצן אויסגעפֿאָלגט כוליטאָס רייד. איינער נאָכן אַנדערן זענען זיי אַריינגעקומען אין ביידל און געזען: דער מת איז געלעגן אַ בלאַסער, אַן אויסגעצויגענער ווי אַ ברעט און די באַזוכער האָבן געמיינט, אַז דאָס ליגט ער אַזוי שטיל און רויִק, ווייל ער האָט געוואַרט אויף עפּעס אַ נס וואָס האָט געדאַרפֿט קומען אויף אומזעבאַרע פֿליגל און אויפֿוועקן אים צוריק צום לעבן...

די ליכט האָבן גאָלדיק געפֿלעמלט און געריכערט. זייערע קנייטלעך זענען אַראָפּגעהאָנגען פֿאַרחלשטע, פֿאַרשוואַרצטע. נאָר אויף זייערע שוואַרצע קעפּלעך זענען געזעסן גליאיקע פּונקען. בעתן ברענען האָבן די צוויי ליכט געקנאַקט און געטרעשטשעט און דאָך באַלויכטן דעם בר־מינס פּנים, וואָס האָט שוין מער נישט געהאַט אויף זיך דעם שטענדיקן, בראָנדזענעם קאָליר, וואָס איז ביי יעדן פּעאָן און גאַוטש דער שטעמפּל פֿון שטענדיקן זיין אויף דער פֿרישער לופֿט, אונטער דער אַרגענטינער גליאיקער זון. איצט איז זיין פּנים געווען פֿאַרצויגן מיט אַ טונקעלער בלאַסקייט. די פֿלאַכע באַקן האָבן אויסגעזען ווי איבערגעבליבענע און פֿאַרטריקנטע שטיקלעך ראָשטשענע אויף די ווענטלעך פֿון דייזשעס. דער גלאַנץ, וואָס איז ביי אים אַלע מאָל געווען אויף די נעגל פֿון די הענט און פֿיס, איז איצט פֿאַרביטן געוואָרן מיט אַ בלאַסער מאַטקייט. די אויגן זענען געווען פֿאַרמאַכט מיט אַזאַ גרינגער פֿאַרמאַכטקייט, אַז עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי דער אַלטער גאַוטש וואָלט געשלאָפֿן

מיט אַ װאַכן שלאָף, אַז באַלד װעט ער זיך אױפכאַפּן, עפענען די אױגן און מיט זײַן געװײנטלעכער פּאַטערלעכקײט אין קול אַ זאָג טאָן צו אַלעמען:

— האַלאָ, מוטשאַטשאָס!

אין דרױסן האָט דערװײל כוליטאָ צוגערופן זײַנע הױפּט־יונגען, אַנ־טאָניאָן דעם „פערד“, גאַבריעל לאַרגאָ, ראַפאַלן מיט נאַטאַליאָן און בײַ זײ געפרעגט:

— װוּ דענקט איר דאַרף מען אױסגראָבן דעם קבר?...

די פיר יונגע לײַט איז אױסגעקומען זײער מאָדנע און אַפילו אַ ביסל פאַרדעכטיקט, װאָס דער סטעפּ־יונג האָט זײ געפרעגט די פראַגע. װײל זײ האָבן געװוּסט, אַז בדרך־הכלל האָט ער קײן מאָל בײַ קײנעם גאָר נישט גע־פרעגט װעגן אַזעלכע זאַכן. אַ חוץ װאָס ער פלעגט זיך אַ מאָל באַראַטן װעגן עפּעס אַ װיכטיקן ענין מיטן אַלטן גאַוטש. דערפאַר האָבן זײ זיך איצט אַ ביסל געקװענקלט: ענטפערן אים אָדער נישט?... נאָר צום סוף איז ראַפאַעל אַרױס מיט לשון:

— מיר דוכט זיך, אַז דער אַלטער האָט פאַרדינט בײַ דיר דעם כבוד, אַז דו זאָלסט אים באַערדיקן אױפן העכסטן באַרג...

— איך מײן אױך אַזױ — איז נאַטאַליאָן זײער שטאַרק געפעלן געװאָרן ראַפאַעלס געניאַלער פּלאַן. אַפילו גאַבריעל לאַרגאָ האָט געהאַלטן מיט די ערשטע צװײ, אַז דער שענסטער אָרט װאָלט טאַקע געװען אױפן באַרג און דערצו נאָך צוגעגעבן זײַן אײגענע װערסיע: מען װעט דעם אַלטן גאַוטש דאָרטן דאַרפן אװעקשטעלן אַזאַ ברײטן און הױכן צלם, אַז מען זאָל אים זײער גרינג קאָנען זען נישט נאָר פון אַלע עקן פּאַמפּאַ, נאָר אַפילו פון דעם געדיכט באַ־װאַקסענעם דזשאַנגל!

אין מיטן דערינען איז אַנטאָניאָ דער „פערד“ צוריק אַרײַן אין זײַן שטענ־דיקער ראָלע פון אַ „פּעלדפּעבל“ און געװאָלט באַװײַזן, איבערהױפּט דעם סטעפּ־יונג, מיט װעלכן ער האָט זיך געװאָלט איבערבעטן פאַר דעם, װאָס ער האָט געהאַט אױסגעטרונקען כמעט אַ האַלבע פלאַש בראַנפן און מיאוס גערעדט װעגן דעם גאַוטש, אַז אין די זאַכן איז ער אַ סך געניטער און פּראַקטישער פון די אַנדערע חכמים“.

— איר זענט דאָך טאַקע אמתע בורראָס! װאָס הײסט איר װילט אױף דעם העכסטן באַרג אױסגראָבן אַ קבר און דערצו נאָך אַװעקשטעלן דאָרטן אַ רי־זיקן צלם?!... מיר דוכט זיך, אַז איר זענט לאָקאָס!... איר פאַרשטײט גאָרנישט, אַז די מערדערלעכע זשאַנדאַרמען װאַרטן בלױז אױף אַזאַ זאַך!... דער ריזיקער צלם װעט דאָך זײ גלײַך אױסזאָגן װוּ מיר געפינען זיך און זײ װעלן אונדז אױסשעכטן װי די קעלבער!...

כוליטאָ האָט זיך געװוּנדערט, װאָס גראָד דער כאַמסקער אַנטאָניאָ האָט גע־האַט מער שכל װי די אַנדערע דרײַ יונגען. אַפילו אים אַלײן איז דאָס גאָר

פריִער אויפֿן געדאַנק נישט געקומען. ער האָט איצט אויפֿגעכאַפּט אַנטאָניאָס רייד און זיי געשפּינט אַ ביסל ווייטער:

— דאַרף מען אויסגראָבן אַ קבר אין טאָל. און דו, גאַבריעל לאַרגאָ, נעם נאַטאַליאַן מיט נאָך אַ פּאָר מענטשן און גרייט דאָס צו. און אַנטאָניאָ מיט ראַ־פֿאַעלן זאָלן זען, אַז מען זאָל צו דעם אַלטן אין ביידל ברענגען אַ טראָג־בעטל. אָבער, דאָס דאַרף געמאַכט ווערן גיך. ווייל דער טאָג שטייט נישט אויף איין אָרט און היינט איז נאָך פֿאַראַן אַ סך אַרבעט צום פֿאַרענדיקן.

גאַבריעל לאַרגאָ מיט נאַטאַליאַן זענען אַוועקגעגאַנגען אין דעם גרויסן שאַלאַש, דאָרט גענומען צוויי גראַב־אייזנס און דערמיט אַוועק אויפֿזוכן אַ פּאַסיק אָרט. לעבן דער פּלייצע פֿון אַ באַרג האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט. דאָ איז דאָס שטיקל באָדן געלעגן אַ גלייכס און אָן שטיינער. האָט נאַטאַליאָ קיין סך נישט געטראַכט, אַריינגעשטאָכן דעם שאַרף פֿונעם גראַב־אייזן אין דער ערד, אַרויסגעריסן פֿון דאָרט אַ הרודע שוואַרצן באָדן און דאָס אַוועקגעוואָרפֿן אין אַ זייט. גאַבריעל לאַרגאָ האָט זיך געשטעלט אַנטקעגן אים און געטאָן דאָס זעלבע. די צוויי יונגען האָבן געאַרבעט גיך און מיט אימפּעט. די גראַב־אייזנס האָבן אַלע ווײַלע אַרויסגעוואָרצלט גרויסע שטיקער ערד, וואָס זענען געפֿלויגן אין דער לופֿטן ווי וואָראָנעס. דער גרוב איז געוואָרן אַלץ טיפֿער און טיפֿער און די גרעבער זענען מיט יעדן גראָב אין דער ערד געוואָרן אַלץ נידעריקער און קלענער.

קיין ברעטער אויף צוזאַמענצושלאָגן אַן אָרון איז דאָ נישט געווען. האָט אַנטאָניאָ געהייסן, אַז צוויי פּעאָנען זאָלן נעמען צוויי לאַנגע, אָבער געזונטע דרענגער, אַוועקלייגן זיי אויף דער ערד, פֿון ביימער אָנהאַקן גלייכע צווייגן, אַרומטעשען פֿון זיי די סוקעס מיט די ריטער. דערנאָך דאָס צובינדן מיט שטריקלעך צו די ליגנדיקע דרענגער, דערביי זאָל זיי אַזוי אויסמאַרקירן, אַז די עקן פֿון די דרענגער זאָלן נישט זיין פֿאַרלייגט מיט צווייגן, כּדי פֿיר מענטשן זאָלן דאָס קענען אַרויפֿנעמען צו זיך אויף די אַקסלען.

ווען דאָס טראָג־בעטל איז פּאַרטיק געוואָרן און די צוויי ברענענדיקע ליכט האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות, האָבן די פּעאָנען דאָס אַריינגעטראָגן צום אַלטן גאַוטש אין ביידל און כּוליטאָ האָט פֿון קאַראַל געבראַכט אַ היפּש ביסל היי און דאָס אויסגעשפּרייט אויף דעם, אַז דעם מת זאָל חלילה נישט זיין האַרט צום ליגן. דעמאָלט האָט אַנטאָניאָ מיט ראַפֿאַעלן אָנגענומען דעם בר־מינן, איינער ביי די פֿאַרשטייפֿטע פֿיס, דער אַנדערער ביי די הענט און אים אַוועקגעלייגט אויפֿן היי, פֿאַרזיכטיק צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע און פֿיר געזונטע מענער האָבן די „מיטה" אַ הייב געטאָן צו זיך אויף די אַקסלען אַזוי גרינג, ווי אַ זעקל פֿעדערן און אַרויס דערמיט אין דרויסן.

ווי נאָר דער „אָרון" האָט זיך באַוויזן אין טאָל, האָבן אַלע פּעאָנען פֿון „לאַגער" אַראָפּגעכאַפּט די סאָמברעראָס פֿון די קעפּ, אָנגעהויבן צלמען זיך און

דערנאָך, ווי אַ שוואַרצע כמאַרע, געלאָזט זיך שפּאַנען נאָך כוליטאָן, וואָס איז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געגאַנגען הינטער דער „מיטה". אויפן וועג האָט די לויה באַגעגנט אַ ווינטל, וועלכעס האָט זיך אַרונטערגעכאַפּט אונטער דער קאָלדרע און אַ ביסעלע אַ הייב געגעבן זי אין דער לופטן. דער עולם האָט דאָס דערזען און פאַרציטערט געוואָרן, אַ געשריי געטאָן: אָה, דיאָס מיאָ!" ווייל זיי האָבן געמיינט נישט אַנדערש, אַז דער מת אונטער דער קאָלדרע האָט מיט אַ מאָל אָנגעהויבן דעכען און דערפאַר האָט זיך די קאָלדרע באַוועגט. אָבער באַלד איז דעם ווינטל הפּנים נמאס געוואָרן צו זיין צוגעדעקט, האָט עס זיך אַרויסגעגנבעט פון דאָרטן און גאָר אָנגעהויבן צו שפּילן זיך מיט דעם מת׳ס לאַנגע און גרויע האָר, וואָס זענען געווען אָפּגעדעקט.

אין אַ ווילע אַרום, ווען די „פּראָצעסיע" האָט דערגרייכט דעם טיפן גרוב, האָט מען די „מיטה" אויף אַ ווייל אַוועקגעשטעלט דערנעבן, דערנאָך האָבן עטלעכע פּעאָנען דעם בר־מינן פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אין דעם צעעפנטן פּיסק פון דער ערד און אים דאָרט אַוועקגעלייגט מיטן קאָפּ צו דער ריכטונג פון די אַנדערע בערג. באַלד האָבן נאַטאַליאָס און גאַבריעל לאַרגאָסעס גראָב־אייזנס ווידער אָנגעהויבן אַרבעטן מיט פלייס. נאָר דאָס מאָל איז די מלאכה געווען אַ פאַרקערטע: אַנשטאָט צו גראָבן ווי פריער, האָבן זיי די קופּע ערד צוריקגעשאָטן אין דער עפענונג. דער גרוב איז גיך אָנגעפילט געוואָרן מיט ערד און אַרויסגעוואַקסן מיט אַ הויכן „האָרב" איבער דער אויבערפלאַך.

אַז דער קבר איז שוין געשטאַנען אַ פאַרטיקער, אַ צוויי קאַנטיקער און אַן אַרומגעפּאַטשטער, מיט אויסגעגלייכטע גלאַטע „פלייצעס", האָט כוליטאָ ביים מת צו קאָפּנס אַריינגעשלאָגן אַ דיקן, הילצערנעם צלם, מיט ציטערדיקע הענט דערויף צוגעבונדן דעם אַלטן גאַוטשס קינזשאַל און דערנאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, ווי דאָס פירט זיך געוויינטלעך אין אַזעלכע פאַלן. אָבער דאָס קול איז אין אים פאַרטריקנט געוואָרן און ער האָט נישט געקאָנט אַרויסברענגען אַפילו קיין איינציקן זילב אויף די ליפּן.

געזען, אַז אַלע האָבן געשטומט און נישט געקאָנט מאַכן קיין „הספד" אי־בער דעם „נפטר", האָט ראַפאַעל געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט און באַ־וויזן פאַר אַלעמען, אַז ער איז נישט קיין פּראָסטער פּעאָן, נאָר אַ גרויסשטאָ־טישער מענטש, וואָס ווייסט ווי מען דאַרף זיך פירן ביי אַ לויה. נאָר אַ פּנים אַז קיין גרויסער „למדן" איז ער אויך נישט געווען און נישט געוווּסט די נוי־טיקע „תפילה". דאָך האָט עס אים נישט אָפּגעהאַלטן פון צו זאָגן:

— „אַקי, ען עסטאַ טיעררא" האָבן מיר ערשט באַגראָבן אַ גאַוטש, וואָס האָט אָפּגעגעבן זיין לעבן פאַר אַנדערע און אַליין האָט ער זיך געמוטשעט. ער דאַרף דינען ווי אַ סימבאָל. פון אים דאַרפן מיר זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר־השכל, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן טרעטן מיט די פיס פון די פעאָדאַלן מיט זייער פּאָליציי און זשאַנדאַרמען — — —

ער וואָלט נאָך אפשר גערעדט ווייטער און מעגלעך, אַז אין זיין לאַנגן רעדן וואָלט ער פאַרט דערגאַנגען צו עפּעס אַ שטיקל טאָלק, צו אַ גראָדיקן געדאַנק, וואָס וואָלט זיך מסתמא געלייגט אויפן שכל און ביי די אבלים אַ צופּ געגעבן די הערצער. אָבער איצט זענען די פּעאָנען געווען אַזוי דערשי־טערט פון דעם גאַוטשאָס טויט, אַז זיי האָבן אויף דעם קאַסאַקאַנס „שיינע רייד־לעך" בלויז אַ מאַך געגעבן מיט די הענט, אַ האַסטיקן שפּיי געטון אין זיין זייט און זענען אַוועק צוריק אין „לאַגער", ווו דאָס פייער אונטערן קאַסציאַר האָט געברענט און אין קעסל האָט זיך געקאָכט אַ געדיכטער זופּ מיט גרויסע שטיקער פליייש, וואָס האָט געזאָלט שטילן די צערייצטע אַפּעטיטן ביים הונ־געריקן עולם.

בלויז כוליטאָ איז געבליבן שטיין ביים פרישן קבר אַ ביסעלע לענגער פון אַלעמען און מיט אַ מאָל דערהערט, ווי די ווינטן אין טאָל זענען פאַרגלי־ווערט געוואָרן. די גראָזן האָבן זיך נישט באַוועגט און דעם סטעפּ־יונג האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַלע בהמות און אָקסן האָבן אויפגעהערט מעלה־גירהן און מיט די גרויסע תמעוואַטע אויגן געקוקט אין דער בלויער, רירלאָזער לופט. ווי די גרויסע טאַבונעס ווילדע פערד אין די גרענעצלאָזע פּריירעס און פּאַמ־פּאַס האָבן מער נישט געשמיסן מיט זייערע ווידלען און די ריזיקע סטאַדעס שעפּסן האָבן אַפילו קיין שאָקל נישט געטאָן מיט זייערע קליינע, דריי־קאַנטיקע קעפּלעך. דער גאַנצער אַרום איז געוואָרן שאַ־שטיל, מוראַדיק שטיל און אין דער שטילקייט האָבן די באַשפּענישן ווי פאַרוווּנדערטע, געפרעגט איינער ביים אַנדערן הלמאי מען האָט זייער באַליבטן אַלטן און גוטן גאַוטש באַגראָבן אין דער ערד?... נאָר קיינער האָט אויף דער פראַגע גאָר נישט געענטפערט. און ביזן היינטיקן טאָג איז דאָס געבליבן אַ געהיימער סוד, עפּעס אַזאַ מין פאַר־זיגלטער סוד, וואָס זאָגט גאָר נישט און דערציילט גאָר נישט.

עמאַליטאָס שטיק

דער אונטערשיד פון דעם אַרגענטינישן זומער ביזן האַרבסט איז אין די בערג, טאָלן און אין דעם גאַנצן סטעפּ געווען דער, וואָס ס'האָט אָפט גע־רעגנט. און די זעלביקע ווילדע גראָזן, וועלכע זענען זומער־צייט גרוילעך־גרינע — זענען אין האַרבסט צוריק אויפגעלעבט געוואָרן און אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן, גרינעם פאַרב. אמת, די רעגנס האָבן אָבער לאַנג נישט אָנגע־האַלטן. בלויז אַ פּאָר שעה און אַ מאָל אַ גאַנצן טאָג מיט אַ נאַכט. נאָר דער־פאַר פלעגט שפּעטער, נאָך די קורץ גייענדיקע רעגנס, זיך אויסלייטערן דער ענדלאָזער הימל מיט אַ לאַזורנער בלויקייט און די זון האָט ווידער אָנגעהויבן צו ברענען און בראָטן פונקט ווי דאָס וואָלט געווען אין מיטן זומער.

אין איינעם אַזאַ צעהעלטן טאָג, ווען דער טאַבון פערד און די קליינע טשערעדע בהמות מיטן ביקל, וואָס האָט שוין באַוויזן צו געבן אַזאַ וואָקס אויף, אַז מען האָט אים כמעט נישט געקאָנט מער אונטערשיידן פון זיין „טאַטן" האָבן זיך געפיטערט פּאַזע די בערג און מיט גרויסע אַפּעטיטן געפרעסן דאָס פרישע, זאַפטיקע און זיסע גראָז, איז עמאַליטאַ אויפגעשטאַנען אין דער פרי פון שלאָף מיט אַ פּאַרטיקן, ווייבערישן פּלאַן: ווי אַזוי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַריינצוקריגן דעם סטעפּ־יונג אין די הענט און האַלטן אים מיט אַזאַ צוואַנג, אַז ער זאָל זיך שוין מער קיין מאָל נישט קאָנען אַרויסדרייען פון איר...

זוי אַלע פרויען אויף דער וועלט, וואָס ווילן אַריינקריגן אַ מאַן אין זייער גענץ און ווענדן אַן צוליב דעם פאַרשידענע קונץ־שטיק, איז עמאַליטאַ אויף דעם געביט געווען אַ גרויסע בריה. די קונץ, וואָס זי האָט געירשנט מסתמא פון איר עלטער־באָבען, האָט זי איצט אויסגענוצט מיט דער כיט־רעסטער כיטרעקייט. מיט געמאַכטער מורא און שרעק אין די אויגן, האָט זי זיך פלוצים אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון איר געלעגער און פאַרטרויט כו־ליטאַן דעם „סוד", אַז זי האָט פאַרשוואַנגערט...

איר „שרעק" איז אָבער געווען אַזאַ אויבנאויפיקע, אַז אַפילו אַ קינד וואָלט דאָס זייער גרינג געקענט באַמערקן. נאָר כוליטאַ איז געווען אַזוי נאַיִוו און געגלייבט יעדען איינעם, אַז ער האָט אויף גאָר נישט פאַרדעכטיקט. אָבער ער האָט נישט געוווסט וואָס דאָס וואָרט „פאַרשוואַנגערט" מיינט אַזוינס. דע־ריבער האָט ער גאָרנישט געענטפערט. פאַר זיין שווייגן האָט זיך עמאַליטאַ געשראָקן אויף אַן אמת. זי האָט נישט געוווסט ווי אַזוי ער וועט אויף דעם רעאַגירן. צי וועט ער זי דערפאַר אַרויסטרייבן פון ביידל אָדער נישט?

האָט זי איצט אָנגעשטעלט אירע גרויסע, „צעשראָקענע" שוואַרצע אויגן אויף דעם סטעפּ־יונג און מיט די דורכדרינגענדיקע בליקן, וואָס פרויען טוען דאָס פון אייביק אָן פונקט אין אַזעלכע „אָנגעשטרענגטע מאָמענטן" און אים דורכגענומען דורך און דורך און נישט געקאָנט באַגרייפן הלמאי ער האָט איר גאָר נישט געענטפערט. אָבער אין גאַנצן די האָפענונג האָט זי נישט פאַרלוירן. עמאַליטאַ איז געווען כיטרע ווי אַ שלאַנג און פאַרשטאַנען, אַז דער האַלב ווילדער בחור האָט נעבעך נישט געוווסט דעם „ציוויליזירטן" טייטש פונעם וואָרט „שוואַנגערן" און אויף איר ווייבערישן שטייגער געגעבן דאָס אים צו פאַרשטיין:

— כוליטאַ, איך טראָג ביי מיר אונטערן האַרצן אַ קינד פון דיר...

ערשט איצט האָט כוליטאַ אויף קלאָר באַנומען וואָס עמאַליטאַ האָט פריִ־ער געמיינט צו זאָגן מיטן וואָרט „שוואַנגערן". פון דעם באַגריף, אַז ער וועט באַלד ווערן אַ טאַטע פון אַ קינד, האָט אים אַזוי צענומען, אַז דער געזונטער יונג האָט איר אַרומגעכאַפּט אַרום דער טאַליע, אַ הייב געטאָן אין דער לופטן

און אַזאַ האַסטיקן דריי געגעבן זיך, אַז איר ברייט קלייד האָט זיך צעשפּרייט, צעכוואַליעט זיך און אויסגעזען ווי אַ הוידנדיקער קאַרוסעל.

נאָר באַלד האָט ער זיך גאָר געכאַפּט, אַז אַ טראַגעדיקע פרוי טאָר מען נישט הייבן און נישט הוידען. האָט ער זי פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אַ פאַרשעמטער געבליבן שטיין אַנטקעגן איר מיט אַזאַ שולד אין די קאַרע אויגן, ווי ער וואָלט דערמיט אָפּגעטאָן אַ שוידערלעכע זאַך. ווען עמאַליטאַ האָט באַמערקט זיין גרויסע פרייד, האָט זי די גינסטיקע רגע נישט אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט. זי האָט אַנגעשפּאַרט אירע בריסט אויף זיין האַרצן, אַוועקגעלייגט איר קאָפּ צו אים אויפן אַקסל און אין אירע אויגן האָבן זיך געשטעלט בלויז צוויי געציילטע טרערן.

כוליטאַ האָט מיט צערטלעכקייט אין האַנט אויפגעהויבן איר מאָרדע, מיט זיינע זודיקע ליפּן אויסגעקושט די פּאָר טרערן פון אירע גרויסע אויגן, איר געטוליעט צו זיך, געגלעט אירע לאַנגע, פאַרקעמטע האָר און מיט אומשולד אין קול געפרעגט:

— וואָס ווינסטו, מיין ליב קעלבל?... דו טראָגסט טאַקע אַ קינד?...

זי האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף אים, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ און דערנאָך צעווינט זיך מיט אַ לאַנגן שטילן געוויין:

— טאָ וואָס זשע ווינסטו? — האָט ער זי געוואָלט איינגעמען מיט איי־דעלע, ליבע רייד — דו דאַרפסט דאָך זיין אַזוי גליקלעך ווי איך און צום סוף ווינסטו, ווי אַ הילפלאָז קינד.

איצט האָט די כיטרע עמאַליטאַ דערפילט, אַז ס'איז געקומען די ריכטיקע צייט דורכצופירן איר גוט פאַרטראַכטן פּלאַן אין דערווירקלעכקייט. איז זי אויפגעשטאַנען פון געלעגער, אויף וועלכן זי האָט זיך געהאַט אַוועקגעזעצט אויף אַ ווילע און מיט געמאַסטענע טריט געמאַכט עטלעכע שפּאַן איבער דער ערדענער פּאָדלאָגע. דערנאָך האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם הילצערנעם קעסטל, אויסגעווישט די טרערן פון די אויגן און מיט פאַרפירערישער אויס־רעכענונג אין יעדן זשעסט, אין איטלעכן קער און ווענד פון איר בייגעוודיקן קערפּער גענומען טענהן:

— ווי אַזוי זאָל איך זיך פרייען? און פאַר וואָס זאָל איך נישט וויינען, אַז איך טראָג ביי זיך אונטערן האַרצן אַן אומגעזעצלעך קינד?... אַפילו די פּעאָנען אין לאַגער וועלן דאָך אָפּלאַכן!... און ווען דאָס קינד וועט קומען אויף דער וועלט, וועט ער קיין אמתן נאָמען נישט האָבן און אַלע וועלן אים רופן „ממזר״!...

פון עמאַליטאַס „גערעכטע״ טענות איז כוליטאַ אומרויק געוואָרן. אָבער די אינעווייניקסטע פרייד, וואָס ער וועט ווערן אַן אמתער טאַטע, האָט זיך אַפילו אויף קיין האָר נישט אָפּגעטאָן פון אים.

— אויב עמעצער וועט וואַגן צו רופן מיין קינד „ממזר" וועל איך יענעם אָן קיינע וואַקלעניש דערשטעכן...

— אויב דיר איז ליב און טייער דאָס קינד — האָבן זיך עמאַליטאַס גרויסע אויגן צעשטראַלט און אויב דו האָסט מיך אויך ליב און ווילסט מיר נישט אָנטאָן קיין שאַנדע, איז פיר מיך אַוועק אין אַ קלויסטער און האָב מיט מיר חתונה.

אירע רייד האָבן כוליטאַן אין די אויערן געקלונגען גערעכט. דאָך איז אים דאָס וואָרט „חתונה" געווען אַ ביסל פרעמד און אומפאַרשטענדלעך און וועגן אָפּזאָגן איר דעם פאַרלאַנג אַפילו נישט געטראַכט.

— גוט, מיר וועלן פאָרן אין מאַדעראָס, נאָר זאָג מיר: וואָס מיינט דאָס וואָרט „חתונה"? ווי אַזוי טוט מען דאָס?... איך וועל דיר דערציילן דעם אמת, אַז כ'ווייס נישט אויף קלאָר צי מיין טאַטע מיט מיין מאַמען האָבן, ווי דו רופסט דאָס, „חתונה געהאַט". דאָך האָבן זיי מיך געבוירן און געלעבט צווישן זיך אַ גליקלעך לעבן. אָבער... אויב דו דענקסט, אַז דאָס וועט דיך צופרידן שטעלן און מען וועט מיין קינד נישט רופן „ממזר", וועל איך דאָס טאָן מיטן גרעסטן פאַרגעניגן...

פונקט ווי עמאַליטאַ וואָלט נאָר געוואַרט אויף אָט די פּאָר גינסטיקע ווערטער, איז זי אין איין רגע געוואָרן פריש און מונטער. אַ פריילעכע און אַ ספּריטנע אויף די שלאַנקע פיס, איז זי אויפגעשפּרונגען פון קעסטל, צו־געלאָפן צו איר „חתן", מיט אירע לאַנגע הענט אַרומגענומען זיין שוואַרץ־האָריקן קאָפּ און אַ לאַכנדיקע אַריינגעקוקט אין זיינע קאָרע אויגן:

— וואָס איז דאָ מישטיינס געזאָגט פאַראַן וואָס צו וויסן?... קודם־כל דאַרף מען האָבן אַ רינגעלע. דערמיט גייט מען צריין אין קלויסטער און דער „פּאַדרע" דאָרט וועט שוין דורכפירן די גאַנצע צערעמאָניע. אָבער דו ביסט זיכער, אַז דו ווילסט מיט מיר חתונה האָבן?...

— סעגוראָ! — האָט זיך כוליטאָ אַ ביסל באַליידיקט פון איר נאַרישער פראַגע און זיין מענערישע ווירדע האָט זיך אויף אַ ווײַלע אויפגעהויבן. נאָר באַלד האָט זיך דערהערט אַ געפאַלנקייט אין זיין קול: איך בין אין אַ קלויס־טער קיין מאָל נישט געווען און קיין חתונה נישט געזען. איך ווייס אַפילו נישט ווי צו בעטן גאָט... און איך שעם זיך דיר צו דערציילן, אַז עפּעס האָב איך אַלע מאָל אַ ביסל מורא געהאַט אַריינצוגיין אַהין...

— דו דאַרפסט דאָרט גאָרנישט טאָן — האָט אים עמאַליטאַ פאַרזיכערט און געוואָלט אַרויספּלאַצן מיט שטאַטישע רייד, אַז ער האָט שוין זיינס אָפּ־געטאָן. נאָר זי איז געווען כיטרע און זיך געכאַפּט אין דער לעצטער רגע, אַז זי דאַרף איצט שפּילן די ראָלע פון אַ „צנועה", אַז מיט איין וואָרט בלויז קאָן זי קאַליע מאַכן דעם גאַנצן פּלאַן און דעריבער פאַרגעזעצט רעדן מיט געמאַכטער ערנסטקייט אין קול, — דו דאַרפסט בלויז אַרויפטאָן דאָס רינגעלע

צו מיר אויפֿן פינגער און נאָכזאָגן דעם „פּאַדרע״ די פּאָר ווערטער, וואָס ער וועט דיך הייסן... דו ווילסט דאָך חתונה האָבן — האָט זי איצט אויס־געדרייט דעם דישעל אויף צוריק, כדי צו פאַרשטאַרקן איר מאַנעוורע — דער איינציקער וועג ווי דאָס צו טאָן איז בלויז אַריינגיין אין קלויסטער...

און כוליטאָ, וואָס איז געווען אַ פֿאַרשיכורטער פון פרייד און נישט גע־וואָלט, אַז מען זאָל זיין קינד רופן „ממזר״, האָט איצט קיין סך נישט געקלערט, נישט איבערגעלייגט זיך וואָס ער טוט און מיט אַ פעסטן באַשלוס געזאָגט:

— בוענאָ, קערידיטאָ! אין דעם שטעטל מאַדראַס האָב איך פון ווייטן באַמערקט אַ קליינעם, ווייסן קלויסטער. דאָס שטעטל ליגט אין גאַנצן אַרום אַ האַלבן טאָג רייטן פון דאַנען. איז וועלן מיר מאָרגן נאָך פרישטיק פאָרן אַהין. ביסטו צופרידן?...

אַנשטאָט צו ענטפערן האָט אים עמאַליטאַ ווידער אַרומגענומען, געדריקט צו זיך און אַ ברענענדיקן קוש געטאָן אין מויל. מיט דער ווילדקייט פון אַ ביק, האָט זיך כוליטאָ אַרויסגעריסן פון אירע הענט, אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ קעסטל, וואָס איז געשטאַנען לעבן קאַסציאַר און אין גאַנצן אַ צעפלאַמטער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער פון גאַרטל, אויסגע־שאָסן אין דער לופטן און דערמיט צונויפגערופן אַלע פעאָנען מיט די עטלעכע גאַסן־פּרויען.

פון אַלע זייטן האָבן זיך אַהער געטראָגן פעאָנען מיט צעפלאַמטע קעפּ און שרעק אין די אויגן. זיי זענען געקומען פון די ביידלעך, פון קאָראַל און פון די בערג. אויך די ווייבער האָבן אַרומגערינגלט דעם צעשמייעטן סטעפּ־יונג, וואָס האָט אָן קיין שום שאַנדע און אָן קיין שום חרפּה אויף אַ הויכן קול גע־זאָגט צו די פאַרזאַמלטע :

— אַמיגאָס! מיין עמאַליטאַ טראָגט אַ קינד אין בויך! איך וועל ווערן אַ טאַטע!... מאָרגן אין דער פרי וועלגן מיר פאָרן קיין מאַדראַס, דאָרטן איז פאַראַן אַ קלויסטער און דער פּאַדרע וועט אונדז ביידע חתונה מאַכן!...

פון דער דערפרייענדיקער בשורה זענען די מענער געוואָרן אַזוי אויפגע־הייטערט, אַז זיי האָבן זיך גאָר פאַרגעסן אין דער פריִערדיקער מורא און אָנגעהויבן שרייען: „וויוואַ כוליטאָ! — — — וויוואַ עמאַליטאַ!״ — — —... נאָר די עטלעכע פרויען, וואָס האָבן טאַקע געמיינט, אַז עמאַליטאַ האָט פאַר־שוואַנגערט אויף אַן אמת, האָבן דאָס איר הפנים נישט פאַרגינען און איינע פון זיי האָט אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן אויף דער ערד און געזאָגט צו אַ צוויי־טער שטילערהייט:

— דו האָסט שוין געזען, אַז אַ הור זאָל האָבן אַזאַ מזל?!...

כוליטאָ האָט די ווייבערישע רייד נישט געהערט. אַ באַרוישטער פון זיין גרויסן „נצחון״ האָט ער איינגעשטילט דעם ליאַרעמדיקן עולם און אַפריִער געווענדט זיך צו ראַפאַעלן מיט נאַטאַליאַן, געהייסן, אַז זיי זאָלן מאָרגן אין

דער פרי אָפּקלייבן דרייסיק פון די שענסטע און בראַווסטע יונגען, די בעסטע רייטער אין „לאַגער", וואָס קאָנען האַלטן אַ ביקס אין די הענט, אויספּוצן זיי און די טייערסטע קליידער און געבן די בעסטע רייט־פערד פון קאָראַל, כּדי צו זיין גרייט פאַר דער מאָרגנדיקער רייזע. דערנאָך האָט ער באַפוילן די עטלעכע פרויען, אַז זיי זאָלן גלייך מאָרגן אין דער פרי צוגרייטן אַ גוטן פרישטיק פון געזשאַרעטן פלייש און אויפקאָכן אַ פולן קעסל מיט שטאַרקער מאַטע צום טרינקען.

די חתונה

מיטן בליאַסק אויף טאָג איז אין לאַגער אויפגעגאַנגען אַ שטאַרקע באַוועגונג. אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט אַלע פּעאָנען אויסגעשטעלט אין איין ריי, פון צווישן די אויסגעקליבענע די שענסטע און בראַווסטע יונגען. ער האָט זיי ביפוילן איבערצוטאָן זיך אין בעסערע בגדים, דערנאָך גיין אין קאָראַל און אָנזאָטלען די פלינקסטע פערד, באַצירן זיך מיט די לאַנגע רימענע לענטעס קוילן, נעמען צו זיך אויף די פּלייצעס די קורצע קאַראַבינעס (ביקסן) און גיין צום קאַסציאַר אָפּעסן פרישטיק.

ער אַליין האָט דערווייל אָנגעזאָטלט כוליטאָס אָגער און עמאַליטאָס ראַבן סוס מיט שפּאָגל נייע זאָטלען, וואָס זענען סיי פון פאָרנט און סיי פון הינטן געווען באַזוימט און באַשלאָגן מיט זילבערנע אָרנאַמענטן. אויך צוויי נייע צוימלעך ביי די פערד אויף די חגעוודיקע פּנימער זענען געווען אָנגעזעצט מיט די זעלביקע זילבערנע אוזאָרן. בלויז אויף ראַפּאַעלס סוס האָט ער אַרויפגעטאָן אַן אַלטן, וואָכעדיקן זאָטל מיט אַ פּשוטן צוימל. ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן דערמיט, איז אַנטאָניאָ צוגעגאַנגען צום פייער און געזען ווי דאָרטן האָבן שוין די בעקערס צוגעבאַקן אַ היפּש ביסל פלעצלעך און דער פאַרזאַמלטע עולם האָט מיט הונגער אין די אויגן געשלונגען די פלעצלעך. זיי האָבן געדולדיקע געוואַרט, אַז דער חתן מיט דער כלה און דער גרויסשטאַטישע ראַפּאַעל זאָלן וואָס גיכער אָנקומען אַהער, כּדי צוזאַמען אָנהייבן צו פראַוון די גרויס סעודה, וואָס כוליטאָ האָט זיי נעכטן צוגעזאָגט.

כוליטאָן האָבן פריער צוויי פרויען צוגעטריבן פון זיין ביידל, כּדי זיי זאָלן קענען העלפן עמאַליטאָן אויספּוצן זיך צו דער חתונה. ער איז אַ האַלבצופרידענער אַוועק צו ראַפּאַעלן אין פּאַלאַטקע. דער קאַסאָקער פריזערער האָט אים אויפגענומען ווי אַ טייערן גאַסט. מיט פרייד אין די קרומע קוקערס האָט ער אַ ווילע באַטראַכט כוליטאָס פּאַטלע, די באַוואַקסענע באַקן מיט די שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס דער סטעפּ־יונג האָט זיך געלאָזט וואַקסן און אין

ראַפאַעלס געביין האָט זיך צעשפּילט דער מייסטער־שערער. האָט ער אָן קיינע שום קונצן געהייסן דעם אורח אַוועקזעצן זיך אויפן קעסטל און נישט געאיילטערהייט גענומען זיך צום שערן און אַרומגאָלן זיין פּריינט.

ביי כוליטאָן אין ביידל האָבן די פּרויען דערוויייל אויסגעטאָן עמאַליטאַן ביזן העמד, צעקאַמט אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר. אויף איר אַרויפגעצויגן דאָס שוואַרצע סאַטינענע קלייד, וואָס זיי האָבן דערטאַפּט אין שאַלאַש צווישן די פּעק מיט קליידער, וואָס כוליטאָ מיט זיין באַנדע האָבן מיט אַ צייט צוריק געהאַט פאַרנומען פון דעם „איינזאַמען קאַראַוואַן" אין סטעפּ. ווען די פּרויען זענען פאַרטיק געוואָרן מיטן פאַרקנעפּלען און צוטשעפּען אַלע העקעלעך, האָט דאָס קלייד אַראָפּגעזונגען פון עמאַליטאַס בייגעוודיקן קערפּער מיט אַ יום־טובדיקן געזאַנג פון אַן אמתער, אומשולדיקער כלה. און כאַטש די שיך מיט די הויכע קאַרקעס האָבן זיך אַרויסגעזען פון אונטערן לאַנגן קלייד, דאָך האָט מען זיי מיט סאַזשע און שפּייעכץ אַרומגעפּוצט. דערנאָך האָבן די פּרויען פון עמאַליטאַס לאַנגע האָר אויסגעפלאָכטן צוויי צעפּ און פון דעם אויסגעדרייט אַ גרויסע קוקסע כמעט אויפן מיטן קאָפּ. אין דעם הויכן קעמל, מיט די עט־לעכע שיטערע ציין אַריינגעטאָן איין ברעג פון דעם לאַנגן שוואַרצן וואָל און דעם אַנדערן געלאָזט אַראָפּהענגען איבער עמאַליטאַס פּלייצע. דאָס קעמל האָבן זיי אַזוי קונציק אַריינגעזעצט אין דער הויכער קוקסע, אַז דאָס האָט אויסגעזען ווי אַן אמתע קרוין און סיי פונעם באַגריף, אַז זי וועט באַלד ווערן כוליטאָס געזעצלעך ווייב און סיי פון דעם שיינעם טואַלעט, האָט זיך עמאַלי־טאָס פּנים צעהעלט און צעשטראַלט.

ווען כוליטאָ איז שוין געווען אַן אַרומגעשוירענער און אָפּגעגאָלטער, איז ער אין דער באַגלייטונג פון ראַפאַעלן צוגעגאַנגען צו זיין ביידל. אין דער צעעפנטער טיר איז געשטאַנען עמאַליטאַ מיט צוויי פּרויען פון ביידע זייטן און געוואַרט אויף אים. דערזען זיין כלה אין אַזאַ פּרעכטיקן הילוך, איז דער סטעפּ־יונג געוואָרן אַזוי צעטומלט, אַז ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: צוגיין צו איר אָדער נישט.

זי איז אָבער געווען אַ סך דערפאַרענער און כיטרער פון אים און פאַר־שטאַנען זיין נישט געוואַגטקייט. האָט זי אַ לאַכנדיקע און אַ רייצנדיקע אים אַנגענומען פאַרן אָרעם און זיי זענען מיט געזאַנג אין די טריט אַוועק צום קאַסציאַר, ווו אַלע מענטשן פון „לאַגער" האָבן שוין פון לאַנג געוואַרט אויף דעם יונגן, גליקלעכן פּאָרל.

אין דער רגע, וואָס זיי האָבן זיך באַוויזן און דערנענטערט זיך צום פייער, זענען די פּעאַנען געוואָרן ווילד פון שמחה. נאָר אַנשטאָט צו וואַרפן די סאָמ־ברעראָס אין דער לופטן האָבן זיי איצט די היט אַראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד און ווי פאַרשיכורטע אָנגעהויבן טאַנצן אַרום די ליגנדיקע סאָמברעראָס אין

גאָר פאַרגעסן זיך, אַז זיי האָבן דאָ די גאַנצע צייט געוואַרט הונגעריקע אויף כוליטאָן מיט זיין כלה.

עס איז געווען אינטערעסאַנט צו זען ווי דער טאַנץ איז וואָס אַ רגע און וואָס אַ מינוט געוואָרן אַלץ פלאַמיקער, ווילדער און גראַטעסקער. די טענצער האָבן זיך ווי ווינטן געדרייט אַרום די היט. זיי האָבן געטאַנצט מיט פאַררי־סענע קעפּ צום הימל, נישט געקוקט אויף דער ערד און דאָך מיט די פיס אַפילו נישט אָנגערירט די ברייטע ראַנדן פון די סאָמברעראָס און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער גאַנצער טאַנץ וואָלט געווען עפּעס אַ געוועט, אַזאַ שטומער אָפּמאַך צווישן זיך, צו זען ווער פון זיי וועט קאָנען אויסטאַנצן דעם טאַנץ און דערביי נישט אַרויפטרעטן אויף אַ ראַנד פון אַ הוט.

פּלוצים האָט עמעצער פון די שומרים אויף די בערג אויסגעשאָסן. דער שאָס האָט מאָמענטאַל אויסגעניכטערט דעם עולם. די טענצער זענען געבליבן שטיין אין מיטן טאַנץ, ווי פּאַראַליזירט, און די סאָמברעראָס זענען געבליבן ליגן אויף דער ערד פּאַרלאָזטע און פאַרשעמטע. פונעם נאָענטסטן באַרג איז באַלד געקומען צו לויפן אַ שומר און אַ פאַרסאַפּעטער אָנגעוויזן כוליטאָן אויפן דערבייאיקן סטעפּ:

— עס פאָרט דאָרט אַ הויכער וואָגן, וואָס איז צוגעשפּאַנט צו זעקס אייזלען! וואָס קאָן דאָס זיין אַזוינס, כוליטאָ?

סיי פונעם שאָס און סיי פונעם שומרס אָנזאָג איז כוליטאָ אויף אַ ווילע שטיין געבליבן ווי אַ געפּלעפּטער. נאָר גאָר גיך האָט ער זיך דערמאָנט, אַז דאָס האָט דער געווער־הענדלער פון באַהיאַ בלאַנקאַ געוויס צוגעשיקט אַהער די ביקסן מיט די אַנדערע זאַכן, וואָס ער האָט ביי אים באַשטעלט. האָט ער געענטפערט דעם היטער אַזוי הויך, אַז אַלע אָנוועזנדיקע זאָלן אים הערן:

— איך האָב אייך גאָר פאַרגעסן צו דערציילן, אַז ווען איך בין געווען אין באַהיאַ בלאַנקאַ האָט מיך ראַפּאַעל אַריינגעפירט צו אַ סוחר, ביי וועמען מיר האָבן איינגעהאַנדלט הונדערט נייע ביקסן מיט עטלעכע קעסטלעך קוילן, אַ פעסל מיט נאַפט און פערציק זאַטלען. טאָמער ווילן צו אונדז צוקומען נייע פּעאָנען און מען וועט דאָס דאַרפן האָבן.

נאָך דער דערקלערונג האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו ראַפּאַעלן און געזאָגט:

— נעם דאָס געלט, דו ווייסט דאָך ווו? הייס איינשפּאַנען צוויי אַרבעטס־פערד אין אַ וואָגן, נעם מיט פיר רייטער מיט ביקסן און פאָר אַנטקעגן דער פור אין סטעפּ, באַצאָל דאָרט דעם רעשט וואָס עס קומט דעם געווער־הענ־דלער לאָפּעז, לאָד אַריבער צו זיך אויפן וואָגן אַלץ וואָס אויף יענער פור גע־פינט זיך. איר זאָלט אָבער נישט רירן זיך פון אָרט ביז יענער וואָגן מיט די אייזלען וועלן שוין מער נישט זיין פאַר די אויגן, כדי דער אָנטרייבער זאָל נישט זען אין וועלכער ריכטונג איר וועט אַוועקפאָרן. פאַרשטאַנען?...

— סי סעניאָר! — האָט ראַפּאַעל קיין צייט נישט פאַרלוירן און פּינקט־לעך אויסגעפאָלגט דאָס, וואָס כוליטאַ האָט אים אָנגעזאָגט.

פון דעם איז דער עולם געקומען צו זיך. נאָר פון ווידער טאַנצן איז שוין קיין רייד נישט געווען. אַנשטאָט דעם האָבן זיי זיך גאָר, ווי שטענדיק, אַוועק־געזעצט אויף דער ערד, געמיטלעכע אָנגעהויבן עסן דאָס געזשאַרעטע פלייש און פאַרטרונקען מיט דער הייסער מאַטע, וואָס מען האָט צוריק אַרויפגעהאָנגען איבערן פייער אויף אָנצוואַרעמען.

צוליב כוליטאַן מיט עמאַליטאַן האָבן אַ פּאָר פרויען געבראַכט צוויי קעסט־לעך צו זיצן. זיי האָבן ניט געוואָלט, אַז דער אויסגעפּוצטער חתן, מיט דער שיין אָנגעטוענער כלה, וואָס האָט אין אַלעמענס אויגן אויסגעזען ווי אַ רייכע סעניאָ־ריטאַ, זאָלן חלילה נישט איינריכטן זיך די קליידער. דעריבער האָט איינע פון די קעבנס צוגעטראָגן אַ דריט קעסטל, דאָס אַוועקגעלייגט פלאַטשיקערהייט, פאַרשפּרייט מיט אַ זעקל, אויף דעם אַרויפגעשטעלט אַ טעלער מיט אָנגעשניטן פלייש, אַ צווייטן טעלער מיט געבעקס, צו קוועטלעך מאַטע און חתן־כלה האָבן צום ערשטן מאָל אין איינעם געגעסן זיצנדיק ווי פּריצים ביי אַ „גע־דעקטן טיש"...

ביז אַלע האָבן אָפּגעגעסן און ביז אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט דערנאָך ווידער צעשטעלט די אָפּגעקליבענע דרייסיק רייטער אין איין שורה און ער אַליין האָט אַהער געבראַכט כוליטאָס אָגער מיט עמאַליטאָס ווייסן סוס, האָט זיך שוין ראַפּאַעל צוריקגעקערט פון סטעפּ מיט אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן און זיינע פיר רייטנדיקע באַגלייטער. אַנטאָניאָ איז צוגעגאַנגען צו דער פור, אַ ווילע באַטראַכט איינע פון די ערשט געבראַכטע ביקסן מיט דער שוואַרצער רער און געלן רימען מיט דער ניקלדיקער ספּראַנזשקע. ער האָט אַן עפן געטאָן און צוריק פאַרמאַכט דעם שלאָס פון „מאַגאַזין" און אַ צופרידענער גע־זאָגט צו די דרייסיק חברה:

— מוטשאַטשאָס, קומט אַהער! נעמט פון זיך אַראָפּ די אַלטע ביקסן און טוט אָן די נייע!... בייט אויך איבער די קוילן אין די לענטעס און אין די „פּאַטראָן־טאַשן". אָבער טוט דאָס גיך! שוין שפּעט אין טאָג, צייט אַרויס־צופאָרן אין וועג!...

כוליטאָן איז זייער געפעלן געוואָרן אַנטאָניאָס סאָלדאַטסקער איינפאַל פון איבערבייטן די ביקסן. ער האָט זיך טאַקע געוואָלט באַווייזן אין שטעטל מיט וואָס מער גלאַנץ און פּוץ. אָבער אַרויסווייזן זיין צופרידנקייט אין דער עפנטלעכקייט האָט אים נישט געפּאַסט. האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיין אָגער, געוואַרט ביז עמאַליטאַ האָט זיך איינגעמאַשטשעט באַקוועם אין איר זאָטל, און ווען ראַפּאַעל האָט אויף גיך אַראָפּגעשלונגען אַ פּאָר ביסנס און דאָס איבעריקע פלייש מיטן פלעצל אַריינגעשטופּט צו זיך אין פּאַזוכע צו עסן דאָס פאָרנדיק אויפן וועג, איז כוליטאַ דערוויל אַרויפגעשפּרונגען צו זיך אויפן

ראַבן פערד, פאַרהויבן דעם הוט אין דער לופטן, אַ געשריי געטאָן צו די איבערגעבליבענע מענטשן אין לאַגער: „אַדיאָס״! און דער סקוואַדראָן רייטער האָט זיך גערירט פון אָרט.

צוליב דעם וואָס מען האָט געבראַכט די נייע ביקסן פון באַהיאַ בלאַנקאַ, האָט זיך דאָס אַרויספאָרן קיין מאַדעראָס היפּשלעך פאַרשפּעטיקט. האָבן איצט די רייטער מיט די זאַדניקעס פון זייערע שטיוול געזעצט די פערד אין די בייכער, אין די דעכוועגעס און אונטערגעטריבן, אַז זיי זאָלן ציִען אַ ביסעלע גיכער. כאָטש מען האָט זיך געאיילט און געוואָלט אָנקומען אין קלויסטער אַזוי פרי ווי מעגלעך, דאָך האָט קיינער אַפילו נישט געחלומט פון צו לאָזן די פערד לויפן אין פולן גאַלאָפּ. מחמת אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס וואָלט צעטרייסלט און צעפּאַדלט דער כלהס וווּנדערלעכן טואַלעט.

פונדעסטוועגן איז מען פאָרט געריטן גיך. עמאַליטאַ איז געזעסן אויף איר ווייסן פערד אַ שטאָלצע און אַ צופרידענע. אמת, איר שלאַנקער גוף האָט זיך דערביי צעהאָצקעט אומגעלומפּערט און דער לאַנגער שוואַרצער וואַל, וואָס איז אַראָפּגעהאָנגען פון קאָפּ. האָט זיך צעשפּרייט, אויסגעצויגן זיך אין ווינט און מיט זיין עק געקיצלט אין די נאָזדרעס דעם סוס, וועלכער איז געלאָפן האַרט הינטער איר פערד. דאָס האָט געמאַכט, אַז דאָס הינטערשטע פערד זאָל אָפּט פאָרכקען און פירכקען. נאָר סוף־כל־סוף האָט ער דאָס שוין מער נישט געקאָנט פאַרליידן און אָפּגעקערעוועט זיך אַ ביסל אָן אַ זייט, אַז דער וואַל זאָל אים נישט שטערן אין געלויף.

נאָר ווי מען איז נישט געלאָפן, האָט זיך יעדן רייטער אויסגעוויזן, אַז מען געפינט זיך נאָך אַלץ אויפן מיטן סטעפּ, אַז צוזאַמען מיט דעם ווילדגראָזיקן ים איז די צייט שטיין געבליבן אויף איין אָרט און רירט זיך נישט פון אָרט. אָבער ווען עמעצער פון זיי וואָלט כאָטש אויף איין רגע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, וואָלט ער גלייך באַמערקט, אַז די זון האָט זיך שוין פון לאַנג אַרויפגעקראַפּקעט אויפן מיטן הימל און אַז די צייט איז גראָד יאָ געלאָפן מיט דעם זעלביקע טעמפּאָ ווי אַלע מאָל. אַז זינט זיי האָבן פאַרלאָזן דעם לאַגער איז שוין כמעט אַ האַלבער טאָג פאַרשוווּנדן אונטער די קאָפּיטעס פון די לויפנדיקע פערד.

דער שמאָלער פּאַס סטעפּ האָט זיך באַלד אויסגעלאָזט און די ווילדע גראָזן האָבן אָפּגעטראָטן אַלץ ווייטער און ווייטער פונעם סקוואַדראָן. אַפריער האָט זיך באַוויזן אַ ברייטער, זאַמדיקער וועג, דערנאָך זענען אַרויפגעשווומען רויט און בלוי געפאַרבטע דעכער פון צוויי־גאָרנדיקע שטיבער, וועמענס געשטעלן מען האָט נאָך פון ווייטן אויף קלאָר נישט געקאָנט זען. צווישן אַלע דעכער האָט זיך אַרויסגעהויבן דער ניקלנער צלם פון אַ קלויסטער, וואָס האָט געבליאַסקעט און געבלענדט אין דער זון און אָנגעזאָגט די איילנדיקע רייטער, אַז דאָס שטעטל מאַדעראָס איז שוין געוועזן אַזוי נאָענט, ווי מיט דער האַנט צו דערלאַנגען.

אומגעפּער אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן די פּאַנען איינגעהאַלטן דעם געלויף פון די פערד און אין „פּוסטריט“ אַריינגעריטן אין דער הויפּטגאַס פון שטעטל. דאָס איז געווען אַ ברייטע גאַס מיט הילצערנע הייזער און קראָמען פון ביידע זייטן. אויף די טראָטואַרן זענען אַרומגעגאַנגען מענטשן מיט אַזעל־כע פּאַמעלעכדיקע טריט, ווי זיי וואָלטן שוין וואָכן נישט געשלאָפן. אויף רעכטס און לינקס זענען דורכגעלאָפן שמאָלע געסלעך, מיט קליינע, ווייסע שטיבלעך און אין ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן.

דער סקוואַדראָן האָט געצויגן אַלץ ווייטער ביז צום קליינעם בולוואַר, וואָס האָט אַרומגערינגלט דאָס קלויסטערל. דאָ האָבן זיך אַרומגעדרייט מער מענטשן איידער אין אָנהייב גאַס. פאַרחידושטע האָבן זיי געקוקט אויף די באַוואָפנטע רייטער מיט דער שיינער סעניאָריטאַ אין פאָרנט, וועלכע איז גע־ווען באַגלייט פון אַ סטרוינעם יונגנמאַן מיט שוואַרצע וואָנצעלעך אויף דער אייבערשטער ליפּ. די נייגעריקע מענטשן האָבן אַ ווײַלע געקוקט אויף די מאָדנע רייטער, געקוועטשט מיט די פּלייצעס און אַוועק ווייטער.

נאָר אויף איינעם אַ ראָג, שוין כמעט לעבן קלויסטערל, איז שטיין געבליבן אַ דיקלעכער סעניאָר אין די פופציקער יאָרן, מיט לאַנגע, שוואַרצע וואָנצעס, וואָס זענען אים אַראָפּגעהאָנגען פון ביידע זייטן פליישיקן מויל און מיט אַ גראָ־בער, גילדענער קייט איבער דער ברייט פון זיין קיילעכדיקן בויך. דער דאָזי־קער נפש האָט ווייט צעלופּעט די געדיכט־באַברעמטע אויגן, זיך גוט איינגע־קוקט אין כוליטאָן, אין אַ פּאָר פון זיינע מיטרייטער און דערקאָנט, אַז דאָס זענען די זעלביקע „באַנדיטן“ וואָס זענען מיט אַ צייט צוריק באַפאַלן זיין „איינזאַמען קאַראַוואַן“ אין דער פּאַמפּאַ און ביי אים צוגערויבט דאָס געלט און דערנאָך אַוועקגעפירט מיט זיך דריי וועגענער מיט סחורה. האָט דער באַ־עוולטער סעניאָר קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט און אַוועקגעלאָפן צו דער פּאָליציי מעלדן, אַז אין שטאָט איז אַריינגעריטן אַ גאַנצער סקוואַדראָן מיט באַנדיטן און רויבער.

אין פּאָליציי־קוואַרטיר איז געוואָרן אַ סומאַטאָכע. ס'איז גראָד געווען די צייט פון דער „סיעסטאַ“. אין גאַנצן איז אין מאַדעראַס געווען נישט מער ווי פינף און דרייסיק פּאָליציסטן מיט פינף זשאַנדאַרמען, וואָס אַ העלפט, צי מער פון אַ העלפט פון זיי זענען נאָך פריִער אַוועק צו זיך אין די היימען און איצט מסתמא געשמאַק געשלאָפן. האָט דער פּאָליציי־אָפיסיאַל אַוועקגעשיקט אַ פּאָר פון זיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן אויפוועקן און ברענגען אַהער אַלע הי־טער פונעם געזעץ...

דערווייל איז דער סקוואַדראָן צוגעקומען צום קלויסטערל. כוליטאָ האָט געהאָלפן עמאַליטאַן אַראָפּצוגיין פון איר פערד. דערנאָך זענען זיי אַריין אי־נעם „געבעט־הויז“. דאָ איז געווען אַזוי שטיל, אַז דעם סטעפּ־יונג האָט אָנ־גענומען אַ מורא צו אָטעמען טיף. פון די ווענט האָט געשלאָגן אַ נאָגנדיקער

אומעט. דורך די פּאָר קאָלירטע פענצטערלעך האָט אַהער דערגרייכט אַ בלאַ־סער שיין פון דרויסן און קוים באַלויכטן די אָפּבילדער און געטשקעס פון „סאַנטאַ מאַריאַ" און „סאַן פּאַבלאַ". פון אַ זייטיקער טיר איז אַרויסגעקומען אַ מיטלוועקסיקער און מאָגערער גלח מיט אַ לאַנגער, שוואַרצער זשופּיצע, וואָס איז געווען פאַרקנעפּלט ביז צום ווייסן קראַגן אַרום האַלדז, וואָס האָט אים קענטיק געשניטן, מחמת דער גייסטלעכער האָט אַלע ווײַלע געדרייט דעם קאָפּ אין אַלע זייטן:

— וואָס קען איך טאָן פון אײַערטוועגן?

אַנשטאָט כוליטאָן האָט גאָר עמאַליטאַ געענטפערט מיט אונטערטעניקייט אין קול:

— מיר ווילן חתונה האָבן...

— זייער גוט, זייער גוט! — האָט דער גלח איבערגעחזרט די פּאָר ווערטער און מיט אַ גנבישן בליק אָפּגעמאָסטן דעם חתן פון אויבן אויף אַראָפּ, פּונקט ווי ער וואָלט זיך גלייך געוואָלט דערקונדיקן וויפל געלט ער וועט דערפאַר קריגן און גערעדט צום סטעפּ־יונג:

— אַ רינגעלע האָסטו, מיין זון? ניין? נו גוט! איך האָב ערגעץ ווו ליגן אַ רינגעלע וועל איך עס דיר געבן"...

— אומזיסט וויל איך נישט. איך האָב גענוג געלט און וועל באַצאָלן דער־פאַר, פּאַדרע — איז כוליטאָ געקומען צו זיך פון דער ערשטער צעטומלט־קייט און באַקומען לשון — אָבער איך בעט דיך, פּאַדרעסיטאָ, אַז דו זאָלסט דאָס מאַכן וואָס שנעלער. מיר דאַרפן נאָך היינט פאָרן צוריק און דער וועג איז אַ ווייטער...

ווען דער גייסטלעכער האָט דערהערט די ווערטער „געלט", „באַצאָלן", איז ער פאַרשוווּנדן הינטער דער פּרי־ערדיקער טיר. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער פון דאָרטן אַרויסגעקומען מיט אַ שוואַרצער „יאַרמולקע" אויפן קאָפּ און מיט אַ ברוינעם, שמאָלן שאַליקל אַרום האַלדז, וואָס האָט געהאַט קורצע פרענדזלעך און באַשלאָגן מיט זילבערנע אָרנאַמענטן. אין האַנט האָט ער גע־האַלטן אַ ניקל רינגעלע, וואָס ער האָט געגעבן כוליטאָן צו האַלטן דאָס דער־ווײַל. דערנאָך איז ער אַרויף אויפן „אַלטאַר", צוגערופן חתן־כלה, זיי געהייסן קני־ען און ווען זיי האָבן אים געפאָלגט, האָט ער זיי איבערגעצלמט און דער־נאָך געבעטן, אַז זיי זאָלן זיך צוריק אויפשטעלן. אין אַ שוואַרצן "ספרל" האָט ער אויפגעמישט אַ געוויסן בלעטל און געפרעגט דעם חתן:

— דו, כוליטאָ, נעמסט עמאַליטאַן פאַר דיין ווייב?... וועסט איר האַלטן אין עושר און אין כבוד ביז דו וועסט שטאַרבן?

וואָס פּאַר אַ שטאַרבן, ווער טראַכט וועגן שטאַרבן? האָט כוליטאָ אויגגע־כאַפּט דעם גייסטלעכנס לעצטע רייד און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אויף די אידיאָטישע פראַגן. נאָר עמאַליטאַ איז אים געקומען צו הילף און דעם

ווילדן יונג אַ צי געגעבן ביים אַרבל, אים עפּעס אַריינגעשושקעט אין אויער און דער חתן האָט געענטפערט:

— סי סעניאָר!

— און דו, עמאַליטאַ, נעמסט כוליטאָן פאַר דיין מאַן? וועסט אים אָפּהיטן און האַלטן אין כבוד ביז דו וועסט שטאַרבן?

אויף דעם האָט די פּיפּיקע עמאַליטאַ שוין לאַנג געהאַט אַ צוגעגרייטן: „סי!" און דער גלח האָט פאַרענדיקט די צערעמאָניע מיט די פאָלגנדיקע „וואָגיקע" ווערטער:

— מיט דער מאַכט וואָס איך האָב פון דער רעגירונג און פון דער שטאַט מאַדעראָס און אין נאָמען פון סאַנטאַ מאַריאַ און פון דעם הייליקן גייסט, דערקלער איך אייך ביידן אַלס מאַן און ווייב...

כוליטאָ האָט אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ פינף פּעזעדיקע אָסיגנאַציע און דאָס געגעבן דעם גלח. אויף אַזאַ גרויסער סומע האָט זיך דער גלח נישט גערעכנט. פון גליק האָבן זיך זיינע אויגן צעלויכטן, האָט ער אין געהיים צו עמעצן געגעבן אַ צייכן און די צוויי גלעקער אויפן קופּאָל פון קלויסטערל האָבן זיך צעקלונגען און חתן־כלה זענען אַרויס פון דאָרטן אַזעלכע גליקלעכע ווי צוויי קינדער.

— „קאָנגראַטולאַסיאָנעס"! — האָבן אויסגעשריען כוליטאָס רייטער, וועלכע זענען די גאַנצע צייט געזעסן אויף די פערד און מיט אומגעדולד געוואַרט אויף דעם נייעם מאַן און ווייב.

אַ פאַרשעמטער האָט כוליטאָ געהאָלפן זיין ווייבל אַרויף אויפן זאָטל. ווען ער אַליין איז שוין אויך געזעסן אויף זיין שוואַרצן, גלאַנציקן אָגער, גענומען די לייצעס אין די הענט און פאַרקירעוועט זיין פערד אויף צום פאָרן צוריק אַהיים, איז ראַפאַעל אויסגעוואַקסן לעבן זיין רעכטער זייט:

— כוליטאָ, די גאַס געפעלט מיר עפּעס נישט!... זי איז מיט אַ מאָל פּוסט געוואָרן פון מענטשן. אפשר זאָלן מיר זיך פאַרנעמען אין אַן אַנדער ריכטונג און נישט צוריקפאָרן מיטן זעלבן וועג מיט וועלכן מיר זענען געקומען?

— נאַרישקייטן! — האָט אים כוליטאָ געענטפערט מיט זעלבסטזיכערקייט אין קויל — דאָס שטעטל האָבן מיר קיין מאָל נישט געטשעפּעט. קיינער קאָן אונדז דאָ נישט כמעט. נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך. פונדעסטוועגן אויב דו ווילסט, זאָלן אַלע אַראָפּנעמען די ביקסן פון די פּלייצעס, זיי אָנלאָדן און זיין גרייט אין פאַל עס וועט עפּעס געשען...

דער סקוואַדראָן האָט נאָך נישט באַוויזן צו דערגרייכן דעם ערשטן ראָג פון קלויסטערל, ווי פון די דערבייאיקע דעכער, פון אָפענע פענצטער און פון איינעם אַ טראָטואַר, וווּ עס זענען געלעגן פּאָליציסטן מיט אָנגעצילעוועטע ביקסן — האָט מען אָנגעהויבן שיסן מיט אַ געדיכטן האָגל קוילן. די קוילן

זענען געלאָפן אין זיג־זאַג און געשווישטשעט אין דער לופטן. געשאָסן האָבן זיי אימפּעטיק און גלייך אין סקוואַדראָן אַריין.

— ראַפאַעל! האָט דער סטעפּ־יונג אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צום קאָסאַקן פריזירער — נעם עמאַליטאַן און צי אויף צוריק! כאַפּט זיך ביידע אַריין אין אַן אַנדערזייטיק געסל און איך וועל אייך שפּעטער באַגעגענען אין סטעפּ!

אַ רגע האָט ער באַטראַכט פון וואַנען די שאָסן זענען געקומען און תיכּף אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיינע יונגען:

— מוטשאַטשאָס! פּועגאָ! אַוואַנטע!

מאָמענטאַל האָט זיך דער גאַנצער סקוואַדראָן צעלאָזט אין פולן גאַלאָפּ און זייערע נייע ביקסן האָבן בעת־מעשה געאַרבעט גיך. די שלעסער און די „מאַגאַזינען“ האָבן זיך פלינק געעפנט און פאַרמאַכט. זיי האָבן געקנאַלט, גע־שאָסן אויף לינקס און אויף רעכטס. זייערע קוילן האָבן געוואָיעט און געפייפט מיט אַ דינעם פייפן, געיאָגט זיך פון די שוואַרצע רערן אַרויס און געזוכט צו טרעפן אין די שיסנדיקע פּאָליציסטן.

פון דער מוראדיקער קאָנטראַטאַקע זענען פון די דעכער אַראָפּגע־פאַלן מענטשלעכע גופים אויף די הילצערנע טראָטואַרן מיט טעמפּע טראַסקען. די פענצטער זענען מיט גלאָזיקע קלאַנגען צעשמעטערט געוואָרן. די מער־סטע פּאָליציסטן אויפן טראָטואַר זענען געבליבן ליגן מיט צעשפּרייטע הענט, מיט צעעפנטע מיילער, צעלופּעטע אויגן און אויסגעצויגענע פיס און מען האָט נישט געקענט טרעפן צי זיי לעבן נאָך אָדער נישט.

דער סקוואַדראָן האָט שוין געהאַט דורכגעשניטן די גאַנצע לענג פון דער הויפּטגאַס און זייער גרינג געקאָנט אַוועקפאָרן צוריק אין פעלד און פון דאָרטן פאַרנעמען זיך צום סטעפּ. אָבער כוליטאָ האָט באַמערקט ווי אַכט פון זיינע פערד האָבן פאַרלוירן זייערע רייטער. האָט ער געמיינט, אַז זיי ליגן אין שטעטל פאַרוווּנדעטע און וואַרטן מסתמא, אַז ער זאָל זיי קומען צו הילף. דע־ריבער האָט ער נאָך אַ מאָל באַפוילן:

— אָנלאָדן די ביקסן און צוריקפאָרן!

פלינק ווי די קעץ האָבן זיינע רייטער אָנגעפּראָפּט די „מאַגאַזינען“ מיט פרישע קוילן און די צוויי און צוואַנציג קעמפער האָבן ווידער צעלאָזט די פערד אין אַ ווילדן גאַלאָפּ איבער דער ברייטער גאַס און זייערע ביקסן האָבן נישט אויפגעהערט צו באַשפּייען זי מיט פייער פון ביידע זייטן. ווען כוליטאָ האָט דערזען, אַז קיין ענטפער אויף זיינע שאָסן איז שוין מער נישט געקומען פון די פּאָליציסטן, איז ער אַראָפּ פון זיין אָגער און געגאַנגען צופוס פון איין ליגנדיקן פּעאָן צום אַנדערן. ער האָט זיי איבערגעקערט מיט די פּנימער אויף אַרויף, צוגעלייגט זיין אויער צו יעדנס נאָזלעכער, און אַן אַנטוישטער אויף צוריק אויף זיין זאָטל.

צען פון זיינע רייטער זענען מיט אַ מאָל אַראָפּגעשפּרונגען פון די זאָטלען.

צוגעלאָפֿן צו די געוועלבער און מיט די קאָלבעס פֿון זייערע ביקסן צעשמעטערט די טירן. אין די קראָמען האָבן זיי צוגענומען זייגערלעך, פּרוויאַנט, שוואַרצן טוץ־רונג, מעסערס און מעסערלעך, שאַכטלעך ציגאַרן און ציגאַרעטן. די פּאַזוכעס אָנגעשטאָפּט מיט פֿלעשער ווײַנען און בראָנפֿן און דאָס וואָס זיי האָבן נישט געקאָנט אַרײַנלייגן אין די קעשענעס און אין די בוזימס, האָבן זיי אַרײַנגערוקט צו זיך אין די רימענע טאָרבעס פֿון די זאָטלען. אַז די צען חברה זענען דערנאָך אַרויף אויף זייערע פֿערד, האָט כּוליטאָ אויף אַן אמתן פּאַרקירעוועט צוריק, אַרויס פֿון שטעטל און ערשט דאָ אין פֿעלד געכאַפּט זיך, אַז אין דער לעצטער שלאַכט האָט ער פֿאַרלוירן נאָך זעקס מענטשן.

עמאַליטאַ גייט אויס

ווען די פֿערד פֿון דעם צעשלאָגענעם אין אײַנגעשרומפּענעם סקוואַדראָן זענען אָפּגעריטן אַ שטיקל וועג פֿון שטעטל, האָט כּוליטאָ אַ קוק געטאָן אויף דעם קליינעם הייפֿל „קעמפֿער״, וואָס זענען זאָרגלאָז געזעסן אויף די זאָטלען און ער האָט נישט געקאָנט פֿאַרשטיין, וואָס נאָך אַזאַ הייסער שלאַכט, וואָס האָט אַוועקגענומען די לעבנס פֿון פֿערצן פּעאָנען, זענען די רײַטער געווען אַזוי רויִק ווי שטענדיק און גראָד איצט, שוין נאָכן קאַמף, ווו ער האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זײַן קאַלטבלוטיק און פּינקטלעך אויסגערעכנט יעדע מאַנעווורע, ווי אַן אמתער קאָמאַנדיר, גראָד איצט האָט אים דאָס האַרץ געריסן וואָס ער האָט פֿאַרגאָסן מענטשלעך בלוט. דערצו נאָך האָט אים אַרומגענומען אַ ציִעניש און אַ נאָגעניש נאָך זײַן ווײַבל. ער האָט געוואָלט וויסן וואָס מיט איר האָט פּאַסירט. צי זי מיט ראַפּאַעלן זענען בשלום אַרויס פֿון מאַדעראָס. אָט דער געדאַנק האָט אים אַרײַנגעוואָרפֿן אין אַזאַ אומרויִקייט, פּונקט ווי עפּעס אַן אינסטינקטיווער געפֿיל וואָלט אים אָנגעזאָגט אויף אַ שלעכטער בשורה.

אמת, אויף זײַן פֿאַרברוינטן פּנים און אין די טיפֿע, קאַרע אויגן איז נישט געווען צו באַמערקן די פּלוצימדיקע אומרויִקייט און זאָרג. אַדרבא, ער האָט גאָר געהאַט אַן אויבנאויפֿיקן שמייכל אַרום די מויל־ווינקלען. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך פֿאַרט אָפּט אונטערגעהויבן אויף די סטרעמעניעס פֿון זאָטל, מיט דער האַנט־פֿלאַך געמאַכט אַ „דעכעלע״ פֿאַר די אויגן, זײַ פֿאַרשטעלט פֿון דער גלײַענדיקער זון, געדרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס און אויף לינקס, אין דער ווײַט געזוכט די סילועטן פֿון עמאַליטאַס מיט ראַפּאַעלס פֿערד און אין ערגעץ נישט געפֿונען.

דערנאָך, ווען די רײַטער זענען שוין פֿון לאַנג אַרײַן אינעם ווילדגראָז פֿון

סטעפּ, וואָס האָט זיך דאָ אויסגעשפּרייט ווי אַ ברייטער צעכוואַליעטער ים און קיין סימן פון עמאַליטאַן מיט ראַפּאַעלן איז נאָך אַלץ נישט געווען, האָט כו־ליטאַן אָנגענומען אַ פּאַרדרוס אויף זיך אַליין, וואָס ער איז אַזאַ גאָרנישט און בעת דער שלאַכט אין שטעטל נישט אַרויסבאַגלייט איר פון מאַדעראַס, אַפילו רעכט נישט געזען אין וואָסער זייט ראַפּאַעל מיט זיין ווייבל האָבן אַוועקגע־איילט. דער סטעפּ־יונג האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַרשידענע בילדער, איינס שרעקלעכער פון דעם אַנדערן, אַז זיין ווייבל איז אומגעבראַכט געוואָרן פון אַ קויל אין קאָפּ, ליגט אין אַ זייטיק געסל און די שטעטלשע הינט האָבן זיך, ווי הונגעריקע וועלף אַרויפגעוואָרפן אויף איר שיינעם קערפּער און רייסן פון אים שטיקער פליש.

דאָס קאָן נישט זיין, האָט אַ געדאַנק אויפגעבליצט אין זיין מוח, ווי אַ לעצטער, צאַנקענדיקער פונק: „זי מוז זיך געפינען ערגעץ ווו טיפער אין סטעפּ"... אין דעם ברעקל האָפענונג האָט ער זיך אָנגעכאַפּט, ווי ס'כאַפּט זיך אַן אַ מענטש אין אַ שטרוי בעתן טרינקען זיך אין אַ קעסל־גרוב. האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיינע זעכצן לעבן געבליבענע מיטרייטער: „אַדע־לאַנטע! וואַמאָס!" און די שטילע פּעאָנען האָבן אַ זעץ געגעבן זייערע פערד אונטער די בייכער און די סוסים האָבן זיך אַ טראָג געטאָן איבער דער פּאַמפּאַ ווי שטורעם־פייגל פאַר אַ געוויטער.

די ווילדע גראָזן האָבן אַ שווינדל געטאָן פאַר די אויגן, געקומען גליטשן זיך און אַנטלויפן אַלץ גיכער און גיכער פון אונטער די פערדישע קלאָען, וואָס האָבן איצט, דוכט זיך, קוים באַרירט די ערד. די ברייטע גריוועס פון די סוסים האָבן זיך צעפלאַשעט. די לאַנגע עקן האָבן זיך אויסגעצויגן אין ווינט און עס האָט אויסגעזען, ווי די פערד וואָלטן נישט געלאָפן אויף דער ערד, נאָר געשוועבט אין דער לופטן. בלויז דער טיפער און בלויער הימל, אויף וועלכן קיין וואָלקנדל איז נישט געווען צו זען, איז געבליבן שטיין אַ ריר־לאָזער אויף איין אָרט און די זון, אַ צעהעלטע און אַ גאָלדענע האָט ווי אָפּ־געלאַכט פון דעם אומרויקן סטעפּ־יונג מיט זיינע צעווילדעוועטע רייטער.

ס'איז זייער מעגלעך, אַז כוליטאָ מיט זיין קליינעם סקוואַדראָן וואָלטן אַזוי משוגענערהייט געלאָפן אין דעם ווילכערדיקן גאַלאָפּ אַ גאַנצן טאָג מיט אַ גאַנצער נאַכט, ביז די סוסים וואָלטן אַוועקגעפאַלן פון אונטער די זאָטלען. נאָר אָט האָט דער סטעפּ־יונג פון ווייטן דערזען ווי עמאַליטאַס ווייס פערד איז געשטאַנען אינעם הויכן גראָז מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, געפרעסן די גרינע שפּראָצונגען פון דער ערד און הינטער אים איז געווען ראַפּאַעלס טוט, וואָס האָט אַ רויקער געטאָן דאָס זעלבע.

ווען די רייטער זענען צוגעקומען נאָענט צום אָרט, זענען די פערד פאַר־נעם סקוואַדראָן שטיין געבליבן און פאַרסאַפּעטע שווער געוואָרפן מיט די דעכוועגעס. כוליטאָ איז ראַפּטום אויפגעשפּרונגען פון זיין אָגער און אַן אי־

בערראַשטער דערזען: עמאַליטאַ איז געלעגן אויף דער ערד. איר פּנים איז געווען פאַרדעקט מיט אַ ברעג פונעם שוואַרצן וואָל, אַז די זון זאָל איר נישט שניידן אין די אויגן. די רעכטע האַנט האָט זי געהאַלטן אַ ביסל אויסגע־דרייט, צוגעדריקט צו דער פּלייצע און פון צווישן אירע פינגער האָבן זיך געזען סמנים פון שוואַרצן, פאַרטריקנטן בלוט.

אַז ראַפאַעל האָט באַמערקט כוליטאַן אַראָפּשפּרינגען פונעם פערד, האָבן זיך זיינע קאַסאָקע אויגן צעשמייכלט. אָבער דער סטעפּ־יונג האָט זיך איצט אויף אים נישט אומגעקוקט. ווי אַ טיגער איז ער צוגעשפּרונגען צו זיין ווייבל, אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די קני און מיט ציטער אין די הענט פאַמעלעכקע אַראָפּגענומען דעם וואָל פון איר פּנים:

— וואָס איז מיט דיר געשען, עמאַליטאַ?

ווען זי האָט דערזען איר מאַן לעבן זיך, האָבן זיך אין אירע קראַנקע אויגן אָנגעצונדן גרינע, שאַרפע פלעמעלעך. זי האָט באַמערקט ווי אַ גרויסע זאָרג האָט זיך אויסגעשפּרייט אויף זיין דרייקאַנטיקן פּנים. האָט זי אים געוואָלט באַרויקן און קרענקלעך צעשמייכלט זיך. איר ווייס פּנים, וואָס איז איצט באַצויגן געוואָרן מיט אַ בלאַסער מאַטקייט, האָט אַרויסגעלויכטן פון צווישן די ווילדע גראָזן. די אָנגעשמינקעווטע ליפּן, וואָס האָבן אויסגעזען ווי פּי־צינקע רייפעלעך קאַוואַנעס, האָבן זיך פאַמעלעך צענומען און צוויי שורות ווייסע און דראָבנע ציין האָבן אַ פינקל געטאָן אין דער זון:

— זאָרג זיך נישט, מיין מאַן, מיט מיר איז גאָרנישט געשען...

פאַר וואָס זשע האַלטסטו די האַנט אויף דער פּלייצע? פאַר וואָס ליגסטו אויף דער ערד און וואָס איז דאָס פאַר אַ בלוט ביי דיר אויף די פינגער?

— עט! גאָרנישט! ס'וועט איבערגיין... ס'איז גאָרנישט, שרעק זיך נישט אַזוי... — האָט זי אים געענטפערט און אָפּגעקערט דאָס פּנים, אַז ער זאָל נישט באַמערקן ווי זי האָט פונעם פּלוצימדיקן שאַרפן ווייטיק פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ.

אָבער כוליטאַן איז שווער געווען אָפּצונאַרן. ער האָט זיך נישט צופרידנ־געשטעלט מיט אירע קורצע, אָפּגעהאַקטע ענטפערס. האָט ער זיך צוריקגע־שטעלט אויף די פיס, איז צוגעגאַנגען צו ראַפאַעלן און מיט זיינע געזונטע הענט אָנגענומען אים ביים קאָלנער פון דעם העמד:

— דו זאָלסט מיר שוין זאָגן דעם אמת, וואָס איז געשען מיט מיין ווייב!

ראַפאַעל האָט זיך פאַר אים נישט דערשראָקן און נישט געוועדט זיך. אַדרבא, אַ צופרידענער וואָס כוליטאַ איז סוף־כל־סוף יאָ צוגעקומען צו אים און געפרעגט די פראַגע, האָט ער אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף דעם סטעפּ־יונגס געזונטע פויסטן און מיטן טיפן טרויער אין זיינע קאַסאָקע אויגן אָנגעהויבן רעדן אַזוי שטיל, אַז עמאַליטאַ זאָל נישט דערהערן זיינע רייד:

— נאָך אין דער הויפּט־גאַס פון מאַדעראַס, ווען די ערשטע שאָסן פון די

פּאַליציסטן האָבן אַ קנאַל געטאָן און איך מיט עמאַליטאַן האָבן זיך געלאָזט לויפן צו אַן אַנדערזייטיק געסל, האָט אַ קול געטראָפן דיין ווייב, אין אַ זייט, אָדער אין פּלייצע. אַקוראַט ווייס איך נישט ווו. זי איז אָבער אַ בראַווע פרוי און פון דעם גאָרנישט דערציילט די גאַנצע צייט, וואָס מיר זענען געריטן. ערשט ווען מיר זענען געקומען אַהער און זי האָט שוין קיין כוח נישט גע־האָט צו פאָרן ווייטער, האָט זי אָפּגעשטעלט דאָס פערד. איך האָב איר געהאָלפן אַראָפּגיין פון זאָטל, אַוועקגעלייגט אויף דער ערד, צוגעדעקט מיטן שוואַרצן וואַל, אַז די פליגן זאָלן איר נישט באַפאַלן. נאָר מיר דוכט זיך, אַז דיין ווייב האַלט זייער שמאָל...

כוליטאָן איז דאָס האַרץ איינגעפאַלן. ער האָט אַראָפּגעכאַפּט זיין פליאַשקע מיט וואַסער ביי זיך פון זאָטל, דאָס אָפּגעקאָרקעוועט, צוגעטראָגן צו זיין ווייבל. זי האָט דערפון אַ קליינעם זופּ געגעבן, פאַרגאָסן מער וואַסער אויפן קלייד ווי זי האָט אַריינגענומען אין זיך און צעהוסט זיך. האָט דער סטעפּ־יונג אַרויפ־געגאָסן אַ ביסל וואַסער צו זיך אויף דער האַנטפלאַך. דערמיט אַ ביסל אָפּגע־פרישט איר פנים און דערנאָך ווידער געווענדט זיך צו ראַפאַעלן:

— דו ביסט דאָך עפּעס אַ גרויססטאַטישער מענטש, איז זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן? מען מוז זי ראַטעווען. ווער קען איר העלפן?... איך וועל אַוועק־געבן אַלץ וואָס איך האָב, אַפילו מיין לעבן, אַבי זי זאָל — — —

ראַפאַעל האָט איצט באַקומען מער קוראַזש און אָנגעהויבן רעדן אַ סך פרייער איידער פריִער:

— כוליטאָ, הער זיך איין מיט קאָפּ צו דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן. אַז מען קריגט אַ קויל אין פלייצע, צי אַפילו אין אַ זייט, קאָן קיין פּעאָן צי אינדיאַנער גאָרנישט טאָן דערצו. מען דאַרף האָבן אַן אמתן דאָקטער, און דאָקטוירים וואַקסן נישט אויף קיין ביימער. זיי געפינען זיך אין די שטעט און אין די שטעטלעך.

— אין אַ שטעטל? — האָט אים כוליטאָ אַ פאַרוווּנדעטער געפרעגט — באַלד אַזוי, איז דאָך מעגלעך, אַז אַפילו אין מאַדעראַס געפינט זיך אַ דאָק־טער, נישט אמת ?

— עס קען זייער זיין, אַז יאָ, — האָט אים ראַפאַעל קורץ געענטפערט, — אויף געוויס ווייס איך נישט. ווי דו ווייסט, בין איך מיט דעם שטעטל נישט צו גוט באַקאַנט. אָבער מען קאָן זיך פּרובירן. אפשר געפינט זיך דאָרטן אויך אַ דאָקטער...

— ראַפאַעל, אַמיגאָ מיינער, טו מיר די טובה! — האָט זיך דער סטעפּ־יונג געבעטן ביי זיין פריינט — כאַפּ זיך אַרויף אויף עמאַליטאָס פערד. ער איז דאָך אַן אויסגערוטער און זייער אַ גוטער לויפער. נעם מיט זיך נאָך אַ פּאָר, אָדער בעסער איז, אַז דו זאָלסט נעמען איינעם פון די רייטער. נאַדיר אַביסל געלט, טאָמער וועסטו דאָס דאָרטן דאַרפן האָבן און פליט קיין מאַדע־

ראָס מיט די לעצטע כוחות! זשאַלעוועט נישט די פערד! פאָרט דאָרטן אַריין אין אַן אַנדערזייטיקער אָרעמער געסל און פרעג זיך נאָך ווו עס וווינט דער דאָקטער און אפשר ווייסטו אין שטעטל באַמערקן אַ וואָגן, זעץ אויף אים אַרויף דעם דאָקטער, פטרט נישט קיין צייט און ברענג אים אַהער אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך.

אנשטאָט איינעם, האָט ראַפּאַעל מיטגענומען ניין יונגען, אין פאַל עס זאָל זיך עפּעס ווידער נישט טרעפן אין מאַדעראַס. זיי האָבן אַוועקגאַלאָפּירט אַזוי געשווינד, אַז אין צוויי מיט אַ האַלבע שעה זענען זיי שוין אַריינגעריטן אין שטעטל. זיי האָבן זיך פאַרקערעוועט אַן אַן אַנדערזייטיק געסל און זיך אָפּגעשטעלט נעבן אַ האַלב־איינגעפאַלענער כאַטקע. ראַפאַעל איז אַראָפּגע־שפּרונגען פון זאָטל און אויף גיך אַריין אין אַ „שטיבל“. דאָ איז צוליב דעם איינציקן קליינעם פענצטערל געווען האַלב־טונקל. אַ פּאָר קינדערלעך מיט נאַקעטע פּופּיקלעך האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט אויף דעם ערדענעם דיל. אין דער זייט איז געשטאַנען אַ צען יאָריק יינגל און מיט אַ מעסערל געשניצט אַ שטיקל האָלץ. אַן אָפּגעצערטע פרוי אין די פריַע דרייסיקער, מיט אַן עופּהלע ביים אָפּענעם בוזים איז אַנטקעגנגעגאַנגען ראַפאעלן און אַ פאַרחידושטע געפרעגט:

— וואָס ווילסטו דאָ, סעניאָר?

ראַפּאַעל האָט אין איר האַנט אַריינגערוקט פינף פּעזעס.

— מיינער אַ פריינט איז זייער קראַנק געוואָרן, וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן ווו עס געפינט זיך דאָ אין שטאָט אַ דאָקטער.

— דאָס אַלץ?

— דאָס אַלץ.

— לאָפּעז! — האָט די פרוי מיט אַמאָל אַ געשריי געטאָן אויף איר יינגל, וואָס האָט אויפגעהערט שניצן דאָס שטיצל האָלץ און איינגעהערט זיך צו דעם וואָס דער פרעמדער האָט געזאָגט. — גיי מיט דעם סעניאָר צו דער גאַס סאַן מאַרטין און ווייז אים דאָרטן דאָס הויז פון דעם מעדיקאָ.

נאָכן אָנזאָגן איר זון וואָס צו טאָן, האָט זי זיך אויסגעדרייט מיטן פינפערל אין האַנט צום גאַסט:

— סעניאָר, נעם צוריק דאָס געלט. פאַר זאָגן ווו עס וווינט דער מעדיקאָ קומט מיר נישט קיין געצאָלט...

די שווידערלעכע אָרעמקייט אין שטיבל און דער פרויס ערלעכקייט און פשטות האָט ראַפאַעלן גערירט ביז טרערן.

— טייערע סעניאָראַ, איך גיב דאָס נישט. דאָס האָט דיר גאָר געשיקט דער גוטער „באַנדידאָ“ כוליטאָ, וועלכער העלפט אַלע פּעאָנען און אָרעמע מענטשן. מסתמא האָסטו שוין געהערט וועגן אים. אָבער איצט האָב איך מער

קיין צײַט נישט צו רעדן מיט דיר וועגן דעם העלדישן קעמפער, וואָס איז אַליין אַ פּעאָן. איך וועל דאָס טאָן אַן אַנדערטמאָל.

— אַך! אַ מתנה פון ליכטיקן כוליטאָן? — איז די פרוי געוואָרן איבער־ראַשט — דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַוודאי האָבן שוין אַלע אָרעמע מענטשן אין שטעטל געהערט אַ סך מעשׂיות וועגן אים. זאָג אים, אַז ער האָט דאָ אַ סך פריינט און אַ דאַנק אים פאַר די פינף פּעזעס. דאָס וועט מיר זיין אויף אַ חודש צום לעבן, גראַסיאַס!

ראַפאַעל מיטן יינגל זענען געגאַנגען צופוס. די רייטער זענען זיי נאָכגעפאָרן פון ווייטן. נישט ווייט פון אַ שיינער און גרויסער שטוב, וואָס איז געשטאַנען אַריינגערוקט אין אַ קליינער פּאַלמען־אַלייע און מיט אַ מעשענעם שילדל אויפן פאָרנט פון דער געלער, דעמבענער טיר, ווו די אויסגעקריצטע אותיות האָבן צוּוויסן געגעבן, אַז דאָ וווינט דאָקטער ענריקע פּערעז, האָט זיך דאָס יינגל אָפּגעשטעלט און מורא געהאַט צו גיין ווייטער. פאַר זיין טרחה האָט אים ראַפאַעל געגעבן אַ פּעזע. דערנאָך האָט ער אָנגעקלונגען אין טיר און אַריינגעגאַנגען אין אויפנעם־צימער.

אין דער צעפליגלטער, צווייענדיקער טיר פון זיין קאַבינעט, האָט זיך באַוויזן אַ הויכער מאַן אין די פופציקער יאָרן, מיט אַ לענגלעכן פּנים, גרויע האָר, און מיט אַ שטרענגן און פאַרשעׂרישן בליק אין די גרינע אויגן, געפרעגט:

— וואָס ווילסטו?

ראַפאַעל האָט זיך פאַר דעם דאָקטער נישט געשראָקן. אָבער צו אים האָט ער גערעדט פער „איר".

— דאָס זענט איר דער דאָקטער, יאָ? איז נעמט אייערע געצייג און קומט מיט מיר. אין סטעפּ ליגט אַ פאַרוווּנדעטע פרוי און בלוטיקט. זייט אַזוי גוט, נעמט אייערע אינסטרומענטן מיט מעדיצינען און קומט וואָס גיכער, ווייל די פרוי דאָרטן האַלט זייער שמאָל...

— אין סטעפּ אַזש?

— יאָ, אין סטעפּ.

— וואָס איז מיט איר?

זי האָט באַקומען אַ קויל אין דער פּלייצע, דוכט זיך, די וווּנד בלוטיקט.

— זי איז מסתמא געווען דאָ אין שטאָט ווען די שיסעריי איז פאָרגעקומען. אפשר איז זי אַ באַנדיטקע? אויב יאָ, טאָר איך אַהין נישט פאָרן. מען דאַרף דאָס פריער לאָזן וויסן דער היגער פּאָליציי.

דער קאָסאָקער ראַפאַעל האָט איינגעזען, אַז מיט גוטן וועט ער דעם שטרענגן דאָקטער נישט באַאיינפלוסן, האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער פון גאַרטל און אים אָנגעשטעלט גלייך אויפן דאָקטערס ברוסט־קאַסטן און מיט שטרענגקייט אין קול אַרויסגעזאָגט איין וואָרט:

— וואַמאָס!

אַז דער דאָקטער האָט געזען דעם אַנגעשטעלטן רעוואָלווער און ראַפּאַ־עלס קאָסאַקע אויגן, האָט ער פּשוט מורא געהאַט צו שפּאַרן זיך מיט דעם דאָזיקן פּאַרשוין און איז אַ סך ווייכער געוואָרן.

— איך קאָן אָבער נישט רייטן, וועל איך אָנזאָגן מיינע דינער, אַז זיי זאָלן איינשפּאַנען די פּערד אין דער בריטשקע, און...

— איר דאַרפט זיך נישט באַמיִען, סעניאָר מעדיקאָ... מיינע יונגען, וועל־כע שטייען אין גאַס און וואַרטן אויף אונדז, וועלן שוין דאָס טאָן אָן אייערע דינער!...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך פון שטעטל אַרויסגעקייקלט די בריטשקע, וואָס איז געווען צוגעשפּאַנט צו צוויי יונגע, ברענדיקע סוסים. אויף דער קעלנע איז געזעסן איינער פון ראַפּאַעלס יאַטן, וועלכער האָט אין איין האַנט געהאַלטן די לייצעס און אין דער אַנדערער די לאַנגע בייטש מיט וועלכער ער האָט אָנגעטריבן די פּערד. דורך דער שטאָט זענען זיי געפאָרן פּאַמעלעך, כדי נישט צו ציִען צופיל די אויפמערקזאַמקייט. אָבער ווי נאָר מען איז אַרויס הינטערן שטאָט, האָט דער אָנטרייבער אַזאַ קאַטעווע געטאָן די סוסים איבער די פּלייצעס, אַז די אָרעמע חיות האָבן זיך אָוועקגעלאָזט אין אַ ווילדן גע־לאָף. אויף גיך געשניטן אַ קילאָמעטער נאָך אַ קילאָמעטער און כאָטש ראַ־פּאַעל מיט די אַנדערע רייטער, זענען נישט אָפּגעשטאַנען פון דער פליִענדי־קער בריטשקע, דאָך האָט דער קאָסאַקער אַלע ווײַלע געהאַלטן אין איין אונ־טערטרייבן דעם שמייסער:

— וואַמאָס, האָמברע! גיכער, גיכער! האַק די פּערד איבער די קנעכלעך! זשאַלעווע זיי נישט! אַ מענטשנס לעבן שטייט אין קאָן, גיכער!...

די בריטשקע, וואָס איז געגאַנגען אויף דינע רעדער מיט הויכע רע־סאָרטן און מיט אַ רימענעם האַלב־אָפענעם דעכל איבער קאָפּ, האָט אַ שוואַרצע און אַ גלאַנציקע מיט די אייזערנע שינעס, איינגעפּרעסט די ווילדע גראָזן, זיי אויסגעלייגט ווי הרוגים און אין דער ווילדערניש אויסגעווירעט צוויי לאַנגע און גלייכע קאַלייעס וואָס האָבן זיך געשנירלט אַזש פון מאַדעראַס ביז טיף אין סטעפּ אַריין. פון ציִען די גרינגע „קאַלאסקע“ האָבן די פערד צעווינטיקט די שיינע, אַראָפּהענגענדיקע גריוועס. אין געלאָף — צעפּאָכעט די לאַנגע עקן און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די סוסים וואָלטן גאָר הנאה געהאַט פון דער לאַנגער נסיעה, וואָס איז פאַר זיי געווען נישט מער ווי אַ מין קינדערשפּיל.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן ערגעץ ווייט הינטער די הויכע בערג און מיט אירע ברענענדיקע ליפּן צעקושט זיך מיטן ברעג הימל. פון דעם קוש האָבן זיך דאָרטן די אַראָפּהענגענדיקע ווייסע וואָלקנס אָנגעצונדן מיט רויטע, וויאָלעטע, גרינע און מאַראַנץ־גאָלדענע פלאַמען, און אויף דער ערד האָבן זיך באַוויזן די ערשטע, כמעט דורכזעעוודיקע שאָטנס, וואָס זענען געווען

אַזעלכע לאַנגע, שמאָלע און נאַרישע, ווי עפּעס אַ קלוגער און גוטער מאָלער וואָלט זיי ספּעציעל אויסגעמאָלט מיט אַ דינעם פּענדזעל און געלאָזט זיי דאָ אין סטעפּ אויף הפקר. די בריטשקע איז דערווייל צוגעפאָרן צום אָרט ווו כוליטאַ איז געזעסן אינעם טיפן גראָז און ביי זיך אויפן שויס געהאַלטן אָנ־געשפּאַרט עמאַליטאַס מאַכטלאָזן קאָפּ.

דער דאָקטער איז פאַמעלעכערהייט אַראָפּ פון דער בריטשקע, גענומען דעם שוואַרצן, רימענעם רענצל מיטן געצייג אין האַנט, מיט געמאָסטענע טריט צוגעקומען צו דער קראַנקער. דערנאָך מיט אַ בלאַנקנדיק שערעלע אויף גיך אויפגעשניטן עמאַליטאַס שטייפע, שוואַרצע קלייד, געזען די קליינע אָבער געפערלעכע ווונד אינעם אונטערשטן טייל פּלייצע, אַ ביסל נענטער צו דער רעכטער זייט, אַ קוק געטאָן אויף דעם פאַרגליווערטן שטראָמעלע בלוט און גלייך צוגעשטעלט זיין געהער־טרייבל צו איר האַרצן, אַ ווילע צוגעהערט זיך צו דעם ספּאַזמעדיקן און אומרעגלמעסיקן קלאַפּן. נאָך דעם אַ רגע פאַר־הויבן אַ לעפל פון אַן אויג און באַמערקנדיק דאָרט אַ גלאַנצנדיקע געלקייט, אויפן ווייסל, האָט ער אַ זאָג געגעבן:

— די סעניאָראַ האָט אָנגעווירן אַ סך בלוט, צופיל בלוט! מען דאַרף איר גלייך נעמען אין אַ שפּיטאָל. אויב נישט... מען מוז איר געבן אַ טראַנס־פוזיע און דאָ קען מען דאָס נישט טאָן...

כוליטאַ האָט פּאַרזיכטיק אָוועקגעלייגט עמאַליטאַס קאָפּ אויפן ווייכן גראָז און אַ ווונק געטאָן צום דאָקטער, אַז יענער זאָל מיטגיין מיט איס. ווען דער רופא האָט אים געפאָלגט און אָפּגעטראָטן אַ ביסל אַן אַ זייט פון דער קראַנ־קער, האָט אים דער סטעפּ־יונג געפרעגט:

— סעניאָר מעדיקאָ. איך בין איר מאַן. מיר מעגט איר זאָגן דעם אמת, וואָס מיינט דאָס „אַ טראַנספוזיע" און צי מיין ווייב וועט קאָנען אויסהאַלטן די אָפּעראַציע?...

דער דאָקטער, ענריקע פּערעז, איז געווען אַ מענטש פון דעם „העכערן" קלאַס און געהאַט אַ קנאַפּע ליבע פאַר פּאַציענטן און פאַרן אָרעמען פאָלק אין אַלגעמיין. איבערהויפּט נאָך האָט ער זייער פיינט געהאַט „באַנדיטן" און אין זיין גאַנצער מעדיצינישער פּראַקטיק קיין מאָל נישט געלייגט קיין אַכט אויף די פראַגן, וואָס די „פּראָסטע" פּאַציענטן אָדער זייערע קרובים פלעגן אים שטעלן. נאָר גראָד איצט האָט זיך אין אים דערוועקט אַ ברעקל מענטשלעכ־קייט, האָט ער אַ ווילע באַטראַכט דעם צעבראָכענעם יונגנמאַן און געזאָגט דעם ריינעם אמת:

דעם לאַנגן וועג צו אַ שפּיטאָל וועט זי נישט קאָנען דערגרייכן... און קיין אָפּעראַציע וועט מען נישט קענען דורכמאַכן... און אַ טראַנספוזיע מיינט, אַז מען נעמט דאָס צוגעפּאַסטע בלוט פון אַ געזונטן מענטשן און מען ליפערט דאָס אַריבער אין די אָדערן פון דעם קראַנקן. אַ מאָל קאָן טרעפן, אַז דאָס ראַ־

טעוועט דאָס לעבן פון חולה. גאַראַנטירן דערפאַר קאָן מען נישט... דיין סע־ניאָראַ איז צופיל אָפּגעשוואַכט. זי האָט פאַרלוירן צו פיל בלוט...

— זאָגט מיר נאַר, טייערער סעניאָר מעדיקאָ — האָט כוליטאָ זייער שטאַרק געוואָלט וויסן — פון וואַנען נעמט מען דאָס דאָס בלוט פון אַ גע־זונטן מענטשן?

— פונעם גרויסן אָדער אין האַנט — האָט דער דאָקטער אויף קיין זאַך נישט פאַרדעכטיקט און געענטפערט אַזוי זאַכלעך און קאַלטבלוטיק, ווי דאָס וואָלט נישט געגאַנגען אין אַ מענטשלעך לעבן, נאָר אין סתם עפּעס אַ זאַך.

— אויב אַזוי — האָט כוליטאָ אויף גיך אַראָפּגעפּאַרפּן פון זיך דאָס פּליושענע רעקל, אַראָפּגעריסן דאָס ווייסע העמד פון לייב און געבליבן שטיין פאַר דעם דאָקטער אַ האַלב נאַקעטער — איך בין זייער אַ געזונטער האָמברע! נעם פון מיר וויפל בלוט דו ווילסט — איז ער גלייך איבערגעגאַנגען אויף „דו", פּונקט ווי דאָס נעמען פון אים בלוט וואָלט אים מיטן דאָקטער פאַר־וואַנדלט אין קרובים...

— בורראָ! האָט זיך דער דאָקטער צעשריגן אויף אים, ווי אויף אַ יינגל, צי אויף זיינעם אַ לייבלעכן שקלאַף — דאָס קאָן איך דאָך נישט טאָן! אָפּריער דאַרף מען דאָס בלוט עקזאַמינירן און זען צי דאָס איז די זעלביקע קאַטעגאָ־ריע בלוט וואָס די קראַנקע האָט! אויב נישט, קאָן דאָס מיינען אַ זיכערער טויט! דו ביסט משוגע געוואָרן, צי וואָס?!...

פון גרויס כעס איז כוליטאָ געוואָרן אַן אָנגעצונדענער. מיט אַן אומבאַ־מערקטער באַוועגונג האָט ער אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער און אָנגעצילע־וועט דעם דאָקטער גלייך אין קאָפּ:

— טו דאָס גלייך אָן קיינע שום תירוצים! אויב נישט וועל איך מיט איין קויל אַראָפּשיסן דיין שמאָלן קאָפּ פון נאַקן! טו וואָס איך הייס דיך און נישט גערעדט!...

ווען דער דאָקטער האָט געזען, אַז ער וועט דאָ שלעכט אָפּשניידן, איז ער אַ ווילע שטיין געבליבן אַ געפּלעפּטער. מיט אַ ווייס טאַשן־טיכל האָט ער זיך אָפּגעווישט דעם שוויס פון דעם הויכן, פאַרשוויצטן שטערן און דערנאָך אַ דערשראָקענער געדראָעט מיטן פינגער אין כוליטאָס פּנים:

זאָלסט געדענקען, אַז מען טאָר דאָס נישט טאָן, אַז איך נעם פון זיך אַראָפּ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און טאָמער וועט עפּעס טרעפן, וועט דאָס זיין דייך שולד און נישט מיינע! דו האָסט נאָך אַ שטיקל מזל, וואָס דיין סעניאָראַ האָט פאַרלוירן צופיל בלוט און ס'איז אַלץ איינס נישטאָ וואָס אָנצווערן. איז אויב דו באַשטייסט נאָר אויף דעם, וועל איך ביי דיר נעמען אַ ביסל בלוט און פּרובירן דאָס אַריינשפּריצן ווי עס איז צו דיין ווייב אין אָדער. ס'איז אַ גרויסע ריזיקע, דו ווייסט נישט וואָס דו צווינגסט מיך צו טאָן. אָבער איין זאַך קאָן איך דיר שוין זאָגן, אַז די אָפּעראַציע וועל איך דאָ פאַר קיין פאַל

נישט קאָנען דורכפירן, ווייל ערשטנס ווערט שוין דאָך באַלד פינצטער און צווייטנס, מען מוז דערצו האָבן אַ טיש און די פּאָר אינסטרומענטן וואָס איך האָב ביי זיך אין רענצל דאַרף מען זיי אַפריער גוט סטערעליזירן...

— טו וואָס איך הייס דיך! — האָט דער סטעפּ־יונג געענטפערט קורץ און דראָענדיק — מאַך דיין טראַנספוזיע, ווי דו רופסט דאָס. נעם פון מיר וויפל בלוט דו ווילסט, אַפילו אין גאַנצן. אָבי ראַטעווע מיין ווייב! דערנאָך וועלן מיר זי אַריינזעצן צו דיר אין בריטשקע און פאָרן אין לאַגער. דאָס איז נישט ווייט פון דאַנען און דאָרטן וועסטו קאָנען מאַכן די אָפּעראַציע...

דער דאָקטער האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער איז דאָ אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ באַנדע „באַנדיטן", אַז דאָס לעבן פון דער דאַמע וואָס ליגט איצט אויפן גראָז איז ביי דעם יונגנמאַן אַזוי טייער, אַז ער וועט זיך זיכער נישט רעכענען מיט אַלע פּראָטעסטן. און אויב ער, דאָקטער ענריקע פּערעז וועט זיין אַ חכם און וואַגן אַנטקעגן צו שטעלן זיך כוליטאָס באַפעל, וועט ער אים געוויס דערשיסן ווי אַ הונט. האָט דער כירורג אַ זיפץ געגעבן, פונעם רענצל אַרויסגענומען אַ גאַנץ גרויסן, גלעזערנעם איינשפּריצער, אויף אים אַרויפגעזעצט אַ לאַנגע נאָדל און געזאָגט צו כוליטאָן:

— לייג זיך אַוועק אויף דער ערד לעבן דיין סעניאָראַ. אָבער איך זאָג דיר נאָך אַ מאָל, אַז איך ווייס נישט צי דיין בלוט וועט טויגן. ס'איז אַ גרויסע געפאַר!...

דער סטעפּ־יונג האָט זיך אויסגעצויגן לעבן זיין ווייבל און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— טו וואָס מען דאַרף און רעד אַ ביסל ווינציקער!

ענריקע פּערעז, דער רייכער און באַרימטער כירורג פון מאַדראַס, האָט זיך אָראָפּגעלאָזט אויף די קני. כוליטאָס עלענבויגן אַרומגענומען מיט אַ דין גומען קישקעלע, דאָס אַנגעצויגן און פאַרשטייפט מיט אַ שלייף. דעם שפּיץ פון דער נאָדל אַריינגעשטאָכן אין גרויסן אָדער פון דעם סטעפּ־יונגס האַנט. פון דאָרטן אַרויסגעפּאָמפּעט אַ גאַנצן שפּריצער מיט בלוט, וואָס האָט אויסגעזען צו זיין שוואַרץ און דיק. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו עמאַליטאַן, די זעלביקע נאָדל אַריינגעשטאָכן אין איר גרויסן אָדער פון אָרעם און טראַנספוסוויז אַריינגעשפּריצט אַהין איר מאַנס בלוט. דאָס האָט דעם כירורג גענומען אַ לאַנגע צייט. נאָר ווען ער האָט סוף־כל־סוף אַרויסגעצויגן די נאָדל פון איר אָרעם, האָט ער באַלד אָנגענומען איר דופק, געקוקט ביי זיך אויפן קעשענע־זייגערל און לויטן גאַנג פונעם קליינעם ווייזערל אויפן ציפער־בלעטל — געציילט דאָס קלאַפּן פון איר האַרץ, וואָס איז גראָד געוואָרן אַ ביסעלע שטאַרקער ווי פריִער. נאָך דעם האָט ער ווידער אַרויסגעפּאָמפּעט פון כוליטאָס אָדער א פולן שפּריצער מיט בלוט און דאָס איבערגעטראָפּנט אין עמאַליטאָס אָרעם.

ווען עמאַליטאַ האָט אין אַ ווילע אַרום געעפנט די אויגן און דערזען איר מאַן ליגן לעבן זיך אַ האַלב נאַקעטן, האָט זיך אַ שמייכל צעוויגט אַרום אירע מויל־ווינקלען. דעמאָלט האָט דער כירורג צוריק אַריינגעלייגט די אינסטרו־מענטן אינעם רימענעם, שוואַרצן רענצל און אויפגעשטעלט זיך:

— אויף דערווייל וועט זיין גענוג. ס׳איז מעגלעך, אַז דיין בלוט איז אפשר צוגעפּאַסט, איך ווייס נישט אַקוראַט. אויב יאָ, איז דאָס אַ זעלטענער צופאַל...

אַ געזונטער, אַ פרישער און אַ צופרידענער איז כוליטאַ אויפגעשפרונגען פון דער ערד. צוריק אָנגעטאָן דאָס העמד מיטן רעקל און אין גאַנצן אַ גע־ענדערטער, האָט ער מיט הכנעה און דאַנקבאַרקייט אין קול געפרעגט ביים דאָקטער?

— וואָס זאָגט איר, וואָס זאָגסטו, סעניאָר מעדיקאָ, קאָן מען זי איצט אויפהייבן און פירן אין לאַגער?...

— איז דאָס ווייט פון דאַנען?

— ניין, נישט ווייט.

— נו, אויב נישט ווייט קען מען פּרובירן. אָבער מוז זיין זייער פאָר־זיכטיק...

— אַ לאָס קאַבאַזשאָס! (אויף די פערד!) האָט כוליטאַ אַ קאָמאַנדעווע גע־טאָן צו זיינע יונגען, וואָס זענען געווען אַראָפּ פון די פערד.

ער האָט דערווייל זייער פאָרזיכטיק אויפגעהויבן עמאַליטאַן און אַפילו נישט געפילט איר געווינטלעכן געוויכט. פאַמעלעך האָט ער זי צוגעטראָגן צו דער קאַלאסקע און צוזעקגעזעצט אויפן הינטערשטן זיצפּלאַץ לעבן דעם כי־רורג. כוליטאַ אַליין איז אַרויף אויף דער קעלניע, גענומען די לייצעס אין די הענט און אַזאַ ווילדן טרייב געטאָן די סוסים, אַז די יונגע פערד האָבן אַ צי געטאָן די ברישקע ווי אַ שפּענדל. זיי זענען אַוועק אין אַזאַ מוראדיקן גאַלאָפּ, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין די בריטשקע אַריינגעפאָרן אין „לאַגער".

ווען די קאַלאסקע איז שטיין געבליבן האָט איר אַרומגערינגלט אַ היפּ־שער עולם פּעאָנען, וואָס האָבן מיט פריידיקע אויסגעשרייען געוואָלט אויפנע־מען די טייערע געסט, אָבער ווען זיי האָבן באַמערקט דעם פרעמדן, רייכן סע־ניאָר און ווי אויף זיין אַקסל איז געווען אָנגעשפּאַרט עמאַליטאַס קאָפּ, האָבן זיי פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז עפּעס געשען אַן אומגליק. דעריבער זענען זיי שטיין געבליבן צעשראָקענע און אַפילו נישט געוואַגט צו עפענען די מיילער.

דער דאָקטער האָט דערזען אַרום אַ פּופּציקביידלעך, מיט אַ גרויסן, אַרומגעצאַמטן קאָראַל אין וועלכן עס האָבן זיך געפונען בהמות מיט פערד אין איינעם און, אַז אין מיטן „הויף" האָט אונטער אַ גרויסן קעסל געברענט אַ פייער און אַ פּאָר פרויען האָבן זיך דאָרט געפּאָרעט. דער כירורג האָט גע־וואָלט אַרומקוקן זיך: וווּ איז ער דאָס אין דער וועלט? ערשט כוליטאַ, וואָס

האָט שוין באַוויזן אַריינצוטראָגן עמאַליטאַן איןביידל און אַ פּאָר יאָטן האָבן אַריינגעבראַכט צוויי לאָמפּן און זיי אָנגעצונדן, איז איצט צוגעגאַנגען צו דעם צעטומלטן דאָקטער און מיט אויבנאויפּריכטיקער שטרענגקייט אין קול געזאָגט:

— מיין ווייבל איז שוין אין ביידל. דאָרטן איז ליכטיק. גיי אַהין אַריין און מאַך די אָפּעראַציע, וואָס דו האָסט געזאָגט!..

— האַ, וואָס? — האָט דער דאָקטער געפרעגט, ווי ער וואָלט זיך גאָר פאַרגעסן צוליב וואָס מען האָט אים געבראַכט אַהער — אַן אָפּעראַציע?.. אַך יאָ, גאָר פאַרגעסן וועגן דער אָפּעראַציע... אָבער הער זיך איין נאָך אַ מאָל. איך ווייס נישט צי דיין סעניאָראַ וועט דאָס קענען אויסהאַלטן. כ׳זאָג דאָס דיר אין פאָרויס, כדי דו זאָלסט דערנאָך צו מיר קיינע טענות נישט האָבן. געוויס וועל איך פּרובירן טאָן וואָס עס איז נאָר מעגלעך, צו ראַטעווען איר לעבן. נאָר איך זאָג דיר אָפנהאַרציק, אַז זי האָט נישט קיין שום שאַנס. פאַר־לוירן צופיל בלוט!..

— דו רעדסט אַ סך און טאָן טוסטו גאָרנישט — האָט כוליטאָ אויף אַן אמת אָנגעהויבן צו פאַרשטיין די גרויסע געפאַר און געשראָקן זיך פאַר דעם וואָס עס קאָן טרעפן — האָב רחמנות טייערער מעדיקאָ און טו וואָס דו קאָנסט. איך האָב זי זייער ליב און וועל דיר אַוועקגעבן דאָס גאַנצע אָנגערויבטע געלט, אַבי ראַטעווע זי!...

לויט דעם, ווי פּעאָנען אין לאַגער האָבן זיך באַצויגן צו כוליטאָן אין דער קליינער ווילע, האָט דער דאָקטער שוין געהאַט אַ שטיקל באַגריף ווער דער יונגערמאַן איז געווען און דאַך האָט ער זיך צעשריען אויף אים:

— איך דאַרף נישט דיין בלוטיק געלט! איך האָב דיר שוין טויזנט מאָל געזאָגט, אַז כ׳וועל טאָן אַלץ וואָס איז נאָר מעגלעך אונטער אַזעלכע אומ־שטענדן.. אָבער איך ווייס, אַז דאָס וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע מי...

— גלויב מיר, טייערער מעדיקאָ — איז כוליטאָ ווידער געוואָרן אַזוי ווייך ווי אַ שטיקל טייג און הכנעהדיק אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ — אַז איך פאַר־שטיין דיין לאַגע... איך ווייס: איצט געפינסטו זיך נישט צווישן מענטשן פון דיין אייגענעם שטאַם... אָבער דו האָסט דאָך אַליין געזאָגט, אַז אַנווערן איז נישטאָ וואָס... איז טו מיר די געפעליקייט, גיי אַריין אין ביידל און מאַך די אָפּעראַציע. אפשר וועט גאָט יאָ העלפן און זי וועט טאַקע בלייבן לעבן.

אויף דעם האָט אים דער כירורג נישט געענטפערט. מיט כעסדיקע טריט איז ער צ‍ריינגעלאָפן אין ביידל.ביידע לאָמפּן האָבן העל געברענט און גע־וואָרפן גאַנצע סנאָפּעס ליכט אין אַלע ווינקעלעך. נאָר פון דעם, וואָס עמאַ־ליטאַ איז געלעגן אויף דעם אייזערנעם געלעגער, וואָס איז געווען האַרט ביי דער ערד, האָט זיך דער דאָקטער ווידער צעשריען:

— ווילדע ברואים וואָס איר זענט! ווי קאָן מען אָפּערירן אויף דער ערד?!

מען דאַרף כאָטש האָבן אַ טיש און עפּעס מיט וואָס צו פאַרשלעפערן דער־

קראַנקער און אַ טעפּל מיט קאָכעדיק וואַסער אויף צו סטערעליזירן די אינ־סטרומענטן!

— מוטשאַטשאָס! — האָט זיך דער סטעפּ־יונג געווענדט צו די נייגערי־קע פּעאָנען און צו די פּאָר פרויען, וואָס זענען אַהער איצט אַריינגעגאַנגען זען, וואָס דער מעדיקאָ וועט טאָן צו עמאַליטאַן, וועמען זיי האָבן ערשט היינט אין דער פרי מקנא געווען, וואָס זי האָט „פאַרשוואַנגערט" און געפּאָרן אין שטעטל חתונה האָבן. — ברענגט אַריין פינף קאַסטנס, פאַרבעט זיי מיט היי און איר סעניאָריטאָ'ס ברענגט גלייך אַ זודיקן טאָפּ מיט וואַסער און די היי זאָלט איר איבערציען מיט אַ קאָלדרע. אָבער גיכער! אין אַלגעמיינעם ביידל געפינען זיך עטלעכע פלעשער מיט בראָנפן, פאַרגעסט דאָס נישט און ברענגט דאָס צו טראָגן אַזוי שנעל ווי מעגלעך, וואַמאָס!

אין עטלעכע מינוטן אַרום האָבן די פּעאָנען אַריינגעבראַכט פינף קאַס־טנס און צעשטעלט זיי אין דער לענג האַרט איינע צו דער אַנדערער מיט די גלאַטע זייטן אויף אַרויף. אויף זיי אָנגעלייגט פריש היי און פאַרשפּרייט מיט אַ קאָלדרע. דערנאָך האָט איין פרוי אַריינגעטראָגן אַ זודיקן טאָפּ וואַסער, וווהין דער דאָקטער האָט גלייך אַריינגעוואָרפן זיינע בליאַסקענדיקע אינסטרומענטן און אַן אַנדער ווייבל האָט געבראַכט צוויי גרויסע פלעשער מיט גוטן בראָנפן. דערווייל האָט כוליטאָ צוועקגעלייגט זיין ווייבל אויפן „טיש" און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי איר:

— קערידיטאָ מיאָ. דער דאָקטער דאַרף דיך אָפּערירן. צוליב דעם דאַרף מען דיך מיט עפּעס איינשלעפערן און דער מעדיקאָ האָט נישט מיט וואָס. איז האָב רחמנות אויף מיר קערידיטא און טרינק דעם בראָנפן. טרינק וואָס מער, אפילו ווען דו קאָנסט נישט — טרינק אַלץ איינס, טרינק נאָך מיין קינד, טרינק!

עמאַליטאַ האָט אַ היפּשן טרונק געטאָן און אין אירע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט:

— מיין מאַן, מיין ליבער מאַן, לאָז מיך נישט שטאַרבן. איך וויל נאָך לעבן אַ ביסל לענגער. איך ווייס אַז איך וועל שטאַרבן און איך האָב מורא.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ נאַרישע רייד! — האָט זיך כוליטאָ כלומרשט אָנגעבייזערט אויף איר און אין האַלדז האָט אים אַ קנויל טרערן אַ וואַרג גע־געבן. נאָר באַלד האָט ער דאָס אַראָפּגעשלונגען אוןווידער אָנגעהויבן בעטן זיך ביים ווייב — דו וועסט נישט שטאַרבן, מיין קינד, איך וועל נישט דער־לאָזן און דער מעדיקאָ איז אַ גוטער מענטש. אויך ער וועט דאָס נישט דער־לאָזן. טרינק דעם בראָנפן.

פון דער איבערגעגעבענער גוטסקייט, וואָס איז געלעגן אין זיין קול, האָט עמאַליטאַ אַ שוואַכן שמייכל געטאָן און דאָס האָט שוין געמיינט, אַז זי פאַר־שטייט אַלץ, אַז זי וועט טאָן אַלץ אין דער וועלט צו ראַטעווען איר אייגן לעבן. פאַרשטייט זיך, אַז לויט איר אַמאָליקער „פּראָפּעסיע" האָט זי דעם „ביטערן

טראָפּן" נישט פּיינט געהאַט. אָבער איצט, קראַנקערהייט — געזשליאָקעט איין קווערטל בראַנפן נאָכן אַנדערן ביז די ערשטע פלאַש איז ליידיק געוואָרן און די אויגן האָבן זיך איר פאַרצויגן מיט אַ דיקן נעפּל און עמאַליטאַ איז אַנט־שלאָפן געוואָרן מיט אַ האַרטן שלאָף.

דער כירורג האָט דערווייל אויסגעטאָן זיין רעקל, פאַרקאַשערט די לאַנ־גע אַרבל פון העמד ביז איבער די עלנבויגנס און אָנגעהויבן עפּעס צו זוכן ביי זיך אין רענצל. אַ צופרידענער האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ כי־רורגיש שערעלע (אַ סקאַלפּל) מיט אַזאַ צוואַנגעלע און אויך דאָס אַריינגע־לייגט אינעם זודיקן טאָפּ וואַסער. גראָד האָט ער אינעם רענצל אויך געפונען אַ קליין סלאָיקל מיט אַזאַ ווייסער פליסיקייט. האָט ער דערנאָך אויף אַ גלע־זערנעם איינשפּריצער אַרויפגעזעצט אַ נאָדל, דאָס אַריינגעשטאָכן אינעם ווייכן דעקעלע פון דעם סלאָיקל, פון דאָרטן אַרויסגעצויגן אַ ביסעלע פון דער פלי־סיקייט און אַריינגעשפּריצט עמאַליטאָן אינעם אויבערשטן טייל פון דער האַנט. פונעם פלוצימדיקן ווייטיק האָט עמאַליטאַס קערפּער אַ דראָזשע געטאָן, אַ ציטער געגעבן און געבליבן ליגן אָן אומבאַוועגלעכע.

נאָכדעם האָט דער דאָקטער אין אַ בלעכן פענדל אַריינגעגאָסן אַ היפּש ביסל בראַנפן, פונעם טעפּל מיטן זודיקן וואַסער אַרויסגענומען די אינסטרו־מענטן און אַריינגעלייגט אויף אַ ווייליע אין פענדל. ער האָט ווידער געוואַשן זיך די הענט מיט שנאַפּס און כוליטאַ האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין פאַר וואָס דער כירורג האָט געפּטרט אַזוי פיל בראַנפן אומזיסט און אומנישט. נאָר דער סטעפּ־יונג האָט אים גאָרנישט געזאָגט און געלאָזט טאָן וואָס ער האָט נאָר געוואָלט...

דער כירורג האָט אַריינגעזעצט דאָס שערעלע דאָרט ווו ס'איז געווען די וווּנד, אירע שאַרפן האָבן זיך גיך איינגעגעסן אינעם פלייש און מאָמענטאַל אויסגעביסן אַ קליינע עפענונג, אין וועלכער ער האָט דערנאָך געשיקט אַריינ־געטאָן דאָס לאַנגע און שמאָלע צוואַנגל. אָפּריער איז דאָס צוואַנגל געזונקען אַלץ טיפער אינעם איינגעווייד פונעם גוף. הפּנים דאָרט עפּעס געזוכט. נאָר באַלד האָט זי דאָרטן דערטאַפּט אַ מעטאַלן קיילעכל און ווען די שאַרפע צייג־דלעך פון דעם צוואַנגל האָבן אָנגעכאַפּט די קויל, האָט ער פון דער עפענונג אַרויסגעצויגן אַ גרויע קויל פון אַ ביקס און מיט נצחון אַריינגעוואָרפן דאָס אינעם פענדל מיטן שנאַפּס.

דערנאָך האָט ער מיט קליינינקע קלאַמערלעך אַרומגעכאַפּטביידע זייטן פון דער וווּנד און זי אַזוי אַרום צוזאַמענגעשטשעמעוועט. ווען ער איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן „פאַרנייען", האָט ער די וווּנד אַרומגעוואַשן מיט בראַנפן, אויף איר אַרויפגעטאָן מאַרליע, וואָס ער האָט מיט דינע פּאַסיקלעך צוגע־קלעפּט צום לייב און אַ צופרידענער מיט זיין אַרבעט, צו געדעקט דער קראַנ־קער מיט אַ וואַרעמע קאָלדרע.

די גאַנצע צייט, וואָס דער כירורג איז אַנגעגאַנגען מיט דער אָפּעראַציע, איז כוליטאַ געווען אין דרויסן. מיט דער גאַנצער גבורה און ווילדקייט האָט דער סטעפּ־יונג נישט געקאָנט זען קיין בלוט פון אַ מענטשן, און בפרט נאָך פון זיין אייגן ווייב. נאָר איצט, אַז דער דאָקטער איז פאַרטיק געוואָרן, איז כוליטאַ אַריין איןביידל און געזען, אַז פון דעם בראַנפן, וואָס עמאַליטאַ האָט געטרונקען, אָדער דערפון, וואָס דער כירורג האָט עפּעס אַריינגעשפּריצט אין איר אָרעם, איז זי געלעגן אַ פאַרטראַגענע, און אַן אויסגעצויגענע געשלאָפן:

— נו, וואָס זאָגסטו, מעדיקאָ? מיין פרוי וועט בלייבן לעבן?... וואָס מאַכט זי איצט?...

דער דאָקטער האָט נאָך אַ מאָל צעוואַשן און אָפּגעווישט זיך די הענט, אַראָפּגעשאַרט די לאַנגע אַרבל פון די עלנבויגנס, צוגעקנעפּלט די מאַנזשעטן. דערנאָך אַ געלאַסענער אַנגענומען עמאַליטאַס דופק, אַ לענגערע ווײַלע געקוקט אויף די באַוועגונגען פונעם קליינעם וויזערל אויפן ציפער־בלעטל פון זיין טאַשן־זייגער און אַ קנייטש געטאָן מיטן הויכן שטערן:

— מען קאָן נישט וויסן אַקוראַט, מען דאַרף נאָך וואַרטן, האָפן צו גאָט און זען וואָס עס וועט זיין. דערווייל שלאָגט איר פּולס בעסער ווי פריער. איך וועל דאָ זיין נעבן איר אַ פּאָר שעה צייט און נאָך דעם פאָרן צוריק אַהיים.

ראַפאַעל איז דערווייל אַריין אין ביידל. איין לאָמפּ האָט ער אויסגעלאָשן און אין דעם אַנדערן אַריינגעדרייט דעם קנויט. ער האָט נישט געוואָלט, אַז די העלע שיין פונעם לאָמפּ זאָל שטערן עמאַליטאַס שלאָף און אַנגעהויבן רעדן צום דאָקטער פּער „דו" אויף אַן אמתן, אַזוי ווי כוליטאָ האָט דאָס געטאָן, ווי ער וואָלט מיט אים געווען אַ גאַנצער „פּאַניע־בראַט":

— סעניאָר מעדיקאָ, קום אַרויס צום פייער וועסטו דאָרטן עסן וועטשערע מיט אַלע פּעאָנען אין איינעם.

ביים דאָקטער אויפן דינעם און לאַנגן האַלדז האָבן זיך צוויי בלויע אָדערן אָנגעצויגן און נאָך שאַרפער געמאַכט די בלויקייט און אויף זיין פּנים האָט זיך אַ מוראדיקער כעס צעוויגט:

— וואָס, עסן צוזאַמען מיט באַנדיטן?!... איך קאָן דאָך אייך אַלעמען הייסן אויפהענגען!... איך וועל אייך אַוועקשיקן אין דער תפיסה „טיערראַ דעל פוּעגאָ" אויפן גאַנצן לעבן! מיט מערדער און רויבער עס איך נישט ביי איין טיש!...

הפּנים, אַז ראַפאַעל האָט זיך פונעם דאָקטער געריכט אויף אַזאַ אָנפאַל, ווייל ער איז אַ ווײַלע געשטאַנען אַ קאַלטבלוטיקער, מיט בײדע קוקערס דורכגענומען דעם כירורג דורך און דורך און געלאַסענערהייט פאַררויכערט אַ ציגאַרל:

— מיר זענען נישט קיין מערדער און נישט קיין באַנדיטן. מיר זענען אַרגענטינער פּעאָנען, וואָס האָבן יאָרן און יאָרן געשקלאַפט אומזיסט ביי די פּעאָדאַלן און זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון די פּריצים.

— דו זאָגסט, אַז איר זענט נישט קיין באַנדיטן?

— ניין, נישט קיין באַנדיטן.

איז פאַר וואָס ווינט איר דאָ אין די בערג און האָט מורא פאַר דעם געזעץ פון לאַנד? פאַר דער פּאָליציי, פאַר דער אַרמיי און צוליב וואָס זענט איר באַפאַלן מאַדעראַס און דאָרטן אויסגעהרגעט אַזוי פיל מענטשן און דערצו נאָך, אויסגעליידיקט די געשעפטן?...

דאָ האָט שוין כוליטאַ, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט צוגעהערט צו זייער שמועס, מער נישט געקאָנט פאַרטראָגן דעם דאָקטערס טענות און אויף זיין האַרציקן שטייגער געענטפערט:

— הער זיך איין, מעדיקאָ, איך שעץ זייער אָפּ דאָס, וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיין ווייבל. אָבער כ׳וויל דו זאָלסט וויסן, אַז מיר זענען געקומען קיין מאַדעראַס, כדי איך מיט מיין עמאַליטאַ זאָלן חתונה האָבן אין קלויסטער. האָסט דאָך געהערט ווי די גלעקער האָבן געקלונגען? דאָס איז געווען צוליב אונדז. נאָך דער חתונה־צערעמאָניע זענען מיר אַרויף אויף די פערד, געוואָלט גלייך אומקערן זיך אויף צוריק און קיינעם נישט טשעפּען. ערשט מיט אַ מאָל האָט האָט אונדז די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען אַרומגערינגלט און אָנגעהויבן שיסן. זיי זענען אונדז באַפאַלן פון אַלע זייטן. האָבן מיר קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט און געמוזט פאַרטיידיקן זיך און דערביי האָבן מיר פאַרלוירן פערצן מענטשן...

עמאַליטאַ איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דעם צוזאַמענגעשטעלטן „טיש" און געשמאַק געשלאָפן. איר פּנים איז געווען רויט פונעם בראָנפן. זי האָט איצט אָנגעהויבן צו אָטעמען אַ ביסל שווערער ווי פריער. איז דער דאָקטער צוגעגאַנגען צו איר, צוגעלייגט זיין געהער־טרייבל צום האַרצן און דערנאָך ווידער אָפּגעטראָטן פון דעם „כירורגישן טיש":

— דאָס מיינט נאָך אַלץ נישט, אַז איר זענט נישט קיין באַנדיטן.

ראַפאַעל האָט אַ האַסטיקן שפּיי געטאָן אויף דער ערד. אָבער ער האָט גיך באַהערשט זיין כעס, וואָס האָט אים ווי אַ וואָרעם געגעסן דאָס האַרץ און דער קאַסאַקער האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן אַזוי געלאַסן, פּונקט ווי ער וואָלט גאָרנישט גערעדט וועגן זיך, נאָר פון אַנדערע מענטשן, פון אַנדערע וועלטן און פון „טויזנט און איין נאַכט".

— אייגנטלעך דאַרפן מיר זיך נישט רעכטפערטיקן פאַר דיר. נאָר אַז מען רעדט, רעדט זיך! דו זעסט דאָ אַלע פּעאָנען? יאָ? זאָלסטו וויסן זיין, אַז זייערע עלטערן און אורעלטערן האָבן הונדערטער יאָרן געשקלאַפט אין די רייכע האַסיענדאַס אונטער די שווידערלעכסטע אומשטענדן. זיי האָבן דאָרטן קיין מאָל נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט צו דער זעט. גאַנצע משפחות האָבן געוווינט צוזאַמען אין קליינינקע, בלעכענע בודקעלעך אונטער דער סמאַלענדיקער זון. אפילו חזירים, בהמות און הינט האָבן דאָך געלעבט אַ בעסער לעבן!...

און טאָמער האָט עמעצער, אויס לעצט ברירה גענומען אַ הון, צי עפּעס אַנ־דערש, האָט מען דעם מענטשן פאַרשמיסן צום טויט. פרעג איך דיך: ווי לאַנג קאָן אַ פאָלקליידן פון דעם צעפוילטן פעאָדאַלן סיסטעם?

— דו ווייסט, מיין ליבער מעדיקאָ, וואָס איך וועל דיר זאָגן — האָט זיך ראַפאַעל ערשט צעהיצט — איך מיין, אַז דו ווייסט דאָס נאָך בעסער ווי איך, אַז אַפילו היינט טאָר זיך אַ פעאָן נישט פאַרליבן אין קיין מיידל. מחמת דער פריץ פון דער האַסיענדאַ איז דער, וועלכער קלייבט אויס און פּאַסט צו דאָס מיידל פּאַר דעם בחור. און די ערשטע נאַכט נאָך דער חתונה מוז די כלה אַפריער גיין שלאָפן מיטן פריץ, צי מיט זיין זון און ערשט דערנאָך, אַ גע־שענדעטע, קומען צו איר אייגענעם מאַן. פרעג איך דיך: ווי קאָן אַ פאָלק פאַר־טראָגן אַזאַ טיראַניי און אַזאַ שאַנדע?...

— אָבער — האָט ער אַרויסגענומען פון בוזים־קעשענע אַ פּריש ציגאַ־רעטל און אַ לאַנגע צייט דאָס געהאַלטן אין דער רעכטער האַנט נישט קיין אָנגעצונדענעם — דאָס ערגסטע איז דאָס, וואָס די רעגירונג איז קאָרומפּירט ביזן ביין! אונדזער גרויס, שיין און ליב לאַנד מיט אַלע שטעט און שטעטלעך, אונדזערע אייזנבאַנען, פאַבריקן, בענק, די מינען און אַלע רייכע נאַטור־אוצרות — געהערט גאָרנישט צו אַרגענטינע. מיר זענען פאַרקויפט און פאַר־משכנט צו דייטשלאַנד, ענגלאַנד, פראַנקרייך און צו די גרויסע קאַפּיטאַליסטן פון נאָרד־אַמעריקע. די אַרגענטינער געבוירענע פילן זיך ביי זיך אין לאַנד גופא ווי אָנגעוואָרפענע, איבעריקע און די „גרינגאָס" קוקן אויף אונדז ווי אויף אָפּפאַל...

דער דאָקטער ענריקע פערעז איז געזעסן אויפן קעסטל ווי אַ שולדי־קער אין אַ געריכט אויף דער באַשולדיקונגס־באַנק, וואָס האָט ערשט אויס־געהערט אַ שווערע קלאָגע אַנטקעגן זיך. ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אַז דער פעאָדאַליזם איז נישט קיין געזונטע דערשיינונג און כאָטש ער האָט געהאַלטן די אויגן געווענדט צו דער ערד, דאָך האָט ער זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן צו די רייד פון אַ מענטשן, וואָס איז יאָ געווען אָנגעטאָן ווי אַ פעאָן, נאָר גערעדט האָט ער ווי אַ „רעוואָלוסיאָנאַריאָ", ווי אַ בונטאָווּשטשיק פון בוענאָס איירעס גופא, און דער כירורג האָט קיין רעוואָלוציאָנערן נישט געקאָנט פאַרטראָגן.

— אין אַלע צייטן האָט זיך יעדעס לאַנד אויפגעפירט לויט איר איי־גענעם שטייגער. אַזוי איז דער גאַנג פון דער ציוויליזאַציע. אַזוי דאַרף דאָס זיין און דאָס וואָס דו האָסט מיר פריער דערציילט, איז נישט מער ווי עקל־דיקע פראָפּאַגאַנדע.

— „ציוויליזאַציע"? „פראָפּאַגאַנדע"? — האָט אים ראַפאַעל איבערגע־קרומט די רייד און צום ערשטן מאָל האָט זיך אין טאָן פון זיינע רייד אַריינ־געגנבעט אַ חוזק, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט ביטערן סאַרקאַזם —

וויז מיר נאָר אַ לאַנד אויף דער וועלט וואָס זאָל אַזוי ליגן אין די הענט פֿון אויסלענדישע קאַפּיטאַליסטן ווי אַרגענטינע?... אַפילו די רעגירונג־געביידעס געהערן דאָך נישט צו אונדז! און אויב דו רעדסט וועגן „ציוויליזאַציע", וועל איך דיר וויזן וואָס אונדזערע „איידעלע" פּריצים טוען מיט זייערע פּעאָנען. דו זעסט אָט דעם יונגנמאַן? — האָט ער מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף דעם סטעפּ־יונג — זיין נאָמען איז כוליטאָ. ער איז דער אָנפירער פונעם לאַגער. וועל איך נישט רעדן וועגן זיין זיידן, בלויז וועגן אים אַליין. זיין טאַטע מיט דער מאַמען האָבן שוין יאָ פאַרמאָגט אַן אייגן פּיצל באָדן, וואָס האָט גאָרנישט אַרויסגעגעבן. האָט ער געמוזט אַרבעטן פון זון־אויפגאַנג ביז זון־פאַרגאַנג פאַר פּופּציק סענטאַוואָס אַ וואָך ביי דעם „ליבן" פּריץ דאָן כאָסע אַלוואַרעז. איין מאָל אין אַ שלעכטן ווינטער, ווען ביי זיי אין שטיבל איז אויסגעגאַנגען דער מאַיס, איז כוליטאָס טאַטע אַוועק צום סעניאָר לייען אַ ביסל מעל אויף דורכצוקומען דעם ווינטער. האָט דאָס אים דער פּריץ אָפּגעזאָגט. דערווייל איז כוליטאָס מאַמע אַ פּאָר חדשים געלעגן אין בעטל אַ קראַנקע און עסן איז נישט געווען וואָס. איז דער טאַטע זיינער מיט דעם יינגל צוזאַמען געצוווּנגען געווען אין אַ ביינאַכט אַריינצוגיין צו דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז אין שייער אַליין נעמען אַ ביסל מעל. דאָרט האָט מען זייביידן געפּאַקט. כוליטאָן האָט מען אַוועקגעשיקט אַהיים, נאָר דעם טאַטן האָט מען געבונדן די הענט מיט די פיס און אויף מאָרגן אים פאַרשמיסן צום טויט. פון צרות און הונגער איז כוליטאָס מאַמע געשטאָרבן און געלאָזט דאָס יינגל איינעם אַליין און דאָס הייסט ביי דיר ציוויליזאַציע?...

— איך אַליין — האָט ראַפאַעל וויטער געשפּינט דעם פאָדעם — בין געבוירן געוואָרן אויף דער אַנדערער זייט בריק אין באַהיאַ בלאַנקאַ, ביי אָרעמע עלטערן. באַהיאַ בלאַנקאַ איז אַ שטאָט ביים ים מיט אַן אייגענעם פּאָרט און דאָך האָב איך זיך צו קיין אַנדער זאַך נישט געקאָנט צושלאָגן און מיט מאַטערנישן געוואָרן אַ פריזירער. דערנאָך בין איך אַוועק קיין בוענאָס איירעס. געלעבט אַן איינזאַם לעבן, און קוים אַליין פון זיך אויסגעלערנט זיך ווי צו לייענען אַ שילד און אַ קאַפּעטשקעלע שרייבן. ווייסטו כאָטש, טייערער מעדיקאָ, אַז פינף און אַכציק פּראָצענט פון די הי געבוירענע קאָנען נישט לייענען און שרייבן? נו? אפשר מיט אַ פּאָר פּראָצענט ווינציקער, גענוי ווייס איך נישט. אין בוענאָס איירעס האָב איך געזען, אַז ווען עס קומט אַ מאָל אין דער גרויסער שטאָט אַן אַרגענטינער — לאָזט מען אים נישט צו צו קיין באַשעפטיקונג און ער מוז לעבן דערפון, וואָס ער קלייבט אַרויס פון די מיסטקאַסטנס. אין די פאַבריקן און אין די געשעפטן אַרבעטן „גרינגאָס" און דער אמתער אַרגענטינער האָט נישט קיין היים און מוז שלאָפן אין די פּאַרקן, צי אויף די גאַסן. איז דאָס ביי דיר פּראָפּאַגאַנדע?

אַ קרעכצנדיקע האָט זיך עמאַליטאַ אויפגעכאַפּט און אַ צעשראָקענע אַרומ־

געקוקט זיך אין אַלע זייטן. אַ ווילדער ווייטיק האָט איר אַרומגענומען. דאָס האַרץ האָט אָנגעהויבן קלאַפּן גיך און הילכיק, מיט נישט קיין רעגלמעסיקע קלעפּ. די כוחות האָבן איר אָנגעהויבן אויסרינען פון די הענט און די פיס, וואָס זענען איצט געוואָרן ווי איבעריקע אברים. אין קאָפּ האָט זיך אַ שווינדלעניש אַריינגעכאַפּט. זי האָט קוים דערקאָנט כוליטאָס פּנים לעבן זיך און געבעטן זיך ביי אים:

— כוליטאָ, כוליטאָ, העלף מיר!...

— מעדיקאָ! — האָט כוליטאָ אַ געשריי געגעבן און איבערגעריסן ראַפּאַעלס לאַנגע פּלאַפּלערייען, וואָס האָבן זיך יאָ געלייגט אויפן שכל און נישט. ווייל קיין טיפע וואָרצלען האָבן זיינע רייד אַלץ איינס נישט געשלאָגן — קום אַהער און אַנשטאָט רעדן נאַרישקייטן, זע בעסער וואָס מיט איר איז!..

אַ פּאַרטראַכטער און נאָך אַלץ אַ כעסדיקער איז דער דאָקטער צוגעקומען צו דער קראַנקער. אַ ווילע געהאַלטן איר דופק אין זיין האַנט. דערנאָך ווידער צוגעלייגט זיין געהער־טרייבל צו איר האַרצן און אַ פאַרזאָרגטקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זיין שטרענגן פּנים:

— כוליטאָ, — האָט ער דעם סטעפּ־יונג צום ערשטן מאָל אָנגערופן ביים נאָמען — מען דאַרף נאָך אַ מאָל דורכפירן עפּעס אַ שטיקל טראַנספוזיע. אָבער איצט וועסטו מוזן שטיין, מחמת לעבן איר קענסטו זיך נישט אַוועקלייגן. וועסטו דאָס קאָנען אויסהאַלטן?...

כוליטאָ האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. אין איין אויגנבליק האָט ער אַראָפּגעוואָרפן זיך זיין רעקל מיטן העמד און דער דאָקטער האָט אַ פּאָר מינוט סטערעליזירט דעם גלעזערנעם איינשפּריצער מיט דער נאָדל אין בראָנפן. דערנאָך אַרויסגעצויגן פון דעם יונגס אָרעם אַ פול טרייבל מיט בלוט און דאָס טראָפּנווייז אַריינגעשפּריצט צו עמאַליטאַן אין ברייטן אָדער פון דער לינקער האַנט. די קראַנקע האָט גלייך אָנגעהויבן אָטעמען אַ ביסל גרינגער. דער פּולס האָט געקלאַפּט רעגולערער. דאָס האַרץ איז אַוועק אין אַ ריטמישן גאַנג און כוליטאָס ווייבל איז פון שלאַפקייט אַנטשלאָפן געוואָרן.

— גיב מיר אַ ביסל בראָנפן — האָט זיך דער דאָקטער געווענדט צו כוליטאָן — עס טריקנט מיר אין האַלדז פון דיין פריינטס לאַנגע רעדעס און דאָס האַרץ נאָגט. איך בין הונגעריק.

פון פלעשל גופא האָט דער דאָקטער אַ פּאָר זיפּ געטאָן און איז דערנאָך אַוועק מיט ראַפּאַעלן צום קאָסציאַר און אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ קעסטל. אויף אַ בלעכענעם טעלער האָט אים אַ פרוי דערלאַנגט אַ היפּש שטיק פלייש מיט אַ גראָב פּלעצל. ענריקע פּערעז האָט זיך צוגעכאַפּט צו דער אכילה מיט אַזאַ אַפּעטיט, ווי ער וואָלט שוין טעג נאָכאַנאַנד גאָרנישט געהאַט אין מויל. אַרום אים זענען געזעסן יונגע און מיטל־יעריקע פּעאָנען מיט פאַרברוינטע פּנימער פון דער זון און אויס דרך ארץ צום מעדיקאָ, האָבן זיי צווישן זיך

נישט געוואַגט צו רעדן, פונקט ווי דער דאָקטער וואָלט גאָר קיין מענטש נישט געווען.

ווען דער כירורג איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן און פאַרטרונקען מיט שטאַרקע און געשמאַקע מאַטע, האָט ראַפאַעל צו אים אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ:

— דו זעסט, מעדיקאָ, דאָס זענען אַלע פּעאָנען, מענטשן פון וועלכע מיר האָבן פריער גערעדט.

— יאָ — האָט אים דער דאָקטער געענטפערט קורץ און שאַרף — אָבער באַנדיטן...

— ניין — האָט אים ראַפאַעל נאָך אַ מאָל פאַרזיכערט. — מיר זענען נישט קיין באַנדיטן. בלויז אַרגענטינער און אַלץ דאָס, וואָס מיר נעמען ווען עס איז אַוועק פון די רייכע הערן, צעטיילן מיר דאָס צווישן די אָרעמע און הונגעריקע אין די דערפער און אין די שטעטלעך. אַ סימן האָסטו דאָך, אַז אין די ברודיקע, שמאָלע און אָרעמע געסלעך פון מאַדעראַס זענען מיר אַפילו נישט אַריין און די דאָרטיקע באַפעלקערונג נישט געטשעפּעט...

— דאָס איז אינטערעסאַנט — האָט דער דאָקטער אַ שמאַטשקע געגעבן מיט די גראָבע ליפּן, ווי ער וואָלט נאָך אַלץ הנאה געהאַט פון דער געשמאַקער וועטשערע און שוין מעשה פילאָסאָף פאַרגעזעצט דאָס רעדן — איז וואָס ווילט איר טאָן, אויסהרגענען אַלע רייכע מענטשן פון דער וועלט?...

— ניין! — האָט ראַפאַעל אָפּגעלייקנט קאַטעגאָריש די אַלטע השערה, אַז רעוואָלוציאָנערן מוזן דווקא אומברענגען מענטשן — מיר זענען נישט קיין מערדער. מיר זענען בלויז אַרגענטינער, וואָס ווילן אָנזאַמלען אַ גרויסע אַרמיי פון פּעאָנען און הונגעריקע אַרבעטער און אויף אַ געזעצלעכן אופן באַפרייען דאָס לאַנד פון פרעמדן יאָך און פון דעם עקלדיקן פעאָדאַליזם...

— דאָס מיינט דאָך, אַז איר זענט רעוואָלוסיאָנאַריאָס!

— רוף דאָס ווי דו ווילסט. איך ווייס נישט פון קיינע נעמען, איך ווייס באַר, אַז אַרגענטינע דאַרף זיין אַ לאַנד פאַר אַרגענטינער גופא און נישט פאַר פרעמדע. דער אַרבעטער און דער פּעאָן דאַרף האָבן די זעלביקע רעכט, ווי דער רייכער. זיי דאַרפן זיצן אין פּאַרלאַמענט צוזאַמען מיט אַלע מאַכערס. דאָס אַרגענטינישע פאָלק דאַרף זיין פאַרטראַטן אומעטום...

— דאָס זענען אַלץ דאָגמעס! — איז דער דאָקטער אויפגעשטאַנען פון קעסטל, אַ קוק געטאָן ביי זיך אויפן זייגער און איז אומרויק געוואָרן. — אַנטשולדיק מיר, ראַפאַעל, איך האָב זיך דאָ צו לאַנג פאַרזאַמט. זיי אַזוי גוט און גיב מיר מיינע פערד מיט דער קאַלאסקע וועל איך פאָרן אַהיים. דאָרטן האָב איך חולאים. דער וועג איז אַ ווייטער. איך וועל אַוודאי אַהין ערשט אָנקומען פאַרטאָג מסתמא...

— עס טוט מיר לייד, סעניאָר מעדיקאָ — איז ראַפאַעל מיט אַ מאָל געוואָרן שטרענג און פאָרמעל — נאָך דעם ווי איך מיט כוליטאָן האָבן דיר דער-

ציילט דאָס, וואָס מיר ווילן טאָן פאַר אונדזער לאַנד, און דו ווייסט דאָך שוין ווי דער לאַגער געפינט זיך, וועסטו דאָך אונדז זייער גרינג קאָנען אַרויסגעבן צו דער פּאָליציי, צי צו די ווייסטע זשאַנדאַרמען, וואָס וועלן אונדז באַפּאַלן און אויסראָטן ווי די מייז. נייך, מיין טייערער, דאָס וועט נישט גיין! דו וועסט שוין דאָ מוזן בלייבן. נישקשה, פון צייט צו צייט וועסטו אונדז גוט צונוץ קומען...

— איך פּראָטעסטיר! — האָט זיך דער דאָקטער צעשריען — מיט אַ היס־טעריש קול — ווי וואַגסטו צו פאַרהאַלטן מיך דאָ?! אין קייטן וועל איך אייך אַלעמען שמידן! באַנדיטן! מערדער! גיב מיר אָפּ מיינע פערד און לאָזט מיך אַוועקפאָרן פון דאַנען! אייערע ווייסטע פּנימער וויל איך מער נישט אָנקוקן!...

— אַט־אַט! — האָט ראַפאַעל געלאַכט פון דעם צעקאָכטן דאָקטער, וואָס האָט זיך שיעור נישט געוואָרפן שלאָגן — אַט טאַקע דערפאַר וועסטו נעבעך מוזן בלייבן אויף שטענדיק מיט אונדז, אויב דו ווילסט נאָך לעבן אויף דער וועלט!...

— איך וויל רעדן מיט אייער פירער, מיט כוליטאָן!

— אדרבא! גיי טאַקע צו אים און רעד אפילו פון פייער און פון וואַסער. דאָ אין לאַגער ביסטו אַ פרייער מענטש. דאָ קאָנסטו טאָן וואָס דיין האַרץ גלוסט. קאָנסט רעדן מיט וועמען דו ווילסט אַפילו ביז איבער אַ יאָר, נאָר דו זאָלסט וויסן, אַז דער געזעץ אין לאַגער איז, אַז קיינער גייט פון דאַנען נישט אַרויס. סיידן מיר שיקן עמעצן אויף אַ וויכטיקער שליחות...

אַ פאַרסאָפּעטער און אַ צערייצטער ווי אַ הונט איז דער בלאַס געוואָרענער דאָקטער אַריינגעלאָפן צו כוליטאָן איןביידל און נישט רעכענענדיק זיך דער־מיט, וואָס דאָרטן איז עמאַליטא געלעגן אין אַ קראַנקהאַפטן שלאָף, האָט ער אָנגעהויבן שרייען מיט אַ הויך און דראָענדיק קול, אַז מען האָט זיינע געשרייען אַזש געקאָנט הערן לעבן דעם קאַסציאַר:

— איך האָב געראַטעוועט דיין פּרויס לעבן, איז דאָס דער לוין דערפאַר?! גיב מיר אָפּ מיינע פערד און לאָז מיך צוריקפאָרן אַהיים! אַזאַ חוצפּה! אמתע באַנדיטן!

קאָנטיק אַז כוליטאָ האָט דאָס דערוואַרט. ער האָט געוווסט אַז סוף־כל־סוף וועט אים דער מעדיקאָ אָפּשפּילן אַזאַ סצענע. האָט ער אים געלאָזט אַרויסשרייען פון זיך די אָנגעקליבענע רציחה און ווען יענער איז דערנאָך אויף אַ ווײַלע אָנטשוויגן געוואָרן, האָט אים דער סטעפּ־יונג געענטפערט מיט אַזאַ לאָגיק, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פאַר אַזאַ איינעם, וואָס איז יונג אויפגע־האָדעוועט געוואָרן אונטער דער השגחה פון דעם אַלטן גאַוטש אין דער וויל־דעניש:

— געערטער סעניאָר מעדיקאָ! דיין כעס איז פאַר מיר פאַרשטענדלעך. ווען דו רעדטסט אָדער האַנדלסט אַנדערש, וואָלסטו דאָך געווען נישט מער

ווי אַ קוואַטש און נישט קיין מאַן מיט ווירדע. נאָר העלפן קאָן איך דיר נישט. וועסט שוין מוזן בלייבן אין לאַגער. גלויב מיר, אַז מיר האָבן דעם סאָרט לעבן נישט אויסגעקליבן מיט פרייען ווילן. דאָס האָט אונדז דער פינצטערער שיק־זאַל אונטערגעטראָגן אויף אַזאַ ריזיקן טעלער פוןליידן. אין דיין לעבן האָסטו געהאַט דאָס גליק צו זיין רייך. עסן און טרינקען אין צייט און צו דער זעט. דיינע עלטערן האָבן דיך געשיקט לערנען. ביסט געוואָרן אַ מעדיקאַ און גע־האָט אַלע פאַרגעניגנס. אָבער אין דער זעלביקער צייט האָבן מיר געשמאַכט ביי די פריצים אין די האַסיענדאַס און נישט געהאַט קיין ביסן ברויט אין מויל און קיין העמד אויפן לייב... איז איצט געקומען דיין ריי, אַז דו זאָלסט אויך עפּעס טאָן פאַר דעם אַרגענטינישן פאָלק: צו העלפן די באַפרייטע פעאָנען צו שטעלן זיך אַ ביסל אויף די פיס. אַהער אין לאַגער וועלן נאָך צוקומען זייער אַ סך פעאָנען אפילו מיט ווייבער און קינדער. דאָ וועט דיר גאָרנישט פעלן. די בערג זענען הויך, שטאַרק און שיין. די טאָלן — טיף און געהיימנישפול. וועסט זיך מיט דער צייט צוגעוווינען. דאָס לעבן אויף דער פרייער נאַטור איז אַ סך געזינטער ווי אין די שטעט און שטעטלעך...

— דו אומדאַנקבאַרער באַנדיט! — האָט זיך דער דאָקטער נישט געקענט פאַרשטעלן אַפילו אויף איין רגע ווי אַזוי ער וועט זיך דאָ קאָנען צופּאַסן צו די אומשטענדן פון אַ פרימיטיוון לעבן און נישט זיין טאָג־טעגלעך צווישן ציוויליזירטע מענטשן? דעריבער האָט ער איצט פאַרלוירן דעם גאַנצן קאָנ־טראָל איבער זיך און מיט אַ פאַרביילטן פויסט געדראָעט כוליטאָן אין פנים — באַצווינגען אַ מענטשן קעגן זיין אייגענעם ווילן איז דער גרעסטער פאַרברעכן וואָס עס קאָן געמאָלט זיין!... איך פאַרזיכער דיר, אַז ביי דער ערשטער גע־לעגנהייט וועל איך אַנטלויפן פון דאַנען און דיין גאַנצע באַנדע איבערגעבן אין די הענט פון דער פאָליציי!...

דערויף האָט אים כוליטאָ גוט־ברודעריש אַ פּאַטש געטאָן איבער דער ברייטער פּלייצע און אָנגעהויבן לאַכן:

— זעסטו? אָט דעם אמת האָב איך ליב און פאַר דיין אַנטלויפן האָב איך קיין מורא נישט. ווייל דער לאַגער איז טאָג און נאַכט אַרומגערינגלט מיט איבערגעגעבענע שומרים, וואָס קאָנען זייער גוט האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט און טרעפן אַלע מאָל אין ציל...

מיטאַמאָל איז אין אין ביידל אַריינגעקומען אַ פרוי מיט אַ חנעוודיקן מו־לאַט פנים און לאַנגע ווי־עס איבער אירע פלאַם־פייערדיקע גרויסע אויגן. איר מויל איז געווען אַ חוצפהדיקס; די ליפּע פולע און תאווהדיקע האָבן געטראָגן אויף זיך אַ פאַרטיקן שמייכל. איר שלאַנקע פיגור מיט די נישט צו ברייטע היפּטן און אויפגעשטעלטע בריסטן האָט זיך אַ וויג געטאָן ביים צוגיין צום דאָקטער. איר שטימע — אַ זינגעוודיקע, ווי דאָס וואָלט געגלעט געוואָרן פון

טויזנטער לאַשטשנדיקע ווינטעלעך, האָט אַריינגעזונגען דעם צעכעסטן כי־רורג אין פּנים אַריין:

— אַך, ליבער מעדיקאָ, זייט נישט אַזוי אויפגערעגט... עס פּאַסט נישט פאַר אַזאַ קאַוואַליר ווי איר זענט... איר זענט נאָך גאַר אַ יונגערמאַן און — — קומט בעסער מיט מיר... וועל איך אייך ווייזן אייער צוקונפטיקע היים... דאָס „בעט" האָב איך שוין דאָרט פאַרבעט. עס איז שוין שפּעט מיין טייערער מע־דיקאָ... און איר דאַרפט זיך גוט אויסרוען...

די פרוי האָט עפּעס געהאַט אַזאַ קראַפט אין זיך, אַז זי האָט אים צוגע־צויגן צו זיך ווי מיט אַ מאַגנעט. און כאָטש דער דאָקטער האָט שוין אין זיין לעבן געהאַט הונדערטער פרויען, און אַ היפּשע צאָל פון זיי געהאַט אַלס פּאַ־ציענטן אַפילו, דאָך האָט אים די איצטיקע נקבה „געפּאַקט" מיטן ערשטן בליק. ער איז שוין ווי אַ פאַרליבט יינגל נאָכגעגאַנגען אירע טריט. זיי זענען אַריין צו דעם פאַרשטאָרבענעם אַלטן גאַוטש אין ביידל. אין דער מיטן סטעליע איז פון אַ פאַרזשאַווערטן דראָט אַראָפּגעהאָנגען אַ לעמפּל און געברענט. אויפן קעסטל איבערגעדעקט מיט אַ ווייס שטיקל סחורה איז געשטאַנען דעם דאָק־טערס רימענער רענצל. דאָס בעט איז געווען באַצויגן מיט אַ ווייסן לייוונט. אויף דעם איז געלעגן אַ גרויסע, געבלימלטע קאָלדרע:

— דאָס איז, פון איצט אָן, אייער שטענדיקע היים... איך וועל אייך אַלע מאָל באַדינען... פאַרשטייט זיך, אַז ווען איר וועט וועלן...

דער דאָקטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפן „בעטל" און מיט אַ בוהייאישן קוק אין די אויגן געשלונגען איר רייצנדיקע פיגור.

— ווי רופט מען דיך?

זי איז פון דער אינטימער פראַגע גלייך איבערגעגאַנגען פון „איר" אויף „דו" און קורץ געענטפערט:

— קאַרמעליטאַ...

— ווי קומט אַזאַ שיינע און יונגע דאַמע אַהער אין די בערג צווישן באַנ־דיטן?

— אָך מיין ליבער מעדיקאָ — האָט זיך קאַרמעליטאַ כלומרשט ווי באַ־ליידיקט פון דעם וואָרט „באַנדיטן" — ווי און פון וואַנען איך קום אַהער איז נישט וויכטיק. אָבער קיין „באַנדיטן" זענען מיר נישט. מיר זענען טאַקע אָרע־מע, אָבער ערלעכע מענטשן...

— זאָג מיר נאָר, קאַרמעליטאַ, אפשר קאָנסטו מיר קריגן אַ ביסל בראָנפן, צי אַ פלעשל מיט וויין?... איך קאָן נישט גיין שלאָפן מיט אַ טרוקענעם האַלדז... אָבער רוף מיך נישט „סעניאָר מעדיקאָ", רוף מיך ווי איך הייס אין דער אמתן ענריקע און נישט ענריק...

— בוענאָ, סעניאָר מעדיקאָ, און מאָמענטאָ. — האָט זי געענטפערט ווי

ראַפאַעל האָט איר געהייסן רעדן און איז פאַרשווונדן געוואָרן דורך דער עפענונג פוןביידל.

אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זי אַ צעשטראַלטע אַריינגעטראָגן אַ גרויסע פלאַש ווייַן און אַ ביסל אַ קלענער פלעשל בראָנפן. די פלעשער מיט די צוויי בלעכערנע קוביקלעך האָט זי צ̈וועקגעשטעלט אויפן קעסטל און געפרעגט מיט דער זעלביקער זינגעוודיקייט אין קול ווי פריִער:

— זאָג דעם אמת, וואָס ווילסטו איצט טרינקען בראָנפן אָדער ווייַן?

— בראָנפן! — האָט דער דאָקטער אַ סך נישט געטראַכט — אָבער גיס אויך אָן אַ קוביקל פאַר דיר. דו ווייסט דאָך מסתמא, אַז עס איז קאַלעמוטנע צו טרינקען איינער אַליין...

זי האָט גערן געפאָלגט. אָנגעגאָסן צו האַלבע קוביקלעך בראָנפן און דורשטיקע אַריינגעקערט דאָס אין איין רגע. דעם דאָקטער איז זייער געפעלן געוואָרן מיט וואָס פאַר אַ געשיקטקייט זי האָט געטרונקען און געבעטן נאָך. ווען דאָס פלעשל איז שוין געווען ליידיק, האָט קאַרמעליטאַ אויפגעקאָרקעוועט די פלאַש ווייַן. דאָס געמיש פון בראָנפן און ווייַן האָט זייער גיך געווירקט אויפן דאָקטער, וואָס איז דערפון ווי פאַרטשאַדעט געוואָרן. פונדעסטוועגן האָט ער זיך נאָך אַ ווייַלע געראַנגלט מיטן שלאָף. איז ער געזעסן און גערעדט אַזעלכע אומפאַרשטענדלעכע רייד, אַז די פרוי האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין זייער באַדייט. נאָר מיט אַ מאָל איז ער אַוועקגעפאַלן אויפן געלעגער. דעמאָלט האָט אים קאַרמעליטאַ אויסגעטאָן, צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע, פאַרלאָשן דאָס לעמפל און דערנאָך אַליין אַ נאַקעטע אַריינגעקראָכן צו אים אונטערן צודעק...

אויף מאָרגן איז דער דאָקטער אויפגעשטאַנען פאַרטאָג מיט אַלעמען צוגלייך. לעבן זיין געלעגער האָט ער געטראָפן אַ שיסל מיט קאַלט וואַסער און אַ שטיקל זייף. ער האָט זיך אָפגעוואַשן דאָס פּנים און דערנאָך אַרויס אין דרויסן. די פרישע בערגיקע לופט האָט אים אַזוי אַרומגענומען פון אַלע זייטן, אַז ער איז ווי פאַרשיכורט געוואָרן און מיט אַ מאָל דערפילט זיך אַ סך יונגער און געזינטער ווי אין מאַדעראָס. אַ הונגעריקער איז ער צוגעגאַנגען צום פייער, אַרום וועלכן עס זענען שוין געזעסן אַ סך פּעאָנען און געוואַרט, אַז די פרויען קעכנס זאָלן זיי אויסטיילן דאָס עסן. אויך דער דאָקטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער פייכטער ערד און, שוין דערמיט אַליין, געוואָרן ווי אַן אייגענער מענטש אין לאַגער. אין דער רגע האָט אים קאַרמעליטאַ דערלאַנגט זיין אָנבייסן און מיט דאַנקבאַרע און פאַרליבטע בליקן געזאָגט: — עס, עס מיין ליבסטער, וועסטו זיין אַלע מאָל יונג און געזונט...

ווען די זון האָט זיך באַוויזן הינטער די פּאַטאַגאָניער בערג איז דער דאָקטער אַריין צו כוליטאָן אין ביידל און צוגעגאַנגען צו דער קראַנקער, וואָס איז נאָך אַלץ געלעגן אויף דעם „אָפּעראַציע־טיש“. דער כירורג האָט צוגעלייגט דאָס טרייבל צו איר ברוסט און אויסגעהערט איר האַרץ. אַ לאַנגע צייט

געהאַלטן איר האַנט אין זיינער, געטאַפּט דעם דופק. נישט אַראָפּגענומען די אויגן פונעם ציפער־בלעטל און אַ צופרידנקייט האָט זיך צעשפּילט אויף זיין כמורנעם פּנים:

— כוליטאָ, מען קען זי שוין אַראָפּנעמען פון טיש און אַוועקלייגן אויפן געלעגער און געבן אַ ביסעלע וואַרעמע מילך צו טרינקען. אויב זי האָט מזל, קאָן זיין, אַז זי וועט אין גיכן געזונט ווערן. אָבער אַ ביסל האָב איך מורא. זי האָט נעכטן פאַרלוירן צו פיל בלוט...

פון די נעכטיקע טראַנספוזיעס איז כוליטאָ געווען אָפּגעשוואַכט. האָט ער דעם דאָקטער צוגעוואָרפן אַ דאַנקבאַרן בליק און געבליבן ליגן אויפן היי־געלעגער. דעם דאָקטער איז אָבער נישט געפעלן געוועזן דעם סטעפּ־יונגס געל־געוואָרענער אויסזען. איז ער אָן קיינע קונצן צוגעגאַנגען צו אים, אים אונטערגעזוכט, און אַריינגערופן אַהער ראַפאַעלן:

— זע ער זאָל אויסטרינקען אַ פּאָר קוביקלעך מיט בראָנפן און עפּעס עסן. זיין ווייבל קאָן מען שוין אַראָפּנעמען פון דאַנען און אַוועקלייגן אויפן „בעט"...

נאָך דעם ווי כוליטאָ איז געקומען צו זיך פון זיין אָפּגעשוואַכטקייט, האָט ער אויסגעקליבן עטלעכע יונגען, זיי געגעבן געלט און אַוועקגעשיקט אין פאַר־שידענע האַסיענדאַס, אין דערפער און שטעטלעך, זיי זאָלן דאָרטן צורעדן יונגע, געזונטע פּעאָנען און אַרבעטער צו קומען אַהער אין לאַגער, כדי צו צונויפגיסן זיך מיט די היגע מענטשן וואָס זענען שוין דאָ געווען פון פריער. דערנאָך האָט ער ראַפאַעלן אָנגעצײלט אַ גרויסן פּאַק מיט אַסיגנאַציעס, אים געהייסן פאָרן קיין באַהיאַ בלאַנקאַ צו לאָפּעזן, דעם געוועזענעם־הענדלער, אַז יע־נער זאָל אַהער צושיקן נאָך צוויי הונדערט ביקסן מיט אַמוניציע, וואָס זאָל אָנקומען אין לאַגער נישט שפּעטער ווי אין אַ וואָך און העכסטנס — אין צוויי וואָכן אַרום.

— אין אַ וואָך אַרום? — האָט זיך ראַפאַעל געוווּנדערט — דו ווייסט דאָך, אַז בלויז אַיין וועג אַהין נעמט פיר טעג רייטן. הײַנט ווי וועל איך דאָס קאָנען דערוויַיזן און איך וויל דאָרטן כאָטש פאַרברענגען אַ פּאָר טעג מיט מײַנע אַלטע עלטערן. דאָס איז צו ווינציק צייט!

— גאַנץ איינפאַך — האָט כוליטאָ געענטפערט מיט אַ רעכענונג — אַז מען פאָרט בלויז דורך די טעג און מען שלאָפט גאַנצע נעכט, נעמט טאַקע גאַנצע פיר טעג. אָבער... ווען דו זאָלסט בלויז שלאָפן, לאָמיר זאָגן, אַרום פינף צי זעקס שעה אַ מעת־לעת אָנשטאָט צען, דעמאָלט קען מען דורכמאַכן דעם גאַנצן וועג נישט מער ווי אין דריי טעג. אגב איז נישטאָ וואָס צו רעדן דער־פון. די צייט איז קורץ. מען דאַרף עפּעס אָנהייבן צו טאָן. דאָס געווער דאַרף דאָ זיין אַמשפּעטסטנס אין צוויי וואָכן אַרום. אָן דעם זאָלסטו זיך נישט רירן

פּאָרט און דו װעסט אויך האָבן גענוג צייט צו זען זיך מיט דיינע עלטערן. נאָר דאָס מאָל זאָלסטו זיי באַטש נישט פאַרגעסן צו איבערלאָזן אַ ביסל געלט...

**
*

הפּנים, אַז דער ערשטער דיאַגנאָז, װאָס דער דאָקטער האָט געמאַכט איז געװען אַ ריכטיקער. מחמת כאָטש עמאַליטאַ האָט אין די ערשטע פּאָר טעג אַרויסגעװיזן סמנים פון פאַרבעסערונג, איז אָבער איר אַלגעמיינער צושטאַנד געװאָרן ערגער און ערגער. אמת, איצט האָט זי שוין מער נישט געקרעכצט. שעהן נאָכאַנאַנד איז זי געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן און קיין ביסן ברויט אָדער אַ טרונק װאַסער, צי אַ ביסל מילך נישט געקענט אַרונטערשלינגען. דערפאַר אָבער זענען אירע אויגן דורך די נעכט, געװען ברייט צעעפנטע, גרויסע און שטאַרע, מיט גלייכגילטיקע בליקן האָבן זיי געקוקט אויף דער נידעריקער סטעליע פון ביידל. נאָר אין איינעם אַ ביינאַכט האָט זיך עמאַליטאַ פּלוצים אויסגעדרייט מיטן פּנים צו כוליטאַן און אים געזאָגט מיט אַ שװאַך קול:

— כוליטאַ, איך װייס, אַז איך װעל באַלד שטאַרבן. איך װיל נישט, אַז דו זאָלסט מיך באַערדיקן ערגעץ אין טאָל, צי אויף אַ באַרג. איך האָב מורא צו ליגן דאָרטן אַליין. איך װיל אַז דו זאָלסט מיך באַגראָבן נעבן דעם אַלטן גאוטשאָס קבר. זאָגסט דאָס מיר צו?...

— אוי דו נאַריש קינד מיינס! — האָט דער געזונטער סטעפּ־יונג אָנגע־הויבן רעדן מיט האַרציקייט און אין דער זעלבער צייט זענען זיינע קאַרע אויגן פאַרלאָפן געװאָרן מיט טרערן.

— װאָס רעדסטו אַזעלכע נאַרישע רייד? דו װעסט אין גיכן געזונט װערן און לעבן נאָך אַ סך יאָרן... דו װעסט נאָך האָבן דאָס קינד, װאָס דו טראָגסט. מיר װעלן אים ביידע אויסהאָדעװען און האָבן אַ סך נחת פון אים. װאַרט, דו װעסט זען, אַז איך בין גערעכט...

עמאַליטאַ האָט נאָך עפּעס געװאָלט זאָגן; מסתמא געװאָלט מודה זיין זיך פאַר אים, אַז זי האָט גאָר קיין מאָל נישט געשװוּ נגערט, אַז דאָס האָט זי בלויז אויסגעטראַכט, כדי צו חתונה האָבן מיט אים אויף אַ געזעצלעכן אופן. אָבער אין דער רגע האָט איר אַ שטיק געטאָן אין האַלדז. האָט זי אויסגעדרייט דאָס פּנים צו דער װאַנט און דאָס װייסע שטיקל ציץ, װאָס האָט געדינט װי אַ ציכל, איז נאַס געװאָרן פון אירע טרערן.

טעג האָבן זיך אַ קייקל געטאָן איינער נאָכן אַנדערן. עמאַליטאַ איז די גאַנצע צייט געלעגן מיטן פּנים צו דער װאַנט און מער שוין נישט געװיינט. און עס האָט איר מער נישט געאַרט צי כוליטאַ איז געװען לעבן איר אָדער נישט. טאָג און נאַכט האָבן ביי איר, אין איר הינטערבאַװוּסטזיין אַלץ אָנגע־נומען די זעלביקע פאָרמען, לאַנגע, אויסגעצויגענע און נאַרישע, פּוסטע נעכט און טעג, װאָס האָבן קיין פונק פון פאַרלייכטערונג נישט געבראַכט. זי האָט

געצאַנקט פון טאָג צו טאָג ווי אַ ליכט. אירע הענט און פיס זענען שוין פון לאַנג געבליבן ליגן מאַכטלאָזע און איבעריקע פון וועלכע דאָס געזונט און דאָס לעבן האָט געהאַלטן אין איין אויסטריקענען טראָפּנסווייז ווי וואַסער פון אַ צעשפּאַלטענעם טאָפּ, וואָס איז גראָד יאָ פאַרדראָטעוועט געוואָרן מיט דראָט.

עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן, וואָס דער דאָקטער האָט זיך אונטער־געוואָרפן זיין גורל און איז שעהן נאָכאַנאַנד געזעסן לעבן דער קראַנקער, איר געקוקט אין די אויגן, טויזנטער מאָל אויסגעהערט איר האַרץ און געגעבן צו טרינקען אַזעלכע געלע פּראָשקעס, וואָס ער האָט גראָד געפונען ביי זיך אינעם רענצל. די דאָזיקע געלע פּראָשקעס האָבן געזאָלט לינדערן אַ ביסל אי־רע גרויסע שמערצן. אָבער גאָר גיך האָט דער דאָקטער איינגעזען, אַז זיי האָבן אויף איר נישט געווירקט. האָט ער נאָך אַ מאָל אַרויסגעפּאָמפּעט פון כוליטאָס אָרעם אַ היפּש ביסל בלוט און דאָס אַריינגעטראָפּנט צו עמאַליטאַן אין דעם גרויסן אָדער. נאָר קיין פאַרבעסערונג איז פּאָרט נישט געקומען. פון דעם אַלעמען איז דער „מעדיקאָ" געוואָרן אָפּהענטיק. ער האָט מער גאָר נישט געקאָנט טאָן און פאַרלאָזט זיך אויף דער נאַטור און אויף גאָט, אַז זייביידע זאָלן טאָן ס'איבעריקע.

אַ פּנים, אַז גאָט האָט זיך נישט אַריינגעמישט אין דעם ענין און די נאַ־טור איז געווען זייער קאַרג. ווייל עמאַליטאַ איז וואָס אַ שעה, אַ טאָג און אַ מעת־לעת געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער. די אויגן זענען אַריינגעקראָכן טיף אין קאָפּ. פון פּנים האָבן אַרויסגעשטאַרצט די קינבאַקן אַזוי שאַרף ווי ביי אַ קאַלמיק, צי ביי אַן אַסקעט, וואָס פאַסט וואָכן נאָכאַנאַנד. די ליפּן זענען גע־וואָרן בלוי, שאַרף און דין. די נאָז — לאַנג און שפּיציק. דער דאָזיקער אויס־זען האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן מחמת אויף דעם זיבעטן אין דער פרי, ווען די זון האָט אַהער אין ביידל צַריינגעוואָרפן די ערשטע, גאָלדענע לענ־טעס, איז עמאַליטאַס פּנים צוריק אויסגעפּילט געוואָרן. אַ שמייכל האָט גע־שוועבט אויף אירע פולע ליפּן. זי איז אַ רויקע געלעגן אונטער דער קאָלדרע און דוכט זיך, אַ צופרידענע געשלאָפן. נאָר קיין אָטעם פון אירע נאָז־לעכער איז שוין מער נישט געקומען.

ווען כוליטאָ, וואָס איז געשלאָפן לעבן איר די גאַנצע נאַכט, איז אויפגע־שטאַנען פון געלעגער און געזען ווי זיין „ווייבל" איז „אַ צופרידענע געשלאָפן", האָט ער זי געזשאַלעוועט אויפוועקן. אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס איז ער אַרויס פון ביידל, אַוועק צום פייער, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער ערד, ווי אַלע מאָל און אַ גליקלעכער זיך גענומען צום עסן און טרינקען מאַטע. דער־נאָך האָט ער איבער אַ שעה צייט געשמועסט מיט די פּעאָנען וועגן דעם, אַז „ס'וועלן באַלד קומען טעג פון גרויסער טעטיקייט", אַז זיי זאָלן זיך דערווייל גוט אויסלערנען די מלאכה ווי צו האַלטן ריכטיק אַ ביקס אין האַנט, ווי צו

טרעפן אין ציל, ווי מיט ברענענדיקע פאַקלען אָנצינדן האַסיענדאַס און אויס־פאַלגן די אינסטרוקציעס, וואָס אַנטאָניאָ דער „פערד" וועט זיי געבן...

ערשט העט שפעטער, ווען כוליטאַ האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיט די פּע־אָנען אַרום דעם פייער, איז ער אַוועק צוריק צו זיך אין ביידל און געוווּנדערט זיך, וואָס עמאַליטאַ איז נאָך אַלץ געלעגן אין דער זעלבער פּאָזע ווי פריער. ער איז אַ לאַנגע צייט געשטאַנען לעבן איר געלעגער, געקוקט און געקוקט אויף איר שיין געוואָרענעם פּנים און נישט געהאַט קיין האַרץ זי אויפצוּוועקן. אָבער באַלד האָט ער באַמערקט, אַז די קאָלדרע האָט זיך נישט געהויבן און איז נישט צוריקגעפאַלן, ווי דאָס פּאַסירט געוויינטלעך ווען אַ מענטש אָטעמט. דאָס איז אים געוואָרן זייער פאַרדעכטיק. האָט ער גלייך אַריינגערופן דעם דאָקטער און איז מיט אַ שטאַרק קלאַפּנדיק האַרץ געבליבן שטיין אין דער צעעפנטער „טיר".

דער דאָקטער האָט איצט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. אויף איין רגע בלויז האָט ער צוגעלייגט זיין געהער־טרייבל צו איר האַרץ, דאָס באַלד אַראָפּגעכאַפּט פון דאָרטן. ער האָט אָבער געוואָלט זיין זיכער אויף הונדערט פּראָצענט, האָט ער דערנאָך פאַרקאַטשעט אַ דעקל פון אירס אַן אויג. אַ כאַפּ געטאָן אַ ברעג פון דער קאָלדרע, דערמיט איבערגעדעקט איר קאָפּ און אַ בלאַס געוואָרענער ווי קרייד אַ קער געטאָן זיך מיטן שטרענגן פּנים צו כוליטאָן:

— פיניטאַ לאַ קאָמעדיאַ!...

דער סטעפּ־יונג איז געבליבן שטיין אויף דעם זעלביקן אָרט ווי אַ פאַר־שטיינערטער. ער האָט לאַנג און שטאַר געקוקט אויף עמאַליטאַס איבערגע־דעקטן קערפּער און אַ נאַיִווע, טיף באַהאַלטענע קלאָגעניש, וואָס ער האָט די גאַנצע יאָרן הפּנים געטראָגן אין זיין געדעכעניש, האָט זיך איצט אַרויסגע־ריסן פון זיין צעווייטיקט האַרץ.

— אַך מיין טייערע, מיין ליבע עמאַליטאַ! וואָס האָסטו געטאָן? אויף וועמען האָסטו מיך דאָ איבערגעלאָזט?...

מער ווי די פּאָר ווערטער האָט ער נישט געקאָנט אַרויסרעדן. אַ קנויל טרערן האָט זיך אים געשטעלט אין האַלדז, אין האַרצן האָט עפּעס אַ דריק געטאָן. האָט זיך דער סטעפּ־יונג אַרויסגעריסן פון ביידל, אַנטלאָפן געוואָרן ווייט אין טאָל. דאָרטן האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ גרויסן, קיילעכדיקן, גרויען שטיין, אַריינגענומען דעם קאָפּ אין בידע הענט און אָנגעהויבן וויינען אויף אַ קול. און כאָטש ער איז געווען דער פירער פון אַ גאַנצן לאַגער מיט פּעאָנען, האָט ער זיך איצט דערפילט אַזוי עלנט און איינזאַם ווי דעמאָלט, ווען דער בייזער סעניאָר דאָן כאָסע אַלוואַרעז האָט פאַרשמיסן זיין טאַטן צום טויט און זיין מאַמע איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. נאָר אין מיטן וויינען איז כולי־טאָן אויפן געדאַנק אַרויפגעשוווּמען דאָס שטעטל מאַדעראַס, ווו די פּאָליציי מיט די פּאָר זשאַנדאַרמען האָבן אַריינגעיאָגט אַ קויל אין עמאַליטאַס פּלייצע. פון אָט דעם געדאַנק איז ער אויפגעשפּרונגען פונעם שטיין, ווי אַ גיפטיקע

שלאַנג וואָלט אים אַ ביס געטאָן אין אַ פוס, און דער סטעפּ־יונג האָט אָנגע־הויבן צו שרייען אַזוי הויך, אַז זיין ברוסטיק קול האָט זיך ווי אַ שרעקעוודי־קער גלאָק צעקלונגען איבער בערג און טאָלן:

— מאַדעראָס! איך וועל דיך אָפּווישן פון דער ערד!

***

פונעם ערשטן טאָג אָן, ווען עמאַליטאַ איז געקומען אַהער אין לאַגער, איז זי מיט איר יוגנטלעכקייט, מיטן קלינגעוודיקן, האַרציקן געלעכטער, מיט איר שטיפערישקייט און צוגעלאָזנקייט גלייך איינגעבאַקן געוואָרן אַלעמען אין די הערצער און קיינער האָט זיך גאָרנישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי דאָס מאָנאָ־טאָנע און אומעטיקע לעבן וואָלט דאָ אויסגעזען, ווען די דאָזיקע פריילעכע עמאַ־ליטאַ, מיט איר אָרגענטינישן חן, גראַציע און גוט וואָרט צו דעם צו יענעם פאַראומערטן פּעאָן וואָלט נישט געווען.

דעריבער האָט איר טויט, וואָס האָט זיך צעטראָגן איבערן טאָל ווי אַ בליץ, יעדערן געטראָפן ווי אַ פּערזענלעכער אומגליק, ווי אַן אייגענע טראַגע־דיע. האָבן טאַקע רעדלעך פּעאָנען אַרומגערינגלט דעם דאָקטער און פון אים געפּאָדערט, אַז ער זאָל זיי געבן דערקלערן ווי אַזוי עס איז גאָר מעגלעך גע־ווען אַזאַ זאַך וואָס עמאַליטאַ איז געשטאָרבן און פאַר וואָס ער „אַ מעדיקאָ" האָט נישט געקענט ראַטעווען איר לעבן?... אַן אַנדערש מאָל וואָלט דער „מע־דיקאָ" מיט די פּעאָנען אַפילו נישט געוואָלט רעדן, נאָר איצט איז ער אַליין אויך געווען געריררט פון דעם גרויסן בראָך און אויף זייערע נאַיווע פראַגן געענטפערט מיט אַ טיפן טרויער אין זיינע גרויע, בלוילעכע אויגן:

— אַ מעדיקאָ איז נישט מער ווי אַ מענטש אַזוי ווי איר אַלע. מען קאָן אַ קראַנקן העלפן אַזוי פיל און נישט מער, און וויסן זאָלט איר, אַז דאָס לעבן און דער טויט איז ביי גאָט אין די הענט און אַן זיין גנאָד קאָן אַ דאָקטער גאָרנישט אויפטאָן...

פון דעם דאָקטערס צעצויגענעם און אומפאַרשטענדלעכן ענטפער איז קיינעם נישט געוואָרן גרינגער אויף דער נשמה. פאַרקערט, טאַקע דערפאַר, וואָס די פּעאָנען האָבן פון דורות אָן, נאָך פון זייער אינדיאַנישן אָפּשטאַם — געגלייבט אין שדים און רוחות און געקוקט אויף יעדן מכשף, אָדער „מעדיקאָ" ווי זיי האָבן גערופן אַזאַ איינעם, וואָס „היילט" קראַנקע מיט אָפּשפּרוכן און מיט ווילדע קרייטעכצער, נישט ווי אויף אַ בשר ודם, נאָר ווי אויף איינעם, וואָס איז צו זיי אַראָפּגעשיקט געוואָרן פון סאַמע הימל, אַז ביי אים אין די הענט ליגט פאַרבאָרגן דער סוד פון לעבן און טויט, פון גליק און פון אומגליק, פון טריקעניש און פון רעגן, זענען איצט די מענטשן אין לאַגער אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן פון דעם „מעדיקאָס" רייד, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אָפּקלאַנג אין זייערע הערצער און געדאַנקען...

די פּעאָנען זענען אַ היפּשע ווילדע געשטאַנען אַרום דעם דאָקטער און אים אָנגעקוקט מיט אַזעלכע בליקן, ווי ער וואָלט גאָר נישט געווען קיין „מעדיקאָ“, נאָר עפּער אַ שווינדלער, אַן אָפּנאַרער און אַ ווילד פּרעמדער, וואָס האָט מיט זייער גלייכן גאָרנישט צו טאָן. זענען זיך די רעדלעך מענטשן באַלד צעגאַנגען דערשלאָגענע און אַנטוישטע סיי פון עמאַליטאַס טויט און סיי פון דעם דאָקטערס רייד: אַז „אַ מעדיקאָ קאָן גאָרנישט טאָן“, איז יעדערער אַוועק אין אַ ווינקל טאָל און דאָרט געבליבן זיצן ווי פּאַרמשפּטע. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט צו רירן זיך פון די ערטער, ווייל יעדערן פון זיי האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אויב ער וועט איצט וואַגן איבערצוזעצן זיך אויף אַן אַנדער פּלאַץ, אָדער אַוועקלייגן זיך שלאָפן, וועט אים אַ מכשף אַ כאַפּ טאָן פּאַרן האַלדז, פּאַרוואַרפן צו זיך אויף דער פּלייצע און אַוועקפליען מיט אים אין די העכסטע הימלען, פון וואַנען זיי וועלן זיך שוין מער נישט קאָנען צוריקקערן אויף דער ערד...

די מורא פּאַרן טויט האָט אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויפן גאַנצן לאַגער. אויך כוליטאָ, וואָס איז שוין געווען אין דער גרויסער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ און דאָרט געזען דעם ים, דעם פּאָרט מיט די גרויסע און קליינע שיפן, וואָס האָבן אַוועקגעפירט פּאַרשידענע תבואות אין אַלערליי לענדער, געזען און געווען אין גרויסע געשעפטן, גערעדט מיט גרויסשטאָטישע מענטשן, געווען אין אַ מאַרק, אין אַ פּאַרק, געגעסן אין רעסטאָראַנען און אַפילו עטלעכע טעג געשלאָפן אין אַ האָטעל, אויף אַן אמת בעט מיט אַ מאַטראַץ, וואָס האָט געהאַט אין זיך ספּרוזשינעס, אויך ער איז, אין גרונט גענומען, געווען נישט מער ווי אַן אומגעהובלטער פּעאָן, וואָס האָט געגלויבט אין די זעלביקע „זאַבאָבאָנעס“ ווי די אַנדערע כמעט האַלב־ווילדע פּעאָנען. אויך ער וואָלט זיך מסתמא נישט גערירט פון אָרט אַ גאַנצן טאָג. נאָר די בענקשאַפט צו דער פּאַרשטאָרבענער עמאַליטאַן איז ביי אים געווען אַזוי גרויס, אַז דאָס האָט איבערגעוויגן אַלע איינרעדעניש, וואָס באַהערשן געוויינטלעך דעם פּרימיטיוון מענטשן און האַלטן אים אין דער פּינצטערקייט דורות נאָכאַנאַנד. דער סטעפּ־יונג איז מיט אַ געבויגענעם קאָפּ דורכגעגאַנגען די גאַנצע לענג פונעם טאָל און צום סוף אַריין צו זיך אין ביידל. דאָרטן האָט ער מיט מורא אין האַרצן, פּאָרזיכטיק אַראָפּגענומען די קאָלדרע פון דעם מת קאָפּ. ווי עס ווייזט אויס, האָט דער דאָקטער פּאַרמאַכט אירע אויגן אין וועלכע דער סטעפּ־יונג האָט כאָטש געוואָלט אַ קוק טאָן נאָך איין מאָל בלויז. איר פּנים איז איצט געווען אַזוי אויסגעפּולט ווי אַמאָל ווען זי האָט נאָך געלאַכט, געשטיפּט און געררייצט זיך מיט אים. אויף די זאַפּטיקע ליפּן, וואָס זענען גראָד געווען אַ ביסעלע צעעפּנט — איז געלעגן אַן אויסגעגאָסענער שמייכל און כוליטאָ האָט געטראַכט, אַז ס'איז זייער מאָדנע און אַפילו טשיקאַווע, וואָס נאָכן טויט קוקן די מתים אויס נאָך „שענער“ ווי ביים לעבן, ווייל אין די מערסטע פּאַלן בלייבן זיי ליגן אַזעלכענע „שמייכלענ־

דיקע", פונקט ווי זיי וואָלטן גאָר דערפון געווען צופרידן, אַז אפשר איז דאָס צוליב דעם, וואָס די מתים וואַרפן פון זיך אַראָפּ דעם שווערן יאָך פונעם ער־דישן לעבן און באַטרעטן יענע וועלט ווו עס איז נישטאָ קיין אָרעם און קיין רייך, ווו אַלע גופים ליגן גלייך און דאַרפן מער נישט קיין ברויט צו זעט, ווייל דאָרטן הערשט בלויז דער טויט.

צווישן די פּעק מיט קליידער אינעם גרויסן שאַלאַש האָבן דערווייל אַ פּאָר פרויען געזוכט און געפונען אַ ווייס, זיידן לאַנג קלייד, מיט ברייטע און שיינע אויסגעהאַפּטענע קרוזשעוועס ביים האַלדז. זיי האָבן אויך דערטאַפּט אַ ווייסן וואַל. מיט דעם זענען זיי דערנאָך אַוועק צו כוליטאַן איןביידל. דאָרטן האָבן זיי דעם סטעפּ־יונג אַרויסגעשיקט אין דרויסן. פון עמאַליטאַס קערפּער אַראָפּגעשלעפּט דאָס שוואַרצע קלייד און אַרויפגעצויגן אויף איר דאָס ווייסע. נאָך דעם האָבן זיי פאַרקעמט אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר. פון דעם אויסגע־פלאָכטן צוויי גראָבע צעפּ, וואָס האָבן אַרומגעכאַפּט איר קאָפּ. אינעם עק פון דעם ווייסן וואַל אַריינגעטאָן די ציין פון עמאַליטאַס הויכן, שוואַרץ־חנעוודיקן קאַם און דאָס אַריינגערוקט אין אירע פאַרפלאָכטענע האָר און מען קאָן זאָגן אָן קיין שום גוזמא, אַז די דיקע צעפּ, מיטן קאַם און וואַל האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון אַן אמתער קרוין.

ווען די פרויען זענען אין אַ שעה אַרום, מסתמא, פאַרטיק געוואָרן מיט דעם אויספּוצן דעם שיינעם בר־מינן, האָבן זיי דערנאָך דעם קערפּער אויפגע־הויבן פון דעם היי־געלעגער און אַוועקגעלייגט אויף דעם „אָפּעראַציע־טיש", וואָס מען האָט נאָך נישט פונאַנדערגענומען. מיט גרויס מאַטערניש האָבן די פרויען אַוועקגעלייגט עמאַליטאַס הענט צו איר אויפן האַרצן, צוגעשטעלט אַ דלאָניע צו אַ דלאָניע און די פינגער אויסגעצויגן ווי אין אַ געבעט. אין אירע צוזאַמענגעפּרעסטע הענט אַריינגעקוועטשט אַ ליכט און אָנגעצונדן דאָס קנייטל.

אין דעם ווייסן אָנטועכץ איז, אַ גלייכע און אויסגעצויגענע, מיט בײדע אויסגעשטרעקטע הענט צו „גאָט" און דערצו נאָך מיט דעם ברענענדיקן ליכט, איז עמאַליטאַ איצט געווען אַ יענע־וועלטיקע, וואָס האָט ביי די פרויען אין די אויגן אויסגעזען ווי אַ „הייליקע מאַדאָנע". די פעאָנען זענען טאַקע דערנאָך אַריינגעקומען צו כוליטאַן אין ביידל און דערזעענדיק דאָרטן די „הייליקע" געשטאַלט, זענען זיי געפאַלן אויף די קני און לאַנג און פרום געצלמט זיך. די זעלביקע זאַך האָט זיך איבערגעחזרט ביז דאָס ליכט איז אויסגעגאַנגען. דעמאָלט האָט מען לעבן דעם אַלטן גאַוטשאָס קבר אויסגעגראָבן נאָך אַ גרוב. פיר מענטשן האָבן דאָס טראָג־בעטל אַ הויב געגעבן צו זיך אויף די אַקסלען און אַוועק אין טאַל. נאָך דער „מיטה" איז אַפריער נאָכגעגאַנגען דער סטעפּ־יונג מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און נאָך אים צוויי לאַנגע רייען פעאָנען. בלויז דער דאָקטער, וואָס האָט זיך דאָ געפילט אי ווי אַ געפאַנגענער, אי ווי אַן

איבעריקער, אי ווי אַ פּרעמדער, האָט געשפּאַנט דער לעצטער. ער איז גע־גאַנגען מיט געמאָסטענע טריט אַלץ נענטער און נענטער צו דעם אָפענעם קבר און אים האָט זיך, אויף אַ ווײַלע אויסגעדוכט, אַז דאָס גייט ער אַ לעבעדיקער צו דער אייגענער לוויה און קיינער אין מאַדעראָס וועט קיין מאָל נישט וויסן ווי זיין געביין איז אַהינגעקומען.

עין תחת עין

כאַטש ראַפאַעל האָט שוין פון לאַנג געבראַכט אַ פולע פור מיט געווער פון באַהיאַ בלאַנקאַ, איז נאָך אָבער פון די מענטשן, וואָס כוליטאָ האָט מיט אַ צייט צוריק אָוועקגעשיקט אין די האַסיענדאָס, אין די שטעט און שטעטלעך צו אַגיטירן די דאָרטיקע אַרבעטער און פּעאָנען, אַז זיי זאָלן קומען אַהער אין לאַגער — פון אָט די מענטשן איז נאָך אַלץ קיין זכר נישט געווען. קיין בייע פעאָנען אָדער אַרבעטער האָבן זיך דערווייל אין דער פּאַמפּאַ נישט באַוויזן. איז דער סטעפּ־יונג אַלע טאָג אַרומגעגאַנגען אַן אומצופרידענער און אַ צע־דרודלטער. דאָס האָט מען הויפּטזעכלעך געקאָנט צושרייבן צו דעם, וואָס זינט זיין ווייבלס טויט, וואָס האָט נאָך מער צעברויזט אין אים דעם אָנגעזאַמלטן צאָרן מיט דער ווילדער יוכע, סיי אַנטקעגן די רייכע פּעאַדאַלן און סיי אַנט־קעגן דעם שטעטל מאַדעראָס, מיט אירע זשאַנדאַרמען און פּאָליציי, וועלכע האָבן עמאַליטאָן אומגעבראַכט פון דער וועלט — האָט כוליטאָן איצט קיין רויִקע מינוט נישט געגעבן און נאָך שאַרפער דערוועקט אין אים דעם אַלטן באַגער צו נעמען נקמה.

מיט זיין פּרימיטיוון געפיל און צעברויזטן דראַנג, וואָס גיכער אָפּצורע־כענען זיך פאַר דעם טויט פון זיין ווייבל, האָט ער זיך אַפילו אויף קיין רגע נישט אַריינגעטראַכט אין די שווידערלעכע פאָלגן, וואָס אַזאַ אַוואַנטורע קאָן ברענגען און אין אַן אין דער פרי האָט כוליטאָ צוגערופן צו זיך ראַפאַעלן, גאַבריעל לאַרגאָ, מיט נאַטאַליאָן און זיי באַפוילן, אַז פופציק פעאָנען זאָלן גלייך אָנזאָטלען די פערד, באַוואָפענען זיך מיט די בייסטע ביקסן, נעמען מיט זיך איינגעטונקענע שטורקאַצן אין גאַזע און אַרויספאָרן קיין מאַדעראָס.

ווי נאָר די „אָפיצירן" האָבן באַקומען דעם באַפעל איז אין לאַגער געוואָרן אַ טומל. פאַרשמייעטע זענען די פעאָנען אַרומגעלאָפן, געכאַפּט די זאָטלען, זיי אַרויפגעטראָסקעט אויף די סוסים, פון אונטער די פערדישע בייכער אַרומ־געכאַפּט די לאַנגע רימענס, זיי פאַרהאַקט אין די ספּראָנזשקעס. דערנאָך אָוועק־געאײַלט אינעם שאַלאַש. דאָרטן האָט יעדער איינער גענומען אַ ביקס. די אַקס־לען מיט די ברוסט־קאַסטנס אַרומגעבונדן מיט לאַנגע לענטעס קוילן און מיט

דער פולער אַמוניציע אויף זיך האָבן זיך די פופציק יונגען צרויפגעכאַפּט רייטנדיק אויף זייערע פערד, וועלכע זיי האָבן אויסגעשטעלט אין איין פאַר־מאַציע.

אין פאָרנט פון דער „שערענגע" רייטער האָט זיך באַוויזן כוליטאָ אויף זיין שוואַרצן, ראַסאָוון אַגער. דער יונג איז געווען אויסגעפּוצט אין די זעל־ביקע יום־טובדיקע בגדים אין וועלכע ער איז געפאָרן אין דעם זעלבן שטעטל מיט עמאַליטאַן אין קלויסטער חתונה צו האָבן. נאָר איצט, איז אויסער זיין רעוואָלווער אין גאַרטל, אויף זיין גרינעם פּליושענעם רעקל — געהאָנגען אַ שפּאָגל־נייע ביקס מיט אַ סך קוילן. לעבן דעם סטעפּ־יונג איז, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן זיין געטרייער פריינט ראַפאַעל. אין דער רגע האָט כוליטאָ אויפגעהויבן די רעכטע האַנט אין דער לופטן און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיינע בראַווע קעמפער:

— אַדעלאַנטע!

ווי דורך אַ כישוף האָבן זיך די פערד אַ טראָג געגעבן לענג אויס דעם לאַגער. אמת, נישט אין געאייל. דאָ זענען זיי געגאַנגען פּוסטריט. און די אַנ־דערע מענער מיט די פרויען, וואָס זענען פאַרבליבן אין טאָל אונטער דער אויפזיכט פון אַנטאָניאָ דעם „פערד" — זענען שטיין געבליבן אומעטיקע און מיט האַרצווייטיק געזען ווי זייערע באַשיצער פאָרן אַוועק און געלאָזט זיי אויף גאָטס באַראָט. פונדעסטוועגן האָבן זיי פאַרטושט אין זיך די געפילן, נישט געוואָלט אַרויסווייזן דאָס אין דער עפנטלעכקייט און געשריען:

— האַסטאַ לועגאָ, מוטשאַטשאָס!...

ווען די סוסים זענען אַרויס פון טאָל און דער ווילדער סטעפּ האָט זיך אויסגעשפּרייט ווי אַ ריזיקער טעפּיך פאַר זייערע אויגן אַ מילדער, אַ ווייכער און געהנדלט זיך מיט זיין טונקל גרינעם מלבוש, האָט ראַפאַעל (אויף אַ וויי־לע) איבערגענומען די קאָמאַנדע. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט זיין דריי־קאַנטיקן פּנים און מיט זיינע קאָסאָקע אויגן צום סקוואַדראָן רייטער און אַ רי־טשע געטאָן:

— אין צוויי שערענגעס!

אַז פון די פופציק פאַרער, וואָס זענען ביז איצט געריטן צו פינף אין אַ ריי, האָבן זיך צעשפּרייט איבערן סטעפּ צו פינף און צוואַנציק מאַן אין אַ שורה, האָט אין די אויערן אַ שניט געטאָן ראַפאַעלס צווייטער באַפעל און דאָס מאָל איז דאָס ביי אים אַרויסגעקומען אַ סך גרילצנדיקער, שאַרפער און שטרענ־גער איידער דער פריערדיקער:

— וואַמאָס!!

די זאַטע און אויסגערוטע פערד האָבן געגעבן אַ צי אויס די העלדזער, פאַרריסן די געדיכטע לאַנגע עקן און אַוועקגעלאָזט זיך אין אַזאַ וויכערדיקן גאַלאָפּ, אַז אייניקע פון זיי האָבן הפּנים פאַרגעסן ווו זיי האָבן געהאַלטן אין

דער װעלט און װאָס זיי טוען, און לויפנדיק, מיט אימפּעט, האָבן זיי דערװייל בײַ זיך פֿון אונטער די װײדלען פֿאַרלױרן אויפֿן װעג פֿרישע שטיקער „גאָלד", װאָס האָט געשלאָגן מיט גרויער פּאַרע און די װילדע גראָזן פֿון די אַרגענטי־נער „פּריירים" האָבן צום ערשטן מאָל אין זייער געדעכעניש אַרײַנגעזאַפּט אין זיך דעם זיס־זױערלעכן זאַפֿט און אַראָמאַט פֿון פּערדישן אַפּפּאַל...

אָן קיין שום אָנונג װוּהין און צוליב װאָס זיי פֿאָרן, זענען די רײַטער געזעסן אויף זייערע פֿערד שטילע, אָבער זאָרגלאָזע. ס'קען זײַן, אַז זיי האָבן יאָ געהאַט עפּעס אַ שטיקל פֿאַרדאַכט, אַז עפּעס װיכטיקס װעט פֿאָרקומען, מחמת אויבּ כוליטאָ האָט געהייסן נעמען דאָס געװער און דערצו נאָך מיט אָנ־געגעצטע פֿאַקלען אין גאַנג, איז דאָס נישט אומזיסט. מסתּמא צו מאַכן אויף עמעצן אַן איבערפֿאַל. כאָטש זיי האָבן אויף קלאָר נישט געװוּסט אויף װעמען. נאָר װעגן דעם האָט זיך קיינער נישט געקימערט. דאָס האָט זיך גענומען דער־פֿון, װאָס יעדער פּעאָן האָט געגלויבט אין כוליטאָן מיטן גאַנצן האַרצן און איז אַלע מאָל גרייט געװען אַװעקצוגעבן זײַן לעבן פֿאַר אים. אמת, דורך דער צייט, װאָס זיי איז אויסגעקומען צו זײַן אין איינעם מיטן סטעפּ־יונג אַפֿריער אין אַפּענעם סטעפּ און דערנאָך אין דעם באַהאַלטענעם טאָל, האָבן זיי אויס־געפֿונען, אַז כוליטאָ איז אַלע מאָל נישט בלויז אויסן געװען די טובֿה פֿונעם איינצלנעם פּעאָן, נאָר האָט כּסדר געהאַט אין געדאַנק דאָס װױלזײַן פֿון אַר־גענטינישן אָרעמען פֿאָלק װי אַ גאַנצס. דעריבער איז גענוג געװען פֿאַר זיי זיי־נער אַ װוּנק, אַז די יונגען זאָלן אים פֿאָלגן אַפֿילו בלינדערהייט...

שטילע זענען די רײַטער געריטן אַ שעה נאָך אַ שעה און װי בייזע רוחות געשניטן דעם שמאָלן פּאַס סטעפּ אין דער ברייט און אַפֿילו די קעפּ נישט אויפֿגעהויבן צו זען, װי אין דער הויך איבער זיי, האָבן זיך געצויגן גאַנצע סטאַיעס רויב־פֿייגל מיט צענדליקער אָדלערס, װאָס האָבן געשװעבט מיט זיי־ערע מעכטיקע, צעשפּרייטע פֿליגל און עס איז קאָנטיק געװען, אַז די דאָזיקע רויב־פֿייגל האָבן װי געװוּסט, אַז די „פֿרידלעכע" רײַטער אויף די פֿערד װעלן באַלד פֿאַרשפּרייטן אַרום זיך טויט און די באַפֿליגלטע מחבלים װעלן האָבן װאָס צו פֿרעסן. נאָר דאָס טשיקאַװסטע דערבײַ איז געװען דאָס, אַז װאָס נענ־טער די סוסים זענען צוגעקומען צום שטעטל מאַדעראַס, זענען די רייען פֿון די פֿייגל געװאָרן אַלץ שיטערער און ביים סאַמע סוף זענען זיי אין גאַנצן פֿאַרשװוּנדן געװאָרן פֿון די אויגן.

האַרט ביים גרענעץ פֿון מאַדעראַס, האָט כוליטאָ מיט אַ מאָל אויפֿגעהויבן די רעכטע האַנט, געגעבן אַ צייכן. דער סקוואַדראָן איז ראַפּטום שטיין געבליבן און דער סטעפּ־יונג האָט אַ זאָג געגעבן אויף אַ קול:

— אַמיגאָס! דאָס איז דאָס שטעטל װאָס האָט דערהרגעט מײַן עמאַליטאַן. װיל איך, אַז מען זאָל זי אָפּװישן פֿון דער ערד! איר זאָלט אויספֿלינדערן אַלע געשעפֿטן, פֿאַרניכטן די פּאָליצײַ מיט די זשאַנדאַרמען!... זשאַלעװעט נישט

קיין קוילן!... אָבער איך זאָג אייך אָן, אַז איר זאָלט נישט שיסן אין פֿאַרביי־גייענדיקע אַרבעטער, אָדער פּעאָנען! איר זאָלט נישט וואַגן אַריינצופֿאָרן אין די אָרעמע הינטערגעסלעך! איז דאָס קלאָר?

— „סי, אַמיגאָ!“ — האָבן אַלע געענטפֿערט פֿאַר אַ מאָל.

— און דו, ראַפֿאַעל — האָט זיך דער סטעפּ־יונג געווענדט צום קאָסאָקן פּריזירער — קלייב אויס אַ פּאָר מענטשן און פֿאָר מיט זיי אַוועק דורך די הינטערגעסלעך צום מעדיקאָ אין הויז. נעם דאָרט צו אַלע זיינע אינסטרומענטן מיט די מעדיצינען, פֿאַרנעם זיינע גרעט, קליידער און שיך, אַז ער זאָל האָבן אין וואָס איבערצוטאָן זיך, ווען ער וועט דאָס וועלן. נעם צו אַלץ וואָס דו דענקסט, אַז עס וועט קאָנען נוצן. פּאַק דאָס אַרויף אויף אַ פֿור און פֿאָר דער־מיט צוריק אין סטעפּ. דאָרטן וועל איך דיך שפּעטער באַגעגענען. נאָר ביים מעדיקאָ אין שטוב זאָלסטו קיינעם נישט אָנרירן און קיין זאַך נישט רויבן...

כוליטאָ האָט נאָך אָפּגעוואָרט ביז ראַפֿאַעל מיט זיינע צוויי רייטער זענען פֿאַרשווונדן. ערשט דעמאָלט האָט ער די אַכט און פֿערציק פּעאָנען געהייסן אַראָפּנעמען די ביקסן פֿון די פּלייצעס און אָנלאָדן. אַז די „מאַגאַזינען“ האָבן מיט אַ מעטאַלענעם קלאַנג צעעפֿנט זייערע פּיסקעס און אַריינגעשלונגען אין זיך צו פֿינף קוילן און דערנאָך פֿאַרקנאַקט זיך צוריק מיט אַ טראַסק, האָט כוליטאָ אויפֿגעהויבן זיין נייע ביקס אין דער הויך און אַ מעכטיקן געשריי געטאָן:

— פֿאָרויס! פֿייער!

די הויפּטגאַס פֿון מאַדעראָס איז אין אַ פּאָר מינוט אַרום פֿאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין אַן אמתן שלאַכטפֿעלד. די נייע פּאָליציי־אָפּטיילונג פֿון שטעטל האָט געפֿירט אַ פֿאַרביסענעם קאַמף. זיי האָבן געשאָסן געשיקט און אָן אויפֿהער. אָבער די שיטער געוואָרענע רייען רייטער זענען געריטן מיט דער פֿלינק־קייט פֿון טייוואָלים. ווילד געוואָרענע האָבן זיי געשריען, געקוויטשעט ווי אמתע אינדיאַנער און געשאָסן אויף רעכטס און אויף לינקס. זייערע קוילן האָבן געזשומען און געפֿייפֿט. די גרויסע שויפֿענצטער מיט די גלעזערנע טירן פֿון די געשעפֿטן זענען צעשפּליטערט געוואָרן אויף פּיצפּיצלעך און די גאַנצע גאַס איז פֿאַרקלונגען געוואָרן פֿון גלאָזיקן געקלאַנג.

די קולות און דאָס געוויין פֿון פֿרויען און קינדער האָט געשפּאָלטן דעם הימל. פֿון דער אומגעריכטער אַטאַקע זענען מענטשן געפֿאַלן ווי פֿליגן. אויף דער שיסעריי זענען פֿון הינטערן שטעטל אָנגעלאָפֿן אַרום צוואַנציק זשאַנדאַר־מען און עס האָט פֿון דער פּאָליצייאישער זייט אויפֿגעפֿלאַקערט אַ העפֿטיקע שלאַכט. איינע נאָך די אַנדערע זענען די ווילד רייטנדיקע פּעאָנען אַראָפּגע־פֿאַלן פֿון זייערע פֿאַרבלוטיקטע פֿערד. דער סקוואַדראָן איז אָבער פֿאַרט גע־ווען מער אין צאָל ווי די פּאָליציאַנטן מיט די זשאַנדאַרמען אין איינעם. דערצו איז איצט כוליטאָ געווען אַזוי צעווילדעוועט, אַז ווען ער האָט שוין דערגרייכט

די עק גאַס, האָט ער תיכּף אויסגעקערעוועט זיין שוואַרצן אָגער אויף צוריק און די איבעריקע פּעאָנען האָבן אים נאָכגעפאָלגט. איצט אָבער זענען די צעפּודעטע סוסים אַריינגעלאָפן אין די רייען פון דער פּאָליציי. נאָר אַנשטאָט שיסן האָבן די פּעאָנען מיט די קאָלבעס פון די ביקסן צעשפּאָלטן די קעפּ פון זייערע שונאים און אַפילו די וועלכע זענען אויף אַ וויילע לעבן געבליבן און אויפגעהויבן די הענט אין דער לופטן, אַלס סימן, אַז זיי גיבן זיך אונטער — זענען באַלד צעטרעמפּלט געוואָרן פון די פערדישע קלאָען און עס איז געווען אוממעגלעך צו דערקענען דעם אונטערשיד פון איין הרוג צום אַנדערן.

די שרעקלעכע יללות האָבן דערגרייכט די נידעריקע וואָלקנס און פּאַרגאַנגען זיך אין אַזאַ אויסגעצויגענעם און אומענדלעכן קלאָגן, וואָס האָט אַפילו איבערגעשטיגן די שטאַרקסטע קנאַלן פון איינציקע ביקסן. דאָך האָט זיך כוליטאָס רציחה נאָך אַלץ נישט איינגעשטילט און ווען ער האָט באַמערקט, אַז די גאַנצע פּאָליציי איז שוין געלעגן אויף דער ערד אַן אויסגעשאָכטענע, האָט ער אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— צו די קראָמען!

אַ צאָל פּעאָנען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די פּוסט געוואָרענע געוועלבער, אין פּאָסט און פון דאָרטן אַרויסגענומען דאָס געלט, גאָלד, זייגערלעך, פּאַרטיקע מלבושים, באַלעס סחורות, אַלץ וואָס איז געקומען אונטער זייערע הענט. דערנאָך דאָס אַריינגעטאָן אין די רימענע טאָרבעס פון די זאָטלען. אין די קראָמען און רייכע הייזער אַריינגעוואָרפן די אָנגעצונדענע פּאַקלען און אַוועקגעפאָרן אין די ווייטע הינטער־געסלעך, ווו עס האָבן געוווינט די אָרעמע אַרבעטער און צווישן זיי געפּרובירט צעטיילן דאָס אָנגערויבטע האָב־און־גוטס. נאָר די אָרעמע איינוווינער פון יענער געגנט האָבן מורא געהאַט צו צורירן זיך צו דעם און מיט העפלעכע דאַנקען אָפּגעזאָגט זיך פון כוליטאָס ברייטהאַרציקייט.

אין דער הויפּטגאַס האָט דערווייל פון ביידע זייטן אַ זעץ געטאָן אַ שוואַרצער, געדיכטער רויך, וואָס האָט זיך געהויבן אַלץ העכער און העכער צום הימל און דאָרט איינגעוועבט זיך אין די פּאַרביי־שוועבנדיקע וואָלקנס. די דיקע זיילן רויך זענען אַרומגעכאַפּט געוואָרן פון לאַנגע און ברייטע צונגען־פלאַמען, וואָס האָבן זיך נאָכגעיאָגט נאָך די אַנטלויפנדיקע רויכן און עס האָט זיך אויסגעדוכט, ווי די פלאַמען וואָלטן אָנגעכאַפּט די רויכן ביי זייערע שוואַרצע פּאָלעס און געבעטן זיך, אַז זיי זאָלן אויף זייער וואַנדער־וועג מיטנעמען די פייערן אין די ווייטע הימלען אַריין.

איצט, אַז די הויפּטגאַס איז געשטאַנען אין פלאַמען און סיי פון די היינטישע געוואָיען און סיי פון די מענטשלעכע שרעקלעכע געוויינען איז כוליטאָ פּאָרט אויפגעציטערט געוואָרן, אַ קאַלטער סקרוך איז דורכגעלאָפן איבער זיין רוקן־ביין און אין אים האָט זיך צוריק אויפגעוועקט אַ ברעקל מענטשלעכ־

קייט. האָט ער זיך פאַרשעמט הלמאי ער האָט זיך פריִער נישט באַטראַכט וואָס ער טוט און צוליב זיין ווילדן צאָרן אומגעבראַכט אַזוי פיל אומשולדיקע מענטשן. האָט ער ווידער פאַרקרעוועט זיין פערד אין אַנדערע הינטער־געס־לעך, צונויפגערופן אַלע אָרעמע פון יענעם געגנט, פאַר זייערע פיס אַראָפּגעוואָרפן אַלץ וואָס זיין חברה האָט אָנגעראַבירט און ווי ער וואָלט זיך מיט דער טאַט געוואָלט אויסקויפן פון זיינע גרויליקע זינד, איז ער מיט אַ ביסל אַ גרינגער געמיט אָוועקגעריטן צוריק אין סטעפּ.

דער שולד־געפיל האָט אָבער שוין דעם סטעפּ־יונג מער נישט אָפּגעלאָזט און וואָס ווייטער דער סקוואַדראָן איז געריטן נענטער צו די פּאַטאַגאָניער בערג און וואָס נידעריקער די זון האָט זיך אָנגעהויבן אַראָפּלאָזן צו דער ערד, אַלץ מער האָט כוליטאָן אָנגעהויבן צו פאַרדריסן אויף זיך אַליין פאַר וואָס ער האָט נישט געקאָנט צוימען אין זיך די ווילדע יוכע, געלאָזט זיך באַהערשן פון דעם אָנגעקליבענעם נקמה־געפיל און געאַרבעט ווי אַן אמתער באַנדיט, וואָס האָט גאָר נישט געפּאַסט צו זיין ווייך מענטשלעך האַרץ. און דער סטעפּ־יונג האָט צום ערשטן מאָל אָנגעהויבן קלערן, אַז נעמען נקמה איז נישט שיין און נישט מענטשלעך. אַפילו דאָס צעטיילן דעם רויב צווישן די אָרעמע פּעאָנען און אַרבעטער אין די דערפער און שטעטלעך, איז אין גרונט גענומען אויך נישט קיין עניין, אַז פון היינט אָן און ווייטער דאַרף ער זוכן און געפינען אַן אַנדער וועג, אַן אַנדערן גאַנג אין לעבן נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר אַלע זיינע מענטשן ביי אים אין לאַגער.

אויפן וועג האָבן אייניקע נייגעריקע רייטער אומגעקערט די קעפּ אויף צוריק און געזען: פונעם שטעטל מאַדעראַס האָבן זיך נאָך אַלץ געריסן רי־זיקע פלאַמען, וואָס האָבן זיך צעקושט מיט דעם פאַרנאַכטיקן הימל און גע־ברענט ווי אין שקיעה. פונעם פלאַם האָבן די פּעאָנען אַ שטיק צייט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן און נישט באַמערקט, ווי כוליטאָ האָט מיט אַ מאָל אָנגעיאָגט אַ הויך אָנגעלאָדענע פור, וואָס איז געווען צוגעשפּאַנט צו צוויי גע־זונטע אַרבעטס־פערד. אויפן וואָגן איז געזעסן זיינער אַ מענטש, וואָס האָט געהאַלטן די לייצעס אין די הענט און דערנעבן איז געריטן ראַפּאַעל מיט נאָך איינעם. ווען דער סקוואַדראָן האָט דערגרייכט די פור האָט דער שוואַרצער אָגער איינגעהאַלטן די טאַנצנדיקע טריט און דער סטעפּ־יונג האָט געפרעגט ראַפּאַעלן :

— וואָס פירסטו דאָס און וואָס איז פאָרגעקומען ביים „מעדיקאָ״ אין הויז?

— גאָרנישט! — האָט דער קאַסאָקער פריזירער געענטפערט — געלאַ־סענע זענען מיר אַריין צום דאָקטער אין שטוב. אמת, אַפריער האָט מען גע־דאַרפט אויפברעכן די פאָדערשטע טיר... דו ווייסט, כוליטאָ?... פון דעם אַלטן באַדינער זיינעם האָב איך זיך דאָרט דערוווּסט, אַז אונדזער „מעדיקאָ״ האָט נישט קיין ווייב! יאָ, אינעווייניק שוין האָבן אונדז אַנדערע צוויי באַדינער

מיט אַ פּאָר דינסטמוידן פאַרשטעלט דעם וועג. נישט געוואָלט אַריינלאָזן אין די צימערן. נאָר מיר האָבן מיט גוטן, פאַרשטייט זיך, זיי אָפּגעשטופּט אין אַ זייט. דערנאָך אין קאַסטנס אַריינגעפּאַקט אַלע זיינע מעדיצינען מיט די אינ־סטרומענטן. מיר האָבן צוגענומען אַ סך פּאַפּיר, אַ פלאַש מיט שוואַרצן טינט און עטלעכע שרייב־פּענעס. אַפילו נישט פאַרגעסן זיינע ביכער און אַלץ וואָס אין קאַבינעט האָט זיך געפונען. מיין גאָט! איך האָב גאָר קיין מאָל נישט גע־ווּסט, אַז איין מענטש זאָל האָבן אַזוי פיל אויבער־העמדער מיט גרעט? אַנצוגן, מאַנטלען, שיך, סאָמבבעראָס און אַ ים מיט קראַוואַטן!... מיר האָבן דאָס אַלץ צעלייגט אין טשעמאָדאַנעס, אין קאַרטאָנענע קעסטלעך און פּאַפּע־לעך אַרויפגעלייגט אויף אַ פור, וואָס איך האָב אָפּגעקויפט ביי אַ פּויער, וואָס איז גראָד פאַרבייגעפאָרן די גאַס און — דאָס איז אַלץ...

— וואָס האָבן דיר די באַדינער, די דינסטן געזאָגט? — האָט אים כּוליטאָ ווידער געפרעגט גלאַט אַזוי זיך, כּדי מיט דער פראַגע צו פאַרטרייבן ביי זיך אין מוח די שרעקלעכע געדאַנקען וועגן דער שחיטה אין מאַדעראַס — האָבן זיי געוויינט, געשריגן, פּראָטעסטירט?...

— האַ, וואָס? — האָט זיך ראַפאַעל ערשט געכאַפּט וואָס כּוליטאָ האָט אים געפרעגט — אָה זיי? די פרויען האָבן זיך געווישט די אויגן. די באַדינער זענען אַ לאַנגע צייט געשטאַנען שוויגנדיקע און מיט שרעק אין די אויגן גע־זען ווי מיר נעמען אַלץ צו. הפּנים דער עלטסטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט צו טאָן מיט דעם „פאַרשוווּנדענעם" דאָקטער. איז ער אַ קלוגער קערל, געוואָרן אַ ביסל פריינטלעכער צו אונדז און געבעטן זיך ביי מיר, אַז איך זאָל אים כאָטש דערציילן, ווו דער דאָקטער געפינט זיך, צי ער לעבט נאָך. איך האָב אויף דעם וויעכאָ רחמנות געהאַט, פאַרשטייט זיך, אַז דערציילן אים ווו דער „מעדיקאָ" געפינט זיך האָב איך נישט געקאָנט און בלויז פאַרזי־כערט, אַז דער דאָקטער איז געזונט, איז אין גוטע הענט און געפינט זיך צווישן פריינט...

— גוט אַזוי! — איז כּוליטאָ געווען צופרידן פון דעם לאַנגן און פאַר־פלאָנטערטן באַריכט — מען דאַרף אויף דעם „מעדיקאָ" גוט אויפפּאַסן. איך גלייב, אַז מיט דער צייט וועלן צו אונדז אין לאַגער צוקומען נאָך הונדערטער פּעאָנען. עס קאָן זיין, זיי וועלן מיט זיך ברענגען זייערע ווייבער און קינדער. ערשט דעמאָלט וועט דער דאָקטער זייער צונוץ קומען. דעריבער וועט פון היינטיקן טאָג אָן דאָס אַכטונג געבן אויף אים זיין דיין פאַראַנטוואָרטלעכקייט...

— סאָנסאָ! (יאָלד!) — האָט ראַפאַעל געקייכט פון געלעכטער אַזוי שטאַרק, אַז זיינע קאָסאָקע אויגן האָבן אָנגעהויבן גיסן מיט טרערן — עס קאָן זיין, אַז דו ביסט אַ גוטער פירער און אַ העלדישער קריגער. אָבער... דו ביסט פאָרט אַ בורראָ! דו וווינסט אין לאַגער אין איינעם מיט אַלעמען און דו ווייסט אַפילו נישט, אַז אויפן דאָקטער דאַרף שוין קיינער נישט אַכטונג געבן?... די ערשטע

באַכט נאָך, האָט אים די הור קאַרמעליטאַ שוין חתונה געמאַכט!... פון דעמאָלט אָן קאָן זיך דער איידעלער און געלערנטער באָק נישט אָפּרייסן פון דער פראַנצעוואַטער צויג און גייט איר נאָך פוס־טריט ווי אַ הונט גייט נאָך אַ צויג אין זייער פּאָרונגס־צייט...

— אַזוי גאָר? פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ? — האָט זיך כוליטאָ געוווּנדערט און דערביי געשמייכלט. נאָר אין דעם קרומען שמייכל איז געלעגן סיי איראָניע און סיי עקל.

— וואָס הייסט „פון וואַנען איך ווייס?" — האָט ראַפאַעל געפרעגט אַ פראַגע אויף אַ פראַגע — איך בין דאָך נישט אַזוי בלינד ווי דו ביסט... איך האָב אָפענע אויגן און וואַכע אויערן... אגב דערציילט מען מיר פון אַלץ וואָס עס טוט זיך אין לאַגער. דערצו דאַרף מען קיין חכם נישט זיין, נאָר קיין אייזל אויך נישט. דו ביסט גאָר נישט אַזאַ אידיאָט, וואָס דו האָסט מיך אויסגעקליבן צו זיין דיין „רעכטע האַנט", ווייל דאָס וואָס דו דערזעסט נישט — באַמערק איך זייער גרינג און נעם אָן די געהעריקע מיטלען דערצו. אַז דאָס לעבן אין לאַגער זאָל פליסן אַזוי גלאַטיק, ווי דאָס וואַסער אין אַ שטילן טייך...

נאָך דעם זענען זיי אַ ווײַלע געריטן שווייגעוודיקע און מיט אומעט אין די אויגן געזען ווי דער אָוונט האָט אַראָפּגעלאָזט זיינע טונקל־בלויע פליגל איבערן סטעפּ, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן ווי אַ פאַרטייעטע חיה און שטילערהייט אויסגעקושט די טעמפּע טריט פון די פערדישע קלאָען און בלויז צוריקגעוואָרפן דאָס גרילצנדיקע סקריפּען און כריפּען פון דעם אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט די נישט געשמירטע אַקסן.

— דו ווייסט ראַפאַעל וואָס איך וועל דיר זאָגן — האָט דער סטעפּ־יונג איבערגעריסן דאָס שווייגן — מיר געפעלט נישט, וואָס די דאָזיקע קאַרמעליטאַ האָט זיך אָפּגעגעבן בלויז צו איין מענטש, צום „מעדיקאָ". ווייל גלייך אין אָנהייב, ווען די גאַסן־פרויען זענען געקומען אין לאַגער, האָב איך זיי באַפוילן צו זיין מיט יעדן פּעאָן, וואָס וויל זיי האָבן, פאַרשטייסט? די מערסטע מוטשאַטשאָס ביי אונדז זענען יונגע און געזונטע, וואָס דאַרפן געוויס אַ נקבה, פונקט ווי בהמות דאַרפן האָבן אַ בוהיי. אָבער קוים וועט זיך איינע איבערגעבן בלויז צו איין מאַן, וועט צווישן די יונגען אויסברעכן אַ מלחמה. דערפאַר האָב איך דעמאָלט געשטעלט דעם טראָפּ אויף דעם, אַז אַ פרוי מוז געהערן צו אַלעמען און בשום אופן נישט בלויז צו איינעם...

ראַפאַעל האָט זיך געפילט זיכער מיט זיין „טשין" אַלס די „רעכטע האַנט" פון כוליטאָן און געוווּסט, אַז ער איז אַ גרויסשטאָטישער, וואָס קאָן אַ ביסל לייענען און שרייבן. דערצו נאָך שערן און גאָלן. אַז אָן אים וועט זיך דער סטעפּ־יונג מער נישט קאָנען באַגיין אַפילו אַן איינציקן טאָג. דעריבער איז ער איצט געווען אַזוי פריי אין זיין ענטפערן:

— גלייך ווי איך בין אָנגעקומען אין לאַגער, האָסטו אויסגעפּלאַנירט

אַ פּלאַן פון אַ קאָמונאַלן לעבן פאַר אַלעמען גלייך, ווי מען רופט דאָס אין די צייטונגען. דאָס איז פון דיין זייט געווען זייער אַ שיינער געדאַנק. אָבער... אויב דו האָסט געמיינט, וואָס דו האָסט געזאָגט און דערצו נאָך אונטערגע־שטראָכן, אַז „אַלע פרויען דאַרפן געהערן צו אַלעמען" ביז עס וועט זיך איינ־שטעלן אַ געזונט לעבן, האָסטו דאָך דער ערשטער אַליין געבראָכן דיין וואָרט, צעשטערט דיין פּלאַן מיט דיינע אייגענע הענט!... איז ווי אַזוי פאַרלאַנגסטו איצט, אַז אַנדערע זאָלן אָפּהיטן דיין פּלאַן וואָס איז שוין פון לאַנג צערונען געוואָרן?...

פון ראַפאַעלס לעצטע רייד איז כוליטאַ געוואָרן נייגעריק. איז ער צוגע־ריטן אַזוי נאָענט צו קאָסאַקנס פערד, אַז די קני פוןביידע מענער האָבן זיך אָנגעשלאָגן איינס אינעם אַנדערן.

— דו רעדסט היינט פאַרשטעלטע רייד. איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. דו מיינסט מיר צו זאָגן, אַז איך האָב דעם פּלאַן „צעשטערט מיט מיינע איי־גענע הענט"?... איז גיב מיר פריער צו פאַרשטיין: וואָס מיינט דאָס וואָרט „צייטונגען"? אָבער רעד קלאָר. קריך נישט אויף די גלייכע ווענט...

— אָה! „צייטונגען"? — האָט זיך ראַפאַעל דערפרייט דערמיט, וואָס דאָ וועט ער פאַר דעם כאַמוילע קאָנען אויף אַן אמת באַווייזן זיין גרויסשטאָטיש וויסן — אַ צייטונג ווערט צוזאַמענגעשטעלט אויף פּאַפּיר. אין די צייטונגס־אָפּיסינעס זיצן געלערנטע און קלוגע מענטשן און שרייבן אַהין אַריין שיינע מעשיות און פאַרשידענע נייעסן. עס זענען דאָרטן פאַראַן אַזעלכע ריזיקע מאַשינען, וואָס נעמען דאָס אָנגעשריבענע און דרוקן דאָס אָפּ. מענטשן קויפן די צייטונגען פאַר געלט און אַזוי אַרום דערוויסן זיך די לייענער פון אַלץ וואָס עס קומט פאַר אויף דער וועלט...

— בוררא! — האָט כוליטאַ אָנגעשריגן אויף אים — איך האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דו זאָלסט רעדן קלאָרע רייד! צום סוף האָסטו גענומען און אָנגע־בראָקט אַ פולע דיישקע קרויט פון וואָס איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט!... נאָר צום טייוול מיט די צייטונגען! מסתמא איז דאָס נישט געמאַכט געוואָרן פאַר ערלעכע און גלייכדענקענדיקע מענטשן. געוויס בלויז פאַר לײדיקגייער און הולטייעס. אַ פּעאָן און אַן אַרבעטער האָט מיט אַזעלכע נאַרישקייטן גאָר־נישט צו טאָן. לאָמיר דערפון מער נישט רעדן. דאָס איז מיר אַלץ איינס נישט געפעלן... דערציייל מיר בעסער: וואָס האָסטו אַזוינס געמיינט מיט דיין זאָגן, אַז „איך האָב אַליין צעשטערט מיין אייגענעם פּלאַן"? דאָס איז וויכטיקער פאַר אַלע פּלוידערייען!

וועגן דעם האָט זיך ראַפאַעל געקווענקלט. ער האָט זיין פריינט נישט גע־וואָלט ווײ־טאָן, נישט געוואָלט אָנרירן די פרישע ווונד ביי כוליטאַן אין האַרצן און אַלץ געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצודרייען זיך פונעם פּלאָנטער, וואָס ער אַליין האָט פאַרקנופּט מיט צענדליקער קנופּן; און געטראַכט, אַז וואָלטן

די פערד איצט געלאָפן אין פולן גאַלאָפּ, וואָלט ער צעיאָגט זיין קליאַטשע, אַוועקגעריטן פאָרויס, ווייט, זייער ווייט פון אַלעמען און דערמיט געוויס אויסגעמיטן אַ קאָנקרעטן ענטפער. אָבער... דער וואָגן איז געגאַנגען פּאַמעלעך. האָט דער גרויסשטאָטישער העלד קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט, ער האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און נאָך אַ לאַנגן טראַכטן — אַרויסגעקומען מיטן אמת:

— וועסט נישט ווערן אין כעס פאַר דעם אמת?

— איך וועל אויף דיר נישט זיין אין כעס — האָט אים כוליטאָ פאַרזיכערט — דערציילן! דעם אמת'ן אמת האָב איך ליב צו הערן, אַפילו ווען דאָס זאָל ווײ־טאָן ביזן ביין. דו ווייסט דאָך, אַז פאַר דעם אמת קעמפן מיר מיט דער פּאָליציי און מיט די פּריצים.

— ווי באַלד אַזוי, ביסטו אַן ערלעכער פּעאָן. אַ מאַן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער. וועל איך פאַר דיר אויפדעקן די קאָרטן.

— וואָס— מיינט דאָס „קאָרטן"? — האָט אים דער סטעפּ־יונג איבערגעהאַקט דעם זאַץ.

— דאָס ווייסטו אויך נישט?!

— ניין, איך ווייס נישט!

דערמיט האָט זיך ראַפּאַעל דערפרייט. ער האָט געמיינט, אַז דאָס וועט כוליטאָן אַראָפּפירן פון די פריערדיקע געדאַנקען און ער וועט אים מער נישט דאַרפן ענטפערן וועגן דעם „צעשטערטן פּלאַן". איז ער ביי זיך איצט געוואָרן זייער האָפערדיק און דעם פּרימיטיוון פּעאָן געגעבן צו פאַרשטיין:

— קאָרטן זענען אַזעלכע האַרטע שטיקלעך פּאַפּיר, מיט אויסגעמאָלענע פיגורן פון קיניגן מיט קיניגנס, מיט שיינע קאַוואַליערן, וואָס טראָגן פּאַרקאַטשעטע וואָנצעס און ציפערן ביי די ברעגעס. רייכע הולטייעס שפּילן דערמיט אויף גרויסע געלטער און ווען מען דעקט אויף די קאָרטן, זעט מען צי דו האָסט געוווּנען אָדער פאַרלוירן. פאַרשטייסט?

— ניין! — האָט דער סטעפּ־יונג געענטפערט מיט ערלעכקייט אין קול — וואָס מיינט אַזוינס „קיניגן, קיניגנס, קאַוואַליערן, ציפערן"?... און אויב דאָס איז בלויז פּאַפּיר, היינט ווי קאָן אַ פּאַפּיר זאָגן צי מען „געווינט" אָדער מען האָט „פאַרשפּילט"? קאָרטן רעדן דען?...

— ליימענער גולם! — האָט שוין ראַפּאַעל מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן כוליטאָס עם־הארצות — קיניגן זענען הערשער, אַזוי ווי די פּעאָדאַלן פון די רייכע האַסיענדאָס און „קיניגנס" זענען זייערע סעניאָראַס און די ציפערן ביי די ברעגן ווייזן ווער עס האָט, למשל, אַ צענטל, דער געווינט בײם ניינטל, צי אַן אַכטל. דו פאַרשטייסט דאָך, אַז דאָס צענטל איז גרעסער פאַרן ניינטל, דערפאַר געווינט זי!...

פון דער קלאָרער לעקציע איז ביי כוליטאָן אין קאָפּ געבליבן אַ קאַשמאַר,

אַ צעמישעניש און קיין זאַך איז פּאַר אים איצט נישט געוואָרן קלאָרער ווי פריער.

— הער מיר אויף צו פאַרדרייען דעם קאָפּ! דאָס איז מסתמא נישט גע־שטויגן און נישט געפלויגן! הפּנים, אַז דו האָסט דאָס אַליין אויסגעטראַכט, כדי אָפּצולאַכן פון אַ פּראָסטן פּעאָן. מילא! איך פאַרגיב דיר דיין שפּאַס. צום טייוול דערמיט! איצט דערצייל מיר גענוי און אַקוראַט וועגן דעם „פּלאַן וואָס איך האָב אַליין צעשטערט״.

ווען ראַפאַעל האָט געזען, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען אַרויספּלאָנטערן פון זיין אייגענער נעץ, האָט ער באַשלאָסן: וואָס עס זאָל נישט זיין, ער וועט אים דערציילן דעם אמת. פונדעסטוועגן האָט ער מיט אַ געוויסער מאָס דער־שלאָגנקייט און פאַרזיכטיקייט אין קול אָנגעהויבן רעדן פּשוטע דיבורים:

— דו האָסט, צום ביישפּיל, פאַראָרדנט די גאַסן־פּרויען, אַז זיי זאָלן באַ־לאַנגען צו אַלע מענער אין לאַגער. אַז קיינער פון זיי טאָר נישט באַלאַנגען בלויז צו איין האָמברע. אָבער דו אַליין האָסט אויסגעקליבן דאָס יינגסטע און שענסטע מיידל... עמאַליטאַ איז געווען זייער אַ שיינע און אַ סך מוטשאַ־טשאָס האָבן זי באַגערט... דאָך האָסטו זי באַלד אַריינגענומען צו זיך איןביידל און נישט דערלאָזט, אַז עמעצער אַנדערש זאָל זיך צורירן צו איר...

כוליטאָ איז געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער. די בלוטן האָבן אים אַ שלאָג געטאָן אין פּנים, אין די שליפן, אַ יאָג געגעבן זיך פון די שפּיצן־נעגל פון די פיס ביז צו די שפּיצן פון קאָפּ. פון גרויס אויפרעגונג האָט ער אַרויסגע־כאַפּט זיין קינזשאַל פון גאַרטל און דערמיט פאַרמאָסטן זיך אויף זיין נאָ־ענטסטן חבר:

— שווייג, דו קאַסאַקע פּאַדלע, שווייג! ווי וואָגסטו מיט דיין שמוציק מויל צו דערמאָנען איר הייליקן נאָמען?! די קישקעס וועל איך דיר אַרויסלאָזן, דו נידערטרעכטיקער הונט!

עס איז נאָך געווען אַ נס, וואָס ראַפאַעל האָט זיך נישט פאַרלוירן. אין דער רגע האָט ער אַ צי געגעבן די רעכטע לייצע פונעם צוימל און זיין טאַנ־צנדיקע קליאַטשע האָט זיך ראַפּטום געגעבן אַ קערעווע אָפּ אָן אַ זייט פון דעם סטעפּ־יונגס קינזשאַל:

— כוליטאָ! וואָס איז מיט דיר געשען?! — האָט דער אַ ביסל דערשראָ־קענער ראַפאַעל געשריען פון דער ווייטן — דו האָסט דאָך געוואָלט, אַז איך זאָל דיר דערציילן דעם אמת און צו דעם האָסטו געגעבן דיין וואָרט, אַז דו וועסט נישט ווערן אין כעס. איז ווו איז דיין וואָרט? הלמאַי ווילסטו מיך דער־שטעכן? איז דאָס שיין אַזוי? איז דאָס חבריש? שעמען מעגסטו זיך!

— „קאַזשאַטע״! — האָט אויף אים כוליטאָ אַ רעווע געטאָן.

ראַפאַעל איז טאַקע באַלד אַנטשוויגן געוואָרן און די אַנדערע פּעאָנען, וואָס האָבן געהערט די קריגערייַ פוןביידע „פּירער״, זענען געזעסן אויף

זייערע זאָטלען שווייגנדיקע און עפּעס אַזעלכע פּרעמדע, פּונקט ווי מיט זיי וואָלט דאָס גאָר קיין שייכות נישט געהאַט. מיט דעם זעלביקן ערנסטן שווייגן האָבן זיי דורכגעשניטן דעם שמאָלן פּאַס סטעפּ און מיט אָנגעכמורעטע פּנימער אַריינגעפאָרן צו זיך אין טאָל. דאָרטן האָבן זיי אויף גיך די פּערד אַריינגע־פירט אין קאָראַל, אָנגעטרונקען מיט וואַסער און אַוועקגעטריבן צום גרויסן סטויג היי.

ליכט און שאָטן

צוויי פּעאָנען, וועלכע זענען אַ גאַנצן טאָג געווען אין לאַגער, האָבן ביי כוליטאָן מיט ראַפּאַעלן צוגענומען זייערע פּערד. אַנדערע פיר געזונטע מענער האָבן דערווייל אָנגעהויבן אויסלאָדן דעם וואָגן. צום דאָקטער איןביידל האָבן זיי אַריינגעטראָגן זיין שרייב־טיש. אויף אים אַרויפגעשטעלט די קאַסטנס מיט די אינסטרומענטן און פאַרשידענע סאָרטן מעדיצינען. דערנאָך אַריינגע־בראַכט די ביכער, וואַליזעס, טשעמאָדאַנעס און גרויסע קאַסטנס גרעט מיט קליידער. און דער דאָקטער ענריקע פּערעז, אַ פאַרגאַפטער פון דעם, וואָס ער האָט דערקאָנט אַלע זיינע זאַכן, איבערהויפּט די אינסטרומענטן מיט די בי־כער און טאַקע דער שרייב־טיש אויך, וואָס איז אים אַלע מאָל געווען ליב און טייער, האָט איצט אויסגעלופּעט די גרויסע אויגן און אויף קלאָר נישט גע־ווּסט, צי ער האָט דאָס אַלץ געזען אין חלום, אָדער אין דער ווירקלעכקייט.

איז ער אַ לאַנגע צייט געשטאַנען ווי אַ געפּלעפטער. זיין נייגעריקייט איז געוואַקסן פון רגע צו רגע. אָבער די קוריאָזיטעט האָט ער נישט געקאָנט פאַר־באַהאַלטן טיף אין זיך, ווי ער פלעגט דאָס געוויינטלעך טאָן מיט אַלע זיינע פריידן און ליידן, וואָס ער האָט צוליב עטיק, קיין מאָל נישט געוואָלט דאָס אַרויסווייזן פאַר אַנדערע מענטשן. איז ער הענדום פּענדום אַרויסגעלאָפן אין „הויף" און מיט שטוינונג אין קול געפרעגט ראַפּאַעלן:

— ווו האָט איר דאָס גענומען מיינע זאַכן? ווי אַזוי? ווען? וואָס האָט פּאַסירט?

— באַרויק זיך, מעדיקאָ! — האָט אים דער קאַסאַקער געעצהט — מיר זענען היינט געווען אין שטעטל מאַדעראַס, ווו מען האָט דערהרגעט עמאַליטאַן, האָבן מיר דאָרטן אָנגעצונדן די הויפּט־גאַס.

— וואָס? — האָט זיך דער דאָקטער געחידושט — און מיין הויז אויך?

— ניין, דיין הויז איז געבליבן אומבאַשעדיקט!

— איז ווי אַזוי האָט איר געקראָגן מיינע זאַכן? ווער האָט אייך אַריינגע־לאָזט ?

— קיינער האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזט — האָט ראַפּאַעל געענטפערט זאַכלעך — ס'איז גאַנץ איינפאַך. מיר זענען אַריין צו דיר אין שטוב. נאָר איך פאַרזיכער דיר אָפּריער, סעניאָר מעדיקאָ, אַז מיר האָבן דאָרטן קיינעם נישט אָנגעריִרט, קיין זאַך נישט צעשטערט. מיר האָבן געוווּסט, אַז דו דאַרפסט האָבן דעם שרייב־טיש מיטן פּאַפּיר, טינט און פעדערס, טאָמער וועסטו וועלן עפּעס שרייבן. געבראַכט אַלץ וואָס האָט זיך געפונען אין דיין קאַבינעט. אַפילו נישט פאַרגעסן נעמען אַלע דיינע פּערזענלעכע קליידער. ווייל עס קאָן דאָך מעגלעך זיין, אַז דו וועסט וועלן איבערבייטן די גרעט, די שיך, אָנטאָן אַן אַנדער אָנצוג. צי גאָר טראָגן אַ מאַנטל ביי נאַכט, ווען עס ווערט קאַלט. דיינע באַדינער האָב איך געזאָגט אַז דו ביסט געזונט און געפינסט זיך צווישן פריינט. איצט זעסטו, אַז מיר האָבן דיך געהאַט אין זינען?...

דער דאָקטער האָט אים פאַר דער טובה גראָדע געוואָלט אויספּאַטשן, אָדער כאָטש אָנשפּייען אַ פולן פּנים, מיט די נעגל אַרויסרייסן זיינע קאָסאָקע אויגן און שרייען, אַז ראַפּאַעל איז פּונקט אַזאַ באַנדיט ווי די אַנדערע באַנדיטן אין לאַגער. אָבער דער קאָנטראָל איבער זיך און די אייגענע זעלבסט־ווירדי־קייט — האָט אים אָפּגעהאַלטן דערפון. דערצו נאָך האָט אים איצט אַרומגענו־מען אַ שטאַרקער באַגער און כמעט אַ קינדערשע נייגעריקייט: וואָס גיכער אַרויסצונעמען פון די קאַסטנס די פלעשער און פלעשלעך מיט מעדיצינען, די גרויסע און קלענערע קעסטלעך, שאַכטלעך מיט פּראָשקעס און זען צי קיין זאַך איז נישט באַשעדיקט געוואָרן בעתן פירן. ער האָט וואָס גיכער געוואָלט ווידער האַלטן אין האַנט די אינסטרומענטן וועלכע ער האָט געקאָנט, ווי זיינע צען פינגער פון די הענט און האָבן די זעלביקע זיכערקייט און דעם זעלביקן וואַרעמען געפיל ווי אַמאָל, ווען ער פלעגט מיט זיי דורכפירן אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע אָפּעראַציע. די שטאַרקע געפילן האָבן אויסגעלאָשן זיין כעס אויף ראַפּאַעלן. איז ער, מיט דער פלינקייט פון אַ יינגל, אַריינגעלאָפן צו־ריק צו זיך אין ביידל און גענומען זיך צו דער מלאכה.

פון אַ קאַרטאָנענער קעסטל האָט ער אַרויסגענומען אַ גרויסע פלאַש מיט רויטער פליסיקייט און אַ טרייסל געטאָן אין דער לופטן. זי צוגעטראָגן צום לעמפּל און אונטערן שיין פונעם פלעמל געוואָלט זען צי די געדיכטע געמי־שעכץ אינעווייניק האָט זיך צוגעזעצט צום דנאָ אָדער נישט. נאָר דאָס גלעזל פונעם לעמפּל איז געווען פאַרקאָפּטשעט פון רויך, מיט אַזאַ טונקלקייט, אַז דער כירורג האָט גאָרנישט געקאָנט זען. האָט ער באַשלאָסן איבערצולאָזן דאָס אויף מאָרגן אין דער פרי און דערווייל אָנגעהויבן אַרויספּאַקן די אינסטרו־מענטן.

קודם האָט ער פון אַ גרויסער, הילצערנער קאַסטן אַרויסגעצויגן אַ ניקל־נעם סטערעליזירער, וואָס פלעגט, פון אונטן, ברענען אויף קעראָסין. די פּיר־קאַנטיקע כלי האָט געהאַט אַ גלעזערנע טירל מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער הענ־

טעלע. דאָס טירל האָט דער דאָקטער איצט געעפנט, אין דער פּיר־עקיקער, בלעכערנער שיסעלע, וואָס איז שטענדיק געווען אָן אָנגעפּילטע מיט קאָכיקן וואַסער, זענען געלעגן אַרום אַ צענדליק נאָדלען, מיט פאַרשיידן־מאָסיקע שפּריצערס. הפנים, אַז פונעם טריסלען זיך אויפן פור, איז איינע געווען אַ ביסל אָנגעשפּאָלטן, האָט ער אַרויסגעוואָרפן און די איבעריקע צוריק אַריינגעלייגט אויף זייער אָרט.

יעדן פּיצל געצייג, וואָס ער האָט געפונען אין קאַסטן, האָט ער לאַנג באַטראַכט און מיט אַ ווייטן ציטער אין די פינגער זיי געגלעט, געצערטלט און ער האָט געהאַט אַ געפיל, ווי מיטן געפינען די אינסטרומענטן — וואָלט ער פּלוצעם צוריקגעפונען זיין ציוויליזירטע וועלט; אַ וועלט אַזאַ אין וועלכער ער האָט זיך אַלע מאָל אויסגעלעבט אין עושר און אין כבוד. עפּעס האָט דער שרייב־טיש מיט די טעקסט־ביכער, דאָס פּאַפּיר מיטן טינט און טאָקע די אינסטרומענטן גופא — אַלץ האָט אים איצט דערהויבן ביז די הימלען און צוגעגעבן מער חשיבות און זעלבסטווירדע סיי ווי אַ כירורג און סיי ווי אַ מענטש. מיט אַלע זיינע זאַכן ביי זיך אין ביידל, האָט ער אויף אַ ווײַלע פאַרגעסן, אַז ער איז אַ געפאַנגענער ביי אַ באַנדע באַנדיטן און זיין לעבן האָט צוריק אָנגענומען די פאָרמע פון אַ דאָקטער, וואָס דאַרף היילן מענטשן און פאַרלאַטעווען און ראַטעווען זייערע מיזעראַבלע לעבנס...

פון דער גרויסער פרייד, וואָס ער איז שוין מער נישט הילפלאָז, מער נישט איינער אַליין, נאָר צוזאַמען מיט אַלע זיינע אינסטרומענטן, מיט די מעדיצינען, מיטן שרייב־טיש און מיט זיינע באַליבטסטע טעקסט־ביכער, אין וועלכע ער פלעגט שטענדיק אַריינקוקן שעהן נאָכאַנאַנד און דאָרטן זוכן צו געפינען עפּעס אַן אָנווונק, אַ נייע אַנטדעקונג, ווי אַזוי און מיט וועלכע מיטלען צו קאָנען העלפן אַ חולה, מיט די אַלע זאַכן ביי אים אין ביידל, ווייט פאַרוואָרפן, אַזש אין די פּאַטאַגאָניער בערג, האָט ער זיך מיט אַ מאָל דערפילט אַזוי דערהויבן, פריש און מונטער, אַז ער האָט אויסגעטרונקען אַ גאַנצע פלאַש מיט שטאַרקן ווײַן, אַ זשליאַק נאָך אַ זשליאַק און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער דאָקטער וואָלט דאָס איצט געטרונקען איין לחיים נאָכן אַנדערן און דערמיט באַגריסט זיינע טייערע געסט... אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז ער, אין אַ שיכורן צושטאַנד, — אַוועקגעפאַלן ביי זיך אויף דעם היי־בעט און אַפילו נישט געפילט, ווי שפּעטער איז קאַרמעליטאַ אַריינגעקראָכן אַהין און אונטערגערוקט זיך אונטער זיין קאָלדרע.

אויף מאָרגן נאָך פרישטיק האָט עפּעס אַ פאַרשוין, אין צוויי הילצערנע קאַסטנס, אַריינגעקלאַפּט צו דריי פּאָליצעס און דערנאָך אַוועקגעשטעלט איינע אויף דער אַנדערער ביי אַ וואַנט פונעם ביידל. קאַרמעליטאַ האָט דאָס באַדעקט מיט שטיקלעך ווייסן צעראַט, וואָס זי האָט געפונען אינעם גרויסן שאַלאַש און אויף דעם דאָקטערס אָנווייזונג אויף דעם אַוועקגעלייגט זיינע לאַנגע שע-

רעלעך מיט די קײַלעכדיקע ליפּן אין אײן אָרט, די פּאַרשידענע מעסער און מעסערלעך — אויף אַ צווייטער פּאָליצקע. די צוואַנגען און צווענגלעך ווידער באַזונדער. יעדע שטיקל געצייג איז געלעגן אַ ביסל אָפּגערוקט איינס פון אַנדערן און אַרויסגעבליאַסקעט פונעם צעראַט מיט ניקלנער, ווייסער פלאַמיקייט. פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט האָט קאַרמעליטאַ פאַרנומען די אונטערשטע דריי פּאָליצעס און אויף די אייבערשטע — אויסגעשטעלט אַלע פלעשער מיט די פלעשעלעך, אַלע קערבעלעך און שאַכטעלעך מיט די אָנגעשריבענע צעטעלעך אין פּאָרנט און זי איז געווען גליקלעך, וואָס איצט איז זי שוין מער נישט גלאַט קיין גאַסן־פרוי, נאָר, מען קאָן זאָגן, „די ווייב" פון אַ דאָקטער. וואָס צו אַזאַ זכיה און צו אַזאַ גרויסן כבוד איז קיינער פון די אַנדערע פרויען אין לאַגער נישט דערגאַנגען.

נאָר איר איז אויסגעקומען זייער מאָדנע, וואָס גראָדע איצט, ווען זי האָט כסדר געהאַלטן אין איין אָפּשטויבן די ביכער, ווישן דאָס געצייג און קוקן אויפן דאָקטער מיט „פאַרליבטקייט" אין די בליקן און שמייכלען, ווי זי וואָלט גאָר געווען אַן ערלעכע, אומשולדיקע באַשעפעניש, איז ער געוואָרן צו איר פרעמד, קאַלט, שטרענג און געמאַכט דעם איינדרוק, אַז איצט, ווען ער האָט שוין ביי זיך אַלע זיינע זאַכן, און איבערהויפּט דעם שרייב־טיש, די ביכער, די אינסטרומענטן מיט די מעדיצינען, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געפונען, אויסגעטשוכעט זיך פון דעם עקלדיקן קאָשמאַר און דאַרף מער נישט האָבן די דאָזיקע פרוי, אויף צו צעשטרייען אים אין זיין געפענגעניש, וואָס כּוליטאָ מיט זיינע יונגען האָבן אויף דעם דאָקטער אַרויפגעצוווּנגען.

אָבער קאַרמעליטאַ איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע און וויל זי האָט מיט איר ווייבערישן חוש דערפילט, אַז איצט קאָן ער זיך באַגיין אָן איר, אַז איר באַריר — שטויסט אים אָפּ, איז זי דווקא נישט אָפּגעטראָטן. אַלע ווײַלע האָט זי אים געבראַכט אַ פרישן קוביקל מיט מאַטע, אַ ביסל ווײַן, אָדער בראָנפן. אַפילו אים מער נישט געלאָזט גיין צום קאָסציאָר עסן צוזאַמען מיט אַלע פראָסטע פעאָנען, אַריינגעטראָגן די אכילה אין ביידל און דערביי האָט זי געמאַכט אַזאַ אָנשטעל, ווי איר וואָלט נישט אָנגעשטאַנען, אַז ער, „איר מאַן" און דאָקטער זאָל זיך אַזוי דערנידעריקן צו זיצן אויף דער הוילער ערד און עסן מיט אַלע באַנדיטן צו גלייך.

נאָר וואָס מער זי איז געקראָכן אין די אויגן, אונטער די נעגל: געוואַשן זיין גרעט, געהיט יעדע זאַך אין ביידל ווי אַ געטרייע צויג, אים אונטערגעטראָגן פון דאָס שענסטע און בעסטע, מיט אַלע כוחות געפּרוּווט איינקויפן זיך ביי אים אין לאַסקע, אַז ער זאָל זי ווידער אַרומנעמען און דריקן צו זיך ווי אין די ערשטע עטלעכע נעכט, ווען זי איז געקומען אין ביידל — אַלץ מער האָט ער זי אָפּגעשטויסן פון זיך און מען האָט זייער גרינג געקאָנט זען, אַז דער

דאָקטער האָט זיך איצט גאָר געשעמט מיט זיך אַליין הלמאי ער האָט עפּעס געהאַט צו טאָן מיט אַזאַ ווי זי איז געווען...

מיט איר גאַנצער ביטערקייט האָט קאַרמעליטאַ בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, אַז דעם דאָקטערס איצטיקע האַנדלונג איז נישט געקומען אויס שלעכטקייט, נאָר דערפון וואָס סיי דער שרייב־טיש מיט די ביכער און סיי די אינסטרומענטן מיט די מעדיצינען האָבן אים צוריקגעגעבן זיין חשיבות אַלס מענטש און אַלס דאָקטער ענריקע פערעז. אַנשטאָט צו באַגרייפן דאָס, האָט זי אים גאָר אָנגעהויבן פאַרדעכטיקן, אַז ער שפּילט אַ שטילע ליבע מיט אַן אַנדער פרוי אין לאַגער. אָט דער געדאַנק האָט איר אַזוי געקרענקט, געפּייניקט און צעטרייסלט, אַז אין איר האָט זיך אויפגעוועקט די בייזע חיה און זי האָט אָנגעהויבן אויסצופּלאַנירן אַ פּלאַן ווי אַזוי צו דערשטעכן אים אויף טויט און דערמיט אָפּרעכענען זיך פאַר זיין „ברוטאַלער האַנדלונג“...

דער דועל מיט בייטשן

עס קאָן זייער זיין, אַז קאַרמעליטאַ וואָלט דורכגעפירט איר טייוולאָנישן פּלאַן און דעם שאַרפן, כירורגישן מעסער געוויס אַריינגעזעצט דעם דאָקטער אין האַרצן. נאָר צו זיין גליק איז, אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג, אין ביידל אַריינגעלאָפן דער צוואָנציקיעריקער נאַטאַליאַ מיט די שוואַרצע וואָנצעלעך און הויכן, געזונטן געשטעל, וואָס פלעגט דורך די אָוונטן זיצן מיט קאַרמע־ליטאַן אויף אַ שטיין און זינגען פאַר איר סענטימענטאַלע ליבע־לידלעך און שפּעטער נעמען זי צו זיך אין ביידל. אָט דער נאַטאַליאַ האָט איצט דעם דאָק־טער דערלאַנגט צוויי פייערדיקע פּעטש אין פּנים און צעשריִען זיך:

— מיין מיידל האָסטו צוגענומען, דו אַלטער נואף. נעם דיין קינזשאַל און קום מיט מיר אַרויס אין דרויסן קעמפן!...

דער דאָקטער איז געוואָרן אַ צעטומלטער און אַ דערשראָקענער. פון זיין נאָז און פון דער צעשפּאָלטענער ליפּ זיינען געגאַנגען דינע ריטשקעלעך בלוט. ווען זיינע געדאַנקען, וועלכע זענען פריִער אַ ווײַלע פאַרטושט געוואָרן — האָבן זיך אַ ביסל אויסגעלייטערט און דער כירורג האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וויל־דער פּעאָן רופט אים אַרויס אויף אַ דועל צו פעכטן זיך מיט מעסערס צוליב דער גאַסן־פרוי, האָט ער צונויפגענומען אַלע כוחות און געענטפערט:

— דו ביסט יונג און געזונט. אָבער איך בין אַלט און קאָן זיך מיט דיר נישט פאַרמעסטן. דו קאָנסט נעמען דיין „מיידל“ און גיין אין פרידן...

ווען קאַרמעליטאַ האָט דערזען דעם דאָקטער אַ צעבלוטיקטן און דאָס שאַרפע מעסער ביי נאַטאַליאַן אין דער רעכטער אויפגעהויבענער האַנט, האָט

זי אַזוי הויך אָנגעהויבן קוויטשען, אַז אויף אירע געשרייען איז זיך כמעט דער גאַנצער לאַגער צונויפגעלאָפן. אָבער קיינער האָט נישט געוואַגט אריינ־צוגיין אינעווייניק. בלויז כוליטאַ איז אַריין אין ביידל, באַמערקט דעם „מע־דיקאָ" אין אַזאַ צושטאַנד און דעם בלאַנקענדיקן חלף ביים אָנגרייפער אין האַנט, האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען און געגעבן נאַטאַליאַן אַזאַ זעץ, אַז דער קינזשאַל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד מיט אַ טעמפּן, מעטאַלענעם קלאַנג:

—אַרויס פון דאַנען! איבּ דו וועסט נאָך אַ מאָל וואַגן צו טשעפּען דעם „מעדיקאָ", וועל איך דיך צעשניידן אויף שטיקלעך!..

אַ באַליידיקטער איז טאַקע נאַטאַליאַ אַרויס פון דעם דאָקטערס ביידל. אָבער אויפן וועג צו דער „טיר" — האָט ער אַ כאַפּ געגעבן קאַרמעליטאַן פאַר אַ האַנט, זי אַרויסגעטראַסקעט אין דרויסן. דאָרטן האָט דער ווילד געוואָרענער יונג אַראָפּגעריסן פון איר די בלוזקע, כדי אַלע זאָלן זען אירע פלאַכע, אַראָפּ־הענגענדיקע בריסט, מיט די שוואַרצע, לענגלעכע נאָפּלען. דערנאָך האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר די לאַנגע, שוואַרצע האָר פון קאָפּ, זי געשלעפּט נאָך זיך ווי אַ פּגר און געזעצט ‏:

— קום לעבן מיט מיר, דו אויסגעבאַרעטע הור!

כאָטש קאַרמעליטאַ איז געווען נישט מער ווי אַ פּראָסטיטוטקע, דאָך איז די שאַנדע, וואָס ער האָט אָפּגעדעקט אירע בריסט פאַר דער גאַנצער וועלט, געווען אַזוי שווידערלעך און גרויס, אַז דאָס האָט איר אַ סך מער ווי געטאָן ווי דער פיזישער ווייטיק. האָט זי זיך נאָכגעשלעפּט נאָך די רייסנדיקע האָר און געשריען מיט אַזעלכע שרעקלעכע קולות, אַז מען זאָל זי ראַטעווען, אַז איבער אַלעמענס לייבער איז אַ סקרוך דורכגעלאָפן. אָבער קיינער האָט, דוכט זיך, נישט געהאַט דעם קוראַזש אַרויסצורייסן זי פון דעם פּעאָנס געזונטע הענט.

נאָר פלוצים האָט זיך צווישן דעם פאַרזאַמלטן און פריטשמעליעטן עולם אַרויסגערוקט אַ הויכער, ברייטפּלייציקער בחור אין די פריע צוואַנציקער יאָרן, מיט אַ טשופּרינע קאַשטאַנעוואַטע האָר אויפן מעכטיקן קאָפּ. אין האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס קורצע, הילצערנע הענטל פון זייער אַ לאַנגער, רי־מענער „גאַוטשאָ־בייטש", וואָס האָט זיך ביים סאַמע סוף פאַרענדיקט מיט אַ קיילעכדיק שטיקל האַרטן רימען. אָט דער חברה־מאַן, וועלכער האָט געהייסן לאָפּעז דער שמיד, האָט שוין פון לאַנג געוואָרפן אַן אויג אויף דער שיינער קאַרמעליטאַן, וועמען ער האָט נישט איין נאַכט באַגערט צו האָבן און אָפּט געחלומט צו באַרירן איר לייב. און כאָטש ער איז געווען פאַררעכנט פאַר איי־נעם פון די געזינטסטע בחורים אין לאַגער און ער האָט געוווסט, אַז זי גייט מיט אַלעמען אין בעט, דאָך האָט ער זיך שטענדיק געשעמט צו פאַרבעטן זי צו זיך אין ביידל. עס איז מעגלעך, אַז זיין נישט געוואַגטקייט און שעמעוו־דיקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער איז נישט געווען קיין באַרעדעוודי־

קער, נישט קיין צעלאָזענער, נאָר אַ שטילער, אַ צוריקגעהאַלטענער, וואָס האָט קיין מאָל אויף קיינעם קיין הויך קול נישט אויפגעהויבן און וועגן אַנדערן יענעם מיט אַ האַנט איז דאָך שוין אָפּגערעדט.

אָבער איצט, אַז ער האָט דערהערט אירע האַרצרייסנדיקע געשרייען און דערזען ווי דער הויכער און געזונטער נאַטאַליאַ האָט מיט אַ ווילדער רציחה צעריסן קאַרמעליטאַס בלוזקע און געשלעפּט זי פאַר די האָר צו זיך אין ביידל, ווי אַ קצב שלעפּט מיט שטריק אַ בהמה, וואָס האָט זיך איינגעשפּאַרט מיט די פאָדערשטע פיס אין דער ערד און וויל נישט גיין צו דער שחיטה, זענען ביי לאָפּעזן פאַרלאָפן געוואָרן די אויגן מיט בלוט, פון אויסערגעוויינטלעכן כעס. האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַוועקגעשטעלט אין מיטן וועג מיט צעשפּרייטע פיס און אַזאַ קנאַל געטאָן מיט דער בייטש, אַז די הייסע לופט האָט אַ ציטער געגעבן און דער לאַנגער, בייסעוודיקער רימען פון דער בייטש האָט זיך, ווי אַ שלאַנג אַרומגעוויקלט אַרום נאַטאַליאַס גוף. דורך דעם לייוונטן העמד זיך איינגעגעסן אין זיין לייב. אין דער רגע האָט לאָפּעז אַ האַסטיקן צי געגעבן דאָס הענטל צו זיך און נאַטאַליאַ האָט פאַרלוירן זיין גלייכגעוויכט. ער האָט תיכף אָפּגעלאָזט קאַרמעליטאַס האָר, אַ וואַקל געגעבן זיך אַהין און אַהער און איז געפאַלן אויף דער ערד ווי אַ סנאָפּ.

פון דעם פּלוצימדיקן שאַרפן שניט אין לייב איז נאַטאַליאַ אויף אַ ווייל צעטומלט געוואָרן. ער האָט נישט געוווסט פון וואַנען דער מעכטיקער שמיץ איז געקומען. איז ער אַ פּאָר רגעס געלעגן ווי אין קלאַמערן. נאָר באַלד האָט ער זיך אַרויסגעבייגלט פון דעם רימען. צוריקגעשטעלט זיך אויף די פיס און מיט פאַרלאָפענע קוקערס פון האַס, באַמערקט ווער ס'האָט אים אַזוי פּריטשמעליעט. איז ער הענדום־פּענדום מיט אַ דראָענדיקן קולאַק אַוועקגעלאָפן צו זיך אין ביידל, און לאָפּעז האָט אים נאָכגעשריען:

— הערי, דו מיזלדיקע מאָרדע! האָסט נישט קיין רעכט צו פּייניקן אַ מענטשן! כוליטאַ האָט דאָך געזאָגט, אַז די פרויען באַלאַנגען צו אַלע מענער אין לאַגער! איז אויב דאָס געפעלט דיר נישט, איז ברענג דיין בייטש וועל איך דאָס דיר אַריינקלאַפּן אין קאָפּ!...

נאַטאַליאַ האָט אים געפאָלגט. אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט אַזאַ לאַנגער און שאַרפער „גאַוטשאַ־בייטש“ אין האַנט ווי ביי לאָפּעזן. ווען דער עולם האָט דאָס דערזען, האָט ער זיך צערוקט אין אַ ברייטן און רונדן קרייז. זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז איצט וועט פאָרקומען אַ בייטשן־געפעכט פון צוויי קריגערישע צדדים, וואָס איז געווען אַ מין נישט געשריבענער געזעץ אין די פּאַמפּאַס, אינעם סטעפּ און אין דזשאַנגל, אַז ווען צוויי מענער שלאָגן זיך פאַר דעם באַזיץ פון דער זעלבער נקבה — טאָר זיך קיינער נישט אַריינמישן אַפילו ווען איינער דערלאַנגט דעם אַנדערן צום טויט.

בײדע זכרים האָבן זיך דערנענטערט איינער צום אַנדערן פּנים־על־פּנים

און פון ביידנס אויגן האָט אַ שלאָג געטאָן אַ פאַרניכטנדיקער האַס. אויף אַ רגע האָבן זיי אָנגעבויגן די קעפּ, צעבוצקעט זיך אַ שטערן מיט אַ שטערן, ווי דאָס טוען בוהייעס ביים אויספרובירן ווער עס איז געזינטער. נאָך דעם האָבן זיי זיך אויסגעדרייט, צוגעפלעטשט אַ פלייצע צו אַ פלייצע און דערנאָך מיט געמאָסטענע טריט אָפגעטראָטן איינער פונעם אַנדערן צו אַכט שפאַן, דאָרט שטיין געבליבן און ווידער אויסגעדרייט זיך מיט די פנימער פון איין שונא צום אַנדערן. אין דעם אויגנבליק האָבן די צוויי בייטשן אַ כוואַשטשענדיקן פייף געטאָן און צעפאַלמעסט די הייסע לופט. צוויי קנאַלן האָבן אַ קנאַק געטאָן און צעוועקגעקייקלט זיך ווייט איבערן טאָל, איבער די בערג און די בייסעוודיקע בייטשן האָבן אַ ריפע געטאָן די לייבער ביי ביידע מענער. דאָס פלינקע און האַפטיקע שניידן פון די בייטשן איז פון רגע צו רגע און פון מינוט צו מינוט געוואָרן עקשנותדיקער און פאַרביסענער און דער קאַמף אכזריותדיקער. ביי ביידע שונאים זענען די העמדער צעפליקט געוואָרן אויף פיצלעך און פון זייערע פאַרברוינטע קערפערס האָבן זיך באַוויזן גרעסערע און קלענערע בלוט־שטראָמעלעך.

און דער עולם?... אַ יום־טובדיקער און אַ פאַרגאַפטער, מיט אַ פאַרכאַפטן אָטעם, האָט ווי איין מענטש אויטאָמאַטיש געדרייט די קעפ דאָ אויף רעכטס, דאָ אויף לינקס און מיט באַגייסטערונג אין די אויגן אויפגעכאַפט דעם געפלי פון די בייטשן מיט דער גרעסטער געשפאַנטקייט אין יעדער באַוועגונג. איבערהויפט האָבן זיי נאָכגעפאָלגט די סאַמע שפיצן פון די רימענס און געוואָלט טרעפן: וועמען פון די צוויי קריגער האָט דער שמיץ געטראָפן און ווער פון די ביידע מענער וועט זיין דער ערשטער אַוועקצופאַלן אַ פאַרחלשטער, אָדער אַ טויטער? אויך כוליטאָ איז געווען צווישן דעם יובלדיקן עולם און געהאַט אַזאַ הנאה פונקט ווי אַלע צושויער. אָבער פון אָפשטעלן דעם שרעקלעכן, אוממענטשלעכן קאַמף אַפילו נישט געטראַכט.

נאַטאַליאָ איז נישט געווען קיין „שיפע־זיבעלע“. זיין בייטש האָט אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט צו האָגלען מיט קלעפ. ער האָט דערלאַנגט זיין קעגנער איבערן פנים, איבער זיינע נאַקעטע פלייצעס, איבער דער הויך אַרויסגעשטעלטער אַטלעטישער ברוסט. דער האַרטער שפיץ פון רימען איז געפאַלן אויף לאָפעזעס מוסקולירטן קערפער אָן אויפהער. אויף אים האָבן זיך געעפנט לאַנגע, אָפענע ווונדן, פון וועלכע עס האָט אַרויסגעקוקט רויע שטיקער פלייש. לאָפעזעס ווייטיקן זענען געווען שאַרפע, שטאַרקע און גרויסע, וואָס קיין ציוויליזירטער מענטש וואָלט אַזוינס נישט געקאָנט אויסהאַלטן און פון לאַנג שוין מסתמא אויסגעצויגן די פיס. אָבער לאָפעזעס גוף איז געווען אויסגעפלאָכטן מיט אַזעלכע קרעפטיקע מוסקולן ווי פון מעכטיקע קאַנאַטן און אגב האָט ער נאָך פון יינגלווייז אָן אַריינגעכאַפט אַזוי פיל קלעפ און שמיץ פון פריצישע בייטשן, אַז זיין לייב איז שוין פון לאַנג געווען צוגעוווינט אויסצו־

האַלטן אַפילו די שווידערלעכסטע ווייטיקן. דעריבער האָבן די איצטיקע שמיץ ביי אים בלויז דערוועקט מער רציחה ווי פריער. האָט דער יאָט אַ פלינקן שפּיי געגעבן זיך אויף דער דלאָניע פון דער רעכטער האַנט, נאָך שטייפער אַרומגעקלאַמערט דאָס הענטל פון דער בייטש און אַזוי קונציק, און אַזוי גיך אַנגעהויבן קאַטעווען זיין שונא, אַז איצט האָט שוין נישט געגומען לאַנג און דער „דאַמסקער העלד" נאַטאַליאַ, איז ווי אַ געקוילעטער אָקס געבליבן ליגן אויף דער ערד אין אַ לוזשע בלוט און שווער געסאָפּעט.

ווי נאָר ער איז אומגעפאַלן, איז אין לאַגער אויסגעבראָכן אַ פּאַרטויבנ־דיקע אָוואַציע. מענער האָבן געשריגן, געליאַרעמט, געלאַכט, פאַרגאַנגען זיך אין היסטעריקעס. זיי האָבן געטאַנצט פון פרייד און באַגייסטערטע פון לאַ־פּעזעס גבורה געוואָרפן די סאָמברעראָס אין דער לופטן, געקלאַפּט און גע־האַקט איינעם דעם אַנדערן איבער די פּלייצעס, געריסן זיך אויף די העלדזער און דער צעיושעטער המון האָט געשריגן: „וויוואַ לאַפּעז!" אויך די פרויען האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אָבער זיי האָבן געוואָרפן מיט די ברייטע היפּטן, געטרייסלט מיט די בריסטן און געקוויטשעט „וויוואַ קערידאָ!"...

נאָר לאַפּעז איז געווען אַזאַ מענטש, וואָס האָט נישט ליב געהאַט קיין לויב געזאַנגען און חניפה. האָט ער איצט בלויז מיט איין צי צוריקגעכאַפּט דעם לאַנגן רימען פון דער בייטש צו זיך אין דער רעכטער האַנט און צוזאַמען מיטן הענטל אַריינגעשטעקט די בייטש אין גאַרטל, האָט זיך אַרומגעבונדן די בריי־טע פאַנטאַלאָנעס, און איז אַ געלאַסענער אַוועק צום קאַסטיאַר, כדי דאָרטן מיט קאַלט וואַסער אַרומוואַשן זיך די ווונדן, וואָס האָבן אים אַזוי געביסן און געשמאַרצט, ווי עמעצער וואָלט אויף זיי אַריפגעשאָטן הויפנס מיט זאַלץ.

ווען ער איז צוגעקומען צו דער דיישקע מיט וואַסער איז שוין קאַרמע־ליטאַ דאָרטן געשטאַנען אַן איבערגעטוענע אין אַן אַנדער בלוזקע. אירע לאַנגע שוואַרצע האָר זענען איצט געווען זאָרגפעליק פאַרקאַמט מיט אַ לייכטן שרונט אין דער מיט קאָפּ. איר קלייד — אַ ברייטס און געפאַלדעוועט, פון עפּעס אַ ביליקן מאַטעריאַל, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון ציץ, אָדער לייוונט. אין האַנט האָט די פרוי געהאַלטן אַ ווייס, ריין האַנטוך און אַ דאַנקבאַרע, וואָס לאַפּעז האָט זיך אַנגענומען פאַר איר און זי געראַטעוועט פון אַ זיכערן טויט, ווייל נאַטאַליאַ וואָלט איר, ביי אים ביידל, מסתמא דערוואָרגן, האָט זי געזאָגט צו אים:

— אַ דאַנק דיר, טייערער, פאַר דעם וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר, איז לאָז מיך כאָטש אַרומוואַשן דיינע ווונדן...

פון קאַרמעליטאַס אַנוועזנהייט און פון אירע „זיסע רייד" האָט זיך דער געזונטער בחור פאַרלוירן, פאַרשעמט זיך, ווי אַ יינגל און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. האָט ער בלויז איינגעבויגן די פּלייצע און דערפילט, ווי איר נאַסער האַנטוך האָט פאָרזיכטיק און זייער צאַרט קוים־קוים באַרירט יעדע

ווונד באַזונדער און אַנשטאָט דער פריערדיקער בייסעניש און שמאַרצן איז איבער זיין לייב דורכגעלאָפן אַזאַ מילדע וואַרעמקייט, וואָס האָט זיך ביי אים אין אַלע זיינע אברים צעזונגען ווי אַ ציטערדיקער ניגון...

די כמעט טראַפּישע נאַטור האָט דאַ געהאַט דעם ווילדן כוח אויפצווועקן און אויפצורייצן די גלוסט־געפילן אפילו ביי די פאַרשלאָפנסטע און צוריק־געהאַלטענע מענטשן און בפרט ביי אַזאַ איינער, ווי דאָס איז געווען די „ברע־בענדיקע" קאַרמעליטאַ. איר איז לאָפּעזעס אַטלעטישער גוף, מיט דעם אָנ־געטויקעטן קאַרק אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן, אַז בעתן אַרומוואַשן די ווונדן האָט זי אים פשוט אַריינגערוימט אין אַן אויער:

— דערפאַר וואָס דו האָסט געטאָן פאַר מיר אַזאַ גוטע זאַך, וועל איך היינ־טיקע נאַכט קומען צו דיר אין בײדל און זיין אין גאַנצן דיינע... ביסטו צו־פרידן?...

אויף אַזאַ מין באַלוינונג האָט ער זיך נישט געריכט און פון אַזאַ פאַר־שלאַג אַפילו נישט געחלומט. האָט ער איצט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און געשעמט זיך אויפצוהייבן זיי, כדי נישט צו באַגעגענען זיך מיט אירע בליקן. אָבער ווען ער האָט סוף־כל־סוף פאַרט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און פון אונטער די ברעמען באַמערקט, אַז זי איז שוין אַוועק פון דאַנען מיט גיכע טריט, פאַרשווונדן געוואָרן ערגעץ אין טאָל, איז דעם בחור באַפאַלן אַזאַ פרייד, אַז ביי אים האָט פונעם האַלדז זיך אַרויסגעיאָגט אַ הילכיקער „הי־האָ!" און דער יונג איז אַוועקגעשפּרונגען איבער די ווילדע גראָזן, ווי אַ יונגער „זשערעבאָק", וואָס האָט זיך ערשט אָנגעטרונקען מיט דער מילך פון זיין מוטערס ציצלעך.

די פּאָר פרויען, וואָס האָבן זיך דערווייל געפּאָרעט אַרום דעם קאַסציאָר און צוגעגרייט וועטשערע פאַר דעם גאַנצן לאַגער, האָבן אַפריער אָנגעקוקט דעם בחור ווי אַ משוגע געוואָרענעם, אָבער באַלד האָבן זיי מיט זייערע ווייַ־בערישע אינסטינקטן, פאַרשטאַנען וואָס דעם יונגס „הי־האָ!" האָט געמיינט. פון דעם האָבן זיי זיך צעלאַכט אַזוי הויך, ציניש און גראָב, אַז זייערע פולע בריסטן מיט די גרויסע בייכער האָבן זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און מיט קנאה אין די פאַרנעפּלטע פייכטע אויגן געוואָרפן „פאַרליבטע" בליקן אויף דעם אַוועקגעלאָפענעם יונג.

לאָפּעז האָט זייער עקלדיק אָפּלאַכן נישט געהערט. אַן אומשולדיקער ווי אַ קינד, אַן אָפּגעפרישטער פונעם קאַלטן וואַסער און דערצו נאָך אַן אָנגענומע־נער מיט פרישער ענערגיע, איז ער אַ פריידיקער אַריינגעלאָפן צו זיך אין בײדל. מיט צעשפּרייטע הענט און פיס אַ פאַל געטאָן אויפן היי־„בעט" מיטן פנים אויף אַרויף. ער האָט פאַרמאַכט די ברוינע אויגן. אַ ווײלע איינגעהערט זיך צו דעם זשומען פון די שוואַרצע און בלויע פליגן, וואָס זענען אַרומגע־פלויגן נאָענט צום דעכל פון בײדל און אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אַפילו

די פֿליגן פֿרייען זיך מיט זיין פֿרייד און זינגען אויס דעם זעלביקן ניגון, וואָס עס האָט איצט אַרויסגעזונגען ביי אים פֿון האַרצן.

אין דער פּאַזע איז ער געלעגן אַ שעה, צוויי, דריי. נאָר וואָס ווייטער דער טאָג האָט זיך אַוועקגעקייקלט הינטער די בערג, אַלץ שטאַרקער האָט זיין האַרץ אָנגעהויבן קלאַפּן. פֿון דעם לאַנגן וואַרטן אויף קאַרמעליטאַן איז ער געוואָרן אומרויק, אומגעדולדיק. איצט האָט ער אָנגעשפּיצט אַלע זיינע חושים. מיט אַ פּאַרטייעטן אָטעם איינגעהערט זיך צו יעדן שאָרך אַרוםביידל און ער איז געוואָרן אין כּעס אויף דעם פּאַרנאַכט, וואָס האָט זיך גראַד געצויגן אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ווי דער ווילדער סטעפּ הינטער די בערג, וואָס קיינער האָט קיין מאָל מיטן נאַקעטן אויג נישט געקאָנט כאַפּן, ווו עס הייבט זיך אָן זיין אָנהויב און ווו עס לאָזט זיך אויס זיין סוף.

דעם אָוונט איז לאַפּעז נישט געגאַנגען צום קאַסציאַר עסן וועטשערע. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַזוי גיך ווי ער וועט אַרויסגיין פֿונעם ביידל, וועט אָנקומען קאַרמעליטאַ און זען אַז ער איז נישטאָ, וועט זי אַוועק אַ באַ־ליידיקטע מיט „ליידיקע הענט"... און קיין מאָל נישט קומען צוריק. דעריבער איז ער געלעגן אַזוי לאַנג ביז די מידקייט איז אים באַפֿאַלן. די אויגן־דעקלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צוזאַמענקלעפּן. און כאָטש דער יונג האָט ביי זיך, אי־נעם הינטערבאַוווסטזיין געוווסט, אַז ער דאַרף זיין וואַך און טאָר נישט פֿאַר־פֿעלן דעם מאָמענט ווען זי וועט אַהער אַריינקומען, דאָך איז ער אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיט אַ געזונטן, הילכיקן כראָפּען.

לאַפּעז האָט נישט געוווסט ווי לאַנג ער איז געשלאָפֿן. נאָר מיט אַ מאָל האָט ער דערפֿילט לעבן זיך אַ ווייכן און וואַרעמען גוף. האָט זיך דער יונג תּיכּף אויסגעטשוכעט, געעפֿנט די אויגן און מיט זיינע געזונטע ידים זי אַזאַ דריק געטאָן צו זיך, אַז אירע ביינער האָבן, דוכט זיך, אַ טרעשטשע געגעבן. דער טרעשטש האָט דערוועקט אין אים אַזאַ רחמנות אויף דער „שוואַכער" פֿרוי, אַז ער האָט זי אָפּגעלאָזט, געבליבן ליגן ביי איר זייט און אַפֿילו מער נישט געוואָגט צו באַרירן איר ווייך לייב. דערצו נאָך איז ביי אים אין קאָפּ אָנגעלאָפֿן אַזאַ מין טשיקאַווער געדאַנק, אַז אויב ער וועט זי יאָ טשעפּען, וועט ער דערמיט אַליין שוין באַליידיקן אירע איידעלע און צאַרטע געפֿילן...

אַז קאַרמעליטאַ איז געלעגן לעבן דעם געזונטן בחור אַ לענגערע צייט אַ נאַקעטע, אַלץ געוואַרט און געזען, אַז ער וואַלגערט זיך ביי איר זייט ווי אַ קלאָץ און רירט זיך נישט פֿון אָרט, איז זי דערפֿון געוואָרן אַזוי אין כּעס, אַז זי איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון „בעט", אַ כאַפּ געטאָן דאָס קליידל מיט דער בלוזקע, מיט גאַליקייט אין קול אַ געשריי געגעבן: „אידיאָט"! און ראַפּטום אַרויסגעלאָפֿן פֿון דאָרט אַן אַנטוישטע...

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָט זיך לאַפּעז געשעמט צו גיין צום פֿייער עסן פֿרישטיק. ער האָט געוווסט, אַז קאַרמעליטאַ האָט שוין מסתּמא דערציילט

פאַר אַלע פרויען אין לאַגער פון דעם וואָס נעכטן איז פאָרגעקומען ביי אים אין ביידל, אַז די דאָזיקע פרויען האָבן דאָס שוין געוויס דערציילט אַלע מענער און יעדער איינער וועט האָבן פון אים וואָס צו לאַכן. דעריבער איז ער אַנ־שטאָט צום קאסציאר גאָר אַוועקגעגאַנגען צו כוליטאַן און פאַר אים פאַרטרויט דעם ריינעם אמת, אַז ער האָט נעכטן ביינאַכט פשוט רחמנות געהאַט אויף קאַרמעליטאַן און דערפאַר נישט געקענט פועלן ביי זיך צו טאָן עפּעס דער שוואַכער פרוי, און אַז איצט שעמט ער זיך צו ווייזן די אויגן פאַר עמעצן. דעריבער האָט ער זיך געבעטן ביים פירער, אַז צוליב דעם זאָל אים יענער לאָזן אַוועקפאָרן פון דאַנען, אַז ער וועט דאָ נישט קאָנען אַריבערטראָגן די שפּאָטישע און אָפּלאַכנדיקע בליקן פון די מענטשן אין לאַגער.

אַז כוליטאָ האָט, ווי געוויינטלעך, אַ געדולדיקער און אַ פריילעכער אויס־געהערט לאָפּעזעס זייער פּיקאַנטע מעשה, מיט דער בקשה, האָט זיך דער סטעפּ־יונג אַזוי צעלאַכט, אַז אום כדי נישט אומצופאַלן פון געלעכטער, האָט ער געמוזט אָנלענען זיין האַנט אויף יענעמס אַקסל. און ווען דער געלעכטער האָט אים אויף אַ ווײַלע אָפּגעלאָזט, האָט ער אָנגענומען אַן ערנסטע מינע אויפן פּנים און מיט וואַרעמקייט אין קול געענטפערט:

— קאַניאַ! די קאַרמעליטאַ איז דאָך גערעכט! דו ביסט דאָך טאַקע אַן אמתער אידיאָט! אויף אַ הור האָסטו רחמנות און דערצו נאָך — אין אַזעלכע זאַכן?!... נאַר אַנטלויפן? פע! דאָס פּאַסט נישט פאַר דיר! אַזוי האַנדלען ייִנגלעך! זעסטו? ערשט דעמאָלט ווען דו וועסט אַנטלויפן וועלן אַלע האָבן וואָס צו לאַכן. פאָלג מיך: זיי אַ מאַן, גיי צום קאסציאר עסן פרישטיק און מאַך זיך נישט וויסנדיק פון דער נאַרישקייט. יאָ, איך האָב נעכטן געזען ווי העל־דיש און קונציק דו האָסט זיך געפעכט מיט דיין בייטש אַנטקעגן נאַטאַליאַן. איז מיר איינגעפאַלן אַ נייער פּלאַן. הער אים אויס: אַנטאָניאָ דער „פערד" איז זייער אַ גוטער אינסטרוקטאָר צו לערנען די מענער ווי צו שיסן און טרעפן אין ציל, אַז אַפילו קיין איינציקע קול זאָל נישט פאַרלוירן גיין. אָבער, עס קען טרעפן, אַז נישט אין אַלע שלאַכטן קאָן מען זיך באַנוצן בלויז מיט אַ ביקס, צי מיט אַ רעוואָלווער, אָדער מיט אַ קינזשאַל, וואָלט איך געוואָלט, אַז ווען אין לאַגער וועלן אָנקומען נאָך הונדערטער פעאָנען — זאָלסטו פון זיי אָפּ־קלייבן אַ הונדערט, צי אַ הונדערט מיט פופציק מוטשאַטשאָס און אַלע טאָג לערנען זיי ווי צו פעכטן זיך מיט בייטשן.

— ווו וועסטו נעמען אַזוי פיל בייטשן? — האָט אים לאָפּעז געפרעגט נאַיִוו.

— וועגן דעם דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן. איך וועל נאָך אפשר היינטיקע וואָך אַוועקשיקן אַ מענטשן קיין באַהיאַ בלאַנקאַ, אַז ער זאָל פון דאָרט ברענ־גען די בעסטע „גאַוטשאָ־בייטשן", וואָס ער וועט דאָרט קאָנען קריגן. אָבער זײַ זאָלסט זיין אַזאַ גוטער לערער ווי אַנטאָניאָ דער „פערד"...

אַ ווײַלע האָט זיך לאָפּעז געשלאָגן מיט דער דעה, אָנצונעמען דעם פּאַר־שלאַג צי נישט און דערנאָך געפרעגט כּוליטאָן:

— וועט זיך קיינער נישט אַריינמישן אין דעם, ווען איך וועל אויס־קלייבן פאַר דעם צוועק און ווי אַזוי איך וועל זיי לערנען צו פעכטן זיך מיט בייטשן?...

— קיינער וועט זיך אין דיינע עסקים נישט מישן. דו וועסט זיין דער איינציקער קאָמאַנדיר איבער דעם בייטש־סקוואַדראָן! ביסטו צופרידן? נעמ־סטו אָן מיין פאָרשלאַג?

— סי סעניאָר! — האָט לאָפּעז אַ פריילעכער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— וויבאַלד אַזוי — האָט דערויף כּוליטאָ געשמייכלט — אַז דו ביסט שוין געוואָרן אַ גאַנצער קאָמאַנדיר איבער אַ גרויסן „אַטריאַד“ פעכטער, פּאַסט נישט, אַז דו זאָלסט זיך מאַכן נאַריש. גיי צום קאַסציאַר אַ שטאָלצער, זעץ זיך אַוועק צווישן אַלע מוטשאַטשאָס און עס אָפּ. זיי אַ מאַן!...

פּעאָנען קומען אָן

די אַכט יונגען, וועלכע כּוליטאָ האָט מיט אַ צייט צוריק אַרויסגעפּראַ־וועט אין פאַרשידענע געגנטן, אַז זיי זאָלן דאָרטן ווערבירן אַרבעטער, גאַ־טשאָס און פּעאָנען און ברענגען זיי אַהער אין לאַגער, זענען דריי טעג געריטן צוזאַמען און זייער זעלטן גערעדט איינער מיטן אַנדערן. דאָס האָט זיך גע־נומען דערפון, וואָס יעדער איינער איז כּסדר געווען פאַרטאָן אין זיין איי־גענער וועלט, אין אייגענע געדאַנקען וועגן טאַטע־מאַמע, ברידער און שוועס־טער און טאַקע וועגן זיין כּלה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין דער היים, איידער ער איז אַנטלאָפן געוואָרן פון פריץ, ביי וועלכן ער האָט געדינט. נאָר ביים סאַמע סוף פון סטעפּ האָבן זיי צום לעצטן מאָל אָפּגעשטעלט די פערד, אַראָפּגענומען די טאָרבעס מיטן כאַרטש און שוויגנדיקערהייט אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד עסן.

נאָך דער סעודה האָט אַלפרעדאָ, אַ בחור מיט אַ לאַנגער נאָז און אַזעלכע שמאָלע נאָז־פליגלען, וואָס האָבן גאָרנישט געפּאַסט צו זיין ברייטן דרייקאַנ־טיקן פּנים, אָפּגעווישט זיך מיטן אַרבל פון זיין לייוונטענעם העמד די גראָבע ליפּן און געזאָגט צו די אַנדערע:

— מוטשאַטשאָס, דאָ וועלן מיר זיך צעשיידן. כואַן מיט מאַרטינעז וועלן זיך פאַרנעמען צו דער ריאָ נעגראָ־פּראָווינץ. כאָסע און איך וועלן ציען אַזוי ווייט, אַזש ביז טוקומאַן און אפשר ביז לאַ ריאָכאַ און סאַנטיאַגאָ דעל עסטעראָ. און ראַמאָס טשיקאָ, אַבאַרבאַנעל לאַרגאַ, כאַימע מיט קאַרלאָסן וועלן באַאַר־

בעטן די דערפער, מיט די האַסיענדאס אין די היגע, אַרומיקע קאַנטן. איך מיין אָבער, אַז כוליטאָ מיט ראַפאַעלן האָבן געמאַכט אַ טעות מיט דעם, וואָס זיי האָבן אַלעמען פון אונדז געגעבן צו גלייכע סומעס געלט, ווייל די, וועלכע דאַרפן פאָרן אין די ווייטע קאַנטן און געוויס זאַמען זיך אַ סך לענגער, וועלן דאָך דאַרפן האָבן מער געלט ווי די, וועלכע וועלן בלייבן דאָ אויפן אָרט.

אַ ווײַלע האָבן אים אַלע אָנגעקוקט מיט פאַרדאַכט. נאָר ראַמאָס טשיקאָ, אַ קורץ־געוויקסיקער און יונגער פעאָן, וואָס האָט געהאַט אַזעלכע שוואַרצע און גלאַנציקע האָר, ווי זיי וואָלטן ערשט אַרויסגעצויגן געוואָרן פון אַ פעסל מיט צעלאָזענער סמאָלע, ער וועלכער איז געווען קליגער פון די אַנדערע, האָט באַלד אַרויסגענומען ביי זיך פונעם בוזים דאָס ביסל געלט און אַוועקגעלייגט אויפן גראָז:

— איך דענק, אַז אַלפרעדאָ איז גערעכט. מחמת די וועלכע בלייבן אין דער היגער געגנט דאַרפן קיין סך דינעראָ (געלט) נישט האָבן. מיר וועלן זיך אַרײַנכאַפּן אין די שטיבלעך פון די פעאָנען און ביי זיי אַלע מאָל קריגן וואָס אָפּצועסן. דעריבער — נעמט אַ העלפט פון מיין געלט און צעטיילט דאָס צווישן די וועלכע דאַרפן פאָרן ווייט.

אויף אים קוקנדיק האָט כאַימע, קאַרלאָס, אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ אויך געטאָן דאָס זעלבע. דער קליינער און פלינקער ראַמאָס טשיקאָ האָט קיין לאַנגע שהיות נישט געמאַכט. אַ נעם געגעבן דעם גאַנצן שטויס געלט, אויף גיך אָפּגעציילט אין גלייכע חלקים, דאָס צעטיילט צווישן די וועלכע האָבן געדאַרפט פאָרן אין ווייטע געגנטן און מיט וואַרעמקייט אין קול אַ זאָג געטאָן:

— ערשטנס, זאָל יעדער פון אייך זיין זייער פאָרזיכטיק, אַז אַ קאַפּאַטאַז זאָל אייך נישט באַמערקן און כאַפּן.

— צווייטנס, וועל איך דיר זאָגן — איז אַלפרעדאָן נישט אָנגעשטאַנען, וואָס ראַמאָס טשיקאָ האָט אַרויסגעכאַפּט די ראָלע פון זיינע הענט — דאַרף מען אָנזאָגן די פעאָנען, וואָס וועלן אַנטלויפן פון זייערע פריצישע האַסיענדאָס צו אונדז אין לאַגער, אַז ווען זיי וועלן אָנקומען נאָענט צו די פּאַטאַגאָניער בערג, זאָלן זיי נישט פאַרגעסן אָנצוגעבן דעם נאָמען פון דעם האָמברע, וואָס האָט זיי צוגערעדט דערצו, ווייל אויב נישט, וועלן דאָך אונדזערע שומרים זיי אָננעמען פאַר שונאים און דערשיסן. דריטנס: איך מיין אַז נישט בלויז יונגע פעאָנען, גאַוטשאָס און אַרבעטער דאַרפן מיר האָבן, נאָר עס מעגן אויך קומען גאַנצע משפּחות, קליינע קינדער מיט מיטליעריקע מענטשן זענען נישט אויסגעשלאָסן און וואָס מער, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אונדז אַלעמען...

— יאָ! — האָט זיך מאַרטינעז אַרײַנגעמישט אין די רייד — מען קאָן דאָך גלייך נישט צוגיין צו אַ פעאָן, צי צו זיין פרוי און זאָגן, אַז „אין די בערג איז אויפגעשטאַנען אַ מאַן מיטן נאָמען כוליטאָ, וואָס וויל באַפרייען דעם אַרגענטינישן פעאָן פון שקלאַפעריי"... און אַז זיי זאָלן גלייך נעמען זיי־

ערע „בעבעכעס“ און פאָרן אַהין!... אַזעלכע זאַכן נעמט צייט. פריער דאַרף מען זיך גוט באַקענען מיט די מענטשן, קריגן זייער צוטרוי און ערשט דע־מאָלט פאַמעלעך און פאָרזיכטיק דערציילט זיי ווער מיר זענען און וואָס מיר זענען אויסן אין דער אמתן...

— „גערעכט, גערעכט!“ — זענען אַלע מסכים געווען מיט מאַרטינעזעס קלוגע רייד און אַזוי ווי עס איז מער גאָרנישט געבליבן וואָס אָנצוזאָגן איינער דעם אַנדערן, זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן און איינגעהערט זיך אַ ווײַלע צום כראמטשען פון די פערד, וואָס האָבן מיט די יוכטענע ליפּן געצופּט דאָס גראָז. דערנאָך האָבן די מענער רויִקערהייט אויפגעהאַנגען די טאָרבעס אויף די זאָטלען, פאַמעלעך אַרויף אויף די סוסים און דערזען, ווי די גרינקייט פונעם סטעפּ האָט זיך געגרענעצט מיט גרויסע שטחים פעלדער, וואָס זענען שוין פון לאַנג געווען באַגילדעטע מיט הויכע און פאַרטיקע קאָרן־זאַנגען און דער־מיט אָפּגעטיילט די ווילדעניש פון דעם ציוויליזירטן לעבן. האָבן די אַכט יונ־גען גענומען די לייצעס אין די הענט און יעדערער איז אַוועקגעריטן אויף זיין באַזונדערן וועג.

כואַן און מאַרטינעז האָבן פאַרקערעוועט זייערע פערד אויף לינקס און אַוועק פאַזע דעם סטעפּ צו דער ריאָ נעגראָ פּראָווינץ. כאָסע מיט אַלפרעדאָ — אויף רעכטס און די אַנדערע פיר זענען איינציקווייז אַוועק צו די אַרומיקע פעלדער און האַסיענדאַס, אויפצוזוכן דאָרט די כאַלופּקעס פון די פעאָנען, דורכרעדן זיך מיט די דאָרטיקע מענטשן און דורכפירן די פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות, וואָס כוליטאָ האָט אויף יעדן איינעם אַרויפגעלייגט יט אַזוי פיל האָפענונגען.

הפנים, אַז דער מיטלוווקסיקער קאַרלאָס, וואָס איז געבוירן געוואָרן מיט אַ בעלמע אויף זיין לינקן אויג און מיט אַ היפּשער בראָדעווקע אויפן סאַמע שפּיץ פון זיין קורצער נאָז, אַזוי אַז ווען ער פלעגט אַ קוק טאָן אַראָפּ, האָבן זיך זיינע בליקן שטענדיק אָנגעטראָפן אויף אָט דער רויטלעכער בראָדעווקע. דער דאָזיקער בחור איז קיין צו גרויסער איבערקלערער נישט געווען. מחמת גלייך אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען ער האָט אין דער מיט פון אַ פעלד מיט מאַיִס דערזען ווי אַ היפּשער עולם פעאָנען, צוזאַמען מיט זייערע פרויען און אונטערגעוואַקסענע קינדער, זענען דאָרטן אַרומגעגאַנגען צווישן די הויכע שטעקלעך און אַרויסגעריסן די באַבערדלטע קוקורוזע און געוואָרפן צו זיך אין די קאָשיקעס, האָט דער „חכם“ לעבן זיי אָפּגעשטעלט דאָס פערד, איז אַראָפּ פון זאָטל, אויסגעמישט זיך מיט די עלטערע, אַרבעטנדיקע „הענט“ און באַלד אויפן אָרט אָנגעהויבן רעדן צו זיי:

— צוליב וואָס דאַרפט איר דאָ שקלאָפן פון קאַיאָר ביז זון־אונטערגאַנג און אַפילו נישט האָבן וואָס צו עסן צו דער זעט? פאָלגט מיך, וואַרפט אַוועק

די אַרבעט און גייט צו כוליטאַן אין די בערג, דאָרטן זענען פאַראַן נאָך אַ סך אַזעלכע ווי איר, וואָס ווילן זיך באַפרייען פון אַלע פּעאָדאַלן פון דער ערד...

פון די ווילדע און פלוצימדיקע רייד זענען די פּויערים צעשראָקן געוואָרן. שוין נישט אַזוי צוליב דעם מאָדנעם פאַרשוין מיט דער בראָדעווקע אויף דער נאָז, מיט דער צעריסענער שטרויענער פּאַנאַמע אויפן קאָפּ און אַפילו נישט פון זיינע „בונטאַרישע אַנצוהערעניש", ווי פון דעם אַליין, וואָס נישט ווייט פון זיי איז געשטאַנען דער בייזער קאַפּאַטאַז מיט צווי שוואַרצע און בלוטדורשטיקע הינט, וואָס זענען געווען אַזעלכע גרויסע ווי דערוואַקסענע שוואַרצע פּאַנטעראַס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אויף לאַנגע קייטן ביי זיך אין די הענט און מיט גזלנישער שטעכיקייט אין די בליקן געהיט יעדן ריר פון די האָרעפּאַשנע מענטשן. טאַקע דעריבער האָט איין פּעאָן געראָטן, אַז קאַרלאָס זאָל זיך אָפּטראָגן פון דאַנען איידער עס וועט ווערן צו שפּעט, און ער האָט דאָס אים געזאָגט אַ ביסל העכער ווי דאָס איז געווען נויטיק:

— גיי אַוועק פון דאַנען! לאָז אַרבעטן!...

אויף די רייד איז דער אויפזעער גלייך ווי אויסגעוואַקסן פון אונטער דער ערד לעבן דעם פריערדיקן פּעאָן און מיט שטרענגקייט אין קול געפרעגט:

— וואָס האָט דיר דער פרעמדער געזאָגט?... דערצייל! אויב נישט וועל איך דיך דאָ טויטן אויפן אָרט!

דער אָרעמער פּויער האָט גראָד נישט געוואָלט אויסגעבן דאָס, וואָס קאַרלאָס האָט אים פריער געזאָגט, נישט געוואָלט, אַז דער קאַפּאַטאַז זאָל עפּעס וויסן דערפון. איז ער אַ ווײלע געשטאַנען מיט פינטלדיקע אויגן און געשמייכלט אומבאַהאָלפן. אָבער איצט, אַז ער האָט אויף דער באַק דערפילט דעם ווייטיק פון דעם אויפזעערס פייערדיקן פּלאַם מיט דער האַנט און קיין אַנדער אויסוועג פאַר זיך נישט געזען, האָט ער בלויז דערציילט האַלב פון דעם אמת:

— דער דאָזיקער מוטשאַטשאָ האָט געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַוועקוואַרפן די אַרבעט און אַנטלויפן.

מער האָט דער קאַפּאַטאַז נישט געדאַרפט. אַ צערייצטער ווי אַ טיגער, וואָס איז ערשט אַרויס פון דזשאַנגל, האָט ער גלייך אָפּגעלאָזט די בייזע הינט פון די קייטן. די ווילדע כלבים האָבן זיך מיט אַ שוידערלעכן געוואָי און האַווקעריי אַ לאָז געטאָן נאָך דעם אַנטלויפנדיקן קאַרלאָס, וועלכער האָט איצט בלויז געוואָלט וואָס גיכער אַרויפכאַפּן זיך אויף זיין פערד און אָפּציִען פון דאַנען. ערשט איין הונט איז פלוצים אַרויפגעשפּרונגען אויף זיין פּלייצע מיט אַזאַ מעכטיקער קראַפט, אַז דער בחור איז אומגעפאַלן, און דער אַנדערער הונט מיט מוראַדיקע גרויסע און שאַרפע ציין, האָט אין איין רגע איבערגע־ביסן דעם מענטשנס גאָרגל און אויפגעטרענט דעם בויך. אָבער אין מיטן דערינען איז צוגעלאָפן דער קאַפּאַטאַז. אַ געלאַסענער האָט ער אַרויסגעצויגן

דעם רעוואָלווער פון שיידל און אַריינגעיאָגט דריי קוילן קאַרלאָסן אין קאָפּ און צוויי אין גוף, וואָס האָט זיך שוין אַלץ איינס נישט באַוועגט.

בלויז אויף אַ קליינער ווײַלע זענען די פּעאָנען, וואָס האָבן צוגעזען די שרעקלעכע סצענע שטיין געבליבן ווי פּאַראַליזירטע און, דוכט זיך, מער נישט געקאָנט רירן מיט אַ האַנט צום דערלאַנגען די קוקורוזע אויף די שטעקלעך. אָבער ווען דער אויפזעער האָט זיך דערנאָך אַ געלאָסענער און אַ באַרויקטער צוריקגעקערט אויף זיין פריערדיקע אָרט און באַמערקט, ווי די פּעאָנען זע־נען געשטאַנען צעשראָקענע, טוען גאָרנישט און פּטרן אַוועק די צייט אומזיסט, האָט ער בלויז איין געשריי געגעבן: טראַבאַכאַר! און די שקלאַפן האָבן זיך אויפגעכאַפּט ווי פון אַ בייזן חלום און מיט נייעם כוח און מער פלייס ווי פריער, אָנגעהויבן אַרויסרייסן די קוקורוזע פון די שטעקלעך. און פאַר זיי איז קלאָר געוואָרן, אַז אין די פאַרפּלאָנטערטע רייד פון דעם דערמאָרדעטן בחור איז עפּעס געלעגן אַ קליין קערנדל פון גאָר אַ גרויסן אמת, אַן אמת, וואָס איז ביי יעדן פון זיי געווען טיף אין די הערצער, אָבער קיינער האָט נישט געוואָגט צו זאָגן דאָס אין דער עפנטלעכקייט.

עס האָט נישט גענומען לאַנג און די פּעאָנען האָבן דערזען, ווי פון הימל איז אָנגעפלויגן אַ טשאַטע רויב־פייגל, וואָס האָבן בלויז אין אַ פּאָר מינוט פאַרצוקט קאַרלאָסעס קערפּער, אויסגעגריזשעט דעם מאַרך מיט די אויגן פון זיין צעלעכערטן שאַרבן. דערנאָך אַ הויב געגעבן זיך אין דער לופטן און אויף דער ערד איבערגעלאָזט די נאַקעטע ביינער פון דעם סקעלעט, וואָס איז פון דער בריענדיקער זון, מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ ווייסער און אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די פאַרהאָרעוועטע פּויערים.

די גרויזאַמע סצענע אין פעלד האָט זיך אַזוי אַריינגעקריצט אין די הערצער און אין די מוחות פון די פּעאָנען, אַז ביז שפּעט אין דער נאַכט זענען זיי געלעגן ביי זיך אויף די האַרטע, שטרויענע שעניקעס, אין די קליינע בלע־כערנע כאַטקעס אַזעלכע דערשיטערטע, אַז זיי האָבן קאַרלאָסעס סוף אָנגע־מאָסטן אויף זיך אַליין. זענען זיי אַרום איינס אַזייגער פאַרטאָג אַרויס אין גרויסן הויף פון דער האַסיענדאַ, אויף אַ ווײַלע פאַרקליבן זיך אין דעם נייעם גרויסן שייער. און פונקט ווי זיי וואָלטן געהאַט איינעם און דעם זעלבן גע־דאַנק, האָבן זיי דערנאָך צוגעלאַשטשעט צו זיך די בלוטדורשטיקע הינט און געגעבן צו פרעסן צו גרויסע שטיקער פאַרסמט פלייש. נאָך דעם האָבן זיך עטלעכע מענער אַריינגעריסן צו דעם אויפזעער אין שטוב און איינער פון זיי האָט דעם שלאָפנדיקן קאַפּאַטאַז אַריינגערוקט זיין קינזשאַל אין האַרצן און דערמיט אָפּגערעכנט זיך נישט נאָר פאַר קאַרלאָסעס טויט, נאָר אויך פאַר אַלע זייערע צרות און ליידן, וואָס זיי זענען ביז איצט אויסגעשטאַנען פון דעם נפש.

נאָך דעם אַקט האָבן זיך אַפּאָר צענדליק פּעאָנען אַריינגעכאַפּט צו דעם

פריץ, סעניאָר דאָן סטעפּאַ דע וואַרגאַ אין דעם רייכן פּאַלאַץ. אויף גיך אָפּ־געפּאַרטיקט זיך מיט דער גאַנצער משפּחה, פון דאַנען אַרויסגעטאַסקעט אין דרויסן דאָס גאַנצע געווער וואָס זיי האָבן דאָרט געפונען. זיי האָבן מיטגע־נומען אַלע קליידער, בעטגעוואַנד, גאָלד און זילבער, טעפּיכער, געפעס — אַלץ וואָס האָט זיך נאָר געפונען אונטער דער האַנט. האָט דער המון אַרויפּ־געלייגט אויף די עטלעכע וועגענער צו וואָס אַנדערע „הענט" האָבן דערווייל באַוויזן צוצושפּאַנען צו פיר פערד „נאַשפּיץ". יעדע פור איז געווען אָנגע־לאָדן מיט מעל, זעקלעך ווייץ, קאַרטאָפל און מיט ווייבער און קינדער. די איבעריקע מענער האָבן פון קאַראַל אַרויסגעפירט די בעסטע סוסים, זיי אָנ־געזאָטלט און צוזאַמען מיט די וועגענער אַרויסגעפאָרן פון דער האַסיענדאַ.

נאָר באַלד האָבן זיך אייניקע פּעאָנען געכאַפּט, אַז עס איז בעסער אָפּצו־ווישן די שפּורן. האָבן זיי זיך צוריקגעקערט און אַרום די הייזער מיט די שייַ־ערן אויסגעלייגט אַ סך שטרוי און דאָס אונטערגעצונדן. די קלעצער מיט די בערוועגעס פון די בנינים זענען געווען אויסגעטריקנטע פון דער זון, האָט זיי דאָס אָנגעצונדענע שטרוי געגעבן אַ פּלאַמיקן קוש. דעמאָלט האָבן זיך די עטלעכע פּעאָנען אַוועקגעלאָזט אין גאַלאָפּ צו דעריאָגן די אָפּציִענדיקע וועַ־גענער, מיט די אַנדערע רייטער און אַ שטיק צייט האָבן דערנאָך אַלע געזען ווי די האַסיענדאַ, וואָס האָט זיך גערופן „„דאָס היכאָס", האָט געפלאַקערט מיט אַ העליש פייער און צעטריבן אַרום זיך די פּאַרטאַגיקע טונקלקייט. לאַנגע, פּלאַמיקע צונגען האָבן מיט אַ מעכטיקער גבורה אַרויפגעשאָסן אין דער הויך. מיליאָסן רויטע פונקען, צוזאַמען מיט שטיקלעך האָלאָוועשקעס, זענען זיי מיט אַ מאָדנער פלינקייט געפלויגן צום הימל און פון די העכסטע הויכן צו־ריקגעפאַלן צו דער ערד אין אַ פייערדיקן רעגן. דער שוואַרצער הימל האָט זיך אָנגעצונדן און אַ פּאָר אומשולדיקע, פּאַרביישווימענדיקע וואָלקנס זענען תיכף פּאַרפלאַמט געוואָרן און אָפּגעפּאַרבט זייערע ברעגן אויף אַ צונטער־רויטן קאָליר און די אַנטלאָפענע פּעאָנען האָבן בשום אופן נישט געקאָנט וויסן צי דאָס האָט אַזוי מוראדיק געברענט דער הימל אָדער די ערד.

די זעקס פורן מיט די רייטער ביי די זייטן און פון הינטן האָבן געצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער אין סטעפּ. פון דעם שטענדיקן טרייסלען זיך און וויגן זיך זענען די קינדער אויף די וועגענער איינגעשלאָפן. אויך די פרויען האָבן, ווי הינער, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ און געדרעמלט. בלויז די רייטער מיט די אָנטרייבער זענען געווען וואַכע און אַלע ווילע אונטערגעיאָגט די פערד, אַז זיי זאָלן שטעלן פיס און נישט אַרונטערלאָזן די אונטערשטע ליפּן ביים גיין.

ווען די זון איז אויפגעגאַנגען און איינגעהילט דעם גאַנצן סטעפּ אין אַ גאָלדענעם וואָאַל האָבן אַפילו די רייטער מיט די אונטערטרייבער, וואָס זענען געזעסן אויף זייערע פערד, אויף די קאָזלעס, מיט אַראָפּגערוקטן סאָמבעראָס ביז איבער די אויגן, געשמאַק געכראָפּעט. די פערד זענען געגאַנגען פוס־

טריט. אַלע ווײַלע האָבן די סוסים געפּאַרכקעט מיט די נאַסע נאָזדרעס, גע־שנאַלט מיט די אויערן, געדרייט די קעפּ צו די רײַטער, צו די אָנטרײַבער און הפּנים געוואָלט אויפכאַפּן אַ „וויאָקען", אַ „ביאָקען" צי אַ צי פון אַ לייצע, וואָס זאָל זיי אָנזאָגן, אָדער כאָטש אָנדייטן וווהין צו גיין. נאָר אַנשטאָט דעם האָבן זיי גאָר אויפגעכאַפּט דאָס כראָפּען פון די שלאָפנדיקע מענטשן און זע־נען געוווען צופרידן, וואָס איצט האָט זיי קיינער נישט געטריבן, נישט גע־שמיסן מיט די בײַטשן איבער די זייטן, איבער די שפּינעס. האָט זיך דער קאַ־ראַוואַן געשלעפּט פון דער נאַכט אַרויס, געשאָקלט זיך, געוויגט זיך אַלץ ווײַטער און ווײַטער אין טאָג אַרײַן און דער אַרומיקער סטעפּ האָט זיך מיט געשפּאַנטקייט אײַנגעהערט צום מאָדנעם געסקריפּ פון די נישט געשמירטע רעדער.

אָבער שפּעטער אַ ווײַלע, אַז די זון האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגעקאַ־ראַפּקעט אויפן הימל און ווי אַ ריזיקע, אָנגעגליטע סקאָווראָדע, געסמאַליעט די פּנימער פון די שלאָפנדיקע מענטשן, האָט זיך אַ רײַטנדיקער פּעאָן אין די פופציקער יאָרן, מיט אַזאַ מאָרדע האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויע באַרשט פון שטעכיקע האָר — אויפגעכאַפּט. מיט די ברודיקע פינגער פון די הענט אַרויסגעריבן דעם שלאָף פון די אויגן און אַ געשריי געטאָן:

— שטייט אויף, איר פאַרדאַמטע פּעפּער!

אַפּריער האָבן זיך אויפגעכאַפּט די פרויען, דערנאָך — די מענער. די קינ־דער האָבן זיך די לעצטע אויסגעטשוכעט פון שלאָף און גלײַך אָנגעהויבן צו וויינען, אַז זיי ווילן עסן.

זייער געוויין האָט אויפגעמונטערט אַלע אויפוואַכנדיקע מענטשן. האָט מען אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט די פערד און אַרומגעקוקט זיך: „ווו איז מען דאָס אין דער וועלט?" צי איז מען שוין אָפּגעפאָרן ווײַט גענוג פון דער ברע־גענדיקער האַסיענדאַ?... דער אַלטער פּעאָן האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק און באַמערקט, אַז קיין רויך אויפן האָריזאָנט האָט זיך נישט געזען, האָט ער געזאָגט צו די אַנדערע מיטפאָרער:

— קאַראַמבאַ! מיר זענען שוין פון דאָרטן זייער ווײַט! מען דאַרף אויפ־זוכן אַ פּאַסיקן אָרט און אָפּשטעלן זיך אויף אַ פּאָר שעה עסן...

צו זוכן ווײַט אַזאַ מין פּלאַץ האָט מען נישט געדאַרפט. ווײַל דער אָנטרײַ־בער פון דער ערשטער פור האָט באַלד דערזען אַ גאַנצע משפּחה פון געדיכטע און הויך וואַקסנדיקע ביימער. איז דאָרטן דער קאַראַוואַן אין אַ ווײַלע אַרום שטיין געבליבן. די אַכט און פערציק פּעאָנען האָבן אויסגעשפּאַנט די פערד, זיי געלאָזט אויף דער פּאַשע און די ווײַבער האָבן דערווײַלע געמאַכט אַ פײַער און צוגעשטעלט קאָכן מאַיִס מיט מאַטע.

אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן די מענער צוריק אײַנגעשפּאַנט די סוסים. אויף די וועגענער אַרויפגעזעצט די קינדער, מיט די שוואַנגערדיקע פרויען

און דער קאַראַוואַן האָט זיך געוואָלט רירן פון אָרט. ערשט אַלע האָבן זיך געכאַפּט, אַז אייגנטלעך האָט קיינער נישט געוווּסט וווּהין צו פאָרן. איז מען אַ ווײַלע געשטאַנען ווי פאַרלוירענע און געקראַצט זיך אין די פּאַטילעצעס. עס קאָן זײַן, אַז די אַנטלאָפענע וואָלטן אַזוי געשטאַנען אַ גאַנצע אייביקייט, נאָר דער עלטסטער פּעאָן, אַ מאַן אין די זעכציקער, מיט אַ צערונצלטן פּנים איז צוגעגאַנגען צו דעם האָמברע, מיט וועמען קאַרלאָס האָט נעכטן גערעדט אין פעלד ביי דער אַרבעט, און דער אַלטער מאַן האָט ביי אים געפרעגט:

— וואָס האָט דיר נעכטן דער יונג געזאָגט? אין וועלכער ריכטונג דאַרף מען פאָרן? דו דערמאַן זיך גוט און דערצייל אַקוראַט, דו פאַרשטייסט?...

דער אָליוו־הויטיקער און מיטל־יעריקער פּויער, וואָס איז נאָך אַלץ געווען אַ צעשראָקענער פון דער שווידערלעכער סצענע נעכטן אין פעלד ביי דער אַרבעט, האָט אַ לאַנגע צייט געטראַכט, געפּרוּווט צו דערמאָנען זיך אַלץ, וואָס קאַרלאָס האָט אים געזאָגט, איידער די הינט האָבן אים איבערגעביסן דער גאָרגל און איידער דער אויפזעער האָט אין אים אַרײַנגעיאָגט עטלעכע קוילן און צום סוף האָט דער פּעאָן קוים אַרויסגערעדט:

— דער פּאָבּרעסיטאָ (דער אָרעמער נעבעך) האָט מיר נעכטן אויף גיך דערציילט, אַז אין די פּאַטאַגאָניער בערג, גלייך הינטער דעם באַהיאַ בלאַנקער סטעפּ איז פאַראַן עפּעס אַזאַ מאַן, וואָס רופט זיך כוליטאָ, מיט אַ גרויסער כאָפּטע פּעאָנען, וועלכע קעמפן קעגן די פּריצים, ווילן די רייכע ראַנטשעראָס אַראָפּטרייבן פון דער ערד און דערפאַר ווילן זיי, אַז אַלע אָרעמע פּעאָנען און אַרבעטער זאָלן קומען אין די בערג און העלפן דעם אַרגענטינישן פאָלק צו ווערן פרייע מענטשן. מער געדענק איך נישט...

— אַהאַ! — האָט דער זעכציק־יעריקער פּעאָן אַרויסגערופן אַ דערפרייטער — הייסט דאָס טאַקע, אַז מען דאַרף זיך פאַרנעמען צו די פּאַטאַגאָניער בערג? אָבער?... צי ווייסטו דען נישט, דו אייזל־קאָפּ, אַז די דאָזיקע בערג זענען אַזעלכע לאַנגע, אַז זיי פאַלן אַזש אַרײַן אין די „אַנדן"־בערג? היינט גיי און טרעף צי מיר זאָלן פאָרן אויף רעכטס צי אויף לינקס? נאָד וואָס איז שוין דער אונטערשייד?... צוליב וואָס זאָלן מיר דאָ שטיין אונטער דער ברענענדיקער זון און באַלאַקען?... לאָמיר שניידן גלייך צו די בערג און דאָרטן וועלן מיר זוכן אַ שפּור צו דעם דאָזיקן כוליטאָס באַהעלטעניש...

הפּנים, אַז אין דער אונטערגעצונדענער האַסיענדאַ איז אָט דער אַלטער פּעאָן געווען דער וואָרט־זאָגער. ווייל צו אים האָבן זיך צוגעהערט נישט נאָר די מיטל־יעריקע פּויערים, נאָר אַפילו די יונגע. זיי האָבן געפאָלגט אַלץ וואָס ער האָט געזאָגט און דער אָנגעלאָדענער קאַראַוואַן האָט פינף טעג נאָכאַנאַנד דורכגעשניטן די ברייט פון דער היגער פּאַמפּאַ און ערשט אויפן זעקסטן, האָט איינער פון די כוליטאָס וועכטער דערזען, שטייענדיק ווי אַלע מאָל אויף אַ באַרג, אַז אויפן סטעפּ האָט זיך באַוועגט אַן עשאַלאָן מיט וועגענער, וועלכע

זענען געווען באַגלייט פון אַ גרויסער צאָל רייטער, האָט דער וועכטער צוגע־רופן אַנטאָניאָן דעם „פערד" און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף דער גרין־גראָזיקער פּאַמפּאַ:

— דו זעסט? אַ סך מענטשן פאָרן! דערצייל דאָס כוליטאָן! מען דאַרף אויסגעפינען ווער זיי זענען. אפשר איז דאָס גאָר מיליטער, צי פּאָליציי?...

אַנטאָניאָ, וועלכער איז שוין דאָ געוואָרן אַ גאַנצער „קאָמאַנדיר", האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָן נישט זיין קיין מיליטער, צי פּאָליציי, אָדער זשאַנ־דאַרמען. מחמת יענע וואָלטן דאָך נישט מיטגעפירט מיט זיך אַזוי פיל וועגע־נער און דערצו נאָך — אין מיטן העלן טאָג. פונדעסטוועגן האָט ער אויף זיך נישט געוואָלט נעמען די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. איז ער אויף גיך אַוועקגע־לאָפן צו כוליטאָן און דערציילט סיי אים און סיי ראַפאַעלן, פון דעם וואָס ער האָט אויפן באַרג געזען. האָט דער סטעפּ־יונג באַפוילן, אַז ער מיט ראַפאַעלן זאָלן נעמען ביקסן אין די הענט, אַרויספאָרן רייטנדיק אין סטעפּ און דער־קונדיקן זיך ווער די פאָרער זענען און ווער עס האָט זיי אַהער געשיקט.

אומגעפער, אין אַ האַלבער שעה אַרום, האָט ראַפאַעל און אַנטאָניאָ, מיט אָנגעלאָדענע ביקסן אין די הענט, אָפּגעשטעלט דעם קאַראַוואַן. איינער פון איין זייט און דער אַנדערער פון דעם צווייטן זייט האָבן פונווייטן אַ ווײַלע באַטראַכט די רייטער, די אָנטרייבער, די פרויען מיט די קינדער און ראַפאַעל האָט מיט שטרענגקייט אין קול געפרעגט:

— ווער זענט איר?! פון וואַנען קומט איר און ווער האָט אייך געשיקט אַהער?!...

דער זעכציק־יעריקער פּעאָן האָט זיך נישט דערשראָקן פאַר די אָנגע־צילעוועטע ביקסן. פּאַמעלעך איז ער אַראָפּגעקראָכן פון זיין וואָגן. מיט גע־מאָסטענע טריט צוגעגאַנגען צו ראַפאַעלן און מיט פרייד אין די וו[illegible]סערדיקע אויגן האָט ער אַראָפּגענומען דעם סאָמבררעראָ פון קאָפּ:

— האָלאַ, מוטשאַטשאָס! צו אונדז אין פעלד, ביי דער אַרבעט פאַרשטייט זיך, איז כמעט מיט אַ וואָך צוריק געקומען אַ יונגערמאַן מיט אַ בראָדעוועקע אויפן נאָז און מיט אַ צעפליקטער, שטרויענער סאָמבררעראָ. דער דאָזיקער כאָוועז האָט געהאַט אַ בעלמע אויף דער לינקער אויג. דער יונג האָט אונדז געהייסן פאָרן אַהער. ער האָט נאָך באַוויזן צו זאָגן, אַז דאָ ערגעץ געפינט זיך אַזאַ מענטש, וואָס הייסט כוליטאָ און נעמט זיך אָן פאַר אָרעמע פּעאָנען. אָבער דער יונגלינג האָט נישט דערלעבט צו זאָגן עפּעס מער. ווייל אונדזער קאַפּאַ־טאַז האָט אים גלייך דערשאָסן. דאָס האָט אונדז אַזוי אויפגעטרייסלט, אַז מיר האָבן אים, צוזאַמען מיט דעם סעניאָר פון דער האַסיענדאַ „דאָס היכאָס" — אַוועקגעלייגט און אונטערגעצונדן אַלע שטיבער מיט די שייערן און?... אָט זענען מיר דאָ!...

— דאָס איז דאָך געוויס געווען קאַרלאָס! — האָט אַנטאָניאָ דער „פערד" אַ געשריי געטאָן צו ראַפאַעלן און דאָס האָט שוין אויך געמיינט, אַז דער קאַראַוואַן איז אַ „לעגאַלער" און ער מעג גלייך אַריינפאָרן אין דעם געהיימען טאָל, ווו דער לאַגער האָט זיך געפונען. אָבער ראַפאַעל האָט געוואָלט זיין זיכער אויף גאַנצע הונדערט פּראָצענט, אַז ער מאַכט נישט קיין טעות, אויף גיך אַ זאָג געגעבן סיי צו אַנטאָניאָן און סיי צו דעם אַלטן פּעאָן: „וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע"! און אַליין ווי אַ ווינט אַוועקגעגאַלאָפּירט צוריק אין טאָל דורכ־צורעדן זיך דאָרט וועגן דעם מיט כוליטאָן.

אַנטאָניאָ איז געבליבן וואַרטן לעבן די פּורן און לויט זיין אַלטער גע־וווינהייט נאָך אַ מאָל גוט באַטראַכט יעדן יונגן פּעאָן און שוין געקלערט וועגן דעם, ווי גיך אים וועט זיך איינגעבן אויסצולערנען אָט די נייע מענטשן צו שיסן און טרעפן אין ציל און וואָס פּאַראַ קעמפער עס וועט אַרויסקומען פון אָט דעם רויען מאַטעריאַל?... נאָר לאַנג טראַכטן איז אים נישט אויסגע־קומען, ווייל באַלד האָט זיך ראַפאַעל צוריקגעקערט פון לאַגער און נאָך פון דער ווייטן געפאָכעט מיט דער האַנט אין דער לופטן, אַז דער גאַנצער קאַ־ראַוואַן זאָל זיך רירן פון אָרט און וואָס גיכער אים נאָכפאָרן.

ווען דער קאַראַוואַן האָט דורכגעקאָלייעט דעם פאַרפּלאָנטערטן טאָל און דערנאָך אַריינגעפאָרן אין לאַגער, ווו די רייטער זענען שטיין געבליבן לעבן די וועגענער, איז כוליטאָ מיט אַלע זיינע יונגען אַרויס מקבל־פּנים זיין די נייע, אַנגעקומענע פּעאָנען:

— ווילקאָמען, קאָמפּאַניעראָס! — האָט זיין טיף ברוסטיקע שטים אַזוי דורכגעאַקערט דעם גאַנצן לאַגער, אַז זיינע ווערטער האָבן זיך אַריינגעגלעט צו יעדערן אין האַרצן — דאָ וועט איר מער נישט זיין קיין שקלאַפן, נאָר פרייע מענטשן. קיינער וועט אייך מער נישט שיסן און נישט שמייסן, קיינער וועט אייך פון היינט אָן מער נישט באַליידיקן. דאָ וועט איר זיין גלייכע האָמב־רעס מיט אונדז אַלעמען. אָבער, איר וועט אונדז דאַרפן אַנטשולדיקן, וואָס דערווײַלע האָבן מיר נישט פאַר אַלעמען קיינע באַזונדערע ביידלעך. די מו־טשאַטשאַס וועלן מוזן זיין צוזאַמען מיט אַנדערע. אָבער פאַר די, וואָס האָבן ווייבער מיט קינדער וועלן מיר אָפּליידיקן איניקע „וווינונגען". איך האָף, אַז דאָס וועט בלויז זיין אַ צייטווייליקע זאַך.

די ניי־געקומענע האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט, וואָס כוליטאָ האָט אַרויס־גערעדט. זיי האָבן לאַנג און דורכדרינגלעך געקוקט אויף זיין לענגלעכן פּנים, מיטן גלייך געשניצטן נאָז און די טיפע, קאַרע, פאַרחלומטע אויגן, אין וועלכע עס איז געלעגן דער אומעט פון אַלע אַרגענטינער בערג און טאָלן. די פּעאָנען האָבן גאָרנישט געגלויבט, אַז אָט דער יונגערמאַן, וועלכער האָט נישט אויס־געזען צו זיין עלטער פון אַרום פינף און צוואַנציק יאָר, איז ווירקלעך דער פירער פון דעם לאַגער אויפשטענדלער. מחמת אין זייערע פאַנטאַזיעס האָבן

זיך די ניי־געקומענע די גאַנצע זאַך פאַרגעשטעלט, אַז דער הויפּט בונטאָוו־שטשיק איז עפּעס אַן עלטערער מאַן מיט אַ בייזן פּנים און האַרטן, באַפעלע־רישן קול, וואָס מען מוז אוספאָלגן אַלע זיינע קאַפּריזן און דאָ איז גאָר פּאַר זיי געשטאַנען אַן איינגענער, אַ ליבער יאַט, וואָס האָט קאָנטיק געהאַט אַ האַרץ פון גאָלד...

פונדעסטוועגן האָבן די נייע פּעאָנען גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ אין לאַגער האָט געהערשט אַן אָנגענומענע דיסציפּלין. ווייל אַט האָט כוליטאָ עפּעס אַריינ־געריימט אַנטאָניאָן, און ער האָט באַלד באַפוילן די יונגען, וואָס זענען געווען דאָ אין לאַגער נאָך פון פריער, אַז זיי זאָלן אָפּליידיקן זייערע ביידלעך און דאָס אָפּגעבן צו די נייע משפּחות און אַליין אַריבערקלייבן זיך צו אַנדערע אין די פּאַלאַטקעס און דער באַפעל איז תיכף דורכגעפירט געוואָרן.

די אַנדערע שליחים: כאַימע, אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ און ראַמאָס טשיקאָ זענען געווען אַ סך קלוגער און געשיקטער, פּאַרזיכטיקער פון זייער חבר קאַרלאָס, וועמען דער אויפזעער פון דער האַסיענדאַ „דאָס היכאַס" האָט אומגעבראַכט אויף אַזאַ שוידערלעכן אופן. זיי זענען צו די פּעאָנען אין די פעלדער ביי דער אַרבעט נישט געגאַנגען. פון אייגענער דערפאַרונג האָבן זיי געוווּסט, אַז דאָרטן איז פאַראַנען אַלע מאָל דער אויפזעער און אַ מאָל אַפילו דער פּריץ אַליין. דעריבער האָבן זיי זיך אין די אָוונטן אַריינגעגנבעט צו די פּויערים אין די כאַטקעס און ווען עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבן דאָס ערשטע מאָל צו רעדן מיט יענע מענטשן וועגן כוליטאָן, זענען זיי געקומען אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל און ווידער קודם געבעטן זיך מען זאָל זיי לאָזן איבערנעכטיקן כאַטש אויף דער ערד. אַז דאָס האָט זיך סוף כל סוף איינגעגעבן, ערשט דעמאָלט האָבן זיי פאַרשטעלטערהייט, מיט איינצלנע ווערטער אויפגעקלערט די פינצטערע דאַליע פון דעם אַרגענטינישן פּעאָן און פאַרן אַוועקגיין, ווען זיי זענען שוין געווען אַ ביסל זיכערער מיט די האָמברעס — האָבן זיי ערשט דערציילט וועגן כוליטאָן און געראָטן, אַז זיי זאָלן אַנטלויפן אין די פּאַטאַ־גאָניער בערג.

אַזוי זענען די יונגען געפאָרן און אַפילו געגאַנגען צו פוס פון איין האַ־סיענדאַ צו דער אַנדערער און אומעטום אויפגעוועקט די פּעאָנען פון זייער דורותדיקן שלאָף. אמת, די אַרבעט איז געווען אַ שווערע און אַ געפערלעכע, ווייל אויף שריט און טריט האָט געלויערט דער טויט... ס'איז אויך אמת, אַז נישט פון איין כאַטקע האָט מען זיי אַרויסגעטריבן און אַפילו געסטראַשעט, אַז מען וועט דאָס דערציילן דעם „קאַפּאַטאַז". אָבער די מי האָט זיך פאַרט געלוינט. און אין אַ שטיקל צייט אַרום, שוין נאָך דעם ווי דער ערשטער קאַראַוואַן מיט די ווייבער און קינדער זענען אָנגעקומען אין לאַגער, האָבן זיך אויף די באַהיאַ בלאַנקער סטעפּעס באַוויזן לאַנגע רייען מיט יונגע פּעאָנען, וואָס זענען אויף צוגעגנבעטע פערד געריטן פריילעכע און זאָרגלאָזע אַלץ

בעענטער און נעענטער צו די פּאַטאַגאָניער בערג, ווו זיי זענען באַגעגנט געוואָרן פון כוליטאַס מענטשן מיט „הוראַ!"-געשרייען.

מיט אַ דריי חדשים שפּעטער האָבן כואַן און מאַרטינעז, פון זייער אַ ווייטער פּראָווינץ, געבראַכט כמעט אַ גאַנצע שטעטל מיט יונגע און מוטיקע קעמפער פאַר פרייהייט. צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ פּאָר אָרעמע גאַוטשאָס, שוסטער, שניידער, הויז־בויער און סטאָליאַרעס. פון די שטעטלעך, פון אַרום טשובוט און ריאָ נעגראָ האָט זיך צו דעם אַטריאַד צוגעשטעלט אַ כאָפּטע פון זעכצן אויסגעהונגערטע יונגע מיידלעך, וועלכע זענען דערנאָך אין לאַגער שוין ממש „פאַרצוקערט" געוואָרן פון די דאָרטיקע יונגע מענער.

אין צוויי וואָכן אַרום האָט אַלפרעדאָ אַהער געבראַכט אַ האַלבן דאָרף מיט אינדיאַנער פון קאַטאַמאַרקאָ געגנט. דאָס זענען געווען זייער אָפּגעשטאַנענע און פּרימיטיווע נפשות. אָבער דערפאַר — גוט־מוטיקע און געהאָרכזאַמע. איצט, אַז אַחוץ די ווייבער מיט די קינדער, האָט שוין דער לאַגער געציילט דריי הונדערט מיט פינף און אַכציק מענער, האָט אַנטאָניאָ דער „פערד" קיין צייט נישט געוואָלט פאַרלירן און אַלע ניי־צוגעקומענע, אָן אויסנאַם פון עלטער, גלייך פון אין דער פרי אָן ביז זון־פאַרגאַנג צעשטעלט אין לאַנגע קאָלאָנען און טאָג נאָך טאָג געלערנט זיי ווי אומצוגיין מיט ביקסן און פירן אַ פּאַרטיזאַנער מלחמה. ביכטנדיקן שלאַכט מיטן שונא.

אויך לאָפּעז, דער בייטשן העלד, האָט געוואָלט וואָס גיכער אויסלערנען אַ פּאָר הונדערט מוטשאַטשאָס ווי צו פעכטן מיט „גאַוטשאָ"-בייטשן. נאָר ער האָט קודם געדאַרפט וואַרטן ביז ראַפּאַעל האָט פון באַהיאַ־בלאַנקאָ געבראַכט אַ גאַנצן קאַסטן מיט איבער הונדערט און אַכציק לאַנגע, רימענע בייטשן, מיט שטאַרקע, הענטלעך, וואָס זאָלן פּאַסן פאַר דעם צוועק. אַגב האָט ער אָפּריִער געוואָלט אויסגעפינען, ווער פון די אַלע יונגע מענטשן זענען די געזינטסטע און די ספּריטנעסטע, וואָס זאָלן זיך אויסטויגן צו אַ בייטש־געפעכט. דעריבער, ביז ראַפּאַעל איז צוריקגעקומען, איז ער דערווייל אַלע טאָג אַרומגעגאַנגען אַרום די רייען יונגען, וועמען אַנטאָניאָ האָט געלערנט שיסן און פון ווייטן באַאָבאַכטעט יעדן איינעם באַזונדער. אָפּגעמאָסטן יענעמס גבורה, די געשיקטקייט און דעם אופן ווי אַזוי יעדער פּעאָן האָט גייסטיק אויפגענומען די קאַמפּליצירטע לערע פון טרעפן אין ציל.

דערפאַר, אַז די בייטשן זענען אָנגעקומען פון באַהיאַ־בלאַנקאָ, איז לאָפּעז, שוין מיט אַ רשימה ביי זיך אין געדאַנק, אַרומגעגאַנגען פון איין ריי מיט קעמפער צו דער אַנדערער און פון דאָרטן אַרויסגעשיילט הונדערט מיט זעכציק קנאַכיקע יונגען און פון זיי פאַרמירט אַ פעכט־אָפּטיילונג. די יאַטן האָט ער אָפּריִער געלערנט איינציקווייז, דערנאָך האָט ער זיי אויסגעשטעלט איינעם אַנטקעגן דעם אַנדערן, מיט אַ חלל פון צוועלף שפּאַנען אין דער מיטן און

זיי געלערנט יעדע מאַנעווער און באַוועגונג פונעם קערפּער און פון די רעכטע הענט, אין וועלכע זיי האָבן געהאַלטן די בייטשן.

אמת, מער ווי צו אַ פּאָר שעה אַ טאָג האָט ער זיי נישט געקאָנט לערנען, ווייל די אַנדערע פּאָר שעה פונעם טאָג האָבן זיי געמוזט זיין אונטער אַנטאָניאָס שיס־קאָמאַנדע. אָבער דערפאַר איז לאָפּעז געווען אַזאַ איבערגעגעבענער און גוטער „פּעדאַגאָג״, אַז אין לויף פון דריי חדשים איז שוין זיין „פּעכט־אָפּטיילונג״ געווען גרייט צו גיין אין „אַטאַקע״ און פאַרמעסטן זיך אַפילו מיט דעם געשיקטסטן און געפערלעכסטן שונא.

דער אָנפאַל אויף באַהיאַ בלאַנקאַ

זינט עמאַליטאַ איז אַוועק פון דער וועלט, איז כוליטאַ געוואָרן אַ סך באַזאַכטער און געזעצטער. אין די קאַרע אויגן האָט זיך פאַרקליבן אַ צאַרטע מילדקייט. זיי האָבן שוין מער נישט געשאָסן מיט די זעלביקע גליאיקע פלעמעלעך ווי אַמאָל. נאָר ווען עמעצער וואָלט זיך גוט איינגעקוקט אין זיי, וואָלט ער פונדעסטוועגן גלייך באַמערקט, אַז ווייט און טיף אין די אויגן איז נאָך אַלץ געלעגן אַ פאַרבאַהאַלטענער, ווילדער פונקט, וואָס האָט יעדע רגע געקאָנט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פלאַם. כאָטש זיין טראָט איז גראָד מיט דער צייט יאָ געוואָרן האַרטער און געזיכערטער. זיין הויכע פיגור האָט געשלאָגן מיט דער גבורה פון די אַרומיקע ווילדע בערג. בכלל האָט דער סטעפּ־יונג אָנגענומען די פּאָזע פון אַ דערפאַרענעם פירער. נאָר אויף זיין שוואַרצחנעווודיק פּנים איז נאָך אַלץ געלעגן אַ ים מיט גוטסקייט.

אמת, אַרום אַ יאָר נאָך זיין ווייבלס טויט האָט כוליטאַ נאָך אַלץ געבענקט נאָך איר געלעכטער און נאָך איר ווייכן און וואַרעמען קערפּער. אים האָט געפעלט אירע צאַרטע לאַסקעס און שעלמישע שמייכעלעך, וואָס האָט דעם סטעפּ־יונג אַ לאַנגע צייט נישט געלאָזן רוען. אין אַזעלכע מינוטן פלעגט ער ליגן ביי זיך אויפן געלעגער מיט אויפגעריסענע אויגן און, דוכט זיך, געזען עמאַליטאַן שטיין לעבן זיין „בעטל״ ווי אַ לעבעדיקע און מיט איר שטעכיק, שפּיציקן בוזעם און וויגנדיקע היפּטן גערייצט זיין צעיוכעטע פאַנטאַזיע ביז צום פּלאַצן און אים נישט געלאָזט איינשלאָפן אפילו אויף קיין רגע.

דעריבער האָט ער אין די לעצטע פּאָר יאָר זיך אַזוי אימפּעטיק אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט און מען האָט דייטלעך געקאָנט זען, אַז אים איז פּשוט געגאַנגען אין לעבן: פון די ניי געקומענע מענער אין לאַגער זאָל ער מיט אַנטאָניאָ דעם „פערדס״ הילף אויסשמידן אַ קליינע, אָבער אַזאַ גוט אויסגעשולטע „אַרמיי״, וואָס זאָל זיין די קאַמף־פעיִקסטע אין גאַנץ זיד־אַמעריקע.

נאָר מיט דעם אַליין האָט ער זיך נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געזוכט מיט עפּעס צו פאַרנעמען זיין צייט און פאַרטומלען זיך. האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע פּעאָנען גאַנצע טעג געשניטן גראָז און װען דאָס גראָז האָט זיך אַ ביסל אויסגעטריקנט, האָט ער פון דעם אויפגעשטעלט הויכע סטויגן. אין דער זעלבער צייט געגעבן עצות, אויסגעגלייכט סיכסוכים צווישן מענער, אָדער צווישן פרויען.

ער האָט זיך אַפילו נישט אָפּגעשטעלט פון צוצופּאַסן און צוקלייבן קליידער פאַר די כסדר נײַ צוגעקומענע פרויען מיט זייערע קינדער. אַוודאי איז דאָס ראַפּאַעלן נישט געפעלן געווען און ער איז דערפאַר געווען אויף אים אין כעס. ער האָט נישט געקאָנט פאַרליידן, וואָס כוליטאָ האָט זיך מיט דעם אַריינגעמישט אין זיין אַרבעט. ווייל אייגנטלעך האָט די אַרבעט פון אַרויסגעבן ברעזענטן מיט קליידער געהערט צו אים אַליין. פּונקט ווי אַנטאָניאָ דער „פערד" איז געווען דער איינציקער באַלעבאָס איבער דעם געווער און דער אַטלעטישער לאָפּעז — איבער די גאָוטשאָ־בייטשן.

נאָר אַמבעסטן האָט כוליטאָ ליב געהאַט צו זיין שעהן נאָכאַנאַנד אין דעם גרויסן קאָראַל, ווו ער האָט געהאַט אַ פאַרגעניגן פון אַריינאָטעמען דעם גערוך פון פערדישן אָפּפאַל, פון גיין פון איין סוס צום אַנדערן, גלעטן זייערע לאַנגע העלדזער און פילן ביי זיך אונטער די פינגער די סאַמעטענע גלאַטקייט פון זייערע פעלן און די וואַרעמקייט מיט דער גבורה, וואָס האָט אַרויסגעשאָסן פון זיי. און כאָטש דאָ זענען געשטאַנען אַ פּאָר סטויגן פון וועלכע די „קאַבאַזשאָס" האָבן געפרעסן, דאָך האָט דער סטעפּ־יונג געהאַט די גרעסטע הנאה ווען ער פלעגט פון די סטויגן אַרויסרייסן גאַנצע הויפנס מיט היי און דערמיט געקאָרמעט די פערד. ער האָט פּשוט ליב געהאַט, אַז זיי זאָלן עסן פון זיין האַנט. עס קאָן זיין, אַז די איבערגעגעבנקייט צו די סוסים האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט זייער ליב געהאַט זיין שוואַרצן אָגער, וואָס האָט מיט עטלעכע חדשים צוריק אויסגעצויגן די קאָפּיטעס. און פאַר זיין אויסהויכן די נשמה, האָט דער אָגער פלוצים פאַרריסן דעם עק, אַרויסגעלאָזט אַ קופּקעלע „גאָלדענעם" אָפּפאַל, וואָס האָט דעמאָלט געשמעקט מיט דעם זעלביקן „אַראָמאַט" ווי איצט אין דעם אָנגעפילט קאָראַל מיט געזונטע און פלינקע פערד...

מיט דער גאַנצער ענערגיע, מיט וועלכער כוליטאָ האָט זיך פאַרנומען צו העלפן איינשטעלן אַ גלאַטן סדר אין דעם לאַגערישן לעבן, האָט זיך אים אָבער נאָך אַלץ נישט איינגעגעבן צו באַרויקן זיך אין גאַנצן. דאָס יונגע בלוט האָט אין אים געקאָכט און געברויזט ווי אין אַן אָנגעהייצטן קעסל, וועלכער האָט נישט קיין עפענונג פון וואַנען די אָנגעזאַמלטע פּאַרע זאָל אַרויסגיין. האָט דער סטעפּ־יונג איין מאָל אין אַן אין דער פרי געזאָגט צו ראַפּאַעלן, לאָפּעזן, אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ און צו ראַמאָס טשיקאָ, אַז יעדער פון זיי זאָל זיך

אויסקלייבן צו פינף און צוואַנציק קריגער, וואָס זאָלן מיטנעמען אַ סך קוילן, ביקסן, וואַסער מיט שפּייז אויף אַכט טעג, אָנזאָטלען די בעסטע רייט־פערד און אַרויספאָרן אויפן וועג צו באַהיאַ בלאַנקאַ, ווו עס האָט זיך געפונען די „באַנקאַ נאַסיאָנאַל", ווייל אויף אויסצוהאַלטן אַזאַ גרויסן לאַגער מיט עסן, קליידער, ביידלעך און מאָדערן ניי געווער — דאַרף מען האָבן גאָר אַ סך געלט און דאָס, האָט ער זיי פאַרזיכערט, קאָן מען בלויז באַקומען אין דער אויבן דערמאָנטער באַנק...

די גאַנצע צייט כמעט, וואָס עס האָט גענומען דעם סקוואַדראָן צו דער־גרייכן די שטאָט באַהיאַ־בלאַנקאַ איז כוליטאַ געווען פאַרטאָן אין זיך, ווינציק וואָס גערעדט. אַ חוץ וואָס ער האָט פון צייט צו צייט ביי דעם, צי ביי יענעם פעאָן געבעטן אַ פאַספאַראָ (אַ שוועבעלע) צום פאַררויכערן זיין סיגאַרעט און ראַפאַעלן, וואָס איז בטבע געווען אַ שטאַרק באַרעדעוודיקער, האָט דעם סטעפּ־יונגס שווייגן גערגערט. דעריבער, אַז מען איז שוין געווען גאָר נאָענט צו דער שטאָט, האָט ער מער נישט געקאָנט צוימען אין זיך זיין פאַרדרוס און אים געפרעגט:

— וואָס שוויגסטו די גאַנצע צייט? זאָג מיר בעסער: צוליב וואָס פאָרן מיר קיין באַהיאַ־בלאַנקאַ?...

— איך רעד נישט — האָט כוליטאַ געענטפערט — ווייל איך האָב אַ פולן קאָפּ מיט געדאַנקען, און ווען געדאַנקען גיבן דיך אַ פּאַק ביים קאַרעק — רעדט זיך נישט. דו פאַרשטייסט, וואָס איך מיין? און פאָרן קיין באַהיאַ בלאַנקאַ האָב איך שוין איין מאָל געזאָגט, אַז מיר דאַרפן דאָרט בלויז אַריינ־גיין אין באַנק...

— צוליב וואָס דאַרפן מיר דאָס געלט, וואָס מיר וועלן דאָרטן צונעמען?

— האָט אים ראַפאַעל געפרעגט גלאַט אין דער וועלט אַריין, בלויז כדי אָנ־צוהאַלטן דעם שמועס אַ ביסל לענגער.

— וואָס הייסט „צוליב וואָס מיר דאַרפן דאָס געלט?" — איז כוליטאַ גע־וואָרן אַן אויפגעלעבטער. און כאָטש ער האָט שוין דעם ענטפער געגעבן אין לאַגער, דאָך האָט ער מיט פאַרגעניגן איבערגעזאָגט כמעט דאָס זעלבע וואָס אין דער פרי — דער לאַגער איז געוואָרן זייער גרויס. מען דאַרף האָבן געלט אויף איינצוקויפן קליידער, ברעזענטן, וויין, בראַנפן און נאָך געווער מיט זאָטלען. אָן געלט קאָן מען די זאַכן נישט קריגן. מיר זענען דאָך עפּעס „רע־וואָלוסיאָנאַריאָס", ווי דו רופסט דאָס, און מיר קאָנען דאָך סתם אין דער וועלט אַריין נישט באַפאַלן פאַרשידענע געשעפטן, כדי דאָס אַלץ צו באַקומען. אָבער איצט, אַז ס'איז שוין יאָ געקומען צו רייד, האָב איך דיך איין מאָל פאַר אַלע מאָל געוואָלט בעטן, דו זאָלסט מיר געבן צו פאַרשטיין, וואָס דאָס וואָרט „רע־וואָלוסיאָנאַריאָס" מיינט אַזוינס. מיין קאָפּ קאָן דאָס נישט באַנעמען.

פון דער נאַיווער פראַגע האָט זיך ראַפאַעל צעלאַכט. דאָס דרייקאַנטיקע

פּנים איז אים געוואָרן ברייטער ווי לענגער און פונעם לאַכן זענען די קאַסאַקע אויגן געוואָרן ווי צוויי לענגלעכע שפּעלטעלעך.

— איצט איז נישט די צייט פאַר לעקציעס און דערקלערונגען. פּילייכט אַ צווייט מאָל... אָבער זאָג מיר, חכם מיינער: צוליב אַטאַקירן אַ באַנק בלויז האָסטו געדאַרפט האָבן אַזוי פיל מענטשן? פאַר דעם צוועק אַליין וואָלטן דאָך אַ צען מוטשאַטשאָס געווען גענוג!...

— עס קאָן זײַן, אַז אין וועלטלעכע זאַכן ווייסטו מער פון מיר — איז כוליטאָ מיט אַ מאָל געוואָרן ערנסט — דו קאָנסט לייענען און שרייבן, נאָר אָנפירן מיט אַ לאַגער מענטשן קאָנסטו נישט! שטעל זיך פאָר, דו פּרא־אָדם, אַז אַרום פיר הונדערט מענטשן זיצן און טוען גאָרנישט. זיי עסן און טרינקען בלויז; איבער דריי הונדערט פערד מיט אייזלען גייען נישט אַרויס פון טאָל. מיט דער צייט וועלן זיי דאָך ווערן אַזוי פויל, אַז זיי וועלן נישט קאָנען שטעלן קיין פוס אַפילו ווען מען וועט באַדאַרפן. וועט קיינעם נישט שאַדן דורכצולופטערן זיך כאָטש אַ ביסל. אָבער דער אמת איז, אַז מען קאָן קיין מאָל נישט וויסן וואָס עס קאָן פּאַסירן אין אַ שטאָט און ווען מען קאָן אָנגעגענען נישט נאָר אין שטאָט גופא, נאָר טאַקע אויפן וועג...

דער ווייל האָט זיך פון וויטן באַוויזן די שטאָט מיט אירע צוויי און דרייַשטאָקיקע געבײַדעס מיט די רויט און גרין געפאַרבטע דעכער און ווייס געקאַלכטע ווענט. איבער זיי האָט אַריבערגעאָרנט דאָס מוניציפּאַלע פּאָליציי־הויז מיטן שפּיציקן דאַך, איבער וועלכן עס איז אויף אַ הויכן, אייזערנעם שטאַנג געווען אַ בלעכערנער האָן מיט אַ רויטן „קאם“ און געדרייט זיך אינעם ווינט. ניקלענע, בלאַנקנדיקע צלמים פון עטלעכע קלויסטערס האָבן געבלענדט אין דער זון און חוצפּהדיק אַריינגעשניטן זיך אין דער ריינער, בלויער לופט.

מיט זיכערקייט אין די אייגענע כוחות איז כוליטאָ מיט זיין סקוואַדראָן אַריינגעריטן אין דער ברייטער, הויפּט געשעפט־גאַס, וואָס ער האָט געקאָנט נאָך פון פריער און איז איצט געפאָרן אַלץ נענטער און נענטער צו דער באַנק, וואָס האָט געהייסן „באַנקאָ נאַסיאָנאַל“. אַז מען האָט דאָרטן דערזען די צ̇ריינדרינגער מיט די ביקסן אין די הענט, איז אין שטאָט גלייך אויפגעגאַנגען אַ פּאַניק. צעשראָקענע האָבן מענטשן אָנגעהויבן לויפן אין פאַרשידענע ריכטונגען צו אויסבאַהאַלטן זיך. פונעם גרויסן געפילדער און שרעק האָבן פרויען אָנגעהויבן קוויטשען, שרייען און חלשן, כאָטש כוליטאָס רייטער האָבן קיינעם נישט געטשעפּעט. זיי האָבן בלויז געוואָלט אַוועקנעמען דאָס געלט פונעם באַנק און דערנאָך אויף אַ פרידלעכן אופן פאָרן צוריק צו זיך אין לאַגער.

אָבער מיט אַ מאָל איז די ברייטע גאַס געוואָרן פּוסט. די טירן און די שטאָרן פון די געשעפטן האָבן זיך ראַפּטום פאַרהאַקט, פאַרמאַכט זיך אויף שלעסער. אויך די צווייענדיקע, גלעזערנע טירן פון באַנק האָבן זיך אויף גיך צוגעשלאָסן. נאָר אַ גרופּע פון כוליטאָס מענטשן האָבן זיי מיט די פריקלאַדן

פון זייערע ביקסן צעשמעטערט אויף פּיצלעך. מיט אַ דין קלינגעריי האָט זיך דאָס גלאָז צעשאָטן אויפן אַספאַלט פון טראָטואַר. ראַפאַעל און לאַפּעז, מיט אָנגעשטעלטע ביקסן, זענען אַריין אינעווייניק. נאָך זיי האָבן נאָכגעפאָלגט אַרום אַ צענדליק אַנדערע פּעאָנען, וועלכע האָבן באַלד אויפגעבראָכן די אַנ־דערזייטיקע טיר, וואָס האָט געפירט צו דער קאַסע, וואָס די באַנק־אָנגעשטעל־טע האָבן נאָך נישט באַוויזן צו פאַרשליסן.

— שטייט אויף אייערע ערטער און הייבט אויף די הענט אין דער הויך!
— האָט לאַפּעז איבערגענומען ראַפאַעלס קאָמאַנדע און באַפוילן די אָנגע־שטעלטע פון דער באַנק צו בלייבן רויִק — אויב נישט וועט איר אַלע אין איין רגע ליגן אויף דער ערד דערשאָסענע!...

— פּראָנטאָ! (גיך) — האָט ראַפאַעל דערוויל אָנגעשטעלט זיין ביקס אויף צוויי עלטערע מענטשן, וואָס האָבן זיך גראָד געפונען נאָענט לעבן דער קאַסע — נעמט אַרויס דאָס גאַנצע געלט פון דאָרטן, פאַרפעלט אָבער נישט אויסצו־ליידיקן די שופלאָדן אינעם אָפּצאַם און לייגט אַלץ אַריין אין די צוויי זעקלעך!..

די גאַנצע פּראָצעדור פון אויסליידיקן די באַנק האָט מער נישט גענומען ווי אַ פּאָר מינוט און ווען די צוויי זעקלעך זענען אָנגעשטאָפּט געוואָרן מיט געלט ביז צו די „העלדזער״, האָט זיך די גאַנצע חברה אַרויסגעכאַפּט פון דער פאַדערשטער טיר און אַרויף אויף זייערע פערד רייטנדיק. מען האָט די זעק־לעך צוגעבונדן צו לאַפּעזעס און ראַפאַעלס זאָטלען און גענומען די לייצעס אין די הענט. אָבער די פּוסט געוואָרענע גאַס איז פון פאָרנט און פון הינטן פּלו־צים פאַרפלייצט געוואָרן מיט מיליטער אין טונקל־גרויע מונדירן, וואָס האָבן אין איין אויגנבליק, פון ביידע זייטן געעפנט אַזאַ מעכטיק פייער אויף דער באַנדע רויבער, אַז אַפילו כוליטאָ איז אויף אַ ווילע פּריטשמעליעט געוואָרן און זיין ניי, ווייס פערד, מיטן איידל געשניצטן פּנים און מיט די שאַרפע, אָנגעשפּיצטע אויערן, האָט פון שרעק און אפשר פון דער אָנגעלאָדענער ענערגיע נישט געקאָנט איינשטיין אויף אַן אָרט און דערפאַר מסתמא גע־שטעלט זיך דיבאָם אויף די הינטערשטע פיס.

ווען כוליטאָ האָט זיך אַ ביסל באַרויִקט און אַ קוק געטאָן פאַר זיך, נאָך דעם הינטער זיך און באַמערקט ווי אַ סך פון זיינע מענטשן זענען אַראָפּ־געפאַלן פון די זאָטלען ווי אונטערגעשאָסענע האָזן, איז ער דערפון אַזוי צע־שרויפט געוואָרן, אַז ער האָט לכתחילה נישט געוווּסט וואָס צו טאָן: שפּאַלטן זיין חייל אויף צוויי העלפטן און אַטאַקירן ביידע עקן גאַס פאַר אַ מאָל אָדער נישט?... די פאַרלעגנהייט האָט בלויז אָנגעהאַלטן אַ רגע. מחמת מיט אַ מאָל האָט ער פון פלייצע אַראָפּגעכאַפּט זיין ביקס, זי אויפגעהויבן אין דער הויך און דורך די אַלע שיסערייען האָט זיך, ווי אַ גרויסער און שווערער גלאָק, צעקלונגען זיין ברוסטיק קול, וואָס איז איצט אַרויסגעקומען אַזוי האַרט און קאַלט ווי שטאָל:

— אַוואַנטע, מוטשאַטשאָס! פועגאָ!...

די נאַראַוויסטנע און ריסאַווע פערד האָבן זיך ראַפּטום אַ ריס געגעבן פון די ערטער און אַוועק אין אַזאַ משוגענעם גאַלאָפּ, אַז די רייטער האָט אַ שווינדל געטאָן אין די אויגן די אנטקעגנלויפנדיקע הייזער, געשעפטן, די ראָגן מיט די פאַנאַרן. און כאָטש די פּעאָנען האָט באַגעגנט אַ מוראַדיקער האָגל פון קוילן, זענען אָבער די צעהיצטע סוסים אויף אַ רגע נישט שטיין געבליבן. זיי זענען מיט זייערע נישט געקאָוועטע קאָפּיטעס אַריינגעלאָפן אין דער אָפּ־טיילונג מיליטער, וואָס זענען איינס און צוויי צעטרעמפּלט געוואָרן אונטער די פערדישע פיס, און די סאָלדאַטן, וואָס זענען ווי דורך אַ נס לעבן געבליבן, האָבן אויף גיך אַוועקגעוואָרפן די ביקסן און אַנטלאָפן געוואָרן צו באַהאַלטן זיך אין די אָפענע קאַרעדאָרן פון די דערבייאיקע הייזער.

כוליטאַ האָט אָבער ערשט אין זיך דערפילט די ווילדע, סטעפּ־יונגישע רציחה. דאָס האַרץ האָט אים געברויזט און די לוסט צום קאַמף האָט שוין קיין מאָכט נישט געקאָנט אָפּהאַלטן. האָט ער אויסגעקעקירעוועט זיין ווייס פערד אויף צוריק און ווידער האָט זיך דערהערט זיין מעכטיקער באַפעל:

— פּאַרויס! פייער!

דער אָפיציר, וואָס האָט אָנגעפירט די אומאויפהערנדיקע שיסעריי מיט דער צווייטער אָפּטיילונג, האָט נאָך פון פריער דערזען, וואָס פאַר אַ תל די „באַנדיטן" האָבן געמאַכט פון דער ערשטער מחנה. האָט ער קיין איין מינוט נישט געוואָלט פאַרלירן אומזיסט און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו זיינע זעקס מיט אַ האַלבן טוץ סאָלדאַטן:

— אָפּטרעטן אויף גיך!

תיכף האָבן זיך די סאָלדאַטן געלאָזט לויפן און מיט די אויגן געזוכט אַ זיכער אָרט וווּ אויסצובאַהאַלטן זיך פון דעם צעווילדעוועטן שונא. איינצלנע פון זיי, מיטן אָפיציר בראש האָט זיך טאַקע איינגעגעבן אַריינצולויפן אין אַ הויף. אַנדערע ווידער זענען אַנטרונען געוואָרן אין אַ זייטיק געסל. אָבער די איבעריקע וועמען נאָר כוליטאַס סקוואַדראָן האָט אָנגעיאָגט, און געווען זע־נען זיי אין אַ גאַנץ היפשער צאָל, זענען צעלייגט געוואָרן אויף דער ערד, ווי צעטראָטענע פליגן. אַז דער געיעג נאָך די סאָלדאַטן האָט אויפגעהערט און דאָס קליינע געזעמל פון די לעבנגעבליבענע רייטער זענען ווי „זיגער" דער־נאָך פאַרביי דעם בולוואַר, ווו עס איז געשטאַנען דער דריי עטאַזשנער, רויטער מויער מיטן גרינעם דאך איבער וועלכן דער בלעכערנער האָן האָט זיך גע־דרייט, האָט כוליטאַ, אַ שטאָלצער, ווי אַן אמתער העלד, אַ פרעג געגעבן ראַפאַעלן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ הויז?

— אהאָ! — האָט ראַפאַעל אַ קורצן צינישן לאַך געטאָן — דו ווייסט גאָר נישט?... דאָס איז דאָך די שטאָט־מוניציפּאַליטעט. דאָרטן געפינט זיך

דאָס געריכט, די הויפּט־פּאַרוואַלטונג פון באַהיאַ בלאַנקאַ, דאָס מיינט — די רעגירונג. אַפילו די פּאָליצײ מיט דער שטאָט־תפיסה קאָנסטו דאָרטן געפינען...

— דו ווייסט, ראַפאַעל, — האָט ביי כוליטאָן אויפגעבליצט אַ נייער געדאַנק — איך וואָלט זייער וועלן אַריינגיין אַהין און דאָרטן זען ווי אַזוי אַן אמתע רעגירונג קוקט אויס. עס איז זייער טשעקאַווע, אָבער עפּעס ציט מיך אַהין...

— פאַר וואָס נישט? — האָט אים ראַפאַעל געענטפערט — קיינער וועט דאָס דיר נישט פאַרווערן. איצט ביסטו דער באַלעבאָס פון שטאָט. אדרבא, איך מיין גאָר, אַז עס איז דיין פליכט צו זיין דאָרט. גיי טאַקע, אָבער זיי פאַרזיכטיק. אַפריער צעשטעל וועכטער אַרום דער געביידע און אַריינגיין אַהין זאָלסטו נישט אַליין, פאַרשטייסט?... איך וועל דערווייל צופאָרן צו מיינע אָרעמע עלטערן און אַזוי ווי איך האָב ביי זיך אַ סך געלט, וועל איך זיי אויך געבן אַ ביסל פון דעם...

כוליטאָ איז אויף דעם מסכים געווען און געווענדט זיך צו לאַפּעזן מיט ראַמאָס טשיקאָ, אַז זיי זאָלן דערווייל צעשטעלן וועכטער אַרום דער מוניציפּאַליטעט און דערביי אָנגעזאָגט זיינע יונגען:

— איך מיט אַ ביסל חברה וועל אַריינגיין אינעווייניק. נאָר טאָמער וועט דאָ עפּעס פּאַסירן, זאָלט איר דאָס מיר גלייך לאָזן וויסן מיט אַ סיגנאַל פון צוויי שאָסן אין דער לופטן, פאַרשטאַנען?

בלאָס געוואָרענע און צעשראָקענע זענען די באַאַמטע פון דער מוניציפּאַליטעט געשטאַנען פאַר כוליטאָן ווי פאַרגליווערטע. הכנעהדיקע און מיט מורא אין די בליקן האָבן זיי געקוקט אויף דעם יונגן פירער פון דער באַנדע פּעאָנען, וואָס זענען אַהער אַריינגעקומען עפּעס אַזעלכע זיכערע ביי זיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן זיך געקליבן איבערצונעמען די גאַנצע שטאָט־רעגירונג. דעריבער האָבן די אַנגעשטעלטע מיט ציטער אין די הערצער געוואָלט בעטן רחמים ביים סטעפּ־יונג, אַז ער זאָל זיי כאָטש לאָזן לעבן. אַז זיי זענען אין עצם גאָרנישט שולדיק. אָבער כוליטאָ האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט און אַנשטאָט צו רחמנות האָבן, האָט ער גאָר אַ געשריי געטאָן:

— ווייזט מיר די רעגירונג!

די ציטערנדיקע אַנגעשטעלטע און באַאַמטע האָבן אין אָנהייב נישט געוווּסט וואָס כוליטאָ האָט געמיינט מיטן וואָרט „רעגירונג". נאָר באַלד האָט זיך איינער פון זיי געכאַפּט, אַז דאָס האָט ער געוויס געוואָלט זען דעם הויפּט פון דער מוניציפּאַליטעט. צוליב דעם צוועק האָט מען דעם סטעפּ־יונג געפירט פון איין אָפיסינע אין דער אַנדערער. ביז זיי זענען אַריינגעקומען אין אַ רייזיקן זאַל מיט הויכע פענצטער און מיט אַ טונקל בלויען קאַוויאָר אויסגעשפּרייט אויף דעם ברייטן און טיפן דיל. אין מיטן פון אָט דעם זאַל איז גע־

שטאַנען אַ לאַנגער, פּאָליטורטער טיש מיט אַ סך ווייך־געבעטע שטולן אַרומ־געשטעלט, און אַן אַנגעשטעלטער האָט כוליטאַן געגעבן צו פאַרשטיין:

— אַהער פאַרקליבן זיך כמעט אַלע טאָג די שטאָט־באַלעבאַטים. דאָ האַלטן זיי אָפּ זייערע אָפיציעלע זיצונגען...

— און ווו זענען דאָס איצט די דאָזיקע באַלעבאַטים? — האָט דער סטעפּ־יונג געפרעגט.

— אַך, אַנטשולדיקט מיר, סעניאָר קאַבאַזשעראָ — האָט דער פריערדי־קער באַאַמטער געענטפערט — זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר דער שיסעריי אין שטאָט און זענען אַנטלאָפן...

— און פאַר וואָס זענט איר נישט אַנטלאָפן?...

— אַנטשולדיקט פאַר דער חוצפה, סעניאָר קאַבאַזשעראָ, וואָס איך רעד דאָ אין נאָמען פון אַלע אַנגעשטעלטע. איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז ווען מיר וואָלטן באַגאַנגען עפּעס אַ פאַרברעכן סיי אַנטקעגן אייך, צי סיי אַנט־קעגן עמעצן אַנדערש, וואָלטן מיר מסתמא אויך אַנטלאָפן געוואָרן. אָבער מיר האָבן אַנטקעגן קיינעם נישט געזינדיקט. מיר זענען בלויז אַזוי ווי אַרבעטער אין אַ גרויסער פאַבריק און נישט מער...

צו דער לינקער האַנט פונעם זאַל האָט זיך אין מיטן דרינען פאַמעלעך אויפגעעפנט אַ שווערע, דעמבענע טיר, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַזאַ שאַרפן און גלאַטן פּאָליטור, אַז אַ מענטש האָט זיך אין איר געקאָנט איינקוקן ווי אין אַ ריינעם שפּיגל און כוליטאָ האָט דערזען, אַז דאָרטן, אין דעם אַנדערן זאַל, איז לעבן אַ מאַהאָגענעם שרייב־טיש געזעסן אַן עלטערער מאַן, מיט גרויע האָר, וואָס זענען אין דערמיטן קאָפּ געווען צעטיילט מיט אַ ליכטיקן שראַם. די מעשענע קנעפּ אויף זיין גרינעם מונדיר האָבן געבליאַסקעט אין די אויגן. אויף זיינע שמאָלע עפּאָלעטן האָבן געגאָלדיקט און געגלאַנצט דריי שטריפן, מיט דריי סגולדיקע שטערנדלעך פון אונטער זיי. און דאָס האָט צו וויסן גע־געבן, אַז זייער באַזיצער איז נישט אַבי ווער און מען דאַרף פאַר אים האָבן אי מורא, אי רעספּעקט.

— ווער איז דאָס דער האָמברע? — האָט כוליטאָ נאַיִוו געפרעגט.

דער פירשפּרעכער פון אַלע באַאַמטע, וואָס האָט די גאַנצע צייט גערעדט צו כוליטאָן, האָט איצט ווי אַנגעוווירן זיין קול און אָנגעהויבן שטאַמלען:

— דאָס, דאָס איז אונדזער סעניאָר, דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ! ער, ער איז דער הויפּט פון דער מוניציפּאַלער רעגירונג איבער דער גאַנצער באַהיאַ־בלאַנקער מוניציפּאַליטעט!

— אַזוי? הייסט דאָס, אַז ער איז די רעגירונג? — האָט זיך דער סטעפּ־יונג דערנענטערט צום מאַהאָגענעם שרייב־טיש, ווו דאָן פראַנסיסקאָ דע מי־לאַנאָ איז געזעסן אַ צעקאָכטער און אַפילו נישט אומגעקוקט זיך אין כולי־טאָס זייט, ווי אַהער אין זאַל וואָלט איצט נישט אַריינגעקומען דער באַהער־

שער פון דער שטאָט, נאָר עפּעס אַן אָרעם שיק־יינגל. נאָר ווען כוליטאָ איז צוגעקומען גאָר נאָענט, איז דער גרויער מאַן מיט די גאָלדענע עפּאָלעטן פּלוצים אויפגעשפּרונגען פון זיין טיף־ווענטלדיקער און פּליושענער שטול און אַ רויטער, אַן אָנגעצונדענער פון רציחה האָט ער מיט אַ פּאַרביילטן פויסט אַ זעץ געגעבן אינעם שרייב־טיש:

— באַנדיטן! מערדער! אַרויס פון דאַנען!

נאָר כוליטאָן זאָל דאָס גאָר אָנהייבן צו אַרן. אַ רויקער און אַ קאַלטבלוטיקער ווי אַ „גזלן״, האָט ער זיך העפלעך פאַרנויגט פאַר דעם אַלטן מאַן, אַריינגעזעצט זיך אין יענעמס ווייכער שטול, אויסגעצויגן זיינע לאַנגע פיס אויפן שרייב־טיש און אַזאַ האַסטיקן און ווייטן שפּיי געגעבן אויף דער אַנטקעגנדיקער הילצערנער וואַנט, וואָס איז אויך געווען געפּאַליטורט אויף אַ מאַהאָגענעם קאָליר, אַז די דינע ברעטלעך פון דער וואַנט האָבן זיך צעקלונגען מיט אַ טויבן, דעמפּן קלאַנג:

— גראַסיאַס, סעניאָר פאַר דער ווייכער שטול און פאַר דיין פיינער גאַסטפריינטלעכקייט!

אַ לאַכנדיקער און מיט דער זעלביקער געלאַסנקייט ווי פריער האָט ער זיך אַ ווײַלע אַרומגעקוקט, באַטראַכט די רייכקייט פון זאַל און הפּנים, אַז די גאַנצע סצענע איז אים געוואָרן עקלדיק און לאַנגווייליק. פונדעסטוועגן איז אים באַפאַלן אַ געפיל פון ציניזם־קייט. האָט דער סטעפּ־יונג פון בוזים־קעשענע אַרויסגענומען אַ לאַנגן דינעם און שוואַרצן ציגאַרל, דאָס פאַמעלעך פאַרדרייט און פון מויל אַרויסגעלאָזט אַ גרויען, געדיכטן קנויל רויך צום הויכן, ווייס־געפאַרבטן סופיט.

— אַך ווי גוט עס איז צו זיין אַ רעגירונג!

אויף דער קאָמישער באַמערקונג האָבן זיינע יונגען, וועלכע זענען מיט די ביקסן אין די הענט געשטאַנען ביי דער דעמבענער טיר, אויסגעשאָסן אין אַ הילכיקן געלעכטער. אויך די אָנגעשטעלטע, מיט די באַאַמטע האָבן דערפון געשמייכלט מיט פאַלשע, אַרויפגעצוווּנגענע שמייכלען און עס איז קאָנטיק געווען, אַז אין זייער הילפלאָזיקייט האָבן זיי געוואָלט געפעלן ווערן ביי דעם פעאָנישן פירער אין די אויגן. דער סעניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי אַ ווינקל פענצטער און מיט האָס אין זיינע בלויע אויגן, פון אונטער די ברעמען, געקוקט אויף כוליטאָן ווי אויף אַן אומגליק, וואָס האָט זיך אַהער אַריינגעריסן מיט געוואַלד און מיטגעבראַכט אַזאַ פאַרוויסטונג אויף דער פרידלעכער שטאָט, וואָס איז אַלע מאָל געווען אַזאַ שטילע, אַז מען האָט אפילו קיין מאָל נישט געהערט ווי די גרויסע און קליינע שיפן אין דעם היגן האַפן האָבן ווען עס איז געטרובעט. נאָר אָט האָט דער יונגער פירער ווידער אַ שפּיי געטאָן אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט און מיט דער רעכטער האַנט צוגערופן דעם אַלטן מאַן צו זיך:

— הער זיך איין דו, סעניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ. איך גיב דיר בלויז איין שעה צייט, אַז דו זאָלסט צושטעלן עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און פון דעם בעסטן פאַר אַלע מיינע מוטשאַטשאָס, סיי פאַר די דאָ אין צימער און סיי פאַר די וואָס שטייען אין גאַס אויף דער וואַך. אָבער איך זאָג דיר אָן אַפריער, אַז עס זאָל זיין גענוג פּראָוויאַנט אויף צו עסן דאָ און אויף מיטצונעמען אויפן וועג. אַ סך! דו פאַרשטייסט?! אויב נישט וועסטו מיט דיין גאַנצע מוניציפּאַליטעט אַוועקגיין מיטן רויך!

פון די צוויי ווערטער „אויפן וועג", האָט דער סעניאָר דאָן פּראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ פאַרשטאַנען, אַז דער באַנדיט וועט טאַקע די שטאָט נישט האַלטן לאַנג אין געפאַנגענשאַפט, אַז סוף־כל־סוף וועט ער מיט זיין גאַנצער כאַפּטע באַנדיטן אַוועקפאָרן אַהין פון וואַנען זיי זענען געקומען. דערפון אַליין איז דעם דאָן פראַנסיסקאָ געוואָרן גרינגער אויפן האַרצן. האָט ער לאַנג נישט געטראַכט. עפּעס איינגעטענהט מיט אַ פּאָר פון זיינע העכערע באַאַמטע, וועל־כע זענען באַלד נאָך דעם פאַרשווונדן פונעם זאַל און כוליטאָ איז געווען זי־כער ביי זיך, אַז זיין קליינע פאָדערונג וועט דורכגעפירט ווערן ווי געהעריק.

כך הווא. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט מען פון אַלע רייכע רעסטאָראַ־נען אין שטאָט געבראַכט די טייערסטע וויינען, מיט די בעסטע שפּייזן וואָס זענען אינעם ערשטן ריזיקן זאַל, אויפן גרויסן טיש, וועלכן מען האָט באַ־דעקט מיט עטלעכע ווייסע סערוועטן, אויסגעלייגט טעלער מיט טעלערלעך, מעסער, גאָפּל און לעפעלעך. אַפילו די רייטער אין די אַרומיקע גאַסן, וואָס זע־נען געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט מען געגעבן צו עסן און טרינקען פון דער זעלביקער אַכילה און די זעלביקע סאָרטן וויינען, וואָס די קעלנער האָבן אַרויפגעטראָגן אויף די שטיגן פון דער מוניציפּאַליטעט. אָבער די וועכטער זענען געווען פאַרזיכטיק און האָבן מיט איין האַנט געהאַלטן די ביקסן און מיט דער אַנדערער — געפרעסן און געטרונקען און דערנאָך צופרידענע צוריק אויף אויף זייערע פערד רייטנדיק.

דערווייל זענען כוליטאָ מיט זיינע פאַר צענדליק יאַטן אַריין אינעם רי־זיקן זאַל. אָבער אויף די צוגעשטעלטע שטולן האָבן זיי זיך נישט אַוועקגע־זעצט, נאָר שטייענדיק געשלונגען די וואַרעמע פליישן, מיט די געשמאַקע זופּן און פאַרשפּייזן. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל אין זייערע לעבנס, וואָס די אַנטלאָפענע פעאָנען האָבן פאַרזוכט אַזעלכע געשמאַקע עסנס. און כאָטש די יונגען זענען נאָך דעם זאַטן מאָלצייט געווען דורשטיק, דאָך האָט זיי כו־ליטאָ נישט געלאָזט צורירן זיך צו די טייערע פלעשער מיט וויין. ער האָט נישט געוואָלט, אַז פון די שטאַרקע געטראַנקען זאָלן זיי ווערן שיכור און ווילד.

נאָר נאָכן עסן האָט זיך שוין די חברה מער נישט געקאָנט איינהאַלטן. אָבער אַנשטאָט צו טרינקען דעם וויין דאָ אויפן אָרט, האָט יעדערער פון זיי צו זיך אין בוזים אַריינגערוקט צו צוויי פלעשער וויין. אויך די ווייסינקע סער־

ווערטקעס, מיט די מעסערס, גאָפּלען און לעפל האָבן זיי אַהין פאַרשטעקט און כוליטאָ האָט זיך אַ צופרידענער אויפגעהויבן פון זיין שטול און געזאָגט צו זיינע זאַטע קעמפער:

— און איצט, מוטשאַטשאָס, לאָמיר פאָרן אַהיים!

נאָר אָט איז ראַפאַעל אַ פריילעכער אַריינגעקומען אין דעם ריזיקן זאַל. ער האָט דערזען דעם גרויסן, סערווירטן טיש, אויף וועלכן עס זענען נאָך געשטאַנען פאָלומעסיקעס מיט אַ סך שפּייז, וואָס די פּעאָנען האָבן נישט באַוויזן אויפצועסן און ער האָט כוליטאָן צוריקגעהאַלטן:

— העי, קאַניאַ! איר האָט שוין אָפּגעפרעסן! לאָמיר כאַטש כאַפּן אַ ביס מיט אַ טרונק. וואָס איילסטו זיך, וואָס?... מיר האָבן דאָך איינגענומען די שטאָט, זענען מיר די באַלעבאַטים! נישטאָ וואָס צו לויפן — האָט ער דערווייל אָנגעהויבן צו קייען אויף אַלע ציין און דערביי נישט אויפגעהערט צו רעדן — דו קאָנסט האַלטן די שטאָט ווי לאַנג דו ווילסט! ווייל די פּאָליציי איז אַנטלאָפן געוואָרן ווי פאַרסמטע מייז און ביז נייע מיליטער וועט אָנקומען פון לאַ פּלאַטאַ, אָדער ביז מען וועט שיקן אַהער אַנדערע זשאַנדאַרמען מיט פּאָליציי וועט נעמען צום ווינציקסטן מער ווי אַ וואָך. האָב צייט. לויף נישט!

— איך האָב די שטאָט אין דער ערד! — האָט אים דער סטעפּ־יונג געענטפערט — איך דאַרף זי נישט האָבן. איך האָב אַלץ איינס פיינט גרויסע שטעט. דו ווייסט דאָך, אַז אין אַ שטאָט ווער איך אַ פאַרלוירענער, און עס ציט מיך שטענדיק צוריק צו דער פרייער נאַטור...

— איך ווייס דאָס — האָט אים דער קאַסאַקער איבערגעשלאָגן די רייד — אָבער דערווייל קאָנסטו דאָך דאָ הערשן און אַפילו איינפירן אַזעלכע געזעצן, וואָס זאָל זיין גוט נישט נאָר פאַר דיר אַליין, נאָר פאַר אַלע פּעאָנען און אָרעמע אַרבעטער אין שטאָט!...

— הער אויף צו קאַלאַבאַטשען — האָט דערויף כוליטאָ געזאָגט קורץ און שאַרף — איך בין נישט קיין הערשער איבער קיינעם! און איך וועל דיר זאָגן נאָך עפּעס, אַז איך פייף אויף אַלע געזעצן פון דער וועלט! איך האַלט, אַז מענטשן דאַרפן זיין פריי און נישט אונטערוואַרפן זיך צו קיינע געזעצן, וואָס זאָל זיי בינדן די הענט מיט די פיס. איך האָב ליב פרייע מענטשן און אַ פרייע וועלט!...

אויב דו האַלטסט נישט פון קיינע געזעצן און האָסט אַזוי ליב פרייהייט, קאָן איך דיר דערציילן אַ סוד, אַז דאָ, אונטער דעם מוניציפּאַלן מויער געפינט זיך די שטאָטישע טורמע, ווו עס זיצן פאַרשפּאַרט און פאַרשמאַכט אומשולדיקע, אָרעמע אַרבעטער און פּעאָנען, וועלכע זענען פון די געזעצן, וואָס אָט דער סעניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ מיט זיינע מענטשן האָבן געשאַפן — פאַראורטיילט צו פינצטערן הינטער די גראַטעס אויף יאָרן און יאָרן!... און אַ חוץ דיר אַליין, איז נישטאָ קיינער וואָס זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי.

אַ ווײַלע האָט דאָ אין זאַל געהערשט אַזאַ טויטע שטילקייט, אַז מען האָט בלויז געקאָנט הערן, ווי ראַפּאַעל האָט געקייט די שטיקער פלייש און דאָס אַראָפּגעשלונגען. און אין אָט דער אומהיימלעכער שטילקייט האָט זיך כוליטאָ מיט אַ מאָל דערמאָנט, ווי דער סעניאָר דאָן כאָסע אַלוואַרעז האָט מיט יאָרן צוריק געהאַלטן זיין, כוליטאָס טאַטן פאַרשפאַרט אין אַ פינצטערן קעלער און אויף מאָרגן האָט מען אים פאַרשמיסן צום טויט. פון דעם בילד האָט ביים סטעפּ־יונג צוריק אויפגעברויזט דער אַמאָליקער נקמה־געפיל.

— וואָס? — איז ער מיט גיכע טריט צוגעקומען צו דעם סעניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ — אים אַזאַ כאַפּ געטאָן פאַר די לאַצן פון זיין מונ־דיר און אַזאַ הויב געגעבן אין דער לופטן, אַז ביי יענעם האָבן זיך די גלאָ־טע, פאַרקעמטע האָר אויפן קאָפּ צעוואָרפן אין אַלע זייטן — דו אַלטער הונט! דו האָסט אַ טורמע און האַלסט דאָרטן פאַרשפאַרט פעאָנען מיט אַרבעטער? קום, דו פאַדלע און ווייז מיר ווו זיי געפינען זיך!...

אַן איבערגעשראָקענער איז אַפריער געגאַנגען דאָן פראַנסיסקאָ דעל מי־לאַנאָ מיט זיינע הויפּט־מענטשן. און מיט אַ בלאַנקנדיקן רעוואָלווער אין האַנט האָט זיי נאָכגעשפּאַנט כוליטאָ און הינטער אים ראַפּאַעל מיט זיינע יאַטן. זיי זענען אַראָפּ אין אַ טיפן קעלער. דאָ איז געווען האַלב־טונקל פון דעם לאָמפּ, וואָס איז פון דער מיטן סטעליע אַראָפּגעהאַנגען אויף אַ גראָבער, פאַרזשאַ־ווערטער קייט, איז געפאַלן אַ מאַטאָווער שיין אויף די צוויי איינגעפאַלענע אויגן און אויסגעדאַרטע פנימער פון באַוואַקסענע מענער, וואָס צוליב זייערע לאַנגע, שוואַרצע און גרוילעכע בערד, האָט מען נישט געקאָנט זען געבוי ווער זיי זענען און ווי זייערע געשטאַלטן האָבן אויסגעזען אין דער ווירקלעכקייט.

ווען כוליטאָ איז צוגעקומען נאָענט צו די גראַטעס און דאָרט דערזען די מענטשן, האָט ער אין זיי גלייך דערקאָנט דאָס פאַריאָכטע און אומגליקלעכע לעבן פון אַלע אַרגענטינישע פעאָנען, וואָס האָבן הונדערטער יאָרן געפינעצ־טערט אין די רייכע האַסיענדאַס. דאָס האָט אים אַזוי פאַרקלעמט דאָס האַרץ, אַז ער האָט געוואָלט אַ דריק טאָן דאָס צינגל פון זיין רעוואָלווער און אַריינ־האַקן עטלעכע קוילן דעם סעניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ אין קאָפּ. אָבער ער האָט זיך באַהערשט מיט אַלע כוחות און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן:

— גלייך אויפשליסן די טירן און אַרויסלאָזן די מענטשן אויף דער פריי!

— „סעניאָר באַנדידאָ״! — האָט דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ נישט גע־ווּסט כוליטאָס נאָמען און דערפאַר אים טיטולירט מיטן צונאָמען „באַנדידאָ״ (באַנדיט) און אין זיין קול גלייך אָנגעוווירן די פריער־דיקע קריגערישקייט — זיי זענען דאָך פאַרברעכער אַנטקעגן דעם געזעץ! מען טאָר זיי נישט באַפרייען איידער זיי זיצן אָפּ די גאַנצע צייט, וואָס דאָס געריכט האָט זיי צוגעטיילט...

— זיי זענען פאַרברעכער, זאָגסטו, דו אַלטער הונט? וואָס האָבן זיי גע־

טאָן? געגנבֿעט אַ שטיקל ברויט פֿאַר אַ הונגעריק קינד, צוגענומען אַ הון ביי אַ רייכן ראַנטשעראָ און דערמיט געוואָלט דערהאַלטן אַ קראַנק ווייב, צי האָבן זיי נישט געשקלאַפּט אַזוי פֿיל שטונדן וויפֿל דער קאַפּאַטאַז, אָדער דער פּריץ פֿון דער האַסיענדאַ האָט דאָס געוואָלט?... איך וועל דיר באַלד באַווייזן ווער עס איז דער אמתער פֿאַרברעכער, דו עקלדיקער בלוטזויגער! הייס גלייך אויפֿשליסן די טירן פֿון די תּפֿיסה־צעלן איידער איך פֿאַרליר מיין געדולד!...

איצט, אַז דער סעניאָר דאָן פֿראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ האָט דערזען, אַז ער איז אין די הענט פֿון אַ „ווילדן באַנדיט", וואָס דאַרף בלויז מיטן מיטלסטן פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אַ דריק געבן אויפֿן צינגל פֿון זיין רעוואָל־ווער, האָט דער אַלטער מאַן אַ נויג געגעבן מיטן גרויען קאָפּ צו עפּעס אַ באַאַמטן, וועלכער האָט גלייך פֿאַרשטאַנען זיין באַלעבאָס מיין און דערויף גע־ענטפֿערט:

— איר ווייסט דאָך, סעניאָר דאָן פֿראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ, אַז אַלע פּאָ־ליציסטן זענען אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון דאַנען. פֿונדעסטוועגן וועל איך אַריינגיין אין דער פּאָליציי־אָפּטיילונג, אפֿשר וועל איך דאָרטן געפֿינען די שליסלען...

אויף כוליטאָס ווונק האָבן ראַפֿאַעל מיט נאָך אַ פּאָר פֿון זיינע חבֿרה־לייט דעם דאָזיקן באַאַמטן נישט אָפּגעלאָזט פֿון די אויגן און זענען מיט אים צוזאַ־מען אַריינגעגאַנגען אין אַ לאַנגן שמאָלן צימער. אין פֿאָרנט איז דאָרט גע־שטאַנען אַ שרייב־טיש מיט אַ פּאָר שופֿלאָדן. ביי דער רעכטער זייט — אַן איינגעבויטע, הילצערנע נאַרע מיט עטלעכע שטולן דערנעבן. האַרט ביי דער אַנטקעגנדיקער וואַנט איז געווען צוגעפּעסטיקט אַ לאַנגע „סטאַיקע", וואָס איז געווען אָנגעשטעלט מיט ביקסן פֿונעם עלטערן טיפּ. די דריי פֿענצטער זענען געווען פֿאַרגראַטעוועט אַזוי, אַז קיין אַרעסטאַנט האָט זיך פֿון דאָרטן נישט געקאָנט אַרויסרייסן. דער באַאַמטער האָט אַפֿריער געזוכט צווישן די שטויסן מיט פּאַפּירן אויפֿן שרייב־טישל, דערנאָך אין די שופֿלאָדן און די שליסלען נישט געפֿונען. האָט ער זיך נישט געפֿוילט און אַרויפֿגעקראָכן אויף די ליידיקע נאַרעס און שוין געוואָלט אומקערן זיך צוריק אין תּפֿיסה מיט ליידיקע הענט. נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט גראָד ראַפֿאַעלס קאַסאַקע אויג באַמערקט, אַז אויף אַ שאַמפּעל פֿון אַ ביקס איז געהאַנגען אַ גרויסער בינט שליסלען, האָט ער דאָס אַראָפּגענומען פֿון דאָרטן און דערנאָך זענען אַלע צוריק אַראָפּגעגאַנגען אין טורמע.

די טירן פֿון די תּפֿיסה־צעלן זענען אַ פּנים יאָרן געווען פֿאַרמאַכט אויף פֿאַרזשאַווערטע זאַווּיאַסעס און איצט, אַז מען האָט ווי עס איז אויפֿגעשלאָסן די שלעסער, האָבן זיי זיך קוים צעעפֿנט מיט גרילצנדיקע קוויטשערייען. נאָר די געפֿאַנגענע פּעאָנען און אַרבעטער האָבן מורא געהאַט צו רירן זיך פֿון די ערטער און זענען פֿון די קאַמערן נישט אַרויס. זיי האָבן זיכער געמיינט, אַז דאָס איז אַזאַ שפּיצל פֿון דער פּאָליציי, אַז אויב זיי וועלן נאָר אַרויסשטעלן

אַ פוס פון דאָרטן וועט מען זיי דערשיסן אויפן אָרט. זייער גרויסע מורא האָט כוליטאַ זייער גוט פאַרשטאַנען. דעריבער האָט ער זיך אַרויפגעכאַפּט אויף אַ שטול און אָנגעהויבן רעדן צו די אַרעסטאַנטן אַזוי הויך, אַז אַלע זאָלן אים קענען הערן:

— אַמיגאָס אי קאָמפּאַניעראָס! דאָס רעדט צו אייך אייערער אַ פריינט! האָט נישט קיין מורא און קומט אַרויס! איך וועל אייך קיין שלעכטס נישט טאָן! איך בין געקומען אייך צו באַפרייען פון דאַנען!... פון היינט אָן, ווער פון אייך עס וועט וועלן לעבן אַ פריי לעבן, וועט קאָנען מיטגיין מיט מיר!... קיין עסן און טרינקען וועט אייך ביי מיר נישט פעלן. זייט נישט קיין פּחדנים, מוטשאַטשאָס און קומט אַרויס! איך פאַרזיכער אייך, אַז איך בין נישט קיין פאָליציסט און נישט קיין זשאַנדאַר! איך בין אַ פּראָסטער פּעאָן פּונקט ווי איר אַלע. איך בין אַן אייגענער מענטש. האָט צו מיר אַ ביסעלע צוטרוי און קומט אַרויס!...

זיינע רייד האָבן סוף־כל־סוף געווירקט. ביסלעכווייז האָבן זיך פון אַלע קאַמערן באַוויזן אויסגעמאָגערטע גופים, מיט שוואַרצע און גרוילעכע באַוואַקסענע פּנימער און פאַרשמאַכטע ליפּן. אין זייערע אויגן זענען, דוכט זיך, אַלע פונקען פון לעבן אויסגעלאָשן געוואָרן. דאָס זענען געווען אַרום פינף און פערציק פאַרוואָרלאָזטע מענטשן, וואָס האָבן גיכער אויסגעזען ווי פינף און פערציק סקעלעטן, וועלכע זענען אויפגעשטאַנען תחית־המתים און ווען זיי האָבן דערזען דעם יונגנמאַן מיט די שוואַרצע וואָנצעלעך, וואָס איז נאָך געשטאַנען אויפן שטול, מיט זיין רעוואָלווער אין האַנט, זענען די לעבעדיקע מתים געפאַלן פאַר אים אויף די קני און בעת מעשה האָט זיך דערהערט ווי זייערע אויסגעטריקנטע ביינער האָבן אַ קנאַק געטאָן און זיך אַ בראָך געגעבן:

— יעזוס מאַריאַ! — האָבן זיי קוים געשעפּטשעט און געצלמט זיך — דאַנקען גאָט פאַר אונדזער אויסלייזער...

פון דעם בילד האָבן זיך ביי כוליטאָן אין די אויגן טרערן געשטעלט. נאָר אין דער זעלביקער צייט האָט זיין אינערלעכער שטאָלצער געפיל רעוואָלטירט. ער האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די קנעכטישע אונטערגעגעבענע אומבאַהאָלפנקייט פון דעם אַרגענטינישן פאַרשקלאַפטן פאָלק. איז ער כלומרשט אין כעס געוואָרן אויף די באַפרייטע אַרעסטאַנטן און אָנגעהויבן שרייען אויף זיי:

— שטייט אויף, איר דומע קעפּ! איר זעט גאָרנישט, אַז איך בין נישט קיין גאָט און אַפילו נישט קיין סעניאָר?... און ווו איז דאָס בכלל געהערט געוואָרן, אַז איין מענטש זאָל גאָר קניען פאַר אַ צווייטן?... אַמאָל האָב איך געזען ווי מיין אייגענער טאַטע האָט געקניט פאַר זיין פּריץ. קאָן איך דאָס עקלדיקע בילד נישט פאַרגעסן ביז אויף היינטיקן טאָג! שטייט אויף און קומט

מיט מיר אַרויף אויבן, אין דעם גרויסן זאַל וועט מען אייך געבן צו עסן און טרינקען וויפל איר וועט נאָר וועלן...

אַז די אַרעסטאַנטן האָבן זיך מיט שלאָבערדיקע טריט געלאָזט גיין ארויף די טרעפּ, האָט כוליטאַ מיט זיינע יאַטן, דערווייל אַריינגעשטויסן דעם סע־ניאָר דאָן פראַנסיסקאָ דעל מילאַנאָ מיט אַלע זיינע באַאַמטע אין די אויסגע־ליידיקטע תפיסה־צעלן, פאַרהאַקט די טירן, פאַרשלאָסן די שלעסער און צו־גענומען די שליסלען צו זיך.

— איצט, מיינע גנעדיקע הערן, וועט איר כאַטש אויף אַ ווײַלע פאַרזוכן דעם ביטערן טעם פון די אַרעמע אַרבעטער און פּעאָנען, וועמען איר האָט געמאַכט פאַר לעבעדיקע מתים! און אַ צופרידענער, וואָס אים האָט זיך איינ־געגעבן צו טאָן אַזאַ גוטע זאַך, איז ער נאָכגעגאַנגען די באַפרייטע מענטשן.

שפּעטער אַ ווײַלע, אַז די הונגעריקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אָנגעגעסן צו דער זעט און פאַרטרונקען מיט ביסלעך ווײַן, האָט כוליטאַ צענומען זיינע לאַנגע הענט און זיי אַרויפגעלייגט, אָדער בעסער געזאָגט, מיט זיי אַרומגענו־מען צווי גאַנץ יונגע באַפרייטע.

— אַמיגאָס! איר האָט דאָך געוויס געהערט די שיסעריי אין שטאָט! וויל איך אייך פאַרזיכערן, אַז מיר זענען נישט קיין באַנדיטן, מיר זענען אַנט־לאָפענע פּעאָנען, וועלכע אָנערקענען נישט קיין שום הערשאַפט, קיין געזעץ, אָדער קיין צוואַנג. מיר ווילן בלויז לעבן ווי פרייע האָרעפּאַשנע מענטשן. מיר האָבן אין גאַס גענוג פערד, איז אויב איר ווילט, קאָנט איר מיט אונדז מיטפאָרן...

— וווהין? — האָבן אים געפרעגט אַלע אויף אַ מאָל.

— זעט איר? אַט דאָס קאָן איך אייך דאָ אויפן אָרט נישט דערציילן. דאָ זענען פאַראַן צופיל אויערן. אָבער, איר מעגט האָבן צוטרוי צו אַן ערלעכן פּעאָן. איך וועל אייך אין קיין בלאָטע נישט פאַרפירן...

דערנאָך זענען אַלע אַרויס אויפן ברייטן בולוואַר. און פיר און דרייסיק שוואַרץ־בערדלדיקע אַרעסטאַנטן האָבן זיך אַרויפגעזעצט אויף פיר און דרייסיק פאַריתומטע פערד און כוליטאַ, וואָס איז שוין געזעסן אויף זיין ווייסן „ברע־נענדיקן" סוס, האָט מיט האַרצווייטיק געזען, ווי די איבעריקע באַפרייטע מע־נער זענען איינצלוויז פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די אַרומיקע גאַסן און געסלעך.

צוזאַמען מיט די נייע „קעמפער" האָט זיך איצט דער גאַנצער סקוואַדראָן געריכט פון אָרט און זיכערע ביי זיך, אַז היינט וועט שוין אויף זיי קיין אי־בערפאַל קיינער נישט מאַכן, האָבן זיי די סוסים געלאָזט גיין פוסטריט. ערשט ווען די רייטער זענען אַרויס פון שטאָט און דער סטעפּ האָט זיך אויסגע־שפּרייט ווי אַ גרינער ים, האָבן זיך די פערד צעלאָזט אין אַ מעכטיקן גאַלאָפּ, ווייל סיי כוליטאַ און סיי זיינע מענטשן האָבן געוואָלט וואָס גיכער דערגרייכן די פּאַטאַגאָניער בערג, מיט די פאַרבאַהאַלטענע טאָלן, ווו די פּעאָנען האָבן זיך געפילט אַ סך געזיכערטער ווי אין אַ שטאָט צי אין אַ שטעטל.

די ליבע אין אַ שטאַל

וואָס האַסטיקער עס איז געלאָפן די צייט, אַלץ ווייטער האָט זיך אָפּגערוקט עמאַליטאַס געשטאַלט פון כוליטאָס געדעכעניש. און ס׳מאַכט נישט אויס צי דאָס איז געווען די שולד פון זיין שטענדיקער פאַרהאָרעוועטקייט אָנצופירן מיט אַזאַ גרויסן לאַגער מענער, פרויען, קינדער, מיט פערד און בהמות, אָדער דאָס איז געווען צוליב דעם, וואָס זיין יוגנט האָט פון קיין זאַך נישט געוואָלט וויסן און געפּאָדערט אַ פרויען־לייב, אַלץ איינס, עמאַליטאַ איז שוין פון לאַנג אַרויס פון זיין זכרון און דער יונג האָט אָנגעהויבן אַרומגיין אין טאָל אַזאַ אומעטיקער און דערשלאָגענער, אַז אויף זיין שיינעם פּנים האָט מען אַפילו קיין שמייכל נישט געזען.

עס קאָן אויך זיין, אַז די ערנסטקייט אויף זיין פּנים האָט זיך גענומען דערפון, וואָס ער האָט זיך שוין מער נישט צופרידנגעשטעלט מיט מאַכן איבערפאַלן אויף שטעט און שטעטלעך. אַפילו דאָס באַרויבן רייכע לייט און דאָס צעטיילן דעם אָנגערויבטן האָב און גוטס צווישן די אָרעמע פּעאָנען, אָדער אַרבעטער, האָט אים מער נישט געלאָקט און אינטערעסירט. ווייל וואָס מען זאָל אויף אים נישט זאָגן, מוז מען צוגעבן, אַז אין גרונט גענומען איז כוליטאָ געווען אַן ערלעכער סטעפּ־יונג, וואָס האָט אין דער טיף שטענדיק געבענקט נאָך אייגענער פּראַצע אויפן פעלד. דעריבער האָט ער אַלע מאָל באַטראַכט ראַפּאַעלס „רעוואָלוציאָנערישקייט“, ווי עפּעס אַזאַ ענין, וואָס האָט מיט אים גופא גאָרנישט צו טאָן און אָנגעהויבן קלערן, אַז ער דאַרף גאָר זוכן אַן אַנדער וועג, אַ וועג צו אַ שענער סאָרט לעבן. אַ לעבן נישט פון רויב, נאָר פון אייגענער מי און שוויס, ווי דאָס האָט געטאָן זיין טאַטע. דער געדאַנק האָט אים פאַרפאָלגט אַזוי לאַנג און אויף אַזוי פיל צו רו נישט געלאָזט, ביז דאָס האָט סוף־כל־סוף געמאַכט אַן איבערברוך אין זיין גאַנצן אַרט דענקען וועגן דעם גורל פון די פּעאָנען ביי זיך אין לאַגער. דערפאַר האָט ער מיט אַלע כוחות ביי זיך אַליין אָנגעהויבן זוכן אַ פּלאַן, פון וועלכן עס זאָל ווערן אַזאַ ציל, אַז דאָס גאַנצע לעבן זאָל אָננעמען אַן אַנדער פאָרעם, און פון דער דאָזיקער נישט קלאָרער פאָרעם — זאָל מיט דער צייט ווערן אַ זין.

דערצו נאָך האָט כוליטאָ געוווּסט, אַז נאָך דעם איבערפאַל אויף דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ, וועט שוין לאַנג נישט נעמען און די רעגירונג וועט אויסגעפינען דאָס באַהאַלטענע אָרט, ווו דער לאַגער האָט זיך געפונען און אַריינשיקן אַהין אַ גרויסע אַרמיי סאָלדאַטן, וועלכע וועלן פאַרניכטן אַלץ און אַלעמען אָן קיין שום רחמנות. דעריבער האָט ער אין אַ פּאָר טעג אַרום צו־

נויפגערופן אַלע מענטשן פון לאַגער און פאַר זיי אויסגעלייגט זיין נייעם, און גוט פאַרטראַכטן פלאַן:

— הערט זיך איין, אַמיגאָס! מיר האָבן צעראַבירט אַ באַנק און אַפילו פאַרבייפאַרנדיקע סוחרים, וואָס האָבן געפירט סחורה פון איין פּראָווינץ אין דער אַנדערער. מיר האָבן שוין אַ גרויסן עולם מיט מענטשן, מיר פאַרמאָגן אַ סך פערד מיט בהמות. מיר זענען געווען מזלדיק, ווייל ביז איצט איז אונדז נאָך קיינער נישט באַפאַלן. אָבער נאָך דער מעשה מיט באַהיאַ בלאַנקאַ, וועט מען אונדז דערפאַר נישט שווייגן. דאָ איז די סכנה צו גרויס. די הינט וועלן אונדז דערשנאַפּן און איר ווייסט אַלע זייער גוט מיט וואָס דאָס וועט שמעקן... אַלץ איינס איז שוין דער היגער טאָל געוואָרן צו קליין און נאָך עפּעס וויל איך אייך זאָגן: ביזן קומען אַהער אין לאַגער, זענען מיר און אַפילו אונדזערע עלטערן, אַלע מאָל געווען ערלעכע פּעאָנען און ביי קיינעם גאָר נישט פאַר־נומען. דאַרפן מיר איצט אָנהייבן פון דאָס ניי... צוליב דעם צוועק וואָלט איך פאָרגעשלאָגן, אַז דריי אינדיאַנער, וואָס קאָנען גוט די אַרומיקע פּראָווינצן, זאָלן מיטנעמען מיט זיך אַ סך פּראָוויאַנט מיט געווער און אַוועקגיין אויסזוכן פאַר אונדז אַ גרויסן שטח־לאַנד, וואָס זאָל אויך האָבן אַ טייך מיט גוטן וואַסער צום טרינקען...

— צוליב וואָס דאַרפן מיר האָבן אַ גרויס שטיק ערד מיט אַ טייך? — האָט אים ראַפאַעל נישט געלאָזט אויסלייגן אַקוראַט דעם נייעם פלאַן, וואָס האָט זיך נאָך געבאָמבלט ביי כוליטאָן אין קאָפּ — מיר זענען דאָך עפּעס רע־וואָלוסיאָנאַריאָס, דאַרפן מיר בלייבן דאָ אויפן אָרט, קעמפן פאַר אונדזער גערעכטיקייט און נישט אַנטלויפן פון דאָנען ווי צעשראָקענע האָזן...

— קאַזשאַטע! — האָט זיך דערהערט דער מעטאַלענער קלאַנג פון כו־ליטאָס קול, וואָס האָט צווייסן געגעבן, אַז דער סטעפּ־יונג איז איצט געוואָרן אין כעס. אָבער באַלד האָט זיין שטים צוריק באַקומען די פריערדיקע ווייכ־קייט, וואָס האָט אַלעמען געגלעט ווי סאַמעט:

— אָט טאַקע דאָס וואָרט „רעוואָלוסיאָנאַריאָס”, וואָס איך האָב קיין מאָל נישט פאַרשטאַנען זיין מיין, האָט מיך אין אָנהייב אַזוי פאַרשיכורט, אַז איך האָב צוליב אים געמאַכט פאַרשידענע איבערפאַלן און אומזיסטערהייט פאַר־גאָסן מענטשלעך בלוט. דאָס איז טאַקע די הויפּט־אורזאַך, פאַר וואָס איך האָב אייך איצט אַלעמען צונויפגערופן. איך וויל, אַז מיר זאָלן אַלע צוזאַמען, איין מאָל פאַר אַלע מאָל קומען צו אַ טאָלק וועגן אונדזער ווייטערדיקן גורל. איר פאַרשטייט דאָך, אַז לעבן פון רויב און זיין אין שטענדיקער מורא איז נישט גוט... נאָך אַלעמען ווילן מיר דאָך נישט, אַז אונדזערע קינדער זאָלן אויס־וואַקסן באַנדיטן און רויבער?... פון דורות אָן זענען מיר געווען האָרעפּאַשנע פּעאָנען און אַרבעטער. דאַרף מען איצט איינשטעלן אַ נייעם סדר, אַ פרידלעך לעבן. עס איז אמת, אַז מיר טאָרן זיך נישט אומקערן צוריק אין די האַסיענ־

דאָס און שקלאַפּן פאַר די רייכע פּריצים. אָבער מיר דאַרפן האָבן אַן אייגענעם גרויסן באָדן און אַרבעטן אויף די פעלדער אַלע אין איינעם פאַר זיך אַליין, וווּ קיינער זאָל איבער אונדז נישט זיין קיין באַלעבאָס. מיר דאַרפן אַליין אַקערן, אַליין פאַרזייען און אַליין געניסן פון אונדזער אייגן ברויט...

פון צווישן דעם עולם האָט זיך אַרויסגעשיילט דער אַלטער, זעכציקיעריקער אַנדרעס, וועלכער איז געווען אַזוי „געלערנט״ ,אַז ער האָט אַזש געקאָנט אַ פּאָר ווערטער אין זיין סאָרט „דאַווענען״ און פלעגט אין די זונטיקס, אויף אַן אומגעלומפּערטן אופן, מיט די אַנדערע פּעאָנען אָפּריכטן אַ שטיקל „גאָטעסדינסט״. צוליב אָט דעם „גייסטלעכן״ האָט דאָס ראַפּאַעל אין באַהיאַ בלאַנקאַ אין אַ קלויסטער אָפּגעקויפט עפּעס אַן אַלטע גלחישע ברוינע זשופּיצע, מיט אַ פאַרשמאָלצענעם „סידורל״ און דאָס אַלץ געבראַכט אַהער אין לאַגער. אָט דער אַנדרעס האָט זיך איצט גוט אויסגעהוסט אַפּריער און מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל גענומען רעדן אויף זיין „גלחישן שטייגער״:

— איך גלייב, אַז כוליטאָ איז גערעכט. פּעאָנען זענען אַלע מאָל געווען ערלעכע און פרומע קריסטן. עס איז אַן עבירה פאַר גאָט צו לעבן פון רויב! פּעאָנען און קריסטן דערצו, דאַרפן זיך דערנערן פון אייגענער מי, פון אייגענעם שווייס. וואָלט איך פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל טאַקע אין ערגעץ געפינען אַ גרויס שטיק לאַנד מיט אַ טייך און דאָרטן גרינדן אַן אייגענעם שבט, וואָס זאָל הייסן „דער פרידלעכער שבט כוליטאָ״. כוליטאָ איז אויך גערעכט מיט דעם, וואָס בלייבן דאָ אין טאָל אויף ווייטער טאָר מער נישט. קיינער האָט נישט קיין רעכט צו ריזיקירן מיט די לעבנס פון אומשולדיקע קינדער און פרויען, מען טאָר נישט דערלאָזן צו אַזאַ זאַך!...

— מוטשאַטשאָס! — האָט כוליטאָ אַ צופרידענער אָנגענומען דעם דאָזיקן „גלח״ פאַר אַ האַנט מיט אַזוי פיל ליבע, פּונקט ווי ער וואָלט אין אים געפונען די פאַרקערפּערונג פון זיין פּלאַן, וואָס איז נאָך ביז דעם „גלחס״ רעדע געווען עפּעס אַ צעשוווּמענע זאַך — מיך אַרט נישט. איר קאָנט אָנרופן דעם איצטיקע פּלאַן ווי איר ווילט. אָבער דער געדאַנק פון גרינדן ערגעץ אַ פרידלעכע קאָלאָניע, אַוועקוואַרפן דאָס געווער, נעמען זיך צום אַקער־אייזן און לעבן פון דער אייגענער פּראַצע איז מיר שטאַרק געפעלן. די לעצטע צייט האָב איך דערפון אַ סך געחלומט. דאָס דאַרף פון היינט אָן זיין אונדזער איינציקער ציל!... זענט איר אַלע אויף דעם איינשטימיק?...

— „סי סעניאָר״! — האָבן זיך דערהערט הונדערטער אָפּרופן פון אַלע זייטן און דאָס איז געווען דער „שטעמפּל״ אויף זיין אייגענעם פּלאַן, וואָס דער סטעפּ־יונג האָט די גאַנצע צייט געזוכט און געפונען...

דער געדאַנק איז זייער אַ גוטער — זענען געקומען פלוצימדיקע טענות פון ראַפּאַעלן, וועלכער איז פון דעם דאָזיקן ערלעכן פּלאַן גראָד נישט געווען באַגייסטערט אַזוי ווי די אַנדערע מענטשן דאָ אין לאַגער — אָבער וווּ

ווּעסטו נעמען אַזוי פּיל ווייץ און קאָרן, קוקורוזע, קאַרטאָפּל, ציבעלעס, פלאַקס, גרויפּן מיט מאַטע, אַז עס זאָל זיין גענוג נישט נאָר אויף אויסצו־קומען דאָס יאָר, נאָר זאָל אויך זיין גענוג אויף זריעה ביז וואַנען מען וועט קאָנען אַראָפּנעמען דאָס גערעטעניש פון די פעלדער, אויב עס וועט נאָר זיין וואָס אַראָפּצונעמען און אַריינפירן אין אַ שייער... און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אַקער־אייזנס, מיט בראָנעס, מיט אַזוי פּיל גראַבאייזנס, ווילעס, מיט העק און זעגן, טשוועקעס אויף בויען שטיבלעך? מילא, געהילץ וועט מען אפשר געפינען. אָבער מען דאַרף דאָך אויך האָבן דרעש־מאַשינען און מילן אויף צו מאָלן דעם ווייץ און קאָרן אויף מעל? איך זאָג, אַז דער געדאַנק איז טאַקע זייער אַ גוטער, נאָר דורכפירן אים אין דער ווירקלעכקייט איז אוממעגלעך!...

כוליטאָ האָט זיך הפּנים גערירכט אויף אַזאַ דעטאַליזירטער אַטאַקע. ער האָט נאָך פון פריער געוווּסט, אַז אויב נישט אַט דער ראַפּאַעל, וואָלטן אים די איצטיקע קלאָץ־קשיות געשטעלט אַנדערע, עלטערע, דערפאַרענע פּעאָנען. דעריבער האָט ער זיך אַפילו אויף אַ האָר נישט פאַרלוירן און געענטפערט דעם קאַסאָקן:

— דו ווייסט זייער גוט, אַז געלט האָבן מיר אַ סך. איז מיר איצט געקו־מען אַ געדאַנק, אַז דו זאָלסט נעמען לאָפּעזן און פאָרן קיין באַהיאַ בלאַנקאַ. בײַנאַכט וועט איר זיך דאָרטן אַריינגנבענען אין שטאָט און געבן דעם געוועַר־הענדלער אַזוי פּיל געלט וויפל ער וועט וועלן, אַז ער זאָל אונדז צושטעלן אַקער־אייזנס, בראָנעס, אַ דרעשמאַשין, אַ סך העק, זעגן און תבואה.

— אָדער דו ביסט משוגע אָדער דו רעדסט פון היץ! — האָט זיך ראַפּאַעל צעלאַכט און נישט געלאָזט, אַז ראַפּאַעל זאָל אויסרעכענען אַלע „זאַפּאַסן" וואָס אַזאַ געפלאַנטע קאָלאָניע וואָלט געדאַרפט האָבן — זאָג מיר נאָר: וועלכער משוגענער וועט דאָס דיר וועלן אַרויסשיקן אַ גאַנצן קאַראַוואַן מיט אַקער־אייזנס, בראָנעס און דרעש־מאַשינעס, און דערצו נאָך גאַנצע הונדערטער זעק מיט תבואה פון באַהיאַ בלאַנקאַ. ווייסטו דען נישט, אַז אַפילו אַז דער געוועַר־הענדלער וועט דאָס נישט טאָן פאַר קיין געלט אין דער וועלט!... ער איז קליגער פון דיר און ער ווייסט, אַז אַזוי גיך ווי ער וואָלט אַפילו צוזאַמענגע־נומען די אַלע זאַכן, דאָס אָנגעלאָדן אויף אַ פּאָר צענדליק וועגענער, וואָלט דאָס גלייך געוואָרן פאַרדעכטיק און איך פאַרזיכער דיר, אַז אַ סקוואַדראָן מיט זשאַנדאַרמען וואָלט דעם קאַראַוואַן נאָכגעשפּירט דעם גאַנצן וועג ביז אַהער אין טאָל אַריין... הער זיך בעסער צו צו דעם וואָס דו רעדסט און פאַרפיר קיי־נעם נישט אין בלאָטע...

— אפשר ביסטו אין דעם גערעכט — איז כוליטאָ אויבנאויפיק גע־בליבן אַזאַ רויִקער ווי פריער — פונדעסטוועגן וועסטו פאָרט פאָרן אַהין און כאָטש איינקויפן קאָסעס, העק, זעגן, טשוועקעס, וואַרעמע קאָלדרעס, שיך

מיט שטיוול און קליידער פאַר מענער מיט פרויען אויף די ערשטע פאַר יאָר, ביז מען וועט אפשר קאָנען פראָדוצירן אייגענע זאַכן...

— און ווו וועט מען נעמען ווייץ, מאַיס, קאָרן, גרויפּן, קאַרטאָפל, ציבעלעס, מערן, קרויט און אַלע אַנדערע זאַכן — איז אים גאַבריעל אַריינגעפאַלן אין די רייד — איך וועל דיר געבן אַן עצה וואָס צו טאָן: יעדער פּעאָן אין לאַגער האָט דאָך יאָרן און יאָרן אָפּגעפּינצטערט ביי זיין פּריץ אין האַסיענדאַ אומזיסט און אומנישט. דענק איך, אַז עס וואָלט געווען נישט מער ווי רעכט, אַז איצט זאָלן מיר צונעמען כאָטש צו קליינע חלקים פון דאָרטן. אָבער... איך פאַרזיכער דיר, כוליטאָ, אַז דאָס וועט זיין אונדזער לעצטער אָנפאַל איידער מיר קלייבן זיך אַריבער ערגעץ אַנדערש, ווו מיר וועלן אָנהייבן אַ ניי לעבן. קיינער דאַרף אונדז אין דעם נישט שטערן. מחמת, ערשטנס איז דאָס דער איינציקער אויסוועג צו קריגן די אַלע זאַכן אויף איבערצובויען זיך און צווייטנס, וועלן מיר אין די האַסיענדאַס קיינע גוואַלדאַקטן נישט באַגיין, סיידן מיר וועלן זיין געצוווּנגען צו פאַרטיידיקן זיך...

אַנטקעגן אַזעלכע גערעכטע רייד האָט שוין קיינער נישט געהאַט וואָס אויסצוזעצן, אַפילו כוליטאָ האָט אין דעם איינגעזען די „לאָגישקייט“. נאָר ער האָט גלייך אויפן אָרט געשטעלט בלויז איין תנאי, אַז מער קיינע רויבערייען זאָל קיינער נישט באַגיין און וווּ די פאַרזאַמלטע זענען אויף דעם מסכים געווען, האָט דער סטעפּ־יונג באַלד אויסגעקליבן דריי געזונטע, מיטליעריקע אינדיאַנער און זיי אַוועקגעשיקט אין דער ריכטונג פון די באַרימטן „אַנדןבערג“ צו געפינען אַ פּאַסיק, גרויס שטיק לאַנד. ווייל ער האָט גערעכנט, אַז אַזוי ווייט, אַזש אין יענע געגנטן, וועט די רעגירונג זיי נישט זוכן און נישט שטערן אויפצובויען אַ גרויסע קאָלאָניע, וואָס וועט זיך בלויז פאַרנעמען מיט ערדאַרבעט...

כדי דורכצופירן זיין לעצטע צוזאָגעכץ צו גאַבריעלן און דאָס האָט שוין געמיינט, צו אַנדערע מוטשאַטשאָס אויך, האָט כוליטאָ, אין אַ פּאָר טעג אַרום פאַררופן צו זיך אין ביידל אַלפרעדאָן, כואַנען, אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ מיט ראַמאָס טשיקאָ און זיי געזאָגט:

— קלייבט זיך אָפּ יעדער פון אייך צו פינף און צוואַנציק רייטער; פאָרט אַוועק אין די דערבייאיקע רייכע האַסיענדאַס און ברענגט פון דאָרטן וויפל תבואה איר וועט נאָר קאָנען קריגן. וואָס מער וועגענער מיט פּראָוויאַנט איר וועט ברענגען, אַלץ בעסער וועט דאָס זיין פאַר דער קומענדיקער קאָלאָניע, וועלכע מיר וועלן אויפשטעלן. פאַרגעסט נישט צו ברענגען זוימען. אָבער איר זאָלט דאָרט קיינעם נישט טשעפּען און איך זאָג אייך אָן נאָך אַ מאָל, אַז דאָס וועט זיין דער לעצטער אָנפאַל. ווייל אַזוי גיך ווי מיר וועלן אַרויספאָרן פון דעם טאָל, וועט זיך אָנהייבן אַ נייער פּעריאָד, אַ נייער קאַפּיטל אין אונדזער לעבן...

מיט כוליטאָס לעצטע רייד האָבן זיך די פיר יונגען זייער דערפרייט. פון איצט אָן האָט שוין נישט גענומען לאַנג. די פיר אָנפירער האָבן אויף גיך אויסגעקליבן הונדערט בראַווע קעמפער, וועלכע האָבן אין שאַלאַש גע־נומען ביקסן אויף די פּלייצעס און ווען כוליטאָ האָט זיך אויף אַ פּאָר מינוט אָפּגעקערט פון זיי, האָבן די קריגער איינגעטונקט שטורקאַצן אין נאַפט, דאָס אומבאַמערקט פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אין די טאָרבעס פון די זאָטלען און אין אַרום צוויי שעה זענען פון טאָל אַרויסגעריטן די פעיִקסטע פּעאָנען, וואָס האָבן געקאָנט האַלטן אַ ביקס אין דער האַנט.

אויך כוליטאָ האָט אין געהיים אָפּגעקליבן דרייסיק געניטע קריגער און געקליבן זיך אין וועג אַריין. אָבער ער האָט קיינעם, אויסער די דרייסיק פּעאָנען, קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם. דאָס איז געווען זיין סוד. זיין אַלטער חוב, וואָס ער האָט נישט באַוויזן צו באַצאָלן דעמאָלט, ווען ער איז צום ערשטן מאָל געפאָרן נעמען נקמה אין דעם דאָן כאָסע אַלוואַרעז, וואָס איז געשטאָרבן. אָט דעם אַמאָליקן חוב, וואָס ער איז געקומען זיינע אומגעקומענע טאַטע־מאַמע, האָט ער איצט גערעכנט צו „באַצאָלן" די נייע באַלעבאַטים פון דער זעלביקער האַסיענדאַ. אמת, טשעפּען דאָרט האָט ער קיינעם נישט גע־וואָלט. ער האָט בלויז אין זינען געהאַט אַוועקצונעמען פון אָט דער האַסיענדאַ אַ פּאָר פורן מיט ווייץ און אומקערן זיך צוריק אין לאַגער אויף אַ פרידלעכן אופן.

דעריבער האָט ער פאַר זיין אַרויספאָרן אָפּגעגאָלט זיך דאָס פּנים, אַרומ־געוואַשן זיך מיט קאַלט וואַסער, אָנגעטאָן אַ געל, באַטיסטן אויבערהעמד, שוואַרצע, געוואַנטענע הויזן, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין די קורצע כאָלע־וועס פון די גלאַנציקע שטיוול, וועלכע זענען געווען אויסגענייט מיט גרינע און רויטע אוזאָרן, אַ טונקל גרין, סאַמעטן רעקל, מיט פּערלמוטערנע קנעפּ־לעך און אַ קיילעכדיקן שוואַרצן סאָמברעראָ, וואָס האָט געהאַט אויף זיך אַ ווייסע, זיידענע לענטע. אַז ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער „גאַרדעראָבע", האָט ער, מיט זיינע יונגען פּאַמעלעך אָפּגעגעסן פרישטיק, דערנאָך אַרויפגע־שפּרונגען אויף זיין ווייסן פערד, אַרויסגעריטן פון טאָל און דער קליינער סקוואַדראָן האָט זיך פאַרנומען אויפן וועג צו דאָן כאָסע אַלוואַרעזס האַסיענדאַ.

עס קאָן זיין, אַז דאָ, אין דער האַסיענדאַ, האָבן זיך די פּעאָנען שוין פון לאַנג געריכט אויף זיינעם אַן איבערפאַל. ווייל ווי נאָר כוליטאָ מיט זיינע יאַטן זענען צוגעקומען נאָענט צו דער אימעניע און אויסגעשאָסן אַ זאַלפּ אין דער לופטן, כדי צו זען, צי פון אינעווייניק און איבערהויפּט פון דעם גרויסן פּריצישן הויז, וועט נישט קומען קיין צוריק שיסעריי, זענען אַלע „העַנט" פון דער האַסיענדאַ אַרויסגעלאָפן פון זייערע שטיבלעך, פון די שייערן, פון די קעלערס און מיט די סאָמבעראָס אין די הענט מקבל פּנים געווען דעם

סטעפּ־יונג מיט זיינע מענטשן, וואָס זענען, לויט זייער רעכענונג, געקומען אויסצולייזן די דאָרטיקע פּעאָנען פון דער שטענדיקער שקלאַפעריי.

ווען כוליטאַ מיט זיינע יונגען האָבן געזען, אַז קיין צוריקשיסעריי איז פון דער האַסיענדאַ נישט געקומען, זענען זיי שוין אַ ביסל זיכערערע ביי זיך, אַריינגעפּאַרן אין דעם גרויסן הויף און דער אַלטער ראָבערטאַ, וואָס האָט נאָך דאָ געדינט מיט צענדליקער יאָרן צוריק, צוזאַמען מיט פּיעטראַן (כוליטאַס טאַטן), האָט דעם סטעפּ־יונג גלייך דערקאָנט. איז ער מיט פרייד אין הערצן צוגעקומען צו אים און אים געדריקט די האַנט:

— אַך, כוליטאַ, כוליטאַ! ווי דו זעסט האָבן מיר זיך שוין פון לאַנג גערעכט אויף דיר! גוט וואָס דו ביסט איצט געקומען צו באַפרייען אונדז פון דאַנען...

כוליטאַ איז אַראָפּגעשפּרונגען פונעם זאָטל און מיט ליבע אין די הענט אַרומגענומען דעם אַלטן פּעאָן:

— וואָס מאַכסטו, מיין אַלטער פריינט. איך וויל דיר גלייך זאָגן, אַז איך האָב געפאָלגט דיין עצה. איך בין געווען אַ פּאָר מאָל אין דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ און אַ סך געלערנט... אָבער פּאַר וואָס איז דאָ אין דער האַסיענדאַ איצט אַזוי שטיל? וואָס האָט פּאַסירט?...

— וואָס זאָל איך מאַכן? — האָט זיך אַ פּאַטערלעכע שטראַליקייט צעוויגט אויף ראָבערטאָס צערונצלטן פּנים — אָט! דו זעסט דאָך?!... מען ווערט אַלט. שוין מער נישטאָ די אַמאָליקע כוחות... און אין דער האַסיענדאַ איז שטיל דערפאַר, וואָס דער סעניאָר מיט זיין זון זענען אַוועקגעפאָרן קיין בוענאָס־איירעס, מסתמא צוליב געשעפט. דאָ איז בלויז פאַרבליבן די אַלטע סעניאָרא מיט איר טאָכטער ראָזאַליטאַ, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אין דער נייער שטאַל, ווען זי האָט נאָך דורכן פענצטער דערזען, אַז דו קומסט אָן. דער קאַפּאַטאַז מיט דער אַלטער געפינען זיך אין פּאַלאַץ און האָבן מורא אַרויסצוקומען. זיי מיינען, אַז דו וועסט זיי דערשיסן. הער זיך איין, מיין זון, איך האָב געהערט, אַז דו האָסט שוין באַפרייט אַ סך פּעאָנען, איז אפשר וועלן מיר איצט קאָנען מיטפאָרן מיט דיר אין דיין באַהעלטעניש?...

כוליטאַ האָט זיך פון דעם האַרציק צעלאַכט. דערנאָך האָט ער פון בוזים אַרויסגענומען אַ פּעקל מיט געלט און דאָס אַריינגעשטופּט אין ראָבערטאָס אויסגעהאָרעוועטע הענט :

— הער זיך איין מיט קאָפּ, מיין אַלטער פריינט! איך האָב קיינעם נישט באַפרייט. די מענטשן וועלכע זענען ביי מיר אין לאַגער, זענען געקומען אַליין, מיט זייער פרייען ווילן... אַגב קאָן גאָר זיין, אַז אין גיכן וועלן מיר זיך אַלע אַריבערקלייבן ערגעץ זייער ווייט, מעגלעך אַזוי ווייט ווי ביי די אַנדן־בערג. צוצוקומען אַהין וועט מען אַפריער מוזן אַריבערקלעטערן די משופּעהדיקע און געדרייטע פּאַטאַגאָניער בערג און געפערלעכע סקאַלעס. דאָס איז נישט קיין

גרינגע זאַך פּאַר עלטערע מענטשן... דו וועסט אַוועקפּאַלן אין מיטן וועג. אַפּילו ווען מען וועט שוין יאָ דערגרייכן יענץ אָרט, וועט מען דאָרט ערשט דאַרפֿן אָנהייבן פֿון דאָס ניי, דאָס הייסט, אויפֿברעכן די ערד, אַקערן, בראָ־נעווען און זייען. אויך וועלן מיר דאָרט דאַרפֿן בויען הייזער פּאַר אַלעמען און דערצו נאָך גרויסע קאָראַלן, מיט שפּייכלערס און פֿאַרשידענע אַנדערע געביידעס. איז וואָס ווּעסטו דאָ אויסבייטן?... פּאָלג מיך, נעם דאָס געלט, צע־טייל דאָס צווישן די אַנדערע פּעאָנען און קויפֿט זיך דערמיט צו שטיקלעך באָדן, דאָ ערגעץ און לעבט זיך אויס אייערע יאָרן אין רויִקייט און פֿרידן...

— גראַסיאַס, מיין זון! — האָט אים ראָבערטאָ געוואָלט אַ קוש טאָן אין האַנט פּאַר דער גוטסקייט. אָבער כוליטאָ האָט זי צוגעכאַפּט פֿון דעם אַלטנס מויל — גראַסיאַס, כוליטאָ! אָבער אויף איינצוקויפֿן זיך אַפּילו צו קליינע שטיקלעך ערד פּאַר אונדז אַלעמען, וועט דאָס געלט, וואָס דו האָסט מיר גע־געבן — נישט קלעקן. דו ווייסט דאָך מסתּמא, אַז היינט איז איטלעך ברעקל לאַנד מיט גאָלד צו גלייך!...

— הא, קאַניאַ! האָט זיך כוליטאָ פֿון דעם אַלטנס רייד צעלאַכט מיט אַ געזונטן און האַרציקן געלעכטער — דו ביסט געוואָרן אַ גאַנצער ווייסער אויף געלט און אויף פּרייזן פֿון ערד! קאַראַמבאַ! דאָס איז אַזוי קאָמיש, אַז איך מוז לאַכן! שטעל זיך פֿאָר: אַן אַלטער פּעאָן, וואָס האָט, דאַכט זיך, צענדליקער יאָרן געשקלאַפּט ביים פּריץ אין די שייערן און אין די קעלערס, קאָן די זאַכן פֿון קויפֿן און מסתּמא פֿון פֿאַרקויפֿן בעסער ווי אַ יונגער און שטאָטי־שער סוחר. האַמברע, דו ביסט מיר דערפֿאַר געפֿעלן — און ער האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו זיינע יונגען, וועלכע זענען נאָך געזעסן ביי זיך אויף די פֿערד — העי, מוטשאַטשאָס! איר זעט דעם אַלטן? ער האָט צוזאַמען מיט מיין טאַטן, וועמען מען האָט פֿאַרשמיסן צום טויט, געאַרבעט דאָ אין דער האַסיענדאַ אַ סך יאָרן. איז ווער פֿון אייך האָט ביי זיך אַ פּעקל מיט געלט? גיט דאָס מיר און איך וועל אייך אין דער היים אָפּגעבן אַנדערס.

איינער פֿון די רייטער האָט פֿון זיין טאָרבע אַרויסגענומען אַ היפּש פּעקל מיט געלט און דאָס דערלאַנגט דעם סטעפּ־יונג און כוליטאָ האָט דאָס אַפּילו נישט איבערגעציילט און איבערגעגעבן צו ראָבערטאָן:

— נו, דאָס וועט זיין גענוג? יאָ? אויב אַזוי זאָג די אַנדערע פּעאָנען, אַז זיי זאָלן איינשפּאַנען פֿינף וועגענער און אָנלאָדן זיי מיט ווייץ, קאָרן, קאַר־טאָפֿל, האָבער און מיט זעקלעך מאַטע. איך וועל דערווייל אַריינגיין אין דעם נייעם שטאַל און אַרויסנעמען פֿון דאָרטן אַ פּאָר גוטע פֿערד...

— אָבער, וואָס וועלן אויף דעם זאָגן די סעניאָרעס, אַז זיי וועלן קומען צוריק פֿון בוענאָס־איירעס און דערוויסן זיך פֿון דעם — האָט ראָבערטאָ אַ ביסל אַ צעשראָקענער געפֿרעגט.

— זאָרג זיך נישט וועגן דעם! — האָט איצט כוליטאַ גערעדט נאָך פרייל׳עכער ווי פריער — דו ווײסט די סעניאָרעס קאָנען דערציילן דעם אמת, אַז דאָ איז געווען דער באַנדידאָ, כוליטאַ מיט זיינע מענטשן און מיט ביקסן אין די הענט איך געצוווּנגען צו טאָן דאָס און מער גאָרנישט, דו פאַרשטייסט?...

דעם אמת געזאָגט, האָט כוליטאַ אַפּריער געוואָלט אַריינגיין אין דעם שפּייכלער מיט תבואה, ווו דער דאָן כאָסע אַלוואַרעז האָט אַמאָל געכאַפּט זיין טאַטן גנבענען אַ ביסל ווייץ. אָבער נישט געטראַכטערהייט איז ער גאָר אַריינגעגאַנגען אינעם נייעם שטאַל, ווו עס זענען געשטאַנען זעקס שיינע רייט־פערד ביי אַ לאַנגער קאָרעטע און געפרעסן האָבער. אַנטקעגן אויף אַ באַרג מיט היי איז געזעסן דעם נייעם אייגנטימערס טאָכטער ראָזאַליטאַ. אַ מיידל פון דריי און צוואַנציק יאָר, מיט אַ לענגלעך אויסגעשניצט פּנים. איר גלייכע נאָז האָט אַרויסגעהנדלט פון איר ווייס, כמעט מאַרמאָרענעם געזיכט. די ליפּן זענען ביי איר געווען אידל געווירעטע און אַ ביסל צענומענע. די בלויע, גרויסע און טיף קלוגע אויגן האָבן איר פּרעכטיקן אויסזען צוגעגעבן אַ צעהעלטן אויסזען. אָט דאָס מיידל, וועלכעס איז אויפגעהאָדעוועט געוואָרן אין רייכקייט און ווילטאָג, האָט זייער ליב געהאַט די אַרגענטינער, ווילדע נאַטור און אַלע מאָל, ווען צו זיי אין פּאַלאַץ פלעגן קומען רייכע, איידעלע זונדלעך צו שיכורן און שיסן מיט פּוסטע פּראַזן, האָט זי זיי נישט געקאָנט פאַרטראָגן. איבער־הויפּט האָט זי פיינט געהאַט קאָמפּלימענטן, נאַרישע פּלאַפּלערייען און שטענ־דיק געבענקט נאָך עפּעס אַ מאַן אַ העלד, וואָס זאָל קומען צו איר אומגעריכט און נעמען זי מיט גוואַלד צו זיך. און איר האָט קיין מאָל נישט געאַרט, צי דער דאָזיקער „העלד“ אירער, וועמען זי האָט אויסגעחלומט אין איר צע־היצטער, מיידלשער פאַנטאַזיע, זאָל האָבן אַן אייגענעם „שלאָס“, אַ פּאַלאַץ, צי גאָר אַ בלעכערנע בודקע...

ראָזאַליטאַ איז געווען זייער אַ טשעקאַווע מיידל. אַז מען האָט זי געזען איין מאָל, האָט זי געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צעלאָזענער — אַ ווילד שטיק נאַטור. זי פלעגט שעהן נאָכאַנאַנד רייטן אויף די נאַראָווויסטע פערד, איבערהויפּט זייער שטאַרק ליב געהאַט צו רייטן אין די סטעפּעס, אין די פעל־דער און דאָרט הנאה געהאַט פון צו זען ווי עס וואַקסן די קאָרן, ווייץ, גראָזן און בלומען. אָדער גאָר קלעטערן אויף געפערלעכע בערג און בערגלעך. אָבער דער וואָס האָט זי געקאָנט נענטער, האָט געוווּסט, אַז ראָזאַליטאַ האָט געהאַט אַ גאָלדענע נשמה, אַ ווייך האַרץ, מיט אַן אָפענער, ברייטער האַנט, וואָס האָט נאָך געוואָלט אַרויסהעלפן די אָרעמע פּעאָנען און זייערע קינדער מיט אַלץ, וואָס זי האָט נאָר געקאָנט. נאָר זי האָט כסדר מאַנעווּוירט אַזוי, אַז אירע רייכע עלטערן, מיט איר שטרענגן ברודער זאָלן קיין מאָל נישט וויסן דערפון.

אַפילו דאָס איצטיקע זיין אין שטאַל האָט אויך געהאַט עפּעס אַ שייכות סיי צו איר נאַטור און סיי צו דעם מאָמענט גופא. מחמת פון פאַר דריי

יאָר, ווען כוליטאָ איז געקומען אין דער האַסיענדאָ אָפּצורעכענען זיך מיט דאָן כאַסע אַלוואַרעז, פון יענער רגע אָן, ווען ראָזאַליטאָ האָט דורכן פענצטער דערזען כוליטאָס שיין פּנים, מיט דער מענערישער געשטאַלט, האָט זי נישט אויפגעהערט צו חלומען וועגן אים. עס האָט איר געצויגן צו זיינע געזונטע הענט און איצט, אַז זי האָט נאָך פון דער ווייטער באַמערקט ווי ער איז גע־ריטן אויף זיין וויים פערד, האָט איר דאָס האַרץ אַ ציטער געטאָן, איז זי אַריינגעלאָפן אַהער אין שטאַל און געהאָפט, אַז ער וועט אַהער אַריינקומען און זי באַמערקן.

און ווען ער האָט זיך אָפּגעפּאַרטיקט מיטן אַלטן ראָבערטאָ און סוף־כל־סוף פאַמעלעכערהייט אַריין אין שטאַל און אָנגעהויבן צו באַטראַכטן דאָ די פערד, האָט זיך ראָזאַליטאָ פאַר אים נישט דערשראָקן. אַדרבא, זי איז גאָר אויפ־געשטאַנען פון דעם באַרג מיט היי, אָפּגעשאָקלט זיך די רויטע, זיידענע קליי־דער, וואָס האָבן ממש אַראָפּגעזונגען פון איר שלאַנקן גוף, וואָס האָט אויס־געזען ווי אַ דינע בעריאָזע און איז דערנאָך שטיין געבליבן אַ טראָציקע און אַן אַרויסרופערישע.

כאָטש כוליטאָ האָט זי גלייך באַמערקט, וואָלט ער אָבער קיין מאָל נישט געהאַט אין זיך דעם מוט, צי די חוצפהדיקע העזה וואָגן צוגיין צו איר, און וועגן אָנהייבן רעדן איז שוין אָפּגערעדט. אָבער ראָזאַליטאָס לייכטנדיק פּנים, מיט די בלויע אויגן און די לאַנגע, געדיכטע און צעוואָרפענע בלאָנדע האָר איבער איר האַלב נאַקעטער, ווייבלעכער פּלייצע, האָט אים אַ צי געגעבן צו זיך מיט אַזאַ קראַפט, אַז כוליטאָ אַליין האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער איז צוגעקומען און ווען ער האָט צו איר אָנגעהויבן רעדן אַזוי נאַטירלעך, ווי ער וואָלט זי שוין געקאָנט פון צענדליקער יאָרן:

— האַלאָ, ראָזאַליטאָ! האָסט גאָרנישט מורא פאַר מיר? דו ווייסט גאָר־נישט, אַז איך בין דער באַנדידאָ, כוליטאָ?

— ניין! — האָט זי מיט טראָציקייט אים אַריינגעקוקט אין פּנים — איך וויים גראָד יאָ ווער דו ביסט און איך האָב פאַר דיר נישט קיין מורא!...

— הפּנים אַז דו ווייסט נאָך אַלץ נישט ווער איר בין?

— ניין, כוליטאָ — האָט זי מיט אַ וואַרעמען ציטער פון ליבע צום ערשטן מאָל אים אָנגערופן ביים נאָמען — דו מאַכסט אַ טעות... גראָד וויים איך יאָ ווער דו ביסט... איך געדענק דיך נאָך פון דעמאָלט אָן, ווען דו ביסט געקומען אַהער אין דער האַסיענדאָ און נאָכגעפרעגט זיך אויף דעם דאָן כאַסע אַלוואַרעז, ביי וועמען מיין פאָטער האָט אָפּגעקויפט דעם גוט...

— ראָזאַליטאָ האָט זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז זי האָט גערעדט צו פיל, אַז מיט אירע נאַרישע רייד האָט זי זיך אַליין אַרויסגעגעבן. דערפון האָט זי זיך פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן צו דער ערד און דערפילט, ווי איר גאַנצער קערפּער האָט זיך אָנגעצונדן פאַר שאַנדע, ווי אויף אירע

ראַזעווע באַקן האָט זיך אַ פּייערדיקער פלאַם צעשפּילט און זי האָט געוואָלט אויפהייבן אַ ביסל איר לאַנג קלייד און פון בושה אַנטלויפן צו זיך אין הויז.

נאָר מיט אַ מאָל האָט כוליטאָ ווי פון זיך אַליין, אויסגעשטרעקט זיין מוסקולירטע האַנט און מיט אײדלקייט אין די פינגער אויפגעהויבן איר צאַרטע מאָרדעטשקע און אין דער רגע האָט אַהער אין שטאַל אַריינגעשאָסן אַ גאָלדענער סנאָפּ מיט זונשטראַלן, וואָס האָבן זיך צעשפּילט אויף דעם מיידלס ווייס־ראַזעווען פּנים און אירע בלויע אויגן זענען געוואָרן נאָך בלויער ווי פריער און דער סטעפּ־ייונג האָט באַמערקט, אַז אין זיי האָבן געציטערט צוויי ימים מיט ליבע און בענקשאַפט. ראַזאַליטאַ האָט דערפילט, אַז דער גע־זונטער מאַנספּאַרשוין ווייסט שוין וואָס ביי איר אין האַרץ טוט זיך. האָט זי די געפילן פּרובירט צו באַהאַלטן, פאַרמאַסקירן מיט אַן אומבאַהאַלפּענעם שמייכל. נאָר כוליטאָ האָט זי נישט אָפּגעלאָזט. ער האָט זיך אַ וואַלגער גע־געבן אויף דעם זעלביקן באַרג מיט היי, אויף וועלכן זי איז פריער געלעגן און פון דאָרטן אָנגעהויבן צו רייצן זיך מיט איר:

— הייסט דאָס, אַז דו ווייסט טאָקע ווער איך בין?... איז אויב אַזוי, איז וואָס ווילסטו אַנטלויפן פון מיר?... הער זיך איין, ראַזאַליטאַ. אויב דו האָסט טאָקע נישט קיין מורא פאַר מיר, איז קום אַהער און זעץ זיך אַוועק דערנעבן... דו ביסט מיר געפעלן און איך וויל דיך קאָנען אַ ביסל בעסער און נעענטער...

זיין פּשוטער צואַנג, זיינע ערלעכע און האַרציקע רייד האָבן געגלעט און געלאַשטשעט ראַזאַליטאַס האַרץ. עפּעס זענען דאָס געווען אַזעלכע נשמה־דיקע ווערטער, נאָך וועלכע די רייכע סעניאָריטאַ האָט דאָס גאַנצע לעבן גע־בענקט. פונדעסטוועגן האָט זי זיך איצט אַ ווײַלע געקווענקלט. נאָר אַזוי ווי זי האָט שוין אים פריער געזאָגט, אַז זי „האָט נישט קיין מורא פאַר אים", האָט איר שוין מער נישט געפּאַסט צו גיין קעגן איר אייגן וואָרט. און נאָך דעם ווי זי האָט אַ פאַר רגעס געטראַכט, אַז „מען דאַרף נישט זיין קיין שוואַכ־לינגג", האָט זי זיך נישט נאָר אַוועקגעזעצט, נאָר אַוועקגעלייגט לעבן אים און דאָס געטאָן האָט זי דאָס, פּונקט ווי עפּעס אַ געהיימע האַנט מיט אַן איי־זערנער גבורה וואָלט איר אַ שטויס געטאָן צו דעם שיינעם כוליטאָן. דאָרטן אויפן היי האָט זי אין גאַנצן נאָכגעלאָזט דעם גוף. אויסגעצויגן זיך אַזוי פריי, ווי זי וואָלט זיך אַוועקגעלייגט לעבן אַ קינד. דערביי האָט זי פאַרלייגט די רעכטע האַנט צו זיך אונטערן קאָפּ און פון דער פאָזע האָבן זיך אירע היפּשע בריסטלעך אויפגעשטעלט מיט די נאָפּלען אויף אַרויף און אויס־געזען האָבן זיי ווי צוויי ווייכע בערגלעך אויף אָנצושפּאַרן אַ מידן קאָפּ...

כוליטאָן האָבן די צוויי בערגעלעך אַ שטאָך געטאָן אין די אויגן און זיין ווילדע יוכע האָט זיך צעשפּילט אויף אַלע כלים. אין דער רגע האָט ער גע־וואָלט אַראָפּרייסן די ווייסע, זיידענע בלוזקע און קושן יעדעס ברעקל פון איר־צויבערדיק, ווייס לייב. אָבער — ער האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז אייגנטלעך

איז ער דאָך נישט מער ווי אַ באַנדיט, אַ פּראָסטער פּעאָן, וואָס קומט אַרויס גאָר פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט ווי זי. אָט דער לעצטער געדאַנק האָט אַזוי געווירקט אויף אים, אַז ער איז געבליבן ליגן אַ צוריקגעהאַלטענער און מיט אַלע כוחות פאַרטושט אין זיך די אַנגעלאָדענע געפילן און כדי צו פאַרשטומען אין זיך די מאַנענדיקע באַגערן, האָט ער גענומען אַ הייעלע אין מויל און אַנגעהויבן קייען און ביי זיך אויפן גומען דערפילט, אַז אַפילו דער זיסלעכער אַראָמאַט פון דעם צעקייטן הייעלע האָט אויך געשמעקט מיט יונגמיידלשקייט.

ראַזאַליטאַ איז די גאַנצע צייט געלעגן לעבן אים און איינגעהערט זיך ווי די פערד האָבן מיט זייערע טעמפּע ציינער געקייט דעם האָבער. נאָר מיט אַ מאָל האָט איר אַרומגענומען דער סאַכאַרינאַווער ריח פון פרישן היי, וואָס האָט געשמעקט סיי מיט מיאַטנע און סיי מיט האָניק. דער לאַשטשנדיקער ריח האָט אַזוי פאַרוויגט ראַזאַליטאַן אין מיידלשע חלומות, אַז זי האָט דער־פילט, ווי דורך דער קורצער ווײַלע איז זי געוואָרן צוגעבונדן צו כוליטאָן מיט לייב און לעבן. און איר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ער איז שוין פון לאַנג איר אמתער געליבטער. דערצו נאָך איז זי געווען אַ קלוג מיידל. זי האָט גע־ווּוסט, אַז איר אַרויסשטאַרצנדיקע בריסטן האָבן ווײַבעריש גערייצט דעם שיינעם און געזונטן מאַן. דאָס האָט זי גראָד געוואָלט און די דאַזיקע פּאָזע אירע געזוכט אויסצוניצן אין דער גרעסטער מאָס. דעריבער איז זי מיט אַ באַהאַלטענעם ציטער אין האַרצן געלעגן און געוואַרט, אַז ער זאָל זי אַרומ־נעמען, אָדער געבן אַ פייערדיקן קוש, צי גאָר גלעטן איר הונגעריק לייב. נאָר ווען זי האָט זיך אויף דעם פּאַרט נישט געקאָנט דערוואַרטן, האָט זי זיך מיט אַ מאָל אויסגעדרייט מיט איר ליכטיק פּנים צו אים און אָנגעהויבן לאַכן אויף אַ קול:

— דו קייסט דאָך טאַקע דאָס הייעלע ווי אַן אמתער אָגער!...

פון דער אַרויסרופערישקייט, וואָס איז געלעגן אין איר ציטערדיקן קול, האָט כוליטאָ באַקומען מער קוראַזש און מוט, דעריבער האָט ער זי אַ קרעפּ־טיקן צי געגעבן צו זיך און מיט בריענדיקייט אין זיין הייסן אָטעם געפרעגט:

— טאָ וואָס זשע ליגסטו לעבן אַ פערד און דו לאַכסט?...

ראַזאַליטאַ האָט דערפילט ווי דאָס וואָלטן איר נישט אַרומגענומען קיין הענט, נאָר צוויי מעכטיקע צוואַנגען און גראָד די רויע געזונטקייט פון דעם פּרימיטיוון יונג איז איר געווען אַזוי נאָענט און ליב, אַז זי האָט פּלוצים דערפילט ווי איר גאַנצער קערפּער האָט אַ ציטער געטאָן און פון קאָפּ ביז צו די פינגער פון די פיס — אָנגעצונדן זיך מיט אַ העליש פייער, וואָס זי האָט בשום אופן נישט געקאָנט אויסלעשן, אַפילו ווען זי וואָלט דאָס יאָ געוואָלט:

— איך ליג לעבן דיר דערפאַר, וואָס איך האָב ליב פערד... און וואָס דו זאָלסט נישט וועלן טאָן צו מיר, האָב איך פאַר דיר נישט קיין מורא...

— דו ביסט אַ כוואַטסקע און בראַוו רייך מיידל און איך בין אַזאַ פערד, וואָס קומט פון דער פּאַמפּאַ, פון צעווילדעוועטע טאַבונען און נישט פון פּרי־צישע שטאַלן... פאַר אַזאַ מין פאַרשוין ווי איך בין דאַרף מען זיך היטן. אַ סימן, אַז מענטשן האָבן פאַר מיר מורא, ווייל פאַר דער דרויסנדיקער וועלט בין איך נישט מער ווי אַ באַנדיט...

— ניין, מיין יינגל! — האָט זי אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין מויל, אַז ער זאָל מער נישט רעדן אַזעלכע רייד — פאַר מיר ביסטו נישט קיין באַנ־דיט. איך ווייס, אַז דאָס וואָס דו נעמסט צו ביי רייכע לייט, צעטיילסטו צווישן דעם אָרעמען פאָלק. דער אַלטער ראָבערטאָ האָט מיר דערציילט אַ סך גוטע זאַכן פון דיר, אַפילו פון דיין אַמאָליקן לעבן. און פריער האָב איך אַליין געזען פון דער אָפענער טיר פון שטאַל, ווי דו האָסט אונדזערע פּעאָנען גע־געבן אַ סך געלט אויף צו קויפן שטיקלעך ערד. איך האָב אַפילו דאָ געהערט וואָס דו האָסט דעם אַלטן דערציילט וועגן אייער אַוועקפאָרן. מיר איז שטאַרק געפעלן דיין געוואַגטער פּלאַן צו גרינדן אַ קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע פון אַנט־לאָפענע פּעאָנען, וואָס זאָלן לעבן פון דער אייגענער פראַצע און נישט האָבן צו טאָן מיט דער אַזוי גערופענער „ציוויליזירטער" וועלט, וואָס איך האָב פיינט מיט מיין גאַנצן האַרצן...

— ראָזאַליטאָ, מיין שיינע ווילדע בלום! — האָט כוליטאָ מיט צעהיצט־קייט געקושט איר פּנים, דעם איידעלן געשניצטן מויל און אויפן ווייסן האַלדז — גלייב מיר, אַז איך האָב פּשוט מורא און וואַג דיך נישט צו פרעגן, צי דו וואָלסט ווען עס איז געקאָנט ליב האָבן אַזאַ פּראָסטן פּעאָן ווי איך בין. דאָס האַרץ ציטערט מיר. איך ווייס, אַז דו ביסט אַ רייכע, אַ געלערנטע, לעבסט ווי אַ פּרינצעסן און איך בין אָרעם ווי די נאַכט. דאָך מוז איך דיר זאָגן, אַז איך האָב דיך געוואָלט האָבן פאַר מיין ווייב, אַז אָן דיר איז מיין גאַנצער פּלאַן נישט ווערט קיין שישקע.

די פּשוטע ערלעכע ווערטער און אָט דער פּרימיטיווער און אָפענער צו־גאַנג צו אַ פרוי, האָט ווי מיט אַ כישוף געווירקט אויף דעם אַריסטאָקראַטישן מיידל און מיט איין קנאַק איז אָפּגעווישט געוואָרן די דורותדיקע מחיצה צווישן אָרעם און רייך, צווישן דעם געלערנטן מיטן פּראָסטן בן־אָדם. גלייך איז פאַרשטופּט געוואָרן ערגעץ זייער ווייט די גרענעץ פון דיביידע וועלטן און דער מוראדיקער כוח פון די ווילדע „פּריירים" און פון די משופּעהדיקע בערג האָט ראָזאַליטאַן מיט כוליטאָן אין איין אויגנבליק צונויפגעגאָסן אין איין פורעם, אין איין גוף און אין איין נשמה, וואָס נאָר די בריִענדיקע נאַטור פון אַרגענטינישע פעלדער און וועלדער האָט געקאָנט באַווייזן אַזאַ מין אויס־טערלישן וואונדער... אין גאַנצן אָן איבערגעגעבענע, האָט זיך ראָזאַליטאָ גע־טוליעט צו זיין ברייטן ברוסטקאַסטן ווי אַ ליב קינד און אין אירע ליכטיקע אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן:

— מיין טייער יינגל — האָט זי אים אָנגעהויבן רופן מיט אָט דעם צונאָמען אַזוי גיך ווי זי איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער האָט זי ליב, אַז אין זיין פּשוטן זאָגן „איך וויל דיך האָבן פאַר מיין ווייב״, איז אין עצם געלעגן אַ ים מיט ליבע — איך האָב זיך נאָך פאַרליבט אין דיר מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, נאָך דעמאָלט, ווען דו ביסט געקומען אין דער האַסיענדאַ אויף דיין שוואַרצן אָגער און דו ביסט נישט אַנטלאָפן געוואָרן ווען מיין שלעכטער ברודער איז אַריינגעפלויגן אין הויז צו כאַפּן אַ ביקס, צי אַ רעוואָלווער אויף צו שיסן אויף דיר. אַ גרייטער האָסטו דאַן געוואַרט אויף דעם קומענדיקן גרעאַנגאָ און איך שעם זיך דיר צו דערציילן דעם אמת, אַז שוין אין יענער רגע, ווען איך האָב דיך געזען פון פענצטער שטיין אַזאַ שטאָלצן, איז מיין האַרץ אויסגעגאַנגען נאָך דיר. איצט בין איך די גליקלעכסטע פרוי אויף דער וועלט, וואָס דו ביסט צו־ריקגעקומען און וואָס דו האָסט מיך ליב... מיט פרייד און מיט שטאָלץ וועל איך ווערן דיין ווייב אויפן גאַנצן לעבן און טראָגן דיין נאָמען ביי מיר אין האַרצן...

— אָך ראָזאַליטאַ, מיין קינד! — האָט ער זיך געכאַפּט, אַז ער איז באַ־גאַנגען אַן עוולה אַנטקעגן איר און אָנגעהויבן בעטן זיך: — דו ווייסט נישט וואָס דו רעדסט. איך קאָן דיך קיין מאָל נישט מיטנעמען מיט זיך. דו פאַר־שטייסט דאָך, אַז צווישן אונדז געפינט זיך אַ טיפער אָפּגרונט... דו ביסט גע־בוירן געוואָרן און אויפגעהאָדעוועט זיך אין זייער אַ רייך הויז, וווּ דו האָסט אַלע מאָל געהאַט פון אַלעם גוטן און איך בין געבוירן געוואָרן אַ פּראָסטער פּעאָן. כ׳קאָן אַפילו נישט אונטערשרייבן מיין נאָמען. און דאָס לעבן ביי מיר אין לאַגער, וועלכער געפינט זיך אין די ווילדע, פּאַטאַגאָניער בערג, איז זייער אַ שווערס, אַ האַרטס און אַ ברוטאַלס. מיר האָבן דאַרטן נישט קיין טישן צום עסן, קיין בעטן צו שלאָפן. נישטאָ קיין זייף. קיין קישנס, אָדער ליילעכער. ס׳איז זייער אַ ווילד לעבן און דו וועסט דאָרטן אַפילו אַ טאָג נישט קאָנען אויס־האַלטן... גלייב מיר, מיין קינד, אַז איך האָב דיך אַזוי ליב, אַז איך קען דיך נישט אָוועקנעמען פון אַזאַ מין רייך לעבן און ברענגען צו אַזאַ פּרימיטיווקייט. דו ביסט געוווינט צו גוטע זאַכן און ביי מיר אין לאַגער וועסטו דאָס נישט האָבן. איז צוליב וואָס זאָלסטו ברענגען אַזאַ גרויסן קרבן?... פאָלג מיך, בלייב דאָ און איך וועל פאָרן צוריק פון וואַנען איך בין געקומען. נאָר מיין האַרץ וועל איך איבערלאָזן אָט דאָ ביי דיר אין שטאַל...

— הער זיך איין, מיין טייער יינגל — האָט זי אים אַ קוש געטאָן אין מויל און דערנאָך אויפגעשפּרונגען אויף אירע נאַקעטע פיס און צורעכט געמאַכט די זיידענע קליידער — דו קאָנסט מיך נישט אָפּשרעקן אָדער איבעררעדן. דאָס פּרימיטיווע לעבן פון די פּראָסטע פּעאָנען האָב איך אַלע מאָל מער ליב געהאַט, ווי די רייכקייט פון מיינע עלטערן. מיט די וואַקסענע יונגעלייט, וועלכע קאָנען יאָ לייענען און שרייבן. נאָר אין גרונט זענען זיי נישט מער ווי שוואַכלינגען און פּאַראַזיטן, וואָס לעבן בלויז פון פרעמדער פּראַצע... ניין, מיין יינגל, דו קאָנסט

מיך נאָך נישט. דו קאָנסט נישט מיין כאַראַקטער. רייכקייט איז נישט מיין אויס־וואַל. דיך האָב איך ליב און מיט דיר וועל איך לעבן אַ צופרידן און געזונט לעבן. מיך אַרט זייער ווינציק, צי דאָס זאָל זיין אין טיפע טאָלן, צי אויף הויכע בערג. מיין באַשלוס איז אַ געשלאָסענער. איצט גיי איך אַרויס צו דיין חברה, איך וועל הייסן מען זאָל מאַכן פאַר אַלעמען אַ סעודה. אויב דו ווילסט מיך טאַקע פאַר אַ ווייב, וועל איך זען, אַז מאָרגן זאָל מען פראַווען דעם חתונה־מאָלצייט. דערווייל וועל איך אַריין אין הויז און צוגרייטן מיין מאַמען פאַר דער געשעעניש. איך וועל דערווייל אויך איינפּאַקן אַלץ וואָס איך וועל נאָר דאַרפן און קאָנען מיטנעמען אויף דער לאַנגער רייזע... איך מיין, אַז איך זאָל אַהין מיטנעמען אַ סך פּאַפּיר, פענעס מיט בליישטיפטן. איך רעכן צו לערנען דאָרטן די קינדער ווי צו לייענען און שרייבן, דו פאַרשטייסט, איך האָף אַז דאָס קאָאָ־פּעראַטיווע לעבן אין דער קאָלאָניע זאָל אויך זיין מיין היים און מיין לעבן.

— ווילדע בלום! — האָט איר כוליטאַ ווידער אַרומגענומען און געקושט — איך זע דאָך שוין, אַז ביי דיר וועל איך גאָר ניט קאָנען אויספּירן. דו ביסט איינגעשפּאַרט ווי אַן אייזל. האָסט אַ שטאַרקן כאַראַקטער מיט אַ גוואַלדיקן ווילן און ווען דו פּאַסט דיינעם אַ געדאַנק, וועט דאָס ביי דיר קיינער נישט קאָנען אָוועקנעמען. איז זאָל שוין זיין ווי דו ווילסט. נאָר אויב דאָס לעבן וועט דיר דאָרט פאַלן שווער, זאָלסטו דאָס מיר זאָגן, וועל איך דיך ברענגען צוריק אַהער... אָבער וואָס וועט אויף דעם זאָגן דיין מאַמע און ווי וועט אויף דעם רעאַגירן דיין טאַטע מיט דיין ברודער, ווען זיי וועלן קומען צוריק און דערוויסן זיך פון זייער גרויסער „טראַגעדיע"־...

מיט ליבע און צאַרטקייט אין דער באַוועגונג פון אירע אײדעלע הענט, האָט זי אים אַ ביסל אָפּגעשטופּט פון זיך מיט אַזוי פיל איבערגעגעבנקייט, אַז ער האָט איר דערפאַר אַליין געוואָלט אויסקושן יעדן גליד:

— דו ווייסט, מיין יינגל? דערפאַר וואָס דו פאַרשטייסט מיין כאַראַקטער און זאָרגסט זיך אַזוי שטאַרק וועגן מיר, האָב איך דיך ליב. און ווען מאַמען מיט מיין טאַטן קאָן איך דיר זאָגן, אַז זיי האָבן ביי מיר קיין מאָל נישט געפרעגט צי זייער צוזאַמענלעבן איז מיר געפעלן, אָדער נישט און איך ווייס נאָך ביז איצט נישט, צי זיי האָבן געהאַט אַ מאָראַלע רעכט צו ברענגען מיך אויף דער וועלט... און מיין ברודער? מילאַ! אים אַרט אַלץ איינס זייער ווינציק, צי איך לעב אָדער נישט. מיר זענען אַלע גאַנץ באַזונדערע וועלטן מיט אַנדערע באַ־גריפן וועגן מענטשן און לעבן בכלל...

נאָך דעם ווי ראָזאַליטאַ איז פאַרשוווּנדן צו זיך אין הויז, איז כוליטאַ אַ פריילעכער און אַ צעשטראַלטער, מיט ברייטע שפּאַנען אַרויס פון שטאַל און אַ הילכיקן געשריי געטאָן סיי צו זיינע מענטשן, וואָס האָבן זיך די גאַנצע צייט גענודיעט אַרום זייערע פערד און סיי צו די פעאָנען פון דער האַסיענדאַ:

— אַמיגאָס, איר וועט באַלד עסן און טרינקען, טאַנצן און זינגען! היינט

איז דער גליקלעכסטער טאָג אין מיין לעבן! יאָ, איך בין גליקלעך! כאָטש איך פאַרזיכער אייך, אַז איך בין נישט ווערט דאָס גליק.

— וואָס ביסטו אַזוי באַגייסטערט און אין וואָס באַשטייט דאָס דיין גרויס גליק? — האָט אים איינער פון די יונגען געפרעגט אויף אַ קול.

— אך מיינע טייערע פריינט! האָט כוליטאַ אַראָפּגענומען דעם שוואַרצן סאָמבעראָ פון קאָפּ און מיטן אַרבל פון זיין רעקל אָפּגעווישט זיך דעם פאַר־שוויצטן שטערן — היינט איז דער וווּנדערלעכסטער טאָג אין מיין לעבן און איר ווייסט פאַר וואָס? ווייל די שיינע סעניאָריטאַ, ראָזאַליטאַ האָט צוגעזאָגט צו ווערן מיין ווייב און פאָרן מיט אונדז מאָרגן אין די בערג. איר פאַרשטייט דאָך, אַז אַזאַ פאַנטאַסטישן אוצר האָב איך קיין מאָל נישט געהאָפט צו געפינען...

— בראַוואָ, כוליטאָ! בדאַוואָ! — — — האָט זיך איבערן גרויסן הויף צע־טראָגן דער כאָראַלער און צופרידענער אויסגעשריי פון אַלע מענער און פרויען, וואָס האָבן זיך דאָ איצט געפונען.

***

דערווייל איז ראָזאַליטאַ מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אַריינגעלאָפן צו זיך אין הויז, ווו די טיפע דילן פון זאַלע צימערן זענען געווען אויסגעשפּרייטע מיט ווייך־קאָלירטע, אָריענטאַלישע קאַוויארן, אויף זיי זענען געשטאַנען שווערע שטי־קער „וואָלגאַט״ מעבל, וואָס זענען געווען אַזעלכע ריין אָפּגעפּולירטע, אַז מען האָט אויף זיי קיין שטויבעלע נישט געקאָנט באַמערקן. אַלע טירן זענען דאָ גע־ווען צעעפנטע, אַז פרישע לופט זאָל פריי קאָנען אַריינגיין אין יעדן זאַל און שלאָפצימער.

מיט אַ ספּריטנער גרינגקייט אין איר יונגן טראָט, איז דאָס מיידל געלאָפן פון איין צימער אין אַנדערן און ווען זי האָט באַמערקט איר מוטער, וואָס איז געווען אַן אַכט און פערציק יעריקע פרוי, פון העכערן וווּקס, מיט אַ לאַנגן, שטרענגן פּנים און גרויע, בייזע אויגן, מיט בלויע, דינע ליפּן, זיצן אין אַ ווינקל פון דעם קלענערן עסצימער און דאָרטן פּאַמעלעך געוויגט זיך אינעם וויגשטול און מיט די הענט פלינק געצירעוועט פאַרשידענע אוזאָרן אויף אַ טונקל בלויען שטיק באַטיסט, איז ראָזאַליטאַ שטילערהייט צוגעגאַנגען צום ווענטל פון דער וויגשטול און אַ צעפּעשטשעטע און אַ צעשטאַלטע, אַרומגעכאַפּט דער מאַמען מיט ביידע הענט און מיט מיידלשער באַגייסטערונג אַרויסגעשאָסן דעם גאַנצן סוד פאַר אַ מאָל, אין איין אָטעם:

— מאַמיטאַ מיאַ! גראַטוליר מיר, מאַמיטאַ! איך האָב זיך איינגעליבט אין דעם שענסטן און מערקווירדיקסטן מענטשן אין דער וועלט! איך זאָג דיר, עס איז נישטאָ צו אים קיין גלייכן! אַזאַ העלד און אַזאַ מאַן, קאָן אַ פרוי באַגעגענען אפשר איין מאָל אין פינף הונדערט יאָר! אמת, ער איז טאַקע נישט מער ווי אַ פּעאָן, אָבער אַ נשמה האָט ער, וואָס איז געמאַכט געוואָרן פון גאָלד. איך האָב אים אַזוי ליב, אַז מיין האַרץ גייט מיר אויס נאָך אים!

— וואָס?! — איז די מיטליעריקע פּריצטע אויפגעשפּרונגען פונעם וויג־שטול אַזוי האַסטיק, ווי אַ שלאַנג וואָלט איר אַ ביס געטאָן אין אַ פוס — וואָס זאָגסטו?! אין אַ פּעאָן האָסטו זיך גאָר פאַרליבט?... וואָס רעדסטו? דו ביסט פון זינען אַראָפּ צי וואָס?... וואָס הייסט עפּעס דו האָסט זיך פאַרליבט אין אַ פּעאָן! אין אַ נידעריקן, ווילדן נפש האָסטו זיך פאַרליבט? ווי האָסטו גאָר געוואַגט צו שטיין נאָענט צו איינעם פון אָט די שמוציקע ברואים?! אַ פּעאָן ווילסטו אַריינ־ברענגען אין אונדזער אַריסטאָקראַטישער משפּחה?... עס פעלן דיר דען רייכע, ציוויליזירטע יונגע לייט פון פּריצישן יחוס, צי אַפילו אַ פּראָסטן דאָקטער צו בעמען פאַר אַ מאַן? שלאָג זיך דיר דאָס אַרויס פון דיין משוגענעם קאָפּ און הער אויף צו רעדן וועגן אַזאַ שוידערלעכער זאַך...

— הער זיך איין, מאַמיטאַ! — איז ראָזאַליטאַס ווייכער און שטענדיק לאַש־טשענדיק קול מיט אַ מאָל געוואָרן האַרט און קאַלט ווי שטאָל —איך האָב דיר קיין מאָל נישט געזאָגט דעם אמת, אַז דו מיטן טאַטן האָבן חתונה געהאַט נישט אויס ליבע, נאָר צוליב מאַטעריעלע אויסרעכענונגען און יחוס. איר לעבט ביי־דע צווייַ באַזונדערע לעבנס, איר האָט פיינט איינע די אַנדערע און דאָך האָט איר געוואַגט צו ברענגען צוויי קינדער אויף דער וועלט. פון מיין שטאַנדפּונקט איז דאָס ברוטאַלע היפּאָקריטסטווע. דו האָסט ביי מיר נישט געפרעגט צי דו זאָלסט מיט מיין פאָטער הייראַטן, אָדער צי דו זאָלסט מיך געבוירן!... איך האָב זיך אין דיין לעבן נישט געמישט, בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט זיך נישט מישן אין מיין לעבן. איך האָב כוליטאָן ליב און צי דו ווילסט אָדער נישט, וועל איך מיט אים חתונה האָבן. איז קום בעסער אַרויס אין הויף, דאָרטן וועל איך דיך באַקענען מיט מיין חתן...

פון גרויס אויפרעגונג האָט די אײדעלע פּריצטע פאַרלוירן איר אַריסטאָ־קראַטישן געדולד, אַנגעוווירן דעם קאָנטראָל איבער זיך און אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש איר טאָכטער אין פּנים: — דו אומדאַנקבאַרע חצופה!

דער פּאַטש האָט געהאַט אַ פאַרקערטע ווירקונג און ביי דער פאַרליבטער מויד האָט דאָס גאָר אַרויסגערופן אַ פאַרביטערטן להכעיס. מיט פאַרלאָפּענע אויגן פון האַס איז זי אַוועקגעלאָפן צו זיך אין צימער און אויפן וועג באַפוילן די דינער מיט די דינסטן, אַז זיי זאָלן נעמען אַלע אירע קליידער, איר גאַנץ בעטגעוואַנט, מיט נאָך ליילעכער, טישטוכער, האַנטוכער און קאָלדרעס און דאָס אַלץ אַריינפּאַקן אין קופערטן און וואַליזעס. אויך זאָל מען אַהין אַרייפּאַקן טעפּ, טעפּלעך, געפעס, מעסערס, גאָפּל, לעפל און אַ פּאָר ביכער אויף צו לייענען און אַ סך שרייב־געצייג.

די דינער מיט די דינסטן זענען שוין פון לאַנג געווען צוגעוווינט צו די קאַפּריזן פון דער רייכער סעניאָריטאַ מיט איר צעבאַלעוועטן ברודער. דערי־בער האָבן זיי איר גאָרנישט געוואַגט צו פרעגן, צוליב וואָס זי דאַרף האָבן אָט די אַלע זאַכן און געהאָרכזאַמע האָבן זיי דערנאָך ביז זייער שפּעט אין דער נאַכט

געהאַלטן אין איין פּאַקן און אין אַריינפּאַקן אין גרויסע, הילצערנע קופערטן און אין רימענע רענצלעך און אַפילו אין שטרויענע וואַליזעס אַלץ וואָס ראָזאַ־ליטאַ האָט זיי אָנגעזאָגט.

אַז די אויפגערעגטע פּריצטע האָט דערזען, ווי די דינער מיט די דינסטן זענען געוואָרן פאַרנומען מיט צונויפזאַמלען ראָזאַליטאַס בגדים, און אַז מיט איר איינגעשפּאַרטער טאָכטער וועט זי גאָרנישט קענען אויפטאָן, איז זי אַ לאַנגע צייט געזעסן אין דער פריערדיקער וויגשטול און שטילערהייט געוויינט. אָבער אַ מאַמע איז פּאָרט אַ מאַמע, איז זי דערנאָך אין גאַנצן אַ פינצטערע און אַ רעזיגנירטע אַריין צו דער פאַרליבטער מויד אין צימער און אַ צעבראָכענע געזאָגט:

— אַ שאָד וואָס דיין פּאַפּאַ איז דאָ נישטאָ. ער וואָלט דיר שוין געגעבן פאַרן פאַרליבן זיך אין אַ פּעאָן... אָבער פּאַר כאָטש אַוועק מיט אים מאָרגן. איך וועל הייסן אויף מאָרגן שעכטן אַ בהמה, מען זאָל אָפּבאַקן זייער אַ סך געבעקס, אַז דאָס זאָל דיר זיין גענוג סיי אויפן וועג און סיי דאָרטן וווהין ער וועט דיך אַוועקפירן... איך וועל שיקן דעם קאַפּאַטאַז קיין טשובוט, אַז ער זאָל ברענגען אַהער דעם דאָרטיקן גלח און דורכפירן די חתונה צערעמאָניע. עס וועט זיין אַ גרויסע „פיעסטאַ״. טו מיר כאָטש די טובה און בלייב ביז מאָרגן נאָך האַלבן טאָג. זאָל מיינס אַריבערגיין. קום מיט מיר אַרויס אין הויף און ווייז מיר דיין חתן....

— אַ דאַנק, מאַמיטאַ! איז ראָזאַליטאַ נאָך אַלץ געווען ביי זיך אַזוי שטייף ווי פריער — איך וועל וואַרטן ביז מאָרגן: אַגב וויל איך, אַז דו זאָלסט הייסן מען זאָל מיר מיטגעבן אַ וואָגן מיט מעל און אַ פּאָר וועגענער מיט תבואה און גרינס און וועגן דער חתונה וועל איך פריער רעדן מיט כוליטאָן. איצט קום, וועל איך דיך באַקענען מיט אים...

די מוטער מיט אַ לאַנגן שוואַרצן, געשטריקטן שאַל אויפן קאָפּ, איז צו־זאַמען מיט איר טאָכטער אַרויס אין הויף, וווּ כוליטאָ מיט זיינע מענטשן זענען געשטאַנען לעבן אַ הילצערנעם טיש פון וועלכן זיי האָבן געגעסן שטיקער פלייש און פאַרטרונקען מיט מאַטע, וואָס די היגע פּעאָנען האָבן צוליב דער געלעגנ־הייט דערלאַנגט די הונגעריקע מוטשאַטשאָס און ראָזאַליטאַ האָט אָנגענומען דעם סטעפּ־יונג ביי דער האַנט:

— מאַמיטאַ, אָט דאָס איז מיין כוליטאָ!...

די אַריסטאָקראַטישע פּריצטע האָט בלויז איין בליק געטאָן אויף אים. אַ לייכטן שאָקל געטאָן מיט איר שטאָלצן קאָפּ, האָסטיק פאַרוואָרפן אַ ברעג פון שאַל צו זיך אויפן אַקסל און גלייך געוואָלט אַוועקגיין צוריק אין שטוב און גוט אויסוויינען זיך אויף איר פינצטער מזל. אָבער, זי האָט זיך תיכף געכאַפּט, אַז איר טאָכטערס לעבן שטייט דאָ אין קאָן, אַז עס וואָלט געווען אַ סך איידעלער

און גלייכער פון איר זייט, ווען זי איז גוט צו אַט דעם האַלב־ווילדן פּעאָן. האָט זי פאַרבויגן איר אייגענע, אַריסטאָקראַטישע ווירדע און אים געזאָגט:

— ווי איך פאַרשטיי ווילסטו חתונה האָבן מיט מיין איינציקע טאָכטער. בעט איך דיך, אַז דו זאָלסט כאָטש זיין גוט צו איר... דערפאַר וועל איך אויף מאָרגן צוגרייטן אַ גרויסע חתונה־פייסטאַ און באַלד אַוועקשיקן דעם קאַפּאַטאַז קיין טשובוט, אַז ער זאָל פון דאָרטן ברענגען אַ גייסטלעכן דורכצופירן די צערעמאָניע און איך וועל מיטגעבן אַלץ, וואָס ראָזאַליטאַ וויל האָבן מיטצונעמען אויפן וועג...

אין דער פריצטעס קעגנוואַרט האָט כוליטאַ אַראָפּגענומען דעם סאָמבּרעראָ פון קאָפּ און טיף פאַרנייגט זיך פאַר איר:

— מוטשיסימאָס גראַסיאַס, דאָניאַ פאַר אַוועקגעבן מיר אייער טאָכטער און פאַר אַלץ וואָס איר ווילט טאָן פאַר אונדזערטוועגן... דאָס איז זייער נאָבל פון אייער זייט. איז מילא, ביז מאָרגן קאָנען מיר דאָ פאַרבלייבן און הנאה האָבן פון דער חתונה־פייסטאַ. כאָטש מיר דאַרפן וואָס גיכער אַוועקפאָרן צוריק. אָבער קיין גייסטלעכן דאַרף מען אַהער נישט ברענגען. ביי מיר אין לאַגער געפינט זיך אַ גלח, וועט ער אונדז שוין דאָרט חתונה מאַכן...

— אַפילו דעם פאַרגעניגן און דעם כבוד צו זען, ווי מיין אייגענע טאָכטער גייט חתונה האָבן ווילסטו מיר נישט געבן שוין נאָך דעם, ווי איך האָב צוגעזאָגט צו טאָן פאַר אייך אַזוי פיל גוטע זאַכן, דו, דו אומדאַנקבאַרער פּעאָן!...

— ניין, גנעדיקע דאָניאַ! עס גייט דאָ נישט אין אומדאַנקבאַרקייט, צי חלילה אין אומכבוד צו אייך, וואָס איז מיין קומענדיקער ווייבס מוטער... עס גייט אין דעם, וואָס כל־זמן איך מיט מיינע מוטשאַטשאָס געפינען זיך דאָ אין דער האַסיענדאַ, קאָנען מיר קיינעם נישט דערלויבן אַרויסגיין, צי אַרויספאָרן פון דעם הויף... מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז עמעצער זאָל אַנשטאָט אַ גלח, צופעליק גאָר ברענגען אַן אָפּטיילונג פון זשאַנדאַרמען, צי די פּאָליציי... אָבער איך פאַרזיכער אייך, הויך געשעצטע, דאָניאַ, אַז ראָזאַליטאַ וועט האָבן אַן אמתע, קריסטלעכע, רעליגיעזע חתונה...

פון כוליטאָס אַנטוונקען, האָט די פריצטע גלייך פאַרשטאַנען, אַז איר צוקונפטיקער איידעם איז נישט נאָר אַ פּעאָן, נאָר מסתמא עפּעס אַ באַנדיט, וואָס האָט מורא פאַר דעם געזעץ. דערפון איז זי געוואָרן נאָך מער צעבראָכן און דערשלאָגן. נאָר האָט נישט געקאָנט כאַפּן אויף צוריק און גיין אַנטקעגן איר אייגן וואָרט, וועלכעס זי האָט געגעבן אין דער אַנוועזנהייט פון די אַלע מענטשן — און איר שטרענג וואָרט איז דאָ אַלע מאָל געווען פאַררעכנט ווי אַ געזעץ, צי אַ באַפעל. און אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך אין דער האַסיענדאַ אויפגעהויבן אַ געפּילדער, אַ יאָגעניש און אַ האָוועניש מיטן צוגרייטן די אַלע זאַכן פאַר דער צוגעזאָגטער פייסטאַ.

גאַנץ פרי האָט מען אָפּגעשונדן און צעפּערטלט אַ בהמה. די קעכינס, מיט דער הילף פון אייניקע פּעאָנישע פרויען האָבן פאַרקנאָטן זייער אַ סך טייג. פון דעם אָפּגעבאַקן צענדליקער לעבלעך ברויט און אַ פולע קאַרזינע מיט פאַרשי־דענע בולקעס און פלעצלעך, מיט קיכעלעך. דערנאָך האָט מען אין דער מיט הויף אָנגעלייגט אַ סך האָלץ און געמאַכט אַ ריזיק פייער. אויף וועלכן מען האָט איבער דריי שעה נאָכאַנאַנד געזשאַרעט גאַנצע זייטלעך פלייש, וואָס דער „שעף"־קוכער האָט מיט אַ לאַנגן און שאַרפן מעסער צעשניטן אויף גראָבע פּאָרציעס „ביף־שטיק", און דאָס אַריינגעלייגט אין לאַנגע, זילבערנע פּאָלו־מעסיקעס און באַצירט מיט בלומען, וואָס אַ פּאָר פון די היגע, פּעאָנישע מייד־לעך האָבן אָנגעריסן אין דעם דערבייאיקן בלומען־גאָרטן. זעקס דינער האָבן אויסגעשטעלט לאַנגע טישן, באַדעקט מיט ווייסע טישטוכער און אויף איר אַרויפגעשטעלט די פּאָלומעסיקעס פליישן, אַ גאַנץ פעסל מיט אַלטן וויין און אַן אַ צאָל פלעשער מיט שאַמפּאַניער.

מיט רויטע אויגן, מסתמא פון אַ נאַכט נישט שלאָפן און וויינען, איז אַרום עלף אַזייגער אַרויסגעקומען די פּריצטע. זי איז געווען אָנגעטאָן אין די זעל־ביקע וואָכעדיקע בגדים ווי נעכטן. און ראָזאַליטאַ, וואָס האָט באַגלייט איר מו־טער, איז אויך נישט געווען געקליידט ווי אַ כלה. זי האָט געטראָגן אַ בלוי סאַ־מעטן קלייד מיט אַזאַ ראָזעווער בלוזקע, וואָס האָט איר יונג ליכטיק פּנים צו־געגעבן אַ ים מיט ווייבלעכן רייץ. אירע האַלב־נאַקעטע הענט זענען געזעסן אין לאַנגע, געלע הענטשקעס, וואָס האָבן דערגרייכט ביז די עלנבויגנס.

ווי נאָר זי איז צוגעגאַנגען צו כוליטאָן און מיט אים זיך צעקושט, האָט זיך גלייך אָנגעהויבן דער גרויסער יום־טוב. אַ פּאָר יונגע פּעאָנען האָבן אַ טרעמבל געטאָן אויף די סטרונעס פון זייערע גלאַנציקע גיטאַרעס און סיי כולי־טאָ מיט ראָזאַליטאַ און סיי די אַנדערע יונגען, האָבן געכאַפּט וועמען עס האָט זיך געמאַכט, יונגע פרויען, מיידלעך, צי גאָר עלטערע אַפילו און זענען מיט זיי אַוועק אין אַ גראַציעזן טאַנגאָ. הפנים, אַז די „מוזיקערס" האָבן קיין גרויסן אויסוואַל פון נגינה נישט געהאַט, ווייל זיי האָבן צענדליקער מאָל געהאַלטן אין שפּילן און אין איבערשפּילן בלויז צוויי פון די אַרגענטינישע באַרימטע מעלאָדיעס. אָבער דער יום־טובדיקער עולם איז געווען צופרידן. זיי האָבן גע־טאַנצט אַזוי לאַנג, ביז עס האָט זיי אָנגעהויבן ציען אין די הערצער. דעמאָלט זענען די גיטאַרעס פאַרשטומט געוואָרן און דער הונגעריקער עולם האָט זיך אַ נעם געטאָן צום עסן און טרינקען וואָס איז דאָ געווען פאַר נאָך צען מאָל אַזוי פיל מענטשן.

די סעודה אַליין האָט אויך געדויערט אַ פּאָר שעה. אָבער דערנאָך האָט מען צו פינף וועגענער צוגעשפּאַנט פערד. אויף דעם ערשטן האָבן די דינער אַרויפ־געלייגט ראָזאַליטאַס אַלע גרויסע און קלענערע קופערטן, די טשעמאָדאַנעס מיט די קאַרזינעס און די פילע פּעק מיט בעטגעוואַנט. אויפן צווייטן פור — זעקלעך

מיט ווייסן מעל און די קארזינעס מיט געבעקס און אין צוויי איבערגעדעקטע קעסלען — די גאַנצע איבערגעבליבענע פליישן, מיטן האַלבן פעסל וויין און די אַנדערע דריי וועגענער אָנגעלאָדן מיט זעקלעך תבואה, זעק מיט קאַרטאָפל, מערן, ציבעלעס און זריעה אויף גרויפּן, מיט אַ גאַנצן קאַסטן מאַטע.

די שמחה אין הויף איז אויסגעלאָשן געוואָרן. אַלץ האָט דאָ איצט אויסגעזען אַלט, וואַכעדיק און טרויעריק. סיי כוליטאַ און סיי ראָזאַליטאַ האָבן זיך אַרויפגעכאַפּט אויף זייערע פערד רייטנדיק. אויך דעם סטעפּ־יונגס רייטער האָבן געטאָן דאָס זעלבע. אויף די קעלניעס פון די פורן האָבן זיך אָוועקגעזעצט צו צוויי יונגע היגע פּעאָנען, זיי האָבן גענומען די לייצעס אין די הענט, אין דער לופטן אַ קנאַל געטאָן מיט זייערע בייטשן. דער אָנגעלאָדענער קליינער קאַראַוואַן האָט זיך גערירט פון אָרט, אַרויסגעפאָרן פון טויער. כוליטאַ מיט דער כלה האָבן אַ פאָכע געטאָן מיט די הענט אין דער לופטן, געזאָגט צו דער פּאַרוואָרלאָזטער פריצע „אדיאָס מאַדרעסיטאַ”! און די מאַמע איז געשטאַנען אין מיטן הויף מיט אַזעלכע פאַרלאָפענע אויגן פון טרערן, אַז זי האָט אַפילו רעכט נישט געזען, ווי איר איינציקע טאָכטער איז ראַפּטום אַרויסגעריטן פון דער האַסיענדאַ און פאַרשוווּנדן געוואָרן אין די סטעפּישע בלויע ווייטקייטן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אָנהייב און קיין סוף...

און ראָזאַליטאַ מיט צעשטראַלטקייט אין די בלויע אויגן איז געריטן לעבן איר כוליטאָ אַ גליקלעכע, וואָס איר לאַנג־יעריקער חלום צו נעמען אַ מאַן אַ העלד און נישט קיין צעקראָכענע זשאַבע איז סוף־כל־סוף פאַרווירקלעכט געוואָרן, איז איצט געזעסן אויף איר ווייבערישן זאָטל מיט אַזוי פיל שטאָלץ און זעלבסטזיכערקייט אין זיך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט בלויז געהערט צו איר אַליין... אַ שטיק וועג האָט זי געקוקט אויף דער אונטערגייענדיקער זון, וואָס האָט מיט אירע פלאַמען און פלעמעלעך אָנגעצונדן דעם ברעג הימל ביים האָריזאָנט מיט גרינע, בלויע, געלע און וויאָלעטע קאָלירן. נאָר אָט האָבן זיך די פאַרבן אַ שפיל געטאָן, אַריינגעבלענדט זיך איינער אין דעם אַנדערן. אַ קליינער ווינטל האָט אַ שטיף געטאָן מיט ראָזאַליטאַס לאַנגע, בלאָנדע און צוואָרפענע האָר. פון דער „פּריירי” האָט זיך דערהערט דער אַראָמאַט פון פאַרשידענע ווילדע בלומען און גרין־גראָז. האָט דער כלה אַ קיצל געטאָן אין איר שיינער, אויסגעשניצטער נאָז און ראָזאַליטאַ האָט געזאָגט צו איר חתן:

לויט ווי די זון פאַרגייט, וועט מאָרגן אויפגיין אַ נייער, ליכטיקער, טאָג, וואָס וועט נאָך זיין שענער פון דעם היינטיקן...

— דו הערסט, מיין ווילדע בלום — איז כוליטאָ געווען צופרידן, וואָס ראָזאַליטאַ האָט איבערגעריסן דאָס שווייגן — איך קאָן נישט לייענען און שרייבן. איך ווייס נישט פון קיינע שיינע רייד. נאָר ס׳איז שוין אין דעם יאָרן, ווי איך לעב בסדר אין סטעפּ און אין די בערג. איך זאָג דאָס דיר נישט אַנטקעגן דעם, וואָס דו זאָלסט וויסן, אַז בייטאָג זענען די פאַרבן אין דער ווילדעניש גאַנץ אַנ־

דערע ווי פּאַרנאַכט. איך האָב שוין נישט איין מאָל געזען, ווי די זון פּאַרגייט אין גליאיקע פלאַמען און אויף מאָרגן קומט זי אַרויס אַ מידע און אַ בלאַסע. פּאַראַן אַזעלכע נעכט, ווען דער הימל אין דער פּאַמפּאַ איז אַזוי נידעריק, אַז מען קאָן, דוכט זיך, יעדן בלישטשנדיקן שטערן, וואָס פינקלט מיט אַ בריליאַנטענער בלויקייט און איז דערצו אַזוי גרויס ווי אַ צייטיקער קאַוואַן, ממש אַראָפּרייסן פון הימל מיט די הענט, פונקט ווי מען רייסט אַראָפּ עפּעל פון אַ בוים. אָבער עס זענען אויך פּאַראַן אין סטעפּ אַזעלכענע אומעטיקע פּאַרנאַכטן, וואָס וואַרפט אויף מיר אָן אַ שרעק... איך מיין, אַז דו וועסט זיין אַ לענגערע צייט אונטערן פּרייען הימל, וועסטו זען, ווי יעדע צייט פונעם מעת־לעת האָט זיך איר אייגן פּנים און אַפילו גאַנץ אַנדערע קלאַנגען. צווישן זיי זענען פּאַראַן מילדע, און צאַרטע, וואָס גלעטן דיין נשמה און פּאַראַן קלאַנגען, וועלכע זענען אָממערסטן האַרטע, גרילצנדיקע, אָדער גאָר שטילע און טויבע. נאָר אַלע אין איינעם — רייצן זיי די פּאַנטאַזיע און איך הייב נישט אָן צו וויסן, פון וואַנען די קלאַנגען נעמען זיך. פאַר וואָס זיי בייטן און ענדערן זיך. איך ווייס נישט צוליב וואָס זיי ווערן געבוירן, ווער שאַפט דאָס זיי און פאַר וואָס זיי ווערן אָפּגעשטאָרבן אַזוי גיך ווי דער ווינט אַנטלויפט פון די אַלע אַרומיקע געוויקסן...

די כלה איז איבערראַשט געוואָרן פון דעם אופן, ווי איר פּרימיטיוועער חתן האָט געשילדערט די פאַרשידענע צייטן און פאַרבן פון דער נאַטור. דעריבער האָט זי אַ באַגייסטערטע געזאָגט:

— מיין יינגל, דו ביסט דאָך גאָר אַ פּאָעט!

— וואָס רעדסטו ווילדע בלום מיינע? — האָט ער זי געפרעגט — וואָס מיינט דאָס אַזוינס „פּאָעט"? גיב מיר דאָס צו פאַרשטיין. פּאַראַן הפנים אַ סך ווערטער, וואָס איך ווייס נישט זייער טייטש און זייער מיין.

ראָזאַליטאַ האָט אויף אים אַ פּאַרליבטן קוק געגעבן: די לעצטע שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון האָבן זיין פאַרברוינט און חנעוודיק פּנים אָפּ־געפאַרבט אויף אַ קופּערנעם קאָליר און רייטנדיק אויף זיין ווייסן פערד, האָט ער איצט אויסגעזען ווי דער קעניג פון אַלע ווילדעניש:

— אַ פּאָעט איז אַזאַ מענטש, וועלכער דערזעט דאָס, וואָס אַנדערע מענטשן קאָנען נישט דערזען. ער דערהערט די שטילסטע, צויבערלעכסטע קלאַנגען, באַ־מערקט די שענסטע בילדער און פאַרשרייבט דאָס אויף פּאַפּיר און מאַכט דער־פון לידער. נאָר וואָס האָב איך זיך איצט צערעדט ווי אַן אַלטע באָבע. אַן אַנ־דערש מאָל וועל איך דיר דאָס געבן בעסער צו פאַרשטיין...

— דו ווייסט, מיין ווילדע ראָזאַליטאַ, אַז איך פאַרשטיי נישט קיין איין וואָרט פון דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט.

— גוט אַזוי, מיין ליב יינגל. בלייב אַזוי ווי דו ביסט: ערלעך, פּשוט און גוט. דו האָסט אַ ריין האַרץ, וואָס טראָגט אין זיך נישט די זאָמען, אָט די פאַרסמטע זאָמען פון אינטריגעס און פאַלשקייט. פאַר דיין אָפנהאַרציקייט האָב

איך דיך ליב. דיין נאַזוויטעט איז פון ריינעם גאָלד און דאָס איז דער גרעס־טער געשאַנק פון גאָט...

— דו ווייסט, דו ווילדע מויד! — האָט איר דער סטעפּ־יונג אָנגענומען פאַר דער לינקער האַנט — איך שעם זיך דערמיט, וואָס איך פאַרשטיי נישט אַלע דיינע ווערטער. נאָר איין זאַך פאַרשטיי איך און ווייס זייער גוט, אַז מיר איז גוט אויפן האַרצן, וואָס דו פאָרסט מיט מיר אין די בערג צו ווערן מיין ווייב, אַז מיר ווילט זיך דיר איצט געבן כאָטש איין קוש...

— נאַריש יינגל מיינס! — האָט זי תיכף צוגעקערעוועט איר ריסאָוון פערד צו כוליטאָס ווייסן סוס אַזוי נאָענט, אַז זי האָט אויסגעשטרעקט איר העל פּנים צו דעם סטעפּ־יונגס מויל און מיט צעזונגענקייט אין קויל געענטפערט — איך בין דיינע. נאָ, קוש וויפל דו ווילסט נאָר אַליין. זאָלן די אַלע מענטשן זען, זאָלן די פאַרנאַכטיקע פעלדער וויסן דעם אמת, אַז דו ביסט מיין מאַן!...

דער אָוונט איז צוגעפאַלן גיך. די פּאַמפּאַ האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ טונקל בלויען מלבוש. עס איז געוואָרן פינצטער און סומנע און די פנימער פון די ריי־טער מיט די אַנטרייבער האָבן זיך מער נישט געזען. בלויז זייערע סילועטן האָבן זיך אין דער פינצטער באַוועגט ווי געשפּענסטער און עס האָט זיך גע־הערט דער כסדרדיקער פּאַרכקען פון די פערדישע נאָזדערעס, מיט דעם סקריי־פּען פון רעדער און פון דער וויטן וואָלט קיינער גאַרנישט געזען, אַז דאָס פאָרן יאַטן אין דער נאַכט אַריין צו באַגלייטן אַ רייכע כלה מיט אַ פּאָאַנישן חתן צו אַ בייעם, ליכטיקן מאָרגן...

עס ברענען האַסיענדאַס

עס איז שוין כמעט געווען פאַרנאַכטלעך, ווען אַלפרעדאָ, מיט זיינע פינף און צוואַנציק קריגער האָבן אַרומגערינגלט די האַסיענדאַ, וואָס האָט געהייסן „דאָס מונדאָס" און מיט גוואַלד געוואָלט אַריינרייסן זיך אין דעם גוט, וועל־כער איז געווען אַרומגעצאַמט מיט אַ הויכן פּאַרקן פון האַלבע סלופּעס, וואָס זענען פון דער הויך, אָדער בעסער געזאָגט — פון אויבן געווען אַזוי פאַר־טעשעט און פאַרשפּיצט, אַז אַ מענטש זאָל איבער דעם נישט קאָנען אַריבער־קלעטערן. דער שווערער טויער מיט דער ברייטער פאָרטקע, זענען געווען פאַרריגלט מיט גראָבע וואַליקעס אויף זייער פלייצעס, פּונקט ווי אין אַ פאַרצייטיקער פעסטונג.

אָבער אַלפרעדאָ האָט געהאַט אַן אויפגאַבע: צו ברענגען צוריק אין לאַגער כאָטש אַ פּאָר וועגענער מיט תבואה, האָבן איצט זיינע יונגען אַ שטיקל צייט מיט די אייגענע אַקסלען געפּרוווט איינברעכן דעם שטאַרקן טויער, צי

די פּעסט צוגעקרעמפּעוועטע פּאַרטקע און נישט געקאָנט. ווען ער האָט דער־זען, אַז מיט גוטן וועט ער דאָ גאָרנישט קאָנען אויפטאָן, האָט ער אַ רוף געטאָן זיין „אַדיוטאַנט“ כאַסע און ביידע האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויף די זאָטלען פון זייערע הויכע פערד און, ווי קעץ, אַרויפגעדראַפּעט זיך אויף די שפּיצן פון פּאַרקן און געוואָלט פון דאָרטן אַריינשפּרינגען אין הויף און עפענען דאָס טויער פאַר דער גאַנצער חברה. אָבער אין דער רגע האָט פון ערגעץ אין דער אימעניע אַ קנאַק געטאָן איין ביקס, אַ צווייטע, אַ דריטע און אַ פערטע און מיט צענומענע הענט און קורצע, אָפּגעהאַקטע אויסגעשרייען זענען ביידע מוטשאַטשאָס אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און מער זיך שוין נישט גערירט פון די ערטער.

ווען די אַנדערע רייטנדיקע פּעאָנען האָבן דערזען, ווי זייערע אַמיגאָס און אָנפירער זענען געבליבן ליגן פאַרבלוטיקטע און מיט צעעפנטע מיילער און פאַרגלאָצטע אויגן, זענען זיי פון דעם בילד געוואָרן אַזוי צעווילדעוועט, אַז איינער האָט געשריגן צום אַנדערן: „אַנצינדן די האַסיענדאַ!“... גלייך האָבן דריי און צוואַנציק אָנגעצונדענע שטורקאַצן אָנגעהויבן פליען איבער דעם פּאַרקן און אַראָפּגעפאַלן אויף די דעכער פון די הייזער, שטאַלן און שפּייכ־לערס. פון דעם מאָמענט אָן האָט שוין לאַנג נישט גענומען און די אַלע דע־כער האָבן זיך צערויכערט מיט שוואַרצע זיילן רויך. ריזיקע פלאַמען האָבן אַ זעץ געגעבן צום הימל און מיטגעטראָגן מיט זיך שטיקער האָלץ מיט ברעט־לעך, וואָס האָבן אין זייער געפלי געברענט און געפלאַקערט און דערנאָך, פון דער הויך, צוריקגעפאַלן צו דער ערד מיט אַזאַ פייערדיקן רעגן, אַז אַפילו דעם פּריצס גרויסע הויז איז באַלד אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פלאַמען פון אַלע זייטן.

אין דעם שטאַל, וווּ עס זענען געשטאַנען דעם פּריצס פּערזענלעכע אַכט רייטפערד, וועלכע ער פלעגט ניצן צו פאָרן אויף יאַגד און פאַר געסט, איז געוואָרן אַ טומל. פאַר דעם רויך און פאַר די ברענענדיקע ווענט האָבן זיך די סוסים דערשראָקן. זיי האָבן אָנגעהויבן שטאַרק צו הירזשען, קלאַפּן מיט די פיס אין דער ערד און רייסן זיך פון די ערטער, אַז מענטשן זאָלן קומען און אַרויספירן זיי פון דאַנען. אויף זייער מוראדיקן הירזשען זענען אָנגעלאָפן עטלעכע פּעאָנען פון זייערע בלעכענע כאַטקעס און מיט ליידיקע זעק אין די הענט אַריין אין דעם שטאַל אַריין און מיט גרויס מאַטערניש איז דיי קוים גע־לונגען צוצודעקן די קעפּ פון פינף פערד און „בלינדערהייט“ זיי אַרויסגעפירט אין דעם גרויסן הויף און דאָרט אָפּגעלאָזט. נאָר די אַנדערע ווילד געוואָרענע סוסים האָבן קיינעם נישט צוגעלאָזט צו זיך. האָבן זיך עטלעכע פּעאָנען גע־ראַנגלט מיט זיי אַזוי לאַנג, ביז דער לעצטע רגע, ווען דער ברענענדיקער דאַך איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ קראַך.. אַז די „הענט“ האָבן קוים אָפּגעראַטע־וועט זייערע אייגענע לעבנס און שטיין געבליבן נישט ווייט פון דאַנען, האָבן

זיי צו זייער שטוינונג געזען, ווי אַלע פיר ווענט פון שטאַל האָבן אַ פלאַקער געטאָן און פאַרשרפהט געוואָרן אין איין אויגנבליק און צווישן די קנאַלן פון די שיסנדיקע פלאַמען האָט זיך נאָך אַ ווילע געהערט דאָס האַרצרייסנדיקע הירזשען פון די דריי פערד. אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטן בלויז אַ פּאָר מינוט. ווייל וואָס אַ רגע איז זייער הירזשען געוואָרן אַלץ שוואַכער און שוואַכער און צום סוף האָט זיך אין דער פאַרנאַכטיקער לופט צעטראָגן דער שאַרפער און פריקרער געשטאַנק פון פאַרברענטן פערדישן פלייש...

אין דער האַסיענדאַ „ריאָ גראַנדע" האָבן די אָנפאַלער קיין ווידערשטאַנד נישט געהאַט און דער „קאַפּאַטאַז" מיט זיינע מענטשן, האָבן אונטער דער דראָונג פון די אָנגעצילעוועטע ביקסן פון די קריגער, אָנגעלאָדן זעקס וועגענער מיט אַזוי פיל תבואה און פאַרשידענע גרינצייג וויפל אויף די וועגענער האָט געקאָנט אַרויף. אָבער דערפון, וואָס פון דער דערבייאיקער האַסיענדאַ „דאָס מונדאָס" זענען אַהער געקומען די דערשיטערטע רייטער און איבערגעגעבן די היגע קריגער אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי מען האָט דאָרטן דערשאָסן אַלפרעדאָן מיט כאָסען, זענען די יונגען געוואָרן אַזוי צעיוכעט און ווילד, אַז נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין אַרויסגעפירט די זעקס אָנגעלאָדענע וועגענער פון דעם גוט, האָבן זיי זיך אויף אַ ווילע אומגעקערט צוריק און אונטערגעצונדן זי.

הפּנים אַז אין די גוטן „טרעס אַראָזשאָס" און „אַגואַ קאַליענטע" האָבן ביי אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ און ראַמאָס טשיקאָ נישט געהאַט קיין בעסער מזל ווי די ערשטע צוויי האַסיענדאָס. אמת, דאָ האָבן די יונגער אַפּריער, איידער זיי האָבן באַקומען דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט, געהאַט אַ „פייערדיקן" צוזאַמענשטויס מיט די דאָרטיקע מענטשן, וואָס האָבן אויף די אָנפאַלער געעפנט אַ העפטיקע שיסעריי פון ביקסן און רעוואָלווערן. ווייל אויך זיי זענען אין אַ קורצער צייט איינגעשטילט געוואָרן און אַוועק מיטן פייער און רויך.

און שפּעטער, ווען די פורן האָבן זיך שוין געפונען אין מיטן סטעפּ און די נאַכט האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַראָפּגעלאָזט אירע שוואַרצע ברעמען, האָבן איניקע, נייגעריקע רייטער און פּאָנען אָנטרייבער אויסגעדרייט די קעפּ אויף צוריק און געזען, אַז ווייט, זייער ווייט הינטער זיי האָבן נאָך די ברענענדיקע האַסיענדאָס באַלויכטן גרויסע שטיקער הימל און די נאַכטיקע כמאַרעס, וואָס האָבן פאַרבייגעשוועבט יענע ערטער זענען פאַרפלאַמט געוואָרן פון שאַנדע און די אומשולדיקע, ווייסע שטיקלעך וואָלקנדלעך, האָבן אָנגענומען די פאָרעם פון שעפּסן, מיט פאַרזשמורעטע פּנימער און די צוויי קליינינקע, שוואַרצע פלעקן ביי ביידע זייטן פון זייערע „שעפּסענע פּנימער" האָבן אויסגעזען ווי טרויעריקע אויגן. אָט די קליינע סטאַדעס „שעפּסן" האָבן זיך קוים, קוים באַוועגט אויפן נידעריקן, נאַכטיקן הימל און געמאַכט דעם

איינדרוק, ווי זיי וואָלטן מיט באַדויערן צוגעשאָקלט מיט זייערע קעפּ, וואָס מענטשן קאָנען זיין אַזוי ברוטאַל ווי וועלף...

אויף מאָרגן נאָך האַלבן טאָג האָבן שוין אַלע וועגענער און אַלע רייטער פון די פאַרשידענע ברענענדיקע האַסיענדאַס אָנגעיאָגט איינע די אַנדערע און אַ זייטיקער צושויער האָט זייער גרינג געקאָנט באַמערקן, אַז אין גאַנצן איז זייער נעכטיקער צאָרן נישט געווען קיין אומזיסטיקער. מחמת אַ חוץ דעם וואָס אַלפרעדאָ מיט כאָסען זענען אומגעקומען פון קוילן און מען האָט זיי געמוזט איבערלאָזן דאָרטן ווו זיי זענען געפאַלן, האָבן ביי אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ, ראַמאָס טשיקאָ און אַפילו ביי מאַרטינעזן געפעלט אַ סך מענטשן. אַרומגעבונדן מיט אַ שמוציקער שמאַטקע, וואָס איז געווען איינגעקרעמפּעוועט אין אַ שטריקל מיט אַ שטיקל האָלץ, וואָס איז צוגעפאַלן האַרט צום עלנבויגן, אַז קיין בלוט זאָל פון דאָרטן נישט קאָנען אַרויסרינען. אויף איינעם אַ וואָגן איז געלעגן ראַמאָס טשיקאָ מיטן פּנים צום הימל. די אויגן פאַרמאַכט, דער שטערן, די נאָז, די באַקן און די ליפּן זענען געווען אַזוי געל, אַז מען האָט נישט געקאָנט וויסן, צי דער אַלע מאָל פריילעכער און קלוגער בחור האָט נאָך געלעבט אָדער נישט.

אויך צווישן די רייטער זענען געווען אייניקע פאַרוווּנדעטע. אָבער נישט מיט אַזעלכע שוואַרצע ווונדן ווי ביי אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ און ראַמאָס טשיקאָ. הפּנים, אַז די חברה איז געווען צוגעווינט צו די וויטיקן, ווייל זיי האָבן בלויז פאַרשטשעמט די ציינער, מיט איין האַנט צוגעדריקט די „ראַנעס", מיט דער אַנדערער געהאַלטן די לייצעס און געריטן פאַרביסן און שווייגנדיק און אויף מאָרגן, אַז די פורן מיט די רייטער זענען אַריין אין לאַגער, האָט דער דאָקטער באַפוילן, אַז מען זאָל תיכף אויפשטעלן אַ ניי, גרויס ביידל, כדי צו קאָנען אַהין אַריינגעמען אַלע פאַרוווּנדעטע.

ביי ראַמאָס טשיקאָ האָט דער דאָקטאָר מיט מאַטערנישן אַרויסגעצויגן אַ קויל פון אַקסל. די אָפּעראַציע האָט לאַנג נישט געדויערט. ראַמאָס איז אין דעם „האָספּיטאַל" בלויז אָפּגעלעגן פינף טעג און דערנאָך אַרויס אין לאַגער אַזאַ פרישער און געזונטער ווי אַלע מאָל. ביי די רייטער זענען צום מערסטן די ווונדן געווען אויבנאויפיקע, לייכטע. האָט זיי דער כירורג אַרומגעוואַשן מיט אַזאַ ברענענדיקער פליסיקייט אַ פּאָר מאָל, פאַרבאַנדאַזשירט און די גע־טראָפענע פּעאָנען זענען נאָך דעם אַוועק צו זיך אין די ביידלעך, אָנגעזשליאַ־קעט זיך מיט בראָנפן צו פאַרטויבן די אייגענע וויטיקן און אַנטשלאָפן גע־וואָרן.

אָבער מיט אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ איז געווען אַ גרויסע צרה. זיין אונטער־שטער טייל האַנט איז דורך דער צייט פאַרגיפטעט געוואָרן מיט „גאַנגרענע", ווי דער דאָקטער האָט דאָס גערופן, וואָס האָט זיך אַהין אַריינגעכאַפּט אַ פּנים פון דער שמוציקער שמאַטע, צי פון די פּאָר קוילן, וועלכע האָבן דאָרטן

נאָך געשטעקט און פּאַמעלעך געצויגן זיך אַלץ העכער צום עלענבויגן און פון דאָרטן — אפשר צום אַקסל אויך. דאָס האָט דער כירורג גלייך פאַרשטאַנען און דערפאַר קיין איין מינוט נישט געוואָלט פאַרלירן. האָט ער דעם חולה אויף דער נאָז און אויפן מויל אַרויפגעלייגט גראָבע שטיקער מערלע און אויף דעם אַרויפגעטראָפּנט „כלאָרעפאָרם" און דערביי באַפוילן, אַז אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ זאָל אָטעמען טיף און ציילן פון איינס ביז הונדערט. דער קראַנקער האָט אָנגעהויבן ציילן: „איינס, צוויי, פיר, אַכט, ניין, עלף" צו צוועלף איז ער שוין נישט דערגאַנגען. פון די דאָזיקע טראָפּנס איז ער גיך פאַרטשאַדעט געוואָרן און געבליבן ליגן אַ שטילער און אַ פאַרזונקענער אין אַ טיפן שלאָף. דעמאָלט האָט דער דאָקטער צוגערופן צו זיך ראַפאַעלן, וועלכער איז גראָד געשטאַנען אין דער אָפענער „טיר" פון דער פּאַלאַטקע, אים געגעבן דאָס פלעשעלע פליסיקייט און אים אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל אַלע פּאָר מינוט אַרויפקאַפּען צו פּאָר טראָפּנס אויף דער מאַרלע.

דער כירורג אַליין האָט דערווייל פון דעם קאָכיקן קעסל מיט זודיקן וואַסער, אַרויסגענומען זיינע סטערעליזירטע געצייג און מיט אַ לאַנגן, שאַרפן בלאַנקנדיקן מעסערל אַ פיר געגעבן אַרום און אַרום דעם סאַמע שפּיץ פון עלענבויגן. גלייך האָט פון דאָרטן אַ פלייץ געטאָן אַ שטראָם שוואַרץ בלוט, וואָס האָט פאַררויטיקט דעם דאָקטערס הענט און זיין ווייסן כאַלאַט. אָבער דער חלף האָט זיך אויף קיין רגע נישט אָפּגעשטעלט. ער האָט געגראָבן אַלץ טיפער און טיפער ביז צום ביין. דאָרטן האָט ער איינגעהאַלטן זיין גאַנג, זיך אַ ווײַלע געראַיעט, געפּאָרקעט און ווען דאָס מעסער האָט סוף־כל־סוף איבערגעשניטן דעם דיקן און שטאַרקן צוזאַמענבונד פוןביידע ביינער, איז אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן אַבאַרבאַנעל לאַרגאָס אונטערשטע העלבע האַנט און די פינגער האָבן נאָך באַוויזן אַ באַוועג צו געבן זיך אויף אַ רגע און זענען דערנאָך געבליבן ליגן ווי אָפּגעהאַקטע צווייגעלעך פון אַ מעכטיקן בוים. איצט האָט דער דאָקטער געאַרבעט גיך ווי אַ טייוול. הפּנים, אַז מיט אַ פּאָר אַזעלכע קליינע און דינע „צווייגעלעך" האָט ער פלינק צוזאַמענגעצויגן די הויפּט פון אַרום דעם רויען, אָפּגעהאַקטן עלענבויגן. מיט שיטערע שטעך דאָס צוזאַמענגענייט. דערנאָך האָט ער די גרויליקע וווּנד באַגאָסן מיט יאָד. אויף דעם אַרויפגעלייגט עטלעכע גרויסע פּלאַסטן מערלען און אַזוי געשיקט אַרומבאַנדאַזשירט, אַז קיינער זאָל דאָס נישט קאָנען אַראָפּרייסן, ניט אַראָפּנעמען.

נאָך דער דאָזיקער אָפּעראַציע האָט דער כירורג ביי זיך פון דער זשילעטקע קעשענע אַרויסגעצויגן זיין גאָלדענעם זייגער. ער האָט אָנגענומען אַבאַרבאַנעל לאַרגאָס דופק פון דער געזונטער האַנט. אַ ווײַלע געקוקט אויף דעם קליינעם ווייזערל און מיט אַ צופרידענעם שמייכל דעם זייגער צוריק אַריינגעשטעקט אין דער פריערדיקער קעשענע. מיט דעם זעלביקן צופרידענעם שמייכל אויפן פּנים, האָט ער דערנאָך אויפגעהויבן פון דער ערד די

אָפּגעשניטענע האַנט מיט אַזאַ מינע, ווי ער וואָלט דאָס אויפגעהויבן עפּעס אַן אָפּגענוצטע שטיקל שמאַטע, איז דערמיט אַרויס ווייט אין טאָל און אַוועקגעוואָרפן צווישן די ווילדגראָזן און ראַפאַעל האָט ביי זיך נישט געקאָנט באַשליסן געוויס: ווער עס איז אַ גרעסערער מערדער, דער וואָס הרגעט אַ מענטשן אויף דער שטעל און האָט דערנאָך חרטה אויף זיין שרעקלעכן אַקט, צי אַ דאָקטער, וועלכער האַקט אָפּ אַן אבר פון אַ הילפלאָזן חולה און האָט אַ גוואַלדיקן פאַרגעניגן ווען אַזאַ אָפּעראַציע גיט זיך אים איין...

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען אַבאַרבאַנעל לאַרגאַ האָט זיך אָנגעהויבן אויסטשוכען פון דעם שטאַרקן „שלאָפּגעטראַנק" און פאַמעלעכקע דערפילט דעם שאַרפן ווייטיק אין דעם לינקן אָרעם, וואָס איז עפּעס געווען אַזוי גרינג ווי אַ פעדערל, האָט ער באַלד באַגריפן, וואָס דער מעדיקאָ האָט דאָ אָפּגעטאָן און מיט אַ מאָל גענומען שרייען אַזוי הויך און אימהדיק „מיין האַנט! גיט מיר אָפּ מיין האַנט!" אַז דער גאַנצער לאַגער איז פאַרציטערט געוואָרן און איבער יעדערנס רוקן איז אַ קאַלטער סקרוך דורכגעלאָפן. און כאָטש דער דאָקטער האָט דערנאָך דעם קראַנקן, מיט אַ „נאָדל" אַריינגעשפּריצט אַ היפּשע דאָזע „כינין" אויף צו באַרויקן, האָט נאָך דער איינ־האַנטיקער פּעאָן אַרום אַ האַלבע שעה געדרעוועט ווי אַן אָקס פאַר דער שחיטה און אַלץ געמאָנט זיין אָפּגעשניטענע האַנט. אָבער, ביסלעכווייז איז זיין וויינען געוואָרן אַלץ שוואַכער און טויבער, ביז דער שטענדיק זייער געזונטער אַבאַרבאַנעל לאַרגאַ, מיט די ברייטע פּלייצעס און דער מעכטיקער, אַרויסגעשטעלטער ברוסט־קאַסטן איז ווידער פאַרטשאַדעט געוואָרן און געבליבן ליגן אין דעם „שפּיטאָל־בעטל" מיט אַזאַ גליקזעליקייט אויפן פּנים, וואָס האָט איצט אויסגעזען, ווי דאָס פּנים פון אַ שמייכלענדיק צופרידן קינד, וואָס האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אָנגעשפּילט אַזוי פיל, אַז איצט איז ער פאַרזונקען געוואָרן אין אַ שלאָף.

נאָר די מוראדיקע סצענעס, זיינע ווילדע געשרייען און דאָס וואַרפן זיך אין ספּאַזמען, מיט די שוידערלעכע היסטעריקעס, וואָס האָבן דערנאָך אָנגעהאַלטן אַרום אַ פּאָר וואָכן נאָכאַנאַנד, שוין נישט געקוקט אויף דעם, וואָס יעדעס מאָל איז דער דאָקטער געקומען צו לויפן און אין אים אַריינגעפּאָמפּעט אַ סך באַרויקונגס־מיטלען, האָט דאָס אָבער דעם גאַנצן לאַגער געהאַלטן אין הוילע שרעק און סיי די פּעאָנען און סיי כוליטאָ גופא האָט שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן פון דעם אַז די גאַנצע מעשה מיט שיקן די מוטשאַטשאָס אין די דערבייאיקע האַסיענדאַס צו ברענגען פון דאָרטן תבואה האָט זיך נישט געלוינט.

אָבער ווי זאָגט מען דאָס? „אַ מענטש איז שטאַרקער פון אייזן" און אין עטלעכע וואָכן אַרום, האָט זיך דער געזונטער אַבאַרבאַנעל לאַרגאַ אַזוי צוגעוווינט צו זיין לינקער האַלבער האַנט, וואָס איז שוין כמעט פאַרהיילט געוואָרן, אַז ווען דער כירורג איז צום לעצטן מאָל אַריינגעקומען אין דעם „שפּי־

טאָל״־בײדל און מיט טויזנטער משלים געגעבן דעם חולה צו פאַרשטיין, אַז ווען ער וואָלט די האַלבע האַנט נישט אַראָפּגענומען, וואָלט דער גיפט זײער גיך פאַרסמט דעם גאַנצן קערפּער און ער וואָלט שוין לאַנג אויף דער וועלט נישט געווען, האָט דאָס אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ קוים צעקײט און מיט דאַנקבאַרקייט געזאָגט :

— גראַסיאַס, סעניאָר מעדיקאָ, גראַסיאַס!..

כוליטאַס צווייטע חתונה

אַז כוליטאָ האָט אויף זײן ווײסן פערד, וואָס האָט בעתן גײן כסדר פאַרהויבן און אַרונטערגעלאָזט זײן לאַנגן, באַגריוועדיקן קאָפּ אַרויף און אַראָפּ, ווי דער סוס וואָלט עמעצן געהאַלטן אין אײן באַגריסן, אַרײַנגעריטן אין לאַגער, איז זיך דער עולם צונויפגעלאָפן פון אַלע בײדלעך, פון אַלע ווינקעלעך און ווי שטענדיק, פון פרײד, געוואָלט וואַרפן זײערע סאָמברעראָס אין דער לופטן און שרײַען: „וויוואַ כוליטאָ!“... אָבער ווען זײ האָבן דערזען די שײנע און בלאָנד־האָריקע סעניאָריטאַ, מיטן העלן פנים, אָנגעטאָן אין אַזעלכע רײכע קלײדער, וואָס איז געזעסן אויף איר שוואַרצן פערד, מיט די קורצע, פאַרשפּיצטע אויערן און קורצן עק, אַזוי מאַיעסטעטיש ווי אַ ריטערין, זענען די פּעאָנען געוואָרן פאַרגאַפט און האָבן זיך גאָר פאַרגעסן וועגן כוליטאָס אָנוועזנהײט. הכנעהדיקע האָבן זײ זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן פון אַרום דעם וווּנדערלעכן פרויען־געשטאַלט און מיט צעלופּעטע אויגן געקוקט אויף איר און געשוויגן, ווי דאָס לשון וואָלט זײ אָפּגענומען.

אָבער נאָך איבעראַשטער זענען זײ געוואָרן, ווען אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך אַהער צוגעײנגעקײקלט אַלע אָנגעלאָדענע וועגענער און מען האָט פון דאָרט אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די פילע קופערטן, מיט די טשעמאָדאַנעס און וואַליזעס און אַוועקגעטראָגן צו כוליטאָן אין בײדל. דעמאָלט האָבן עטלעכע פון די גאַסן־פרויען, מיט אַ פּאָר ציגײנישע מענער, אַ ווײלע באַטראַכט די פילע פּעק מיט גאַרדעראָבע און דער שײנער, בלאָנדער סעניאָריטאַ און זײ האָבן בײ זיך באַשלאָסן, אַז מסתמא איז ראָזאַליטאַ עפּעס אַ הויך באַצאָלטע פּראָסטיטוטקע, וואָס כוליטאָ האָט אַרויסגענומען פון זײער אַ רײכן באָרדעל און געבראַכט אין לאַגער. מחמת לויט זײער באַגריף, האָט אַן ערלעך מײדל, צי אַפילו אַן אָרעמע גאַסן־פרוי נישט געקאָנט פאַרמאָגן אַזעלכע רײכע קלײדער מיט אַזאַ גרויסן באַגאַזש...

טאַקע דעריבער האָבן די היגע גאַסן־פרויען גלײך דערפילט עפּעס אַ מין נאָענטע קרובהשאַפט צו ראָזאַליטאַן און זענען מיט חוצפּהדיקע פּנימער

צוגעגאַנגען צו איר און מיט זייערע ברודיקע פינגער געטאַפּט איר סאַמעטן קלייד, מיט דער זיידענע בלוזקע און נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן זיך פון די טייערע קליידער, אָבער כוליטאַ, וואָס איז נאָך געזעסן אויף זיין ווייסן פערד, האָט מיט אַ מאָל פאַרגעשטעלט פאַר אַלעמען זיין כלה:

— אַמיגאָס! אָט די סעניאָריטאַ, דאָניאַ ראָזאַליטאַ דע סאַן מאַרטין איז אַ רייכן ראַנטשעראָס איינציקע טאָכטער!... זי איז מיין כלה און נאָך היינט וועלן מיר דאָ אין לאַגער חתונה האָבן אויף אַ קריסטלעכן אופן, ווי איך האָב דאָס צוגעזאָגט איר מוטער, דער דאָניאַ דע סאַן מאַרטין ביי זיי אין דער האַסיענדאַ.

ווען די פריערדיקע גאָסן־פרויען האָבן דערהערט, אַז די בלאָנדע סעניאָריטאַ איז גאָר אַ רייך מיידל, וואָס הייסט „דאָניאַ דע סאַן מאַרטין", דאָס מיינט אַ פריצטע פון אַ גרויסן יחוס, האָבן זיי זיך דערפילט ווי אָפּגענאַרטע, מיט האַס און מיט פאַראַכטונג אָפּגעקערט אָן אַ זייט. זיי האָבן שוין געקוקט אויף איר פון צווישן די פינגער און אַליין נישט געוווּסט צי זייער האַס צו איר האָט זיך ביי זיי גענומען פון ראָזאַליטאַס רייכן געשטעל צי פון איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט, וואָס איז געווען אַ פאַרבאַהאַלטענע „קאָנקורענץ" אָדער גאָר צוליב דער נישט פאַרגינערישקייט, וואָס דער העלדישער כוליטאָ וועט מיט איר חתונה האָבן...

מיט אַ ליבן שמייכל אויף די תאוהדיקע ליפּן האָט זיך ראָזאַליטאַ גראַציעז פאַרנויגט פאַר דעם עולם, וועלכער איז מיט די סאָמברעראָס אין די הענט איצט געשטאַנען און מיט דרך־ארץ אַ ביסעלע וויטער פון איר שוואַרצן פערד:

— סעניאָרעס אי קאַבאַזשעראָס! — האָט זיך דאָ צום ערשטן מאָל דערהערט ראָזאַליטאַס לאַשטשענדיקער קול — עס פרייט מיר זייער צו באַקענען זיך מיט אייך אַלעמען. מיין כוליטאָ האָט מיר דערציילט וועגן אייערע העלדישקייטן און כאָטש איך בין זיך מודה פאַר אייך, אַז איך קום טאַקע פון פריצישע עלטערן, פון זייער אַ רייכער הויז, וויל איך אָבער איצט זיין איינע פון אייך און לעבן דעם זעלביקן סאָרט לעבן וואָס איר לעבט. איך וויל זיך טיילן מיט אַלע אייערע ליידן און פריידן. דעריבער בעט איך אייך, אַז פון איצט אָן זאָלט איר מיר פאַררעכענען פאַר אָן אייעריקער און מיך נישט רופן „דאָניאַ דע סאַן מאַרטין" ווי כוליטאָ האָט מיר פאַרגעשטעלט פאַר אייך, נאָר פשוט — ראָזאַליטאַ!...

איר צאַרטער און ווייכער קול מיט די האַרציקע רייד האָט אַזוי גערירט יעדן פּעאָן באַזונדער און אַלעמען אין איינעם, אַז איבערן לאַגער האָבן זיך צעדונערט זייערע צופרידענע אויסגעשרייען:

— „וויוואַ סעניאָריטאַ, דאָניאַ ראָזאַליטאַ דע סאַן מאַרטין! וויוואַ!!"

די עטלעכע גאָסן־פרויען האָבן ראָזאַליטאַן איצט נאָך מער פיינט באַקו־

מען. זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן הלמאי די רייכע און שיינע סעניאָ־ריטאַ האָט אַזוי אויסגענומען ביי די מענער מיט אירע „גלאַטע ריידעלעך“. דעריבער זענען זיי מיט האַסטיקע שפּאַנען אַוועק צום קאָסציאָר און דער־פילט, ווי פון האַס, האָט געברענט די ערד אונטער זייערע פיס און יעדערע פון זיי האָט ביי זיך אַליין געטראַכט, אַז די דאָזיקע „דאָניאַ“ איז אַ כיטרע שטוקע, אַז מיט איר געשליפענעם צינגעלע וועט זי מיט דער צייט פאַרדרייען די קעפּ און פאַרפירן אַלע מענער אין לאַגער אום, אַז זיי וועלן נאָך בלייבן „אָן אַ שטאָך אַרבעט“...

כוליטאָ האָט נישט געוווּסט פון דער שנאה, וואָס די דאָזיקע פרויען האָבן ביי זיך אין די הערצער געטראָגן אויף זיין אומשולדיקער כלה. האָט ער אַפריער צוגערופן צַנטאָניאָן דעם „פערד“ און אים געזאָגט, אַז ער זאָל הייסן שעכטן אַ בהמה, אָפּזשאַרען דאָס פלייש און פון דעם קילן הייל אַרויס־ברענגען אַ פעסל מיט ווייַן. דאָס אַלץ אַוועקלייגן אויף הילצערנע קאַסטנס כדי אַלע זאָלן קאָנען נעמען וויפל פלייש יעדערער וועט וועלן. דערנאָך האָט ער געבעטן ראַפאַעלן, אַז דער אַלטער אַנדרעס זאָל דורכפירן די חתונה־צערעמאָניע.

און ראַפאַעל, וועלכער איז געווען איבערגעגעבן צו כוליטאָן מיט לייב און לעבן, כאָטש זיינע כוונות דערביי זענען נישט געווען קיין קלאָרע, איז גלייך אַוועק צו זיך איןביידל און דאָרטן אויפגעזוכט דעם גלאָק, מיט דער אַלטער, ברוינער זשופּיצע און דעם „סידורל“, וואָס ער האָט געהאַט אָפּגע־קויפט ביי אַ גלח אין אַן אָרעמען קלויסטערל אין באַהיאַ־בלאַנקאַ און איז מיט דעם אַלעמען אַוועק אויפזוכן דעם אַלטן פּעאָן.

דער קאַסאָקער פריזירער האָט אַנדרעסן געפונען אין טאָל. ער האָט אויף אים גלייך אָנגעטאָן דעם דאָזיקן בגד. ביי דעם אַלטן פון האַלדז — אַראָפּגע־ריסן זיין בלעכערנעם, פאַרזשאַווערטן צלמל. דאָס אַרויפגעטאָן אויף אַ לאַנ־גער שוואַרצער שטריקל און דערנאָך דאָס צלמל מיט דעם שוואַרצן שנירל צוריק אַרויפגעהאָנגען איבער דער ברוינער זשופּיצע. אַ ווײַלע האָט ער באַטראַכט דעם נייעם „גלח“, וואָס האָט מיט זיין שפּיציקער נאָז און באַ־וואָקסענעם, קליינעם פּנים אויסגעזען, ווי אַן אמתע מאַלפּע און ראַפאַעל האָט זיך פון דעם קאָמישן בילד צעלאַכט אויף אַ קול.

דער נייער „גייסטלעכער“ האָט זיך גראָדע אין דער זשופּיצע מיטן צלמל ביי זיך אויפן האַרצן דערפילט אַ סך תקיפדיקער ווי פריִער. איז ער אין כעס געוואָרן אויף דעם לאַכנדיקן קאַסאָקן פריזירער און אים אויסגעמוסרט:

—וואָס לאַכסטו, דו פערדישער קאָפּ?! מעג מען דען אָפּלאַכן פון אַ הייליקן טראַכט, דו אויסוואָרף אײנער!...

אַז ראַפאַעל האָט סוף כּל סוף אויסגעווישט זיך די טרערן פון די אויגן,

וואָס דאָס געלעכטער האָט פריִער אַרויסגערופן, האָט ער באַרויִקט דעם אַלטן פּעאָן:

— קאָניאָ! איך לאַך ניט פון דער זשופּיצע מיטן צלם. איך האָב בלויז געלאַכט פון דעם, וואָס מיט אַ פּאָר מינוט פריִער האָסטו אויסגעזען ווי אַן אמתער פּעאָן דאַרף אויסזען און איצט קוקסטו אויס ווי אַזאַ „גייסטלעכער", וואָס, ווען אַ ריכטיקער גלח וואָלט אויף דיר אַ קוק געגעבן, וואָלט ער מסתמא געוואָרן אַן אפּיקורס... אָבער אָן אַ שפּאַס... הער זיך איין, אַנדרעס: כוליטאַ וויל, אַז דו זאָלסט אים מיט זיין כלה חתונה מאַכן. און טאַקע באַלד.

— פערדישע קאָפּ איינער! — איז אַנדרעס געוואָרן אַ ביסל געפאַלן ביי זיך — איך קאָן דאָך נישט די דאָזיקע „תּפילה"! איז ווי אַזוי קאָן איך דורכפירן אַ חתונה?...

ראַפאַעל האָט זיך פון דעם אַלטנס טענה נישט געלאָזט פּאַרפירן. ער האָט אים דערלאַנגט דאָס שוואַרץ־טאָוולדיק, אַלט „סידורל" און געזאָגט:

— נאַ! אָט דאָ וועסטו געפינען די תּפילה, וואָס מען דאַרף זאָגן צו אַ חתונה!...

דער אַלטער האָט מיט ציטער אין די הענט גענומען דאָס „סידורל", אַ מיש געגעבן אַ פּאָר פון די שוין פאַרגעלטע בלעטלעך און מיט אַ געבייזער אָנגעהויבן שרייען אויף דעם קאָסאָקן:

— בורראָ! ווי אַזוי קאָן איך דאָ געפינען די פּאַסיקע תּפילה, אַז איך קאָן אַפילו נישט לייענען?...

—איז ווי אַזוי דאַוונסטו מיט די פרומע פּעאָנען אַלע זונטיק? — האָט אים ראַפאַעל געפרעגט.

— דאָס איז גאָרנישט! איך קאָן אַ פּאָר ווערטער פון אויסווייניק און די אַנדערע טראַכט איך אויס. דאָס, זעסטו, מאַכט נישט. ווייל סיי די דאַוונער און סיי איך אַליין, ווייסן נישט וואָס איך זאָג און וואָס די דאָזיקע רייד מיינען אין דער אמתן. נאָר איך גלייב, אַז ווי אַזוי אַ מענטש זאָל נישט דאַוונען, איז דאָס ביי גאָט אַלץ איינס אָנגעלייגט... ער ווייסט אַז אַנדערש קאָן איך נישט, אַז איך מיין ערלעך און ער וועט מיר דערפאַר מוחל זיין...

פון אַנדרעס מודה זיין זיך איז אַפילו ראַפאַעל געוואָרן ערנסט און אָנ־געהויבן ריידן פיל מענטשלעכער אײדער פריִער:

— דו ביסט גערעכט, אַנדרעס, עס מאַכט טאַקע נישט אויס ווי אַזוי מען דאַוונט, מחמת קיינער פון די היגע מוטשאַטשאָס קאָנען נישט מער און נישט בעסער דאַוונען פון דיר. דעריבער טאַקע הער זיך איצט איין מיט קאָפּ צו דעם, וואָס איך וועל דיר זאָגן. ביי דער חתונה דאַרפסטו בלויז קאָנען מאַכן אָנשטעל. דאָס הייסט: האַלטן אין האַנט דאָס סידורל. פון צייט צו צייט כלומרשט אַריינקוקן אַהין און דערנאָך זאָגן די עטלעכע ווערטער: „דו, כוליטאַ, נעמסט דער סעניאָריטאַ, דאָניאַ ראָזאַליטאַ דע סאַן מאַרטין

פאַר דיין ווייב?״ און ווען ער וועט דיר ענטפערן „סי״. זאָלסטו זיך דעמאָלט ווענדן צו דער כלה און ביי איר פרעגן: „דו, סעניאָריטאַ, דאָניאַ דע סאַן מאַרטין, נעמסט כוליטאַן פאַר דיין מאַן?״. און, ווען זי וועט זאָגן „יאָ״, זאָלסטו דערנאָך זאָגן אַזוי: „לויט דעם געזעץ וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פון אַלע פּעאָנען, פון אַלע ווילדע בערג און טאָלן און פון דעם הייליקן גייסט, דערקלער איך אייך ביידן פאַר מאַן און ווייב״... אָט דאָס, אַנדרעס, איז אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן, דו פאַרשטייסט?...

— יאָ, איך פאַרשטיי דאָס זייער גוט!...

— וועסטו געדענקען אַלץ וואָס דו דאַרפסט טאָן, וואָס דו דאַרפסט זאָגן און נישט פאַרפּלאָנטערן זיך אין מיטן דרינען אין די רייד?... אפשר ווילסטו, אַז איך זאָל דאָס מיט דיר איבערגיין נאָך אַ מאָל און איינחזרן אויף אויסנ־ווייניק?

— ניין, מען דאַרף נישט. איך געדענק יעדעס וואָרט. מען דאַרף דאָס נאָך אַ מאָל נישט איבעררייזן. איך האָב אַ בעסערן קאָפּ פון דיר!...

— טאַקע? אויב אַזוי איז זאָג כאָטש איבער אַ פּאָר ווערטער?...

— איך האָב דיר אין דער ערד! דו אויסוווּרף איינער! — איז אַנדרעס אין כעס געוואָרן — וואָס איז, דו גלייבסט מיר מיך ניט, דו לומפּ?!...

פון דעם „גלחס שרייען איז ראַפאַעל געקומען צום שלוס, אַז דער אַל־טער האָט טאַקע אויף אַן אמת פאַרשטאַנען און „פאַרשריבן״ ביי זיך אין זכרון אַלע ווערטער, וואָס ער האָט יענעם אָנגעזאָגט. אָבער דערמיט אַליין האָט ער זיך נאָך נישט צופרידנגעשטעלט. ער האָט געוואָלט, אַז די חתונה־צערעמאָניע זאָל אַרויסקומען אַזוי אימפּאָזאַנט, ווי נאָר מעגלעך. צוליב דעם האָט ער אויף אַ נידעריק בערגל אַריינגעקלאַפּט אין דער ערד צוויי שטעקנס. דאָס אויערל פון דעם גלאָק דורכגענומען מיט אַ שטאַרקער שטריק און ביידע עקן צוגע־פעסטיקט צו די דאָזיקע שטעקנס און דער נייער „גלח״, וואָס איז געווען אָנגעטאָן אין דער ברוינער זשופּיצע, מיטן צלמל ביי זיך אויפן האַרצן, האָט מיט דער האַנט אָנגענומען דאָס שנירל, וועלכעס איז אַראָפּגעהאָנגען פון דעם גלאָקס „צינגל״ און אין טאָל האָט זיך צום ערשטן מאָל צעטראָגן דער אַ ביסל הייזעריקער קלאַנג פונעם גלאָק, וואָס האָט אויף די בערג איבערגעשראָקן די שלאָפנדיקע קאַיאָטעס. אַפילו אין דעם גרויסן קאָראַל האָבן די הונדער־טער פערד אָנגעהויבן שנאַלן מיט די אויערן און די פּילע בהמות, מיט דעם בוהיי און ביקל האָבן אויף אַ ווייל אויסגעדרייט זייערע קעפּ, איינגעהערט זיך פון וואַנען די קלאַנגען זענען געקומען און דערנאָך צוריק אָנגעהויבן מעלה־גרהנען פּונקט ווי מיט זיי גופא וואָלט דאָס קיין שייכות נישט געהאַט.

דורך דער צייט האָט ראָזאַליטאַ אַרויס גענומען פון אַ קופערט אַ לאַנג ווייס, זיידן ״חופּה„־קלייד און דאָס אָנגעטאָן. אויף איר בלאָנדן קאָפּ האָט זי אַרויפגעטאָן אַ קרענצל פון רויטע בלומען, וואָס זי האָט אָנגעריסן נישט ווייט

פון כוליטאַס בײדל. אויף דעם הינטערשטן טײל פון דעם קרענצל האָט זי צוגעטשעפּעט אַ לאַנגן, געשטריקטן שלעפּ, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן איבער אירע פּלײצע און איז נאָכגעהאַנגען װײט נאָך איר קלײד, וואָס האָט געמאַכט דעם אײנדרוק פון אַ צענומענעם עק פון אַ פּאַווע. אין דער רעכטער האַנט האָט זי געהאַלטן אַ לאַנג קײטל מיט פּערל פון װעלכן עס איז, פון מיטן אַראָפּגעהאָנגען אַ גאַנץ שווערער און היפּשער גאָלדענעם צלם.

אַז כוליטאַ האָט דערהערט דאָס געקלאַנג פון דעם גלאָק, האָט ער זיך אויף גיך אָפּגעגאָלט. אָנגעטאָן אַ בלוי העמד מיט ברײטע אַרבל און אַ קוק געגעבן אויף זײן כלה, וואָס איז איצט געשטאַנען אין װײסן, װי אַ לעבעדיקער מלאך און געזען, װי אין אירע בלויע אויגן זענען געװען צװײ צעעפנטע בלויע הימלען, איז ער פון איר שײנקײט געוואָרן אַזאַ איבערראַשטער, אַז ער האָט זיך אַלײן אַ פּאַטש געטאָן אַ האַנט אין אַ האַנט און אָנגעהויבן פּלאַפּלען:

— אַך, מײן ליכטיקע כלה! מיט דײן געטלעכער שײנקײט, ביסטו איצט אַזוי װײט פון מיר! אַז װי אַזוי װעל איך, אַ פּראָסטער פּעאָן, גאָר קאָנען צוקו־מען נאָענט צו אַזאַ אײנער װי דו ביסט. װי אַזוי װעל איך גאָר וואַגן צו באַרירן דײן קרישטאָל רײן לײב און װערן דײן מאַן?...

יאָרן נאָכאַנאַנד איז ראַזאַליטאַ געווינט געװען צו הערן פאַרשידענע הױ־כע פראַזן, מיט װעלכע די רײכע „געלערנטע" און „אײדעלע" קאַוואַלערן, װעלכע פלעגן אַרײנקומען צו אירע עלטערן אין הויז, האָבן זיך דערקלערט איר אין ליבע, פון וואָס עס האָט איר שטענדיק אָפּגעעקלט. דעריבער האָט זי איצט נאָך אַ מאָל דערהערט כוליטאַס פּשוטע, אָבער באַגײסטערטע רײד, וואָס זענען בײ אים אַרויסגעקומען טיף פון האַרצן, האָבן זיך בײ איר אין די אויגן טרערן געשטעלט און דערפילט צו אים אַזאַ ברענענדיקע ליבע, אַז זי האָט אים אָנגענומען פאַר בײדע הענט, זײ פאַרפלאָכטן אַרום איר שלאַנקער טאַליע, מיט אַ װילדער תאווה געקושט זײנע ליפּן און מיט געבעט אין קול געזאָגט:

נאַריש יינגל מײנס! איך בין נישט װײט פון דיר. דאָס האָב איך זיך בלויז אויסגעפּוצט צוליב דער חתונה, וואָס װעט אונדז בײדע פאַרבינדן אויפן גאַנצן לעבן און קײן גרעסער גליק פון דיר האָב איך זיך קײן מאָל נישט פאַרגע־שטעלט. דו בעסער הער זיך אײן, מײן יינגל. אין דרויסן רופט דער „גלאָק" צום „אַלטאַר". איז קום! נעם מיך אָן אונטערן אָרעם, פיר מיך צום גלח און ווער מײן מאַן...

מיט צערטלעכקײט האָט ער אַרײנגערוקט זײן שווערע האַנט אונטער איר אײדעלן אָרעם. מיט אַ גליקלעכער ליבע איר אַ קוש געטאָן אין שטערן. זי פאַרזיכטיק אַרויסגעפירט פון בײדל און בײדע זענען מיט זיכערע טריט אַוועק צום בערגל, װו דער גאַנצער לאַגער מיט פּעאָנען און פרויען מיט זײ־ערע קינדער האָבן זיך פאַרזאַמלט און דער נײער גלח, וואָס איז די גאַנצע צײט געשטאַנען אין פאָדערגרונט און געהאַלטן אין אײן קלינגען מיטן גלאָק,

האָט אַפּילו אַ רגע נישט אויפגעהערט צו קלערן דערפון, אַז ער וועט די חתונה־צערעמאָניע נישט קאָנען דורכפירן ווי געהעריק און וועט פון שאַנדע דאַרפן אַנטלויפן פון דאַנען ווהין די אויגן וועלן אים טראָגן...

דורכן טאָל איז ראָזאַליטאַ געגאַנגען אַ ביסל אַן אַנגעבלאָזענע און נישט קיין צופרידענע. דאָס האָט כוליטאָ גראַד באַמערקט און אַ צעשראָקענער גע־פרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, קערידיטאַ? האָב איך דיך חלילה מיט עפּעס באַליידיקט?...

— אַוודאי האָסטו מיך באַליידיקט — האָט זיך איר ליכטיק פּנים צע־שטראָלט און צעשמייכלט — דו האָסט שוין פאַרגעסן, אַז דו האָסט מיר גע־קושט אין שטערן און נישט אין מויל?... איך בין דיר נישט קיין הייליקע „מאַריאַ"! איך בין דיין געליבטע, דיין כלה, דיין ווייב!... מער זאָלסטו צו מיר אַזעלכע זאַכן נישט טאָן... פון היינט אָן וויל איך, אַז דו זאָלסט מיר קושן, ווי אַ מאַן דאַרף קושן זיין ווייב... אָבער נישט אויפן שטערן...

פון איר צעבאַלעוועטן קאַפּריז און קלוגער, ווייבערישער אָנצוהערעניש, האָט כוליטאָ געוואָלט צעלאַכן זיך הויך און האַרציק. אָבער דאָס איז אים פאַרשטערט געוואָרן, ווייל אָט זענען זיי צוגעקומען צום בערגל. אַ ווײַלע שטיין געבליבן לעבן דעם נאַטירלעכן „אַלטאַר" און מיט מאָדנע בליקן איינ־געקוקט זיך אין דעם אויסטערלישן גלח, וואָס האָט אין זיינע ציטערדיקע הענט געהאַלטן אַ שוואַרץ טאָוולדיקן „סידורל" און קוים מיט צרות האָבן חתן־כלה איינגעהאַלטן ביי זיך אין די הערצער דאָס געלעכטער, וואָס האָט פון דאָרטן געוואָלט אַרויסשיסן. נאָר אָנשטאָט דעם, האָבן זיי גאָר מיט „יראת הכבוד" אַראָפּגעלאָזט זיך פאַר דעם „גייסטלעכן" אויף די קני און אומגעדול־דיקע געוואַרט, אַז ער זאָל אָנהייבן אַרויסדאַוונען פון דעם דאָזיקן „סידורל" די סקאַרבאָווע „תפילה". נאָר ווען עס איז דורכגעגאַנגען אַ היפּשע ווײַלע און קיין תפילה איז נאָך אַלץ נישט געקומען, האָט זיך דער „גלח" געכאַפּט, אַז ער איז דאָ אין קוואַס. האָט ער דעריבער אויף גיך גענומען פּלאָנטערן מיט דער צונג:

— דו ,כוליטאָ, דער פירער פון דעם גאַנצן לאַגער מיט באַנדיטן און דער באַשאַפער פון דעם פרידלעכן שבט ווי דו האָסט אונדז אַמאָל צוגעזאָגט צו טאָן, נעמט טאַקע אָט דער פריצישער סעניאָריטאַ, דאָניאַ ראָזאַליטאַ דע מאַרטין פאַר דיין אמת ווייב?

— סי! — האָט כוליטאָ פאַרשטאַנען דעם פּעאָנס פאַרלוירנקייט און ער האָט געשמייכלט ביי זיך אין די קליינע און שוואַרצע וואָנצעלעך.

— און דו ווייסהויטיקע דאָניאַ, סעניאָריטאַ מאַרטאַ דע סאַן ראָזאַליטאַ, האָסט קיין רייכערן מוטשאַטשאַ נישט געקאָנט געפינען און דו נעמסט טאַקע

אויף אַן אמת אונדזער פירער, אָט דעם העלדישן כאָוועז, כוליטאַ פֿאַר דיין שטענדיקן מאַן אַפילו ביז דו וועסט שטאַרבן?

אויך זי האָט געוואָלט אַוועקפֿאַלן אויף דער ערד פֿון געלעכטער. אָבער זי האָט זיך געצוימט און מיט דער גאַנצער ערנסטקייט פֿון אַ פֿרומער כלה געענטפֿערט:

— סי סעניאָר!...

— אויב אַזוי — האָט זיך דער „גלח" אויף אַ ווייל פֿאַרטראַכט וואָס צו זאָגן ווייטער און קוים דערמאָנט זיך די ווערטער, וואָס ראַפֿאַעל האָט אים אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ — לויט דעם געזעץ, וואָס איז מיר געגעבן געוואָרן פֿון אַלע בערג, מיט אַלע טאָלן און פֿון אַלע ווילדע פּאַמפּאַס און סטעפּעס, דענק איך, אַז איצט דאַרף איך אייך ביידע דערקלערן פֿאַר אמתע מאַן און ווייב! און דו, כוליטאַ, דאַרפֿסט, דוכט זיך מיר, איך ווייס נישט גענוי, אַרויפֿטאָן אַ רינגעלע צו דער שיינער כלה דיינער אויפֿן פֿינגער און דאָס איז אַ פּנים די גאַנצע צערעמאָניע, וואָס מען דאַרף טאָן ביי אַ חתונה...

— אידיאָט! — האָט זיך ראַפֿאַעל מער נישט געקאָנט צאַמען און אָנגעהויבן שרייען אויף דעם מערקווירדיקן גלח, ווי עפּעס אויף אַ פּראָסט שיקייִנגל — גראָבער קאָפּ! אייזל! האָסט דאָך פֿאַרגעסן אַלץ, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט! דו ווייסט גאָרנישט, אַז דאָס רינגעלע האָט כוליטאַ געדאַרפֿט אָבטאָן אויף זיין כלהס פֿינגער פֿריער און נישט איצט?

— דאָס מאַכט נישט אויס — האָט ראָזאַליטאַ אויף איר גוטמוטיקן שטייגער געוואָלט איינשטילן דעם צעכעסטן פֿריזירער און אין דער זעלביקער צייט באַרויִקן דעם אַלטן אַנדרעס וואָס איז נעבעך געשטאַנען אַ פֿאַרלוירענער און אַ היימלאָזער געקראַצט זיך אין דער פּאַטילניצע — כוליטאַ האָט שוין מיר דאָס רינגעלע אָנגעטאָן נאָך פֿריער... ס'איז געווען זייער אַן אימפּאָזאַנטע צערעמאָניע. איך וועל די חתונה קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן!... זי האָט נאָך געוואָלט זאָגן אַ פּאָר גוטע ווערטער וועגן דעם „וווּנדערלעכן גלח", נאָר אירע לעצטע רייד זענען פֿאַרטויבט און פֿאַרשריגן געוואָרן פֿון דעם הילכיקן, יום־טובֿדיקן עולם, וואָס האָט אין דעם אַלטן אַנדרעס תּפֿילהס קיין סתּירה און עם־הארצות נישט געזען און איז גאָר אַ באַגייסטערטער אַוועקטאַנצן און דערביי געריסן זיך אויף די העלדזער:

— „וויוואַ כוליטאַ! וויוואַ סעניאָראַ ראָזאַליטאַ!"...

עס איז שוין געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג, ווען דאָס אָפּגעזשאַרעט פֿלייש פֿון דער בהמה איז צעשניטן געוואָרן אויף שטיקלעך און מען האָט דאָס אַרויפֿגעלייגט אויף עטלעכע קעסטלעך, ווו עס האָבן זיך געפֿונען הורבעס מיט פֿלעצלעך. פֿונעם פֿעסל האָבן סיי די מענער און סיי די פֿרויען געצאַפּט ווײַן און דאָס אַריינגעגאָרגלט צו זיך אין די העלדזער פֿונקט ווי דאָס וואָלט גאָר געווען וואַסער. דערווייל האָבן זיך אין טאָל צעפֿלאַקערט נאָך אַ פּאָר

פּייערן און די שמחה האָט זיך געצויגן אַ שעה נאָך אַ שעה, ביז עס האָט זיך אָנגערוקט דער אָוונט. דעמאָלט איז כוליטאַ מיט זיין שיין ווייבל פאַרשוווּנדן צו זיך אין ביידל און דאָרט אַראָפּגעלאָזט דעם ברעזענטענעם פאָרהאַנג, וואָס איז געווען ווי אַ צייכן, אַז איצט זאָל קיינער נישט וואַגן אַריינצוקומען...

אָבער דאָס אַוועקגיין פון חתן־כלה האָט אויף אַ האָר נישט געמינערט דעם שווּנג פון די טענצער און דאָס געזאַנג פון די פריילעכע פּעאָנען. אדרבא, ערשט איצט האָבן גאָר די אינדיאַנער אין מיטן טאָל צעלייגט אַ גרויס פייער און אַ פּאָר פון זיי האָבן אויף אָפּגעזעגטע קלעצער אָנגעהויבן פויקן און פון די העלצער אַרויסגערופן קורצע און לאַנגע קלאַנגען, וואָס זענען וואָס אַ רגע, אַ מינוט געוואָרן אַלץ רוישיקער, הילכיקער און שרייענדיקער און מיט זייערע דעמבענע קלאַנגען גערופן דעם אינדיאַנישן עולם צו אַ פאַרכישופטן טאַנץ.

האַלב־נאַקעטע, אָנגעטוענע אין „גראַזיקע קליידלעך" אַרום די לענדן, האָבן זיך די אינדיאַנער אַרומגעשטעלט אַרום דעם פייער. אַ היפּשע ווײַלע זענען זיי דאָרט געשטאַנען ווי פאַרגליווערטע סטאַטוען, וואָס זענען געווען אויסגעגאָסן פון גלאַנצנדיקן קופּער און קיינער פון זיי האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. אין דער דאָזיקער פאַרגליווערטקייט זענען די „סטאַטוען" געשטאַנען אַ מינוט, צוויי, צען און בלויז, דוכט זיך, איינגעהערט צום ריטמישן פייקלען פון די פייקלעך און אַ פרעמד אויג וואָלט געקאָנט מיינען, אַז די „קופּערנע סטאַטוען" שטייען דאָ פון דורות אָן און רירן זיך נישט פון די ערטער.

נאָר פּונקט ווי עמעצער וואָלט אין זייערע צעשפּרייטע נאָזלעכער פּלוצים אַריינגעבלאָזט לעבן, האָבן די „סטאַטוען" מיט אַ מאָל אָנגעהויבן וואַרפן מיט די רעכטע אַקסלען, מיט די לינקע, ביז די גאַנצע קערפּערס האָבן זיך אָנגעהויבן טרייסלען און וואַרפן און ווען די אינדיאַנער האָבן זיך אויסגעדרייט מיט די פּלייצעס צום פייער, האָט מען געקאָנט זען, אַז יעדער מוסקול האָט זיך באַוועגט אין דער ברייט און אין דער לענג, אַראָפּ און אַרויף. נאָר אָט האָבן זיי פאַרריסן די קעפּ צום אויסגעשטערנטן הימל און אַוועקגעטראָגן זיך אין אַזאַ עקזאַטישן טאַנץ, וואָס צו אים איז גאָר קיין גלייכן נישט געווען אויף דער וועלט.

אין מיטן געלויף האָבן זיי זיך פּאַר אַ מאָל אָפּגעשטעלט און אַ קליינע ווײַלע בלויז ווי פערד געטופּעט מיט די פּיאַטעס אין דער ערד. דערנאָך אַ פּאָר שפּאַן געגעבן פאָרויס און באַלד צוריקגעטראָטן הינטערוויילעכץ. אָבער באַלד נאָך דעם האָט זיך דער קופּערנער קרייז מיט גופים אַ לאָז געטאָן זיך אין אַ זאַ־ווערוכעדיקן געדריי און געטאַנצט אַזוי געשווינד אַז מען האָט שוין מער נישט געקאָנט אונטערשיידן פון איין קערפּער ביזן אַנדערן און דער פאַרכישופטער קרייז טענצער האָט אָנגענומען די פאָרעם פון איין ריזיקע געשטאַלט, וואָס האָט פאַרלוירן איר זינען און דרייט זיך אין אַ משוגעדיקן קאַראַהאָד אַרום

דעם פייער אַן אַ ציל און אָן אַן ענד. זייער עקסטאַז און ברען פון דעם טאַנץ האָט ביי די אינדיאַנער אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז אין די בערג זענען פון די נאַרעס אַרויס די קאַיאָטעס און מיט פאַרגייענדיקע וואָיענישן אָנגעהויבן צו וויינען אויף זייערע איינזאַמע לעבנס. ערשט דעמאָלט איז דאָס פייקלען פון די פאָר אינדיאַנער געוואָרן שטילער, שוואַכער און צום סוף אין גאַנצן אויסגעלאָשן זיך און די ברויזיקע טענצער זענען צוריק שטיין געבליבן אַרום דעם צאַנקענדיקן פייער, ווי פאַרגליווערטע סטאַטועס אָן קיין שום סימן פון לעבן. אָבער איצט זענען זיי דאָ געשטאַנען ביז דאָס ביסל גליאיקע האָלעוועשקעס האָבן אויסגעהויכט זייערע נשמות און דער גאַנצער טאָל מיט די אַרומיקע בערג זענען איינגעהילט געוואָרן אין אַ פאַרטייעטער חשכות. ערשט דעמאָלט האָט זיך דער „קופּערנער קרייז״ פּאַמעלעכקע אויפגעלייזט און די אינדיאַנער זענען איינציקווייז אַוועק צו זיך אין די ביידלעך שלאָפן.

אין טאָל פון טויט

ווען די ערשטע באַריכטן האָבן דערגרייכט צום קאָמענדאַנט פון באַסטיאָן, וואָס האָט געהייסן „פּוערטע מיליטאַר״, וועלכער האָט זיך געפונען נישט ווייט פון דער גרויסער שטאָט לאַ פּלאַטאַ, אַז אין דעם ווייטן פּראָווינץ שטעטל מאַדעראָס, האָבן באַנדיטן אויסגעהרגעט די פּאָליציסטן, האָט דער קאָמענדאַנט פון דער פעסטונג, גענעראַל קאַרלאָס דע לאַ פּוענטע דערפון קיין וועזן נישט געמאַכט און געטראַכט, אַז די דאָרטיקע פּראָווינציעלע פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען וועלן זיך שוין אַליין ספּראַווען מיט די עטלעכע באַנדיטן אָן זיין הילף. מחמת ער, דער דריי און זעכציק יעריקער מיליטערמאַן האָט געהאַלטן זיין גרויסע אַרמיי צוגעגרייט פאַר אַ מעגלעכער מלחמה מיט די אַרומיקע לענדער, טשילע, פּאַראַגוויי אָדער אורוגוויי.

אָבער שפּעטער, אַז די שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ האָט צוגעשיקט אַ לאַנגע טעלעגראַמע אין וועלכער עס האָט זיך געזאָגט, אַז „די זעלביקע באַנדיטן האָבן דאָרטן נישט נאָר אויסגעליידיקט די „באַנקאָ נאַסיאָנאַל״, נאָר אַז זיי האָבן פאַרניכטעט צוויי קליינע אָפּטיילונגען מיט סאָלדאַטן״, האָט דאָס שוין אָנגענומען אַ מיליטערישן כאַראַקטער, פון וועלכן דער גענעראַל קאַרלאָס דע לאַ פּוענטע האָט זיך נישט געטאָרט אָפּזאָגן און ער האָט געטראַכט, אַז דאָ האָט ער שוין נישט צו טאָן מיט סתם באַנדיטן, נאָר מסתמא מיט אַ כאָפּטע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע מען דאַרף מיט אַלע כוחות אָפּווישן פון דער אַרגענטינער ערד, איידער זיי וועלן באַווייזן צו אויפהעצן אַלע פּעאָנען און אַרבעטער פון דעם גאַנצן לאַנד, וואָס וועלן סוף־כל־סוף געוויס אומוואַרפן די איצטיקע, פּעאָדאַלע רעגירונג און פאַרכאַפּן די מאַכט.

אים האָט נישט אַזוי געאַרט וועגן די אַרבעטער אין די גרויסע שטעט, ווי ער האָט מורא געהאַט, אַז זיינע „אייגענע פּעאָנען", וואָס האָבן זיך געצילט אין די הונדערטער ביי אים אויף זיין גרויסן גוט, וועלכער האָט זיך געצויגן אויף הונדערטער קילאָמעטער אין ענטרע ריאָס, זאָלן זיך נישט צעבונטעווען. עס קאָן זיין, אַז טאָקע צוליב דעם האָט ער איצט אַריינגערופן צו זיך אין קאַבינעט די צוויי יונגע קאַוואַלעריע־אָפיצירן, פּערעז דעל קאַרדאָוואַ און פּאַבלאָ דעל קאַרמען, וועלכע זענען באַלד אַריינגעקומען אויסגעסטראַיעטע אין בלויע מונדירן, מיט גלאַנציקע, מעשענע קנעפּ, מיט באַגילדערטע שטרייפן אויף די שמאָלע עפּאָלעטן און מיט לאַנגע אַראָפּהענגענדיקע שווערדן ביי די זייטן. מיט פרישע אָפּגעגאָלטע פּנימער און פאַרשפּיצטע, מעשענע קאַסקעס אויף די גלייכע קעפּ, האָבן זיי סאַלוטירט זייער גענעראַל און מיט דרך ארץ געבליבן שטיין אַ ביסל פון דער ווייטן.

דער גענעראַל האָט זיך אויף זיי נישט אומגעקוקט און נישט געענטפערט אויף זייער סאַלוטירן אים. אַ היפּשע ווײַלע איז ער נאָך געזעסן ביים שרייבטיש מיט אַריינגעזונקענע אויגן אין דער טעלעגראַמע פון באַהיאַ בלאַנקאַ, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן פאַר זיך. אָבער באַלד האָט ער אַוועקגעשאַרט דאָס פּאַפּירל און מיט אַ פינגער אָנגעוויזן אויף די צוויי הויך־וועגטלדיקע שטולן:

— זעצט זיך אַוועק, קאַבאַזשעראָס! איך האָב אייך געשיקט רופן אַהער, וויל עס איז פאַראַן אַ דרינגענדיקער ענין צו דערליידיקן. איך האָב באַקומען אַ טעלעגראַמע פון דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ, אַז דאָרטן האָט אַ באַנדע רעוואָלוסיאָנאַריאָס פאַרכאַפּט די שטאָט און אומגעבראַכט צוויי קליינע אָפּטיילונגען פון אונדזער אַרמיי. זיי האָבן צעראַבירט די „באַנקאַ נאַסיאָנאַל" און באַפרייט דאָרט אַלע אַרעסטאַנטן פון תּפיסה. דאָס זעלבע כמעט האָבן זיי געטאָן אין דעם שטעטל מאַדעראָס, וואָס ליגט נישט זייער ווייט פון די פּאַטאַגאָניער בערג. ווי איר פאַרשטייט שוין, קאַבאַזשעראָס, איז דאָס דער אָנהייב פון זייער אַן ערנסטער געפאַר פאַר דעם גאַנצן לאַנד... דעריבער וויל איך, אַז איר זאָלט זיך היינט צוגרייטן, נעמען צוויי הונדערט מיט פופציק קאַוואַלעריסטן און פאָרן קיין מאַדעראָס אויסצוראָטן די צעווילדעוועטע באַנדע רעוואָלוסיאָנאַריאָס!...

— אַנטשולדיקט מיר, סעניאָר כענעראַל, קאַרלאָס דע לאַ פוענטע — האָט זיך דער אָפיציר פּערעז דעל קאַרדאָבאַ אָנגענומען מיט מוט און אויך אָנגעהויבן צו רעדן אין דעם נאָמען פון זיין קאָלעגע — מיר האָבן פון אַזאַ שטעטל ווי מאַדעראָס קיין מאָל נישט געהערט און מיר ווייסן אַפילו נישט ווו עס ליגט און ווי אַזוי צו קומען אַהין. שטעלט זיך פאָר, סעניאָר כענעראַל, אַז באַהיאַ בלאַנקאַ אַליין איז דאָך אויסערגעוויינטלעך ווייט פון דאַנען און עס וועט געוויס נעמען אַ פאָר וואָכן ביז מען וועט זי קאָנען דערגרייכן. איז

ווו וועלן מיר נעמען עסן און טרינקען פאַר אַזוי פיל סאָלדאַטן? מילא, די פערד קאָן מען אַלע נאַכט לאָזן אויף פּאַשע און אַנטרינקען אין וועלכן טייכל עס וועט זיך מאַכן, אָבער וואָס טוט מען מיט די מענטשן אויף אַזאַ מין לאַנגן וועג?...

פון כעס איז דעם גענעראַלס פּנים רויט געוואָרן:

— וואָס זענט איר ווייבער אָדער אָפיצירן? איר וועט פון דאַנען מיטנע־מען פיר וועגענער מיט פּראָוויאַנט און פעסלעך וואַסער און טאָמער וועט דאָס אייך זיין ווינציק, וועט איר אין די פאַרבייפאָרנדיקע שטעט און שטעט־לעך קאָנען אומעטום נעמען פריש וואַסער מיט וויפל שפּייז איר וועט דאַרפן. נישקשה, די רעגירונג וועט זיי דערפאַר באַצאָלן! און וואָס איז שייך דעם וואָס איר ווייסט נישט, ווו דאָס שטעטל מאַדעראַס געפינט זיך, זענט איר דאָך אמתע אידיאָטן! וואָס איז, איר קאָנט נישט לייענען קיין לאַנדקאַרטע?... איז צוליב וואָס זענט איר דאָס געגאַנגען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע?...

— אַנטשולדיקט מיר, סעניאָר כענעראַל קאַרלאָס דע לאַ פּוענטע! — האָט זיך אַ באַליידיקטער אויפגעהויבן פון שטול דער אָפיציער פּאַבלאָ דעל קאַרמען — געוויס האָבן מיר אין דער אַקאַדעמיע שטודירט געאָגראַפיע, אָבער פון אַזאַ מין שטעטל האָבן מיר טאַקע קיין מאָל נישט געהערט!

— קומט אַהער, איר יונגע צוציקעס! — איז דער אַלטער גענעראַל אויפ־געשפּרונגען פון זיין קרעסלע און מיט האַסטיקע טריט צוגעגאַנגען צו דער וואַנט אויף וועלכער עס איז געהאָנגען אַ גרויסע לאַנדקאַרטע. אַ ווײַלע איז ער מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער געשוווּמען צווישן די דראָבנע אותיות און דערנאָך אַ זעלבסטצופרידענער אַנגעוויזן אויף אַ לאַנגער שורה מיט האָר־בעוואַטע צייכנס, וועלכע האָט דערציילט, אַז דאָס איז אַ קייט בערג: — איר זעט דעם נאָמען? דאָס איז מאַדעראַס...

ביידע יונגע אָפיצירן האָבן זיך אַ רגע איינגעקוקט אין דעם פּינטעלע און אומצופרידענע געענטפערט זייער קאָמאַנדיר:

— יאָ, אָבער דאָס איז דאָך זייער ווייט אַפילו פון באַהיאַ בלאַנקאַ! דאָס כאַפּט דאָך אַזש אין די פּאַטאַגאָניער בערג!...

— מיר גייט נישט אָן צי דאָס איז נאָענט אָדער ווייט — האָט זיך דער גענעראַל מיט כעס אָפּגעקערט פון וואַנט און צוריק אַוועק צו זיין שרייבטיש — דאָס אַרט מיך זייער ווינציק! וואָס איז, איר האָט קיין צייט נישט?... מיין באַפעל איז, אַז איר זאָלט היינט אַלץ צוגרייטן און מאָרגן אין דער פרי אַרויס־פאָרן אַהין! אַזוי ווי די פּאַטאַגאָניער בערג ליגן הינטער דעם באַהיאַ בלאַנקאַ סטעפּ און נאָענט צום שטעטל מאַדעראַס, דאַרפן זיך די באַנדע רעוואָלוסיאָ־נאַריאָס געפינען ערגעץ אין יענער געגנט. אַז איר וועט זיין אין מאַדעראַס, וועט איר זיך שוין דאָרט ווי עס איז דערפרעגן ווו זיי באַהאַלטן זיך אויס. איך ווייס, אַז דאָס איז נישט קיין גרינגער וועג, אָבער מען קאָן זיך נישט

העלפן. מען מוז די באַנדע פאַרניכטן און ברענגט מיר נישט צוריק קיין געפאַנגענע, פאַרשטאַנען?... אָבער איין זאַך קאָן איך אייך יאָ פאַרזיכערן, אַז איר וועט דאָרט נישט האָבן קיין שווער שטיקל אַרבעט, ווייל לויט ווי מען האָט מיר אָנגעגעבן זענען זיי אַ מאָן הונדערט, צי העכסטנס אַרום הונדערט און פופציק אין צאָל און נישט מער, דאָס מיינט, אַז איר וועט האָבן כמעט צווייִמאָל אַזוי פיל מענטשן ווי זיי. האָט איר גרינטלעך פאַרשטאַנען מיין באַפעל?...

— סי סעניאָר, כענעראַל! — האָבן איצט די אָפיצירן צוגעלייגט די רעכטע הענט צו זייערע גלאַנציקע דאַשיקעס פון די מעשענע קאַסקעס, אויסגעצויגן זיך אין זייער גאַנצער הויך און מיט די פיס צוגעקלאַפּט אַ קנאַפּל צו אַ קנאַפּל און מיט נישט קיין צו פריילעכע הערצער פאַרלאָזט דעם קאַבינעט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט זיך דער סקוואַדראָן קאַוואַלעריסטן מיט דעם „אַבאַז" הינטער זיי, אַרויסגעלאָזט אויפן וועג. דאָס זענען געווען אַרום צוויי הונדערט מיט פופציק ברייט־פּלייציקע סאָלדאַטן, מיט שטרענגע, אָנגעכמורעטע פּנימער. אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין בלוילעכע מונדירן מיט מעשענע קאַסקעס אויף די קעפּ, וואָס זענען פון סאַמע אויבן געווען פאַרשפּיצט מיט אַ שאַרף און קיילעכדיק גאַלקעלע. אויף געלע רימענס זענען פון זייערע פּלייצעס אַראָפּגעהאָנגען גוטע קאַראַבינקעס (קורצע ביקסן) און פון די זייטן — לאַנגע שווערדן. פעסטע און זיכערע זענען די זעלנער געזעסן אין די זאָטלען און זייערע הויכע פערד, מיט די טיפע דאַלינעס אין זייערע ברייטע הינטנס זענען געגאַנגען אין לאַנגע, איין־שורהדיקע פאָרמאַציעס און פריילעכע אונטערגעהאָצקעט זייערע רייטער.

די אָפיצירן, פּערעז דעל קאָרדאָבאַ און פּאַבלאָ דעל קאַרמען זענען שווייגעוודיקע געריטן אַ ביסל פאַרויס און אַפילו נישט אומגעקוקט זיך אויף זייערע סאָלדאַטן מיט דעם „אַבאַז" הינטער זיי. אָבער דערפאַר האָבן די זעלנער אָפט געלאַכט, געמאַכט שפּאַס איבער דעם שונא, וואָס זיי פאָרן איצט צו פאַרניכטן און זיי האָט גאָרנישט געאַרט, וואָס אָט דער דאָזיקער שונא איז נישט פון אַ פרעמד לאַנד, נאָר אייגענע ברידער, אַרגענטינער. זיי זענען געווען געשולטע און דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן און פאַר זיי האָט דאָס זייער ווינציק וואָס אויסגעמאַכט, צי דער שונא איז אַן אייגענער אָדער אַ פרעמדער און בפרט, אַז זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי זענען צוויי מאָל אַזוי פיל אין צאָל, זענען זיי די ערשטע עטלעכע שעה געריטן זאָרגלאָזע און איבערגעוואָרפן זיך מיט וויצן אויפן חשבון פון דער באַנדע רעוואָלוסיאָנאַריאָס, וואָס ווען זיי וועלן נאָר פון ווייטן דערזען דעם מעכטיקן סקוואַדראָן קאַוואַלעריסטן, וועלן זיי מסתמא אַנטלויפן פון שלאַכטפעלד ווי די מייז. נאָר וואָס לענגער דער וועג האָט זיך אָנגעהויבן אויסציען זענען זייערע געלעכטער און וויצן אָפּגעשטאָרבן.

דעם אַנדערן האַלבן טאָג, כמעט ביז פאַרנאַכט, זענען אַלע געריטן אוימעטיקע און שווייגעוודיקע און, דוכט זיך, מיט אַ ביסל מורא אין די הער־

צער. פאַרשטייט זיך, אַז נישט פאַר דעם נאָך נישט געזעענעם שונא, ווי פאַר די ברייטע און טיפע פעלדער, מיט די געהיימע וועלדער און איבערהויפּט — פאַר דעם אומענדלעכן וועג. ערשט פאַרנאַכט, ווען די טונקלקייט איז צו־געפאַלן און יעדער זעלנער האָט אָפּגעזאָטלט זיין פערד, אים געפּענטעט, גע־לאָזט אויף דער פּאַשע און מען האָט צעלייגט גרויסע פייערן אַרום וועלכע מען האָט זיך אַוועקגעזעצט עסן וועטשערע, ערשט דעמאָלט האָט זיך די פריילעכקייט צו זיי אומגעקערט און מיט דער זעלביקער זאָרגלאָזיקייט ווי אין דער פרי זענען זיי דערנאָך אַנטשלאָפן געוואָרן.

די זעלביקע דערשיינונג האָט זיך ביי זיי איבערגעחזרט יעדן טאָג און יעדע נאַכט זינט דער קאַוואַלעריע סקוואַדראָן האָט פאַרלאָזט די אַרמיי־פּעס־טונג לעבן לאַ פּלאַטאַ. מען מוז אָבער גלייך צוגעבן, אַז פאַר דער וואָך מיט אַ האַלבער, וואָס האָט גענומען צו דערגרייכן די האַפּנשטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ, זענען סיי די סאָלדאַטן מיט די פאָר אָפיצירן און סיי זייערע פערד געוואָרן אויסגעמאַטערט פון דעם שווערן און לאַנגן וועג. דערפאַר אָבער האָט זיך דאָ אין דעם גרויסן שטאָטישן פּאַרק צעלייגט דער סקוואַדראָן „ווי ביים טאַטן אין ווייַנגאָרטן". און דריי טעג נאָכאַנאַנד האָט זיי די היגע מוניציפּאַליטעט צוגעשטעלט עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און פון דעם בעסטן.

נאָר אויפן פערטן טאָג האָבן די זעלנער אָנגעפילט די ליידיק געוואָרענע פּעסלעך מיט פריש וואַסער. די וועגענער אָנגעלאָדן מיט פריש געבאַקן ברויט, בולקעס, מיט קאָסטנס קאָנסערווירט פלייש און פאַרשידענע ווייַנען מיט לאַנגע בינטן קאָלבאַסעס און ווען די אָפיצירן האָבן נאָך אַ מאָל דורכגעשטודירט די לאַנדקאָרטע, וואָס זיי האָבן געהאַט ביי זיך אין אַ רימענעם טאַש, זענען זיי אַרויף אויף זייערע פערד און פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָט אַ קאָמאַנדעווע גע־טאָן: „אַוואַנטע"! און די קאַוואַלעריע האָט זיך אַ צי געגעבן דורך דער הויפּט־גאַס פון דער שטאָט.

ווידער האָבן זיך פאַר די קאַוואַלערסקע אויגן אויסגעשפּרייט זאַמדיקע מדבריות און דערנאָך אומענדלעכע באַגראָזטע פּאַמפּאַס, וואָס זענען געווען אַזוי פּוסט און מאָנאָטאָן ווי די סאָלדאַטסקע לעבנס אין די קאַזאַרמעס, איי־דער מען שיקט זיי אַוועק אויף מאַנעווורעס, צי אויף אַ מלחמה. נאָר דער וועג איז פאַרט געווען אַ ביסל קירצער פאַר דעם ערשטן. ווייל אויפן זיבעטן טאָג איז דער סקוואַדראָן אַריין אין דער הויפּטגאַס פון דעם שטעטל מאַדעראַס, ווו עס האָבן זיך נאָך געזען אַ סך פאַרברענטע הייזער און געשעפטן. אָבער אַ היפּשע צאָל זענען געשטאַנען פרישע, ערשט אויסגעפּאַרטיקטע. דער היגער עולם איז אַרויס פון די שטיבער, פון די הייזער, געשעפטן און האָט מקבל־פּנים געווען דאָס מיליטער מיט אַזעלכע וואַרעמע, האַרציקע שמייכלען און אַפילו ספּאָנטאַנע אויסגעשרייען, אַז די אַריינקומענדיקע סאָלדאַטן האָבן זיך דאָ באַלד דערפילט אַזוי זיכער, ווי ביי זיך אין די היימען.

אמת, אין אָט דעם פאַרוואָרפענעם העק האָבן בײדע אָפיצירן קיין צייט נישט געוואָלט פאַרלירן, האָבן זיי אָפּגעשטעלט דעם סקוואַדראָן, זענען אַראָפּ פון די פערד און אויפגעזוכט אַ פּאָר פון די נייע פּאַליציסטן, וואָס מען האָט דורך דער צייט אַהער אַריינגעשיקט און ביי זיי געפרעגט:

— ווען זענען דאָ די רעוואָלוסיאָנאַריאָס געווען? פון וואַנען זענען זיי געקומען און אין וועלכער ריכטונג זענען זיי אַוועקגעפאָרן?

פאַרשטייט זיך, אַז די פּאָר פּאַליציסטן האָבן פון קיין זאַך נישט געוווּסט. האָבן די זעלבע אָפיצירן דערנאָך אָפּגעשטעלט פאַרבייגייער, פאַרבייפאָרער און אויך ביי זיי געפרעגט די פראַגן וועגן די „רעוואָלוסיאָנאַריאָס" און פון קיינעם קיין קלאָרן ענטפער נישט באַקומען. עס קאָן זיין, אַז דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס כאָטש דער אָרעמער עלעמענט פון דעם שטעטל האָט גראָד יאָ געוווּסט אין וועלכער זייט און אַפילו אין וועלכע בערג כוליטאָ מיט זיינע מענטשן זענען אַוועק, האָבן זיי אים אָבער בשום אופן נישט געוואָלט אַרויסגעבן און וואָס איז שייך די רייכערע, האָבן זיי דאָך דעם אָנפאַל כמעט אין גאַנצן נישט געזען. מחמת ווי נאָר די חברה האָט זיך באַוויזן אין דער הויפּטגאַס, זענען די מערסטע געשעפטסלייט מיט זייערע ווייבער און קינדער אַריינגעלאָפן צו זיך אין די טיפע קעלערס אויסצובאַהאַלטן זיך פון אַ פליענדיקער קויל און האָבן אַ לאַנגע צייט מורא געהאַט אַרויסצושטעקן די נעז אין דרויסן.

אָבער די אָפיצירן זענען אין זייער צודרינגלעכקייט געווען אַזוי ברוטאַל און דראָענדיק גלייך צו אַרעסטירן יעדן איינעם, וואָס וועט זיי נישט זאָגן דעם אמת, ביז עפּעס איינער אַן עלטערער מאַן מיט גרויע, צעשראָקענע אויגן און לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע, כמעט ווייסע האָר אויפן קאָפּ און געדיכטע, לאַנגע וואָנצעס, האָט סוף־כל־סוף מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף דעם עק פון דער ברייטער גאַס:

— זיי זענען אַוועקגעריטן אין יענער ריכטונג, צו די פּאַטאַגאָניער בערג...

— פון וואַנען ווייסטו דאָס? דו ווייסט כאָטש וואָס עס קומט פאַר זאָגן אַ ליגן?...

— איך זאָג נישט קיין ליגן — האָט ביי דעם עלטערן מענטשן אָנגעהויבן ציטערן די אונטערשטע ליפּ — איך וווין אין דעם לעצטן שטיבל פון דער גאַס, שוין כמעט אין פעלד. האָב איך דורכן פענצטער געזען, ווי זיי האָבן זיך פאַרקירעוועט צו די פּאַטאַגאָניער בערג.

מער האָבן די אָפיצירן שוין נישט געדאַרפט. זענען זיי געוואָרן האָפער־דיק און באַפוילן, אַז די סאָלדאַטן זאָלן אָנטרינקען די פערד און אַליין אויך אויך גיך אָפּעסן. דערנאָך זענען די אָפיצירן אויף גיך אַריינגעגאַנגען אין אַזאַ רעסטאָראַנדל, ווו מען האָט אויך פאַרקויפט בראָנפן. דאָרטן האָבן זיי זיך מיט גדלות אַוועקגעזעצט ביי אַ טישל און כאָטש עס איז ערשט געווען אַרום

עלף אַזייגער אין דער פרי, האָבן זיי פונדעסטוועגן באַשטעלט אַ גוטן וואַרעמס, מיט אַ פלעשל קאָניאַק און ווען זיי זענען מיט דער אַכילה פאַרטיק געוואָרן, זענען זיי אַרויס פון דאַנען, אַרויפגעשפרונגען אויף זייערע ספּריטנע פערד און דער גאַנצער סקוואַדראָן האָט פאַרלאָזט דאָס שטעטל.

דעם גאַנצן וועג האָבן זיך די אָפיצירן מיטן סקוואַדראָן געהאַלטן נאָענט צו די פּאַטאַגאַניער בערג און די קאָמאַנדירן האָבן די אויגן נישט אויפגעהויבן פון דער ערד. זיי האָבן אַלץ געזוכט עפּעס אַ סימן, אַ שליאַד, וואָס זאָל זיי פירן צו דעם אָרט, ווו די דאָזיקע „רעוואָלוסיאָנאַריאָס" האָבן זיך געפונען. און ערשט פאַרנאַכטלעך קוים באַמערקט, אַז אויף אַ שטיקל זאַמדיקן וועג, האָבן נישט קיין פאַרווישטע אָפּדרוקן פון פערדישע קלאָען געפירט צו אַ געהיימען אַריינגאַנג אין אַ טאָל, וואָס איז געווען אַרומגעצאַרטלט מיט גאַנץ הויכע בערגלעך, האָבן די אָפיצירן צעטיילט דעם סקוואַדראָן אין צוויי „פליגלען" און אָנגעהויבן אַרומרינגלען דעם דאָזיקן געהיימען טאָל פון צוויי זייטן.

***

ביי כוליטאָן אין טאָל האָט מען זיך שוין פון לאַנג אויפגעהערט אַזוי צו היטן פאַר אַן איבערפאַל פון מיליטער, צי פון דער פּאָליציי, אָדער זשאַנדאַרמען, ווי אין די ערשטע פאָר יאָר. דעריבער האָבן זיי די גאַנצע צייט כמעט געהאַלטן דאָס געווער אין אַ טרוקענער הייל, כדי דאָס זאָל נישט ווערן פאַרזשאַווערט און כוליטאָ האָט זיך שוין אַלץ איינס מער נישט געריכט צו באַניצן זיי. זענען די פּעאָנען מיט דעם ביסל ווייבער און קינדער אַרומגעגאַנגען זאָרגלאָזע. זיי האָבן געלאַכט, געשטיפט און געשפּילט זיך איינער מיטן אַנדערן און קיינער האָט אַפילו נישט געטראַכט פון דעם שוידערלעכן אומגליק, וואָס האָט זיך בגנבה אָנגערוקט אויף זיי.

אַפילו דער סטעפּ־יונג איז געווען צופרידן פון דעם ווי גלאַט דאָס לעבן איז אַוועק דאָ אין לאַגער. איז ער איצט אַ רויִקער געלעגן מיט זיין ווייבל אויף אַ סטויג היי און געקוקט אויף דעם ווייטן בלויען הימל. נאָר גראָד האָט איצט אַ קליינגעוויקסיקער און דאַר בחורל זיך אַרויפגעדראַפּעט אויף איינעם פון די הויכע שטאַנגען און געוואָלט פון דאָרטן אַראָפּנעמען אַ פערטל זייטל פלייש און דאָס אַראָפּטראָגן צו די ווייבער, אַז זיי זאָלן דערמיט צוגרייטן וועטשערע, האָט ער אָבער פון דער הויך גלייך באַמערקט, ווי זייער אַ סך סאָלדאַטן האָבן אויף פערד אָנגעהויבן אַרומרינגלען דעם לאַגער. האָט זיך דאָס בחורל תיכף צוריק אַראָפּגעגליטשט פונעם שטאַנג, איז כמעט אָן אָטעם צוגעלאָפן צו אַנטאָניאָ דעם „פערד" און מיט אַ פלייץ פון ווערטער אים דערציילט פון דעם וואָס ער האָט אויפן שטאַנג געזען.

אין דער רגע האָט אַנטאָניאָ אַרויסגעכאַפּט זיין רעוואָלווער פון שיידל און אויסגעשאָסן צוויי מאָל אין דער לופטן. פון דעם אָפּגערעדטן סיגנאַל איז

דער גאַנצער לאַגער גלייך אַלאַרמירט געוואָרן. ווי אַ ווילדער טיגער איז כוליטאַ אַראָפּגעשפּרונגען פון עם סטויג. ראַזאַליטאַ איז אים נאָכגעשפּרונגען, אָבער ער האָט קיין צייט נישט געהאַט אומצוקוקן זיך אויף איר און אַ דונער געטאָן איבערן לאַגער:

— מוטשאַטשאָס, די ביקסן!...

איינס און צוויי האָבן זיך שוין אין דער „טרוקענער הייל" געפונען אַרום פופציק פּעאָנען מיט דער אויטאָמאַטישער גיכקייט און געשיקטקייט אַרויס־געטראָגן פון דאָרטן אַלע ביקסן, אַרויסגעטראָסקעט גרויסע קאַסטנס מיט קוילן און כוליטאָס קול האָט נישט אויפגעהערט ברומען און טרייבן די הונ־דערטער פּעאָנען, וואָס זענען אַהער אַנגעלאָפן פון אַלע ווינקעלעך צו כאַפּן אַ ביקס מיט קוילן:

— לאָדט אָן די ביקסן! טוט אַריין אין די קעשענעס און אין די בוזעמס וואָס מער קוילן! גיכער! גיכער! רירט זיך!...

מיט פלינקע באַוועגונגען האָבן הונדערטער הענט געפאָלגט דעם באַ־פעל. זיי האָבן אָנגעלאָדן די ביקסן. צו זיך אין די העמדער אַריינגעוואָרפן אַ סך קוילן און אויף די באַפעלן פון כוליטאָן מיט אַנטאָניאָ דעם „פערד" האָבן זיך די פּעאָנען צעשפּרייט צופוסנס די צוויי זייטן פון די בערג און מיט פּאַר־כאַפּנדיקע אָטעמס און אָנגעצילעוועטע ביקסן אויף אַרויף צו, ווו די סאָלדאַטן אויף זייערע פערד האָבן זיך שוין באַוויזן אַרויפצודראַפּען כמעט, דעמאָלט האָבן די פּעאָנען אַזאַ קנאַל געטאָן מיט אַ געדיכטן האָגל קוילן, אַז דער סקוואַדראָן האָט זיך אויף אַ ווײַלע געמוזט צוריקציען פון דער מוראדיקער שיסעריי און דער אָפיציר פערעז דעל קאַרדאָבאַ האָט אין איילעניש געזאָגט צו זיין קאָלעגע פּאַבלאָ דעל קאַרמען:

— דו ווייסט? דער אַלטער הונט, אונדזער כענעראַל, האָט דאָך אונדז אָפּגענאַרט!... ער האָט געזאָגט און אַפילו פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אַ באַנדע בלויז פון אַרום הונדערט רעוואָלוסיאָנאַריאָס, אפשר הונדערט און פופציק, און מיר דוכט זיך, אַז לויט די זאַלפן געפינען זיך דאָ אַרום דריי הונדערט מיט פופציק, צי טאָקע גאַנצע פיר הונדערט שיסער.

— דו ביסט, דוכט מיר, גערעכט — האָט אים פּאַבלאָ דעל קאַרמען גע־ענטפערט מיט קאַלטקייט אין קול — אָבער ווערליק ווי איך האָב באַמערקט, זענען דאָס נישט קיין רעוואָלוסיאָנאַריאָס, נאָר פּראָסטע פּעאָנען און דו ווייסט דאָך, אַז אַ פּעאָן קאָן קיין ביקס נישט האַלטן. און ווייל זיי זענען אַ סך מער אין צאָל, דאַרף מען אויף זיי אָנווענדן פּסיכאָלאָגישע אַטאַקעס. דאָס מיינט אַרום אַ האַלבע שעה אַטאַקירן און דערנאָך אָפּטרעטן אויף צוריק. וועלן זיי דאָך מיינען, אַז מיר אַנטלויפן.דעמאָלט וועלן זיי זיך אויפשטעלן פון דער ערד און מיר וועלן זיי קאָנען גרינג אַוועקלייגן. מען דאַרף זען, אַז קיין איינער פון

זיי זאָל נישט בלייבן לעבן. מיר האָבן דאָך אַ באַפעל, מוזן מיר אים דורכפירן פּינקטלעך. מען טאָר דאָ קיין איין רגע נישט פאַרלירן אומזיסט.

— אויף די בערגלעך ווילסטו אָנפירן אַ פּסיכאָלאָגישע אַטאַקע?

— גראַד ווייל דאָס איז אויף בערגלעך. מיר האָבן נישט קיין אַנדער אויסוועג.

דער אמת איז, אַז אַרום אַ פּאָר שעה צייט איז די אָפיצירן טאַקע געלונגען צו מאַכן פלוצימדיקע אָנפאַלן און דערצו נאָך אַזעלכע מעכטיקע, אַז אונטן, אין טאָל זענען אָן אַ צאָל פּעאָנען איטלעכעס מאָל געפאַלן ווי די פליגן. כאָטש איידער די פּעאָנען זענען געשטאָרבן, האָבן זיי נאָך באַוויזן צו ענטפערן אויף צוריק מיט זאלפן קוילן. אָבער כוליטאָ איז פון דער מאָדערנער טאַקטיק, וואָס די קאַוואַלעריסטן האָבן אָנגעפירט געוואָרן אַזוי פריטשמיעלעט און צע־טומלט, אַז ער האָט אויף קלאָר נישט געוווּסט וואָס צו טאָן און צי ער מיט זיין ביסל מוטשאַטשאָס וועלן בכלל קאָנען ווייטער אָנהאַלטן די שלאַכט...

דערווייל איז צוגעפאַלן די נאַכט און גראַד אַ לבנהדיקע. דאָס האָט פאַר־אורזאַכט, אַז דאָס שיסעריי פון די קאַוואַלעריסטן זאָל זיך ציען אויף שעהן נאָכאַנאַנד. אַוודאי איז זייער שיסן דורך דער צייט אויך אַ סך שיטערער געוואָרן און מען האָט בשום אופן נישט געקאָנט וויסן צי דאָס איז געקומען מחמת דעם, וואָס אויך אַ גרויסע צאָל סאָלדאַטן זענען אומגעקומען, אָדער די אָפּטיילונג פון דעם מיליטער איז פאַרמאַטערט געוואָרן. אָבער איין זאַך האָט כוליטאָ געוווּסט, אַז דאָ אין טאָל, זענען אַלע ווילע מיט קורצע אויסגע־שרייען געבליבן ליגן אויף דער ערד אַזוי פיל מענטשן, אַז לויט דעם שיסן פון די נאָך לעבעדיקע פּעאָנען, האָבן זיי זיך מסתמא געציילט אַרום צוויי הונדערט און נישט מער.

דורך דער גאַנצער נאַכט האָבן זיך פון דאַנען און פון דאָרטן כסדר דורכגעריסן האַרצרייסנדיקע און פאַרצווייפלטע געשרייען מיט נאָכאַנאַנדיקע קרעכצן פון פאַרוווּנדעטע. נאָר פאַרטאָג האָט זיך כוליטאָ געכאַפּט, אַז ער מוז אָפּראַטעווען וויפל לעבנס עס וועט זיך נאָר לאָזן. און ווען ער האָט געזען אַז דאָס שיטער געוואָרענע שיסן פון זיינע מענטשן, האָט ווינציק וואָס גע־האָלפן, ווייל פּאַר די קאַוואַלעריסטן, איז אַפילו ביינאַכט געווען אַ סך גרינ־גער אַראָפּצושיסן אין טאָל און טרעפן אין ציל, האָט זיך דער סטעפּ־יונג אָנ־געכאַפּט פאַר דעם לעצטן מיטל און אַ קאָמאַנדעווע געטאָן צו לאָפּעזן, אַז יע־נער זאָל נעמען וויפל געבליבענע בייטש־פּעכטער עס זענען נאָך געווען, אָנ־זאָטלען די פערד, אַרויסרייסן זיך פונעם טאָל און באַפאַלן די קאַוואַלעריסטן הינטן אַרום.

גרופּעסווייז האָבן זיך אַרום הונדערט מיט פופציק פּעאָנען אויפגעריסן פון די ערטער און אַוועקגעלאָפן אין קאָראַל אָנזאָטלען זייערע פערד, נעמען די גאַוטשאָ־בייטשן און ווי עס איז אַרויסכאַפּן זיך פונעם טאָל. נאָר מיט אַ

מאָל האָט כוליטאָ באַמערקט, אַז צווישן אַ ריי מיט טויטע קעמפער איז געלעגן זיין ראַזאַליטאַ מיט אַ ביקס אין דער האַנט און עקשנותדיק אַרויפגעשאָסן צום שונא אין דער הויך. איז ער מיט כעס צוגעלאָפן צו איר און אָנגעהויבן שרייען:

— הייב זיך אויף! גיי וואָס גיכער אין הייל, ווו עס באַהאַלטן זיך אַלע ווייבער מיט די קינדער און בלייב דאָרטן. דאָ איז נישט קיין אָרט פאַר אַ פרוי. אַ קויל קאָן דיך דאָ טרעפן!

— ניין! האָט זי מיט אַנטשלאָסנקייט אין קול געענטפערט — איך אַנטלויף נישט! איך בין נישט ווי די אַנדערע ווייבער! איך קאָן האַלטן אַ ביקס אין די הענט פונקט ווי אַ מאַן און דיין מלחמה איז אויך מיינע!...

כוליטאָ האָט איצט קיין צייט נישט געהאַט צו פאַרפירן דאָ אין מיטן דער שלאַכט מיט איר אַ קריג, האָט ער זי דאָרטן איבערגעלאָזט, אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיין ווייסן פערד, אַ צי געגעבן די לייצעס און דאָס ריסאָווע פערד, צוזאַמען מיט די אַלע אַנדערע, וואָס לאָפּעז האָט איצט אָנגעפירט מיט דער קאָמאַנדע פון זיינע בייטש־פעכטער — אַ לאָז געטאָן זיך אין פולן גאַלאָפּ. נאָר דער אָפיציר, פּערעז דעל קאָרדאָבאַ האָט דאָס באַמערקט און גלייך פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויס אומגליק דאָס קאָן ברענגען צו זיין ביסל לעבן־געבליבענע סאָלדאַטן, האָט ער באַפוילן, אַז מען זאָל די רייטער פאַרצאַמען דעם וועג אַרויסצורייסן זיך פון טאָל, מיט געדיכטע זאַלפּן פון די ביקסן.

עס האָט אויסגעבראָכן אַזאַ פאַרביסענע שלאַכט, אַז אַפילו אַ סך פון כוליטאָס רייטער זענען אַראָפּגעפאַלן פון די זאָטלען. דאָך איז אַרום אַ הונדערט פּעאָנען פאַרט געלונגען אַרויסצוכאַפּן זיך פונעם טאָל פון טויט און מיט דער גרעסטער ווילדקייט אַוועקגעלאָזט זיך וואָס גיכער אַרומצורינגלען די בערגלעך אויף וועלכע די סאָלדאַטן זענען געזעסן אויף זייערע הויכע סוסים און אַפילו אויף אַ רגע נישט אויפגעהערט אַריינצושיסן אין טאָל.. די פּעאָנען זענען געווען געניטע רייטער און אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי שוין דערגרייכט די בערגלעך, פלינק אַרויפגעכאַפּט זיך אויף זיי און זייערע גאַוטשאָבייטשן האָבן זיך צעשווישטשעט און צעפּאַכעט און מיט אַ גוואַלדיקער גבורה אַרומגעוויקלט זיך אַרום די העלדזער פון די קאַוואַלעריסטן און נאָך דעם, ווי די פעכטער האָבן די זעלבער אַראָפּגעשלעפּט פון די זאָטלען זענען זיי, צוזאַמען מיט זייער אָפיציר דערשטאָכן געוואָרן פון די פּעאָנישע קינזשאַלן.

די שלאַכט איז איצט געוואָרן אַזוי פאַרניכטנדיק, אַז סיי די פּעאָנען און סיי די סאָלדאַטן האָבן אויף קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו פאַרשפּרייטן אַרום זיך טויט און פאַרוויסטונג. נאָר מיט אַ מאָל האָט זיך אויף איינעם פון די בערגלעך באַוויזן כוליטאָס ווייס פערד, וואָס האָט זיך אַ פּנים פון שרעק

געשטעלט דיבאָם אויף די הינטערשטע פיס און דער סטעפּ־יונג האָט פון דאָרטן אַ דונער געטאָן:

— פראָנטאַ, מוטשאַטשאָס! אַ טויט צום שונא!

אויף די סאָלדאַטסקע שאָסן און סאַבלע־פּעכטעריי האָבן איצט אָפּגעענט־פערט דאָס סווישטשען פון מעכטיקע בייטשן און דער בלאַנק פון קינזשאַלן. עס האָט שוין נישט גענומען לאַנג און ווען די זון איז אויפגעגאַנגען האָט כוליטאַ דערזען דאָס שוידערלעכע בילד, ווי אַלע קאַוואַלעריסטן כמעט מיט צענדליקער פערד זענען געלעגן אויסגעשאָכטענע און ווי די זעכציק פּעאָנען, וואָס זענען די גאַנצע צייט געלעגן אין טאָל אונטער אַ האָגל פון קוילן האָבן זיך צוזאַמען מיט ראַזאַליטאַן אַרויפגעדראַפּעט אויף די שפּיצן פון די בערג־לעך און מיט זייערע אָנגעשטעלטע ביקסן אַרומגערינגלט דעם אָפיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען מיט זיינע עטלעכע צענדליק קאַוואַלעריסטן, וואָס האָבן גלייך אַוועקגעוואָרפן זייער געווער און אויפגעהויבן זייערע הענט אין דער לופטן, וואָס האָט געמיינט, אַז דאָס גיבן זיי זיך אונטער און ווילן מער נישט קעמפן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז כוליטאַ צוגעריטן צום אָפיציר. אַראָפּגע־שפּרונגען פון זיין פערד און דערלאַנגט דעם אָפיציר אַ פּראַסק אין פּנים:

— ווער ביסטו, דו פאַרדאַמטער הונט? ווער האָט דיך אַהער געשיקט און ווי אַזוי האָסטו געפונען דעם וועג אַהער?...

דער אָפיציר האָט די לינקע האַנט געהאַלטן אויפגעהויבן און מיט דער רעכטער אַ כאַפּ געגעבן זיך פאַר דער פלאַמיקער באַק:

— מיין נאָמען איז: צווייטער לייטענאַנט פּאַבלאָ דעל קאַרמען פון דער דריטער קאַוואַלעריע דיוויזיע. דעם ערשטן לייטענאַנט פערעז דעל קאָר־דאָבאַ, וואָס איז דאָ אומגעקומען מיט אַלע זיינע און זייער אַ סך פון מיינע סאָלדאַטן... אונדז האָט געשיקט דער קאָמענדאַנט פון דעם באַסטיאָן מיליטער, לעבן לאַ פּלאַטאַ, כענעראַל קאַרלאָס דע לאַ פּוענטע. ער האָט אונדז געגעבן דעם באַפעל און דאָס דערשלאָגן זיך אַהער איז געווען גרינג. אין מאַדראָס האָט אונדז אַן עלטערער האַמברע דערציילט, אַז דו ביסט צוועקגעריטן אַהער נאָך אייער אָנפאַל, און אין סטעפּ האָבן מיר אויפגעזוכט די שפּורן פון פער־דישע קלאָען און אָפּפאַל, וואָס האָט געפירט גלייך צום טאָל... אָבער איך פאַר־לאַנג, אַז דו זאָלסט מיר גלייך זאָגן, וואָס דו וועסט טאָן מיט מיר און מיט מיינע עטלעכע צענדליק מענטשן, וואָס זענען נאָך געבליבן לעבן פון דער שרעקלעכער שלאַכט. ענטפער מיר דאָס גלייך, כוליטאָ!...

— אַזוי, דו ווייסט אַפילו מיין נאָמען!

— סי סעניאָר!

אַ היפּשע ווײַלע האָט כוליטאָ באַטראַכט די פּנימער פון זיינע קעמפער, וועלכע זענען מיט די אָנגעצילעוועטע ביקסן געשטאַנען אַרום און אַרום די געפאַנגענע זעלנער, און ביי זיך געזוכט אַ פּאַסיק וואָרט אויף צו ענטפערן

דעם אָפיציר. נאָר פּלוצים האָט ער אים גאָר אַ פרעג געטאָן אַזאַ מין קלאָץ־קשיא:

— וויפל סאָלדאַטן האָסטו דאָ פאַרלוירן?

דער אָפיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָט זיך איצט צום ערשטן מאָל גוט אַרומגעקוקט אויף דעם בערגל און געזען פאַר זיך די שוידערלעכע סצענע, ווי אומעטום, ווו זיין אויג איז נאָר געפאַלן האָבן זיך געוואַלגערט מענטש־לעכע גופים און אָן אַ צאָל דערשאָסענע פערד, וואָס אייניקע פון זיי זענען געלעגן אויף די רוקנס, מיט די אויסגעשטרעקטע פיס אין דער הויך און מיט אַ פאַרקלעמט האַרץ געענטפערט זיין באַזיגער:

— איך רעכן, אַז אַרום הונדערט מיט אַכציק מענטשן און אפשר נאָך מער...

— דאָס איז אַלץ? הונדערט מיט אַכציק? דאָס איז נישט קיין סך... — האָט כוליטאָ מיט געמאַכטער קאַלטבלוטיקייט פאַררויכערט אַ לאַנגן, שוואַרצן ציגאַרעטל און אַנשטאָט ווייטער רעדן מיטן אָפיציר, האָט ער זיך גאָר אויסגעדרייט מיטן פנים צו אַנטאָניאָ דעם „פערד", וואָס איז דערביי געשטאַנען און אים באַפוילן: — נעם דעם דאָקטער מיט ראַפּאַעלן און גייט איבערקוקן אַלע הרוגים, וואָס ליגן אויף דער ערד און זעט צי צווישן זיי זענען נאָך פאַראַן לעבנגעבליבענע. אויב יאָ, זאָל מען זיי גלייך אַריינטראָגן צום מעדיקאָ אין גרויסןביידל און פרובירן ראַטעווען...

דערנאָך איז כוליטאָ אַרויפגעגאַנגען אויפן העכסטן שפּיץ פון דעם מי־טלסטן בערגל און מיט שטוינונג דערזען, אַז דער חורבן ביי אים אין טאָל פון טויט איז געווען פיל גרעסער און שרעקלעכער ווי דאָ אויפן בערגל גופא... אונטן זענען געלעגן הונדערטער טויטע אין פאַרשידענע פּאָזעס און דערצו נאָך אַזוי געדיכט איינער לעבן דעם אַנדערן, אַז מען האָט, דוכט זיך, קיין שפּילקע דאָרטן נישט געקאָנט דורכשטופּן און דער גאַנצער לאַגער האָט אויסגעזען ווי אַ גרויסער בית־עולם ווו די מתים זענען נאָך נישט באַערדיקט געוואָרן און צעריסענע גלידער, מיט צעלעכערטע קעפּ און פאַרבלוטיקטע פנימער האָבן דורכגעשניטן סיי די אין דער פריעדיקע לופט און סיי דעם סטעפּ־יונגס האַרץ...

כוליטאָ איז אויפן שפּיץ בערגל געשטאַנען אַ לאַנגע צייט און די אויגן נישט געקאָנט אָפּרייסן פון די הרוגים, וואָס האָבן ערשט נעכטן אין דער זעלביקער צייט געלאַכט, געגעסן, געטרונקען און זענען געווען אַזעלכע זאָרג־לאָזע און פריילעכע ווי קינדער. ער האָט זיי אַלעמען געקענט ווי זיינע צען פינגער אויף די הענט און דער סטעפּ־יונג האָט געוואָלט אויסשיסן אין אַ האַרצרייסנדיקן געיאָמער. נאָר אין דער לעצטער רגע איז אַנטאָניאָ דער „פערד" צוגעקומען און דערקלערט מיט אַ פאַרשטיקט קול:

— כוליטאָ, מער ווי אַ פאָר צענדליק פאַרוואונדעטע זענען נישטאָ און

דער דאָקטער זאָגט, אַז ער ווייסט נישט צי ער וועט זיי אַלעמען קאָנען ראַטעווען.

— נעם אַלע לעבנגעבליבענע סאָלדאַטן צוזאַמען מיט זייער אָפיציר און זאָלן זיי אויסגראָבן לאַנגע און טיפע מאַסן־קברים, צונויפקלייבן אַלע גע־הרגעטע און וואָס גיכער באַערדיקן...

אַנטאָניאָ צוזאַמען מיט נאָך איניקע פּעאָנען, האָבן מיט ביקסן אין די הענט אַראָפּגעטריבן אין טאָל פון טויט די געפאַנגענע זעלנער. דאָרטן האָבן זיי מיט גראָבאייזנס אויסגעגראָבן צוויי זייער לאַנגע און טיפע גריבער און ערשט נאָך האַלבן טאָג, פאַרמאַטערטע אָנגעהויבן צונויפנעמען די מתים און אַריינגעוואָרפן זיי אין די קברים. אָבער דאָס איז זיי נישט אָנגעקומען גרינג. ווייל ווי נאָר די שלאַכט האָט זיך איינגעשטילט, זענען פון הינטער די פּאַטאַגאָניער היכע בערג און אַפילו פון דעם ווייטן דזשאָנגל אָנגעפלויגן אַ מאַסע רויב־פייגל. אַ שטיקל צייט האָבן זיי געקרייזט אין דער לופטן איבער דעם טאָל פון טויט, דערנאָך האַסטיק אַראָפּגעלאָזט זיך אויף דער ערד און מיט די שאַרפע שנאָבלען אָנגעהויבן אַרויסרייסן שטיקער פלייש פון די הרוגים און געפרעסן מיט אַזאַ רוזקייט, אַז אַפילו ווען די לעבנגעבליבענע פּעאָנען האָבן מיט שטעקנס געטריבן פון דאַנען, האָבן זיך די פייגל נישט גערירט כמעט פון די ערטער און געטאָן דאָס זייעריקע. זענען די פּעאָנען געווען גע־צוווּנגען צו נעמען די ביקסן אין די הענט און ווידער פאַרפירן אַ מלחמה מיט די באַפעדערטע ברואים און שיסן האָבן זיי געמוזט אָן אויפהער, ביז די סאָלדאַטן האָבן שוין צוזאַמענגעקליבן אַלע געפאַלענע און מיט די לעצטע כוחות פאַרשאָטן די ריזיקע קברים. נאָר דעמאָלט איז שוין צוגעפאַלן די נאַכט און די ווילדע רויב־פייגל זענען אַלץ איינס אַנטלאָפן געוואָרן צוריק צו זייערע היימען פון וואַנען זיי זענען געקומען.

אָבער די שוידערלעכע טראַגעדיע האָט זיך נאָך אַלץ נישט פאַרענדיקט. געווען איז דאָס הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס אין דעם דאָקטערס „לאַזאַ־רעטנעם" ביידל האָט מען מער ווי פיר פאַרוווּנדעטע נישט געקאָנט אַריינגע־מען און די צאָל שווער געטראָפענע, וואָס זענען אַממייסטן גראָד געווען פּע־אָנען און נישט קיין פּאָר צענדליק, ווי אַנטאָניאָ האָט געזאָגט, נאָר פיר און פערציק, וועמען די „סאַניטאַרן" האָבן אַוועקגעלייגט אויף דער ערד לעבן דעם „לאַזאַרעט" און צוגעדעקט מיט קאָלדרעס. זיי האָבן קיין מעדיצינישע באַ־האַנדלונג נישט געהאַט. דורך די טעג איז נאָך געווען ווי עס איז. כאָטש די חולאים האָבן רק געקרעכצט און געבעטן זיך, אַז מען זאָל זיי העלפן. נאָר דורך די נעכט און איבערהויפּט — אין די פאַרטאָגן, איז די ערד נאָס געווען פונעם טוי, וואָס האָט זיך גיך פאַרקליבן צו די פאַרוווּנדעטע אין די ביינער און די אומגליקלעכע מענטשן האָבן נעבעך אָנגעהויבן שפּייען מיט שטיקער בלוט.

דערצו נאָך איז דער דאָקטער געווען זייער אַן אַקוראַטנער מענטש און

פּאַרזיכטיקער כירורג וואָס האָט זיך צו לאַנג אָפּגעגעבן מיט איין פּאַציענט. זענען די אַנדערע חולאים געלעגן אין דרויסן אַזוי לאַנג, ביז זייערע בלוטן זענען פאַרסמט געוואָרן. סיי פון דער שטענדיקער נעץ און סיי פון די פאַר־גיפטונגען זענען זייערע קערפּערס געשוואָלן געוואָרן ווי בערג און איינציק־ווייז אויפגעהערט צו באַוועגן מיט אַן אבר און צום סוף אין גאַנצן אויפגע־הערט צו אָטעמען, און דער טאָל פון טויט האָט אין לויף פון צוויי וואָכן צו־געקראָגן נאָך דריי און דרייסיק פרישע קברים מיט געלע בערגעלעך זאַמד אויף זיך.

נאָר די צאָל לעבנגעבליבענע פּעאָנען און סאָלדאַטן, וואָס האָבן איצט אַרום און אַרום געציילט בלויז צוויי הונדערט מיט איין און צוואַנציק נפשות, זענען אַ גאַנצן טאָג געווען פאַרנומען מיט דער מלחמה אַנטקעגן דער פאַר־גרעסערטער צאָל רויב־פייגל, וועלכע זענען אַלע אין דער פרי געקומען צו פליען אויף זייערע מעכטיקע צעשפּרייטע פליגל און ראַפּטום אַראָפּגעלאָזט זיך אויף די געפאַלענע פערד מיט אַזעלכע רויבערישע אַפּעטיטן, אַז זיי האָבן אויף דער גיך צעפּליקט די פערדישע פעלן און געפרעסן די אַרויסגעריסענע און אַרויסגעדזשאָבעטע שטיקער פלייש מיט אַזאַ זיכערקייט אין זיך, ווי זיי וואָלטן גאָרנישט מורא געהאַט פאַר די לעבעדיקע מענטשן, וואָס זענען אַרומ־געגאַנגען מיט לאַנגע שטעקנס אין די הענט און געפּרוווט צו פאַרטרייבן די מחבלים כאָטש פון די ביידלעך, צי פונעם קאָראַל און דאָך האָבן די פּעאָנען נישט באַוויזן צו פאַרהיטן די גרויסע חלקים פלייש אויף די הויכע שטאַנגען, וואָס זענען דאָרט געהאַנגען איבער דריי חדשים און געבאַקן זיך אין די שטראַלן פון דער אַרגענטינישער זון, און דער פערדישער בית־עולם איז געלעגן אַ פאַרזייטער מיט די בלייכע ביינער פון פערדישע סקעלעטן, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד.

די ערשטע פאָר וואָכן, שוין נאָך דער שרעקלעכער שלאַכט, איז דער אָפיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען אָפּט צוגעשטאַנען צו כוליטאָן און ביי אים גע־פאָדערט אַ קלאָרן ענטפער, וואָס ער האָט בדעה געהאַט צו טאָן סיי מיט אים און סיי מיט זיינע סאָלדאַטן. און נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דער סטעפּ־יונג האָט דעם דאָזיקן פאַרשוין נישט געקאָנט פאַרטראָגן און געפילט צו אים אַ פאַראַכטונג, שוין דערפון אַליין, וואָס דער אָפיציר האָט אים געצוווּנגען ווידער צו נעמען אַ ביקס אין דער האַנט קעגן זיין אייגענעם ווילן און וואָס דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אַזוי פיל טייערע מוטשאַטשאָס, וועל־כע האָבן ערשט נעכטן אין דער זעלביקער צייט געשטיפט, געלאַכט און זענען געווען ווי זאָרגלאָזע קינדער, זענען איצט געלעגן אין די ריזיקע מאַסן־קברים. דאָך האָט כוליטאָ כסדר קאָנטראָלירט די אייגענע געפילן, טיף אין האַרצן פאַרבאַהאַלטן דעם ברוגזדיקן צאָרן און מיט אויבנאויפיקער ווירדע,

ווי דאָס האָט געפּאַסט פאַר אַן אָנפירער פון אַנטלאָפענע פּעאָנען, געענטפערט קאַלט, אָבער זאַכלעך:

— וואַרט, אַמיגאָ, עס ברענט נישט! איך וועל זיך אַפּריער באַראַטן מיט די אַנדערע מוטשאַטשאָס און דערנאָך וועלן מיר זען, וואָס צו טאָן מיט אייך...

— וואָס הייסט עפּעס דו „וועסט זיך באַראַטן מיט די מוטשאַטשאָס?“ — האָט פּאַבלאָ דעל קאַרמען נישט געקאָנט באַנעמען כוליטאָס רייד — דו ביסט דאָך זייער פירער, זייער כענעראַל, קאָנסטו דאָך האַנדלען ווי דו ווילסט און ווי דו פאַרשטייסט און קיינעם נישט דאַרפן אָפּגעבן קיין רעכענונג!

— איי אַמיגאָ — האָט דער סטעפּ־יונג אַרויסגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף דעם אָפיצירס אַקסל און דערביי געפילט, ווי זיין האַנט וואָלט איצט אַנגערירט אַ גליטשיקן, וואַסער־שלאַנג — דו ביסט שוין דאָ אין לאַגער עט־לעכע וואָכן און הפּנים, אַז דו פאַרשטייט נאָך אַלץ נישט אונדזער סאָרט לעבן. איך בין נישט קיין פירער און נישט קיין כענעראַל. ביי אונדז זענען בכלל נישטאָ קיין פירער. מיר זענען אַלע גלייך. מיר אָנערקענען נישט קיין פירער און קיינע געזעצן, אָדער כענעראַלן...

— אָבער איר זענט דאָך אַ באַנדע באַנדיטן, צי רעוואָלוסיאָנאַריאָס — האָט אים פּאַבלאָ דעל קאַרמען איבערגעהאַקט די רייד — און אַזעלכע דאַרפן דאָך האָבן אַ פירער!...

— ניין, אַמיגאָ! — האָט זיך כוליטאָ אַלץ געהאַלטן ביי זיינס — מיר זע־נען נישט קיין באַנדיטן, נאָר אַנטלאָפענע פּעאָנען, וועלכע זענען געוואָרן אַ פרידלעכער שבט, וואָס וויל לעבן מיט אַלעמען בשלום און מיר זוכן אַ וועג ווי צו דערנענטערן זיך פון דער אייגענער מי. מיר ווילן מער נישט שקלאַפן ביי די פריצים פון פאַרטאָג אַן ביז אין די אָוונטן אומזיסט. און דאָס איז אַלעס...

— איז צוליב וואָס זענט איר אָנגעפאַלן אויף מאַדעראָס פאַרברענט אַ האַלב שטעטל? פאַר וואָס האָט איר דאָרט אויסגעהאַרגעט די פּאָליציי מיט די זשאַנדאַרמען און דעם רעגימענט סאָלדאַטן אין דער שטאָט באַהיאַ בלאַנקאַ, אויב איר זענט אַזעלכענע הייליקע?...

כוליטאָ האָט זיך אַ ווײַלע געשלאָגן מיט דער דעה: צי זאָל ער ווייטער פירן דעם שמועס אָדער גאָר אָנשפּייען דעם מענטשן אין פּנים און אַוועקגיין?... נאָר צום סוף האָט ער זיך באַרעכנט, אַז מיט גראָבע האַנדלונגען טוט מען גאָרנישט אויף, אַז עס איז גלייכער צו דערציילן דעם אמת:

— דו ביסט אַן אָפיציר, וואָס קריגט די באַפעלן פון אַ העכערער אינ־סטאַנץ און דו וועסט זיכער נישט גלייבן, נאָר אַלץ איינס וועל איך דיר אויפ־קלערן ווי אַזוי דאָס איז געווען: אויף מאַדעראָס זענען מיר נישט אָנגעפאַלן. איך, מיט מיין געוועזן ווייבל זענען געקומען אַהין אין קלויסטער חתונה האָבן. נאָך דער צערעמאָניע האָבן מיר זיך אַוועקגעזעצט אויף אונדזערע פערד און גלייך געוואָלט צוריקרייטן אין לאַגער, אָבער די דאָרטיקע פּאָליציי מיט די

זשאַנדאַרמען האָבן אויף אונדז גענומען שיסן פון אַלע זייטן. זיי האָבן דער־הרגעט מיך ווייבל. פאַרשטייט זיך, אַז איך מיט מיינע מוטשאַטשאָס האָבן דערנאָך נקמה גענומען...

פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָט אים אויסגעהערט מיט דער גאַנצער ערנסט־קייט פון אַ הויכראַנגיקן אָפיציר. אָבער פון כוליטאָס דערקלערונג איז ער געבליבן נישט קיין צופרידענער און ווידער געפרעגט:

— און וואָס איז געוועזן מיט באַהיאַ בלאַנקאַ און מיט די האַסיענדאָס, וואָס דיינע באַנדיטן האָבן אַוועקגעלאָזט מיטן רויך, ווי מען האָט דאָס מיר דערציילט?

פון דער פראַגע, וואָס איז געפרעגט געוואָרן מיט גאַליקייט אין קול, האָט כוליטאָ אויף גיך אַראָפּגעכאַפּט זיין האַנט פון דעם אָפיצירס אַקסל. אָבער ער האָט נאָך אין גאַנצן נישט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל איבער זיך.

— אין באַהיאַ בלאַנקאַ איז כמעט געווען דאָס זעלביקע. מיר האָבן גע־דאַרפט האָבן אַ סך געלט אויף איינצוקויפן נייטיקע זאַכן פאַר דעם גאַנצן לאַגער. נו, זענען מיר אַריין אין באַנקאָ נאַסיאָנאַל און קיינעם נישט געוואָלט טשעפּען. אָבער עמיצער האָט הפּנים אַרויסגערופן אַ גאַנצע אָפּטיילונג מי־ליטער, וועלכע האָבן מיט אונדז פאַרפירט אַ ביטערע שלאַכט. נו? האָבן מיר זיך געמוזט פאַרטיידיקן... און די מעשה מיט די האַסיענדאָס איז אַ גאַנץ פּשוטע. די אַלע פּעאָנען פון לאַגער האָבן דאָרט אַמאָל געשקלאַפּט. אַפילו זייערע עלטערן מיט זייערע באָבעס און זיידעס האָבן דאָרט געהאָרעוועט און קיין ביסל מאַיס צו דער זעט נישט געהאַט. איז דאָך נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז ווען די פּעאָנען האָבן געדאַרפט האָבן קוקורוזע, ווייץ, קאָרן מיט קאַרטאָפל און די אַלע אַנדערע זאַכן, אַז זיי זאָלן פאָרן צו זייערע אַמאָליקע פּריצים און דאָרטן אָפּנעמען כאָטש אַ קליינעם חלק פון דעם האָב און גוטס, וואָס זיי האָבן אין לויף פון יאָרן געשאַפן אין די דאָזיקע האַסיענדאָס. מיר דוכט זיך, אַז לויט דעם קאַלטן שכל איז דאָס זיי געקומען. נאָר אַנשטאָט צו געבן די מור־טשאַטשאָס דאָס וואָס זיי האָבן דאָרטן געבעטן, האָט מען זיי גאָר באַגעגנט מיט אַ האָגל פון קוילן...

— דאָס לייגט זיך אויפן שכל — האָט פּאַבלאָ דעל קאַרמען נאָך אַ לאַנגן טראַכטן צוגעגעבן — איך ווייס נישט, נאָר עס איז מעגלעך, אַז ווען איר וואָלט געווען אַ פּעאָן, וואָלט איך מסתמא אויך געפּילט אַזוי ווי איר אַלע. ווייל דעם אמת געזאָגט, איז מיר אַליין אויך דער פּעאָדאַליזם מיט אַ סך אַנדערע זאַכן ביי אונדז אין לאַנד נישט צום האַרצן...

— העי, דו האָמברע! — האָט אים כוליטאָ אַ זעץ געגעבן איבער דער פּלייצע און אָנגעהויבן לאַכן — דו רעדסט דאָך שוין באַלד אַזוי ווי אַ רע־וואָלוסיאָנאַריאָ! איצט קאָן איך דיר פאַרטרויען אַ סוד, אַז אין אָנהייב האָב איך אַ לאַנגע צייט נישט געוווּסט, וואָס דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט, און שפּע־

טער, ווען איך האָב זיך אַ ביסל דערקונדיקט וועגן דעם טייטש, האָב איך דאָס אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט... ווייל איך האָב זיך באַטראַכט, אַז ביי אונדז אין לאַנד קאָן קיין מאָל קיין אמתע רעוואָלוציע נישט זיין. און דאָס אַראָפּ־וואַרפן אין בוענאָס איירעס איין פּרעזידענט און אויף זיין אָרט אַרויפזעצן אַן אַנדערן איז קיין תכלית נישט. דער צווייטער קאָן נאָך אַ מאָל זיין ערגער פון דעם ערשטן פאַר דעם פּעאָנישן פאָלק. דעריבער טאַקע האָבן מיר אַלע באַשלאָסן: בעסער צו געפינען ערגעץ אַ גרויס שטיק לאַנד, אַליין אַקערן און זייען, בראַנעווען און שניידן און אויפבויען אַן אָפּגעזונדערטער, פרידלעכע קאָלאָניע און מיט דער דרויסנדיקער וועלט גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן...

— דאָס איז אַ שיינער און אָריגינעלער געדאַנק — האָט אים דער אָפּי־ציר אַ באַגייסטערטער געענטפערט — אָבער ווו וועסטו נעמען אַזאַ שטיק באָדן? און אַפילו אַז דאָס זאָל זיך איינגעבן, וועט פאַר אייך זיין זייער שווער דאָס דורכצופירן אין דער פּראַקטיק. דאָס איז נישט פאַר אייערע פּרימיטיווע כוחות...

— נישט געזאָרגט, אַמיגאָ! — איז כוליטאָ איצט געוואָרן אַן אויפגעלעב־טער — מיר זענען, ווי דו זעסט אונדז, נישט מער ווי בלינדע פּעאָנען, וואָס קאָנען נישט לייענען און שרייבן אַזוי ווי איר, די גרויסשטאָטישע מענטשן. אָבער דערפאַר האָבן מיר אַלע אין איינעם אַ ים מיט גוואַלדיקער ענערגיע!... ווען אַלע אַרבעטער, צי ווען אַלע פּעאָנען נעמען זיך צוזאַמען קאָנען מיר איבערקערן די וועלט מיטן קאָפּ אַראָפּ!... און ווי צו טאָן דאָס? מילא! דאָס לעבן אַליין איז דער בעסטער לערער און ער וועט אונדז ווייזן ווי צו גיין אויף דעם ריכטיקן וועג און דו דאַרפסט דאָך וויסן, אַז דעם וועג צו אייגענער פּראַצע ווייסט יעדער פּעאָן. די ערד איז אים נישט פרעמד און ער ווייסט ווי צו באַגיין זיך מיט איר.

דער אַרויספאָר

ווען כוליטאָ איז געשטאַנען און נאָך עפּעס גערעדט מיט דעם אָפּיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען, איז צוגעקומען ראָזאַליטאַ און אים געזאָגט, אַז די פרויען האָבן אָפּגעקאָכט וואַרעמס און ער זאָל מיטגיין מיט איר צום קאָסציאַר עסן און דערביי געוואָרפן אַ חוזקדיקן בליק אויפן אָפּיציר, וועמען זי האָט די גאַנצע צייט אויסגעמיטן און קיין מאָל נישט גערעדט צו אים. אָבער דער סטעפּ־יונג האָט אויפגעכאַפּט דעם חוזקדיקן בליק פון זיין ווייבל, און אויף זיין ער־לעכן שטייגער, האָט ער זי פאָרגעשטעלט אָפּיציעל פאַר דעם יונגנמאַן:

— זייט באַקאַנט. דאָס איז מיין סעניאָרא ראָזאַליטאַ. זי קומט אַרויס פון

פּריצישע עלטערן און פון זייער אַ רייכער הויז, — האָט ער זיך געוואָלט אַ באַרים געבן פאַר דעם אָפיציר.

— זייער אָנגענעם, מאַדאַם! — האָט דער אָפיציר צוגעלייגט זיין רעכטע האַנט צו זיין דאַשיק פון דער מעשענער קאַסקע, אַ נויג געטאָן דעם קאָפּ און ווי אַ קאַוואַליר איר סאַלוטירט. אָבער ראָזאַליטאַ האָט אויף אים אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק געבן און עס האָט זיך אויסגעוויזן, ווי זי וואָלט מיט דעם פאַר־שוין גאָר נישט געוואָלט האָבן וואָס צו טאָן. אויף זיין באַגריסונג האָט זי זיך אויסגעדרייט צו אים מיט דער פּלייצע און איז מיט גיכע שפּאַנען אַוועק צום קאָסציאָר, ווו די ווייבער האָבן שוין יעדערן, אַפילו די געפאַנגענע סאָלדאַטן אויסגעטיילט צו פאָרציעס עסנס מיט אַ ברייטער האַנט.

עס קאָן זיין, אַז אויף דעם אָפיציר האָט ראָזאַליטאַס אויסערגעוויינטלעכע שיינקייט געמאַכט אַזאַ שטאַרקן רושם, ווייל פון דעם טאָג אָן, האָט ער שוין אין גאַנצן אויפגעהערט צו פרעגן כוליטאָן, ווען ער, מיט זיינע סאָלדאַטן וועלן קאָנען פאַרלאָזן דעם לאַגער און אומקערן זיך צוריק אין דער לאַ־פּלאַטאַ פעסטונג. איצט איז ער אָפט אַרומגעגאַנגען און געטראַכט פון דעם מאָדנעם קוריאָז, וואָס אַזאַ יונגע און שיינע פרוי און דערצו נאָך פון אַן אַדעליקער משפּחה און קענטיק אַ גאַנץ געלערנטע, האָט זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט מיט אַ האַלב־ווילדן באַנדיט און איז מסתמא געקומען פון אַ פּאַלאַץ אַהער אין דער ווילדעניש צו זיין מיט אים אין די פאַרוואָרפענע פּאַטאַגאָניער בערג.

אין אָנהייב האָט אים בלויז געלאָקט די נייגעריקייט צו דערגרונטעווען זיך צום סוד, וואָס עס האָט אַזאַ אינטעליגענטע און שיינע סעניאָריטאַ געצויגן צו דעם פרימיטיוון פאַרשוין, וואָס האָט זיך אָנגענומען פאַר דער קריוודע פון אַלע פּעאָנען און ביטער געקעמפט פאַר זייער סאָרט „גערעכטיקייט״,כדי דאָס אַלץ שפּעטער צו קאָנען דערציילן אַלע אָפיצירן אין דער פעסטונג און האָבן פון וואָס צו שטוינען און אָפלאַכן. אָבער ביסלעכוויז איז פּאַבלאָ דעל קאַרמען געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט פון איר פרעכטיקער שיינקייט, פון איר יעדן קער און ווענד, אַז ער האָט גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן זיך וועגן זיינע פליכטן, וואָס ער האָט געהאַט צום ביסל איבערגעבליבענעם מיליטער און איז מיט בענקשאַפט און פאַרחלומטקייט אין די אויגן, נאָכגעגאַנגען אירע טריט ווי אַ געטרייער הונט.

אויך די סאָלדאַטן וואָס האָבן, בעת דער שלאַכט, געשאָסן אָן אויפהער און אָן קיין שום רחמנות, זענען דורך דער צייט אַזוי באַפריינדעט געוואָרן מיט די פּעאָנען און זיך צוגעוווינט צו דעם היגן רויִקן לעבן, איבערהויפּט נאָך, ווען ראַפאַעל האָט זיי אויפגעקלערט דעם ווייטערדיקן ציל פון די מענטשן אין טאָל, אַז ווען די דריי אינדיאַנער זענען שוין צוריק געקומען פון דער ווייטער און זייער לאַנגער נסיעה און פאַר אַלעמען דערציילט, אַז צווישן די פּאַטאַגאָ־

ניער בערג און דער טעריטאָריע פון טשילע, האָבן זיי געפונען אַ ריזיקן שטח אויף אַ פּאָר הונדערט קילאָמעטער די לענג, מיט אַ טיפן טייך מיט קלאָרן, פרישן וואַסער, וואָס שניידט דורך דעם גאַנצן באָדן אין דער לענג און מען קאָן דאָרטן אויפבויען נישט נאָר אַ גרויסע קאָלאָניע, נאָר אַפילו אַ גרויסע שטאָט. זענען די געפאַנגענע זעלנער אַזוי פאַרכאַפּט געוואָרן פון דער אידעע, אַז זיי זענען אויף אַ ווײַלע אַוועק אין אַ ווינקל טאָל און עפּעס אָנגעהויבן איינ־טענהען איינער מיטן אַנדערן.

אין צוויי טעג אַרום, נאָך דעם ווי די אינדיאַנער אויספאָרשער זענען צו־ריק געקומען, האָט מען צענומען אַלע פּאַלאַטקעס. אויף איינגעשפּאַנטע פורן אַרויפגעלייגט גרויסע פעסער מיט וואַסער, אַלע ברעזענטן, קעסטלעך מיט טשוועקעס, די קעסלען, די העק מיט די זעגן, דאָס גאַנצע געווער; צענדליקער און צענדליקער זעק מיט פאַרשיידענע תבואות און גרינצווייג און ווען דער עולם האָט זיך שוין געקליבן אין וועג אַריין, האָט פּלוצים כוליטאָ אַ זאָג געטאָן צום אָפיציר, אַז איצט קען ער מיט זיינע סאָלדאַטן נעמען זייערע פערד און צוריק אַוועקפאָרן צו זיך אין פעסטונג. דעמאָלט האָבן די זעלנער נישט געוואָרט אויף דעם, וואָס זייער קאָמאַנדיר וועט זיי הייסן טאָן און אַלע מיט אַ מאָל האָבן גאָר אָנגעהויבן בעטן זיך ביי דעם סטעפּ־יונג, אַז זיי ווילן בעסער זיין מיט די פּעאָנען אינאיינעם איידער צו פאָרן צוריק אין די קאַזאַרמעס, אַז זיי איז זייער געפעלן דער פּלאַן צו בויען אַ פרידלעכע קאָלאָניע און זיי ווילן זיין די מיטבויער.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען דאָ וואָלט זיך בלויז געהאַנדלט וועגן אַריינגעמען אין לאַגער נייע פּעאָנען, וואָלט צו זיי כוליטאָ מיט דער גרעסטער פרייד אויס־געשטרעקט זיינע הענט. נאָר וועגן מיטנעמען מיט זיך די סאָלדאַטן מיט זייער אָפיציר, איז ער געווען אין אַ פאַרלעגנהייט. דעריבער האָט ער אין געאייל צונויפגערופן דעם גאַנצן לאַגער מענטשן און אין קורצן זיי דערציילט פון דעם פאַרלאַנג, אַז די זעלנער ווילן מיטפאָרן אין דעם צוגעזאָגטן לאַנד און אַלע צוזאַמען זאָלן באַשליסן וואָס צו טאָן מיט זיי.

צווישן דעם עולם איז אויסגעבראָכן אַ מהומה. איייניקע האָבן געטענהט, אַז די סאָלדאַטן זענען נישט קיין פּעאָנען, וועלן דאָרטן גאָר נישט קאָנען טאָן און מען וועט זיי דאַרפן קאָרמענען אומזיסט און אומנישט. דערויף האָט גע־ענטפערט ראַפאַעל, וואָס האָט דורך דער לעצטער צייט אָפּט פאַרבראַכט מיט די זעלנער, אַז אויף ווי וויט ער ווייסט, זענען צווישן זיי פאַראַן גוטע בעל־מלאכות, טעסלער, סטאָליאַרעס, אַ שמיד און אַ פּאָר שניידער, וואָס וועלן קאָ־נען זייער גוט צונוץ קומען אין אַ נייער קאָלאָניע... אָבער די אלמנות פון די דערהרגעטע פּעאָנען האָבן געשריען, אַז די סאָלדאַטן זענען שונאים און מען טאָר זיי נישט מיטפירן. אין מיטן טומל איז דער אַלטער אַנדרעס, וואָס איז

דאָ אין לאַגער געוואָרן אַ מין „גלח", אַרויף אויף אַ ליידיקער קעסטל און צע־נומען זיינע הענט, ווי אַ צלם:

— איך פאַרשטיי זייער גוט די טענות פון די ווייבער. דאָס זענען טאַקע גערעכטע טענות. אָבער סאָלדאַטן זענען דאָך אויך קינדער פון אונדזער פאָלק. זיי גלייבן אין דעם זעלביקן גאָט, וואָס מיר אַלע. און דאָס, וואָס זיי האָבן בעת דער מלחמה געשאָסן אויף אונדזערע מוטשאַטשאָס, האָבן זיי דאָך געמוזט אויספאָלגן די באַפעלן פון דער רעגירונג... מיר זענען אַלע קריסטן, וואָס דאַרפן אָנהויבן ערשט בויען אַ נייעם לעבן פון פרומע און פרידלעכע פּעאָנען און מיר דאַרפן קאָנען מוחל־זיין אַפילו ווען די סאָלדאַטן וואָלטן געווען גע־שאָסן מיט זייער פרייען ווילן... איז אויב זיי ווילן טאַקע מיטפאָרן מיט אונדז און העלפן אין דער אַרבעט, וואָלט איך געזאָגט, אַז מען זאָל זיי לאָזן מיט־פאָרן. איך דענק, אַז דאָרטן וועט זיין גענוג וואָס צו טאָן פאַר אַלעמען...

די פּראָסטע, אָבער שכלדיקע רייד פון דעם פּעאָן, וואָס האָט נאָך אַליין נישט אויסגעטאָן די ברוינע זשופּיצע, איבער וועלכער עס האָט זיך אויף אַ שוואַרצן שטריקל געבאָמבלט אַ צלמל, האָט אויף אַלעמען געהאַט אַ שטאַרקע ווירקונג. די צוהערער זענען געבליבן שטיין מיט צעעפנטע מיילער און די, וואָס האָבן פריִער געהאַט טענות און געשריען, האָבן זיך איצט געשעמט צו קוקן איינער אויף דעם אַנדערן. עס איז זייער מעגלעך, אַז דאָס איז נישט אַזוי געווען די שולד פון אַנדרעס קלאָרע רייד, ווי דער אָנבליק פון דעם „גלח", וואָס האָט אַזוי פּריטשמעליעט דעם גלויביקן, פּעאָנישן עולם. כוליטאָ, וואָס איז איצט געווען אַרומגערינגלט סיי מיט ראַפּאַעלן און סיי מיט דעם איינהאַנ־טיקן אַבאַרבאַנעל לאַרגאָ און דעם געזונטן לאָפּעסן, מיט ראַמאָס טשיקאַן, האָט זיך מיט אַ מאָל געווענדעט צו אַלע פאַרזאַמלטע:

— זיינט איר פאַר דעם, אַז די סאָלדאַטן מיט זייער אָפיציר זאָלן מיט־פאָרן?!...

— „סי!".

ווען כוליטאָ האָט דערהערט דעם גינסטיקן ענטפער, האָט ער זיך אויס־געדרייט מיטן פּנים צו דער גרופּע זעלנער, וואָס זענען מיט זייער אָפיציר די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ ביסל אין דער זייט, ווי פאַרלוירענע און ער האָט זיי געזאָגט:

— עס איז אמת, אַז מיר נעמען פרייוויליק אויף זיך צו בויען אַ פרידלע־כע קאָלאָניע. אָבער אויב מיר וועלן אָנקומען אַהין, וועט דאָרט זיין דער זעל־ביקער געזעץ ווי דאָ אין לאַגער. דאָס מיינט, אַז קיינער וועט פון דאָרטן נישט טאָרן אַנטלויפן, צי אַוועקגיין אַ לעבעדיקער! מיר ווילן נישט, אַז די רעגירונג זאָל זיך דערוויסן וווּ מיר זענען. איר פאַרשטייט דאָך, אַז דער געזעץ איז אָנ־געווענדט אויף אַלעמען. איז אויב איר, סאָלדאַטן, זענט איינשטימיק אויף

דעם, ווען אייער אויפגאַבע אויפן גאַנצן וועג זיין אַכטונג צו געבן אויף די אַלמנות מיט זייערע קינדער און אָנטרייבן די בהמות מיט די פערד.

אַ פלינקער ווי אַ קאַץ, איז דער אָפיציר פֿאַבלאָ דעל קאַרמען מיט אַ מאָל אַרויפגעשפּרונגען אויף דעם זעלביקן קעסטל פון וועלכן דער אַלטער אַנדרעס האָט פריער גערעדט און אַ צעהיצטער, מיט זעלבסט־זיכערקייט אין קול גע־ענטפערט כוליטאַן:

— איך בין זייער אָפיציר! און איך גאַראַנטיר פאַר מיינע סאָלדאַטן!...

נאָר כוליטאָ האָט זיך צו אים נישט צוגעהערט און ווידער געווענדעט זיך צו די סאָלדאַטן גופא:

— איך וויל, איר זאָלט וויסן, אַז ביי אונדז קאָן קיינער פאַר קיינעם גאָר נישט גאַראַנטירן... יעדער איינער דאַרף זיין פאַראַנטוואָרטלעך בלויז פאַר זיך אַליין, פאַר די אייגענע מעשים און בכלל אָנערקענען מיר נישט קיינע באַ־אַמטע, דעריבער וויל איך, איר זאָלט זאָגן אָפן: זענט איר מסכים אויף די באַ־דינגונגען און איר ווילט נאָך אַלץ מיטפאָרן, צי נישט?... ענטפערט ערלעך, איר דאַרפט דאָ פאַר קיינעם קיין מורא נישט האָבן. איר קאָנט אויסקלייבן איינע פון די צוויי זאַכן: אָדער איר פאָרט מיט אונדז, אָדער איר נעמט אייערע פערד און רייט אַוועק צוריק צו זיך אין די קאַזאַרמעס. איר זענט צו קיינעם נישט פאַרפליכטעט, איר זענט פרייע מענטשן און איר קאָנט האַנדלען ווי איך געפעלט בעסער...

און די סאָלדאַטן, וועמען עס האָט בכלל זייער שטאַרק אימפּאָנירט די וואונדערלעכע אידעע פון גרינדן אַ פרידלעכע קאָלאָניע, וואָס זאָל זיין געבויט אויף קאָאָפּעראַטיווע יסודות און לעבן פון דער אייגענער מי, האָבן זיך אַפילו אויף קיין איין רגע נישט אַ קווענקל געטאָן. אַנטציקטע פון דעם גאַנצן גע־דאַנק, האָבן זיי אַלע פאַראַמאָל אַראָפּגעריסן די עפּאָלעטן פון די אַקסלען, אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד און פריילעכע אַ געשריי געגעבן:

— כוליטאָ, מיר ווילן מיטפאָרן מיט דיר!...

איצט האָט שוין לאַנג נישט גענומען און דער קאַראַוואַן מיט אַלע פערד און בהמות האָט זיך גערירט פון אָרט. אין פאָדערגרונט זענען געריטן די דריי אינדיאַנער, וואָס האָבן אויסגעפאָרשט יענעם געגנט, וווהין מען איז איצט גע־פאָרן. זיי זענען דאָס געווען די וועגווייזער. אויף ריסאָווע ווערד זענען גע־זעסן כוליטאָ מיט ראַזאַליטאַן און הינטער זיי — די איבעריקע רייטער. דער לאַנגער „אָבאָז" מיטן אינוווענטאַר, מיט די פּרוויאַנט און קינדער. פון הינטן האָבן נאָכגעשפּאַנט שורות פערד און אייזלען, מיט געפּעק אויף די פּלייצעס און אויף די זייטן. דערנאָך — די גרויסע טשערעדע בהמות, וואָס די סאָל־דאַטן מיט זייער אָפיציר האָבן אונטערגעטריבן, און וואָס זענען באַגלייט גע־וואָרן פון אַ פּאָר צענדליק באַוואָפנטע פּעאָנעז און געהאַלטן אַן אויג אויף די

זעלנער. נישט אַזוי צוליב אומצוטרוי, ווי צוליב דעם, וואָס יענע זענען נישט געווען קיין גאַטשאָס און האָבן אפשר נישט געוווּסט אַזוי גוט ווי אומצוגיין אַרום אַזאַ טאַבון פערד און טשערעדע בהמות.

זעקס טעג נאָכאַנאַנד האָט דער סטעפּ געהאַט דעם זעלביקן גרינעם פּנים, און עס איז פון דער מאָנאָטאָנער גרינקייט נישט גוט געוואָרן אויף די הערצער. אמת, דאָ און דאָרט האָבן זיך פון דער ווייטן געזען טשערעדעס בהמות, מיט ווילדע טאַבונען פערד און גאַנצע האָרדעס מיט שעפּסן, וואָס זענען אַרומגעגאַנגען אויף גאָטס באַראָט און געפרעסן גראָז. נאָר אויף דעם אַכטן טאָג אין דער פרי, איז דער גרינער טעפּיך פּלוצים פאַרשוווּנדן פון די אויגן און עס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ים פון הויכע, שטייפע גראָזן, וואָס זענען געוואַקסן אַזוי ווילד, אַז זיי האָבן נאָך, מסתמא, מיט טויזנטער יאָרן צוריק פאַרלוירן זייער גרינעם קאָליר און זענען באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ פלאַקסענער געלקייט. דערצו זענען זיי געשטאַנען אַזעלכע איינגעפלאָכטענע איינע אין דער אַנדערער, אַז אַ מענטשלעכע באָרוועסע פוס וואָלט דאָ קיין מאָל קיין צווייטן שפּאַנען נישט געקאָנט שטעלן.

פון דער נייער אומענדלעכקייט, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצע וועלט מיט וואַקסנדיקן שטרוי, האָט כוליטאָ פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דער באַרימטער טייל פון דער טויטער פּאַמפּאַ, וואָס איז מסתמא געווען אַן אָפּטייל פון דעם זייער ווייטן און געדיכטן דזשונגל, ווו קיין ווייס־הויטיקער בן־אָדם איז נאָך קיין מאָל נישט געווען. כוליטאָ האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און געזען: פון דער ווייטן זענען געשטאַנען הויכע און אויסגעדאַרטע ביימער, מיט אויסגעקרימטע צווייגן, אויפן סאַמע שפּיץ. קיין בלעטער איז אויף זיי נישט געווען צו באַמערקן. ס'איז געווען אַ גרויסער וווּנדער ווי אַזוי די דאָזיקע ביימער האָבן געקאָנט אויסוואַקסן אַזעלכע הויכע, ווי אמתע פּאַלמען, אַז קיין טראָפּן וואַסער האָבן זיי, דאַכט זיך, נישט געהאַט פון וואַנען צו שעפּן אין דער אַרומיקער טריקעניש.

אין אָנהייב איז די נייע פּאַנאָראַמע, געווען, סיי פאַר כוליטאָן מיט ראָזאַליטאַן און סיי פאַר די אַנדערע מענטשן אויף די פערד און אין די וועגענער ווי אַ בייזער חלום און קיינער האָט פון דער אַרומיקער געלקייט נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן. אָבער וואָס ווייטער מען איז געפאָרן אין דער אור־אַלטער וויסטעניש, איז מיט יעדן ניי־אָנגעקומענעם טאָג די גאַנצע אומגעבונג געוואָרן איבערדריסיק, מיאוס און אַזוי עקלדיק, אַז אַלע וואַנדערער האָבן געהאַט בלויז איין באַגער — ווידער צו קאָנען דערזען אַ גרינעם גרעזל, אַ רויטע, אַ ווייסע, צי אַ בלוי בלימל. אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס גיבן געווייינטלעך צו וויסן, אַז דאָרטן ווו זיי וואַקסן געפינט זיך ערגעץ דערנעבן אַ וואַסערל, און עס איז פאַראַן „לעבן“ און נישט אַזאַ אָפּגעשטאָרבענע טריקעניש ווי דאָ אין דער הייסער און ברעגלאָזער פּאַמפּאַ, ווו עפּעס אַ גאַנץ היפּשער פויגל, מיט אַ משונה־

דיקן, שוואַרצן אויסזען, האָט זיך אַלע פֿאַרטאָג אַרונטערגעלאָזן נידעריק אי־בער די נאָך שלאָפֿנדיקע פֿעאָנעז און פֿונקט ווי מיט אַ מענטשלעכן קול גע־האַלטן אין איין שרייען: — „נישט גוט! נישט גוט!".

פֿון טאָג צו טאָג איז די פֿאַמפּאַ געוואָרן אַלץ אומדערטרעגלעכער און די היץ — גרעסער. דאָס וואַסער אין די פֿעסלעך — ווינציקער און ווינציקער און דאָס ביסל, וואָס איז נאָך יאָ געווען כמעט אויף די דעקן, איז געוואָרן גרין, פֿאַרשימלט און נישט געטויגט מער אויף צו טרינקען. עטלעכע בהמות מיט אַ צען פֿערד האָבן מער נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם שרעקלעכן דורשט און ביים סוף פֿון דער דריטער וואָך — געבליבן ליגן אין מיטן וועג. פֿון דעם ווייטן דזשונגל האָבן זיך אַהער אַ יאָג געטאָן אַ טשאַטע רויב־פֿייגלען. אויף גיך אויפֿגעפֿרעסן יעדע פּיצל פֿלייש. און כוליטאָ האָט זיך געוווּנדערט: פֿון וואַנען האָבן דאָס די באַפֿליגלטע געוווּסט, אַז אין דער טויטער פֿאַמפּאַ זענען געפֿאַלן פֿערד און בהמות. וועלכער געהיימער כוח האָט דאָס זיי דערציילט און אַהער געשיקט?...

אויך די מענטשן האָבן געליטן פֿון דורשט. און כאָטש עס איז געווען שווער צוצורירן זיך צו דעם ווערעמדיקן וואַסער אין די פֿעסער, וואָס האָט איצט געשמעקט מיט דעם גערוך פֿון פֿאַרשטונקענע אייער, דאָך האָבן זיי, ווי וואַנזיניקע, געזשליאָקעט די עקלדיקע פֿליסיקייט און נישט איין פּעאָן, צי סאָלדאַט, אָדער קינד אַפֿילו, האָט דערנאָך באַקומען גרויסע בויך־ווייטיקן. דער סוף איז געווען, אַז דריי מענערישע קערפּערס זענען פֿאַרלאָפֿן געוואָרן מיט אַ פֿאַרדעכטיקער געלקייט. אין זייערע אויגן האָט זיך אַריינגעכאַפּט אַזאַ גלאַנ־צנדיקע געלקייט, וואָס איז פֿון טאָג צו טאָג געוואָרן שאַרפֿער. ביז מען האָט שוין מער נישט געקאָנט אונטערשיידן, ווו עס האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן די ווייסלען און ווו עס זענען געווען די שוואַרצאַפּלען און צו אָט דער געלער דערשיינונג, האָט דער דאָקטער נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זענען די קראַנקע געבליבן ליגן אויף די וועגענער ווי פֿלאַכטעס. געקרעכצט און געהאַלטן אין איין בעטן, אַז מען זאָל זיי געבן נאָך אַ זופּ וואַסער. ביסלעכוויז זענען זיי אַזוי געשוואָלן געוואָרן, אַז זייערע בייכער האָבן אָנגענומען די פֿאָרמען פֿון הויכע בערגלעך. דערנאָך זענען די חולאים איינציקוויז אויסגעגאַנגען שטילערהייט און דער גאַנצער קאַראַוואַן האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן אונטער דער ברענענ־דיקער זון, כדי צו באַערדיקן די מתים. און צום ערשטן מאָל אין דער גע־שיכטע איז די טויטע פֿאַמפּאַ פֿאַרזייט געוואָרן מיט פֿרישע קבֿרים.

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס דורך די נעכט איז דאָ כסדר געשטאַנען אַ שרעקלעכע קעלט, וואָס איז הפּנים געקומען פֿון די באַרימטע אַנדן־בערג, וואָס האָבן אויף זייערע ריזיקע בערג געטראָגן ווייסע פּאַפּאַכעס מיט שניי און אַזוי אַריינגעשניטן זיך אין די וואָלקנס, אַז פֿאַר אַ נאַקעט מענטשלעך אויג — איז

שווער געווען צו וויסן: צי די מעכטיקע בערג זענען געלעגן אין הימל, אָדער — דער הימל אין די בערג. איז די שאַרפע קעלט פאַר די פאָרער מיט די פערד און בהמות געווען אַ סך ליבער און אָנגענעמער איידער די מוראדיקע היצן דורך די טעג אין דער פּאַמפּאַ.

ביימער זענען דאָ געווען גענוג. האָבן די מענער, אין די אָונטן, אָנגע־האַקט אַ סך האָלץ. די ווייבער זענען געווען פאַרנומען מיטן קאָכן מאַטע און מעלקן די בהמות. נאָכן עסן האָט זיך יעדערער אַוועקגעלייגט לעבן די פייערן, איינגעניורעט זיך אין די קאָלדרעס און מידע אַנטשלאָפן געוואָרן. אויך כוליטאָ מיט ראָזאַליטאַן זענען געלעגן אונטער די צווייענדיקע קאָלדרעס און איינגע־הערט זיך צו דער אַרומיקער טויטער שטילקייט און דעם סטעפּ־יונג איז אויס־געקומען זייער מאָדנע, וואָס דאָ, אין דעם פאַרוואָרפענעם ווינקל פון דער וועלט, האָט זיך נישט געהערט דער געוואָי פון די קאַיאָטעס, אַזוי ווי אין דעם באַהי?אַ־בלאַנקער סטעפּ און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער היגער טייל פון דער פּאַמפּאַ איז נאָך מיט טויזנטער יאָרן צוריק אָפּגעשטאָרבן און נישט אי־בערגעלאָזט קיין איין לעבעדיק באַשעפעניש אויף דער ערד און פון דעמאָלט אָן איז דאָ די לופט, דורך די טעג, שטיין געבליבן אַ פאַרטייעטע און אַ ריר־לאָזע. בלויז אין די נעכט פאַרבלאָנדזשעט אַהער קאַלטע ווינטן, וואָס פייפן חוצפּהדיק און הויך און זאָגן אָן אויף זייער אייגענעם לשון, אַז ערגעץ ווייט פון דאַנען איז נאָך פאַראַן לעבן אויף דער וועלט...

אויף מאָרגן, ווען דער קאַראַוואַן איז מיט פּאַמעלעכע טריט געגאַנגען טראָט נאָך טראָט און אַזוי אַרום אַריינגעקראָכן אינעם האַלבן טאָג, אַז די זון איז געשטאַנען גלייך איבערן קאָפּ און די היץ איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, איז כוליטאָ צוגעריטן צו די דריי אינדיאַנישע וועגווייזער און אַ פאַרצווייפל־טער געפרעגט:

— ווהין פירט איר אונדז?... מיר וועלן דאָך באַלד אויסגיין פון דער היץ און ווי אַזוי וועלן מיר קענען איבערקלעטערן די הויכע, פּאַטאַגאָניער בערג, אַז סיי די מענטשן און סיי די בהמות מיט די פערד און אייזלען זענען אַזוי אויסגעמאַטערט?...

די אינדיאַנער זענען געווען בעסער צוגעפּאַסט צו דעם טראָפּישן קלימאַט איידער די ווייסע און ברוין־הויטיקע פּעאָנען. אויף זיי האָט די שוידערלעכע היץ קיין איינפלוס נישט געהאַט און זענען געריטן באַקוועם אויף זייערע פערד. דערפאַר האָט איינער פון זיי אַ לאַך געטאָן און זיינע שמאָלע, ברוינע, מאַנדל־אויגן זענען נאָך שמאָלער געוואָרן:

— זאָרג זיך נישט, אַמיגאָ! מיר האָבן פרי?ער געוווסט, אַז פאַר אַזאַ גרויסן קאַראַוואַן פון פערד מיט בהמות און ווייסע מענטשן וועט זיין שווער אַריבער־צוקלעטערן די בערג. דעריבער האָבן מיר זיך אַזוי לאַנג געזאַמט. אָבער, מיר

האָבן פּאָרט דאָרט אויסגעצנישטערט דעם גאַנצן געגנט, ביז מיר האָבן געפונען אַ גלייכן דורכגאַנג צו יענעם שטיק לאַנד. אמת, דער דורכגאַנג איז אַזוי ווי אַ טונעל, און האָט פון אָנהייב אָן אַ פּאָר קליינינקע בערגעלעך, וואָס אַפילו אַ פּשוטע פור וועט זיי קאָנען דורכפאָרן אומגעשטערטערהייט...

— אָבער ווו איז דאָס און ווי לאַנג וועלן מיר נאָך דאַרפן פאָרן ביז צו יענעם אָרט? — האָט זיך כוליטאָ כמעט ווי געבעטן ביי דעם אינדיאַנער, אַז יענער זאָל דאָס אים דערקלערן געגוי. — די מענטשן מיט די פערד און בהמות וועלן מער נישט קאָנען אויסהאַלטן פון דער היץ און פון דעם דורשט. מיר וועלן דאָ אַלע אומקומען...

אַ צווייטער אינדיאַנער, וואָס איז געווען אַ ביסל עלטער פון דעם ערשטן, נאָר אָן אַ וועלכן ס'איז סימן, אַז ביי אים אויפן פּנים איז ווען עס איז געוואָקסן אַ באָרד, האָט זיך מיט אַ גלייכגילטיקער מינע אַריינגעמישט אין די רייד:

— דער דורכגאַנג צו יענעם שטיק לאַנד כאַפּט ביים סוף פון דער טויטער פּאַמפּאַ. דאָס איז כמעט אַ טאָג, צי אַ צווי טעג רייטן פון דעם אָרט ווו עס הייבט זיך אָן דער דזשונגל. אַפילו פון דאַנען קאָנסטו זייער גרינג באַמערקן ווו דער דזשונגל, מיט די הויכע און פאַרפּלאָנטערטעביימער הייבט זיך אָן. איך רעכן, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועלן מיר שוין דערגרייכן דעם דורכגאַנג. נאָר דעמאָלט וועט שוין זיין פאַרנאַכט. וואָלט געווען ראַטזאַם, אַז מיר זאָלן איבערנעכטיקן אויף דער זייט פון די בערג. מחמת דער דורכפאָר אַהין איז אַ לאַנגער און אַ פינצטערער. ביינאַכט איז דאָרטן שווער דורכצוגיין. אָבער מאָרגן אין דער פרי, ווען עס וועט ווערן ליכטיק, וועט מען קאָנען זייער גרינג דורכשניידן דעם דורכגאַנג...

אַ דערמוטיקטער און אַ גליקלעכער פון דער גוטער בשורה, האָט כוליטאָ תיכף אויסגעקערעוועט זיין ווייסן פערד אויף צוריק, אים אַ זעץ געטאָן מיט די קאַבלוקעס פון זיינע שטיול איןביידע זייטן. ווי אַ שטורעם-פויגל איז דער סוס געלאָפן פון איין גרופּע רייטער צו דער אַנדערער, פון איין וואָגן צום צווייטן און מיט אַ טיפער, ברוסטיקער פרייד נישט אויפגעהערט צו שרייען, אַז אין אַ פּאָר שעה אַרום וועט מען שוין דערגרייכן דאָס נייע לאַנד, אַז באַלד וועט מען קאָנען טרינקען אַזוי פיל פריש וואַסער וויפל מען וועט נאָר וועלן!...

כוליטאָס פלוצימדיקער אָנזאָג וועגן דאָס פרישע, קאַלטע וואַסער און וועגן דעם נייעם לאַנד וואָס דער קאַראַוואַן וועט טאָקע באַלד דערגרייכן, האָט די האַלב-פאַרחלשטע מענטשן אַריינגעגעבן אַזאַ כישוף און אַזאַ פרישע ענערגיע צום לעבן, אַז די מאַכטלאָזיקייט און אַפּאַטיע פון יעדן דורשטיקן רייטער, פון יעדן אָנטרייבער, פון איטלעכער פרוי און קינד אַפילו איז אָפּגעווישט געוואָרן. די מידקייט איז פאַרשוונדן, דער כסדרדיקער דורשט איז אויסגערונען געוואָרן

פון זייערע געדעכענישן. מיט אַ מאָל זענען די „מרגלים“ געוואָרן אַזעלכע מונ־
טערע און פריילעכע, ווי זיי וואָלטן געפונען דעם גרעסטן אוצר אין דער וועלט!
און ווי אָפּגעשוואַכט מען איז פריִער נישט געווען, האָט איצט איינער דעם
אַנדערן גוט־ברודעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע און געריסן זיך אויף אַלע
קולות: „פריש און קאַלט וואַסער!“... און די מענטשן האָבן זיך גאָר פאַרגעסן,
אַז ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק האָט זיי דער דורשט אַזוי געמאַטערט, אַז
די פּעאָנעז האָבן זיך אַפילו אין די ווילדסטע פאַנטאַזיעס נישט געקאָנט פאָר־
שטעלן: אַרויסקומען לעבעדיקע פון דער שוידערלעכער נסיעה...

אמת, די אינדיאַנער האָבן כוליטאָן אַ ביסל אָפּגענאַרט. ווייל ביז צו דעם
דורכפאָר האָט נישט גענומען „בלויז אַ פּאָר שעה“, נאָר טאַקע איבער פינף,
אָדער איבער זעקס שעה. אָבער וואָס פאַר אַ ווערט האָט דאָס געהאַט? ווען
האָט שוין געאַרט די היץ וואָס איז מיט אַ מאָל געוואָרן ווי אַ גאָרנישט מיט אַ
גאָרנישט אַנטקעגן דעם פריִערדיקן שפּיל פון לעבן און טויט?... די דאָזיקע
פרייד האָט ביי די מענטשן אָנגעהאַלטן ביז די בריִענדיקע זון איז אַוועק ער־
געץ ווייט הינטער די ריזיקע פּלייצעס פון די אַנדן־בערג און די נאַכט איז
ראַפּטום צוגעפאַלן. דעמאָלט האָבן זיך די אינדיאַנער אויספאָרשער פאַרנומען
שוין דף אויף לינקס און דער גאַנצער קאַראַוואַן האָט זיך אין אַ ווילדע אַרום
אָפּגעשטעלט האַרט ביים דורכגאַנג צום גרויסן שטח לאַנד, וואָס האָט אויסגע־
זען ווי עפּעס אַ פינצטערער הייל. דאָ האָט מען אויסגעשפּאַנט און אָפּגעזאָטלט
די פערד, זיי געלאָזט אויף דער מאָגערער פאַשע, וועלכע האָט שוין אָנגעהויבן
ווערן פייכט פון דער ביינאַכטיקער ראָסע.

אין דער פרי האָבן די פּעאָנעז מיט די זעלנער צוריק איינגעשפּאַנט און
אָנגעזאָטלט די סוסים. אויף די וועגענער צוריק אַרויפגעזעצט די ווייבער מיט
די קינדער און דער קאַראַוואַן איז אַריין אין „הייל“, וואָס איז געווען פול מיט
שטיינער און די הויכע רעדער זענען כמעט געשפּרונגען פון איין שטיין אויפן
אַנדערן. אָבער וואָס ווייטער מען איז געפאָרן, איז די „הייל“ געוואָרן טונקע־
לער. דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס פון ביידע זייטן וועג זענען געשטאַנען
ברייט־פאַרצווייגטעביימער, מיט אַזעלכע געדיכטע, גרינע בלעטער, וואָס האָבן
אַהער קיין שטראַל ליכט נישט דורכגעלאָזט און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי
גאָט אַליין וואָלט דאָ מיט אַ כיוון געשאַפן דעם געהיימען „באַראָם“ כדי די
וואַנדערנדיקע פּעאָנעז מיט די עטלעכע ווייבער און האַלבן טוץ קינדער זאָלן
וואָס גיכער קאָנען דערגרייכן דאָס נייע לאַנד פון פרידן...

געוויס איז פאַר די רייטער מיט די אייזלען און בהמות קיין דאגה נישט
געווען אַריבערצושפּאַנען די גרויסע שטיינער אויפן וועג. אמת, נישט איין סוס
האָט זיך ספּאָטיקעט ביים אַרויפטרעטן אויף אַ שטיינדל. אָבער מיט די ווע־
גענער איז פּאָרט געווען אַ צרה. די רעדער האָבן בשום אופן נישט געוואָלט

אַריבערגיין אַ בערגל, צי אַ גרעסערן שטיין און וויפל די אָנטרייבער האָבן די פערד נישט געשמיסן מיט די בייטשן האָט דאָס נישט געהאָלפן און די וועגענער זענען שטיין געבליבן אין מיטן „הייל“.

אָבער דער אַלטער פּעאָן אַנדרעס, וואָס איז נאָך אין לאַגער פּלוצים געוואָרן אַ „גלח“, איז צוגעריטן צו כוליטאָן און אים געגעבן אַן עצה, אַז אַנשטאָט מען זאָל די וועגענער צוטשעפּען „פּאָסטראָמקעס“ און צושפּאַנען נאָך צו אַ פערד, זאָלן בעסער די סאָלדאַטן אויסהאַקן לאַנגע און געזונטע פלעקענער פון די ביימער, דאָס אונטעררוקן אונטער די אַקסן, אַ הייב געבן און די זעלביקע איינגעשפּאַרטע סוסים וועלן אַוועקגיין אין שפּאַן. און כוליטאָ, וואָס האָט שטענדיק געהאַט דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן מענטשן, האָט אַנדרעסן געפאָלגט. אויף זיין באַפעל האָבן פיר זעלנער אָפּגעזעגט צוויי הויכע און שלאַנקע ביימער, זיי אַרומגעטשעשעט, אונטערגעשטופּט אונטער די הינטערשטע אַקסן, מיט די געזונטע הענט אַ הייב געגעבן, אַ געשריי געטאָן צו די פערד „וואַמאָס!“ און די וועגענער זענען בשלום אַריבער די בערגלעך און איבער די שטיינער.

דאָס נייע לאַנד

אַז מען איז סוף־כל־סוף אַרויסגעפאָרן פון דעם פינצטערן „הייל“, האָט די וואַנדערער אַ בלענד געטאָן אין די אויגן אַ טיפער, בלויער און הויכער הימל פון וועלכן די מילדע זון האָט אַראָפּגעשליידערט פולע זשמעניעס מיט גאָלדענע שטראַלן. גלייך הינטער דער מאַסיווער קייט פון די פּאַטאַגאָניער בערג, וואָס די פּעאָנעז זענען ערשט דורכגעפאָרן, האָט זיך אויף רעכטס און אויף לינקס — אויסגעשפּרייט אַ לאַנגער און גלייכער פּאַס לאַנד, מיט גרינע, זאַפטיקע גראָזן, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף צענדליקער און אפשר אויף הונדערטער קילאָמעטער פון בײדע זייטן. דעם גאַנצן לענג פון דעם ריזיקן שטיק ערד האָט, ווי אַ שאַרפער חלף — דורכגעשניטן אַ ברייטער און טיפער טייך, מיט אַזאַ קרישטאָלענעם ריינעם וואַסער, וואָס האָט געבליאַסקעט אין דער זון ווי אַ שפּיגל און אַ רויִקער פּאַמעלעך געפלאָסן אַראָפּ שטראָם. נאָר פון צייט צו צייט זענען אויף זיין אויבערפלאַך אויפגעגאַנגען ווייסע וואַסער־בולבעצקעס פון וועלכע עס זענען דערנאָך געוואָרן קלענערע און גרעסערע וואַסער־רינגען, וואָס האָבן זיך צעוויגט אין כוואַליעלעך און צו וויסן געגעבן די ניי־געקומענע מענטשן, אַז דער טייך איז געווען אַן אָנגעפילטער מיט פיש.

די וואַנדערער זענען אַראָפּ פון די פערד, פון די וועגענער און אַזוי פאַרגאַפט געוואָרן פון דער אויסערגעוויינטלעכער נאַטור־שיינקייט, אַז זיי זענען אַ ווײלע געבליבן שטיין מיט צעעפנטע מיילער, מיט צעלופּעטע אויגן און אַפילו

קיין פּיפּס נישט געקאָנט אַרויסברענגען פון זייערע פאַרשמאַכטע ליפּן. אָבער באַלד האָבן אַלע ספּאָנטאַן אַ פאַל געגעבן אויף די קני, מיט די פּנימער גע־ווענדט צו די זייער ווייטע אַנדן־בערג און סיי די מענער און סיי דאָס ביסל ווייבער, האָבן זייער לאַנג און פרום געצלמט זיך און אויף זייער פּרימיטיוון שטייגער געדאַנקט גאָט, וואָס האָט די פּעאָנען געפירט אויפן ריכטיקן וועג און געבראַכט צום געבענטשטן לאַנד.

נאָך דעם דאָזיקן „גאָטעס־דינסט" זענען די פּעאָנען מיט די סאָלדאַטן צו־ריק אַרויף אויף זייערע פערד און די ווייבער — אויף די וועגענער און אַלע האָבן געוואָלט אַנהייבן קאָטעווען די סוסים, אַז זיי זאָלן וואָס גיכער גיין צום טייך. אָבער דאָס איז איצט געווען אין גאַנצן איבעריק. מחמת די בעלי־חי האָבן אַליין געיאָגט צום וואַסער מיט אַזאַ געלאַף, אַז מען האָט זיי שוין מער נישט געקאָנט צוריקהאַלטן. ווען דער קאַראַוואַן האָט דערגרייכט דעם ברעג טייך, האָבן די מענער אויף גיך אויסגעשפּאַנט די פערד, וואָס זענען צוזאַמען מיט דער גרויסער טשערעדע בהמות אַריינגעלאָפן אין דעם שטילן וואַסער און מיט די פּיס צעבויטשעט דעם שפּיגלדיקן אויבערפלאַך. אויך די מענטשן זע־נען מיט די מיילער צוגעפאַלן צום קילן וואַסער, וואָס האָט אָנגעפילט זייערע גופים מיט פרישן כוח און ניי לעבן. אָבער כוליטאָ מיט דעם דאָקטער און ראַ־פאַעל מיט ראַזאַליטאַן זענען ווי צעווילדעוועטע אַרומגעלאָפן פון איין ליגנדיקן טרינקער צום אַנדערן, ממש מיט גוואַלד זיי אָפּגעריסן פון דער ערד און גע־שריען:

— דורשטיקע טאָרן קיין סך נישט טרינקען!...

בלויז צוויי סאָלדאַטן האָבן נישט געפאָלגט, נישט געוואָלט אָוועקגיין פון דעם קאַלטן וואַסער. האָט זיי כוליטאָ, איינעם נאָך דעם אַנדערן מיט גוואַלד געגעבן אַ ריס אָפּ פון דאָרטן. פאַרפאַרן מיט דער רעכטער האַנט אין זייערע מאָרדעס. אָבער, ער האָט זיך אויפן שטעל פאַרענטפערט פאַר זיי:

— דיסקולפּען, מוטשאַטשאָס. עס טוט מיך לייד אַמיגאָס. איך האָב גע־מיינט צום גוטן. הפּנים, אַז איר פאַרשטייט נישט, אַז אַ דורשטיקער דאַרף זיך אָפּריַער צוגעווינען צו פריש וואַסער איידער מען קאָן טרינקען וויפל מען וויל. נאָר איצט טאָרט איר דאָס נישט טאָן. ווייל פרישע און קאַלטע וואַסער איז פּונקט ווי סם...

די זעלנער האָבן אויף אים געקוקט ווי פאַרשוּלדיקטע קינדער און נישט געענטפערט. אָבער כוליטאָן האָט דאָס נישט געאַרט. ער איז איצט געווען אַן אָנגעפילטער מיט אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט. איז ער אַ צופרידענער און אַ גליקלעכער אַ ווײַלע געשטאַנען ביים ברעג טייך און מיט טרערן אין די אויגן געזען, ווי די בהמות מיט די פערד זענען אָנגעטרונקענע אַליין אַרויס פונעם וואַסער, מיט פאַמעלעכדיקע, כמעט מיט זיכערע טריט אַוועקגעלאָזט זיך איבער

דער נייער ערד און אָנגעהויבן טשופּען דאָס גרינע גראָז מיט געזונטע אַפּעטיטן.

אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט דאָ גלייך אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען אויף זיין „פעלדפעבעלישן" שטייגער, ווי ער האָט דאָס געטאָן אין „לאַגער". אַרום דרייסיק פּעאָנען האָט ער פון די וועגענער באַפוילן אַראָפּצונעמען די ברעזענטן מיט די פּאַרשפּיצטע שטעקנס און דאָ, טאַקע, לעבן טייך — אויפשטעלן פּאַלאַטקעס. אַ צען מענער האָט ער געהייסן שעכטן און אָפּשינדן אַ בהמה כדי צו פּראָווען די „ערשטע פיעסטאַ" אויף דער נייער ערד. דערנאָך האָט ער מיט שטרענגקייט אין קול אָנגעזאָגט די ווייבער, אַז ביים קאָכן דאָס פלייש, זאָלן זיי זען צו זיין אַ ביסל שפּאָרעוודיק, ווייל קיין אַנדער בהמה וועט ער אַזוי גיך נישט לאָזן שעכטן, אַז די בהמות וויל ער האָבן לעבעדיקע, כדי זיי זאָלן זיך וואָס גיכער קאָנען פּרוכפּערן און מערן אין צאָל...

דערווייל האָבן עטלעכע מענער צוגעשפּאַנט פיר געזונטע אַרבעטס־פערד צו צוויי ליידיק־געוואָרענע וועגענער. אויף די פורן אַרויפגעלייגט זעגן מיט העק און אָוועקגעפּאָרן אויפזוכן געהילץ. אין אַ דריי שעה אַרום זענען זיי צוריקגעקומען מיט אָנגעלאָדענע פורן האָלץ און באַגייסטערטע דערציילט כוליטאָן מיטן דאָקטער, וואָס איז גראָד געשטאַנען דערביי, אַז צו דער רעכטער האַנט, אין אַן ערך אַרום ניין קילאָמעטער פון דאַנען, דאָרט ווו די פּאַטאַגאָניער בערג ווערן אַ ביסל פלאַכער, וואַקסט אַ מוראדיק געדיכטער און אומענדלעכער וואַלד מיט הויכע און דיקעביימער, וואָס האָבן אויף זיך אַזעלכע צעבראַקניעטע, ברוינע קאָרעס, וועלכע זעען אויס ווי שטיקער אַרויפגעקלעפּטער ליים.

פון דער נייעס, אַז עס איז פאַראַן דערביי אַ גרויסער וואַלד, ווו מען קאָן נעמען אַזוי פיל געהילץ, אַז ס'זאָל אַפילו קלעקן אויף הונדערטער יאָרן, איז די פרייד ביים עולם געוואָרן נאָך גרעסער, ווי די פרייד ווען זיי האָבן צום ערשטן מאָל דערזען דעם דורכזיכטיקן טייך און ווען די צעלייגטע שייטלעך האָלץ האָבן דערנאָך אויפגעפלאַקערט און די ווייבער האָבן אויף די פייערן גענומען בראָטן גרויסע שטיקער פלייש, ווייל אויף צו קאָכן איז שוין קיין צייט נישט געווען, מחמת דער אָוונט האָט געהאַלטן אין צופאַלן. אַנדערע פרויען האָבן באַוויזן אָפּצובאַקן אַ היפּש ביסל פלעצלעך. האָט ראַפאַעל מיט נאָך פיר פּעאָנען פון אַ וואָגן אַראָפּגענומען אַ פעסל ווייַן, דאָס אָוועקגעלייגט אויף אַ גרויסן, פלאַטשיקן שטיין, אָנגעצאַפּט די ערשטע דריי בלעכענע קוביקלעך מיט ווייַן, צוויי געגעבן כוליטאָן מיט ראָזאַליטאָן. דעם דריטן האָט ער גענומען פאַר זיך און געזאָגט מיט דאַנקבאַרקייט אין קול, ווי איין פריינט צו אַ צווייטן, אָבער דערביי האָט ער אַזוי מאַניפּולירט, אַז אַלע אַרומיקע זאָלן אים הערן:

— כוליטאָ! דו האָסט אונדז בשלום געבראַכט אין אָט דעם וווּנדערלעכן

לאַנד. דאַרפסטו זיין דער ערשטער אויסצוטרינקען דאָס קוביקל ווייַן און דער־מיט באַנעצן די נייַע ערד מיט אַ ברכה!...

אַ מידער פון דעם לאַנגן און שווערן וועג, האָט כוליטאַ גענומען דאָס קוביקל מיטן ווייַן אין זייַן רעכטער האַנט און אויף זייַן ערלעכן אופן אָפּגעענט־פערט:

— אַמיגאָס! ערשטנס וויל איך אייַך זאָגן, אַז איך בין נישט קיין פּירער, נאָר אַזאַ פּעאָן ווי איר אַלע. בכלל דענק איך, אַז קיין פּירער זאָלן דאָ נישט זייַן, בלויז אויסגעקליבענע מענטשן אויף צום באַראָטן זיך, ווי צו פאַרשענערן און פאַרבעסערן אונדזערע לעבנס, און די דאָזיקע „אויסגעקליבענע" זאָלן אַלע יאָר פאַרביטן ווערן אויף אַנדערע, כדי עס זאָלן זיך דאָ נישט שאַפן קיינע הערשער און באַהערשטע... גלייבט מיר, אַז איך האָב אייַך אַהער נישט גע־בראַכט. דאָס האָט אונדז אַהער גאָט געפירט, ווייל אויב נישט, וואָלטן מיר דאָך אַלע אומגעקומען אין דער טויטער פּאַמפּאַ!... צווייטנס וויל איך, אַז איר זאָלט זיך אַלע אָנגיסן צו קוביקלעך מיט ווייַן און מיר וועלן צוזאַמען אויסטרינקען צום געזונט פון מייַן ליבער פרוי. ווייל ווער־ווער, אָבער זי האָט דאָך טאַקע אויף אַן אמתן מקריב געווען זיך פאַר דעם פּלאַן פון אויפבויען אַ פרידלעכע קאָלאָניע. צוליב דעם האָט זי פאַרלאָזט איר רייַכע הויז און געקומען אַהער צו טיילן זיך מיט אונדז אונדזערע לייַדן און פריידן און אַפילו בעת דער שלאַכט אין טאָל פון טויט, האָט זי מיט אַ ביקס אין דער האַנט געקעמפט מיט אַלע מענער צו גלייַך. איר קומט מער אַנערקענונג און כבוד ווי אונדז אַלעמען. דעריבער שלאָג איך פאָר, אַז מיר זאָלן טרינקען אַ „סאַלוט" צו דער שענסטער און בראַווסטער פרוי אין דער וועלט!...

אויף כוליטאָס ווונק, האָבן אַלע מענער און אַפילו די עטלעכע ווייבער — אָנגעצאַפּט צו בלעכלעך ווייַן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך הונדערטער קוביקלעך אַ הייב געגעבן אין דער לופטן, ווי פויגלען און פון הונדערטער העלדזער האָט זיך איבער דעם נייַעם לאַנד צעטראָגן אַזאַ פרייַדיקער אויסגע־שריי, וואָס איז פון ווייטנס געווען ענלעך צו אַ שוואַכן דונער:

— „וו י ו ו אַ ר אָ ז אַ ל י ט אַ!!! — — —

פון כוליטאָס גוטסקייט, וואָס ער האָט זי נישט פאַרגעסן אַפילו אין דעם איצטיקן מאָמענט ווען מען האָט אים צוגעטיילט דעם גרעסטן כבוד, האָט ראָ־זאַליטאַ פאַרקלעמט דאָס האַרץ. אירע בלויע, גרויסע אויגן, וואָס זענען אַלע מאָל געווען אָנגעפילט מיט פרייד, לוסט און ווילדע, מיידלשע שטיפערישקייט — זענען איצט פאַרלאָפן געוואָרן פון טרערן. איר פאַרשניצטע, צאַרטע מאָר־דעטשקע האָט זיך געגעבן אַ באַוועג. די אויבערשטע ליפּ האָט אַ ציטער געטאָן און דאָס ווייבל האָט איר קוביקל מיט ווייַן נישט געקאָנט צוטראָגן צום מויל. האָט זי דאָס בלעכל אַרייַנגעשטופּט ראַפּאַעלן אין האַנט און מיט איר גראַציעזן

קערפּער צוגעפאַלן צו כוליטאַן, איינגעגראָבן איר שיינעם, בלאָנדן קאָפּ אויף זיין ברייטן ברוסטקאַסטן און אָנגעהויבן וויינען, ווי אַ קינד.

זי האָט זיך נישט געשעמט פאַר דעם עולם פּעאָנען. אדרבא, ערשט איצט האָט זי ביי זיך אין האַרצן דערפילט, אַז מיט איר וויינען פאַר אַלעמען אין די אויגן, איז זי גאָר דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה צו זיין מיט זיי אויף איין ניווא. האָט זי זיך נאָך מער געטוליעט צו איר מאַן. און כוליטאָ האָט מיט צאַרטקייט אין זיינע נישט-געהובליעוועטע הענט געגלעט אירע זיידענע האָר און געזאָגט:

— וואָס וויינסטו, מיין קינד?... דו וועסט זיך נאָך קאַליע מאַכן דיינע ליכ־טיקע אויגן. הער אויף, מיין טייערע. טרינק אויס דעם ווין און לאָמיר זיך צוזאַמען פרייען מיט דער גרעסטער פרייד פון פּראָסטע, אָבער ערלעכע פּעאָ־נען, וואָס וועלן שוין פון היינט אָן, קיין מאָל נישט נעמען קיין ביקס אין דער האַנט און לעבן אַ פרידלעכן לעבן...

דאָס וועלן איינגעמען זיין ווייב מיט גוטע רייד האָט אויף ראָזאַליטאַן גע־האָט אַ פאַרקערטע ווירקונג. האָט זי זיך ראַפּטום אָפּגעריסן פון אים און איז מיט פאַרוויינטע אויגן, נאָר אין דער זעלביקער צייט — אַ פאַרשעמטע פון דעם, וואָס זי האָט זיך נישט געקאָנט באַהערשן און געוויינט, ווי אַ פּראָסטע פּויערטע, און דערמיט צעשטערט איר מאַנס פרייד, אַוועקגעלאָפן צו זיך אין בוידל. דאָרטן איינגעניורעט דעם קאָפּ אין קישן. פון כעס אויף זיך אַליין — געזעצט מיט די פויסטן אין דער קאָלדרע און געשריען: „אידיאָט! שוואַכלינג! וואָס האָסטו געטאָן?!“.

כוליטאָ האָט פאַרשטאַנען זיין ווייבס צער, איז ער איר נאָכגעגאַנגען אין בוידל, אַוועקגעזעצט זיך לעבן ראָזאַליטאַן, אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף איר קאָפּ, אַ ווײַלע געגלעט אירע בלאָנדע האָר און אַ פריילעכער פאַרגעשלאָגן:

— דו ווייסט, מיין העל קעלבל? איך וואָלט געזאָגט, אַז דו זאָלסט זיך אָפּפרישן מיט קאַלטן וואַסער דאָס פּנים. טו זיך איבער אין אַנדערע קליידער און קום אַרויס עסן וועטשערע... דערנאָך וועלן מיר ביז שפּעט אין דער נאַכט פאַרברענגען מיט די מוטשאַטשאָס, און אויף מאָרגן קאָנען שלאָפן אַזוי שפּעט, ווי מיר ווילן. איך דענק, אַז דאָס וועט זיין גלייכער פאַר אַלעמען. איך רעכן, אַז די מענטשן מיט די פערד וועלן זיך פריִער גוט אויסרוען אַ גאַנצע וואָך און דערנאָך ערשט זען וואָס מיר האָבן דאָ צו טאָן. וואָס זאָגסטו אויף דעם פּלאַן? מיר וועלן הוליען אַ גאַנצע וואָך און פייערן דאָס געבורט פון דעם נייעם לאַנד. אָבער איצט איז בעסער, אַז דו זאָלסט אַרויסקומען צום קאָסציאָר. זאָלן דאָרטן די מענטשן נישט דענקען, אַז דו ווילסט מיט זיי נישט האָבן וואָס צו טאָן...

ראָזאַליטאַן איז דער דאָזיקער פּלאַן זייער געפעלן געוואָרן. פון גרויס באַ־

גייסטערונג האָט זי אים אַרומגעכאַפּט און אַ שטאַרקן קוש געגעבן. דערנאָך האָט זי אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס קליידל מיט דער בלוזקע, אַפילו די אונ־טערהעמד, מיט דעם ליפטשיק און די אונטערהייזלעך און געבליבן שטיין פאַר אים אַ נאַקעטע און איר קלאָרער קערפּער האָט ממש געפינקלט אין דער נאַכ־טיקער טונקלקייט. זי האָט זיך דערמיט געוואָלט אַ רייץ טאָן מיט איר מאַן און מיט אַ כיוון אַרויסגעשטעלט די שטייפע בריסט, מיט די רויטע נאָפּלען, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי צייטיקע מאַלינעס און מיט שטיפערישקייט אין איר קלינגענדיקן קול אים אַ פרעג מעגעבן:

— דאָס געפעלט דיר?!...

דער סטעפּ־יונג איז דערפון צערייצט געוואָרן ווי אַ יונגער ביק. ער האָט געוואָלט צוגיין צו איר און אויסקושן יעדן ברעקל פון איר ראָזעווען לייב. נאָר אַזוי גיך ווי זי האָט נאָר באַגריפן, וואָס ער וויל טאָן, האָט די ממזרטע פלינק אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ לאַנגע, ווייסע זיידענע העמד און כוליטאָ איז אין מיטן גאַנג געבליבן, ווי אַן אָפּגענאַרטער:

— דו ביסט נאָך אַלץ אַזאַ ווילדע בלום ווי געוועזן!...

דאָס ווייבל האָט זיך געמאַכט נישט הערנדיק. אַ לאַכנדיקע האָט זי פונעם קופערט אַרויסגענומען אַ ברייטע און געפאַלדעוועטע שוואַרצע קלייד, מיט בונ־טע אוזאָרן און בלומען ביים סאַמע זוים. אָנגעטאָן אַ ווייסע בלוזקע, מיט אַ ברייטן, גלאַנציקן פאַס אַרום איר דינער טאַליע. אויפן קאָפּ האָט זי אַרויפגע־זעצט אַ גראַנאַטאָווע הוט מיט ברייטע ברימען און אַ ווייס, געפלאָכטענעם שנירל, מיט אַ קוטאַסל אין דער מיט, איז אַראָפּגעהאַנגען פוןביידע זייטן. זי האָט דאָס שנירל אַרונטערגענומען אונטער איר ראָזעווער גאָמבע און נאָך דעם ווי זי האָט אויף זיך אַ קוק געטאָן אין שפּיגעלע, איז זי אַ צופרידענע צוגע־גאַנגען צו כוליטאָן און מיט טויזנטער חנען אַ לאַך געגעבן:

— שפּעטער, מיין ליבער ייִנגל... איצט קום. די מוטשאַטשאָס מוזן שוין אַוודאי וואַרטן אויף אונדז מיטן עסן.

פון יוגנטלעכער צעהיצטקייט האָט זיך כוליטאָן געוואָלט אַראָפּרייסן פון איר די קליידער און אין ערגעץ אין נישט גיין. אָבער באַלד האָט ער זיך געצאַמט און אָנשטאָט דאָס צו טאָן, האָט ער זי אַ כאַפּ געטאָן צו זיך אויפן אַקסל, ווי אַ קצב אַ קעלבל און זי אַוועקגעטראָגן צום פּייער, און דאָרטן פּאַמעלעך איר אַראָפּגעלאָזט אויף דעם דאָקטערס שרייבטיש, וואָס מען האָט נישט באַוויזן אַריינצוטראָגן צו אים אין ביידל, און איבערגעלאָזט דאָרט אַ שטייענדיקע.

ווען דער עולם האָט דערזען דער שיינער ראָזאַליטאָן אויפן טיש, און גע־מיינט, אַז דאָס איז זי געקומען אַהער טאַנצן, האָבן די פּעאָנען אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט צום טאַקט פון אַן אַלט באַקאַנטער אַרגענטינער טאַנגאָ. ראָזאַליטאָ האָט פאַרשטאַנען זייער כונה און זיי נישט געוואָלט אַנטוישן. האָט זי אַ ביסל פאַרהויבן די לאַנגע קלייד, אַ וואָרף געטאָן מיטן קאָפּ אויף הינטן

און דאָס קוטאַסל פון אונטער איר געטאָקטער מאַרדעטשקע האָט זיך צע־טרייסלט, און איר בייגעוודיקער קערפּער האָט זיך אָנגעהויבן באַוועגן אַזוי ריטמיש, ווי דאָס פּאַטשן פון די הונדערטער פּאָר הענט. אַ ווײַלע האָט זי בלויז געוויגט מיט די היפטן, געהוידעט מיט די בריסטן און געטרייסלט דעם בויך אין אַלע זייטן. אָבער ווען דאָס פּאַטשן מיט די הענט איז געוואָרן נאָך פלינקער, רעשיקער און דער אָפּהילך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ וויכטער, האָט זיך די טענצערין צעטאַנצט מיט אַזעלכע אויגן־שווינדלערישע באַוועגונ־גען, אַז אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט איר טאַנץ אָנגענומען די פאָרעם פון אַ זאַווערוכע. דערביי האָט יעדער טייל פון איר גראַציעזן קערפּער געמאַכט אַזעלכע פּרויאַישע באַוועגונגען, אַז דאָס האָט אויפגערייצט און ווילד געמאַכט די פאַרנעפּלטע פּאַנטאַזיעס ביי די פּעאָנען מיט די סאָלדאַטן, וואָס האָבן פון אויפרעגונג און גרויס באַגייסטערונג אָנגעוואָרן דעם ריטמישן גאַנג פון זייערע הענט און איין פּאַטש האָט זיך שוין מער נישט אַריינגעוועבט אין דעם אַנדערן, און ראַזאַליטאַ האָט אַזוי אָנגעהויבן פּלאָנטערן מיט די געטאָקטע פיס, ביז זי איז שיעור איינגאַנצן נישט אַרונטערגעפאַלן פון שרייבטיש. עס איז נאָך געווען אַ נס, וואָס דער אָפיציר, פּאַבלאָ דעל קאַרמען, האָט איר אויפגעכאַפּט ווי אַ פאַלנדיקע פּילקע און אַוועקגעשטעלט זי אויף דער ערד. נאָר אָנשטאָט אָפּצו־דאַנקען אים פאַר זיין קאַוואַלירישן זשעסט, האָט זי אים גאָר אַ האַסטיקן שטויס געטאָן פון זיך און מיט פאַראַכטונג אַ זאָג געטאָן: „ברוטאָ!“ (ברוטאַלער!) און אַ צעקאָכטע אַוועקגעלאָפן צו כוליטאָן.

אויף אַ בלעכענעם טעלער האָט איר כוליטאָ דערלאַנגט אַ פּאָרציע גע־זשאַרעט פליש מיט אַ פּלעצל. זי האָט דאָס שטומערהייט צוגענומען. אַ בייזע אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ קעסטל עסן און אַפילו נישט געוואָלט אַ קוק טאָן אין דעם סטעפּ־יונגס זייט. ער האָט באַמערקט איר צעטראָגנקייט און געפרעגט שטילערהייט, אַז די אַרומיקע מענטשן זאָלן דאָס נישט דערהערן:

— ווילדע בלום! וואָס האָט ווידער פּאַסירט? האָט דיר עמעצער באַליי־דיקט? רק דו ביסט ברוגז און אָנגעבלאָזן, ווי אַ צעפּיעשטשעט קינד...

— איך בין אין כעס דערפאַר, וואָס דו האָסט מיך איבערגעלאָזט אויפן טיש און אַליין ביסטו אַוועק אַהער צו די מוטשאַטשאָס. דאָס וועט דיר גלאַ־טיק נישט אָפּגיין...

— ווילדע מויד! — האָט שוין כוליטאָ מער נישט געקאָנט צאַמען אין זיך דאָס געלעכטער, וואָס אירע ווייבערישע קאַפּריזן האָבן ביי אים איצט אַרויס־גערופן. — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט דיר דען עמעצער געטאָן, וואָס דו ווילסט זיך אָפּרעכענען מיט מיר... איז עפּעס געשען אויפן טיש? זאָג! רעד אַ וואָרט! וואָס ביסטו אין מיטן דערינען אַזוי אין כעס געוואָרן?...

איצט האָט זי זיך ווידער אָנגעבלאָזן ווי אַן אינדיק, און בלויז אַרויסגע־רעדט צוויי אײנצלנע ווערטער, וואָס האָבן כוליטאַן אַ ביסל איבערראַשט:

— דער אָפּיצער!...

— דער אָפּיצער? — האָט זיך כוליטאַ געחידושט, — וואָס האָט ער דיר געטאָן?

— געטאָן?! — האָט ראַזאַליטאַ אָנגעשטעלט אירע גרויסע, בלויע אויגן אויף איר מאַן און אין זיי איז געווען צו באַמערקן אַ פאַרבאַהאַלטענע שרעק, — ער האָט מיר גאָרנישט געטאָן, דער ברוטאַ!

— איז וואָס זשע זידלסטו אים און ביסט אין כעס?...

— איך בין נישט אין כעס... נאָר ער איז אַ גראָבער יונג!...

— זאָג מיר דעם אמת, — איז דער סטעפּ־יונג געוואָרן אַ ביסל צודרינג־לעך, — מיט וואָס איז דער אָפּיציר אַ גראָבער יונג, ווי דו זאָגסט?...

— אָט גאָרנישט. ס'איז גאָרנישט געשען, — האָט זי שוין געוואָלט צו־ריקכאַפּן אירע רייד און פאַרגלעטן די גאַנצע זאַך. אָבער דאָס איז שוין געווען צו־שפּעט און ראַזאַליטאַ האָט ווייטער געמוזט שפּילן די ראָל פון אַן אומשול־דיקער מיידעלע, — ביים טאַנצן בין איך צעטומלט געוואָרן, שיעור נישט אַראָפּגעפאַלן פון שרייבטיש. האָט מיך דער ברוטאַ אַ כאַפּ געטאָן אין זיינע הענט און מיך אַוועקגעשטעלט אויף דער ערד...

— נו, איז דאָך גוט!

— יאָ, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין רעכט צוצודריקן מיך צו אים!...

— דיר דאַכט זיך דאָס אויס אַזוי, — האָט זיך צו כוליטאַן אין האַרצן אַריינגעגנבעט אַ געפיל פון פאַרדאַכט און דער געפיל האָט ביי אים אויפגע־וועקט אַזאַ אומרויִקייט, וואָס איז געווען אויסגעמישט מיט האַס און אַזאַ מין צאָרן, וואָס איז דעם סטעפּ־יונג ביז איצט געווען אינגאַנצן פרעמד. — איך מיין, אַז פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָט דערמיט קיין שלעכטס נישט אויסן געווען... ער איז דאָך עפּעס אַ געבילדעטער מענטש, וואָס קומט גאָר פון אַן אַנדער קלאַס איידער איך... דו מאַכסט געוויס אַ טעות... איך גלייב, אַז ער איז אַן איידעלער קאַבאַזשעראָ, מחמת אין לאַגער האָב איך מיט אים פאַרבראַכט אַ לאַנגע צייט און קיין שום גראָבקייט פון אים נישט געזען...

גראָד איצט האָט ביי ראַזאַליטאַן אויפגעוואַכט דער סאָרט „איבערמאַכט“, וואָס פרויען האָבן אַלע מאָל איבער מענער, ווען ס'קומט צו אַזעלכע זאַכן און זי האָט כוליטאַן נישט געלאָזט פאַרענדיקן דאָס, וואָס ער האָט נאָך געוואָלט זאָגן:

— וואָס ווייסט איר מענער, וועגן מענער?... פרויען ווייסן אַ סך בעסער... מיט אונדזערע ווייבערישע אינסטינקטן דערשפּירן מיר גלייך וועלכער מאַן איז גוט און איידל און... וואָס ער איז אויסן... אָט דער איידעלער קאַוואַליר דיינער,

פאַרפאָלגט מיך אויף טריט און שריט און איך וויל דאָס נישט ליידן!...

כוליטאָן איז די גאַנצע מעשה נישט געפעלן געוואָרן. אָבער, ער האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן, אַז דאָס איז אַ גאָרנישט מיט אַ נישט און אַ קלער געטאָן, אַז מסתמא איז דאָס נישט מער ווי אַן אומשולדיקער צופאַל:

— דיינע ווייבערישע אינסטינקטן, ווי דו רופסט דאָס, וועלן דיך נאָך מיט דער צייט פאַרפירן אין באַד... עס פּאַסט נישט פאַר דיר אַרומצוטראָגן זיך מיט אַזעלכע פאַרדאַכטן... דו ביסט דאָך פאָרט עפּעס אַ געלערנטע און קלוגע פרוי!... איז פאָלג מיך, עס אָפּ און לאָמיר זיך פרייען מיט אַלעמען אינאיינעם און פאַרגעס וועגן דיינע ווייבערישע נאַרישקייטן...

דאָס גרויסע פייער אונטערן קאָסציאַר און אַפילו די עטלעכע קלענערע פייערן, וואָס זענען געווען צעלייגט לענג־אויס דעם ברעג טייך, האָבן בלויז געברענט ביז נאָך האַלבער נאַכט. אָבער די פּעאָנען און סאָלדאַטן, וואָס האָבן נאָך קיין אייגענע ביידלעך נישט געהאַט, און געלייגט זיך שלאָפן אונטער דעם פרייען הימל, האָבן זיך אין די פייערן נישט גענויטיקט. מחמת אין דעם נייעם לאַנד איז דורך די נעכט נישט געווען אַזוי קאַלט ווי אין סטעפּ, צי אַפילו אין די בערג. דאָ איז אין דער לופטן געהאַנגען אַ מילדע וואַרעמקייט. מעגלעך, אַז דאָס איז געקומען צוליב דעם, וואָס פון איין זייט איז דער גרויסער שטח לאַנד געווען אַרומגענומען מיט די הויכע און קופּערנע פלייצעס פון די פּאַטאַגאָני׳ער בערג און פון דער אַנדערער — מיט די ריזיקע אַנדן קוטשמעס שניי אויף זייערע הויכע קעפּ, וואָס זענען געשטאַנען ערגעץ ווייט אויף דער טשילענער טעריטאָריע און אַריינגעשניטן זיך אַלץ נאָענטער און נאָענטער אַהער, וואָס שוין דאָס אַליין האָט קיין שאַרפע ווינטן דערוויל נישט צוגעלאָזט צום טאָל. זענען די מענטשן, נאָך דער שיכורער „פיעסטאַ״ אַנטשלאָפן געוואָרן ווי גערגעטע און נישט געוווסט ווו די נאַכט איז אַהינגעקומען. זיי האָבן זיך ערשט אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן, ווען די זון איז אַרויף אויפן בלויען הימל און אָפּגעפאַרבט די פּנימער פון די מענטשן אויף גאָלד.

בלויז דער דאָקטער האָט נישט געקאָנט איינליגן אַזוי שפּעט ביי זיך אויפן געלעגער. און, אַזוי ווי ער האָט שוין פון לאַנג שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק און מיט דעם שיקזאַל צו זיין אין געפאַנגענשאַפט, האָט ער אַפילו דאָ איינגעשטעלט אַ סדר אין זיין אַרט לעבן: אַלע פאַרטאָג אַרויסגיין אויף אַ לאַנגן שפּאַציר און ערשט דערנאָך קומען צום פרישטיק. איז ער איצט אויפגעשטאַנען ווען אַלע זענען נאָך געשלאָפן און אַוועק אויספאָרשן די נייע אומגעבונג. אַז ער איז צוגעקומען צו דעם באַמבו־וועלדל, וואָס האָט זיך געפונען האַרט ביים טייך, האָט ער אָבער אַן איבערראַשטער דערזען, ווי דער אָפיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען איז געשטאַנען אַ פאַרבאַהאַלטענער הינטער אַ פּאָר געדיכטע ביימער און פון דאָרטן אַן אָנגעשטרענגטער געקוקט אויפן גלאַטן וואַסער אין טייך:

— גוט מאָרגן, לייטענאַנט פּאַבלאָ דעל קאַרמען! — האָט אים דער דאָקטער באַגריסט מיט רו־קייט אין קול. — וואָס טוט איר עפּעס דאָ אַזוי פרי?

פּאַבלאָ דעל קאַרמען, נאָך אַלץ אַן אָנגעטועגער אין זיין בלויען מונדיר, מיט דער מעשענער קאַסקע אויפן קאָפּ, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן און איינגאַנצן אַ פאַרלוירענער אָנגעהויבן שטאַמלען און פּלאַפּלען מיטן צונג:

— אָט גאָרנישט, גאָרנישט, סעניאָר מעדיקאָ... אָט אַזוי זיך געוואָלט, נישט געקאָנט מער שלאָפן. איר פאַרשטייט, סעניאָר דאָקטער, בין איך אַרויס כאַפּן אַ שפּאַציר. ס׳איז גאָרנישט, — און איז מיט אַ פאַרפלאַמט פּנים אויף גיך אַוועק פון דאַנען.

אָבער דער דאָקטער איז קיין נאַר נישט געווען. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַן אָפיציר, און דערצו נאָך אַזאַ יונגערמאַן, האָט צוליב „גאָרנישט״ נישט געקאָנט קוקן אַזוי אָנגעשטרענגט אויפן וואַסער. עפּעס האָט זיך אים אויסגעוויזן, איז דאָס נישט אומזיסט. דאָס האָט דעם דאָקטער אַריינגעוואָרפן אין אַזאַ נייגעריקייט, אַז ער אַליין איז צוגעגאַנגען צו דעם זעלביקן אָרט ווו דער אָפיציר איז פרי־ער געשטאַנען. ער האָט זיך פאַרבאַהאַלטן הינטער די זעלביקע פּאָרביימער און געווענדט זיינע אויגן אויפן טייך, און דערזען.

אינעם גלאַטן וואַסער איז ראָזאַליטאַ אַרומגעשווומען ווי אַ פיש! איר ווייסער און יונגער קערפּער האָט פון דאָרט אַרויסגעבלאַנקט מיט טויזנטער חנען. אַ היפּשע ווײַלע האָט זי געוואָרפן מיט די הענט פאָרויס, געלייגט קלאַפּטער. נאָר מיט אַ מאָל האָט זי זיך אויסגעדרייט אויף דער פּלייצע און געבליבן ליגן אַ רו־קע, אַ צופרידענע און פאַרזשמורעט אירע גרויסע, בלויע אויגן אַנטקעגן דער זון. פון צייט צו צייט האָט זי מיט די פיס געפּאַטשט דעם וואַסער, וואָס האָט פאַראורזאַכט קלייניקע כוואַליעלעך, וועלכע האָבן פּאַמעלעכקע באַוועגט אירע פולע בריסטן, מיט די רויטע נאָפּלען אַהין און צוריק און דאָך זענען זיי נישט אַוועקגעשווומען פון איר פרעכטיקן גוף, פונקט ווי די בריסטן וואָלטן געווען צוגעניײט מיט טויזנטער אומזעבאַרע פעדעם צו איר וואונדערלעכן, ווייבלעכן לייב.

געוויס האָט ראָזאַליטאַ נישט געוווּסט דערפון, אַז פרי־ער האָט איר די גאַנצע צייט געהיט דער אָפיציר מיט זיינע אויסגעגלאָצטע קוקערס, וואָס האָבן געזען, ווי זי האָט זיך געבאָדן אַ נאַקעטע און איצט — דער אַלטער אויסוורף. מחמת זי איז די גאַנצע צייט געווען ביי זיך זיכער, אַז אַלע מענער און אַפילו די פּאָר ווייבער זענען נאָך געשלאָפן, טאַקע דעריבער האָט זי זיך נישט געאיילט אַרויסצוגיין פונעם וואַסער, וואָס האָט איר אַזוי דערפרישט, אַז יעדער אבר איז אָנגעגאָסן געוואָרן מיט נייע כוחות און פרישער ענערגיע און זי האָט אַזוי ליגנדיק אויפן וואַסער געטראַכט, אַז דאָס זעלבע וועט זי טאָן אַלע פאַרטאָג. אָבער סוף־כל־סוף האָט זי זיך צוריק אויסגעדרייט אויפן בויך און דאַכט זיך אָנגעהויבן שווימען אַהער, צום ברעג.

אין דער רגע האָט זיך דער אַלטער נואף מיט פּאַרדרוס אָפּגעריסן זיך פונעם אָרט און איז געווען אַ ביסל אין כעס, הלמאי ראָזאַליטאַ האָט צעשטערט זיין פאַרגעניגן... איז ער אָבער מיט אייליקע טריט אַוועק פון דאַנען און גע־שפּאַנט אַלץ ווייטער. דאָס נייע לאַנד איז געלעגן אַ גלייכס,אַ גלאַטס, און אויס־געזען ווי אַן אויסערגעוויינטלעכער לאַנגער, גרינער טעפּיך, וואָס עפּעס עמע־צער האָט ווי מיט אַ כיוון אויסגעשפּרייט איבער דעם גאַנצן לענג און ברייט פון דעם ריזיקן שטח. מיט אַ מאָל האָט דער דאָקטער פאַרריסן דעם קאָפּ און אַ פאַרוואונדערטער דערזען, ווי די שנייאיקע שפּיצן פון די ווייטע אַנדן־בערג האָבן זיך צעפינקלט און אָנגעצונדן געוואָרן מיט מיליאַסן בלויע, רויטע, וויאָ־לעטע, מאַראַנצאָווע און גרינע פייערלעך. די בליאַסקענדיקע פאַרבן האָבן זיך געהאַלטן אין איין בייטן און מיניען און אַזוי אַריינגעוועבט געוואָרן איינער אין דעם אַנדערן, אַז עס האָט פאַרכאַפּט דאָס אויג. דער שפּיל פון די קאָלירן האָט אָנגעהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז פון די שנייאיקע הויכן האָט זיך פאַרמירט און אויפגעגאַנגען אַ ברייטער, קאָלירפולער רעגנבויגן, וואָס איז מיט איין ברעג געבליבן שטעקן אין די פּאַטאַגאָניער בערג, און דעם כירורג האָט זיך אויס־געדאַכט, אַז דער רעגנבויגן האָט איצט פאַרבירידערטביידע קייטן בערג און איינער האָט דעם אַנדערן אָפּגעגעבן אַ שלום־עליכם.

די געלע, פּורפּורנע, רויטע, מאַראַנץ און ציטרין־קאָלירן ביי ביידע זוי־מען פון דעם רעגנבויגן האָבן פאַרמירט איין געפלעכט פון ליכט און שאָטן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געהאַנגען נידעריק איבערן טייך, ווי אַן אויסגעשפּריי־טער, גאָלדענער בריק. פּלוצים האָבן זיך ערגעץ אין די דערבייאיקע באַמבו־ביימער פייגעלעך צעזונגען און דעם אַלטן דאָקטער האָט זיך איצט אויסגע־וויזן, אַז אויף דעם הימלישן „בריק" זענען מלאכים אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אין מיט גאָלדענע טרומייטן און פלייטן אין די מיילער אויסגעשפּילט אַ שיר צו גאָט פאַר דעם שיינעם און ליכטיקן טאָג, וואָס ער האָט געשענקט די פאַרוואָגלטע פּעאָנען אין דעם נייעם לאַנד, וווּ קיין מענטשלעכע פוס איז נאָך ביז היינט דאָ קיין מאָל נישט געווען.

הפּנים, אַז דער רעגנבויגן אויפן הימל איז נישט געווען די איינציקע, וווּנדערלעכע דערשיינונג אין דעם געגנט. ווייל ווען דער כירורג איז צוריק־געגאַנגען און פאַרקוקט זיך אויפן טייך, האָט ער צו זיין איבערראַשונג דערזען, ווי פּונקט אַזאַ מין רעגנבויגן האָט זיך פּאַמעלעך געהוידעט און געבאָדן זיך אין דעם קלאָרן וואַסער און איבער אים איז נאָך אַלץ אַרומגעשווומען ראָזאַלי־טאַס ווייסער קערפּער, וואָס איז פון ביידע זייטן, כמעט געווען באַגלייט מיט שפּילעוודיקע פיש און הפּנים נישט געטראַכט אַרויסצוקומען פון דאָרטן אַזוי גיך און דער דאָקטער האָט ביי זיך נישט געקאָנט באַשליסן, וואָס עס איז גע־ווען שענער: ראָזאַליטאַס גראַציעזע באַוועגונגען אין וואַסער, צי דער קאָליר־טער רעגנבויגן. נאָר מיט איין זאַך איז ער געווען זיכער, אַז קיין שום מאָלער

אין דער וועלט, וואָלט קיין מאָל נישט געקאָנט אויסמאָלן אַקוראַט בײדע יונ־דערס, וואָס נאָר די נאַטור אַליין האָט מיט אַזאַ מײַסטערישער האַנט געשאַפֿן...

דער כוח פֿון וואַסער

די נײַגעריקײט אויסצוגעפֿינען וואָס מער אײנצלהײטן אויף ווי ווײַט עס איז געלאָפֿן דער נײַער שטח ערד; וואָס איז דאָ געוואַקסן און ווי אַזוי זי האָט אויס־געזען פֿון דער נאָענט, האָט אַזוי פֿאַרכאַפּט די פֿאַנטאַזיעס פֿון יעדן פּעאָן און פֿון איטלעכן סאָלדאַט, אַז אויף דער צווײטער וואָך האָט מען אָנגעזאָטלט פֿופֿ־ציק פֿערד און זײ צעטײלט אין צוויי פּאַרטיעס. כּוליטאָ מיט ראַזאַליטאַן האָבן מיטגענומען עסן אויף אַ גאַנצן טאָג און זענען צוזאַמען מיט זײערע פֿינף און צוואַנציק יונגען אַוועקגעריטן צו דער רעכטער זײַט פֿונעם טאָל. דאָס זעלבע האָבן געטאָן ראַפֿאַעל און דער דאָקטער מיט דעם אָפֿיציר. נאָר זײ, מיט זײער אָפּטײלונג רײַטער, זענען אַוועק אויף לינקס. די אויסגערוטע פֿערד האָבן זיך פֿרײלעכע צעלאָזט אין גאַלאָפּ און אין אַ פֿינף שעה אַרום האָבן די „באַאָבאַכ־טער" באַמערקט, אַז דאָ איז דאָס גרינע שטיק לאַנד געוואָרן אַ סך ברײטער און דער טײַך האָט זיך שאַרף אויסגעדרייט צו דער טשילענער זײַט, ווו עס זענען געוואַקסן הויכע און שטײַפֿע גראָזן, וואָס האָבן פֿון דער ווײַטן דערצײלט, אַז דאָרטן געפֿינען זיך אַ סך זומפּן. מיט אַרום אַ פֿופֿצן קילאָמעטער פֿון דעם איצטיקן אָרט, האָט זיך פּלוצים אַרויסגעשײלט דער סילועט פֿון אַ געדיכטן און טיפֿן באַמבו־וואַלד מיט די לאַנגע און פֿאַרשפּיצטע בלעטער, אויף די הוי־כע בײמער און סײ ראַפֿאַעל מיט דעם דאָקטער און סײ פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָבן בײַ זיך באַשלאָסן, אַז פֿון דעם וואַלד אַליין קאָן מען אויסבויען נישט נאָר אַ קאָלאָניע, נאָר אַפֿילו גאַנצע שטעט מיט הײַזער און שפּײַכלערס פֿאַר יעדן געברויך. אָבער צו פֿאָרן ווײַטער אַ ביסל הינטער דעם דאָזיקן וואַלד האָבן זײ קײן חשק נישט געהאַט און אומגעקערט זיך צוריק „אַהײם"...

דערפֿאַר אָבער האָט זיך כּוליטאָ, מיט ראַזאַליטאַן און זײערע מיטפֿאָרער אַזוי גיך נישט אונטערגעגעבן דעם פֿאַרלאַנג אומצוקערן זיך אויף צוריק. אמת, זײער וועג איז נישט געווען פֿיל אַנדערש. נאָר ראַזאַליטאַ איז הפּנים געווען אַ פּרוי אַן עקשן, וואָס האָט דווקא געוואָלט זען ווי די פּאַטאַגאָניער בערג שנײַדן זיך סוף־כל־סוף אַרײַן אין די מוראַדיקע אַנדן, וואָס האָבן זיך דאָ אין דעם פּונקט דערנענטערט אײנער צום אַנדערן אַלץ נאָענטער און נאָענטער. דערבײַ איז זי דורכויס באַשטאַנען, אַז מען זאָל רײַטן ביזן סאַמע ענדע און זען וואָס עס וועט זײַן. כאָטש די פֿינף און צוואַנציק רײַטער זענען פֿון איר קאַפּריז נישט זײער שטאַרק צופֿרידן געווען, ווײַל וואָס אַ שטײַגער, — האָבן זײ גע־

טענהט צו כוליטאָן, — איז דאָ וואָס צו זען פּאַראַ נייקייט, אַז די ערד איז דורכויס געווען אַ גלייכע און אַ גלאַטע, מיט אַ ווייטן און פינצטערן וואַלד פון היכע און גראָבע, רויטעביימער ביי דער רעכטער האַנט. נאָר כוליטאָ האָט זיך צו זייערע רייד ווינציק וואָס צוגעהערט. פון דער איצטיקער אַוואַנטורע איז זיין גאַנצער וועזן פאַרכאַפּט געוואָרן צו זען מיט די אייגענע אויגן די ווייטע ווייטקייטן פון דעם אַרגענטינער קאָנטינענט און עס האָט אים ווי מיט אַ שטאַרקן מאַגנעט געצויגן די היגע פּאַנאָראַמע, פּונקט ווי דאָס האָט געגלוסט זיין שיין ווייבל.

אָנשטאָט צו זען ווי די פּאַטאַגאָניער בערג פאַראייניקן זיך מיט די אַנדן, האָט ראָזאַליטאַ מיט אַ מאָל גאָר באַמערקט, אַז דער טייך, וואָס איז די גאַנצע וועג געפלאָסן אַ רו‌יקער און אַ גלאַטער, איז דאָ וואָס אַ רגע געוואָרן אַלץ ברויזנדיקער און שטורעמדיקער. זיינע אויפגעהויבענע כוואַליעס זענען, ווי די גריוועס פון ווייסע, צעפּודלטע און ווילדע פערד — געשפּרונגען פון איין שטיין אויף דעם אַנדערן און דערביי געמאַכט אַזאַ געפּילדער, פּונקט ווי דאָס וואָלט גאָרנישט געווען קיין טייך, נאָר אַ מעכטיקער וואַסערפאַל. וואָס ווייטער די רייטער זענען געריטן איז דער טייך געוואָרן אַלץ קאַפּריזנער, קאָכעדיקער. דאָס וואַסער — שוימיקער און שטורמישער. אין אייניקע ערטער האָט זיך דער וואַסער־שטראָם געדרייט מיט אַ וויכערדיקן געדריי אַרום זיך אַליין און פאָרמירט אַזאַ געווירבל, וואָס האָט זיך מיט אימפּעט געצויגן אויף אַראָפּ אַלץ טיפער און טיפער צום דנאָ און דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דאָס זענען אַזעלכע קעסל־גריבער, וואָס האָבן אַריינגעצויגן דעם אויבערפלאַך צו זיך אין די טיפע, שוואַרצע פּיסקעס, האָבן דערנאָך אויסגעשפּיגן פון דאָרטן דאָס וואַסער מיט אַזאַ קראַפט, אַז פון דעם וואַסער זענען גיך געוואָרן ווילד־צעיושעטע וועלן, מיט ווייסע, שוימיקע טשופּרינעס וואָס זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון די קעסל־גריבער מיט אַ מוראדיקן געלאַף און אויף זייער ווייטערדיקן וועג — צעבויקעט זיך מיט די גרויסע שטיינער און אויפגעהויבן אַ וואָיענדיקן גערוואַלד און פייפעריי.

כוליטאָן מיט ראָזאַליטאַן האָט די נייע דערשיינונג פאַרחידושט און זיי האָבן נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי אַזאַ רו‌יקער טייך איז מיט אַ מאָל פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָכעדיקן גיהנום. דעריבער זענען זיי געריטן אַלץ ווייטער און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָבן די מענטשן דערזען, ווי די אַנדן־בערג, וואָס זענען, דאַכט זיך אַלע מאָל געווען אַזוי ווייט פון דאַנען, האָבן פּלוצים דאָ אויסגעבויגן זייערע מעכטיקע פּלייצעס און חוצפּהדיק פאַרצאַמט דעם טייך זיין וועג. אָבער דאָס וואַסער האָט הפּנים אַזוי פיל טויזנטער יאָרן געגראָבן אין דער טיף, ביז דאָס האָט דורכגעגעבערט פון אונטער דעם באַרג אַ מין טונעל. אמת, קוים געגנוג אויף דורצושטופּן אַ פערטל פונעם טייך. נאָר דאָך האָט דאָס וואַסער אויסגעקעמפּט אַ וועג פאַר זיך, ווו די שטראָמען זענען

האַסטיק איינגעשלונגען געוואָרן, ווי פון דעם מויל פון אַ ריזיקער חיה. דערפאַר אָבער זענען די וואַסערן אַרויסגעקומען אויף דעם אַנדערן זייט באַרג, ווי אָן כוחות און דער טייך האָט דאָרטן אָנגענומען די זעלביקע ברייטע און רויִקע פאָרעם, ווי ער איז געווען מיט עטלעכע שעה צוריק.

אַ היפּשע ווײַלע זענען אַלע רייטער געזעסן אויף די זאָטלען ווי פאַרכישופטע. זיי האָבן אַוועקגעלייגט די לייצעס די פערד אויף די העלדזער, זיי געלאָזט פרעסן דעם גרינעם, זאַפטיקן גראָז און די מענטשן האָבן אַ לאַנגע צייט געקוקט אויף דעם אייביקן קאַמף צווישן דעם וואַסער פון טייך מיט די ריזיקע אַנדן־בערג און נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן זיך פון דעם בייזן ווונדער, וואָס אַזאַ אומשולדיקער און שטילער עלעמענט ווי וואַסער, זאָל גאָר האָבן אין זיך די אומגעהויערע ווילדע קראַפט צו באַזיגן דעם שטיינערנעם גיגאַנט און דורכברעכן אַ וועג פאַר זיך אַליין.

— דו ווייסט? — האָט זיך כוליטאָ געווענדעט צו זיין ווייבל, — אַז אין דעם אומגלייכן געראַנגל צווישן דעם וואַסער מיט די מעכטיקע אַנדן־בערג, האָב איך איצט דערזען דעם גאַנצן גאַנג פון דעם פּעאָנישן פאָלק, וואָס גייט, דאַכט זיך געבויגן, דערשלאָגן און אַזוי שטיל, ווי די וואַסערן אין אָנהייב טייך. נאָר טאָמער פאַרשטעלט מען אים זיין וועג מיט דערנער, וועט דאָס פאָלק אויפשטיין ווי איין מעכטיקער כוח כדי בייצוקומען די דאָזיקע שטערונגען. פון דעם האָב איך אויך געלערנט, אַז די מלחמה איז גאָר געגליכן אויף אונדז גופא. למשל, אַרגענטינע איז אַ שטאַרק לאַנד, וואָס איז פול מיט מיליטער, מיט קריג־שיפן און קאַנאָנען, מיט פּאָליציי און זשאַנדאַרמען, וואָס דאַרפן באַשיצן דעם באַנקיר, דעם פאַבריקאַנט מיט דעם פּעאָדאַל און די אויסלענדישע מאַגנאַטן. דאָך, האָבן מיר, נישט מער ווי אַ קליינע גרופּקע אַנטלאָפענע פּעאָנען, זיך אָפּגעריסן פון דער קייט, וואָס האָט אונדז דורות־לאַנג געהאַלטן צוגעשמידט צום פריץ און צו זיין האַסיענדאַ, ווי די הינט און איצט זענען מיר פרייע מענטשן וואָס זוכן אַ וועג אין לעבן... און דערמיט אַליין שוין האָבן מיר זיך אַנטקעגן געשטעלט די אָנגענומענע געזעצן פון לאַנד... דו פאַרשטייסט, מיין ווילדע בלום?... מיט די ווערטער האָב איך בלויז געוואָלט אַרויסברענגען אַז מיר זענען ענלעך צו אַ שטיל וואַסער, וואָס גראָבט־דורך אַ וועג דורך טיפענישן פון די שטאַרקסטע שטיינער כדי צו פליסן ווייטער. נאָר פאַרגיב מיר, טייערע, איך בין נישט מער ווי אַ פּראָסטער פּעאָן און פאַרמאָג נישט די נויטיקע שפּראַך אויף צו מאַכן קלאָרער מיין געדאַנק.

ווען כוליטאָ האָט פאַרענדיקט אַרויסצוברענגען דעם פלוס פון זיינע פילאָסאָפישע געדאַנקען און פאַרקערעוועט זיין ווייסן פערד אויף צוריק „אַהיים“, איז ראָזאַליטאַ צוגעריטן האַרט צו זיין ברענענדיקן סוס, אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אַ טרער פון אירער אַן אויג האָט אַ ברי געטאָן דעם סטעפּ־יונגס דלאָניע:

— מיין טייערער יינגל, איך האָב דיר איצט געקאָנט דערציילן, אַז אין מיין לעבן האָב איך געליי‍ענט אַ סך לידער פון אַזעלכע גרויסע פּאָעטן ווי, שעלי, היינריך היינע, פּושקין, לאָרד טעניסאָן, וויליאַם וואָרדסוואָרט, לאָנגפעלאָו, שעקספּיר, אַפילו געליי‍ענט סערוואַנטעסן און פיל אַנדערע און קיינער פון זיי האָט נישט געהאַט אַזעלכע רייכע פאַנטאַזיעס ווי דו האָסט און טאַקע דערפאַר וואָס דו קאָנסט אַפילו נישט לייענען אָדער שרייבן, איז מיין באַוווּנדערונג אַזוי גרויס! אָבער איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז דיר פעלן נישט אויס קיין ווערטער. אַלץ איינס — דאַרפסטו זיי נישט האָבן... ווערטער מיינען גאָרנישט. מען קאָן זיי שאַפן. פאַר דיר איז גענוג צו ווערן באַגייסטערט פון די ווילדע נאַטור־שיינקייטן, אַז אין דיינע אויגן זאָלן זיך אָפּשפּיגלען די חכמה פון דורות. דע־מאָלט קומט פון דיין מויל אַרויס די צויבערלעכע ניגונים פון אַלע פּאָעטן אין דער וועלט. דערפאַר האָב איך דיר אַזוי ליב און איך דאַנק דיר פאַר דעם, וואָס דו טיילסט זיך מיט מיר וועגן אַלע דיינע עמאָציעס, געפילן און איבערלעבונ־גען. אויף דיין אייגענעם אופן ביסטו אַ געבוירענער פּאָעט!

כוליטאַ האָט אַ פאַרליבטן קוק געטאָן אויף איר און געזען, ווי אַ שליי‍ד פון טרערן האָט דורכגעווירעט אירע ראָזעווע באַקן און ער האָט די צווייי שליאַדעלעך געוואָלט אויסקושן. נאָר ער האָט זיך געשעמט פאַר זיינע מיטריי־טער און דערפאַר געענטפערט:

— דו האָסט מיר אָנגערעדט אַ פולן סאַמבררעראַ. נאָר איך פאַרשטיי נישט קיין וואָרט. וואָס הייסט עפּעס דו „האָסט געליי‍ענט לידער?”... לידער לייענט מען דען?... לידער זינגט מען דאָך גאָר!... און פאַר וואָס זאָל איך זיך נישט טיילן מיט דיר דאָס, וואָס איך לעב איבער?... איך האָב דאָך געהערט ווי מען זאָגט, אַז „מאַן און ווייב זענען איין לייב”, איז פאַר וואָס דאַרף איך עפּעס אויסבאַהאַלטן פון דיר?... דורך דער קורצער צייט, וואָס דו ביסט מיין ווייב, ביסטו אַזוי אַריין אין מיינע בלוטן, אַז איך ווייס גאָרנישט און איך קאָן זיך אַפילו נישט פאָר־שטעלן, צי איך וואָלט אָן דיר געקאָנט אויסקומען אַ מינוט... דו ווייסט, מיין ליכטיקע קעלבל? מיר דאַכט זיך רק אויס: ווען עמעצער וואָלט דיר מיט עפּעס ווי געטאָן, וואָלט איך דערפילט דעם ווייטיק נאָך פריִער פאַר דיר און ווען דו פרייסט זיך, פרייט דאָס מיר צען מאָל אַזוי פיל. ס'איז עפּעס מאָדנע מיט מיר. איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין...

די גאַנצע צייט וואָס כוליטאַ האָט גערעדט, האָט ראָזאַליטאַ געשוויגן כדי נישט צו פאַרפעלן אַפילו קיין איין זילבע. נאָר איצט האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן און אָנגעהויבן בעטן זיך ביי אים:

— רעד נישט מער, מיין ליבער יינגל. פון דיינע רייד ווערט מיין האַרץ אָנגעפילט מיט די גליקלעכסטע מאָמענטן אין מיין לעבן! רעד נישט, איך בעט דיך. אויב נישט וועל איך ווידער אָנהייבן וויינען און די טרערן קאָנען נאָך חלילה אָפּקלעקן דיינע גאָלדענע ווערטער. לאָמיר פאָרן לעבן דיר פאַמעלעך

און שווייגן און אין דעם שווייגן וועל איך דערהערן ווי דיין האַרץ קלאַפּט אויס די צאַרטסטע מעלאָדיע פון ליבע צו מיר און איך וויל דאָס נישט פאַרפעלן פאַר קיין שום געלט אין דער וועלט!...

ווען זיי זענען שפּעטער אָנגעקומען צו די ביידלעך, האָט שוין דער פּלאַקער פון אונטער דעם קאַסטיאַר פון לאַנג אויפגעהערט צו פלאַמען. אָבער אין די נאָזלעכער האָט נאָך אַלץ געשלאָגן דער דיקער גערוך פון געקאָכטן פלייש מיט צעבראָקטע קאַרטאָפל און ציבעלעס. כוליטאַ מיט ראַזאַליטאַן האָבן זיך אויף גיך אַרומגעוואַשן און אַוועק צום קיך. דאָרטן האָבן זיי די קעכינס דערלאַנגט צו פאַרציעס עסן. הונגעריקע האָבן מאַן און ווייב געשלונגען די אכילה אוןביידע האָבן זיך דערפילט אַזוי יונג און לוסטיק, אַז זיי האָבן אין אַ פּאָר מינוט אַרום אויסגעשטערקט די אויסגעליידיקטע טעלער צו די קעכין, געבעטן נאָך אַ מאָל אָנצופילן די בלעכלעך און דערביי געלאַכט מיט דעם זאָרגלאָזן נעלעכטער פון צווי קליינע, צעבאַלעוועטע קינדער.

נאָך דער וועטשערע האָט כוליטאַ געוואָלט פאַרברענגען כאָטש אַ פּאָר שעה מיט די פעאָנען, וואָס זענען געזעסן אַרום דעם פייער און דערציילן זיי פון דעם וווּנדער, וואָס ער האָט היינט געזען. ער האָט פאַר זיי געדעכנט צו שילדערן דעם מאָדנעם געראַנגל פון דעם טייך מיט די אַנדן־בערג. נאָר ראַזאַליטאַ איז נישט געווען אויפגעלייגט פאַר דעם. זי איז איצט געווען געשטימט אַזוי ראָמאַנטיש, אַז זי האָט בעסער געוואָלט האָבן איר מאַן לעבן זיך. אַוועקלייגן זיך מיט אים אין בעט, קוקן אין דער פינצטערניש און שווייגן און אפשר גאָר רעדן אָן אַ סוף און דערציילן אים פון אַלע אירע איבערלעבונגען און ראָמאַנסן, וואָס זי האָט מיידלוויז געפירט מיט פאַרשידענע אינטעליגענטע יונגע לייט, ביז זי האָט זיך אויף אַן אמתן פאַרליבט אין דעם סטעפּ־יונג און אַזוי אַראָפּרעדן זיך פונעם האַרצן, אַז איר נשמה זאָל ווערן ריין פון וועלכע עס איז זינד און גרינג ווי אַ פעדערל:

— קום, מיין יינגל, — האָט זי אים אָנגענומען פאַר אַ האַנט און אַריינגעשלעפּט צו זיך אין ביידל. דאָ האָט זיך אויף גיך אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די קליידער. דערנאָך אַ געלאַסענע אַוועקגעלייגט זיך אויפן געלעגער מיטן פּנים אויף אַרויף און געוואַרט, אַז איר מאַן זאָל טאָן דאָס זעלבע וואָס זי. אָבער דער נאַרישער בחור האָט אויף קלאָר נישט פאַרשטאַנען, פאַר וואָס זי האָט אים צוגענומען פון זיינע אַמיגאָס און תמעוואַטע געפרעגט:

— וואָס איז דאָס געאייל מיטן גיין שלאָפן? די נאַכט איז נאָך לאַנג און איך האָב געוואָלט אַ ביסל פאַרברענגען מיט די מוטשאַטשאָס און דערציילן פון דעם, וואָס איך האָב היינט געזען.

— טאָקע דערפאַר וויל איך דיר היינט האָבן לעבן זיך, — האָט זי אָן בושה געענטפערט. — טו זיך אויס און לייג זיך אַוועק. דו פאַרשטייסט, מיין יינגל?... קיינער קען דיך היינט נישט האָבן. היינט האָסטו אין מיר אַריינגעטאָן

אַ נייע נשמה און אויפגעוועקט אין מיר די פרוי... ווייל איך כאַטש ליגן מיט דיר אינאיינעם און נאָך אַ מאָל הערן דיינע וואונדערלעכע מעשיות, וואָס דו דערציילסט אַזוי שיין, אַז אַפילו אין די בעסטע פּראָזע־ווערק, האָב איך נאָך קיין מאָל אַזוינס נישט אָנגעטראָפן און איצט וויל איך זיי הערן און דורכלעבן אין זייער פולער גאַנצקייט פון אָנהייב ביזן סוף...

ער האָט זי געפאָלגט, אויסגעטאָן זיך און אַוועקגעלייגט זיין מאַסיוון קאָפּ אויף דעם פּריצישן קישן:

— דו ביסט אַזוי ווילד, ווי אַ צערייצטע טעליצע פאַר דעם ערשטן מאָל „לויפן זיך"... ווען זי דערזעט אין סטעפּ לעבן זיך אַ יונגן ביק... נאָר ווי קאָן איך זיך אַנטקעגן שטעלן, וואָס קאָן איך מיט דיר טאָן, אַז דו ביסט אַ קאַפּריזנע מויד און איך האָב דיר ליב?...אָבער דערציילן מעשיות גלאַט אין דער וועלט אַריין קאָן איך נישט. ווייל איך האָב שוין נישט איין מאָל באַמערקט אויף זיך אַליין, אַז כדי עס זאָל זיך ביי מיר עפענען דער קוואַל פון רייד אויף צו מאָלן בילדער, מוז איך אַפריער פון עפּעס ווערן באַגייסטערט, אַט למשל, ווי היינט ביי דעם דורכשפּאַן פון די אַנדן־בערג איבערן טייך ווו דאָס וואַסער האָט גע־האַלטן מלחמה מיט די ריזיקע שטיינער.

פון זיינע אַנצוהערעניש, אַז ווי אַ פרוי איז זי צו הייסבלוטיק און איבער־הויפּט האָט איר אַ ביסל פאַרדראָסן און ווי געטאָן זיין לעצטער „משל". דער־פאַר האָט זי זיך אויף אים אָנגעברוגזט:

— און איך האָב שוין נישט דעם כוח אַרויסצורופן ביי דיר דיינע פּאָעטי־שע שטימונגען? אַזוי גיך בין איך דיר שוין דערעסן געוואָרן?

— אַך דו נאַריש קינד מיינס, —האָט ער זיך געכאַפּט, אַז זיין פאַרגלייך האָט נישט געטויגט און דערפאַר האָט ער איצט געגלעט איר שטערן אַזוי צאַרט און איידל, אַז פון זיין באַריר איז זי פּלוצים געוואָרן וואָך און ווילד ווי אַ טיגערין. נאָר ער האָט אויף דעם קיין אַכט נישט געלייגט און געמיטלעך פאַרגעזעצט זיין רעדן. — וואָס זענען דאָס ביי דיר פאַראַ קינדערשע געדאַנ־קען? איז דען דאָ אויף דער וועלט אַזאַ כוח, וואָס זאָל קאָנען צאַמען אין מיר מיינע געפילן צו דיר?... אָדער אויסטריקענען דעם ים מיט רייד, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין מיין האַרצן בלויז פאַר דיר אַליין. ס'איז נישט מער, וואָס איך ווייס, אַז דו ביסט אַ געלערנטע, האָסט געלייענט ביכער און איך בין נישט מען ווי אַ פּעאָן, וואָס קאָן בלויז פאַרשטיין די שפּראַך פון פערד און בהמות. אויפכאַפּן דאָס צווישטשערייען פון די פייגל אין די פאַרטאָגן און הערן דאָס גערויש פון גראָז און בלעטער אויף די צווייגן און דאָס שטילע מורמלען פון אַ קליינעם, פאַרבאַהאַלטענעם קוואַל־וואַסערל און זען דאָס פינטלען פון די גרויסע בריליאַנטענע שטערן ביינאַכט אין סטעפּ און דאָס אַלעס.

— רעד, רעד, מיין ליבער יינגל! — האָט זי זיך געטוליעט צו זיין געזונטן גוף. — מיט דיינע רייד צינדסטו אָן אין מיר אַ העלישן פייער! און פאַרשפּאַרסט

מיר צו לייענען די ווערק אַפילו פון די בעסטע שעפער אין דער ליטעראַטור. אָבער מיך וווּנדערט כסדר: פון וואַנען קומט צו דיר אַזאַ קאַלירפולער לשון, אַז ווי איך ווייס, האָסטו דיין גאַנצן לעבן געלעבט אונטער דעם פרייען הימל אין דער פּאַמפּאַ!...

— אָט־אָט! — האָט איר כוליטאַ אַ קוש געגעבן אין מויל. — טאַקע אין סטעפּ האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס די קאַיאָטעס וואָיען ביינאַכט, באַגריפן דעם הונגעריקן ברומען פון אַ פּאַנטערע און דאָס אומרויִקע הירזשען פון אַ פערד, ווען ער דערשרעקט זיך פאַר עפּעס. איך קאָן די שפּראַך פון אַ קליאַטשע, ווען זי רופט צו זיך דעם אָגער, אַז ער זאָל שטילן אירע פערדישע באַגערן און פאַרזייען איר טראַכט מיט נייעם לעבן... איך קאָן זייער גוט דאָס פריילעכע האַווקען פון אַ הונט, ווען ער דערשמעקט אַפילו פון זייער ווייט דעם גערוך, וואָס עס לאָזט פון זיך אַרויס די צווייג אין איר פאַרונג־צייט און ער לאָזט זיך לויפן צו איר. איך קאָן אַפילו הערן דאָס טרעשטשען און קנאַקן פון די קערנער אין די זאַנגען ווען זיי הייבן אָן צו וואַקסן. נישט איין מאָל האָב איך אויפגעכאַפּט דעם רוישלאָזן געוויש פון אַ שוועבנדיקן אָדלער אין הימל, וואָס קרייזט אַפּריִער אַרום זיין קרבן באַוועגלאָז. נאָר פלוצים נידערט ער אַראָפּ פון זיינע הויכן מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, קלאַמערט אים אַריין מיט זיינע מעכטיקע נעגל פון די פיס און פליט מיט אים צוריק אַוועק ווייט אין די הימלען און ווערט דאָרטן ערגעץ פאַרשוווּנדן. איך וואָלט דיר געקאָנט דערציילן טויזנטער מעשׂיות פון די פאַרשידענע דערשיינונגען אין דער אַרומיקער נאַטור און וועגן אַלערליי חיות און רויב־פייגלען, מיט שלאַנגען. אָבער דאָס וואָלט דאָך געמיינט לויבן זיך אַליין און דאָס וויל איך נישט.

כוליטאַ האָט נאָך אַ לאַנגע צייט גערעדט שטיל, אָבער פליסיק. זיינע רייד האָבן זיך געוויגט און געהוידעט אין דער לופטן און געקלונגען האָבן זיי ווי סטאַקאַטע מוזיק־קלאַנגען, וואָס האָבן ווי מיט עפּעס אַ כישוף — אַריינגעדרונגען צו ראַזאַליטאַן אין האַרצן. דאָס ווייבל האָט אים די גאַנצע צייט נישט איבערגעשלאָגן די רייד. זי האָט זיך צוגעהערט צו זיי אַזוי לאַנג, ביז אירע אויגן־דעקלעך האָבן זיך, פון זיך אַליין, אָנגעהויבן קלעפּן איינס צום אַנדערן און צום סוף איר פאַרוויגט אין אַזאַ טיפן שלאָף, וואָס האָט זי ווי אויף פליגלען אַוועקגעטראָגן אין פאַנטאַסטישע וועלטן.

אויפבוי

דאָס אינטערעסאַנטסטע דערציי איז געווען וואָס ראַזאַליטאַ, וואָס האָט אַמאָל כמעט געהאַט פאַרענדיקט דעם בוענאָס־איירעסער אוניווערסיטעט, ווו זי האָט אַ פּאָר יאָר אויפגענומען אַלגעמיינע געשיכטע, וועלט־ליטעראַטור און

איבערהויפּט אַרכיטעקטור, אַ זאַך, וואָס איז אין יענער צייט געווען ווי אַ פֿאַר־שלאָסענער פעלד פֿאַר פרויען, אָבער דאָס מיידל איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע און געוואָלט באַווייזן, אַז זי איז נישט נאָר געווען אַ פֿאַרגעשריטענע און גאַנץ אַנדערש פֿון דעם ווייבלעכן מין, נאָר, אַז זי קאָן אויספֿירן וואָס זי וויל — איר איז כּוליטאָס צעפּליגלטע פֿאַנטאַזיע וועגן אויפֿבויען אַ פרידלעכע קאָלאָניע פֿון ערלעכע פּויערים אַזוי געפֿעלן געוואָרן, אַז זי האָט אין דעם דערזען די פּאָ־טענציעלע מעגלעכקייטן נישט נאָר אויפֿצושטעלן סתּם אַ קאָלאָניע, נאָר מיט דער צייט — אַפֿילו אַ זעלבסטשטענדיקע שטאָט און דערהויבן די האַלב־ווילדע באַפֿעלקערונג צו דער מדרגה פֿון ציוויליזאַציע.

פֿון דער התפּעלותדיקער וויזיע, האָט זי איר מאַן גאָרנישט דערציילט און בשתיקה, אויף אַ פּאַפּיר, אָנגעצייכנט אַ פּלאַן פֿאַר אַ קאָלאָניע מיט צוויי געס־לעך און הייזקעס פֿוןביידע זייטן. אויך האָט זי, דאָרטן, אויסגעמאָלט אַ פּאַרקל אין דער מיט „שטאָט", מיט בענק צום זיצן, אַ קאַטשעליע פֿאַר די קינדער צו הוידען זיך און אין דער זעלביקער צייט נישט פֿאַרגעסן „אויסצוריסעווען" אַ קלויסטער מיט אַ געבײַדע פֿאַר אַ שולע, ווו זי זאָל קאָנען לערנען סיי די קינ־דער און סיי די דערוואַקסענע ווי צו לייענען און שרייבן.

אָבער, אום כּדי זי זאָל קאָנען דורכפֿירן דעם פּלאַן אין דער ווירקלעכקייט, האָט זי דערצו געמוזט האָבן עמעצנס הילף און דער איינציקער, וואָס האָט גע־קאָנט באַהילפֿיק זיין, איז געווען דער אָפֿיציר, פֿאַבלאָ דעל קאַרמען. נאָר ראַ־זאַליטאַ האָט מיט איר ווייבערישן חוש געפֿילט, אַז דער כניאַקוואַטער מאַנס־פּאַרשוין, האָט איר אין זיין פֿאַנטאַזיע „אויסגעטאָן נאַקעט" און „געגעסן זי מיט די אויגן"... און כאָטש ערגעץ אין דער טיף ביי זיך אין האַרצן, איז דאָס איר גראָד אַ ביסל געפֿעלן געווען. ווייל דאָס אַליין האָט איר איבערצייגט, אַז זי פֿאַרמאָגט דעם כּוח אָנצוציִען און רייצן מענער, דאָך האָט זי נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן זיינע ציניִשע און פרעכע בליקן. טאַקע דערפֿאַר, האָט זי זיך אַ לאַנ־גע צייט געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל זי אים בכלל צוציִען צו איר פֿאַר־באָרגענעם פּלאַן, אָדער נישט?...

ווען עס זענען דורכגעגאַנגען נאָך עטלעכע טעג און ראַזאַליטאַ האָט מיט באַדויערן איינגעזען, אַז אַחוץ אים איז דאָ קיין פּאַסיקערע פּערזאָן נישט גע־ווען, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס ער האָט פֿאַרט פֿאַרמאָגט אין זיך אַ געוויסע מאָס בילדונג. האָט זי פֿאַרקוקט אַלע זיינע חסרונות און איין מאָל אין אַ ביי־טאָג, אים אָפּגעשטעלט לעבן דעם קאַסציאַר און געזאָגט:

— סעניאָר פֿאַבלאָ דעל קאַרמען, איך דאַרף מיט אייך עפּעס רעדן...

פֿון איר פּלוצימדיקער אָנהייבן צו רעדן צו אים, איז דער אָפֿיציר צע־טומלט געוואָרן און אַ צעשמאָלצענער פֿון גוטסקייט, ווי אַ שטיקל פּוטער אויף אַ הייסער סקאָווערדע, האָט ער זיך פֿאַרנייגט פֿאַר איר און אַרויסגעוויזן זיין גרויסשטאָטישע קאַוואַלירישקייט:

— מיטן גרעסטן פֿאַרגעניגן, סעניאָרא ראָזאַליטאַ!... דאָס וועט זיין פֿאַר מיר זייער אַ גרויסער כבוד. איך בין צו יעדער צייט גרייט צו דינען אייך און פּינקטלעך דורכפֿירן אייערע באַפֿעלן...

— אויב אַזוי, איז קומט! דאָ קאָן מען נישט רעדן דערפֿון. צופֿיל אויגן און אויערן. — און ביידע האָבן זיך מיט גרינגע שפּאַנען אַוועקגעלאָזט פֿאַזע טייך. דאָרט האָבן זיי אויפֿגעזוכט אַ פּאַסיקן אָרט, זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן גראָז און ראָזאַליטאַ האָט אָנגעהויבן רעדן אָפֿן:

— דאָ גייט נישט אין כבוד, סעניאָר פּאַבלאָ דעל קאַרמען און אויך נישט אין דעם, וואָס אייך קאָן זיך נאָך אויסדאַכטן... איר זענט אַן אָפֿיציר און איר זענט מסתמא געגאַנגען אין דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, דאַרפֿט איר דאָך האָבן וויסן. וויל איך פֿאַר אייך פֿאַרטרויען מיינעם אַ סוד, אַז איך האָב אויס־געאַרבעט אַ פּלאַן ווי אַזוי דערוויל אויפֿצובויען אַ קליינע קאָלאָניע. אין דעם פּלאַן גייט אַריין אַ שולע צו דערציִען די איצטיקע פּאָר צענדליק קינדער און אויך די וועלכע וועלן קומען שפּעטער... מען דאַרף זיי אַנטוויקלען, אויסלערנען לייענען און שרייבן. האָב איך געטראַכט, אַז אַנשטאָט דעם, וואָס איר זאָלט אַרומגיין ליידיק און עסן אומזיסטיקן ברויט, קאָנט איר ווערן אַ נוצלעכער מענטש, העלפֿן דורכפֿירן דעם פּלאַן און זיין אַ לערער. וואָס זאָגט איר צו דעם געדאַנק?

אין אָנהייב האָט דער אָפֿיציר געמיינט, אַז די שיינע ראָזאַליטאַ האָט אים געוואָלט פֿאַרטרויען אַ סוד, אַז זי האָט מער נישט ליב איר פּעאָנישן מאַן און זי וויל, ער זאָל איר העלפֿן צו אַנטלויפֿן פֿון דאַנען. אָבער, ווען ער האָט דער־הערט אין וואָס דאָ האַנדלט זיך, איז ער געבליבן זיצן אַן אַנטוישטער און גלייך געוואָלט אויפֿהייבן זיך פֿון דער ערד, העפֿלעך אָפּזאָגן זיך פֿון איר פֿאַר־שלאָג און אַנטלויפֿן. אָבער די שטאַרקע נייגעריקייט און דער גרויסער באַגער צו זיין נאָענט לעבן איר, האָט מאָמענטאַל אויסגעפֿיקט אין זיין מוח אַ נייע האָפֿענונג, אַז אין לויף פֿון זייער ביידנס אַרבעטן צוזאַמען, וועט זי סוף־כּל־סוף נישט קאָנען ביישטיין דעם „נסיון" און פֿאַרט דערזען אין אים, אַז ער איז אַן אַריסטאָקראַטישער מענטש און נישט קיין פּראָסטער פּעאָן, ווי כוליטאָ און, אַז אין איר גופֿא וועט זיך דערוועקן די אַדעליקע „דאָניאַ ראָזאַליטאַ", און זי וועט זיך פֿאַרליבן אין אים און ווערן זיינע... פֿון דעם געדאַנק איז ער געוואָרן אַזוי באַגייסטערט, אַז ער האָט איר געענטפֿערט:

— אַך, גנעדיקע סעניאָראַ! עס וועט זיין אַ פֿאַרגעניגן צו אַרבעטן מיט אייך אינאיינעם... דעם אמת געזאָגט, איז מיר שוין דערעסן דאָס אַרומגיין ליי־דיק און דערצו נישט האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ ציוויליזירט וואָרט... איר האָט דעם פּלאַן אייערן ביי זיך, יאָ? גיט מיר אים, וועל איך דאָס דורכ־שטודירן...

זי האָט אים דערלאַנגט דעם בויגן פּאַפּיר, וואָס האָט אויף זיך געהאַט פֿיר

גלייך־געצויגענע ליניעס, וועלכע זענען געווירעט געוואָרן מיט אַ בלויען בליי־פעדער. אַ ביסל אָפּגערוקט איינע פון די אַנדערע זענען די שורות געווען אי־בערגעצאַמט מיט פּירקאַנטיקע קעסטלעך. צווי פון זיי — אונטערגעשטראָכן מיט שוואַרצע צייכנס, וואָס האָבן צו וויסן געגעבן, אַז דאָס זענען דער קלויס־טער און די שולע. אויף דער ערשטער „גאַס", וועלכע האָט אויסגעקוקט צו זיין אַ סך אַ ברייטערע איידער די צווייטע, איז געשטאַנען אַ רונדער קרייז מיט פּינטעלעך. הפּנים, אַז דאָס האָט געזאָלט זיין דאָס פּאַרקל.

דער אָפיציר האָט מיט זיינע גרויסע און שטעכיקע בליקן אַ ווילע אַריינ־געקוקט אין דעם פּאַפּיר, גוט באַטראַכט דעם שלעכט־געצייכנטן פּלאַן און אַנ־געוויזן:

— אַנטשולדיקט, דאַניאַ ראַזאַליטאַ. איר האָט דאָ געמאַכט אַ טעות. כאָטש פּאַר אַ פּרימיטיווער קאַלאַניע איז דער פּלאַן נישט אַזאַ שלעכטער. ווערליק די פּינטעלעך, שטייען ביי אייך גלייך סיי די הייזער און סיי די שולע מיטן קלויס־טער. איבערהויפּט דער קלויסטער דאַרף זיך, לויט מיין מיינונג, גאָר געפינען אין פּאַרקל און נישט אין גאַס גופא...

פון זיין באַמערקונג איז ראַזאַליטאַ געוואָרן איבערראַשט:

— אין פּאַרקל גאָר?

— אַוודאי אין פּאַרקל, — האָט דער אָפיציר געענטפערט מיט אַן אויטאָ־ריטאַטיוון טאָן אין קול און איר צוריקגעגעבן דעם בויגן פּאַפּיר. — איר פּאַר־שטייט, גנעדיקע דאַניאַ? אין פּאַרקל וועט דער קלויסטער אויסקוקן אַ סך אימ־פּאַזאַנטער סיי פּאַר אַ מענטשלעכן אויג און סיי פּאַר דעם אויסזען פון אייער געפּלאַנטער קאַלאַניע.

פּאַבלאָ דעל קאַרמענס לאָגישע אָנווייזונגען זענען ראַזאַליטאַן אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז זי האָט גלייך מיט אַ בלייפעדער אויסגעמעקט די צוויי קעסטעלעך פון די שורות און זיי אויף גיך אַריבערגעטראָגן טיף אין צוקונפטיקן פּאַרקל און בעת מעשה, אַ פּאַרזאָרגטע, געפרעגט דעם אָפיציר, וואָס איז מסתמא גע־ווען אַ קנאַפּער וויסער אין די זאַכן: — אָבער פון וואָס זאָל מען בויען די היי־זער: פון באַמבו־ביימער, אָדער פון אמתע קלעצער, צי גאָר פון שטיינער, וואָס זענען דאָ פאַראַן גענוג?

דער אָפיציר האָט אָנגענומען אַן ערנסטע מינע אויפן פּנים:

— איר ווייסט דאָך שוין, גנעדיקע דאַניאַ ראַזאַליטאַ, אַז פּאַר דעם זענען פאַראַן דריי וועגן. די פּאַטאַגאָניער בערג האָבן אַן אַ צאָל שטיינער, וואָלט מען זיי פון דאָרטן געקאָנט אַראָפּקייקלען אין טאָל און פון זיי אויפבויען אַ שטיי־נערנע קאַלאַניע... אויך קלעצער וואָלטן זייער גוט געווען. אָבער, ווי מיר דאַכט זיך, איז דאָך דאָ אַ האַלב־טראָפּישער קלימאַט. מאַכט נישט אויס, אַז מען זאָל די הייזקעס אויפשטעלן פון באַמבו־ביימער. ערשטנס וועט מען זיי זייער גרינג קאָנען אָנשניידן, צוזאַמענשטעלן און צונויפבינדן מיט אַזעלכע לאַנגע און

שטאַרקע גראָזן, וואָס וואַקסן אין די זומפּן אַנטקעגן טייך און צוויטנס, וואָלט דאָס צוזייפשטעלן די ווענטלעך און אויף זיי אַרויפוואַרפן די דעכער געגומען אַ קורצע צייט. דריטנס, מיין איך, אַז אַ באַמבוענע שטיבל וועט זיין בעסער צוגעפּאַסט פאַר דער וואַרעמער נאַטור פון דער היגער געגנט. מיר געפינען זיך איצט נישט ווייט פונעם דזשונגל און קיינעם וואָלט דאָך געוויס נישט איינגעפאַלן צו בויען אין דזשונגל קיין שטיבער פון שטיינער, אָדער פון בערוועגעס. אַזעלכע מאַטעריאַלן זענען צו־הייס פאַר אַ האַלב־טראָפּישן קלימאַט.

— יאָ, אָבער דעם קלויסטער מיט דער שולע קאָן מען דאָך פון באַמבוענע ביימער נישט בויען! דאָס וועט נישט זיין זיכער און שטאַרק גענוג פאַר די קינדער און פאַר די דאַוונער...

— אין דעם פּרט זענט איר גערעכט, מאַדאַם, — איז דער אָפיציר געוואָרן נאַכגיביקער. — די צוויי געביידעס וועט מען טאַקע מוזן אויפבויען פון שטיינער, אָדער פון קלעצער כדי „אייערע שילער" און די „פרומע דאַוונער" זאָלן זיין געזיכערט מיט זייערע לעבנס... אויב איר פאַרלאַנגט דאָס נאָר, וועט מען דאַרפן זאָגן די „פירער" פון דער באַנדע, אַנטשולדיקט, איך מיין פון דער קאָלאָניע וועגן אייער באַשלוס...

ביז שפּעט אין אָוונט איז ראָזאַליטאַ אַרומגעגאַנגען ווי אין אַ טראַנס. זי האָט סיי ביי זיך אין געדאַנק און סיי אויפן פּאַפּיר גופא טויזנט מאָל געמאָסטן און איבערגעמאָסטן יעדן דעטאַל פון איר פּלאַן און שפּעטער, אַז כוליטאָ איז אַריינגעקומען צו זיך אין ביידל, האָט זיין ווייבל שוין מער נישט געקאָנט האַלטן ביי זיך דעם גרויסן סוד און אַ באַגייסטערטע פון איר אויפטו, האָט זי צוגערופן איר מאַן צו זיך:

— זעץ זיך אַוועק לעבן מיר, מיין יינגל, איך וויל דיר עפּעס דערציילן.

כאָטש כוליטאָ איז שוין פון לאַנג געווען צוגעוווינט צו דעם, אַז ראָזאַליטאַ זאָל אים פּלוצים צורופן צו זיך און דערציילן עפּעס אַ ווייבערישע מעשה, וואָס האָט ביי אים אין די אויערן געקלונגען קינדעריש, דאָך איז ער איצט אַ געהאָרכזאַמער צוגעגאַנגען, אַוועקגעזעצט זיך אויפן ראַנד פונעם געלעגער און אַ פאַרדעכטיקן קוק געטאָן אויף איר צעשטראַלטן פּנים:

— וואָס איז, שוין ווידער עפּעס אַ מעשה?...

אין דער רגע איז זי אויפגעשפּרונגען פון געלעגער, צוגעגאַנגען צום ברעגנענדיקן לעמפּל און פאַר דעם געלבלעכן שיין געהאַלטן דעם בויגן פּאַפּיר מיט די פיל צייכנס:

— קום אַהער און קוק זיך איין!...

ער איז צוגעקומען צום לעמפּל, געקוקט פאַרשטאַרט אויפן פּאַפּיר. דאָרט געזען ווירעס מיט קעסטעלעך, פּינטעלעך און גאָרנישט פאַרשטאַנען:

— וואָס איז דאָס אַזוינס, וואָס ווילסטו דאָ מיר ווייזן?

— אַך, דו נאַרישער יינגל! האָסט טאַקע צונויפגענומען פעאָנען מיט סאָל־דאַטן צו גרינדן אַ פרידלעכע קאָלאָניע, אַז אַלע זאָלן קאָנען לעבן פון דער אייגענער מי. דאָס איז פון דיין זייט זייער אַ נאָבעלער טאַט. אָבער איך וויל אויך מיט עפעס באַהילפיק זיין. האָב איך אָט אויף דעם פאַפיר אָנגעצייכנט אַ פלאַן פאַר דעם. איך האָב דאָס שוין אַפילו געוויזן דעם אָפיציר און ער האָט געראַטן, אַז די קאָלאָניע זאָל מען בויען פון באַמבו־ביימער. נאָר די שולע פאַר די קינדער און דעם קלויסטער, וואָס איך האָב דאָ אָנגעמערקט, דאַרף מען אויפשטעלן פון אמתע קלעצער. איז דאָס דיר געפעלן?

דאָס, וואָס זיין ווייבל האָט זיך אַפריער וועגן דעם באַראַטן מיט פאַבלאָ דעל קאַרמען און נישט מיט אים, האָט כוליטאָן אַ שניט געטאָן ביים האַרצן. אין דעם גופא האָט ער צום ערשטן מאָל דערזען, אַז עס רוקט זיך אָן אַן אומ־פאַרמיידלעכער שטורעם אין זיין לעבן. אָבער כוליטאָ איז געווען אַ קלוגער מענטש און נישט אַרויסגעוויזן דאָס אין דער עפנטלעכקייט:

— איך דאַנק דיר וואָס דו אינטערעסירסט זיך אַזוי שטאַרק מיט דער קאָ־לאָניע... וואָס זאָל איך דיר דערויף זאָגן?... וועגן פלענער פאַרשטיי איך גאָר־נישט... אַגב האָב איך שוין, אָן דיין אָפיציר, געטראַכט, אַז נאָך היינטיקע וואָך וועל איך הייסן די מוטשאַטשאָס אָנהייבן בויען הייזער פון באַמבו־ביימער און אויב דו האָסט פאַרצייכנט ביי זיך אויף דעם פאַפירל, אַז דאָ מוז זיין אַ שולע פאַר די קינדער און אַ קלויסטער פון קלעצער, האָסטו דאָך געזען דעם גרויסן און געדיכטן וואַלד, וועט מען פון דאָרטן ברענגען אַ סך געהילץ, וואָס זאָל זיין גענוג נישט נאָר פאַר דעם, נאָר אויך פאַר ברעטער צו קאָנען מאַכן הילצערנע דילן, טישן, בעטן, בענקלעך און אפשר וועלן די דעכער פון די הייזער אויך זיין ברעטלדיקע. איך ווייס נאָך נישט אַקוראַט. מען וועט זיך אַפריער דאַרפן דורכרעדן מיט די בויער און סטאָליאַרעס, וואָס געפינען זיך סיי צווישן די סאָלדאַטן און סיי צווישן די עטלעכע שטאָטישע אַרבעטער.

כאָטש כוליטאָן האָט שטאַרק פאַרדראָסן זיין ווייבלס באַראַטן זיך אַפריער מיטן אָפיציר, און דער פאַרדרוס האָט זיך היפשלעך געפילט אין זיינע רייד, פון דעסטוועגן האָט ער אויף מאָרגן אין דער פרי פאַראָרדנט איינצושפאַנען פערד אין צען וועגענער. געהייסן די פעאָנען מיט די סאָלדאַטן מיטנעמען זעגן מיט העק. פיר פורן אַוועקגעשיקט אין דעם גרויסן וואַלד אָנצוהאַקן סיי דינע און סיי זייער גראָבע בערווענעס, דאָס ברענגען אַהער און די איבעריקע ווע־גענער מיט די מענטשן זענען אַוועקגעפאָרן צום באַמבועבעם וואַלד צו טאָן דאָס זעלבע.

דריי וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן די פורן געהאַלטן אין איין ברענגען קלעצער און בערוועבעס פון פאַרשידענעם דיק און דאָ אָנגעוואַליעט הויכע בערג מיט אמתן געהילץ און אַ ביסל אָפגערוקט פון די בערג, האָט מען אָנגעוואָרפן טוי־זנטער אָפגעהאַקטע באַמבו־ביימער וועלכע זענען שלאַבעריק געלעגן איינע אויף

די אַנדערע און געוואַרט ביז מען וועט פון זיי, מיט דער צייט, אויפשטעלן די ערשטע שטיבלעך פון דער קאָלאָניע.

ווען די רעשטן פון די סאָלדאַטן האָבן דערזען דאָס געהילץ און פאַרשטאַנען אַז כוליטאָס צוזאָג צו בויען אַ פרידלעכע קאָלאָניע איז טאַקע אַן אמת, זענען זיי געוואָרן אַזעלכע אַמביציעזע און וויליקע צו העלפן אין דער אַרבעט, אַז זיי האָבן שוין מער נישט געוואָלט טראָגן אויף זיך די מיליטערישע מונדירן, נישט געוואָלט, מען זאָל זיי אויף ווייטער רופן „סאָלדאַטן“ און קוקן אויף זיי ווי אויף פרעמדע. האָבן זיי זיך אָנגעטאָן אין לייוונטענע העמדער, אין שטרויענע סאָמברעראָס און דערמיט — געוואָרן גלייכע פּעאָנען מיט אַלעמען צו גלייך און איבער דעם נייעם לאַנד האָבן זיך צעטראָגן די ערשטע אָפּהילכן פון זעגן מיט העק.

איבער אַ פּאָר וואָכן האָבן די בויער מיט זייערע שאַרפע העק אַרומגעטשעשעט די בערוועגעס, אָפּגערייניקט די באַמבו־ביימער, וואָס האָבן איצט אויסגעזען ווי לאַנגע, געלע שטעקנס. דאָס אַלץ האָבן דערנאָך אַנדערע מענער צוגעשניטן צו דער געהעריקער מאָס. דערווײַלע אָבער, האָבן אַ פּאָר צענדליק פּעאָנען, אונטער דער אויפזיכט פון ראַזאַליטאַן מיט דעם אָפּיציר און כוליטאָן, מיט גראַבאײַזנס אָפּגעגראָבן דאָס גראָז פון די קוואַדראַטנע, אָפּגעמאָסטענע שטיקלעך באָדן און אין דער נאַקעטער ערד אַרײַנגעקלאַפּט קליינע פּלעקלעך, וואָס האָבן אָנגעצייכנט די ברייט און די לענג פון יעדן שטיבל באַזונדער, וואָס מען האָט דאָ אויף די ערטער געזאָלט אויפשטעלן.

די אַרײַנגעקלאַפּטע פּלעקלעך אין די קוואַדראַטן ערד האָט מען אַרומגעצויגן מיט דינע שטריקלעך און אין אַלע פיר עקן אויסגעגראָבן טיפע גריבער. אַהין אַרײַנגעשטעלט שטאַמען פון אַרומגעטשעשעטע ביימער און דאָס אַזוי אײַנגעטאָפּטשעט און אַרומגעקלאַפּט, אַז זיי זאָלן נישט קאָנען אומפאַלן אַפילו אין דעם שטאַרקסטן ווינט. די דאָזיקע קוואַדראַטן האָבן זיך געמערט פון שעה צו שעה, פון טאָג צו טאָג און גאָר אין גיכן האָט מען שוין געקאָנט פאַרשטעלן זיך די צוויי לאַנגע און ברייטע גאַסן, וואָס וועלן לויפן צווישן די צוקונפטיקע שטיבלעך.

נאָך די ערד־אַרבעטער זענען אָנגעקומען מחנות פּרימיטיווע בויער און מיט פּעאָנישער געשיקטקייט אין די הענט — אַרומגעכאַפּט די אַרײַנגעזעצטע סלופּיקעס, פון אויבן און פון אונטן מיט לאַנגע דרענגלעך וואָס זענען צוגעשלאָגן געוואָרן מיט לאַנגע טשוועקעס. דערנאָך האָבן אַנדערע פּעאָנען דערלאַנגט די „בויער“ אין די הענט די באַמבועַנע שטעקנס, וועלכע מען האָט צוגעדריקט איינס צום אַנדערן און צוגעבונדן מיט אַזעלכע לאַנגע און שטייפע גראָזן, וואָס זענען געווען נאָך שטאַרקער פון רימענס. אין איין זייט האָבן די „בעלי־מלאכות“ מיט די זעגן אויסגעשניטן אַ „פענצטער“ און אין דער אַנדערער — אַן עפענונג פאַר אַ טיר, און ווען אַלע פיר ווענטלעך זענען שוין גע־

שטאַנען צוגעפּעסטיקט צו די שטאַנגען, האָבן די „בויער" פון אויבן אָוועקגע־שטעלט צו פיר סקאָסנע קראָקוועס מיט נאָך צוויי דרענגער פון ביידע זייטן. אויף דעם האָבן זיי אין אַ פּאָר שעה אַרום אַרויפגעזעצט אַ באַמבוענעם דאַך, וואָס האָט צווישן יעדע צוויי פלעקענער געהאַט אַ דריטן און אַזוי אַרום פאַר־לייגט די שפּאַרונעס, אַז ווען עס וועט אָנקומען דער טראָפּישער רעגן־סעזאָן, זאָל נישט דורכרינען דורכן דאַך און אין דעם נייעם לאַנד איז געבוירן גע־וואָרן די ערשטע סאַמאַראַדנע שטיבל.

אַז איינער פון די עלטערע אינדיאַנער האָט דערזען די באַמבוענע, אויפ־געשטעלטע שטיבל, האָט ער געזאָגט צו די „בויער", אַז דאָס איז נישט גוט. ווייל דער היגער קלימאַט איז אַן אַפּנאַרערישער. מחמת פון די הויכע און פאַרשנייטע אַנדן־בערג קאָן צו יעדער צייט אַ בלאָז טאָן אַזאַ מעכטיקער ווינט, מיט אַזעלכע קעלטן, אַז די באַמבוענע שטיבלעך וועלן דאָס נישט קאָנען אויס־האַלטן און די קעלט וועט דורכדרינגען פון צווישן די שפּאַרונעס אין די שוואַ־כע ווענטלעך. אָבער קיינער האָט זיך צו זיינע רייד נישט צוגעהערט און די בויער זענען אָנגעגאַנגען מיטן אויפשטעלן אַנדערע שטיבלעך.

קיינע אויוונס אָדער הרובעס זענען אין די אַרגענטינער שטיבלעך נישט פאַראַן. דאָס נעמט זיך פון דעם כמעט שטענדיקן וואַרעמען קלימאַט, ווו די מענטשן עסן און קאָכן אין דרויסן און די קאָלאָניע איז אין דעם פּרט קיין אויס־נאָם נישט געווען. זענען די באַמבוענע שטיבלעך געוואַקסן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן און איבערהויפּט, אַז אַרום צוויי הונדערט פּעאָנען האָבן זיך פלייסיק אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט און די זייטן, פון ביידע „גאַסן", וואָס ראַאַליטאַ האָט אָנגעצייכנט אויף איר פּלאַן, זענען אין עטלעכע חדשים אַרום באַזעצט געוואָרן מיט לאַנגע רייען פּאַרטיקע כאַלופּקעס. אמת, דאָס אויפבויען דעם קלויסטער און דערנאָך די שולע האָט טאַקע גענומען איבער זעקס מאָנאַטן. מחמת די געביידעס האָט מען אויפגעשטעלט פון גראָבע בערוועגעס, מיט היל־צערנע דילן און אמתע טירן, וואָס מען האָט דערווייל אויפגעהאַנגען אויף גראָבע שטיקלעך רימענס אַלס „זאַוויעסעס", אַז די טירן זאָלן זיך קאָנען עפע־נען און פאַרמאַכן כדי אַ שטורעם, צי אַ שלאַקס־רעגן זאָל אַהין זיך נישט אַריינרייסן און נאָך אַ סך שווערער האַרעוואַניע, איז צווישן ביידע קייטן בערג סוף־כל־סוף אויפגעגאַנגען כוליטאָס אויסגעהלומטע, פרימיטיווע, באַמבוענע קאָלאָניע.

ביים סאַמע עק פון דער צווייטער גאַס האָט דערווייל דער געזונטער לאַ־פּעז, צוזאַמען מיט דעם סאַלדאַטסקן שמיד, אויף פיר סלופּעס אַרויפגעוואָרפן אַ דאַך. דריי זייטן האָבן זיי אַרומגעשטעלט מיט באַמבוענע ווענטלעך. נאָך דעם — אויף צוויי קיילעכדיקע דעקן מיט טשוועקלעך אַרומגעקלאַפּט די פּאָר בהמהשע צוזאַמענגענייטע פעלן. אין איינער פון די דעקן אַריינגעזעצט אַ „מויל" צום בלאָזן. אויף דער אַנדערער צוגעטשעפּעט אַ לאַנגן שטעקן מיט אַ

רימענער, אַראָפּהענגענדיקער הענטל און דערפֿון געמאַכט אַ „בלאָזזאַק“, וואָס די יונגען האָבן צוגעקרעמפּעוועט צו אַ שווערן, פּירקאַנטיקן שטיין, וואָס האָט אויך דאָ געדינט ווי אַ „קאָוואַדלע“ און די נייע קאָלאָניע האָט באַקומען אַן אייגענע קוזניע מיט געשיקטע און גוטע שמידן פֿאַר אַלע היגע באַדערפֿענישן.

אַז די קאָלאָניע איז פֿאַרטיק געוואָרן, איז די באַגייסטערונג פֿון די פּעאָנען מיט ביסל וויבער, געווען אַזוי גרויס, אַז זיי זענען צוזאַמען מיט כוליטאָן און ראָזאַליטאַן, געגאַנגען פֿון שטיבל צו שטיבל, פֿון איין גאַס צו דער אַנדערער און מיט צעשטראַלטקייט אין די אויגן באַטראַכט די פּרוכט פֿון זייער מי, און פֿון גרויס פֿרייד אַפֿילו קיין וואָרט נישט געקאָנט אַרויסרעדן. נאָר ווען מען האָט זיך גוט צוגעקוקט צו די מענטשן, האָט מען זייער גרינג געקאָנט זען, אַז ביי אַלעמען אין די אויגן זענען געשטאַנען טרערן. מיט אָט די טרערן האָט זיך קיינער נישט געשעמט. אָבער פֿון צייט צו צייט האָט דער אָדער יענער מיט די אומריינע פֿינגער, צי גאָר מיטן אַרבל פֿון זיין העמד אויסגעווישט זיך די אויגן און יעדערער האָט אויף זיין שטייגער געדאַנקט גאָט, וואָס די אַרבעט פֿון אויפֿבויען אַ קאָלאָניע האָט זיך זיי פֿאַרט איינגעגעבן.

די ערשטע זאַך, וואָס די שמידן איז אויסגעקומען צו טאָן, איז צו נעמען פֿיר ברייטע זעגן. צו איין ברעג פֿון יעדער זעג האָבן זיי אָנגעגליט אינעם פֿייער און פֿון דעם צוזאַמענגעשמאָלצן צוויי לאַנגע זעגן מיט הילצערנע הענטלעך ביי די סופֿן. די מיטנס פֿון אָט די לאַנגע זעגן האָבן די שמידן דערנאָך אַ לאַנגע צייט געפֿיילט מיט דרייקאַנטיקע פֿיילן און אויסגעשליפֿט גרויסע ציינער, וואָס זענען געווען אַזעלכע שאַרפֿע ווי די אַנדערע.

לעבן די אָנגעוואָרפֿענע בערג מיט קלעצער האָט מען אויפֿגעשטעלט פֿיר הויכע „קאָזלעס“ און אויף יעדע פּאָר „קאָזלעס“ אַרויפֿגעהויבן אַ שווערע בערווענע. צוויי פֿון די יונגע און געזונטע זעגער, מיט ברייטע, שטרויענע סאָמבּרעראָס אויף די קעפּ האָבן זיך געשטעלט איינער פֿון אונטן, דער אַנדערער איז אַרויף אויף דער בערווענע און מיט דער גרויסער זעג אָנגעהויבן צו פֿונאַנדערשניידן די בערווענעס אויף ברעטער. פֿון אָנהייב איז די דאָזיקע אַרבעט געפֿאַלן זייער שווער. אָבער וואָס לענגער די יונגען האָבן געאַרבעט, אַלץ גרינגער איז דאָס געוואָרן און אין עטלעכע טעג אַרום איז דער זעגער, וואָס איז טעג נאָכאַנאַנד געשטאַנען אין דער הויך אַזוי פֿאַרברוינט געוואָרן פֿון דער זון, אַז מען האָט אים כמעט נישט געקאָנט דערקענען. אָבער דערפֿאַר איז דער זעגער פֿון אונטער די קלעצער געוואָרן אַזוי פֿאַרשאָטן מיט „פּילקע“, אַז אַ חוץ זיינע אויגן, האָט מען זיין פּנים אין גאַנצן נישט געקאָנט זען.

כאָטש מיט דער בויאונג האָט די גאַנצע צייט כמעט אָנגעפֿירט ראָזאַליטאָ. מחמת כוליטאָ האָט אין דעם קיין גרויסע אַנונג נישט געהאַט און מער אָפּגעגעבן זיך מיט דעם אינערלעכן לעבן פֿון דער קאָלאָניע, איידער מיט דעם

דרויסנדיקן. איז אָבער דער אָפיציר פאַבלאָ דעל קאַרמען, שוין איצט אַן זיין מעשענער קאַסקע און אַפילו אָן זיין בלויען מונדיר אויף זיך, ממש נישט אָפגעטראָטן פון דער שיינער און אַריסטאָקראַטישער ווייבל, און געזען, אַז איר פלאַן זאָל אויסגעפירט ווערן אַזוי פינקטלעך און די שטיבלעך זאָלן שטיין אַזוי סימעטריש אין גלייכע ליניעס, ווי ראָזאַליטאַ האָט לכתחילה געהאַט אָנגעצייכנט ביי זיך אויף דעם ווייסן בייגעלע פאַפיר.

נאָר ראָזאַליטאַ האָט אים נאָך אַלץ נישט געקאָנט פאַרליידן און אַלס פרוי, האָט זי אינסטינקטיוו געוווסט, אַז מיט זיין נאָכגיין אירע טריט, איז דער חוצפהדיקער אָפיציר נישט אַזוי אויסן געווען „די הגדה ווי די קניידלעך", אַז ער עסט איר נאָך אַלץ מיט זיינע צינישע בליקן... אָבער, הפנים, אַז דאָס האָט איר אַ ביסל יאָ געשמייכלט, וואָס אַזאַ מאַן, וואָס האָט פאָרט געהאַט אַ געוויסע מאָס בילדונג און דערצו נאָך אַ לייטענאַנט אין דער אַרמיי, שלעפט זיך איר נאָך, ווי אַ געטרייער הונט, וועלכער קוקט כסדר אויף איר מיט בעטנדיקע אויגן און דערוואַרט, אַז די באַלעבאָסטע זאָל אים כאָטש צווואַרפן אַ טרוקענעםביינדל...

אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זיין, מוז מען צוגעבן, אַז אַ ביסל הילף האָט ער איר יאָ געגעבן. דאָס איז געווען דעמאָלט, ווען אַלע כאַטקעס זענען שוין געשטאַנען גרייטע, פאַרטיקע, מיט צוזאַמענגענייטע שטרויענע „ראָלעטן" אויף די פענצטער, וואָס האָבן קיין גלאָז נישט געהאַט און די דאָזיקע „ראָלעטן" זענען געווען געמאַכט אַזוי, אַז מען זאָל זיי קענען אַראָפלאָזן אָדער אַרויפציען אויף אַרויף, האָט פאַבלאָ דעל קאַרמען לעבן אַ באַנק אַוועקגעשטעלט אַ טישל, וואָס די סטאָליאַרעס האָבן שוין באַוויזן אָנצובויען אַ סך אַזעלכע, און געהייסן דעם פעאָנישן עולם אַוועקשטעלן זיך אין אַ לאַנגער ריי פאַר דעם טישל. דערנאָך האָט ער יעדן פעאָן באַזונדער צוגערופן, געפרעגט ביי זיי די נעמען, דאָס פאַרשריבן אויף אַ פאַפיר און אָנגעוויזן אין וועלכער כאַטקע אַריינצוקלייבן זיך.

דאָס אויסטיילן די שטיבלעך איז צוגעגאַנגען גלאַט און גיך. דערביי איז מען נישט געווען איבערקלייבעריש און קיינעם איז אַפילו נישט איינגעפאַלן מיט אַ וואָרט צו געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז יענץ שטיבל געפעלט דעם צי יענעם בעסער, איידער די וועלכע מען האָט אים געגעבן. צופרידענע האָבן זיך די פעאָנען אַריינגעקליבן ווו מען האָט זיי אָנגעוויזן און אַהין אַריבערגעפעקלט זייערע זאַכן. אָבער, ווען עס איז געקומען צו די עטלעכע גאַסן־פרויען און די פאָר אלמנות מיט זייערע קינדער, איז געוואָרן אַ צרה, ווייל זאַלבע צווייט אין איין שטיבל האָבן זיי נישט געוואָלט וווינען און געבן יעדער איינער אַ באַזונדערע כאַטקע, זענען נישט געווען גענוג שטיבלעך.

איז כוליטאָ געפאַלן זייער אויף אַן אָריגינעלן פלאַן, וועגן וועלכן ער האָט זיך אַפריער דורכגערעדט שטילערהייט מיט ראָזאַליטאַן, און בלויז ווען זי איז אויף דעם איינגעגאַנגען, האָט ער זיך מיט אַ מאָל געווענדעט צו די פעאָנען

וואָס זענען געווען אין די פערציקער יאָרן און העכער און ער האָט צו זיי אָנ־געהויבן רעדן:

— האָמברעס! באַקלערט זיך אַליין, אַז דעם גאַנצן לעבן וועט איר דאָ דאַרפן לעבן אין עלנטקייט און איינזאַמקייט און אַפילו נישט האָבן ווער עס זאָל אייך, אין אַ נויט, עפּעס אָפּקאָכן, פאַרריכטן די פּאַנטאַלאָנעס, אויסוואַשן אַ העמד, צי דערלאַנגען אַ טרונק וואַסער. אָדער דורך די לאַנגע ווינטערדיקע נעכט נישט האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. איצט האָט איר אייגענע היימען. מיט דער צייט וועלן די סטאָליאַרעס אויסאַרבעטן אַזוי פיל מעבל, אַז זיי וועלן דאָס אַריינשטעלן אין אייערע שטיבער. איז צוליב וואָס טויג דאָס אייך צו זיין אַליין און לעבן בלויז מיט די פיר ווענט? וואָרום זאָלט איר בעסער נישט נעמען איינע פון די פרויען פאַר אַ ווייב און אויף די עלטערע יאָרן נישט דאַרפן זיין עלנט. איר ווייסט דאָך, אַז אינאיינעם איז דאָס לעבן אַ סך גרינגער און בעסער... איר זעט דאָך, מיר האָבן אויפגעבויט אַ שיינעם קלויסטער, מיט אַן אַלטאַר און אַ סך בענק צום זיצן. איר קאָנט דאָך אַלע אונדזער גלח. איז פאָלגט מיך, זאָל זיך יעדערער פון אייך אויסקלייבן וועלכע פרוי איר ווילט. גייט מיט איר אַריין אין קלויסטער. דאָרטן וועט דער גלח דורכפירן אַן אַלגע־מיינע חתונה. דערנאָך וועלן מיר פּראַווען אַ פריילעכע פיעסטאַ און איך פאַר־זיכער אייך, אַז איר וועט מיר דאַנקען דערפאַר. טוט דאָס גלייך, דער טאָג שטייט נישט אויף אַן אָרט...

די פעאָנען, צו וועמען כוליטאַ האָט זיך פריִער געווענדעט, האָבן זיך פון אָנהייב אַ ביסל אי געשעמט, אי געקווענקלט, און אַ לאַנגע צייט געטראַכט וועגן דעם סטעפּ־יונגס פאָרשלאַג, וואָס איז געקומען צו פלוצים און צו אָפן. אָבער סוף־כל־סוף האָט זיך יעדערער פון זיי דערטראַכט צום אמת, אַז צו האָבן אַ שטוב אָן אַ ווייב האָט נישט קיין זין און עס איז טאַקע קיין תכלית נישט אַליין צו רייניקן די דילן און וואַשן גרעט. האָבן די מענער אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום די פרויען, ווי העגער אַרום הינער. מיט פאַרשנדיקע בליקן האָבן זיי באַטראַכט די ווייבער, פּונקט ווי ערשט איצט, וואָלטן די פעאָנען זיי דערזען צום ערשטן מאָל און ווען איינע איז געפעלן געוואָרן, איז דער זכר אָן קיין שום קונצן צוגעגאַנגען צו איר, זי אָנגענומען ביי אַ האַנט און נישט גע־פרעגטערהייט, צי ער איז איר אויך געפעלן, אָדער נישט — מיט איר אַוועק־געגאַנגען אין קלויסטער, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק און מיט אומגעדולד געוואַרט ביז די אַנדערע „באַשערטע פאָרלעך" זענען אויך אַריין אַהין.

דעמאָלט איז ווי אויסגעוואַקסן אויפן אַלטאַר דער אַלטער אַנדרעס, וועל־כער האָט גראָד יאָ געהאַט אַ ווייב און געוווינט מיט איר הינטער אַן אָפּצאַם אין קירך גופא. אַן אָנגעטוענער אין דער ברוינער זשופּיצע, מיטן בלעכענעם, פאַרזשאַווערטן צלמל, וואָס האָט זיך געבאַמבלט ביי אים אויף אַ לאַנגן, שוואַרצן שנירל, האָט ער כלומרשט צעעפנט דעם שוואַרצן „סידורל", אַ ווייל אַריינגע־

קוקט אַהין. דערנאָך באַטראַכט די עלטערע פּעאָנען מיט זייערע „באַשערטע" און גלייך אָנגעהויבן דרכפירן די חתונה־צערעמאָניע:

— איר, פּעאָנען פון דער פרידלעכער קאָלאָניע וואָס רופט זיך כוליטאָ, נעמט די דאָזיקע פרויען פאַר אייערע ווייבער?

— סי, פּאַדרע! — האָבן אַלע זכרים געענטפערט פאַר אַ מאָל. אָבער אין זייערע שטימען האָט זיך געהערט אַן אומזיכערקייט, פּונקט ווי די מענער וואָלטן נישט געוווּסט וואָס זיי טוען.

— און איר, פרויען, — האָט זיך דער „גלח" געווענדט צו די ווייבער מיטן זעלביקן טאָן אין זיין קול, — איר ווילט נעמען די האָמבּרעס פאַר אייערע מענער ביז איר וועט שטאַרבן?

— סי, פּאַדרעסיטאָ! — האָבן די נשים געענטפערט מיט זעלבסט־זיכער־קייט און שמייכלענדיקע אויגן.

אַ צופרידענער סיי פון זייערע ענטפערס און סיי פון דעם, וואָס ער פירט איצט דורך די ערשטע חתונה אין דעם נייעם קלויסטער און דערצו נאָך פון אַזוי פיל מענער און פרויען צוזאַמען, האָט דער „גלח" פאַרגלאָצט די אויגן צום סופיט און פאַרגעזעצט:

— אין נאָמען פון דעם הייליקן גייסט, יעזוס קריסטוס און אויך אין נאָמען פון דער פרידלעכער קאָלאָניע „כוליטאָ", דערקלער איך אייך אַלעמען פאַר געזעצלעכע מאַן און ווייב. אָבער צו די מענער, וועלכע האָבן איצט גענומען פאַר ווייבער די אַלמנות וואָס האָבן קינדער, וויל איך זאָגן און טאַקע בעטן, אַז איר זאָלט האָבן גאָט אין די הערצער און שטענדיק געדענקען, אַז די אמתע טאַטעס פון די קינדער זענען געפאַלן אין קאַמף פאַר אונדזער אַלעמענס באַ־פרייונג. איז זעט, אַז איר זאָלט זיין צו זיי גוטע טאַטעס און היט זיי אָפּ ווי אייגענע קינדער, וויל ערשטנס איז דאָך אויף זיי אַ רחמנות און צווייטנס, דאַרפן מיר וויסן, אַז די קינדער זענען דאָך דער גאַנצער צוקונפט פון אונדזער קאָלאָניע...

פון גרויס פרייד, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן אויפצוטאָן אַזאַ גרויסע זאַך, איז כוליטאָ צוגעלאָפן צום שטריק, וואָס איז אַרונטערגעהאַנגען פון „קאַ־פּאַל" און מיט אימפּעט אָנגעהויבן אים צו ציִען. דער גלאָק האָט זיך צעקלונ־גען מיט קורצע, אָבער דאַכט זיך, מיט פריילעכע קלאַנגען און אָנגעזאָגטביידע בערג־קייטן, דעם טיפן טייך, די ברייטע און לאַנגע פּאַסן ערד און די פערד מיט די בהמות, וואָס האָבן זיך אויף איר געפּאַשעט און אַפילו אַלע פויגלען אין דער לופטן, אויף די צווייגן אין די וועלדער, אַז אין דער נייער קאָלאָניע איז איצט אָפּגעריכט געוואָרן די ערשטע חתונה צווישן פאַרוואָגלטע און עלנ־טע מענטשן.

אויף דעם רוף פון דעם גלאָק, האָבן זיך אַרום דעם קלויסטערל צונויפ־געקליבן אַלע פּעאָנען פון דער קאָלאָניע און די יונגען האָבן געזען, ווי פון

דער קירך זענען אַפּריִער אַרויס די פּרויען, וואָס האָבן געהאַט אַזעלכע צע־שטראַלטע פּנימער, פּונקט ווי מיט זיי וואָלט געטראָפן דער גרעסטער גליק אין דער וועלט. הינטער זיי האָבן זיך ווי נאָכגעשלעפּט די מענער מיט אַרונטער־געלאָזטע קעפּ און זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטן איצט נישט געגאַנגען פון זייער חתונה, נאָר צו זייער שחיטה. אָבער דער פריילעכער עולם האָט זיי אַלעמען באַגעגנט מיט הילכיקע אויסגעשרייען: „הוראַ!". איינס און צוויי האָט זיך פון דעם פאַרזאַמלטן המון פאַרמירט אַ גרויסער ראָד. איינער האָט אַרויפגעלייגט זיין האַנט אויף דעם אַנדערנס אַקסל און אַזוי אַרום אַוועק־געגאַנגען אין אַ חתן־כלה טאַנץ.

נאָך פריִער אַ ביסל איז ראַזאַליטאַ געשטאַנען אין קלויסטערל און דאָרטן איינגעקוקט זיך אין דער ווילדער סצענע: ווי אַזוי ערלעכע און האָרעפּאַשנע פּעאָנען זענען אַריינגעפאַלן אין די ווייבערישע פּאַסטקעס און זי האָט זיך פאַר־שעמט דערמיט, וואָס אויך זי איז אַ פרוי. דערנאָך איז זי אַרויס אין דרויסן און געזען דעם פּרימיטיוון, עקזאָטישן חתן־כלה טאַנץ, מיט וועלכן די יונגע, אומפאַרהייראַטע פּעאָנען זענען מקבל־פּנים געווען די נייע פאַרלעך און זי האָט זיך דאָ דערפילט ווי אַן איבעריקע, ווי זי וואָלט געקומען גאָר פון אַן אַנדער וועלט און געוואָלט וואָס גיכער אַנטלויפן פון דאַנען. נאָר באַלד האָט זי זיך באַרעכנט, אַז אייגנטלעך האָט דאָך כוליטאָ מיט אָט דעם אַקט גאַנץ גע־מאַכט אַזוי פיל עלנטע נשמות, אַז זי אַליין האָט דאָך פריִער געעצהט איר מאַן דאָס צו טאָן און פון דעם געדאַנק, האָט די ציוויליזירטע און אינטעליגענטע ווייבל דערזען, אַז מיט דעם אַליין, וואָס כוליטאָ האָט איצט אויפגעטאָן, איז ער אויסגעוואַקסן מיט טויזנטער קעפּ העכער פון איר גופא. איז זי ווי אַ פאַר־שולדיקטע צוגעגאַנגען צו אים און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר פאַר דעם, וואָס דו האָסט איצט געטאָן.

— וואָס אַזוינס האָב איך דען געטאָן? — האָט ער זי געפרעגט נאַיִוו און נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס ראַזאַליטאַ האָט אים געדאַנקט.

— וואָס הייסט? — האָט זי געענטפערט. — מיט דיין טאַט האָסטו גאַנץ געמאַכט אַזוי פיל צעבראָכענע לעבנס און געגעבן זיי אַן אינהאַלט און אַ זין...

כוליטאָ האָט זיך גאָר פאַרגעסן וועגן דעם, אַז אויף זיין עצה האָבן די דאָזיקע מענטשן חתונה געהאַט. האָט ער אַ ווילע אָנגעקוקט זיין ווייבל אַ פאַר־וווּנדערטער. נאָר ווען זי האָט דאָס אים דערמאָנט, האָט ער דעם גאַנצן ענין אַוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אַוועקגעפירט דעם שמועס אויף אַן אַנדער טעמע:

— נו, ווי געפעלט דיר עפּעס אונדזער נייע היים?... האָסט כאָטש געזען ווי צוליב אונדז האָבן די בויער אויפגעבויט צוויי גרויסע צימערן מיט הילצערנע דילן? וואָס שווייגסטו?... פאַרוואָס זאָגסטו גאָרנישט וועגן דעם?...

— דו הערסט, מיין ליבער יִנגל? — האָט זי אים מער נישט געלאָזט

רעדן. — מיר געפעלט בעסער די ברייטע בעט, דער אַלמערל מיט דעם קאַ־מאָד, דער־טיש מיט די שטולן און דער בופעט, וואָס די סטאָליאַרעס האָבן גע־מאַכט און אַריינגעשטעלט אַהין. וואַרט, דו וועסט זען ווי איך וועל די צימערן אויספּוצן. פון אונדזער שטיבל וועט ווערן אַן אמתער פּאַלאַץ!...

— הייסט דאָס, אַז דו ביסט יאָ צופרידן?

— ניין! נאָך נישט אין גאַנצן, — האָט זי זיך צוגערוקט צו אים אַזוי נאָענט, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט, אַז נישט זי, נאָר איר ברי׳ענדיקער קערפּער זאָל אים דערציילן הלמאי זי איז נישט אין גאַנצן צופרידן מיט דעם נייעם איינשטעל.

— וואָס איז? עס פעלט דען דאָרטן עפּעס, — האָט ער אַ פאַרחידושטער געפרעגט. — מיר דאַכט זיך, אַז די בויער האָבן ספּעציעל פאַר אונדז געמאַכט דריי פענצטער, כדי אין די היצן זאָל דאָרטן זיין לופטיק. קיינער, אויסער אין דעם קלויסטער מיט דער שולע, האָט נאָך נישט קיין הילצערנע דילן און מיר האָבן שוין אַפילו געקראַגן די ערשטע שטיקער מעבל, וואָס די סטאָליאַרעס האָבן אויפגעבויט פון דעם היגן האָלץ. איז וואָס נאָך האָסטו געוואָלט?...

— דו ביסט זייער אַ גוטער און אַ קלוגער און דאָך פאַרשטייסטו נישט דיין אייגענער ווייב.

— וואָס פאַרשטיי איך דאָ נישט?

— אין שטוב פעלט אַ קינד... איצט פאַרשטייסטו שוין וואָס איך מיין, דו נאַרישער יינגל?

— איז פאַרוואָס האָסטו דאָס מיר ביז איצט נישט געזאָגט?... איך אַליין האָב אויך ליב קינדער.

— איך האָב זיך דיר דאָס געשעמט צו זאָגן. נאָר איצט, אַז מיר האָבן שוין אַן אייגענע היים, ווייל איך האָבן אַ קינד, וואָס זאָל זיין געראָטן אין גאַנצן אין דיר און אויספילן די צייט פון דער לאַנגווייליקייט און אומעט, וואָס כאַפּט מיך אָפט אַרום...

פון אירע לעצטע רייד איז כוליטאַן אומעטיק געוואָרן. מיט אַ מאָל האָט ער זיך עפּעס דערפילט ווי אַ שולדיקער און אַקוראַט נישט געוווסט אין וואָס דער „עפּעס" איז באַשטאַנען. דעריבער האָט ער גייענדיק מיטן ווייבל, דורך דער ברייטער גאַס, אָנגעהויבן רעדן צו איר מיט געפילנקייט אין קול:

— עס טוט מיך זייער לייד, וואָס דיר איז דאָ אַזוי אומעטיק און לאַנגוויי־ליק אין מיין געזעלשאַפט... איך האָב דיר אַלע מאָל געזען אַ פרישע און אַ מונטערע און איך האָב גערעכנט, אַז דיין פריילעכקייט האָט זיך גענומען דערפון, וואָס מיר זענען מאַן און ווייב. איצט זע איך איין, אַז איך האָב הפּנים געמאַכט אַ טעות אין רעכענונג. אפשר האָב איך דיר טאַקע נישט געדאַרפט אַוועקנעמען פון דיין רייכער היים און פון דיין קלאַס מענטשן. איצט פאַרשטיי איך אויף קלאָר, אַז מיט דיינס גלייכן וואָלסטו זיך בעסער געקאָנט אויסלעבן איידער מיט

אַ פּראָסטן פּעאָן, וואָס פאַרשטייט נישט דיין הויכן לשון און באַנעמט נישט דיין סאָרט דענקען און טראַכטן. גלייב מיר, איך פאַרשטיי זייער גוט, אַז דער ווילדער גאַנג פון די פּעאָנען איז דיר פריקרע, פרעמד און אָפּשטויסנדיק, אַז דו האָסט דאָ נישט מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט. פאַרשטייט זיך, אַז איך באַשולדיק דיר נישט אין דעם, נאָר זיך אַליין... כ'האָב דאָס אַפּריער געדאַרפט וויסן און איך האָב קיין רעכט נישט געהאַט צו ברענגען דיר אַהער. פאַרגיב מיך, טייערע. דעריבער, אויב דו וועסט ביי זיך באַשליסן, אַז דאָס לעבן איז פאַר דיר דאָ שווער, וועל איך דיר צוריק ברענגען צו דיינע עלטערן אין דער האַסיענדאַ...

ראַזאַליטאַ האָט דערזען, אַז אין כוליטאָס קעגנוואָרט האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַזעלכע ווערטער, וואָס זי האָט קיין מאָל נישט געטאָרט אַרויסלאָזן פון מויל און עס וואָלט שוין אפשר לאַנג נישט גענומען און איר שיינער כוליטאָ, וועמען זי האָט ליב געהאַט אַזש ביז צו משוגעת, וואָלט אין זיין אימפּולסיוועקייט גלייך געהייסן אָנזאָטלען עטלעכע פערד און אָוועקפירן איר צוריק אַ היים צו איר טאַטע־מאַמע. יאָ, זי האָט געוווּסט, אַז זי האָט אומזיסט פאַרקאָכט אַ קאַשע. נאָר צוריקכאַפּן דאָס איז שוין געווען צו־שפּעט. אַגב, איז דאָס צוריקציִען אירס אַ וואָרט, אָדער אַ באַשלוס — געווען קעגן איר כאַראַקטער. דערפאַר האָט זי איצט גאָר אָנגעוווּנדט דעם אַלטן, ווייבערישן מעטאָד און פאַרענטפערט זיך פאַר אים:

— אַי, דו נאַרישער יִינגל מיינער! פאַר וואָס רעדסטו אַזעלכע רייד? דו האָסט דאָך מיר נישט געצוווּנגען צו קומען אַהער און ווערן דיין ווייב!... אַוודאי האָב איך געהאַט מעגלעכקייטן חתונה צו האָבן מיט אייגנטימער פון גרויסע האַסיענדאָס, אָדער מיט געלערנטע יונגע לייט וואָס האָבן ביי אונדז אָפּגעשלאָגן די שוועלן. אָבער קיינעם פון זיי האָב איך נישט ליב געהאַט. איצט קאָן איך דיר פאַרטרויען אַ סוד, אַז שוין דעמאָלט, ווען דו ביסט געקומען צו אונדז אין דער האַסיענדאַ, בין איך מיט אַ כיוון אַריין אין שטאַל כדי דו זאָלסט זיך אין מיר פאַרליבן, אַזוי ווי איך האָב דיר ליב געהאַט פון דעם ערשטן מאָל אָן און איך האָב געוואָלט, אַז דו זאָלסט מיר מיטנעמען מיט זיך, אַז שוין דעמאָלט האָב איך באַשלאָסן צו גיין מיט דיר וווּהין דו ווילסט און קיין מאָל נישט אומקערן זיך צוריק צו מיינע עלטערן און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז אַ מענטשן זאָל אַ מאָל ווערן אומעטיק. טאַקע דערפאַר וויל איך האָבן פון דיר אַ קינד, דו פאַרשטייסט?...

כוליטאָ, וואָס איז פריִער געווען אַ ביסל אומעטיק דערפון, וואָס אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי האַלט זיך גרעסער פון אים מיט איר ציוויליזירטקייט און אינטעליגענץ, האָט זיך איצט באַטראַכט, אַז אפשר האָט ער געמאַכט אַ טעות. איבערגעכאַפּט די מאָס און גערעדט צו איר צו גראָב און צו שטרענג און גראָד געוואָלט זאָגן, אַז אים פאַרדריסט זייער שטאַרק זיינע פריִערדיקע

רייד. נאָר אָנשטאָט דעם, האָט זיך גאָר ביי אים אַרויסגעכאַפּט די נאַרישע פראַגע:

— וואָס יאָגסטו זיך אַזוי מיטן האָבן אַ קינד? פאַר דעם איז נאָך פאַראַן געננג צייט. מיר זענען יונגע מענטשן און דאָס וועט אין ערגעץ נישט אַנט־לויפן...

דאָס ווייבל האָט זיך דערפרייט דערמיט, וואָס איר מאַן האָט פאַרקערעוועט דעם געשפּרעך אָן אַ זייט. פון דעסטוועגן האָט זי נאָך אַלץ געוואָלט פאַרגלעטן איר פריִערדיקן פּעלער און מעשה בראַוואַדאַ — אַ כיטרען לאַך געגעבן:

— איך שעם זיך דאָס דיר צו זאָגן, אָבער איך בין אין גרונט געננמען, פּונקט ווי אַ שטיק ערשט אויפגעבראָכענער באָדן, וואָס זעטיקט זיך קיין מאָל נישט אָן... איך האָב אַ סך מאָל געזען ווי בהמות „לופען זיך״, ווי פערד פּאָרן זיך, ווי די פּויערים ביי אונדז אין דער האַסינדאַ האָבן אויפגעאַקערט די ערד און אַהין אַריינגעלייגט זריעה און פון דעם זענען דערנאָך אויסגעוואַקסן גאָל־דענע זאַנגען קאָרן און זינט מיר זענען צוזאַמען, האָסטו אין מיר אויפגעוועקט די פרוי. ווילט זיך מיר איצט ברענגען ניי לעבן אויף דער וועלט און מיר טאָרן נישט וואַרטן אויף שפּעטער, ביז מיר וועלן ביידע ווערן אַלט...

זעלבסטמאָרד

דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע איז געפלאָסן אַזוי רויִק און גלאַט ווי דער טייך באַלד הינטער דער ערשטער ריי שטיבלעך. דורך דער צייט האָט מען אָפּגעצאַמט צוויי באַזונדערע שטיקער ערד און פון זיי געמאַכט קאָראַלן, וווהין, די ניי־געוואָרענע גאַוטשאָס, האָבן אין די אָוונטן אַריינגעטריבן די פערד מיט די בהמות, וואָס זיי האָבן געבראַכט פון דער פּאַשע. אָבער ס׳איז געווען אינ־טערעסאַנט צו זען, וואָס די זעלבע פיר־פיסיקע זענען אין די קאָראַלן געשטאַ־נען אומעטיקע און פאַרבענקטע און אַ לאַנגע צייט געדרייט די קעפּ צו די פרייע, גרינע לאַנקעס, וווּ זיי האָבן זיך, דורך די טעג, געפּאָרט, געמערט און געפילט זיך אַ סך פרייער איידער אין דער אָפּצאַמונג, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן פון זייערטוועגן געשאַפן. אַפילו די צעווילדעוועטע בוהייעס, מיט די גע־פּאָלדעוועטע קאַרקן, קורצע, שטייפע עקן און אויך די הייס־בלוטיקע אָגערס, וואָס האָבן אין פעלד „געשלונגען״ יעדע קליאַטשע האָבן זיך דאָ אין דער גע־פאַנגענשאַפט אויפגעפירט ווי אין אַ שטיג און מער אַפילו נישט געוואָלט קוקן אין דער ריכטונג ווו די קליאַטשעס זענען געשטאַנען.

אויך צווישן די מענטשן איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה. אויף דעם אָפּיצירס עצה, האָט מען, צוליב דעם דאָקטער, אויפגעבויט אַ גרויסע, צווייענדיקע שטוב

פֿון בערווענעס, מיט הילצערנע דילן און אַ סך פֿענצטער. אין דער ערשטער האַלבער הויז האָט מען אַריינגעשטעלט אַכט בעטן. זיי אויסגעבעט מיט היי און פֿאַרצויגן מיט ליילעכער, אַוועקגעלייגט היי־„קישעלעך“, איבערגעבעט מיט קאָלדרעס און דאָס אַלץ צוזאַמען איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „שפּיטאָל“. אין דער אַנדער האַלבער שטוב האָבן די בויער געמאַכט צוויי גרויסע צימערן וווהין פֿעאָנען האָבן אַריינגעבראַכט דעם שרייבטיש, אַ פּאָר שטולן, אַ קליינעם טישל מיט אַן אַלמערל ווו צו האַלטן די אינסטרומענטן, מיט די מעדיקאַמענטן און האַרט ביי איין וואַנט — אַ הויך, שמאָל אונטערזוכונג און אָפּעראַציע־בעטל. אין דעם צווייטן צימער האָבן די סטאָליאַרעס צונויפֿגעקלאַפּט אַ ברייטע בעט פֿאַר דעם כירורג גופֿא צום שלאָפֿן. אַן אומגעלומפּערטן קאָמאָד אויף צו האַלטן גרעט, העמדער מיט שניפּסן, אַן אַלמער פֿאַר קליידער און אַ היפּשע צאָל פּאָליצעס אויף וועלכע עס זאָלן קאָנען שטיין ביכער, וואָס דער דאָקטער האָט צעשטעלט אין אַן אָרדענונג און זיי אַלע טאָג אָפּגעפּוליעט פֿון שטויב.

אָבער גראָד אין דער קליינער קאָלאָניע, אָדער ווי דער אַלטער אַנדרעס האָט זי אַ נאָמען געגעבן: „דער פֿרידלעכער שבט כּוליטאָ“, זענען קיין קראַנקע נישט געווען אַפֿילו אויף אַ רפֿואה... האָט זיך דער דאָקטער, אין אָנהייב געפּרייט מיט דעם „שפּיטאָל“ און מיט דער „מאָדערנער“ איינריכטונג און אַ לאַנגע צייט אַ געדולדיקער געוואַרט אויף עפּעס אַ חולה. נאָר דערנאָך, אַז דער „שפּיטאָל“ האָט חדשים געפּוסטעוועט און קיין פּאַציענט איז נישט אַריבערגעטראָטן די שוועל, איז דער כירורג אַרומגעגאַנגען אַ ברוגזער אַזוי לאַנג, ביז ער האָט ביסלעכווייז אָנגעוווירן דעם אינטערעס צו זיין פּראָפֿעסיע. אין איינעם אַ טאָג איז ער אַוועק צו דעם באַמבוענעם וואַלד. דאָרטן אויסגעהאַקט אַרום אַ טוץ דינע און זייער לאַנגע שטעקנס. פֿון זיי געמאַכט „ווענדקעס“. צו זיי צוגעטשעפּעט לאַנגע און שטאַרקע שנירלעך מיט העקעלעך ביי די סאַמע סופֿן און איז דערנאָך גאַנצע טעג כּמעט געזעסן לעבן דעם ברעג טייך און פֿון צייט צו צייט געכאַפּט אַ פֿיש.

ווען דער עולם האָט דערזען, אַז דער „מעדיקאָ“ כאַפּט פֿיש, וואָס זענען געווען אַזעלכע גרויסע ווי אמתע קאַרפּן, נאָר פֿיל גרעבער און פֿעטער, מיט געבערגלטע קאַרקן, כּמעט ווי ביי בוהייעס און מיט גרויסע „פֿאַרחלומטע“ אויגן און ראָזעווע, פֿאַרקאַטשעטע ליפּן און דערצו נאָך מיט אַזעלכע גרויסע און גאָלדענע שופּן, וואָס האָבן פֿון דער ווייטנס געבליאַסקעט ווי גאָלדענע ציינדלעך, זענען אַרום דרייסיק פּעאָנען אַוועק צו דעם אומענדלעכן, געדיכטן וואַלד, געבראַכט צו פֿירן פֿון דאָרטן ריזיקע ביימער. יעדן בוים צעשניטן אויף צווייען. מיט שאַרפֿע העק — אויסגעדובעט זייער אינעווייניק. די אַרבעט איז געווען אַ פּאָרזיכטיקע, אַ פּרעציזע, וואָס האָט געדויערט אַ פּאָר וואָכן צייט. דערנאָך האָבן די זעלביקע מענטשן אויסגעטשעשעט אַ היפּשע צאָל וויאָסלעס

און אין וואַסער, איז ביים ברעג טייך שוין געשטאַנען אַ „פּלאַט" פון צוועלף שיפלעך. אין אַ פאַרטאָג, האָבן זיך אין זיי אַריינגעזעצט פיר און צוואַנציק יונגע יאַטן וואָס האָבן גענומען די וויאָסלעס אין די הענט און זענען אַוועקגע־שווומען אַראָפּ שטראָם, און פאַרנאַכט צוריקגעקערט זיך מיט גאַנצע פודן פיש, און צו דער פרידלעכער קאָלאָניע איז צוגעקומען אַ נייער קוואַל פון שפע.

אויך כוליטאַ, וואָס איז דאַן געוואָרן אַ סך רויקער און באַזאַכטער, ווי ער איז דאָס געווען אין דער פּאַמפּאַ, צי אַפילו אין „טאָל פון טויט", איז אויף קיין רגע נישט אַרומגעגאַנגען מיט פאַרלייגטע הענט. ער איז געווען דאַנקבאַר די מוטשאַטשאָס, וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַ נייע „פּראָפּעסיע". פון דעסטוועגן האָט ער נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון די טעסלערס מיט די סטאָליאַרעס, וואָס זענען די גאַנצע צייט געווען אַריינגעטוענע אין דער אַרבעט. ער האָט זיי באַוווּנדערט און זייער גוט געוווּסט, אַז דורך דעם פליס אויפצובויען וואָס מער שטיקער מעבל, מיט נאָך בענקלעך פאַר דעם קלויסטער און אַפילו אַוועק־געשטעלט אַ סך בענקלעך אין פּאַרקל, אַז מען זאָל דאָרטן קאָנען זיצן אונטער דעם שאָטן פון אַ בוים, האָבן די בחורים, אין עצם גאָר געוואָלט פאַרטרייבן פון זיך זייערע איינזאַמקייטן, וואָס זיי נעמט אַרום יעדע נאַכט ביי זיך אין די פוסטע שטיבלעך.

ווען די שולע איז שוין געשטאַנען אַן אויסגעסטראָיעטע מיט שמאָלע, לאַנגע טישן און בענק אויף צום זיצן, און מיט אַ גרויסער, פיר־קאַנטיקער טאָ־בעלע אויף דער אַנטקעגנדיקער וואַנט, האָט ראָזאַליטאַ, מיט דעם אַפּיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען, צונויפגעקליבן די פּאָר צענדליק קינדער פון דער קאָ־לאָניע און צום ערשטן מאָל געבראַכט זיי אין דער שולע. דער אַפּיציר האָט געמיינט, אַז ער האָט דאָ צו טאָן מיט אַן אָפּטיילונג סאָלדאַטן. האָט ער זיי מיט שטרענגקייט אין קול באַפוילן אַוועקצוזעצן זיך. נאָר די קינדער האָבן אים נישט געפאָלגט. זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט, ווייל די חברה האָט נאָך זייער גוט געדענקט, ווי דער פאַרשוין האָט אַ לאַנגע צייט געטראָגן אויפן קאָפּ עפּעס אַזאַ גלאַנציקע, מעשענע קאַסקע און אַ בלויען מונדיר מיט בליש־טשענדיקע קנעפּ און גאָלדענע עפּאָלעטן אויף די אַקסלען. די קינדער האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז באַלד וועט ער זיי שלאָגן. זענען די „שילער" אַ לאַנגע צייט געשטאַנען צעשראָקענע, מיט די אַרבעל און אַפילו מיט די הוילע הענט —געווישט זיך די נאַסע נעזלעך און דערביי געוואָרפן הילפלאָזע און בעטנדי־קע בליקן, צו דער שיינער און בלאָנדער סעניאָראַ, אַז זי זאָל זיך אָננעמען פאַר זיי.

ראָזאַליטאַ האָט זייער גוט פאַרשטאַנען די שרעק פון די קינדער. האָט זי שטילערהייט געבעטן דעם אַפּיציר צו פאַרלאָזן די שולע. אַביסל האָט דאָס אים פאַרדראָסן. אָבער ער איז פאַרט אַרויס. דעמאָלט איז זי אַ שמייכלענדיקע צוגעגאַנגען צו די קינדער און מיט ליבע געגלעט זיי איבער די קעפּלעך, און

כדי צו דעמאָנסטרירן פאַר זיי אַז די בענקלעך זענען נישט שרעקלעך, האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף איינעם פון זיי און מיט מוטערלעכקייט אין איר סאַמעטענעם קול צוגערופן דאָס קליינוואַרג צו זיך:

— איר זעט, קינדער! עס איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן. זייט גוטע טשיקיטאָס (קליינע) און זעצט זיך אַוועק. עס וועט אייך גאָרנישט זיין...

מיט פעאָנישער פאַרזיכטיקייט האָבן זיך אָפּריער אַוועקגעזעצט די מער געוואַגטערע און ווען די אַנדערע קינדער האָבן דערזען, אַז מיט די ערשטע איז גאָרנישט געשען, האָבן זיי איינציקווייז געטאָן דאָס זעלבע. אמת, אין אָנהייב האָבן זיי זיך אַ ביסל אונטערגעהאָפּקעט אויף די בענקלעך. נאָר דערנאָך האָבן זיי אָנגעהויבן שמייכלען, לאַכן און מיט גלאַנציקע אויגעלעך, צופרידענע געקוקט אויף דער שיינער סעניאָראַ און מיט קלאַפּנדיקע הערצעלעך געוואַרט אויף דעם, וואָס זי וועט זיי הייסן טאָן. און אָט האָט די נאָך אַלץ שמייכלענדיקע לערערין אָנגעהויבן רעדן צו זיי:

— הערט זיך איין, קינדער. איר זאָלט קיין מאָל פאַר קיינעם נישט מורא האָבן... זיצט אויף די בענקלעך פריי און פילט זיך, ווי ביי זיך אין דער היים. איך וועל אייך קיין שלעכטס נישט טאָן. איך וועל פּרובירן אויסלערנען אייך ווי צו לייענען און שרייבן און מער גאָרנישט.

דערווייל איז די שולע אָנגעפילט געוואָרן מיט נייגעריקע מענער און פרויען, וואָס האָבן אויך געמיינט, אַז ווער ווייסט וואָס כוליטאָס ווייבל וועט דאָ טאָן מיט זייערע קינדער. דעריבער זענען זיי געקומען צו לויפן צעפּודלטע און אַביסל צעשראָקענע. נאָר דאָ האָבן זיי צו זייער שטוינונג דערזען, ווי די יונגע סעניאָראַ ראָזאַליטאַ איז פּלוצים אויפגעשטאַנען פון בענקל, צוגעגאַנגען צום וואַנט און מיט אַ שטיקל שוואַרצן קרייד אויף דער ווייסער טאַבעלע פלינק אויסגעמאָלט אַ פערד מיט אַ בהמה און געפרעגט ביי אירע „תלמידים“:

— אַ נו, טרעפט! ווער פון אייך עס ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס זאָל אויפהייבן אַ האַנט.

אַ לאַנגע צייט האָבן די קינדער געקוקט אויף דער טאַבעלע און געשוויגן מיט אַ פאַרעקשנטן שווייגן. ראָזאַליטאַן האָט זיך שוין אויסגעדאַכט, אַז זיי וועלן קיין מאָל נישט ענטפערן אויף איר פראַגע. נאָר אָט האָט זיך אַן אַכטיאָריק ייִנגל אָנגענומען מיט מוט און אויפגעהויבן די האַנט און די לערערקע האָט זיך דערפרייט:

— דו ווייסט?

— סי, סעניאָראַ.

— ווי רופט מען דיך?

— כאָוועז (אַ יונגער).

— דאָס איז נישט קיין נאָמען. כאָוועז מיינט אַ יונגער ייִנגל. אָבער ווי אַזוי רופן דיך דיינע עלטערן?...

— איך ווייס נישט. מיין טאַטע איז דערשאָסן געוואָרן פֿון די סאָלדאַטן און מיין מאַמע רופֿט מיך אַלע מאָל כאַוועז.

— נו, מילא, זאָל זיין אַזוי. איך וועל דאָס אויסגעפֿינען ביי איירע מאַ־מעס, — האָט שוין ראָזאַליטאַ אַריינגענומען דעם גאַנצן קלאַס אין איין קאָן. — אָבער זאָג מיר, כאַוועז, וואָס איז דאָס, דאָ אויף דער וואַנט, — האָט זי מיט אַ פֿינגער אָנגעוויזן אויף דעם פֿערד.

— אַ קאַבאַזשאַ, — האָט דאָס יינגל געענטפֿערט.

— און דאָס צווייטע בילד?

— אַה! דאָס איז אַ בהמה!...

אין מיטן דערינען איז איר האַנט אַראָפּגעפֿאַלן פֿון דער טאַבעלע און זי האָט, צו איר גרויסער איבערראַשונג, דערזען ווי איר אייגענער מאַן איז אַריינ־געקומען אין קלאַס. אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק און צוזאַמען מיט די קינ־דער — אָנגעהויבן לערנען זיך. אַפּריער האָט זי זיך פֿאַרלוירן אין זיין קעגנ־וואַרט און מער נישט געקאָנט אָנגיין מיטן לערנען. די „גרויסע לעקציע", מ'שטיינס געזאָגט, האָט זיך אָנגעהויבן פּלאָנטערן ביי איר אין מויל. נאָר גאָר גיך האָט זי באַגריפֿן די גרויסקייט פֿון זיין נשמה. וואָס טראָץ דעם, וואָס ער איז שוין געווען אַ מענטש אין די קאַרגע דרייסיקער יאָרן און דערצו נאָך דער פֿירער פֿון דער גאַנצער קאָלאָניע, דאָך האָט ער זיך נישט געשעמט, געקומען אַהער אין דער שולע צו שעפּן כאָטש אַ קאַפּעלע וויסן. זיין פּשוטע מענטש־לעכקייט האָט איר אָנגעשטעקט מיט אַזוי פֿיל מוט, אַז זי האָט פֿאַרבויגן דעם פֿאַקט, וואָס ער איז איר מאַן און זי האָט זיך געווענדעט צו אים, פּונקט ווי צו אַן אַנדער שילער:

— כוליטאָ, וואָס מיינט דאָס ערשטע בילד?

— אַ פֿערד.

— און דאָס צווייטע?

— אַ בהמה.

— גוט! איצט וועלן מיר גיין ווייטער...

פֿון דעם טאָג אָן איז דאָס לערנען צוגעגאַנגען אַ סך שווערער. כאָטש די לערערין האָט נישט אויפֿגעהערט אַריינצורוימען די שילער אין די קעפּ דעם קלאַנג און דעם באַגריף פֿון יעדן אות באַזונדער און געהייסן איבערחזרן צו עטלעכע מאָל אויף אויסנווייניק, האָבן אָבער די „תלמידים" געהאַט אַזעלכע גראָבע קעפּ, אַז זיי האָבן אַ לאַנגע צייט גאָר נישט פֿאַרשטאַנען. אויך כוליטאָ האָט קוים באַנומען דעם באַדייט פֿון די אָנגעשריבענע ווערטער אויף דער טאַ־בעלע. נאָר ראָזאַליטאַ איז געווען אַן איינגעשפּאַרטע לערערין. איר איז פּשוט געגאַנגען אין לעבן אויסצופֿירן אירס. האָט זי אַזוי פֿיל געהאָרעוועט, ביז איר איז סוף־כל־סוף פֿאַרט געלונגען אַ ביסל אַריינצוקלאַפּן אין זייערע מוחות נישט נאָר דעם אַלף־בית, נאָר אַפֿילו גאַנצע ווערטער און פּאַראַגראַפֿן.

אַ סך פּעָּנען האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן דערוויייל. זענען זיי אָפּט אַריינגעקומען אין דער שולע צו זען ווי די בלאָנדע סעניאָראַ ראָזאַליטאַ האָט געלערנט סיי מיט די קינדער און סיי מיט כּוליטאַן גופא. זיי האָבן זיך נישט געקאָנט אָפּוווּנדערן פון די צייכנס מיט די פּאַסיקלעך אויפן וואַנט, וואָס די לערערין האָט דאָרט אָנגעשריבן מיט אַ גענייטער און קלאָרער האַנטשריפט. ביי די פּרימיטיווע מענטשן איז אויסגעקומען זייער מאָדנע און אַפילו טשיקאַווע, וואָס די זעלביקע ווערטער, וואָס זיי האָבן אַלע מאָל אַרויסגעזאָגט אין זייער רעדן איינער מיטן אַנדערן, זאָלן קאָנען אָנגעשריבן ווערן מיט עפּעס אַ שטיקל קרייד אויף אַ גלאַטער וואַנט און די קינדער האָבן דאָס, אמת טאַקע מיט אַ ביסל שוועריקייט, אַראָפּגעלייענט פון דאָרטן. אָבער דער גרעסטער ווּנדער איז געווען, וואָס זייער באַליבטער פירער פון דער קאָלאָניע, איז געזעסן צוזאַמען מיט אַלע קינדער און אַ פאַרטיפטער איבער עפּעס אַ פאַרשריבענעם שטיקל פּאַפּיר און פון דאָרטן אַרויסגעבראַכט לאָגישע באַגריפן און גאַנצע זאַצן.

דאָס לערנען מיט די קינדער און מיט איר אייגענעם מאַן, האָט ראָזאַליטאַ דערמאָנט אין אירע יונגע יאָרן, ווען זי איז נאָך געווען אַ סטודענטקע אין דער בוענאָס-איירעסער אוניווערסיטעט, ווו זי האָט זיך צום ערשטן מאָל כּמעט באַקאַנט מיט די שאַפונגען פון די גרעסטע פּראָזע-מייסטערס און פּאָעטן און דערנאָך, שוין ביי זיך אין דער היים, די לאַנגע דיסקוסיעס וואָס זי פלעגט פירן וועגן דעם מיט הויך-געבילדעטע פרויען און מענער, אַז די דאָזיקע דערמאָנונגען האָבן ביי איר איצט אויפגעוועקט אַ שטאַרקע בענקשאַפט מיט עמעצן צו רעדן וועגן דער גוואַלדיקער ראָל וואָס עס האָבן אויסגעיבט די קלאַסיקער און די מאָדערנע שרייבער אויף די אַרגענטינער אינטעלעקטואַלן.

צוליב דעם האָט ראָזאַליטאַ אָפּט אַרומגעשמועסט מיט דעם אַלטן דאָקטער. מחמת זי האָט געמיינט, אַז אַלס דאָקטער, איז ער דאָך מסתמא אַ געלערנטער מענטש, וואָס וועט פאַר איר אויפדעקן נייע, ליטעראַרישע האָריזאָנטן, וואָס זי האָט אין לויף פון די לעצטע עטלעכע יאָר פאַרפעלט צו לייענען. אויך האָט זי פאַר אים געוואָלט צו ביסלעך דעקלאַמירן די „קאַליוואַלע“, וואָס זי האָט אַזוי ליב געהאַט און שטיקלעך פון דעם געקענט אויף אויסנווייניק. אָבער עס האָט זיך גיך אַרויסגעוויזן, אַז דער כירורג איז געווען אַ טרוקענער נפש, וואָס האָט געהאַט אַ קנאַפּן באַגריף וועגן פּאָעזיע, אַז ער האָט בלויז געקענט דאָס, וואָס ער האָט געלערנט פון טעקסטביכער. און אַנשטאָט דעם, אַז ער זאָל באַוווּנדערן די פּרעכטיקע פערזן, וואָס ראָזאַליטאַ האָט פאַר אים ציטירט פון קיץ און פון שעלי, האָט איר גאָר דער אַלטער נאָך אָנגעהויבן מאַכן קאָמפּלימענטן וועגן דעם, וואָס פאַר אַ שיינע פרוי זי איז. דאָס האָט אַזוי באַליידיקט איר אינטעליגענץ, אַז זי איז אַוועק און מער מיט אים נישט געוואָלט רעדן.

כּאַטש פּאַבלאָ דעל קאַרמען איז איר נאָכגעגאַנגען די טריט, מיט איר

שפּאַצירט צו דער שולע און פון דאָרטן, ווייל כוליטאַ איז געווען פאַרנומען מיט דער אַנטוויקלונג פון דער קאָלאָניע, אַז ער האָט אַזש געמוזט אויפגעבן דאָס לערנען זיך, האָט זיך ראַזאַליטאַ פאַרט געהיט פאַר אים. אָבער דער גרויסער הונגער צו רעדן מיט עמעצן, ווי מיט אַ ציוויליזירטן מענטשן, האָט זיך ביי איר די לעצטע צייט אַזוי צעברויזט אין דער נשמה, אַז זי האָט פּשוט פאַרלוירן די שטאָלצע, ווייבלעכע גלייכגעוויכט און גערן אָנגענומען זיין פאָרשלאַג צו גיין מיט אים אויף אַ לאַנגן שפּאַציר. נאָר אָנשטאָט צו שפּאַצירן ווייט, זענען זיי גאָר צוגעגאַנגען צום ברעג טייך, אַוועקגעזעצט זיך אויפן גראָז און ווי אַ דורשטיקע האָט זי זיך איינגעהערט צו זיינע רייד וועגן די נייע ביכער פּראָזע און פּאָעזיע, וואָס ער האָט געלייענט און ליב געהאַט מיטן גאַנצן האַרצן...

דער אָפּיציר איז געווען אַ גוטער און גלאַטער רעדנער. דערצו נאָך האָט ער געהאַט אַ געוואַלדיקן זכרון. אָבער, דער חברה־מאַן איז אויך געווען כיטרע ווי אַ פוקס. ער האָט, ווי אָפּגעשאַצט, וואָס אַזאַ שיינער און יונגער פרוי קאָן געפעלן. דעריבער האָט עס אויסגעמיטן צו רעדן וועגן די אַרגענטינער שרייבער און ליבערשט פאָרגעלייענט פאַר איר די לידער פון דער ענגלישער פּאָעזיע, פון אַרום דעם זעכצנטן און זיבעצנטן יאָרהונדערט. שעהן נאָכאַנאַנד האָט ער דעקלאַמירט אייניקע לידער פון אַזעלכע אַלטע פּאָעטן, ווי, סיר עדוואַרד דייער, בען דזשאָנסאָן, געאָרג פּילע, דזשאָרדזש ווהיטער, אַנדריי מאַרוועל, ראָבערט העענדריך, טהאָמאַס נאַפּשעי און אַנדערע; דער אָפּיציר האָט יעדעס ליד געלייענט מיט אַן אַנדער אינטאָנאַציע און דערצו — מיט אַזאַ צעפּלאָמטקייט אין זיין קול, ווי אַן אמתער אַקטיאָר, וואָס האָט זיין ראָלע אָפּריער זייער גוט איינגעשטודירט. איז טאַקע יעדער פערז ביי אים אַרויסגעקומען פריש, זאַפטיק, צאַפּלדיק און צעפליגלט.

די אויבן דערמאָנטע פּאָעטן האָט ראַזאַליטאַ גראָד קיין מאָל נישט געלייענט. דעריבער האָט זי זייערע לידער אויפגענומען מיט אַזאַ יוגנטלעכער באַגייסטערונג, אַז אויף אַ ווילע האָט זי זיך פאַרגעסן ווער דער אָפּיציר איז אין דער אמתן. זי האָט מיט אַ מאָל דערפילט, אַז צווישן איר מיט אים איז געווען אַזאַ גרויסע געמיינשאַפטלעכע „באַזע“, וואָס קיינער פון די מענטשן אין דער באַמבו־קאָלאָניע האָט דאָס נישט געקאָנט זען, פאַרשטיין, אָפּשאַצן אָדער צערייסן דעם קלאַסן־בונד, וואָס האָט צוזאַמענגעבונדן איין יחיד מיט דעם אַנדערן פון דער זעלביקער געזעלשאַפט, וואָס האָט זיך גערופן „די „אַריסטאָקראַטיע“ וווהין קיין פּראָסטער פּעאָן האָט נישט געהאַט קיין צוטריט.

אָפּילו אויפן דריטן טאָג, ווען כוליטאַ איז געווען פאַרנומען אָפּריער מיט אַכטונג געבן אויפן בויען פון די צוויי נייע שפּייכלערס און דערנאָך — מיט די בהמות און פערד, וואָס זענען נאָך דערווייליע געשטאַנען אין קאָראַל און ער האָט געוואָלט וויסן, פאַר וואָס מען האָט זיי נאָך נישט אַרויסגעטריבן אויף דער פּאַשע, איז ראַזאַליטאַ בשתיקה אַוועקגעלאָפן צו דעם פּאַרויס באַשטימטן

אָרט, ווו זי האָט זיך ווידער געטראָפן מיט דעם אָפיציר. אויך דאָס מאָל האָט זי פון אים בלויז געוואָלט הערן נאָך לידער פון אַזעלכע פּאָעטן, וועלכע זי האָט נאָך נישט געלייענט. און ווען זי האָט זיך אָוועקגעזעצט לעבן אים, איז זי געווען אַזוי פאַרשמייעט, אַז זי האָט נישט געפילט, ווי פּאַבלאָ דעל קאַרמען האָט אַרויפגעלייגט זיין רעכטע האַנט אויף איר פּלייצע, זי צוגעדריקט צו זיך און אָנשטאָט לייענען פּאָעזיע, האָט ער גאָר אַ צערייצטער אָנגעהויבן רעדן:

— ראָזאַליטאַ, איך האָב דיך ליב! איך קאָן אָן דיר נישט לעבן! איך זע ווי דער אַנימאַל, אָט דער באַנדיט, כוליטאָ, גייט מיט דיר אַלע ביינאַכט אין — — — און מיין האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער!... קום מיט מיר, מיין שיינע און גנעדיקע דאָניאַ ראָזאַליטאַ. איך וועל דיר אָפּגעבן דעם כבוד, וואָס עס קומט דיר לויט דיין אָפּשטאַם... דו באַלאַנגסט נישט צו די שמוציקע און ווילדע נפשות. איצט קאָן איך דיר דערציילן דעם אמת, ווען איך וואָלט געהאַט מיט זיך איבערגעגעבענע סאָלדאַטן און גענוג געווער, וואָלט איך זיי אַלעמען, אַפילו די עקלדיקע ווערעם, איך מיין די אַלע קינדער, וועלכע דו לערנסט — דערשאָסן ווי די הינט. ווייל דאָס זענען אַ באַנדע רויבער און מערדער, וואָס טאָרן נישט לעבן אויף דער וועלט!...

אין דעם אויגנבליק האָט זיך ראָזאַליטאַ אויסגעטשוכעט פון איר אינטע־ליגענטע קאָשמאַרן, און פון די גאַנצע פּאָעטישע חלומות. דער פאַרשוין, פּאַבלאָ דעל קאַרמען, וועלכער האָט צוויי טעג נאָכאַנאַנד דעקלאַמירט פאַר איר שיינע לידער, איז ער איר איצט פּלוצים געוואָרן עקלדיק און אָפּ־שטויסנדיק און ער האָט אין אירע אויגן איצט אויסגעזען, ווי אַ ראָזעווער וואָרעם, וואָס איז ערשט אַרויסגעקראָכן פון דער ערד. זיין האַנט אויף איר פּלייצע איז געוואָרן אויס האַנט, נאָר עפּעס אַ גיפטיקע, קאַלטע און גליטשי־קע שלאַנג, וועלכע האָט זיך מיט אַ מאָל אַראָפּגערוקט פון דער פּלייצע צו איר אויף אַ ברוסט. פון דעם באַריר און פון זיינע פריערדיקע רייד, איז זי גע־וואָרן אַזוי ווילד, אַז זי האָט אים אַ פּראַסק געטאָן אין אַ באַק און מיט גאַלי־קייט אים אָנגעשפּיגן א פול פּנים:

— דו שמוציקער אויסוואורף! ווי וואַגסטו צו באַליידיקן דעם ערלעכן נאָ־מען פון מיין מאַן?! דו הונט איינער! דו וועסט דערשיסן מיין מאַן, מיט די קינדער און די אומשולדיקע און האַרעפּאַשנע פּעאָנען?! דו ווילדע בעסטיע אין מענטשלעכן געשטאַלט!

אין איר צערייצטקייט האָט ראָזאַליטאַ אויפגעהויבן די האַנט און אים כאָטש נאָך אַ מאָל געוואָלט פאַרפאָרן אין דער מאָרדע. אָבער אין דער רגע איז כוליטאָ, ווי אויסגעוואַקסן הינטער אירע פּלייצעס און אַ געלאַסענער אָנ־געכאַפּט איר פאַרהויבענע האַנט:

— לאָז אים אָפּ, קערידיטאַ. דער נפש איז נישט ווערט, אַז דו זאָלסט מיט

דיין ריינער האַנט אַפּילו באַרירן זיין שמוציקן פּרצוף. פּאָלג מיך און קום אַוועק פון דער צעפּוילטער פּאַדלע!

אַ דערשראָקענע פון דעם, וואָס איר מאַן האָט זי געכאַפּט ביי דעם גע־היימען „ראַנדעווו" מיט דעם אָפיציר און מסתמא שוין דערוווּסט זיך פון אירע ביז איצטיקע טרעפענישן מיט דעם פּאַבלאָ דעל קאַרמען, האָט זי אים מיט מורא און ציטער אין קול געפרעגט:

— דו שטייסט שוין דאָ לאַנג?

— יאָ, זייער לאַנג — האָט כוליטאָ געענטפערט מיט אַ פאַרבאַהאַלטענעם כעס — איך האָב אַלץ געזען און אַלץ געהערט... איך פאַרשטיי דיין האַנדלונג זייער גוט. נאָר קום אַוועק פון דאַנען.

אָבער ראָזאַליטאָ איז איצט גראָד געוואָרן מער אויפגערעגט ווי פריער. שוין נישט אַזוי אויף דעם פאַרשפּיגענעם אָפיציר, ווי אויף איר מאַן גופא:

— אויב דו ווייסט אַלץ, איז פאַר וואָס דערשטעכסטו אים נישט?! וואָס שטייסטו ווי אַ אידיאָט און דו שמייכלסט?... דו ווייסט כאָטש, אַז דער נפש וויל אַלעמען דערשיסן ווי די הינט?

— אַוודאי ווייס איך דאָס — האָט כוליטאָ אין גאַנצן פאַרשטיקט אין זיך דעם כעס און גערעדט נאָך געלאַסענער ווי פריער אַ ווײַלע — איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז דיין געלערנטער קאַוואַליער, וואָס האָט פאַר דיר צוויי טעג געלייענט עפּעס אַזעלכע זאַכן אויף אַ קול, וועט אַפילו נישט אָנרירן אַ האָר ביי אַ קינד אויף אַ קאָפּ... און ווען איך זאָל זיך דערלויבן די רציחה און אַריינ־רוקן אים אַ קינזשאַל אין האַרצן, וועל איך זיך אַליין דערמיט דערנידעריקן צו זיין מצב... פון דעם אַלטן ראָבערטאָן, ביי דיין טאַטע־מאַמע אין דער האַ־סיענדא, האָב איך געלערנט, אַז מיט נעמען נקמה טוט מען גאָרנישט אויף. דערפון ווערט קיינער נישט קיין בעסערער מענטש... ס'איז קיין קונץ נישט צו דערהרגענען אַזאַ פּאַדלען פאַרשוין. אַלץ איינס. איידער איך בין געקומען, אַהער אין דעם נייעם לאַנד, האָב איך זיך אַליין געגעבן אַ וואָרט, אַז מיינע הענט וועלן מער קיין מאָל נישט פאַרגיסן קיין מענטשלעך בלוט און צוליב אים, וועל איך מיין וואָרט נישט ברעכן. איך וויל דערמיט נישט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַזאַ חיה ווי ער איז. עס לוינט זיך נישט צו פאַרשמוצן די הענט...

פון דער גרויזאַמער סצענע, וועלכע ראָזאַליטאָ האָט אָפּגעשפּילט דעם „האַנאָראָוועץ" אָפיציר און אַזוי מיאוס צוריקגעוויזן זיין פלאַמיקע ליבעס־דערקלערונג, וואָס ער האָט די גאַנצע צייט געכאַוועט ביי זיך אין האַרצן, ווי אַ טייערן און הייליקן אוצר און אַלע מאָל געהאָפט, אַז ווען עס וועט קומען דער פאַסיקער טאָג, און ער וועט דאָס פאַר איר אַנטפּלעקן, וועט זי אים געוויס אָפּענטפערן מיט די זעלביקע געפילן. דערפאַר האָט אים איצט די דערנידע־רונג אַזוי צעטרעמפּלט און צעטראָטן זיינע לעצטע חלומות און האָפענונגען. איבערהויפּט האָט אים כוליטאָ, מיט זיין מענטשלעכן טאַקט און איידלקייט

אַזוי דערשיטערט זיינע אָפּיצירסקע און אַריסטאָקראַטישע געפילן, וואָס האָבן אויף אַזוי פיל צעטראָטן זיין קאַוואַלערישן שטאָלץ, אַז ער האָט דערפילט, ווי דער באָדן האָט זיך פלוצים אַרויסגעגליטשט פון אונטער זיינע פיס און ער האָט פאַרלוירן דעם זין ווייטער צו לעבן אין דער געפּאַנגענשאַפט. ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט שוין מער נישט קאָנען ווייזן זיך פאַר די פּעאָנען פון דער קאָלאָניע, וואָס האָבן שוין מסתמא געוווּסט פון זיינע נאַרישע רייד, אַז „ער וויל דערשיסן אַלעמען ווי די הינט". איז פּאַבלאָ דעל קאַרמען פון דעם אַלעם געוואָרן אַזוי פאַרצווייפלט, אַז ער האָט פאַר זיך קיין אַנדער אויסוועג נישט געזען, ווי נאָר צו מאַכן אַ סוף צו זיין אייגן לעבן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ וואַנזיניקער איבער די פּוסטע לאַנקעס, ווייט פון דער קאָלאָניע און פון גרויס פאַרלוירנקייט אַקוראַט נישט געוווּסט ווהין ער איז געגאַנגען און צוליב וואָס ער געפינט זיך דאָ. נאָר ביינאַכט האָט ער זיך אַריינגעגנבעט אין שפּייכלער, ווו עס האָבן זיך גע־פונען די ביקסן פון דער קאָלאָניע. אַ שטיק צייט האָט ער דאָרטן ווי אַ משו־געגער געזוכט עפּעס אַ געווער, ביז ער האָט געפונען זיין אייגענעם רעוואָלווער, וואָס איז נאָך געווען אָן אָנגעלאָדענער מיט פינף קוילן און נישט טראַכטנדיק וואָס ער טוט, האָט ער דאָס רערל פונעם רעוואָלווער צוגעשטעלט צו זיין שלייף און אַ שטאַרקן דריק געטאָן דאָס צינגל פון דעם „שלאָס"...

דער פּלוצימדיקער שאָס האָט אין דער שטילער אומגעבונג אויפגע־טרייסלט די ביינאַכטיקע לופט אין דער קאָלאָניע און אַוועקגעקייקלט זיך, ווי אַ דונער, איבער דעם טייך און איבער די ביידע בערג קייטן. צעשראָקענע האָבן עטלעכע פּעאָנען אָנגעצונדן די פאַקלען און מיט כוליטאָן בראש אַוועק־געלאָפן אין דער ריכטונג פון וואַנען דער שאָס איז געקומען. אין אַ ווילע אַרום זענען זיי אַריין אין שפּייכלער און דערשטוינטע דערזען, ווי דער אָפיציר פּאַבלאָ דעל קאַרמען איז געלעגן אויף דער ערד און קיין סימן פון לעבן שוין מער נישט אַרויסגעוויזן.

די לוויה איז געווען אַ גיכע און אַ שטילע. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס כוליטאָ האָט געגעבן צו פאַרשטיין זיין ווילן, אַז די אַנדערע מענטשן אין דער קאָלאָניע זאָלן זיך דערפון נישט דערוויסן. האָבן פיר פּעאָנען דעם מת אַרויפגעלייגט אויף אַן איינגעשפּאַנטן וואָגן און אַוועקגעפירט נישט ווייט פון דעם באַמבו־וואַלד. דאָרטן האָבן זיי אויסגעגראָבן אַ גרוב, אַהין אַריינגעלייגט דעם זעלבסטמערדער, אים מיטגעגעבן זיין רעוואָלווער מיט דעם שיינעם, בלויען מונדיר און די מעשענע קאַסקע, פאַרשאָטן דעם קבר און דערנאָך פאַרקירע־וועט די פערד אויף צוריק און אַוועקגעפאָרן פון דאָרט אין אַזאַ איילעניש, פּונקט ווי די פּעאָנען וואָלטן וועלן וואָס גיכער אַנטלויפן פון דעם נישט־גוטן אָרט.

אַקער-אײַזנס אַנשטאָט ביקסן

ווען ראָזאַליטאַ האָט פאַרשוואַנגערט און איר בויך האָט זיך היפּשלעך אַ הייב געטאָן פון אונטער איר ברייט, געפאַלדעוועט קלייד, וואָס האָט אויסגעזאָגט דעם סוד, אַז זי איז שוין אינעם זעקסטן חודש, האָט כוליטאַ אין אַ בייטאָג צונויפגערופן אין פאַרקל אַלע מענער פון דער קאָלאָניע און אַפּעלירט צו זיי:

— אַמיגאָס! דער פרילינג איז שוין נישט ווייט. דאַרף מען אָנהייבן טראַכטן וועגן אויפברעכן די ערד און פאַרזייען. די זאַך איז אָבער דאָס, וואָס מיר האָבן זייער אַ סך פערד, אַ גרויסע צאָל וועגענער, מיט גוטע געשפּאַנען, אָבער מיר האָבן נישט קיין אַקער-אײַזנס און קיין בראָנעס. אין באַהיאַ בלאַנקאַ האָט מען דאָס נישט געטאָרט קויפן צוליב דעם, וואָס די דאָרטיקע פּאָליציי וואָלט אונדז אַהער נאָכגעשפּירט, ווי ראַפּאַעל האָט דאָס געזאָגט. איז טוט מיר אַ טובה און גיט אַן עצה ווי אַמבעסטן צו ספּראַווען זיך מיט דער שווערער אויפגאַבע. מחמת מיט רידלען אַליין וועלן מיר דאָך די ערד נישט קאָנען אויפאַקערן.

איינער פון די אינדיאַנער, וועלכער איז געשטאַנען צווישן דעם עולם און געמיינט, אַז כוליטאַ וועט דאָ עפּעס דערציילן אַ גוואַלדיקע זאַך, האָט לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט דעם סטעפּ-יונג קורץ און שאַרף:

— ס׳איז אַ פּשוטע זאַך. מען דאַרף מאַכן הילצערנע אַקערס מיט בראָנעס און פּאַרטיק!...

נאָר די פּעאָנען, וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געדינט ביי פאַרשידענע פּריצים אויף די גיטער און אַלע מאָל באַאַרבעט די פעלדער מיט אײַזערנע אַקערס, זענען פון דעם אינדיאַנערס איינפאַל נישט געווען צופרידן. זיי האָבן געוווּסט, אַז מיט הילצערנע אַקערס וועט מען נישט קאָנען אויפברעכן די היגע ערד, וואָס איז מסתמא פון טויזנטער יאָרן נישט באַרירט געוואָרן פון אַ מענטשלעכער האַנט. האָט איינער פון די פּויערים גלייך אָפּגעוואָרפן דעם אינדיאַנערס פאָרשלאָג.

— דו ווייסט דאָך כוליטאַ, אַז מיט אַ הילצערנעם אַקער קאָן מען בלויז קאָלופּען די ציינער ביי אַן אַלטער באָבען אין מויל, ווייל אײדער דער „באָז" פון אַזאַ מין אַקער וועט נאָך באַוויזן צו אַריינשניידן זיך אין דער אויבערפלאַך פון דער ערד, וועט ער זיך צעברעכן אויף שפּענדלעך און עס איז נאַריש אַפילו צו רעדן דערפון. מילא, גאָר אין די אַמאָליקע צייטן, ווען קיין אַנדער ברירה איז נישט געווען, איז עפּעס אַנדערש. אָבער אין דער היינטיקער וועלט, האָב איך ביי מיין סעניאָר, ביי וועמען איך האָב געדינט, געזען נישט

בלויז אײַזערנע אַקערס, נאָר אַפילו אַזעלכע מאַשינען, וואָס גייען אויף קע־ראָסין און אַקערן אויף פאַר איין טאָג מער לאַנד, ווי הונדערטער פעאַנען.

— עס איז גאָרנישט אַזוי נאַריש דעם אינדיאַנערס פאָרשלאַג, ווי דאָס קאָן זיך אויסדוכטן — האָט זיך אַרײַנגעמישט אין די רייד אַן עלטערער פעאָן, מיט גרויע האָר אויפן קאָפּ, וואָס איז געווען איינער פון די, וואָס האָט חתונה געהאַט מיט אַן אַלמנה — וואָס האָט מען געטאָן אַמאָל איידער די פּריצים האָבן אויף די פעלדער געבראַכט די אײַזערנע אַקערס און איצט — מאַשינען?... דעמאָלט האָט מען דאָך אויך געאַקערט און געזייט. נישט מער, וואָס דאָס איבערקערן די ערד מיטן פּנים אויף אַראָפּ איז געווען זייער שווער און עס האָט גענומען אַ לאַנגע צייט ביז מען האָט ריכטיק געקאָנט אויסאַרבעטן אַ פלאַסט ערד...

אַ יונג מיט אַ שוואַרצער טשופּרינע, וואָס איז דאָ געווען אַ טעסלער, מיט שטאַלענע מוסקולן אויף זײַנע האָריקע הענט, האָט נישט געקאָנט פאַר־לײַדן די אַלע פּוסטע פּלאַפּלערייען און ער האָט זיך מיט אַ זייט דורכגעשטופּט פון צווישן דעם ראָד פעאָנען און צוגעגאַנגען צו כוליטאָ:

— צוליב וואָס טויגן די אַלע רייד, וואָס האָבן נישט קיין זינען? מען דאַרף בעסער רעדן פּראַקטיש און צום פּונקט. מיר האָבן אַ גרויסן וואַלד מיט גוטן געהילץ. פאַראַן זעגן מיט שאַרפע העק און קיין הענט פעלן אויך נישט. דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט און מאַכן וויפל אַקערס מען וויל. בראָ־נעס זענען בכלל גאָרנישט מיט גאָרנישט. מען קלאַפּט צוזאַמען אַ פּירקאַנ־טיקע ראַם פון עטלעכע גראָבע שטיקער לייסטן. מען ציט זי איבער מיט דראַבינקעס, אין וועלכע מען בויערט אויס לעכער, מען האַקט אַהין אַרײַן פאַרשפּיצטע פלעקלעך און אָט האָט איר אַ בראָנע! ס'איז דען אַ גרויסע זאַך? מען דאַרף בלויז וויסן וויפל אַקערס און וויפל בראָנעס צו מאַכן און דאָס איז אַלץ!...

— גערעכט! גערעכט! — האָבן אַ סך פעאָנען אײַנגעשטימט מיט דעם יונגן טעסלער, נאָר איין מיטן דרינען איז כוליטאָ אַרויפגעגאַנגען אויף אַ באַנק, כדי אַלע זאָלן אים קאָנען הערן און ער האָט אָנגעהויבן רעדן:

— הערט זיך אײַן, וואָס איך וויל אײַך זאָגן, מוטשאַטשאָס! איך מיין, אַז מיר האָבן טאַקע נישט קיין אַנדער ברירה, ווי צו בויען הילצערנע אַקערס. אָבער איך דענק, אַז כדי די דאָזיקע אַקערס זאָלן זיך קאָנען אַרײַנשניידן טיף אין דער ערד און נישט צעבראָכן ווערן דאָרטן אויף שטיקלעך, וואָלט איך פאָרגעשלאָגן, אַז אויף זייערע „נעז" זאָל מען אַרויפטאָן אײַזערנע שאַרפן און אויך די ציינער פון די בראָנעס זאָלן זײַן פון אײַזן. דעריבער איז מיר איצט אײַנגעפאַלן אַ מאָדנער געדאַנק, אַז אַזוי ווי מיר זענען דאָך אַ פרידלעכער שבט און בײַ אונדז איז פאַראַן אַ סך ביקסן מיט באַיאָנעטן און אַפילו שפּיזן, וואָס מיר וועלן שוין מער קיין מאָל נישט נוצן, וואָלט אפשר געווען אַ גוטער

פלאַן, אַז אונדזערע שמידן זאָלן זיי צעשמעלצן און פון דעם כאַטש מאַכן די אונטערשטע טיילן פון די אַקער־אײַזנס און פון די באַיאָנעטן זאָלן זיי מאַכן „ציינער" פאַר די בראָנעס...

פון כוליטאַס „משוגענעם" פלאַן איז דער עולם געבליבן שטיין דער־שטוינט און פאַרציטערט. ווייל אויף אַזאַ מין „ווילדער" זאַך האָט זיך קיינער נישט געריכט. דער געדאַנק איז פאַר די פּעאָנען געווען אַזוי אומגעלומפּערט און אומגלייבלעך, אַז אַ סך פון זיי האָבן געקוועטשט מיט די אַקסלען און אַ פּאָר יונגען האָבן אים אָנגעהויבן שטעלן גאַנץ לאָגישע פראַגן:

— עס איז אמת, אַז מיר האָבן אָפּגערעדט פאַר דעם אַרויספאָר פון טאָל פון טויט, אַז מיר וועלן מער קיינעם נישט אַטאַקירן. אָבער וואָס וועלן מיר טאָן, אַז דאָס מיליטער וועט אונדז ווידער באַפאַלן?... מיט וואָס וועלן מיר זיך פאַרטיידיקן אַנטקעגן זיי?...

— און וואָס וועסטו טאָן — האָט אַ צווייטער געפרעגט כוליטאַן — אַז אַהער אין דער קאָלאָניע וועט זיך פאַרקלייבן אַ לייב, צי אַ יאַגואַר אָדער אַ לעמפּערט צי אַ פּאַנטערע און וועלן צערייסן אַ קינד, צי אַ דערוואַקסענעם מענטשן, אָדער גאָר אַ בהמה צי אַ פערד?...

און אַ דריטער, אַ געוועזענער סאָלדאַט, וואָס איז איצט פון כוליטאַס „ווילדן" פלאַן געוואָרן אַזאַ צעקאַכטער, אַז ער האָט אַ האַסטיקן שפּיי געגעבן אויף דער ערד און עטלעכע גרעזלעך האָבן זיך דאַרטן פון זיין שפּיי איינ־געבויגן:

— הער זיך איין, כוליטאַ! דו ביסט טאַקע אַ גוטער פירער און אַ בראַ־ווער קעמפער אין אַ שלאַכט, אָבער דו ווייסט דאָך, אַז דער היגער געגנט איז אָן אומבאַקאַנטער! איז וואָס וועלן מיר טאָן, אַז אַ ווילדער שבט אינדיאַנער וועט זיך אַהער אַריינרייסן? זאָלן מיר זיך אפשר לאָזן אויסקוילענען ווי די בהמות? איך זאָג דיר, אַז מען טאָר די ביקסן נישט טשעפּען, ווייל ווער ווייסט, וואָס עס קאָן נאָך מיט אונדז געשען?...

די גאַנצע צייט איז ראָזאַליטאַ געשטאַנען אין פאָדערגרונט פון די פּעאָ־נען, און זי האָט כוליטאַס פלאַן אויפגענומען גאַנץ אַנדערש, ווי די אַלע אַרו־מיקע מענטשן. זי האָט אין זיינע רייד אַריינגעלייגט אַזאַ טיפן זין, אַז אין דעם עצם פאָרשלאַג האָט זי אַנטדעקט אַזאַ אידעלן און באַהאַלטענעם מיין, אַז אירע בלויע אויגן האָבן זיך צעפינקלט פון גרויסער פרייד. דערביי האָט זי זיך שטאַרק געוווּנדערט: פון וואַנען איז דאָס צו אים געקומען אָט דער געטלעכער געדאַנק פון „צעשמעלצן ביקסן אויף אַקער־אײַזנס", אַז ער האָט נאָך אַלץ נישט געקאָנט לייענען און שרייבן ווי מען דאַרף און אוודאי נישט געוווּסט וואָס איז געשטאַנען געשריבן נישט נאָר אין דעם אַלטן, נאָר אַפילו נישט אין דעם נייעם טעסטאַמענט...

אויך ראַפּאַעל האָט כמעט געטראַכט דאָס זעלביקע וואָס ראָזאַליטאַ. נאָר כוליטאַ, וואָס האָט באַלד איינגעזען, אַז מיט זיין „מאָדנעם פּלאַן" איז ער דאָ אַריינגעפאַלן, ווי אַ „יוון אין סוכה", האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענטפערן און דערמיט אויסגעטשוכעט סיי זיין ווייבל און סיי ראַפאַעלן פון זייער פאַרוווּנ־דערונג:

— איר האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געמיינט... ביי דער פאַר־זאַמלונג אין „טאַל פון טויט" האָבן מיר באַשלאָסן צו ווערן אַ פרידלעכער שבט. דאָס איז מיט דער צייט געוואָרן מיין ציל אין לעבן... אָבער דאָס מיינט נאָך נישט, אַז אויב עמעצער וועט אויף אונדז אָנפאַלן, זאָלן מיר זיך לאָזן אויס־שעכטן. אַדרבא, גראָד איצט האָבן מיר פאַר וואָס צו קעמפן. מיר פאַרמאָגן אייגענע ערד און מיר וועלן זי פאַרטיידיקן ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט! איך האָב פּריִער בלויז געמיינט, אַז אַזוי ווי מיר האָבן אַ סך געווער, אַן ערך אַרום פינף הונדערט ביקסן, וואָס מיר האָבן צונויפגעקליבן פון די אומגעקו־מענע סאָלדאַטן מיט אונדזערע מוטשאַטשאָס, זאָלן די שמידן נעמען אַ ביסל ביקסן און פון דעם מאַכן „שאַרפן" פאַר די אַקער־אייזנס און „ציינער" פאַר די בראָנעס. אויב די שמידן וועלן דאָס נאָר קאָנען טאָן און די איבעריקע הונדערטער ביקסן מיט די קאַסטנס קוילן וועלן מיר נאָך יאָרן און יאָרן האַלטן אין דעם בעסטן אָרדענונג. ביז מיר וועלן זיין איבערצייגט, אַז מיר זענען זיכער אויף אונדזער אייגענעם באָדן. דעמאָלט וועלן מיר דאָס געווער מער נישט דאַרפן האָבן...

— דאָס זענען דאָך געוווען אַנדערע רייד! — האָט דער געוועזענער סאָל־דאַט געזאָגט מיט נצחון אין זיין איצטיקער האַלטונג — דאָס איז אַ געדאַנק, מיט וועלכן איך בין פולקאָם איינשטימיק און איך רעכן, אַז יעדער איינער וועט איינזען, אַז אַזוי טאַקע דאַרף זיין...

אָבער כוליטאַ האָט דעם געוועזענעם סאָלדאַטס לעצטע רייד פאַרהערט און אַ צופרידענער, וואָס אים האָט זיך סוף־כל־סוף איינגעגעבן איינצושטילן די געמיטער פון אַלע פּעאָנען, האָט זיך פלוצים אויסגעדרייט מיט זיין פנים צום געזונטן לאָפּעזן, וועלכער איז אין „טאַל פון טויט" געווען דער „קאָמאַנ־דיר" פון די גאַוטשאָ־בייטשן־פּעכטער און איז דאָ אין דער קאָלאָניע געוואָרן איינער פון די שמידן:

— לאָפּעז! וואָס זאָגסטו, אַמיגאָ? דו ווועסט קאָנען פון אַ ביסל ביקסן מאַכן „שאַרפן" פאַר די „נעזער" אויף די הילצערנע אַקערס?

דער נאַיִווער און געזונטער חברה־מאַן, וואָס איז די גאַנצע צייט דאָ גע־שטאַנען מיט אַן אַרויסגעשטאַרצטער און באַוואַקסענער ברוסט, און אַ גע־דולדיקער צוגעהערט זיך צו אַלעמענס רייד, נאָר אַליין האָט ער זיך גע־שעמט צו עפענען דאָס מויל און עפּעס זאָגן, האָט זיך איצט אַ ווילע באַראַטן מיט די אַנדערע דריי שמידן, וואָס ער האָט דורך דער צייט צוגענומען צו

זיך אין דער קוזשניע צו דער אַרבעט און דערנאָך מיט צווייפל אין קול געענטפערט דעם סטעפּ־יונג:

— איך וועל דיר זאָגן דעם אמת, כוליטאָ, אַז מיר ווייסן נישט ווי צו טאָן דאָס. נאָר אַזוי ווי דאָס אויספּלאַטשיקן די רערן פון די ביקסן לייגט זיך יאָ אַ ביסל אויפן שכל, וועלן מיר דאָס פּרובירן טאָן. נאָר צי דאָס וועט זיך אונדז איינגעבן ווייס איך נישט און קאָן דערפאַר נישט גאַראַנטירן...

נאָך דעם ווי עטלעכע בויער זענען אַליין אַוועקגעפאָרן אין דעם גרויסן וואַלד און געבראַכט פון דאָרטן אַ פּאָר דעמבענע ביימער, וואָס האָט גענומען אַרום צוויי וואָכן ביז די טעסלער מיט די סטאָליאַרעס צוזאַמען האָבן אויסגעזעגט און פּאַרזיכטיק אויסגעהאַקט דערפון אַכט אַקערס מיט שטאַרקע הענטלעך. ווען זיי זענען פּאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָבן די חברה צונויפגעקלאַפּט פּירקאַנטיקע ראַמען פון וויכערן האָרץ, און אויפגעבויט זעקס בראַנעס. אָבער די ביקסן האָבן די שמידן בשום אופן נישט געקאָנט צעשמעלצן ווי געהעריק און נאָך אַ סך שווערע טעג פון מאַטערנישן און האָרעוואַניע איז זיי קוים געלונגען אויסצוקלאַפּן און אויספּלאַטשיקן אַרום דרייסיק רערן פון ביקסן און מיט צרות פון זיי געמאַכט שאַרפע שטיקער „נעז" וואָס זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו די פּאַרנטן פון די הילצערנע אַקערס, וועלכע זענען שוין געשטאַנען גרייטע, אַז מען זאָל צו זיי צושפּאַנען די פערד און זיי נעמען אין פעלד צו דער אַרבעט. און ערשט דעמאָלט, האָבן זיך די שמידן מיט מער פלייס גענומען אויסצואַרבעטן „ציינער" פאַר די פּאַרטיקע בראַנעס.

נאָך עטלעכע חדשים פריער, איידער כוליטאָ האָט צוזאַמענגערופן די פּעאָנען אין פּאַרקל, האָבן זיך אין אַן אין דער פרי זעקס יונגעלייט אַריינגעזעצט אין דריי שיפלעך און אַריבערגעשיפט זיך צו דעם אַנדערן ברעג טייך. דאָרטן זענען זיי אויסגעשטיגן, די שיפלעך אַרויפגעשלעפּט אויפן זאַמד און אַליין האָבן זיי אַוועקגעבראָדיעט איבער טשילענער טעריטאָריע צו זען וואָס דאָרטן האָט זיך געטאָן. אָבער וויט גיין האָבן די יונגען נישט געקאָנט. מחמת דאָ זענען געווען אַ סך באַוואַקסענע זומפּן, ווו דאָס גראָז איז געשטאַנען הויך און אַזוי ווילד ווי אין דעם אַרגענטינער טויטן־טאָל פון דער פּאַמפּאַ. נישט זייער וויט פונעם ברעג האָבן די „פּאַרשער" געפונען גאַנץ פּלייכע, אָבער אָנגעפילטע גריבער מיט אַזאַ מין נאַפט, וואָס איז געווען שוואַרץ און געדיכט ווי דזשעגעכץ. האָבן די יאַטן צוריק אַוועקגעאיילט אין דער קאָלאָניע און שפּעטער פון דאָרטן געבראַכט אַלע פעלן פון די בהמות וואָס מען האָט געקוילעט און אָפּגעשונדן און דאָס אַריינגעלייגט אין איינער פון די גריבער צום ווייקן, כדי דערנאָך צו קאָנען דערפון אויסאַרבעטן רימען פאַר פּאַרשידענעם געברויך. אין צוויי גרויסע פּעסער, וועלכע האָבן ביים פאָרן צוהער אין דער קאָלאָניע געדינט אויף צום האַלטן אין זיי וואַסער און וואָס זענען איצט געשטאַנען אויף צוויי שיפלעך, מיט די אָפענע דעקן אויף אַרויף, האָבן די זעל־

ביקע זעקס יונגען מיט עמערס אָנגעשעפּט פון אַ פּאָר גריבער דעם נאַפּט און דאָס אַריינגעגאָסן אין די פּעסלעך און אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען דער פּאַרנאַכט איז צוגעפאַלן און די דריי שיפלעך האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, ווו מען האָט יעדן פּעאָן געגעבן צו פולע בלעכלעך מיט דער שוואַרצער פליסיקייט, זענען אַלע שטיבלעך צום ערשטן מאָל באַלויכטן געוואָרן מיט דעם פריילעכן שיין פון ברענענדיקע פלעמלעך.

נאָך דעם ווי די פּעלן האָבן זיך אַ פּאָר חדשים גוט דורכגעווייקט אין דעם נאַפּט, האָט מען זיי אַרויסגענומען פון גרוב און אַוועקגעלייגט אויף די ברייטע וואַרשטאַטן, וואָס די בויער האָבן אויפגעשטעלט טאַקע אויף דער אַנדערער זייט טייך און מיט די שאַרפע און האַלב־קיילעכדיקע מעסערס, וואָס די שמידן האָבן פאַר דעם צוועק אויסגעקלאַפּט פון באַיאָנעטן, האָבן אַ פּאָר געניטע שטאָטישע גאַרבער, מיט דער הילף פון נאָך זעקס אַרבעטער, פון די גראָבע זייטן פעל אָפּגעשניטן לאַנגע פאַסן אויף פאַסטראַמקעס. פון די קורצע טיילן אָפּגעהאַקט אויף כאָמוטן און אויף פּאָדעשוועס און די גאָר דינע זייטן פון יעדער פעל לאַנג געסקראָבעט, ווייל די „גאַרבער" האָבן געוווּסט, אַז אין דעם עק וועלט, האַרט לעבן די פאַרשנייטע „אַנדן בערג" קאָן, נישט קוקנדיק אויף דעם מילדן קלימאַט, כאַפּן אַזעלכע פרעסט, אַז מען וועט דאַרפן סיי שטיוול פאַר די מענער און סיי שיך פאַר די פרויען מיט די קינדער.

די גאַרבערישע מלאכה, וואָס איז אין דעם טייל לאַנד בכלל געווען אַ נייע דערשיינונג, האָט אין דער קאָלאָניע אַריינגעבראַכט אַ באַזונדערע פרייד און טעמפּאָ. צום גליק האָבן זיך צווישן די געוועזענע סאָלדאַטן געפונען אַ פּאָר גאַנץ גוטע שוסטערס פאַר וועמען די בויער האָבן ספּעציעל אויפגעבויט אַ קליין שטיבל און דאָרט איינגעאָרדנט אַ פּירקאַנטיק נידעריק טישל מיט אַ פּאָר דרייפיסלדיקע בענקלעך צו זיצן און די שוסטערס האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. אָבער די גרויסע צרה איז געווען, וואָס דאָ אין דער קאָלאָניע האָט קיינער נישט געהאַט נישט קיין שטיפטן און נישט קיין דראַטווע. זענען די צוויי שוסטערס געפאַלן אויף אַן אייגנאַרטיקן געדאַנק: זיי האָבן כמעט אַלע טאָג פון אַן אַנדער פערדס עק אַרויסגעריסן צו אַ פּאָר „סטרונעס" און דערמיט אויפגענייט די ערשטע פּאָר שטיוול. אָבער די „סטרונעס" זענען געווען שאַרפע, און ווען דער פּעאָן, וועמען מען האָט געגעבן די שטיוול צו טראָגן איז אַרומגעגאַנגען אין זיי נישט מער ווי אַ פּאָר וואָכן, האָבן די „סטרונעס" איבערגעהאַקט די נעט און דער פּעאָן האָט די שטיוול פאַרלוירן אין מיטן גאַנג.

און איצט, ווען דער האַלב־טראָפּישער ווינטער איז אַוועקגעגאַנגען און די לופט האָט פאַרשמעקט מיט אָנהייב פרילינג, איז כוליטאָ אַ פּאָר טעג אַרומגעגאַנגען אַן אומרויִקער. דאָס האָט זיך ביי אים גענומען דערפון, וואָס ער האָט נאָך אויף קלאָר נישט אויסגערעכנט, וועלכע זייט פון דער קאָלאָניע לאָזן, אַז גראָז זאָל דאָרט וואַקסן ווי ביז אַהער און עס זאָל זיין גענוג פּאַשע

פאַר דער גרויס גענוואָרענער טשערעדע בהמות מיט דעם ריזיקן טאַבון פערד און וועלכע זייט ערד אויפצוברעכן, כדי דאַרטן צו פאַרזייען תבואה און גרינס. אָבער אויף דעם דריטן טאָג איז ער געקומען צו דעם באַשלוס, אַז ס'איז בע־סער צו פאַרזייען די ערד צו דער רעכטער זייט פון דער קאָלאָניע, די ראָיה האָט ער געדרונגען דערפון, וואָס דאָרטן האָט געבליט און געוואַקסן דער אור־אַלטער וואַלד, וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזעלכע גראָבע, הויכע און שטאַרקע ביימער. ווען דאָך אַ פאַרזייט פעלד אוודאי וואַקסן...

כוליטאַ איז קיין צו גוטער פויער נישט געווען און דאָס איז קיין וווּנדער נישט געווען פאַר קיינעם. ער איז דאָך דאָס גאַנצע לעבן געוואַקסן אין סטעפּ און אין די בערג און קיין אַנונג נישט געהאַט, אַז פון די פאַרשנייטע אַנדן־בערג קאָן קומען אַ שניי־זאַווערוכע, צי אַ האַגל און חרוב מאַכן דעם גאַנצן פאַרזיי. מיט אַט דער „קליינקייט" האָט ער זיך נישט גערעכנט און ווידער זיך געווענדט צו די פעאָנען:

— אַזוי ווי מיר זענען דאָ אַרום צוויי הונדערט מיט צוואַנציק מענטשן, פון וועלכע מען קאָן אַראָפּרעכענען אַרום זעכציק מאַן, וועלכע אַרבעטן אַלס בויער, שלאָסערס, גאַרבערס, פישערס, שוסטערס און מסתמא וועלן זיך נאָך צווישן אייך געפינען עטלעכע שניידערס צי אַנדערע באַלמעלאָכעס, וועט נאָך אַלץ בלייבן אַרום הונדערט מיט פינף און זעכציק פעאָנען. גלייב איך, אַז די אַרבעט סיי אויפן פעלד ביים אַקערן און זייען און סיי שפּעטער אין די שפּייכ־לערס זאָל צעטיילט ווערן אויף צוויי זמניעס. דאָס הייסט, אַז איין גאַס איינ־וווינער זאָל אָן ווייטערדיקע איבעררײדן גיין צו דער אַרבעט, למשל, היינט און די צווייטע גאַס איינוווינער דאַרפן אַליין וויסן, אַז זיי דאַרפן גיין צו דער זעלביקער אַרבעט מאָרגן. אין אַנדערע ווערטער מיינט דאָס: איין טאָג אַר־בעטן און דעם אַנדערן רוען. ווייל קיין אַרבעט פאַר אַלעמען איז דאָך דערווייל דאָ נישטאָ און אַזוי ווי מיר זענען אַ קאָלאָניע, וואָס איז געבויט אויף קאָאָ־פּעראַטיווע יסודות, דאַרף מען זיך בייטן מיט דער אַרבעט. זענט איר אַלע אויף דעם מסכים?...

איצט איז אַנטאָניאָ דער „פערד" אַרויסגעשפּרונגען פון דער הויט און אָנגעהויבן שרייען אויף כוליטאַן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ רייד? וואָס הייסט עפּעס דו גייסט זיך בעטן ביי דעם עולם, אַז מען זאָל זיך בייטן מיט דער אַרבעט?... איך קאָן דאָס נישט פאַרשטיין. די קאָלאָניע און די ערד באַלאַנגט דאָך צו אונדז אַלעמען. לויט מיין שכל קומט אויס, אַז וואָס מען טוט, טוט מען דאָך דאָס פאַר זיך אַליין. קיינער דאַרף נישט אַרבעטן פאַר דעם אַנדערן. געוויס וועט יעדערער זיין צופרידן צו טאָן זיין חלק אַרבעט, לויט זיין ריי און איך וואָלט געווען אַ בעלן צו זען דאָ אין דער קאָלאָניע אַזאַ פאַרשוין, וואָס וויל אויסנוצן דעם אַנדערנס פּראַצע און אַליין קיין האַנט נישט צולייגן!...

צו דער רעכטער זייט פון דער קאַלאַניע האָט מען אויף מאָרגן אַוועקגעפירט די אַכט אָקערס מיט די זעקס בראַנעס. די אַקער־אייזנס האָט מען צעשטעלט נישט ווייט איינעם פון דעם אַנדערן. צו זיי — צוגעשפּאַנט אַכט פּאָר געזונטע אַרבעטס־פערד, וועלכע האָבן געהאַט ברייטע הינטנס, מיט טיפע דאָלינעס, לאַנגע גריוועס מיט שווערע פיס, וואָס האָבן לעבן די קלאָען געהאַט בינטלעך אָראָפּהענגענדיקע האָר, מיט אַרויסגעשטאַרצטע בראָדעווקעס. כוליטאָ מיט נאָך זיבן געזונטע יונגען האָבן אָנגענומען די הענטלעך פון די אַקער־אייזנס און אָנגעצילעוועט זיי אַזוי, אַז זייערע שאַרפע, אייזערנע „נעז" זאָלן זיך אַריינשניידן טיף אין דעם היגן ווילדן באָדן און אַנדערע אַכט חברה, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אַ ביסל אַן אַ זייט פון די פערד, האָבן גענומען די רימענע לייצעס אין די הענט, אַ שטאַרקן צי געגעבן און די סוסים האָבן זיך אַ שפּאַר געטאָן אויף די כאָמוטן און גערירט זיך פון די ערד. תיכף האָבן זיך די שאַרפע „נעז" פון די אַקער־אייזנס איינגעביסן אין דער בתולהדיקער ערד און אָנגעהויבן אויסלייגן אַכט פּאַסמעס אַזעלכע שוואַרצע און פעטע ערד, וואָס האָבן אויף אַ ווילע אַ בליאַסק געטאָן אין דער צעהעלטער זון. נאָר דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. ווייל באַלד איז דאָס בליאַסקען אויסגעלאָשן געוואָרן און צום ערשטן מאָל איז דער היגער באָדן געבליבן ליגן אַן איבערגעאַקערטער מיט די שוואַרצע געדערים צום בלויען הימל.

די אָנטרייבער האָבן כסדר געצויגן מיט די לייצעס, צוגעשמאַטשקעט מיט די ליפּן און אַפילו פון צייט צו צייט אַ כוואַשטשע געטאָן מיט די בייטשן אין דער לופטן, אַז די פערד זאָלן וויסן וואָס זיי טוען און נישט אָפּשטעלן זיך אין מיטן ציען די פּאַסטראַמקעס און די זיבן פּעאָנען (חוץ כוליטאָן), ביי וועמען דער אַקער האָט זיך אַלע ווילע אַ טרייסל געטאָן, זענען געווען גענייטע פּויערים. זיי האָבן געהאַלטן די הענטלעך פעסט אין די הענט און נישט דערלאָזט, אַז זייערע אַקער־אייזנס זאָלן זיך וואַקלען ביים גיין. נישט שפּרינגען און נישט שניידן די ערד צו טיף אָדער צו פלאַך. און צו זייער צופרידנקייט האָבן זיי דערנאָך באַמערקט, ווי זייערע צעאַקערטע שורות זענען געלאָפן אַזעלכע גלייכע, פּונקט ווי עמעצער וואָלט זיי אַפריער געהאַט אָנגעווירעט מיט גלייכע ליניעס און די אַקערער האָט גאָרנישט געאַרט, וואָס צוזאַמען מיט די פּלאַסטן, האָבן זיי פון דער ערד אַרויסגעיאָגט לאַנגע, ראַזעווע ווערעם, וועלכע האָבן מסתמא צום ערשטן מאָל אין זייערע לעבנס אַ בליק געטאָן אויף דער ליכטיקער וועלט און אַפּנים נישט געקאָנט פאַרליידן די גליאיקע זון. מחמת באַלד האָבן זיי זיך איינגעקאָרטשעט, פאַרבויגן די קעפּלעך און צוריק איינגעגראָבן זיך אין די דיקע גרודעס ערד.

מיט יעדן טראָט פאָרויס האָבן זיך די צעאַקערטע ליניעס אויסגעצויגן אַלץ ווייטער און ווייטער. נאָר ווען זיי האָבן דערגרייכט די לענג פון אַ פּאָר קילאָמעטער, דעמאָלט האָבן די פּעאָנען אויסגעקערעוועט די סוסים אויף צו־

ריק צו דער קאָלאָניע און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן אויסלייגן פּאַסמעס ערד. איבערגעקוליעטע מיט די גרינע גראָזן אויף אַראָפּ זענען זיי געלעגן איינע אויף די אַנדערע, ווי פאַרברידערטע אין זייער צעאַקערטן בראָך. דאָס גיין מיט די אַקערס איבער די אומבאַרירבאַרע פּליינען אַהין און צוריק האָט גע־דויערט ביז דער גאַנצער שטח פון די פּאַטאַגאָניער בערג אָן אַזש ביז צום סאָמע ברעג טייך כמעט האָט דאָס ברייטע שטיק לאַנד אָנגענומען די פאָרעם פון אַ ים מיט צעבריוזטע כוואַליעס. נאָר אין דערמיטן האָבן די פּויערים אי־בערגעלאָזט אַ קאָלייע, אַז אַ פור זאָל דאָרטן קאָנען דורכפאָרן. אָבער דעמאָלט איז צוגעפאַלן דער אָוונט און פאַר די אַקערער איז שוין געווען צייט צו גיין אַ היים און אויסרוען זיך פון דעם ערשטן טאָג שווערער האָרעוואַניע.

לויט כוליטאָס אויסגערעכנטן פּלאַן, האָבן אויף מאָרגן די פּעאָנען פון דער אַנדער גאַס געבראַכט אין פעלד די זעלביקע אַרבעטס־פערד און אָנגעהויבן אויסצי:ען דעם אויפגעאַקערטן שטח אויף נאָך צוויי קילאָמעטער די לענג. דאָס זעלבע האָט זיך איבערגעחזרט אַ טאָג נאָך אַ טאָג. אָבער כוליטאָ מיט דעם אַלטן פּעאָן אַנדרעס דער „גלח", זענען יעדן טאָג געקומען אַהער און זיי האָבן באַשלאָסן, אַז אַזוי ווי עס איז דאָך געווען צום ערשטן מאָל, וואָס מענטשלעכע הענט האָבן אויפגעבראָכן דעם היגן באָדן, און פון אונטער די הרודעס האָבן זיך נאָך אַלץ אַרויסגעזען די אַרויסגעשטאַרצטע גרינע גראָזן, זאָל מען דעם גאַנצן פעלד איבעראַקערן נאָך אַ מאָל. דערפאַר אָבער איז דאָס בראָנעווען אָנגעקומען זייער גרינג. אויף די זעקס בראָנעס האָט מען אַרויפ־געלייגט שווערע שטיינער און די בראָנעס האָבן אַזאַ טאַנץ געטאָן איבער דעם גאַנצן שטיק לאַנד, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט דאָס פעלד אויסגעזען ווי לאַנגע, צעקעמטע האָר ביי אַ מיידל אויפן קאָפּ.

אויף דער דריטער וואָך, איז כוליטאָ מיט נאָך צען פּויערים געגאַנגען איבער דעם פעלד און אַלע ווילע אָנגענומען פולע הויפנס זריעה ביי זיך פון די טאָרבעס און מיט ברייטע „ראַזמאַכן" — דאָס צעשאָטן אויף דער ערד. מיט אַ קילאָמעטער ווייטער האָבן אַנדערע פּעאָנען פאַרזייט קוקורוזע און העכער, צום ברויזיקן טייל פון דעם טייך, האָט מען אין די צעאַקערטע דאָלינעס — אויף יעדן אַנדערהאַלבן שפּאַן אין דער ערד אַריינגעלייגט אַ האַלבע בולבע. נאָך דעם האָבן די מענער די אַריינגעלייגטע שטיקער קאַרטאָפל צוריק פאַר־אַקערט און גאָר די לעצטע דריי קילאָמעטער האָט מען פאַרזייט מיט קרויט, גריקע, פלאַקס און מיט מאַטע. אַז די איינוווינער פון דער פרידלעכער קאָלאָ־ניע זאָלן כאָטש האָבן אויף אַ פּאָר יאָר וואָס צו טרינקען און נישט אָפּגעווינט ווערן פון דעם אַרגענטינער נאַציאָנאַלן געטראַנק.

דער ברונעם

מיטן אָנקומען פון די וואַרעמע טעג האָבן זיך די איינוווינער פון דער צווייטער גאַס געכאַפּט, אַז דאָס גיין איטלעכן מאָל צום טייך, כדי צו ברענגען פון דאָרטן אַ ביסל וואַסער, איז פון דאַנען געווען גאַנץ ווייטלעך. דעריבער האָבן זיך די היגע פּעאָנען פאַרזאַמלט אין אַ גרופּע, זיי האָבן צוגעצויגן כולי־טאָן צו דער פאַרזאַמלונג און נאָך אַ לאַנגער און היציקער דיסקוסיע און אַמפּעריי, איז באַשלאָסן געוואָרן צו גראָבן אַ ברונעם אין דער מיטן גאַס.

צוליב דעם צוועק האָבן פיר געזונטע פּעאָנען, מיט שאַרפע גראָב־אייזנס אין די הענט, אין לויף פון דריי טעג אויסגעגראָבן אַ היפּשע, פיר־קאַנטיקע גרוב און דאָס ערד אַרויסגעשליידערט פון אינעווייניק — אין דרויסן. דערנאָך האָבן זיי, אויף דער אויבערפלאַך, צוזאַמענגעשטעלט „קאָזלעס" פון צוויי זייטן. אויף זיי — אַרויפגעוואָרפן אַ האַלבן, דינעם שטאַם פון אַ בוים, וואָס האָט געהאַט אין דער מיטן אַ צוגעבונדענעם, צוויי אויערדיקן רעדל, דורך וועלכע מען האָט דורכגעצויגן אַ לאַנגן און דיקן שטריק. צום אַראָפּהענגענדיקן עק־שטריק האָבן די גרעבער צוגעקרעמפּעוועט אַ ברייטן און טיפן, הילצערנעם עמער און דעם איבעריקן טייל פון דער שלאַנגענדיקער שטריק געלאָזט ליגן אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד. נאָך דעם האָבן די „בויער" צוזאַמענגעקלאַפּט אַ הויכן לייטער, וואָס זיי האָבן פאָרזיכטיק אַראָפּגעלאָזט אין דער טיפעניש פונעם גרוב. אויף אים זענען איצט נישט מער ווי צוויי פּעאָנען אַראָפּגעגאַנגען אין ברונעם. דאָרט אָנגעשאָטן פולע עמערס מיט ערד, וואָס די אַנדערע צוויי פויערים האָבן דאָס דערנאָך אַרויפגעצויגן צו זיך און אויסגעשאָטן אויף דער ערד פון וואָס עס זענען אַרום דעם ברונעם כסדר געוואַקסן אומגעלומפּערטע בערגלעך, און די אויסגעליידיקטע עמערס צוריק אַראָפּגעלאָזט.

די אויסגראָבונג האָט באַוויזן, אַז די ערד איז דאָ געווען אַ פאַרשיידנאַרטיקע. אַפּריער איז געלאָפן אַ דיקער שיכט פון דיקן זאַמד. אונטער דעם איז געלעגן אַ דינער פלאַסט פון שטיינער, וואָס מען האָט געמוזט האַקן מיט לאָמען און „קירקעס" ביז די פּעאָנען האָבן אים ווי עס איז באַזיגט. נאָכדעם האָט זיך באַוויזן האַרטע, ליימיקע, שוואַרצע און געלע שיכטן וואָס איז אָנגעקומען נישט זייער גרינג צום גראָבן. די שיכטן האָבן זיך אַלע טאָג געהאַלטן אין איין בייטן און מיניען. אָבער קיין סימן פון וואַסער איז נאָך אַלץ נישט געווען. ווען די לענג פונעם לייטער האָט זיך שוין אַרויסגעגנבעט ביי די צוויי גרעבער פון אונטער די זוילן פון זייערע שיך, האָבן די גרעבער אָפּגעשטעלט די שווערע אַרבעט און אַרויס אויף דער ערד.

דעמאָלט האָבן די „בויער“ אָנגעשניטן אַ סך ברייטע ברעטלעך. אויך האָבן זיי מיט זייערע שאַרפע העק — אויסגעטשעשעט זייער לאַנגע, פיר־קאַנטיקע קראָקוועס, וואָס זיי האָבן דערנאָך אַריינגעשטעלט אין אַלע פיר זייטן פון ברונעם און אויף זיי אַרויפגעקלאַפּט די אָנגעזעגטע ברעטלעך ביז צום ראַנד פונעם ברונעם, כדי די ווענטלעך זאָלן זיך נישט אויסבויגן און איינפאַלן. נאָר וועגן דעם, אַז די פריִערדיקע צוויי גרעבער זאָלן ווידער נישט אַראָפּגידערן אין ברונעם, האָט איצט קיין רייד נישט געקאָנט זיין, מחמת זיי זענען געווען צו הויכע און צו שווער־לייביקע.

דערפאַר האָט איצט כוליטאָ צוגערופן דעם קורץ־געוויסיקן און גרינג־וואַגיקן ראַפאַעלן און צו אים געזאָגט:

— ראַפאַעל, איצט ביסטו געבליבן דער איינציקער אין דער קאָלאָניע. ווייל די יונגע און גרינג־פיסיקע מוטשאַטשאָס פון „לאַגער“ זענען אומגעקומען אין טאָל פון טויט בעת דער שלאַכט. איז וויכטיק, אַז דו זאָלסט זיך מיט ביידע פיס אַריינשטעלן אין עמער, מיט די הענט — אָנהאַלטן זיך ביים שטריק. די גרעבער וועלן דיר אַלע אין דער פרי אַראָפּלאָזן אין ברונעם און דאָרטן וועסטו דאַרפן גראָבן ביז עס וועט זיך באַווייזן וואַסער.

אַ שטיקל צייט האָט זיך ראַפאַעל געקווענקלט. ער האָט פשוט נישט געוואָלט אַראָפּגידערן, בעת אַנדערע פּעאָנען וועלן מיט זיכערקייט אין די פיס — שטיין אויף דער אויבערפלאַך און בלויז אַרויפציִען די אָנגעפילטע עמערס מיט ערד פון דעם נאָך נישט פאַרענדיקטן ברונעם. ראַפאַעל איז אָבער געווען אַ כיטרער קערל און געוווּסט, אַז דאָס שטעלן זיך אַנטקעגן כוליטאָס באַפעל, האָט געמיינט דאָס זעלבע, ווי צו שטעלן זיך אַנטקעגן דער גאַנצער קאָלאָניע.

האָט זיך ראַפאַעל, נישט וועלנדיק, אונטערגעגעבן. מיט ביידע פיס איז ער אַריין אינעם עמער. מיט די הענט אָנגעכאַפּט זיך אינעם אַראָפּהענגענדיקן שטריק און אַ נויג געגעבן מיטן קאָפּ צו די פּעאָנען, וואָס האָבן אים באַלד אַרונטערגעלאָזט אין ברונעם. אין אַ ווײַלע אַרום, ווען ער האָט דערגרייכט די „דנאָ“, איז ער אַרויס פונעם עמער, גענומען דעם שאַרפן גראַבאייזן אין די הענט און אָנגעפילט דעם ערשטן עמער מיט אַ „ווערך“ און די „הענט“ אין דער הויך האָבן דאָס תיכף אַרויפגעצויגן. אויף גיך אויסגעליידיקט דעם עמער און אים ווידער אַרונטערגעשיבט. אַזוי איז די מאָנאָטאָנע אַרבעט אָנגעגאַנגען ביז פאַרנאַכט, ווען מען האָט שוין געדאַרפט עסן וועטשערע.

אויף מאָרגן האָט ראַפאַעל ווידער אַראָפּגענידערט און מיט פרישן פלייס גענומען זיך צו דער אַרבעט. אין אַ פּאָר שעה אַרום איז כוליטאָ צוגעקומען צום ברונעם, אַריינגעקוקט אינעווייניק און אויף זיין גוטמוטיקן שטייגער אַריינגעשריִען אין דער טיפער לייִדיקייט:

— ראַפאַעל! פון דאָנען זעסטו דאָך דאָרטן אויס ווי אַן אמתער פּעטיסאָ!

— און דערביי געקייכט פון געלעכטער.

ראַפּאַעלן, וואָס האָט גראַד איצט איינגעביסן מיט זיין גראַבאייזן אַ שטיקל ערד, האָט דאָס אָפּלאַכן אַ שניט געטאָן אין האַרצן. איז זיין רעכטע פוס אויף אַ ווילע שטיין געבליבן אויפן אויערל פון גראַבאייזן. אין דער רגע האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַמערקט, אַז מיט איטלעכן אויסגעגראַבענעם שטיקל ערד איז ער טאַקע געוואָרן אַלץ נידעריקער, קלענער און קלענער און כוליטאַס הויכע פיגור איז געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער. אַט דער פיזי־שער אונטערשייד האָט אים ווי געטאָן מיט אַ באַהאַלטענעם, שאַרפן וויטיק, וואָס קורץ־געוויקסיקע טראָגן דאָס געווײנטלעך ביי זיך אין די הערצער צו הויכע מענטשן. דערפאַר האָט ער געוואָלט כוליטאַן אַזוי אָפּענטפערן, אָדער אויסזידלען פאַר דאָס אָפּלאַכן פון אים, אַז דאָס זאָל דעם הויכן יונג פאַרגיין אין דער זיבעטער ריפּ.

אָבער פּונקט דעמאָלט האָט פון אונטער זיינע פיס אַ שאָס געטאָן מיט וואַסער, וואָס האָט זיך האַסטיק אַ הייב געטאָן זיך אַלץ העכער צום אויבער־פלאַך און אין אַ פּאָר מינוט אַרום וואָלט דאָס וואַסער גאָר גיך איבערגעדעקט ראַפּאַעלס קאָפּ. האָט ער אין דער רגע גאָר פאַרגעסן, וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן כוליטאַן. מיט מורא אין האַרצן, אַז ער וועט דאָ דערטרונקען ווערן, איז ער פלינק אַריינגעשפּרונגען אין דעם האַלב־ליידיקן עמער און אַ קוויטש גע־טאָן:

— וואַסער! וואַסער!!! נעמט מיר אַרויס פון דאַנען. איך וועל דאָ באַלד דערטרונקען ווערן!!!...

און כאָטש די פּעאָנען האָבן אים גלייך אָנגעהויבן אַרויסציִען פון ברונעם, דאָך האָט ראַפּאַעל דערפילט אַזאַ פאַרביטערטן האַס צו דעם האַלב־ווילדן כו־ליטאַן, וועמען ער האָט מיט איטלעכער רגע אַלץ מער פריינט געקראָגן, אַז אַרויסשטייגנדיק פונעם עמער, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן, אַז ער וועט זיך ווען עס איז אָפּרעכענען מיט דעם פּראָסטן פּירער פון דער קאָלאָניע, וואָס האָט אַפילו נישט געקאָנט לייענען, אָדער שרייבן.

דער אויפשטאַנד פון די זכרים

נאָך דעם ווי עס האָבן אויפגעהערט די פרילינגדיקע רעגנס, איז די זון אַרויס פון איר באַהעלטעניש און אָנגעהויבן אַראָפּשליידערן אַזעלכע גאָלדענע לענטעס אויף דער ערד, אַז די לופט האָט פאַרשמעקט מיטן אַראָמאַט פון מיאַט־נע און פרישן גראַז, וואָס האָט ווי פאַרשיכורט סיי די חיות און סיי די מענטשן, מיטן ווילדן דראַנג פון אויפגעוואַכטער תאווה פון וועלכער די אומפאַרהייראַטע יונגען, אין דער קאָלאָניע, האָבן געליטן אויף אַזוי פיל, אַז זיי האָבן זיך אָנ־

געהויבן צו בונטעווען און עס איז געווען זייער גרינג צו באַמערקן, אַז די האַלב־טראַפּישע פּרילינג־לופט, האָט אויף איר אייגענעם לשון גערופן יעדע לעבעדיקע באַשעפעניש זיך צו פּרוכפּערן... מערן...

אויסצולאָדן די יונגע ענערגיע האָבן די זכרים נישט געהאַט ווו. זענען זיי דורך די טעג אַרומגעגאַנגען איבער די לאַנקעס און געזען ווי דאָרטן זענען די בהמות „געלאָפן" מיט בוהייעס, ווי די אַגערס זענען אַרויפגעשפּרונגען אויף די קליאַטשעס. פאַרגאַפטע האָבן די יונגען געקוקט אַזוי לאַנג אויף די דאָזיקע סצענעס, ביז דאָס האָט זיי אַליין אַזוי צערייצט, אַז זיי זענען אַנטלאָפן צו זיך אין די שטיבלעך, אָוועקגעלייגט זיך אויף די בעטלעך און געחלומט פון ווייַבערישע לייבער. נאָר מיט דער צייט זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַזעלכע אַפּאַטיעס, אַז די חברה האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו אַרן, וואָס אין דער קאָלאָניע האָט זיך געטאָן.

מעגלעך, אַז צו דער תאווהדיקער צערייצונג איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס די זכרים זענען שטענדיק געווען אַליין און די עלנטקייט אין די שטיבעלעך, האָט נאָך מער פאַרשאַרפט דאָס בענקעניש צו האָבן לעבן זיך אַ פרויען־געשטאַלט. דאָס דאָזיקע געפיל האָט זיי אַזוי געמאַטערט, איבערהויפּט דורך די נעכט, אַז די מענער האָט אויפגעהערט צו אינטערעסירן אַרויסצוגיין אין פעלד און זען, צי דאָרטן האָט שוין די ערד אַרויסגעגעבן פון זיך די ערשטע שפּראָצונגען תבואות. אומעטיקע, דערשלאָגענע און שטומע זענען זיי אַ פּאָר מאָל דורכן טאָג געקומען צום קאסטיאַר נעמען די פאַרציעס עסנס. נאָר אַנשטאָט אַוועקצוזעצן זיך, ווי זיי פלעגן דאָס אַלע מאָל טאָן, דאָ אויף דער ערד און עסן מיט אַלעמען צו גלייך, זענען זיי גאָר מיט די בלעכענע טעלער אין די הענט אַוועק צוריק צו זיך אין די כאַטקעס, כדי צו זיין מיט זיך אַליין און מער נישט דאַרפן אַנקוקן די ליכטיקע וועלט וואָס האָט געשפּרודלט מיט לעבן.

צוליב דעם וואָס די זכרים זענען כמעט שטענדיק געזעסן ביי זיך אין די שטיבלעך און פון דאָרטן נישט געוואָלט אַרויסקומען, איז אין דער קאָלאָניע געוואָרן אַזוי שטיל ווי פאַר דעם אָנקום פון אַ שטורעם. טאָג און נאַכט האָט זיך די קריכנדיקע שטילקייט געהוידעט אין דער לופטן און דאָס האָט אָנגעזאָגט, אַז פון דער שטילקייט וועט באַלד אויסברעכן אַ געוויטער און נישט כוליטאַ גופא און נישט ראַזאַליטאַ, וואָס איז שוין געווען אין די „הויכע חדשים" און אַפילו נישט ראַפאַעל, מיט אַנטאָניאַ דעם „פערד" האָבן געוווסט, פאַר וואָס די יונגע מוטשאַטשאָס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן עפּעס ווי פרעמדע און וואָס זייער שטילער שוויגן האָט אין דער אמתן באַדייט.

צו לאַנג וואַרטן אויף דעם שטורעם האָט מען נישט באַדאַרפט. ער איז געקומען נאָך גיכער ווי מען האָט זיך געקאָנט פאַרשטעלן. אין אַ בייטאָג, ווען די קעכינס האָבן אָפּגעקאָכט וואַרעמעס און אַלע פאַרהייראַטע פּעאָנען, מיט זייערע ווייבער און קינדער, האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דער קיך און גע־

וואָרט, אַז מען זאָל זיי שוין אויסטיילן די פּאַרציעס עסנס, האָבן זיך, פוןביידע גאַסן, אַ לאָז געטאָן די יונגע זכרים מיט ביקסן אין די הענט. דאָ, נישט ווייט פון דעם קאסציאַר האָבן זיי זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין שטראָם און מיט פעסטקייט אין די טריט צוגעגאַנגען צו כוליטאָן, וואָס איז גראָד געשטאַנען אַ גרייטער צו נעמען די אַכילה און אָוועקטראָגן דאָס צו זיך אין שטוב, ווו ראַ־זאַליטאַ האָט געוואַרט אויף דעם כמעט אַ הונגעריקע. ווייל דעם פרימאָרגן האָט זי גאָר נישט געגעסן. האָט אָבער איינער אַ בחור, וואָס איז געווען ווילד, ווי אַ צערייצטער בוהיי, אַ געשריי געטאָן:

— כוליטאָ! מיר ווילן נעמען אונדזערע פערד און אַוועקפאָרן פון דאַנען... דיר איז גוט! דו האָסט אַ שיינע ווייב און דו קאָנסט דאָ בלייבן מיט איר!... אָבער מיר זענען אויך לעבעדיקע מענטשן... מיר דאַרפן האָבן ווייבער!... מיר ווילן מער נישט לעבן עלנטע ווי ווערעם אין דער ערד. מיר ווילן, אַז דו זאָלסט אונדז אַרויסגעבן אונדזערע פערד און אַזוי פיל וואַסער מיט עסן, אַז עס זאָל זיין גענוג אויף דעם גאַנצן וועג!...

ערשט איצט איז פאַר אַלעמען קלאָר געוואָרן, וואָס די יונגע זכרים האָט די גאַנצע צייט געדריקט אויף די נשמות און קיינער האָט דערפאַר צו זיי קיין טענות נישט געקאָנט האָבן, ווייל יעדער פעאָן און אַפילו איטלעכע פרוי האָט געוווּסט, ווי שטאַרק דער האַלב־טראָפּישער קלימאַט האָט געקאָנט אויפרייצן און צערודערן די געמיטער פון בחורים און מיידלעך. פון דעם, וואָס דער פריערדיקער יונג האָט געשריען און פאַרלאַנגט, איז כוליטאָ בלאַס געוואָרן. דאָס האַרץ האָט אים אַ ציטער געטאָן און אין דער רגע האָט ער דערזען פאַר זיך דעם פונאַנדערפאַל פון דער גאַנצער קאָלאָניע, וואָס איז געווען דער עצם חלום פון זיין לעבן. האָט ער אָוועקגעשטעלט די טעלער אויפן טיש און מיט אויבנאויפיקער רויִקייט אין זיין קול אָנגעהויבן רעדן צום צעבונטעוועטן עולם:

— אַמיגאָס! ווי איר געדענקט אַלע, האָבן מיר טאַקע אָפּגערעדט צווישן זיך, אַז קיינער קאָן פון דאַנען נישט אַוועקגיין. אָבער איר זייט אין דער מערהייט און דערצו נאָך מיט ביקסן אין די הענט, קאָן איך אייך נישט צוריקהאַלטן פון דעם וואָס איר ווילט טאָן. נאָר איך פאַרזיכער אייך, אַז איך פאַרשטיי זייער גוט אייער איינזאַמקייט... איר האָט אַזאַ רעכט פונקט ווי יעדער מאַן צו האָבן אַ ווייב. ווייל עס איז טאַקע נישט גוט צו לעבן אַליין. דעריבער זאָג איך אייך צו, אַז באַלד נאָכן עסן, וועל איך אַוועקשיקן אַ זעקס, צי אַכט מוטשאַטשאָס אין די אַרומיקע שטעט מיט אַ סך געלט, אַז זיי זאָלן פון דאָרטן ברענגען מיידלעך פאַר אייערט־וועגן. אויב איר האָט ביז היינט געהאַט גלויבן אין מיר, בעט איך אייך, אַז איר זאָלט האָבן צו מיר צוטרוי ווי צו אַן ערלעכן פעאָן. איר דאַפט נישט אַוועק־גיין. איר קאָנט בלייבן דאָ אויפן אָרט און איר וועט אַליין זען, ווי איך וועל שפּעטער אויסריכטן די חברה. איך ווייס, אַז ביז איצט האָט איר געליטן און געשוויגן. איז האָט געדולד נאָך אַ פאָר חדשים ביז וואַנען די יאַטן וועלן צו־

ריקקומען פון די שטעט און אויב איר וועט דעמאָלט האָבן אַ פּאַרדאַכט, אַז איך האָב אייך אָפּגענאַרט, צי פאַרפירט, וועט איר קאָנען אויסקלייבן די בעס־טע פערד און נעמען אַזוי פיל געלט מיט וואַסער און עסן וויפל איר וועט נאָר וועלן און פאָרן ווהין אייך וועט גלוסטן. דערווייל אָבער, פאָלגט מיך, לייגט אַוועק די ביקסן. עסט אָפּ וואַרעמעס און באַרויִקט זיך אַ ביסל.

אַ הויכער און דאַרער בחור מיט אַ צעקנייטשטער העמד און שמאָלע הויזן און מיט אַ צעפליקטער שטרויענער הוט אויפן קאָפּ און אַ צעבאבעטן פּנים, ווי ער וואָלט ערשט אַרויסגעקראָכן פון אַ מויזן־לאָך, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן געזיכט צו די יונגע צעבונטעוועטע זכרים, ווי ער וואָלט דאָ געווען זייער וואָרטזאָגער:

— מוטשאַטשאָס, לאָ גראַן סיִעטע! כּוליטאָ איז דאָך גערעכט! מיר האָבן געליטן אַזוי לאַנג, וועט גאָר נישט שאַטן, אַז מיר זאָלן ליידן נאָך אַ ווײַלע!... מען דאַרף אים געבן אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז דאָס וואָס ער האָט געזאָגט איז ריכטיק. נאָך אַלעמען האָבן מיר דאָך מיט אונדזערע אייגענע הענט געבויט יעדע שטיבל, יעדן שייער און איטלעכן שפּייכלער אין דער קאָלאָניע. מיט אונדזער מי האָבן מיר אויפגעבראָכן די ווילדע ערד. קאָן מען דאָך דאָס אַלץ נישט אַוועקוואַרפן גלאַט אַזוי זיך אין דער וועלט אַריין. מיר וועלן וואַרטן!...

די אַנדערע „בונטאָווטשיקעס" האָבן דעם פאַרשוין גאָרנישט געענטפערט. הפּנים, אַז זיין רעדן וועגן דעם, אַז „זיי האָבן אַליין אויסגעבויט די קאָלאָניע" און „אויפגעבראָכן די ערד" האָט בעסער געווירקט איידער כּוליטאָס לאַנגע רע־דע. זענען זיי שוויַגעוודיקע אַוועק אין שפּייכלער און דאָרטן אַוועקגעלייגט די ביקסן אויף די ערטער. דערנאָך זענען זיי פּונקט אַזעלכע שוויַגעוודיקע צוריק געקומען צו דער קיך, גענומען זיך צום עסן, אַוועקגעזעצט זיך אויף דער ערד און געוואַרט, געוואָלט הפּנים זען צי כּוליטאָ וועט טאַקע האַלטן זיין וואָרט און אַוועקשיקן מענטשן אין די שטעט צו ברענגען פון דאָרטן ווייבער.

דערווייל האָט כּוליטאָ אַריינגעטראָגן צו זיך אין שטוב דאָס עסן און ראָ־זאַליטאָ האָט אויפן טיש אויסגעשפּרייט אַ סערוועט, אַוועקגעשטעלט טעלער, דערלאַנגט איר מאַן אַ ריינע, זילבערנע לעפל, אַ גאָפּל מיט אַ מעסער, וואָס זי האָט נאָך געבראַכט ביי זיך פון איר רייכער היים און אַ ביסל דערשראָקן גע־פרעגט:

— וואָס איז דאָרטן לעבן דער קיך געווען אַזאַ טומל?

— עס אָפּ, מיין טייערע און זאָרג זיך נישט. נאָכן עסן וועל איך דיר אַלץ דערציילן.

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען ער האָט אַראָפּגעשלונגען דעם לעצטן ביסן, מיט אַ סערוועטקע אָפּגעווישט זיך דאָס מויל און דערנאָך פאַררויכערט אַ ציגאַ־רעטל, האָט ער אַרויסגעבלאָזן דעם בלויען רויך צום סופית און דערציילט:

— דו ווייסט דאָך, אַז די מערסטע מוטשאַטשאָס אין דער קאָלאָניע זענען יונגע און געזונטע פּעאָנען. נאָר די צרה מיט זיי איז דאָס, וואָס זיי זענען נישט קיין פאַרהייראַטע... האָט די פרילינגדיקע לופט אין זיי צעברויזט די ווילדע, מענערישע יוכע און... זיי ווילן האָבן ווייבער... אויב נישט, האָבן זיי געדראָט, וועלן זיי צונעמען זייערע פערד און אַוועקפאָרן פון דאַנען. דאָס קאָן מיינען, אַז די גאַנצע קאָלאָניע וועט בעפאַלן ווערן ווי אַ קאָרטן־שטיבל.

— ווייבער גאָר? — האָט ראָזאַליטאַ געפרעגט.

— יאָ, ווייבער! וואָס וווּנדערסטו זיך דאָס אַזוי? דו דאַרפסט וויסן, אַז אין דער פּאַמפּאַ, אין די בערג און מסתמא אין דזשונגל אויך, ווערן די מענער אַזוי שטאַרק באַווירקט פון דעם געפיל צו באַהעפטן זיך מיט אַ פרוי, פונקט ווי בוהייעס, אָגערס, אָדער אַנדערע חיות. די טראָפּישע נאַטור איז טאַקע אַ פלעג־מאַטישע, די לופט מאַכט אַלעמען פויל. אָבער זי פאָדערט אירס און זי לאָזט אַפילו נישט דורך קיין פויגעלע אויף אַ בוים, צי אַ מוראַשקע אין דער ערד. זי האָט איין געזעץ פאַר אַלע לעבעדיקע: בלויז — מערן זיך...

— דו האָסט מיר נישט געדאַרפט דערציילן וועגן דעם. איך ווייס דאָס — האָט ראָזאַליטאַ אַ ביסל אַ פאַרשעמטע געענטפערט, — איך האָב וועגן דעם אַ סך געלייענט אין די רייזע־באַשרייבונגען. אָבער וואָס האָסטו זיי געענטפערט אויף דעם?...

כוליטאָ האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט און מיטן פינגער פון דער לינ־קער האַנט אַראָפּגעטרייסלט אַ בערגעלע אַש פון זיין ציגאַרל און צוזאַמען מיט דאָס ביסל אַש זענען אינעם טעלער אויך אַראָפּגעפאַלן עטלעכע פונקעלעך, וואָס האָבן זיך אין טעלער גלייך אויסגעלאָשן:

— איך האָב זיי צוגעזאָגט באַלד אַוועקצושיקן זעקס צי אַכט מוטשאַטשאָס אין דער שפּיץ מיט ראַפאַעלן, אַז זיי זאָלן אַוועקפאָרן אין די שטעט און ברענ־גען פון דאָרטן ווייבער. איך האָב אין זינען צו זאָגן ראַפאַעלן, אַז ער זאָל זען צו קריגן צום קנאַפּסטן אַרום הונדערט מיט צוואַנציק גאַסן־פרויען. אָט די „מציאות" קאָן מען קריגן וויפל מען וויל.

— וואָס עפּעס גאַסן־פרויען?

— אַוודאי גאַסן־פרויען...

— פעו! דאָס איז עקלדיק! — האָט ראָזאַליטאַ אויף אַן אמתן פראָטעסטירט, — גאַסן־פרויען פון שאַנד־הייזער? דאָס איז דאָך שרעקלעך! נידעריק און שמוציק!...

— ניין, נישט פון שאַנד־הייזער — האָט כוליטאָ געוואָלט צונישט־מאַכן איר פּראָטעסט, — נאָר אַזעלכע פּראָסטיטוטקעס וועלכע מען וויל שוין אין די שאַנד־הייזער נישט האַלטן און זיי געפינען זיך אין די גאַסן פון אַלע גרויסע שטעט.

— פון וואַנען ווייסטו דאָס וועגן דעם אַזוי גוט? — האָט אים ראָזאַליטאַ פאַרדעכטיקט אָנגעקוקט און אין איר בליק האָט זיך געזען אי שרעק, אי עקל.

— גאַנץ איינפאַך, — האָט כוליטאָ קאַלטבלוטיק ווייטער גערעדט, — ווען איך בין צום ערשטן מאָל געווען אין באַהיאַ־בלאַנקאַ און געזעסן מיט ראַפּאַ־עלן אין דעם דאָרטיקן פּאַרק, איז איינע פון זיי צוגעגאַנגען און ביי מיר גע־פרעגט, צי איך וויל מיט איר פאַרברענגען...

— און דו האָסט געהאַט צו טאָן מיט, מיט אַט אַזאַ איינער?

— ניין, מיין ווילדע בלום! איך האָב קיין מאָל מיט קיין שום פרוי נישט געהאַט קיינע באַציונגען, אויסער מיט עמאַליטאַן און וועגן איר האָב איך דיך אַלץ דערציילט נאָך איידער דו האָסט מיט מיר חתונה געהאַט.

ראָזאַליטאַן האָט זיך אָבער דער פאַרדאַכט אַ לאַנגע צייט נישט אויסגעוועפּט. אָבער איצט האָט זי דאָס נישט געוואָלט אַרויסווייזן און אָנגעהויבן רעדן פּראַקטישע רייד:

— דו ביסט דאָך דער פירער פון דעם פרידלעכן שבט און דו ווילסט דאָך מסתמא, אַז די קאָלאָניע זאָל וואַקסן? יאָ? איז ווייסטו דען נישט אַז פּראָסטי־טוטקעס קאָנען קיין קינדער נישט האָבן?...

— ניין! — האָט כוליטאָ געזאָגט דעם אמת. — איך האָב דאָס קיין מאָל נישט געוווסט. אָבער פון וואַנען ווייסט דאָס אַזוי גוט וועגן דעם אַזאַ רייכע און געלערנטע סעניאָריטאַ, ווי דו ביסט געווען. פון וואַנען קומען גאָר צו דיר אַזעלכע זאַכן?...

פון זיין טאָן אין קול און פון זיינע פאַרדאַכטן איז ראָזאַליטאַ געוואָרן אַ ביסל אין כעס און אָפּגעוואָרפן זיינע אָנצוהערענישן:

— דו שטעך מיר נישט מיט קיינע שפּיזלען. דיין סאַרקאַסטישקייט איז דאָ אין גאַנצן איבעריק. דאַרפסט פון מיר נישט אָפּלאַכן. וויל וועגן די זאַכן האָב איך געליינט אין מעדיצינישע ביכער און אַפילו אין זשורנאַלן וועגן היגיענע און יעדער סטודענט, צי סטודענטקע, אָדער אַפילו איטלעכער באַלעזנטער מענטש ווייסט, אַז אַ פּראָסטיטוטקע קאָן נישט געבוירן קיין קינדער...

— איז וואָס זשע זאָל איך טאָן? — האָט שוין כוליטאָ פאַרלוירן זיין פרי־ערדיקע אָנגרייפערישע ראָל און אַ פאַרצווייפלטער געפרעגט.

— אויב דו ווילסט טאַקע, אַז די קאָלאָניע זאָל זיך פאַרמערן, איז פאָלג מיך און זאָג דיינע מענטשן, אַז זיי זאָלן אין די שטעט, אַריינגיין אין די אָרעמע אַרבעטער־קוואַרטאַלן. דאָרטן וועלן זיי געפינען זייער אַ סך ערלעכע מיידלעך, וואָס וועלן מיט פאַרגעניגן קומען אַהער, כדי חתונה צו האָבן מיט די יונגע מוטשאַטשאָס. אמת, עס קאָן זיין, אַז זייערע עלטערן, וואָס ווילן מסתמא וואָס גיכער פּטור ווערן פון איבעריקע מיילער, וועלן אָבער אין דעם פאַל, פאַר זייערע טעכטער פאַרלאַנגען אַ סך געלט. אָבער, ווי איך פאַרשטיי האָט דאָך די קאָלאָניע אַ פּאָר זעקלעך מיט געלט. לוינט זיך צו באַצאָלן דעם פּרייז שוין

דערפֿאַר אַליין, וואָס די מיידלעך וועלן קאָנען פֿאַרשוואַנגערן און געבוירן קינדער...

פֿון ראַזאַליטאָס רייד איז כוליטאַ אַזוי באַגייסטערט געוואָרן, אַז ער האָט נישט באַמערקט ווי ער האָט צוריק אויפֿגעהויבן דעם האַלבן, אויסגעלאָשענעם ציגאַרל פֿון טעלער און מיט דער אַשיקער זייט דאָס אַריינגענומען אין מויל. אָבער באַלד האָט ער דאָס שטיקל ציגאַרל אַרויסגעשפּיגן צוזאַמען מיט אַ ביסל ביטערן שפּייעכץ און אַ גליקלעכער אויסגעשריען:

— קאַראַמבאַ! דיין פּלאַן איז מיר געפֿעלן!... עס לייגט זיך טאַקע אויפֿן שכל, אַז ערלעכע מיידלעך וועלן קאָנען האָבן קינדער. איך וועל דיר פּאָלגן. אַ דאַנק פֿאַר דער גוטער עצה.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צו צום קיך, ווו די פֿריערדיקע יונגע זכרים זענען נאָך אַלץ געזעסן אויף דער ערד און געוואַרט אויף אים, געבראַכט צו־טראָגן אַ זעקל מיט אַסיגנאַציעס און דאָס אַרויפֿגעלייגט אויפֿן ברייטן, היל־צערנעם טיש. דערנאָך האָט ער צו זיך צוגערופֿן ראַפֿאַעלן, מאַרטינעזן, כואַ־נען, ראַמאָס טשיקאָן מיט פּעדריטאָן און אַבאַרבאַנעל לאַרגאָן און געהייסן, אַז זיי זאָלן גיין אין קאָראַל, אָנזאָטלען די בעסטע פֿערד. מיטנעמען מיט זיך אַכט אייזלען און אָנפּעקלען אויף זיי קליינע פּעסלעך פֿרישן וואַסער און אַ סך שפּייז און דערנאָך מיט די פֿיר־פֿיסיקע קומען צוריק אַהער צום קיך.

אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווען די זעקס אָפּגעקליבענע פּעאָנען זענען צוגע־ריטן צום קיך אויף זייערע פֿערד, הינטער וועלכע עס זענען מיט לאַנגע שטריק צו די זאָטלען פֿון די רייטער געווען צוגעבונדן, נישט קיין אַכט, נאָר בלויז זעקס אייזלען, וואָס זענען געווען באַלאָדענע מיט פּעק שפּייזן און פּעסלעך מיט וואַסער — האָט כוליטאַ יעדערן פֿון די יונגען געגעבן צו פֿינף גרויסע פּעקלעך פּאַפּיר־געלט, וואָס די פּעאָנען האָבן דאָס גלייך באַהאַלטן ביי זיך אין די רימענע טאָרבעס אויף די זאָטלען און ער האָט צו זיי גערעדט אַזוי הויך, אַז די צעבונטעוועטע יונגע זכרים זאָלן אים קאָנען הערן:

— אַמיגאָס! די גאַנצע קאָלאָניע פֿאַרלאָזט זיך איצט אויף אייך. פֿאָרט אין קאַטאַמאַרקאַ, אין דער שטאָט לאַ־ריאָכאַ, אין סאַנטיאַגאָ, אָדער אין קאָרדאָבאַ, צי אַפֿילו אין אַ פּאַטאַגאָניער פּראָווינץ־שטאָט. פֿאָרט וווהין איר ווילט. גייט דאָרט אַריין אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. זוכט דאָרטן אויס יונגע, שיינע, אָבער ערלעכע מיידלעך פֿאַר די מוטשאַטשאָס ביי אונדז אין דער קאָלאָניע. זאָלן די מיידלעך קומען אַהער חתונה צו האָבן מיט די כאַוועגעס. און טאָמער וועט איר דאַרפֿן פֿאַר די מוכערעס (פֿרויען) זייערע עלטערן באַצאָלן, צי אויסקליידן די מיידלעך, זאָלט איר קיין געלט נישט זשאַלעווען. קלייבט צונויף צום קנאַפּסטן אַרום אַ הונדערט מיט דרייסיק סעניאָריטאָס. און אויף צוריקפֿאָרן — קויפֿט אייך אַ סך לאַנגע וועגענער מיט בוידן, אָבער די וועגענער זאָלן זיין גוט אויס־געבעט מיט היי. אויפֿן וועג זאָלט איר פֿאַר די סעניאָריטאָס איינהאַנדלען אַ סך

שאָקאָלאַדן, מיט וואָס נאָר פּאַראַ עסנס זיי וועלן פאַרלאַנגען און ברענגט זיי אַהער נישט שפּעטער ווי אין אַרום אַכט אָדער צען וואָכן. נאָר נאָט אייך — האָט ער אַריינגעשפּאַרט די האַנט אין זעקל און פון דאָרט אַרויסגעשלעפּט נאָך געלט — נאָך צו דריי גרויסע פּעקלעך געלט. ווייל עס קאָן זיך מאַכן, אַז איר וועט נישט האָבן געננוג. אָבער איך זאָג אייך אָן, אַז סיי אין די שטעט, ביי די עלטערן אין די הייזער פון די מיידלעך און סיי אויף דעם גאַנצן וועג צוריק אַהער — זאָלט איר זיך אויפפירן ווי קאַבאַזשעראָס און נישט ווי פּראָסטע פּעאָנען. איצט, אַז אייך איז קלאָר געוואָרן די אויפגאַבע, וואָס איר דאַרפט דורכפירן, איז — פאָרט!...

די זעקס רייטער איז געפעלן געוואָרן די נייע ראָל, וואָס זיי האָבן געדאַרפט דורכפירן און אַפילו נישט אויסרעדנדיק קיין וואָרט איינער מיט דעם אַנדערן, האָבן זיי אַראָפּגענומען די סאָמבמרעראָס פון די קעפּ, אַ געשריי געטאָן צו אַלעמען: אַדיאָס! דערנאָך גענומען די לייצעס אין די הענט, פאַרקערעוועט די פערד צו דעם פּינצטערן טונעל, וואָס האָט געפירט פון דער קאָלאָניע צום טויטן טייל פון דער פּאַמפּאַ הינטער די פּאַטאַגאָניער בערג און אַלע אַנוועזנדיקע האָבן די אַוועקגערייטענע רייטער אָפּגעענטפערט אויף אַ קול:

— האַסטאַ לועגאָ, מוטשאַטשאָס! אין צען וואָכן אַרום!...

מיט אַרום צוויי און אַ האַלבע וואָכן שפּעטער, ווען די זעקס רייטער האָבן דערגרייכט דעם טייך ריאָ־דולסע, אַריבער די ברייטע בריק און דערנאָך אַריינגעריטן אין דער שטאָט סאַנטאַ־קרוז, האָבן די חברה־לייט אויף דעם דאָרטיקן מאַרק פאַרקויפט די אייזלען. אַריינגעפאָרן אין דעם רייכערן האַנדל־געגנט פון שטאָט. אָפּגעשטעלט די פערד לעבן אַ גרויסן געשעפט פון פאַרטיקע קליידער. אַריינגעגאַנגען אינעווייניק. דאָרטן איינגעהאַנדלט און טאַקע אויפן אָרט איבערגעטאָן זיך אין בלויע, זיידענע אויבערהעמדער, אין טונקל־גרינע, סאַמעטענע פּאַנטאַלאָנעס, אין פּליושענע אויבעררעקלעך. אויף די פּיס אַרויפגעצויגן לאַקירטע שטיוועלעך מיט אויסגעניייטע, „גאָלדענע" בלומען אויף די כאַליעוועס און קלינגענדיקע שפּאָרן אויף די קאַבלוקעס. אויך האָבן זיי איינגעקויפט קיילעכדיקע, שוואַרץ, געוואַנטענע סאָמבמרעראָס מיט אַראָפּהענגענדיקע קוטאַסן ביי זיך פון אונטער די מאָרדעס און די יונגען האָבן אין די שטייענדיקע שפּיגלען דערזען, אַז מיט די רייכע בגדים אויף זיך, האָבן זיי אויסגעזען ווי אמתע זינדלעך פון פריצישע עלטערן...

גליקלעכע און צופרידענע פון דעם, וואָס זיי האָבן איצט געטראָגן אויף זיך אַזעלכע שיינע קליידער און אויך דערהויבענע פון דעם טשיקאַוון געפּיל, וואָס פון די אָרעמע בחורים זענען מיט אַ מאָל געוואָרן רייכע פּריצים, ממש, האָבן די „שליחים" אויפגעזוכט אַ גוטן רעסטאָראַן ווו זיי האָבן באַשטעלט די בעסטע עסנס, אַ פּאָר פלעשער מיט טייערע ווייַנען און נאָך דער גרויסער סעודה האָט גראַד ראַפאַעל, וועלכער האָט אַלע מאָל פּאָזירט אַלס דער בעסטער

פּריינט פון כוליטאַן, נאָך אַ סך פאַרשידענע קאַלקולאַציעס ביי זיך אין מוח אָנגעהויבן רעדן צו זיינע פינף חברים:

— קאַבאַזשעראָס! (ער האָט זיי שוין איצט מער נישט גערופן „מוטשאַטשאָס", ווי אַלע מאָל) מיר איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז כוליטאָס גאַנצער פלאַן פון אַ פרידלעכן שבט — איז נישט מער ווי אַן אוטאָפּיע, אַ פּרימיטיווער וועג ווי אַזוי אויסצוקויפן זיך פון זיינע אייגענע זינד... די קאָלאָניע וועט זיך אַלץ איינס צעפאַלן און מיר וועלן בלייבן מיט די הוילע הינטנס. און אויב אַפילו נישט אַזוי גיך, איז וואָס? שטעלט זיך פאַר, אַז אויב מיר זאָלן זיין אַזעלכע בורראָס און אומקערן זיך צוריק אַהין, וועלן מיר דאָך אין יענער לאָך מוזן אָפּפינצטערן דעם גאַנצן לעבן. ווי אַלע מאָל, וועלן מיר דאָרטן דאַרפן שטיין ביים קיך מיט אַ בלעכענעם טעלער אין די הענט, אַז מען זאָל אויף אונדז רחמנות האָבן און געבן עפּעס צום עסן... פרעג איך אייך: צוליב וואָס דאַרפן מיר צווועקפּטרן אונדזערע לעבנס צוליב עפּעס אַ קאַפּריז פון אַ פּראָסטן פּעאָן, אַז יעדער איינער פון אונדז האָט אַזוי פיל געלט, וואָס זאָל זיין גענוג פאַר די רייכסטע לעבנס אין די גרעסטע שטעט און געניסן פון אַלץ, וואָס אונדז וועט זיך גלוסטן... מיר קאָנען אַפילו קויפן האַסיענדאַס און ווערן אמתע פּריצים. מיט אַזוי פיל געלט איז די גאַנצע וועלט פריי און אָפן פאַר אונדז און מיר דאַרפן מער נישט מורא האָבן פאַר דער פּאָליציי. איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך וויל מער נישט צוריקפאָרן און לעבן אין דער ווילדעניש, טראָגן צעריסענע הויזן און לייוונטענע העמדער און ווערן פאַרלייזיקט. דאָ, צי אין אַנדערע שטעט, וווּ מען קאָן אונדז נישט, קאָנען מיר חתונה האָבן מיט רייכע סעניאָריטאַס און הנאה האָבן פון דער וועלט!... איך וואָלט אייך פאָרגעשלאָגן, אַז איר אַלע זאָלט טאָן דאָס זעלבע וואָס איך. נישט צוריקפאָרן, בלייבן אין די שטעט און ווערן מיט מענטשן צו גלייך...

פאַרשטייט זיך, אַז פריִער, איידער די יונגען האָבן זיך איבערגעטאָן אין די טייערע בגדים, וועלכע האָט זיי פאַרוואַנדלט אין גאָר אַנדערע מענטשן, וואָלטן די פּעאָנען אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם און מעגלעך — געגעבן פּעטש פאַר אַזעלכע רייד, אָדער אָנגעשפּיגן אין פּנים. נאָר די נייע און רייכע מלבושים האָבן אַזוי געגלעט זייערע לייבער און זייערע געמיטער זענען דערפון געוואָרן אַזעלכע דערהויבענע, אַז יעדער איינער האָט זיך שוין דערפילט מעשה אמתער פּריץ, וואָס איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ באַרעכטיקטער באַלעבאָס צום געלט ביי זיך אין די רימענע טאָרבעס און די זאָטלען. דעריבער האָבן זיי זייער גוט פאַרשטאַנען ראַפאַעלס „גערעכטע טענות", וועלכע האָבן אין די פּעאָנישע אויערן געקלונגען זייער זאַכלעכע און אַפילו „גערעכטע". דעריבער האָבן זיי צוגעשאָקלט מיט די קעפּ און אַרויסגעזאָגט בלויז אַן איין־און־איינציק וואָרט: „בוענאָ" און פון דעם „בוענאָ" האָט ראַפאַעל באַגריפן, אַז זיי זענען מסכים אויף דעם גרויזאַמען פאַרראַט און ער האָט פאַרענדיקט:

— ווי באַלד אַזוי, ווּעלן מיר די היינטיקע נאַכט איבערנעכטיקן אין אַ האָטעל. מיר וועלן עסן וואָס און וויפל מיר ווילן. נאָר איין זאַך זאָג איך אייך אָן, אַז קיין שום ווין זאָלט איר מער קיין מאָל נישט טרינקען, כדי נישט אַרויסצוכאַפּן זיך פאַר קיינעם אַפּילו מיט אַ וואָרט ווער איר זענט, פון וואַנען איר קומט, צי וויפל געלט איר האָט, אָדער ווו איר האָט דאָס געלט גענומען. דעריבער מוזט איר שטענדיק זיין פאָרזיכטיק און נישט פּלאַפּלען מיט די צינגער און אויף מאָרגן אין דער פרי, זאָל יעדער איינער פון אונדז אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער געגנט, אין באַזונדערע שטעט און טאָן דאָרטן וואָס איר ווילט. האָט אָבער אין זינען, אַז איר זאָלט דאָרטן בייטן אייערע נעמען. טוט אַלץ אויסגערעכנטערהייט און פאַרלירט נישט די קעפּ. האָט איר אַלץ פאַרשטאַנען?...

— סי סעניאָר ראַפאַעל! — האָבן אַלע געענטפערט.

מען קויפט ווייבער

דורך די פיר חדשים וואָס זענען אַוועק זינט די זעקס „שליחים" זענען פאַרשוווּנדן, האָט ראַזאַליטאַ דערוויל געהאַט אַ קינד. דאָס איז געווען אַ ייִנגעלע מיט שוואַרצע, געקרייזלטע הערעלעך אויפן קעפּל און מיט קאַשטאַנעוואַטע אויגעלעך. עס איז געווען אין גאַנצן געראָטן אין דעם סטעפּ־יונג און דער דאָקטאָר האָט זיך געפרייט, וואָס ער איז זוכה געווען צו „אָפּנעמען" דאָס עופעלע און ברענגען אויף דער וועלט דאָס ערשטע קינד אין דער פרידלעכער קאָלאָניע. איז ער אַלע טאָג און אַפּילו צו עטלעכע מאָל דורכן טאָג געקומען צו גיין אין כוליטאָס שטוב צו זען, וואָס דאָס נפשל מאַכט און דער נייער מאַמען נישט אויפגעהערט צו געבן עצות ווי אַזוי דאָס קינד צו האָדעווען.

פון דעם קינדס קומען אויף דער וועלט, האָט כוליטאָס לעבן געקראָגן אַ נייעם זין און אַ וויכטיקן אינהאַלט. אמת, צו דער אַרבעט האָט ער איצט אָפּט פאַרשפּעטיקט. נישט געקומען אין צייט אַכטונג צו געבן, ווי מען בויט אַ נייעם שפּייכלער, צי ווי מען מעלקט אויס די בהמות. דאָס האָט זיך נישט גענומען דערפון, וואָס די קאָלאָניע האָט ביי אים אין די אויגן אָנגעווירן דעם פריִערדיקן אינטערעס. אַדרבא, גראָד איצט האָט ער געוואָלט, אַז דאָס לעבן אין דער קאָלאָניע זאָל זיך צעבליִען וואָס העלער און שענער. דאָס פאַרשפּעטיקן זיך האָט זיך גאָר גענומען דערפון, וואָס כוליטאָ האָט נישט געקאָנט אַרויס פון שטוב, אידער ער האָט זיך גוט אָנגעשפּילט מיט זיין זונדעלע וואָס האָט געהאַט טויזנטער חנען.

אָבער ווען ער האָט געזען, אַז דורך דער לאַנגער צייט איז ראַפאַעל מיט די אַנדערע פינף יונגען נישט צוריקגעקומען, האָבן נישט נאָר כוליטאָן אַליין,

נאָר אויך די אַנדערע יונגע זכרים אין דער קאָלאָניע פאַרשטאַנען, אַז אָדער מען האָט אַלע „שליחים" געכאַפּט אין איינער פון די שטעט און מען האָט זיי דאָרטן דערשאָסן, אָדער זיי זענען פּשוט אַנטלאָפן געוואָרן מיטן געלט און וועלן זיך שוין מער קיין מאָל נישט צוריקקערן. אָבער אינטערעסאַנט איז געווען, וואָס די יונגע „בונטאָווטשיקעס" האָבן דערפאַר אויף זייער פירער קיין האַרץ נישט געטראָגן. פאַרקערט, זיי האָבן גאָר מיטגעפילט דעם גרויסן פאַרדרוס מיט וועלכן ער האָט זיך אַרומגעטראָגן, מיטגעוויייטיקט מיט זיין צער, וואָס די אַוועקגעפאָרענע האָבן פאַראַטן נישט בלויז זיי, נאָר כוליטאָן מיט דער גאַנצער קאָלאָניע גופא.

עס קאָן זיין, אַז פון דעם, וואָס די יונגע זכרים האָבן מער נישט געזען פאַר זיך קיין תכלית אין זייערע איינזאַמע לעבנס, צו בלייבן אויף ווייטער אין די פּוסטע שטיבלעך און וואָלטן שוין פון לאַנג אַוועקגעגאַנגען פון דאַנען צו זוכן גליק ערגעץ אַנדערש און די קאָלאָניע וואָלט דורך דעם צעפאַלן געוואָרן, ווען נישט דאָס, וואָס אין איינעם אַן אין דער פרי האָבן זיך האַרט ביי די ערשטע שטיבלעך פון דער קאָלאָניע באַוויזן צוויי יונגע אינדיאַנער, וואָס זענען געווען האַלב נאַקעטע, מיט לאַנגע, גלייכע און שוואַרצע האָר אויף די קעפּ און מיט פייל און בויגנס אין די הענט. דערזען פאַר זיך אַ „בייע שטאָט" מיט שטיבלעך, מיט שייערן, שפּייכלערס און קאָראַלן, זענען די צוויי יונגע און ווילד פרעמדע אינדיאַנער געבליבן שטיין איבערראַשטע, מיט צעלופּעטע קוקערס און נישט געוווסט צי האָבן זיי פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט, צי דאָס איז געווען אַ מיראַזש (אַ זעונג), ווייל פאַראַיאָרן, ווען די זעלביקע חברה זענען געווען אין דעם געגנט האָבן זיי קיינע שטיבלעך און גאַסן דאָ נישט געזען.

אַנטאָניאָ דער „פערד", וואָס האָט זיי באַמערקט שטיין אַזעלכע צעשראָקענע און פאַרשטאַנען, אַז זיי קומען ערגעץ פון דער פרעמד, איז אַ שמייכלענדיקער צוגעגאַנגען און זיי פאַרבעטן אַריינצוגיין אין דער קאָלאָניע. אַוודאי איז דאָס אים אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך. מחמת די אינדיאַנער בחורים האָבן גערעדט אויף אַ פרעמדן דיאַלעקט, וואָס איז געווען אַ געמיש פון האַלבע „קאַסטיזשאַנישע", „לאַדינישע" זילבן מיט אייגענע לאָקאַליזמען. אָבער סוף־כל־סוף האָט ער זיי מיט די זשעסטיקולאַציעס פון זיינע הענט פאָרט געגעבן צו פאַרשטיין, אַז זיי געפינען זיך צווישן פריינט און קיין שלעכטס וועט דאָ זיי נישט געשען. אויף דעם האָבן די פרעמדע איינגעוויליקט. אָבער דעם גאַנצן וועג ביז צו דער קיך, האָבן די פאָר אינדיאַנער געהאַלטן די פייל און בויגנס אין די הענט אָנגעצילעוועטע. אָבער אַנטאָניאָ האָט דערפון געלאַכט און זיי צוגעפירט צו כוליטאָן און אים דערציילט, אַז זיי רעדן האַלב שפּאַניש און האַלב עפּעס אַנדערש. האָט דער סטעפּ־יונג אַ שמייכלענדיקער צוגערופן איינעם פון זיינע אייגענע אינדיאַנער און געבעטן אים, אַז יענער זאָל ביי די־

„אורחים" אויסגעפינען ווער זיי זענען, פון וואַנען זיי קומען און דערנאָך באַ־פוילן די קעכן צו געבן די געסט עסן און טרינקען.

הפּנים, אַז די צוויי געסט זענען געווען אויסגעהונגערטע, ווייל זיי האָבן פּשוט פאַרצוקערט אַלץ וואָס מען האָט זיי דערלאַנגט, געבעטן נאָך צו פאַר־ציעס און דערביי אַפילו פאַרגעסן זיך וועגן זייערע פייל און בויגנס. נאָך נאָכן עסן האָט זיי דער היגער אינדיאַנער, וואָס האָט גראָד יאָ געקענט די שפּראַך פון די צוויי פרעמדע, געפרעגט:

— בוענאָ, מוטשאַטשאָס! איצט זאָגט מיר פון וואַנען איר קומט.

דער עלטערער פון די צוויי „אורחים", אַ מענטש מיט אַ דרייקאַנטיקן, קופּערנעם פּנים און אַזעלכע אַרויסגעשטאַרצטע קינבאַקן, ווי ביי אַ קאַלמיק, האָט מיט דאַנקבאַרקייט אין זיינע שמאָלע אָבער פריילעכע אויגן געענטפערט:

— מיר זענען יעגער, וואָס האָבן צו פוס נאָכגעפאָלגט דעם שליאַד פון אַ גרויסן לעמפּערט און אים פאַרלוירן דאָ נישט ווייט פון דאַנען. מיר קומען פון דעם דאָרף „אגגוא" וואָס ליגט לעבן אַ קליין טייכל אין אָנהייב פון דעם דזשונגל, וואָס איז אַ טאָג מיט אַ האַלבן גאַנג פון דאַנען. מיר זענען שוין דאָ איין מאָל געווען פריער און מיר האָבן דאָ קיין שטיבער און קיין מענטשן נישט געזען. איז ווער זענט איר דאָס?...

דער היגער אינדיאַנער האָט כוליטאַן איבערגעגעבן אַלץ, וואָס די צוויי געסט, אָדער בעסער געזאָגט, דער עלטערער פון זיי האָט אים דערציילט און דער סטעפּ־יונג האָט זיין אינדיאַנער געהייסן דערציילן די געסט ווער די קאָ־לאָניסטן זענען און יענער האָט זיך אומגעקערט מיט זיין פּנים צו דעם פריי־ערדיקן עלטערן אינדיאַנער:

מיר זענען פּעאָנען, וואָס זענען אַנטלאָפן געוואָרן פון אונדזערע פּריצים. זענען מיר געקומען אַהער אין דעם טייל לאַנד און דאָ אויפגעבויט אַ פריד־לעכע קאָלאָניע. מיר רופן זיך „דער פרידלעכער שבט כוליטאָ" און מיר ווילן לעבן מיט אַלעמען בשלום. אייער דאָרף איז עפּעס אַ גרויסער?

— אַוודאי אַ גרויסער! נאָר דער אַנדערער דאָרף, וואָס ליגט מיט אַ זונ־פאַרגאַנג ווייטער פון אונדז איז אַ סך אַ גרעסערער. אָבער דערפאַר — אַ פיל שוואַכערער!

— וואָס מיינסטו דערמיט: „אַ שוואַכערער?"...

— גאַנץ איינפאַך — האָט דער זעלביקער אורח געענטפערט מיט זעלבסט־ווירדע — יענער דאָרף, וואָס רופט זיך „לאהא־לאהא" האָט טאַקע אַ פּאָר הונדערט משפּחות, אָבער די מערסטע פון זיי זענען יונגע מיידלעך. אמת, גראָד שיינע, אָבער קיין יעגער און קיין קעמפער קאָנען זיי דאָך נישט זיין!...

— און ביי אייך אין דאָרף זענען עפּעס פאַראַן יונגע סעניאָריטאָס אויף צו חתונה האָבן?

— מסתמא פאַראַן אַרום פינף און דרייסיק און נישט מער.

אַז כוליטאָ האָט זיך דערוווּסט פון דעם מאָדנעם געשפּרעך צווישן זיין אינדיאַנער מיט די געסט, אַז דאָ נישט ווייט אין דזשונגל געפינען זיך אַ סך יונגע, ערלעכע און שיינע מיידלעך, האָבן זיך ביי אים די אויגן צעשטראַלט און ער האָט זיך אויפן אָרט געווענדט צו די יונגע זכרים, וואָס האָבן ערשט פאַרענדיקט דאָס עסן און זענען נאָך אַלץ געזעסן אויף דער ערד:

— מוטשאַטשאָס! מיר איז איינגעפאַלן אַ ווילדער געדאַנק און איך וויל זיך דורכרעדן מיט אייך וועגן אים און אָט איז ער: איר האָט געזען, אַז איך האָבן ראַפאַעלן מיט די אַנדערע פינף געגעבן אַ סך געלט, נאָר זיי האָבן אונדז הפּנים פאַראַטן. און אָט זענען צוגעקומען צוויי יונגע אינדיאַנער און זיי דער־ציילן, אַז אין זייערע דערפער זענען פאַראַן אַ סך שיינע און יונגע סעניאָרי־טאָס. דענק איך, אַז עס וואָלט געווען אַ גוטע זאַך, אַז מיר זאָלן פאָרן אַהין און יעדער פון אייך זאָל זיך דאָרטן אויסקלייבן אַ ווייב און זי אָפּקויפן. וואָס זאָגט איר אויף דעם איינפאַל?

— יאָ! — האָט איינער פון די יונגע זכרים געענטפערט — אָבער זיי זענען דאָך אינדיאַנער! און זיי קאָנען דאָך אַפילו נישט רעדן קיין שפּאַניש!...

דערויף האָט דער אַלטער אַנדרעס געהאַט אַ פאַרטיקן ענטפער:

הפּנים אַז איר ווייסט נישט, צי איר האָט זיך גאָר פאַרגעסן, אַז מיר אַלע זענען האַלבע אינדיאַנער. אונדזערע באָבעס זענען געווען אינדיאַנער און מען דערציילט: ווען די שפּאַניער האָבן פאַרכאַפּט אַרגענטינע, וואָס איז נאָך דע־מאָלט קיין לאַנד נישט געווען, האָבן די שפּאַנישע סאָלדאַטן און רייזנדע חתונה געהאַט מיט אונדזערע אור־באָבעס. מעגט איר טאָן די זעלביקע זאַך און שפּאַניש רעדן וועלן זיי זיך דאָ אין דער קאָלאָניע אויסלערנען. איך גלייב, אַז כוליטאָס געדאַנק איז זייער אַ גוטער.

כוליטאָ האָט מיט דער הילף פון זיין אַרויסהעלפער געפרעגט די צוויי געסט: — וואָלט איר וועלן, אַז מיר זאָלן פאָרן מיט אייך אין אייער דאָרף?

— פאָרן?

— יאָ, פאָרן!

— וואָס מיינט ביי אייך פאָרן? איז שוין דער צווייטער, דער יינגערער גאַסט געוואָרן אַ נייגעריקער צו וויסן וואָס דאָס הייסט און אין דער זעלביקער צייט געוואָרפן פאַרדעכטיקע בליקן אויף כוליטאָן — אויף וואָס וועט מען דאָס פאָרן? מיר גייען אַלע צופוס...

— מיר וועלן פאָרן רייטנדיק אויף פערד. אויב איר ווילט וועל איך יע־דערן פון אייך געבן צו קאַבאַזשאָס אַלס מתנה.

— צוליב וואָס ווילט איר פאָרן צו אונדז אין דאָרף? וואָס וועט איר דאָרטן טאָן? — האָט איינער פן די געסט מיט פאַרדאַכט אין קול געפרעגט כוליטאָן.

— איר זעט די מוטשאַטשאָס, וואָס זיצן אויף דער ערד? — האָט ער דעם אינדיאַנער געענטפערט — זיי זענען הונדערט און פיר און דרייסיק אין צאָל. זיי האָבן נישט קיין ווייבער. ווילן זיי פאָרן צו אייך אין דאָרף און קויפן זיך ווייבער, ברענגען זיי אַהער אין דער קאָלאָניע און פירן אַן ערלעך, האָרע־פּאַשנע לעבן.

— מיט וואָס וועט איר די מיידלעך קויפן?

— וואָס הייסט מיט וואָס? מיט געלט!

— וואָס איז דאָס אַזוינס „געלט?"

— וואָס איז — האָט זיך כוליטאָ פאַרוווּנדערט — איר ווייסט גאָרנישט וואָס געלט איז? נו, וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין: געלט זענען אַזעלכע פּאַפּירלעך מיט וועלכע מען קאָן קויפן אַלץ אין דער וועלט!...

— פּאַפּירלעך? מיר דאַרפן נישט קיין פּאַפּירלעך.

— אויב אַזוי — האָט זיך כוליטאָ געכאַפּט, אַז ער אַליין האָט ביז מיט עטלעכע יאָר צוריק אויך נישט געוווּסט וואָס געלט מיינט — וועלן מיר פאַר יעדער סעניאָריטאַ באַצאָלן מיט אַ גוטן פערד.

— איר האָט דען פערד?

— אַוודאי האָבן מיר פערד און טאַקע אַ סך. קומט מיט מיר וועל איך אייך ווייזן וואָס פאַר אַ גוטע קאַבאַזשאָס דאָס זענען.

די פרעמדע צוויי אינדיאַנער האָבן אויפגעהויבן זייערע פייל און בויגנס פון דער ערד און זענען מיטגעגאַנגען מיט כוליטאָן, אַנטאַניאָן דעם „פערד" און מיט דעם אינדיאַנישן איבערזעצער, וואָס זענען באַגלייט געוואָרן פון אַ היפּשער צאָל נייגעריקע פּאָנען. דער סטעפּ־יונג האָט די צוויי אינדיאַנער צוגעפירט צום גרויסן טאַבון פערד, וואָס האָט זיך געפּאַשעט אויף דער ברייטער לאָנקע און די געסט האָבן אַ היפּשע ווײַלע נישט געקאָנט אָפּרייסן די אויגן פון די שיינע סוסים. אָבער צום סוף האָט דער עלטערער גאַסט גע־פרעגט מיט שטוינונג:

— צוליב וואָס דאַרפט איר האָבן אַזוי פיל קאַבאַזשאָס?

— מיר דאַרפן זיי טאַקע נישט האָבן — האָט כוליטאָ געענטפערט אָן דער הילף פון זיין איבערזעצער, ווייל ער האָט שוין אַ ביסל אָנגעהויבן צו פאַרשטיין דעם מאָדנעם דיאַלעקט פון די נייע צוויי אינדיאַנער — טאַקע דער־פאַר וואָלטן מיר זיי גערן אויסגעביטן אויף מיידלעך, כדי אונדזערע מוטשאַ־טשאָס זאָלן האָבן מיט וועמען חתונה צו האָבן. עס קאָן גראַד זיין, אַז אייער דאָרף זאָל וועלן האָבן גוטע פערד!...

די צוויי אינדיאַנער האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך אין דער שטיל און דערנאָך האָט דער עלטערער פון זיי געענטפערט כוליטאָן:

— אַוודאי וואָלט אונדזער דאָרף געדאַרפט האָבן פערד. מיר האָבן אַפילו

נישט קיין איינעם. אָבער מיט וואָס וועט איך דאָס דאַרף באַצאָלן, אַז מיר פֿאַרמאָגן נישט קיין זאַך וואָס קאָן פֿאַר איך טויגן?...

— איר האָט מיך נישט פֿאַרשטאַנען — איז כוליטאַן געפֿעלן געוואָרן דעם אינדיאַנערס פּשטות — איך האָב נישט געזאָגט אַז איר דאַרפֿט קויפֿן און באַצאָלן. איך האָב בלויז געמיינט אויסבייטן. למשל, איר האָט געזאָגט, אַז ביי אייך אין דאָרף איז פֿאַראַן איבער הונדערט סעניאָריטאַס, וועלן מיר געבן די עלטערן פֿון די מיידלעך אַ פֿערד און אפשר אַ ביקס אויך פֿאַר יעדער פֿרוי. איז דאָס פֿאַר אייך איצט קלאָר?

— יאָ, זייער קלאָר! אָבער וואָס מיינט אַזוינס אַ ביקס?

— אַ ביקס איז אַזאַ זאַך, וואָס שיסט אַזוי ווי אַ פֿייל און בויגן. אָבער אַנשטאָט צו שיסן מיט פֿיילן, שיסט אַ ביקס מיט פֿייער און קוילן און זי קאָן זייער גרינג דערהרגענען אַ לעמפּערט, אַ פּאַנטערע, אַ יאַגואַר, אַ לייב צי אַפֿילו אַ שלאַנג, אַ פֿויגל און אַפֿילו אַ מענטשן. אָט וועל איך אייך באַלד באַווייזן וואָס אַ ביקס קאָן אויפֿטאָן.

ביי די ווערטער איז אַנטאָניאָ דער „פֿערד" אַוועקגעלאָפֿן אין שפּייכלער ווו דאָס געווער האָט זיך געפֿונען און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער פֿון דאָרטן געבראַכט אַן אָנגעלאָדענע ביקס. כוליטאָ האָט צוגערופֿן ביידע אינדיאַנער און זיי געהייסן קוקן אויף אַ פֿויגל, וועלכער איז געשטאַנען אויף אַ צווייגל פֿון אַ דערבייאיקן בוים און אַ פֿריילעכער געשווישטשערט. ער האָט צוגעשטעלט דעם „פֿריקלאַד" פֿון דער ביקס צו זיין רעכטן אַקסל, פֿאַרזשמורעט דאָס לינקע אויג און מיטן מיטעלן פֿינגער אַ דריק געגעבן דאָס „ציננגל". עס האָט זיך דערהערט אַ מוראדיקער קנאַל און דאָס אומשולדיקע פֿייגעלע איז נעבעך אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד און געבליבן ליגן אויפֿן גראָז אַ פֿאַרבלוטיקטער.

— אָט דאָס איז אַ ביקס — האָט כוליטאָ דערקלערט די געסט — איז דאָס אייך געפֿעלן?... וועט מען ביי אייך אין דאָרף קאָנען אויסבייטן אַ פֿערד מיט אַ ביקס פֿאַר אַ סעניאָריטאַ?...

נאָך אַ מאָל האָבן די צוויי אינדיאַנער גערעדט צווישן זיך. אָבער דאָס מאָל האָבן זיי זיך געאַמפּערט איינער מיטן אַנדערן און מען האָט געקאָנט זען, אַז סיי פֿון די פֿערד און סיי פֿון דער ביקס, זענען זיי געוועזן אַנטציקט, און דער עלטערער פֿון זיי האָט זיין באַגייסטערונג נישט געקאָנט פֿאַרבאַהאַלטן אין זיך:

— פֿערזענלעך וואָלטן מיר דאָס זייער געוואָלט האָבן, אָבער מיר זענען נישט מער ווי יונגע יעגער און קאָנען פֿאַר דעם דאָרף קיין זאַך נישט באַשליסן. ביי אונדז איז פֿאַראַן אַן עלטסטער מיט אַ גאַנצן ראָט מענער אַרום אים. איז קאָנען מיר אייך בלויז צוזאָגן, אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן קומען

אַהיים, וועלן מיר רעדן מיט זיי און געבן צו פאַרשטיין די וויכטיקייט פון צו האָבן ביקסן און פערד. און איר קאָנט מיט אונדז מיטפאָרן אַהין.

— נאָר אויב ביי אונדז אין דאָרף וועט זיך אייך נישט איינגעבן אויסצוביִיטן די פערד מיט די ביקסן אויף סעניאָריטאַס, ווייס איך אויף זיכער, אַז אין „לאַהאַ־לאַהאַ" וועט איר קאָנען קויפן וויפל מיידלעך איר וועט נאָר וועלן. ווייל אַלץ איינס זענען אַ סך פון זיי שוין פאַרזעסענע, איבער אַכצן־יעריקע, וואָס האָבן נישט מיט וועמען חתונה צו האָבן. נאָר איך מיט מיין פריינט — האָט ער אָנגעוויזן אויף דעם אַנדערן גאַסט — ווילן אייך זאָגן אַפריער, אַז מיר ביידע האָבן כלות און מיר וועלן זיי נישט אויפגעבן אַפילו פאַר טויזנט פערד און איצט, אַז דאָס איז קלאָר פאַר אייך, וויל איך אייך בעטן, אַז איידער מיר פאָרן אַרויס פון דאַנען, וואָלטן מיר אַפּגעשאַצט, ווען איר לערנט אונדז אויס כאָטש איין טאָג ווי צו שיסן פון אַ ביקס און ווי צו פאָרן רייטנדיק אויף אַ פערד. ווייל ווען מיר וועלן קומען אין דאָרף, וועלן מיר דאַרפן באַווייזן דעם עלטסטן מיט זיינע ראַטגעבער וואָס פאַר אַ נוצן די ביקסן מיט די פערד וועלן קאָנען זיין פאַר דעם גאַנצן דאָרף.

— כוליטאָ האָט דערפון אָנגעהויבן לאַכן:

— אַוודאי וועט אייך אַנטאָניאָ לערנען ווי צו רייטן און שיסן נישט נאָר איין טאָג, נאָר וויפל איר וועט וועלן.

צוויי טעג נאָכאַנאַנד האָט אַנטאָניאָ דער „פערד" געלערנט די צוויי אינדיאַנער, ווי אַזוי צו פאַרהייבן דעם לינקן פוס, אַרויפשפּרינגען צו די פערד אויף די רוקנס, נעמען די לייצעס אין די הענט און נישט נאָר סתם פאָרן — נאָר צעלאָזן זיך אין פולן גאַלאָפּ. אָט דער „זנאַטאַק" האָט זיי אויך מיט מאַטערנישן אויסגעלערנט די קונץ פון עפענען די מאַגאַזינען, אַריינלייגן אַהין צו פינף קוילן און דערנאָך צוריק פאַרמאַכן, ווי צושטעלן דעם „פריקלאַד" צו דעם רעכטן אַקסל, האַלטן די ביקס גלייך און אַנצילעווען אַזוי, אַז זי זאָל שטענדיק טרעפן אין ציל און נישט פטרן אומזיסט קיין קוילן.

אויף דעם אַנדערן האַלבן טאָג איז דער יינגסטער פון די געסט געוואָרן אַזוי באַגייסטערט סיי פון דער גוטער אויפנאַמע דאָ אין דער קאָלאָניע און סיי פון דעם, וואָס אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט זיי אַ ביסל אויסגעלערנט ווי צו רייטן און שיסן, אַז ער האָט ממש אויסגעשריען:

די ביקס, ווי איר רופט דאָס, וועט ביי אונדז אין דאָרף אַלעמען געפעלן ווערן. איצט וועלן מיר טאַקע אויף אַן אמת קאָנען גיין אין דזשאַנגל אויף יאַגד אַפילו אַנטקעגן לייבן. אויך די פערד וועלן אונדז זייער צו ניץ קומען. איז פאָרט מיט אונדז. מיר וועלן אייך אַפילו פירן אין „לאהא־לאהא" און איך דענק, אַז די עלטערן דאָרטן וועלן זיכער וועלן חתונה מאַכן זייערע טעכטער און אויסבייטן אַ פערד מיט אַ ביקס פאַר אַ מיידל...

די הונדערט מיט פיר און דרייסיק יונגע זכרים האָבן אָנגעזאָטלט פאַר

זיך די בעסטע פערד אין קאַראַל. אַ פּאָר אייזלען האָבן זיי אָנגעהאָרבעט מיט פּעק עסנס און וואַסער צו טרינקען. אויף נאָך הונדערט מיט פיר און דרייסיק סוסים האָבן זיי אָנגעטאָן צוימלעך און מיט לאַנגע שטריק צוגעבונדן צו זייערע אייגענע זאָטלען. אויף אַנדערע צוויי אייזלען האָבן די פּעאָנען אַרויפגעפּאַקט ביקסן מיט אַ פּאָר קעסטלעך קוילן און מיט כוליטאָן און די צוויי פרעמדע אינדיאַנער בראש זענען זיי אַוועקגעריטן אין דער ריכטונג צום דזשאַנגל, וואָס מען האָט נאָך פון דאַנען נישט געקאָנט זען.

נאָר אויף מאָרגן אין אָוונט כמעט, זענען זיי דורך שמאָלע, אויסגעטאָפּטשעטע סטעזשקעס אַריינגעריטן אין אַ היפּשן דאָרף, וואָס איז באַשטאַנען פון שמאָלע, אָבער הויכע שטרויענע און פאַרשפּיצטע געצעלטן. דאָ זענען די צוויי מיטפאָרנדיקע אינדיאַנער פלינק אַראָפּגעשפּרונגען פון זייערע פערד און צוגעגאַנגען צו אַן אַלטן מאַן, וואָס איז געזעסן אויף דער ערד אין דער מיט פון אַ קרייז אַ ביסל ייִנגערע אינדיאַנער פון אים און די יונגע בחורים האָבן מיט דרך־ארץ עפּעס איינגעטענהט מיט דעם אַלטן מאַן. זיי האָבן גערעדט גיך, זשעסטיקולירט מיט די הענט און אַלע ווײַלע אָנגעוויזן אויף די הונדערט מיט פיר און דרייסיק פּעאָנען, וואָס זענען נאָך געזעסן ביי זיך אויף די פערד. זיי האָבן אויך אָנגעוויזן, אויף כוליטאָן, אַפּנים דערציילט, אַז ער איז דער פיערר. דערנאָך האָט איינער פון די צוויי יונגע אינדיאַנער גענומען אַ ביקס אין די הענט און אַראָפּגעשאָסן אַ צווייג פון אַ דערבייאיקן בוים. פון דעם הילכיקן שאָס איז דאָס דאָרף אויפגעטרייסלט געוואָרן. די „ראַטגעבער“, וואָס זענען פריער געזעסן אַרום דעם אַלטן מאַן, האָבן זיך אויפגעריסן פון דער ערד און צעשראָקענע גענומען לויפן אין אַלע זייטן. אויך פון די געצעלטן זענען אַרויסגעלאָפן אַלע פרויען און קינדער און נישט געוווּסט וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. אָבער ווען דער אַפּהילך פונעם שאָס איז אויסגעגאַנגען, האָבן זיך אַלע מענער פון דעם „טריבונאַל“ צוריקגעקערט אויף זייערע ערטער.

דעמאָלט איז כוליטאָ אַראָפּ פון זיין ווייסן פערד. מיט זיכערע און געמאָסטענע טריט איז ער צוגעגאַנגען צום האַלב־רונדן קרייז פון די זיצנדיקע אינדיאַנער, פאַרלייגט זיין רעכטע האַנט אויפן האַרצן, וואָס דאָס האָט געמיינט, אַז ער מיט זיינע מוטשאַטשאָס זענען געקומען אַהער אין דאָרף אַלס פריינט. מיט דער פּאַזע איז ער שטיין געבליבן לעבן דעם אַלטן מאַן, וואָס האָט אין אָנהייב געקוקט אויף דעם סטעפּ־יונג פאַרדעכטיק:

— דו זעסט, וויעכאַ? — האָט ער אָנגעוויזן אויף די יונגע זכרים פון דער קאָלאָניע — זיי זענען ערלעכע און האָרעפּאַשנע פּעאָנען, וואָס האָבן נישט קיין ווייבער. ווילן זיי דאָ ביי אייך אין דאָרף קויפן מיידלעך אויף חתונה צו האָבן. מיר האָבן נישט ווייט פון דאַנען אויסגעבויט אַ גרויסע קאָלאָניע, צעאַקערט און פאַרזייט אַ סך ערד. מיר שטאַמען אַלע פון אינדיאַנער און ווילן לעבן מיט אייך אַלעמען ווי מיט קרובים און נישט ווי מיט פרעמדע. איך וויל, אַז

מיר זאָלן זיך אַרויסהעלפן איינע די אַנדערע מיט אַלץ, וואָס מיר וועלן נאָר קענען און זיין גוטע שכנים.

ווען דער עלטסטער האָט אַ געדולדיקער אויסגעהערט אַלץ, וואָס כוליטאָ האָט געזאָגט און נישט פאַרשטאַנען געווי אַלץ וואָס דער סטעפּ־יונג האָט געזאָגט, האָט דאָס איינער פון די יונגע אינדיאַנער פאַר אים אויפגעקלערט צוליב וואָס כוליטאָ מיט זיינע יונגע זענען געקומען. ערשט איצט האָט דער עלטסטער פון דאָרף זיך אַ ווײַלע בּאַראַטן מיט זיינע מענטשן און צום סוף נאָך דער לאַנגער גערעדעריי, האָט דער אַלטער מאַן געהייסן, אַז די ווייבער זאָלן ברענגען אַהער אַלע מיידלעך, וואָס ווילן חתונה האָבן. דאָס זענען געווען ניין און צוואַנציק יונגע מיידלעך, מיט אַזעלכע לענגלעכע און איידל־געשניצטע פּנימער מיט שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געפּאַסט צו זיין אינדיאַנערקעס. אַנגעטאָן זענען זיי געווען אין אייגענע, גע־וועבטע, לייוונטענע קליידלעך מיט פּיצלעך בלוזקעס פון וועלכע עס האָבן זיך אַרויסגעזען זייערע שטייפע בריסטלעך. די דאָזיקע כלות האָבן זיך אַוועק־געשטעלט לעבן זייערע טאַטעס און מאַמעס, וואָס האָבן זיך אַנגעהויבן דינגען מיט די יונגע פּעאָנען און געפּאָדערט פון זיי צו צוויי פערד און צו צוויי ביקסן פאַר יעדן מיידל.

פון אָנהייב איז דאָס דינגען זיך געווען אַ האַרטער און אַ פאַרעקשנטער. די טאַטעס פון די מיידלעך האָבן בשום אופן נישט געוואָלט אַראָפּלאָזן פון מקח און די ניין און צוואַנציק חתנים, וועמען די מיידלעך זענען געפעלן געוואָרן, האָבן מער ווי איין פערד מיט איין ביקס פאַר אַ כלה נישט געוואָלט געבן. אָבער נאָך איבער אַ שעה דינגען זיך, ווען די טאַטעס האָבן דערזען, ווי כו־ליטאָ מיט זיינע יונגען זענען צוריק אַרויף אויף די פערד און כלומרשט גע־וואָלט אַוועקפאָרן, זענען די עלטערן „ווייכער געוואָרן" און אין דאָרף איז אויפגעגאַנגען אַ יום־טוב. צו דער געלעגנהייט האָט מען געשאָכטן צען שעפּסן. צעלייגט אַ גרויס פייער, אָפּגעבראָטן און די חתונה־צערעמאָניע האָט זיך אָנגעהויבן מיטן עסן, טרינקען און מיט טענץ, וואָס האָט זיך פאַרצויגן ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אויף מאָרגן אין דער פרי האָט כוליטאָ אָנגעזאָגט די ניין און צוואַנציק פּעאָנען, וואָס האָבן נעכטן ביינאַכט חתונה געהאַט, אַז זיי זאָלן וואַרטן דאָ אין דאָרף ביז ער מיט די אַנדערע מוטשאַטשאָס וועלן צוריקקומען. דערנאָך איז ער מיט די הונדערט און פינף יונגע זכרים, מיט איינעם פון די היגע צוויי יונגע אינדיאַנער, וואָס איז געווען דער וועגווייזער, אַוועקגעריטן צום דאָרף „לאַהאַ־לאַהאַ", וועלכער איז געלעגן נישט זייער ווייט פון דאַנען. נאָך האַלבן טאָג, ווען דער סקוואַדראָן איז אָנגעקומען אַהין, איז דאָס גרויסע דאָרף געווען פול מיט ציגן, הינט און בהמות. אויך דאָ זענען די געצעלטן געווען אויפגע־שטעלט פון שטרוי. אָבער דערפאַר אַ סך גרעסערע, מיט פלאַטשיקע שטרויענע

דעכער, וואָס אַ פּאָר לאַנגע דרענגער האָבן דעם שטרוי געהאַלטן צוזאַמען, אַז זיי זאָלן זיך נישט פונאַנדערפליִען אין אַ שטאַרקן ווינט. דאָס ביסל מענער פון דאָרף זענען געווען אָנגעטאָן אין אַזעלכע אייגענע געמאַכטע, קורצע הייזלעך, נאָר אָן העמדער אויף זיך. דערפאַר אָבער זענען ביי זיי אין די לאַנגע און שוואַרצע האָר געווען אַריינגעפלאָכטן קורצע, ווייסע פעדערן. הפנים פון אַזעלכע אויסטערלישע פויגלען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דעם טייל פון דזשונגל. דאָס ביסל אינדיאַנער זענען געשטאַנען אַרום זייער אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט אפשר געקאָנט זיין איבער אַ הונדערט יאָר אַלט און איינער פון זיי, וואָס האָט פריִער אַ ביסל גערעדט מיט כוליטאָן, האָט איצט איבערגעגעבן דעם זקן, ווער די פרעמדע יונגע־לייט זענען און נאָך וואָס זיי זענען געקומען אַהער אין „לאַהאַ־לאַהאַ". הפנים, אַז דער אַלטיטשקער איז געווען אַ קלוגער ווי אַ פוקס. ער האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן אויף דעם, וואָס זיינע אייגענע מענטשן האָבן אים דערציילט. איז ער אויפגעשטאַנען פון זיין „טראָן". מיט זיינע גיכע טריטעלעך געגאַנגען פון איין רייטער צום אַנדערן, מיט די פויגלדיקע קוקערס גוט באַטראַכט יעדן פעאָן באַזונדער און עס איז קאָנטיק געווען, אַז דערמיט איז ער אויסן געווען אַליין צו דערקונדיקן זיך, צי די פרעמדע זענען נישט פון דער ווייסער ראַסע. דערנאָך האָט ער באַטאַפּט יעדן פערד און אומגעקערט זיך צוריק אויף זיין „טראָן", וואָס איז בשטאַנען פון אַזאַ מין הויכן קישן, באַדעקט מיט שמאַטעס און ווייסע פעדערן. מיט אַ מאַך מיט דער האַנט האָט ער צוגערופן צו זיך כוליטאָן און כלומרשט אַן אויפגעבראַכטער אים געפרעגט:

— מיט וואָסער רעכט זענט איר, פרעמדע מענטשן, אַריינגעדרונגען אַהער אין „לאַהאַ־לאַהאַ" און אונדז צעשטערט די דאָפישע רו? ווער האָט געשיקט נאָך אייך און וואָס ווילט איר דאָ האָבן?!

כוליטאָ האָט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיך אויף דעם יונגן אינדיאַנער פון דעם אַנדערן דאָרף און אַליין אָנגעהויבן רעדן. נאָר אָנשטאָט צו ווערן אין כעס פאַר דער אומפריינטלעכער אויפנאַמע, האָט ער דאָ אָנגעווענדט דעם זעלביקן מעטאָד וואָס אין דעם ערשטן דאָרף און געזאָגט:

— פאַדרעסיטאָ! מיר זענען פעאָנען, וואָס זענען אַנטלאָפן פון די האַסיענדאָס און דאָ נישט ווייט פון דאַנען אויפגעבויט אַ גרויסע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע און מיר האָבן שוין פאַרזייט אַ סך תבואה און די מוטשאַטשאָס, וועלכע זיצן אויף די פערד זענען אַליין, זיי פאַרמאָגן אייגענע שטיבער מיט מעבל. אָבער זיי האָבן נישט קיין ווייבער. זענען זיי געקומען צו אייך קויפן סעניאָריטאָס...

— מיידלעך גאָר?

— יאָ, מיידלעך.

דער זקן איז אין כעס געוואָרן און אָנגעהויבן שרייען אויפן סטעפּ־יונג:

— נישטאָ ביי אונדז קיין מיידלעך!...

— הער זיך איין, פּאַדרעסיטאָ! — האָט כוליטאָ אָנגעהויבן רעדן מיט שטרענגקייט און זעלבסטווירדע אין קול, — דו ווייסט זייער גוט, אַז פּעאָנען שטאַמען אויך אָפּ פון אינדיאַנער און איין אינדיאַנער קאָן פאַרשטיין אַ צווייטן. איז כאָטש איך האָב דורך־אויס פאַר דיינע לאַנגע יאָרן, דאָך מוז איך דיר זאָגן, אַז דו ביסט אַ קלוגער קערל... איך מיין נישט, אַז דו האָסט געזאָגט אַ ליגן. אָבער דעם אמת האָסטו אויך נישט דערציילט. איך ווייס זייער גוט, אַז דאָ ביי דיר אין „לאַהאַ־לאַהאַ" זענען פאַראַן זייער אַ סך מיידלעך, וואָס האָבן אַפּילו נישט מיט וועמען חתונה צו האָבן און צוליב דיר, וועלן זיי ווערן אַלט און פאַרוויאַנעט. דערצו וויל איך דיר פאַרזיכערן, אַז מיר וועלן זיין גוטע שכנים, וואָס וועלן זיך אַרויסהעלפן איינע די אַנדערע מיט אַלץ וואָס מיר פאַר־מאָגן און אייערע מיידלעך וועט ביי מיינע מוטשאַטשאָס גאָר נישט פעלן. מיר האָבן אַ סך געלט און וועלן אייך גוט באַצאָלן פאַר זיי.

— געלט? מיר דאַרפן נישט האָבן קיין געלט.

— נו, וועלן מיר אייך געבן פערד און ביקסן.

— וואָס מיינט „ביקסן"?

אָנשטאָט צו ענטפערן אויף דער לעצטער פראַגע, האָט כוליטאָ גענומען אַ ביקס אין די הענט. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן, און, ווען ער האָט באַמערקט, אַז אויף אַ דינעם און הויכן בוים, איז אויף אַ צווייג געזעסן אַ וועוועריק, מיט די לאַפּקעס צוגעהאַלטן אַ ניסל און אַ רויקער געגריזשעט. האָט דער סטעפּ־יונג געפרעגט דעם זקן:

— דו זעסט דעם וועווריק אויפן צווייגל פון דעם ניסן־בוים? יאָ? אויב אַזוי איז קוק זיך גוט איין אין אים, וועסטו באַלד עפּעס זען.

אין דער רגע האָט כוליטאָ אָנגעצילעוועט די רער פון זיין ביקס און דער רויקער וועווריקל איז פון דעם שאָס אַראָפּגעפאַלן פונעם צווייג און אַ פּאָר הינט האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו כאַפּן זיין טויטן קערפּערל.

— איצט האָסטו געזען?... מיט אַ ביקס אין דער האַנט קאָן מען דערשיסן אַ פוקס, אַ קאַיאָט, אַ לייב, אַ לעמפּערט, אַ פּאַנטערע און אַ פויגל, צי אַפילו אַ מענטשן. אַז אייער דאַרף וועט האָבן הונדערט מיט פינף ביקסן, מיט הונדערט און פינף פערד, וועט „לאַהאַ־לאַהאַ" ווערן שטאַרקער פון אַלע דערפער און שבטים אין דעם גאַנצן דזשונגל.

דאָס ביסל אינדיאַנישע מענער פון „לאַהאַ־לאַהאַ" האָבן זיך אַ לאַנגע צייט געהיצט, געקאַכט, גערעדט מיט די הענט און אַלץ געוואָלט איבערצייגן דעם זקן, אַז מיט אַזעלכע „פייערדיקע שטעקנס" און דערצו מיט אַזעלכע גוטע פערד, וועט דאָס דאַרף ווערן אויפגעריכט. נאָר עס האָט גענומען זייער לאַנג ביז זיי האָבן דעם פאַרעקשנטן אַלטיטשקן געקאָנט איינברעכן. די שפּיל איז געווען אַ מאָדנע און אַ טשיקאַווע, ווייל יעדער איינער האָט געקאָנט באַמערקן

ביי דעם אַלטיטשקן אויפֿן צערונצלטן פּנים, אַז ער האָט די אַלע זאַכן פֿאַרשטאַנען אַ סך בעסער פֿון זיי אַלעמען, אַז דאָס האָט ער זיך בלויז געמאַכט, ווי דער „מסחר“ וואָלט אים אין גאַנצן נישט אָנגעגאַנגען. אָבער צום סאַמע סוף, האָט ער עפּעס עמעצן געגעבן אַ געהיימען צייכן. ווייל באַלד נאָך דעם האָבן זיך פֿון אַלע געצעלטן אַרויסגעלאָזט אָן אַ צאָל ברייט־היפּטיקע, שיינע מיידלעך, מיט לאַנגע, שוואַרצע, צעלאָזענע האָר אויף די קעפּ און פֿייערדיקע, גרויסע, קאָרע־אויגן. אָנגעטאָן זענען זיי געווען אין האַלב, געבלימלטע קליידלעך, נאָר מיט נאַקעטע בריסטלעך, וואָס האָבן אויסגעזען, ווי אַלע וואָלטן געווען ענלעך אויף רייכע באַרן, וואָס מען האָט ערשט אַראָפּגענומען פֿון אַ בוים. מיט שמייכלענדיקע בליקן זענען זיי געבליבן שטיין אַנטקעגן די רייטער און מיט שרעק אין די הערצער געוואַרט, גאָר נישט גערעדט, בלויז געוואָלט זען, וואָס מיט זיי וועט דאָ געשען... און די טשיקאַווסטע זאַך איז געווען, וואָס די איבער הונדערט „כלות“ האָבן זיך גאָר נישט געשעמט פֿאַר זייערע „חתנים“ מיט די אָפּגעדעקטע בריסטלעך. די מיידלעך האָבן זיך אַפֿילו נישט געפֿלייסט צו חנדלען זיך מיט זיי, ווי דאָס טוען געוויינטלעך פֿריילינס אין די גרויסע שטעט און פֿון זייער נאַטירלעכער האַלטונג איז געווען צו זען, אַז אַזוי דאַרפֿן זיך מיידלעך אויפֿפֿירן אין דער קעגנוואַרט פֿון פֿרעמדע מענטשן, צי מען וויל ביי זיי אויסנעמען אָדער נישט.

אַז די יונגע און געזונטע זכרים, האָבן פֿאַר זיך דערזען די שיינע מיידלעך מיט די לאַנגע, שוואַרצע, צעפּלאָשעטע האָר און זייערע אײדעלע פּנימער, מיט די תּאווהדיקע פֿולע ליפּן און די קליינע, פֿאַרשפּיצטע בריסטלעך מיט די רויטע נאָפּלען, וואָס יעדערע פֿון זיי האָט געהאַט צו פֿאָר נישט קיין „געעפֿנטע לעכעלעך“ אויף צו געבן קינדער זייגן, זענען די יונגען כמעט געוואָרן ווילד פֿאַר אויפֿרעגונג. זיי זענען אויף גיך אַראָפּגעשפּרונגען פֿון די פֿערד, אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום איטלעכער מיידל באַזונדער און זי באַטראַכט כמעט אַזוי ווי אַ פּויער קומט אויפֿן מאַרק צו קויפֿן דאָרט אַ סוס און באַקוקט אים אַפֿריער פֿון אַלע זייטן. אָבער אויסצוקלייבן איז דאָ נישט געווען וואָס. ווייל אַלע סעניאָריטאַס זענען געווען ענלעך איינע אויף דער אַנדערער. זיי זענען געווען פּונעם זעלבן הויך, מיט די זעלביקע שטריכן אויף די געזיכטער. האָבן טאַקע די יונגען קיין סך נישט געטראַכט. אָנגענומען פֿאַר אַ האַנט אַ מיידל און איז דערנאָך מיט איר צוגעגאַנגען צו אירע עלטערן, וואָס זענען די גאַנצע צייט געשטאַנען אין אַ זייט און אין דער „סעלעקציע“ פֿון די זכרים מיט די נקבֿות נישט אַריינגעמישט זיך. נאָך דעם האָט יעדער פּעאָן צום טאַטן מיט דער מאַמען פֿון זיין „באַשערטער“ צוגעפֿירט אַ פֿערד, געגעבן אַ ביקס אין האַנט און די „שידוכים“ זענען געשלאָסן געוואָרן מאַסנווייז. מחמת דאָ האָבן זיך די אינדיאַנער פֿון „לאַהאַ־לאַהאַ“ נישט געדונגען.

אָבער ווען די יונגע זכרים האָבן געוואָלט נעמען די „כלות“ צו זיך אויף

די אייגענע סוסים און אַוועקפֿאָרן צוריק אין דער קאָלאָניע, האָט זיי דער פֿריִערדיקער זקן באַלד געגעבן צו פֿאַרשטיין און גראַד מיטן האַרבן וואָרט, אַז דאָ אין „לאַהאַ־לאַהאַ" גייט דאָס נישט אַזוי, אַז פֿריִער דאַרף דער דאָרפֿישער „כּישוף־מאַכער" דורכפֿירן די חתונה־צערעמאָניע און ערשט דערנאָך מוזן די חתנים איבערשלאָפֿן די ערשטע נאַכט מיט זייערע כּלות דאָ אין דזשונגל און אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען די ווייבלעך, וועלן דורך סימנים קאָנען באַווייזן, אַז זיי זענען ביז צו דער חתונה געווען „ערלעכע מיידלעך", ערשט דעמאָלט וועלן די פּעאָנען קאָנען נעמען זייערע ווייבלעך און פֿאָרן צו זיך אין די היי־מען...

פֿאַרנאַכט האָט מען אויף אַ לייִדיקן שטיק פֿעלד צעלייגט אַ גאַנצע ריי מיט בערגלעך האָלץ און צוואַנציק ווייבער האָבן אויפֿן פֿייער געבראָטן צוואַנ־ציק ציגן און ווען דאָס פֿלייש איז פֿאַרטיק געוואָרן, האָט זיך גאַנץ „לאַהאַ־לאַהאַ" צוזאַמען מיט כּוליטאָן און זיינע יונגען אַוועקגעזעצט עסן מיט אַזאַ רויִקייט, ווי די גרויסע פֿיעסטאַ וואָלט זיך געדאַרפֿט ציִען צען טעג מיט צען נעכט. נאָר אומדערוואַרט האָבן ערגעץ הינטערן פֿייער אינדיאַנער אָנגעהויבן פּויקן אין הילצערנע פּייקלעך און די חתנים מיט די כּלות זענען אַוועק אין אַזאַ שטילן, קוים באַוועגנדיקן טאַנץ, אַז עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז באַלד וועלן די הונדערט מיט פֿינף פּאָרלעך איינגעשלאָפֿן ווערן אין מיטן דריינען. נאָר אָט זענען די אָפּהילכן פֿון די פּייקלעך געוואָרן גיכער, ראַשנדיקער און די טענצער — רירעוודיקער, פֿלינקער און דער טאַנץ איז פֿון מינוט צו מינוט געוואָרן פֿלאַמיקער. אָבער באַלד האָבן זיך צווישן דעם ראָד מיט די טענצער אַריינגעריסן דאָס ביסל מענער פֿון „לאַהאַ־לאַהאַ" און מיט זייערע לאַנגע און שאַרפֿע שפּיזן — אָנגעהויבן צו פֿעכטן זיך איינער מיטן אַנדערן. געטאָן האָבן זיי דאָס טאַנצנדיק און דערביי געמאַכט פֿאַרשידענע איבונגען מיט זייערע גראַ־ציעזע קערפּערס און עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די מענער האָבן אַזוי אַרום געפֿירט אַ פֿאַרביטערטן קאַמף צו באַזיגן איינער דעם צווייטן, אַז דאָס איז אַ געפֿעכט אויף לעבן און טויט, אַז אָט־אָט וועלן די שפּיזן טרעפֿן דעם, צי יע־נעם אין האַרצן און דער געטראָפֿענער וועט בלייבן ליגן אויף דער ערד אין אַ טייך בלוט. נאָר הפּנים, אַז די שלאַנקע מענער פֿון „לאַהאַ־לאַהאַ" זענען געווען אַזעלכע געשולטע, אַז זייערע שפּיזן האָבן קיינעם נישט געטראָפֿן און פּונקט ווי זיי זענען פּלוצים אויסגעוואַקסן צווישן די פֿריִערדיקע טענצער, אַזוי פּלו־צים זענען זיי פֿאַרשוווּנדן געוואָרן פֿון דאַנען.

די פּייקלעך זענען מיט אַ מאָל שטום געוואָרן און צווישן דעם האַלבן קרייז מיט די שטייענדיקע חתן־כּלה, איז אָנשטאָט די פֿריִערדיקע שפּיזן־פֿעכטער, ווי פֿון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן עפּעס אַזאַ הויך און דאַר מענטשל, וואָס איז פֿון קאָפּ ביז די פּיאַטעס פֿון די פּיס געווען באַדעקט מיט אַזעלכע לאַנגע שמאַטעס און דערצו נאָך — פֿון אַזוי פֿיל קאָלירן, אַז מען

האָט נישט געקאָנט זען ווער ער איז געווען. אויפֿן קאָפּ, איבער די שמאַטעס, האָט דער מענטש געטראָגן אַזאַ מין „קרוין" פֿון ווייסע, לאַנגע פֿעדערן, וואָס האָבן אַפֿילו פֿאַרשטעלט זיינע אויגן. אָט דער „כישוף־מאַכער" איז אַ ווײַלע געשטאַנען אין מיטן ראָד און בלויז געשאָקלט זיך אין אַלע זייטן און מיט זיין ווייסן, פֿעדערדיקן „בעזעמל" געפֿאָכעט אין אַלע פֿיר זייטן פֿון דער וועלט. אָבער באַלד האָט ער זיך פֿלינק אָפּגעריסן פֿון דעם פֿרײַערדיקן אָרט און אָנ־געהויבן פּאַמעלעך גיין פֿון איין חתן־כלה צום אַנדערן. יעדע פּאָרל מיטן „בע־זעמל" „באַשווענצלט" און דערביי עפּעס געפּרעפּלט. די „צערעמאָניע" האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. דער „כישוף־מאַכער" איז אַוועק אין דער נאַכט אַריין און דער פֿרײַערדיקער טאַנץ האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. נאָר איצט האָט מען געטאַנצט אַזוי לאַנג, ביז דאָס האָלץ האָט אויסגעברענט און דער גרויסער פֿייער האָט אויסגעהויכט די נשמה.

דעמאָלט האָט איטלעכע כלה אָנגענומען איר „באַשערטן" ביי דער האַנט און איז מיט אים פֿאַרשווונדן צווישן די געדיכטע ביימער און הויכע גראָזן אין דזשונגל, ווו עס האָבן זיך פֿון דאַנען און פֿון דאָרטן פֿון צייט צו צייט דער־הערט אָפּגעהאַקטע, מיידלשע קוויטשערייען און געלעכטערס. אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען די זון איז אויפֿגעגאַנגען און די יונגע ווייבלעך זענען מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ צוגעקומען צום „טראָן" פֿון דעם זקן, ווו זייערע מאַמעס זענען שוין געשטאַנען און געוואָרט אויף זייערע טעכטער, האָבן די כלות לעבן דעם זקנס פֿיס אַוועקגעלייגט פֿאַרפֿלעקטע שמאַטקעלעך מיט בלוט, וואָס האָט דעם עלטסטן פֿון „לאַהאַ־לאַהאַ" צו וויסן געגעבן, אַז יעדע פֿון די ווייבלעך איז ביז צו דער חתונה געווען אַ בתולה. דעמאָלט איז דער זקן אויפֿגעשטאַנען, פֿאַרלייגט ביידע הענט צו זיך אויפֿן האַרצן און דאָס האָט געמיינט, אַז ער איז צופֿרידן און די יונגע פּאָרן מעגן איצט נעמען זייערע ווייבער און פֿאָרן.

אַז די חתנים האָבן זיך געזעגנט מיט די איינוווינער פֿון „לאַהאַ־לאַהאַ" און אָפּגעפֿירט אַרויפֿגעזעצט זייערע ווייבלעך אויף די פֿערד און דערנאָך — אַליין אויך אַרויפֿגעכאַפּט זיך רייטנדיק אויף די זאָטלען און די הונדערט און פֿינף פֿאָרלעך האָבן אָנגעהויבן צו פֿאַרשווינדן אין דעם געדיכטן דזשונגל, איז די שטילקייט אין דאָרף פּלוצים געוואָרן אַזוי שטיל, אַז מען האָט, דאַכט זיך, געקאָנט הערן דאָס קאַפּען פֿון די טרערן ביי יעדע מאַמען פֿון די אויגן און דער גאַנצער, ביז איצט טומלדיק לעבן אין „לאַהאַ־לאַהאַ" האָט אָנגעווירן דעם שטענדיקן ליאַרעם און עס איז געוואָרן שאַ, שטיל און פּוסט, ווי אין אַ פֿינצטערן, פֿאַרוואָרלאָזטן גרויסן קעלער.

איצט זענען די פֿערד געגאַנגען גיך, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוווּסט, אַז דאָס ציִען זיי אַהיים און אין עטלעכע שעה אַרום האָבן זיי שוין דערגרייכט דאָס ערשטע דאָרף און דאָרטן האָבן זיך די נייע פּאָרלעך פֿאַראייניקט מיט די ביין און צוואַנציק יונגע־לייט און מיט זייערע פֿרויען און באַלד געוואָלט רייטן

ווייטער. נאָר די היגע גאַסט־פֿריינטלעכע ווייבער מיט זייערע מענער, האָבן פֿאַר די געסט צוגעגרייט אַזאַ גרויסן מאָלצייט, וואָס האָט זיך פֿאַרצויגן כמעט ביז פֿאַרנאַכט און ווען דער עלטסטער פֿון דאָרף האָט זיך אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, ערשט דאַן האָבן אַלע חתונה־געהאַטע אַרויפֿגעכאַפּט זיך אויף זייערע סוסים און זאַטע אַוועקגעשניטן אויפֿן וועג צו דער פֿרידלעכער קאָלאָניע.

כוליטאַ מיט זיינע הונדערט און פֿיר דרייסיק פּאָרלעך זענען סיי דורכן דזשונגל און סיי שפּעטער דורך דעם טויטן טייל פּאַמפּאַ געריטן אַ גאַנצע נאַכט און אויף מאָרגן אין דער פֿרי, ווען די זון איז שוין לאַנג געשטאַנען הויך אין הימל — אַריין צו זיך אין דער קאָלאָניע, ווו אַלע מענטשן דאָרטן זענען געווען וואַך און ווען די געוועזענע גאַסן־פֿרויען האָבן דערזען די גע־בראַכטע ווייבלעך, מיט די נאַקעטע בריסטלעך, האָבן זיי אויסגעשאָסן אין אַזאַ הילכיקן און ווילדן געלעכטער, אַז כוליטאַ איז געוואָרן אין כעס און אָנגעהויבן שרייען אויף זיי, אַז זיי זענען געמיינע נפֿשות. פֿון זיין שרייען, האָט זיך דאָס אָפּלאָכן אַ ביסל איינגעשטילט. פֿונדעסטוועגן האָבן די פּראָסטיטוטקעס דאָס געלעכטער פֿאַרט אין גאַנצן נישט געקאָנט צאַמען אין זיך און ביים אַוועקגיין צו זיך אין די שטיבלעך, האָבן זיי זיך נאָך אַ לאַנגע צייט געהאַלטן ביי די זייטן פֿון געלעכטער און שוין אַזוי פֿון די אינדיאַנערקעס מיט די אָפּ־גדעקטע בריסטלעך, ווי פֿון די יונגע זכרים וואָס האָבן איינגעהאַנדלט אַזעל־כע „סחורות״ און געוואַגט צו ברענגען זיי אַהער...

דערפֿאַר אָבער ווען די אינדיאַנערקעס זענען אַראָפּ פֿון די פֿערד און צע־טומלטע און צעשראָקענע געבליבן שטיין אויף דער ערד און געוואַרט ביז וואַ־נען זייערע מענער וועלן זיי אַריינפֿירן צו זיך אין די שטיבלעך, איז ראָזאַלי־טאַ, פּונקט ווי אַ ליכטיקער מלאך, מיט אַ פֿאַרטיקן שמייכל אויף די ליפּן, צו־געגאַנגען צו יעדער ווייבל, געדריקט זייערע הענט און אַ באַגייסטערטע אויס־גערופֿן: „קע באָניטאַ!״ און די יונגע און נייע ווייבלעך האָבן דערפֿילט ביי זיך אין די הערצער אַ וואַרעמע דאַנקבאַרקייט צו אָט דער בלאָנדער און ווייס־הויטיקער פֿרוי, וואָס האָט זיי אויפֿגענומען מיט אַזעלכע אָפֿענע אָרעמס, ווי אַ גוטע מאַמע, וואָס האָט אַ לאַנגע צייט נישט געזען אירע קינדער און פּלוצים זענען זיי צוריקגעקומען צו איר...

ראָזאַליטאַ איז אין דעם פּרט נישט געווען דאָ די איינציקע. אויך די גע־וועזענע אלמנות, וואָס האָבן די גאַנצע צייט, נישט נאָר דאָ אין דער קאָלאָניע, נאָר אַפֿילו אַפֿריער „אין טאָל פֿון טויט״ געווען ווייט און אָפּגעזונדערט פֿון די דאָזיקע „גאַסן־ פֿרויען״, האָבן אויפֿגענומען די יונגע, אינדיאַנישע ווייבלעך מיט גאַסט־פֿריינטלעכקייט און אַפֿילו — מיט ליבע. און עטלעכע טעג נאָכאַ־נאַנד האָבן זיי פֿון גרויסע באַלן ציץ אויפֿגענייט איבער הונדערט שיינע בלוז־קעלעך און דאָס געגעבן די געסט אָנצוטאָן. די יונגע ווייבעלעך האָבן זיי גע־האָרכזאַמע געפֿאָלגט. אָבער הפּנים, אַז די אינדיאַנערקעס האָבן זיך אין די

אַנגעטוענע בלוזקעלעך געפּילט, ווי אָנגעטוענע אין שטייפֿע און שווערע כאָ־מעטן אין וועלכע זיי איז פּשוט געווען שווער צו אָטעמען און זייערע לייבער, וואָס זענען שטענדיק געווען צוגעווינט צו פֿרייקייט, צום לאַשטשען פֿון ווינט־לעך, האָבן די ציצענע סחורות נישט געקאָנט פֿאַרטראָגן. האָבן די יונגע ווייב־לעך די בלוזקעס אָװעקגעוואָרפֿן און ראָזאַליטאַן איז דערנאָך חדשים נאָכאַנאַנד אַנגעקומען מיט „גרינע ווערעם“, ביז זי האָט מיט גוטסקייט און מוטערלעכ־קייט און מיט אַ סך געדולד קוים איינגערעדט די אינדיאַנערקעס, אַז אין אַ קאָלאָניע און דערצו — צווישן מענטשן מוזן פֿרויען טראָגן בלוזקעס. אמת, אין אָנהייב האָבן די יונגע ווייבלעך נישט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס מוזן פֿרויען גראָד טראָגן אָט די זאַכן. אָבער ביסלעכווייז האָבן זיי פֿאָרט איינגעבירגערט אין זיך ראָזאַליטאַס רייד און אָנגענומען די מאָדע פֿון דער „ציוויליזאַציע“, פֿון וועלכער זייערע מאַמעס און אַפֿילו עלטער־באָבעס האָבן פֿון אַזאַ „באַר־באַרישקייט“ קיין מאָל קיין אָנונג נישט געהאַט.

קאַרמעליטאַס שטראָף

נישט געקוקט אויף דעם, וואָס קאַרמעליטאַ איז פֿון דער פּריסטער יוגנט אַן געטריבן געוואָרן אין די גאַסן פֿון „לאַ באָקאַ“ צו פּראָסטיטוציע, האָט זי אָבער געהאַט אַן איינגעבוירענעם שטאַרקן כאַראַקטער, מיט אַזאַ געזונטן זכרון ווי ביי אַ העלפֿאַנט! אויב זי האָט נאָר עפּעס פֿאַרטראַכט, האָט זי דאָס געמוזט דורכפֿירן מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט און קיין מאָל נישט געדעכנט זיך דערמיט, וואָס פֿאַר אַ צרות און וואָס פֿאַר אַ ליידן אירע אַ האַנדלונג וועט עמעצן פֿאַרשאַפֿן. נאָר טאָמער האָט זיך איר נישט איינגעגעבן דורכצוזעצן דאָס, וואָס זי האָט געפּלאַנירט און געוואָלט, איז זי וואָכן און אַפֿילו חדשים נאָכאַנאַנד אַרומגעגאַנגען אַ צערייצטע, אַ דערשלאָגענע און אַ כּעסדיקע אויף זיך אַליין, וואָס זי איז געווען אַזאַ שלימזל.

פּונקט דאָס זעלבע איז געווען מיט איר מערקווירדיקן זכרון, וואָס האָט גאָרנישט געפּאַסט פֿאַר אַ פֿרוי. יעדער מענטש, מיט וועמען זי איז געקומען אין באַרירונג, און — איבערהויפּט איטלעכער מאַן, מיט וועמען די פּראָסטי־טוטקע האָט ווען עס איז געהאַט אַ געשלעכטלעכן פֿאַרקער, האָט זי זייערע פּנימער געדענקט יאָרן לאַנג. אַפֿילו אַ סך פֿון זיי געהאַט שטענדיק אויפֿן אויג. און אויב אַ מאַנספּאַרשוין האָט זיך איבער איר איזדיעקעוועט, באַליי־דיקט, צי נישט באַצאָלט וויפֿל זי האָט פֿאַרלאַנגט, האָט זי דאָס קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן און געזוכט אַלערליי מיטלען און געלעגנהייטן ווי אָפּצורעכענען זיך מיט אַ פּאַטש פֿאַר אַ פּאַטש.

דעריבער, אַז עמאַליטאַס געוועזענער „געליבטער" — נאַטאַליאַ, האָט אויף איר צעריסן די בלוזקע, אַנטדעקט די בריסט פאַר דער גאַנצער וועלט און געשלעפּט איר פאַר די האָר איבערן לאַגער, וואָס האָט איר דעמאָלט אַזוי ווי געטאָן, אַז זי האָט געפילט, ווי צוזאַמען מיט די האָר האָט ער אויך געריסן דעם שאַרבן פון איר מוח — האָט דאָס קאַרמעליטאַ נישט פאַרגעסן אפילו אויף קיין רגע, און די גאַנצע צייט געטראַכט ווי אַזוי צו נעמען נקמה פון אים פאַר די ווייטיקן און איבערהויפּט — פאַר די טיפע באַליידיקונגען און שאַנדע וואָס ער האָט איר פאַרשאַפט.

אמת, פון יענעם ביי טאָג אָן זענען שוין פאַרלאָפן וואָכן. אָבער קאַרמעליטאַ האָט נאָך אַלץ אין דער שטיל געזוכט עפּעס אַ פּלאַן ווי איין מאָל פאַר אַלע מאָל — אומברענגען פון דער וועלט איר גרעסטן שונא. פון דעם שרעק־לעכן געדאַנק איז ביי איר, אינעם קליינעם מוח, געבוירן געוואָרן אַ פאַר־צווייגטער, אָבער ווילדער פּלאַן. און מען מוז צוגעבן, אַז דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אַזוי אָריגינעל פאַרטראַכט, אַז וואָס מער זי האָט פון אים גע־טראַכט, אַלץ מער איז זי באַגייסטערט געוואָרן פון איר אייגענעם איינפאַל און חכמה... אַז זי האָט גוט אַרומגעטראַכט דעם פּלאַן און שוין אויף קלאָר געוווסט דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט טאָן, האָט זי, צוליב איר טייוולאַנישן „איינפאַל" — צוריק אָנגעהויבן שמייכלען צו נאַטאַליאַן, קאָקעטירט און דערביי געמאַכט אַזעלכע לאַשטשענדיקע שטיק, פּונקט ווי זי וואָלט גאָר אָן אים אַפילו אַ רגע נישט געקאָנט אויסקומען. אַזאַ ליבע האָט זי אים אַרויסגעוויזן.

און ער?... קיין צו גרויסער חכם איז נאַטאַליאַ נישט געווען און אויף זיין פּרימיטיוון אופן געמיינט, אַז די קאַרמעליטאַ האָט אים אַזוי שטאַרק ליב, אַז זי האָט שוין פאַרגעסן און פאַרגעבן אַלץ וואָס ער האָט געטאָן צו איר, אַז איצט האָט זי חרטה אויף דעם, וואָס זי האָט זיך געהאַט איבערגעגעבן צו דעם אַלטן דאָקטער און וויל ווערן צוריק זיין „געליבטע" און זיין „ווייב", ווי זי איז דאָס געווען איידער דער כירורג איז געקומען אין לאַגער. והא ראיה, דאָס האָט ער דאָך איצט אַזוי קלאָר אַרויסגעזען פון אַלע אירע הנדלעך, פון די לאַכנדיקע פריילעכע גרויסע אויגן, יעדער זשעסט אירער האָט אים צו־געגעבן אַזאַ מוט, האָפענונג און אַזאַ מין קוראַזש, אַז איין אָן אָוונט האָט ער זי ווידער פאַרבעטן צו זיצן מיט אים אויפן זעלביקן שטיין, ווו ער וועט פאַר איר ווידער זינגען האַרציקע ליבעס־לידער ווי אַלע מאָל...

וואָס איז שייך איר? — האָט זי זיך אין אָנהויב אַ ביסל כלומרשט גע־ווערט, געמאַכט אַזאַ גרימאַסע אויפן פּנים, ווי זי וואָלט מיט אים מער גאָרנישט געוואָלט האָבן צו טאָן. אָבער, מיט דער צייט האָט ער זי אַזוי „איינגענומען" מיט זיינע לאַסקעס און געזאַנגען, אַז זי איז „ווייכער" געוואָרן, מער נישט גע־האַט „קיין האַרץ" אים אָפּצוזאָגן. נאָר גיין צו אים איןביידל האָט זי פאַרט נישט געוואָלט און דערווייל — בלויז פאַרבראַכט מיט אים אין דרויסן אויף

דעם זעלביקן שטיין און דאָס קומען צו אים — אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדער נאַכט. כאָטש פון אירע צוזאָגעכצן איז דער יונג געוואָרן אַזוי „אָנגעסטראָיעט“, אַז פון גלוסטעניש האָט אויף אים די הויט געברענט.

ערשט איצט האָט קאַרמעליטאַס שוידערלעכער פּלאַן אָנגענומען אַ בולטע פּאַרמע. זי האָט דייטלעך געוווּסט צוליב וואָס זי האָט אַזוי אָנגעצויגן נאַטאַליאַן און וואָרעם זי האָט דאָס אַריינגיין צו אים אין ביידל כסדר אָפּגעלייגט אויף אַן אַנדערש מאָל. ערשטנס האָט זי דעם יונג געוואָלט אַזוי צערייצן, אַז ער זאָל שפּרינגען פון דער הויט. און צווייטנס — האָט זי געדאַרפט האָבן אַזאַ זאַך אין האַנט אויף דורכפירן איר משוגענעם פּלאַן, אַן אינסטרומענט אַזאַ, וואָס איז נאָך דערוויילע פאַר איר גופא געווען אַ טיפע רעטעניש.

כדי צו פאַרפולקומען דעם פּלאַן און דורכפירן דאָס, וואָס זי האָט געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, האָט קאַרמעליטאַ דורך די טעג ווידער אָנגעהויבן אַריינ־קומען צום דאָקטער אין ביידל. אָבער, שוין נישט ווי „אַ געליבטע“, צי ווי אַ „ווייב“, ווי זי פלעגט דאָס טאָן פריִער, נאָר פּשוט ווי אַ דינסט, וואָס איז גע־שיקט געוואָרן אַהער אויפצוראַמען דאָס ביידל, אָפּווישן דעם שטויב פונעם שרייב־טיש, פון די ביכער. נאָר איבערהויפּט האָט זי זיך אָפּגעגעבן מיט ריי־ניקן דעם כירורגס פאַרשיידענע אינסטרומענטן...

כדי צו טאָן די דאָזיקע, רוטינע אַרבעט, איז זי געקומען רעגלמעסיק יעדן טאָג אין דער זעלביקער צייט און גלייך גענומען זיך צו דער אַרבעט. און דער דאָקטער, וועלכער האָט אין אָנהויב געקוקט אויף איר מיט פאַרדאַכט, האָט זיך מיט דער צייט גאָר איבערצייגט, אַז קאַרמעליטאַ איז אין דער אמתן אויסן געווען בלויז צו האַלטן ריין זיין „וווינונג“ מיט די אינסטרומענטן, אַז זי איז אים אַזאַ גוטער פריינט, וואָס העלפט אַרויס אין זיין געענגענשאַפט. האָט ער איז אויפגעהערט צו היטן און טיף ביי זיך אין האַרצן דאַנקבאַר געווען פאַר דעם, וואָס זי האָט פאַר אים געטאָן אַזאַ וויכטיקע זאַך.

נאָר איין מאָל אין אַן אין דער פרי, ווען קאַרמעליטאַ איז ווידער אַריינ־געקומען צוצוראַמען דאָס ביידל און דער דאָקטער איז אויף אַ ווײַלע אַרויס אין דרויסן און איבערגעלאָזט איר דאָרטן איינער אַליין, און ווען די כיטרע קאַרמעליטאַ האָט, דורך אַ שפּאַרונע, באַמערקט, אַז דער מעדיקער איז אַוועק אַ ביסל ווייטער פונעם ביידל, איז זי פלינק, ווי אַ טיגערין — צוגעשפּרונגען צום „אַלמערל“, אויף גיך אָנגעהויבן באַטראַכטן אַלע אינסטרומענטן דאָרטן. און ווען איר בליק איז געפאַלן אויף אַ קליינעם, אָבער שאַרפן, כירורגישן מעסערל, וואָס האָט געהאַט אַ דינעם שפּיץ, האָט זי אים אַ כאַפּ געגעבן, פאַר־באַהאַלטן ביי זיך אין בוזים און דערנאָך גענומען זיך צום ריניקן דעם שרייב־טיש מיט אַזאַ קאַלט־בלוטיקייט אין יעדער באַוועגונג, ווי קיין זאַך וואָלט דאָ גאָרנישט פאָרגעקומען.

אַז דער דאָקטער איז אין אַ ווײַלע אַרום צוריק אַריין אין ביידל און

דערזען, ווי קאַרמעליטאַ איז געשטאַנען און אָפּגעשטויבט די ביכער מיט אַזאַ מין רויִקייט, ווי איר וואָלט קיין אַנדער זאַך גאָר אויפן געדאַנק נישט גע־לעגן, און דערביי אַפילו אונטערגעזונגען אַ לידל און אַ צעשטראַלקייט איז געווען אין אירע שוואַרצע אויגן — האָט ער אויף קיין שלעכטס נישט פּאַר־טראַכט און שפּעטער אַ ביסל, ווען זי איז פאַרטיק געוואָרן מיט איר „אַרבעט" און געהאַלטן אין אַרויסגיין פון דאַנען, האָט ער איר, ווי אַן איידעלער מאַן געזאָגט:

— אַ דאַנק, סעניאָריטאַ, קאַרמעליטאַ. דו ביסט אַן אמתער פריינט! איך ווייס נישט ווי אַזוי איך וואָלט דאָ אַרויסגעקומען אָן דיין הילף. אַ דאַנק!

זי האָט דעם דאָקטער בלויז צוגעוואָרפן אַ געמאַכטן שמייכל און דעם זעלביקן אָוונט איז זי ווידער געזעסן מיט נאַטאַליאָן אויפן שטיין. דער בחור האָט ווי שטענדיק, געזונגען פאַר אירעטוועגן ליבעס־לידער. געדריקט זי צו זיך און אים איז זייער געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס איצט האָט זי זיך שוין מער נישט געווערט. אַדרבא, היינטיקן אָוונט האָט זי זיך גאָר געלאַשטשעט צו אים, ווי אַ קאַץ. געקושט אים אין פּנים, אויף די ליפּן. נאָר צורירן זיך צו אירע בריסט האָט זי אים נאָך אַלץ נישט געלאָזט און מיט צעפּאַרעטקייט אין איר קול אים געהאַלטן אין איין פאַרזיכערן:

— שפּעטער אַ ביסל, קערידאָ. שפּעטער...

— ווּעסטו גיין צו מיר אין ביידל?

— יאָ, קערידאָ. אויב דו ווּעסט זיין אַ גוטער מוטשאַטשאָ, וועל איך גיין...

פון גרויס אויפרעגונג האָט ער זיך געוואָלט שווערן פאַר איר, אַז פון היינט אָן און ווייטער וועט ער שוין זיין אַ גוטער און קיין האַנט אויף איר מער נישט הייבן. נישט באַליידיקן און נישט רייסן פאַר די האָר. אָבער זי האָט אים, מיטן האַנט־פלאַך, פאַרשטעלט זיין מויל, געזאָגט, אַז זי גלויבט דאָס אים, אַז ער זאָל מער דערפון נישט רעדן. זענען זיי געבליבן זיצן אַזוי לאַנג, ביז די לבֿנה איז שוין געווען ווייט און הויך אין הימל און אַ קאַיאָטע האָט ערגעץ אויף אַ באַרג אָנגעהויבן בילן און וואָיען. ערשט דעמאָלט איז קאַרמעליטאַ אויפגעשפּרונגען פונעם שטיין, אָנגענומען נאַטאַליאָן פאַר אַ האַנט און אַריינגעצויגן אים אין ביידל.

צו די אַלע זאַכן איז נאָך קאַרמעליטאַ געווען זייער אַ ספּריטנע, אַ פלינקע און אַזאַ ווילדע, ווי אַ שוואַרצע פּאַנטעראַ אין דזשאָנגל. און בעת נאַטאַליאָ האָט פאַרדרייט דאָס קנייטל אין לעמפּל, אויסגעלאָשן דעם פייער און אויסגעטאָן זיך, איז זי שוין געלעגן ביי אים אין „בעט" אַ נאַקעטע און דעם כירורגישן מע־סערל פאַרבאַהאַלטן ביי זיך אונטער דעם ברייטן הינטער־חלק און אַן אומ־געדולדיקע געוואַרט אויף דעם וואָס עס האָט געזאָלט געשען.

אַז דער יונג איז סוף כּל סוף אַריין צו איר אין „בעט" און אָנגעהויבן שפּילן זיך מיט אירע לאַנגע נאָפּלען, האָט זי אין דער רגע אַרויסגעכאַפּט דעם

חלף און נאַטאַליאַ האָט אַרויסגעלאָזט אַזאַ הויכן און פאַרצווייפלטן געשריי, וואָס האָט אויפגעוועקט אַלע שלאָפנדיקע מענטשן אין לאַגער. דער געשריי איז אָבער געווען אַ קורצער, אַן אָפּגעהאַקטער. נאַטאַליאַן האָט פאַרכאַפּט דער אָטעם, אים האָט פאַרפעלט לופט. איז ער געבליבן ליגן אין אַ טייך בלוט און מער שוין נישט באַוויזן אויפצוהויבן זיך פונעם געלעגער. און זי? קאַר־מעליטאַ, אַ צופרידענע און שוין אין גאַנצן אַ באַרויִקטע, האָט זיך פּאַמעלעך צוריק אָנגעטאָן, צורעכט געמאַכט דאָס קליידל, די קאָפּטע, צו לעצט — אַ האַסנדיקן שפּיי געטאָן אויפן מת און איז מיט שטילע טריט אַרויס פון בײדל.

אויף מאָרגן, כאָטש קאַרמעליטאַ האָט זיך נעכטן ביי דער נאַכט זייער געהיט, פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, אַז אַ פרעמד אויג זאָל נישט באַמערקן, ווי זי האָט אַנגענומען נאַטאַליאַן ביים האַנט און אים אַריינ־געשלעפּט אין בײדל, דאָך האָט שוין היינט דער גאַנצער לאַגער געוווּסט וואָס זי האָט נעכטן געטאָן. זענען טאַקע נייגעריקע פּעאָנען מיט אינדיאַנער און אַפילו די אַנדערע פרויען אַריינגעקומען צו נאַטאַליאַן אין בײדל און צו זייער שטוינונג געזען ווי דער מת איז געלעגן אַ נאַקעטער און אויף זיין ברייטער ברוסט איז געשטאַנען אַ שוואַרצע, פאַרטריקנטע לוזשקע מיט בלוט.

האָט זיך נאָך גאַנץ פרי דער לאַגער צעטומלט און צערודערט. צעשראָ־קענע מענער זענען אין גרופּן געשטאַנען דאָ און דאָרט און געהיצט זיך. בעתן רעדן זשעסטיקולירט מיט די הענט און מיט פאַראַכטונג געשפּיגן אויף דער ערד. פון דעם און פון יענעם ווינקל האָבן זיך געהערט צאָרנדיקע אויסגעש־שרייען. דראָענדיקע קולאַקעס האָבן געשפּאָלטן די אינדערפריִענדיקע לופט. פונדעסטוועגן האָבן אַלע געדולדיק, כמעט, געוואַרט ביז דאָס אָפּעסן פרישטיק וועט פאַריבער און דערנאָך ערשט הערן וואָס כוליטאַ, מיט זיינע הויפּט־מענטשן וועלן זאָגן אויף דעם שוידערלעכן פאַרברעכן.

און טאַקע, ווי נאָר דער עולם האָט אַראָפּגעזשליאָקעט דאָס לעצטע ביסל מאַטע און די בלעכערנע קוביקלעך צוריק אַוועקגעשטעלט אויף די שטענדיקע ערטער, מיט די דעקעלעך אויף אַרויף, אַז קיין פליגן, צי שטויב זאָל זיך אַהין נישט פאַרקלייבן — האָט זיך כוליטאַ אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטל, ראַפּאַעל מיט אַנטאָניאָן דעם „פערד" האָבן זיך אַוועקגעשטעלט ביי זיין רעכטער האַנט און גאַבריעל לאַרגאַ מיט לאָפּעזן — ביי זיין לינקער. דעמאָלט האָט דער סטעפּ־יונג, אַ געלאַסענער, געזאָגט צום פאַרזאַמלטן עולם, וואָס איז געשטאַ־נען אַנטקעגן מיט אָנגעשפּיצטע אויערן און געוואָלט הערן וואָס דער „טריבו־נאַל" וועט באַשליסן:

— זאָל יעדערער פון אייך, וועלכע, צי וועלכער האָט עפּעס אַן אָנונג וועגן דעם שרעקלעכן אַקט — געגנוי דערציילן, וואָס נעכטן ביי נאַכט איז אין בײדל, אָדער אַפילו אַרום נאַטאַליאַס בײדל פאַרגעקומען...

אַ ברייט־היפּטיקע און הויך־בוזימדיקע פּרוי איז אַרויס פון צווישן אַ רעדל פּעאָנען און מיט האַס און גיפט אין איר דינעם קול אָנגעהויבן דערציילן:

— נעכטן ביי דער נאַכט בין איך גראָדע געלעגן אויפן גראָז, ווו די מערדערין איז געזעסן מיט נאַטאַליאַן אויף אַ שטיין און איך האָב געזען, ווי קאַרמעליטאַ האָט דעם מוטשאַטשאַ אָנגענומען ביי דער האַנט. זיי זענען ביידע אַריין אין ביידל און אין אַ ווײַלע אַרום, האָט איך דערהערט דער שוידערלעכן געשריי. איך האָב דערקאַנט נאַטאַליאַס קול. דאָס איז געווען זייער אַ קורצער און האַרץ־רייסנדיקער אויסגעשריי, וואָס האָט זיך מער נישט איבערגעחזרט. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט זי אים אַריינגעזעצט אַ מעסער אין האַרצן. אָבער, איך האָב מורא געהאַט אַריינגיין אַהין. ווייל אויב זי וואָלט מיך דערזען, וואָלט זי מיר געוויס אויך דערשטאָכן, די פּוטאַ! (הור). איר קאָנט זי נישט, אָבער איך ווייס אַז זי איז פעִיק אויף אַזעלכע זאַכן!...

— האָט נאָך עמעצער עפּעס געזען אָדער געהערט? האָט כוליטאָ ווידער געפרעגט.

איינע נאָך די אַנדערע זענען דערנאָך אַרויסגעטראָטן די אַלע מענטשן, וואָס האָבן שוין באַוויזן צו זיין ביים מת אין ביידל און יעדערער אויף זיין שטייגער, האָט געשילדערט דאָס גרויזאַמע בילד, וואָס זיי האָבן דאָרטן געזען. און קאַרמעליטאַ איז אַ רויִקע און אַ גלייכגילטיקע געשטאַנען אַנטקעגן דעם „טריבונאַל", אויסגעהערט אַלץ וואָס יעדער איינער האָט דאָ דערציילט און אויף איר שוואַרץ־חנעוודיקן פּנים איז נישט געווען צו באַמערקן די מינדסטע גרימאַסע, אַז דאָס זאָל איר האָבן געאַרט. אדרבא, פונעם גלײִקן פייערל אין אירע אויגן האָט מען גאָר געקאָנט אַרויסלייענען, אַז דאָס, וואָס זי האָט נעכטן ביי נאַכט דערשטאָכן איר שונא, האָט איר גאָר געפרייט, מיט דער פרייד פון ניצחון.

דאָס אויסהערן אַלע עדות האָט געדויערט אַ פּאָר שעה. דאָס האָט זיך גענומען דערפון, וואָס די פּרימיטיווע מענטשן האָבן ליב געהאַט צו רעדן לאַנג און דערצו נאָך מיט אַלע דעטאַלן און פּיטשעווקעס. איז דער הויפּט פון דעם „טריבונאַל" די גאַנצע צייט געזעסן אויפן קעסטל אַ רויִקער, אַן ערנסטער, אַריינגעזאַפּט אין זיך אַלץ, וואָס עס איז דאָ דערציילט געוואָרן און ער האָט געשוויגן מיט דער זעלביקער פאַרביסענער שוויגעניש, ווי עס האָבן געשוויגן די אַרומיקע בערג מיט די טאָלן.

אַז דאָס רעדן פון דעם אויסגעשעפּטן עולם האָט זיך סוף כל סוף אויסגעלאָזט און אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן און מיט האַרץ קלאַפּעניש און דרך־ארץ געקוקט אויפן „בית־דין", איז כוליטאָ אויפגעשטאַנען פון קעסטל און גאַנץ לאַגיש געגעבן צו פאַרשטיין:

— מיר זענען, ווי ראַפאַעל רופט דאָס! „רעוואָלוסיאָנאַריאָס". מיר זענען נישט קיין באַנדיטן און הרגענען נישט קיין מענטשן. מיר אָנערקענען נישט

קיינע געזעצן פון קיין שום רעגירונג. מיר זענען פרידלעכע פּאַנען. מיר זענען אַלע גלייכע אַמיגאָס. איר זאָלט וויסן, אַז אין סטעפּ און אין דזשאַנגל גילטן נישט קיינע צוגעטראַכטע און אַליין געמאַכטע געזעצן. מיר האָבן נישט קיין תפיסה וווהין צו פאַרשיקן אַ פאַרברעכער. דאַרפן מיר איצט דאָ אַלע צוזאַמען באַשליסן ווי אַזוי צו באַשטראָפן דער מערדערלעכער הור.

אויף דעם האָט איין פּעאָן אין די פערציקער יאָרן געגעבן אַ קורצע עצה:

— ס׳איז אַ פּשוטע זאַך! מען דאַרף דער זונה אָפּשניידן די בריסט און פאַרטיקן...

אָבער אַ צווייטער האָט פאָרגעשלאָגן אַ פּראַקטישערן פּלאַן:

— אַזוי ווי כוליטאָ האָט געזאָגט, אַז מיר זענען נישט קיין באַנדיטן, נאָר רעוואָלוסיאָנאַריאָס און מיר הרגענען נישט קיין מענטשן, וואָלט איך געווען צופרידן, אַז מען זאָל דער מערדערין אַוועקפירן אויף אַ הויכן באַרג און זי דאָרטן איבערלאָזן אָן עסן און אָן וואַסער. מסתמא וועט איר אַ שלאַנג צעבייסן, צי אַ פּאַנטערא, אָדער אַ טיגער — וועט איר צערייסן אויף שטיקער און מיר וועלן דערמיט גאָרנישט האָבן וואָס צו טאָן...

אַן עלטערער אינדיאַנער, מיט אַ בראָנדזענעם פּנים, וואָס האָט געהאַט אויף זיך הונדערטער קאַרבן און קנייטשעלעך, איז דערפון נישט צופרידן געווען. האָט ער אַראָפּגענומען זיין סאָמבררעראָ פון קאָפּ און עס האָבן זיך באַוויזן אַזעלכע שוואַרצע און דערצו — אַזעלכע גלייכע און לאַנגע האָר, וואָס האָבן אויסגעזען ווי די סטרונעס פון פערדישע עקן:

— האָמברעס. ביי אונדז אינדיאַנער איז פאַראַן זייער אַן אַלטער מינהג: ווען אַ פרוי האָט פיינט דעם מאַן אירן און הרגעט אים אַוועק, באַגראָבט מען איר צוזאַמען מיט אים אין דעם זעלביקן קבר. וווהין מען לייגט אַריין עסן און טרינקען בלויז אויף דריי טעג. איז אויב איר וועט דאָס איצט טאָן אַזוי, וועט דאָס אָנלערנען די אַנדערע פרויען אין לאַגער נישט צו טויטן זייערע מענער ווען זיי האָבן נישט ליב...

די פאַנטאַסטישע מעשה איז דעם עולם שטאַרק געפעלן געוואָרן און דער קלוגער, און „ציוויליזירטער טריבונאַל״ האָט פאַרשטאַנען, אַז דעם אינ־דיאַנערס וואַזשנער איינפאַל איז אויפגענומען געוואָרן ווי געהעריק. דעריבער האָט זיך כוליטאָ אַ ווילע געשושקעט מיט זיינע „מיט־ריכטער״ און צום סוף אַרויסגעטראָגן אַזאַ פּסק־דין:

— דעם אינדיאַנערס פאָרשלאַג קאָנען מיר נישט אָננעמען, ווייל מיר זענען רעוואָלוסיאָנאַריאָס און הרגענען נישט קיין מענטשן. דאָך מוזן מיר פאַר אַזאַ שוידערלעכן פאַרברעכן באַשטראָפן ווי געהעריק. איז אונדזער אורטייל אַזאַ: צוויי האָמברעס וועלן קאַרמעליטאַן צוהאַלטן כדי ראַפאַעל זאָל איר אָפּ־שערן די האָר ביז צום סאַמע שטאַרבן. פון היינט אָן און ווייטער וועט זי נישט טאָרן זיין אָנגעטאָן אין אַ קלייד. בלויז אין אַ זאַק. קיינער פון אייך זאָל

צו איר מער נישט רעדן. אַלע מעגן איר שפּייען אין פּנים, ווען זי וועט עמעצן פֿאַרבייגיין. און צום סוף נאָטאַליאַס קבר זאָל מען צוויי טעג נישט פֿאַרשיטן, בלויז אַהין אַראָפּלאָזן דעם טויטן און קאַרמעליטאַ וועט די גאַנצע צייט מוזן זיצן דאָרטן נעבן דעם מת און ערשט אויפֿן דריטן טאָג אַרויסגיין צוריק אויף דער פֿריי! דאָס איז אונדזער גערעכטער משפּט...

ווי נאָר כוליטאַ האָט אַרויסגעטראָגן דעם משוגענעם אורטייל, האָבן צוויי געזונטע פּאַרנען אַ כאַפּ געטאָן קאַרמעליטאַן פֿאַר די הענט און אַוועקגעזעצט אויף דעם „טריבונאַל"־קעסטל און ראַפּאַעל האָט באַלד ביי זיך פֿון אַ קעשענע אַרויסגענומען אַ שער־מאַשינקעלע און אין אייניקע מינוטן אַרום זענען שוין אירע לאַנגע, שוואַרצע האָר געלעגן אויף דער ערד אַזעלכע גלאַנציקע, לעבעדיקע און אַזעלכע פֿרישע ווי זיי זענען פֿריער אַ ווײַלע געווען ביי איר אויפֿן קאָפּ, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי דער קאָפּ פֿון אַ יינגל, וועמען מען האָט צוליב היגיענישע צוועקן אָפּגעגאָלט ביזן שאַרבן. אַפֿריער האָט זיך די מערדערן געריסן פֿון אָרט, געוואָרפֿן זיך אין אַלע זייטן און אימהדיק געשריִען. אָבער באַלד איז זי געבליבן זיצן אַ פֿריטשמעליעטע, פּונקט ווי זי וואָלט פֿלוצים פֿאַרלוירן דעם פֿאַרשטאַנד און עס האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זי האָט נישט געוווּסט מער וואָס מיט איר און וואָס אַרום איר האָט זיך געטאָן. אַפֿילו דערנאָך ווען אַ פּאָר פֿרויען האָבן פֿון איר אַראָפּגעריסן דאָס קלייד מיט דער בלוזקע פֿאַר אַלעמען אין די אויגן און איבער איר נאַקעטן קערפּער אַרויפֿגעצויגן אַ מעל־זעקל, וואָס עמעצער האָט אינעם דנאָ אויסגעשניטן אַ גרויסן עפֿענונג, איז קאַרמעליטאַ אַלץ געבליבן שטיין, שוין איצט אויף די קני (מחמת מען האָט איר צוליב דעם אַראָפּגעשלעפּט פֿון קעסטל) ווי אַ פֿאַרשטיינערטע. אין די אויגן איז איר געוואָרן פֿינצטער. אונטערן האַרצן האָט אַ שפּאַר געטאָן אַ נישט־גוטקייט. אַ קאַלטער שווייס האָט באַשלאָגן דעם שטערן, אַלע גלידער. דער טאָל, די בערג, די מענטשן, די גאַנצע וועלט האָט זיך אַ דריי געטאָן, אַ מיש־געטאָן זיך און זי איז אומגעפֿאַלן ווי אַ סנאָפּ. און אנשטאָט אָפּצוראַטעווען זי, דערלאַנגען איר כאָטש אַ ביסל קאַלט וואַסער, האָבן איר די מענטשן געלאָזט ליגן אין שטויב און אַוועקגייענדיק פֿון דעם אָרט האָט יעדער איינער גאָר אויף איר אַ שפּיי געטאָן.

שפּעטער אַ ווײַלע, ווען זי האָט זיך אויפֿגעכאַפּט און געעפֿנט די אויגן, זענען זיי געווען אַזעלכע גלאָזיקע און גרויסע, ווי זיי וואָלטן זיך אַרויסגעשפּאַרט פֿון די אויגן־לעכער און געמאַכט דעם איינדרוק, ווי די פֿרוי וואָלט געערירט געוואָרן פֿון זינען. קיינער איז איצט אַרום איר נישט געווען. איז קאַרמעליטאַ אויפֿגעשטאַנען, אַ ווײַלע האָט זי מיט די שטאַרע אויגן געקוקט אין חלל. דערנאָך זענען אירע אויסגעלאָשענע בליקן געפֿאַלן אויפֿן קעסטל. דאָרטן אויף דער ערד האָט זי באַמערקט אירע אָפּגעשניטענע לאַנגע און שוואַרצע האָר, וואָס האָבן זיך דערביי געוואַלגערט אין זאַמד. איז זי צוגעגאַנגען, איינ־

געבויגן זיך, מיט אַ זייער ווייטן ציטער אין די הענט אויפגעהויבן יעדעס הערעלע, דאָס צוגעדריקט צום האַרצן און פּונקט, ווי זי וואָלט מורא געהאַט אַז עמיצער זאָל דאָס ביי איר נישט אַרויסרייסן פון די הענט, האָט זי זיי אַ ווײלע געגלעט, געצערטלט, באַגאָסן מיט טרערן און איז מיט די צוגעדריקטע האָר צום האַרצן אַנטלאָפן געוואָרן צו זיך אין ביידל. דאָרטן האָט זי די האָר אָפּגעפּוליעט, אויסגעגלייכט, פּאַמעלעכקע אַוועקגעלייגט צו זיך אויפן געלעגער און דערביי אָנגעהויבן צו קלאָגן מיט אַזעלכע פּאַרגייענדיקע געוויינען, ווי דאָס קלאָגט אַ קאַיאָט ביינאַכט אין די עלנטע בערג.

אַז דער אָוונט איז צוגעפאַלן האָט זי די האָר אויסגעשפּרייט ביי זיך אויפן קישן. דערנאָך אויסגעצויגן זיך אויפן בעט, אַוועקגעלייגט דעם אָפּגעשוירענעם גלאַטן קאָפּ אויף די האָר און כאָטש אויף אַ ווייל געוואָלט האָבן דעם זעלביקן געפיל ווי אַמאָל, ווען זיי זענען נאָך געוואַקסן ביי איר אויפן שאַרבן. נאָר די האָר זענען איצט געלעגן אַזעלכע ווייטע, קאַלטע און פרעמדע און מיט אַזאַ אָפּגעטויטן גלאַנץ אויף זיך, אַז קאַרמעליטאַ איז געוואָרן אַן אויפגעשוידערטע. נאָר באַלד האָט איר אַ צי געטאָן צו זיי מיט אַזאַ קראַפט, אַז זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט, זיך איינגעבויגן, ווידער צונויפגעקליבן און נאָך דעם מיט די האָר אין די הענט, אַוועקגעלייגט זיך אויפן געלעגער און אַ מאַכטלאָזע איינגעשלאָפן.

זי איז ערשט אויפגעשטאַנען אויף מאָרגן אַרום האַלבן טאָג, ווען אין טאָל האָט מען שוין פון לאַנג אויסגעגראָבן אַ ברייטן און לאַנגן גרוב. אַהין האָט מען אַראָפּגעלאָזט נאַטאַליאָס קערפּער. אויך אַ לייטער אַריינגעשטעלט אין קבר, אַז קאַרמעליטאַ זאָל קאָנען דאָרט אַראָפּגיין און זיצן מיטן מת די צוויי טעג, וואָס דער „טריבונאַל‟ האָט פּאַראָרדנט און צוויי מענער זענען אַריין צו איר אין ביידל, כדי זי אַרויסצושלעפּן פון דאַנען.

אַפּריער איז קאַרמעליטאַ אַ ווײלע געזעסן ביי זיך אויפן געלעגער ווי אַ נעכטיקע און נישט געוווּסט, וואָס די צוויי מענטשן האָבן געוואָלט. אָבער דערנאָך האָט זי צונויפגענומען די צעשאָטענע, אָפּגעשוירענע האָר, אומבאַמערקט אין בוזים פאַרבאַהאַלטן דאָס כירורגישע מעסערל און מער שוין נישט געוויינט, נישט געבעטן זיך, אַז מען זאָל אויף איר רחמנות האָבן. אַדרבא, צום קבר איז זי געגאַנגען אַ גרינגע, עפּעס אַזאַ פריילעכע פּונקט ווי צו אַ טאַנץ. נאָר אין די פאַרגלאָצטע אויגן צום הימל, איז געלעגן אַזאַ טעמפּער און גאָרנישט זאָגנדיקער בליק, ווי אין דער פּרוי וואָלט זיך אַ דיבוק אַריינגעכאַפּט און אָנגעוואָרפן אַן אימה אויף אַלע מענטשן וואָס האָבן איר באַגעגנט ביים גיין.

ווען זי איז אַראָפּ די עטלעכע טרעפּלעך פון לייטער, האָט זיך קאַרמעליטאַ אַוועקגעזעצט לעבן דעם בר־מינן און דער מוח האָט פון קיין זאַך נישט געטראַכט, פּונקט ווי אַ שטיק בליי וואָלט אויף אים געלעגן. אין האַרצן איז געווען פּוסט, ליידיק, אָן קיין שום ברעקל געפיל. פונדעסטוועגן האָט זי באַ־

וויזן צו כאַפּן אַ בליק אין שפּיגעלע, וואָס זי האָט מיטגעבראַכט און דער־זעענדיק איר אָפּגעשווירענעם קאָפּ, האָט זיך איר פּנים פאַרקרימט אין אַן עקלדיקער גרימאַסע. האָט זי דאָס שפּיגעלע אַוועקגעוואָרפן און אַ ווײַלע געצערטלט אירע לאַנגע האָר, וואָס זענען געלעגן אויף איר שויס. אָבער דאָס האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, ווײַל ווי נאָר אַ פּאָר פּעאָנען האָבן פון נײַגע־ריקייט וועגן אַרײַנגעקוקט אין קבר, האָבן זיי פאַרציטערטע דערזען, ווי די פרוי האָט פלינק אַרויסגעכאַפּט דאָס כירורגישע מעסערל פון בוזים און אײַ־בערגעשניטן זיך די אָדערן אַפּריַער אין דער רעכטער האַנט און דערנאָך אין דער לינקער.

פון דעם פליִיצנדיקן בלוט איז קאַרמעליטאַן אַפּריער געוואָרן וואָרעם אויף דער נשמה, נאָר וואָס אַ רגע איז זי געוואָרן בלאַסער, שוואַכער און שוואַכער. ביז זי איז געבליבן זיצן אויף דער ערד אַ שטילע און אַן אומבאַוועג־לעכע און די פּעאָנען, וואָס האָבן דאָס צוגעזען, זענען לכתּחילה געבליבן שטיין אַזעלכע פאַרגאַפטע, אַז זיי האָבן אַפילו קיין אײנציקע זילבע נישט געקאָנט אַרויסברענגען אויף די ליפּן. אָבער סוף־כּל־סוף זענען זיי געקומען צו זיך און אָנגעהויבן שרײַען. צוערשט איז געקומען צו לויפן כּוליטאַ און נאָך אים — דער דאָקטער, וואָס איז אַראָפּ אין קבר כּדי צו ראַטעווען די זעלבסטמער־דערן. אָבער עס איז שוין געווען צו שפּעט. איז ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ צוריק אַרויף אויף דער אויבערפלאַך פון דער ערד און געזאָגט צום סטעפּ־יונג:

— מען מעג זיי שוין בײדע באַערדיקן. אַ שאָד, קאַרמעליטאַ איז געווען אַ גוטע, זי האָט מיר געהאָלפן צו האַלטן ריין דאָס ביידל. אַ שאָד, זי האָט זיך נעבעך גענומען דאָס לעבן מיט מײַנעם אַן אינסטרומענט, וואָס איך נוץ אויף צו מאַכן אָפּעראַציעס...

די פרייד פון אייגענער פּראַצע

אין פעלד האָט זיך די קוקורוזע צעוואַקסן אַזוי הויך, אַז ווען כּוליטאַ איז, אין אַ ביײטאָג אַרומגעגאַנגען צווישן די בייטן, צו זען אויב דער „מאַיס" איז שוין רײַף גענוג אים אָראָפּצונעמען, האָט זיך פון ווײַטן זײַן קאָפּ נישט אַרויס־געזען. דער סטעפּ־יונג האָט אָנגעקוואָלן, וואָס די פלאַנצן זענען פאַרגאָלדיקט געוואָרן און פון אויבן אַראָפּגעלאָזט די דינינקע, שטרויענע בערדלעך אויף אַראָפּ און דערמיט אָפּגעדעקט זייערע גרויסע, שטײַפע און געלע יאַדרעס; אַ היפּש ביסל ווײַטער פון דאַנען האָבן די צײַטיקע ווייץ און קאָרן־זאַנגען, מעו־ברתדיקע מיט פולאַטע קערנער, געבויגן די גאָלדענע קרוינען און געוויגט זיך

אַזוי שטיל און פֿרום ווי אַ וואַלד מיט ייִדן ביים דאַוונען; און כוליטאָ האָט באַשלאָסן, אַז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום וועט מען די תבואה קאָנען אַראָפּנעמען פֿון די פֿעלדער.

דערווייל איז דער ווייסער צוויט אויף די קוסטעס פֿון די קאַרטאָפֿל פֿאַרגעלט געוואָרן און די גרינע בלעטלעך האָבן אָנגעווירן זייער בלייִענדיקן קאָליר. כוליטאָ האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די בולבעס מוז מען גלייך אויסגראָבן. אויב נישט, וועלן זיי אין דער ערד פֿאַרגלאָזט און פֿאַרוואַסערט ווערן און אויף זיי וועלן אָנוואַקסן לאַנגע, גרויע וואָנצעס. האָבן טאָקע אויף מאָרגן פּעאָנען ווידער אויפֿגעאַקערט דעם פֿעלד און צוזאַמען מיט די איבערגעקערטע שוואַרצע הרודעס האָבן זיך באַוויזן גרויסע „משפחות“ פֿון בלייכע קאַרטאָפֿל, וואָס זענען איצט אונטער יעדן קאַרטש געלעגן צעשאָטענע און ווי געבעטן זיך, אַז מען זאָל זיי פֿון דאַנען צונעמען.

די קאָלאָניסטן האָבן פֿאַרשטאַנען און דערהערט זייער געבעט. מחמת גלייך הינטער די אַקעראייזנס זענען נאָכגעגאַנגען פּעאָנען מיט זעקלעך אין די הענט און איינגעבויגענע אויפֿגעהויבן יעדע קאַרטאָפֿל, און דאָס אַריינגעוואָרפֿן צו זיך אין די זעקלעך וואָס זיי האָבן דערנאָך פֿאַרבונדן, און מיט גרויס פֿרייד אָוועקגעטראָגן צו די וועגענער, וואָס זענען געשטאַנען נישט ווייט פֿון דאַנען און זענען כסדר געוואַקסן אַלץ העכער און העכער, מיט אייגענער שפֿע.

די פֿרייד פֿון דער בולבעדיקער שפֿע איז געווען אַזוי גרויס, אַז יעדע נאַכט האָבן די פּעאָנען אַרום זייערע שטיבלעך, צעלייגט קליינע פֿייערן, און ווען דאָס האָלץ האָט זיך צעברענט און אַראָפּגעטרייסלט פֿון זיך דעם זשאַר, אָפּגעבאַקט צו עטלעכע קאַרטאָפֿל און צוזאַמען מיט זיין אינדיאַנער ווייבל, געגעסן און הנאה געהאַט פֿון גאָטס וועלט. אָבער, ערשט איצט, האָט זיך דער אַלטער אַנדרעס דער „גלח“ געכאַפּט, אַז האַלטן די קאַרטאָפֿל אין אַ שפּייכלער צו־לאַנג וועט נישט טויגן. זיי וועלן צעפֿוילט ווערן און אָוועק אין ניוועץ. האָט ער וועגן דעם זיך דורכגערעדט מיט כוליטאָן און אין אַ וואָך אַרום האָט מען אין דער קאָלאָניע אויסגעגראָבן אַ גרויסן און טיפֿן קעלער, מיט אַ סקאָסנעם דאַך פֿון ברעטער און אַריינגעשאָטן די גאַנצע קאַרטאָפֿל, וואָס האָבן זיך פֿריִער געפֿונען אין דעם נייעם שפּייכלער.

ווען מען איז פֿאַרטיק געוואָרן מיט דעם אַריבערפּעקלען די קאַרטאָפֿל אין קעלער, האָט זיך די גאַנצע קאָלאָניע, מענער מיט פֿרויען, אַרויסגעלאָזט אויף די פֿעלדער מיט אויסגעקרימטע, שאַרף־ציינערדיקע סערפּן אין די הענט, אָנגעהויבן אַראָפּנעמען די תבואה. אַפֿריִער האָט יעדער איינער אָנגעשניטן אַ בינטל ווייץ און דאָס פֿאַרגאָרגלט אין גאַרבן, וואָס זיי האָבן צעשטעלט אין קיילעכדיקע גרופּקעס מיט די זאַנגען אויף אַרויף, אַז די זון זאָל די קערנער אויסטריקענען, כדי מען זאָל דאָס דערנאָך קאָנען צעמאָלן אויף מעל.

די מענער מיט די ווייבער זענען געגאַנגען שורותווייז און צום ערשטן מאָל אין זייער לעבן געטאָן די שווערע, אָבער פֿריילעכע אַרבעט מיט געזאַנג אין די הערצער. דאָס אַראָפּנעמען דעם ווייץ האָט געדויערט פֿיר טעג. דערנאָך האָבן זיך די זעלביקע „הענט" אַ נעם געטאָן צום לאַנגן און ברייטן פֿעלד מיט קאָרן. אויך דעם קאָרן האָבן זיי געבונדן אין גאַרבן און צעשטעלט מיט די „בערדלעך" צום הימל. נאָר שנײַדן די פּלאַנצן איז זיי אָנגעקומען אַ ביסל שווערלעך. מחמת די קאָרן־שטאַמען זענען געוואַקסן שטייפֿערע ווי דער ווייץ און נישט געלאָזט זיך שנײַדן אַזוי גרינג. פֿונדעסטוועגן האָט אין אַ וואָך אַרום סיי דאָס ווייצן־פֿעלד און סיי דאָס קאָרן־פֿעלד אויסגעזען, ווי אַ ריזיקער לאַגער מיט גאָלדענע באַלאַגאַנעס. די צוויי אָפּגעשווירענע פֿעלדער האָבן געהאָט אויף זיך אַזעלכע קורצינקע און שאַרפֿע שטרויעלעך, אַז אַ מענטש מיט באָר־וויסע פֿיס וואָלט אויף דעם קיין מאָל נישט געקאָנט אַרויפֿטרעטן.

דערפֿאַר אָבער איז דאָס אַראָפּנעמען די גריקע, מיטן פֿלאַקס און די מאַטע געווען זייער גרינג. זיי האָט מען פּשוט אָפּגעקאָסעט מיט קאָסעס, אַזוי ווי גראָז. נאָר אויך דאָס האָט מען געמוזט בינדן אין „קוליעס". נאָר די דרײַ פּראָדוקטן האָבן זיך נישט געדאַרפֿט טריקענען אויף דער זון. האָט מען זיי אַרויפֿגעלייגט אויף באַזונדערע וועגענער און באַלד אָוועקגעפֿירט אין דעם ערשטן שפּייכלער און אין דרײַ באַזונדערע זייטן פֿון שפּייכלער — אויסגע־לייגט גרויסע, קעסטלדיקע יאַרעסן, וואָס האָבן זיך געריסן אַלץ העכער און העכער צו דעם רויטן, ברעטלדיקן סופֿיט.

די שווערסטע אַרבעט איז געווען ביים אַרויסרייסן דעם „מאַיס". דאָ האָבן די אינדיאַנישע ווייבלעך זייערע מענער נישט געקאָנט העלפֿן ווייל די קוקורו־זע „שטעקעלעך" זענען פֿאַר זיי געווען צו הויכע צום דערלאַנגען. זענען די מענער אַליין געגאַנגען שורותווייז פֿון איין בייט צו דער אַנדערער. פֿון די „שטעקעלעך" — אַרויסגעריסן די קוקורוזע און דאָס געוואָרפֿן אין וואָס איי־נער האָט נאָר געהאַט: אין קאָשיקעס, קעסטלעך, זעקלעך און ווען די „כלים" זענען אָנגעפֿילט געוואָרן, האָבן זיי די פּעאָנען אָוועקגעטראָגן צו די וועגענער, וואָס זענען געשטאַנען אויף די „מעזשעס" און דערנאָך צוריקגעקערט זיך אויף די פֿריערדיקע ערטער און ווידער געטאָן דאָס זעלבע. פֿון דעם כסדרדיקן רייסן די קוקורוזע פֿון די „שטעקעלעך" זענען ביי די „רייסער" די הענט פֿאַר־לאָפּן געוואָרן מיט פּוזירן און די פּעאָנען האָבן דערנאָך עטלעכע טעג צו קיין זאַך זיך נישט געקענט צורירן זיך און דאָס אַראָפּנעמען די קוקורוזע פֿון דעם גרויסן שטח פֿעלד האָט זיך פֿאַרצויגן אויף אַ פּאָר וואָכן. אָבער דערפֿאַר, אַז מען האָט שפּעטער אַרויסגעשיילט די יאָדרעס און פֿון דעם אָנגעשאָטן אַ הויכן באַרג אין אַ שפּייכלער, האָט דאָס געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דאָס וואָלט נישט געווען קיין „מאַיס", נאָר אַ ריזיקער באַרג מיט גאָלדענע צענערלעך, וואָס

האָבן מיט זייער גאָלדענעם, שאַרפֿן אָפּגלאַנץ אָנגעפֿילט דעם גאַנצן שפּייכלער מיט זוניקער פֿריילעכקייט און יום־טוב.

ווען דער קעלער איז שוין געווען אָן אָנגעפֿילטער ביז די „ברעמען“ מיט בלייך־הייטלדיקע קאַרטאָפֿליעס און אין די שפּייכלערס זענען געלעגן די רויטע און לאַנגע מערן מיט די גרינע „טשופּרינעס“ אויף די קעפּלעך און אַנטקעגן זיי — האָבן זיך געבערגלט קיילעכדיקע ציבעלעס מיט קורצע עקלעך און אַ ביסל ווייטער — גרויסע בערג מיט בלויע „קעפּלעך קרויט“ און ביז די סטעליעס — אָן אַ שיעור סנאָפּעס מיט ווייץ און קאָרן, האָט כוליטאָן מיט אַ סך אַנדערע פּעאָנען אַרומגענומען אַ פֿאַרצווייפֿלונג. ווייל ביז איצט האָט קיינער גאָר נישט געטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי מען וועט דעם ווייץ מיטן קאָרן קאָנען צעמאָלן אויף מעל, אַז קיין מיל האָט זיך אין דעם געגנט נישט געפֿונען.

האָט כוליטאָ אין אָוונט ווידער פֿאַררופֿן אַ באַראַטונג פֿון אַלע מענער און זיי דערציילט וועגן זיין גרויסער זאָרג, וואָס עס איז נישטאָ קיין מעגלעכקייט צו צעמאָלן די תבואה. די עלטערע פּעאָנען פֿון דער קאָלאָניע האָבן זיך דערפֿון אויסגעלאַכט און אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָבן זיי צו לאַנגע שטעקנס צוגעבונדן שווערע, קיילעכדיקע פֿלעקלעך, גענומען צו עטלעכע גאַרבן, אָוועקגעלייגט אויף דער האַרטער ערד, וואָס זיי האָבן אָפּריער מיט גראַבאייזנס, אָפּגערייניקט פֿונעם גראָז און מיט די „נייע“ געצייגן אין די הענט — אַרויסגעקלאַפּט און אַרויסגעדרעשעט די קערנער פֿון די זאַנגען. אמת, די מלאכה איז טאַקע נישט געווען קיין גרינגע. גאַנצע טעג, פֿון אין דער פֿרי אָן ביז צו די אָוונטן האָבן אַ סך פּעאָנען געבראַכן זיך די רוקנס, געאַרבעט מיט די הענט אַזוי שווער, ווי שמידן מיט די האַמערס אין די הענט ביים אויספּלאַטשיקן גראָבע שטיקער אייזנס אויף די קאָוואַדלעס. אָבער דערפֿאַר איז די מלאכה געווען אַ פֿריילעכע. מחמת אַלע פּאָר שעה האָבן אַנדערע, יינגערע פּעאָנען איבערגענומען דאָס דרעשען און צו דער פֿריילעכקייט האָט נאָך צוגעגעבן מער קאָלאָריט דאָס, וואָס די פּנימער ביי אַלע דרעשער, אָן אויסנאָם, זענען גיך פֿאַרהויכט געוואָרן מיט אַ דיקן שיכט געלן, ווייצענעם שטויב. די קופּעס קערנער זענען געוואַקסן אַזוי גיך, אַז מען האָט אַלע ווילע געמוזט אָפּשטעלן דאָס דרעשען. דעמאָלט האָבן פֿרויען, מיט ברייטע רעשעטעס אָנגעהויבן איבערזיפּן די תבואה אַזוי גיך, אַז פֿון די רעשעטעס זענען אַרויסגעשפּרונגען די לושקעס פֿון די קערנער און דער גאַנצער אַרום איז פֿאַרצויגן געוואָרן מיט אַ גאָלדענעם נעפּל, וואָס איז אַ לאַנגע צייט געהאַנגען אין דער לופֿטן און נישט געאיילט אַוועקצולייגן זיך אויף דער פֿאַרגראָזטער ערד.

אין דער זעלביקער צייט, האָבן אינדיאַנערקעס, אין דעם ערשטן שייער נאָך אַלץ אַרויסגעקאָלופּעט און אַרויסגעריסן די יאָדערס פֿון די „קייאַכעס“. געטאָן האָבן זיי דאָס געלאַסן און פֿאַרזיכטיק. געהיט זיך, אַז אין די „קייאַכעס“

זאָל נישט פֿאַרבלייבן אַפֿילו קיין איין יאָדרע. פֿון זייער טאָג־טעגלעכער שטי־לער אַרבעט זענען מיט דער צייט געוואָרן מוראדיקע בערג מיט גאָלדענע ספּיראַלן, וואָס האָבן געדרייצט דאָס אויג פֿון יעדן איינעם, וואָס איז אַריינגעקו־מען אין דעם שפּייכלער, וואָס איז געווען אָנגעפּולטער מיט זעט אין צו־זאָגעכצן אויף מזל־ברכה נישט נאָר אויף איצט, נאָר אַפֿילו אויף דעם פֿאַרזיי־אויפֿן קומענדיקן יאָר.

פֿון אָנהייב אָן, ווען מען האָט ערשט אָנגעהויבן דאָס ערשטע שטיבל אין דער קאָלאָניע, ביז אויף היינטיקן טאָג, איז ראָזאַליטאַ געווען אַזוי פֿאַרכאַפּט פֿון דעם גאַנצן פּראָצעס, אַז זי האָט לאַנג באָאָבאַכטעט די אַרבעט און ווען זי האָט דאָס שוין געהאַט באַנומען ביי זיך אין געדאַנק, האָט זי דאָס בשתיקה, אַז קיינער זאָל נישט באַמערקן — פֿאַרצייכנט ביי זיך אויף אַ שטיקל פּאַפּיר. אויך איצט, אַז כמעט אַלע פּעאָנען זענען געווען פֿאַרנומען מיט דרעשען די תבואה, האָט זי נישט געקאָנט איינזיצן ביי זיך אין שטוב. ווי מיט אַ שטאַרקן מאַגנעט האָט איר געצויגן צו די שייערן, צו די שפּייכלערס און צו די פּרימי־טיווע „מאַלאַטילקעס". האָט זי אַלע טאָג אויף גיך פֿאַרוויגט איר קינד, אַ פֿאַר־סאָפּעטע געקומען צולויפֿן צו די דרעשער און דאָרטן געטראָפֿן איר מאַן, וואָס איז פֿון קאָפּ ביז צו די פּיס געווען אַ באַוואָקסענער מיט אַ גאָלדענעם שטויב און ווען נישט זיינע ברענענדיקע, קאָרע־אויגן, וואָלט זי אים אין גאַנצן נישט דערקענט. פֿון דעם בילד איז איר געוואָרן אַזוי פֿריילעך אויפֿן האַרצן, אַז פֿון דעם טאָג אָן האָט זי שוין אים מער נישט גערופֿן „מיין טייערער יינגל", נאָר „מיין גאָלדענער יינגל" און ער האָט דעם נייעם נאָמען אָנגענומען באהבה.

ווען דאָס מעל, וואָס מען האָט אַהער געבראַכט פֿון די האַסיענדאַס, איז אויסגעגאַנגען און עס איז פּשוט נישט געווען פֿון וואָס צו באַקן פּלעצלעך, אָדער ברויט, האָט ראָזאַליטאַ געזען, ווי צוואַנציק געזונטע פּעאָנען זענען אַרויפֿגעקראָכן אויף דער ברייטער פּלייצע פֿון דעם פּאַטאַגאָניער באַרג. דאָרטן האָבן זיי אַרומגעבלאָנקעט אַ לאַנגע צייט און אַלץ געווישטערט עפּעס. אָבער ווען זיי האָבן אין אַ פּאָר שעה אַרום באַמערקט ליגן אַ פּאָר גרויסע, קיילעכ־דיקע און גלאַטע שטיינער, האָבן זיי אַרום יעדן שטיין באַזונדער, איינגעבויגן זיך, אים אַ הייב געגעבן, אויפֿגעשטעלט און אַראָפּגעקייקלט אין טאָל.

עטלעכע טעג האָבן די שמידן מיט האַמערס און פֿאַרשפּיצטע דלאָטעס אין איין שטיין אויסגעדובעט אַ היפּשע לאָך אַ ביסל נענטער צום ברעג. און אין דעם אַנדערן — אַ גרויסע לאָך אין דער מיטן און צו צוויי קליינע לעכלעך כמעט ביי די סאַמע ברעגן: איינע אַנטקעגן די אַנדערע. ווען די שמידן זענען פֿאַרטיק געוואָרן דערמיט, האָבן די בויער פֿון גראָבע און קורצע בערוועס אויפֿגעבויט אַ פּלאַטפֿאָרמע מיט גרויסע עפֿענונגען פֿון צוויי זייטן, אַז אַ מענטש זאָל אַהין קאָנען אַריינגיין. דעם ערשטן שטיין, מיט דעם איינציקן לאָך האָט

מען אַוועקגעלייגט פֿון אויבן, אויף אַ פּאָר קלעצער. אויף אים האָט מען דערנאָך אַרויפֿגעוואַליעט דעם אַנדערן שטיין. אין די פֿיר קליינע לעכלעך האָבן די בויער אַרײַנגעקלאַפּט שטאַרקע קלעצלעך, וואָס האָבן אָנגענומען די פֿאָרעם פֿון צוויי מעכטיקע צוואַנגען ווו־הין מען האָט אַרײַנגעזעצט אַ דינעם, אָבער זייער אַ לאַנגן און קרעפֿטיקן, אַרומגעטשעשעטן בוים. צום סאַמע סוף פֿון אָט דעם בוים האָבן אַ פּאָר פּעאָנען דערנאָך צוגעשפּאַנט צוויי געזונטע אַרבעטס־פֿערד, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרומגיין אַרום און אַרום דעם קײַלעכדיקן „בנין“.

אַז כוליטאָ האָט דערזען ווי די שטיינער האָבן זיך געריבן איינער אויפֿן אַנדערן און דער אויבערשטייער האָט זיך נישט אַראָפּגעקייקלט פֿון דעם אונטערשטן, האָט ער געהייסן איינעם אַ פּעאָן אַרײַנגיין אין איינער פֿון די עפֿענונגען אין דער פּלאַטפֿאָרמע און פֿון אונטער דעם אונטערשטן שטיין צוטשעפּען אַ ליידיקן זעקל. ער אַליין האָט דערווײַל פֿון אויבן, אין דעם גרויסן לאָך פֿונעם שטיין אַרײַנגעשאָטן אײַן רעשעטע מיט קאָרן, אַ צווייטע, אַ צענטע און ווען דאָס זעקל פֿון אונטן איז שוין געווען אַן אָנגעפֿולטע און דער פּעאָן האָט דאָס אַרויסגעטראָגן, האָט דער סטעפּ־יונג אָנגענומען אַ ביסל מעל, מיט אַ פֿינגער דאָס געגלעט בײַ זיך אויף דער דלאָניע און דערפֿילט אַ געזאַנג אין אַלע זײַנע גלידער.

קיין צופֿיל אויף אַ מאָל האָט מען נישט געדאַרפֿט מאָלן. בלויז אַרום אַ צוואַנציק זעקלעך וואָס די פּעאָנען האָבן אַוועקגעלייגט אויף גראָבע ברעטער, אַז דער פֿאַרטאָגיקער טוי זאָל זיי נישט אונטערנעצן און דעם זעלביקן אָוונט האָבן צען ווײַבער אין די נײַע דײַזשעס פֿאַרמישט טייג און דערנאָך דאָס איבערגעדעקט און געלאָזט יוירן און אײַנזויערן. אויף מאָרגן נאָך פֿרישטיק האָבן די זעלביקע ווײַבער צעוואַשן זיך די הענט, פֿאַרשאַרט די אַרבל ווײַט אַריבער די עלנבויגנס און זענען מיט די פֿויסטן אַרײַנגעפֿאָרן אינעם אויפֿגייענדיקן טייג און יעדעס מאָל, ווען אַ האַנט פֿון אַ פֿרוי איז אַרײַן אינעם טייג, איז דאָרטן געוואָרן אַזאַ טיפֿע לאָך, ווי אין אַ ווולקאַן אַ קראַטער. און ווען די דאָזיקע האַנט איז אויף אַ רגע אַרויס — האָט זיך פֿונעם טייג דערהערט אַזעלכע פּײַפֿנדיקע שאָסן, וואָס האָט אַ ביסל געגרילצט אין די אויערן און עס האָט זיך דערפֿון געוואָלט לאַכן...

שפּעטער האָבן די ווײַבער צעלייגט פֿײַערן און אויף בלעכן אָפּגעבאַקן גרויסע לאַבנס ברויט, וואָס זענען פֿון אונטן און פֿון אויבן געווען פֿאַרברוינט און מיט זייער אַראָמאַט פֿאַרשמעקט די לופֿט מיט דעם געשמאַקן טעם. און כאָטש די פּעאָנען, וואָס זענען געשטאַנען אַרום די פֿײַערן, האָבן געדאַנקט גאָט פֿאַר דער גוטער גערעטעניש און פֿאַר דעם, וואָס די שפּײַכלערס זענען איצט געווען אָנגעפּראָפּטע פֿון אַלדאָס גוטס, דאָך האָט זיי דער גערוך פֿון פֿריש געבאַקן ברויט אַזוי צערייצט די אַפּעטיטן, אַז זיי האָבן דאָס געבעקס

„געשלונגען מיט די אויגן" און געוואָלט אָוועקגנבענען אַ לעבל ברויט, כדי צו פאַרזוכן די פּרוכט פון דער אייגענער פּראַצע.

אָבער די בעקערס זענען געווען שטרענגע און קיינעם נישט געלאָזט צו־דירן זיך צום געבעקס. אַפּנים, אַז די ווייבער האָבן געוווּסט די מאַנסבילשע שטיק און זיי געהיט מיט „טויזנט פּאָר אויגן". ערשט פאַרנאַכט, ווען כוליטאַ מיט ראָזאַליטאַן, וואָס האָט געהאַלטן איר קינד אויף די הענט, זענען געקומען צו דער קיך, האָבן די בעקערס אָנגעשניטן צו גרויסע לוסטעס ברויט און יעדערן געהייסן נעמען וויפל מען וויל און דער סטעפּ־יונג האָט באַפוילן, אַז צוליב דעם גרויסן יום־טוב פון אייגענער מי זאָל מען עסן פליייש און פאַר־טרינקען מיט בראָנפן אַנשטאָט מיט וויין.

דער יום־טוב פון אייגענעם ברויט האָט זיך געצויגן אָן אויפהער. פריי־לעכע, לעבעדיקע און לוסטיקע האָבן די קאָלאָניסטן געזונגען, געלאַכט, געע־געסן, געטרונקען און אונטער די ריטמישע קלאַנגען פון אַ גיטאַרע, מיט אַ האַרמאָניקע, געטאַנצט ביז שפּעט נאָך האַלבער נאַכט. ערשט ווען דאָס פייער איז פאַמעלעך אויסגעגאַנגען, זענען די יונגע זכרים, מיט זייערע אינדיאַנער ווייבלעך, וואָס האָבן הפּנים קיין שאַרפע געטראַנקען ביז איצט נישט פאַר־זוכט, און אַפילו די עלטערע פּעאָנען מיט זייערע ווייבער וואַקלענדיקערהייט אַוועק צו זיך אין די שטיבלעך שלאָפן.

אַ הוראַקאַן

פונקט ווי אין אַלע טראָפּישע און האַלב־טראָפּישע געגנטן, איז אויך דאָ דער ווינטער נישט געווען קיין צו שווערער און קיין צו קאַלטער. פון צייט צו צייט האָט בלויז אַראָפּגעכליאָפּעט אַזאַ שליכאַטע, וואָס האָט דורכגעדרונגען דורך די דעכער און אין די שטיבלעך פון דער קאָלאָניע האָט מען געמוזט אונ־טערשטעלן וואָס פאַר אַ כלי איינער האָט ביי זיך געהאַט. ווי אין גאַנץ אַרגענ־טינע, זענען געוויינטלעך די שטיבלעך נישט קיין באַהייצטע, איז אויך דאָ געווען דאָס זעלבע. האָט מען טאַקע דורך די נעכט און אין די פרימאָרגנס געכאַפּט אַ נישקשהדיקן ציטער. אָבער ווען די זון איז סוף־כל־סוף אַרויסגע־גאַנגען, האָט זי פאַרט אַ ביסל אָנגעוואַרעמט די ביינער.

אמת, דער ווינטער האָט דעם היגן דאָקטער צוגעשפּילט, ווי אין די הענט אַריין, און געווען איז דאָס צוליב דעם, וואָס אַ פּאָר אינדיאַנישע וויב־לעך פונעם דאָרף „לאַהאַ־לאַהאַ" האָבן זיך נישט געקענט צופּאַסן צו דער היגער קעלט, וועלכע איז שטענדיק באַגלייט געוואָרן פון אַן עסנדיקער פייכט־קייט און זיי האָבן באַקומען לונגען־אָנצינדונגען, פון וואָס איינע איז אויף

גיך צװעק פון דער װעלט און די אַנדערע איז אַ פּאָר חדשים געלעגן אינעם „שפּיטאָל", װו עס איז געװען נאָך אַ צען־יעריק יינגל מיט אַ צעבראָכענעם פוס, װאָס דער כירורג האָט פאַרגיפּסעװעט און איז געװען איבערגליקלעך, װאָס אַפילו אין דעם פאַרװאָרפענעם העק איז זיין פּראַפעסיע נישט פאַרנאַכלעסיקט געװאָרן און ער קאָן העלפן די פּרימיטיװע איינװוינער פון דער קאָלאָניע.

ראַזאַליטאַ איז געװען זייער פּראַקטיש. דעם גאַנצן װינטער כמעט האָט זי איר קינד נישט אַרויסגעטראָגן אויף דער גאַס. נישט געװאָלט, אַז עס זאָל זיך חלילה צוקילן. איז דאָס קינד, אַ בלאַס און אַן אומעטיקס אַרומגעקראָכן אויף די הענטלעך און אויף די פיסלעך פון איין צימער אין דעם אַנדערן און געשפּילט זיך מיט די צאַצקעס, װאָס כוליטאַ האָט צוליב זיינעטװעגן אויסגעשניצט מיט זיין שאַרף מעסער פון שטיקלעך האָלץ. צו פרילינג צו האָט איינער פון די סטאָליאַרעס געמאַכט אַ קליין הילצערן פערדל און דאָס געבראַכט אַלס מתנה. פונעם נייעם שפּילצייג איז דאָס נפשל געװאָרן אַזוי פריילעך, אַז טאַטע־מאַמע האָבן גאַרנישט געגלייבט, אַז עס איז דאָס זעלבע קינד. מיט ליבע אין די אויגן האָבן זיי נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע באַװעגונגען, האַרציק געלאַכט און געזען, װי דאָס יינגעלע האָט אַלע װיילע צוגעפּויזעט צו דעם „פערדל", דאָס אַרומגענומען אַרום האַלדז, אויפגעשטעלט זיך אויף די פיסלעך און מען קען זאָגן, אַז פון דעם טאָג אָן, האָט דאָס קינד שוין אָנגעהויבן אַרומגיין.

װען ראַזאַליטאַ האָט זיך געכאַפּט, אַז דער „גלח" איז געװען אויף אַזוי פיל „געלערנט", אַז ער האָט פּשוט נישט געװוּסט פון אַזאַ זאַך, אַז אַ קריסטלעך קינד דאַרף מען טויפן און אַז כוליטאַ צוזאַמען מיט אַלע פּעאָנען האָבן װעגן דעם קיין אָנונג נישט געהאַט, זיי האָבן אַפילו נישט געװוּסט דעם אונטערשיד פון אַ קאַטאָליק ביז איינעם, װאָס האָט באַלאַנגט צו אַן אַנדער סעקטע, האָט דאָס ראַזאַליטאַ אַליין געטאָן. זי האָט דאָס נפשל אָפּגעשפּרענקלט מיט אַ פּאָר טראָפּנס קאַלט װאַסער, פון װאָס דאָס קינד האָט זיך דערשראָקן און פאַרגאַנגען זיך אין אַ געװיין. און נאָך דעם װי די מאַמע האָט זיך באַראַטן מיטן טאַטן, האָט זי דאָס קינד אַ נאָמען געגעבן „כוניא". פון דעם טאָג אָן זענען די עלטערן געװען אויסער זיך פון פרייד, װאָס זייער זונעלע איז געװאַקסן אַזאַ מזיק, אַז נישט נאָר האָט ער גיך אָנגעהויבן אַרומגיין, נאָר כמעט אַרומלויפן. כאָטש אין מיטן לויפן האָט ער אומגעװאָרפן דאָ אַ שטול, דאָרט אַ בענקל, פונעם טיש אַראָפּגעשלעפּט דאָס טישטוך, מיט כעס אַראָפּגעװאָרפן אויפן ברעטלדיקן דיל. ראַזאַליטאַ האָט ביי זיך באַשלאָסן, אַז איר כוניא װעט זיין נאָך אַ גרעסערער „בונטאָװשטשיק", װי דאָס איז געװען זיין טאַטע...

**
*

דער פרילינג האָט זיך אַריינגעגנבעט אומבאַמערקטערהייט, און געקומען איז ער ווי אַ בעטלער צו אַ פרעמדער טיר: אַ שטילער, אַ בלייכער און אַ נעבעכדיקער. אָבער דערנאָך האָט ער געבראַכט אַזעלכע רעגנס, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן שעהן נאָכאַנאַנד. עס האָט געגאָסן ווי פון צעבערס און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס נאָך איטלעכן רעגן איז די זון אַרויסגעגאַנגען פון איר באַהעלטעניש און אַ ביסל אָנגעוואָרעמט די קאָלאָניע, איז אָבער די ערד געלעגן אַ דורכגעווייקטע, און ווו מען האָט נאָר „געוואָרפן אַן אויג" זענען אומעטום געשטאַנען גרויסע לוזשעס מיט וואַסער.

דער טייך איז געשוואָלן געוואָרן, אַרויס פון די ברעגן און געדראָעט אַראָפּצושווענקען די שטיבלעך פון דער ערשטער גאַס. אַרום אַ וואָך צייט האָבן די איינוווינער געמוזט בראָדיען כמעט ביז די קנעכלעך אין וואַסער, כדי צוצוקומען צו דער קיך און נעמען דאָרטן עפּעס צו עסן. אָבער דערנאָך איז דער טייך אַריין צוריק אין זיין גדר און די ערד האָט זיך אָנגעהויבן אויסטריקענען. דאָס גראָז, וואָס איז דורכן ווינטער געוואָרן אַ ביסל פאַרגעלט און איינגעלייגט האָט זיך צוריק אויפגעשטעלט און באַפאַרבט געוואָרן מיט אַ פרישער גרינקייט.

די אַרבעט אין דער קאָלאָניע איז אָנגעגאַנגען מיט דעם זעלביקן טעמפּאָ וואָס פאַראיאָרן. דורך דער צייט האָבן די שמידן צעשמעלצט אַ היפּשע צאָל ביקסן און פון דעם געמאַכט אַקער־אייזנס. אמת, דערוויל טאַקע נישט מער ווי פיר און דערצו נאָך אַ ביסל אומגעלומפּערטע, נאָר דאָך אייזערנע. אויך האָט מען צוזאַמענגעקלאַפּט נאָך צוויי בראָנעס מיט אייזערנע „ציינער". געטאָן האָבן זיי דאָס מיט דער רעכענונג, אַז דאָס יאָר וועט מען פאַרזייען אַרום פינף, צי זעקס קילאָמעטער לאַנד מער. מחמת קיין זריעה און קיין „הענט" צו דער אַרבעט האָבן דאָ נישט געפעלט.

ווען אויף די גרינע לאַנקעס האָבן זיך שוין באַוויזן די ערשטע געלע בלימעלעך, מיט זייערע צעפליגלטע, דינינקע פליטערלעך, וואָס האָבן דער גאַנצער געגנט צוגעגעבן אַן אייגנאַרטיקן קאָליר און חן, האָבן די פּעאָנען צוגעשפּאַנט די פערד צו די אַקער־אייזנס און אָנגעהויבן צעאַקערן דאָס פעלד. דאָס איצטיקע אַקערן האָט געדויערט לאַנג, ווייל ערשטנס, האָבן די פויערים אויסגעצויגן דאָס פעלד נישט אויף פינף, צי אויף זעקס, נאָר טאַקע אויף גאַנצע אַכט קילאָמעטער, וואָס איז געלאָפן צום ברויזנדיקן טייל פונעם טייך; און צווייטנס, האָט מען יעדע פּאַראַיאָריקע בייט געמוזט „דורכגיין" אַ פּאָר מאָל, כדי גוט צו פאַראַקערן די שטרוי, וואָס האָט זיך אַרויסגעזען פון אונטער די איבערגעקערטע הרודעס. ערשט ווען דער גאַנצער שטח איז שוין געלעגן אַ שוואַרצער און אַ צעכוואַליעטער, האָבן די בראָנעס מיט זייערע פאַרשפּיצטע ציין אויסגעקעמט אַלע בייטן, ווי מיט גוטע קעמלעך. דעמאָלט איז דאָס פעלד

געבליבן ליגן אַ צעשראַמטס און אַ הונגעריקע געוואַרט אויף דעם נייעם פּאַרזיי...

אין אַן אין דער פרי, ווען די זון איז שוין געווען הויך אויפן הימל, האָט כוליטאַ אַנגעטאָן אויף זיך אַן אָנגעפּילטע טאָרבע מיט קאָרן און שוין ווי אַ געניטער פּויער, האָט ער מיט נאָך מוטשאַטשאָס, אויך מיט טאָרבעס אויף זייערע אַקסלען, אַלע ווילע אָנגענומען פולע הויפנס מיט קערנער און גייענדיק מיט גלייכע, געמאָסטענע טריט, אַ שאָט געטאָן דעם קאָרן מיט אַזאַ ברייטן און גבורהדיקן פאָך, אַז די זריעה האָט זיך צעשפּרייט אין דער לופטן ווי אַ גילדן ליילעך און נאָך דעם ערשט, פּאַמעלעכקע אַוועקגעלייגט זיך אויף דער צעבראָנעוועטער ערד.

אויך דאָס פּאַרזייען האָט דאָס מאָל געגומען מער צייט, שוין דערפּאַר אַליין, וואָס דאָס פּעלד איז צוליב די נייע אַכט קילאָמעטער געוואָרן אַ סך לענגער. אָבער איבערהויפּט האָט זיך דאָס גענומען צוליב דעם, מחמת די היגע פּעאָנען האָבן גערעכנט און אויסגעחשבונט, אַז צו פּאַרזייען די תבואה אויף די זעלביקע ערטער ווי פּאַראַיאָרן וועט נישט טויגן. האָבן זיי דעם ווייץ מיטן קאָרן גאָר פּאַרזייט אויף די נייע, אויפגעבראָכענע שטחים און דעם „מאַיס", קרויט, קאַרטאָפּל, ציבעלע, מאַטע און גריקע — צו דער זייט, וואָס האָט זיך געצויגן אַלץ נענטער און נענטער צו דער זייט פון דער קאָלאָניע.

הפּנים, אַז דערפּאַר וואָס די ערד איז געווען זייער אַ פעטע, האָט זיך דער פּאַרזיי אָנגענומען גיך. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט מען שוין געקאָנט זען, ווי פונעם באָדן האָבן אַרויסגעשפּראָצט גרינע שפּראָצונגען. אמת, דערווייל נאָך גאָר יונגעטשקע, קליינינקע און ציטערנדיקע, אָבער דאָך איז שוין דאָס פּעלד געשטאַנען אַ צעגרינטס, וואָס דאָס אַליין האָט צוגעזאָגט אַרויסצוגעבן אַ בעסערע און גרעסערע שפע ווי פּאַראַיאָרן. איז טאָקע כוליטאַ מיט ראָזאַליטאָן אַ סך מאָל געקומען אַהער מיט זייער קינד אויף די הענט אוןביידע האָבן אָנגעקוואָלן פון דער גרויסער גערעטעניש, וואָס האָט געזאָלט קומען אין אַ פּאָר חדשים אַרום.

אָנשטאָט דעם האָט גאָר פּאַסירט עפּעס אַנדערש... אין מיטן אַ זוניקן בייטאָג, ווען אַנטאָניאָ דער „פערד" האָט אָנגעזאָטלט זיין ראָבע קליאַטשע און אַרויסגעריטן אין פעלד צו זען ווי אַלץ איז דאָרט געוואַקסן, האָט ער באַמערקט ווי פון פּאַרנט, נישט ווייט פון דער קאָלאָניע, איז די גריקע געשטאַנען אויף הויכע, בוריק קאָלירטע שטאַמען, וואָס האָבן פון ווייטן אויסגעזען ווי אויסגעגאָסענע פון רויטן ווייַן. דער פלאַקס איז געוואַקסן און אויף די גרינע קוסטעס פון די קאַרטאָפּל־בלעטער האָבן זיך באַוויזן אייַנצלנע ווייסע בלימעלעך. בלויז די מאַטע איז נאָך געווען זייער נאָענט צו דער ערד. פון דעם אַלעם איז אַנטאָניאָ דער „פערד" גראָד געווען צופרידן. אָבער דער פּעאָן

האָט קענטיק געוואָלט זען ווי הויך עס איז שוין געוועזן דער ווייץ מיטן קאָרן, ווי עס איז געוואַקסן די קוקורוזע — איז ער געריטן אַלץ ווייטער און ווייטער. די זון, וואָס איז געשטאַנען הויך, איז מיט אַ מאָל געוואָרן בלאָס, בלייך. איר פּנים האָט זיך פֿאַרכמורעט. ביסלעכווייז איז זי אין גאַנצן פֿאַרשווונדן. סיי פֿון צפֿון זייט און סיי פֿון דרום האָט זיך דער הימל פֿאַרצויגן מיט אַ שוואַרצן וואָל. ריזיקע וואָלקנס האָבן זיך אימהדיק געיאָגט איינע אָנטקעגן די אַנדערע און עס האָט אויסגעזען, אַז אָט־אָט וועלן זיי זיך צעקושן מיט זייערע „בלייענע" ליפּן. פֿון רגע צו רגע איז דער הימל געוואָרן טונקעלער, פֿינצטערער, דאָס פֿעלד — שוואַרצער און אַנטאָניאָ דעם „פֿערד" האָט זיך אויסגעדוכט, אַז ס'איז פּלוצים צוגעפֿאַלן די נאַכט. נאָר קיין צו פֿיל אַכט האָט דער פּעאָן אויף דעם נישט געלייגט. ער האָט געמיינט, אַז די שווערע וואָלקנס וועלן באַלד פֿאַרשווינדן, אָדער אויפֿגעלייזט ווערן און אַז די זון וועט מסתמא באַלד ווידער אַרויסגייך. דעריבער האָט אַנטאָניאָ געשניטן אַלץ ווייטער און ווייטער צו די ווייצענע און קאָרענע פֿעלדער.

נאָר מיט אַ מאָל האָט אַנטאָניאָ דער „פֿערד'" פֿאַרריסן דעם קאָפּ און דערזען ווי איבער די אייביק פֿאַרשנייטע אַנדן בערג האָט זיך פֿון הימל אַראָפּגעלאָזט אַ שוואַרצער, פֿאַנטאַסטישער „אַרבל", וואָס האָט געמאַכט דעם איינדרוק פֿון אַ ריזיקער „שרויף", וואָס האָט זיך געדרייט אויף איין אָרט און דוכט זיך בלויז געעקבערט די מעכטיקע פֿלייצעס פֿון די הויכע בערג. אָבער אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט די דאָזיקע „שרויף" אויפֿגעהויבן בערג מיט שניי און דאָס צעמאָלט אין איר דרייענדיקן אינגעווייד אויף קליינע פּליטערלעך. דערמיט האָט ער זיך פּלוצים אַ טראַג געגעבן איבערן טייך, איבער די פֿעלדער מיט אַזאַ מוראדיקער קראַפֿט, אַז דער גאַנצער אַרום איז איינס און צוויי פֿאַרדעקט געוואָרן מיט אַ גראָבער ווייסער פּערענע. דער געוויטער האָט דעם שניי געדרייט אין אַלע זייטן און נישט אַנטאָניאָ, און נישט זיין ראַבע קליאַטשע וואָס איז געוואָרן אַזוי ווייס, ווי אַן ערשט אויסגעוואַשענער ליילעך, האָבן געקאָנט זען וואָס עס האָט זיך געטאָן אַ האַלבער שפּאַן פֿאָרויס.

דערצו נאָך האָט זיך דער הוראַקאַן געטראָגן מיט אַזאַ טייוולאָנישער געשווינדקייט און מיט אַזאַ שרעקלעכער קראַפֿט געפּייפֿט, געוואָיעט און געקלאָגט, אַז ער האָט אַנטאָניאָס קליאַטשע אַרויפֿגעטריבן אויף אַ היפּשן שטיין, ווו זי האָט קענטיק אויסגעגלונקען אַ פֿוס און אומגעפֿאַלן. צוזאַמען מיט דעם הוראַקאַן איז געקומען אַן אייז־קאַלטע כוואַליע, מיט אַ שניידנדיקן פֿראָסט, וואָס האָט גלייך פֿאַרצויגן דעם טייך מיט אַ גראָבער, גלעזענער הויט און דורכגעדרונגען דורך אַנטאָניאָס זומערדיקע בגדים. האָט דער פּעאָן, וואָס איז אַראָפּגעפֿאַלן פֿון זיין סוס, אָנגעשטרענגט אַלע כוחות און צוגעפֿויזעט צום פֿערדס פּנים. אַ ווײַלע האָט ער זי געצויגן ביים ציימל. אָבער די קליאַטשע

האָט שוין מער נישט געקאָנט אויפשטיין און געבליבן ליגן אויף דער ערד ווי אַ פּלאַכטע.

ווען אַנטאָניאָ דער „פערד“ האָט באַגריפן, אַז ער וועט שוין זיין באַליבטע קליאַטשע מער נישט קאָנען אויפהייבן, האָט ער זיך מיט די הענט איינגעקלאַמערט אין איר לאַנגער גריווע און מיט אָט דער „אַנהאַלטעניש“ אַריבערגעקלעטערט איבער אירע דעכווענעס, דערנאָך אַוועקגעלייגט זיך מיט זיין פּלייצע ביי איר אויפן בויך און גערעכנט, אַז ער וועט אַזוי ליגן ביז דער הוראַקאַן וועט פאַריבער און דעמאָלט אַוועקלאָזן זיך צו פוס צוריק אין דער קאָלאָניע.

נאָר דער הוראַקאַן איז נישט אַוועק. פון רגע צו רגע איז די קעלט געוואָרן אַלץ שאַרפער, בייסנדיקער און געבריט ווי אָקריפּ. האָט זיך אַנטאָניאָ צוגעפּרעסט האַרטער צו דער קליאַטשעס גוף, וואָס האָט טאַקע אין אַנהייב געשלאָגן מיט אַ וואַרעמע פּאַרע, אָבער וואָס ווייטער די צייט האָט זיך געשלעפּט אַלץ קילער און קילער איז געוואָרן דאָס פערדישע לייב. נאָר פּלוצים איז דעם פּעאָן באַפאַלן אַזאַ וואַרעמקייט, אַז אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער ליגט נישט ביים פערד אויפן בויך, נאָר אויף אַן אָנגעהייצטן אויוון. די וואַרעמקייט איז באַגלייט געוואָרן מיט אַ זיסער און לאַנגוויילִיקער מידקייט, אַ מידקייט, וואָס האָט אָנגעהויבן קלעפּן די אויגן־דעקלעך איינס צום אַנדערן און אַנטאָניאָן איז עפּעס געוואָרן אַזוי גרינג און גוט אויף דער נשמה, און אַנשטאָט די מוראדי קע קעלט, האָט ער גאָר דערפילט, ווי די וואַרעמקייט האָט זיך מילדערהייט צעגאָסן אין אַלע זיינע אברים.

ווי אַלע מענטשן, וואָס זענען געבוירן אין אַ טראָפּישן קלימאַט, האָט אויך אַנטאָניאָ דער „פערד“ נישט געוווּסט פון דעם כלל, אַז אין אַ שניי־שטורעם, צי אין אַ הוראַקאַן און דערצו נאָך אין אַזאַ מוראדיקן פראָסט — טאָר מען זיך נישט אונטערגעבן דער מערדערלעכער וואַרעמער מידקייט, אַז מען מוז זיך מיט אַלע כוחות ראַנגלען מיט דעם „באַרישן שלאָף“, וואָס באַפאַלט אַלע מענטשן אין אַזאַ פאַל. אַנטאָניאָ האָט געמיינט, אַז אַזוי דאַרף דאָס זיין. דערייבער האָט ער זיך נאָך שטייפער איינגעטוליעט אינעם פערדס גוף און מיט אַ גליקלעכן שמייכל אויפן פּנים געלאָזט זיך איינוויגן פון דער פּלוצימדיקער מידער וואַרעמקייט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן ווי אַ זאַרגלאָז יינגל...

אויך אין דער קאָלאָניע גופא איז דער הוראַקאַן נישט געווען בעסער ווי אויף די פעלדער. דאָ האָט ער זיך דורכגעטראָגן מיט אַ משונהדיקער גיכקייט. אַ חוץ דעם, וואָס דער שנײדנדיקער זאַווײ האָט אין די גאַסן אַראָפּגעשאָטן גרויסע פּלאַכטעס שניי, האָט דער ווילדער שטורעם, צו אַלע צרות, אַראָפּגעריסן די באַמבוענע דעכער פון די שטיבלעך און זיי פאַרטראָגן ערגעץ וויט פון דאַנען. נאָך אַ נס, וואָס כוליטאָ מיטן דאָקטער האָבן נאָך פריער באַמערקט דאָס פאַרמירן זיך פון דעם הוראַקאַן איבער די אַנדן־בערג, האָבן

זיי קודם אָוועקגעפירט ראַזאַליטאַן מיטן קינד אין קלויסטער, דערנאָך זענען ביידע מענער, ווי משוגעים אַרומגעפלויגן אין דער בייטאָגיקער פינצטערניש פון איין שטיבל צום אַנדערן, פון איין גאַס אין דער צווייטער, באַפוילן אַז אַלע מענטשן זאָלן אַרויסגיין אין דרויסן, איינקלאַמערן זיך איינער אינעם אַנדערן און מיט אַלע כוחות פּרובירן צו דערגרייכן די קירכע, צי די שולע, וואָס זע־נען געווען אויפגעבויט פון גראָבע בערווענעס, מיט דיקע, ברעטלדיקע דעכער און דאָרטן אויסבאַהאַלטן זיך.

די פּעאָנען מיט זייערע ווייבער האָבן געפאָלגט. גלייך האָט זיך פאָרמירט איין גרויסע קייט פון מענטשן, וואָס האָבן זיך, איינגעבויגענערהייט, פּאַמע־לעכקע געצויגן צום קלויסטער. און די אַנדערע, אַ סך אַ קלענערע קייט, האָט זיך געשניטן צו דער שולע. אָבער דער קאַלטער און שניידיקער ווינט האָט אַזוי געריסן און געשליידערט יעדע זאַך, וואָס איז אים געקומען אין וועג, אַז די קורצע שטרעקע צו די צוויי געביידעס האָט זיך פאַר די הילפלאָזע מענטשן אויסגעצויגן ווי דער לענגסטער שליאַך אויף דער וועלט. די רגעס האָבן זיך פאַרוואַנדלט אין שעהן, אין אייביקייטן און קיינער האָט נישט געגלייבט, אַז זיי וועלן לעבעדיקע דערגרייכן די צוויי שטאַרקע בנינים.

די פאַרצווייפלונג איז גראָד געווען אַ באַרעכטיקטע. מחמת דער „צעפּ" מיט מענטשן האָט זיך קוים באַוועגט. די מוראדיקע זאַווערוכע האָט דעם שניי אַזוי געדרייט און דערמיט געשמיסן אין די פּנימער, אַז ס'האָט פאַרבלענדט די אויגן און מען האָט נישט געוווּסט וווּהין מען גייט. צוליב דעם גערויש און שטאַרקן וואָיען פונעם ווינט, האָבן די האַלב פאַרפרוירענע און דערשיי־טערטע „גייער" קוים־קוים געהערט ווי כוליטאָ האָט זיך אויף זיי געבייזערט, געשריען מיט די לעצטע כוחות און אויף דעם אופן געמונטערט זיין גרויסע גרופּע:

— גאָרנישטן, אין אייער מאַמען אַריין! האַלט זיך אָן שטייפער איינער אין דעם אַנדערן און שפּאַנט! שפּאַנט! אָט איז דאָס! שוין נישט ווייט! בלויז נאָך אַ פּאָר טריט! שטרענגט זיך אָן! פאַרלירט זיך נישט! נאָך אַ פּאָר שפּאַן בלויז און מיר וועלן זיין אין קלויסטער...

אויך דער דאָקטער האָט געטאָן דאָס זעלביקע מיט זיין גרופּע פּעאָנען. און כאָטש כוליטאָ איז כלומרשט געווען אַ סך שטרענגער פאַר דעם כירורג, דאָך האָט זיין גרויסע קייט מיט מענטשן נישט געקאָנט שטיין אויף די פיס און געמוזט אויפגעבן דאָס גיין. כוליטאָ האָט דאָס באַמערקט און אויף גיך אַ קאָ־מאַנדעווע געטאָן: „לייגט זיך אַוועק אויף דער ערד און קריכט אויף אַלע פיר!"... דער עולם האָט זיך אַ שליידער געטאָן אויפן שניי און פּאַמעלעכקע אָנגעהויבן פּויזען אויף די הענט און פיס. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגע־האַלטן. ווייל די טיר פון קלויסטער איז שוין געווען מיט דער האַנט צו דער־לאַנגען. שפּעטער, אַז דער גרעסטער טייל קאָלאָניסטן זענען אַריינגעקראָכן

אין דער קירכע, ווו עס האָבן געברענט איניקע ליכט און נאַפט־קנייטלעך, וואָס דער „גלח" האָט דאָרט אָנגעצונדן, איז ראַזאַליטאַ געזעסן אויף אַ באַנק און אַן אומרויִקע געגעבן איר קינד צו טרינקען הייסע מאַטע אָנשטאָט מילך.

ווען כוליטאַ איז אַ האַלב פאַרפרוירענער אַריינגעפאַלן אין דעם „געבעט־הויז" און פון ווייטן נאָך דערזען זיין ווייבל מיטן קינד, איז ער ווי אַ וואַנ־זיניקער, צוגעלאָפן צו זיי, מיט די אייז־קאַלטע הענט איינגעקלאַמערט זיך אין ראַזאַליטאַן און אַ לאַנגע צייט קיין איינציקע זילבע נישט געקאָנט אַרויפ־ברענגען אויף זיינע ליפּן. אָבער מיט אַ מאָל האָט זיך ביי אים אין האַלדז אַ קנויל אויפגעלייזט און דער געזונטער סטעפּ־יונג האָט זיך צעוויינט פון פרייד, וואָס ראַזאַליטאַ מיט כוניאַן, זענען געווען געזונטע און פרישע ווי אַלע מאָל.

דערפאַר אָבער איז מיט אַ סך אינדיאַנישע ווייבלעך געווען אמתע צרות. געבוירענע אין דזשאַנגל, האָבן זיי דעם מוראדיקן פראָסט מיטן הוראַקאַן נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ביי איניקע פון זיי איז אָפּגעפרוירן געוואָרן אַ האַנט, אַ פוס, די אויערן, די נעז, וואָס מען האָט שוין נאָכאַנאַנד געמוזט אַזוי שטאַרק רייבן מיט פריש אַריינגעבראַכטן שניי, ביז זייערע לייבער זענען רויט געוואָרן ווי שטיקער העלישע פייער און זייערע בלוטן האָבן צוריק אָנגעהויבן פונאַנ־דערצוואַרעמען די גלידער. נאָר פון דער קורצער „עקסקורסיע" דורך דער פאַרשנייטער קאָלאָניע, האָבן צוויי פון זיי מער נישט געקאָנט קומען צו זיך און אויסגעהויכט די נשמות. כאָטש דעם „גלחס" ווייב האָט נאָך פון פריער אָנגעגרייט אַ פאַר טעפּ מיט הייסער מאַטע אויף אָפּצוראַטעווען די מענטשן, אָבער די צוויי ווייבלעך האָט דאָס נישט געהאָלפן.

אַ סך ערגער איז געווען מיטן ביסל מענטשן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט אין דער שטאַרק־געבויטער שולע. דאָ האָבן קיינע ליכט און קיין נאַפט־קנייט־ליך נישט געברענט. אינעם גרויסן חדר איז געווען שטאָק־פינצטער. אין דער לופט איז געהאַנגען אַ שוידערלעכע קעלט פון וועלכער יעדן איינעם און יע־דער איינער האָט געדראַזשעט. ס'האָט איטלעכן געוואָרפן אַ צאַן אין אַ צאַן און דער דאָקטער, וואָס האָט זיי אַלעמען געבראַכט אַהער בשלום, האָט געמיינט, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע מענטשן וועלן די מוראדיקע קעלט נישט אויסהאַלטן און, אַז ער, צוזאַמען מיט זיי — וועלן דעם קומענדיקן טאָג נישט דערלעבן און איינציקווייז אויסגיין.

צום גליק איז ביי אַ פאַר פעאָנען אין די קעשענעס געווען שוועבעלעך. האָט איינער פון זיי צופעליק אָנגעריבן אַ שוועבעלע און דורכן געלבלעכן שיין באַמערקט, אַז לעבן דער רעכטער וואַנט איז געשטאַנען אַ גרויסע בלעך, אויף וועלכר בעקערינס פלעגן באַקן ברויט און קיכלעך, האָט זיך דער פעאָן קיין רעכענונג נישט אָפּגעגעבן ווי אַזוי די בלעך איז געקומען אַהער. ער האָט דאָס געפינס — אַ כאַפּ געגעבן פון וואַנט און אַוועקגעלייגט אין דער מיטן דיל.

אויף גיך צעבראָכן אַ שטול אויף פּיץ־פּיצלעך. אַנדערע פּעאָנען האָבן דערווייל פון די טישן צונויפגענומען די זייטלעך פּאַפּיר, אויף וועלכע די שילער האָבן אין דער פּרי נאָך געשריבן, דאָס אונטערגעלייגט אונטערן האָלץ און אָנגעצונדן. אין דער שולע איז אויפגעגאַנגען אַ גאָלדענער פלאַם און פאַרטריבן די קעלט. ס'איז געוואָרן ליכטיק און אַ ביסל פריילעכער אויף די געמיטער. אמת, קיין עסן און קיין טרינקען איז טאַקע דאָ נישט געווען. נאָר דערפאַר האָט דער ערשטער פּעאָן, מיט נאָך אַ פּאָר מוטשאַטשאָס, ביז אויף מאָרגן אין דער פרי, ווען דער הוראַקאַן האָט זיך שוין געהאַט איינגעשטילט, צעבראָכן אַלע בענקלעך און טישן. דאָס האָלץ אַרויפגעלייגט אויפן פייער און צו דעם דאָקטערס איבערראַשונג און פרייד, איז דער היגער קליינער עולם אָפּגעראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

דער שניי אויף די פעלדער און אין דער קאָלאָניע האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. גראָד איז אויף מאָרגן אַרויס די זון אַ שאַרפע, אַ פאַרפלאַמטע און אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זי נישט נאָר צעשמאָלצן דעם ליאַד אויפן טייך, נאָר אַפילו אָפּגעדעקט די גרינע גראָזן. אָבער די מענטשן פון דער קאָלאָניע האָבן זיך איצט אויף איר נישט אומגעקוקט. זיי זענען געווען פאַרנומען מיט אַרויפלייגן נייע דעכער אויף זייערע שטיבלעך, מיטן אָפּשיינדן די פעלן פון די צענדליקער בהמות און פערד, וואָס זענען אומגעקומען אינעם שרעקלעכן הוראַקאַן, און מיט אָפּהאַלטן אַ באַראַטונג, ווו עס איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן דער ביטערער פאַקט, אַז אין דער געגנט איז די נאַטור אַן אָפּנאַרערישע און מען וועט מיט דער צייט מוזן אויפבויען נייע שטיבער פון דיקע בערווענעס און פון גראָבע, ברעטערדיקע דעכער, וואָס מען וועט מיט גרויסע טשוועקעס מוזן צושלאָגן צו שטאַרקע קראָקוועס.

ערשט אויפן דריטן טאָג האָט זיך כוליטאָ געכאַפּט, אַז מען האָט דאָ נישט געזען אַנטאָניאָן „דעם פערד". און אַזוי ווי ער האָט אַלץ איינס געוואָלט וויסן וואָס פאַראַ חורבן דער הוראַקאַן האָט געמאַכט אויף די פעלדער, האָט ער, מיט נאָך צוויי מוטשאַטשאָס, אָנגעזאָטלט זייערע פערד און אַהין אַוועקגעריטן. דאָרטן האָט דער סטעפּ־יונג דערזען דעם גרויסן בראָך, אַז אַלע זאַנגען און פלאַנצן זענען אַרויסגעריסן געוואָרן פון דער ערד מיט די בלייכע וואָרצלען צוזאַמען. און, אַז דער הײַ־יאָריקער פּאַרזיי איז אין גאַנצן פאַרפאַלן. אָבער נאָך ערגער איז געווען דאָס בילד, וואָס כוליטאָ האָט באַמערקט אין אַ שעה אַרום, ווען ער איז צוגעריטן צום לעצטן פעלד, ווו דער קאָרן מיטן ווייץ האָבן געזאָלט וואַקסן.

דאָרטן, אין דער מיטן פון דער נאָך נישט אויסגעפּאַרענער „מעזשע", איז געלעגן די ראָבע קליאַטשע מיט אויסגעשטרעקטע, פאַרגליווערטע פיס. מיט אַן איינגעהאָרבעטער פּלייצע איז אַנטאָניאָ געלעגן ביי איר אויפן בויך מיטן פּנים געווענדט צום בלויען הימל און אויף זיין וואַקסענעם געזיכט האָט ווי גע־

שווּעבט אַ ברייטער שמייכל, פּונקט ווי עמעצער וואָלט דעם דאָזיקן ברייטן שמייכל מיט אַ כּיוון אויסגעגאָסן פון גיפּס און דאָס געשענקט דעם מת אַ מתּנה...

מיט האַרצווייטיק האָט כּוליטאַ און אויך די אַנדערע יונגען — אַראָפּגע־כאַפּט די סאָמברעראָס פון די קעפּ, אויף גיך איבערגעצלמט זיך, מיט אַנט־בלויזטע קעפּ געשטאַנען ווי פּאַראַליזירטע און קיין איינציק וואָרט נישט גע־קאָנט אַרויסרעדן. בלויז אין זייערע קאַרע און שוואַרצע אויגן האָבן זיך טרערן געשטעלט. אַז כּוליטאַ איז דערנאָך אַ ביסל געקומען צו זיך, אויסגעווישט די טרערן, האָט ער, מיט דער הילף פון די אַנדערע צוויי מוטשאַטשאָס, אַרויפגע־לייגט אַנטאָניאָס קערפּער צו כּוליטאָן אויפן זאָטל. אים גוט צוגעבונדן, גענו־מען די לייצעס אין די הענט און אַלע דריי זענען צו־פוס אַוועק צוריק אין דער קאָלאָניע, פון וואַנען דער גאַנצער עולם קאָלאָניסטן, האָט מיט אַרונטערגע־לאָזטע קעפּ, באַגלייט אַנטאָניאָן צו זיין אייביקער רו, וואָס האָט זיך געפונען לעבן דעם באַמבוענעם וואַלד, וווּ די דריי פרישע קברים פון די אינדיאַנישע ווייבלעך האָבן זיך מיט זייער געלן זאַמד געגאָלדיקט אין דער גליאיקער זון.

די לעגענדע און די ווירקלעכקייט

פון דעם ערשטן שניי־שטורעם אָן, האָבן זיך די יאָרן צעיאָגט און צע־טפּרונגען אין גאַלאָפּ ווי די ווילדסטע פערד אין סטעפּ און קיינער האָט גאָר נישט באַמערקט ווּהין די צוואַנציק זומערן זענען אַנטלאָפן געוואָרן. דורך דער צייט האָט שוין ראַזאַליטאַ אויפגעהערט צו זיין אַ לערערין און איר פּלאַץ האָבן פאַרנומען אַ פּאָר מיידלעך, מיט עטלעכע בחורים, וואָס זענען געוואָרן גאַנץ נישקשהדיקע פּעדאַגאָגן אין די צוויי גרויסע שולעס, וואָס מען האָט צוליב זיי אויפגעבויט.

אויך די באַמבוענע כאַטקעס האָט מען שוין פון לאַנג אומגעוואָרפן און אויף זייערע ערטער אַוועקגעשטעלט בערווענעדיקע שטיבער און פון די פריער־דיקע צוויי געסלעך, זענען איצט אויסגעוואַקסן גאַנצע פיר ברייטע גאַסן און כאַטש פון די אַנדן־בערג האָבן זיך אַלע דריי צי פיר יאָר איבערגעחזרט די זעלביקע געוויטערס, האָט די באַפעלקערונג פאַר זיי קיין מורא מער נישט גע־האַט און סיי די מענטשן און סיי די בהמות מיט די פערד, וואָס זענען אַנשטאָט אין אָפענע קאָראַלן — געשטאַנען אין גרויסע שטאַלן און דאָרט געהאַט גענוג צום פרעסן דורך די ווינטערס — האָבן זיך צוגעוווינט צו דער היגער אָפּגעאַ־רערישער נאַטור.

אָבער דאָס, וואָס ראַזאַליטאַ האָט אויפגעגעבן אויף אַ ווייל, מסתמא, איר

לערעריי, האָט בשום אופן נישט געמיינט, אַז זי איז געבליבן זיצן אין שטוב מיט פאַרלייגטע הענט. אַדרבא, ביז שפּעט אין די נעכט איז זי געזעסן איבער שטויסן ווייסן פּאַפּיר און געשריבן אַ בוך וועגן כוליטאַס לעבן פון דער פּריס־טער יוגנט אָן ביז צום היינטיקן טאָג. אַז די נאָוועלע איז סוף־כל־סוף פאַרטיק געוואָרן, האָט זי דאָס אַ נאָמען געגעבן: „דער וועג פון די אַנטלאָפענע פּעאָ־נען". אינעם בוך האָט זי געשילדערט יעדן טראָט און יעדע געשעעניש סיי פון איר מאַן און סיי פון זיינע מוטשאַטשאָס אַזוי פּאַטעטיש און מיט אַזעלכע רייכע פאַרבן, אַז ווען דער „מאַנוסקריפּט" איז שפּעטער דערגאַנגען צום רעדאַקטאָר פון דעם בוענאָס־איירעסער ליטעראַרישן זשורנאַל „האָי", וואָס איז דערשינען יעדן חודש, איז ער ביים לייענען דאָס געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּט, אַז ער האָט גלייך געלאָזט אָפּדרוקן די ערשטע צוויי קאַפּיטלעך.

„דער וועג פון די אַנטלאָפענע פּעאָנען" האָט זיך געצויגן איבער אַ יאָר צייט און געמאַכט אַזאַ רושם אויף די אינטעליגענטערע לייענער פון שטאָט, אַז גאָר אין גיכן איז דאָס דערשינען אין אַ בוך, און אויף אַזוי פיל אויפגערודערט די עפנטלעכע מיינונג און דערצו אַרויסגערופן אַזוי פיל צאָרן אַנטקעגן די פּעאָדאַלע סיסטעמען אין גאַנץ זיד־אַמעריקע, אַז אין אַלע לענדער פון יענעם קאָנטינענט, זענען אין די צייטונגען און בעסערע זשורנאַלן דערשינען הונדער־טער לויב־געזאַנגען אויפן חשבון פון דעם הויפּט־העלד און פון דער מחברטע, אַז עס האָט שוין נישט גענומען לאַנג און דער נאָמען „כוליטאָ" איז געוואָרן אַן אמתע לעגענדע פאַר אַלע באַליידיקטע און באַוולטע.

געקומען איז דער גרויסער רום הפּנים דערפאַר, וואָס ראָזאַליטאַ האָט ביים שרייבן די נאָוועלע קיין זאַך נישט פאַרבאָרגן. זי האָט ריזיקירט מיט דער זי־כערקייט פון דער גאַנצער קאָלאָניע און אַפילו אויף דעם פּאָדערבלאָט פון בוך אָנגעגעבן גענוי דעם אַדרעס ווו כוליטאָ געפינט זיך. דאָס האָט פאַראורזאַכט צוויי זאַכן מיט אַ מאָל: ערשטנס, וואָס אַהער אין דער קאָלאָניע האָבן אָנגעה־הויבן קומען נייגעריקע טוריסטן, נישט נאָר פון אַרגענטינע, נאָר פון אַלע אַרומיקע לענדער. יעדער איינער האָט געוואָלט מיט „די אייגענע אויגן" אָנ־קוקן דעם העלדישן סטעפּ־יונג, וואָס איז פון אַ פּשוטן פּעאָן־יינגל געוואָרן אַ פירער פון אַ גאַנצער מחנה פּעאָנען. צווישן די לעצטע האָבן זיך אויך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן כוליטאָן אָנגעבאָטן הויכע שטעלעס, אין די אמתע רעוואָ־לוציאָנערע באַוועגונגען, פון וועלכע דער סטעפּ־יונג האָט אַפילו קיין אַנונג נישט געהאַט און אָפּגעזאָגט זיך דערפון.

דאָס איז שוין געווען אַ סך יאָרן שפּעטער, ווען אין בוענאָס־איירעס איז געוואָרן פּרעזידענט אַ געוועזענער ליבעראַל און געוועזענער סאָציאַליסט, אַ גרויסער ליבהאָבער פון דער שיינער ליטעראַטור און גראַד ער, וואָס האָט זייער גרינג געקאָנט אַריינשיקן אַן אָפּטיילונג פון דער אַרגענטינער אַרמיי און אָפּווישן די קאָלאָניע ביז צו דער ערד, איז גאָר געוואָרן אַזוי באַגייסטערט פון

ראַזאַליטאַס בוך, אַז ער האָט אין כוליטאָס אויפשטאַנד מיט אַ מאָל דערזען דעם אָנהייב און סוף פון דעם גאַנצן פּעאָדאַלן איינשטעל ביי אים אין לאַנד. דערפֿון איז ער געווען אַזוי צופרידן אַז אָנשטאָט צו שיקן אין דער קאָלאָניע אַ שטראָף־עקספּעדיציע, האָט ער גראָד אָנגעשריבן אַ בריוו און אַוועקגעשיקט צו כוליטאָן גופא און אין דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט זיך געזאָגט:

„בוענאָס־איירעס... פּאַלאַסיאָ דעל גאָביערנאָ.

ליבער און חשובער כוליטאָ. איך האָב מיט גרויס אינטערעס געלייענט דאָס בוך, וואָס אייער גנעדיקע סעניאָראַ האָט וועגן אייך אָנגעשריבן. און כאָטש דאָס בוך האָט אין פּאַרלאַמענט אַרויסגערופן הייסע דיסקוסיעס, האַלט איך, אַז דערמיט וואָס איר האָט געשאַפן די ערשטע קאָאָפּעראַטיווע קאָלאָניע אין גאַנץ זיד־אַמעריקע האָט איר מיט אייער טאַט צוגעגעבן אונדזער לאַנד חשיבות און פּאַרשריט. בין איך דאָ מודה, אַז די רעגירונג פון אַרגענטינע איז אייך און אייערע נאָכפאָלגער מוחל אַלע זינד און איר זענט פרייע מענטשן און בירגער. מיט פריינטלעכקייט: פּרעזידענטע דע לאַ רעפּובליקאַ אַרכענטינאַ"...

אַפֿריער האָט דער בריוו, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אַלע צייטונגען, אַרויסגערופן אַזאַ שטורעם אין לאַנד, אַז עס איז שיעור געקומען צו אַ רעוואָלוציע. די אַרבעטער אין אַלע שטעט און שטעטלעך מיט זייערע פּאַך־פּאַראיינען, אָדער ווי זיי האָבן געהייסן, „סינדיקאַטן", האָבן זיך דערפרייט מיט דעם פּרעזידענטס דאָקומענט און די רייכע דעפּוטאַטן אין פּאַרלאַמענט, וואָס האָבן פאַרטראַטן די אינטערעסן פון די פּעאָדאַלן, האָבן, מיט דער הילף פון אַ פּאָר גענעראַלן אין דער אַרמיי געוואָלט מאַכן אַן איבערקערעניש און אַרונטערוואַרפן דעם ליבעראַלן פּרעזידענט. נאָר אַ דאַנק דעם איינפלוס פון די פיל אַרטיקלען אין דער פּרעסע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין אויפקלערן דעם אַרגענטינער פאָלק, אַז כוליטאָס בונטאַרישקייט האָט גאָר געוויזן פאַר דער וועלט, אַז אַרגענטינע איז אַ פּראָגרעסיוו לאַנד און, אַז דער פּרעזידענט האָט געהאַנדלט קלוג און אין די אינטערעסן פון פּראָגרעס, זענען די געמיטער ביי אַלע רעאַקציאָנערע כוחות צו ביסלעך איינגעשטילט געוואָרן.

אָבער ווען דער זעלביקער בריוו איז אָנגעקומען צו כוליטאָן און ראַזאַליטאַ האָט דאָס איבערגעלייענט פאַר איר מאַן, איז אין שטוב אַ וויילע געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. אָבער דערנאָך האָבן זיך שוין מאַן און ווייב מער נישט געקאָנט באַהערשן און פון גרויס פרייד, האָבן ביידע אויסגעשאָסן אין אַ היסטערישן געוויין. און זייער זון, כוניאָ, וואָס איז איצט געווען אַ צוואַנציקיאָריקער בחור, מיט ברייטע פּלייצעס און קאַשטאַנעוואַטע אויגן און מיט אַזאַ שוואַרצער פּאַטליע ווי ביי זיין טאַטן, איז אָנגעקומען זייער שווער צו באַרויקן די עלטערן.

ווען זיי האָבן זיך איינגעשטילט און אויסגעווישט די אויגן, זענען אַלע דריי אַוועקגעלאָפן צום קלויסטער און כוליטאָ האָט אַ פּריילעכער אָנגעהויבן

ציִען די שטריק פון גלאַק, וואָס האָט גערופן און צוזאַמענגערופן די גאַנצע באַפעלקערונג פון דער קאָלאָניע אין פּאַרק אַרום דעם קלויסטער. ווען אַלע מענער, פרויען און יונגוואַרג האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט, האָט אַנשטאָט ראַזאַ־ליטאַן, איר זון כוניאָ געגומען דעם בריוו און אים פאָרגעלייענט פאַר דעם גאַנצן עולם מיט אַ געוויסן שטאָלץ אין קול.

ווי נאָר די פּעאָנען מיט זייערע ווייבער און דערוואַקסענע קינדער האָבן דערהערט, אַז פון איצט אָן זענען זיי פרייע בירגער פונעם לאַנד, האָבן די ווייבער אָנגעהויבן ווישן זיך די טרערן פון די אויגן. נאָר די מאַנסבילן האָבן אָנגעהויבן וואַרפן זייערע סאָמברעראָס אין דער לופטן און אַזוי געשריִען: „וויוואַ כוליטאָ!‟, אַז מען האָט געקאָנט פאַרטויבט ווערן. אָבער דערמיט אַליין איז נאָך דער יום־טוב נישט פאַרענדיקט געוואָרן. צוליב דער געלעגנהייט האָט מען געשאָכטן פינף בהמות. פון קעלער אַרויפגעטראָגן, ווי עס איז נאָר געווען אַ ביסל ווייַן צי בראָנפן און די גרויסע פיעסטאַ האָט זיך געצויגן איבער אַ וואָך צייט.

נאָר די ביטערע ווירקלעכקייט האָט זיך אָבער ערשט אָנגעהויבן. געגומען האָט זיך דאָס נאָך מיט אַרום אַ פינף יאָר צוריק, ווען ראַזאַליטאַ האָט אָפּגע־זונדערט אַרום דרייסיק שילער, צוזאַמען מיט כוניאָן אין אַ באַזונדערן קלאַס דערפאַר, וואָס זיי זענען געווען די בעסטע תלמידים אין דער קאָלאָניע, און פאַר זיי אַלע טאָג פאָרגעלייענט לידער פון פאַרשידענע פּאָעטן פון דער וועלט־ליטעראַטור, באַקאַנט זיי מיט די פּראָזע־ווערק פון די גרעסטע מייסטערס און אויב דאָס אַליין איז נאָך געווען ווינציק כדי אָנצוצינדן די פאַנטאַזיעס פון די יונגע סטודענטן, האָבן פון דער גרויסער שטאָט אָנגעהויבן אָנקומען פאַרשי־דענע צייטונגען און זשורנאַלן, וואָס האָט אין די יונגען אויפגעוועקט די בענק־שאַפט נאָך דעם ציוויליזירטן לעבן אין בוענאָס־איירעס, סאַנטאַ־פע, מענדאָסאַ, סאַנטאַ־קרוז, קאָרדאָבאַ און אין אַנדערע הונדערטער שטעט.

דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז געווען דאָס, אַז וואָס מער די יונגע שי־לער האָבן זיך באַקאַנט מיט דער דרויסנדיקער וועלט, מיט דעם שפּרודלדיקן לעבן אין בוענאָס־איירעס און די רייכע קאַפעען און נאַכט־קלובן, אַלץ מער האָט די מוטשאַטשאָס געצויגן אַהין און קיינער פון זיי האָט די גאַנצע פינף יאָר נישט אויפגעהערט צו חלומען, אַז ער וועט זיך ווען עס איז פאַרט אַרויסרייסן פון דעם היגן פּרימיטיוון מצב און אויסלעבן זיך מיט דער אינטעליגענץ אין די גרויסע שטעט, ווו זיי וועלן הנאה האָבן פון אַלץ וואָס זיי וועלן זען, הערן און אפשר אויך טאָן.

איבערהויפּט האָבן די איין און דרייסיק יונגע שילער דערנאָך זייער אימ־פּאָנירט די טוריסטן וואָס זענען, נאָך דער דערשיינונג פון ראַזאַליטאַס בוך וועגן כוליטאָן, געקומען אַהער אין דער ווייטער קאָלאָניע אין אויטאָבוסן און אַפילו אין פּשוטע אויטאָמאָבילן און איין מאָל, בעת אַ גרויסער אויטאָבוס האָט

זיך אַריינגערעדלט אין דער קאָלאָניע און דאָס ביסל נייגעריקע טוריסטן האָבן גערעדט מיט כוליטאָן און מיט ראַזאַליטאַן, האָבן דערווייל צוואַנציק פון די בעסטע סטודענטן גענומען מיט זיך צו ביסלעך געלט, קלומיקלעך עסנוואַרג און צו פּאָר פליאַשקעס וואַסער און אויף מאָרגן, ווען דער אויטאָבוס האָט זיך געקליבן אין וועג אַריין, האָבן זיי זיך אַריינגעכאַפּט אַהין און צוזאַמען מיט די טוריסטן אָוועקגעפאָרן.

די האַנדלונג פון די צוואַנציק שילער האָט כוליטאָן געטראָפן, ווי אַ דונער. אָבער נאָך ערגער איז פאַר אים געווען דער פאַקט, אַז אין צווי וואָכן אַרום, ווען כוניאַ האָט פאַר דעם גאַנצן עולם פון דער קאָלאָניע איבערגעלייענט דעם בריוו וואָס איז אָנגעקומען פון דעם פּרעזידענט, איז ער מיט אַ פּאַרטיקן באַשלוס אַריין צו זיין טאַטע־מאַמע אין שטוב און גאַנץ אָפן געזאָגט:

— דיסקולפּענמע, פּאַדרע אי מאַדרע (אַנטשולדיקט מיר, טאַטע־מאַמע), אָבער איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, אַז איך וויל פאָרן קיין בוענאָס־איירעס. איך בין נאָך יונג און איך וויל זיך באַקאַנען מיט אונדזער לאַנד. כ׳וויל זען די וועלט און טאָמער וועט איר דאָס מיר פאַרוועהרן, וועל איך זיין געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון דאַנען אָן אייער וויסן.

כוליטאָ איז דעמאָלט געבליבן זיצן מיט אַ צעעפנט מויל, געוויס וואָלט ער זיין זון פאַר אַזעלכע חוצפּהדיקע רייד געוואָלט צעפּאַטשן. אָבער דער סטעפּ־יונג איז שוין איצט געווען אַ מאַן איבער די פופציקער יאָרן, מיט גרויליקע האָר און אַ מידקייט אין די אברים און כוניאַ, אויב ער וואָלט אים נישט צוריקגעגעבן, וואָלט אים אָבער דעם טאַטנס קלעפּ נישט אָפּגעהאַלטן, און דאָס האָט כוליטאָ זייער גוט געוווּסט.

אויך ראַזאַליטאַ האָט געוווּסט, אַז דער זון אירער האָט געירשנט איר שטאַרקן כאַראַקטער, אַז אָפּרעדן אים פון פאָרן קיין בוענאָס־איירעס וועט נישט העלפן. דעריבער האָט זי זיך צעוויינט:

— וואָס טוסטו, מיין זון? אויף וועמען לאָזטו אונדז איבער? דו זעסט דאָך, אַז מיר זענען שוין עלטערע מענטשן?...

— כוניאָ! — האָט זיך כוליטאָ אָנגענומען מיט מוט און איבערגעשלאָגן ראַזאַליטאַס רייד. — איך מיט דיין מאַמען האָבן אַהער געבראַכט אַזוי פיל מענטשן. מיט אונדזערע אייגענע הענט האָבן מיר אויפגעבויט און איבערגעבויט יעדע שטוב, איטלעכן שייער, אַלע שטאַלן, אויפגעבראָכן די היגע ערד, וואָס איז נאָך פריער קיין מאָל נישט באַרירט געוואָרן פון אַ מענטשלעכער האַנט און פון דעם טאָג אָן, ווען דו ביסט געבוירן געוואָרן, האָב איך גאָר קיין מאָל אַנדערש נישט געטראַכט, אַז ווען דו וועסט ווערן אַ מאַן, וועסטו איבערנעמען די פירערשאַפט פון דער קאָלאָניע, וואָס איז אַזוי גוט מיינע, ווי דיינע און אין מיטן דערינען ווילסטו אָוועקפאָרן. איבערלאָזן טאַטע־מאַמע, די קאָלאָניע, די היגע מוטשאַטשאָס, די פערד מיט די בהמות. אַלץ אויס, אַה?! צוליב

וואָס טוסטו דאָס?... וואָס וועסטו געפינען אין די גרויסע שטעט? איך בין דאָרטן אַ פּאָר מאָל געווען און אַנגעזעען זיך מיט אַזוי פיל אָרעמקייט, היימ־לאָזיקייט און ליידן, אַז מער וואָלט איך אַהין נישט געקומען...

— דיסקולפּע, פּאַדרעסיטאָ! — איז כוניאָ באַשטאַנען אויף זיינס. — עס קאָן זיין, אַז איך וועל מיר באַלד צוריקקערן אַהער. אָבער אין מיר ברויזט דער באַגער צו זען די וועלט און ווען איך וואָלט אַפילו וועלן בלייבן, קאָן איך נישט אונטערדריקן מיינע אייגענע געפילן. איך קאָן נישט זיין קיין פאַלשער, קיין היפּאָקריט. איך מוז זיין ערלעך כאָטש צו זיך אַליין און אויסזאָגן אייך דעם סוד, אַז איך, מיט נאָך צען פון מיינע חברים וועלן נאָך היינט אַוועקפאָרן. בעט איך אייך נאָך אַ מאָל, אַז איר זאָלט אונדז נישט שטערן.

— הער זיך איין מיין קינד, — איז ראַזאַליטאַ אויפגעשטאַנען פון שטול, ווו זי איז פריִער געזעסן און געוויינט. — איך האָב שוין דיר נישט איין מאָל דערציילט, אַז דיין זיידע מיט דער באָבען האָבן אַ גרויסע האַסיענדאַ נישט זייער ווייט פון דעם באַהיאַ־בלאַנקער סטעפּ. איז אויב זיי לעבן נאָך, פאַרפאָר צו זיי. זאָג ווער דו ביסט און גיב זיי כאָטש אָפּ אַ גרוס פון אונדז. און אויב דו וועסט דאָרטן אָנטרעפן מיין ברודער, דערצייל אים, אַז מיר לעבט זיך דאָ זייער גוט. וועסטו דאָס טאָן פון מיינטוועגן?

— סי מאַמיטאַ, איך זאָג דאָס דיר צו.

ווען כוליטאָ האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין בעטן זיך ביי זיין זון איז אַרויסגע־וואָרפענע מי, האָט ער באַפוילן עטלעכע פּעאָנען, אַז זיי זאָלן אָנזאָטלען עלף פון די בעסטע פערד און אָנלאָדן זעקס אייזלען מיט וואַסער און עסנס, אַז עס זאָל זיין גענוג אויף דעם גאַנצן וועג. דערנאָך האָט ער פון דעם זעקל אַרויסגענו־מען גרויסע פּעקלעך מיט געלט, דאָס צעטיילט צווישן דער יונגער חברה און סיי ער און סיי זיין ווייב, וואָס איז שוין אויך געעלטערט געוואָרן האָבן מיט האַרצווייטיק געזען, ווי זייער זון איז אַרויף רייטנדיק אויף זיין סוס, אַרויסגע־ריטן פון דער קאָלאָניע און צוזאַמען מיט דער יוגנט איז אויך אויסגערונען געוואָרן דעם סטעפּ־יונגס חלום.

דאָס איז געווען ווייט נאָך האַלבן טאָג. דער הימל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די דעכער פון די שטיבער. שווערע, בלייענע וואָלקנס האָבן זיך אַ טראָג געגעבן איינע אַנטקעגן די אַנדערע און עס האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אָט־אָט וועלן זיך די וואָלקנס צעקושן און מיט זייער קוש אַראָפּכליאָפּען אַ נייעם שטורעם. כוליטאָ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען ביי זיך אויפן גאַניק. ער האָט מיט די אויגן באַגלייט די לעצטע טריט פון די אַוועקגייענדיקע פערד און נאָך דעם אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום הימל און געזאָגט צו זיין ווייב:

— דו ווייסט, מיין ווילדע בלום? עס וועט באַלד אַראָפּגיין אַזאַ שלאַקס־רעגן, וואָס וועט אָפּווישן די קאָלאָניע פון דער ערד און איר אַריינוואַרפן אין טייך אַריין...

ראַזאַליטאַ איז פון זיינע פלוצימדיקע רייד צוריק וואַך געוואָרן און כאָטש זי האָט נאָך פון דער ווייטן אויפגעכאַפּט דאָס פאַכען פון כוניאָס סאָמבּרעראָ אין דער לופטן, האָט זי אָבער פון איר מאַנס פאַרצווייפלונג אַנגענומען גאָר אַן אַנדער שטעלונג און מיט געמאַכטער פריילעכקייט אין קול געענטפערט:

— זאָרג זיך נישט, מיין גאָלדן יינגל. די וועלט וועט נישט אונטערגיין. אונדזער קינד וועט נאָך צוריקקומען. אָבער דערווייל זיי אַ גוטער, קום מיט מיר אַריין אין שטוב. עס בלאָזט אַ שאַרפער ווינט פון די אַנדן־בערג און איך האָב מורא, אַז דו זאָלסט זיך צוקילן.

— דו ביסט גערעכט, מיין ווילדע בלום. נאָר ווי אַזוי וועלן מיר מאָרגן קאָנען גיין צו דעם דאָקטערס לוויה, אַז עס וועט רעגענען?

— אַך, גאָלדענער יינגל מיינער! רק דו זאָרגסט זיך. גלייב מיר, אַז מאָרגן וועט ווידער אַרויס די זון און וועט העלן איבער דער קאָלאָניע מיט דער זעל־ביקער וואַרעמקייט ווי אַלע מאָל ווען זי באַווייזט זיך איבער דעם טייל פון אַרגענטינע...

און געאָרעמטע, ווי זיי וואָלטן געווען צונויפגעגאָסענע אין איין גוף, זע־נען בײדע אַריין צו זיך אין דער וואַרעמער שטוב.

(סוף)

ווערטער פאַרטייטשונגען:

א

אַקי — **דאָ**
אַקי ען עסטע טיערא — **דאָ אויף דער ערד**
אַמיגאָס — **פריינט**
אַהאָרא — **איצט**
אַדעלאַנטע — **ווייטער**
אַגוא — **וואַסער**
און מאָמענטאָ — **איין מאָמענט**
אַנימאַל — **חיה**
האַמברע — **מענטש**
אַפוערא — **אַרויס**
ענטאָנסעס — **דערפאַר, איז וואָס?**
אַמיגאָ — **פריינט, חבר**

ב

בוענאָ — **גוט**
בוענאָס דיאָס — **גוטמאָרגן**
בוענאָ ווענטורא — **אַ גליקלעך געמיט**
בוענאָס טאַרדעס — **גוטער אָוונט**
בורראָ — **אייזל**
באַראַטאָ — **ביליק**
באַסטיאָן — **פעסטונג**
באַסטאָ — **גענוג**

ג

גראַסיאַס — **אַ דאַנק**
גרינגאָס — **גרינע, ערשט געקומענע אין לאַנד**

ד

דאָס — **צוויי**
דאָס מונדאָס — **צוויי וועלטן**
דיסקולפאַ — **אַנטשולדיק**

ה

האַסיענדאָ — **גוט, אימעניע**
האַסטאַ לועגאָ — **ביז שפּעטער**
האַסטאַ מאַניאַנאַ — **ביז מאָרגן**

ו

וואַמאָס — **גיך, גיכער, פאָרויס!**
וויעכאָ — **אַן אַלטער מענטש**
ווינאָ — **ווײַן**

ט

טראַבאַכאָ — **אַרבעט**
טיערא — **ערד**
טיערא דעל פועגאָ — **פייערלאַנד, אַ געגנט אין אַרגענטינע**
טאַרטיזשאָס — **סוכאַרקעס, האַרטע קיכלעך**
טרעס — **דריי**
טשיקאָ — **אַ קליינער**
טשיקיטאָ — **אַ קלייניקער**

כ

כאָוועןן — **אַ יונגער**
כודיאָ — **אַ ייד**

מ

מאַדרע — **אַ מוטער, אַ מאַמע**
מאַטע — **נאַציאָנאַלער געטראַנק, פאַרפאַרעט ווי טיי, פון גרינעם גראָז**
מאַיס — **קוקורוזע**
מוטשאַטשאָ — **יאַט, יונג**
מוטשאַטשאָס — **יאַטן, חברה**

פאַרטייטשונגען:

מוכערעס — ווייבער, פרויען
מיזשאָן — אַ מיליאָן
מיליטאַר — מיליטער
מעדיקאָ — דאָקטער

נ

נאָטשע — נאַכט
נאָטשעס — נעכט

ס

סאַפּאַטאָס — שיך, שטיוול
סאָמברערע — אַ הוט, אַ שליאַפּע
סאָנסאָ — נאַר, יאָלד
סעניאָר — הער
סעניאָרא — פרוי
סעניאָריטאָ — מיידל, אַ פריילן
סי — יאָ
סיעסטאָ — אָפּרו־צייט
סענטאַוואָס — סענטן
סעגוראָ — זיכער, געוויס

ע

ענטרע — קום אַריין

פּ

פּאָברעסיטאָ — אָרעמער
פּאַדרעסיטאָ — טאַטעלע
פּאַדרע — טאַטע
פּאַנטאַלאָנעס — הויזן
פּועבלאָ — אַ שטעטל
פּאַמפּאָ — אַ סטעפּ, אַ ווילדערניש
פּאַפּאַס — קאַרטאָפל, בולבעס
פּוטאָ — קורווע, הור
פּועגאָ — פייער
פּעזאָס — פּעזעס
פּעאָן — אַ ערד־אַרבעטער, אַ פּויער
פּעטיסאָ — קליינינקער, קאַרליק
פּיעסטאָ — יום־טוב
פּאָנטשאָס — אַזעלכע פּאַטשיילעס, קאָלדרעס וואָס אַרגענטינער טראָגן
פּאָר עסטע — דערפאַר

ק

קאָזשע — גאַס
קאָזשאָטע — שווייג, מאַך צו דאָס מויל
קאָיאָט — אַ פריירי הונט, געגליכן צו אַ וואָלף
קאָליענטע — הייס
קווענטעניק — אַפּעדלער, אַ העגדלער, אַ קלאַפּער
קאַבאַזשאָ — אַ פערד
קאַבאַזשעראָס — קאַוואַליערן
קאַראַמבאָ — צום טייוול
קאַראַכאָ — אַ זידל־וואָרט
קאָניאָ — אַ חוזק־וואָרט
קאַפּאַטאַס — אויפזעער, אַ פאַרמאַן
קאָמאָ עסטאַס? — וואָס מאַכסטו?
קאַסטעזשאַנאָ — שפּאַניש
קאָמאָ נאָ? — פאַרוואָס נישט?
קע פּאַסאָ? — וואָס איז געשען?
קע קערעס? — וואָס ווילסטו
קע באָניטאָ — וואָס פאַראַ שיינינקע
קע פּאַסאָ אַהאָראָ — וואָס איז איצט געשען
קע עס באַנקאָ — וואָס מיינט אַ באַנק
קע עס עקספּלוטאַציאָן — וואָס מיינט דאָס עקספּלוטאַציע
קערידאָ, מע גוסטאַס — טייערער, איך האָב דיך ליב
קערידיטאָ — טייערער, ליבסטער
קערידאָ — טייערע, ליבסטע

ר

ריאָ גראַנדע — אַ גרויסער טייך, אַנאַ שטאָט אין אַרגענטינע

יעפים ישורין

נח גאָלדבערגס ביבליאָגראַפיע

די ביבליאָגראַפיע איז נישט קיין פולשטענדיקע, און מיר ווען די איצ־טיקע, קליינע ביבליאָגראַפיע באַגלייטן כאָטש מיט אַ פּאָר ווערטער פון דעם, וואָס יעדערער פון די קריטיקער האָט געשריבן:

ש. ניגער. דער „טאָג", מערץ 19 — 1940:

נח גאָלדבערגס דערציילונג „אין דאָרף" המשך ג׳ 3, איז אַ מערקווירדיק, שטאַרקע דערציילונג. זי איז אַ שילדערונג וועגן דעם לעבן און קאַמף פון אַ „ייִדישן ביקל, מיט דעם „זאַגראַניטשנעם" בוהיי. קאָנטיק, אַז דער יונגער נח גאָלדבערג האָט אַ גאָל־דענע פען אין דער האַנט.

ד״ר א. מוקדוני. „דער מאָרגן זשורנאַל", אַפּריל 11 — 1940:

לאָמיר באַגעגענען מיט אַ וואַרעמען ברוך־הבא דעם יונגן און קרעפטיקן דער־ציילער נח גאָלדבערג.

הלל ראָגאָף. „פאָרווערטס", ניו־יאָרק, יוני 6 — 1943:

נח גאָלדבערגס בוך דערציילונגען „פּשוטע מענטשן" איז אינטערעסאַנט צום לייענען.

משה וויטעס. „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", מערץ 26 — 1943:

נח גאָלדבערגס דערציילונגען פון דער „אַלטער היים", וואָס געפינען זיך אין זיין נייַ דערשינענעם בוך „פּשוטע מענטשן" באַווייזן, אַז דער מחבר איז ממש אַ געבוירענער טאַלאַנט. ער קען זייער גוט מאָלן די נאַטור, פערד, בהמות, הינט, הינער און אַלץ כמעט וואָס אויף אונדזער ערד געפינט זיך.

ש. ניגער. „פּשוטע מענטשן און שוין גאָרנישט קיין פּשוטע איבערלעבונגען", דער טאָג", מערץ 28 — 1943:

נח גאָלדבערגס העלדן אין זיינע דערציילונגען זענען ליכטיקע און ליבהאַרציקע ייִדן. אָרנטלעכע, פּשוטע, אָבער נישט קיין פּראָסטע. אַדרבא, זיי זענען דורכויס האָ־רעפּאַשנע, וואָס האָבן ליב די ערד אויף וועלכע זיי לעבן. אַ סך פון די דאָזיקע דער־ציילונגען זענען נייע דערציילונגען אין אונדזער ליטעראַטור און עס וואָלט גוט גע־ווען ווען מען איבערזעצט זיי אויף אַנדערע לשונות אויך.

ד״ר א. מוקדוני. „מאָרגן זשורנאַל״ ניו־יאָרק, מערץ 27 — 1943:

נח גאָלדבערג רופט אַרויס גוטסקייט און יומטובדיקייט ביי זיינע שבתדיקע יידן. נישט נאָר מענטשן, נאָר ער מאָלט זייער דין און בונט די בעלי־חיה. הפּנים, אַז נח גאָלדבערגן אַרט נישט ווי אַזוי די יידן זענען. נאָר ער באַווייזט אונדז ווי אַזוי זיי האָבן געדאַרפט זיין און דאָס איז אמתער קונסט.

ש. ניגער. דער „טאָג״, אַפּריל 11 — 1942.

נייע דערציילונגען, נייע לידער. מען קאָן נישט אַנדערש קוקן אויף נח גאָלדבערגס באַגאַבטן טאַלאַנט, ווי אויף איינעם וואָס האָט אַזאַ גבורה אין זיין מאָלן, ווי אויף אַ פּאָעט, וואָס האָט אונדז געבראַכט נייע לידער.

נ. ב. מינקאָוו. „צוקונפט״, ניו־יאָרק דעצעמבער 1954.

נח גאָלדבערג איז אַ אימאַזשיניסט און אַ קרעפטיקער רעאַליסט. זיינע אַלע דער־ציילונגען מיט זיין נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף״, זענען מער געמאָלן, ווי געשילדערט. ער האָט אַ פיינעם פּענדזל אין דער האַנט.

קלמן מרמר. ניו־יאָרק „מאָרגן פרייהייט״, אַפּריל 9 — 1944.

נח גאָלדבערג זאַמלונג דערציילונגען „פּשוטע מענטשן״, זענען סאָציאַלע. פונעם לעבן פון דעם אַרבעטזאַמען מענטשן. דערצו פּאַרמאָגט ער אַ גרויסע נייגונג צו מאָלן שטוב־חיות. אין דעם פּרט איז ער דער דריטער דערציילער אין דער יידישער ליטעראַטור און מיר מעגן זיין שטאָלץ מיט זיין שאַפן.

שלום שטערן. „יידישע קולטור״, ניו־יאָרק מאַי 1950:

נח גאָלדבערגס דערציילונגען זענען מייסטער־ווערק. מיט איינצלנע שטריכן קאָן ער מאָלן מיט די דינסטע פאַרבן סיי מענטשן, סיי די סביבה און אויך די לעבעדיקע באַשעפענישן אומעטום קאָן מען זייער גרינג באַמערקן די מייסטערישע האַנט פון דעם יונגן מחבר.

ש. טענענבוים. „פּראָלעטאַרישער געדאַנק״, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 15 — 1945:

איך האָב שוין זייער לאַנג נישט אָנגעטראָפן אַזעלכע גוטע דערציילונגען, ווי איצט ביי דעם יונגן, אָבער נאַטירלעכן, מערקווירדיק־קרעפטיקן טאַלאַנט נח גאָלד־בערג.

י. ב. גאָטליב. „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאַל, מאַי 12 — 1943:

מיט זיין בוך דערציילונגען „פּשוטע מענטשן״, האָט די יידישע ליטעראַטור צו־געקראָגן אַ נייעם כוח, וואָס קאָן האַלטן אַ פּען אין דער האַנט. עס זענען אַזעלכע מאָלערישע בילדער, אַז נח גאָלדבערג איז ביי אונדז אַ נייער גאָרקי. מיט אַ טשעכאָוון אינאיינעם. עס איז צו שטוינען, מיט וויפל טאַלאַנט ער מאָלט איין סצענע נאָך דער אַנדערער.

וועגן נח גאָלדבערגס נאָוועלע פונעם פאַרמער־לעבן אין אַמעריקע

ש. ניגער. דער „טאָג״, ניו־יאָרק, מערץ 28 און נאָוועמבער 21 — 1949:

נח גאָלדבערג באַווייזט אונדז, אַז דורך שווערע מי ווערט אָפּגעשאַפט די מחיצה צווישן דעם יידן און צווישן דעם קריסט. די נאָוועלע, וואָס דער מחבר האָט אַזוי איידל געמאַכט דעם יידישן פאַרמער־לעבן אויף די סטעפּעס פון מאָנטאַנאַ איז אַזוי

איבערראַשנדיק, אַז מען קאָן זאָגן, אַז אין פּרט פון מאָלן גייט ער אין די פוסטריט פון שלום אַש. מען האָט נאָך זייער ווינציק געשריבן ביי אונדז וועגן אַמעריקע אַזוי ווי דאָס האָט איצט געטאָן דער קרעפּטיקער דערציילער און נאָוועליסט נח גאָלדבערג „אַ ליכט גייט אויף״ פאַרמאָגט אין זיך די גרויסקייט פון אַברהם רייזין און די וועלט־לעכקייט פון אַ י. ל. פּרץ.

ד״ר א. מוקדוני. ניו־יאָרק מערץ 27 — 1949:

נח גאָלדבערג האָט מיט זיין פּרעכטיקער נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף״ צוגע־טראָגן צו אונדזער יידישער ליטעראַטור אַ ביז גאָר רייכע און טייערע מתנה. כאַטש גרשון פרידמאַן לעבט אין אַמעריקע, איז ער אָבער דער זעלביקער שיינער און שבת־דיקער ייד, ווי אַלע אַנדערע שבתדיקע יידן וואָס נח גאָלדבערג האָט פאַר אונדז פאַר־געשטעלט אין די דערציילונגען פון דער „אַלטער היים״.

דוד איגנאַטאָוו. אין זיין פאָררעדע צו נח גאָלדבערגס נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף״:

„גרשונס שטייגער איז נישט צו טרייבן זיינע פערד. פערד האָבן אַליין ליב צו טאָן זייער אַרבעט. איז אויב זיי ווילן גיין פּאַמעלעך — זאָלן זיי! פּאַרנדיק אויפן וועג זעט גרשון וויפל עס איז דאָ צעשפּרייט און פונאַנדערגעגאָסן איבער דער גרוי־סער „פּריירי״! ליכט באָדט זיך דאָ אין ליכט. די „פּריירי״ האָט ליב דעם מענטשן און זי צאָלט אים אָפּ ווי אַ געטרייע מאַמע פאַר אַלץ וואָס ער טוט, פאַר אַלץ וואָס דער פאַרמער גיט איר״.

דער לעבעדיקער. אויגוסט 17 — 1948 „אויפן ליטעראַרישן יאַריד״, ניו־יאָרק „מאָרגן זשורנאַל״:

ביי אונדז אין דער ליטעראַטור זענען פאַראַן אַ פּאָר גאָלדבערגס, אַלע זענען זיי געראָטענע און מיר דוכט, אַז נח גאָלדבערג איז דער גרעסטער ווען עס קומט צו דער דערציילונג און צו דער נאָוועלע. איז לאָמיר אים דאָ זאָגן אַ האַרציקן שלום־עליכם!

דער לעבעדיקער. „טאָג־מאָרגן זשורנאַל״, ניו־יאָרק אָקטאָבער 12 — 1948:

איך וואָלט אייך געראָטן, אַז אויב איר ווילט הנאה האָבן פון אַ גוטער שטיקל פּראָזע, זאָלט איר נישט פאַרפעלן צו לייענען נח גאָלדבערגס דערציילונגען און אי־בערהויפּט זיין פּרעכטיקע נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף״. נישקשה, איר וועט מיר דאַנקען דערפאַר.

יעקב באָטאָשאַנסקי. בוענאָס איירעס, „די פּרעסע״ יוני 26 — 1949:

נח גאָלדבערגס מאָלן ווי אַזוי דער נעגער טאָם זיצט ביים סדר און קוקט זיך צו צום יידישן יום־טוב, איז אַ שיר־השירים־געזאַנג. ווען ביי נח גאָלדבערגן אין דער נאָוועלע איז אַ שניי מיט אַ פראָסט, פילט איר די קעלט. ווען עס איז וואַרעם — פילט איר די וואַרעמקייט. ווען עס איז טרויעריק, פילט איר דעם טרויער און עס ווילט זיך אייך צו וויינען און ווען עס איז פריילעך — ווילט זיך אייך צו לאַכן. דער אופן ווי אַזוי גאָלדבערג מאָלט די לויה פונעם נעגער איז אַן עקזאָטיש בילד פון אויסער־געוויינטלעכער מייסטערישער קונסט. ער איז אַ ווירטואָז אין זיינע באַשרייבונגען וועגן דער נאַטור, מענטש און חיה.

(באַשעוויס) יצחק וואַרשאַווסקי. „פאָרווערטס“, ניו־יאָרק דעצ׳ 25 — 1949:

נח גאָלדבערגן קאָן מען גלויבן אויפן וואָרט. פון דעם אופן ווי ער מאָלט און באַשרייבט די נאַטור, די פילע מענטשן און די לעבעדיקע חיות, קאָן מען זען אַז ער ווייסט וואָס ער טוט. ער ווייסט ווי צו בויען אַ שטיבל, ווי צו גראָבן אַ ברונעם, ווי אַ בהמה קעלבט זיך, ווי צו אַקערן, פאַרזייען און דערנאָך ווי אַראָפּצונעמען דעם געוועטעניש פון די פעלדער. דער לייענער קריגט צו אים צוטרויען.

יעקב גלאַטשטיין. נח גאָלדבערגס „אַ ליכט גייט אויף“, „אידישער קעמפער“, ניו־יאָרק סעפּטעמבער 22 — 1950:

נח גאָלדבערג האָט אַזוי פיל טאַלאַנט, אַז ער פאַרמאַטערט קיין מאָל נישט דעם לייענער. ווען מען וואָלט מיך געפרעגט, וואָלט איך מיטן גאַנצן האַרצן רעקאָמענדירט, אַז מען זאָל נח גאָלדבערגס נאָוועלע אַריינעמען אין כרעסטאָמאַטיעס נישט נאָר פאַר שילער אין די מיטעלע־ און הויכשולן, נאָר אויך פאַר דערוואַקסענע לייענער. זיינע פּאָטרעטן אין דער נאָוועלע זענען פון אויסערגעוויינטלעכער מאָלעריי אין דער יידישער ליטעראַטור.

א. גלאַנץ־לעיעלעס. דער „טאָג“ אָקטאָבער 8 — 1949:

נח גאָלדבערגס נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף“ איז אַ נייע דערשיינונג אין אונדזער ליטעראַטור, פון דעם יידישן אַמעריקאַנעם פאַרמער־לעבן. עס איז באמת מערקווירדיק צו לייענען ווי אַזוי נח גאָלדבערג האָט באַשריבן ווי זיין העלד, גרשון פרידמאַן בויט זיך אַ שטיבל און אַפילו שטיקלעך מעבל. אָבער נאָך אינטערעסאַנטער איז ווי אַזוי דער געוועזענער שטאָטישער אַפּרייטאָר און איצטיקער פאַרמער קאָן די גאַנצע מלכה פון פאַרמעריי. ער ווייסט אַפילו וואָס צו טאָן ווען אַ קו קאָן זיך נישט אָפּקעלבן און ווי דער פערד־שלאַנג פאַרניכטעט זיין שונא דעם גיפטיקן קלאַפּער־שלאַנג. נאָך אַ גרעסערע הנאה האָב איך געהאַט ביים לייענען ווי אַזוי גרשון רעדט צו זיינע פערד אויף יידיש און זיי זענען נעבעך אַזעלכע פערד וואָס פאַרשטייען בלויז די ענגלישע שפּראַך.

מאַטעס דייטש. פּילגרימישע דאַנקבאַרקייט, „אַ ליכט גייט אויף“ פון נח גאָלדבערג. דער „בעכער“, לאָס אַנדזשעלעס אַפּריל 1949. זז׳ 55־56:

נח גאָלדבערגס פּערלדיקע נאָוועלע, וואָלט זיכער געדאַרפט איבערגעזעצט ווערן אין דער ענגלישער שפּראַך, וואָלטן די אַמעריקאַנער אַנטיסעמיטן דערזען מיט וואָס פאַר אַ ליבע און פרייד אַ יידישער פאַרמער באַאַרבעט זיין באָדן. פון דער נאָוועלע האָט מען אויך זייער גרינג געקאָנט מאַכן אַ דראַמאַטישע „מוווי“.

י. י. סיגאַל. „קענעדער אָדלער“, אַפּריל 19 — 1948:

ס'איז גוט צו מאַכן אַ נסיעה אויף די וועגן, פעלדער, וועלדער, פּרייריס, בערג און טייכן אין נח גאָלדבערגס נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף“. צו באַקענען זיך אַזוי אַרום מיט אַ נייעם שטייגער לעבן אין אַמעריקע. צום סוף מוז דאָ געזאָגט ווערן, אַז עס האָט זיך געלוינט צו מאַכן די אַבסאָלוט פאַרכאַפּנדיקע און אינטערעסאַנטע יאַזדע.

אברהם רייזען. „די פעדער“, ניו־יאָרק 1949, ז׳ 220:

סיי אין זיין בוך דערציילונגען „פּשוטע מענטשן“ און אַוודאי אין זיין באַרימטער נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף“ באַווייזט נח גאָלדבערג זיין קרעפטיקן טאַלאַנט צו

שילדערן דאָס רויִע לעבן פון די שטוב־חיות, וועלכע ער מאָלט מיט אַ מייסטערישער האַנט.

דניאל טשאַרני. „פרייע אַרבעטער שטימע", אויגוסט 18 — 1949 און „פּראָלע־טאַרישער געדאַנק", ניו־יאָרק אָקטאָבער 6 — 1949:

מיר זענען אַלע מאָל געוווינט געווען הנאה צו האָבן פון נח גאָלדבערגס קורצע דערציילונגען. אָבער איצט האָט ער אונדז אונטערגעטראָגן אַ נאָוועלע, וואָס ער האָט מיט אַ שטאַרקער האַנט געמאָלן, אויף דער ברייטער קאַנווע פון דער אַמעריקאַנער „פּריירי" און דערמיט האָט ער אונדז געמאַכט אַ גרויסן סופּריז.

ז. ווייַנפּער. „יִדישע קולטור" מאַי 1953, ז' 54־55:

איך בין שוין פון לאַנג שולדיק געווען אַ גרויסן חוב דעם געניאַלן דערציילער און נאָוועליסט נח גאָלדבערגן. איצט האָף איך מיט מיינע מיטלען צו באַצאָלן אים פּאַר די פילע יאָרן פון גרויס־מייסטערשאַפט סיי אין זיינע דערציילונגען און געוויס מיט זיין נאָוועלע „אַ ליכט גייט אויף", וואָס לייענט זיך, ניין, עס זינגט ביי אים ווי אַ שיר־השירים־געזאַנג.

וועגן נח גאָלדבערגס בוך דערציילונגען „אויף צעוואָרפענע וועגן"

ד"ר א. מוקדוני. „די גאָלדענע קייט", תל־אביב. נומער 31, זז' 186—190:

נח גאָלדבערג איז אַ שטילער שרייבער, ער איז נישט מרעיש־עולם, ער יאָגט זיך נישט נאָך גרויסע, פאַרפּלאָנטערטע טעמעס און זיינע מענטשן זענען שטילע ווי אין זאַקן אין אונדזער טומלדיקער וועלט. און ליב און טייער ווערן אייך זיינע מענטשן. אַפילו די גראָבע און ציניש ווערן אייך אויך ליב, ווייל זיי זענען אַי עכט אַי טשע־קאָווע. מיט דעם בוך האָט נח גאָלדבערג געשטעלט מצבות אויף די אַמאָליקע גוטע און פרומע יִדישע מענטשעלעך אין אַמעריקע און אייראָפּע.

יעקב זינגער:

„דער פּאַטאָס פון שווייגער". וועגן נח גאָלדבערגס בוך „אויף צעוואָרפענע וועגן". ז. קולטור און דערציִונג. ניו־יאָרק, פעברואַר 1959, ז' 15—17.

יוד לאַמעד:

נח גאָלדבערג: „אויף צעוואָרפענע וועגן", קאַליפאָרניע, יום־טוב־בלעטער. לאָס אַנדזשעלעס, דעצ' 7 1958, ז' 7.

וו. נאַטאַנסאָן טאָפּל־נומער „חשבון" אָקטאָבער 15־16 — 1958:

„אויף צעוואָרפענע וועגן" איז אַ זאַמלונג דערציילונגען ווי דער נאָמען פון בוך דייטעט אָן, זענען זיי צעוואָרפענע: זיי נעמען אַרום פאַרשיידענע זאַכן, פאַרשיידענע געשטאַלטן, געשעענישן און איבערלעבונגען. דער מחבר מאָלט פּאַר אונדז יִדן און גויִים אין דער אַלטער היים, אין ווייסרוסלאַנד און אין אַמעריקע, מענער און פרויען און קינדער, ווי אויך חיות; דאָס לעבן פון פיש און פייגל.

אַלע דערציילונגען צייכענען זיך אויס דער עיקר מיט צוויי שטריכן פון דעם מחברס שעפערישקייט. דער ערשטער שטריך איז די קרעפטיקייט פון זיין באַשריי־בונג־טאַלאַנט.

דער צווייטער שטריך וואָס כאַראַקטעריזירט גאָלדבערגס דערציילערישן טאַלאַנט

איז טיפער רעאַליזם, וואָס צוליב זיין טיפקייט שלאָגט ער אָפּט אָן אין איבעררעאַליזם. דאָס מאַכט מעגלעך אַז דורך דעם פּרט וועגן וועלכן עס דערציילט זיך מיט פּאַר־כּאַפּנדיקע איינצלהייטן זאָל זיך אָפּשפּיגלען פאַרן לייענער דער כּלל. דער פּרט וואָס סימבאָליזירט דעם כּלל.

שלמה סלוצקי:

זע אַברהם רייזין ביבליאָגראַפיע, ניו־יאָרק 1956, נומער 5309, 5310.

חיים פּעט:

וועגן נח גאָלדבערגן, „קולטור און דערציִונג", ניו־יאָרק, אָקטאָבער 1956.

פּיניע כּץ

„אויף צעוואָרפענע וועגן" פון נח גאָלדבערג, „די פּרעסע", אויגוסט 13 1958.

פּערלשלייסער ע.:

„אַ יידישער פאַרמער אין מאָנטאַנאַ" און „אויף צעוואָרפענע וועגן". פּרייז־אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק יאַנואַר 6 1950 און אַפּריל 11 1958, אויך זע זיין בוך עסייען „אויף שרייבערישע שליאַכן", ניו־יאָרק 1958, ז' 203:

אין נח גאָלדבערגס קורצע דערציילונגען, דאַרף מען זאָגן, איז פאַראַן אַ סך דער־ציילערישע עכטקייט און שילדערונג; קראַפט און שטאַרקע פילעוודיקייט פאַרן פּיזישן, מגושמדיקן, ערדישן. ער האַלט זיך נישט פאַרמויערט אין די בלאַטיקע, פאַרעפּוש־דיקע געסלעך פונעם קלייגעם שטעטל. ער איז אַוועק פונעם שטעטל צו די פעלדער און פּויערישע כאַטקעס און דעם אַלעמען, וואָס לעבט און וואַקסט און האָט אָן אָנ־שפּאַר אין דער ערד.

נח גאָלדבערגן איז נאָענט דאָס לעבן פון דער ערד (ער זעט אויס ווי אַ דאַרפס־מענטש); זיינע נאַטור־בילדער און שילדערונגען האָבן אין זיך עכטקייט און אמת־דיקייט.

ד"ר דוד רעבעלסקי:

לייענענדיק די ביז איצט דערשינענע נומערן „חשבון", אָקטאָבער 1959, ז' 4.

ד"ר דוד רעבעלסקי. נח גאָלדבערגס וועגן אין דער יידישער ליטעראַטור. אונ־דזער וועג, שיקאַגאָ אַפּריל 1959, ז' 220:

איך האָב ערשט פאַרענדיקט לייענען נח גאָלדבערגס אַלע דריי ביכער. דעם אמת געזאָגט, אַז איך האָב ממש געשלונגען איין בלעטל נאָכן אַנדערן און מיט יעדן בלעטל איז דער גרויסער וווּנדער פון נח גאָלדבערגס שאַפן געשטיגן אַלץ העכער און העכער און איך האָב פּשוט געזשאַלעוועט צו פאַרמאַכן דעם לעצטן טאָוול און אַוועק־לייגן דעם לעצטן בוך. אָט אַזאַ אומגעהויערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט די ווערט פון דעם גרויסן קינסטלער. יעדע בילד; יעדע סצענע און איטלעכע האַנדלונג און די דראַמאַטישע פינאַלן — האָבן זיך אַזוי אריינגעקריצט אין מיין זכרון, אַז איך ווייס נישט צי זיי וועלן ווען עס איז אַרויס פון דאָרט. אַגב, וואָלט איך גאָר־נישט געוואָלט אַז זייער אַראָמאַט זאָל זיך חלילה אויסשעפּן פון מיין האַרצן און מיין געמיט און איך שטעל זיך פאָר, אַז ווען נח גאָלדבערג וואָלט מער נישט געשריבן ווי אָט די דריי ווערק, וואָלט ער אַלץ איינס פאַרבליבן אין דער יידישער ליטעראַטור ווי דער בעסטער דערציילער און נאָוועליסט.

מלך ראַוויטש: אַ סענטימענטאַלער דערציילער. קענעדער אַדלער, מאָנטרעאַל אויגוסט 25 1958. פרייע אַרבעטער שטימע, ניו־יאָרק דעצעמבער 15 1958:

איך האָב פון אָנהייב אָן געזאָגט, אַז נח גאָלדבערג איז אַ סענטימענטאַלער דערציילער, איז דאָס נישט געמיינט לגנאי נאָר לשבח און איבערהויפּט ווען איך האָב ערשט איבערגעלייענט נח גאָלדבערגס נייעם בוך דערציילונגען „אויף צעוואָרפענע וועגן פון וועלכע איך האָב געהאַט אַ טיפן פאַרגעניגן.

ל. ראזאף:

„חשבון״ 22—23 און „זיין״ נומער 25. ניו־יאָרק נאָוועמבער 1960.

אליהו שולמאַן:

אַ נייער באַנד לעקסיקאָן, „אונדזער צייט״, ניו־יאָרק דעצעמבער 1958, ז׳ 40.

פערלמוטער:

„חשבון״ נומער 14. וועגן נח גאָלדבערג, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

וועגן נח גאָלדבערג אין לעקסיקאָנען

לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, צווייטער באַנד, שפּאַלטן 55—56.

„ווהו איז ווהו״ אין די וואָרלד דזשוּדי גאָלד־בוק — דער גאָלדענער בוך „ווער איז ווער״ אין דער דער יידישער וועלט; ניו־יאָרק 1956.

וועגן נח גאָלדבערגן אין פרעמדע שפּראַכן

פּראָפעסאָר סאָול ליפּצין (אין ענגליש)

די אַלטע וועלט און די נייע, נח גאָלדבערג „אויף צעוואָרפענע וועגן״. אין דעם יידישן ביכער־לאַנד, ניו־יאָרק אָקטאָבער 1958, ז׳ 7.

ד״ר א. א. ראָבאַק

די געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור. יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט „ייוואָ״, ניו־יאָרק 1940, ז׳ 375.

ביז איצט דערשינענע ווערק פון נח גאָלדבערג:

פשוטע מענטשן — אַ זאַמלונג דערציילונגען. אַרויסגעגעבן געוואָרן פון דעם יידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד מיט אַ גרופּע פריינד אין לאָס אַנדזשעלעס, 192 זייטן. אינעם יאָר 1942.

אַ ליכט גייט אויף — נאָוועלע וועגן דעם אַמעריקאַנער פאַרמער־לעבן. 240 זייטן. אַרויסגעגעבן דורך דעם נח גאָלדבערג בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס, מיט דעם פאַרלאַג „יידבוך" אין בוענאָס איירעס 1958. 250 זייטן.

ווילדגראָז — נאָוועלע וועגן דעם לעבן פון די אַרגענטינישן פּעאָנען (פּויערים) אַרויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון דעם וויניעצקי ליטעראַטור־פאָנד ביים פּ־ע־ן קלוב אין ניו־יאָרק און שרייבערס מיט פריינד און דעם פאַרלאַג „יידבוך", בוענאָס איירעס 1964 — 432 זייטן.

אין פאַרלאַג „יידבוך" זענען ביז איצט דערשינען:

1) י. ל. פּרץ — דריי חסידישע דערציילונגען

2) ח. ש. קאַזדאַן — מעטאָדיק פון יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (אויספאַרקויפט)

3) י. י. טרונק — כעלמער חכמים (אויספאַרקויפט)

4) שלמה סיימאָן — אַמאַליקע יידן (אויספאַרקויפט)

5) פּראָפ׳ ליבמאַן הערש — אויף דער גרענעץ פון צייטן

6) יצחק פּערלאָוו — אין אייגענעם לאַנד (אויספאַרקויפט)

7) י. י. טרונק — דער פריילעכסטער ייד אין דער וועלט (אויספאַרקויפט)

8) ש. סיימאָן — תוך יידישקייט

9) נ. ב. מינקאָוו — זעקס יידישע קריטיקער
(פּרעמירט דורך דעם ל. בימקאָ־פאָנד)

10) אַברהם זאַק — אין אומרו פון יאָרן
(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

11) יוסף רייך — וואַלד אין פלאַמען

12) מ. וו. בערנשטיין — אין לאַבירינטן פון תקופות (אויספאַרקויפט)

13) לעאָן קאָברין — מיינע 50 יאָר אין אַמעריקע

14) יצחק פּערלאָוו — דזשעבעליאַ (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

15) ברוך ריווקין — ה. לייוויק — זיינע לידער און דראַמאַטישע ווערק

16) מלכה לי — דורך קינדערשע אויגן (אויספאַרקויפט)

17) יעקב פּאַט — די לערערין אסתר (אויספאַרקויפט)

18) שלמה סיימאָן — וואָרצלען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורך דעם מ. סטאָליאַר־פאָנד)

19) מנחם באָריישאָ — עסייען (אויספאַרקויפט)

20) משה דלוזשנאָווסקי — דערציילונגען און דראַמען

21) לעאָן בערנשטיין — ערשטע שפּראָצונגען (אויספאַרקויפט)
(פּרעמירט דורך דער ז. גושיוואַטש־פּרעמיע)

22) משה אייזענבוד — געלעבט הינטער קראַטן (אויספאַרקויפט)

23) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — ייִדישער אומקום אין פראַנקרייך

24) דוד איגנאַטאָוו — אָפּגעריסענע בלעטער

25) חיים גוטמאַן (דער לעבעדיקער) — פּאַמפּאַדור

26) נח גאָלדבערג — אויף צעוואָרפענע וועגן

27) י. ה. פישמאַן — פריִער און שפּעטער

28) ל. לאָסאָווין — אַ חתונה אויפן באַרג לבנון

29) משה דלוזשנאָווסקי — ווי אַ בוים אין פעלד (ראָמאַן) (אויספאַרקויפט)

30) ב. שעפנער — אַ בליק אויף ישראל און אויף דער וועלט

31) פּ. מינץ (אַלעקסאַנדער) — לאָדזש אין מיין זכרון

33-32 אברהם זאַק — אויף שליאַכן פון הפקר (צוויי טיילן)
(פּרעמירט דורך דעם לואיס־ לאַמעד־פאָנד)

34) סטעפאַן צווייג — די וועלט פון נעכטן (אויספאַרקויפט)

35) וויליאַם נאַטאַנסאָן — קולטור קוואַלן

36) ב. ריווקין — ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע

37) יצחק פּערלאָוו — קלאַרא אינגבער

39-38) שמואל איזבאַן — די קעניגין איזבל (2 בענד)

40) שלמה סיימאָן — צווייגן

41) מ. אַקערמאַן — פאַרלאָשענע שטערן (אויספאַרקויפט)

42) מרדכי וו. בערנשטיין — דאָס איז געווען נוסח אַשכנז

43) שלמה ראָזענבערג — די כוזרים

44) אַנטאָלאָגיע פון דער וועלט־ליטעראַטור
(איבערגעזעצט און צוזאַמענגעשטעלט פון י. איסאַקסאָן)

45) י. י. טרונק — משיח־געוויטער (אַרויסגעגעצן צוזאַמען מיט דעם „ציקאָ"־פאַרלאַג)

46) יוסף ראָלניק־בוך (אויספאַרקויפט)

47) אברהם ווייץ — די לעצטע געטאָ

48) ק. כצנלסון — דער קריזיס פון מאָדערנעם העברעיִש
(אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט דעם „ציקאָ"־פאַרלאַג)

49) גריגאָרי אַראָנסאָן — רוסיש־ייִדישע אינטעליגענץ

50) שלמה סיימאָן — אויף אייגענע דרכים

51) ח. ש. קאַזדאַן — מענטשן פון גייסט און מוט
52) משה דלוזשנאָווסקי — ווינט־מילן
53) ישעיה טרונק — שטודיעס אין יידישער געשיכטע אין פוילן
54) נח גאָלדבערג — ווילדגראָז

אין גיכן דערשיינט:

פ. וואַלד — געשטאַלטן פון יידישן וועלט־פאָלק

וועגן אַלע ענינים פון פאַרלאַג זיך ווענדן:
EDITORIAL "IDBUJ"
BOULOGNE SUR MER 671 — T. E. 87-9566 — BUENOS AIRES

Impreso en la Argentina
Printed in Argentina
Copyright by:
NOAH GOLDBERG
431 So. Cloverdale Ave.
Los Angeles 36, California
1964

Hecho el depósito que marca la Ley.
Industria Argentina

Este libro se terminó de imprimir el 20 de noviembre de 1963, en los Talleres Gráficos "Zlotopioro Hermanos", San Luis 3149, Bs. Aires - Rep. Argentina.

NOAH GOLDBERG

HIERBAS SALVAJES

(WILDGROS)

NOVELA

★

"IDBUJ"
BUENOS AIRES
1964

NOAH GOLDBERG

WILD-GRASS

NOVEL

★

Editorial
"IDBUJ"
de la Asociación Pro-Escuelas Laicas Israelitas en la Argentina
BUENOS AIRES — 1964

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
19	9	איך ער	איז ער
22	9	דיינע, מוסקולירטע	דינע, מוסקולירטע פיס
27	13	אונטער די נעפל	אונטער די נעגל
31	13	וועלן זיך	וועלן זיך פילן
34	7	טאָג	טאָל
34	33	געבויגענע עקפּ	געבויגענע קעפּ
35	29	פּערזאָנען	פּעאָנען
42	15	געקריוודעט	געקריוודעטע
48	25	ביזן אויף	ביז אויף
55	27	אויסגעפּאַרענע קאַלייקע	אויסגעפּאַרענע קאַלייע
57	15	— — — —	פון צווישן די פּאַרזאַמלטע
		— — — —	האָבן זיך אויסגעשיילט
60	33	פון פלייש	מיט פלייש
64	26	אין וועג	איין וועג
68	28	אַ ווייסע פּיאַנע	אַ ווייסע פּיענע
85	30	האָבן זי	האָבן זיך
86	2	אָפּגעווישט זיך	אָפּגעוואַשן זיך
91	32	וואָס מיינסט	וואָס מיינסטו
110	14	אַנטלאָפן געוואָרן	אַנטשלאָפן געוואָרן
127	3	אָפּגעטונקט	איינגעטונקט
129	4	פּאַרקלעמט	פּאַרקלעמטע
130	1	בלויז־זלידנע	בלויע־זלידנע
134	30	הארצלאָזן פּנים	האָרלאָזן פּנים
130	12	אין דעם עק	אין דעם העק
139	28	די לאַנגע הענט	די לאַנגע העמד
152	25	וועלגן מיר	וועלן מיר
153	27	פּאַרזאַמלטע עולם	פּאַרזאַמלטער עולם
153	30	גרויסשטאָטישע עולם	גרויסשטאָטישער עולם
156	37	כוליטאָ	ראַפּאַעל
159	35	אויגעכאַפּט	אויפגעכאַפּט
161	36	צוריק אויף	צוריק אַרויף
166	25	דאָס שטיצל	דאָס שטיקל
172	16	אבען מוז	אָבער מען מוז
173	3	אויבנאויפריכטיקער	אויבנאויפיקער
173	34	אייזערנעם געלעגער	הייענעם געלעגער
180	21	זיך זיך	פון זיך
188	3	אויסטריקענען	אויסרינען
218	21	יט אַזוי	מיט אַזוי
235	20	א מאהאנענעם	א מאהאגענעם
235	29	גערעדש	גערעדט

באַמערקטע דרוק־פעלערן

זייט	שורה	אַנשטאָט	דאַרף זיין
237	26	אויף אויף	אַרויף אויף
246	18	אַריינגעגנען	אַריינגנבעגען
246	21	ראַפּאַעל	כוליטאַ
247	21	באַרימטן	באַרימטע
247	34	זאָג איין	זאָג אייך
256	32	נאקעטע פּיס	געטאָקטע פּיס
257	26	און וועו מאַמען	און וועגן מיין מאַמען
258	29	צעשטאַלטע	צעשטראַלטע
266	30	איז דיי	איז זיי
267	21	די יונגער	די יונגען
300	30	וועדר	פערד
323	35	דערציי	דערביי
359	23	פריינט	פיינט
377	23	דאפישע	דאַרפישע
379	9	רייכע בארן	רייפע באַרן
385	24	ער איז	ער איר
389	36	סאמע שטארבן	סאַמע שאַרבן

אין די אויסגעוויזענע ביכער פון נח גאָלדבערג דאַרף אויך זיין:

א ליכט גייט אויף — נאָוועלע וועגן דעם אַמעריקאַנער פאַרמער־לעבן, 240 זייטן. אַרויסגעגעבן פון דעם דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד. ניו־יאָרק 1948.

אויף צעוואָרפענע וועגן — אַ בוך דערציילונגען. אַרויסגעגעבן דורך דעם נח גאָלדבערג בוך־קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס, מיט דעם פאַרלאַג „יידבוך" אין בוענאָס־איירעס 1958. 250 זייטן.